בשעת הבחירות לקונגרס הציוני ה־18, שהתקיימו בעיר ב־23 ביולי 1933, הצביעו 968 מתוך 1027 בעלי זכות בחירה. הרשימה מס' 1 („על המשמר") קיבלה 59 קולות; הרשימה מס' 2 („עת לבנות") — 5 קולות; הרשימה מס' 3 („מזרחי") — 132 קולות; הרשימה מס' 4 — 0 קולות; הרשימה מס' 5 (גוש ארץ ישראל העובדת) — 574 קולות; רשימת הרוויזיו־ניסטים — 251 קולות; הרשימה מס' 7 — 7 קולות (מתוך „פאָדליאַסיער לעבן", גליון 29/9, מיום 28.7.1933)

מ. י. פייגנבוים

תרגם מיידיש: א. ל. פ.

דער ספֿר

אין יאָר 1933 האָבן מיר, אַ גרופּע ביאַלער, אָנגעהויבן מאַכן באַמיאונגען וועגן אַרויסגעבן אַ פּנקס, וואָס זאָל געבן אַן אַלזייטיק בילד פֿון ביאַלער יידישן ישוב זינט זיין אויפֿקום. מיר האָבן געוואָלט אַריינבליקן אין עבר, פֿאַרגלייכן אים מיטן היינט, און אַרויסציען מסקנות אויף דער צוקונפֿט. די טאָג־טעגלעכע זאָרגן אין וועלכע יעדער פֿון אונדז איז דעמאָלט פֿאַרוועבט געווען, און דאָס פֿעלן פֿון פֿינאַנציעלע מיטלען פֿאַר דעם צוועק, האָבן צו נישט געמאַכט אונדזערע פּלענער.

און וואָס פֿאַר אַן איראָניע פֿון גורל: ווייט פֿון אונדזער געבוירן־שטאָט דער־שיינט איצט דער ספֿר וועגן וועלכן מ׳האָט געטרוימט אין יאָר 1933. נישטאָ שוין אָבער דער היינט צו פֿאַרגלייכן אים מיטן עבר און נישטאָ פֿאַר וועמען אַרויסצוציען מסקנות אויף דער צוקונפֿט. דער בלוטיקער מבול, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפֿן פּוילישן יידנטום, האָט אויך דערגרייכט אונדזער שטאָט. די דייטשע האָרדעס האָבן חרוב געמאַכט די יידישע ביאַלע און פֿאַרטיליקט די יידישע באַפֿעלקערונג. אָנשטאָט אַ בוך פֿון, און פֿאַר, אַ לעבעדיקן ישוב, איז דער ספֿר פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מצבה נאָך דער אויסגעקוילעטער ביאַלער יידישער עדה, וואָס אירע אומבאַקאַנטע קברים זענען צעשפּרייט כמעט איבער גאַנץ אייראָפּע. אָנשטאָט אַ סטימול צו אַן אַקטיווער און מער גייסטרייך יידיש לעבן, איז דער ספֿר אַ סיום פֿון אַ קאַפּיטל יידישער ביאַלע, וואָס האָט אָנגעהאַלטן הונדערטער יאָרן און וואָס האָט זיך אַזוי גרויזאַם טראַגיש פֿאַרענדיקט; אַ יזכור נאָך די אַלע, וואָס זענען אַזוי אכזריותדיק פֿאַרשניטן געוואָרן דורך די דייטשע רוצחים.

אונדזער ביאַלע האָט, ווי אַנדערע יידישע ישובים אין פּוילן, אַריינגעשמידט אַ רינג אין דער גאָלדענער קייט פֿון יידישן לעבן און שאַפֿן אויף דער פּוילישער ערד. אונדזער שטאָט האָט בייגעשטייערט איר באַשיידענעם חלק צו אַלע פּאָליטישע און געזעלשאַפֿטלעכע שטרעמונגען, וואָס האָבן באַרייכערט, פֿאַרשענערט און אַקטי־וויזירט דאָס יידישע לעבן אין פּוילן.

מיר זענען היפּשלעך פֿאַרטראָטן אין דער חסידישער באַוועגונג, וואָס האָט בשעתו אַריינגעבראַכט אַן אויפֿמונטערונג אין יידישן לעבן. ביאַלער לומדים זענען מפֿורסם געווען איבער גאַנץ פּוילן, און מ׳האָט זיך מיט זיי זייער שטאַרק גערעכנט.

דער געדאַנק פֿון שיבֿת־ציון האָט אין ביאַלע געהאַט געטרייע אָנהענגערס, וואָס זענען צוליב דעם אויסגעשטאַנען גענוג רדיפֿות. צווישן די בויערס פֿון ארץ־ישראל און אין דער חלוצישער באַוועגונג געפֿינט מען אונדזער אָנטייל.

אויפֿן מזבח פֿון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג האָט די יידישע ביאַלע מקריב געווען נישט איין קרבן. בעת דער צאַרישער הערשאַפֿט אין פּוילן האָט מען געקאָנט אָנטרעפֿן ביאַלער יידישע רעוואָלוציאָנערן, ווי פֿאַרשיקטע אין וויטן סיביר. אין פּוילן פֿון פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, זענען נישט ווייניק ביאַלער יוגנטלעכע געפּייניקט געוואָרן אין די תּפֿיסות פֿאַר זייערע רעוואָלוציאָנערע איבערצייגונגען.

אין דער געשיכטע פֿון פּוילישן יידנטום, אין דער תּקופֿה פֿון צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, האָט דאָס יידישע ביאַלע אַריינגעשריבן אַ רומפֿול בלעטל דורך איר בן־עיר אַדוואָקאַט אַפּאָלינאַרי האַרטגלאַס, באַקאַנט ווי אַ שטאָלצער נאַציאָנאַלער ייד, און ווי איינער פֿון די ווירדיקסטע רעפּרעזענטאַנטן פֿון פּוילישן יידנטום, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין אומדערמידלעכן מוטיקן קאַמף פֿאַר יידישער גלייכבאַ־רעכטיקונג אין פּוילן.

אין קאַמף מיט דער דייטשער טיראַניע, בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט נישט פאַרפעלט דער אַנטייל פון דער יידישער ביאַלע. אין דער ווידער־שטאַנד־באַוועגונג אין ביאַלע, אַרום ביאַלע און ווייט פון ביאַלע, זענען טעטיק געווען ביאַלער, פון וועלכע דער רוב איז אומגעקומען אין קאַמף מיטן דייטשן מאַנסטער.

נישט לייכט איז געווען די אַרבעט ביים אויפשטעלן אָט דעם ספר. די מאַטער־יאַלן וואָס זענען נויטיק געווען געפינען זיך ווייט פון אונדז און זענען נישט צוטריט־לעך געווען פאַר אונדז. דווקא די גאָר פריע תקופה פון ביאַלער יידישן ישוב איז געלונגען צו באַאַרבעטן אויפן יסוד פון אַרכיוו־מאַטעריאַלן, בעת דאָס יידישע לעבן אין די לעצטע דורות, איז רעקאָנסטרואירט געוואָרן אויפן גרונט פון גבית־עדות און פון זכרון.

אונדזער שטרעבונגען איז געווען אויפצושטעלן אַ מאָנאָגראַפיע פון יידישן לעבן אין ביאַלע. פאַרשטייט זיך, אַז דער ספר פּרעטענדירט נישט אויף פולער שלימות. מיר זענען אָבער איבערצייגט, אַז דאָס רוב, וואָס האָט זיך געלאָזט דערציילן וועגן אונדזער געבוירן־שטאָט, האָט געפונען אַן אָרט אין דער מאָנאָגראַפיע, און דאָס אויף אַן אָביעקטיוון אופן.

אין ספר געפינען זיך אַרבעטן, וואָס זענען אַרויסגענומען געוואָרן פון די ביאַלער וואָכנבלעטער. אין אַ טייל פון זיי זענען געמאַכט געוואָרן געוויסע קאָרעקטורן, כדי זיי צוצופּאַסן צו דער אַלגעמיינער ראַם פון ספר. געוויסע אַרבעטן גייען אַרויס פון די אָנגעצייכנטע ראַמען, אָבער מיר האָבן זיי נישט געקאָנט קירצן, ווייל זיי אַנטהאַלטן אַ סך פּרטים פון אַמאָליקן יידישן לעבן אין ביאַלע.

זאָלן דאָ דערמאָנט ווערן אונדזערע בני־עיר אלתר וויינבערג און אשר האָפּער ז״ל, וואָס נישט קוקנדיק אויף זייער עלטער און שוואַכן געזונט־מצב, זענען זיי נישט מיד געוואָרן צו זיצן, מיטן שרייבער פון די שורות, לאַנגע שעהן און מיט ליבשאַפט און פּיעטעט איבערגעגעבן וויכטיקע פּרטים וועגן דער יידישער ביאַלע. אַדאַנק דעם אויסגעצייכנטן זכרון פון אָט די צוויי בני־עיר, איז געלונגען צו רעקאָנס־טרואירן שטיקער געשיכטע, וואָס וואָלטן בלי־ספק געבליבן אין פאַרגעסנקייט.

אַ דאַנק זענען מיר שולדיק:

דעם היסטאָריקער ד״ר מיכאל הענדל (תל־אביב), וועלכער זייענדיק בשעתו גימנאַזיע־דירעקטאָר אין מעזריטש, האָט אָנגעזאַמלט אַ ווערטפול היסטאָריש מאַטער־יאַל וועגן די יידן אין ביאַלע, און דאָ, אין ישראל, האָט ער עס באַאַרבעט און געשטעלט אין אונדזער רשות.

דעם פאָרשער און שרייבער מאיר עדלבוים (ניו־יאָרק), אַן אָפּשטאַמיקער פון דער שכנותדיקער מעזריטש, פאַרן אינטערעסאַנטן קאַפּיטל „רבנים און רביים אין ביאַלע״.

די אַלע, וואָס האָבן זיך אָפּגערופן אויף אונדזער ווענדונג צו זיי און האָבן בייגעשטייערט מיט זייערע אָפּהאַנדלונגען פאַרן ספר; דעם הער משה צינאָוויטש (תל־אביב) פאַרן אָנווייזן געוויסע מקורים און די חברים פון דער קאָמיסיע, וואָס האָט געהאָלפן צוגרייטן דעם ספר צום דרוק.

חרוב איז געוואָרן אונדזער געבוירן־שטאָט ביאַלע, אָפּגעווישט איז געוואָרן אין שטאָט יעדער זכר, אַז ס׳האָט אַמאָל דאָרט פולסירט אַ יידיש לעבן. אונדזערע נאָענט־סטע זענען אומגעבראַכט געוואָרן אויף אַ גרויזאַמען אופן, און ס׳איז אונדז אפילו נישט געבליבן קיין קבר נאָך זיי, ביי וועלכן מיר וואָלטן געקאָנט שטיין בלייבן פאַרשטיינערט אין אונדזער אומענדלעכן טרויער און באַפייכטן די קבר־ערד מיט אַ טרער. חרוב איז געוואָרן אונדזער ביאַלע של מטה, לאָמיר זיך שאַפן אַ ביאַלע של מעלה און איבערגעבן פון דור צו דור איר שיינקייט און תמימותדיקייט.

מ. י. פייגנבוים

רמת־גן, אדר תשכ״א,
מרץ 1961.

ביאַלע

מ. י. פייגנבוים
רמת־גן

(אין אלגעמיינע שטריכן)

אויפן שאָסיי וואַרשע—מאָסקווע, אַ 40 ק״מ מערבדיק פון בריסק־דליטא, צעשפּרייט זיך די שטאָט ביאַלע־פּאָדלאַסקע, וועלכע מ׳קאָן דרייסט פאַררעכענען פאַר איינע פון די שענסטע שטעט אין קאָנגרעס־פּוילן. די שטאָט איז אורבאַניסטיש שיין געבויט און צייכנט זיך אויס מיט איר ציכטיקייט. דורך דער שטאָט לויפט דורך דער טייך קזשנא, זיין לויף הייבט זיך אָן ביי לוקאָוו־פּאָדלאַסקי און אין דער געגנט פון בריסק גיט ער איבער זיינע וואַסערן דעם טייך בוג. דער טייך קזשנא צעטיילט די שטאָט אין צוויי טיילן: לינקס געפינט זיך די שטאָט און רעכטס — די פאָרשטאָט מיטן נאָמען וואָליע. אויף דער וואָליע געפינט זיך די באַן־סטאַציע, פון וועלכער ס׳לויפן באַן־שינעס אין די ריכטונגען פון וואַרשע און בריסק.

אין קורצע שטריכן וועלן מיר דאָ אָנצייכענען די אַלגעמיינע געשיכטע פון אָט דער שטאָט.

דער גרינדער פון דער שטאָט איז געווען פּיאָטר יאַנאָוויטש ביאַלי, און די שטאָט טראָגט טאַקע דעם נאָמען פון איר גרינדער. פּיאָטר יאַנאָוויטש ביאַלי איז געווען טראָקער וואָיעוואָדע, ערשטער אַטאַמאַן פון גרויס־ליטע, אָליקער און ניעסוויעזשער פּריץ. ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1498. ס׳איז דעריבער אָנצונעמען, אַז די שטאָט איז געגרינדעט געוואָרןביים סוף פון 15טן יאָרהונדערט. אין 16טן יאָרהונדערט איז ביאַלע געווען דאָס אייגנטום פון די ליטווישע מאַגנאַטן איליניטש. אין יאָר 1568 קויפט אָפּ דעם ישוב דער פירשט ראַדזשיוויל שעראָטקאַ, און פון דאַנען נעמען זיך די צוגאָב־נעמען צו דער שטאָט, ווי: ראַדזשיווילישע ביאַלע, „אלבא דוקאַליס״ (אין לאַטייניש: פירשטלעכע ביאַלע).

אָט דער אַלטערטימלעכער ישוב איז, ווייזט אויס, געווען אַ פאַרטיידיקונגס־אָרט, וואָס עס איז צו זען פון די הויכע וואַלן און טיפע ראָוועס וואָס רינגלען אַרום דעם שלאָס. דער הויכער און שטאַרקער טורעם אין שלאָס שטייט נאָך ביז היינט. דעם שיינעם שלאָס האָט אויסגעבויט ראַדזשיוויל שעראטקא. בעת דער שוועדיש־פּוילישער מלחמה האָט אַן אָפּטיילונג שוועדישע סאָלדאַטן, אויפן באַפעל פון שוועדישן קעניג קאַראָל דעם 12טן אין יאָר 1706, חרוב געמאַכט די שטאָט און דעם שלאָס. דער שלאָס איז גאָר גיך רעסטאַווירט געוואָרן און צוריק דערגרייכט זיין פריערדיקע פּראַכט. בעת דער הערשאַפט פון פּוילישן קעניג אויגוסט דעם צווייטן האָבן אין שלאָס געוווינט רייכע ביאַלער פּריצים, און דער הויף איז געווען אַן אָרט פאַר הכנסת אורחים, פאַרוויילונגען און רעפּרעזענטאַנצן. די לעצטע פון די ראַדזשיווילס וואָס האָבן פאַרבראַכט אין שלאָס זענען געווען: קאַראָל, ווילנער וואָיעוואָדע, גערופן „פּאַניע קאָכאַנקו״ (געשטאָרבן אין שלאָס דעם 22טן נאָוועמבער 1790) און דאָמיניק.


אין יאָר 1650 באַקומט ביאַלע פון דעם פירשט מיכאל קאַזשימיערזש ראַדזשיוויל, צוזאַמען מיט אַנדערע פרייהייטן, דעם שטאָט־הערב, וועלכער שטעלט פאָר מיט זיך דאָס געשטאַלט פון הייליקן מיכאל, וועלכער קעמפט מיטן „סמאָק״ (שלאַנג). דער זעלבער הערב ווערט באַנוצט אין דער אָפיציעלער חתימה פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג.

שוין אין יאָר 1628 ווערט דערמאָנט די ביאַלער גימנאַזיע, וואָס איז אין יענער צייט גערופן געוואָרן אַקאַדעמיע און איז געווען אַ פיליע פון דער קראָקעווער אַקאַדעמיע.

צו די עלטסטע בנינים אין שטאָט דאַרף מען פאַררעכענען די דריי קלויסטערס. דער קלויסטער לעבן דער גימנאַזיע איז געבויט געוואָרן אין יאָר 1520; דער קלויסטער אויף דער רעפאָרמאַצקער גאַס — אין יאָר 1671 און דער קלויסטער אויף דער בריסקער גאַס איז אויפגעבויט געוואָרן ביים סוף פון 17טן יאָרהונדערט. אין משך פון די הונדערטער יאָרן זענען זיי כסדר רעמאָנטירט געוואָרן און זייער אויסזען איז זיכער געענדערט געוואָרן.

ביאַלע האָט אָנגעהערט צו דער אַמאָליקער ליטווישער מדינה, און איז געלעגן האַרט ביי דער פּוילישער גרענעץ. מיטן שליסן אין יאָר 1569 צווישן פּוילן און ליטע די „לובלינער אוניע״, איז ליטע געוואָרן אַ באַשטאַנדטייל פון דער פּוילישער מדינה, און ביאַלע איז אַרונטערגעפאַלן אונטער דער פּוילישער הערשאַפט. בעת דער לעצטער חלוקה פון פּוילן, אין יאָר 1795 (צווישן רוסלאַנד, עסטרייך און דייטשלאַנד) איז די שטאָט צוגעטיילט געוואָרן צו עסטרייך, און די עסטרייכישע ממשלה האָט דאָ אָנגעהאַלטן ביזן יאָר 1809, ווען ביאַלע איז אַריבער צום וואַרשעווער פירשטנטום. פון יאָר 1815 האָט ביאַלע געהערט צו קאָנגרעס־פּוילן, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער רוסישער הערשאַפט.


אין די צייטן פון דער אַמאָליקער פּוילישער הערשאַפט האָט די שטאָט געהערט צום דיסטריקט און קרייז פון בריסק־דליטא. אונטער עסטרייכישער הערשאַפט איז ביאַלע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קרייז־שטאָט. בעת דער רוסישער



תכנית העיר (בלי „ווליה״)
פלאַן פון שטאָט (אָן דער וואָליע)
Town Plan (without Volia quarter)

ממשלה אין פוילן, איז ביאַלע געבליבן ווייטער אַ קרייז־שטאָט און האָט לכתחילה אָנגעהערט צו שעדלעצער גובערניע און שפּעטער צו דער כעלמער גובערניע. דאָס אָנשליסן ביאַלע צו דער כעלמער גובערניע איז געשען צוליב רעליגיעזע טעמים. אין כעלמער קאַנט זענען געווען אַ גרעסערע צאָל קריסטן, אַזוי גערופענע „אוניטן״, האָט דאָס אָנשליסן ביאַלער קאַנט צו דער כעלמער גובערניע געגעבן דער פּראַוואָסלאַווונער צערקווע די איבערהאַנט איבער דער רוימיש־קאַטוילישער קירכע אין כעלמער און ביאַלער קאַנט (די רדיפות אויף דער רוימיש־קאַטוילישער קירכע אין יענער צייט אין די דערמאָנטע געגנטן ווערן באַשריבן אין זאַמלבוך: “Martyrologia Podlasia” און אין ביכל: “Z Ziemi Chełmskiej” פון באַרימטן פּוילישן שרייבער סט. ריימאָנט).

דער נאָמען פון דער שטאָט איז דורך די רוסן געענדערט געוואָרן אויף „ביעלאַ״. די גימנאַזיע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רוסישן לערער־אַנשטאַלט, און די רוסישע מאַכט האָט זיך באַמיט מיט אַלע כוחות צו רוסיפיצירן דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן אין שטאָט.




תחנת הרכבת
דער וואָקזאַל.
The Railway Station

אין די אויפשטאַנדן קעגן דער רוסישער מאַכט האָט די ביאַלער פוילישע באַפעלקערונג גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל.

אין שטאָט האָבן זיך בעת דער רוסישער הערשאַפט געפונען פאָלגנדע אַמטן: דער פּאָוויאַט, דאָס פּאָוויאַטאָווע געריכט, דאָס פרידנס־געריכט פון 3טן קרייז פאַר ביאַלע און טערעספּאָל, דאָס קרייז־געריכט, די אַקציז־פאַרוואַלטונג פון 4טן קרייז און דער פינאַנץ־אַמט (קאַזנאַטשייסטווא).

דער פּאָוויאַט (אַנטשפּרעכנדיק צום סטאַראָסטווע אין די פוילישע צייטן) האָט זיך געפונען אויפן מאַרק, אין הויז וואָס ס'האָט שפּעטער אָנגעהערט צו שמואל פּיזשיץ. שפּעטער איז ער איבערגעטראָגן געוואָרן אין מעוויוסעס הויז. דאָס פּאָוויאַטאָווע געריכט, גערופן אין רוסיש „סיעזד״, האָט זיך געפונען צו ערשט אין הויף־סאָד, שפּעטער אין די הייזער פון: פראַדל שמד, בערגשטיין, אברהם אורמאַכער און צום סוף ביי מעוויוסן אין הויז. דאָס פרידנס־געריכט האָט זיך אין אָנהויב געפונען ביי קאָטשעמאָיניקן אין הויז, שפּעטער — דאָרט וווּ ס'האָט זיך געפונען דער פוילישער פּאָליציי־פּאָסטן אויף דער בריסקער גאַס, און צום סוף ביי מעוויוסן אין הויז. דאָס קרייז־געריכט,



בית מוויוס שבו שוכנו מוסדות ממלכתיים ובתי המשפט (ברחוב בריסקר)
מעוויוסעס הויז אין דער בריסקער גאַס, וווּ ס'האָבן זיך געפונען אַ סך מלוכה־אַמטן און די געריכטן.
House of Mevius housing government offices and the courts.

גערופן אין רוסיש „אָקרוזשנאָי סוד״ האָט געהאַט זיין זיץ אין הויף־סאָד, שפּעטער ביי אורמאַכערן אין הויז און צום סוף — אויך ביי מעוויוסן אין הויז. דער פינאַנץ־אַמט האָט זיך געפונען אויף דער מעזריטשער גאַס, דאָרט וווּ שפּעטער האָט זיך געפונען דער פוילישער „אוזשאָנד סקאַרבאָווי״.

דער מאַגיסטראַט האָט זיך געפונען אין זעלבן הויז אויפן מאַרק ווי איצט. ווען מ'האָט אויפגעשטעלט דעם בנין האָבן אַפילו די עלטסטע תושבים נישט געדענקט, זיי האָבן נאָר געדענקט אַ גרויסן רעמאָנט וואָס איז דאָרט דורכגעפירט געוואָרן.

מיטן מאַגיסטראַט פלעגט אָנפירן, אין דער רוסישער צייט, אַ נאָמינירטער בירגערמייסטער און קיין געוויילטע קערפּערשאַפט איז נישט געווען. מאַגיסטראַט־שטייערן פלעגן צאָלן נאָר בעלי־בתים, און דאָס פאַר באַלייכטן די גאַסן, פאַר רייניקן די קוימענס און אַ שטייער מיטן נאָמען „קאָנעפּאָצעדרע״.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז די שטאָט אין יאָר 1915 אָקופּירט געוואָרן דורך דער דייטשער אַרמיי. דער איבערגאַנג פון דער שטאָט פון דער רוסישער הערשאַפט צו דער דייטשער, איז נישט פאַרבונדן געווען מיט קיין באַזונדערע אויפטרייסלונגען. סיי די שטאָט און סיי די באַפעלקערונג האָבן כמעט ווי גאָרנישט געליטן.

די שטאָט איז דורך די דייטשן איינגעגלידערט געוואָרן אין קריגס־געביט פון דער „בוג־אַרמיי״, וואָס האָט באַשווערט דעם אַריינפאָר אין שטאָט אַריין און דעם אַרויספאָר פון איר. דאָסווירטשאַפטלעכע לעבן איז געוואָרן כמעט ווי פּאַראַליזירט. די לאַנדווירטן האָבן געמוזט אָפּגעבן זייערע פּראָדוקטן דער מאַכט, וועלכע האָט געפירט אַ שטרענגן רעזשים פון שפּייז־צוטיילונגען פאַר דער באַפעלקערונג.

מיט דער ציווילער אַדמיניסטראַציע האָט אָנגעפירט די דייטשע ציוויל־פאַרוואַלטונג און אויך די דייטשע שטאָט־קאָמענדאַנטור, בראש פון וועלכער ס'איז געשטאַנען מאַיאָר פונק. אָט דער מאַיאָר פונק האָט זיך שוין דעמאָלט אויסגעצייכנט מיט זיין בעסטיאַלישער האַלטונג און דראַקאָנישע פאַראָרדענונגען. פאַרן נישט באַלדיקן אָפּרייניקן דעם שניי פון די גאַסן, האָט ער באַשטראָפט די סוחרים מיט עטלעכע טעג האַלטן געשלאָסן די געשעפטן. פאַר נישט גריסן אים, הגם ער פלעגט די גריסנדיקע נישט ענטפערן, פלעגט ער אַרויפשיקן אין דער קאָמענדאַנטור און דאָרט האָט מען באַקומען אַ געהעריקע פּאָרציע שמיץ. די גאַנצע צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע האָט פאַרפליכטעט דער באַפעלקערונג אַ שטרענגע פּאָליציי־שעה.

אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע האָט צום ערשטן מאָל אָנגעהויבן פונקציאָנירן דער מאַגיסטראַט ווי אַ פאַרוואַלטונג פון שטאָטישע ענינים אָנגעפירט דורך אָרטיקע בירגער. פאַר אַ בירגערמייסטער איז נאָמינירט געוואָרן דער פּאָליאַק וו. קלימעצקי, און פון דער יידישער באַפעלקערונג, פאַר לאַווניקעס: דער אַדוואָקאַט קלמן האַרטגלאַס און חיים לוי רובינשטיין.

עס האָט אויך פונקציאָנירט אַ פרידנס־געריכט פאַר ציווי־לע סכסוכים. ריכטער איז געווען אַ דייטשער אָפיציר ד״ר האוזער. ווי אַדוואָקאַטן פלעגן אין געריכט אויפטרעטן אַדוואָקאַט קלמן האַרטגלאַס און שלום ווינאַגראַד. געהילפס־סעקרעטאַר פון געריכט איז געווען חיים באַרלאַס. ווי אַ קאָ־מאַרניק איז באַשטימט געוואָרן דער ייד גרינשטיין (יחיאל הערשס אַן איינִיקל).

דער דענקמאָל אין מאַרק־סאַר, וואָס די רוסישע מאַכט האָט אויפגעשטעלט, כדי צו פאַראייביקן דעם דורכפאָר פון לעצטן רוסישן צאַר דורך דער שטאָט, איז דורך די דייטשן צענומען געוואָרן, און דאָס מעטאַל איז אָפּגעט־אַנספּאָרטירט געוואָרן קיין דייטשלאַנד.

די דייטשע אָקופּאַציע האָט אָנגעהאַלט ביזן סוף יאָר 1918, און נאָכן פאַרלאָזן די שטאָט דורך די דייטשן האָט די מאַכט איבערגענומען די ניי־אַנטשטאַנענע פּוילישע מלוכה.

דאָס איבערנעמען די שטאָט דורך דער פּוילישער מאַכט איז פאָרגעקומען אָן שום אינצידענטן. דאָס דייטשע מיליטער איז אַוועק אין דער ריכטונג פון בריסק און אין שטאָט איז אַריינגעקומען אַ פּוילישע מיליטערישע אָפּטיילונג, וואָס איז אויפגענומען געוואָרן מיט מוזיק דורכן ביאַלער מכבי־אָרקעסטער. דאָס דייטשע מיליטער האָט לאַנגזאַם זיך צוריק־געצויגן פון ביאַלער קרייז און צוליבן שנעלן פאַרויסמאַרש פון די פּוילישע מיליטערישע אָפּטיילונגען זענען אין עטלעכע ערטער געקומען צו צוזאַמענשטויסן צווישן די פּוילישע און דייטשע מיליטערישע איינהייטן. צו אַזאַ אינצידענט איז גע־קומען ביי זאַלעסיע, וווּ עס זענען געפאַלן אַ צענדליק פּוילישע מיליטער־לייט.

ביאַלע בלייבט ווייטער אַ קרייז־שטאָט און ווערט אָנגע־שלאָסן צו דער לובלינער וואָיעוואָדסטווע. אין שטאָט האָבן זיך געפונען פאָלגנדיקע אַמטן: די סטאַראָסטווע, קרייז־און פרידנס־געריכט, פינאַנץ־אַמט, אַקציז־אַמט, דער סיימיק א״א.

די באָלשעוויסטישע אינוואַזיע אין יאָר 1920 מיידט נישט אויס אונדזער שטאָט, וואָס איז איינע פון די הויפּט־אַרטער־יעס דורך וועלכער עס שטראָמט די רוסישע אַרמיי אויף וואַרשע. אין חודש אויגוסט איז די שטאָט אָקופּירט געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי. צוליבן דורכפאַל פון דער רוסישער אָפענסיווע ביי וואַרשע, ווערט ביאַלע נאָך אַ וואָך הערשאַפט פון דער רויטער אַרמיי צוריק דעראָבערט דורך דער פּוילישער אַרמיי.

היטלערס וועלט־בראַנד, וואָס האָט אויפגעפלאַקערט דעם 1טן סעפּטעמבער 1939, האָט צווישן די ערשטע פּוילישע שטעט פאַרכאַפּט אונדזער ביאַלע, און דאָס צוליב דער שטאָטישער אַעראָפּלאַנען־פאַבריק. ביאַלע איז געווען צווישן די עטלעכע צענטערס אין פּוילן, וואָס זענען דורך דער דייטשער אַוויאַציע באָמבאַרדירט געוואָרן תיכף נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה.

ביאַלע איז לכתחילה באַזעצט געוואָרן דורך דער סאָ־וויעטישער אַרמיי, אָבער נאָך צוויי וואָכן הערשאַפט האָט זי זיך צוריקגעצויגן און איבערגעגעבן די שטאָט אין די דייטשע הענט. די דייטשע אָקופּאַציע פון דער שטאָט האָט אָנגעהאַלטן ביז סוף יולי 1944.

אויב בעת יעדער מלחמה, וואָס האָט דורכגעשניטן איר וועג דורך אונדזער שטאָט, האָט די פּוילישע און יידישע באַפעלקע־רונג געהאַט אויסצושטיין ליידן און פּיין, איז אָבער דאָסמאָל, בעת דער גרויזאַמער הערשאַפט פון די נאַציס, די יידישע באַפעלקערונג לגמרי פאַרניכטעט געוואָרן.

ביים סוף פון 19טן און אָנהייב הײנטיקן יאָרהונדערט זענען שריפות און געוויסערס אין ביאַלע געווען אַ גאַנץ אָפטע דערשיינונג. וועגן עטלעכע פון זיי וועלן מיר דאָ דערציילן:

בערך אין אלול 1883, איז אינמיטן טאָג אויסגעבראָכן אַ גרויסע שריפה, וואָס האָט ממש לײדיק געמאַכט די שטאָט פון הייזער. די הייזער אין יענער צייט זענען אין זייער רוב געווען הילצערנע. די שריפה האָט זיך אָנגעהויבן אויף דער קשיוועד גאַס ביי מאיר קנאָכס שטוב, לעבן קייאָוואָסקעס גע־מויערט הויז און האָט זיך פאַרענדיקט אויף דער בריסקער גאַס לעבן פּיזשיצעס הויז.

דאָס פייער האָט פאַרצערט די הייזער פון קייאָוואָסקען ביזן קלויסטער אויף דער רעפאָרמאַצקער גאַס, ד״ה, פון ביידע זייטן קשיווע גאַס; די ווייטערדיקע הייזער פון דער לינקער זייט קשיווע גאַס (גייענדיק פון דער וואָליע) ביז צו דער יידישער באָד. עס איז נאָר געבליבן דאָס הילצערנע הויז אויף דער רעפאָרמאַצקער גאַס, ווו עס האָט זיך שפּעטער געפונען די וועשעריי. די הייזער אויף דער גימנאַזיע־גאַס, אויסער דעם גימנאַזיע־בנין, די הייזער אויף דער רעפאָרמאַצקער גאַס, אוי־סער קלימעצקעס הויז, אויף דער יאַטקע־גאַס און אין די באָד־געסלעך ביזן וויינעס, זענען אַוועק מיטן פייער.

די סיבה פון דער שריפה איז נישט געלונגען פעסטצו־שטעלן. די יידישע באַפעלקערונג איז אַ צייט לאַנג געלעגן אין בית־המדרש און אין די חסידים־שטיבלעך. מען איז צוגע־טראָטן בויען פרישע הילצערנע הייזער.

בערך אין יאָר 1890, איז אין אַ אלול־נאַכט אויסגעבראָכן אַ שריפה ביים „דעפּטיק״ (דער נאָמען האָט זיך גענומען דערפון, וואָס אויף דעם פּלאַץ פלעגט אַ בלינדער פערד כסדר טרעטן אויף אַזאַ ראָד, וואָס האָט באַוועגט אַ מיל). שפּעטער באַקאַנט ווי דער פּלאַץ ביי שימעלע (שמעון) חנה ריוועס. בעת דער שריפה זענען אַראָפּ די הייזער אויף דער שמאָלער גאַס, גראַבאַנאָווער גאַס, פּראָסטער גאַס, אויסער דער תלמוד תורה.

אויפן פּלאַץ ווו עס געפינט זיך היינט די תפיסה האָט מען אויף גיך געמאַכט „זעמליאַנקעס״ (דירות אין דער ערד) און דאָרט האָבן זיך צייטווייליק באַזעצט די נשרפים. מ׳איז ווידער צוגעטראָטן אויפצובויען די שטאָט, אָבער דאָסמאָל האָט די מאַכט פאַרווערט צו בויען הילצערנע הייזער, נאָר מען האָט געמוזט בויען געמויערטע בנינים.

בערך אין יאָר 1904, איז תשעה באב ביינאַכט אויסגע־בראָכן אַ שריפה אויף דער פּראָסטער גאַס. צווישן אַנדערע זענען פאַרברענט געוואָרן די הייזער פון חיים בעקער, שלמה סטאָפּ, יוסף איטשע אַש און דער וויינעס.

אין יאָר 1885 אָדער 1886, פּורים־צייט איז אין שטאָט געווען אַ גרויסע פאַרפּלייצונג. אויפן טייך האָט נאָכגעלאָזט דאָס

אייז און די שווימענדיקע אייזבלאָקן האָבן צעשמעטערט אויף דער וואָליע אַלע בריקן אויפן טייך. דער טייך איז אַרויס פון די ברעגעס און פאַרפלייצט גרויסע שטחים. די קאָמוניקאַציע צווישן דער שטאָט און דער וואָליע איז איבערגעריסן געוואָרן. די כוואַליעס האָבן מיטגעריסן אַ שטוב. קיין מענטשלעכע קרבנות זענען נישט געווען.

צו די אָפטע שריפות אין שטאָט איז נאָך אין יאָר 1892 צוגעקומען די כאָליערע־מגיפה, וואָס האָט דעמאָלט אַרומגע־כאַפּט פּוילן, און האָט אין שטאָט געזייט פּאַרוויסטונג, טרויער און שרעק.

די אָפטע שריפות און דער וווּקס פון דער באַפעלקערונג האָבן געענדערט דעם אויסערלעכן אויסזען פון דער שטאָט.

שוין אין יאָר 1910 ווערן פון מאַרק (הייניטיקער פּלאַץ־וואָלנאָשטשי) באַזייטיקט די בודקעס און סטראַגאַנעס און זיי ווערן איבערגעטראָגן אויפן נייעם־מאַרק. עס ווערט פאַרגרע־סערט דער מאַרק־סאָד, אַזוי אַז דער צענטער פון שטאָט באַ־קומט אַ שיינעם אויסזען.

די באַפעלקערונג האָט זיך אָבער נישט געקענט צוגעוווי־נען, אַז דער מאַרק זאָל זיך געפינען „אַזוי ווייט" הינטערן שטאָט, האָט מען אַ גרויסן טייל פון די סטראַגאַנעס איבער־געטראָגן אויפן הויף פון חיים לוי רובינשטיין. אַזוי האָט זיך דאָרט געפונען אַ טייל פון מאַרק ביזן יאָר 1919, ווען לויט אַ פאַראָרדענונג ווערט דער גאַנצער מאַרק־האַנדל לגמרי איבער־געטראָגן אויפן נייעם־מאַרק.

די שטאָט האָט זיך ראַשיק אַנטוויקלט. שוין אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען ביאַלע איז געווען דאָס זיץ־אָרט פון שטאַב פון דער בוג־אַרמיי, הייבט זיך אָן אַ פאַרברייטערונג פון דער שטאָט, בעיקר די פאָרשטאָט וואָליע. די דייטשן פירן דורך אַ קליינבאַן, וואָס פאַראייניקט ביאַלע מיט די אַרומיקע שטעטלעך יאַנעווע און קאָנסטאַנטין. זיי בויען אויך אַן עלעקטרישע סטאַציע אין וויינעס (ווייןהויז), און ביאַלע דערזעט צום ערשטן מאָל



קרן זוית בככר החרות — מקום סבלי ביאלה.
דער „ראָג" אויף פּלאַץ־וואָלנאָשטשי — דאָס אָרט פון די ביאַלער טרעגערס.
Corner on Liberty Square — the place of the porters of Biala.

עלעקטרישע ליכט. די באַפעלקערונג הייבט אָבער אָן געניסן פון עלעקטרישער ליכט ערשט אונטער דער פּוילישער הערשאַפט. די דייטשן האָבן אויך איינגעפירט נומערן אויף די הייזער.

אינטענסיוו הייבט זיך אָן די שטאָט פונאַנדערצובויען ערשט נאָך דעם ווי עס איז פאַרענדיקט געוואָרן די פּויליש־באָלשעוויסטישע מלחמה, בעיקר נאָך דער אַנטשטייאונג פון דער אַעראָפּלאַנען־פאַבריק אויף דער וואָליע, אין וועלכער שכנות עס איז אויפגעבויט געוואָרן אַ נייער קוואַרטאַל.

אין יאָר 1934 פאַרנעמט ביאַלע אַ שטח פון 3200 העקטאַר באָדן, פון דעם איז פאַרבויט 350 העקטאַר, די רעשט זענען לאַנדווירטשאַפטלעכע שטחים. די צאָל הייזער האָט אין יאָר 1878 באַטראָפן 350 און אין יאָר 1934 — 1100 הייזער. די יאָרן פון 1926 ביז 1930 האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַ שטאַר־קער בוי־באַוועגונג. אין אָט די יאָרן זענען אויפגעבויט גע־וואָרן 193 הילצערנע הייזער און 36 מויערן, צוזאַמען האָבן זיי אַנטהאַלטן 915 צימערן. אַדאַנק דעם האָט זיך טאָקע אין ביאַלע נישט געפילט קיין מאַנגל אין דירות. די גרעסטע צאָל הייזער איז אויפגעבויט געוואָרן אויף דער וואָליע און כמעט אַ מינימאַלער פּראָצענט דורך יידן.

דער אָנהייב פון דער ביאַלער שטאָטישער זעלבסטפאַר־וואַלטונג דאַטירט זיך פון יאָר 1919, ווען עס האָט זי קאָנסטי־טואירט דער ערשטער געוויילטער שטאָטראַט. בירגערמייס־טערס זענען פון 1919 ביזן יאָר 1939 געווען פאָלגנדיקע: באַרקאָווסקי, קוכאַיעווסקי, קלימעצקי, זאַקשעווסקי און וואַ־לאַווסקי.

פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט די שטאָט פאַר־מאָגט 2 עלעקטרישע סטאַציעס, וואָס זענען מוסטערהאַפט אָנגעפירט געוואָרן פון אינזשיניער קאָוואַלעווסקי. ביאַלע האָט זיך געגרייט צו געבן עלעקטרישן שטראָם קיין מעזריטש און לוקאָוו. אויפן בריסקער שאָסיי איז אויפגעבויט געוואָרן אַ מאָדערן שטאָטיש שעכטהויז, מיט אַ קילהויז און אַ פאַבריק פון קינסטלעך אייז.

אין שטאָט זענען געווען צוויי שפּיטעלער — איינער, דער אַזוי גערופענער, ביי די מנישקעס, און דער צווייטער — דער יידישער.

אין ביאַלע זענען געווען פינף קינאָס, פיר אין שטאָט און איינער אויף דער וואָליע (פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געווען איין קינאָ, ביי חיים יאַסקען אין הויז).

פון די וויכטיקסטע דענקמעלער אין שטאָט איז כדאי צו פאַרצייכענען: 1. דער דענקמאָל אין מאַרק־סאָד, וועלכן עס האָבן אויפגעשטעלט פון שטיינער די פּאָליאַקן לזכר דער אַנטשטייאונג פון דער מלוכה אין יאָר 1918 (דאָרט ווו עס איז אַמאָל געשטאַנען דער רוסישער דענקמאָל), 2. דער קראַ־שעווסקי־דענקמאָל (רויטער גראַניט) אויפן גימנאַזיע־פּלאַץ, אויפן וואַרשעווער שאָסיי, און 3. דער דענקמאָל ביי די קאַ־זאַרמעס פון 34טן פּולק (בעטאָן) אויפן וואַרשעווער שאָסיי, צום אָנדענק פון די געפאַלענע פּולק־זעלנער בעת דער מלחמה מיט רוסלאַנד אין יאָר 1920.



רחוב גראַבאַנובר — מצד רחוב פרוסטה (חורף 1944/5)

גראַבאַנאָווער גאַס, געזען פון דער פּראָסטער גאַס (ווינטער 1944/5)

Grabanov Street seen from Prosta St. (winter 1944/5)

די קריסטלעכע באַפעלקערונג האָט געוווינט אויף דער פעריפעריע פון דער שטאָט און האָט זיך ביז 1918 פאַרנומען בעיקר מיט ערד־אַרבעט. אַ טייל האָט געאַרבעט ווי באַאַמטע און אַרבעטערס אין פאַרשיידענע פאַבריקן. די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך באַשעפטיקט מיט האַנדל און מלאכה. נאָך דער אַנטשטייאונג פון דער פוילישער מדינה אין יאָר 1918 זענען גרויסע טיילן פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג געווען באַשעפטיקט ווי באַאַמטע אין די מלוכהשע און שטאָטישע אַמטן, אין פאַבריקן און אונטערנעמונגען. אַ טייל האָט אויך גענומען אַריינדרינגען אין מסחר און מלאכה.

די צאָל באַפעלקערונג וואָס האָט פון יאָר 1827 ביזן יאָר 1857 נישט אַרויסגעוויזן קיין שטייגערונג, הייבט אָן פון אָט דעם לעצטן יאָר שטאַרק צו וואַקסן און די טאַבעלע אילוסטרירט דאָס אַמבולטסטן:

אין יאָר	1827	3818	איינוווינערס
„ „	1841	3588	„
„ „	1850	3456	„
„ „	1857	3881	„
„ „	1878	7112	„
„ „	1897	11556	„
„ „	1921	13005	„
„ „	1931	17620	„
„ „	1939	20307	„

דער מבול פון בלוט און פייער, וואָס האָט געדויערט 6 יאָר (1945—1939) איז אַריבער. די שטאָט ביאַלע איז אויך דאָסמאָל אַרויס גאַנץ, און איז נאָך בעת דער מלחמה פאַרשענערט געוואָרן (פון עטלעכע יידישע קראָמען האָט מען אומעטום געמאַכט איין גרויס געשעפט מיט גרויסע און שיינע שוי־פענצטער), אָבער די בויערס פון דער שטאָט, די יידן, זענען מער דאָרט נישטאָ. נישט נאָר זיי זענען נישטאָ, נאָר אַפילו דער קלענסטער סימן, אַז זיי זענען אַמאָל דאָרט געווען איז נישט פאַראַן. די שול און בתי־מדרשים צענומען ביז די פונדאַמענטן, די מצבות פון בית־הקברות אַרויסגענומען און די ערד פאַראַקערט און פאַרזייט. פון יעדן יידישן הויז אַראָפּגענומען דאָס שילדל מיטן יידישן נאָמען. און טאָמער האָט מען נאָך דער מלחמה אויפגעשטעלט אַ דענקמאָל אויפן אַמאָליקן בית־הקברות נאָך די קדושים פון דער גרויליקער תקופה, האָבן דאָס נישט געקאָנט פאַרטראָגן אונדזערע אַמאָליקע שכנים, די פּאָליאַקן, און אויך דער שטיין, דער איינציקער זכר, אַז דאָ זענען אַמאָל געווען יידן, איז אויפגעריסן געוואָרן.

מיר פלעגן שטענדיק הערן פון די קריסטן דאָס ווערטל: „אוליצע נאַשע, אַ קאַמיעניצע וואַשע" (די גאַסן זענען אונדזערע און די הייזער אייערע). דאָס האָט זיי נישט געלאָזט רוען דאָס יידישע פאַרמעגן, וואָס איז במשך פון דורות דערוואָרבן געוואָרן מיט אַזוי פיל מי און מאַטערניש. איצט קאָנען זיי פאַראַפראַזירן אָט דאָס ווערטל: „אוליצע נאַשע אי קאַמיעניצע נאַשע" (די גאַסן אונדזערע און די הייזער אונדזערע).

מקורות:

1. "Słownik Geograficzny Królestwa Polskiego", Warszawa 1880, Tom I
2. Bohdan Wasiutyńsky: "Ludność Żydowska w Polsce w wiekach XIX i XX", Warszawa, 1930. Rozdział: Żydzi w miastach
3. „פּאָדלאַסיער לעבן", אימאַפּהענגיק געזעלשאַפטלעך וואָכנבלאַט, ביאַלע. עקזעמפּלאַרן פון די יאָרן 1926/7 און 1932/4.
4. גבית־עדות פון: אלתר וויינבערג, אשר האָפער, משה רבאון, גדליהו בראַווערמאַן און יעקב אַראַנאָוויטש.

ד״ר מ. העגדל
תל־אביב

יידן אין ביאַלע

(שטריכן צו זייער געשיכטע פון סוף 16טן יאָרהונדערט ביז אין דער מיט פון 19טן יאָרהונדערט)

א. די שטאָט ביאַלע

דאָס אַלטע פוילן איז באַשטאַנען פון צוויי טיילן: קרוין־פוילן און ליטע. ביאַלע האָט געהערט צו ליטע, ליגנדיק האַרט ביי דער גרענעץ צווישן ליטע און קרוין־פוילן. אין פוילן זענען געווען צוויי מינים שטעט: מלוכהשע, וואָס זייערע איינוווינערס האָבן געבילדעט דעם שטאַנד פון די מיעשטשאַנעס און פּריוואַטע שטעט, וואָס זענען געגרינדעט געוואָרן דורך דער שליאַכטע אויף איר ערד. ביאַלע איז געווען אַ פּריוואַטע שטאָט. זי האָט אָנגעהערט צו דער גרויסער פירשטלעכער פאַמיליע פון די ראַדזשיווילס, וואָס האָבן געבילדעט — אַ דאַנק זייערע אומגעהויערע נחלאות, זייערע שטאַרקע מיליטערישע כוחות און די הויכע שטעלן וואָס זיי האָבן פאַרנומען אין דעם מלוכהשן אַפּאַראַט — אַ באַדייטנדיקע מאַכט, וואָס האָט זיך על־פּי רוב גאָר וויייניק גערעכנט מיט דער מלוכה, מיט אירע געזעצן און פאַראָרדענונגען. דער הויפּט־צענטער פון דער ראַדזשיווילישער „מלוכה" האָט זיך געפונען אין ניעסוויעזש, נאָר עס זענען געווען ציטן, ווען אויך ביאַלע[1] האָט פאַרנומען די אויבערשטע שטעלע.

צווישן די ראַדזשיווילס זענען געווען פירשטן, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אויסטערלישע כאַראַקטערן, און זייערע ווילדע קאַפּריזן זענען געווען באַרימט אין גאַנץ פוילן. פאַרשטייט זיך, אַז זייער הערשאַפט איז געווען אַ גרויסע פּלאָג פאַר זייערע אונטערטאַנען — יידן און קריסטן. האָט זיך איינעם פון די ראַדזשיווילס פאַרגלוסט זומער צו מאַכן אַ שפּאַציר אין אַ שליטן, האָט ער באַפוילן צו באַשיטן דעם וועג מיט זאַלץ. אַן אַנדער ראַדזשיווילישן פירשט, ווען עס האָבן אויסגעפּעלט פייגל, כדי זיי אויסצושיסן, האָט אַוועקגעזעצט אַ ייד אויף אַ בוים, געהייסן אים נאָכמאַכן אַ קוקולקע, און דערנאָך האָט ער אין אים געשאָסן.

ווען איינעם פון די ראַדזשיווילס (אין אַכצנטן יאָרהונדערט) ווערט דערציילט, אַז ער האָט געהאַט אַ מין פאַנטאַזיע פון ליבשאַפט צום יידנטום. ער האָט זיך אויסגעוויילט סאַמע יידישע ראַטגעבערס; ער האָט זיך אויסגעלערנט יידיש און העברעאיש און פלעגט שבת טראָגן אַן ארבע־כנפות צוזאַמען מיט זיינע מיליטערישע אויסצייכענונגען. די פאַמיליע האָט אים געוואָלט האַמעווען און האָט אים אַוועקגעזעצט אונטער אַ שטאַרקער קאָנטראָל — קודם אין ביאַלער שלאָס און דערנאָך אין סלוצק. ער האָט אָבער נישט איבערגעריסן זיינע קאָנטאַקטן מיט די יידן. די סלוצקער יידן האָבן, ווייזט אויס, אין שייכות דערמיט אַ סך געליטן. דער סלוצקער רב איז אפילו איינגעזעצט געוואָרן אין דער ביאַלער תפיסה. די מעשה האָט ערשט געגומען אַ סוף מיטן טויט פון דעם יודאַ־איזירנדיקן סימפּאַטיקער אין יאָר 178[2].

די היסטאָריקער דערמאָנען אויך גוטע הערשערס, וואָס האָבן געזאָרגט פאַר זייערע אונטערטאַנען און האָבן געהערשט מיט חסד. אַזוי, למשל, שרייבט דער היסטאָריקער באַרטאַשעוויטש, אַליין אַ ביאַלער, וועגן דער פירשטין אַננאַ, אַז אונטער איר הערשאַפט איז ביאַלע געווען אַ גליקלעכע שטאָט און אַן עיר־מקלט פאַר דער אָרעמקייט.

די שטאָטישע איינוווינערס פון ביאַלע — יידן און קריסטן — האָבן געגאָסן פון דעם פירשטלעכן הויף־האַנדל און וואַנדל, מלאכה און געלט־אָפּעראַציעס. פון דער צווייטער זייט האָט דער הויף געדריקט די שטאָט, אַרויפלייגנדיק אויף איר פאַרשידענע לאַסטן און שטייערן.

צווישן די אינסטיטוציעס וואָס זענען געווען אין ביאַלע, דאַרף באַזונדער דערמאָנט ווערן די ביאַלער אַקאַדעמיע, אַ מין בילדונגס־אַנשטאַלט, וואָס האָט פאַרנומען דאָס אָרט צווישן אַ מיטלשול און אַ הויכשול. די שטאָט — יידן און קריסטן — זענען געווען פאַרפליכטעט בייצושטייערן צום בודזשעט פון דער אַקאַדעמיע; זיי האָבן אָבער אויך געהאַט נוצן פון איר דורך האַנדל און ליפערונגען. ס׳איז פאַרזאָגט געוואָרן די סטודענטן נישט צו באַרירן קיינעם פון די איינוווינערס און דורכגייערס, און זיי נישט צו באַליידיקן, נישט אין וואָרט און נישט אין טאַט, און נישט צו טראָגן קיין געווער אָן דעם וויסן פון רעקטאָר. דער פאַקט אַליין, אַז אַזאַ וואָרנונג האָט אַנטהאַלטן די שבועה פון יעדן ניי־אויפגענומענעם סטודענט, באַווייזט אַז די פאַרהעלטענישן זענען נישט געווען קיין אידעאַלע, און אַז ס׳פלעגן מסתמא נישט איין מאָל פאָרקומען צוזאַמענשטויסן. מיר ווייסן פון אַנדערע שטעט אַז די שול־יוגנט איז געווען אין אַ סך פאַלן דער גורם פון אַנטי־יידישע עקסצעסן.

דער פוילישער שריפטשטעלער קראַשעווסקי, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן אינטערעס פאַר ביאַלע (ער האָט געלערנט אין ביאַלער גימנאַזיע), שרייבט אַז די שטאָט האָט נישט געהאַט קיין רייכע געשיכטע: „זי האָט געלעבט אין זיך און

פאַר זיך״. דאָך איז כדאי צו באַמערקן, אַז ביאַלע האָט דורכגעמאַכט עטלעכע היסטאָרישע איבערלעבענישן, אַ חוץ די פּאָליטישע געשעענישן אין דעם שטורעמדיקן לעבן פון דעם פּוילישן פּאַרלאַמענטאַריזם און פּוילישע פּאַרטיי־קאָנפליקטן, אין וועלכע די ראַדזשיווילס האָבן גענומען אַ לעבהאַפטן אָנטייל.

אָט וועלן מיר אויסרעכענען עטלעכע געשעענישן:

אין יאָר 1665 איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ביאַלע אַ זיצונג פון ליטווישן סענאַט. דריי יאָר שפּעטער האָט באַזוכט די שטאָט דער פּוילישער קעניג יאַן קאַזשימיערזש. בשעת דער צפון־מלחמה (אין אָנהייב פון 18טן יאָרהונדערט), אין וועלכער פּוילן איז געווען אַ צד מיט רוסלאַנד קעגן שוועדן, איז די שטאָט דעראָבערט געוואָרן דורך די שוועדישע חיילות. אין יאָר 1789 איז דורכגעפאָרן דורך דער שטאָט דער דייטשער קיסר יאָזעף דער צווייטער, צוריקקערנדיק פון אַ באַזוך אין פּעטערבורג. די דערמאָנטע געשעענישן (אַ חוץ דער שוועדישער אָקופּאַציע) האָבן געהאַט אַ קליינעם שייכות צו דער באַפעלקערונג. איין אָפּשניט פון אָט די היסטאָרישע פּאַסירונגען האָט דווקא שטאַרק באַריררט די שטאָט: דאָס זענען געווען די אָפטע שריפות, פון וועלכע די שטאָט האָט געליטן אין לויף פון יאָרהונדערטער. מ׳דאַרף געדענקען, אַז די שטאָט איז באַשטאַנען פון דורכאויס הילצערנע הייזער. ווי זאָגט דער פּוילישער היסטאָריקער באַרטאָשעוויטש: „אין ביאַלע האָט תמיד געברענט, זי האָט כסדר געברענט און כסדר זיך אויפסניי אויפגעבויט״. נאָך איינער אַזאַ שריפה, וואָס האָט פּאַסירט אין אַ צייט פון צעשטורעמטער מגיפה (1711) — האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז אין ביאַלע און אין די שכנותדיקע דערפער האָבן פון די קריסטן געליטן סך־הכל 559 נפשות, און פון די יידן האָבן געליטן, לויט דער דעקלאַראַציע פון די קהילה־אָנפירערס „די מיעשטשאַנעס און בירגער״ קאָפּל בן יצחק און שמואל בן מאיר — 37 נפשות.

ב. ביאַלער קהילה

די ביאַלער קהילה האָט געהערט אין פּרט פון דער יידישער זעלבסטפאַרוואַלטונג צו בריסק (ק״ק בריסק), וועלכע האָט צוזאַמען מיט די קהילות פון ווילנע, פּינסק, גראָדנע און סלוצק געבילדעט דעם יידישן אויטאָנאָמען צענטראַל־אָרגאַן פאַר ליטע (ועד מדינת ליטא). אין יאָר 1705, ווען עס זענען זיך צונויפגעקומען די פאַרטרעטערס פון די קהילות וואָס האָבן געהערט צו בריסק, כדי צו פאַרטיילן דעם מלוכה־שטייער, וואָס יידן זענען געווען פאַרפליכטעט צו צאָלן אין פאָרעם פון אַ קאָפּשטייער, איז אויף ביאַלער קהילה געוואָרן אַרויפגעלייגט די סומע פון 510 זלאָטעס [2], די דריט־גרעסטע סומע נאָך בריסק (1384 זלאָטעס) און ווייסאָקע (700 זלאָטעס). ווייניקער פון ביאַלע האָבן געדאַרפט ביישטייערן די קהילות: פּרוזשאַנע (485 זלאָטעס), וולאָדאַווע (400 זלאָטעס) און שעדלעץ (230 זלאָטעס). מיר באַקומען אַזוי אַרום אומגעפער אַ באַגריף וועגן דעם אָרט, וואָס ביאַלע האָט דעמאָלט פאַרנומען צווישן די שטעט און שטעטלעך פון בריסקער קרייז.

מיר ווייסן נישט גענוי פון ווען אָן האָבן זיך יידן באַזעצט אין ביאַלע. עס פעלט אונדז אויך די באַשטימטע דאַטע פון דער גרינדונג פון דער ביאַלער קהילה [3]. מיר באַזיצן די רייסטערס פון די צאָלקאַמערן צווישן קרוין־פּוילן און ליטע, אין ביעלסק און אין לוקאָוו פון דעם יאָר 1580 [1]. עס ווערן אין זיי דערמאָנט יידן פון: טיקטין, ביעלסק, ווענגראָוו און קאָצק, און קריסטן פון: טשעכאַנאָווצע, לאָשיץ, ביעלסק, קאָברין, מעזשריטש, בריסק און פּינסק, וואָס זענען דאָרט דורכגעפאָרן, פירנדיק סחורה פון קרוין־פּוילן קיין ליטע אָדער פאַרקערט. מיר געפינען דאָ אָבער נישט קיין איינציקן זכר פון ביאַלער יידן אָדער קריסטן. איז דאָס בלויז אַ צופאַל? מען דאַרף אָננעמען אַז דווקא אין שייכות מיט דעם גרענעץ־האַנדל צווישן ביידע טיילן פון דער פּוילישער מלוכה האָט דער יידישער ישוב אין ביאַלע צו פאַרדאַנקען זיין קיום.

די ערשטע באַקאַנטע ידיעה וועגן ביאַלער יידן איז צו אונדז דערגאַנגען דורך אַ צופאַל, און דער צופאַל האָט אַ שייכות צו ארץ־ישראל. אַ ביאַלער ייד, ר׳ אורי בר׳ שמעון איז עולה געווען אין סוף פון 16טן יאָרהונדערט קיין ארץ־ישראל און האָט זיך באַזעצט אין צפת, וואָס האָט אין יענע צייטן דורכגעמאַכט אַן עפּאָכע פון עקאָנאָמישן און גייסטיקן אויפבלי. פון דאַנען איז ער געשיקט געוואָרן קיין אייראָפּע צו אָרגאַניזירן דאָס זאַמלען פון געלטער פאַר דער מאַטעריעלער הילף פון דעם ארץ־ישראלדיקן ישוב. אין יאָר 1575 געפינען מיר ר׳ אורין אין איטאַליע, וווּ ער דרוקט אָפּ פאַר זיינע פּראָפּאַגאַנדע־צוועקן אַ רשימה פון די הייליקע קברים אין ארץ־ישראל [5].

ווער איז געווען אָט דער ר׳ אורי און ווען האָט ער פאַרלאָזט ביאַלע, ווייסן מיר נישט. ווייזט אויס, אַז ער איז געווען אַ ייד אַ באַהאַוונטער אין וועלט־ענינים, אויב ער איז דערוויילט געוואָרן צו זיין אַ שליח פון דער צפתער קהילה. ווי עס זאָל נישט זיין — אַדאַנק אָט דעם ר׳ אורי קאָנען מיר פעסטשטעלן, אַז אַרום דעם יאָר 1575 האָט שוין אין ביאַלע עקסיסטירט אַ יידישער ישוב. דאָ איז כדאי צו באַמערקן, אַז אין פּרט פון שליחות פון ארץ־ישראל צו די גלות־יידן פאַרנעמט ביאַלע דעם אויבנאָן: דער גרעסטער און חשובסטער שליח, ר׳ חיים יוסף דוד אזולאי, וואָס האָט געלעבט אין 18טן יאָרהונדערט, איז געווען אַ ביאַלער אייניקל; וועגן דעם וועט זיך רעדן אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען.

ממשותדיקע ידיעות וועגן ביאַלער יידן האָבן מיר צום ערשטן מאָל אין יאָר 1621. ווייזט אויס, אַז אין דעם יאָר איז דער יידישער ישוב אין ביאַלע שוין געווען גוט פאַרפונדעוועט. אַזוי ווי אין אַנדערע פּוילישע שטעט האָבן אויך דאָ זיך געמערט די קאָנפליקטן צווישן דער קריסטלעכער און דער יידישער באַפעלקערונג אין פּרט פון וווינרעכט, האַנדל, מלאכה און באַשטייערונג.

דער פּריץ, דער פירשט ראַדזשיוויל, האָט זיך געזען געצוווּנגען צו רעגולירן אין אַן אָפיציעלן דאָקומענט די קעגנזייטיקע פאַרהעלטענישן. פון אָט דעם דאָקומענט דערוויסן מיר זיך אַ ריי וויכטיקע פּרטים וועגן מצב פון דער ביאַלער קהילה.

די ביאַלער יידן האָבן געהאַט נאָך פון פאַרן יאָר 1621 עלטערע פּריווילעגיעס פון הויף, לויט וועלכע זיי זענען געווען באַפרייט פון פאַרשיידענע לייסטונגען פאַרן פריצישן הויף; פאַר שטאָטישע הצטרכותן זענען זיי געווען פאַרפליכטעט צו צאָלן צו 6 גראָשן יערלעך. זייער עיקר־באַשעפטיקונג איז געווען דער האַנדל. אַזוי ווי דער וויכטיקסטער האַנדלס־פּלאַץ איז דער צענטראַלער פונקט פון דער שטאָט, דהיינו. דער „רינעק”, איז זעלבסטפאַרשטענדלעך אַז זיי האָבן געוווינט בעיקר אין די הייזער וואָס זענען געשטאַנען אויף דעם פּלאַץ. פון איצט אָבער, דהיינו, פון יאָר 1621, ווערט זיי פאַרבאָטן אויף ווייטער זיך צו באַזעצן אויפן „רינעק” און אין דער גאַנצער שטאָט טאָרן זיי נישט פאַרמאָגן מער ווי בסך הכל דרייסיק הייזער, און דווקא קליינע הייזער (דאָס הייסט: איין־פאַמיליעדיקע הייזער, וואָס פאַרנעמען נישט מער ווי איין פּלאַץ פאַר יעדן הויז). עס ווערט בפירוש אונטערגעשטראָכן, אַז אין אָט די דרייסיק הייזער מעגן זיי פירן אַ פרייען האַנדל, און נאָר די באַוווינערס פון די דרייסיק הייזער געניסן פון זכות באַפרייט צו זיין פון די לייסטונגען פאַרן הויף און פון זכות צו צאָלן דער שטאָט־קאַסע נישט מער ווי 6 (זעקס) גראָשן יערלעך. און איצט קומט אַ וויכטיקער פונקט, וועלכער באַווייזט אַז די צאָל יידן וואָס האָבן געוווינט אין ביאַלע איז פיל גרעסער געווען; דער פונקט לייענט זיך אַזוי: „זאָל זיך אָבער אַרויסווייזן, אַז יידן פאַרמאָגן אין ביאַלע מער ווי דרייסיק הייזער, וועלן די יידן פון די דאָזיקע הייזער טראָגן אַלע לאַסטן (פריצישע און שטאָטישע), גלייך מיט דער קריסטלעכער באַפעלקערונג”.

דאָס בילד איז דוכט זיך גאַנץ קלאָר: אַ קהילה פון איבער 30 משפחות, וואָס אירע אָנגעהעריקע וווינען אין אייגענע הייזער, דער עיקר אין „רינעק” און באַשעפטיקן זיך מיט האַנדל. מען דאַרף אָננעמען, אַז דאָס איז געווען די אַלגעמיינע לאַגע אין משך פון 17טן יאָרהונדערט; אין לויף פון דער צייט איז אָבער די צאָל יידן און זייערע הייזער שטאַרק געוואַקסן, ווי מיר וועלן זען אין אַ ווייטערדיקן פּרק.

ווי אַזוי האָט זיך געלעבט ביאַלער יידן אין פּרט פון רעגולירן די פאַרהעלטענישן מיט דער שטאָט און מיטן פּריץ? ווי איז געווען זייער עקאָנאָמישע לאַגע? דאָס וועלן מיר זיך געוויר דערוויסן פון די ווייטערדיקע אויספירונגען. דאָ וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אויף דער רעכטלעכער לאַגע פון דער קהילה.

ווייזט אויס, אַז די אויטאָנאָמיע פון דער קהילה איז געווען זייער באַגרענעצט און דער הויף האָט זיך אַריינגעמישט אין אַלע פּרטים פון קהלשן לעבן: דער בודזשעט האָט געמוזט פאָרגעלייגט ווערן דעם הויף, און אפילו אין פּרט פון אויפנעמען אַ רב האָט ער זיך אַריינגעמישט; ער האָט זיך אַפילו גענומען דאָס רעכט אַראָפּצוזעצן אַ רב, ווען ער איז אים נישט געפעלן, און נאָמינירן אַ נייעם, צו וועמען ער האָט געהאַט מער פאַרטרויען. אַזוי איז ווייניקסטנס געווען די לאַגע אין 18טן יאָרהונדערט. עס איז אָנצונעמען מיט גרויסער וואַרשיינלעכקייט, אַז פריער איז דער מצב געווען אַ בעסערער. אין משך פון דער צייט איז די צאָל יידן אויסגעוואָקסן, די קאָנפליקטן מיט דער קריסטלעכער באַפעלקערונג זענען געוואָרן שאַרפער. דער אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט געהאַט זיין גייסטיקע יניקה, אַ חיזק אין דער פאַרערגערטער עקאָנאָמישער לאַגע, אויך אין דעם וואַקסנדיקן רעליגיעזן פאַנאַטיזם, איז געוואָרן שטאַרקער און אַגרעסיווער. די עקאָנאָמישע פּאָזיציע פון גאַנצן פּוילישן יידנטום איז פון דער צווייטער העלפט פון 17טן יאָרהונדערט שטאַרק אונטערגעגראָבן געוואָרן. איז אַלזאָ נישט קיין ווונדער, אַז אויך די סאָציאַלע און רעכטלעכע לאַגע פון יידן האָט זיך פאַרערגערט, און ווי אַ פּועל יוצא דערפון איז באַשרענקט געוואָרן די יידישע אויטאָנאָמיע. אָט נעמען מיר צום פאַרגלייך צוויי קאָנטראַקטן, וואָס דער ביאַלער הויף האָט געמאַכט מיט יידן, וואָס האָבן גענומען אין אַרענדע די הכנסות פון די ביאַלער גיטער; איינער פון יאָר 1645 און דער צווייטער פון יאָר 1736. אין דעם ערשטן קאָנטראַקט, מיט אַ בריסקער ייד פּנחס בן שמואל, באַקומט ר׳ פּנחס דאָס רעכט צו משפּטן מיט פולער פולמאַכט די פויערישע באַפעלקערונג פון די ביאַלער גיטער („דער הער אַרענדאַר [6] אַליין אָדער זיינע באַאַמטע”); נאָר אין שטראָף־אָנגעלעגנהייטן וואָס קאָנען נאָך זיך ציען אַ פּסק־דין פון טויט־שטראָף (W sprawach zagrożonych gardłem) באַוואָרנט זיך דער פּריץ צוצוגעבן אַ ריכטער פון זיין זייט. אַפילו אין אָנגעלעגנהייטן, אין וועלכע עס ווערן געמשפּט פרייע גרונט־באַזיצערס האָט ר׳ פּנחס דאָס רעכט פאָרצושלאָגן פון זיין זייט אַ ריכטער (אַ גרונט־באַזיצער, אַ שליאַכטשיץ). דאַקעגן אין דעם קאָנטראַקט מיט דעם „גענעראַל־קאַסירער”, מיטן נאָמען שמואל בן־יצחק (אַ ביאַלער תושב) פון יאָר 1736 הייסט עס בפירוש: „אונטער גרויסער שטראָף טאָר נישט דער פאַקטאָר שמואל משפּטן און נישט שטראָפן די אונטערטאַנען, און קיין יידישע האַנט דאַרף נישט אָנרירן קיין קריסט”. דער אונטערשייד, דוכט זיך, איז בולט און באַדאַרף נישט קיין ווייטערדיקע דערקלערונגען.

איצט לאָמיר זען ווי אַזוי האָבן געווירקט אין לעבן די באַשרענקונגען פון דער יידישער אויטאָנאָמיע אין 18טן יאָרהונדערט. די אַקטן ברענגען אונדז פיר וויכטיקע באַווייזן צו דעם ענין: צוויי פון יאָר 1736 און צוויי פון די יאָרן 1763—1765. אין יאָר 1736 האָט די פירשטין אַננאַ גענומען „מאַכן אָרדענונג” אין ביאַלער קהילה און האָט באַפוילן דעם אויבן־דערמאָנטן גענעראַל־קאַסירער שמואל בן־יצחק אַריינצוקוקן אין אַלע קהלשע ענינים, און „צוגרייטן דעם בודזשעט פון הכנסות און הוצאות”. אונטער שווערער שטראָף באַפעלט זי דער קהילה פאָרצולייגן שמואלן אַלע רייסטערס און אַלע אַנדערע אַקטן און פּאַפּירן; פאָלגן אַלע זיינע פאַראָרדענונגען, און „נישט צו טאָן די קלענסטע זאַך אָן זיין וויסן”. ר׳ שמואל באַקומט דאָס רעכט אַראָפּצוזעצן די געוויילטע קהילה־פאַרוואַלטונג און נאָמינירן אַן אַנדערע אין פאַל ווען קהל וועט אים נישט פאָלגן. די פירשטין באַפעלט פאָרצולייענען אָט די פאַראָרדענונג אין דער שול, כדי יעדערער זאָל וויסן וואָס עס איז פון איצט אָן איר פאַרלאַנג אין דעם פּרט פון קהלשער פאַרוואַלטונג. עס מוז צוגעגעבן ווערן, אַז די פאַראָרדענונג אַנטהאַלט איין פונקט, וואָס באַווייזט, אַז די הויך געלויבטע גערעכטע פירשטין האָט געהאַט אַ גוטע כוונה זיך אָנצונעמען פאַר די אינטערעסן פון די אָרעמערע שיכטן פון ביאַלער קהל

זי אַקצענטירט אין דער פֿאַראָרדענונג בפירוש, אַז דער בודזשעט דאַרף אַזוי צוזאַמענגעשטעלט ווערן, אַז די רייכע זאָלן נישט פּריווילעגירט ווערן אויפֿן חשבון פֿון די אָרעמערע, כדי איינער זאָל נישט ליידן לטובת דעם צווייטן. מיר באַקומען דאָ אַ בולטן רמז פֿון די סאָציאַלע קעגנזאַצן און פֿון דער הערשאַפֿט פֿון די נגידים אין די יידישע קהילות אין 18טן יאָרהונדערט צום שאָדן פֿון די אָרעמע שיכטן. אַ לאַגע וואָס האָט לויט דער מיינונג פֿון די היסטאָריקער אַ סך בייגעטראָגן צו דער ירידה און חורבן פֿון דער יידישער אויטאָנאָמיע. צי האָט זיך אונדזער ר׳ שמואל געהאַלטן אָן דעם סאָציאַלן פּרט פֿון דער פּריצישער פֿאַראָרדענונג — איז נישט צו דערגיין, אָבער אַ געוויסן רמז האָבן מיר יאָ. אין יאָר 1748/9 זאָל ר׳ שמואל האָבן געצאָלט נישט מער ווי 15 זלאָטעס שטייערן (פּאַקטיש האָט ער געצאָלט נישט מער ווי 9 זלאָטעס), און אין יאָר 1749/50 צאָלט ער נאָך ווייניקער, נישט מער ווי 7 זלאָטעס. ר׳ שמואל איז אוודאי געווען אַ רייכער ייד, זיין פּאָסטן ווי אַ גענעראַל־קאַסירער פֿון הויף האָט אים בלי ספק אַריינגעבראַכט היפּשע הכנסות; און אויב אַזוי — אויב ער האָט נאָך אין די יאָרן 1748—1750 געהאַט די אַלטע פֿולמאַכטן — טאָ פֿרעגט זיך, פֿאַרוואָס צאָלט ער אַזוי ווייניק בשעת אַנדערע צאָלן סומעס ביז 250 זלאָטעס?

לאָמיר איצט זען ווי ס׳האָט געווירקט דער דערמאָנטער באַפֿעל פֿון דער פּריצטע. אין דער קהילה איז, ווייזט אויס, אַנטשטאַנען אַ קאָכעניש. קהל האָט זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן שמואלן, דעם פּריצישן אַרענדאַר און גענעראַל־קאַסירער, און ס׳איז זיך משער צו זיין, אַז קהל האָט באַשלאָסן צו אַריינלייגן אים אין חרם. די פּריצטע איז אָבער געווען אַנטשלאָסן אין אירע האַנדלונגען. פֿאַר איר איז דאָס נישט געווען קיין פֿראַגע וועגן יאָ יידישע אויטאָנאָמיע אָדער נישט יידישע אויטאָנאָמיע, נישט דאָס איז געווען פֿאַר איר דער עיקר. אינטערעסירט האָבן איר מער אירע הכנסות. אַ קהילה, וואָס וואַגט זיך איר ווידערצושפּעניקן, איז פֿון פּיסקאַלישן שטאַנדפּונקט נישט קיין זיכערער אונטערטאַן, און דערפֿאַר מוז זי שטרענג באַשטראָפֿט ווערן. דריי טעג נאָכן פֿאַרעפֿנטלעכן די פֿריער־דערמאָנטע פֿאַראָרדענונג (9טן סעפּטעמבער 1736) וועגן די פֿולמאַכטן פֿאַר ר׳ שמואלן, האָט די פּריצטע אַראָפּגעזעצט דעם רב און אַרויפֿגעלייגט אויף אים אַ גרויסן קנס פֿון 100 רויטע גילדן.[7] ר׳ שמואל באַקומט די פֿולמאַכט צו נאָמינירן אַ נייעם רב און צו מאַכן אָרדענונג אין דער קהילה. אין אַריינפֿיר צו אָט דעם פּסק זאָגט די פּריצטע בפירוש, אַז דער טעם איז אַ פּיסקאַלישער; אַז דאָס איבערגעבן די אַרענדע דעם גענעראַל־קאַסירער (און דאָס מיינט אויך די אויפֿזיכט איבער דער קהלשער ווירטשאַפֿט) האָט געהאַט דעם צוועק צו פֿאַרזיכערן איר, דער פּריצטע, די הכנסות פֿון די יידן, און אַז די קהילה, ווי אויך דער רב האָבן געוואָלט פֿאַרמינערן אירע הכנסות. מיר זעען אַלזאָ, אַז די קהילה איז געווען אין אירע אויגן נישט מער ווי אַן אָביעקט, ווי אַלע אַנדערע אירע גיטער. ווי לאַנג האָט געדויערט די הערשאַפֿט פֿון ר׳ שמואל בן יצחק, איז נישט באַוווּסט. פֿון אַ צופֿעליקער קאָרעספּאָנדענץ פֿון דאַנציג אין אַ דייטשער צייטונג, דערוויסן מיר זיך, אַז אין יאָר 1751 איז ער שוין געווען אויפֿן עולם־האמת.

אין יאָר 1763 שטייען מיר פֿאַר אַ נייעם פֿאַקט פֿון פּריצישער הערשאַפֿט איבער דער קהילה. דער פּירשט איז מודיע, אַז „פֿון פֿאַרשיידענע זייטן האָט מען פֿאַר אים געריימט דאָס לומדות און די עניוות פֿון דעם ייד ר׳ יוסי בן יעקב, און דערפֿאַר נאָמינירט ער אים פֿאַרן רב פֿון דער ביאַלער קהילה״. ער גיט איבער אין זיינע הענט די פֿולמאַכט צו משפּטן און אויסצופֿירן די אורטיילן, און באַהאַלט פֿאַר זיך דאָס רעכט פֿון אַפּעלאַציע־ריכטער. די נאָמינאַציע איז געווען אויף 6 יאָר (דאָס הייסט ביזן יאָר 1769). דער נייער רב (ליידער ווייסן מיר גאָרנישט וועגן אים) וויל אָבער זיין זיכער מיט זיין נייעם אַמט, פֿאַר וועלכן ער האָט אַוודאי שיין באַצאָלט, און — נאָך באַמיאונגען — באַקומט ער אין 1765, אַן אָפֿיציעלע באַשטעטיקונג פֿאַר זיין אַמט פֿון דעם העכסטן מלוכה־אַמט, פֿון סאַמע אינערן־מיניסטער אַליין.

ג. ביאַלער יידן און זייער עקאָנאָמישער מצב אין דער מיט פֿון 18טן יאָרהונדערט

די צאָל פֿון די יידן אין ביאַלע האָט אין דער מיט פֿון 18טן יאָרהונדערט באַטראָפֿן אַן ערך 200 משפּחות. 110 משפּחות אין אייגענע הייזער און בערך 90 משפּחות ווי „קאָמאָרניקעס״ (לאָקאַטאָרן), וואָס וווינען ביי פֿרעמדע. אָננעמענדיק פֿאַר יעדער משפּחה — מאַן, ווייב און קינדער — אַ דורכשניט פֿון 5 נפֿשות, באַקומען מיר די צאָל פֿון 1000 נפֿשות, בערך. מ׳מוז געדענקען, אַז די סטאַטיסטישע צאָלן פֿאַר יענער צייט זענען פֿאַרפּלאָנטערט און נישט גענוי. אין איין רשימה ווערט די וואָליע (פֿאָרשטאָט פֿון ביאַלע) מיטגערעכנט צו ביאַלע, אין אַ צווייטער — נישט. אין איין רשימה ווערן אויסגערעכנט יידן אין ביאַלע, אין דאָקודאָוו (דאָס דאָרף דאָקידעווע) און אין די אַרומיקע דערפֿער, אין אַן אַנדערער — ביאַלע אַליין. אין איין רשימה רעכנט זיך די גאַנצע יידישע באַפֿעלקערונג מיט אַלע קינדער, אין אַן אַנדערער ווערן געציילט נאָר די קינדער וואָס זענען עלטער פֿון 10 יאָר. אין איין רשימה רעדט זיך וועגן הייזער (dymy), אין אַן אַנדערער — וועגן משפּחות אָדער בעלי־בתים. די שריפֿות און מגיפֿות האָבן פֿון זייער זייט אָפּט געענדערט די צאָל. די באַהויפּטונגען, אַז ביאַלע האָט געציילט אין דער מיט פֿון 18טן יאָרהונדערט אַרום 1000 נפֿשות איז אַזוי אַרום נאָר אַן השערה, וואָס דערנענטערט זיך צום אמת, זי איז אָבער נישט קיין גענויע. פֿאַר יעדן פֿאַל ווייזט אויס, אַז ביאַלע האָט זיך גערעכנט פֿאַר אַ נישט קליינע שטאָט אין פּרט פֿון יידישער באַפֿעלקערונג. מיר ווייסן, למשל, אַז אין יאָר 1764 האָט די לובלינער קהילה (שטאָט אַליין, נישט רעכענענדיק די אַרומליגנדיקע דערפֿער) געציילט 1383 נפֿשות; די לוקאָווער — 543; די ראַדזינער — 537; די שעדלעצער — 332; די קראַשניקער — 921, נישט אַריינרעכענענדיק קינדער פֿון אונטער איין יאָר. אין פֿאַרגלייך צו די שטעט קאָן מען אַלזאָ ביאַלע באַטראַכטן פֿאַר אַ צאָלרייכע קהילה.

מיר האָבן אַ רשימה פֿון יאָר 1742 פֿון די ביאַלער איינוווינערס, הגם לויט די גאַסן, און אויך די רשימה איז נישט

קיין גענויע, גיט זי דאָך אַ בילד פון דער ביאַלער באַפעלקע־רונג.

די ביאַלער באַפעלקערונג לויט די גאַסן *

נאָמען פון גאַס	הייזער		משפחות	
	קריסט.	יידישע	קריסט.	יידישע
מאַרק Rynek	14	17	14	18
בריסקער [א] Brzeska	20	22	24	34
צו רעפאָרמאַטן do Reformatów	15		22	
פון דער בלאָניע צום מאַרק od Błonia ku Rynkowi	23	2	27	3
פון רעפאָרמאַטן — וואָליע od Reformatów ku Woli	6		9	
פון רעפאָרמאַטן צו יורידיטשנע ** od Reformatów ku Jurydycznej	6	—	8	—
לובלינער Lubelska	7	—	8	—
לובלינער יורידיטשנע [ב] Lubelska Jurydyczna	15	—	18	—
פלעבאַנסקע הינטער דער פאַרע Plebańska za farą	15	—	17	—
פון קלויסטער, פון הינטן od Kościoła tyłem	6	1	6	1
שטאָטישע פון פלעבאַנשטשיזנע Miejska od Plebańszczyzny	7	4	9	6
מעזריטשער Międzyrzecka	31	7	35	10
גאַרנצאַרסקע Garncarska	17	—	18	—
לאָשיצער Łosicka	16	22	17	28
זאַשקאָלנע צום פעלד *** Zaszkolna do Pola	19	12	20	20
יאַנעווער Janowska	25	1	29	1
זאַשקאָלנע פון יאַנעווער [ג] Zaszkolna od Janowskiej	—	24	—	45
ס"ה	242	112	281	166

וואָס לערנט אונדז די רשימה? לאָמיר פעסטשטעלן עטלעכע מסקנות:

א. אין ביאַלע וווינען אין יאָר 1742 — 447 משפחות, פון זיי פאַרנעמען די יידישע — אַרום 37 פראָצענט. מיר ווייסן, אַז אין 19טן יאָרהונדערט איז די צאָל יידן שטאַרק געוואַקסן און האָט איבערגעשטיגן די צאָל קריסטן.

ב. אין ביאַלע זענען פאַראַן 354 הייזער (אַחוץ וואָליע), פון זיי פאַרנעמען די יידישע הייזער אַרום 32 פראָצענט.

ג. אין יעדן יידישן הויז וווינען 1.36 משפחות; אין יעדן קריסטלעכן הויז — 1.16 משפחות.

ד. די יידן וווינען כמעט אין אַלע גאַסן, זיי זענען אָבער בעיקר קאָנצענטרירט אויפן „רינעק", אויף בריסקער גאַס, אויף לאָשיצער גאַס און אין דער אומגעגנט פון דער שול. אין די גאַסן ווו מיר געפינען נישט קיין יידן, זענען פאַראַן כמעט בלויז יורידיקישע הייזער; הייסט עס, אַז ס'וווינען אין זיי משפחות פון דער הויף־דינערשאַפט, אָדער זיי זענען אויך פון קריסטן ווייניק באַוווינט (מיט איין אויסנאַם, פון דער גאַרנ־צאַרסקער גאַס).

ה. קריסטן וווינען בדרך־כלל צוזאַמען מיט יידן, נאָר אין אַ געוויסן קרייז פון דער שול איז נישט פאַראַן קיין איינציק קריסטלעך הויז.

לאָמיר איצט זען פון וואָס האָבן די יידן געלעבט, וואָס איז געווען זייער באַשעפטיקונג. די רשימה פון 1742 גיט אונדז נישט קיין גאַנץ גענוי בילד, אָבער דאָך איז איר אָנווייזונג גאַנץ בולט. נישט ווייניקער פון 53 פרנסה־געבערס פון די 166 יידישע משפחות זענען בעלי־מלאכות (אַ דריטל, בערך), צווישן זיי פאַרנעמען די שניידערס און קירזשנערס, ווי אין גאַנצן פוילישן יידנטום פון יענער צייט, דעם ערשטן פלאַץ — 22 שניידערס און קירזשנערס צווישן 53 בעלי־מלאכות (בערך 42 פראָצענט). צווישן די אַנדערע בעלי־מלאכות געפינען זיך: שמוקלערס, גאָלדשמידן, קאַטלערס, איינבינדערס, טאָ־קערס, בלעכערס, גלעזערס און, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אויך קצבים. פאַרן יאָר 1748 ווערן נאָך אויסגערעכנט: פורמאַנעס, בעקערס, שטיינהאַקערס און פרייע באַרופן, ווי: כלי־זמר און פעלדשערס. פון דער נישט־אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג האָט זיך דער רוב באַשעפטיקט מיט האַנדל און שענקעריי.[8] די עשירים האָבן אויך געפירט גרעסערע אַרענדע־געשעפטן מיט דער שטאָט און מיטן הויף, פאַכטנדיק ביי אים די הכנסות פון

א דאָ געפינט זיך דער יידישער שפּיטאָל.

ב דאָ געפינט זיך דער קריסטלעכער שפּיטאָל.

ג דאָ געפינט זיך דער בית־הכנסת.

* ליידער איז מיר נישט געלונגען צו באַקומען אַ פּלאַן פון דער שטאָט פון יענער צייט, אָבער ביאַלער מענטשן וועלן זיכער לייכט קאָנען אידענטיפיצירן די אויבנדיקע נעמען מיט די נעמען פון די גאַסן אין זייער צייט.

** יורידיקישע הייזער מיינט מען אַזעלכע, וואָס געהערן צום הויף, און זייערע איינוווינערס אונטערליגן נישט דער שטאָטישער מאַכט.

*** זאַשקאָלנע — מיינט די גאַס פון דער שול; צום פעלד — צום בית־הקברות.

די אַרומליגנדיקע גיטער. יידן האָבן געקויפט ביים הויף ערד־פּראָדוקטן און האָבן צוגעשטעלט פאַרשיידענע הצטרכותן צו זיין אויסהאַלט. מיר געפינען אין די אַקטן פאַרשיידענע חשבונות, וואָס באַווייזן, אַז דער הויף איז נישט תמיד געווען פּינקטלעך אין צאָלן זיינע התחייבותן. אָט האָבן מיר אַ רשימה פון חובות (פון יאָר 1791) וואָס דער הויף איז שולדיק יידישע סוחרים און בעלי־מלאכות: 4716 זלאָטעס פאַר צושטעלונגען פון חלב, וואַקס, קאַווע און פלייש; חובות פאַר אַנדערע סחורות — אַ סומע פון 8000 זלאָטעס; חובות פאַר אויסגעפירטע אַרבעטן — אַ סומע פון 2836 זלאָטעס (דערפון שניידערס און קירזשנערס 869 זלאָטעס, דעם טאָקער — 1384 זלאָטעס), און דערצו נאָך אַ גאַנצע ריי אַנדערע קלענערע און גרעסערע חובות.

אַן אינטערעסאַנטן באַווייז ווי אַזוי דער הויף האָט נישט געצאָלט זיינע חובות, זעען מיר פון די חשבונות פאַרן יאָר 1780. דאָס יאָר איז דער הויף געווען שולדיק קהל 3756 זלאָטעס פאַר צוגעשטעלטן וואַקס.[9] קהל האָט באַקומען במזומן 400 זלאָטעס און פאַר 900 זלאָטעס האָט ער באַקומען 40 טויזנט שטיק ציגל. די געבליבענע 2456 זלאָטעס פאַרפליכטעט זיך דער פּריץ אויסצוצאָלן ביזן סוף יאָר, אָבער אין דער אמתן געפינען מיר דעם חוב נאָך אין יאָר 1795 צווישן די אַנדערע 5000 זלאָטעס חובות, וואָס זענען אָנגעוואַקסן אין משך פון די יאָרן. כדי צו רעגולירן דעם חוב, דערקלערט זיך דער פּריץ באַרייט אָפּצוציען פון דער סומע, וואָס יידן צאָלן אים פון דער קאָראָבקע[10] 500 זלאָטעס יערלעך.

די דיפערענציאַציע פון די קהילה־אָנגעהעריקע, פון שטאַנדפּונקט פון זייערע פאַרמעגנס־פאַרהעלטענישן קאָנען מיר זען אויפן סמך פון אַ שטייער־רשימה פון דער מיט פון 18טן יאָרהונדערט. מען מוז נאָר געדענקען, אַז אויך דאָ איז די פּינקטלעכקייט נישט גאַנץ זיכער. מיר ווייסן, אַז אויך היינט איז די שטייער־באַלאַסטונג נישט קיין גאַנץ גענויער שפּיגל פון דער אמתער לאַגע פון צאָלער. אין אַ געוויסן זין באַקומען מיר אָבער אויפן גרונט פון דער רשימה אומגעפער אַ בילד פון דער לאַגע. מיר האָבן פאַר אונדז אַ רשימה פון 214 שטייער־צאָלערס, וואָס נעמט אַרום כמעט אַלע שטייערן פאַרן יאָר 1749/50.

שטייער־צאָלערס

ס׳האָבן נישט געצאָלט גאָרנישט	27
ביז 1 זלאָטע האָבן געצאָלט	3
2 —5 זלאָטעס האָבן געצאָלט	26
6 —10 „ „ „	46
11 —15 „ „ „	25
16 —20 „ „ „	25
21 —30 „ „ „	20
31 —40 „ „ „	12
41 —50 „ „ „	9
51 —60 „ „ „	8
61 —70 „ „ „	3
71 —80 זלאָטעס האָבן געצאָלט	2
81 —90 „ „ „	1
91 —100 „ „ „	1
101—150 „ „ „	3
151—200 „ „ „	1
201—250 „ „ „	1
מער ווי 250 זלאָטעס האָבן געצאָלט	1
ס״ה	214

באַטראַכטנדיק די צאָלערס ביז 5 זלאָטעס פאַר אָרעמע, ביז 40 זלאָטעס — פאַר מיטלשטאַנד, ביז 100 זלאָטעס — פאַר רייכע, מער ווי 100 זלאָטעס — פאַר גבירים — באַקומען מיר דאָ פאָלגנדיקע פאַרמעגנס־שיכטן אין ביאַלע:

אָרעמע	56	26.2 פּראָצענט
מיטלשטאַנד	128	59.8 „
רייכע	24	11.2 „
גבירים	6	2.8 „
	214	100.— „

ס׳איז כדאי צו באַמערקן אַז צווישן די אָנגעהעריקע פון מיטלשטאַנד געפינען מיר אַ סך בעלי־מלאכות.

ד. דער קהילה־בודזשעט אין די מיטעלע יאָרן פון 18טן יאָרהונדערט

פון די ביז איצטיקע אויספירונגען האָבן מיר זיך באַקאַנט מיט דער אַלגעמיינער לאַגע פון דער קהילה און אירע אָנגעהעריקע. אַ גענויער בילד פון פונקציאָנירנדיקן קהילה־אַפּאַראַט, זיינע קאָמפּעטענצן און פאַרהעלטענישן מיט די מאַכט־האָבערס: דעם הויף, דער מדינה און דער שטאָט, וועלן מיר באַקומען אַנאַליזירנדיק דעם בודזשעט פון דער קהילה, אירע הכנסות און אירע הוצאות. ווי באַוווּסט איז אַ בודזשעט פון אַ פּריוואַטן יחיד, און נאָך אין אַ גרעסערער מאָס אַ בודזשעט פון אַן עפנטלעך־געזעלשאַפטלעכער קערפּערשאַפט, איינער פון די געטרייסטע אָנווייזער פון זייער לאַגע, פון זייערע באַדערפענישן, זייערע השגות און ווונטשן. מיר וועלן זיך דאָ אָפּשטעלן אויף אַ בודזשעט פאַרן יאָר 1748/9 („פון הייליקן יאַן 1748 ביזן הייליקן יאַן 1749"), און אַנאַליזירנדיק זיינע איינצלנע פּאָזיציעס, וועלן מיר ברענגען צום פאַרגלייך ידיעות פון אַנדערע יאָרן. ס׳דאַרף נישט זיין אויפפאַלנדיק וואָס די צייט־רעכענונג פון דעם בודזשעט טראָגט נישט קיין יידישע דאַטע (פון תשרי ביז תשרי, אָדער פון ניסן ביז ניסן), נאָר אַ קריסטלעכע. ס׳איז אַ בולטער באַווייז אַז די געלט־ווירטשאַפט פון דער קהילה איז נישט קיין ריין־יידישע אָנגעלעגנהייט, נאָר אַ „שותפות־געשעפט" מיט דעם האַר, דעם פּריץ, וועמען ס׳אונטערליגט די קהילה. קודם־כל לאָמיר זען די ציפערן, און דערנאָך וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אויף זייער משמעות פון פיסקאַלישן און פון ווירטשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט.

דער ביאַלער קהילה־בודזשעט פאַרן יאָר 1748/9

הכנסות

	זל.
דירעקטע שטייערן (פאַרמעגן־און קאָפּשטייער)	3133
הויזשטייער	661
דירעקטער שטייער פון די אַרענדאַרן אין די דערפער און גיטער וואָס געהערן צו ביאַלע	604
הכנסה־שטייער פון קליינעם האַנדל	900
פלייש־שטייער (קאַראָבקע)	3225
באַזונדערער שטייער צו דעקן דעם היזק ביים וועקסלען פריציש געלט	231
הכנסה פון דער מקוה און פון דעם בית־מרחץ	150
קנסות (שטראָפן)	15
אָפּצאָלן פון פרייע פלעצער	30
הלוואות	1079
ס״ה	10028

הוצאות

	זל.
מלוכה־שטייער	1035
אָפּצאָלן לטובת דעם הויף	2609
אָפּצאָלן לטובת דעם קאַטוילישן קלער	2534
באַזונדערע מתנות פאַרן הויף און פאַר דעם קאַטוילישן קלער	365
אָפּצאָלן לטובת דער שטאָט־פאַרוואַלטונג	112
פאַר אייגענע יידישע הצטרכותן	1467
פאַרשיידענע הוצאות	529
חובות און פּראָצענטער	2075
„רעמאַנענט"	342
ס״ה	11068

איידער מיר גייען איבער צו דערקלערן דעם באַדייט פון יעדער פּאָזיציע, מוזן מיר זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם אַפּאַראַט און וועגן דער פּראָצעדור פון דער קהלשער געלט־ווירט־שאַפט. כלפי־חוץ איז די קהילה אויפגעטראָטן ווי אַן איינהייטלעכע קערפּערשאַפט, און די קהילה איז געווען די אָפיציעלע פאַרטרעטערין און פאַרמיטלערין צווישן יעדן יחיד און אַלע אויסערלעכע מאַכט־אָרגאַנען. אין שטייער־וועזן איז אַלזאָ יעדע לאַסט, יעדע פאַרפליכטונג און פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט געלעגן נישט אויפן יחיד, נאָר אויף דער קהילה. די קהילה האָט געהאַט פאַר זיך דריי וועגן איינצוזאַמלען דאָס נייטיקע געלט: א. אַרויפלייגן דירעקטע שטייערן — לויט דעם פאַר־מעגונגס־מצב פון די איינצלנע קהילה־אָנגעהעריקע. ב. אַרויפ־לייגן אומדירעקטע שטייערן אויף די אַרטיקלען פון ערשטן געברויך, ווי צום ביישפּיל, פלייש. ג. ווען דיביידע מקורות האָבן נישט געסטייעט, האָט די קהילה געמוזט אַריינגיין אין חובות, באָרגנדיק געלט ביי קריסטן אָדער ביי יידן — אויף אַ הויכן פּראָצענט, באַשווערנדיק אַזוי־אַרום דעם בודזשעט פון די שפּעטערדיקע יאָרן, וואָס וועלן אָפּשר זיין בעסערע. די ביאַלער קהילה איז געגאַנגען, אַזוי ווי אַנדערע פּוילישע קהילות, אין די אַלע דריי וועגן.

כדי צו צעלייגן די דירעקטע שטייערן, פלעגט מען וויילן אַן אָפּשאַץ־קאָמיסיע (שמאים), און זי פלעגט, לויט אַ גע־וויסער פּראָצעדור צעלייגן דעם שטייער. ליידער איז נישט פאַראַן דער פּנקס פון דער קהילה און מיר ווייסן נישט ווי אַזוי עס האָט געאַרבעט די שמאים־קאָמיסיע אין ביאַלע. יעדנפאַלס מוז מען געדענקען, אַז דער דירעקטער שטייער האָט אויך געדינט ווי אַ שליסל פון פּאָליטישע און געזעלשאַפט־לעכע רעכט, און נאָר די הויך־באַשטייערטע האָבן געהאַט די זכיה צו וויילן און געוויילט צו ווערן אין די פאַרשיידענע אָרגאַנען פון דער קהלשער פאַרוואַלטונג און אָנפירונג. דער אויספיר־אָרגאַן איינצומאָנען שטייערן, זענען געווען די נאמנים און די שמשים; און, ווייזט אויס, אַז זיי האָבן זיך אויך באַנוצט מיט דער הילף פון הויפישע מענטשן.

די אומדירעקטע שטייערן פלעגט די קהילה פאַרפאַכטן, און דער פאַכטער האָט דערפון געהאַט זיינע הכנסות. צומאָל זענען די פאַכטערס געווען אין צרות, ווען דער הויף האָט אוועקגעשטעלט אַ צו־הויכע אָפּשאַצונג פון דעם פאַכט־געלט, אָדער ער האָט פאַרלאַנגט אַ פאַרזיכערונג פון פּינקטלעכער צושטעלונג פון פלייש פאַרן טאָג־טעגלעכן געברויך. אַזוי צאָלט, למשל, די קהילה איינמאָל אַ סומע פון 60 זלאָטעס שוחד דעם פּריצישן אויפזעער, אַז ער זאָל אין אַזעלכע פאַלן נישט באַשטראָפן דעם פאַכטער.

און איצט וועלן מיר זען וואָס מיינט יעדע פּאָזיציע. קודם־כל — די הוצאות.

די יידן האָבן געצאָלט דער מלוכה צווייערליי שטייערן: אַ הויזשטייער, וועלכער האָט באַטראָפן 8 זלאָטעס, בערך, פון יעדן הויז (געצאָלט אין צוויי ראַטעס); אין דעם בודזשעט־יאָר וועגן וועלכן מיר רעדן דאָ זענען געווען באַשטייערט 70 יידישע הייזער (די סומע פון שטייער באַטרעפט אַרום 537 זלאָטעס). ב. קאָפּשטייער, וואָס אַרום זיין אויסמעסטונג האָט די ביאַלער קהילה געמוזט פירן פאַרהאַנדלונגען מיט דער בריסקער קהילה, און דורך איר פאַרמיטלונג האָט ער אים געצאָלט דעם מלוכה־אוצר. אין יאָר 1748/49 האָט דער קאָפּשטייער באַטראָפן 498 זלאָטעס. אַזוי האָט זיך געפירט ביז צום יאָר 1764. דאָס יאָר איז אָפּגעשאַפט געוואָרן די יידישע צענטראַלע אויטאָנאָמיע, און דער קאָפּשטייער איז אַרויפגעלייגט געוואָרן פערזענלעך אויף יעדן יחיד אין דער הויך פון צוויי זלאָטעס יערלעך פאַר יעדן נפש, חוץ פון קינדער אונטער איין יאָר.

די קהילה צאָלט דעם הויף פאַרשיידענע אָפּצאָלונגען, וואָס האָבן אַ דרייפאַכן כאַראַקטער. איין מין אָפּצאָלונג איז אייגנטלעך דער פּרייז פאַר לייסטונגען מצד דעם הויף פאַר די קהילה־אָנגעהעריקע, ווי למשל, צינזן פאַר די פלעצער פון די יידישע הייזער. דער אַנדערער מין — דאָס זענען געווען פאַרשיידענע מתנות ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן. דער דריטער סאָרט — דאָס זענען לייסטונגען, וואָס לויט דער

פּעאָדאַלער אָרדענונג וואָס האָט געהערשט דעמאָלט אין פּוילן, און כמעט אין גאַנץ אייראָפּע, זענען אַלע אונטערטאַנען, און אין דער ערשטער ריי די פּויערים, געווען מחויב צו לייסטן לטובת די פּריצים. פון די 2609 זלאָטעס לטובת דעם הויף, קאָנען מיר אייגנטלעך נאָר די 609 זלאָטעס אָנזעען ווי אַן אָפּצאָל פאַר פּאַקטישע לייסטונגען לטובת דעם יידישן שטייער־צאָלער. דער רעשט אין דער הויף פון 2000 זלאָטעס (און אפשר מער ווי דאָס) זענען אָפּצאָלונגען פון צווייטן און דריטן סאָרט. אָט לאָמיר אויסרעכענען עטלעכע פּאָזיציעס: שטעלן פערד־און־וואָגן „פאַר פאַרשיידענע פּריצישע באַדער־פעניש" (צוויי מאָל קיין וואַרשע); פערד־און־וואָגן פאַר פאַרשיידענע פעלד־אַרבעטן; פאַרריכטן די פאַרקאַנעס און ראַגאַטקעס; ליכט פאַר דער הויפטוואַך און אַנדערע וואַכן פון הויף; פאַרן באַשטעטיקן אויפסניי די יידישע רעכט; מתנות אויף ניטל און פּאַסכע; ווונטשגעלט צום נאָמענטאָג, און נאָך ענלעכע פּאָזיציעס פון דעם סאָרט. דאָ געהערט אויך די נישט־קליינע באַלאַסטונג פון 808 זלאָטעס, וואָס קהל האָט געדאַרפט באַצאָלן, כדי צו אַנטשעדיקן דעם הויף פאַר דער דעוואַלואַציע פון פּוילישן געלט. אין פּוילן האָבן קורסירט פאַרשיידענע וואַליוטעס, און זייער קעגנזייטיקער קורס איז נישט געווען סטאַביל. די מענטשן פון דעם ביאַלער הויפישן גאַרניזאָן האָבן באַקומען זייער געהאַלט לויט אַ גוטן קורס, און דעם אונטערשייד צווישן שלעכטן און גוטן קורס האָבן געצאָלט די יידן. ס'זענען נאָך פאַראַן עטלעכע פּאָזיציעס, וואָס ס'איז שווער צו אַנטשיידן, צי געהערן זיי צום ערשטן מין אָדער צום צווייטן און דריטן. זאָל דעריבער דער לייענער אַליין אַנטשיידן ווו ער וויל אַריינשטעלן די הוצאות וואָס זענען פאַרשריבן אין די פאָלגנדיקע רובריקעס: „פאַר מאַכן אָרדענונג ווען אַ סך יידן פון פּראָסטן פאָלק האָבן נישט געוואָלט צאָלן קיין שטייערן און אָפּצאָלונגען לויטן באַשטייענדיקן מנהג". „פאַר פּראָצעסן מיט די קליינהענדלערס און הענדלערקעס, וואָס האָבן נישט געוואָלט באַצאָלן וואָס געהערט זיך לויט די אַלטע מנהגים און באַשטימונגען". „פאַר מאַכן אָרדענונג ווען קהל האָט נישט געוואָלט קויפן קאָרן און האָבער, וואָס דער הויף האָט אויף אים אַרויפגעלייגט צו קויפן". „שוחד פאַר אַן אָפיציר ער זאָל זיך גוט באַגיין מיט איינעם אַ קהילה־פאַרשטייער וואָס זיצט אין תפיסה". „אויסהאַלטן אַנדערע יידישע אַרעסטאַנטן, וואָס זיצן אין שלאָס־תפיסה".

מיר זעען, אַז דער הויף האָט זיך געלאָזט שיין באַצאָלן פאַר דעם חסד וואָס ער האָט דערלויבט די יידן צו וווינען און לעבן אין ביאַלע. דער הויף האָט גוט פאַרשטאַנען צו פאַרזיכערן זיינע הכנסות, נישט רעכענענדיק זיך מיט די אַנדערע געלט־התחייבותן וואָס האָבן באַלאַסטעט די ביאַלער יידן. אָט הערן מיר, למשל, אין יאָר 1849/50, אַז ביאַלער יידן האָבן זיך געמוזט משתדל זיין ביי דער בריסקער קהילה, אַז זיי זאָלן צאָלן קאָפּשטייער נאָר 340 זלאָטעס (אַנשטאָט 498 זל.). אַזוי ווי די ביאַלער יידן ווילן נישט אָדער קאָנען נישט ביישטייערן צום אַלגעמיינעם קאָפּשטייער פון דעם גאַנצן פּוילישן יידנטום, ווי ס'איז אויף זיי אַרויפגעלייגט געוואָרן, מוזן אַנדערע קהילות דעקן די סומע, אָבער דער הויף וויל נישט מוותר זיין אויף זיינע הכנסות פון דער יידישער באַפעלקערונג, און ער מאָנט ביז דער לעצטער פּרוטה.

די אָפּצאָלן לטובת דעם קאַטוילישן קלער זענען אין אַ קלענער מאָס פאַראַנטעטער פאַר געוויסע הלוואות, אָבער בעיקר זענען דאָס מתנות פאַר פאַרשיידענע גלחים און קלויסטערס, פאַר מנישקעס און מאָנאַכן; פאַר דער אַקאַדעמיע, איר רעקטאָר, אירע פּראָפעסאָרן און סטודענטן; פאַר דעם מושב־זקנים וואָס געפינט זיך ביי איינעם פון די ביאַלער קלויסטערס (גאַנצע 336 זלאָטעס), פאַר ליכט און חלב אין די קלויסטערס. אָט די אַלע אָפּצאָלונגען, וואָס איבערשטייגן מער ווי מיט טויזנט זלאָטעס די הוצאות פאַר די אייגענע יידישע הצטרכותן פון דער קהילה, זענען דער בולטסטער באַווייז פאַר דער פעאָדאַלער אָרדענונג, אין וועלכער דער קריסטלעכער קלער האָט פאַרנומען אַ גלייכע פּריווילעגירטע פּאָזיציע ווי די פּריצים. די העכערע גייסטלעכקייט האָט אויך אָנגעהערט צום פּריצישן שטאַנד, באַזיצנדיק גרויסע לאַנד־נחלאות.

וואָס איז נוגע דער שטאָט, איז די קהילה אין אַ געוויסן זין געווען פון איר גאַנץ אומאָפּהענגיק. שטאָט און קהילה זענען צוויי איינהייטן וואָס אונטערליגן דעם הויף, אָבער יעדערער פאַר זיך. און דאָך איז די שטאָט מער פּריווילעגירט, און די קהילה מוז אויך דער שטאָט־פאַרוואַלטונג געבן מתנות, און ביישטייערן צום אויסהאַלטן די שטאָטישע אַדמיניסטראַציע: דעם בירגערמייסטער, דעם קוימען־קערער און אַנדערע.

די פּאָזיציע פאַר יידישע הצטרכותן (1467 זלאָטעס), מאַכט אויס אין פאַרהעלטעניש צום גאַנצן בודזשעט נישט מער ווי 13.25 פּראָצענט. דאָס זאָגט שוין אַ סך און באַדאַרף נישט קיין ווייטערדיקע דערקלערונגען. ווען מיר זאָלן אַריינרעכענען אויך אַ טייל פון די אויסגאַבן וואָס פיגורירן אין בודזשעט ווי „פאַרשיידענע הוצאות", וועט זיך דאָס בילד ווייניק ענדערן.

צווישן די יידישע אויסגאַבן פאַרנעמען דעם אויבערשטן אָרט די געהעלטער פאַר די כלי־קודש און אַנדערע קהלשע באַאַמטע. דער רב באַקומט 360 זלאָטעס, חוץ דירה; דער נאמן 224 זלאָטעס; דער שטאָט־מגיד 156 זלאָטעס. ס'גייען דערנאָך שמשים, דער גבאי וואָס פאַרוואַלטעט מיט דער סאָציאַלער הילף און טיילט „פלעטן"[12] פאַר אָרעמעלייט, דער שוחט, דער חזן מיט משוררים, קהלשע משרתים און לסוף — דער קהלשער נאַכטוועכטער. די קהלשע אָנגעשטעלטע באַקומען חוץ געהאַלט אויך לייסטונגען אין נאַטור, ווי פלייש אויף יום־טוב, אַ טייל באַקומען שטיוול.

ס'איז כדאי צו באַמערקן, אַז גראָד ביי די פּאָזיציעס איז די קהילה נישט געווען פּינקטלעך מיטן אויסצאָלן, ווייל די קאַסע האָט דאָס נישט דערלויבט. אַזוי, למשל, האָט דער רב באַקומען (אין דעם יאָר וואָס מיר באַהאַנדלען) בלויז 166 זלאָטעס (אין צווייטן יאָר בלויז 93 זלאָטעס); דער מגיד — בלויז 57 זלאָטעס אאַ"וו. ביים דעקן די הוצאות פון אַנדערע מינים איז קהל געווען פּינקטלעכער, ווייל די מאַכט האָט נישט געשוויגן.

די פּאָזיציע פון די אויסגעצאָלטע געהעלטער באַטרעפט 969 זלאָטעס, אַלזאָ בערך צוויי דריטל פון די הוצאות פאַר ריין־ייִדישע הצטרכותן. אַ צווייטע וויכטיקע פּאָזיציע פאַרנעמט די סאָציאַלע הילף: נדבות און אונטערשטיצונגען פאַר דורכ־רייזנדיקע ייִדן, און בעיקר מגידים. די אַלע מגידים, וואָס פאָרן דורך ביאַלע, גיט די קהילה אַן אונטערשטיצונג און חוץ דעם אַ פור אויף ווייטער צו פאָרן. אין אונדזער בודזשעט־יאָר האָבן ביאַלע באַזוכט נישט ווייניקער ווי 26 מגידים (פון: האָרכאָוו, קוראָוו. לעמבערג, פּינטשעוו, אָסטרע, פּשעמישל, יאַוואָראָוו, סלוצק, ראַדזין און טיקטין). קומען קיין ביאַלע פרעמדע ישיבה־בחורים, טרעפט זיך אַ חתונה ביי אַן אָרעמער אלמנה, קומט אַ משולח פון א״י, אָדער אַ חזן, אַ שליח פון בריסקער קהילה מאָנען דעם קאָפּשטייער, קומט אין שטאָט אַריין סתם אַ ייד אַ יורד, אַ פּוילישער אָדער פון אויסלאַנד (אין אונדזער בודזשעט־יאָר קומען צוויי משולחים זאַמלען נדבות אַזש פון פּראָג) — יעדערער ווענדט זיך צום פּרנס־חודש [13] פון דער קהילה נאָך אַ נדבה, און די קהילה זאָגט נישט אָפּ.

פון די קליינע נדבות האָט זיך צונויפגענומען אין יאָר 1748 אַ סומע פון 234 זלאָטעס. די קהילה האָט נישט גערן געגעבן, בפרט, אַז דער פּרעלימינאַר וועלכן דער פּריץ האָט צונויפגעשטעלט, האָט נישט פאָרויסגעזען דעם מין הוצאה. די קהילה האָט געשיקט אַ ספּעציעלע דעלעגאַציע קיין בריסק וועגן זען אַן עצה און נישט שיקן דורך ביאַלע אַזוי פיל מגידים און סתם אָרעמעלייט. דאָס האָט אַ ביסל געהאָלפן (אין יאָר 1749 אין אויסגעגעבן געוואָרן פאַר דעם צוועק בלויז 66 זלאָטעס). אין די ווייטערדיקע יאָרן האָט זיך אָבער די צאָל האַנט־אויסשטרעקערס נאָך פאַרגרעסערט, ווייל די נויט איז געווען גרויס און ייִדן זענען פאַראָרעמט געוועז.[1]

אַ דריטע פּאָזיציע פאַרנעמען די הוצאות פון רעפּרעזענ־טאַנץ־כאַראַקטער. די קהילה האָט זיך געמוזט שיין רעפּרע־זענטירן און ס׳איז געווען אַ מנהג, אַז אויב אין שטאָט איז געקומען אַ חשובער אורח, אַ רב, אַ חזן, אַ סתם קהל־טוער, פלעגט אים דער פּרנס־חודש מכבד זיין מיט משקה. פון די איינצלנע פּאָזיציעס קאָן מען זיך משער זיין, אַז העכסטנס האָט דער פּרנס־חודש געקאָנט שיקן צוויי פלעשלעך מעד (19 גראָשן אַ פלאַש). קיין ביאַלע פלעגן אָפט קומען ייִדן פון אַנדערע ראַדזשיווילישע שטעט צו דערליידיקן פאַרשיידענע ענינים ביים הויף, און דאָס האָט דער קהילה אויך גורם געווען אַ געוויסע הוצאה. אין יאָר 1748 — 24 זל., אין אַ יאָר שפּעטער — 34 זלאָטעס. ס׳איז אויך געווען אַ מנהג, אַז די קהילה האָט געשיקט משקה אויף די חתונות פון די רייכע בעלי־בתים. אין יאָר 1748 האָבן אַכט חתונות געקאָסט דער קהילה 14 זל.

אַ פערטע פּאָזיציע פאַרנעמען די אַדמיניסטראַציע־אויס־גאַבן, ווי: משקה פאַר די שמאַים וואָס צעלייגן די שטייערן, פאַר די בוררים וואָס פירן דורך די קהילה־וואַלן, קאָנטראַקט־געלט ביים פאַרפּאַכטן די קאָראַבקע, רעמאָנטן פון דער מקוה, הקדש, קהלשע יאַטקעס אאַ״וו.

לסוף קומען נאָך די הוצאות אויף צו דעקן חובות און צאָלן פּראָצענטער. אָט די פראַגע פאַרנעמט אַ וויכטיקע שטעלע אין דער געשיכטע פון פּוילישן ייִדנטום אין 18טן יאָרהונדערט. מיטן וווּקס פון דער פאַראָרעמונג (די גרויסע צאָל פון וואַנ־דערנדיקע מגידים קאָן דינען ווי אַ געוויסער באַווייז דערפאַר) און מיט דער שטייגנדיקער באַלאַסטונג איז אויך געוואַקסן די צאָל חובות. אַזוי האָט זיך, למשל, אַרויסגעשטעלט ווען ס׳איז אָפּגעשאַפט געוואָרן די צענטראַלע ייִדישע אויטאָנאָמיע (אין יאָר 1764), אַז דער חוב פון דער פּויליש־ייִדישער פאַרטרע־טערשאַפט האָט באַטראָפן נישט ווייניקער ווי צוויי און האַלבן מיליאָן זלאָטעס. מיר ווייסן נישט גענוי ווי ס׳איז געווען די לאַגע אין דעם פּרט אין דער ביאַלער קהילה. אויפן סמך פון ווייניקע מאַטעריאַלן וואָס שטייען אין אונדזער רשות, איז אָנצונעמען, אַז ביאַלע איז נישט געווען שטאַרק פאַרשולדיקט, און אַז דער הויף האָט די קהילה שטאַרק געהאַלטן אין דער האַנט און נישט דערלויבט מאַכן נייע חובות. האָט זיך אַרויס־געשטעלט, אַז אַ הלוואה איז אַבסאָלוט נויטווענדיק, האָט דער הויף פאַרלאַנגט אַ גענויעם חשבון. אַזוי האָט זיך געטראָפן אין יאָר 1745, ווען קהל וויל לייען ביים וואָהינער גלח אַ סומע פון דריי טויזנט זלאָטעס.

און נאָך אַ דערקלערונג וועגן דער סומע פון 342 זלאָטעס וואָס פיגורירט צום סוף „רעמאַנענט״ (פּחת). די סומע נעמט זיך דערפון, וואָס ביי די הכנסות פון שטייערן איז אַריינגע־שטעלט די סומע, וועלכע האָט געדאַרפט אַריינפליסן לויט דעם „רייסטער״, וועלכע די שמאַים האָבן צונויפגעשטעלט; פאַקטיש זענען אַ טייל צאָלערס געבליבן שולדיק, אַנדערע זענען געשטאָרבן אָדער פאַרלאָזט ביאַלע און די קהילה האָט זייער הכנסה־פּאָזיציע געמוזט אָפּשרייבן. זי האָט דאָס געטאָן לויט אייגענער איניציאַטיוו אָדער לויט אַן אָנווייזונג פון הויף. די אַלע אָפּשרייבונגען (62 פּאָזיציעס) זענען דאָ פאַר־שריבן ווי אַ הוצאה. אין יאָר 1748 באַטרעפט דער פּחת 342 זלאָטעס אויף פּרעלימינירטע 5529 זלאָטעס (פון די דירעקטע שטייערן און פון צוגאָב־שטייער צו דעקן דעם דעפיציט ביים וועקסלען די פּריצישע געלטער), אַלזאָ קוים 6.2 פּראָצענט. ווען מיר נאָך צוגעבן, אַז צווישן די 62 פאַלן פון אָפּשריי־בונגען זענען דאָ: 8 פאַלן פון ייִדן, וואָס האָבן פאַרלאָזט ביאַלע, 6 פאַלן ווו דער צאָלער איז געשטאָרבן, 5 פאַלן ווו דער הויף האָט אַליין דעצידירט וועגן אָפּשרייבונג, 2 פאַלן ווו די אָפּשרייבונג קומט פאַר לגבי קהלשע כבוד־טרעגערס, וועלכע זענען לויט אַ קהלשער תקנה, אָדער לויטן באַפעל פון הויף באַפרייט געוואָרן פון שטייער; און לסוף נאָך צוויי פאַלן, אין וועלכע דאָס געלט איז אייגנטלעך איינגעפלאָסן אין פאָרעם פון געלייסטעטער אַרבעט מצד די צאָלערס לטובת דעם הויף — וועלן מיר קומען צו דער איבערצייגונג, אַז דער שטייער־אַפּאַראַט האָט גוט געאַרבעט און ס׳איז שווער געווען זיך פון אים אַרויסצודרייען. אַזוי האָט אויך געמוזט זיין, ווייל די אויפזיכט־מאַכט, דער פּריץ, האָט גענוי זיך אינטערעסירט מיט יעדן פּרט און האָט געזאָרגט, אַז אַלץ זאָל זיין אין אָרדענונג. אַזוי, למשל, זעען מיר אַ פאַקט פון יאָר 1742, ווען ס׳ווערט געשלאָסן אַ קאָנטראַקט מיטן פאַכטער פון דער קאָ־ראָבקע און דער הויף שטעלט גלייך אויס אַ רעכענונג אויף וואָס דאָס געלט דאַרף אויסגעגעבן ווערן. אַזוי ווי די, אָדער

יענע הוצאה באַטרעפן מיט 55 זלאָטעס מער ווי די הכנסה פון דער קאָראָבקע־פּאַכט, פאַראָרדנט דער הויף אַז אָט די סומע זאָל דעם פּאַכטער פאַררעכנט ווערן ווי אַ שטייער. משמעות, אַז דער פּאַכטער האָט גערדאַרפט די גאַנצע סומע פון פּרעלימינירטע הוצאות באַלייגן אין פּריצס הענט.

איבערגעיינדיק צו די הכנסות, זעען מיר גלייך, אַז די דירעקטע שטייערן פאַרנעמען דעם אויבנאַן. פּאַרטיילנדיק די הכנסות אויף 4 סאָרטן באַקומען מיר אַזאַ בילד:

	זלאָטעס	פּראָצענט
דירעקטע שטייערן	5529	55.1
אומדירעקטע שטייערן	3225	32.1
הלוואות	1079	10.8
אַנדערע קליינע הכנסות	195	2.—
ס״ה	10028	100.—

לויט די מאָדערנע באַגריפן פון דער בודזשעט־פּאָליטיק פון אַן עפנטלעכער קערפּערשאַפט, קאָן מען באַהויפּטן אַז דער ביאַלער קהילה־בודזשעט איז געווען אַ פּראָגרעסיווער, נאָך דעם ווי ער האָט זיך באַמיט צו פאַרקלענערן די הכנסות פון אומדירעקטע שטייערן. ס׳איז נאָר אַ פראַגע צי האָט ער גערעכט פאַרטיילט די לאַסטן פון דירעקטן שטייער, דער רייכער זאָל צאָלן מער און דער אָרעמער — ווייניקער.

איצט קומען מיר צום באַלאַנס. מיר זעען, אַז דער בודזשעט האָט איבערגעלאָזט אַ דעפיציט פון 1040 זלאָטעס. די סיטו־אַציע וועט ווערן קלאָרער אויב מיר וועלן אין שייכות מיט דעם יאָר 1748/9 אויך באַטראַכטן די געלט־ווירטשאַפט פון דער קהילה פאַר דעם יאָר 1749/50. פאַר די ביידע יאָרן גע־פינען מיר אין די אַקטן אַ דאָקומענט פון הויף, וואָס זעט אויס ווי אַ פּרעלימינאַר וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן דורך דער הויפישער קאָמיסיע. דער פּרעלימינאַר פאַר ביידע יאָרן זעט פאַר:

		זל.
הכנסות		
אָן אַ ספּעציפיקאַציע	ס״ה	18434
הוצאות		
פאַרן קלער		5045
מלוכה־שטייערן		2712
פערד־און־וואָגן, און מאַטעריאַלן פאַרן הויף		792
פאַר דעקן דעם דעפיציט ביים וועקסלען די וואַליוטע פאַרן הויף		1074
ליכט פאַרן הויפּטוואַך אין הויף		86
שכירות פאַר הייזער און פּלעצער		83
פאַרן תלין		74
פאַרן קוימען־קערער		156
מתנות אויף די קריסטלעכע חגאות		600
געהאַלט פאַרן רב		720
„ „ שמש		312
„ „ נאמן		312
„ „ חזן		416
מתנות פאַר די אויבנדיקע אויף יום־טובים		200
	ס״ה	12582
בלייבט אַלזאָ אַן עודף פון		5852

פּאַקטיש איז די סיטואַציע געווען גאָר אַן אַנדערע. אָט ווערט דאָ פאַרן הויף פּרעלימינירט פאַר די צוויי יאָר אַ סומע פון 2409 זלאָטעס (צעטיילנדיק די סומע פון די מתנות אויף די חגאות, אַ העלפט פאַרן הויף און אַ העלפט פאַרן קלער), אָבער פון דעם פריערדיקן אַנאַליז ווייסן מיר, אַז אין יאָר 1748/9 אַליין האָט דער הויף באַקומען אַ סומע פון 2609 זלאָטעס און אַ העלפט פון די באַזונדערע מתנות, 182 זלאָטעס, אַלזאָ צוזאַמען 2791 זלאָטעס. דער פּרעלימינאַר איז אַלזאָ נישט קיין רעיעלער, ווייל דער הויף האָט דאָ פאַרשוויגן אַ שיין ביסל געלט וואָס ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט עס סיי ווי סיי באַקומען. פון דער אַנדערער זייט האָט זיך דער הויף נישט געמאַכט וויסנדיק פון די פּאַקטישע יידישע הוצאות. אין יאָר 1748/9 אַליין האָט די קהילה אויסגעגעבן אויף די יידישע הצטרכותן 1467 זלאָטעס. אין צוויי יאָר דאַרפן אַלזאָ די הוצאות באַטרעפן 2934 זלאָטעס און נישט 1960 זלאָטעס, ווי ס׳איז אָנגעגעבן אין פּרעלימינאַר (רב, שמש, נאמן, חזן און מתנות פאַר זיי).

דער פּאַקטישער חשבון שטעלט זיך אין דער ווירקלעכקייט פאַר אַזוי:

	הכנסות	הוצאות
	זלאָטעס	זלאָטעס
1748/9	10028	11068
1749/50	10214	8940
ס״ה	20242	20008

שטעלט זיך אַרויס, אַז דער עודף פאַר די ביידע יאָרן איז נאָר 234 זלאָטעס און נישט 5852 זלאָטעס. אָבער אויך אָט דער עודף איז נאָר אויפן פּאַפּיר. די הלוואה פון 1079 זל. פון יאָר 1748/9 איז נישט גערעקט געוואָרן; די חובות פון די געהעלטער פאַר די קהלשע אָנגעשטעלטע זענען נישט באַצאָלט געוואָרן; און אין יאָר 1749 האָט די קהילה גענומען נייע הלוואות: ביי די גלחים 350 זלאָטעס, ביי שמואל דעם קרעמער 105 זלאָטעס, ביי יוסיע דעם שניידער 321 זלאָטעס — צוזאַמען 776 זלאָטעס. און נאָך אַן אינטערעסאַנטער פּאַקט: אין יאָר 1749/50 האָט די קהילה זיך געזען געצוווּנגען צו באַלאַסטן די בודזשעטן פון דער שול, פון דער חברה־קדישא און אויך פון דער שניידער־חברה מיט אַ געמיינזאַמער סומע פון 245 זלאָטעס. ווי קאָן זיך דאָ רעדן וועגן אַן עודף? און ווו זענען די געלטער צו דעקן די חובות פון די יאָרן בעפאַר 1748/9? עפּעס איז אַלזאָ דאָ נישט אין אָרדענונג. דאָס ווייסט גאַנץ גוט דער הויף, אָבער ער מאַכט זיך נישט וויסנדיק, און ער וויל אויף זיינע הכנסות נישט מוותר זיין. דאָס ווייסן גוט די יידן, זיי קרעכצן, דינגען זיך, שטעלן אַ ווידערשטאַנד, גייען אין תפיסה, מאַכן פאַרשיידענע קאָמבינאַציעס און געלט־אָפּעראַציעס, אָבער אוחז בלייבט דער הויף — און יידן צאָלן, צאָלן מער ווי זיי קאָנען. אַ לאָך פון יאָר פאַרדעקט מען מיט אַ לאַטע, און די לאָך פון דער לאַטע פאַרדעקט מען מיט אַ נייער לאַטע.

מ׳דאַרף נאָך צוגעבן, אַז די אויבנדיקע בודזשעט־הוצאות נעמען נישט אַרום אַלע יידישע אויסגאַבן. יידן האָבן נאָך געצאָלט חברים־באַשטייערונג אין דער חברה־קדישא און אין

דער שניידער־חברה, אויף אויסצוהאַלטן דעם שפּיטאָל און ביקור־חולים; די יידן וואָס ווינען אין „רינעק״ צאָלן אינדיווידועל באַזונדערע אָפּצאָלן דעם הויף און דער שטאָט; פאַר שענקעריי — אַ באַזונדער אינדיווידועלער אָפּצאָל דעם הויף און דער מלוכה; יידן וואָס פאַרקויפן שוכוואַרג און לעדער — צאָלן אַ באַזונדערן שטייער דעם שוסטער־צעך. נעמען מיר דערצו אויסגאַבן נאָך אַ שריפה, אויסגאַבן אין דער צייט פון אַ מגיפה, אויסגאַבן ביי באַזונדערע געלעגנהייטן אין לעבן פון דער מלוכה, פון הויף, פון דער קהילה און פון אַלגעמיינע געשעענישן, וואָס זענען נוגע געווען דאָס גאַנצע פוילישע יידנטום — באַקומען מיר אַ בילד ווי שווער און ביטער ס׳איז געווען די לאַגע. דער עקסיסטענץ־קאַמף איז געווען אַ האַרטער און אַ שווערער, אָבער יידן זענען דעם דעם קאַמף באַשטאַנען, און מיט כבוד.

ה. געשעענישן אין יידישן לעבן

דאָס אינערלעכע לעבן פון דער ביאַלער קהילה האָט זיך נישט אונטערשיידט פון לעבן אין אַלע אַנדערע יידישע קהילות: האַנדל און וואַנדל, צער־גידול־בנים און תלמוד־תורה, ישיבה און בית־מדרש, קליינע און גרויסע קהל־סכסוכים, רבנות און כלי־קודש, סכסוכים מיט דער שטאָט־פאַרוואַלטונג און מיטן הויף פון פּריץ, יסורים פון גלות און האָפענונג אויף משיחן — אָט דאָס איז געווען די אַרענע אויף וועלכער ס׳האָט זיך אָפּגעשפּילט דאָס טאָג־טעגלעכע יידישע לעבן. אָבער אַחוץ דעם האָט די ביאַלער קהילה צו פאַרצייכענען דריי געשעענישן פון אַלגעמיינער יידישער באַדייטונג. אין וועלכע ביאַלער יידן האָבן אָפּגעשפּילט אַ געוויסע ראָלע, אין די לעצטע צוויי אַפילו אַ גאָר גרויסע ראָלע. אַלע דריי זענען פאַרבונדן מיט דער גאַרונג וואָס האָט באַהערשט דאָס גאַנצע יידנטום בכלל און דאָס פוילישע בפרט אין 18טן יאָרהונדערט, ווי אַ נאָכווייעניש פון דער משיחישער באַוועגונג פון שבתי צבי.

אין יאָר 1666 האָט שבתי צבי אָנגענומען דעם איסלאַמישן גלויבן און ס׳איז געווען צו האָפן אַז דערמיט האָט זיך זיין שליחות געענדיקט. אין דער אמתן אָבער איז געווען אַנדערש. זיינע אָנהענגערס האָבן נישט רעזיגנירט, זיי האָבן אין זיין שמד געזען אַ פאַרבאָרגן מיטל צו דער אויסלייזונג, וואָס וועט איינגיכן קומען. אין די קומענדיקע צענדליקער יאָרן דערשיינען אין פאַרשיידענע לענדער און אין אַ גרויסער מאָס אין פוילן בעלי־שם און נביאים, וואָס ווילן דוחק זיין דעם קץ, וואָס רופן צו תשובה און אמונה אין דער נאָענטער גאולה. און אַזוי ווי די אַלגעמיינע לאַגע פון פאָלק איז געווען אַ געדריקטע, איז קיין וווּנדער נישט וואָס זיי געפינען אַ סך אָנהענגערס. דער גלויבן אין שבתי צבי און אין זיין מיסיע ווי אַ משיח, ווערט אַזוי אַרום אויפסניי אויפגעוועקט, און אין יידישן לעבן פירט זיך אַ העפטיקער קאַמף: פאַר און קעגן שבתי צבי.

איינער פון די אָנפירערס פון דוחקי הקץ איז געווען אַ שעדלעצער ייד ר׳ יהודה חסיד, וואָס האָט צוזאַמען מיט אַ צווייטן פוילישן ייד, חיים מלאך, אָרגאַניזירט אַ גרויסע וואַנדערונג קיין ארץ־ישראל. צווישן די עולים זענען געווען הייסע אָנהענגערס פון שבתי צבי, סתם מאמינים, וואָס האָבן געוואָלט דורך זייער זיטלעך לעבן, דורך תשובה און פייניקונגען, דורך אָנקניפּן זייער לעבנס־גאַנג מיט ארץ־ישראל באַנען דעם וועג פאַר דער גאולה. פאַרלאָזנדיק פוילן האָט די גרופּע געציילט 120 נפשות, זי איז דערנאָך אויסגעוואַקסן ביז 1500 נפשות, פון וועלכער אַרום 500 זענען געשטאָרבן אין וועג. נאָך אַ לאַנגער וואַנדערונג איבער מעהרן, אונגאַרן, דייטשלאַנד און איטאַליע, וואָס האָט געדויערט אַ גאַנץ יאָר זענען די איבערגעבליבענע יידן אָנגעקומען קיין ירושלים ראש־חודש חשון תס״א (אָקטאָבער 1700). דאָס גליק האָט זיי אָבער נישט געשפּילט. פינף טעג נאָכן אָנקומען קיין ירושלים איז ר׳ יהודה חסיד נפטר געוואָרן. די מאַטעריעלע לאַגע פון די עולים איז געווען זייער אַ שווערע. אַ סך פון זיי זענען אַריינגעפאַלן אין יאוש, און דער סוף איז געווען, אַז אַ טייל פון זיי האָט זיך געשמדט (דאָס זענען געווען די פאַרברענטע אָנהענגערס פון שבתי צבי), און אַ טייל האָט זיך צוריקגעקערט קיין אייראָפּע. נאָר די, פאַר וועלכע די עליה קיין ארץ־ישראל איז געווען אַ רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע לעבנס־פראַגע זענען פאַרבליבן, האָפנדיק אויף בעסערע צייטן. צווישן די פאַרבליבענע איז געווען ר׳ יוסף ביאַלער.

ס׳איז גאָר נאַטירלעך, אַז די באַוועגונג וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון שעדלעץ האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג אין ביאַלע. מיר ווייסן נישט וויפל ביאַלער יידן זענען געווען צווישן די עולים, אָבער צוויי פון זיי קאָנען מיר ביי די נעמען: איינער, ר׳ זלמן ביאַלער איז נפטר געוואָרן גלייך ביים אָנקומען קיין ירושלים און ער איז געקומען צו קבורה אין דעם זעלבן טאָג וואָס ר׳ יהודה חסיד,[15] דער צווייטער, דער אויבן־דערמאָנטער ר׳ יוסף ביאַלער, פאַר וועמען די עליה קיין ארץ־ישראל איז געווען אַן אמתער אָנהויב פון אַ ניי לעבן, פון קדושה און טהרה.

אין יאָר 1712 איז געקומען קיין ירושלים אַ גרופּע עולים פון איטאַליע אונטער דער אָנפירונג פון דעם מקובל ר׳ אברהם רוויגא, פון דער שטאָט מאָדענא. אויך אין דער גרופּע געפינען מיר פון איין זייט, שבתי צבי־אָנהענגערס, און פון דער צווייטער זייט, יידן מאמינים וואָס האָבן געוואָלט אין ארץ־ישראל געפינען אַ תיקון צו זייערע פּערזענלעכע און אַלגעמיין־רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע שטרעבונגען. חול המועד פּסח תס״ב (אַפּריל 1702) האָט ר׳ אברהם געגרינדעט אַ ישיבה, און צווישן די צען דערוויילטע וואָס דאַרפן בילדן דעם מוח און דאָס האַרץ פון דער ישיבה געפינען מיר אונדזער ר׳ יוספן (אויסער אים געפינען מיר צווישן זיי נאָך 5 פוילישע יידן, פון דער ר׳ יהודה חסיד־גרופּע: אַ ייד פון קאַליש, פון אָפּאָטשנע, פון סעמיאַטיטש, פון לוקאָוו און אויך דעם איידעם פון ר׳ יהודה חסיד). די צען מבוררים האָבן געדאַרפט זיצן „— — לילות וימים, — — ובתפלתם צועקים ובוכים ומתוודים בלב נשבר ונדכה עד כי ממש בוקעים רקיעים, — — ואחר התפלה מיד, בקדושה ובטהרה בטלית ותפילין על ראשיהם, בחרו ללמוד ס׳ (ספר) הזהר, ואחרי זה כתבי האר״י[16] עד שעת מנחה״.[17] אַזוי אַרום האָט ביאַלע אין

דער פּערזענלעכקייט פון ר׳ יוספן זוכה געווען צו אַ גרויסער עליה.

מיר ווייסן גאָרנישט וועגן זיין וויטערדיקן לעבן, אָבער אַ סברה, אַז ער איז געוואָרן אין ארץ־ישראל אַ באַקאַנטע פּערזענלעכקייט, והא ראיה, אַז איינער פון די אָנגעזעענע ספרדישע בעלי־בתים, ר׳ אזולאי, האָט זיך מיט אים משדך געווען, נעמענדיק זיין טאָכטער פאַר אַ שנור. פון דעם זיווג איז געבאָרן געוואָרן אַ זון, חיים־יוסף־דוד, און דאָס ביאַלער אייניקל ר׳ חיים־יוסף־דוד (חיד״א), געבוירן 1724 אין ירושלים, נפטר געוואָרן 1806 אין ליוואָרנע, איטאַליע, איז באַרימט ביז היינט ווי איינער פון די חשובסטע שד״רים,[18] ווי אַ גרויסער למדן און ביבליאָגראַף. ער האָט פאַרפאַסט מער ווי הונדערט ספרים, צווישן זיי אַ ביבליאָגראַפיש לעקסיקאָן „שם הגדולים" און אַ ספר־זכרון „מעגל טוב" פון זיינע רייזעס אין אייראָפּע און צפון־אַפריקע, ווי אַ שליח פון ארץ־ישראל.

זיין ערשטע שליחות איז געווען אין די יאָרן 1753—1758 און ער האָט דורכגעוואַנדערט: איטאַליע, דייטשלאַנד, האָלאַנד, ענגלאַנד און פראַנקרייך. די צווייטע שליחות פאַלט אויס אין די יאָרן 1772—1778. דאַסמאָל באַזוכט ער: טוניס, איטאַליע, פראַנקרייך, בעלגיע און האָלאַנד. אין אַלע ערטער האָט ער מיט זיך געבראַכט אַ לעבעדיקן גרוס פון ארץ־ישראל און געוועקט דעם אינטערעס פאַר איר, און די באַרייטקייט צו העלפן דעם ישוב. ער האָט געזוכט און געפונען כתבי־יד פון ספרים, געשריבן און געדרוקט ספרים. וואָס פאַר אַ שאָד וואָס ער האָט נישט באַזוכט פוילן; מעגלעך אַז ער וואָלט אונדז עפּעס איבערגעגעבן וועגן זיין מוטער־שטאָט ביאַלע. און אַז ער האָט געהאַט אַ שאַרף אויג אַלץ צו זען און אַ טאַלאַנטפולע פעדער אַלץ צו באַשרייבן, האָט ער באַוויזן מיט פולער רייכקייט אין רייזע־בוך „מעגל טוב". ווײַלנדיק אין חודש כסלו תקט״ו (1756) אין דער מערב־דייטשער שטאָט קליף (Cleve) האָט ער דאָרט געפונען אַ מומע „ — — אחות אימה היא מרת גיטלי בת מלך אדוני מר זקני הרב החסיד המקובל איש האלדים (האלהים) קדוש מהר״ר יוסף בייאליר ז״ל — —".[19]

אין יאָר 1756 איז אַלזאָ אונדזער ר׳ יוסף שוין געווען אויף דעם עולם־האמת. ליידער קאָנען מיר זיך נישט מער אָפּשטעלן אויף דער אינטערעסאַנטער פּערזענלעכקייט פון ר׳ יוסף ביאַלער. מיר ווייסן נישט וועגן זיין לעבן פאַר דער עליה, וועגן זיין לעבן אין ירושלים און וועגן זיינע פאַרבינדונגען מיט זיין פאָטער־שטאָט, זיצנדיק אין ירושלים.

די צווייטע גרויסע געשעעניש אין אַלגעמיינעם יידישן לעבן וואָס ביאַלער יידן האָבן אין איר אָפּגעשפּילט אַ גרויסע ראָלע, כמעט אַ הויפּט־ראָלע, שטייט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער באַנייטער קאָכעניש אַרום שבתי צבי.

אין דער מיט פון 18טן יאָרהונדערט איז די גאַנצע יידישע וועלט אויפגערודערט געוואָרן צוליבן חשד, וואָס איז געפאַלן אויף דעם האַמבורגער רב ר׳ יהונתן אייבעשיץ, איינעם פון די גרעסטע רבנישע אויטאָריטעטן פון יענער צייט, אַז ער האָט שבתי צבי־נייגונגען. די יידיש־רבנישע און געזעלשאַפטלעכע וועלט איז זיך צעפאַלן אין צוויי מחנות: איינע וואָס האָט געהאַלטן מיט ר׳ יהונתן אייבעשיץ און אים ריינגעוואַשן פון יעדן שאָטן פון חשד, און די צווייטע, וואָס האָט זיך באַמיט מיט אותות ומופתים, אויפן סמך פון די קמיעות וואָס ר׳ יהונתן האָט פאַרטיילט יולדות און קראַנקע, צו באַווייזן אַז ר׳ יהונתן איז פאַרפאַלן אין מינות, און אויב אַזוי, טאָ דאַרף מען אים רודפן, מחרים זיין און אַראָפּזעצן פון רבנות.

אין שפּיץ פון די קעגנערס פון ר׳ יהונתן איז געשטאַנען ר׳ יעקב בן־צבי עמדין (יעב״ץ), דער זון פון חכם צבי אשכנזי, דעם פריערדיקן האַמבורגער רב. יעב״ץ האָט געוווינט אין אַלטאָנאַ (איינע פון די טיילן פון דער האַמבורגער קהילה) און האָט פון דאָרטן געפירט אַ שטורעמדיקן קאַמף אויף טויט און לעבן קעגן ר׳ יהונתן. ער האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל, גלייך ווי זיין פאַרשטאָרבענער פאָטער, אויסצוראָטן אַלע שלעכטע געוויקסן פון שבתי צביניקיזם. פאַר ביידע פאַר־טייען איז געווען אויסערסט וויכטיק צו געווינען די סימפּאַטיע און שטיצע פון די אויטאָנאָמע אָרגאַנען פון פוילישן יידנטום, וואָס זייער אויטאָריטעט איז געווען אָנערקענט נישט נאָר אין פוילן, נייערט אויך אין דער גאַנצער יידישער וועלט. פאַר יעב״צן האָבן זיך געפונען צוויי יידן וואָס זענען געווען, אַזוי צו זאָגן, זיינע הויפּט־אַגענטן אין פוילן, און ביידע זענען געווען פון ביאַלע. איינער איז געווען דער ביאַלער רב (ער איז צוגלייך רב אין סלאַוואַטיטש, ווו ס׳איז, דוכט זיך, געוואָרן אַ מנהג אַז ביידע קהילות זאָלן האָבן אַ בשותפותדיקן רב), ר׳ יצחק בר׳ מאיר, דער זון פון באַרימטן רב, ר׳ מאיר — מרה״ם א״ש — מורנו הרב ר׳ מאיר אייזנשטאַט און שוואָגער פון יעב״צן. דער צווייטער איז אַ ייד, וואָס שטאַמט פון וואָלין און האָט זיך באַזעצט אין ביאַלע, ר׳ ברוך בן־דוד, וואָס איז באַקאַנט אונטער דעם נאָמען ר׳ ברוך מארץ יון. אָט דער ר׳ ברוך איז געווען אַ רייכער ייד, האָט געפירט גרויסע פינאַנציעלע עסקים מיטן פויליש־זאַקסישן מיניסטער בריל און מיטן פוילישן פינאַנץ־מיניסטער שעדלניצקי, און ער האָט אַזוי אַרום געקאָנט העלפן דער פאַר אים הייליקער זאַך דורך מלוכהשע אינטערווענצן. ער האָט זיך אויך שפּעטער פאַרשדכנט מיט יעב״צן, נעמענדיק זיין טאָכטער נחמה פאַר זיין זון אליעזר.

אָט ווי אַזוי יעב״ץ כאַראַקטעריזירט אין זיינע זכרונות („מגלת ספר") די טעטיקייט פון ר׳ ברוך: „— — הוא האיש נלחם מלחמות ה׳ בעדי, — — אף שהיה יכול להרויח שוחד לכיסו, אם היה דעתו עם צד המתנגד אלי, לא אבה מהם בצע כסף, ועשה לשם שמים להלחם נגד התקיפים הנ״ל, ופזר גם מעט שלו ע״ד (על דבר) כבוד שמו ית׳ (יתברך) וקנאת תורתו — —".[20] און דער קאַמף איז נישט געווען קיין לייכטער. דער לובלינער רב ר׳ יעקב בר׳ אברהם בר׳ חיים, און זיין פאָטער ר׳ אברהם בר׳ חיים, וואָס האָט געהאַט גרויסע אויסזיכטן געווויילט צו ווערן ווי אַ פּרנס פון ועד ארבע ארצות זענען געווען אָנהענגערס פון אייבעשיצן, און זיי האָבן אין יאָר 1751 אַריינגעלייגט יעב״צן אין חרם. אָבער ר׳ ברוך האָט זיך נישט אָפּגעשראָקן. אָט וואָס ער שרייבט נאָכן חרם צום אַמסטערדאַמער רב, וואָס איז געווען פון די וויכטיקע קעמפער

פאַר יעב"צן: „— — הייתי בכל יום ובכל עת ובכל שעה מעיר כבוד הרבנים הפרנסים ונאמנים באמרי מה אתם מח־שים — — לא נתתי ולא שקטתי, ועל דלתות פרנסים ונאמנים הרבנים שקדתי — —". ווען ער האָט געזען, אַז פון דער יידישער זייט איז נישט צו האָפן אויף קיין הילף, האָט ער זיך געוואָנדן צו זיין באַשיצער, דעם פוילישן פינאַנץ־מיניסטער שעדלניצקי, און דער האָט ר' אברהמען אַריינגעזעצט אין תפיסה. פון אברהמס צד האָט מען געוואָלט „— — לתת לי כמה מאות שכר שתיקה, ואנכי לא די שעל דברים כאלה הייתי רק עונה ברקיקה, אף גם זאת כי פזרתי מן המעט אשר נתן ה' לי וחנני — —". בקיצור שרייבט ר' ברוך קיין אַמסטער־דאַם: „ובכל אלה אנכי ת"ל (תודה לאל) על עמדי עמדתי, איש ריב הייתי כנגד כולם — —".[21]

דאָס אַלץ האָט אָבער נישט געהאָלפן. די אייבעשיץ־פאַרטיי איז געווען שטאַרקער און הן אין ליטווישן ועד און הן אין פוילישן ועד האָט מען זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אים. כסלו תקי"ב (1751) האָט דער ליטווישער ועד המדינה באַ־שלאָסן: „— — ואנחנו מחרימין ומנדין ומקללין ומארריו את מי אשר ימלא את לבו לפצות פה — — נגד מורינו ורבינו הגאון — — יהונתן — —".[22] חשון תקי"ד (1753) האָט דער פוילישער ועד ארבע ארצות זיך אַרויסגעזאָגט פאַר ר' יהונתן, ווי אַ ייד „— — אשר רוח אלקים בו וראוי שתשרה עליו שכינה — — חף הוא מפשע ושלח את ביאורו ביאור מספיק שרשו בקודש על הקמיעות לגאוני הזמן — — וכל המהרהר אחריו כאלו מהרהר אחר השכינה".[23] און דער ועד האָט גוזר געווען צו פאַרברענען אַלע כתבים וואָס זענען דערשינען קעגן אים, די כתבים פון יעב"צן און פון זיינע אָנהענגערס.

אין משך פון דער גאַנצער צייט: 1751—1753 זענען ר' ברוך און ר' יצחק געשטאַנען אויף דער וואַך, זיי זענען געווען אָנוועזנדיק אויף אַלע וויכטיקע אסיפות און זיצונגען. זיי האָבן זיך באַמיט צו באַאיינפלוסן ווען זיי האָבן נאָר געקאָנט. פאַר זיי איז דאָס געווען אַ מלחמת־קודש. אָבער לויט דער אָפיציעלער ריכטונג פון פוילישן יידנטום איז זייער מיינונג וועגן אייבעשיצן נישט געווען די ריכטיקע. פאַר ר' ברוכן איז געווען לייכטער אָנצופירן זיין טעטיקייט, ער האָט געהאַט די נייטיקע מיטלען דערצו און אויך זיין תקיפות איז געווען גרעסער. ר' יצחקן דאַקעגן, איז דאָס אָנגעקומען שווערער. נישט איין מאָל באַקלאָגט ער זיך, אַז דער קאַמף שלעפּט אים אַריין אין גרויסע הוצאות: „— — אני מוכרח ליסע לאסיפה דארבע ארצות בק"ק קאָסטאנטין וגודל הוצאות שלי הקב"ה ישלם לי".[24] „ — — עמדתי בקשרי מלחמה עם הכתבים הבאים לידי — — ונתתי י"ב גילדן־שטיק וחצי מעות פאשט — —".[25] „והייתי שמה (אין בראד) כחודש ימים כדי לשמור דרך עץ החיים, — — ועל טוב יזכר שמו של האלוף התורני הרבני מהור"ר ברוך מארץ יון, שהחזיק את ידי בכל מאמצי כח גברא — — ועוד אמרו החכמים הרבנים לשלוח לק"ק המבורג זוגא דרבנן, ואני עמהם — — אך עיקר חסר מן הספור מי ומי שיתן על הוצאות — — שמוכרחים ליתן כמה מאות אדומים על שעה חדא".[26] ר' יצחק האַלט אין איין גלייבן, אַז ער וועט קאָנען עפּעס אויפטאָן און באַנייען דעם קאַמף קעגן אייבעשיצן: „ועוד ידי נטויה בזה הוועד שיהיה י"ב תמוז הבע"ל (תקט"ו) בק"ק קאָסטאנטין".[27] „— — כי עד מתי תאכל חרב וכובשים פניהם, כל מקום שיש הילול השם אין חולקים כבוד לרב — — ".[28]

ר' יצחק און ר' ברוך זענען געווען באַרייט ווייטער צו קעמפן, אָבער דערווייל איז זיך אין פוילן פאַרלאָפן אַ נייע מעשה, וועלכע איז געווען אַ סך געפערלעכער ווי די קמיעות פון ר' יהונתן אייבעשיץ. דאָס איז דער דריטער אַקט פון דער אַלגעמיין פויליש־יידישער געשיכטע, אין וועלכן ביאַלער יידן — דאָסמאָל ווידער ר' יצחק און ר' ברוך — נעמען אַ גרויסן אָנטייל.

סוף יאָר 1755 איז צוריקגעקומען קיין פוילן דער פּאָדאָ־ליער ייד יעקב פראַנק, וואָס האָט פאַרבראַכט אַ לענגערע צייט אין טערקיי און איז דאָרט געשטאַנען אין ענגע פאַרבינדונגען מיט דער שבתי צביאישער סעקטע פון די דענמייער.[29] אין פוילן האָבן זיך אַרום אים פאַרזאַמלט אַלע שבתי צבי'ניקעס, און אויב ביז איצט איז ביי פראַנקן געווען אַ נטיה צום איסלאַם, הייבט ער פון איצט אָן צו גלאָצן די אויגן צום קריסטנטום. פראַנק און זיינע אָנהענגערס האָבן געפירט אַ הפקר־לעבן פון פריצות און אַפיקורסות להכעיס. ס'איז ביי זיי רייף געוואָרן דער געדאַנק אָנצונעמען דעם קריסטלעכן גלויבן. זיי זענען געקומען ביז צו דער באַשולדיקונג, אַז דער תלמוד באַפעלט צו באַנוצן קריסטלעך בלוט אויף פסח.

מ'זעט בולט דעם אונטערשייד צווישן דער פלוגתא יעב"ץ—אייבעשיץ און דער פראַנקישער צרה. יענע איז געווען אַ ריין יידישע זאַך, דאָ האָבן מיר אָבער צו טאָן מיט אַ גרויסער געפאַר וואָס דראָט דעם פוילישן יידנטום. עלילות־דם זענען אין דעמאָלטיקער פינצטערער צייט געשטאַנען אויפן סדר־היום, און דאָס עדות־זאָגן פון יידן אַליין האָט געקאָנט ברענגען אַ גרויס אומגליק.

די יידישע אָנפירערשאַפט איז גלייך אַרויסגעטראָטן קעגן דעם געפערלעכן שפיל און ס'האָט זיך צעפלאַקערט אַ פייערדיקער קאַמף. דער ועד הגליל לעמבערג האָט אין סיון תקט"ז (1756) אַריינגעלייגט די פראַנקיסטן אין חרם און דער חרם איז באַקרעפטיקט געוואָרן דורך דעם ועד ארבע ארצות אין קאָנסטאַנטין (סעפטעמבער 1756). אויף דער זייט פון די פראַנקיסטן האָט זיך געשטעלט דער קאַמיעניעצער בישאָף, און ער האָט פאַראָרדנט אַן עפנטלעכן דיספוט צווישן יידן און פראַנקיסטן. דער דיספוט האָט זיך געענדיקט, לויט דעם פסק פון בישאָף, מיט דער מפלה פון די יידן און מיט דער גזירה צו פאַרברענען דעם תלמוד (יוני 1757). פראַנק פירט זיין אַגיטאַציע ווייטער, און ווי אַ קאַנדידאַט צום קריסטנטום געווינט ער די שוץ פון קעניג. ער פועלט ביים לעמבערגער אַרציבישאָף, אַז ס'זאָל פאָרקומען נאָך איין דיספוט צווישן זיינע אָנהענגערס און צווישן די יידן, כדי צו באַווייזן, אַז די ריכטיקע אויפפאַסונג פון יידנטום און פון משיח־גלויבן פירט בהכרח צו דער אָנערקענונג פון קריסטנטום. די יידן באַשטייען מיט כבוד דעם דיספוט פון לעמבערג (יולי—אויגוסט 1759), אָבער די קריסטלעכע מאַכט דערקלערט די יידן פאַר באַזיגטע.

נאָר אין איין פּרט האָבן די יידן געהאַט אַ טיילווייזן נצחון, און דער פּרט איז געווען דער געפּערלעכסטער: דער קאַנאָניק וואָס האָט אָנגעפירט מיטן דיספּוט האָט געלאָזט אָפּן די פראַגע פון עלילת־דם, וועלנדיק אָפּוואַרטן אויף דער תשובה פון פויפּסט, צו וועמען די יידן האָבן זיך געוואָנדן נאָך הילף.

די פראַנקיסטן האָבן איצט אָפן אָנגענומען דאָס קריסטנטום. פראַנק איז אָבער אַריין אין אַ קאָנפליקט מיט דער קירכע און ער איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף לעבנס־לענגלעכער תפיסה אין דער טשענסטאָכאָווער פעסטונג. בעת דער ערשטער טיילונג פון פוילן (1772) האָבן די רוסן באַפרייט פראַנקן און ער האָט זיך מיט זיינע אָנהענגערס באַזעצט קודם אין בערן (מעהרן) און דערנאָך אין דער געגנט פון פראַנקפורט אַם מאַין, ווו ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1791, אין עלטער פון 91 יאָר.

אונדז אינטערעסירט דאָ אין דער גאַנצער געשיכטע דער אָנטייל פון ביאַלער יידן אין קאַמף מיט די פראַנקיסטן. ר׳ יעב״ץ שרייבט אין זיינע זכרונות „מגלת ספר״: „גם מחו׳ (מחותני) הנגיד כ״ה ברוך הנ״ל יזכר לטוב בעסק זה, כי גם פה עשה את שלו, ועמד כעמוד ברזל לפני המלך פולין ושריו — — ולבטל עצתם ולהפר מחשבתם הרעה על היהודים, ולהשיב גמולם בראשם, והתנדב בנפשו ובמאודו להדפם ולרדפם״.[30]

אין די ערשטע יאָרן פון געראַנגל שטייט נאָך אין דער ערשטער פראָנט־ליניע אונדזער ר׳ יצחק. אין אַ בריוו פון ר׳ ברוכן צו יעב״צן שרייבט ער וועגן דעם קאָנסטאַנטינער וועד: „— — והנה גם הוא (ר׳ יצחק) היה פה משך זמן ועדן עת האסיפה הוועד הגדול — — והוא היה מתחזק באמונה עושה היה לראש פנ״ה את עצמו מכל התעסקות ועסק במצוה — —״.[31] ר׳ ברוך האָט פון זיין זייט פאַרפירט אַ ברייטע טעטיקייט, אַז דער ענין זאָל באַטראַכט ווערן נישט ווי אַ יידישע אָנגעלעגנהייט, נאָר ווי אַן ענין וואָס אינטערעסירט אויך דער קריסטלעכער קירכע: „וגם אנחנו נחלץ חושים לקראתם לעמוד לפני האדונים הבישופים לדון את הארורים האלה בשרפה... כי לפי דיניהם, מי שממציא אמונה חדשה נידון בשרפה — —״.[32] זיין קוק איז געווען אַ ריכטיקער. לויט דער דאָזיקער טאַקטיק איז געווען צו האָפן, אַז דער קאַמף וועט זיין לייכטער און דערפאָלגרייכער.

נאָך דער קאַמיעניעצער גזירה האָט ר׳ ברוך זיך געוואָנדן צום מיניסטער בריל און שילדערנדיק פאַר אים די אַנטוויקלונג פון די געשעענישן „פתחתי פי בבכי ובתחנונים למען לבקש מאת אדוננו המלך שיצוה ברוב חסדו להכרית אותם כת שבתי צבי ימח שמו וזכרו״. בריל האָט אים געראַטן אָנצושרייבן אַ מעמאָריאַל צום קעניג (אויגוסט דער דריטער, 1734—1763), כדי דער זאָל ווייטער ווירקן מיט דער הילף פון פויפּסטלעכן נונציוס. ר׳ ברוך האָט תיכף פאַרפאַסט דעם מעמאָריאַל און אים איבערגעשיקט צום קעניג. ער האָט אָבער געטאָן נאָך מער, אָט ווי ער דערציילט די מעשה: „ויותר מזה עשיתי שלקחתי עמי אנשים, — — ועשיתי סופליקא[33] למשפט הנונצייטרי — — ואנכי כיד ד׳ הטובה עלי הפרש הפרשתי כמו הקדש הקדשתי סך מאה אדומים שפעציא להצטרכות פיזור המשפט הזה — —״.[34] ס׳איז נאָך כדאי צו באַמערקן, אַז אין זיין טעטיקייט טרעט אויף ר׳ ברוך נישט ווי אַ תקיף וואָס האַנדלט אויף אייגענער האַנט, נאָר ער באַראַט זיך און גיט אָפּ אַ דין־וחשבון די אָפיציעלע אָנפירערס. ר׳ ברוך איז ביי דער גוטער האָפענונג, אַז ס׳וועט איצט נעמען אַ סוף מיט די פראַנקיסטן, ער שרייבט: „כאשר עינינו ראו שרפת התורה, יראו עינינו שישרפו באש את בת שלו״.[35] און גלייכצייטיק בעט ער נאָך יעב״צן ער זאָל פועלן, אַז די אַמסטערדאַמער קהילה זאָל זיך ווענדן צום פויפּסט דורך דער קהילה פון רוים.

מיר האָבן אויבן געזעען, ווי אַזוי די ענינים האָבן זיך ווייטער אַנטוויקלט. ר׳ ברוך האָט נאָך איין מאָל זיך אַריינגעמישט אין גאַנג פון די געשעענישן. ווען פראַנק איז געזעסן אין דער טשענסטאָכאָווער פעסטונג האָט ער אָנגעקניפּט פאַרבינדונגען מיט מאָסקווע און פעטערבורג, שטעלנדיק אין אויסזיכט, אַז ער וועט באַרייט זיין אָנצונעמען די פּראַוואָסלאַווישע אמונה. דאָ האָט ר׳ ברוך זיך ווידער געוואָרפן אין קאַמף („ממש הניח חפציו ועסק בחפצי שמים״) און ס׳איז אים געלונגען צו אַנטפּלעקן דעם אמתן פרצוף פון פראַנקן און זיינע אָנהענגערס; „והרשעים האלה נדחו בפחי נפש״.[36]

רעזומירנדיק דעם גאַנצן ענין, קאָנען מיר פעסטשטעלן אַז די צוויי ביאַלער יידן האָבן מיט גרויס ווירדע רעפּרעזענטירט דעם שטאַנדפּונקט פון יידנטום; ס׳איז נישט זייער שולד וואָס זיי האָבן נישט געקאָנט אַ סך אויפטאָן.[37] אויך דאָ מוזן מיר באַמערקן ווי גרויס ס׳איז דער שאָד וואָס מיר ווייסן נישט אַ סך מער וועגן ר׳ ברוכן און ר׳ יצחקן, אויסער דעם וואָס מיר האָבן אויבן דערציילט. ס׳וואָלט געווען זייער אינטערעסאַנט צו וויסן, וואָס אַזעלכע צוויי וויכטיקע אָנפירערס האָבן אויפגעטאָן אין די ראַמען פון דער ביאַלער קהילה גופא.

ו. די קהילה און די אויסנוועלט

אין דער רייכער געשיכטע פון יסורים, רדיפות און גזירות וואָס ס׳איז דורכגעגאַנגען דאָס פּוילישע יידנטום, האָבן אויך די ביאַלער יידן געהאַט אַן אַנטשפּרעכנדיקן אָנטייל. מיר האָבן נישט קיין דירעקטע ידיעות וועגן דעם וואָס ס׳האָט איבערגעלעבט די ביאַלער קהילה אין די גזירות ת״ח פון כמיעלניצקי, אָבער לויט די אומדירעקטע רמזים איז אָנצונעמען, אַז אויך זי איז געווען פאַרוויקלט אין די טראַגישע געשעענישן. דער הויפּט־כראָניקער פון די גזירות ת״ח ר׳ נתן האַנאָווער, וואָס האָט אַליין מיטגעמאַכט דאָס טרויעריקע קאַפּיטל, שטעלט זיך ווייניק אָפּ אויף דעם גורל פון די ליטווישע קהילות. ער באַנוגנט זיך מיט אַן אַלגעמיינער נאָטיץ, אַז „ואנשי ק״ק סלוצק וק״ק פינסק וק״ק בריסק דליטא ברחו קצתם לפולין גדולה וקצתם לדנצק על המים על הנהר ווייסל. ודלת עם הנשארים בק״ק בריסק ובק״ק פינסק נהרגו על קידוש השם כמה מאות נפשות״. „ובק״ק ווֹלאדווה נאספו שם יהודים הרבה ונהרגו שם כעשרת אלפים נפשות בכל מיתות משונות. ובשאר קהלות גדולות בליטא נהרגו יהודים לאלפים ורבבות״.[38]

אין דער הקדמה צו די סליחות וואָס ס׳האָט פאַרפאַסט

דער גרויסער תלמודיסט ר' שבתאי כהן, דער מחבר פון באַוווסטן קאָמענטאַר צום שולחן־ערוך „שפתי כהן" (ש"ך), וואָס ער אַליין איז געווען אַ קרבן פון די גזירות וואָס האָבן זיך אויסגעגאָסן אויפן ליטווישן יידנטום ווי אַ נאָכווייעניש פון די גזירות ת"ח לייענט זיך: „— — בק"ק וולאדוי עשו זבח רב — — גם בק"ק בריסק וק"ק פינסק וכל הגלילות והסביבות, אין מקום אשר אין שם הרוגים משולכים איש אל אחיו ואשה אל אחותה משולכות".[39] אין אַן אַנדער כראָניק („טיט היון" פון ר' שמואל פייביש בר' נתן פייטיל) ווערן אויסגערעכנט די גזירות פון פאַרשיידענע קהילות „במדינה הנקראה פודלשיא".

אין דער רשימה פון די קהילות ווערט דריי מאָל דערמאָנט מעזריטש (מעזריטש גדול, מעזריטש קטן, מזריץ גדולה) און ס'איז קיין ספק נישט אַז איינע פון די דריי שטעט איז מעזריטש לעבן ביאַלע. וועגן מעזריטש האָבן מיר, אגב, אַ גאָר דירעקטע ידיעה: אין 18טן יאָרהונדערט געפינען מיר אין דעם גאַליצישן שטעטל באָלעכאָוו דעם באַקאַנטן זכרונות־שרייבער ר' בער באָלעכאָווער, וואָס פון דעם נוסח פון זיינע זכרונות איז אָנצונעמען, אַז זיין עלטער־זיידע ר' יהודה לייב שטאַמט פון די פליטים פון „מיזעריטש הגדולה סמוכה לבריסק דליטא".[40] ביאַלע אַליין ווערט נישט אין ערגעץ דערמאָנט, אָבער ס'איז זיכער אַז איר גורל איז געווען דער זעלביקער ווי דער גורל פון דער גאַנצער בריסקער געגנט.

פון אָנהויב 18טן יאָרהונדערט האָבן מיר צו פאַרצייכענען צוויי פערזענלעכע טראַגעדיעס פון ביאַלער תושבים. אין יאָר 1710 איז אַ ביאַלער איד פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט אין שייכות מיט אַן עלילת־דם. איז עטלעכע יאָר שפּעטער איז זיך אין ביאַלע פאָרלאָפן אַ געשעעניש, וואָס איז נישט היסטאָריש גאַנץ באַגרינדעט, אָבער זי האָט זיכער אַ פאַקטישן גרונטקערן. די פּאַסירונג איז נוגע דעם באַרימטן זון פון לעמבערגער רב, ר' צבי הירש בן ר' נפתלי הירץ, וואָס ביאַלער יידן האָבן זוכה געווען אים צו האָבן פאַר אַ רב און ראש־ישיבה. אין די מקורות ווערט ער אָנגערופן ר' צבי הירשלי האַלבערשטאַטער (לכבוד דער רבנות וואָס ער האָט אָנגענומען אין דייטשלאַנד נאָך דעם ווי ער האָט פאַרלאָזט ביאַלע), אָבער, ווייזט אויס, אַז ער האָט אָנגענומען דעם נאָמען ביאַלע ווי אַ פאַמיליע־נאָמען.

ר' צבי הירש האָט געהאַט אַ שיינע טאָכטער, און דער פריץ האָט זיך פאַרגלוסט זי אַוועקצונעמען פאַר זיך. דער רב און די רביצין האָבן געוואָלט ראַטעווען די טאָכטער און האָבן גיך געשטעלט אַ חופה מיט דעם רבס תלמיד ר' משה פון בריסק. בשעת דער חופה איז פלוצעם דערשינען דער פריץ און האָט געוואָלט פאַרכאַפּן די כלה מיט געוואַלד. אויף די חתונה־געסט איז געפאַלן אַ פחד, אָבער דער יונגער חתן האָט נישט פאַרלוירן זיין מוט, ער האָט מיט אַ מעכטיקן קלאַפּ אַוועקגעלייגט דעם פריץ צו דער ערד און ער איז אַנטלאָפן מיט דער כלה. דער פריץ האָט געברענט מיט נקמה פאַר דער גרויסער חרפה וואָס איז אים אָנגעטאָן געוואָרן, און ער האָט דעם רב מיט זיין פאַמיליע אַריינגעזעצט אין תפיסה. די איינגעשפּאַרטע האָט געדראָט טויט־שטראָף. אָבער דאָ האָט זיך אַריינגעמישט דער מעכטיקער יידישער שתדלן און פינאַנץ־מאַן ר' ישכר בער לעהמאַן פון האַלבערשטאַט, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אין די רעגירונגס־קרייזן, און ר' צבי הירש איז באַפרייט געוואָרן צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע. אין ביאַלע האָט ער מער נישט געקאָנט פאַרבלייבן, אויך די טראַגישע ידיעה, אַז די טאָכטער איז דריי טעג נאָך דער חופה געשטאָרבן, האָט שווער געלאַסטעט אויף דער גאַנצער משפּחה. ר' צבי הירש האָט אַלזאָ אָנגענומען דעם פאָרשלאָג פון ר' ישכר בערן און איז געקומען ווי אַ רב קיין האַלבערשטאַט, מיטנעמענדיק מיט זיך ר' משהן, וואָס איז דערנאָך געוואָרן רב אין פרעשבורג.

וועגן זיין ביאַלער רבנות ווערט דערציילט: „בהיותו בעיר ביאלי כל אנשי העיר אהבוהו וכבדוהו מאד. ידעו והבינו, כי רבם הוא אחד מגאוני הדור ויחידי סגולה בקהל הגולה. גם ענותו הגדולה והצדקה אשר פזר לעניים, והכבוד אשר האציל לכל אחד מבני עדתו לפי ערכו וכבודו הביאו תודת הכבוד בלבם, ואיש לא ערב את לבבו להפריעו מתורתו אשר הגה בה יומם ולילה ויבלה את כל עתו אך בד' אמות של הלכה".[41]

אין האַלבערשטאַט האָט ר' צבי אָנגעפירט מיט אַ גרויסער ישיבה, ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט גרויסער לומדות — זיין צונאָמען איז געווען „חריף". ער האָט אָנגעפירט אַ ברייטע טעטיקייט ווי אַ גייסטיקער מנהיג פון זיין קהילה. ער איז נפטר געוואָרן אין יאָר 1748. פון זיינע רבנישע כתבים זענען געדרוקט צוויי: „עטרת צבי" און „כוס ישועות". הרב יהודה לייב הכהן פישמאַן לויבט אים אין זיין בוך „שרי המאה", ווי: „— — שר התורה וגאון הקדושה והטהרה — — אישיות נהדרה, חביבה, קונה לבבות, בעלת השפעה ונדיבת רוח מאין כמוה".[42]

פון דער מיט פון 18טן יאָרהונדערט איז צו אונדז דערגאַנגען אַ צופעליקע ידיעה פון אַ דייטשער צייטונג פון יאָר 1751, אַז דער געוועזענער גענעראַל־קאַסירער און אַרענדאַר פון הויף אין ביאַלע, שמואל בן־יצחק, וואָס מיר האָבן זיך פריער אויף אים אָפּגעשטעלט, איז פירנדיק די עסקים פון הויף אַריין אין אַ סכסוך מיט די עקאָנאָמישע מאַכט־אָרגאַנען פון פרייסישן קעניג און מיט זיין הויף־ליפעראַנט, אפרים. ווייזט אויס, דער סכסוך האָט זיך ערנסט אָפּגעשלאָגן אויף די פינאַנצן פון הויף, און אַזוי ווי אין סכסוך איז געווען פאַרמישט אַ ייד, האָט זיך דער פריץ נוקם געווען אויף די סלוצקער און ביאַלער יידן, און ער האָט 92 פון זיי איינגעזעצט אין תפיסה. נאָך פאַרשיידענע פאַרהאַנדלונגען איז דער סכסוך אין יאָר 1751 ליקווידירט געוואָרן. די האַנדלס־באַציאונגען צווישן פרייסן און דעם ביאַלער ראַדזשיוויל זענען באַנייט געוואָרן און דער פריץ האָט די 92 יידן באַפרייט פון תפיסה. ער האָט די באַפרייטע יידן באַשאָנקען מיט מתנות, און באַזונדערס האָט ער באַוויזן זיין חסד צו דער פאַמיליע פון ר' שמואלן (וואָס איז אינצווישן געשטאָרבן), פאַרזאָרגנדיק איר „רייכליך אויף לעבענסלענגליך". די ידיעה שטאַמט פון אַ קאָרעספּאָנדענץ פון דאַנציג. ס'איז דערפון אָנצונעמען, אַז דער סכסוך

איז אויסגעבראָכן אין שייכות מיטן האַנדל פון פּראָדוקטן פון די ראַדזשיווילישע גיטער אויפן דאַנציגער ים־מאַרק.

און נאָך איין ידיעה פון די זעכציקער יאָרן פון 18טן יאָרהונדערט. די ידיעה איז צו אונדז דערגאַנגען גאַנץ צופעליק. זי האָט אַ שייכות צו אַ גרויסן רב. אין יאָר 1744 איז נפטר געוואָרן אין אייזנשטאַט (אונגאַרן) דער גרויסער רב ר׳ מאיר בן־יצחק, באַקאַנט אונטערן נאָמען מהר״ם א״ש (מורנו הרב ר׳ מאיר אייזנשטאַט). זיין זון ר׳ יצחק בר׳ מאיר געפינען מיר אין ביאַלע ווי אַ רב אין די פערציקער יאָרן, און וועגן אים האָבן מיר זיך ברייטער אָפּגעשטעלט אין פריִקן קאַפּיטל. ר׳ יהודה, אַ ברודער פון אָט דעם ר׳ יצחק, אויך ער אַ ביאַלער רב, האָט אין יאָר 1766 אַרויסגעגעבן אין פיאָרדא (דייטשלאַנד) דעם פאַטערס ספר „אור הגנוז" — חדושים על מסכת כתובות ועל הלכות יין נסך. אין דער הקדמה דערציילט ער אונדז פאָלגנדיקס: „— — בהפוך העיר היא קהלתינו הקדושה המפוארה ק״ק בייאלי — — בעת התמניות המלכות במדינת פולין — — בשנת תקכ״ד — — השקתני יין התערל׳(ה), ובאותה שנה — — ביו׳(ם) א׳ ב׳ דר״ח תמוז באו השונאי׳(ם) לקהלתינו בקול רעם ורעש העבירו קול היתר לעשות כרצונם וכאוות נפשם ביהודי׳(ם) שקורין בל״א (בלשון אשכנז) פלינדרין. ניתן רשות למשחית על שלש שעות והם שללו ובזזו מעת לעת ר״ל (רחמנא ליצלן) ומי יוכל להאריך מגודל הצרה בפרט מה שעשו השונאי׳(ם) בבה״כ הגדולה ובבית המדרש דקהלתנו. חמסו וגזלו ממני כל רכושי והפשיטו ממני ואשתי ובניי שי׳ כל בגדי החמודות ונשארתי ערום וערי׳ ועכ״ז (ועל כל זה) נתתי הודא׳(ה) למקו׳(ם) ב״ה שאין בעל הרחמן פוגע בנפשו׳(ת). זכרה אלקי לטובה לקרתא קדישא ק״ק בריסק דליטא יע״א (יגן עליה אלהים) אשר רוזני קציני פו״מ (פרנסים ומנהיגים) דק״ק הנ״ל העבירו קול תרועת חרם באשר השונאי׳(ם) הגזלני׳(ם) הלכו מקהלתינו לק״ק הנ״ל, גזרו מי שיקנה מאח׳(ד) הנ״ל מן השלל מקהלתנו שמחוייב להחזי׳(ר) בפדיון בלי שום פ״א (פרוטה אחת) ריווח, ודב׳(ר) זה הי׳(ה) לקהלתינו לעזר ולסעד גדול. ונאבדו הרב׳(ה) כתבי הקודש מאמ״וה (אבי מורי הרב) ז״ל ולא נשאר כ״א (כי אם) הספר ע״ה (על התורה כתנת אור וחידושי׳(ם) על הי״נ (הלכות יין נסך) וחידושי׳(ם) על מ׳ (מסכת) כתובות".

פון דער הקדמה דערוויסן מיר זיך אָט וואָס: אין יאָר 1764 בעת די מהומות וואָס זענען אויסגעבראָכן אין פּוילן אין שייכות מיט די וואַלן פון לעצטן פּוילישן קעניג, סטאַניסלאַוו אויגוסט פּאָניאַטאָווסקי, איז די ביאַלער קהילה דורכגעגאַנגען אַ קליינעם פּאָגראָם, וואָס האָט זיך על פּי נס פאַרענדיקט אָן מענטשלעכע קרבנות. אונדזער ר׳ יהודה האָט, ווייזט אויס, זייער געליטן און צום מייסטן האָט אים וויי געטאָן דאָס האַרץ וועגן די כתבים פון זיין גרויסן פאָטער, וואָס זענען בעת דעם פּאָגראָם פאַרלוירן געגאַנגען.

צוויי יאָר נאָכן פּאָגראָם נעמט ער אונטער אַ וואַנדערונג איבער שטעט אין פּוילן, עסטרייך און דייטשלאַנד, כדי צו זאַמלען געלט אויף אַרויסצוגעבן די איבעריקע כתבים פון זיין פאָטער. דעם כתב־יד פון ספר „כתנות אור" האָט ער געגעבן דעם זון פון זיין ביאַלער שוועסטער, וואָס איז געווען רב אין זאַבלודאָווע, און ער האָט אים טאַקע אָפּגעדרוקט. דעם ספר „אור הגנוז" גיט ער אַליין אַרויס. מיר דערוויסן זיך, דרך אגב, פון זיין דערציילונג, ווי שיין ס׳האָט געהאַנדלט די בריסקער קהילה, און ווי אַזוי זי האָט געהאָלפן ביאַלער יידן ווידער צוריקקערן צום נאָרמאַלן צושטאַנד.

ז. איבערגאנגס־צייט פון אלטן פוילן צום נייעם קאנגרעס־פוילן (1815-1795)

אין יאָר 1795 האָט פּוילן אויפגעהערט צו עקסיסטירן; ס׳איז דורכגעפירט געוואָרן די דריטע טיילונג פון דער איבערגעבליבענער פּוילישער טעריטאָריע (נאָך דער ערשטער און צווייטער טיילונג: 1772, 1793) און די גרויסע דריי מדינות: רוסלאַנד, עסטרייך און פּרייסן האָבן זיך ווידער באַרייכערט מיט נייע פּוילישע פּראָווינצן. דער גאַנצער לובלינער און שעדלעצער קאַנט, און מיט אים אויך ביאַלע זענען צוגעפאַלן עסטרייך, בילדנדיק די פּראָווינץ „מערב־גאַליציע". אין פערצן יאָר אַרום (1809) איז געקומען אַ נייע ענדערונג: ווי אַ רעזולטאַט פון נאַפּאָלעאָנס נצחון איבער עסטרייך איז מערב־גאַליציע (און ביאַלע בתוכה) אָפּגעשניטן געוואָרן פון עסטרייך און אָנגעשלאָסן געוואָרן צום וואַרשעווער פירשטנטום וואָס נאַפּאָלעאָן האָט געשאַפן אין יאָר 1807 מיט דעם זאַקסישן קעניג אין דער שפּיץ. פערצן יאָר האָבן אַלזאָ ביאַלער יידן געהאַט די „זכיה" צו זיין גאַליציאַנער", און דערנאָך האָבן זיי זיך ווידער אומגעקערט צו פּוילן. די לאַנגע איבערגאַנגס־צייט האָט נאָך זיך מיטגעשלעפּט ענדערונגען אין דער געזעצגעבונג און אין דער רעכטלעך־עקאָנאָמישער לאַגע. מ׳מוז נאָך צוגעבן, אַז אָט די תקופה איז געווען אַ צייט פון מלחמות. נאַפּאָלעאָן האָט די וועלט נישט געלאָזט רוען. עסטרייך און דאָס וואַרשעווער פירשטנטום געפינען זיך די גאַנצע צייט אין מלחמה־צושטאַנד, און ס׳איז קלאָר, אַז אויך די עובדה האָט געמוזט האָבן אירע פאָלגן. און נאָך אַ דריטע ענדערונג האָבן איבערגעלעבט די ביאַלער יידן: אין יאָר 1813 איז געשטאָרבן אין דייטשלאַנד דער פירשט דאָמיניק ראַדזשיוויל, נאָכדעם ווי ער האָט אָנטיילגענומען אין דער גרויסער נאַפּאָלעאָנישער שלאַכט ביי לייפּציג. ביאַלע איז איבערגעגאַנגען אונטער דער הערשאַפט פון זיין איידעם, דער רוסישן פירשט וויטגענשטיין.

אין די עסטרייכישע צייטן איז ביאַלע געוואָרן אַ קרייז־שטאָט, און די אַקאַדעמיע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קייזערלעכער גימנאַזיע. אין דעם פּנקס פון דער „חברה קדישא" געפינען מיר אַ נאָטיץ וואָס מעלדעט אונדז וועגן דעם שינוי פון יאָר 1809. די נאָטיץ גיט איבער, אַז ביז היינט איז געווען אין אומגאַנג עסטרייכיש געלט און פון היינט וועט דאָס איינשרייב־געלט פון די נייע חברים געצאָלט ווערן אין דער וואַליוטע פון דער נייער מדינה „מחמת השתנות הזמנים". אין דער צייט פון וואַרשעווער פירשטנטום איז ביאַלע געבליבן אַ קרייז־שטאָט און איר כראַניק פאַר אָט דער צייט האָט צו פאַרצייכענען דריי גרעסערע געשעענישן.

אין יאָר 1812 איז דאָ אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ סיימיק וועגן אָנשליסן זיך צום דעם גרויסן צוג פון נאַפּאָלעאָנען אויף מאָסקווע. אין דעם יאָר האָט זיך אָפּגעשפּילט ביי ביאַלע אַ רוסיש־זאַקסישער קאַמף און ער האָט אָפּגעקאָסט ביאַלע אַ היפּש ביסל געלט. אין האַרבסט 1815 איז דורך ביאַלע דורכגעפאָרן דער רוסישער צאַר אַלעקסאַנדער דער ערשטער, פאָרנדיק צום ווינער קאָנגרעס, וווּ מ׳האָט געזאָלט ליקווידירן די נאַפּאָלעאָנישע עפּאָכע. בשעת זיין אויפנטהאַלט אין ביאַלע האָט ער דאָ אויפגענומען אויף אַן אוידיענץ אַ דעלעגאַציע פון פוילישן סענאַט.

וואָס שייך ייִדן, האָט די עסטרייכישע הערשאַפט געבראַנגט צוויי נייע, ספּעציעל־ייִדישע שטייערן: דער „כשר־שטייער", וואָס האָט באַדייטנדיק טייערער געמאַכט דאָס פלייש פאַר דעם פלייש־עסנדיקן קאָנסומענט, און דער „ליכט־שטייער", וואָס יעדער ייִד האָט אים געמוזט צאָלן. די רעגירונג האָט אַזוי אַרום זיך געמאַכט פאַרן אַפּוטראָפּוס אויף ייִדישקייט אין פּרט פון אָנצינדן שבת־ליכט. און ווען מיר וועלן נאָך צוגעבן, אַז דער אַלטער פוילישער קאָפּשטייער איז באַדייטנדיק געהעכערט געוואָרן (ער הייסט איצט „טאָלעראַנץ־שטייער", משמעות אַ שטייער פאַרן זכות צו לעבן, וווינען און אַרבעטן אין עסטרייך), און אַז ס׳איז אויך איינגעפירט געוואָרן אַ הויכער אָפּצאָל פאַר שטעלן אַ חופּה — וועט קלאָר ווערן, אַז דאָס לעבן איז נישט געוואָרן לייכטער. דער מצב פון מלחמה האָט פון איין זייט אַ ביסל געלינדערט דעם עקסיסטענץ־געראַנגל. דער האַנדל און מלאָכה האָבן באַקומען אַ נייע יניקה, אָבער פון דער אַנדערער זייט איז דאָס געווען אַ שווערער קלאַפּ פאַר ייִדן, ווייל אין עסטרייך האָט קיסר יאָזעף דער צווייטער אַיינגעפירט פאַר ייִדן אַלגעמיינעם מיליטער־דינסט־פליכט.

אין אַלגעמיין האָט די עסטרייכישע ייִדן־פּאָליטיק אויך אַרויסגעוויזן געוויסע ליבעראַלע טענדענצן, אָבער איר כוונה איז געווען צו דערפירן ייִדן צו אַסימילאַציע און אַפילו צו שמד; און ערשט ווען זיי וועלן דורכמאַכן די אינערלעכע רעוואָלוציע, וועלן זיי זוכה זיין צו גלייכע רעכט. ייִדן האָבן אין דער ריכטונג פון דער רעגירונגס־פּאָליטיק געזעען און געפילט דערווייל נאָר נעגאַטיווע זייטן: אַ גזירה פון שולבאַזוך; אַ גזירה פון אָננעמען קריסטלעכע נעמען; אַ גזירה פון פאַרוואַרפן דעם טראַדיציאָנעלן ייִדישן לבוש; אַ גזירה פון פאַרלאָזן די שענקערײַ אין די דערפער אאַז״וו.

אין ביאַלע געפינען מיר אָבער אין דער עסטרייכישער צייט אויך אַ פּאָזיטיוון סימן פון דעם ליבעראַלן קורס: אין יאָר 1800 איז צושטאַנד־געקומען אַן אָפּמאַך צווישן דער שטאָט־פאַרוואַלטונג און דער קהילה, וואָס האָט געקאָנט האָבן וויכטיקע פאָלגן. דער אָפּמאַך אַנטהאַלט אַ סך וויכטיקע באַשטימונגען: ייִדן וועלן אָנטייל־נעמען אין דער וואַל פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג; ביי דער רעוויזיע פון דער שטאָטישער קאַסע וועלן אָנטיילנעמען צוויי ייִדישע פאַרטרעטערס; ייִדן וועלן געניסן פון אַלע בירגערלעכע רעכט, אַזוי ווייט, ווי דאָס איז נישט אַנטקעגן די מלוכהשע געזעצן און פאַראָרדענונגען; די שטאָט פאַרפליכטעט זיך צו זאָרגן פאַר די ייִדישע אינטערעסן אין אַ גלייכער מאָס ווי פאַר די שטאָטישע; ביים דורכפירן די רעקרוטירונג פון ייִדישע זעלנער, וועט אָנטיילנעמען די ייִדישע קהילה; ווי אַ קעגנלייסטונג פאַרפליכטעט זיך די קהילה צו צאָלן יערלעך 100 עסטרייכישע גולדן.

וואָלט דער אָפּמאַך געהאַלטן געוואָרן, וואָלט ער אַוודאי געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף דער אַלגעמיינער לאַגע פון דער ביאַלער קהילה. ווי מיר וועלן אָבער ווייטער זען, איז דאָס נישט געשען.

אין וואַרשעווער פירשטנטום איז דעקלאַרירט געוואָרן אין דער קאָנסטיטוציע פון יאָר 1807, אַז „אַלע בירגער זענען גלייך כלפּי דעם געזעץ". אָבער לגבי ייִדן איז נאָך נישט קלאָר, צי זענען זיי איבערהויפּט בירגער. און די דערקלערונג וועגן דעם האָט אויף זיך נישט געלאָזט וואַרטן. אין אַ יאָר אַרום (האַרבסט 1808) איז אַרויס אַ דעקרעט, אַז די פראַגע פון פּאָליטישע רעכט פאַר ייִדן ווערט אָפּגעלייגט אויף צען יאָר. הייבט זיך ווידער אָן אַ סדרה פון ייִדישע שטייערן, ייִדיש וווינרעכט אאַז״וו. דער „כשר־שטייער" און דער „ליכט־שטייער" פון איין זייט און דער „קאָפּשטייער" פון דער אַנדער זייט (איצט הייסט ער „קלאַסן־אָדער פאַמיליע־שטייער") דריקן שטאַרק די פאַראָרעמטע ייִדישע שטעט, און דערצו קומט נאָך דער „רעקרוטן־שטייער", וואָס ייִדן פון וואַרשעווער פירשטנטום זענען פאַרפליכטעט איינצוצאָלן אין אַ ריטשאַלטאָווער סומע פון 700 טויזנט זלאָטעס יערלעך, ווי אַן אַנטשעדיקונג פאַרן באַפרייט ווערן פון מיליטער־דינסט. רייכע און אייראָפּעאיזירטע ייִדן דערווערבן פאַר זיך פאַרשיידענע הנחות, אָבער די גרויסע מאַסע פון ייִדן אין שטעט און שטעטלעך, און ביאַלע צווישן זיי, איז נישט רייך און נישט אייראָפּעאיזירט.

איבערנעמענדיק די הערשאַפט אין שעדלעצער קאַנט אין יאָר 1809 האָט די רעגירונג צוגעזאָגט אָפּצושאַפן דעם „פאַמיליע־שטייער", ווי באַלד ס׳וועלן רעגולירט און אָפּגעצאָלט ווערן די ייִדישע חובות פון דער אַלטער אויטאָנאָמישער אָרגאַניזאַציע פון פוילישן ייִדנטום. אָבער דערויף האָט מען נאָך געמוזט לאַנג, זייער לאַנג וואַרטן. דערווייל האָט מען געמוזט צאָלן, און צאָלן לויט אַ גוטן קורס פון דער וואַליוטע, נישט געקוקט אויף דעם, און אפשר דווקא דערפאַר וואָס דאָס אַלטע געלט האָט פאַרלוירן זיין ווערט. אין חוץ די שווערע מלוכהשע שטייערן, האָבן ייִדן נאָך אַ גאַנצע ריי געלט־התחייבותן: אויסצוהאַלטן די קהילה, ביישטייער צום שטאָט־בודזשעט און פאַרשיידענע אָפּצאָלן פאַרן הויף. אין יאָר 1810 האָבן עטלעכע קהילות צוזאַמענן מיט ביאַלע (אויך מעזריטש, שעדלעץ, וואָלאָדאַווע און לובאַרטאָוו) אָנגעגעבן אַ בקשה צום אינערן־מיניסטעריום און געבעטן רחמים: „די מלחמה האָט אונדז פאַראָרעמט, די פאַראָרדענונג צו צאָלן אין גוטער וואַליוטע איז אַ גזירה וואָס מיר קאָנען איר נישט ביישטיין, דער „פאַמיליע־שטייער" ווערט נישט גערעכט פאַרטיילט — די רייכע און פאַרמעגלעכע צאָלן ווייניק און די אָרעמע ווערן דערדריקט. די חובות פון דער אַלטער פוילישער צייט איז אַ

פאַרפּלאָנטערטע פראַגע און מ׳מוז זי רעגולירן מיט דער פריערדיקער עסטרייכישער רעגירונג, וואָס האָט אויף דעם חשבון איינגעמאָנט אַ היפש ביסל געלט". די פּעטיציע פּרוּווט אויך צו שפּילן אויף דער פּאַטריאָטישער סטרונע: „די שווערע באַלאַסטונג און די גרויסע נויט פאַרמינערן די פרייד פון צוריקקער צו דעם היימאַטלאַנד און די האָפענונג אויף אַ בעסערער צוקונפט". די תשובה אויף דער פּעטיציע געפינט זיך נישט צווישן די אַקטן, אָבער ס׳איז קלאָר, אַז זי איז נישט געווען קיין פּאָזיטיווע.

און דערווייל האָט זיך אָנגערוקט די נייע מלחמה פון יאָר 1812, און ווי אַ פּועל־יוצא פון איר איז אָפּגעשאַפן געוואָרן דאָס וואַרשעווער פירשטנטום. ס׳איז געבילדעט געוואָרן דאָס פּוילישע קעניגרייך אונטער דער רוסישער הערשאַפט (קאָנגרעס־פּוילן), און אין דער געשיכטע פון פּוילישן יידנטום, און ביאַלער יידן מיט זיי, עפנט זיך אַ ניי בלאַט.

ח. שטאָט־בודזשעט אין די ערשטע יאָרן פון קאָנגרעס־פּוילן

מיטן יאָר 1815, מיט דער גרינדונג פון קאָנגרעס־פּוילן אונטער דער רוסישער אויבערהערשאַפט, הייבט זיך אָן אַ נייע תקופה אין דער געשיכטע פון דער שטאָט בכלל און פון דער יידישער קהילה בפרט. מיר געפינען זיך אין אַ צייט פון אַ נייעם עפּאָכע־אָנהויב; פון אויפקום פון נייע געזעלשאַפט־לעכע כוחות: די שטאָטישע בורזשואַזיע און דער פאַבריק־פּראָלעטאַריאַט; פון נייע אידעען, וואָס שעפּן זייער יניקה פון דער פראַנצייזישער רעוואָלוציע, פון די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות און פון דער ענגלישער אינדוסטריעלער רעוואָלוציע — סובערעניטעט פון פאָלק, געזעלשאַפטלעכער און עקאָנאָמי־שער ליבעראַליזם. אידעען פון איבערבוי פון דער געזעלשאַפט אין אַ ריכטונג פון מער יושר, אַן אָנהויב פון אַ נייעם לעבנס־שטייגער און נייע לעבנס־באַגריפן אין פּרט פון סאָציאַלער און פּערזענלעכער היגיענע, אין פּרט פון קאָמו־ניקאַציע, פון טאָג־טעגלעכע באַדערפענישן.

אויך אין באַצוג צו יידן האָט זיך די וועלט אַ ביסל אַ רוק געטאָן פאָרויס, ס׳איז אין די פאָרגאַנגענע יאָרן אויפגע־שוווּמען די פראַגע פון גלייכבאַרעכטיקונג און עמאַנציפּאַציע. אין טייל מדינות זענען זינט 1791 געמאַכט געוואָרן פּרוּוון פון געבן די יידן בירגערלעכע רעכט און אין פּרט פון חובות זיי גלייכשטעלן מיט אַלע אַנדערע בירגער. אַזוי איז געווען אין מערב־און אין מיטל־אייראָפּע. אַזוי איז געווען אין די אַלע לענדער וואָס האָבן דורכגעלעבט די פראַנצייזיש־נאַפּאָלעאָ־נישע אָקופּאַציע, אָבער אין רוסלאַנד איז אַלץ געבליבן ביים אַלטן. אין לויף פון דער צייט האָט זיך אין קאָנגרעס־פּוילן אָנגעהויבן אַ תקופה פון אינדוסטריאַליזאַציע און פון שטאַר־קערער באַטאָנונג פון דער מאַכט פון דער שטאָטישער בור־זשואַזיע, אָבער פון אָנהויב האָט זיך די ענדערונג ווייניק וואָס געשפּירט.

וואָס שייך יידן האָבן זיי ווייטער געמוזט קעמפן אַזוי ווי אין די פריערדיקע פּוילישע צייטן — דעם אַלטן עקסיסטענץ־קאַמף, דעם קאַמף אויף וווינרעכט, אויף רעכט פון פרייער באַשעפטיקונג אאַז"וו.

גלייך אין די ערשטע יאָרן פון קאָנגרעס־פּוילן האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די ראָד פון דער געשיכטע גייט אויף צוריק, און אַז פאַר די פּוילישע יידן הייבט זיך אָן אַ נייע מיטלאַלטער־תקופה. אין יאָר 1816 גייט דורך פּוילן אַ כוואַליע פון בלוט־באַשולדיקונגען, און די עלילת־דם באַריירט גאַנץ נאָענט די ביאַלער קהילה: נישט נאָר דערפאַר וואָס דער שקר־בלבול איז כמעט גלייכצייטיק אויפגעשוווּמען אין די נאָענטע שטעט, ווי: מעזריטש, שעדלעץ און וולאָדאַווע, נאָר אויך אַדאַנק דער טראַגישער עובדה, וואָס די ביאַלער תפיסה האָט דאָ אָפּגעשפּילט אַ טרויעריקע ראָלע; דאָ זענען אָפּגע־זעסן אַ געוויסע צייט די מעזריטשער באַשולדיקטע איידער זיי זענען אַריבערגעפירט געוואָרן קיין כענטשין, כדי זיי צו איזאָלירן פון דער ריין־יידישער געגנט. דאָ זענען אויך אָפּ־געזעסן און געפּייניקט געוואָרן אַ לאַנגע צייט די וולאָדאַווער באַשולדיקטע, ביז זיי זענען באַפרייט געוואָרן אין יאָר 1821. לויט אַן אָפיציעלן דאָקומענט פון יאָר 1817 איז אָנצונעמען, אַז אויך אין ביאַלע גופא האָט זיך עפּעס געדרעט וועגן אַ בלוט־בלבול, אָבער ס׳פעלן וועגן דעם ווייטערדיקע ידיעות.

אין די ווייטערדיקע צוויי קאַפּיטלען וועלן מיר זיך אָפּ־שטעלן אויף פּרטים וועגן דעם גורל פון דער ביאַלער קהילה. דאָ ווילן מיר קודם כל געבן אַ בילד פון דער שטאָט אין די צוואַנציקער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט, אין ליכט פון שטאָ־טישן בודזשעט, פון וועלכן ס׳שפּיגלט זיך אָפּ אין אַ געוויסן זין די לאַגע פון דער יידישער קהילה. די איינצלנע פּאָזיציעס, הן פון הוצאות און הן פון די הכנסות, זאָגן געטריי עדות וואָס פאַר אַן אויסזע די שטאָט האָט געהאַט און וואָסערע השגות האָט געהאַט דער מלוכהשער אויפזעער פון דער שטאָט, וואָס האָט דעם בודזשעט צוזאַמענגעשטעלט. זאָלן אָבער קודם־כל רעדן די ציפערן אַליין.

דער שטאָטישער פּרעלימינאַרער־בודזשעט פאַרן יאָר 1819/20

הכנסות

	זל.
שטאָטישער שטייער אויסצוהאַלטן די קוימען־קערערס	1000.—
שטייער פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג פאַר דער שטאָטישער אַדמיניסטראַציע	934.—
הכנסות פון פאַרשיידענע מאַרק־אָפּצאָלן	920.—
ביישטייער פון דער יידישער קהילה פאַר דער שטאָ־טישער אַדמיניסטראַציע	374.—
בריקן־אָפּצאָלן	176.—
הכנסה פון שטאָטישע פּאַשעס	160.—
הכנסה פון דער שטאָטישער יאַטקע	100.—
ביישטייערונג פון די ווײַנשענקערס	42.—
ס"ה	3706.—

הוצאות

	זל.
געהאַלט פון בירגערמייסטער, וואָס איז צוגלייך קאַסירער	1200.—
געהאַלט פון אַ לאַווניק, וואָס איז צוגלייך סעקרעטאַר	300.—
פאַר די קוימען־קערערס	1000.—
צוויי שטאָטישע דינערס	400.—
צוויי נאַכטוועכטערס	200.—
ביישטייער צום געהאַלט פאַרן רעפערענט פאַר שטאָטישע ענינים אין דער וואָיעוודזטווע	144.—
שכירות פאַרן לאָקאַל פון מאַגיסטראַט	100.—
שרייב־מאַטעריאַלן און באַלויכטונג	150.—
אַבאָנאַמענט פון אַמטלעכע זשורנאַלן	21.—
רעפעראַציע פון שטאָטישע יאַטקעס	50.—
אויסערגעוויינלעכע אויסגאַבן	141.—
ס"ה	3706.—

די הייך און דער אינהאַלט פון די הוצאות רעדן פאַר זיך. איינער פון די וויכטיקסטע פאַרשוינען פון דער שטאָטישער אַדמיניסטראַציע איז דער קוימען־קערער און זיינע געהילפן. זייער געהאַלט פאַרנעמט גאַנצע 27% פון אַלע הוצאות. ס'איז נישט קיין וווּנדער: אַן אָרעם שטעטל, וואָס קלאָגט אַז ס'האָט נישט קיין געלט אויף צו ברוקירן די גאַסן, אויף אַיינצוקויפן נייע מכשירים צום פייער־לעשן און אויף אַנדערע הצטרכותן, מוז וויניקסטנס האָבן אַ גוטע באַדינונג פאַר די קוימענס. מ'מוז געדענקען, אַז די שטאָט באַשטייט פון כמעט לויטער הילצערנע הייזלעך, און די דערפאַרונג האָט געלערנט, אַז קודם־כל מוז מען עפּעס טאָן כדי צו פאַרמיידן אַ שריפה.

צו די אויבן־אָנגעגעבענע הוצאות דאַרף מען נאָך צורעכענען די הוצאות וואָס די שטאָט צאָלט דעם הויף. זיי פיגורירן נישט אין בודזשעט. אָבער זיי האָבן עקסיסטירט און זענען אָפּגעשאַפן געוואָרן ערשט אין די זעכציקער יאָרן. אין מעזריטש, למשל, געהערן די בריקן־אָפּצאָלן און די מאַרק־אָפּצאָלן צום דאָרטיקן הויף. אויב אין ביאַלע האָט דער הויף מוותר געווען אויף דעם און פון דער אַנדערער זייט גענומען אויף זיך די פליכט צוצושטעלן האָלץ צום באַהייצן די דירה פון מאַגיסטראַט, האָט ער געפונען אַ דעקונג אין דער פאָרעם פון אַנדערע הכנסות פון דער שטאָט, וועגן וועלכער דער שטאָט־בודזשעט דערציילט אונדז גאָרנישט.

דער שטאָט־בודזשעט מאַכט אַ דערדריקנדיקן אַיינדרוק, בפרט אין פאַרגלייך מיט דעם קהילה־בודזשעט מיט 70 יאָר צוריק, וואָס האָט באַטראָפן, בערך, צען טויזנט זלאָטעס, און דאָס בשעת דער פאַקטישער ווערט פון געלט איז געווען גרעסער.

פאַר דער רעגירונג איז אין בודזשעט פאָרויסגעזען אַ סומע פון 165 זלאָטעס (פאַרן רעפערענט פאַר שטאָטישע ענינים און פאַר אַבאָנירן אַמטלעכע זשורנאַלן), וואָס מאַכן אויס 4.5% פון בודזשעט. אין דער אמתן אָבער דיספּאָנירט זי אויך מיט דער פּאָזיציע וואָס לייענט זיך „אויסערגעוויינלעכע אויסגאַבן". אין באַשטעטיקטן בודזשעט האָט די פּאָזיציע באַקומען אַן אַנדער נאָמען, און דאָ הייסט זי שוין „צו דער דיספּאָזיציע פון מיניסטעריום". מיר זעען אַזוי אַרום, אַז אין אייגנטלעכן זין קאָן זיך דאָ זייער ווייניק רעדן וועגן אַן אויטאָנאָמישער זעלבסטפאַרוואַלטונג, אויב אין אַזעלכע קליינלעכע ענינים איז די שטאָט־ווירטשאַפט אָפּהענגיק נישט נאָר פון דער וואָיעוודזקער מאַכט נאָר דירעקט פון מיניסטעריום. אגב זאָל נאָך באַמערקט ווערן, אַז די אויפזיכט־מאַכט האָט אַריינגעפירט אַ קליינע ענדערונג אין די פּאָזיציעס פון די הוצאות, כדי פריי צו מאַכן אַ סומע פון 27 זלאָטעס ווי פּראָוויזיע פאַרן בירגערמייסטער פאַר זיין קויציע, וואָס ער באַלייגט איבערנעמענדיק זיין אַמט.

און איצט וועגן די הכנסות. דער שטייער־סיסטעם איז נאָך געווען אין יענע יאָרן פּרימיטיוו; דאָס זעט מען בולט פון די איינצלנע פּאָזיציעס. מיט דער צייט זענען אַיינגעפירט געוואָרן צוויי וויכטיקע מקורות פון הכנסה: אַ קאָנצעסיע־שטייער פון די שענקערס און אַ מין אינדוסטריע־שטייער פון די הענדלערס און בעלי־מלאָכות. אין יאָר 1863 האָבן די צוויי שטייערן אַריינגעבראַכט 3300 זלאָטעס.

אַנאַליזירנדיק די הכנסות באַקומען מיר אַזאַ בילד:

	זל.	פּראָצענט
דירעקטע שטייערן	2350	63.4
אומדירעקטע שטייערן (מאַרק־און בריקן־אָפּצאָלן)	1096	29.5
הכנסות פון שטאָטישן פאַרמעגן	260	7.1
ס"ה	3706	100.—

רעדנדיק וועגן די דירעקטע שטייערן וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אויף דער פּאָזיציע פון די 374 זלאָטעס, וואָס לאַסטן אויף דער יידישער קהילה. לויט דעם אָפּמאַך פון יאָר 1800 האָבן יידן געדאַרפט ביישטייערן צום שטאָטישן בודזשעט אַ סומע פון 100 עסטרייכישע גולדן, דערפאַר האָבן זיי געדאַרפט באַקומען אַ ריי בירגערלעכע רעכט. דער הסכם איז אָבער געבליבן בלויז אויפן פּאַפּיר. אויך דעם שטייער האָט מען אייגנטלעך נישט אַיינגעמאָנט. ווען מ'האָט ביים צוזאַמענשטעלן דעם פּרעלימינאַר פאַרן יאָר 1819/20 באַהאַנדלט די פראַגע פון באַנייען די הכנסה פון יאָר 1800, האָבן זיך צווישן דער קריסטלעכער באַפעלקערונג געלאָזט הערן מיינונגען, אַז די צאָל יידן איז זינט דעם יאָר 1800 באַדייטנדיק געוואָקסן, ס'זענען צוגעקומען נייע 31 יידישע הייזער, די צאָל יידן באַטרעפט 2020 נפשות לגבי 1457 קריסטן, און אויב אַזוי דאַרפן די יידן צאָלן דעם שטייער אין אַ גלייכער פּראָפּאָרץ מיט דער קריסטלעכער באַפעלקערונג. האָט טאַקע די וואָיעוודזטווע, פאָרלייגנדיק דעם בודזשעט צו דער באַשטעטיקונג פון מיניסטעריום, אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם פאַקט, און דאָס מיניסטעריום האָט, באַשטעטיקנדיק דעם בודזשעט, אַריינגעשטעלט אַ בשותפותדיקע פּאָזיציע פון 1308 זלאָטעס, ווי אַ בירגערלעכער שטייער אויף צו דעקן די הוצאות פון דער שטאָטישער אַדמיניסטראַציע, מיט דער באַמערקונג, אַז יידן און קריסטן מוזן צווישן זיך אַליין דורכקומען וועגן אופן פון פאַרטיילן דעם סכום.

דערווייל האָט דער מאַגיסטראַט אַרויפגעלייגט אויף יידן נאָר די אויבן־דערמאָנטע 374 זלאָטעס. יידן האָבן אָבער נישט געשוויגן. ביאַלער קהילה האָט דערלאַנגט אַ בקשה אין מיניסטעריום און אָנגעוויזן, אַז אַזוי ווי דער מאַגיסטראַט האָט נישט מקיים געווען די פונקטן פון אָפּמאַך פון יאָר 1800, איז בטל אויך די יידישע פליכט בייצושטייערן צום שטאָטישן בודזשעט. די קהילה ווייזט נאָך אָן, אַז די צאָל יידן איז פאַקטיש קלענער פון דער צאָל קריסטן, און אַז יידן האָבן בשעת די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות אויסגעטראָגן אויף זייערע פּלייצעס די גאַנצע לאַסט פון קאָנטריבוציע, מיליטער־קוואַרטירן אאַז״וו. איצט, זאָגט ווייטער די פּעטיציע, איז די ביאַלער קהילה פאַראָרעמט און קאָן בשום אופן נישט דערטראָגן די לאַסט פון 374 זלאָטעס (וועלכע דער מאַגיסטראַט האָט אויף איר אַרויפגעלייגט, אויפן סמך פון באַשטעטיקטן בודזשעט).

דאָס מיניסטעריום האָט די פּעטיציע נישט באַריקזיכטיקט און אויך אין די בודזשעטן פון די ווייטערדיקע יאָרן (1821—1826) אויסגעדריקט די מיינונג, אַז די יידן און קריסטן מוזן צווישן זיך דורכקומען וועגן גלייכער פאַרטיילונג פון שטייער. איצט, ווען דער מאַגיסטראַט האָט געזען, אַז ער האָט דאָס מיניסטעריום אויף זיין זייט, האָט ער טאַקע גענומען פאַרלאַנגען ביי יידן אַ העלפט פון דער גאַנצער סומע, דהיינו, 654 זלאָטעס. די יידן האָבן ווידער אַמאָל אַפּעלירט קיין וואַרשע. דאָסמאָל האָט דאָס מיניסטעריום שוין געגעבן אַ קלאָרע תשובה, אַז אַזוי ווי די יידן האָבן דעם גאַנצן האַנדל אין זייערע הענט, און איבערשטייגן אַפילו די צאָל פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג, איז אַ יושר אַז זיי זאָלן צאָלן גלייך מיט די קריסטן. און אַזוי איז טאַקע געבליבן אויף אַ לאַנגע צייט.

וואָס שייך די אומדירעקטע שטייערן איז כדאי צו באַמערקן, אַז דאָס איינמאָנען פון די אָפּצאָלן איז געווען פאַרפאַכטעט אין יידישע הענט.

רעזומירנדיק די ביז־איצטיקע אויספירונגען, קומען מיר צו די מסקנות, אַז ביאַלע איז אין דער צייט אַ קליין שטעטל, מיט אַ קריסטלעכער באַפעלקערונג, וואָס איר עיקר־באַשעפטיקונג איז מלאָכה און לאַנד־ווירטשאַפט אין קליינע פויערישע ווירטשאַפטן; און מיט אַ יידישער באַפעלקערונג, וואָס באַשעפטיקט זיך מיט: האַנדל, מלאָכה, אַרענדע און שענקעריי. צום פאַרגלייך, נאָך צוויי ציפערן: אין יאָר 1826 האָט דער ביאַלער שטאָטישער בודזשעט באַטראָפן 3899 זלאָטעס, דער מעזריטשער 4810 זל. און דער ראַדזינער 1256 זלאָטעס.

ט. דער יידישער קאַמף פאַר ווינרעכט

במשך פון דורות האָט געדויערט אין די פוילישע שטעט דער קאַמף צווישן יידן און קריסטן, וועלכע האָבן געשטרעבט צו באַזייטיקן די פאַר זיי געפערלעכע יידישע קאָנקורענץ. איין קאַפּיטל פון דעם קאַמף איז געווען די פראַגע פון ווינרעכט.

די קריסטלעכע באַפעלקערונג האָט מיט לעגאַלע און אומלעגאַלע מיטלען געשטרעבט דערצו, אַז די יידן זאָלן פאַרדרענגט ווערן פון רינעק און פון די דערבייאיקע גאַסן.

טייל שטעט האָבן אַפילו דערגרייכט פּריווילעגיעס, אַז יידן טאָרן ביי זיי בכלל נישט וווינען. אַזאַ פּריווילעגיע, גערופן "de non tolerandis judaeis" האָבן צווישן אַנדערע שטעט אויך געהאַט וואַרשע און ווילנע. אַ לאַנג דויערנדיקע מלחמה האָט זיך אָפּגעשפּילט וועגן דער פראַגע אויך אין לובלין.

דער קאַמף פירט זיך אויך נאָך אין 19טן יאָרהונדערט, אין געוויסע פּרטים ווערט ער נאָך אַפילו פאַרשאַרפט. מ׳טראַכט דעמאָלט צו צו די באַשרענקונגען אויך „מאָראַלישע" סיבות: יידן מוזן ליידן, ווייל זיי זענען פאַרדאָרבן; ווייל זיי פאַרמאָגן נישט קיין אייראָפּעאישע בילדונג; ווייל זיי זענען נישט פּראָדוקטיוו, באַשעפטיקנדיק זיך נאָר מיט מסחר און שענקעריי; ווייל זיי שיידן זיך אָפּ פון די אַרומיקע איינוווינערס מיט זייערע בגדים, מנהגים, שפּראַך אאַז״וו. איידער מ׳וועט צוטרעטן צו געבן יידן די עלעמענטאַרע רעכט פון פרייער באַוועגונג און פון פריי אויסאיבן זייערע פּראָפעסיעס, פאַרלאַנגט מען פון זיי, אַז זיי זאָלן זיך „מאָראַליש פאַרבעסערן"; זיי זאָלן ווערן אַנדערע. אין קאָנגרעס־פּוילן פירט זיך יאָרנלאַנג אַ גוט דורכגעטראַכטער און ברייט־פאַרצווייגטער קאַמף מיט די ווירטשאַפטלעכע כוונות און „מאָראַלישע" תירוצים. ס׳ווערן אָפּגעשאַפן די יידישע קהילות און אויף זייער אָרט אַנטשטייט דער „דאָזור בוזשניטשי", וועמענס קאָמפּעטענץ ס׳ווערט באַשרענקט בלויז צו רעליגיעזע און פיסקאַלע ענינים. ס׳ווערט געגרינדעט אין וואַרשע אַ שול פאַר רבנים, מיט אַן אויסגעשפּראָכענעם אַסימילאַטאָרישן כאַראַקטער, און גלייכצייטיק ווערן אין יאָר 1822 פאַרעפנטלעכט צוויי וויכטיקע אַנטי־יידישע פאַראָרדענונגען. איינע זעט פאָר פאַרשיידענע מאַסנאַמען, וואָס זאָלן באַשרענקען די צאָל יידן אין די שטעט און גלייכצייטיק זאָגט זי אָן, אַז ס׳וועלן איינגעאָרדנט ווערן אין פאַרשיידענע שטעט באַזונדערע רעווירן פאַר יידן. די צווייטע פאַראָרדענונג באַשטימט, אַז אין די שטעט וואָס האָבן פריער די פּריווילעגיע פון "de non tolerandis judaeis" טאָרן יידן אויך ווייטער נישט וווינען, סיידן זיי האָבן איינצווישן אויף אַ לעגאַלן וועג באַקומען אַ קאָנצעסיע אויף אַ שענק. אויב נישט, מוזן זיי אין משך פון דריי יאָר פאַרלאָזן די שטאָט.

ביידע פאַראָרדענונגען זענען געווען געפערלעך פאַר די ביאַלער יידן. ביי אַ גוטן־שלעכטן ווילן האָט מען געקאָנט אויסטייטשן די פּריווילעגיע פון יאָר 1621, אַז יידן איז דערלויבט צו פאַרמאָגן אין ביאַלע נישט מער ווי 30 הייזער. מ׳האָט געקאָנט גיין נאָך ווייטער און טענהן, אַז 30 הייזער מיינט 30 משפּחות. און אַזוי ווי ס׳זענען דעמאָלט געווען אין ביאַלע 389 יידישע משפּחות, הייסט עס, אַז 359 פון זיי זענען נישט לעגאַלע און ס׳דראָט זיי פאַרטריבן צו ווערן פון שטאָט, אָדער אין בעסטן פאַל קאָנצענטרירט צו ווערן אין אַ באַזונדערן יידישן געטאָ. פאַקטיש האָט דער ביאַלער קרייז־קאָמיסאַר (סטאַראָסטע), צוזאַמען מיט דער שטאָט־פאַרוואַלטונג זיך ענערגיש אָנגעהויבן צו באַשעפטיקן מיט דער פראַגע, און האָבן, שטיצנדיק זיך אויף די פאַראָרדענונגען פון יאָר 1822 און אויף דער אָנגעוויזענער אינטערפּרעטאַציע פון דער פּריווילעגיע פון יאָר 1621, אויסגעאַרבעט גענויע פּלענער וועגן

שאַפן אַ יידישן געטאָ; פון פּאַרטרייבן איז נישט געווען קיין רייד. די ביאַלער יידן האָבן גלייך אָפּגעשאַצט די געפאַר, און, ווייזט אויס, אויף זייער איניציאַטיוו, האָבן פּאָדליאַשער יידן זיך פאַרשטענדיקט און אָנגעשריבן אַ בקשה צום שטאַט־האַלטער, וועלכער האָט געהאַט די אויבערשטע מאַכט אין קאָנגרעס־פּוילן. אין דער בקשה (געחתמעט דורך אברהם דוד כהן פון שעדלעץ און אהרן ז״ק פון ביאַלע) בעטן פּאָדליאַשער יידן, אַז מען זאָל די רעאַליזירונג פון דער גזירה פון דער ערשטער פאַראָרדענונג, וועלכע זאָגט אַז פון 1טן יאַנואַר 1823 מעג אין יעדער יידישער שטוב ווינען נאָר איין פאַ־מיליע און אַלע אַנדערע מוזן זיך אַרויסציען, פּאַרלענגערן אויף 6 יאָר, ווייל ס'איז אוממעגלעך אין אַזאַ קורצער צייט (ס'זענען נאָך געבליבן קוים געציילטע וואָכן ביזן 1טן יאַנואַר 1823) אויפצובויען אַזוי פיל הייזער.

אַזוי ווי די וואָיעוואָדזקע מאַכט האָט זיך גענומען ערנסט אויסצופירן דעם אויבן־דערמאָנטן פּונקט, האָט מען אויך אָנ־געגעבן אַ בקשה אין אינערן־מיניסטעריום, מען זאָל דערווייל אָפּשטעלן די ווייטערדיקע שריט.

דעם 9טן דעצעמבער 1822 איז אָנגעקומען די תשובה פון מיניסטעריום, אַז די גזירה קאָן נישט געענדערט ווערן, ס'איז נאָר פאַרזיכערט געוואָרן, אַז די אויספיר־אָרגאַנען וועלן זיך נעמען צו דער זאַך מיט חסד, רעכענענדיק זיך מיט דער שווערער לאַגע פון די באַטרעפנדיקע יידן.


מיט דעם ענין איז אַלזאָ ביאַלע געוואָרן אויף אַ געוויסע צייט באַוואָרנט. איצט האָט זיך אָבער אָנגערוקט אַ נייע געפאַר. דער פּלאַן וועגן אַ געטאָ אין ביאַלע וואָס איז אויבן דערמאָנט געוואָרן האָט נושא־חן געווען אין דער וואָיעוואָדזטווע און מ'האָט אים אין יאָר 1823 איבערגעשיקט אין מיניסטער־יום צום באַשטעטיקן. דער פּלאַן זעט פאָר, אַז:

1. יידן ווערט פאַרווערט צו ווינען און האַלטן קראָמען אויפן רינעק און אויף די גאַסן: וואַרשעווער, לובלינער, רעפאָר־מאַצקער, מעזריטשער, יאַנעווער און בריסקער, ווי אויך אין די צווישן־געסלעך פון די דערמאָנטע גאַסן. יידן וואָס ווינען אויף אָט די גאַסן און אויך אין די ראָג־הייזער (צווישן די דער־לויבטע און נישט־דערלויבטע גאַסן) מוזן זיך אַרויסציען ביז סוף 1825, אויב נישט — וועלן זיי באַשטראָפט ווערן מיט גרויסע געלט־שטראָפן.

2. פאַר יידן ווערן באַשטימט די גאַסן גראַבאַנאָווער און פּראָסטע (פון בריסקער גאַס אַרויף־צו) און חוץ דעם, אַ ריי ניי־פּראָיעקטירטע גאַסן, ווי למשל: יערוזאַלימסקע (צווישן בריסקער און גראַבאַנאָווער), נייע גאַס, רינקאָווע, ווייטע, דזשעלנע.

3. אין די גאַסן מעג מען אָבער שטעלן נאָר מויערן און נישט קיין הילצערנע הייזער.

4. ווי אַ חסד ווערט דערלויבט צוויי יידישע משפחות צו ווינען אויף די קריסטלעכע גאַסן. זיי מוזן אָבער אַנטשפּרעכן פּאָלגנדיקע תנאים: זיי מוזן פירן אַ גרויסן האַנדל, האָבן 24.000 זלאָטעס פאַרמעגן, קענען פּויליש, פראַנצייזיש אָדער דייטש, שיקן די קינדער אין די מלוכה־שולן, נישט אונטער־שיידן זיך פון דער אומגעבונג מיט קיין שום אויסערלעכע



תכנית מרכז העיר וה„רובע״ (גיטו) שתוכנן בשנות העשרים של המאה התשע עשרה.

פּלאַן פון צענטער־שטאָט מיטן „רעוויר״ (געטאָ), וואָס איז געפּלאַנט געוואָרן אין די צוואַנציקער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט.

Plan of the centre of the town and the "Quarter" (ghetto) planned in the early 19th century.

סימנים (יידישע בגדים, מנהגים אאַז״וו). חוץ דעם וועלן באַקומען אַ דערלויבעניש צו ווינען אויף קריסטלעכע גאַסן יידן: קינסטלערס, גלעזערנטע, פאַבריקאַנטן וואָס באַשעפטיקן יידישע אַרבעטערס, גרויסע הורטאָווניקעס, יידן וואָס וועלן זיך אונטערנעמען אויפצושטעלן אויף ליידיקע פּלעצער גרויסע שטאָקיקע הייזער; זיי מוזן אָבער אַלע אַנטשפּרעכן די פריער־דערמאָנטע קולטורעלע באַדינגונגען.

5. דערביי ווערט באַטאָנט, אַז אין הסכם מיט די באַשטי־מונגען פון יאָר 1822 מעג אין יעדער יידישער שטוב (סיי אויף די דערלויבטע און סיי אויף די פאַרווערטע גאַסן) ווינען נאָר איין יידישע פאַמיליע.

די פּונקטן 1, 2 און 3 זענען ריין ביאַלער לאָקאַל־ענינים. די אַנדערע פּונקטן זענען אַלגעמיינע און ווייזן אָן בולט די אַסימילאַטאָרישע און פאַרדרענגונגס טענדענצן, וואָס האָבן געהערשט אין די פּוילישע אָנפירנדיקע געזעלשאַפטלעכע קרייזן. נישט די ביאַלער שטאָטישע און נישט די שעדלעצער וואָיע־וואָדזקע קעפּ האָבן זיי אויסגעטראַכט, זיי זענען אַ פּראָדוקט פון דער אַלגעמיינער עפנטלעכער מיינונג, ווי זי איז געקומען צום אויסדרוק אין דער פּרעסע, אין בראָשורן, אין ביכער און אויך אין די רעגירונגס־פּלענער פאַר אַנדערע שטעט, און דער עיקר פאַר וואַרשע.

אינטערעסאַנט זענען אויך די ווירטשאַפטלעכע פּונקטן. די פּוילישע געזעלשאַפט און די רעגירונג זענען געגאַנגען אין דעם פּונקט אויף דעם וועג, וועלכער איז אָנגעצייכנט געוואָרן אין מערב־און מיטל־אייראָפּע נאָך אין דער צווייטער

העלפט פון 18טן יאָרהונדערט, דהיינו: צו באַגינסטיקן דעם רייכן ייד און אים צווינגען צו ברענגען אַ גרעסערן נוצן דער מדינה דורך אינוועסטירן קאַפּיטאַלן אין גרויסן האַנדל, אינ־דוסטריע און הייזער־בוי.

כאַראַקטעריסטיש איז דער פּונקט, וועלכער פאַרפּליכטעט יידישע פאַבריקאַנטן אָנצונעמען יידישע אַרבעטערס, אויב זיי ווילן באַקומען אַ דערלויבעניש צו וווינען אויף די קריסטלעכע גאַסן. האָט מען אין דער אמת געמיינט ערנסט מיט דער פראַגע פון יידישער פּראָפעסיאָנעלער אומשיכטונג?

צי האָבן ביאַלער יידן געוווּסט וועגן דער נייער גזירה, וועלכע האָט באַדראָט אַזוי פיל יידישע עקסיסטענצן? דער גאַנצער רינעק, אויסער צוויי הייזער, די גאַנצע מעזריטשער, יאַנעווער און בריסקער גאַסן זענען געווען באַוווינט דורך יידן. ליידער האָבן מיר וועגן דעם נישט קיין שום ידיעה.

צום גליק האָט אָבער אין מיניסטעריום דעמאָלט געהערשט וועגן דער פראַגע אַן אַנדערע מיינונג. מ׳האָט איינגעזען, אַז באַדראָטע יידישע עקסיסטענצן באַדראָען אויך די הכנסות פון דער מלוכה. דאָס מיניסטעריום האָט אַרויסגעגעבן אַן אָפּיניע, אַז היות ביאַלע איז אַ פּאָוויאַטאָווע שטאָט און פאַרמאָגט אַ יידישן ישוב, וואָס איבערשטייגט אין זיין צאָל די קריסטלעכע באַפעלקערונג (1457 קריסטן און 2020 יידן), איז דאָס גרינדן פון אַ יידישן רעוויר נישט ווינטשנסווערט. ס׳וואָלט איבע־ריקנס דערצו נויטיק געווען די הסכמה פון שטאָטהאַלטער. מיט דער מיינונג איז דער ענין אַיינגעשלאָפן אויף אַ גאַנץ יאָר. ערשט זומער 1824 האָט זיך די וואָיעוואָדזטווע אין שעד־לעץ אומגעקערט נאָך אַמאָל צו דעם ענין. זי באַהויפּטעט, אַז לויט דער פּריווילעגיע פון יאָר 1621 מעגן וווינען אין שטאָט נאָר 30 יידישע פאַמיליעס. נאָכדעם ווי פון וואַרשע איז אַרויסגעגאַנגען די פאַראָרדענונג, אַז אין שטעט וואָס האָבן פון פריער פּריווילעגיעס וועגן באַשרענקונג פון יידישער וווינרעכט, איז די באַשרענקונג גילטיק אויך אויף ווייטער, האָט זיך דער קרייז־קאָמיסאַר באַמיט נישט אַריינצו־לאָזן נייע יידישע משפחות. ס׳איז אים אָבער נישט געלונגען, און די צאָל יידישע משפחות האָלט זיך אין איין מערן, זאָל דעריבער דאָס מיניסטעריום אַרויסזאָגן זיין מיינונג וואָס ווייטער צו טאָן.

מען זעט דערפון, אַז אויך אין שעדלעץ האָט מען געענ־דערט די מיינונג, אַז אויך פון דאַנען ווערט שוין נישט פאַר־סירט דער געדאַנק וועגן אַ יידישן געטאָ. מעגלעך, אַז דאָס איז געשען אונטערן יידישן איינפלוס. דאָס מיניסטעריום האָט דע־רויף געענטפערט, אַז די אונטערשטע אָרגאַנען זאָלן זיך האַלטן אין דער אויבן־דערמאָנטער באַשטימונג פון יאָר 1822, און זען, אַז די צאָל יידן זאָל זיך נישט פאַרגרעסערן. דער ענטפער איז בכוונה געווען אַ פאַרנעפּלטער, ווייל אין מיניס־טעריום, ווי מיר האָבן אויבן געזען, האָט נישט געהערשט קיין באַשטימטע ריקזיכטלאָזע ליניע וועגן אַיינפירן די יידישע רעווירן. דער קרייז־קאָמיסאַר האָט אַלזאָ אייגנטלעך ווייטער נישט געוווּסט וואָס ער האָט צו טאָן.

און דאָס לעבן איז זיך געגאַנגען זיין וועג. די רעגירונגס־אָרגאַנען האָבן געפירט צווישן זיך ברייטע קאָרעספּאָנדענצן, און דער פּלאַן וועגן פאַרמינערן די יידישע באַפעלקערונג, אָדער וועגן שאַפן אַ יידישן געטאָ־רעוויר, איז אָפּגעלייגט געוואָרן פון יאָר צו יאָר. יידן האָבן אין ביאַלע ווייטער פריי געוווינט און זיך געמערט. אין די 60ער יאָרן זענען שוין געווען אין ביאַלע 3456 יידן אויף 2083 קריסטן. דער פּלאַן וועגן יידישן רעוויר און וועגן דער צאָל משפחות אין די איינצלנע הייזער, איז געבליבן אין די אַקטן. די חומרה פון שלעכט אויסגעטייטשטן אַקט פון יאָר 1621 האָט אויך אויף ווייטער, ווי ביז איצט, נישט געהאַט קיין שליטה. און היות מ׳האָט זיך אין מיניסטעריום איבערצייגט, אַז דער גאַנצער פּלאַן וועגן די יידישע רעווירן איז נישט דורכפיבאַר (אין סאָקאָלאָוו, למשל, האָבן יידן ביינאַכט צוריק אומגעקערט זיך אין די וווינונגען, פון וואַנען זיי זענען בייטאָג דערווייטערט געוואָרן), איז אין יאָר 1833 באַשלאָסן געוואָרן אים איינגאַנצן צו אַנו־לירן. מיט 30 יאָר שפּעטער (אין יאָר 1862) האָבן די יידן באַקומען, וויניקסטנס אויפן פּאַפּיר, די פולע וווינרעכט אין גאַנץ קאָנגרעס־פּוילן.

י. דער קאַמף פאַר יידישער מלאכה

דאָס צווייטע קאַמף־פעלד אויף וועלכן ס׳האָבן זיך גע־ראַנגלט קריסטן און יידן אין פּוילן אין פאַרלויף פון גאַנצע יאָרהונדערטער איז געווען די מלאָכה, אָדער גענויער — דאָס רעכט פון יידן אויסצואיבן אויף אַ לעגאַלן אופן פאַרשיידענע מלאָכות. דער מאָסגעבנדיקער פאַקטאָר אויפן געביט פון מלאָכה איז געווען די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע פון די בעלי־מלאָכות — דער צעך. די צעכן האָבן רעגולירט דאָס פאַרהעלטעניש צווישן פּראָדוצענט און קאָנסומענט, זיי האָבן געפּסקנט אין אַלע ענינים פון רעגולירן דעם מאַרק, עלימי־נירונג פון קאָנקורענץ, אויפזיכט אויף גוטער אויסאַרבעטונג פון די פּראָדוקטן, איינקויף פון רוי־מאַטעריאַל אאַז״וו. זיי האָבן געהאַט פאַרזאָרגונגס־קאַסעס פאַר אומבאַמיטלטע, קראַנ־קע, יתומים און אַלמנות. זיי האָבן געהאַט אייגענע ווינקלען אין די קלויסטערס און יעדער צעך האָט געהאַט באַשטימט אַ באַזונדערן טייל פון די שטאָט־מויערן, וועלכן ער איז געווען מחויב צו שיצן אין פאַל פון מלחמה. זיי האָבן זיך אין אַ סך שטעט אויך דערוואָרבן אַ וויכטיקע דעה אין דער שטאָטישער פאַרוואַלטונג. זייער מאַכט איז נאָך געשטאַרקט געוואָרן אַדאַנק צוויי פאַקטאָרן: א. דאָס געהערן צום צעך איז געווען אָבליגאַטאָריש, און דער בעל־מלאָכה וואָס האָט זיך באַמיט צו באַפרייען פון צעך און זיינע באַשטימונגען האָט געהאַט אויסצושטיין אַ סך צרות, און לסוף האָט ער דאָך געמוזט טראָגן אַלע לאַסטן וואָס דער צעך האָט אויף אים אַרויפ־געלייגט, נישט געניסנדיק פון די רעכט ווי אַ מיטגליד. ב. די צעכן האָבן רעגולירט און באַהערשט נישט נאָר די פּראָדוקציע, נאָר אין אַ געוויסער מאָס אויך דעם האַנדל; יעדער צעך לגבי די פּראָדוקטן פון זיין פאַך.

אַזוי ווי די צעכן האָבן געטראָגן אַן אויסגעשפּראָכן רע־ליגיעזן כאַראַקטער, איז קלאָר, אַז נאָר אָנהענגערס פון איין אמונה האָבן געקאָנט צו אים געהערן. די פּוילישע צעכן

זענען געווען אין זייער איבערוויגנדיקער מערהייט רוימיש־קאַטוילישע און די אַנדערע קריסטלעכע בעלי־מלאָכות: פראָטעסטאַנטן, גריכיש־קאַטוילישע און פראַוואָסלאַוונע האָבן געמוזט אויסשטיין אַ שווערן קאַמף פאַר זייער עקסיסטענץ אין צעך, אָדער אויסער דעם צעך. פאַרשטייט זיך, אַז ס׳האָט נישט געקאָנט זיין קיין רייד, אַז יידן זאָלן אָנגעהערן צום צעך. יידן בעלי־מלאָכות פלעגן גרינדן אייגענע צעכן־חברות, דאָס רוב שניידערשע. און אַזוי ווי די פראַגע איז געווען נישט נאָר אַ רעליגיעזע, נייערט אין אַ פיל גרעסערער מאָס אויך אַ ווירטשאַפטלעכע, איז קלאָר, אַז די קריסטלעכע צעכן (וואָס האָבן זיך באַטראַכט ווי די איינציקע אָפיציעלע און באַרעכטיקטע) און די יידישע חברות פון בעלי־מלאָכות האָבן נישט געקאָנט לעבן בשלום. איז אויך די געשיכטע פון אַלע פוילישע שטעט רייך מיט געראַנגלען צווישן קריסטלעכע און יידישע בעלי־מלאָכות. געראַנגלען וואָס דויערן צענדליקער און הונדערטער יאָרן. פון איין זייט שטייען די קריסטלעכע צעכן און די שטאָט־פאַרוואַלטונג, וואָס שיצט זיי, פון דער אַנדער זייט — די יידישע חברות און די קהילה. ווי פאַרמיטלערס און בוררים טרעטן אויף: די רעגירונגס־מאַכט, ביז אַרויף צום קעניג, די געריכטן, פון דער נידעריקסטער ביז צו דער העכסטער אינסטאַנץ, און אין די פריוואַטע שטעט אויך פריצים. און נישט איין מאָל קומט אויך צו בלוט־פאַרגיסונג. ס׳פלעגן אָפגעשלאָסן ווערן קאָנטראַקטן, ביידע זייטן האָבן זיי אָפגעשלאָסן מיט דער פולער כוונה זיי נישט צו האַלטן. די ענינים פלעגן איבערגיין צו די געריכטן און ווידער זענען געשלאָסן געוואָרן נייע קאָנטראַקטן, אַמאָל גינסטיקערע פאַר איין זייט און אַמאָל גינסטיקערע פאַר דער אַנדערער זייט, און קיינמאָל האָט דער קאַמף נישט גענומען קיין סוף. און דאָס לעבן איז זיך געגאַנגען זיין וועג — לעגאַל און אומלעגאַל האָבן זיך געמערט יידישע בעלי־מלאָכות און זייערע חברות, און מ׳האָט זיך ווי ס׳איז אַיינגעאָרדנט. אין ביאַלע איז דער קאַמף נוגע שוסטעריי, היטלמאַכעריי און שניידעריי.

די ביאַלער קריסטלעכע שוסטערס האָבן זיך אין יאָר 1693 אָרגאַניזירט און האָבן אַרויסבאַקומען פון פריץ אַ דאָקומענט, לויט וועלכן ס׳ווערט זיי געגעבן דאָס רעכט צו שאַפן אַ צעכאָווע אָרגאַניזאַציע. ס׳ווערן אין אָט דעם דאָקומענט פאָרמולירט די רעכט און פליכטן פון די מיטגלידער, און ס׳ווערט פעסטגעשטעלט די גאַנצע אינערלעכע אָרדענונג אין צעך. כדי צו פאַרמערן די הכנסות פון צעך, לייגט די פריווילעגיע אַרויף אַ לאַסט אויף אַלע סוחרים און בעלי־מלאָכות, וואָס קומען אין שטאָט אַריין אויף ירידים מיט שוכוואַרג, אַז זיי מוזן צאָלן לטובת דעם צעך צו איין גראָשן פון יעדע פאָר אַריינגעבראַכטע שוכוואַרג. אויך יידן, וואָס האָבן זייערע שוכוואַרג־קראָמען מוזן צאָלן צו איין גראָשן פאַר יעדע פאָר שטיוול. די ערשטע באַשטימונג בילדעט אַ מין שוץ־צאָל, זי באַצוועקט צו שיצן דעם היימישן בעל־מלאָכה קעגן דער קאָנקורענץ פון דרויסן. די צווייטע האָט חוץ דעם אויך אַ פיסקאַלישן כאַראַקטער, זי באַצוועקט אָפצושוואַכן די יידישע קאָנקורענץ, און אויסערדעם לייגט זי אַרויף סתם אַ שטייער אויף יידישע קרעמערס. דערביי איז די באַשטימונג זייער אַ נעפלדיקע: ס׳איז נישט קלאָר צי דער אָפצאָל איז גילטיק נאָר אויף ירידים, צי יעדן טאָג; צי דער שטייער ווערט אַרויפגעלייגט נאָר אויף דער פאַרקויפטער, צי אויף דער גאַנצער, אין קראָם זיך געפינענדיקע, סחורה. מ׳האָט אויך געקאָנט אויסטייטשן, אַז דער אָפצאָל איז גילטיק אויף די פון די קרעמערס געקויפטע סחורה (בשעתן יריד). פון טעקסט פון דער פריווילעגיע לאָזט זיך אַרויסדרינגען, אַז אייגנטלעך האַנדלט זיך נאָר וועגן די אין טאָג פון יריד פאַרקויפטע פאָר שטיוול. נאָר אַזוי ווי די פאָרמולירונג איז נישט קיין קלאָרע, איז געשאַפן געוואָרן אַ וועג פון שיקאַנעס און שטערונגען פאַרן יידישן שיך־האַנדל. די הכנסות פון די אָפצאָלן ווערן באַשטימט אויף קירכלעכע צוועקן פון צעך (ליכט, אַ צעכאָווע פאָן אאַז״וו). די שוסטערס האָבן זיך אָבער דערמיט נישט באַנוגנט: אין צוויי יאָר אַרום, דהיינו, אין יאָר 1695, זענען זיי ווידער געקומען צום שטאָט־שררה און נישט דערמאָנענדיק די פאַר צוויי־יאָריקע פריווילעגיע, לייגן זיי אים פאָר צו באַשטעטיקן אַ נייע, וועלכע אונטערשיידט זיך פון דער פריערדיקער נאָר מיט איין פונקט, וועלכער לייגט אַרויף אויף די יידן אַ פליכט צו צאָלן נישט נאָר פאַר יעדער פאָר שוכוואַרג, נאָר אויך פון יעדן שטיק לעדער. דער פריץ האָט דעם דאָקומענט באַשטעטיקט, און פון איצט אָן האָט דער צעך זיך באַנוצט נאָר מיט אָט דער לעצטער פריווילעגיע ווי אַ יסוד פאַר זיינע פאָדערונגען כלפי די יידישע קרעמערס און סוחרים. אין ביאַלער מאַגיסטראַט האָט זיך אויפגעהיט אַ קאָפיע פון ביידע פריווילעגיעס. אויף דער צווייטער, וואָס אַנטהאַלט דעם צוגאָב, איז דאָ אַ באַשטעטיקונג פון יאָר 1778. משמעות, אַז נאָר אָט די פריווילעגיע האָט דער צעך פאָרגעלייגט צו באַשטעטיקן. די ערשטע האָט ער ליבערשט נישט געוואָלט דערמאָנען.

שוין אין די נאָענטסטע יאָרן האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ס׳איז שווער איינצומאָנען דעם אָפצאָל, אַז ס׳איז גלאַט שווער די גאַנצע זאַך צו קאָנטראָלירן. האָט דער צעך זיך פאַרגלייכט מיט די יידן, אַז זיי זאָלן געבן ריטשאַלט צו 10 פונט וואַקס יערלעך פאַרן קלויסטער, און זיי באַקומען דערפאַר די פרייהייט צו האַנדלען. דעם אָפמאַך האָבן אָבער די יידן נישט געהאַלטן. ס׳האָבן זיך געמערט סכסוכים און דער ענין איז ענדלעך אַריבער צום הויף־געריכט, וועלעכער האָט אין יאָר 1740 אַרויסגעגעבן אַ פסק, אַז יידן מוזן געבן יערלעך צו גאַנצע 15 פונט וואַקס; און חוץ דעם, כדי צו שאַפן פאַרן צעך אַ מעגלעכקייט צו קאָנטראָלירן דעם שיך־האַנדל מיט די פרעמדע קרעמערס און בעלי־מלאָכות, פאַרפליכטן זיך די יידן נישט צו קויפן און נישט צו פאַרקויפן מחוץ דעם רינעק, אונטער אַ האַרבער געלט־שטראָף, וועלכע גייט העלפט פאַרן צעך און העלפט פאַרן הויף־ריכטער. דער ריכטער האָט אָבער אַיינגעפונען, אַז אויך דער צעך איז נישט אין אָרדענונג און האָט געענוי באַשטימט דעם אופן לויט וועלכן דער אָפצאָל דאַרף איינגעמאָנט ווערן. אויך האָט ער זיך באַוואָרנט מיט דעם רעכט פון קאָנטראָל איבער דער פאַרווענדונג פון די געלטער.

דער צעך, זעענדיק אַז ער איז אוחז, האָט אין עלף יאָר אַרום (1751) אַרויסבאַקומען נאָך אַ צוגאָב־רעכט, אַז יעדער נייער יידישער קרעמער צאָלט דעם צעך פאַר דעם זעלבן

צוועק צו 6 זלאָטעס. איצט. ווייזט אויס, האָבן זיך שוין די פאַרהעלטענישן מער־ווייניקער רעגולירט: יידן האָבן געצאָלט און דער צעך איז געוועז צופרידן. אין וואַרשעווער „אַרכיוו פון אַלטע אַקטן" געפינען מיר אַ כתב פון יאָר 1754, אין וועלכן פיר ביאַלער יידישע קרעמערס בעטן מחילה וואָס זיי האָבן נאָך נישט געגעבן דעם וואַקס. זיי פאַרפליכטן זיך אים צו געבן ביז צו אַ געוויסן טערמין, אויב נישט, וועלן זיי צאָלן טאָפּלט. פון יאָר 1774 ווידער איז דאָ אַ דעקרעט אויף זיבן קרעמערס, וועלכע האָבן זיך געעפנט נייע קראָמען און האָבן נישט באַצאָלט דעם אָפּצאָל פאַרן צעך.

אין די מלחמה־צייטן פון דער נאַפּאָלעאָנישער תקופה האָבן די יידישע קרעמערס ווידער אויפגעהערט צו צאָלן, און ווען דער צעך האָט געמאָנט זיינס, האָבן די יידן געטענהט, אַז זיי אָנערקענען נישט די באַשטימונגען פון די יאָרן 1740 און 1751, זיי זענען אָבער גרייט צו דערפילן די פונקטן פון דער פריווילעגיע פון יאָר 1695. די קעגנזייטיקע פאַרהאַנדלונגען האָבן ענדלעך געבראַכט דערצו, אַז אין יאָר 1815 האָט מען זיך פאַרגלייכט אויף פאָלגנדיקע פונקטן: די ביאַלער קרעמערס צאָלן צו אָנדערהאַלבן זלאָטעס יערלעך, דערביי מוזן זיי פאַר די יאָרן 1815 און 1816 צאָלן פאָרויס. די פּראָצעס־הוצאות, אין דער הייך פון 8 זלאָטעס דעקן די קרעמערס. דער אָפּצאָל פון די פרעמדע קרעמערס און בעלי־מלאָכות בלייבט ווי פריער, נאָר מיט דעם וויכטיקן שינוי, אַז דער האַנדל מוז נישט דווקא פאָרקומען אויפן רינעק, און אַז נאָר פון דעם מקח, וואָס קומט פאָר אויפן רינעק, צאָלט מען דעם אַלטן גראָשאָוון־אָפּצאָל.

אין יאָר 1816 איז אַרויס אַ ניי געזעץ וועגן צעכן. דאָס געזעץ האָט באַצוועקט צו באַנען אַ וועג פאַר אַ פרייערער אַנטוויקלונג פון פריוואַטער איניציאַטיוו, כדי צו דערמעגלעכן אַן אויפשווּנג פון מלאָכה און אינדוסטריע. די צעכן־פאָרמען בלייבן, אָבער דער צעך הערט אויף צו זיין דער רעגולאַטאָר פוןווירטשאַפטלעכן לעבן. אין געזעץ ווערט, צווישן אַנדערן, רעגולירט דער אַנטוויקלונגס־גאַנג פון בעל־מלאָכה: ער מוז צוערשט דורכגיין די שטאַפּלען פון שילער און טשעלאַדניק, און נאָכן באַווייזן דורך אַן אַנטשפּרעכנדיק „מייסטערשטיק", אַז ער האָט די מלאָכה גוט אויסגעלערנט, ווערט ער פאַרשריבן ווי אַ מייסטער, איינצאָלנדיק פון 30 ביז 60 זלאָטעס. דאָס געזעץ איז נוגע אַלע בעלי־מלאָכות.

ווי געזאָגט, איז דאָס געזעץ פון יאָר 1816 נוגע אַלע בעלי־מלאָכות, סיי קריסטלעכע און סיי יידישע. בנוגע צו יידן וועלכע ס'ווערט איצט דערלויבט אַריינגענומען צו ווערן אין די צעכן, איז נאָר פאַראַן די באַשרענקונג, אַז היות זיי האָבן נישט קיין בירגערלעכע גלייכבאַרעכטיקונג, קאָנען זיי נישט געוויילט ווערן אויף פאַרשיידענע צעך־אַמטן.

ווען ס'איז אַרויסגעקומען דאָס אויבּיקע געזעץ און מ'האָט זיך גענומען עס צו רעאַליזירן, האָבן ביאַלער קריסטלעכע שוסטערס זיך געכאַפּט, אַז פאַר זיי איז דער גאַנצער ענין גאָר אַן אומבאַקוועמער. און אַזוי ווי אין לויף פון דער צייט האָבן זיך אויך יידן גענומען צו שוסטעריי, איז פאַר די קריסטלעכע שוסטערס די פראַגע געוואָרן אַ טאָפּלטע: די פאַרהעלטענישן מיט די יידישע קרעמערס, וואָס האַנדלען מיט שוכוואַרג, און צווייטנס — די פראַגע פון די יידישע שוסטערס. אַריינגעמען די יידן אין צעך האָט דאָך געהייסן מיט די אייגענע הענט זיך שאַפן רעכטפאַרטיקע קאָנקורענטן. ס'האָט אויך געקאָנט זיין אַ חשש, אַז די יידישע שוסטערס וועלן אין צעך אפשר אויפמישן די פראַגע פון די אָפּצאָלן, און אפשר אויך וועגן דער באַשטימונג פון די געלטער. און נאָך עפּעס: דער פּאַראַגראַף 145 פון געזעץ פון יאָר 1816 האָט באַשטימט, אַז אַלע אַלטע צעכאָווע מנהגים ווערן אָפּגעשאַפן. ס'איז געווען גריילעך זיך פאָרצושטעלן, אַז דער אָפּצאָל וועגן וועלכן מיר רעדן דאָ האָט געדאַרפט באַטראַכט ווערן ווי אַן „אַלטער צעכאָווער מנהג". און, דוכט זיך טאַקע, אַז נאָכן יאָר 1816 האָבן יידן אויף דעם סמך ווידער אויפגעהערט צו צאָלן דעם שטייער, צו וועלכן זיי האָבן אַליין מסכים געווען אין יאָר 1815. דער צעך האָט דעריבער געזוכט עצות וואָס צו טאָן, און ער האָט געפונען. ער האָט געמלעך דאָס געזעץ אַזוי אויסגעטייטשט, אַז אַלע יידישע שוסטערס, ווי נייע צעכאָווע מיטגלידער מוזן צאָלן 60 זלאָטעס איינשרייב־געלט. דער צעך האָט געהאָפט אויף דעם אופן איינצוזאַמלען אַ היפּשע סומע געלט. די יידן האָבן אָבער נישט געשוויגן. די שוסטערס און די קרעמערס האָבן אָנגעקלאָגט דעם צעך פאַרן קרייז־קאָמיסאַר (סטאַראָסטע) און דער האָט אין יאָר 1824 געפסקנט פאָרמעל, אַז יעדער נייער בעל־מלאָכה דאַרף זיך אויסלעגיטימירן ווי אַזוי ער האָט דערפילט די באַשטימונגען וועגן בילדונגס־גאַנג פון אַ קוואַליפיצירטן מייסטער. די וועלכע וועלן אַזעלכע געזעצלעכע קוואַליפיקאַציעס נישט אַרויסווייזן, טאָרן נישט אַרבעטן ווי זעלבסטשטענדיקע בעלי־מלאָכות. די וועלכע האָבן זיך דערוואָרבן די פאָרגעשריבענע קוואַליפיקאַציעס מוזן איינצאָלן 30—60 זלאָטעס, לויט דער באַשטימונג פון די צעך־אָנפירערס. און וואָס ס'איז שייך די אָפּצאָלן מצד די ביאַלער קרעמערס און פרעמדע סוחרים און בעלי־מלאָכות אויף די מערק און ירידים, זאָגט זיך אַרויס דער קרייז־קאָמיסאַר, אַז וועגן דעם וועט ער זיך ווענדן צו דער העכערער מאַכט. די ערשטע פראַגע איז ווייטער געבליבן נישט קלאָר. דער רוב יידישע שוסטערס האָט זיך באַטראַכט ווי פאַכאָווע בעלי־מלאָכות נאָך פון פריער, כאָטש זיי האָבן צום צעך נישט געהערט. דער צעך ווידער האָט זיי באַטראַכט ווי נייע מייסטערס און האָט פון זיי פאַרלאַנגט דעם אָפּצאָל. ס'האָבן זיך אַלזאָ געמערט סכסוכים צווישן צעך און די יידישע שוסטערס. אין דעם צווייטן ענין האָט זיך דער קרייז־קאָמיסאַר געוואָנדן צו דער וואָיעוואָדזטווע קיין שעדלעץ און פון דאָרט האָט מען אָנגעפרעגט אין מיניסטעריום, צי לויטן געזעץ פון יאָר 1816 קאָנען די אָפּצאָלן פאַרבלייבן. אין מיניסטעריום איז דער אַקט אָפּגעלייגן אַ היפּש שטיקל צייט. אַ רעפערענט האָט אַפילו צוגעשריבן, אַז ער דאַרף אַרויסגעבן אַן אָפּיניע אין אַן ענלעכן ענין אין גאַרוואָלין, אָבער די זאַך האָט זיך נישט גערירט. מ'האָט אויך וועגן אים נישט דערמאָנט נישט פון ביאַלע און נישט פון שעדלעץ. אין יאָר 1840 איז ענדלעך די פראַגע אַוועקגעלייגט געוואָרן צו די אַקטן אין מיניסטעריום.

די סיבה פון אַנטשוויגן ווערן וועט זיך אונדז אויפקלערן

נאָכדעם, ווי מיר וועלן דורכקוקן די רשימה פון די ביאַלער בעלי־מלאָכות פון יאָר 1841. ס׳שטעלט זיך אַרויס אַז אין ביאַלע זענען אין דעם יאָר געווען אינגאַנצן 11 שוסטערס, און צווישן זיי קוים 4 קריסטן. איצט ווערט אַלץ קלאָר, מיט יעדן יאָר איז די צאָל קריסטלעכע שוסטערס געפאַלן. זיי האָבן נאָך דעמאָלט געוואָלט ראַטעווען זייער פּרעסטיזש, פאַרלאַנגנדיק צו 60 זלאָטעס פון יעדן שוסטער, אָבער דערנאָך האָבן זיי, ווייזט אויס, רעזיגנירט דערפון. פון זיך אַליין האָט אויך זיכער אויפגעהערט צו עקסיסטיר׳ן די באַלאַסטונג פון די יידישע שיך־און לעדער־קרעמערס. פון די אַקטן אין שטאָטישן אַרכיוו פון יאָר 1845 ווערן מיר געוווּיר, אַז אין שטאָט פונקציאָנירן נאָר צוויי צעכן: פון מוליערס און טעפּערס. וועגן שוסטער־צעך, הייסט עס, אַז אייגנטלעך עקסיסטירט ער פּשוט נישט, „ווייל קריסטלעכע מייסטערס זענען פאַראַן ווייניק, און די יידישע זענען סאַמע אָרעמעלייט״.

דער שוסטער־צעך האָט זיך, ווייזט אויס, נאָך אַכט יאָר (1853) רעאָרגאַניזירט. מיר ווייסן נישט אין וועלכער פאָרעם איז רעגולירט געוואָרן די פראַגע פון די יידישע אָפּצאָלן און פון די רעכט פון די יידישע שוסטערס אין דעם נייעם צעך, אָבער ס׳איז אָנצונעמען מיט זיכערקייט, אַז דער אָפּצאָל פון די יידישע קרעמערס איז אינגאַנצן אָפּגעשאַפט געוואָרן. וויפל יידישע מיטגלידער ס׳האָט געציילט דער רעאָרגאַניזירטער צעך פון יאָר 1853, ווייסן מיר נישט. איין זאַך איז קלאָר — קריסטלעכע שוסטערס זענען געווען נישט מער ווי צ ו ו י י, און זיי זענען טאַקע, אין הסכם מיט די באַשטימונגען פון יאָר 1816, געווײלט געוואָרן ווי די צעך־אָנפירערס.

ביז איצט האָבן מיר גערעדט וועגן דער „לעדער־בראַנזשע״. איצט גייען מיר איבער צו דער פראַגע פון די יידישע היטלמאַכערס און שניידערס.

ווען ס׳איז אַרויס דאָס געזעץ פון יאָר 1816, האָבן זיך אויך אין ביאַלע אָנגעהויבן רעאָרגאַניזירן די צעכן. אַזוי ווי אין אַ סך אַנדערע שטעט, האָט זיך אויך דאָ אַוועקגעשטעלט די פראַגע וועגן דער צוגעהעריקייט פון יידן צו די צעכן און וועגן זייער וואַל־רעכט. דאָס געזעץ האָט מען געקאָנט פאַרשיידן אויסטייטשן, באַזונדערס אין די פאַלן, ווען ס׳איז נישט געווען קיין פולע צאָל פון 10 מייסטערס, וועלכע זענען געווען געזעצלעך נייטיק כדי צו קאָנען בילדן אַ צעך, אָדער אין די אַנטקעגנגעזעצטע פאַלן, ווען ס׳איז געווען אַ גרויסע צאָל יידישע מייסטערס, נאָר ס׳האָבן אויסגעפעלט די צוויי קריסטן, וועלכע זאָלן בילדן די פאַרוואַלטונג פון צעך. פאַר יידן איז געווען וויכטיק אָנצוגעהערן צום צעך, קודם־כל דערפאַר, ווייל ער האָט געשיצט קעגן נישט־פאַכאָווע קאָנקורענץ. די קריסטן ווידער האָבן נישט געוואָלט צולאָזן יידן צו די פּריווילעגיעס, וועלכע דער צעך האָט געגעבן. פון דעם זענען נישט איין מאָל אַרויסגעקומען לאַנגע סכסוכים און פאַרהאַנדלונגען, אין וועלכע די מאַכט פלעגט דעצידירן ריין־פאָרמעל, אָנווייזנדיק אויפן געזעץ: אַז יידן האָבן נישט אין צעך קיין פּאַסיווע וואַל־רעכט. אַזוי איז אויסגעקומען, למשל, אַז 50 יידישע שניידערס פון סאָקאָלאָוו זענען געווען צוגעשריבן צום ביאַלער שניידער־צעך, ווייל אין סאָקאָלאָוו האָבן אויסגעפעלט די צוויי קריסטן, וועלכע זאָלן שטיין בראש פון צעך. ערשט נאָך לאַנגע באַמיאונגען (1830—1835) איז זיי געלונגען אַרויסצובאַקומען פון מיניסטעריום אַ הסכמה, אַז זיי זאָלן צוגעשריבן ווערן צום היימישן קירזשנער־צעך, ביז ס׳וועלן זיך אין סאָקאָלאָוו באַזעצן אַ פּאָר קריסטלעכע שניידערס.

ווי אַזוי איז געשטאַנען די פראַגע אין ביאַלע? לויט דער פּראָפעסיאָנעלער צוגעהעריקייט פון די בעלי־מלאָכות האָבן מיר אַ רשימה פון יאָר 1841, וועלכע שטעלט זיך פאָר אַזוי:

אין שטאָט זענען פאַראַן צו איין מייסטער: אַ קוימענקערער, אַ מילנער, אַ זייפן־זידער, אַ שלאָסער, אַ סטעלמאַך, אַ שמוקלער; אַלע, אויסער זייפן־זידער און שמוקלער, זענען קריסטן. צו צוויי מייסטערס: היטלמאַכערס, בוכבינדערס, וואַטנמאַכערס, זייגערמאַכערס. אַלע, אויסער איין זייגערמאַכער, זענען יידן. צו דריי מייסטערס: בלעכערס, גאַרבערס, דאַכדעקערס (לויטער יידן). צו פיר מייסטערס: טשעשלערס (דערפון איין ייד), מאַלערס (דערפון דריי יידן), קאָוואַלעס (דערפון איין ייד). צו פינף מייסטערס: ברוקירערס (לויטער יידן) און רימערס (דערפון איין ייד). צו זעקס מייסטערס: סטאָליערס (לויטער יידן). צו עלף מייסטערס: פליישהעקערס (דערפון 7 יידישע קצבים און 4 חזיר־שלעגערס), שוסטערס (דערפון 7 יידן) און טעפּערס (סאַמע קריסטן). חוץ דעם, 13 בעקערס (צווישן זיי נאָר איין קריסט), דרייצן שניידערס (לויטער יידן) און זיבעצן מוליערס (צווישן זיי צוויי יידן). צוזאַמען 127 בעלי־מלאָכות, דערפון 76 יידן און 51 קריסטן.

פון די אויביקע ציפערן זעט מען, אַז נאָר 5 סאָרטן פון בעלי־מלאָכות האָבן געקאָנט אָרגאַניזירן אַ צעך (נישט רעכענענדיק די פליישהעקערס, ווייל יידישע קצבים און קריסטלעכע חזיר־שלעגערס איבן אויס אייגנטלעך צוויי פאַרשיידענע מלאָכות), ד״ה, די שוסטערס, טעפּערס, בעקערס, שניידערס און מוליערס. פון דער צאָל פאַלן אָפּ די שניידערס און די בעקערס, ביי וועלכע ס׳פעלן אויס צוויי קריסטן, כדי צו קאָנען בילדן אַ פאַרוואַלטונג. וועגן גורל פון שוסטער־צעך און וועגן דער יידן־פראַגע אין אים, האָבן מיר שוין געשריבן פריער. די מוליערס און די טעפּערס זענען אַלזאָ געווען די איינציקע בעלי־מלאָכות, וועלכע האָבן געהאַט אין ביאַלע רעגלמעסיקע צעכן.

אין יאָר 1849 איז אָבער פּלוצעם אַרויפגעשווומען די יידן־פראַגע ביי דער אָרגאַניזירונג פון אַ מלאָכה, וועלכע האָט נישט געשפּילט קיין שום ראָלע אין ביאַלע — ביי די היטלמאַכערס. מיט דער איניציאַטיוו צו גרינדן אַ היטלמאַכער־צעך איז אַרויסגעטראָטן די מאַכט. צום צעך האָבן געזאָלט געהערן די היטלמאַכערס פון: ביאַלע, קאָדניע, פּישטשאַץ, לאָמאַז און ראָסאָש. מיט דער אָרגאַניזירונג האָט זיך געזאָלט פאַרנעמען דער ביאַלער מאַגיסטראַט. ס׳האָט זיך גלייך אַרויסגעשטעלט, אַז אין ביאַלע זענען פאַראַן פיר היטלמאַכערס, אין קאָדניע אויך 4, אין לאָמאַז און אין פּישטשאַץ צו איינעם, אין ראָסאָש זענען קיין היטלמאַכערס נישט געווען. די אַלע היטלמאַכערס זענען אָבער געווען יידן, און דער קרייזקאָמיסאַר האָט זיך, ווייזט אויס, נישט זייער אָריענטירט אין

דער פראַגע. ווען דאָס איז אים אין יאָר 1850 קלאָר געוואָרן, הייבט ער אָן צו דרענגען מען זאָל אויסזוכן אויך די קריסטלעכע בעלי־מלאָכות. מ׳האָט געזוכט, און געזוכט, אָבער נישט געפונען. און נאָך צוויי נדחה׳ס [43] האָט דער ביאַלער מאַגיסטראַט פאַרזאַמלט אַלע היטלמאַכערס, און אין נאָוועמבער 1850 איז געגרינדעט געוואָרן דער צעך. ווי עלטסטע זענען געוויילט געוואָרן אפרים ציגאַמאָן און שמעון־לייזער כהן, ביידע פון ביאַלע.[44] דער מאַגיסטראַט האָט געוווסט, אַז עפּעס איז דאָ נישט אין אָרדענונג, דער קרייז־קאָמיסאַר האָט אָבער פאַרלאַנגט, איז נישט געווען קיין אַנדער עצה. דער קרייז־קאָמיסאַר ווידער האָט זיך, ווי מיר האָבן דערמאָנט פון אָנהויב, אויך נישט זייער אָריענטירט אין דער לאַגע. ער האָט גלייך נאָך דעם ווי די וואַלן זענען פאָרגעקומען באַפוילן דעם מאַגיסטראַט איינצואָרדענען אַ קאַסע פאַר דעם נייעם היטלמאַכער־צעך. אין אַ פּאָר חדשים אַרום אָבער האָט ער באַקומען אַן אָנווייזונג פון דער גובערניע,[45] די וואַלן, ווי אומגעזעצלעכע, צו אַנולירן. דער מאַגיסטראַט האָט אַזוי געטאָן, און אין 4 חדשים נאָך דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג זענען זיך די היטלמאַכערס ווידער צוזאַמענגעקומען, כדי צו באַקומען די טרויעריקע ידיעה, אַז ווי יידן קאָנען זיי נישט געוויילט ווערן, און אַזוי ווי ס׳זענען נישט פאַראַן קיין קריסטלעכע היטלמאַכערס, מוזן זיי זיך אויפלייזן. דער גובערניע־מאַכט איז אָבער געווען פּריקרע דער גאַנצער ענין, האָט זי נאָך געוואָלט פּרווון צו דערהאַלטן דעם צעך אין ביאַלע און כדי צו מאַכן אים לעבנספעיק, האָט זי באַפוילן איינשליסן אין אים אַלע קירזשנערס. ס׳האָט זיך אָבער ווידער אַרויסגעשטעלט, אַז אויך צווישן די קירזשנערס זענען נישטאָ קיין קריסטן.

ענדלעך איז אין זומער 1851, נאָך אַן אויספאָרשונג מצד דעם פּאָוויאַטאָוון נאַטשאַלניק, פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז ס׳ווערט געבילדעט אַ קירזשנער־צעך, וועלכער וועט אַרומנעמען אַלע קירזשנערס און היטלמאַכערס פון ביאַלע, לאָשיץ, יאַנעווע, קאָנסטאַנטין און סאַרנאַק. דער צענטער פון צעך וועט זיין לאָשיץ. אַ סברה, אַז אין אַזאַ גרויסער צאָל פון בעלי־מלאָכות האָבן זיך ענדלעך געפונען די צוויי נייטיקע קריסטן.

אַזוי איז געלייזט געוואָרן די „אָנגעווייטיקטע יידן־פראַגע" אין ביאַלער היטלמאַכער־צעך.

וועגן די שניידערס ווייסן מיר, ליידער, זייער ווייניק. די עקסיסטענץ פון דער יידישער שניידער־חברה האָבן מיר שוין דערמאָנט אין קאַפּיטל וועגן קהילה־בודזשעט אין דער מיט פון 18טן יאָרהונדערט. פון די שפּעטערדיקע יאָרן איז נישט פאַרבליבן קיין שום מאַטעריאַל, אָבער ס׳איז קיין ספק נישט, אַז די חברה האָט ווייטער עקסיסטירט, און זי האָט אַוודאי געהאַט, פון שטאַנדפּונקט פון אָרגאַניזאַציאָנעלער און פּראָפעסיאָנעל־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, אַן ענלעכע געשיכטע ווי אַלע אַנדערע שניידער־חברות אין פּוילן. די געשיכטע פון פאַרוואַנדלען די חברה אין אַן אָפיציעלן צעך איז נישט קלאָר. מיר ווייסן נאָר דאָס, אַז נאָכן יאָר 1825 איז אויפגעשוואומען אַ פּלאַן צו שאַפן אַ בשותפות׳דיקן שניידער־צעך פון ביאַלע און סאָקאָלאָוו. דער פּלאַן איז געווען אין די ראַמען פון צעכן־געזעץ פון יאָר 1816: פעלן אין א שטאָט אין אַ געוויסער מלאָכה די צוויי קריסטלעכע מייסטערס, וואָס זאָלן בילדן די פאַרוואַלטונג, קאָן מען שאַפן אַ צעך צו וועלכן ס׳זאָלן געהערן בעלי־מלאָכות פון עטלעכע שטעט.

אין סאָקאָלאָוו זענען נישט געווען קיין קריסטלעכע שניידערס, זאָל מען אָננעמען אַז אין ביאַלע זענען אין יענע יאָרן יאָ געווען קריסטלעכע שניידערס? ווי ס׳זאָל נישט זיין, האָט זיך גלייך אַרויסגעשטעלט, אַז סאָקאָלאָוו איז נישט מסכים צו דעם פאַראייניקונגס־פּלאַן, און ער איז אַראָפּגענומען געוואָרן פון סדר־היום. איך בין נוטה צו דער השערה, אַז די ביאַלער יידישע שניידערס האָבן ווייטער מקיים געווען זייער אַלטע חברה, לויטן יידישן נוסח, און לגבי דער רעגירונגס־מאַכט זענען זיי דערשינען ווי אַן אָפּטיילונג פון דעם היטלמאַכער־צעך. וועגן די באַזונדערע רעכט פון די שניידערס אין דער חברה־קדישא וועלן מיר רעדן אין נאָענטסטן קאַפּיטל.

יא. חברות אין ביאלע

דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן ביי די יידן אין פּוילן (און נישט נאָר אין פּוילן) איז געווען זייער אַנטוויקלט. אין יעדער קהילה, קליינע און גרויסע, געפינען מיר חברות פון פאַרשיידענע מינים און פאַר פאַרשיידענע צוועקן: לערן־חברות (חברת־ש״ס, חברת־עין־יעקב, חברת־תהילים), חברות פאַר סאָציאַלער הילף (מלבוש־ערומים, ביקור־חולים, הכנסת־כלה א״אַ), פּראָפעסיאָנעלע חברות, וואָס האָבן דעם כאַראַקטער פון צעכן (חברת־חייטים, חברה־זובחי־צדק און ענלעכע). אַ קהילה האָט געהאַט מער אָדער ווייניקער חברות, אַנטשפּרעכנדיק דער געזעלשאַפטלעכער רירעוודיקייט פון אירע מיטגלידער, אָבער איין חברה געפינען מיר אין אַלע קהילות, דהיינו, די חברה־קברנים, וואָס איר טעטיקייטס־געביט איז דער בית־עלמין. אין טייל קהילות פאַרנעמט זיך די חברה־קברנים אויך מיט ביקור־חולים און האַלט אויס דעם מושב־זקנים (הקדש). דער נאָמען אונטער וועלכן די חברה איז אַלגעמיין באַקאַנט, איז „חברה־קדישא". פאַקטיש האָבן אַלע חברות געהייסן „חברה־קדישא" (די הייליקע חברה), ווי: „חברה־קדישא דזובחי־צדק", „חברה־קדישא דחייטים" אאַז״וו. נאָר אַזוי ווי די קברנים־חברה איז געווען די צומיינסטן פאַרשפּרייטע און אויך די פּאָפּולערסטע, האָט מען אויף איר אַריבערגעטראָגן דעם נאָמען פון אַלע סתם־חברות.

פאַר דער צייט וואָס מיר באַהאַנדלען דאָ (סוף 16טן יאָרהונדערט ביזן מיטן 19טן יאָרהונדערט), ווייסן מיר נישט וועגן קיין שום לערן־חברה און קיין שום חברה פאַר סאָציאַלער הילף אין ביאַלע. ס׳איז אָבער נישט קיין ספק, אַז אַזעלכע חברות האָבן עקסיסטירט. אויב אין דער שכנותדיקער שטאָט מעזריטש געפינען מיר 7 חברות, פאַרוואָס זאָלן נישט האָבן עקסיסטירט אַזעלכע חברות אויך אין ביאַלע? נאָר וואָס? ס׳האָבן זיך נישט געפונען זייערע פּנקסים אָדער „עולם" האָט נישט געזאָרגט זיי אויסצוגעפינען. וואָס שייך פּראָפעסיאָנעלע חברות, טאָ איז גאַנץ זיכער, אַז ביאַלע האָט געהאַט אַ שניידער־חברה (צו וועלכער ס׳האָבן געהערט אויך אַנדערע בעלי־מלאָכות), אָבער אויך וועגן איר ווייסן מיר

ווייניק, ווייל איר פנקס איז, ווייזט אויס, פאַרלוירן געגאַנגען. די איינציקע חברה אויף וועלכער מיר קאָנען זיך אַ ביסל גענויער אָפּשטעלן, איז די קברנים־חברה, וואָס איר גענויער נאָמען אין ביאַלע איז „חברה־קדישא גומלי־חסד של אמת״ (ח״ק גוחש״א).

די חברה־קדישא האָט עקסיסטירט פון לאַנג; מיר האָבן אויבן אָנגעוויזן אויף איר אַנטייל אין דעקן דעם דעפיציט פון דער קהילה אין יאָר 1749/50. אין פנקס, וואָס איז געווען אין מיינע הענט, האָב איך אָבער נאָר געפונען נאָטיצן פון די יאָרן 1800—1905, חשבונות פון די יאָרן 1806—1838, און תקנות פון יאָר 1813, מיט צוגאָבן פון פאַרשיידענע שפּעטער־דיקע יאָרן. דער פנקס איז, ווייזט אויס, געעפנט געוואָרן אין יאָר 1813, און מ׳האָט אין אים איבערגעטראָגן אַ טייל מאַ־טעריאַל פון די פריערדיקע יאָרן. צו דער חברה קאָן אָנגעהערן יעדער ייד, אָבער צו ווערן אָנגענומען אין דער חברה איז נייטיק די אַלגעמיינע הסכמה פון אַלע מיטגלידער, „רק אחד יכול לעכב; וזו על פי הן ולאו״. ס׳איז אַלזאָ פאַראַן אַ וועטאָ־רעכט, און דאָס האָט בלי־ספק געהאַט אַ השפּעה אויף דער צאָל מיט־גלידער פון דער חברה און אויף איר עקסקלוסיוון כאַראַקטער. אויך דער הויכער מיטגלידס־אָפּצאָל האָט געקאָנט זיין אַ מניעה. ס׳זענען אָנגעגאַנגען צווייערליי אָפּצאָלן, אָנטשפּרע־כנדיק דער מדרגה פון לומדות: אַ ייד וואָס האָט געהאַט דעם לומדות־טיטל „חבר״, האָט געצאָלט 72 זלאָטעס. ווען ער האָט זיך דערוואָרבן אַדאַנק זיין לומדות דעם העכערן טיטל פון „מורנו״, האָט ער געצאָלט נאָר 54 זלאָטעס. ביידע אָפּצאָלן זענען געווען סיי לויט זייער נאָמינעלן און סיי לויט זייער רעיעלן ווערט, גאַנץ היפּשע. אין די ערשטע דריי יאָר פון חברשאַפט איז דער מיטגליד נאָר אַ קאַנדידאַט (מלאָטק, מלאַנץ — ס׳מיינט אַוודאי אַ יונגערמאַן); ער האָט גרעסערע חובות (ער מוז גיין צו יעדן חולה, לויטן באַפעל פון דער פאַרוואַלטונג) און דאַקעגן האָט ער קיין שום רעכט, נישט אַקטיווע און נישט פּאַסיווע וואַל־רעכט. פאַר נישט פאָלגן דראָט אים אַ פאַרלענגערונג פון דער קאַנדידאַטן־תקופה אויף נאָך איין יאָר. די וואַלן צו דער פאַרוואַלטונג קומען פאָר יעדעס יאָר נאָך פסח, און העכסטנס ביז ראש־חודש אייר. די וואַלן זענען אומדירעקטע, און ס׳וועט זיין ריכטיקער צו רעדן וועגן נאָמינאַציעס און נישט וועגן וואַלן. מ׳האָט אַריינגעלייגט אין דער קלפּי (וואַל־אורנע) צעטלען מיט די נעמען פון אַלע מיטגלידער און אַרויסגע־צויגן 5 צעטלען. די 5 מיטגלידער וועמענס נעמען ס׳האָבן פיגורירט אויף די אַרויסגעצויגענע צעטלען זענען אָנגערופן געוואָרן „בוררים״ און זיי האָבן נאָמינירט: די פאַרוואַלטונג, וואָס איז באַשטאַנען פון 4 „גבאים״ (זיי האָבן אַמטירט לויט דער ריי, יעדערער איין חודש), 4 „מוציא־ומביא״ (דאָס זענען די פאַקטישע אַדמיניסטראַטאָרן פון דער חברה), 4 „רואה־חשבון״ (קאַסירער און פאַרוואַלטער פון דער קאַסע), 4 „בעלי־תקנות״ (זייער חוב איז צו היטן די תקנות, אַז אַלץ זאָל זיך פירן לויט די פאַרשריפטן. זיי קאָנען אויך איינפירן אין זייער אַמטס־יאָר נייע תקנות), 4 „מתעסקים״ (דאָס זענען די פאַכלייט אין ענינים פון קבורה און אַלע אָנגע־לעגנהייטן פון בית־עלמין). אויסער דעם זכות און פליכט פון נאָמינאַציע האָבן די בוררים נאָך איין פליכט: איידער זיי פירן דורך די נאָמינאַציע מוזן זיי גיין אויפן אַלטן און אויפן נייעם בית־הקברות און פאַרריכטן די שאָדנס און אומאָרדע־נונגען, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אין משך פון יאָר. דערפילן זיי נישט די פליכט, ווערן זיי געשטראָפט און אויף זייער אָרט קומען אַנדערע בוררים. צום אַמט פון גבאי קאָן נאָר באַשטימט ווערן דער, וואָס האָט שוין אַמטירט ווי אַ מוצ־יא־ומביא. אויך קאָן מען נישט נאָמינירן אַ גבאי מער ווי אויף צוויי יאָר נאָכאַנאַנד. דער מוציא־ומביא קאָן נישט מאַכן קיין שום הוצאה אָן אַ קוויטל פון גבאי און פון אַלע הוצאות מוז ער געבן אַ דין־וחשבון פאַר דעם רואה־חשבון. איינער פון די בוררים קאָן אויך נאָמינירט ווערן ווי אַ גבאי אָדער מוציא־ומביא, נאָר בתנאי, אַז ס׳זענען מסכים דערצו נאָך דריי בוררים.

אין לויף פון דער צייט זענען אין די תקנות געמאַכט געוואָרן צוויי וויכטיקע שינויים: א. דער גבאי קאָן נישט דיספּאָנירן אויף אייגענער אחריות מער ווי מיט דער סומע פון 12 זלאָטעס אַ חודש. דאַרף ער אויסגעבן מער, מוז ער באַקומען אַ הסכמה פון רב און פון נאָך צוויי חברה־מיטגלידער, וואָס וועלן באַשטימט ווערן דורך די בוררים (1846); ב. ס׳ווערן אָנגענומען נייע חברים נישט דורך אַן אָפּשטימונג פון אַלע חברים, מיט אַ וועטאָ־רעכט פון יעדן חבר, נאָר דורך די גבאים און די מוציא־ומביא צוזאַמען מיט נאָך 10 חברים (1879).

וועגן דער טעטיקייט פון דער חברה דערציילן אונדז די תקנות גאָר ווייניק (נישט מער ווי פיר פּאַראַגראַפן פון די אַכצן — ח״י תקנות). ווערט איינער נפטר, שיקט גלייך דער גבאי־חודש, לויט אַ קלפּי, זעקס חברה־לייט צו דער אַרבעט. פאָלגט נישט דער חברה׳מאַן און שיקט אויך נישט קיין שטעל־פאַרטרעטער, צאָלט ער קנס. בשעת דער לויה גייט דער גבאי מיט דער פּושקע, און דאָס געזאַמלטע געלט גיט ער איבער דעם מוציא־ומביא. פאַר שטעלן אַ מצבה צאָלט מען נישט ווייניקער ווי 2 זלאָטעס. ווער ס׳צאָלט נישט גלייך דעם אָפּ־צאָל, קאָן געבן אַ משכון. קומט די צייט פון אויסלייזן דעם משכון און דער בעל־חוב האָט נישט צו באַצאָלן, מעג דער מוציא־ומביא „בידיעת הגבאי״ פאַרקויפן דעם משכון, נאָך דעם ווי ער האָט דעם בעל־חוב צוויי מאָל געוואָרנט וואָס ס׳דראָט אים.

וועגן דעם געזעלשאַפטלעכן טעטיקייטס־פעלד פון דער חברה, האָבן מיר איין תקנה וואָס זאָגט, אַז שטאַרבט איינער פון דער חברה, מאַכט מען ביי אים אַ „מנין״ אין משך פון דרייסיק טעג, און די „מנין״־לייט ווערן נאָמינירט לויט אַ קלפּי.

די לעצטע תקנה וואָס מיר האָבן צו דערמאָנען איז די, אַז דער גבאי־חודש איז מחויב אין סוף פון זיין קאַדענץ איבערצוגעבן דעם פנקס פון דער חברה דעם פרישן גבאי־חודש און טוט ער דאָס נישט נאָך דריי התראות, ווערט ער אויסגעשלאָסן פון דער חברה.

ס׳איז אויפפאַלנדיק, וואָס די תקנות באַשעפטיקן זיך בעיקר מיט אָרגאַניזאַציאָנעלע ענינים און גאָר, גאָר ווייניק מיט אַנדערע פראַגן. ס׳איז זיך אויך צו וווּנדערן וואָס ס׳עקסיס־

טירט נישט אין דער חברה קיין פליכט צו צאָלן וואָכן־אָפּצאָל דורך יעדן מיטגליד. אַ סברה, אַז ס׳זענען געווען נאָך אַנדערע תקנות פון פריערדיקע צייטן, וואָס זענען נישט איבערגעשריבן געוואָרן אין דעם נייעם פנקס פון יאָר 1813. צום פאַרגלייך וועלן מיר דאָ ברענגען די תקנות פון פּרושזאַנע און ראַדזין,[46] מיט וועלכע ביאַלע איז זיכער געשטאַנען אין פאַרבינדונג.

געפונען געוואָרן אַן אַנטשפּרעכנדיקע פאָרעם פון אײַנקאָרפּאָרירן די שניידער־חברה (וואָס איז געווען אומלעגאַל) אין דער חברה־קדישא.

פון די בודזשעטן פון דער חברה זעט מען גאַנץ בולט, אַז זי האָט זיך נישט באַגרענעצט אויף די ענינים פון בית־עלמין און קבורה, נאָר האָט אויך אָנגעפירט אַ ברייטערע סאָציאַלע טעטיקייט. און אָט זאָלן עדות־זאָגן עטלעכע פּאָזיציעס פון

	ביאַלע (ח״י תקנות) 1813	פּרושזאַנע (ח״י תקנות) 1715	ראַדזין (ט׳ תקנות) 1816
אַלגעמיינער כאַראַקטער פון די תקנות.	דער עיקר אָרגאַניזאַציאָנעלע פּאַראַגראַפן.	11 פּאַראַגראַפן וועגן די פליכטן פון די חברים; 7 — אָרגאַניזאַציאָנעלע.	2 פּאַראַגראַפן וועגן די תפקידים פון דער חברה; 7 תקנות אָרגאַניזאַציאָנעלע.
אָננעמען נייע מיטגלידער.	זייער באַשרענקט.	אויך זייער באַשרענקט, אָבער אָן וועטאָ־רעכט.	אַ סך פאַרלייכטערט; לויט אַ געוויינלעכער מערהייט.
איינשרייב־געלט.	זייער הויך.	נישט דערמאָנט.	עפ״י פסק הגבאים.
מיטגלידס־אָפּצאָל.	נישט פאַראַן.	אַ גראָשן אַ וואָך.	נישט דערמאָנט.
קאָמפּעטענץ פון גבאי.	גענוג גרויס.	אַ סך קלענער; אָן דעם רואה־חשבון מעג ער אויסגעבן נאָר 2 זלאָטעס.	אויף אייגענער אחריות מעג ער אויסגעבן נאָר 6 זלאָטעס.
די פאַרהעלטענישן צו דער קהילה און צום רב.	דער רב איז אַן אָנערקענטע אויטאָריטעט.	די חברה פאַרוואָרנט זיך קעגן דעם אַריינמישן זיך פון דער קהילה אין די ענינים פון דער חברה.	דעם רבס קאָמפּעטענץ איז דאָ זייער גרויס; די תקנות זענען געמאַכט מיט זיין הסכמה.

פון דער געשיכטע פון דער ביאַלער חברה־קדישא און פון אירע בודזשעטן, וועלן מיר דאָ אָנצייכענען עטלעכע פאַקטן, וואָס וועלן קלאָר מאַכן איר מהות. אין די יאָרן 1810—1812 זענען פאָרגעקומען צוויי פאַלן ווען מיטגלידער זענען באַשטראָפט געוואָרן. דער ערשטער פאַל איז נוגע איינעם אַ קצב (יוסף בן־דוד רופא), וועלכן מ׳האָט געכאַפּט ביי אַ נישט־שיינער מעשה פון האָבן באַציאונגען מיט אַן אשת־איש. מ׳האָט אים אויסגעשלאָסן פון דער חברה אויף זעקס יאָר, און נאָך דעם ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט נישט חוזר בתשובה געווען, האָט מען אים אינגאַנצן אויסגעשטראָכן פון דער מיטגלידער־רשימה „עד עולם". ווי אַ שטראָף פאַר אים איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז ווען ער וועט שטאַרבן וועט זיך מתעסק זיין מיט זיין קבורה דער משרת פון דער חברה. דער צווייטער פאַל איז נוגע איינעם, וואָס „פּער פּיו לבלי חוק". ער האָט אַוודאי אָנגענומען א קריטישע שטעלונג צו דער אָנפירונג פון דער חברה און דערפאַר האָט מען אים דערווייטערט פון דער חברה אויף דריי יאָר. ער האָט זיך אָבער, ווייזט אויס, דערנאָך געבעסערט און מ׳האָט אים מוחל געווען די זינד.

וויכטיק איז פאַר אונדז די ידיעה וועגן חברים שניידערס. אין איין יאָר ווערן אין דער חברה אָנגענומען 15 שניידערס און ס׳ווערט נאָטירט: „והגבאים הממונים על החייטים עומדים תחת פקודת הגבאים" (של החברה). דאָס באַווייזט בולט, אַז די שניידערס האָבן געהאַט באַזונדערע רעכט אין דער חברה, און אַז זיי האָבן אַפילו געבילדעט אַ באַזונדער גרופּע מיט אייגענע גבאים. ס׳איז אָנצונעמען, אַז אויף דעם אופן איז

אויסגאַבן: לאשה שנסעה לדאקטאר, לפעלדשער בעד אשה אחת, לאורחים, מעות־חטין, על הכנסת־כלה, להרב, להמגיד, לדרשן, עצים לבית־המדרש, שכר־לימוד בעד ילד אחד, תכריכין לאנשים שמתו בהקדש, לבעלפער חולה, לסגי נהור מקמניץ, שכירות למלמד, שכירות לשמש ביהמ״ד, תכריכין לעניים, עצים להקדש, על המרתף, עגלה לעני ממזריטש. דריי מאָל געפינען מיר נדבות פאַר גרים (גר צדק, גיורה, אורח גר). איין פּאָזיציע איז אַנאָנים „עבור הידוע". די חברה האָט אַלזאָ דערפילט אויך פליכטן פון אַלגעמיינעם צדקה־כאַראַקטער, און האָט אויך בייגעשטייערט צום קהילה־בודזשעט. אינטערעסאַנט איז, למשל, דער בודזשעט פון איין חודש אין יאָר 1811; אין דעם חודש האָט די חברה אויסגעגעבן 65 זלאָטעס, און דערפון 16 זלאָטעס פאַר אורחים, און אורחים הייסט נישט אַנדערש, נאָר אָרעמעלייט וואָס וואַנדערן פון קהילה צו קהילה.

יב. בילד פון דער שטאט אין אנהייב פון די 60קער יארן פון 19טן יארהונדערט

אין יאָר 1866 איז אַרויס אַ געזעץ וועגן ליקווידאַציע פון די שטאָטישע לאַסטן לגבי די שררות אין די פּריוואַטע שטעט. איז פון גרויס חשיבות צו זען וואָס פאַר אַ פּנים ס׳האָט געהאַט די שטאָט פון יורידישן און פון עקאָנאָמיש־געזעלשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט איידער ס׳איז דורכגעפירט געוואָרן אָט די ליקווידאַציע, און ביז זי האָט פּאַמעלעך אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַ שטאָט אין מאָדערנעם זין.

אין שטאָט זענען פאַראַן 344 הייזער: 278 הילצערנע און 66 מויערן. פון די 344 הייזער געהערן צו יידן 145, צו קריסטן 160, צו דער רעגירונג 10, צו דער שטאָט 1, צום פּריץ 16, צו דער קירכע 12. די שטאָט ציילט 5539 איינוווינערס, דערפון יידן — 3456 נפשות, פּאָליאַקן — 2032 נפשות, אַנדערע (רוסן, דייטשן און פראַנצויזן) — 51 נפשות (פּראָצענטועל: יידן — 62.4 פּראָצענט, פּאָליאַקן — 36.7 פּראָצענט, אַנדערע — 0.9 פּראָצענט). די 5539 איינוווינערס בילדן 1753 משפּחות: יידישע — 1036, קריסטלעכע — 717 (פּראָצענטועל: יידישע — 59.1 פּראָצענט, קריסטלעכע — 40.9 פּראָצענט). אין אייגענע הייזער וווינען 383 משפּחות, דער רעשט 1370 משפּחות וווינען אין פרעמדע הייזער, ווי „קאַמאָרניקעס" (לאָקאַטאָרן). דער פאַרמעגנס־מצב איז אַלזאָ נישט קיין גלענצנדיקער, אָבער דאָ איז כדאי צו פאַרגלייכן דעם מצב ביי קריסטן און ביי יידן.

	משפחות	פּראָצענט
יידישע „קאַמאָרניקעס" (לאָקאַטאָרן)	886	64.7
קריסטלעכע „קאַמאָרניקעס" (לאָקאַטאָרן)	484	35.3
ס"ה	1370	100

די יידישע משפּחות וואָס באַזיצן נישט קיין אייגענע הייזער, פאַרנעמען אַלזאָ 64.7 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל „קאַמאָרניקעס". בשעת זיי פאַרנעמען נאָר 59.1 פּראָצענט פון אַלע משפּחות. די יידישע אָרעמקייט איז אַזוי אָרום אין דורכשניט גרעסער פון דער קריסטלעכער. דאָס שטעלט זיך אַרויס אויך פון אַן אַנדער אַנאַליז:

ביי דער יידישער באַפעלקערונג:

אויף 3456 נפשות — 1036 משפּחות — זענען 886 משפּחות „קאַמאָרניקעס", וואָס מאַכט אויס 85.5% פון דער אַלגעמיינער צאָל משפּחות און 25.6% פון דער אַלגעמיינער צאָל נפשות.

ביי דער קריסטלעכער באַפעלקערונג:

אויף 2083 נפשות — 717 משפּחות — איז די צאָל „קאַמאָרניקעס" 484 משפּחות, ד"ה 67.5% פון דער אַלגעמיינער צאָל משפּחות און 23.2% פון דער אַלגעמיינער צאָל נפשות.

פון וואָס לעבט די ביאַלער באַפעלקערונג? פון די 1753 משפּחות באַשעפטיקן זיך:

	משפחות
מיט ערד־אַרבעט; זיי באַזיצן הייזער און באָדן	120
מיט ערד־אַרבעט און מלאָכה, אויך זיי באַזיצן הייזער און באָדן	62
הויז־באַזיצערס, וואָס זייער באַרוף איז נישט אָנגעגעבן	201
„קאַמאָרניקעס" וואָס באַשעפטיקן זיך מיט האַנדל און מלאָכה	1370
ס"ה	1753

וואָסערע התחייבותן האָבן די שטאָט און די שטאָט־תושבים כלפּי דעם פּריץ? מיר האָבן זיך דערויף שוין אַ ביסל אָפּגעשטעלט, באַהאַנדלענדיק דעם קהילה־בודזשעט אין דער מיט פון 18טן יאָרהונדערט. דאָרט האָבן מיר אין זינען געהאַט נאָר די יידן. איצט, שטייענדיק פאַר דער ליקווידאַציע פון די שטאָטישע לאַסטן לטובת דעם פּריץ, וועלן מיר באַהאַנדלען אַלע איינוווינערס. קודם־כל צאָלט יעדער הויז־און גרונט־באַזיצער אַן אָפּצאָל פאַרן באָדן, ווייל יורידיש גענומען, איז דער באָדן דאָס אייגנטום פון שררה. פון דעם אָפּצאָל האָט דער פּריץ פאָלגנדיקע הכנסה: 274 רובל פון די קריסטן פאַרן באָדן און 140 רובל פון די יידישע קראָם־באַזיצערס. אויף די גרונט־באַזיצערס לאַסטעט אויך אַן אָפּצאָל, וואָס הייסט „מעשר" (284 רובל). די שטאָט, ווי אַן איינהייט צאָלט נאָך דעם פּריץ 150 רובל, ווי אַן אויסלייז פון דער אַרבעט (מענטשן און פערד) ביי דער גראַבליע אויף דער וואַליע, און ס'באַשטייט אַ סכסוך וועגן אַרבעט (אַ טאָג אין וואָך) מצד די וואָליער איינוווינערס. אַ חוץ דעם האָט דער פּריץ עטלעכע מאָנאָפּאָלן, וואָס ברענגען אים אַריין היפּשע הכנסות: די פּראָפּינאַציע (14 שענקען צו פאַרקויפן וויין און בראָנפן) ברענגט אים אַריין אַרום דריטהאַלבן טויזנט רובל יערלעך. פון ביר־און מעד־אויסאַרבעטונגען, וואָס יעדער בירגער קאָן פאַרקויפן, באַקומט דער פּריץ אַן אָפּצאָל פון 57 קאָפּיקעס פון יעדן פעסל ביר, און 15 קאָפּיקעס פון יעדן טאָפּ מעד. פאַר יעדן פעסל פאַרקויפטע הערינג געהער דעם פּריץ 15 קאָפּיקעס. פאַר באַנוצן היימישע מילשטיינער, כדי אויסצומיידן די פּריצישע מילן — 15 קאָפּיקעס. פאַר האַנדלען מיט סמאָלע, אייל און דזשעגעכץ 5 רובל. פאַרן רעכט פון פיש־פאַנג 50 רובל. פאַר יעדן געקוילעטן חזיר — 7 מיט אַ האַלבע קאָפּיקע. פאַר האַנדלען מיט אַריינגעבראַכטע סלאַנינע — 7 מיט אַ האַלבע קאָפּיקע.

דער פּריץ דאַקעגן האָט עטלעכע התחייבותן כלפּי דער שטאָט: ער צאָלט 30 רובל יערלעך, ווי אַן אָנטייל אין אויסהאַלטן די פייער־וואַך און נאָך 180 רובל צום פאַרריכטן די שאָסייען, די ראַגאַטקעס אאַז"וו. אַ חוץ דעם האָט נאָך יעדער ק ר י ס ט ל ע כ ע ר איינוווינער פאָלגנדיקע הנאות פון הויף: דאָס באַנוצן די הויפישע מילן פאַר אַ קליינעם אָפּצאָל, פרייע פּאַשע אין די הויפישע וועלדער, און דאָס רעכט אויף אַ וואָגן ברענהאָלץ יעדע וואָך. אָט די לייסטונגען פון הויף ווערן געשאַצט אויף 2250 רובל יערלעך. ווי געזאָגט, האָבן דאָס רעכט צו געניסן פון הנאות נאָר די קריסטן, פאַר יידן עקסיסטירן נישט אָט די הנאות.

ביאַלער בירגער, יידן און קריסטן, צאָלן פאַר דער שטאָט פאָלגנדיקע שטייערן: פאַר שענקען־קאָנצעסיעס (135 רובל), אַ פשעמיסלאַוון שטייער (360 רובל), פאַר ריין־האַלטן דעם רינעק (42 רובל), פאַר אויסהאַלטן די פייער־וואַך (210 רובל).

פאַר דער מדינה־קאַסע ווערן געצאָלט פאָלגנדיקע שטייערן: הויזשטייער 1219 רובל, גרונט־שטייער 149 רובל, צום טראַנספּאָרטירן פון רעקרוטן און אַרחי־פּרחיניקעס 64 רובל, פייער־שטייער (składka ogniowa) 1971 רובל, אויף אויסצוהאַלטן די שול פאַר קינדער 292 רובל, קוואַרטירונגס־שטייער 2882 רובל.

אין דעם פּריוואַטן חודש־בודזשעט פון יעדן בירגער האָבן די אַלע התחייבותן אַ גאַנץ ממשותדיקע באַדייטונג. לגבי יידן מוז מען נאָך צורעכענען די הוצאות אויף צו דעקן די קהילה־הצטרכותן.

יג. סיום

מיר האָבן געפּרוּווט שילדערן די געשיכטע פון די ביאַלער יידן אין לויף פון דריי הונדערט יאָרן בערך, אויף וויפל דאָס פאַראַנענע מאַטעריאַל האָט דאָס דערלויבט. מיר האָבן זיי באַגלייט אין זייער געראַנגל אויף לעבן, און האָבן געזעען, אַז זיי האָבן דעם קאַמף באַשטאַנען מיט כבוד, פאַרזוכנדיק צו העלפן און אונטערצושטיצן אַלע באַדערפטיקע. דער גאַנצער קיום איז אָבער געווען געבויט אויף זאַמד, און מיט אַמאָל איז אַלץ פאַרניכטעט געוואָרן.

באמערקונגען

[1] דאָס מאַטעריאַל האָב איך געזאַמלט אין די פּוילישע אַרכיוון אין די יאָרן 1933—1935. ביים שרייבן די אַרבעט אין יאָר 1953, איז נישט איין מאָל אַנטשטאַנען די נויטוועדיקייט ווידער אַריינצוקוקן אין די אַקטן, אָבער ליידער איז דאָס מער נישט מעגלעך געווען. מחמת מאַנגל פון אַנטשפּרעכנדיקער היסטאָרישער ליטעראַטור אין די ישראלדיקע ביבליאָטעקן האָב איך, ליידער, געמוזט מוותר זיין אויף דעם אינטערעסאַנטן פּרק וועגן ביאַלער יידן אין די פּויליש־נאַציאָנאַלע קאַמפן אין די יאָרן 1794, 1831 און 1863. כ'האָב זיך אויך נישט אָפּגעשטעלט אויף דעם קאַפּיטל ביאַלער חסידות.

[2] Регесты и надписи, II (1910) זייט 142—143. (מאַטע־ריאַלן צו דער געשיכטע פון יידן אין רוסלאַנד, אַרויסגעגעבן דורך דער יידישער היסטאָריש־עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט).

[3] אין זיין געשיכטע פון די יידן אין קראָקע (אויף פּויליש, 1912) דערמאָנט פּראָפ' מאיר באַלאַבאַן אַ ייד פון ביאַלע Jesko Szlomowicz (הערשקא? בן שלמה) שוין אין יאָר 1533 (זייט 268). שטעלט זיך אָבער אַרויס, אַז דאָס איז אַ טעות. אין רוסישן אַקט פון יאָר 1533, אויף וועלכן פּראָפ' מ. באַלאַבאַן שטיצט זיך, רעדט זיך וועגן ъдиж. „бельски" וואָס דאָס וואָרט бельски מיינט, ווייזט זיך אַרויס קלאָר פון אַ לאַטייניש אַקט פון יאָר 1542, אין וועלכן ס'לייענט זיך Jeske Szlomowicz de Bielsko

Русско-еврейский архив I, № 152, № 340

די כוונה איז אַלזאָ פון ביעלסק און נישט פון ביאַלע.

[4] ר. מאהלער: „אַ פראַגמענט וועגן דעם יידישן האַנדל צווישן ליטע און פוילן אין 16טן יאָרהונדערט". היסטאָרישע שריפטן פון „ייוואָ", באַנד 1, זייטן 130—204.

[5] א. יערי: „שלוחי ארץ ישראל" (תשי"א), זייטן 80, 248 (און אפשר איז אָט דער ר' אורי נישט פון ביאַלע־פּאָדלאַסקע?).

[6] דער טיטול „הער" ביי אַ יידישן נאָמען טרעפט זיך זעלטן; דער געוויינלעכער טיטול איז "niewierny", וואָס גלייבט נישט (אין קריסטלעכן גלויבן).

[7] אַ רויטער גילדן באַטרעפט אין 18טן יאָרהונדערט 18 זלאָטעס; אַ זלאָטע האָט 10 גדולים (גראָשן).

[8] ס'איז כדאי צו באַמערקן, אַז צווישן די פּרנסה־געבערס גע־פינען מיר אויך פרויען: קרעמערקעס, אַ גלעזערין, אַ גאָלדשמידט.

[9] וואַקס איז געווען אַ וויכטיקער אַרטיקל און ער האָט געדינט צום אויסאַרבעטן ליכט. די באַלייכטונג פון אַ גרויסן הויף האָט פאַרצערט אַ סך וואַקסליכט.

[10] קאָראָבקע — אַן אומדירעקטער שטייער, דער עיקר אויף פלייש.

[11] דער הייליקער יאַן פאַלט אויס דעם 25סטן יוני.

[12] פלעטן־בילעטן — אַ קוויטל וואָס באַשטימט צו וועלכן בעל־הבית דער דורכפאָרנדיקער אָרעמאַן ווערט צוגעטיילט צו באַקומען נאַכטלעגער און באַשפּייזונג.

[13] פּרנס־חודש — די פּרנסים (קהילה־פאָרשטייערס) האָבן זיך יעדן חודש געטוישט.

[14] די פאַראָרעמונג האָט זיך אָנגעהויבן נאָך די גזירות ת"ח (1648); די אינערלעכע און אויסערלעכע מלחמות און די שטייער־לאַסט האָבן זיך געהאַלטן אין איין פאַרגרעסערן.

[15] „שאלו שלום ירושלים" פון ר' גדליה מסימיאטיץ; זע א. יערי: „מסעות ארץ ישראל", זייט 329.

[16] האר"י (האלהי ר' יצחק) לוריא, דער באַגרינדער פון דער פּראַקטישער קבלה, אין ארץ־ישראל אין 16טן יאָרהונדערט.

[17] „אגרת על עלית ר' אברהם רוויגא" אין א. יערי'ס „אגרות ארץ ישראל", זייט 241.

[18] שד"ר — שלוחי דרבנן, די שלוחים צו זאַמלען געלט פאַר דעם ארץ־ישראל־ישוב. די ביינער פון חיד"א זענען געבראַכט געוואָרן פון ליוואָרנאָ, (איטאַליע) קיין ישראל און זענען געקומען צו קבורה אין ירושלים כ' אייר תש"ך (17.5.1960).

[19] ר' חיים יוסף דוד אזולאי: „ספר מעגל טוב השלם", זייט 27.

[20] יעב"ץ: „מגלת ספר", תרנ"ז, זייט 186.

[21] י. היילפרין: „פנקס ועד ארבע ארצות", זייטן 362—364.

[22] י. היילפרין: „תוספות ומלואים לפנקס מדינת ליטא", זייטן 66—67.

[23] י. היילפרין: „פנקס ועד ארבע ארצות", זייטן 392—393.

[24] י. היילפרין: „פנקס ועד ארבע ארצות", זייט 315 (באַמערקונג 4).

[25] י. היילפרין: „פנקס ועד ארבע ארצות", זייטן 376—377.

[26] י. היילפרין: „פנקס ועד ארבע ארצות", זייט 378.

[27] י. היילפרין: „פנקס ועד ארבע ארצות", זייט 399.

[28] י. היילפרין: „פנקס ועד ארבע ארצות", זייט 402.

[29] אַ יידיש־איסלאַמישע סעקטע, וואָס עקסיסטירט נאָך אין אַ קליינער צאָל ביז היינט.

[30] יעב"ץ: „מגלת ספר", זייטן 188—189.

[31] י. היילפרין: „פנקס ועד ארבע ארצות", זייט 408.

[35] פּראָפ' מ. באַלאַבאַן: „לתולדות התנועה הפראַנקית", זייט 190

[33] אַ בקשה.

[34] י. היילפרין: „פנקס ועד ארבע ארצות", זייטן 423—424.

[35] פּראָפ' מ. באַלאַבאַן: „לתולדות התנועה הפראַנקית", 190 (באַמערקונג 3).

[36] H. Grätz: "Frank und Frankisten" 33 ff

[37] דער פּויבסט, וועלכער האָט געזאָלט פּסקנען וועגן די פאַר־שיידענע עלילות־דם אין פּוילן פון יענער צייט, האָט זיך אין יאָר 1753 אַרויסגעזאָגט, אַז ס'זענען נישט פאַראַן קיין גענוגנדיקע באַווייזן צו באַשולדיקן יידן אין באַנוצן קריסטלעך בלוט, און אַז אין יעדן פאַל מוז מען גענוי און פּינקטלעך אויספאָרשן די ממשותדיקע ראיות (זע: ר. מאהלער: „תולדות היהודים בפולין", זייטן 344—345).

[38] ש. בערנפלד „ספר הדמעות", III (תרפ"ו), זייטן קכה־ו.

[39] דאָרטן, זייטן קלה־ט.

[40] „זכרונות ר' דוב מבוליחוב", מהדורה ד"ר מ. ווישניצר, זייטן 50—51.

[41] ר' צבי יחזקאל מיכלזאָן אין דער הקדמה צו דער אויסגאַבע פון ר' צבי הירש האַלבערשטאַטער (ביאַלע): „דרושים עטרת צבי".

[42] הרב יהודה לייב הכהן פישמאַן (מימון): „שרי המאה", באַנד I, זייט 11.

[43] איין מאָל זענען פישטשאַץ און לאָמאַז געקומען צו שפּעט; דאָס צווייטע מאָל ווידער איז דער ענין אָפּגעלייגט געוואָרן, ווייל דער מאַגיסטראַט האָט באַשטימט די וואַלן אין סאַמע יום־כיפּור.

[44] פון די אָנוועזנדיקע 10 היטלמאַכערס האָבן 8 זיך געחתמעט מיט רינגעלעך, הייסט עס, אַז אַז נאָר צוויי האָבן געקאָנט שרייבן.

[45] פון יאָר 1837 ווערן די וואָיעוואָדזשטוועס אָנגערופן גובערניעס. ביזן יאָר 1844 געהערט ביאַלע צו דער שעדלעצער גובערניע, פון יאָר 1844 ביזן יאָר 1866 — צו דער לובלינער גובערניע, דערנאָך ווידער צו דער שעדלעצער גובערניע.

[46] די תקנות פון פּרוזשאַנער חברה־קדישא זענען געדרוקט אין דעם „פנקס פון דער שטאָט פּרוזשאַנע" (1930), זייטן 100—118. דעם ראַדזינער פנקס האָב איך געזען אין כתב־יד ביי אַ ראַדזינער ייד.

מ. י. פייגנבוים / יידיש ביאַלע אין די לעצטע דורות

(אַלגעמיינער איבערבליק)

I. ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה

די תקופה פון וועלכער מיר ווילן דאָ רעקאָנסטרואירן אַ בילד אויפן גרונט פון גבית־עדות און אייגענע זכרונות, הייבט זיך אָן נאָכן לעצטן פוילישן אויפשטאַנד קעגן דער רוסישער מאַכט אין יאָר 1863 און ענדיקט זיך אין יאָר 1939, מיטן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. אָט די תקופה וועלן מיר איינטיילן אין דריי צייט־אָפשניטן, וואָס זענען געקניפט מיט די ענדערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין דער אַלגעמיינער פאָליטישער לאַגע, און וואָס האָבן זיך באַזונדערס אויסגעווירקט אויפן יידישן לעבן. דאָס לעבן און אומקום פון דער יידישער באַפעלקערונג אונטער דער נאַצי־הערשאַפט, באַהאַנדלען מיר אין אַ באַזונדערן קאַפיטל.

בעת דעם פוילישן אויפשטאַנד קעגן דער רוסישער מאַכט אין יאָר 1863, האָט די ביאַלער יידישע באַפעלקערונג פריידיק אויפגענומען, מיט ברויט און זאַלץ, די אויפשטענדלער־אָפּטיילונג פון ראַגינסקין (אָנפירער פון דער אָפּטיילונג). דער רב האָט, אין דער אָנוועזנהייט פון ראַגינסקין און זיינע אָפיצירן, אָפּגעריכט אין שול אַ פייערלעכע תפילה, און איבערגעלייענט דעם מאַניפעסט פון דער פאָלקס־רעגירונג.

אין יאָר 1866 האָבן אין ביאַלע געלעבט בערך 3456 יידן, וואָס האָט אויסגעמאַכט 64.9 פראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל פון דער באַפעלקערונג. די שטאָט האָט זיך געפונען אונטער דער רוסישער הערשאַפט, און הגם די יידן האָבן געבילדעט אַ מערהייט אין שטאָט, האָבן זיי דאָך נישט געהאַט קיין שום השפעה אויף דער אָנפירונג פון דער שטאָט, וואָס האָט זיך געפונען אין קריסטלעכע הענט.

כמעט ביזן סוף פון 19טן יאָרהונדערט האָבן די ביאַלער יידן געלעבט ווי אין אַן אָפּגעשלאָסענעם געטאָ פון אייגענעם ווילן. דאָס יידישע לעבן האָט זיך קאָנצענטרירט ביים רבין אין הויף, אין די חסידים־שטיבלעך און אין די בתי־מדרשים. מיט דער אויסערלעכער וועלט איז מען כמעט ווי אינגאַנצן נישט געקומען אין קאָנטאַקט.

אָט וואָס ס׳שרייבט אין יאָר 1927 וועגן יענער צייט אונדזער בן־עיר, אַדוואָקאַט א. מ. האַרטגלאַס:

„מיט 40 יאָר צוריק איז ביאַלע געווען אַ שטאָט פון ליטער חסידים. 2—3 ליטוואַקעס, און דער רעשט, ד״ה, כמעט די גאַנצע 100 פראָצענט — אַן אָפּגעשטאַנענע חסידישע מאַסע, אָן שום מאָדערנע באַגריפן, קיין שום קולטורעלע באַדערפע־נישן; ווייט, נישט נאָר פון דער מאָדערנער קולטור, נאָר אויך פון דער אייראָפּעאישער קולטור בכלל. די גאַנצע וועלט איינגעשלאָסן אין רבינס הויף און אין די מסחר־געשעפטן מיט די אַרומיקע פריצים. קיין שום געפיל פון אייגענער מענטשלעכער זעלבסטווירדע ביי די באַציאונגען מיט „גויים". און דאָס אין דער צייט, ווען בלויז 40 וויאָרסט פון ביאַלע איז געווען אַ שטאָט מיט אַ גרויסן נאַציאָנאַל־געזונטן און קולטורעלן יידישן קיבוץ — בריסק־דליטא.

צו דער אַלגעמיינער בילדונג האָט די יידישע באַפעל־קערונג פון ביאַלע נישט געהאַט קיין שום חשק. ס׳איז געווען אַ רעגירונגס־גימנאַזיע — אָבער איך בין געווען די גאַנצע צייט דער איינציקער אָרטיקער ייד צווישן די שילער. פוילישע צייטונגען האָבן יידן נישט געלייענט — די איינציקע דאַמאָלסט יידישע צייטונג, די העברעאישע „הצפירה", איז געווען אסור, באַזונדערס ביי חסידים" („פאָדלאַסיער לעבן", נומער 6/2 פון 11.2.1927, „צייטן בייטן זיך").

אָט די חסידישע מאַסע האָט באַוויזן צו פאַרגליווערן דאָס יידישע לעבן און האָט באַקעמפט די מינדסטע אָפּטרעטונג פון די אָנגענומענע טראַדיציעס. ביים באַמערקן דעם קלענסטן אָפּנויג פון די דעמאָלטיקע מנהגים האָט מען גלייך דערהערט דעם „געוואַלד! ס׳ברענט!", וואָס איז געווען אַן אָנזאָג, אַז מ׳דאַרף „ראַטעווען". און אויב „ראַטעווען" האָט מען זיך נישט אָפּגעשטעלט ביי די גרענעצן פון „געטאָ", נאָר מ׳האָט אויך איינגעשפאַנט צו הילף די צאַרישע מאַכט...

„געוואַלד! ס׳ברענט!" האָט איר געקאָנט הערן ווען מ׳האָט דערזען אַ יונגנמאַן מיט אַ פּאָר אָפּגעפּוצטע שטיוול; אַ יונגנ־מאַן מיט אַ קראַוואַט; עמעצן טראָגן שבת אין דער צייט ווען דער עירוב איז געווען צעשטערט. און ווער שמועסט נאָך, אַז מ׳האָט געפאַקט אַ „טריף פסול", ווי, למשל, אברהם מאַפּוס בוך „אהבת־ציון".

אַן אָפּקלאַנג פון יענער תקופה געפינען מיר אין אַ קאָרעספּאָנדענץ אין דער העברעאישער צייטונג „המליץ", נומער 5, פון יאָר 1884, וווּ ס׳ווערט דערציילט:

„מביאלא (פלך שעדליץ) מודיע ה׳ אברהם קושציק, כי אחדים מנערי העיר התחברו ויהו לאגודה — לקרוא בספרי השכלה. וכאשר נודע הדבר לחסידים נתנו רשות לאחדים מן ההמון לשלוח ידם לצעירי המשכילים. ויבואו לבית־המדרש ויכו את הנערים באגרופיהם מכה רבה, ואחד מהם נפל למשכב. ויוודע הדבר לפקיד העיר ועל פי דברו נענשו המכים לרפאות את החולה ולשלם עונש כסף מאה רוב.״

מ׳קאָן נישט זאָגן, אַז ס׳זענען אין יענע יאָרן נישט געווען קיין ווידערשפעניקע, הגם מ׳האָט אַזעלכע געקאָנט אָנציילן אויף די פינגער. ס׳איז באַקאַנט אַ פאַקט, אַז ישראל מוליער (דער פאָטער פון די ברידער אלתר, ברוך און ישעיהו ווייַנבערג) האָט אין די ימים־נוראים אויסגעדריקט עפנטלעך זיין פאַרדרוס, וואָס דער רב לאָזט אַזוי לאַנג וואַרטן אויף זיך דעם עולם מתפללים אין בית־המדרש. ווער ס׳האָט אַן אַנונג וועגן דער אויטאָריטעט פון ביאַלער רב, הרב שמואל לייב ז״ק, דער וועט מסכים זיין, אַז דאָס איז געווען אַ גרויס געוואַגטקייט.

מיט די ענינים פון דער קהילה האָבן אָנגעפירט רעליגיעזע פערזענלעכקייטן, לומדים און די אָנגעזעענע בעלי־בתים פון שטאָט. זיי פלעגן זיך פאַרזאַמלען ביים רב און באַשליסן וועגן יעדן וויכטיקן ענין (לויט די דעמאָלטיקע באַגריפן). זיי פלעגן אויך אויסוויילן די דאָזאָרעס, וועלכע זענען נאָכדעם באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער רוסישער מאַכט.

די דאָזאָרעס וועלכע מ׳געדענקט בערך פון יאָר 1890 ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה, זענען געווען: משה בערג־שטיין, ישעיהו דוד (גערופן: פלאָקן), משה ווישניצער (מש־מעות געשטאַמט פון ווישניץ), משה כהן, דוד שחור (גערופן דוד ר׳ אייזיקס), חיים יאָסקע קאַשטנבוים, חיים לוי רובינשטיין, קלמן שיינבערג, זלמן ז״ק, אַדוואָקאַט קלמן האַרטגלאַס און משה לעבנבערג. פאַרשטייט זיך, אַז די אַלע דאָזאָרעס האָבן געשטאַמט פון רייכן קלאַס.

די אָרעמע שיכטן האָבן בכלל מורא געהאַט צו רעדן אַ שלעכט וואָרט אויף די דאָזאָרעס. און אַזוי ווי זיי פלעגן נישט צאָלן קיין עטאַט, האָבן זיי אויך קיין דעה נישט געהאַט. אויך די רייכע זענען געווען אומצופרידן מיט די דאָזאָרעס, ווייל זיי פלעגן דאַרפן צאָלן עטאַט, און דאָס אַליין איז דאָך שוין געווען אַ גרונט פאַר אומצופרידנקייט מיט די שטאָט־גבאים.

די דאָזאָרעס פלעגן מאַכן אַ רשימה פון די עטאַט־צאָלערס מיט די געהעריקע סומעס און די רשימה איבערגעבן אין מאַגיסטראַט, וועלכער פלעגט איינמאָנען דעם עטאַט אויפן זעלבן וועג ווי די מאַגיסטראַט־שטייערן.

פון די אַריינגעקומענע עטאַט־געלטער פלעגן די דאָזאָרעס רעמאָנטירן די שול, בית־מדרש, מקוה, אויסהאַלטן די כלי־קודש, ווי אויך צוטיילן אַ געוויסע הילף די נויטליידנדיקע. פון עטאַט פלעגן אויך געדעקט ווערן די שפּיטאָל־הוצאות פאַר ביאַלער יידן, וואָס פלעגן ווערן אויפגענומען אין דער פרעמד אין אַ שפּיטאָל, אויפן סמך פון אַ צעטל פון די דאָזאָ־רעס. שפּעטער־צו פלעגט די באַפעלקערונג אויך צאָלן דעם אַזוי־גערופענעם שפּיטאָל־שטייער, לויט דער רשימה פון די דאָזאָרעס.

די מאַסן האָבן קיינמאָל נישט געהערט קיין דין־וחשבון פון די דאָזאָרעס וועגן זייער טעטיקייט, און נאָר די מאַכט פלעגט פון זיי באַקומען טעטיקייטס־באַריכטן.

ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט די קהילה אפילו נישט פאַרמאָגט קיין ביורא. אַלע ענינים פלעגן די דאָזאָרעס דערליידיקן אויף דער גאַס, אָדער בײַ זיך אין דער היים. כאַראַקטעריסטיש פאַר דער טעטיקייט פון די קהילה־פירערס איז דאָס, וואָס פון זייער טעטיקייט איז קיין צייכן נישט פאַר־בליבן, קיין שום דאָקומענט האָט מען קיינמאָל נישט געזען, און ביים גרינדן די קהילה אין דעם באַפרייטן פוילן האָט מען נישט געפונען און ס׳איז נישט געווען צום איבערנעמען פון די דאָזאָרעס דעם מינדסטן אַרכיוו.

ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ביי דער יידישער באַפעלקערונג עקסיסטירט אַ אינערלעכע מטבע, די אַזוי־גערופענע „פרוטה״. די פרוטה פלעגט מען אויסשניידן פון פאַרמעט און אויף איר איז מיט אַ שטעמפּעלע אָפּגעדרוקט געוואָרן „פ ב ג״, וואָס האָט באַדייט: „פרוטה ביאַלה גדולה״. אָט די מטבע פלעגט אַרויסגעגעבן ווערן דורך די דאָזאָרעס. דריי פרוטות האָבן געהאַט דעם ווערט פון אַ גראָשן. געדינט האָט די פרוטה פאַר די קבצנים, וואָס פלעגן אַרומגיין איבער די הייזער. דער קבצנים־טאָג אין ביאַלע איז געווען דינסטיק, אָדער דאָנערשטיק. אַז אַ פרעמדער קבצן פלעגט אָנקומען אין שטאָט אַריין, פלעגט ער אויסקויפן אַ געוויסע צאָל פרוטות, כדי צו קאָנען געבן אַ רעשט פון אַ גראָשן, אָדער פון אַ גרעסערער מטבע. ביי זיין פאַרלאָזן די שטאָט פלעגט ער צוריק אויסטוישן די פרוטות, וואָס זענען ביי אים געבליבן.

ס׳זענען געווען אויך אַזעלכע הייזער, ווו אַ פרוטה איז אויך געווען אַ צו־גרויסע מטבע; דאָרט פלעגט מען אַזאַ קבצן געבן אַ שטיקל צוקער, וואָס האָט אויסגעמאַכט אַ גאָר־קליינעם חלק פון אַ גראָשן.

עטלעכע יאָר פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען פאַרשוווּנדן די פאַרמעטענע פרוטות און אויף זייער אָרט זענען אויפגעקומען פרוטות פון דינעם מעשענעם בלעך.

פון די חברות וואָס האָבן אין יענער צייט עקסיסטירט, איז צו דערמאָנען די חברה־קדישא, דעם בית־לחם, דעם ביקור־חולים און לינת־הצדק. עטלעכע יאָר פאַרן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געגרינדעט געוואָרן דער „אחיעזר״ וואָס האָט געפירט אַן אַקטיווע טעטיקייט אויפן געביט פון דערטיילן מעדיצינישע הילף פאַר דער באַפעלקערונג.

די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך פאַרנומען מיט מסחר, מלאָכה און פאַרמיטלעריי. דער לעבנס־שטייגער איז געווען אַ נידעריקער, און מיר וועלן דאָס אילוסטרירן מיט אַ פּאָר ביישפּילן.

ס׳רוב באַפעלקערונג האָט זיך דערנערט מיט ברויט און קאַרטאָפל. פיש, פלייש און חלות פלעגט מען אין ס׳רוב יידישע הייזער זען נאָר שבת און יום־טוב. אַז עמעצער איז קראַנק געוואָרן פלעגט מען גיין צום שטאָט־גביר מיט אַ טעפּעלע בעטן אַ ביסל יויך. ווען דער פרייז פון ברויט איז אַמאָל געשטיגן מיט אַ האַלבן גראָשן אויף אַ גאַנצן ברויט, האָט מען גערופן דעם עולם אין בית־מדרש אַריין זאָגן תהלים. די

קליידונג איז געווען פון זייער אַ ביליקער קוואַליטעט. די מענער פלעגן צום מייסטן טראָגן מלבושים פון צייג, וואָס איז שטייף געווען ווי אַ בלעך. די פרויען האָבן געטראָגן ציצענע קליידער. שיך פלעגט מען טראָגן פון דיקן כראָם, און מ׳האָט מער אַכט געלייגט אויף דער שטאַרקייט פון שוך ווי אויף זיין שיינקייט. ס׳איז געווען אַ נאָרמאַלע דערשיינונג צו טראָגן געלאַטעטע קליידער און שיך.

די וווינונגס־באַדינגונגען אין יענער צייט, זענען אויך נישט געווען קיין אידעאַלע. איר האָט נאָר געהערט וועגן וווינען אין אַן אַלקער, ד״ה, אין אַ צימערל וואָס האָט אָפט נישט פאַרמאָגט קיין פענצטער; מ׳האָט געהאַט אַ בשותפותדיקע קיך, מיט וועלכער ס׳האָבן זיך באַנוצט אַלע שכנים פון די אַלקערס. די קיך איז געווען אַ קליינער צימער, וווּ ס׳איז געשטאַנען אויפגעמויערט פון ציגל אַ באַק־אויוון און צום אויוון איז געווען צוגעשטעלט די קיך צו קאָכן. זעלטן ווער אָבער האָט זיך באַנוצט מיט אַזאַ קיך, וואָס איז אין יענע יאָרן ממש פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ לוקסוס. אויף אָט דער קיך האָט מען אַרויפגעשטעלט אַן אייזערנעם דרייפיס, אונטער אים — אַ פאָר העלצלעך, אויפן דרייפיס דאָס טעפל, און אַזוי האָט מען געקאָכט.

די אַלקער־אויסשטאַטונג איז באַשטאַנען פון צוויי הילצערנע בעטן, אַ טישל, אַ צוויי טאַבורעטן און אַ קופערט אויף רעדלעך, אין וועלכן ס׳האָט זיך געפונען די גאַנצע גאַרדעראָבע און די קאָסטבאַרקייטן פון דער פאַמיליע. זייער אָפט פלעגט אָט דער קופערט ביינאַכט דינען פאַר אַ שלאָף־אָרט.

צו אַ האָק אין פאָלאָפ (סופיט) איז געווען צוגעפעסטיקט די אַזוי־גערופענע „קויקע״ (אַן אָפענער פלאַכער קויש, אין דער פאָרעם פון אַן עליפּס, אויסגעפלאָכטן פון בוימערשאָל) וואָס האָט געדינט פאַר אַ קינדער־וויג.

דערפאַר אָבער איז דעמאָלט, צווישן דער באַפעלקערונג, שטאַרק פאַרשפרייט געווען דער געדאַנק וועגן שפּאָרן. קיינער האָט דעם געדאַנק נישט פּראָפּאַגירט, אָבער דאָס איז געווען כמעט אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט. אפילו די, וואָס האָבן ווייניק פאַרדינט האָבן זיך אויך באַמיט צו שפּאָרן. מ׳האָט געשפּאָרט כדי צו האָבן אַ נדן פאַר אַ טאָכטער, און בעיקר האָט מען געשטרעבט צוצוקומען צו עפּעס אַ נחלה, ווי קויפן זיך אַ פערטל הויז. מיט דעם דערקלערט זיך, וואָס אַ סך בעלי־מלאכות אין שטאָט, הגם זיי האָבן געפירט אַן אָרעם לעבן, זענען זיי אָבער געווען באַזיצערס פון הייזער, אָדער פון חלקים אין הייזער. מ׳האָט אויך אָנגעטראָפן, אַז בעלי־מלאכות, וואָס זענען אָנגעגאַנגען אין שטאָט פאַר אָרעמעלייט, האָבן פיגורירט אויף היפּאָטעקן פון הייזער, ווי הלוואה־געבערס.

די באַפעלקערונג איז נישט געווען באַלאַסטעט מיט קיין גרויסע שטייערן פאַר דער שטאָט־פאַרוואַלטונג און פאַר דער מאַכט. די קראָמען־און וואַרשטאַטן־באַזיצערס פלעגן יעדן ניי־יאָר אויסקויפן אַ פּאַטענט, ביי וואָס מ׳פלעגט שוין ביי זיי איינקאַסירן כמעט אַלע שטייערן. ווי מינימאַל די שטייערן־באַלאַסטונג איז געווען, באַווייזט דער פאַקט, אַז ווען אַ ייד פלעגט נישט באַצאָלן די שטייערן, פלעגט זיך ביי אים באַווייזן דער סעקוועסטראַטאָר קשימאָווסקי, דווקא אין אַ פרייטיק אָדער ערב אַ יידישן יום־טוב, און דאַן צונעמען דעם טלית אָדער די צוויי מעשענע לייכטער.

דער קאָנטאַקט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג מיט דער קריסטלעכער איז פאָרגעקומען נאָר אויפן געביט פון האַנדל און מלאָכה. די קעגנזייטיקע באַציאונגען זענען געווען פרידלעכע, און אַזוי ווי דער קריסט האָט זיך געפילט ווי דער בעל־הבית און די הינטער־שטאָטישע שטחים און אין די דערפער, אַזוי האָט זיך דער ייד געפילט ווי דער בעל־הבית פון דער שטאָט. שבת און אין די יידישע יום־טובים זענען די געוועלבער געווען געשלאָסן און די קריסטן האָבן שוין געוווסט, אַז זיי האָבן נישט צו וואָס צו קומען אין שטאָט אַריין, ווייל זיי וועלן גאָרנישט באַקומען צו קויפן. אויב די רו אין שטאָט איז יאָ אַמאָל פאַרשטערט געוואָרן, און יידן האָבן אַריינגעכאַפּט קלעפּ, האָבן דאָס גורם געווען פרעמדע קריסטן, וואָס פלעגן אין האַרבסט אָנקומען ווי רעקרוטן אין די שטאָטישע פּולקן. יידן האָבן שוין געוווסט, אַז נאָך סוכות דאַרף מען זיך גרייטן אויף רעקרוטן־אומרועז און מ׳האָט זיך צוגעגרייט מקיים־פסק צו זיין די כוליגאַנעס. אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען דער „בונד״ איז געווען טעטיק אין שטאָט האָט דער ווידערשטאַנד געטראָגן אַן אָרגאַניזירטן כאַראַקטער און די רעקרוטן פלעגן קריגן גוט אָנגעבראָכן די ביינער.

קומען אויף פאַראַנשטאַלטונגען, וואָס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן דורך קריסטן, ווי פאַרשיידענע קינסטלערישע אָוונטן, ווי דאָס איז שפּעטער געשען אין באַפרייטן פּוילן, פון דעם איז דאָך לגמרי געווען אָפּגערעדט.

די יידישע באַפעלקערונג איז קנאַפּ געקומען אין באַרירונג מיט די אַמטן, סיידן מיט די געריכטן. העכסטנס האָבן מיט די אַמטן געהאַט צו טאָן די בעלי־בתים, וועלכע זענען מחויב געווען צו צאָלן שטייערן לטובת דעם מאַגיסטראַט. די נאַטשאַלניקעס זענען ס׳רוב געווען כאַבאַרניקעס און האָבן שוין געהאַט זייערע יידן, וואָס האָבן זיי געהאָלפן אין דער מלאָכה. אָט די יידישע פאַרמיטלערס פלעגן שוין ביי די נאַטשאַלניקעס אָפּשרייען עפּעס אַ גזירה׳לע און אויסקויפן אַ יידיש קינד פון די גויישע הענט בעת די פּריזיוון.

אין פּאָליטישן לעבן האָבן די יידן, צוגלייך מיט די קריסטן, קיין שום אָנטייל נישט גענומען. ס׳זענען עטלעכע מאָל פאָרגעקומען וואַלן צו דער רוסישער דומע (פּאַרלאַמענט), אָבער די וואַל־אַקציעס זענען אין שטאָט אַריבער אָן שום אויפרודערונג צווישן דער יידישער באַפעלקערונג.

דאָס זענען נישט געווען קיין וואַלן אין מאָדערנעם נוסח, נאָר פון ביאַלע פלעגט מען שיקן דעלעגאַטן אין דער גובערניע. וואַל־באַרעכטיקט צום וויילן די דעלעגאַטן זענען געווען נאָר באַזיצערס פון אומבאַוועגלעך פאַרמעגן, וואָס האָבן געצאָלט שטייערן אאַ״וו. איינמאָל זענען ווי קאַנדידאַטן אויף דעלעגאַטן צו דער גובערניע אַרויסגעשטעלט געוואָרן מצד דער יידישער באַפעלקערונג, בערנאַרד ראַאַבע, אידל שוואַרץ און אַדוואָקאַט קלמן האַרטגלאַס. ס׳איז אויך געשען אַמאָל, אַז בעת אַזעלכע וואַלן צו דער דומע, איז עפּעס פאַרפירט געוואָרן אַ קאַמף אויף דער יידישער גאַס.

ווי געזאָגט, האָט דער פּרייוויליקער געטאָ אָנגעהאַלטן כמעט ביזן סוף פון 19טן יאָרהונדערט, ווען ס׳האָבן זיך גענו־מען מערקן ענדערונגען אין יידישן לעבן. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ גוראַנגאַל צווישן אַ טייל פון דער יוגנט און די רעליגיעזע קרייזן. געווירקט דערצו האָבן פאַרשיידענע גורמים, ווי: די יידישע גימנאַזיסטן, דער „בונד״ און דער ציוניזם.

אַזוי ווי די ביאַלער יידישע באַפעלקערונג האָט נישט אויסגענוצט די מעגלעכקייט צו שיקן אירע קינדער אין דער שטאָטישער מלוכה־גימנאַזיע, האָבן די געלעגנהייט אויסגע־נוצט יידן פון רוסלאַנד, וואָס האָבן זייערע קינדער נישט געקאָנט שיקן אין די דאָרטיקע גימנאַזיעס צוליב דער פּראָצענט־נאָרמע. זענען קיין ביאַלע אָנגעקומען יידישע קינ־דער פון רוסלאַנד, כדי זיך צו לערנען אין דער ביאַלער גימנאַזיע.

אָט די גימנאַזיסטן האָבן דאָס אָנגעקניפּט אַ קאָנטאַקט מיט דער שטאָטישער יוגנט, און אונטער זייער השפעה האָט זיך אַ טייל פון דער יוגנט גענומען שטילערהייט לערנען וועלטלעכע לימודים. ביסלעכווייז איז מען אַריינגעצויגן געוואָרן אין ווירקונגס־קרייז פון דער רוסישער ליטעראַטור, און וואָס פאַר אַ ווירקונג ס׳האָבן געהאַט אויף די יונגע מוחות די רוסישע קלאַסיקערס, איז נישט שווער זיך פאָרצושטעלן.

געגנוג צרות האָבן געהאַט אויסצושטיין די יוגנטלעכע, וואָס האָבן געוואָגט טועם צו זיין פון וועלטלעך וויסן. געגנוג רדיפות האָבן זיי איבערגעלעבט, נישט ווייניק צוזאַמענשטויסן זענען פאָרגעקומען אין פאַמיליעס, אָבער די פּיאָנערן־התחלה איז נישט געגאַנגען לאיבוד. מיט דער צייט האָבן אויך עלטערן אַליין שוין אָנגעהויבן געבן זייערע קינדער וועלטלעכע ביל־דונג, נאַטירלעך, לויט זייערע דעמאָלטיקע באַגריפן.

די ציוניסטישע באַוועגונג, וועלכע דאַטירט זיך מיט אַ פאַרשפּעטיקונג אויפן ביאַלער באָדן, ערשט פון יאָר 1894, האָט אויך זייער אַ סך מיטגעהאָלפן, אַז די השכלה־באַוועגונג זאָל זיך איינבירגערן צווישן יונגערן דור. פאַרשטייט זיך, אַז ציוניזם איז אין די חסידישע קרייזן געווען טריף, און די סימפּאַטיקערס פון דעם געדאַנק זענען שטאַרק גערודפט געוואָרן. די שוואַכע ציוניסטישע באַוועגונג אין ביאַלע האָט אַרום זיך גרופּירט צום מייסטן די בחורים, וואָס האָבן געלערנט אין די חסידים־שטיבלעך, און נישט דערגרייכט צו די מאַסן. אָט די יוגנטלעכע האָבן געמוזט גאָר פאַרזיכטיק זיין מיט זייער טעטיקייט, ווייל ביים מינדסטן פאַרדאַכט האָט געדראָט אַרויס־געוואָרפן צו ווערן פון חסידים־שטיבל, וואָס האָט אין יענע צייטן געהייסן ממש איזאָלירט ווערן פון דעם דעמאָלטיקן געזעל־שאַפטלעכן לעבן. זייער טעטיקייט האָט זיך בעיקר קאָנצענט־רירט אויפן קולטורעלן געביט.

אַן אומגעהויערן פאַרדינסט ביים אָרגאַניזירן, אַקטיווי־זירן און רעוואָלוציאָניזירן ברייטע קרייזן פון דער יידישער באַפעלקערונג, און דער עיקר דעם אַרבעטער־עלעמענט אין ביאַלע, האָט געהאַט די אַרבעטער־פּאַרטיי „בונד״, וואָס איז געקומען צו די יידישע מאַסן, און בעיקר צו דער יוגנט מיט לאָזונגען, וואָס האָבן פאַרכאַפּט מיט זייער רעאַלקייט. בפרט, אַז אַרום און אַרום האָט מען געזען אַזוי פיל מיטקעמפּערס פאַר אָט די זעלבע אידעען צווישן די פעלקער, וואָס האָבן באַוווינט די רוסישע טעריטאָריע. דער קאַמף פון די חסידישע קרייזן קעגן די „בונד״־סימפּאַטיקערס איז געווען שוואַכער ווי קעגן די ציוניסטן, ווייל דאָ האָט מען נישט געהאַט צו טאָן מיט קיין לערנערס פון די חסידים־שטיבלעך. דער „בונד״ האָט אַ חוץ דער פּאָליטישער טעטיקייט אויך געפירט אַ קולטורעלע אַרבעט און באַווירקט זיינע חברים צו נעמען זיך צום לערנען וועלטלעכע לימודים, און ראשית־כל צו נעמען לייענען ערנסטע ווערק. דער „בונד״ האָט געהאַט דעם מוט אַרויסצוטרעטן קעגן די, וואָס האָבן זיך גענומען דאָס רעכט צו רעגירן מיט דער מאַסע. דער „בונד״ האָט אויך פאַרפירט אַ קאַמף מיט דער אונטערוועלט, וואָס פלעגט גאָר שטאַרק טעראָריזירן דער יידישער באַפעלקערונג. פאַרשטייט זיך, אַז די גאַנצע טעטיקייט פון „בונד״ איז געווען אַן אומלעגאַלע.

נאָכן אונטערדריקן די רעוואָלוציע פון יאָר 1905, האָט די צאַרישע מאַכט אָרגאַניזירט אַ ריי פּאָגראָמען אויף יידן. אַזאַ פּאָגראָם איז אין יאָר 1906 פאָרגעקומען אין דער שכנותדיקער שעדלעץ. אויך ביאַלע איז, ווייזט אויס, געווען אין פּאָגראָם־פּלאַן, נאָר דורך אַ צופאַל זענען די ביאַלער יידן געראַטעוועט געוואָרן פון אַ שחיטה.

יאָר־יערלעך פלעגט זומער פאָרקומען אין ביאַלע אַ גרוי־סער אָדפּוסט אונטערן נאָמען פון „שוויענטי אַנטאָני״. פון אַלע וועגן פלעגן דעמאָלט ציען טויזנטער קריסטן אין שטאָט אַריין. אָט דעם טאָג האָט, ווייזט אויס, געוואָלט די צאַרישע מאַכט אויסנוצן צו אַ בלוטיקער אָפּרעכענונג מיט די ביאַלער יידן.

אין ביאַלע איז דעמאָלט געווען פּאָליציי־נאַטשאַלניק דער רוס קאָרעניאַוו, וועלכער פלעגט ליב האָבן צו פאַרברענגען אין געוויסע יידישע הייזער. אָט דער קאָרעניאַוו האָט זיך אין אַ יידיש געשעפט אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט וועגן די באַ־פאַרשטייענדיקע געשעענישן בעת דעם אָדפּוסט פון „שוויענטי אַנטאָני״. די ידיעה איז דערגאַנגען צו יהושע פישער, וועלכער האָט באַשלאָסן אָנצווענדן אַלע מיטלען כדי נישט צו דערלאָזן צו קיין פּאָגראָם אויף יידן.

יהושע פישער איז געווען זייער נאָענט צו די קרייזן פון דער פּפּ״ס (פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי), וועלכע האָבן כמעט גאָרנישט געטאָן אָן זיין צושטימונג. ער האָט מיטגעאַר־בעט אין דער קאָנספּיראַציע פון פּפּ״ס און ער איז געווען זייער באַריכט־שרייבער צו די העכערע אינסטאַנצן. אויסנו־צנדיק זיין שטעלונג אין אָט דער פּאַרטיי, האָט יהושע פישער צונויפגערופן די אָנפירערס פון פּפּ״ס און זיי איבערגעגעבן די ידיעה וועגן באַפאַרשטייענדיקן פּאָגראָם. ער האָט אויפ־געקלערט די פּאָליאַקן, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ פּראָוואָ־קאַציע, וואָס וועט אינסצעניזירט ווערן דורך דער צאַרישער מאַכט און צו וואָס מ׳וויל אויסנוצן די פּוילישע באַפעלקערונג. ער האָט זיי געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ס׳איז אין די אינטערעסן פון דער פּאַרטיי נישט צו דערלאָזן, אַז די צאַרישע מאַכט זאָל מיט דער הילף פון דער פּוילישער באַפעלקערונג אויספירן אירע פּאָליטישע פּלענער.

די פּאַרטיי־אָנפירערס האָבן איינגעשטימט מיט י. פישער און האָבן באַשלאָסן אַקטיוו זיך קעגנצושטעלן וועלכע ס׳איז אַנטי־יידישע אַרויסטרעטונג.

אין טאָג פון אָדפּוסט האָט די פּפּ״ס צעשטעלט אירע מענטשן אויף אַלע וועגן וואָס פירן אין שטאָט אַריין. יעדער וואָגן איז דורך זיי רעווידירט געוואָרן און זיי האָבן צוגע־נומען יעדע זאַך וואָס האָט געקאָנט דינען ווי אַ שלאָג־מכשיר, צוזאָגנדיק אָפּצוגעבן עס ביים אַהיימפאָרן. זיי האָבן אויך געוואָרנט די פּאָרנדיקע קריסטן, אַז זיי זאָלן זיך היטן פון וועלכער ס׳איז אַרויסטרעטונג קעגן יידן, ווייל אין קעגנפאַל וועט מען זיך אָן זיי נוקם זיין, מ׳וועט זיי פאַרברענען די כאַטעס און מאַכן פון זיי אַ תל.

ווייזט אויס, אַז דאָס האָט געווירקט און ס׳איז נישט געלונ־גען צו פּראָוואָצירן דעם אָנגעפּאַרענעם קריסטלעכן המון צו וועלכער ס׳איז אַרויסטרעטונג קעגן די יידן. דער טאָג איז אַריבער אָן שום אינצידענט. אָבער די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך דעם טאָג נישט צו שטאַרק געוואָרפן אין די אויגן.

ווי רואיק און מאָנאָטאָניק ס׳איז נישט געפלאָסן דאָס לעבן פון די יידן אין ביאַלע ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה, דאָך איז די פאַרגליווערטקייט פון צייט צו צייט איבערגעריסן געוואָרן דורך עפּעס אַ געשעעניש, וואָס האָט אויפגעטרייסלט דעם עולם. ס׳האָבן נישט געפעלט קיין מחלוקתן צווישן די חסידים, באַזונדערס איז אין ביאַלע אָנגעגאַנגען דער באַ־קאַנטער קאַמף קעגן די ראַדזינער חסידים פאַרן טראָגן תכלת אין די ציצית. דער ראַדזינער רבי ר׳ גרשון הינך, דער אַנטדעקער פון חילזון, האָט בעת זיינעם אַ באַזוך אין ביאַלע געמוזט זיך אויף גיך אָפּטראָגן פון שטאָט צוליב עפּעס אַ מסירה׳לע פון די קעגנערישע חסידים.

מיר וועלן דאָ אויפצייכענען עטלעכע געשעענישן פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, וואָס האָבן זיך גאַנץ באַ־זונדערס איינגעקריצט אין זכרון פון די יידישע תושבים.

אין יאָר 1892 האָט די כאָליערע, וואָס האָט געבושעוועט אין קאָנגרעס־פּוילן, אויך נישט אויסגעמיטן ביאַלע. די יידן וואָס זענען אָנגעגריפן געוואָרן פון אָט דער שרעקלעכער קרענק, פלעגט מען אַוועקפירן אין תלמוד־תורה (קיין יידישער שפּיטאָל איז נאָך דעמאָלט נישט געווען). די מעדיצינישע הילף איז באַשטאַנען: 1. אין רייבן די הענט מיט די פיס מיט ספּירט; 2. אויפן בויך פלעגט מען אַרויפלייגן אַ שטיקל פליס־פּאַפּיר, מיט אַן אויסגעשניטן לעכל פאַרן נאָפּל, וואָס איז געבליבן אַנטבלויזט; 3. דאָס פּאַפּיר האָט מען איינגענעצט אין ספּירט און אַרויפגעשאָטן אויף דעם פעפער.

די אַרבעטן ביי די קראַנקע האָבן אויסגעפירט פריינוויליקע פון דער יידישער באַפעלקערונג (צווישן די רייבערס — וואָס פלעגן די קראַנקע איינרייבן מיט ספּירט — האָבן זיך געפונען: מענדל שטריק (צונאָמען), יאָסל גאָטפריד (צונאָמען — וועטשיק) און אביגדור ריכטער, פון לאָמאַז). אין ווייבערשן בית־המדרש, האָט זיך געפונען דער מאַגאַזין פון ספּירט, פּאַפּיר, פעפער א״אַ אונטער דער אָנפירונג פון איטשע מאיר זישעס (כהן), וועלכער האָט זיך ממש מוסר־נפש געווען פאַר די קראַנקע. די עפּידעמיע האָט נישט געשוינט אויך דער קריסטלעכער באַפעלקערונג (קינדער זענען נישט אָנגעגריפן געוואָרן פון דער קרענק). די מאַכט האָט פאַראָרדנט צו קאַלכן די רינשטאָקן. פון ביאַלער רבינס הויף האָט מען באַ־פוילן צו אַלע חסידים אין דער פרעמד, אַז זיי זאָלן נישט קומען צום רבין אויף די ימים־נוראים.

די כאָליערע האָט אין שטאָט אָנגעהאַלטן אַ צוויי חדשים, אָנהייבנדיק פון ערב די יום־טובים, און האָט פאַרשניטן אַ סך לעבנס.

צווישן דער יידישער באַפעלקערונג האָט מען געגלויבט אַז די כאָליערע איז אַ שטראָף פאַר די יידישע זינד. מ׳האָט זיך אויסגעהיטן צו גיין לעבן די רינשטאָקן, ווייל דאָרט זענען פאַראַן שדים... בעת דער עפּידעמיע האָט מען, ווי דעמאָלט אין אַ סך אַנדערע שטעט, געשטעלט אויפן בית־הקברות אַ חיפּה פון אַ פּאָרל, וואָס קהל האָט שוין באַוויזן צונויפצופּאָרן. די כלה איז געווען די שטאָט־משוגענע די „קאַלטע דאָשע״.

אין קאַפּיטל „ביאַלע״ האָבן מיר דערציילט וועגן דער ליקווידאַציע פון האַנדלס־מאַרק אויפן היינטיקן פּלאַץ־וואָלנאָשטשי און דאָס אַריבערפירן אים אויפן נייעם־מאַרק. די ליקווידאַציע פון האַנדלס־מאַרק אין צענטער שטאָט, איז נישט צוגעגאַנגען אַזוי גלאַטיק און אָן אַ קאַמף מצד דער יידישער באַפעלקערונג. אין שייכות מיט אָט דעם קאַמף פלעגט מען דערציילן אָט וואָס:

אין שטאָט איז געווען אַ שם־דבר די פרוי אסתר פּערעלע צוליב איר געשליפן צינגל. אַפילו אין די לעצטע יאָרן פלעגט מען אַ פרוי מיט אַ שאַרף מיילעכל אָנרופן מיטן נאָמען „אסתר פּערעלע״.

בערך אין יאָר 1902/3 איז דער צאַר ניקאָלאַי דורכגעפאָרן ביאַלע אויף זיין וועג קיין לעשנע און יאַנעווע. בעת די קאָטש מיטן צאַרישן פּאָרל איז דערשינען אינמיטן מאַרק, האָט זיך אסתר פּערעלע געגעבן אַ ריס אַרויס פון צווישן עולם, אַראָפּ אויפן ברוק, אַ שטעל זיך געגעבן אַנטקעגן דער אָנקומענדיקער קאָטש, און צעפירנדיק די הענט האָט זי געצוווּנגען דעם קוטשער אָפּצושטעלן די קאָטש. אסתר פּערעלע איז גיך צו צו דער קאָטש און דערלאַנגט דעם צאַר אַ בויגן פּאַפּיר און איז זיך צוריק אַוועק צווישן עולם. דאָס אַלץ האָט פּאַסירט אַזוי אויגנבליקלעך, אַז די פּאָליציי האָט אַפילו נישט באַוויזן צו רעאַגירן. דער בויגן פּאַפּיר וואָס אסתר פּערעלע האָט איבער־געגעבן דעם צאַר איז געווען אַ בקשה צו אים, ער זאָל פאַר־אָרדענען מ׳זאָל נישט אַוועקנעמען די בודקעס און סטראַגאַנעס פון מאַרק. אויף זיין צוריקוועג האָט דער צאַר טאַקע פאַר־אָרדנט אָפּצושטעלן די גזירה.

אין שטאָט פלעגט מען דערציילן וועגן אַ לויה פון אַ שטאָט־גבירטע, וואָס איז פאָרגעקומען בערך אין יאָר 1904. פון איר מאַן און קינדער האָט מען דעמאָלט פאַרלאַנגט אַ גאָר גרויסע סומע געלט לטובת דעם בוי פון אַ יידישן שפּיטאָל אין ביאַלע. די לויה איז פאָרגעקומען ערשט דעם צווייטן טאָג, ווען ס׳איז איינגעצאָלט געוואָרן די סומע פון —.6000 רובל.

אין יאָר תרס״ו (1905/6) איז געשען אַ רויב־איבערפֿאַל אויף יידישע הענדלערס, וואָס זענען געפֿאָרן קיין לאָמאַז אויף אַ יריד. אַ גרופּע רויבערס האָט אָפּגעוואַרט דעם קאַראַוואַן פֿון פֿורן, וואָס איז פֿאַרבייגעפֿאָרן דעם לאָמאַזער וואַלד און אָנגעהויבן אים באַשיסן, צווינגענדיק אים זיך אָפּצושטעלן. די רויבערס זענען געגאַנגען פֿון פֿור צו פֿור און צוגערויבט ביי די הענדלערס דאָס געלט. בעת דער שיסעריי זענען דערהרגעט געוואָרן צוויי יידישע פֿערד־הענדלערס פֿון מאָרד (אַ שטעטל אין שעדלעצער קאַנט).

דער פֿאַל האָט אויפֿגעטרייסלט די גאַנצע שטאָט. ס'זענען אַרומגעגאַנגען פֿאַרשיידענע ווערסיעס וועגן די רויבער־מערדערס, וואָס זענען בעתן אָנפֿאַל געווען מאַסקירט.

אויף צומאָרגנס נאָכמיטאָג איז פֿאָרגעקומען די לויה פֿון די דערמאָרדעטע יידן. אַלע געוועלבער אין שטאָט זענען געשלאָסן געוואָרן און די גאַנצע באַפֿעלקערונג האָט זיך באַטייליקט אין דער לויה. די הרוגים האָט מען געפֿירט אויף אַ געוויינלעכער פֿור (ווייל לויטן דין האָט מען זיי נישט מטהר געווען, נאָר קובר געווען אַזוי ווי מ'האָט זיי געפֿונען נאָכן מאָרד). אויפֿן פּלאַץ פֿאַרן בית־הקברות האָט זיך די לויה פֿאַרהאַלטן, ס'איז אָנגעקומען דער רב ר' שמואל לייב ז״ק און אויסגערופֿן אַ חרם אויף די רוצחים, דערביי האָט מען געבלאָזן שופֿר ביי די קערפּערס פֿון די הרוגים.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך צווישן עולם פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז איינער פֿון די רוצחים, אַ ייד מיטן נאָמען סיראָקי, אַ באַוווּסטער גנב, וואָס איז אַראָפּגעקומען קיין ביאַלע אויף „גאַסטראָלן", האַלט זיך אויף אין פֿריילעכן הייזל פֿון קראַוורצאָוון (אַ רוסישער ייד), וואָס האָט זיך געפֿונען אויפֿן נייעם־מאַרק,ביים סוף גראַבאַנאָווער גאַס.

ווי די ידיעה איז דערגאַנגען צו ר' אהרן לאַנדוי, האָט ער אַ רוף געטאָן: — יידן! „כל מקום שאתה מוצא גדר ערוה אתה מוצא קדושה" (רש״י פּרשת קדושים). אַזוי ווי מיר שטייען איצט פֿאַר די הרוגים קדושים, איז איצט די צייט מקיים צו זיין דעם „ובערת הרע מקרבך", צו מאַכן דעם „גדר ערוה" און אפֿשר וועט דער זכות פֿון די קדושיםביישטיין צו ליקווידירן דאָס הויז, וואָס איז אַ שאַנדפֿלעק פֿאַר אונדזער שטאָט. זאָלן מיר אַלע אַהינגיין זוכן דעם מערדער און בכלל פֿאַרניכטן די נעסט פֿון אַלדאָס שלעכטס.

דער עולם האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו קראַוועצאָווס הויז. צוקומענדיק צום הויז האָט זיך גלייך געשאַפֿן אַ פּאָגראָם־שטימונג. ר' אהרן לאַנדוי איז טאַקע געווען דער ערשטער, וואָס האָט אויסגעהאַקט די שויבן און גענומען שטורעמען די טירן. ס'זענען באַוואַכט געוואָרן אַלע אַריינגענג און אַרויסגענג. מ'האָט אָנגעהויבן אַרויסטראָגן פֿאַרשיידענע ווערטפֿולע חפֿצים. פּלוצעם איז געוואָרן אַ געשריי, אַז דער דערמאָנטער סיראָקי איז געפֿונען געוואָרן אונטערן בעטגעוואַנד. שוין זייענדיק אַ האַלבער הרוג פֿון די באַקומענע קלעפּ, האָט מען אים אַוועקגעפֿירט צום בית־הקברות. באַקומענדיק מכות־רצח האָט ער זיך מודה געווען אין אָנטיילנעמען אין מאָרד.

ר' אהרן לאַנדוי האָט אָבער נישט געוואָלט אָפּטרעטן פֿון הויז און מיט התלהבות דקדושה געשריגן: „יידן, נישט אַוועקגיין, ביז דאָס הייזל וועט נישט חרוב ונחרב ווערן!". פֿון אַלע פֿענצטער פֿון הויז האָבן אָנגעהויבן פֿליען פֿאַרשיידענע מעבל־שטיקער, קלאַווירן, שפּיגלען און בעטגעוואַנד. מ'האָט באַפֿוילן, אַז למען השם קיינער זאָל נישט וואַגן עפּעס צו נעמען, נייערט אַלץ זאָל פֿאַרניכטעט ווערן אויפֿן אָרט. אין משך פֿון געציילטע מינוטן איז דער פּלאַץ פֿול געוואָרן מיט פֿעדערן פֿון צעריסענעם בעטגעוואַנד, מיט שטיקער צעבראָכענע מעבל און מיט צעריסענע קליידער.

ס'איז אָנגעקומען אַ סאָלדאַטן־פּאַטרול מיטן פּאָליציי־נאַטשאַלניק קאָרעניאָוו בראש. ס'האָט דעמאָלט געהערשט אויסנאָם־צושטאַנד אין לאַנד. דער פּאַטרול האָט אָפּגעגעבן אַ ביקסן־זאַלפּ אין דער לופֿט, אָבער ר' אהרן לאַנדוי האָט זיך נישט גערירט פֿון אָרט, ביז ער האָט נישט פֿאַרענדיקט די צעשטערונגס־מלאָכה. שטאַרק בייהילפֿיק אין דער אַרבעט זענען אים געווען: משה אַדלערשטיין און ישעיהו אַגרעס. ר' אהרן לאַנדוי איז אַרעסטירט געוואָרן פֿאַר מאַכן אַ פּאָגראָם און פֿאַר קעגנשטעלן זיך דער מאַכט. אויף צו מאָרגנס, נאָך דעם ווי ר' שמואל פּיזשיץ האָט געגעבן דער מאַכט די געהעריקע ערבות, איז ר' אהרן לאַנדוי באַפֿרייט געוואָרן.

קעגן ר' אהרן לאַנדוי און אַ טייל אָנטיילנעמערס אין איבערפֿאַל אויפֿן הייזל, איז פֿאַרפֿירט געוואָרן אַ קרימינעלער פּראָצעס, וועלכער האָט אָנגענומען אַ זייער ערנסטן כאַראַקטער. ווי דער עיקר־באַשולדיקטער איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן ר' אהרן לאַנדוי. דורך דעם האָט קראַווצאָוו געהאָפֿט צו באַקומען געלט פֿאַר די שאָדנס, וואָס ער האָט געליטן. נאָך אַ לענגערער פֿאָר־אויספֿאָרשונג, איז דער פּראָצעס פֿאָרגעקומען במשך פֿון דריי טעג אין קרייז־געריכט, וואָס האָט זיך דעמאָלט געפֿונען אין הויז פֿון אורמאַכערן, אויף דער מעזריטשער גאַס.

די פֿאַרטיידיקונג איז באַשטאַנען פֿון פֿיר אַדוואָקאַטן, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון דעם דעמאָלטיקן באַקאַנטן אַדוואָקאַט, הענריק עטינגער פֿון וואַרשע. צווישן די אַנדערע אַדוואָקאַטן האָט זיך געפֿונען דער יונגיטשקער אַדוואָקאַט, דער בן־עיר אַפּאָלינאַרי האַרטגלאַס, וועלכער האָט דעמאָלט אָנגעהויבן זיין אַדוואָקאַטן־פּראַקטיק ביים שעדלעצער אַדוואָקאַט זונדערלאַנד.

כאַראַקטעריסטיש איז געווען דער אופֿן פֿון אַדוואָקאַט האַרטגלאַסעס פֿאַרטיידיקונג. אין דער צייט, ווען די אַנדערע אַדוואָקאַטן האָבן זיך פֿאַרנומען מיט דער געזעצלעכער זייט פֿון דער באַשולדיקונג, האָט האַרטגלאַס געשילדערט די יידישע דערציאונג, אָנהייבנדיק פֿון חדר. ער האָט אַרויסגעבראַכט דעם עקל, וואָס דאָס יידישע קינד זויגט איין פֿון זיין פֿריעסטער קינדהייט קעגן מאָרד און זנות, פֿאָרשטעלנדיק פֿאַר די דריי רוסישע שופֿטים אַ בילד פֿון דער דאָזיקער יידישער וועלט.

אין רעזולטאַט זענען אַלע באַשולדיקטע באַפֿרייט געוואָרן.

אין יאָר 1907 אָדער 1908 האָט מען אין אַ זומער־אָוונט געשאָסן לעבן „שפּרינגערס" (צונאָמען) הויז אויף דריי רוסישע פּאָליציאַנטן. איינער פֿון זיי איז געבליבן ליגן אַ טויטער אויפֿן אָרט.

ווי מ'האָט דעמאָלט געשמועסט, האָט אָט דער פֿאָרפֿאַל

שיעור נישט גורם געווען צו אַ פּאָגראָם אויף דער יידישער באַפעלקערונג, ווייל די שיסעריי איז פאָרגעקומען אין אַ ריין יידישער געגנט. פון דעם פּאָגראָם זאָל האָבן אויסגעהיט דער דיזשורירנדיקער קאַפּיטאַן פון קאַלוזשעסקן פולק.

ווי פאַרדעכטיקע אין אויספירן דעם אַטענטאַט אויף די פּאָליציאַנטן זענען אַרעסטירט געוואָרן די מענער פון דער פאַמיליע טשאַרני (צינאָמען „סטאָפּעס"). לויט אַ ווערסיע וואָס האָט קורסירט אין שטאָט, זאָל דער אַרעסט פון די „סטאָפּעס" האָבן פאָרגעקומען אויפן גרונט פון אַן אַנאָנימער מסירה וואָס איז איינגעפלאָסן צו דער מאַכט.

נאָך אַ ריי משפּטים, וואָס האָבן זיך געצויגן יאָרן, זענען אורטשע מאָטל, שלמה און זיין זון יעקב, פאַרמשפּט געוואָרן אויף אייביקער קאַטאָרגע אין סיביר, וווהין זיי זענען טאַקע פאַרשיקט געוואָרן. הערשל און בנימין זענען באַפרייט געוואָרן.

אורטשע מאָטל איז געשטאָרבן אויף דער פאַרשיקונג. שלמה מיט זיין זון יעקב זענען נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע צוריקגעקומען קיין ביאַלע.

ביי אַ צווייטן פאַל פון דערשיסן אַ פּאָליציאַנט אויף דער וואָליע, האָט ווידער אַ יידישער בחור באַצאָלט מיטן לעבן.

דער בחור, אַ יתום, האָט געאַרבעט ביי אַ שוסטער אויף דער וואָליע. בעת די אַרעסטן נאָכן דערשיסן דעם פּאָליציאַנט, איז דער יתום אויך אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער זשאַנדאַרמעריע.

די אַרעסטירטע האָט מען אָנגעהויבן קאָנפראָנטירן מיט דעם שוין גוססדיקן פּאָליציאַנט, וואָס איז געלעגן אין שפּיטאָל ביי די מנישקעס. אַזוי ווי דער יתום איז געווען פון דער וואָליע, האָט מען אים דעם ערשטן פאַרבייגעפירט פאַרן פּאָליציאַנט און געפרעגט דעם גוסס צי ער דערקאָנט אים. דער פּאָליציאַנט האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, און מיט דעם האָט עס זיך געענדיקט.

אויף דעם סמך איז דער בחור פאַרמשפּט געוואָרן אויף 10 יאָר תפיסה. נאָך אַ קורצער צייט שמאַכטן אין וואַרשעווער ציטאַדעל האָט דער אומשולדיקער בחור דאָרט אויסגעהויכט די נשמה.

אין ביאַלע האָט מען אין די לעצטע 70—80 יאָר געקאָנט בלויז צוויי ביאַלער יידן וואָס האָבן געדינט אין דער צאַרישער אַרמיי במשך פון גאַנצע 25 יאָר. דאָס זענען געווען: הודעסל חנטשעס מאַן און זיסקינד. דער צווייטער האָט געאַרבעט ביי דער באַן, ווי אַ טרעגער; אָט די אַרבעט האָט ער באַקומען ווי אַ פּריווילעגיע.

וועגן די יידישע טרעגערס ביי דער באַן, שרייבט אַדוואָקאַט אַפּאָלינאַרי האַרטגלאַס אין זיינע נישט־פאַרעפנטלעכטע זכרונות אָט וואָס:

„די טרעגערס ביי דער באַן זענען אַלע, אָן אויסנאַם, געווען יידן. נאָך היינט געדענק איך איינעם פון זיי, דעם אַלטן אהרן, מיט דער לאַנגער ווייסער באָרד, געקליידט אין דער פאַרשריפטלעכער בלויער בלוזע און אָפּיציעלער היטל, מיטן גרויסן מעשענעם נומער אויף דער ברוסט. די יידישע טרעגערס וואָס האָבן ביי דער פּוילישער פאַרוואַלטונג געאַרבעט בערך צוואַנציק יאָר, זענען ביי די רוסן באַזייטיקט געוואָרן אָן רחמנות. אויף זייער אָרט איז געקומען אַ טרעגער־אַרטעל פון רוסלאַנד".

אין משך פון דער תקופה, וואָס מיר באַרירן דאָ, לאָזט זיך אויפציילן בערך 4 שמד־פאַלן, און דאָס בעיקר פון פרויען.

באַזונדערס דראַמאַטיש איז געווען דער פאַל פון איינער אַ רייזעלע, וואָס איז געווען זייער אַ שיינע, און אין וועלכער ס'האָט זיך איינגעליבט אַ רוסישער פּולקאָווניק. דער אָפיציר האָט מיט זיינער אַ גרופּע סאָלדאַטן באַלאַגערט דאָס הויז אויף דער יאַנעוווער גאַס, ווו רייזעלע האָט געוווינט, און רייזעלע איז מיט אים אַוועק.

רייזעלעס עלטערן זענען פאַר חרפּה אַוועק קיין אַמעריקע. לויט ווי מ'האָט שפּעטער דערציילט, זאָל רייזעלע האָבן זיך אומגעקערט מיט אירע קינדער צו איר מוטער אין אַמעריקע.

אין דעם איינטאָניקן לעבן פון דער ביאַלער יידישער באַפעלקערונג דאַרף מען גאַנץ באַזונדערס אָפּמערקן דעם יום־טוב־טאָג אין יאָר 1911, ווען ס'איז דערעפנט געוואָרן דער יידישער שפּיטאָל. ס'איז נישט געווען קיין קליינע אָנשטרענגונג פאַר אַזאַ קהילה אויפצובויען אַזאַ, לויט יענע צייטן, פּרעכטיקן שפּיטאָל. צו דער דערעפענונג איז ספּעציעל אַראָפּגעקומען פון שעדלעץ דער גובערנאַטאָר מיט זיין סוויטע.

ביים פאַרענדיקן דאָס אָפּמערקן פון די געשעענישן אין דער תקופה ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז כדאי דאָ צו דערמאָנען וועגן אַן עלילת־דם אויף דער יידישער ביאַלע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט ווייט פון ביאַלע און וועגן וואָס די ביאַלער יידן האָבן קיינמאָל קיין אַנונג אַפילו נישט געהאַט.

אין יאָר 1881 האָט דער בריסקער תושב ר' חיים כהן באַקומען פון זיין באַאַמטן אין זיין נאַפּט־געשעפט אין ווין אַ ידיעה, אַז אין דער עסטרייכישער אַנטיסעמיטישער צייטונג „פאַטערלאַנד" האָט איינער אַ פּנחס מאיר פאַרעפנטלעכט אַ נאָטיץ, אין וועלכער ער דערציילט, אַז ער האָט אַליין געזען, ווי אַ ביאַלער ייד אשכנזי, רב אין ביאַלע, לעבן בריסק, האָט נאָך פּורים פאַר פּסח 1881 געשאַכטן אַ קריסטלעך יינגל און דאָס בלוט פאַרנוצט צו מצות.

אָט די ידיעה איז אויך דערגאַנגען צו דער וואַרשעווער קהילה, וועלכע האָט דעלעגירט קיין בריסק י. ל. פּרצן, כדי געווויר צו ווערן פּרטים וועגן דעם ענין.

עטלעכע בריסקער יידישע עסקנים האָבן זיך פאַראינטערעסירט מיטן ענין און נאָך געוויסע נאָכפאָרשונגען איז זיי געלונגען צו דערגיין אָט וואָס:

דער מחבר פון דער נאָטיץ האָט געשטאַמט פון טערעספּאָל און איז געווען אַ פּלימעניק פון ביאַלער רב (משמעות, אַז מ'מיינט הרב ר' שמואל לייב ז"ק — מ. י. פ—ם). אָט דער פּנחס מאיר האָט אַ צייט געלערנט אין ביאַלער בית־המדרש און האָט זיך נישט אויפגעפירט ווי געהעריק. זייענדיק אָבער

אַ קרוב פון רב האָט מען אים נישט דערווייטערט פון בית־המדרש. אין איינעם אַ שבת האָט ער זיך אויפגעהאַנגען אויף אַ לייכטער אין בית־המדרש. דער שמש האָט דאָס באַמערקט און ער האָט אים אָפּגעראַטעוועט פון דער תליה. נאָך דעם פאַל האָט מען אים פאַרטריבן פון בית־המדרש און ער איז אַוועק פון ביאַלע.

די עסקנים זענען געווויר געוואָרן, אַז אין דער צייט פון 10טן מאַרץ ביזן 10טן סעפּטעמבער 1881 איז פּנחס מאיר אַרעסטירט געווען אין דער בריסקער תפיסה. ס׳איז זיי געלונגען אַרויסצובאַקומען אַן אָפיציעלע באַשטעטיקונג וועגן זיין אַרעסט אין אָט דער תקופה, אויף וועלכער ס׳האָט זיך באַצויגן זיין בלבול.

די באַשטעטיקונג איז אַוועקגעשיקט געוואָרן צו ד״ר בלאָך, דעם רעדאַקטאָר פון דער „עסטרייכישע וואָכנשריפט״, וועלכער האָט פאַרפירט אַ משפט קעגן דעם פאַרלוימדער. דאָס געריכט האָט פּנחס מאירן פאַרמשפט אויף 6 יאָר פעסטונג („עלילת־דם״ מאת ב״צ ניימאַרק, „בריסק־דליטא״ — אַנציקלופדיה של גלויות).

ביזן יאָר 1905 האָט מען אין ביאַלע כמעט נישט געוווּסט פון קיין עמיגראַציע. פאַראיינצלטע פאַלן פון אויסוואַנדערונג זענען געווען אין ביאַלע נאָך די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד אין יאָר 1881, ווען די עמיגראַציע פון די רוסישע יידן האָט אויך מיטגעשלעפּט מיט זיך איינצלנע ביאַלער. ס׳זענען אויך געווען פאַראיינצלטע פאַלן פון עמיגרירן צוליב מיליטער־דינסט.

ערשט נאָכן יאָר 1905, נאָכן דערשטיקן די רעוואָלוציע דורך דער צאַרישער מאַכט, הייבט זיך אָן אַ שטאַרקע אויסוואַנדערונג פון ביאַלע קיין אַמעריקע, און אַ קליינער פּראָצענט — קיין ענגלאַנד. די עמיגראַציע האָט נישט געטראָגן קיין עקאָנאָמישן כאַראַקטער, נאָר פאַרלאָזט האָט מען די אַלטע היים צוליבן דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע, אויף וועלכער דער אַרבעטער־עלעמענט האָט געלייגט גרויסע האָפענונגען, און דער דורכפאַל האָט אים אַריינגעבראַכט אין אַ דעפּרעסיע־מצב. שטיקנדיק איז געוואָרן די אַטמאָספערע פאַר אָט די עלעמענטן, און אַ טייל פון זיי, ווי אַקטיווע רעוואָלוציאָנערן האָבן במילא געמוזט עוקר זיין פאַר דער צאַרישער אָכראַנע. דאָס איז געווען אַן אויסוואַנדערונג כמעט פון בלויז אַרבעטערס, וועלכע האָט דערגרייכט די צאָל פון אַ 400 מאַן.

די יידישע באַפעלקערונג אין ביאַלע, וואָס האָט אין יאָר 1897 שוין באַטראָפן 6382 נפשות, עטוואָס מער ווי 55 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל פון דער באַפעלקערונג, האָט וויניק וואָס געהאַלטן פון עמיגראַציע. די וואָס האָבן עמיגרירט האָבן קיין גרויס כבוד נישט פאַרשאַפט זייערע פאַמיליעס, און די לעצטע פלעגן זיך אַפילו נישט מודה זיין, אַז זיי האָבן וועמען אין אַמעריקע. ס׳איז געווען אָנגענומען, אַז אין אַמעריקע אַרבעט מען שבת און מ׳ווערט אַ גוי, טאָ ווער האָט דאָס געוואָלט האָבן אַ גוי אין דער משפחה?... אַ סך פון די אויסוואַנדערער פלעגן מערסטנטייל אַוועק אין געהיים און מיט קיינעם זיך נישט געזעגענען. אין שטאָט פלעגט אומגיין אַ ווערטל: „אַרויס פאַרמאַכן די לאָדנס און אַוועק קיין אַמעריקע״.

אָבער אויך דעם קליינעם עמיגראַציע־שטראָם האָט איבערגעריסן דער אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

2. די ערשטע וועלט־מלחמה

הגם ביים אויסברוך פון דער מלחמה אין יאָר 1914 האָבן זיך די פראָנט־ליניעס געפונען ווייט פון ביאַלע, דאָך האָט זיך די מלחמה־שטימונג שטאַרק געשפּירט אין שטאָט. ראשית־כל זענען יידן מאָביליזירט געוואָרן אין דער אַרמיי, און ביי אַ סך פאַמיליעס זענען אַוועקגענומען געוואָרן די איינציקע שפּייזערס. די כסדרדיקע מיליטער־טראַנספּאָרטן, וואָס זענען אַדורך דורך דער שטאָט האָבן אַנגעוואָרפן אַן אימה אויף דער באַפעלקערונג און אַ זאָרג פאַרן מאָרגן. אין דער ווירטשאַפטלעכער לאַגע איז דווקא געקומען צו אַן אויפשוווּנג צוליב די פאַרגרעסערטע מיליטערישע גאַרניזאָנען אין שטאָט.

נאָך אַ האַלב יאָר ווי די מלחמה האָט אָנגעהאַלטן, איז קלאָר געוואָרן פאַר דער ביאַלער באַפעלקערונג, אַז די רוסן וועלן עוואַקויִרן די שטאָט. ביי אַ טייל ביאַלער איז דאַן אַנטשטאַנען דער געדאַנק וועגן פאַרלאָזן די שטאָט און אַוועקפאָרן קיין רוסלאַנד. צו דעם צוועק האָבן זיי אַרויסגעשיקט קיין רוסלאַנד אַ טייל פון זייערע שטובזאַכן און מיטן דערנענטערן זיך פון דער דייטשער אַרמיי קיין ביאַלע זענען אָט די יידן אַוועק קיין רוסלאַנד.

צווישן די ביאַלער יידן וואָס האָבן זיך עוואַקויִרט קיין רוסלאַנד זענען געווען עטלעכע, וואָס זענען געשטאַנען אין געשעפטלעכע פאַרבינדונגען מיט דער רוסישער אַרמיי, און זיי זענען געפאָרן קיין רוסלאַנד כדי פאָרצוזעצן די מסחרים. ס׳איז אָבער שווער צו פאַרשטיין וואָס ס׳האָט באַוויגן פשוטע יידן צו פאַרלאָזן די שטאָט און זיך לאָזן אויף וואַנדער־וועגן. די רוסישע מאַכט איז דאָך געווען פאַרהאַסט ביי די יידן צוליב אירע רדיפות, טאָ נאָכוואָס איז געווען דאָס מיטלויפן מיט איר? האָט מען דען דעמאָלט געהאַט אַ גרונט צו שרעקן זיך פאַר דער אָנקומענדיקער דייטשער אַרמיי? משמעות אַז דאָס לויפן איז געווען פאַרבונדן מיטן געדאַנק צו זיין וואָס ווייטער פון דער פראָנט־ליניע.

באַקאַנט זענען די נגישות וואָס די יידן אין קאָנגרעס־פוילן זענען אויסגעשטאַנען פון די רוסן בעת דער מלחמה און בעת זייער עוואַקויִרן זיך פון אָט דער טעריטאָריע. צום גליק האָט דאָס ביאַלער יידנטום פון אָט די אַלע צרות נישט געוווּסט. בעת די רוסישע אַרמיי האָט סוף זומער 1915 פאַרלאָזט ביאַלע האָט מען געקענט פאַרצייכענען אויף איר חשבון נאָר עטלעכע רויב־איבערפאַלן.

נאָך אַ קורצער נאַכטיקער אַרטילעריע־באַשיסונג פון דער דייטשער אַרמיי אויף דער שטאָט, וואָס האָט נישט פאַראורזאַכט קיין שאָדנס, האָט מען אין דער פרי שוין געזען די שטאָט אין די דייטשע הענט. זיי האָבן זיך באַוועגט מיט אַזאַ זיכערקייט און געטראָפן אומעטום ווו זיי האָבן געדאַרפט, ווי זיי וואָלטן דאָ שוין געווען די בעלי־בתים פון גאַנץ לאַנג.

די יידן איז נישט אָנגעקומען שווער זיך מיט זיי צו פאַרשטענדיקן, צו וואָס ס׳האָט זייער צוגעהאָלפן די יידישע שפּראַך.

די דייטשע אָקופּאַציע האָט געבראַכט צו אַ פולשטענדיקער איבערקערעניש אין גאַנצן לעבנס־שטייגער פון דער ביאַלער יידישער באַפעלקערונג.

ביאַלער ראַיאָן, וואָס איז דערקלערט געוואָרן אַלס מלחמה־געביט איז הערמעטיש אָפּגעשלאָסן געוואָרן פון די אַרומיקע געגנטן. ס׳זענען איבערגעריסן געוואָרן אַלע ווירטשאַפטלעכע פעדעם, מיט וועלכע ביאַלע איז געווען געקניפּט. מ׳האָט אָנגעהויבן שפּירן וואָס ס׳הייסט מלחמה, און וואָס ס׳באַדייט דייטשע אָקופּאַציע.

די דייטשע מאַכט האָט דורכגעפירט רעקוויזיציעס פון אַלע סחורות, און נאָך אַ קורצער צייט איז די שטאָט אויסגעליידיקט געוואָרן פון אַלע אירע סחורות־רעזערוון. ס׳האָט זיך גענומען פילן אַ מאַנגל אין די אַרטיקלען פון ערשטן געברויך. ס׳איז איינגעפירט געוואָרן אַ שטרענגע ראַציאָנירטע פאַרטיילונג פון שפּייז־אַרטיקלען. וועגן צוטיילונג פון באַקליידונג און שוכוואַרג, האָט זיך די דייטשע מאַכט בכלל נישט געזאָרגט. אויף די שאָסייען זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן וואַך־פּאָסטנס, וואָס האָבן געהיט, אַז מ׳זאָל נישט אַריינפירן אין שטאָט אַריין קיין שום שפּייז־אַרטיקלען פון דאָרף. אויף די לאַנדווירטן זענען אַרויפגעלייגט געוואָרן קאָנטינגענטן־ליפערונגען פון אַלץ וואָס זיי האָבן פּראָדוצירט. פאַר נישט צושטעלן דעם באַשטימטן קאָנטינגענט אין דער געהעריקער צייט, זענען די לאַנדווירטן שטרענג באַשטראָפט געוואָרן, און טיילמאָל אַפילו פאַרטריבן געוואָרן פון זייער באָדן. די דייטשע מאַכט פלעגט פירן גענויע רעגיסטערס פון אַלץ וואָס די לאַנדווירטן פאַרמאָגן און פּראָדוצירן. ס׳זענען דורך זיי איינגעפירט געוואָרן אַלערליי אופנים פון קאָנטראָלעס, ווי דאָס אָנטאָן נומערירטע אויערינגלעך אויף די אויערן פון די חזירים, אויפנעמען וויפל אייער ס׳לייגט אַ הון אאַ״וו.

די באַפעלקערונג פלעגט באַקומען די פּראָדוקטן־צוטיילונג אויפן סמך פון קאַרטן, וועלכע ס׳פלעגט אַרויסגעבן דער מאַגיסטראַט. און אַזוי ווי מ׳האָט דאָך געוואָלט באַקומען וואָס מער קאַרטן, זענען יידן געפאַלן אויף אַ המצאה: אָנצומעלדן ביי געבורטן צווילינגען און נישט מעלדן וועגן טויט־פאַלן...

די עיקר־באַשפּייזונג איז געווען שוואַרצברויט און קאַרטאָפל, אָבער אויך דאָס איז געווען בצמצום. אין אַ סך הייזער האָט מען אַפילו נישט פאַרמאָגט דעם באַטרעף כדי אויסצוקויפן די מאָגערע צוטיילונג. אין יעדער שטוב פלעגט מען אַליין באַקן ברויט פון באַקומענעם מעל, און כדי צו באַקומען וואָס מער ברויט ביים באַקן, פלעגט מען אַריינקנעטן אין טייג צעריבענע קאַרטאָפל.

און אַז דער מסחר איז אונטערגעגאַנגען, האָבן די סוחרים נישט געהאַט וואָס צו טאָן. די אַמאָליקע אָנגעזעענע סוחרים און אַ גרויסער טייל פון מיטלשטאַנד זענען געוואָרן יורדים, אויספאַרקויפנדיק אַלץ פון שטוב, כדי אויפצוהאַלטן דעם קיום. אויך דער יידישער בעל־מלאכה איז שטאַרק געטראָפן געוואָרן. די שניידערס און שוסטערס האָבן געהאַט אַרבעט נאָר ביים איבעראַרבעטן די אַלטע בגדים און ביים אויסלאַטען די שוכוואַרג. די בוי־בעלי־מלאכות און בוי־אַרבעטערס זענען אַוועק אַרבעטן ביי דער דייטשער מאַכט פאַר אַ נישטיקער באַלוינונג.

ביי אַזאַ אומנאָרמאַלער לאַגע, ווען אין שטאָט האָט מען געהונגערט און אין דעם דערבייאיקן דאָרף איז געווען אַ מעגלעכקייט עפּעס צו קויפן, אָבער ס׳איז אוממעגלעך געווען עס אַריינצוברענגען אין שטאָט אַריין, האָט זיך אַנטוויקלט אַ שמוגל פון שפּייז־פּראָדוקטן פון דאָרף אין שטאָט אַריין. ווי די דייטשן זאָלן נישט היטן די וועגן איז דאָך געלונגען אויף פאַרשיידענע אופנים אַריינצושמוגלען אַ ביסל פּראָדוקטן. נישט איין מאָל זענען די שמוגלערס אַריינגעפאַלן אין די דייטשע הענט און טייער באַצאָלט פאַר זייער ריזיקירן אויסצומיידן די פאַראָרדענונגען פון אָקופּאַנט.

אויף אַ סך אַרבעטס־ערטער פלעגן יידישע אַרבעטערס אַרבעטן צוזאַמען מיט רוסישע קריגס־געפאַנגענע, וועלכע פלעגן אַרויסגנבענען פון די מאַגאַזינען פאַרשיידענע אַרטיקלען און זיי פאַרקויפן צו יידן. שפּעטער־צו, ווען יידן האָבן אָנגעקניפּט נענטערע קאָנטאַקטן מיט דייטשע זעלנער, פלעגן די לעצטע אויך ברענגען אין יידישע הייזער צום פאַרקויפן פאַרשיידענע אַרטיקלען.

אין רעזולטאַט פון דער אונטערדערנערונג ביי דער יידישער באַפעלקערונג, איז די טיפוס־עפּידעמיע געוואָרן אַן אָפטער גאַסט אין די יידישע הייזער.

ווי נאָר די דייטשע מאַכט איז געוויר געוואָרן וועגן אַ טיפוס־קראַנקן האָט מען אים אַוועקגענומען אין שפּיטאָל פאַר אָנשטעקנדיקע קראַנקהייטן אויפן וואַרשעווער שאָסיי (שפּעטער — דאָרט דער 34סטער פולק). דער יידישער שפּיטאָל איז געוואָרן רעקוויזירט פאַר דער דייטשער אַרמיי. אין שטוב פון קראַנקן פלעגט מען דורכפירן אַ גרינטלעכע דעזינפעקציע. צום קראַנקן האָט מען נישט צוגעלאָזט קיינעם פון דער משפּחה. אין שטאָט פלעגט מען שמועסן אַז אין שפּיטאָל פאַרסמט מען די קראַנקע. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט נישט געשטימט מיט דערווירקלעכקייט; ס׳איז אָנצונעמען, אַז מ׳האָט דאָרט נישט ווי געהעריק אַכטונג געגעבן אויף די קראַנקע. צוליב אָט די קלאַנגען פלעגט מען זיך אויסהיטן צו מעלדן דער מאַכט וועגן אַ טיפוס־פאַל, און דאָס אַוועקנעמען אַ קראַנקן אין דעם שפּיטאָל איז ממש געווען אַ טראַגעדיע פאַר דער משפּחה פון קראַנקן.

פאַר דער באַשפּייזונג און באַקליידונג פון דער באַפעלקערונג האָט זיך די דייטשע מאַכט נישט שטאַרק געקימערט. דערפאַר אָבער האָט זי אין זינען געהאַט צו באַזאָרגן דער באַפעלקערונג מיט צוואַנגס־אַרבעט. דורך פאַרשיידענע קונצן האָט מען אַריינגענאַרט מענטשן אויף דער אַרבעט, צוזאָגנדיק פאַרשיידענע גליקן. געפינענדיק זיך אין שווערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען האָבן אַ סך יידן געלאָזט זיך פאַנגען פון אָט די צוזאָגן און געשטעלט זיך אין רשות פון דער דייטשער מאַכט. אָט די מענטשן האָט מען אַוועקגעשיקט אין פאַרשיידענע ערטער, וווּ מ׳האָט זיי באַשעפטיקט ביי זייער שווערע אַרבעטן און נישטיק באַלוינט. די יידן האָבן זיך צוריקגעקערט פון אָט דער צוואַנגס־אַרבעט צעבראָכענע און קראַנקע.

כדי צו האָבן אַ קאָנטראָל איבער דער מענלעכער באַפעלקערונג, צי יעדער מאַן איז טאַקע באַשעפטיקט, פלעגט יעדן זונטיק פאָרקומען אויפן הויף פון גערער חסידים־שטיבל אַ צוואַנגס־פאַרזאַמלונג פון אַלע מענער און מ׳האָט דאָרט קאָנטראָלירט יעדנס דאָקומענט און שיינען.

דאָס גאַנצע לעבן איז ווי אַריינגענומען געוואָרן אין אייזערנע צוואַנגען, וואָס האָבן נישט געלאָזט דער באַפעלקערונג ממש פריי אָפּעטעמען. אַזוי האָט די גאַנצע צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע פאַרפליכטעט די פּאָליציי־שעה. זומער־צייט פלעגט מען נאָך אַ צייט פאַר זון־אונטערגאַנג דערהערן דעם טראָמפּייט־סיגנאַל פון דער קאָמענדאַנטור, וואָס איז געווען אַן אָנזאָג, אַז מ׳דאַרף זיך פאַרשפּאַרן אין די הייזער. מ׳האָט שטענדיק געדאַרפט טראָגן ביי זיך אַ פּעקל מיט דאָקומענטן, אַזוי־גערופענע שיינען, ווי: „פּאַסירשיין", „ענטלאַוזונגסשיין", „אַרבעטסשיין", פּערסאָנאַל־אַוסווייזשיין" א״אַ, כדי תמיד צו קאָנען זיך אויסלעגיטימירן מיט אָט די אַלע פּאַפּירן.

די הייזער זענען אָן אויפהער רעווידירט געוואָרן. מ׳האָט כסדר געזוכט טריפה׳נע סחורה, און וואָס איז דען דעמאָלט יאָ געווען כשר אין די אויגן פון אָקופּאַנט? ביי אָט די רעוויזיעס האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט צוויי דייטשע מיליטער־לייט: דאָס „בערדעלע" (אַזוי־גערופן פון די יידן צוליב זיין שפּיץ־בערדל וואָס ער האָט געטראָגן) און די „ווייסע מייטקעס" (אויך אַ צונאָמען, גערופן פון די יידן צוליב די ווייסע הויזן וואָס ער האָט שטענדיק געטראָגן). דאָס באַווייזן זיך פון „בערדעלע" אין גאַס האָט אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויף דער יידישער באַפעלקערונג. מיט דער צייט האָבן זיך אָבער די יידן אַן עצה געגעבן מיט די רעוויזיעס, מ׳האָט איינגעאָרדנט גוטע באַהעלטנישן און דאָרט אויסבאַהאַלטן אַלץ וואָס האָט געקאָנט געפעלן ווערן דעם „בערדעלע".

די דייטשע מאַכט האָט כמעט אויסגעליידיקט די שטאָט פון יעדן ברעקל קופּער און מעש. אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיט אָט די מעטאַלן האָט מען געמוזט צושטעלן דער מאַכט. פון די טירן זענען אַפילו אַראָפּגענומען געוואָרן די מעשענע קליאַמקעס. פון שול און בית־המדרש האָט מען אויך אַוועקגעשלעפּט עטלעכע שווערע מעשענע הענגלייכטער.

חוץ די שטייערן, וואָס די באַפעלקערונג פלעגט צאָלן דעם מאַגיסטראַט, איז דורך דער מאַכט אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ באַזונדערער שטייער, דער אַזוי־גערופענער „קאָפּשטייער".

און מערקווירדיק, ווי דאָס לעבן איז נישט געווען אין קלעם, די ווירטשאַפט חרוב, די יידישע מאַסן פּאָפּעריזירט, איז אין אָט די יאָרן געקומען אין שטאָט צו אַן אויפשוווּנג אויפן קולטורעלן, פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן געביט.

מיר ווייסן פון ענלעכע פאַלן אין אָט דער תקופה אויך אין אַנדערע שטעט, אָבער ווען מ׳נעמט אין אַכט די ספּעציפישע באַדינגונגען פון ביאַלע, ווו ס׳האָבן געהערשט ביד חזקה די רעליגיעזע תקיפים, איז די דערשיינונג ממש אַ וווּנדער געווען.

די אָנגעזאַמלטע געזעלשאַפטלעכע ענערגיע, וואָס האָט געשפּרודלט ביי דער דעמאָלטיקער יוגנט און דערוואַקסענע און האָט נישט געפונען קיין פאַרווענדונג די גאַנצע צייט, האָט זיך איצט אויסגעלאָדן מיט אַ געוואַלדיקן אימפּעט און פאַרנעם. מ׳קאָן דרייסט זאָגן, אַז אויפן געביט פון קולטור־אויפטוען, איז דאָס געווען די שענסטע תקופה אין לעבן פון די ביאַלער יידן.

ווי אַזוי איז דאָס געשען, אַז ס׳זענען פּלוצעם פאַרשוווּנדן אַלע שטערונגען מצד די ביאַלער תקיפים? ווי אַזוי איז עס פאַרשוווּנדן דער אַליאַרם־רוף: „געוואַלד! ס׳ברענט!"?

אַ צאָל רעליגיעזע יידן, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער קאַמף קעגן די פרייע, האָט אויסגעוואַנדערט קיין רוסלאַנד. די געבליבענע אין שטאָט זענען ווירטשאַפטלעך פאַראָרעמט געוואָרן, און במילא פאַרלאָרן זייער דרייסטקייט צום קאַמף. דער באָדן פאַר דער דערמאָנטער געזעלשאַפטלעכער און קולטורעלער אַרבעט איז שוין פון פריער אויפגעאַקערט געוואָרן דורך דער טעטיקייט פון די ציוניסטן און בונדיסטן. אָט דאָס אַלץ האָט געצוווּנגען די געבליבענע רעליגיעזע קעמפערישע עלעמענטן צו בלייבן אין דעפענסיווע.

אַ באַדייטנדיקןביישטייער צום קולטורעלן אויפשוווּנג האָבן געגעבן עטלעכע פּליטים, וואָס זענען אין די מלחמה־יאָרן פאַרוואָגלט געוואָרן קיין ביאַלע, און בעיקר פון בריסק־דליטא.

אַן אויסערגעוויינלעכע אַקטיוויטעט האָבן אַרויסגעוויזן די ציוניסטן אונטער דער ענערגישער אָנפירונג פון זייער פאָרזיצער משה רובינשטיין, וואָס איז צו יענער צייט געווען די פּאָפּולערסטע פּערזענלעכקייט אין שטאָט. די ציוניסטן זענען ממש איבערנאַכט אויסגעוואַקסן צו אַן אָרגאַניזאַציע מיט אַ צאָלרייכער מיטגלידערשאַפט, און מיט אַ גוט פונקציאָנירנדיקן פּאַרטיי־אַפּאַראַט. זיי האָבן געשאַפן אינסטיטוציעס, וואָס זענען געווען דער שטאָלץ פון דער שטאָט, און וואָס האָבן אַרויפגעלייגט זייער חותם אויף גרויסע טיילן פון דער יוגנט איף זייער גאַנץ לעבן.

די קרוין פון אַלע אינסטיטוציעס אין שטאָט איז בלי ספק געווען די העברעאישע „יבנה"־שול, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך די ציוניסטן.

ס׳איז היינט שווער מסביר צו זיין דעם געוואַגטן רעוואָלוציאָנערן שריט פון יענער צייט, ווי דאָס גרינדן אַ העברעאישע שול, וואָס זעט אויס אין אונדזערע צייטן ווי אַ נאָרמאַלע דערשיינונג. ווער ס׳געדענקט אָבער דאָס יידישע לעבן אין ביאַלע פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, דער וועט וויסן אָפּצושאַצן די געוואַגטקייט פון אַזאַ טאַט.

ביים גרינדן אַזאַ שול האָט מען נישט נאָר געדאַרפט לייזן די פּראָבלעמען פון אַ לערער־פּערסאָנאַל און לער־פּראָגראַם, אין דער צייט ווען מ׳איז אָפּגעשלאָסן געווען פון דער וועלט, זאָרגן וועגן אַ בודזשעט, נייערט די עיקר־דאגה איז געווען ווו וועט מען נעמען תלמידים. וועלן ביאַלער עלטערן פּלוצעם רעזיגנירן פון שיקן זייערע קינדער אין די חדרים און אָנהייבן שיקן זיי אין אַ שול? דאָס וואָרט ש ו ל שמעקט דאָך שוין אַליין מיט גוייִשקייט. און ווען מיר לייענען דאָס קאַפּיטל וועגן דער קינדער־היים, זעען מיר צו וואָס פאַר אַ מיטלען

מ׳האָט דעמאָלט געדאַרפט גרייכן, כדי טאַקע אין אָנהייב צו לייזן דאָס פּראָבלעם פון תלמידים פאַר דער שול.

וויפל יום־טובדיקייט האָט די שול אַריינגעברענגט אין דעמאָלטיקן שווערן יידישן לעבן! וואָס פאַר אַ פּרעכטיקע יוגנט האָט די שול דערצויגן! אַפילו קעגנערס פון דער ציוניסטישער פאַרטיי, האָבן געמוזט מודה זיין, אַז דאָס שאַפן פון דער „יבנה״־שול איז געווען אַ שיין בלעטל אין דער טעטיקייט פון אָט דער פאַרטיי אין שטאָט.

פּאָפּולער איז געווען אין שטאָט דער „בית־עם״, וואָס איז אין אָנהייב געווען אַ לאָקאַל, ווו ס׳פלעגן פאָרקומען אַפּאָליטישע פאַרזאַמלונגען און דיסקוסיע־אָוונטן, און איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן פאַר אַ זיץ־אָרט פון דער שטאָטישער ציוניסטישער פאַרטיי. דאָרט האָט זיך געפונען אַ ביבליאָטעק, דאָרט האָבן דער דראַמאַטישער קרייז און כאָר פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע דורכגעפירט רעפּעטיציעס און פאָרשטעלונגען. דאָרט זענען פאָרגעקומען פאַרלעזונגען און דעבאַטעס. אין אָט דעם לאָקאַל האָט דער מכבי דורכגע־פירט גימנאַסטישע איבונגען און שפּעטער־צו האָט זיך דאָרט געאיבט זיין בלאָז־אָרקעסטער.

אַ גאַר נייע דערשיינונג אויף דער יידישער גאַס אין ביאַלע איז געווען דער מכבי, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. צום ערשטן מאָל האָבן ביאַלער יידן דערזעען יידישע יוגנט, וואָס גיט זיך אָפּ מיט קולטיווירן פיזישע קראַפט, און דאָס איז אויך געווען אַ נייעס פאַר דער קריסטלעכער באַפעלקערונג. ביים סוף פון דער מלחמה איז דעם מכבי געלונגען איינצוקויפן פון די דייטשן אַ קאָמפּלעט בלאָז־אינסטרומענטן און ס׳איז אַנטשטאַנען דער מכבי־אָרקעסטער, וואָס איז צו יענער צייט געווען דער איינ־ציקער ציווילער אָרקעסטער אין שטאָט.

ס׳דאַרף דערמאָנט ווערן, אַז עטלעכע יידישע מיליטער־לייט, וואָס זענען געווען אָנגעהעריקע צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין דייטשלאַנד, זענען געקומען צו הילף די ביאַלער ציוניסטן מיט עצות און פּראַקטישער מיטהילף.

פון אָט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָט זיך שפּעטער אויסגעטיילט דער „מזרחי״ אין ביאַלע, געשאַפן דורך עט־לעכע רעליגיעזע ציוניסטן, וואָס האָבן נישט געקאָנט פאַר־טראָגן די פרייע אַטמאָספערע וואָס האָט געהערשט אין „בית־עם״.

דער „בונד״ האָט זיך קאָנצענטרירט אויף קולטורעלער טעטיקייט, ווי: אָרגאַניזירט אַ ביבליאָטעק, אַ דראַמאַטישן קרייז און דורכגעפירט אין זיין לאָקאַל פאַרשיידענע פאָר־טראַגן און דיסקוסיע־אָוונטן.

דער פּאָליטישער אַקטיוויזם פון „בונד״ איז, פאַרשטייט זיך, געמינערט געוואָרן, ווייל פּאָרלויפיק איז נישט אַקטועל געווען דער קאַמף קעגן דער רוסישער אונטערדריקונג, קעגן וועלכער ס׳איז געווען איינגעשטעלט די גאַנצע פּאָליטישע טעטיקייט פון „בונד״ פון פאַר דער מלחמה. באַגרענעצט ביז גאַר איז געווען דעם „בונדס״ טעטיקייט אויפן געביט פון אָרגאַניזירן די אַרבעטערשאַפט אין קאַמף מיט די אַרבעטס־געבערס, ווייל ס׳זענען כמעט נישט געווען קיין פּריוואַטע אַרבעטס־געבערס; ס׳איז געווען איין אַרבעטס־געבער — דער דייטש.

אויפן סאָציאַלן געביט זענען געשאַפן געוואָרן צוויי זייער וויכטיקע אינסטיטוציעס: די קינדער־היים און די פאָלקס־קיך.

די קינדער־היים, וואָס האָט אָפּגעשפּילט אַן אומגעהויער וויכטיקע ראָלע בעת דער מלחמה, איז אַנטשטאַנען אַדאַנק דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. און ווידער מוז געזאָגט ווערן, אַז די קינדער־היים איז געווען אַ צירונג פאַר דער שטאָט. מער איז אויפן סאָציאַלן געביט אין שטאָט קיינמאָל נישט געשאַפן געוואָרן אַזאַ פּרעכטיק ווערק.

די פאָלקס־קיך האָט זיך געפונען אין דער בריסקער גאַס, לעבן קלויסטער. דאָ האָט מען געקאָכט מיטאָגן און זיי פונאַנ־דערגעטיילט דער אָרעמער יידישער באַפעלקערונג. די קיך האָט געניאָסן פון אונטערשטיצונג מצד דער דייטשער מאַכט אַדאַנק דער מיטהילף פון דעמאָלטיקן פעלד־ראַבינער ד״ר טענצער. מיט דער קיך האָבן אָנגעפירט פאָרשטייערס פון אַלע עקסיסטירנדיקע פאַרטייען אין שטאָט.



מפעל־תמיכה לפסח לטובת המטבח העממי.
פּסח־הילפס־אַקציע לטובת דער פאָלקס־קיך (1918)
Flag Day in support of Pessach Public Kitchen.

די קיך איז נישט געווען נאָר אַן אינסטיטוציע, ווו מ׳האָט טאָג־טעגלעך אַרויסגעגעבן הונדערטער מיטאָגן, נייערט אויך אַן אָרט, ווו ס׳האָבן זיך געזאַמלט אַ סך יוגנטלעכע, וואָס האָבן זיך דאָרט קולטורעל אויסגעלעבט. ס׳זענען דאָרט פאָר־געקומען פאַרלעזונגען און דיסקוסיעס. דאָרט איז אויך אָרגאַ־ניזירט געוואָרן אַ דראַמאַטישער קרייז, וואָס פלעגט געבן פאָרשטעלונגען לטובת אָט דער פאָלקס־קיך. ס׳זענען אויך איינגעאָרדנט געוואָרן בלימל־פאַרקויפן און אויף יום־טובים אַ פאַרקויף פון באַנעס לטובת דער קיך.

די דייטשע אָקופּאַציע, וואָס טיילמאָל האָט זיך אויסגעדוכט, אַז צו איר וועט קיינמאָל קיין סוף נישט נעמען, האָט נאָך דריי יאָר האַלטן אין קלעם די ביאַלער באַפעלקערונג, פּלוצעם זיך אַ וואַקל געטאָן. די מעכטיקע דייטשע מלחמה־מאַשין האָט זיך איינגעבראָכן און מ׳האָט דערזען, אַז ס׳דערנענטערט זיך דער סוף פון דער דייטשער ממשלה. ווער ס׳וועט זיין דער נייער בעל־הבית, איז נאָך נישט קלאָר געווען. ס׳האָט זיך אָבער געפילט דער אָנקום פון פעלקער־פרילינג, אַ תקופה פון פרייהייט פאַר יעדן בירגער, אָן אונטערשייד פון נאַציאָנאַליטעט און רעליגיע.

דער ערשטער סימן אַז די דייטשן פאַרלאָזן די שטאָט, איז געווען דער אויספאַרקויף פון זייערע מאַגאַזינען צו דער ציווילער באַפעלקערונג. די איבערגאַנגס־צייט צווישן פאַרלאָזן די שטאָט דורך די דייטשן און אָנקום פון אַ נייער מאַכט האָט געדויערט עטלעכע חדשים. די צייט, ווען די דייטשע אַדמיניסטראַציע האָט כמעט ווי אויפגעהערט צו פונקציאָנירן, האָבן אויסגענוצט עטלעכע יידישע אונטערוועלטניקעס צו באַרויבן יידן. אָט די אונטערוועלטניקעס פלעגן זיך פאַרקליידן אין דייטשער הלבשה און אין די אָוונטן מאַכן איבערפאַלן אויף יידישע הייזער, ווו זיי פלעגן אַוועקרויבן דאָס געלט און צירונג.

די יידישע באַפעלקערונג האָט אָרגאַניזירט אַ מיליץ, וואָס האָט באַקומען פון דער דייטשער מאַכט עטלעכע רעוואָלווערן. די מיליץ פלעגט אַרומגיין ביינאַכט אין די גאַסן, כדי צו היטן די יידישע הייזער פאַר איבערפאַלן. אין איינעם אַן אָוונט האָט די מיליץ זיך אָנגעשטויסן אויף צוויי אונטערוועלטניקעס פון דער באַנדע און גענומען זיי פאַרפאָלגן. נאָך אַ קורצן געיעג זענען זיי ביידע דערשאָסן געוואָרן דורך דער מיליץ אין אַ הויף אויף דער יאַטקע־גאַס.

אין אַ נאָוועמבער־טאָג פון 1918, האָט דער לעצטער דייטשער זעלנער פאַרלאָזט ביאַלע, און אין שטאָט איז אַריין אַ פּוילישע מיליטערישע רייטער־איינהייט.

3. אונטער דער פּוילישער ממשלה

שוין די ערשטע טעג פון דער נייער הערשאַפט זענען געחתמעט געוואָרן מיט יידיש בלוט. פּוילישע זעלנער זענען אַריין אין דער וווינונג פון משה ריכטער אויף דער וואָליע זוכן געווער, און בעת דער רעוויזיע האָבן זיי ריכטערן אַזוי מערדערלעך צעשלאָגן, אַז אין עטלעכע טעג אַרום איז ער געשטאָרבן. זייער אָפט פלעגן די זעלנער כאַפּן יידן צו פאַרשיידענע אַרבעטן, ביי וועלכע די יידן זענען אויסגעשטאַנען אַלערליי נגישות. ביסלעכווייז אָבער האָט די לאַגע זיך גענומען נאָרמאַליזירן. אין שטאָט זענען איינגעקוואַרטירט געוואָרן די געהעריקע אַמטן, די באַפעלקערונג, בתוכם די יידישע, האָט זיך גענומען צוריק אויפבויען דאָס אַלץ, וואָס איז צעשטערט און אונטערבראָכן געוואָרן בעת דער מלחמה.

די יידישע באַפעלקערונג איז געווען שרעקלעך פאַראָרעמט און אויסגעמאַטערט. דאָ איז געקומען צו הילף דער אַמעריקאַנער „דזשאָינט", וואָס האָט אַריינגעשיקט קיין ביאַלע גרויסע קוואַנטומס פון שפּייז און באַקליידונג. ס׳איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָמיטעט פון פאָרשטייערס פון אַלע פּאַרטייען, און דער קאָמיטעט האָט זיך פאַרנומען מיטן פונאַנדערטיילן די זאַכן צווישן דער נויטבאַדערפטיקער באַפעלקערונג. ס׳זענען איינגעאָרדנט געוואָרן קיכן פאַר קינדער, ווו זיי פלעגן טאָגטעגלעך באַקומען אַ וואַרעמען מאָלצייט. ס׳איז אויך געגרינדעט געוואָרן אַ קיך, ווו מ׳האָט אַהיימגעגעבן מיטאָגן פאַר אומפאַרמעגלעכע תושבים.

דאָס דערמעגלעכן די עקסיסטענץ פון פּאָליטישע פּאַרטייען האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט די יידישע פּאַרטייען אין ביאַלע צו אַקטיוויזירן זייער טעטיקייט צווישן די מאַסן. אויפן סדר־היום זענען געשטאַנען פאַרשיידענע וואַלן און פּאָליטישע אַקציעס, בעת וועלכע יעדע פּאַרטיי האָט באַקומען אַ מעגלעכקייט אַרויסצווייזן איר אַקטיוויטעט און אָרגאַניזיר־פעאיקייטן. אויף דער יידישער גאַס איז איצט אַ חוץ די שוין־עקסיסטירנדיקע פּאַרטייען, ווי: ציוניסטן, „בונד" און פּועלי־ציון צוגעקומען די „אגודה", די פּאַרטיי פון די אָרטאָדאָקסישע יידן, וואָס הגם זי האָט ערשט נאָר־וואָס געשטעלט אירע ערשטע טריט אויף דער פּאָליטישער אַרענע, האָט זי דאָך אָבער געהאַט הינטער זיך דעם גרעסטן טייל פון עלטערן דור. ס׳איז אין יענער צייט אין ביאַלע אויך געווען אַ הייפל פּאָלקיסטן.

דער עיקר־פאַרמעסט פלעגט אָבער פאָרקומען צווישן „בונד" און די ציוניסטן. דער „בונד", וואָס האָט אין זיינע רייען געציילט דער עיקר אַרבעטערס, האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט מיט ברויזנדיקן טעמפּעראַמענט און פלעגט זייער אָפט זיך אַריינרייסן אויף ציוניסטישע פאַרזאַמלונגען און פּרוּוון זיי אויפרייסן, בעת וואָס ס׳פלעגט נישט איין מאָל קומען צו העפטיקע געשלעגן.

אין יאָר 1918 האָבן די ציוניסטן אין ביאַלע דורכגעפירט אַן אַקציע פאַר שיקן דעלעגאַטן קיין וואַרשע צו דער אָרגאַניזירונגס־קאָנפערענץ פון נאַציאָנאַל־ראַט.

די וואַלן צום קאָנסטיטוציע־סיים האָבן צעבריזט די יידישע געמיטער אין שטאָט, וווהין ס׳זענען אַראָפּגעקומען די פּראָמינענטסטע פּאַרטיי־פירערס, כדי אָנטיילצונעמען אין די מאַסן־פאַרזאַמלונגען. אין ביאַלער וואַלקרייז האָבן די ציוניסטן אָפּגעהאַלטן אַ זיג מיטן דערוויילן ווי אַ דעפּוטאַט דעם בן־עיר אַדוואָקאַט אַפּאָלינאַרי מאַקסימיליאַן האַרטגלאַס.

אין יאָר 1919 זענען אין שטאָט צום ערשטן מאָל פאָרגעקומען וואַלן צום שטאָטראַט, אין וועלכע אויך די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך באַטייליקט. ביי אָט די וואַלן האָט דער „בונד" אָפּגעהאַלטן אַ נצחון און פון די געוויילטע 15 יידישע ראַטמענער, זענען 6 געווען פון דער בונדישער רשימה.

דאָס נאָרמאַלע לעבן, וואָס האָט נאָר־וואָס גענומען צוריק אויפגיין נאָך דער וועלט־מלחמה, איז אָבער אונטערבראָכן געוואָרן, און דאָס, צוליב דער מלחמה צווישן פּוילן און סאָוויעט־רוסלאַנד. ווי לאַנג די מלחמה־אָפּעראַציעס זענען געפירט געוואָרן אויף דער רוסישער טעריטאָריע, אָדער ווייט אויף מזרח פון ביאַלע, האָבן זיי געפונען אַ גאַנץ שוואַכן אָפּקלאַנג אין שטאָט; מיטן איינברעכן זיך אָבער פון דער

פּוילישער אָפענסיווע און צוריקמאַרש פון פּוילישן מיליטער, האָט די שטאָט גענומען פיבערן מיט מלחמה. די מיליטערישע כוחות, וואָס זענען געשיקט געוואָרן צום פראָנט, און וואָס זענען אַדורך דורך דער שטאָט האָבן זיך גאָר שטאַרק געלאָזט פילן דער ייִדישער באַפעלקערונג מיט זייער כוליגאַנישער אויפפירונג. די זעלנער פון גענעראַל האַלערס אַרמיי („האַלערטשיקעס״) און פון פּויזנער קאַנט („פּאָזנאַנטשיקעס״), האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער מערדערלעך שלאָגן ייִדן, שניידן בערד און ראַבירן ייִדישע געשעפטן און וווינונגען. די ייִדישע באַפעלקערונג האָט געלעבט אין פחד און ס׳איז נישט געווען אַפילו ביי וועמען צו אינטערווענירן. די גאַנצע ייִדישע באַפעלקערונג איז פאַררעכנט געוואָרן פאַר באָלשעוויקעס, און במילא האָט מען געמעגט מיט איר טאָן וואָס דאָס האַרץ האָט געגלוסט...

זומער 1920 האָט זיך דערנענטערט דער פראָנט צו ביאַלע. די פּוילישע פאַרטיידיקונגס־ליניעס האָבן זיך כסדר איינגעבראָכן. עטלעכע חדשים פאַרן פאַרלאָזן די שטאָט דורך דער פּוילישער אַרמיי האָט זיך אין שטאָט אָנגעהויבן אַ כאַפּעריי פון ייִדן, וועלכע מ׳פלעגט שיקן אויף מזרח גראָבן אָקאָפּעס. צו אָט דער אַרבעט האָט מען אויסשליסלעך געכאַפּט ייִדן; קריסטן האָבן זיך בכלל נישט באַטייליקט אין דער אַרבעט ביים גראָבן די אָקאָפּעס.

האַרט פאַרן עוואָקויִרן די שטאָט דורך דער פּוילישער אַרמיי, זענען אַרעסטירט געוואָרן אַ ריי אָנגעגעזעענע בונדיסטן און מ׳האָט זיי אַוועקגעשיקט אין דעם אינטערנירונגס־לאַגער דאָמביע.

אָנהייב אויגוסט 1920 איז די שטאָט אָקופּירט געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי. איידער די נייע מאַכט האָט באַוויזן צו שטעלן די ערשטע טריט, האָט זי געמוזט אין איילעניש פאַרלאָזן צוריק די שטאָט, ווייל די באָלשעוויסטישע אָפענסיווע איז דורכגעפאַלן ביים ווייסל. די פּאָליאַקן האָבן אָנגעהויבן צו פאַרפאָלגן אין אַ האַסטיקן טעמפּאָ דער זיך צוריקציִענדיקער רויטער אַרמיי.

אין שטאָט איז אויסגעבראָכן אַ גרויסע פּאַניק אויף דער ידיעה, אַז די באָלשעוויקעס פאַרלאָזן די שטאָט, און דאָס נישט מחמת סימפּאַטיע צום נייעם רעזשים, וואָס האָט קוים אָנגעהאַלטן אַכט טעג, נייערט פשוט פון שרעק פאַר דער אָנקומענדיקער פּוילישער אַרמיי. מיטן באָלשעוויסטישן רעזשים אין שטאָט האָבן מיטגעאַרבעט אַזוי ייִדן ווי קריסטן, הגם די קריסטן האָבן פאַרנומען אָנפירנדיקע פּאָסטנס, און די ייִדן — צווייטראַנגיקע, האָבן דאָך די פּאָליאַקן געזען די ייִדישע מיטאַרבעט ווי אַ פיינדלעכן אַקט לגבי פּוילן און די מיטאַרבעט פון די קריסטן ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט לטובת דעם פאָטערלאַנד...

צוליב דער שרעק פאַר נקמה מצד די פּאָליאַקן צו דער ייִדישער באַפעלקערונג האָט זיך אַ צאָל ייִדישע מענער געלאָזט לויפן אויף מזרח צוזאַמען מיט דער רויטער אַרמיי. אַזוי ווי אָבער דער צוריקמאַרש פון דער רוסישער אַרמיי איז געווען אַ פּלוצעמדיקער און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּאַניק־געלויף, האָט דאָס מיטלויפן פון דער ציווילער באַפעלקערונג פשוט באַשווערט דעם מאַרש פון דער אַרמיי און האָט איר געצווונגען נישט צו לאָזן דער ציווילער באַפעלקערונג מיטלויפן. דער גרעסטער טייל פון די ביאַלער לויפערס זענען געבליבן שטעקן אין וועג און נאָך עטלעכע וואָכן האָבן זיך כמעט אַלע דערשלעפּט צוריק קיין ביאַלע. איינצלנע איז געלונגען זיך צו דערשלאָגן קיין רוסלאַנד גופא (צווישן זיי האָט זיך געפונען שיימע שיינבערג, וואָס איז מיט דער צייט דאָרט אויסגעוואַקסן צו אַן אָנגעזעענער מיליטערישער פערזענלעכקייט).

אויף וויפל דער צוריקמאַרש פון דער פּוילישער אַרמיי בעתן איינברעכן זיך פון דער פּוילישער אָפענסיווע אין רוסלאַנד איז געווען געצייכנט מיט ייִדיש בלוט, ליידן און פּיין, איז איר פאָרויסמאַרש איצט געווען נאָך אַ סך גרויזאַמער פאַר דער ייִדישער באַפעלקערונג. די פּוילישע אַרמיי האָט געמאָרדעט און געשלאָגן ייִדן אונטערן אויסרייד, אַז דאָס זענען באָלשעוויקעס. רויב איז געווען אַ נאָרמאַלע דערשיינונג, און די דאָרפישע באַפעלקערונג פלעגט יעדן טאָג קומען אין שטאָט אַריין מיט זעק, כדי אַהיימצופירן דעם שלל, וואָס איז מיט דער הילף פון זעלנער געוואָרן אַוועקגערויבט פון ייִדן.

מיר ווילן דאָ געבן אַן איבערזעצונג פון דער אינטערפּעלאַציע פון אונדזער בן־עיר, אַדוואָקאַט א. מ. האַרטגלאַס, וועלכע ער האָט אַרייַנגעטראָגן אין יענע טעג אין פּוילישן סיים, זייענדיק אַ סיים־דעפּוטאַט. די אינטערפּעלאַציע גיט אַן אויספירלעך בילד פון יענע טעג, פון יאָר 1920, אין אונדזער שטאָט.

„נאָך פאַר דער אינוואַזיע האָט מען גענומען צו צוואַנגס־אַרבעט, ייִדן און קריסטן. די לעצטע האָט מען אָבער גלייך באַפרייט. די ייִדן האָט מען דערביי געשלאָגן איבער די קעפּ מיט די קאָלבעס און באַרויבט זיי פון געלט. מיט דעם האָבן זיך בעיקר פאַרנומען די פּאָזנאַנטשיקעס. גיין איז געווען דערלויבט נאָר ביז 10 אין אָוונט און די אַרבעטן האָבן זיך געענדיקט אויך שפּעטער. פאַרן אָפּפירן אַ ייִד אַהיים האָט מען אויסגעפּרעסט 100—500 מאַרק פון קאָפּ. קיין שום אָנקלאַגע און אינטערווענץ ביי דער אָרטיקער אָנפירונג האָבן נישט געהאָלפן, ווייל דער אָפיציר פון דער אויטאָ־קאָלאָנע, וואָס האָט אָנגעפירט מיט די אַרבעטן האָט זיך מיט דעם נישט גערעכנט. עקסצעסן און גרעסערע רויבערייען זענען נישט פאָרגעקומען; ס׳האָבן נאָר גערויבט די פּאָזנאַנטשיקעס. אין לעצטן טאָג האָבן די פּאָזנאַנטשיקעס געשאָסן אין די גאַסן צו ייִדן, זיך אַרייַנגעבראָכן אין ייִדישע הייזער און גערויבט, דערביי פאַרוווּנדעט אַ ייִדישע פרוי. פאַרן פאַרלאָזן די שטאָט דורך דעם פּוילישן מיליטער זענען דורך זיי, אויפן סמך פון אַ געריכטס־אורטייל, דערשאָסן געוואָרן 4 שפּיאָנען, צווישן זיי — אַ ייִד. איידער די באָלשעוויקעס זענען אַריין, איז עטלעכע טעג פריער פאָרגעקומען אַ שלאַכט הינטער גראַבאַנאָוו (אַ דאָרף לעבן ביאַלע — מ. י. פ—ם). בעת אָט דער שלאַכט האָבן די ביאַלער ייִדן פלייסיק געטראָגן הילף די פאַרוווּנדעטע און צוגעשטעלט שפּייז די קעמפנדיקע זעלנער, ביי וואָס זיי האָבן פאַרדינט אַ לויב מצד דעם שטאַב.

די אַרייַנגעקומענע באָלשעוויקעס האָט באַגריסט אַ מיט־

גליד פון דער בירגערלעכער מיליץ, אַ פּאָליאַק (אַנטלאָפן צוזאַמען מיט די באָלשעוויקעס). די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך לכתחילה געהאַלטן פון דערווייטנס. די דערנענטערונג איז ערשט געקומען נאָכן מיטינג אויפן מאַרק. די באָלשעוויקעס האָבן זיך פאַרהאַלטן אָנשטענדיק, ס׳איז נאָר געווען איין רויב־פאַל מצד זיי, אין דער ווינונג פון פרוי האַרטגלאַס. די סיבה דערפון איז געווען דאָס געפינען מכשירים פון זון, אַ זעלנער אין דער פּוילישער אַרמיי. די אָרטיקע קריסטלעכע קאָמוניסטן האָבן זיך פאַרהאַלטן אין אָרדענונג. ערגער די יידישע קאָמו־ניסטן, וועלכע האָבן געמסרט די קעגנערס פון באָלשעוויזם. אין די קאָנצערטן, וואָס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן דורך די באָלשעוויקעס האָט איבערוויגן דער אָנטייל פון דער יידישער יוגנט (ביאַלע באַזיצט 75 פּראָצענט יידישע באַפעלקערונג).

דער „רעווקאָם" (רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט — מ. י. פּ—ם) איז באַשטאַנען פון אַ זעלנער — אַ רוס, יוליוּוו, פון אַ פּאָליאַק און אַ ייד (ביידע — אָרטיקע). קאַנדידאַטן אויף רעווקאָם־מיטגלידער זענען געווען יידן. בראש פון אָפּטיי־לונגען זענען געשטאַנען אויך נישט־קאָמוניסטן פון די שטאָ־טישע בירגער. די לאַנדווירטשאַפטלעכע אָפּטיילונג האָט איבערגענומען אַן אָרטיקער פּאָליאַק, די אַפּראָוויזאַציע — אַ קריסט, אַ קאָמוניסט (אַנטלאָפן צוזאַמען מיט די באָלשעווי־קעס), בילדונג — אַ קריסט, אַ קאָמוניסט (אַנטלאָפן), געזונט־הייט — אַן אָרטיקער ייד. די מיליץ איז בעיקר באַשטאַנען פון אַרבעטסלאָזע, די יידן האָבן דאָרט געבילדעט דעם רוב. נאַטשאַלניק פון דער מיליץ איז געווען אַ נישט־קאָמוניסט. איבערהויפּט האָבן אין די קאָמוניסטישע אַמטן פאַרנומען באַאַמטן־פּאָסטנס קריסטן, נישט דווקא קיין קאָמוניסטן, יידן זענען לרוב געווען אין דער פּאָליציי און שרייבערס אין ביוראָס. זיי זענען בעיקר געווען נישט קיין קאָמוניסטן, אָבער מורא האָבנדיק פאַר די קאָנסעקווענצן — זענען זיי אַנטלאָפן (מיט די באָלשעוויקעס — מ. י. פּ—ם).

דער ציוניסט רובינשטיין האָט, נישט געקוקט אויף די צוויי־מאָליקע דראָאונגען, אָפּגעזאָגט זיך אָנצונעמען אַ פּאָסטן ביי די באָלשעוויקעס, אפילו ווי אַן אָנפירער פון יידישן שולוועזן.

ווען די פּוילישע זעלנער זענען צוריק אַריין, האָבן זיי גלייך דערשאָסן אויף דער פאָרשטאָט וואָליע צוויי צופעליק־גייענדיקע יידן, און זיי באַרויבט. שפּעטער האָבן זיי אָן שום מאָטיוו אַרעסטירט דעם ציוניסט פישער, דעם ראַטמאַן און דאָזאָר לעבנבערג, און איינעם אַ ליוועראַנט (וועמען זיי האָבן פריער געפרעגט צי ער איז נישט קיין ייד) און זיי אַוועק־געשטעלט ביי דער וואַנט מיט דער כוונה צו דערשיסן. אַדאַנק דעם וואָס עטלעכע אָרטיקע קריסטן האָבן זיך פאַר זיי איינ־געשטעלט — זענען זיי באַפרייט געוואָרן.

די אָרטיקע מיעשטשאַנעס זענען נישט געווען צופרידן מיטן פישער עקיבא (קיווע) קאַמיען, וועלכער האָט אויפן באַפעל פון מאַגיסטראַט געהיט און נישט געלאָזט זיי כאַפּן קיין פיש אין די סאַדזעווקעס פון כראַביע וויעלאָפּאָלסקי, האָבן זיי אויף אים אָנגעוויזן די זעלנער, וועלכע האָבן געוואָלט קאַמיענען דער־שיסן. די אינטערווענץ אָבער פון דער קריסטלעכער באַפעל־קערונג האָט אים אָפּגעראַטעוועט. מ׳האָט אויך דערמאָרדעט נאָך 6 יידן, וועלכע מ׳האָט אָנגעטראָפן הינטערן שטאָט. אליעזר וואַסערמאַנען האָבן די באָלשעוויקעס גענומען צו דער אַרבעט מיט זיין פערד־און־וואָגן. ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט מיט אַ פּוילישן שיין, האָבן אים זעלנער פאַרהאַלטן אויפן וועג צווישן יאַנעווע און ביאַלע, צוגענומען דעם פערד־און־וואָגן, די מלבושים, צעריסן דעם שיין און אים געצוווּנגען אַריינגיין אין אַ גרוב, וועלנדיק אים דערשיסן. איין זעלנער האָט זיך אָבער אויף אים דערבאַרעמט און מ׳האָט אים אָפּגעלאָזט. אויפן 6טן וויאָרסט פאַר ביאַלע האָבן אים אָנגעטראָפן אַנדערע זעלנער, אים צעשלאָגן, געצוווּנגען אַריינגיין אין טייך און זיך אַוועקלייגן אויפן גרונט. ס׳איז אָבער אָנגעלאָפן אַן אָפיציר, וועלכער האָט אויסגעזידלט די זעלנער און אים אָפּגעראַטעוועט.

ערשט דויערן כמעט אָן איבעררייס די רויבערייען, און דאָס אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב, הגם אָן עקסצעסן. די יידן האָבן געשלאָסן די געוועלבער, די רויבערייען טראָגן דעם כאַראַקטער פון געוויינלעכן וואַנדאַליזם. למשל: די אָנגערויבטע זאַכן און ביכער ביי ראַזנשיינען האָט מען אָנגעלייגט אויפן הויף און אונטערגעצונדן. די אָרטיקע קריסטלעכע באַפעלקערונג און פון דער סביבה רעדן צו די זעלנער צו די רויבערייען, די באַפעלקערונג באַווייזט זיך מיט אַמאָל מיט זעק כדי צוצו־נעמען דעם שלל. פון ביאַלע זענען אויך אַנטלאָפן מיט די באָל־שעוויקעס אַ ביסל יידישע מיליטער־פּאָליטיקע און דעזערטערן. די שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט באַשלאָסן אַ צוטרוי־וואָטום די אַלע, וואָס האָבן געאַרבעט מיט די באָלשעוויקעס, אָנערקענענ־דיק, אַז דאָס איז געווען אומפאַרמיידלעך, כדי נישט צו געבן די באָלשעוויקעס די מעגלעכקייט איינצופירן אויסשליסלעך זייערע אָרדענונגען און פאַרברייטערן זייער מאַכט. קיין שום רדיפות זענען ביז איצט נישט צום פאַרצייכענען קעגן די מיט־אַרבעטערס מיט דער באָלשעוויסטישער מאַכט, וואָס זענען כמעט אויסשליסלעך ריינע פּאָליאַקן. די באַיקאָט־אַגי־טאַציע גייט זיך איר וועג. די מיעשטשאַנעס האָבן אָנגענומען עפּעס אַ באַשלוס, מיט וועלכן ס׳רעכנט זיך דער מאַגיסטראַט, וועלכער האָט זיך אָפּגעזאָגט אויסצוצאָלן געהאַלט די יידישע באַאַמטע, און טיילט זיי נישט צו קיין מעל, וואָס איז געבליבן פון די באָלשעוויקעס און וואָס ווערט צעטיילט צווישן די באַאַמטע.

צו דער אַרבעט כאַפּט מען נאָר יידן, אָן אונטערשייד פון עלטער. אויף דער גאַס פאַלן אָן זעלנער אויף יידן און שלאָגן זיי. זעלנער גייען איבער די ווינונגען און מאַכן רעקוויזיציעס. אַריינקומענדיק פרעגן זיי ווער ס׳וווינט דאָ: אַ ייד אָדער אַ קריסט. אויב אַ ייד רעקווירירן זיי, אויב אַ קריסט — גייען זיי אַוועק. בעיקר דערלויבט זיך יאַוואָרסקעס פּריוואַטליקע קאַוואַלעריע.

די אָרט־אָנפירונג איז אַנטשטאַנען ערשט דעם 26סטן אויגוסט נאָכמיטאָג. דער מאָמענטאַנער אָנפירער, פּאָרוטשניק זאַלעווסקי מאַכט דעם איינדרוק פון אַ מענטש מיט אַ גוטן ווילן און ווי אַ דעצידירטער קעגנער פון אַלערליי עקסצעסן און שיקאַנעס קעגן יידן. מ׳דאַרף זיך דעריבער ריכטן אויף אַ פאַרבעסערונג פון די באַציאונגען. כ׳בין געווען ביי אים.

ברענגענדיק אַ געליטענעם. ער האָט זיך גלייך ענערגיש און וואַרעם פאַרנומען מיטן ענין.

ער האָט שוין צעשיקט פּאַטראָלן. וועגן צוואַנגס־אַרבעט האָט ער זיך געוואָנדן צו דער פּוילישער פּאָליציי מיט אַ ביטע, אַז זי זאָל זיך פאַרשטענדיקן מיטן מאַגיסטראַט וועגן צושטעלן אים דירעקט די געפאָדערטע צאָל אַרבעטערס. זיין עלטסטער, דער ראַטמיסטזש סטאַקאָלסקי און אַנדערע האַלטן, אַז איינע פון די סיבות פון די עקסצעסן איז דאָס פאַרמאַכן פון די געוועלבער. כ׳האָב זיי אויפגעקלערט, אַז די געוועלבער זענען פאַרמאַכט צוליב דעם פריערדיקן פאַרהאַלטן זיך פון די פּוילישע זעלנער״.

עטלעכע וואָכן נאָכן נצחון פון דער פּוילישער אַרמיי ביי וואַרשע, איז דורך ביאַלע דורכגעפאָרן דער דעמאָלטיקער מלוכה־הויפּט, יוזעף פּילסודסקי. מ׳האָט צווויסן געגעבן, אַז זיין צוג וועט זיך פאַרהאַלטן אויף דער ביאַלער באַן־סטאַציע, און אַז ער וועט אויפנעמען דעלעגאַציעס. דער ייִדישער דעלעגאַציע, וואָס האָט זיך פאַר אים פאָרגעשטעלט האָט ער געפרעגט וועגן גורל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג בעת דער מלחמה. ווען די דעלעגאַציע האָט אים אָנגעהויבן דערציילן אין אַ זייער דעליקאַטער פאָרעם וועגן די ליידן וואָס די ייִדישע באַפעלקערונג האָט געהאַט אויסצושטיין פון די פּוילישע זעלנער, האָט פּילסודסקי זיי איבערגעריסן און אַ זאָג געטאָן: „מיינע הערן, איר מוזט האָבן אַ טעות און מיינען די באָלשעוויקעס״. פאַרשטייט זיך, אַז מער האָט שוין די דעלעגאַציע נישט געהאַט וואָס צו זאָגן...

איינעם אַ גאָר פיינלעכן שבת האָט איבערגעלעבט די ייִדישע באַפעלקערונג נאָך דער אינוואַזיע, ווען אַרום איז שוין געווען שטיל און ס׳האָט געהערשט אָרדענונג. דאָס איז דער שבת, ווען אין ביאַלע איז פאָרגעקומען אַ פעלד־געריכט איבער אַ קאָנסטאַנטינער ייִד, זלמנקע, וואָס איז באַשולדיקט געוואָרן אין שפּיאָנאַזש לטובת די באָלשעוויקעס. ייִדן האָבן זיך געדרייט אַרום מעוויוסעס הויז, ווו דער משפּט איז פאָרגעקומען און געוואַרט מיט שפּאַנונג אויפן פּסק־דין. נאָכמיטאָג האָט מען פון געריכט אַרויסגעפירט דעם ייִד און אים געפירט אין דער ריכטונג פון דער תפיסה, וואָס האָט אָבער אויך געפירט צום בית־הקברות. קיינער האָט נישט געוווּסט דעם אורטייל. איז מען נאָכגעגאַנגען דעם געפירטן ייִד. אַז מ׳האָט דערזען ווי מ׳פירט אים נישט אַריין אין תפיסה, נאָר מ׳פירט אים ווייטער, איז קלאָר געוואָרן, אַז דער ייִד איז פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. מ׳האָט דעם ייִד אַוועקגעפירט אויפן בית־עלמין און אים דאָרט דערשאָסן.

אויך די מלחמה איז אַריבער און ס׳האָבן זיך ביסלעכוויז גענומען פאַרהיילן די וווּנדן, וואָס זענען פאַראורזאַכט געוואָרן אין דער מלחמה־צייט. די ווירטשאַפטלעכע לאַגע איז צוריק אַרויף אויף די נאָרמאַלע שינעס, די פאַבריקן זענען געוואָרן טעטיק און אין די געשעפטן האָבן זיך צוריק באַוויזן סחורות, ווי אין די פאַר־מלחמהדיקע צייט. אין שטאָט האָט זיך אַנט־

וויקלט אַן אינטענסיווע בוי־טעטיקייט, וואָס האָט געגעבן באַשעפטיקונג די ייִדישע בעלי־מלאָכות און ייִדישע אַרבעטערס.

אין דער מאַסן־עמיגראַציע וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פון פּוילן קיין אַמעריקע גלייך נאָך דער מלחמה, האָבן מיטגעשטראָמט אַ סך ביאַלער. די ידיעות וועגן דער גוטער קאָניונקטור אין אַמעריקע, אין קעגנזאַץ צו די פאַרהעלטענישן אין וועלכע ס׳האָט געלעבט דעמאָלט דאָס פּוילישע ייִדנטום, הן פּאָליטיש און הן עקאָנאָמיש, האָבן פאַרשטאַרקט דעם טעמפּאָ פון דער עמיגראַציע פון ביאַלער קיין אַמעריקע. ווער ס׳האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט דערצו — האָט אויסגעוואַנדערט. דער עיקר אָבער איז די עמיגראַציע באַשטאַנען פון אַרבעטערס און פון פרויען מיט קינדער, וואָס זענען געפאָרן צו זייערע מענער און עלטערן, וואָס האָבן אַהין אויסגעוואַנדערט נאָך פאַר דער מלחמה.

ס׳איז שוין איצט נישט געווען קיין חרפּה דאָס עמיגרירן קיין אַמעריקע. מיט די באַקומענע פון דאָרט דאָלאַרן איז אַוודאי נישט געווען וואָס צו שעמען זיך; פאַרקערט, זיי האָבן די מקבלים אַפילו פאַרשאַפט אַ ביסל חשיבות אין שטאָט.

די עמיגראַציע האָט אַרויסגעצויגן אַ סך שעפערישע כוחות פון ביאַלע. אויך וואַרשע, ווי די הויפּט־שטאָט האָט געלאָקט און געצויגן צו זיך יוגנטלעכע. די מלחמה־פּליטים האָבן פאַרלאָזט די שטאָט. אין רעזולטאַט האָט זיך אָט די אויסוואַנדערונג נעגאַטיוו אָפּגערופן אויף אַ סך געביטן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. אַמבולטסטן איז דאָס געקומען צום אויסדרוק אין דער „יבנה״־שול און אין דער קינדער־היים. די „יבנה״־שול האָט פאַרלאָרן איר הויכן לימוד־ניוואָ אחר איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שול אונטערן נאָמען „פאָלקס־שול״. די קינדער־היים איז באַלד ליקווידירט געוואָרן.

צווישן פּוילן און רוסלאַנד איז שוין פון לאַנג געווען אָפּגעשלאָסן דער ריגער שלום־טראַקטאַט, אָבער די העצע קעגן ייִדן, וואָס זענען פאַרשריען געוואָרן ווי באָלשעוויקעס, האָט נאָך אַלץ נישט אויפגעהערט. דאָס לאַנד איז פאַרפלייצט געוואָרן טאָג־טעגלעך מיט אַ מבול פון ייִדן־העצערישער ליטעראַטור פון דעם, אַזוי־גערופענעם „ראָזוואָי״. דאָס איז געווען אַן אָרגאַניזאַציע וואָס האָט פאָרגעזעצט דעם באַקאַנטן ענדעקישן באָיקאָט קעגן ייִדן אויפן ווירטשאַפטלעכן געביט. אויך אין ביאַלע איז טעטיק געווען אַזאַ אָרגאַניזאַציע, בראש פון וועלכער ס׳איז געשטאַנען איינער אַ פּיעטשיצקי, וואָס פלעגט אַרויסטרעטן אויף מאַסן־מיטינגען מיט העצערישע רעדעס קעגן די ביאַלער ייִדן. שפּעטער האָט זיין אָרט פאַרנומען דער לערער נאָוואָטאַרסקי. די שפּאַנונג צווישן דער ייִדישער און קריסטלעכער באַפעלקערונג איז געוואַקסן, אָבער די ייִדן האָבן זיך נישט געלאָזט פּראָוואָצירן, און נישט געגעבן קיין געלעגנהייט דער קריסטלעכער באַפעלקערונג צום אויסלאָדן זייער צאָרן.

ווי פאָרזיכטיק און אָפּגעהיטן די ייִדישע באַפעלקערונג איז נישט געווען אויף דעם געביט, איז דאָך געשען אַ פאַל, וואָס זיינע פאָלגן האָבן געקאָנט זיין זייער טרויעריקע פאַר דער ייִדישער באַפעלקערונג:

ל״ג בעומר 1922, איז די ייִדישע יוגנט פון השומר־הצעיר,

ווי יאָר־יערלעך, אַרויס מיט אַ מאַרש אין וואַלד אַריין אויף דער וואָליע. בראָש פון צוג איז געגאַנגען דער מכבי־אָרקעסטער. בעתן דורכמאַרש פון צוג לעבן דער קראַשעווסקי־גימנאַזיע האָבן קריסטלעכע תלמידים געוואָרפן טינטערס פון די פענצטער אין די קעפ פון די מאַרשירנדיקע. פאַרנאַכט, ווען די יוגנט האָט מאַרשירט פון וואַלד אין שטאָט אַריין, האָבן עטלעכע קריסטלעכע יוגנטלעכע אויף דער וואָליע זיך געוואָרפן שלאָגן דער מאַרשירנדיקער יוגנט. ביי דער זייט פון די מאַרשירנדיקע האָבן זיך געפונען עטלעכע געזונטע יידישע בחורים, וועלכע האָבן די קריסטן ווי געהעריק מכבד געווען.

וועגן דעם פאָרפאַל האָט זיך דערוווּסט דער „ראָזוואַי״־פירער פיעטשיצקי און ער האָט באַשלאָסן אויסצונוצן די געלעגנהייט, כדי זיך אָפּצורעכענען מיט די יידן. אין שטאָט האָבן גענומען קורסירן קלאַנגען, אַז ס׳גרייט זיך אַ פאָגראָם אויף יידן, און דאָס בשייכות מיט דער מאַסן־פאַרזאַמלונג, וואָס איז אָנגעקינדיקט געוואָרן דורכן „ראָזוואַי״ אויף איינעם פון די נאָענטסטע זונטיקן.

אַ דעלעגאַציע פון דער קהילה איז אַוועק צום סטאַראָסטע רודניצקי און אים איבערגעגעבן וועגן די קלאַנגען, בעטנדיק אָנצונעמען די געהעריקע פאַרהיטונגס־מיטלען. דער סטאַראָסטע האָט געגעבן אַן אויסמיידנדיקע תשובה. אין אַ טאָג שפעטער איז אין דער קהילה דערהאַלטן געוואָרן אַ בריוו פון סטאַראָסטע, אין וועלכן ער איז מודיע, אַז צוליב דער אַגרעסיווער האַלטונג פון דער יידישער יוגנט, קאָן ער נישט נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די קאָנסעקווענצן פון דעם פאָרפאַל אויף דער וואָליע. פון די ציוניסטישע קרייזן האָט מען גלייך וועגן דעם מודיע געווען צום נאַציאָנאַל־ראַט אין וואַרשע. אין עטלעכע טעג אַרום האָט דער סטאַראָסטע זיך געוואָנדן צו דער קהילה און געבעטן צוריקשיקן אים זיין בריוו. די קהילה האָט זיין בקשה דערפילט.

אין אַ זונטיק איז פאָרגעקומען אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג, גערופן פון „ראָזוואַי״, אויף וועלכער דער דערמאָנטער פיעטשיצקי האָט געהאַלטן אַן אַנטיסעמיטישע רעדע. נאָך דער פאַרזאַמלונג האָט זיך פאָרמירט אַ צוג, וואָס איז אַוועק צום בנין פון דער סטאַראָסטווע, דאָרט זענען פאָרגעלייענט געוואָרן עטלעכע רעזאָלוציעס, און דער המון איז זיך רואיק פונאַנדערגעגאַנגען.

די שפאַנונג און גערייצטקייט האָבן אָבער נאָך אָנגעהאַלטן טעג. ס׳זענען אויך פאָרגעקומען איבערפאַלן אויף יידן, בעת וועלכע די מאַכט און בעיקר די פאָליציי האָבן זיך פאַרהאַלטן פולשטענדיק פאַסיוו. די פאָליציי האָט אויסגעמיטן צו אינטערווענירן אפילו אין פאַלן, ווען די איבערפאַלן אויף יידן זענען פאָרגעקומען פאַר אירע אויגן, ווי, למשל, בעת דעם איבערפאַל אויף מתתיהו אַדלערשטיין. די געשעענישן פון די טעג האָבן געפונען זייער אָפקלאַנג אין דער אינטערפעלאַציע, וואָס ס׳האָבן אַריינגעטראָגן די יידישע דעפוטאַטן אין סיים.

אין אַלגעמיין אָבער זענען די באַציאונגען צווישן דער יידישער און קריסטלעכער באַפעלקערונג, אויב מ׳האָט נאָר נישט אונטערגעהעצט פון אויבן, די גאַנצע צייט געווען פרידלעכע און ס׳איז קיינמאָל נישט געקומען צו קיין צוזאַמענשטויסן. ס׳זענען אָבער געווען איינצלנע פאַלן, ווען קריסטלעכע יוגנטלעכע זענען באַפאַלן יידן און זיי צעשלאָגן. אַזעלכע פאַלן האָבן זיך געמערט אין די לעצטע יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה.

ווען מיר רעדן וועגן די באַציאונגען צווישן דער יידישער און קריסטלעכער באַפעלקערונג, דאַרף מען באַמערקן, אַז אויף דעם געביט איז פאָרגעקומען אַ געוואַלדיקע ענדערונג לגבי דער צייט פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. יידן פלעגן באַזוכן די פאַראַנשטאַלטונגען, וואָס ס׳פלעגן איינאָרדענען קריסטן, ווי: טעאַטער־פאָרשטעלונגען, קאָנצערטן, בעלער, טאַנץ־אָוונטן, פאָרלעזונגען אאַ״וו, ווו זיי האָבן פאַרבראַכט אומגעשטערט. קריסטן ווידער פלעגן קומען פאַרברענגען אויף יידישע בעלער און טאַנץ־אָוונטן. צו אַ דערנענטערונג האָט אויך געבראַכט דאָס לערנען פון יידישע קינדער אין די מלוכה־שולן. יידישע תלמידים פלעגן באַזוכן זייערע קריסטלעכע חברים, און פאַרקערט.

ביי די שטאָטישע פרייוויליקע פייערלעשערס זענען יידן און קריסטן געווען טעטיק צוזאַמען אַלע יאָרן און די אַרבעט איז געפירט געוואָרן גאַנץ האַרמאָניש. אין „פאָדלאַסיער לעבן״ פון 5.1.1934, נומער 1/177 לייענען מיר, אַז די מאַכט האָט דעקאָרירט מיט אויסצייכענונגען פאַר לאַנגיעריקער דינסט די יידישע פייערלעשערס: פאָרוטשניק יעקב הערשבערג — 35 יאָר דינסט; אברהם אָרלאַנסקי און אַנטשל בעקערמאַן — 15 יאָר דינסט; אברהם בראָוואַרעק, יעקב גאָלדרייך, יוסף ראָזענבערג און בערל הערשבערג — 10 יאָר דינסט. מיר זעען פון אָט דער רשימה, אַז דער אָנטייל פון די יידן ביי די פייערלעשערס איז געווען אַ גאַנץ באַדייטנדיקער, וואָס וואָלט זיכער געווען אַן אוממעגלעכקייט, ווען די באַציאונגען צווישן יידן און קריסטן וואָלטן געווען אָנגעשטרענגטע.

ביי דער ליגע פאַר לופט־פאַרטיידיקונג (ל.א.פ.פ.) איז געשאַפן געוואָרן אַ יידישע סעקציע, מיט וועלכער ס׳האָט אָנגעפירט מיכאַש האָפער. אַדאַנק זיינע פאַרדינסטן אויף דעם געביט איז מיכאַש האָפער אויסגעצייכנט געוואָרן דורך דער מאַכט מיטן „פאַרדינסט־קרייץ״.

ס׳זענען אָבער לגמרי נישט נויטיק געווען קיין פאָגראָם־מעשים כדי צוצעטרייסלען דאָס יידישע לעבן, ווייל די עקסטערמינאַציע־פאָליטיק אויפן ווירטשאַפטלעכן געביט לגבי דעם פוילישן יידנטום האָט אויך דערגרייכט ביאַלע, און די קאָנסעקווענצן פון אָט דער פאָליטיק האָבן גענומען זיך קאַטאַסטראָפאַל אויסווירקן אויף דער ביאַלער יידישער באַפעלקערונג. און געשען איז דאָס נאָך אַ גאַנץ קורצער צייט ווי די יידישע באַפעלקערונג אין ביאַלע, וואָס האָט זיך קיינמאָל נישט אויסגעצייכנט מיט קיין גרויסער צאָל רייכע תושבים און האָט אין איר רוב אָנגעהערט צום מיטלשטאַנד און אַרבעטער־קלאַס, האָט באַוויזן זיך אַרויסצורייסן פון פרייוויליקן געטאָ, אין וועלכן זי האָט זיך געפונען ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה.

דער יידישער לעבנס־שטייגער איז פולשטענדיק געענדערט

געוואָרן אויף אַלע געביטן. ס׳איז פאַרשוווּנדן די הערשאַפט פון די רעליגיעזע פאַנאַטיקערס, הגם זייער צאָל אין שטאָט איז נאָך אויך איצט געווען אַ גאַנץ קאָנטיקע. אויף ווי ווייט זייער השפּעה אויפן ייִדישן לעבן אין שטאָט איז געפאַלן, קאָן דינען דער פאַקט מיטן חרם, וואָס דער ביאַלער רב האָט אויס־גערופן אויף די ביאַלער ציוניסטן. אַ ביאַלער חסיד האָט דער־לאַנגט דעם רב אַ העפט פון זשורנאַל „אל על״, אַן אויסגאַבע פון השומר־הצעיר, אין וועלכן דער חסיד האָט אַנטדעקט עפּעס אַ „געוואַלדיקע אַפּיקורסות״ אַ שיר פון ד. שמעונו־וויטש—שמעוני. דער רב האָט נישט לאַנג געקלערט און אין אַ געוויסן טאָג אַרויסגעשיקט דעם בית־המדרש־שמש יואלן קלאַפּן מיטן האַמער איבער די ייִדישע הייזער און רופן דעם עולם אין בית־המדרש אַריין. ביי אַ געפּאַקטן בית־המדרש מיט רעליגיעזע ייִדן און סתם נייגעריקע, האָט מען אָנגעצונדן ליכט און נאָך אַ קורצער דרשה פון רב, וועלכער האָט מחרים געווען די ביאַלער ציוניסטן, האָט דער שמש, אויפן רבס באַפעל, געבלאָזן שופר און מיט דעם פאַרענדיקט די חרם־צערעמאָניע.

ווער ס׳האָט געקאָנט די אַמאָליקע ביאַלע קאָן זיך פאָר־שטעלן וואָס אַזאַ חרם־אַקט פון ביאַלער רב ש. ל. ז״ק וואָלט באַדייט אין די צייטן פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. איצט אָבער האָט די חרם־צערעמאָניע געהאַט אַ גאַנץ שוואַכן אָפּקלאַנג ביי דער באַפעלקערונג.

די ייִדישע פאַרטייען האָבן געפירט לעגאַל זייער טעטיקייט און יעדע האָט אויף איר שטייגער אַקטיוויזירט איר איינפלוס־קרייז. יעדע פאַרטיי האָט פאַרלייגט אַ ביבליאָטעק און אין שטאָט איז געווען אַ גרויסע מאַסע לייענערס וואָס האָט גע־נאָסן פון אָט די ביבליאָטעקן. אין שטאָט האָבן עקסיסטירט דראַמאַטישע קרייזן, וואָס פלעגן אָפט געבן גאַנץ געלונגענע אויפפירונגען. ס׳איז געוואַקסן אַ באַוווסטזיניקע יוגנט, וואָס האָט אַקטיוו אָנטיילגענומען אין אַלע פּאָליטישע ריכטונגען, און האָט זיך געריסן צו בילדונג און וויסן.

דער לעבנס־ניוואָ איז געשטיגן. ס׳זענען פאַרשוווּנדן די אַלקער־דירות, און כמעט יעדע משפּחה האָט זיך געהאַט איר באַזונדערע וווינונג. כדי חתונה צו מאַכן אַ קינד האָט מען געמוזט פריער צוגרייטן אַ לייטישע וווינונג און געהעריקע שטוב־מעבל, נישט רעדנדיק וועגן אַ לייטישן אויסשטייער. ס׳זענען לגמרי פאַרשוווּנדן די צייג־און ציץ־הלבשה און די האַמבורסקע שטיוול. זייער אָרט האָבן פאַרנומען עלעגאַנטע אָנצוגן און קליידער. די דערנערונג פון דער באַפעלקערונג האָט זיך אָן אַן ערך געבעסערט. אין ס׳רוב הייזער פלעגט מען טאָג־טעגלעך פאַרברויכן ווייס געבעקס און פלייש. ס׳האָט אויפגעהערט דאָס גיין מיטן טעפּעלע צום גביר נאָך אַ ביסל יויך פאַר אַ קראַנקן. דער ייִדישער אַרבעטער און בעל־מלאָכה האָבן אויפגעהערט האָרעווען פון זון־אויפגאַנג ביז זון־פאַרגאַנג.

איז דעריבער טאַקע זייער ווייטאָגלעך געווען צו זען ווי די עקסטערמינאַציע־פּאָליטיק פון דער פּוילישער רעגירונג קעגן דער ייִדישער באַפעלקערונג האָט געצוווּנגען אַראָפּצוני־דערן אָן אויפהער דעם לעבנס־ניוואָ. די עקאָנאָמישע פּעטליע איז וואָס אַמאָל ענגער געוואָרן אַרום דעם ייִדישן האַלדז. די ערשטע סימנים פון אָט דער אקציע קעגן ייִדן איז געווען די גראַבסקי־פּאָליטיק, וואָס האָט אָנגעהויבן אויסצולייִדיקן די ייִדישע הייזער פון זייער האָב־און־גוטס.

מיטן עמיגראַציע־שטראָם, וואָס האָט זיך דעמאָלט אויפגע־הויבן אין פּוילן זענען אויך מיטגעריסן געוואָרן אַ סך ביאַלער, און ווידער דער עיקר די יוגנט. דאָסמאָל זענען שוין די טויערן פון די פאַראייניקטע שטאַטן געשלאָסן געווען פאַר עמיגראַנטן, און די אויסוואַנדערונג איז אַוועק אין די לענדער פון דרום־אַמעריקע, פראַנקרייך, בעלגיע, קאַנאַדע, מעקסיקע, קובא. אַ גרויסער פּראָצענט פון ביאַלער עמיגראַנטן איז עולה געווען קיין ארץ־ישראל.

חוץ דער עמיגראַציע קיין אויסלאַנד קומט פאָר אַן אָפּפלוס פון ביאַלער קיין וואַרשע און אַנדערע גרעסערע שטעט, ווו ס׳איז לייכטער צו באַקומען אַרבעט. ס׳זענען אַוועק די אַק־טיווסטע עלעמענטן פון אַלע פאַרטייען און אין רעזולטאַט דערפון קומט טאַקע פאָר אַ ירידה אין געזעלשאַפטלעכן לעבן אין שטאָט.

נאָך דער פּילסודסקי־איבערקערעניש, אין מאַי 1926, טרעט איין עטוואָס אַ פאַרלייכטערונג אין דער עקאָנאָמישער לאַגע פון דער ייִדישער באַפעלקערונג, אָבער דאָס איז נאָר געווען אַ קורצע אָטעם־פּויזע. דער אַלגעמיינער ווירטשאַפטלעכער קריי־זיס פון יאָר 1930 וואָס האָט זיך אָפּגערופן אויף פּוילן האָט נישט אויסגעמיטן ביאַלע. אַ פּאָר גרויסע שטאָטישע האָלץ־סוחרים האָבן באַנקראָטירט און מיט זיך מיטגעשלעפּט אין תהום פון דלות אַ סך פאַמיליעס און דערפירט צו דער ליק־ווידאַציע אַזש פון צוויי קרעדיט־אינסטיטוציעס אין שטאָט.

די פאַרדרענגונגס־פּאָליטיק פון די סאַנאַציע־הערשערס קעגן ייִדן האָט שוין געזאָרגט דערפאַר, אַז די ייִדישע באַפעל־קערונג זאָל צו זיך נישט קומען פון אָט דעם ווירטשאַפטלעכן קריזיס. צוזאַמען מיטן גאַנצן פּוילישן ייִדנטום זינקט אויך דאָס ביאַלער ייִדנטום אין ווירטשאַפטלעכן תהום, וואָס האָט כמעט פאַראַליזירט דאָס ייִדישע געזעלשאַפטלעכע לעבן אין שטאָט. דער ייִדישער באַפעלקערונג האָט אַרומגעכאַפּט אַן אַפּאַטיע און רעזיגנאַציע.

דער ייִדישער קרעמער האָט פאַרלוירן דעם קריסטלעכן פדיון, דער ייִדישער בעל־מלאָכה האָט נישט באַקומען קיין אַרבעט ביי די קריסטן, און ייִדן פון ייִדן האָבן זיך נישט גע־קאָנט מפרנס זיין. כדי צוצואיילן דעם פּאַופּעריזאַציע־פּראָצעס פון די ייִדישע מאַסן האָט דער שטייער־אַמט באַלייגט די ייִדישע אונטערנעמונגען מיט הויכע שטייערן, און אַזוי אַרום סיסטעמאַטיש ליקווידירט איין אונטערנעמונג נאָך דער צווייטער.

אין אָט די יאָרן פלעגט מען מיט בענקשאַפט דערמאָנען די שטייער־באַלאַסטונג, וואָס די ייִדן האָבן געהאַט אויסצו־טראָגן בעת דעם צאַרישן רעזשים. אַז מ׳פלעגט זיך דערמאָנען, אַז די הייך פון די דעמאָלטיקע שטייערן האָבן געהאַט די ווערט פון אַ טלית, אָדער פון אַ פּאָר לייכטער, וועלכע דער סעקוועסטראַטאָר קשימאָווסקי פלעגט סעקוועסטרירן אין פאַל פון נישט באַצאָלן די שטייערן, האָט דאָס איצט ממש קאָמיש אויסגעזען. איצט, אַז די פּוילישע שטייער־אַמטן פלעגן צונעמען

גאַנצע דירה־איינריכטונגען, איז נאָך דער ייד אַלץ געבליבן אַ בעל־חוב צום שטייער־אַמט.

די יידישע יוגנט האָט זיך געפונען אין אַן אויסזיכטלאָזער לאַגע: די אַרבעטער־יוגנט האָט נישט געהאַט קיין סטאַבילע באַשעפטיקונג, און אויב זי האָט שוין יאָ געאַרבעט, זענען די פאַרדינסטן געווען מינימאַלע. די שטודירנדיקע יוגנט איז נישט צוגעלאָזן געוואָרן אין די הויך־שולן. האָט טאַקע די שטאָט געהאַט אַן אַרמיי פון „גאַסן־מעסטערס", ווי מ'האָט דעמאָלט אָנגערופן די אַרבעטסלאָזע יוגנט.

אין דעם קלאָגעדיקן עקאָנאָמישן מצב איז די יידישע באַפעלקערונג נישט געווען מסוגל אויסצוהאַלטן מיט אייגענע כוחות אַוועלכע ס'איז אינסטיטוציע. אין שטאָט זענען טעטיק געווען עטלעכע סאָציאַלע מוסדות, וואָס האָבן אין אַ זייער באַגרענעצטער מאָס געהאָלפן די אָרעמע שיכטן פון דער באַפעלקערונג.

דער יידישער שפּיטאָל, דער שטאָלץ פון דער יידישער באַפעלקערונג, איז מער געווען געשלאָסן ווי אָפן, ווייל ס'זענען נישט געווען קיין מיטלען אים אויסצוהאַלטן. האָט מען דערהאַלטן עטלעכע הונדערט דאָלאַר פון די לאַנדסלייט אין אַמעריקע האָט מען געעפנט דעם שפּיטאָל, האָט זיך אויסגעשעפּט די אויסלענדישע שטיצע האָט זיך דער שפּיטאָל געשלאָסן.

זענען אַ סך משפחות געוואָרן „קליענטן" פון דעם „בית־לחם", ווו מ'האָט יעדן פרייטיק־פאַרנאַכט צוגעטיילט אַ חלה פון די אויפגעזאַמלטע חלות צווישן דער באַפעלקערונג, און וואָס מער יידישע קינדער האָבן געגעסן פון דער הילף פון דער געזעלשאַפט „טאָז".

א טייל פון דער יידישער יוגנט האָט אין זיין פאַרביטערונג געפונען אַ וועג צו דער קאָמוניסטישער באַוועגונג.

אין זיין מאָנאָגראַפיע וועגן ביאַלער קרייז גיט אָן דער מחבר ב. גורני (געוועזענער וויצע־סטאַראָסטע אין ביאַלע), אַז די יידן בילדן 39.34 פראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אין קרייז. דער מחבר, פאַרשטייט זיך, גיט זיך נישט די קלענסטע מי צו אַנאַליזירן די סיבות פון אָט דעם פאַקט. פאַר אים איז גענוג, אַז ער קאָן שטעמפּלען די יידישע באַפעלקערונג ווי אַן אינקורבאַטאָר פון קאָמוניסטן. צוליב מאַנגל פון געהעריקן מאַטעריאַל וועלן מיר נישט אָפּווענדן די צאָל וואָס ס'גיט אָן דער מחבר, מיר ווילן בלויז פעסטשטעלן, אַז דיווירטשאַפטלעכע עקסטערמינאַציע־פּאָליטיק און דער אַנטיסעמיטישער קורס פון די פוילישע הערשערס זענען געווען די הויפּט גורמים צו דער גרויסער צאָל קאָמוניסטיש־געשטימטע יידן.

פון דער קאָמוניסטישער זייט האָט מען געפירט אַ פּראָפּאַגאַנדע, וואָס האָט פאָרגעשטעלט דעם סאָוויעטן־פאַרבאַנד ווי אַ גן־עדן פאַר דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס ווייסט דאָרט נישט פון קיין שום באַגרענעצונגען, לעבט זיך אויס פריי און גלייכבאַרעכטיקט ווי אַלע אַנדערע בירגער פון רוסלאַנד.

וועגן דער באַציאונג פון מאַגיסטראַט צו דער יידישער באַפעלקערונג, וועלן מיר ציטירן עטלעכע פאַקטן.

די שטאָט־פאַרוואַלטונג פון ביאַלע, ווו די יידישע באַפעלקערונג האָט אין יאָר 1938 נאָך אויסגעמאַכט קרוב 40 פראָצענט, האָט געוווסט איינס: יידן דאַרפן אָנפילן די שטאָט־קאַסע, אָבער קיין שום עקוויוואַלענט פון שטאָט־בודזשעט דאַרפן זיי נישט באַקומען.

דער אָנטייל פון דער 40־פראָצענטיקער יידישער באַפעלקערונג אין דער הכנסה־זייט פון בודזשעט איז געווען אַ סך גרעסער פון דעם אָנטייל פון דער איבעריקער 60 פראָצענטיקער קריסטלעכער באַפעלקערונג. דערצו האָט די יידישע באַפעלקערונג, וואָס איז אין שטאָט געווען דער רוב פון די קרעמערס און בעלי־מלאכות, נאָך געצאָלט, אַ חוץ די דירעקטע שטייערן צו דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, אומדירעקטע שטייערן דורך דער מלוכה־קאַסע, אין דער פאָרעם פון צוגאָבן לטובת די שטאָט־פאַרוואַלטונגען ביים אויסקויפן די האַנדלס־ און מלאכה־פאַטענטן. ווען ס'איז אָבער געקומען צום באַשעפטיקן יידן אין מאַגיסטראַט, האָט די שטאָט־פאַרוואַלטונג, נאָך לאַנגע קאַמפן מצד די יידישע ראַטמענער, באַוויליקט צו באַשעפטיקן צוויי יידישע באַאַמטע (פון וועלכע איינער איז שפּעטער באַזייטיקט געוואָרן) און אַ צוויי־דריי יידישע שטייער־אינקאַסענטן.

אויף דער אַלגעמיינער הוצאות־סומע פון 270 טויזנט זלאָטעס אין פּרעלימינאַר־בודזשעט פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג אויפן יאָר 1933/4, איז פאָרויסגעזען פאַר יידישע צוועקן נישט מער ווי —.10550 זלאָטעס, ד"ה בערך 3,9 פראָצענט פון דער אַלגעמיינער הוצאה־סומע (פאַרן מושב־זקנים 6500 זל.; פאַר דער „תרבות"־ביבליאָטעק 100 זל.; פאַר דער „קולטור־ליגע"־ביבליאָטעק 100 זל.; פאַר דער גמילות־חסד־קאַסע 500 זל.; פאַר „טאָז" 300 זל.; פאַר ייוואָ 50 זל.; צו דעקן די הערצאות פאַר קראַנקע אין יידישן שפּיטאָל 3000 זל.). און אַפילו אָט דעם מינימאַלן עקוויוואַלענט האָט די שטאָט־פאַרוואַלטונג נישט אויסגעצאָלט לייכט, און מיט שוועריקייטן איז אויסגעקומען יעדעס מאָל אַרויסצורייסן אַ וועלכע ס'איז סומע פון דער מאַגיסטראַט־קאַסע אויפן חשבון פון אָט די סובסידיעס.

ביים דערמאָנען דאָ דעם מאַגיסטראַט, וועלן מיר אָנגעבן די נעמען פון די יידישע ראַטמענער.

די יידישע רעפּרעזענטאַנץ אין ערשטן געוויילטן שטאָט־ראַט איז באַשטאַנען פון פאָלגנדיקע 15 ראַטמענער: משה רובינשטיין און משה קאַווע (ציוניסטן); גדליהו בראַווערמאַן, משה ראַדזינעק, נחום וואָרעק, מ. האָכמאַן, חיים בראָדאַטש און געלטמאַן („בונד"); יונה שטיינמאַן און יוסף זינגער (פועלי־ציון); ישראל ביאַלער, משה חיים וויזנפעלד, זושע ראָזען און משה מלך זילבערבערג („אגודה"); משה לעבנבערג (אומפאַרטייאישע).

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די יידן האָבן געבילדעט אַ מערהייט אין שטאָטראַט, האָבן זיי דאָך נישט באַוויזן אויסצווײַלן אַפילו אַ יידישן וויצע־בירגערמייסטער און האָבן זיך געמוזט באַנוגענען מיט צוויי יידישע לאַווניקעס. דאָס איז אפשר געשען צוליב דער האַלטונג פון די בונדישע ראַטמענער, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו קאָאָפּערירן מיט די איבעריקע

יידישע ראַטמענער. ס׳איז אָבער אַ פראַגע צי די מאַכט וואָלט באַשטעטיקט די וואַל פון אַ יידישן וויצע־בירגערמייסטער.

ביי די וואַלן צום צווייטן שטאָטראַט אין יאָר 1923 זענען אויסגעוויילט געוואָרן 13 יידישע ראַטמענער: יעקב אהרן ראָזנבוים, יואל זילבערבערג און ישראל כהן (ציוניסטן); ברוך ווינאָגראַד און מנשה צעשינסקי (האַנטווערקער־פאַראיין); אליעזר צעלניקער און משה קראַמאַרזש (לאָקאַטאָרן־פאַראיין); אייזיק שיינבערג, ישראל ביאַלער, זושע ראָזען, דוד ווייסמאַן, חיים לוי רובינשטיין און יצחק לעווי („אגודה״).

אויך אין צווייטן שטאָטראַט, ווו די יידן האָבן געהאַט אַ מערהייט איז נישט אויסגעוויילט געוואָרן קיין יידישער וויצע־בירגערמייסטער און מ׳האָט דער יידישער פאָרשטייערשאַפט צוגעטיילט דעם אַמט פון אַ לאַווניק פאַרן ראַטמאַן ישראל כהן. ס׳איז היינט שווער צו זאָגן, צי די יידישע רעפּרעזענטאַנץ האָט געפּרוווט אַרויסשטעלן ביי די וואַלן פון אַ וויצע־בירגערמייסטער אַ יידישן קאַנדידאַט, אָדער זי האָט מוותר געווען אויף אַזאַ שריט, ווויסנדיק פאָרויס, אַז די מאַכט וועט נישט באַשטעטיקן די וואַל פון אַ יידישן וויצע־בירגערמייסטער. אויך בעת דער קאַדענץ פון אָט דעם שטאָטראַט, אַזוי ווי אין ערשטן שטאָטראַט, האָט די יידישע רעפּרעזענטאַנץ נישט געקאָנט דערגרייכן עפּעס פּאָזיטיווס, אויסער נישטיקע סומעס, ווי סובסידיעס פאַר עטלעכע יידישע מוסדות אין שטאָט.



חברי מועצת העיר שנבחרה בשנת 1927.

די מיטגלידער פון שטאָטראַט, וואָס איז געוויילט געוואָרן אין יאָר 1927. פון לינקס זיצט דער ערשטער — יצחק פּיזשיץ, דער פערטער — בירגערמייסטער זאַקשעווסקי; שטייען: דער צווייטער — אברהם סטריכער, דער פערטער — ישראל גאָלדשטיין, דער זעקסטער — ברוך ווינאָגראַד, דער אַכטער — וואָלוויש ווייצמאַן, נאָך אים — חיים לוי רובינשטיין, דוד ווייסמאַן, דער צווייטער רעכטס — עמיל ווייַנבערגער.

Members of Town Council elected 1927.

צום דריטן שטאָטראַט, וואָס איז געוויילט געוואָרן אין יאָר 1927 איז די יידישע פאָרשטייערשאַפט רעדוצירט געוואָרן אויף 7 ראַטמענער. די מאַכט־אָרגאַנען האָבן זיך שוין באַמיט אַזוי צוצושניידן די וואַל־אָרדינאַציע, אַז אין שטאָטראַט זאָל זיך שוין מער נישט געפינען קיין יידישע מערהייט. צוגעהאָלפן צו דער פאַרקלענערונג פון דער יידישער רעפּרעזענטאַנץ האָט אויך די צעשפּליטערונג אויף דער יידישער גאַס.

ס׳זענען דעמאָלט געוויילט געוואָרן: ישראל גאָלדשטיין (ציוניסטן); ברוך ווינאָגראַד און אברהם סטריכער (האַנטווערקער־פאַראיין); דוד ווייסמאַן און וואָלף ווייצמאַן (קליינהענדלער־פאַראיין); חיים לוי רובינשטיין („אגודה״); יצחק פּיזשיץ (סוחרים־פאַראיין).

אין אָט דעם שטאָטראַט האָט זיך געפונען נאָך איין יידישער ראַטמאַן, איינער אַ עפּעלבוים, וואָס האָט אָבער נישט רעפּרעזענטירט די יידישע אינטערעסן, ווייל ער איז דערוויילט געוואָרן פון דער קאָמוניסטישער רשימה. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין שום געמיינזאַמס מיט די איבעריקע יידישע ראַטמענער. נאָך אַ קורצער צייט האָט ער עמיגרירט קיין אויסלאַנד און אויף זיין אָרט איז אַריין אין שטאָטראַט אַ קריסט.

די קריסטלעכע מערהייט אין שטאָטראַט האָט אויך דאָסמאָל באַוויליקט צוצוואַרפן די יידן דעם אַמט פון אַ לאַווניק, וועלכן ס׳האָט פאַרנומען עמיל ווייַנבערגער (געשטאַמט פון גאַליציע.

אין יאָר 1934 זענען פאָרגעקומען וואַלן צום פערטן שטאָטראַט. ווידער איז די יידישע פאָרשטייערשאַפט איינגעשרומפּן געוואָרן. דערצו האָבן גורם געווען די פאַרשיידענע נייע ענדערונגען אין דער וואַל־אָרדינאַציע, ווי דאָס אָנשליסן צו דער שטאָט דאָרפישע שטחים, וואָס האָבן פריער אָנגעהערט צו דאָרפישע געמיינדעס, און דאָס געבן וואַלרעכט די פּראָפעסיאָנעלע מיליטער־לייט אין שטאָט.

דעמאָלט זענען אויסגעוויילט געוואָרן 5 יידישע ראַטמענער: ברוך ווינאָגראַד און אברהם סטריכער (האַנטווערקער־פאַראיין); יצחק לעווי און דוד ווייסמאַן (קליינהענדלער־פאַראיין); חיים לוי רובינשטיין (גערער חסידים).

ס׳איז כדאי צו באַמערקן, אַז די יידישע פּאַרטייען, אויף וויפל אַזעלכע האָבן זיך באַטייליקט אין די וואַלן האָבן נישט דערגרייכט קיין איין מאַנדאַט. כמעט אַלע געוויילטע יידישע ראַטמענער האָבן פאַרטראָטן די אינטערעסן פון די יידישעווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס אין שטאָט. דאָס באַווייזט, אַז די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך געזען געצוווּנגען צו פאַרטיידיקן ראשית־כל אירע עקאָנאָמישע נויטן.

אין יאָר 1938 זענען פאָרגעקומען די לעצטע שטאָטראַט־וואַלן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. די יידישע באַפעלקערונג האָט אַרויסגעוויזן אַ פּאָלשטענדיקע גלייכגילטיקייט צו אָט די וואַלן. דער אַנטווערקער־פאַראיין און דער קליינהענדלער־פאַראיין האָבן אַרויסגעשטעלט אַ געמיינזאַמע רשימה, פון וועלכער ס'זענען געווילט געוואָרן בלויז 3 ראַטמענער: אברהם סטריכער, משה ראַדזינעק און אַדוואָקאַט ל. גאָלדפאַרב.

די ירידה פון דער יידישער פאָרשטייערשאַפט פון ערשטן געווילטן שטאָטראַט ביזן לעצטן, באַטרעפט גאַנצע 80 פּראָצענט, אין דער צייט, ווען די פאַרקלענערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג לגבי דער קריסטלעכער אין אָט דער תקופה מאַכט אויס נאָר 16 פּראָצענט. מיר זעען בולט ווי ווייט די מאַכט־אָרגאַנען זענען אַוועק אין זייערע באַמיאונגען צו פאַרקלענערן די יידישע רעפּרעזענטאַנץ אין שטאָטראַט, הגם אין דער צייט, ווען זי איז אַפילו נומעריש גרויס געווען, איז איר השפּעה אויף דער פירונג פון די שטאָט־אינטערעסן אויך געווען אַ מינימאַלע. מ'האָט אָבער געוואָלט נישט נאָר עוקר זיין אָוועלכע ס'איז יידישע השפּעה אויף דער שטאָט־ווירטשאַפט, נאָר אויך געשטרעבט אויפן רעפּרעזענטאַטיוון געביט פון דער שטאָט צו באַזייטיקן דעם מינדסטן יידישן אַנטייל.

די קהילה

די ערשטע געווילטע קהילה־אינסטאַנצן (ראַט און פאַרוואַלטונג) אין ביאַלע זענען אַנטשטאַנען אין יאָר 1924. די יידישע באַפעלקערונג האָט אין עפנטלעכע וואַלן געווילט אירע פאָרשטייערס אין דער קהילה. אין אָט די וואַלן, ווי אויך אין די ווייטערדיקע וואַלן, האָבן אָנטיילגענומען די פּאָליטישע פּאַרטייען און ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס אין שטאָט. די אַרבעטער־פּאַרטייען האָבן זיך קיינמאָל נישט באַטייליקט אין די וואַלן צו דער קהילה.

לײדער באַזיצן מיר נישט דעם געהעריקן אַרכיוואַלן מאַטעריאַל, כדי צו באַלייכטן דאָס קאַפּיטל ביאַלער קהילה. מיר וועלן דעריבער זיך באַמיען צו שאַפן אַ בילד פון איר טעטיקייט, לויט פּרטים וואָס זענען אונדז געבליבן אין זכרון, אויפן סמך פון אויפקלערונגען פון געוועזענעם קהילה־סעקרעטאַר, ברוך ווינאָגראַד (אין ישראל) און אויפגעקליבענע נאָטיצן פון דער פּרעסע, וואָס איז בשעתו דערשינען אין שטאָט.

דאָס געזעץ וועגן די קהילות, וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן דורך דער פּוילישער רעגירונג, האָט זיך באַוואָרנט, אַז די טעטיקייט פון די קהילות זאָל נישט אַרויסגיין פון די ראַמען פון אַ רעליגיעזער אינסטיטוציע. ביי אַ געהעריקער האַרמאָנישער צוזאַמענאַרבעט צווישן די דאַזאָרעס, האָט די קהילה דאָך געקאָנט אויפטאָן עפּעס ממשותדיקעס אויף אַ סך געביטן פון יידישן לעבן.

אין די ביאַלער קהילה־אינסטאַנצן זענען די כוחות־פאַרהעלטענישן צווישן די פאָרשטייערס פון די רעליגיעזע און די איבעריקע דאַזאָרעס תמיד געווען אַ גלייכע. די דאַזאָרעס פון רעליגיעזן פליגל פלעגן זיך באַמיען, אַז אין בודזשעט־פּרעלימינאַר זאָלן ראשית־כל באַפרידיקט ווערן די רעליגיעזע הצטרכותן. צוהילף האָבן זיי געהאַט דאָס קהילה־געזעץ, און ס'איז זיי נישט נייטיק געווען צו פירן וועלכן ס'איז קאַמף. אָט די דאַזאָרעס זענען נישט פאַראינטערעסירט געווען אין אַ גרויסן עטאַט, און נישט געוואָלט, אַז זייערע וויילערס זאָלן האָבן צו זיי טענות צוליב אַ גרויסן עטאַט־אָפּצאָל. צום דעקן די הוצאות פון די רעליגיעזע באַדערפענישן האָט געקלעקט די הכנסה פון דער שחיטה און וויפל ס'איז נישט אַריינגעקומען פון עטאַט.

די עיקר הכנסה־מקורות פון דער קהילה זענען געווען פון עטאַט און פון דער שחיטה, אָבער אין ביידע פאַלן זענען די הכנסות געווען נידעריקער ווי זיי האָבן געדאַרפט זיין אין דער ווירקלעכקייט. געווען דאַזאָרעס, וואָס האָבן זיך געגעבן די מי, אַז זייערע קרובים, באַקאַנטע און קליענטן זאָלן נישט, חלילה, „באַוואָלהט" ווערן ביי דער עטאַט־אויסמעסטונג. האָבן טאַקע די גבירים געצאָלט נישטיקע סומעס, און דאָס אויך מיט אָפּשלעפּעניש.

מיר גיבן דאָ אַ רשימה פון עטאַט־צאָלערס, ווי מיר האָבן זי אָפּגעפונען אין „ביאַלער וואָכנבלאַט", נומער 29, פון 23.7.1937:

צאָל עטאַט־צאָלערס	סכום פון יערלעכן עטאַט זל.
159	5
130	10
41	15
62	20
28	25
30	30
2	35
20	40
28	50
12	60
25	75
13	100
10	125
11	150
1	175
1	200
1	225
3	250
4	300
2	350
1	600
ס"ה 584	18465

פון דער אויבנדיקער רשימה פון די עטאַט־צאָלערס, איז צו דרינגען, אַז די צאָל בנעמט נישט אַרום אַלע וואָס האָבן געדאַרפט צאָלן דעם עטאַט. ס'איז זיך נישט פאַרצושטעלן, אַז ביי אַ באַפעלקערונג פון העכער 7000 נפשות זאָלן נישט

זיין מער ווי 584 עטאַט־צאָלערס, וואָס מאַכט אויס נישט מער ווי 8.3 פראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל פון דער יידישער באַפעלקערונג. ווען מיר זאָלן אָננעמען דעם דורכשניט פון 5 פערזאָן פאַר דער גרויס פון אַ משפחה, קומט אויס אַז אין שטאָט האָבן זיך געפונען בערך 1400 משפחות, און פון אָט דער צאָל האָבן העכער 60 פראָצענט נישט געצאָלט קיין עטאַט. דאָס האָט זיך גענומען דערפון, וואָס די קהילה האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין גענויעם רעגיסטער פון דער יידישער באַפעלקערונג.

מיר זעען אויך, אַז אָנהייבנדיק פון 100 זלאָטעס אַ יאָר און העכער איז די צאָל פון די צאָלערס אַ נישטיק מינימאַלע. אַפילו ביי דער שווערער ווירטשאַפטלעכער לאַגע האָבן זיך נאָך געפונען אין שטאָט אַ פיל גרעסערע צאָל יידן, וואָס האָבן געקאָנט צאָלן אַ העכערן עטאַט ווי 100 זל. דאָס באַרעכטיקט אונדזער פעסטשטעלונג אַז די גבירים זענען אָפגעקומען מיט נישטיקע סומעס לטובת דער קהילה.

אַ שווערן קאַמף האָבן געפירט די פאַרוואַלטונגס־פאָרזיצערס בנימין קליגער און פנחס נאָרטמאַן פאַר איינפירן אַ געהעריקע עטאַט־באַשטייערונג פון דער באַפעלקערונג און פאַר אויפשטעלן אַ רעאַלן בודזשעט, אין וועלכן, אויסער די רעליגיעזע באַדערפענישן, זאָלן באַפרידיקט ווערן אויך אַנדערע געביטן פון יידישן לעבן. ס'איז זיי אָבער נישט געלונגען צו באַקומען אַ מערהייט פאַר זייערע פאָרשלאַגן.

אַ גאָר לאַנגע צייט האָבן די ציוניסטישע און האַנטווערקער־פראַקציעס געפירט אין דער קהילה אַ פאַרביטערטן קאַמף פאַר איבערנעמען די שחיטה דורך דער קהילה. די שוחטים האָבן נישט געוואָלט אַרויסלאָזן אַזאַ רענטאַבל עסק פון זייערע הענט, און צוהילף די שוחטים זענען געקומען די „אגודה"־דאַזאָרעס. און אַז די שחיטה איז שוין סוף־סוף אַריבער צו דער קהילה, האָבן די שוחטים געטריבן אַן אומאויפהערלעכן סאַבאָטאַזש.

אָט לייענען מיר אין דער שטאָטישער פרעסע:

„די שוחטים האָבן געשאָכטן אָן קהילה־קוויטלעך, ווייל די קהילה וויל זיי נישט מוסיף זיין. דער רב איז מסכים צום באַשלוס פון קהילה־ראַט און פאַרוואַלטונג אָפצושטעלן דעם שוחט י. אויף 2 חדשים אין זיין טעטיקייט אָן שכירות. ווי אַ פראָטעסט האָבן די שוחטים פאַרשטרייקט איין טאָג און נאָך דער התראה פון רב איבערגעריסן דעם שטרייק" („פאָדלאַסיער לעבן", נומער 6 פון 31.12.1926).

„געקנסנט דעם שוחט פ. מיט 100 זלאָטעס פאַר שעכטן עופות אָן קוויטלעך פון קהילה" („פאָדלאַסיער לעבן", נומער 29/145, פון 27.7.1934).

די אַלע שטראָפן האָבן אָבער ווייניק וואָס געהאָלפן, ווייל די שוחטים האָבן געהאַלטן, אַז די שחיטה איז זייערע אַ פריוואַטע אונטערנעמונג, און קיינער האָט נישט קיין רעכט זיך צו מישן אין די ענינים.

אין יאָר 1932 האָט אַ שוחט באַקומען וועכנטלעכע שכירות פון דער קהילה אין דער הייך פון 75 זלאָטעס. צו דעם פלעגן זיי באַקומען אַ גאַנצע וואָך פלייש אומזיסט. ווען מ'נעמט אין אַכט, אַז דער קוואַליפיצירטסטער אַרבעטער האָט אין יענע יאָרן פאַרדינט בערך 30 זלאָטעס אַ וואָך, קאָן מען באַגרייפן אויף ווי ווייט די שוחטים זענען „באַעוולהט" געוואָרן דורך דער קהילה.

די קהילה־ווירטשאַפט איז געפירט געוואָרן נאַכלעסיק און די קהילה איז געווען פאַרזונקען אין חובות. אָט לייענען מיר אין „פאָדלאַסיער לעבן", נומער 19/51, פון 23.9.1932, אַז דער אינווענטאַר פון דער קהילה איז ליציטירט געוואָרן פאַר 70 זלאָטעס צוליבן חוב אין דער הייך פון 1200 זלאָטעס, וואָס די קהילה איז שולדיק צום מלוכהשן אַנשטאַלט פאַר פאַרזיכערונג פון אָנגעשטעלטע („זופו").

מיר ווילן דאָ אָנפירן עטלעכע ציפערן פון די קהילה־בודזשעטן, וואָס מיר האָבן געפונען אין דער שטאָטישער פרעסע.

דער רב באַקומט אין יאָר 1927 אַ געהאַלט פון 600 זלאָטעס אַ חודש און 500 זלאָטעס אַ יאָר דירה־געלט („פאָדלאַסיער לעבן", נומער 23, פון 16.9.1927).

דער פרעלימינאַר־בודזשעט אויפן יאָר 1933 באַטרעפט 75000 זלאָטעס. די הכנסות זענען פאָרויסגעזען פון פאָלגנדיקע מקורות: פון נאָך־נישט איינגעמאָנטן עטאַט פאַרן יאָר 1932 — 8500 זלאָטעס. פון בית־החיים — 3500 זלאָטעס, פון די קהילה־הייזער — 7000 זלאָטעס, פון עטאַט פאַרן יאָר 1933 — 16000 זלאָטעס און פון דער שחיטה — 40000 זלאָטעס.

צווישן די הוצאה־פאָזיציעס פיגורירן: פאַרן שפיטאָל — 10000 זלאָטעס, פאַר די גמילות־חסד־קאַסעס — 600 זלאָטעס, פאַר „טאָז" — 500 זלאָטעס, פאַר די ביבליאָטעקן פון „תרבות" און „קולטור־ליגע" — 200 זלאָטעס, פאַר תלמוד־תורה — 5500 זלאָטעס, פאַר קרן־קיימת און קרן־היסוד — 200 זלאָטעס („פאָדלאַסיער לעבן", נומער 5/70, פון 3.2.1933).

די אויבן־אָנגעגעבענע הוצאות באַטרעפן 17000 זלאָטעס. וואָס פאַר אַ הוצאות זענען דאָס פרעלימינירט געוואָרן אויף דער איבעריקער סומע, וואָס באַטרעפט גאַנצע 58000 זלאָטעס? דעם גרעסטן טייל פון אָט דער סומע האָט פאַרשלונגען דאָס אויסהאַלטן די כלי־קודש, און אַ נישטיקע סומע איז פאַרנוצט געוואָרן אויף שכירות פאַרן ביוראָ־פערסאָנאַל, וואָס איז געווען זייער אַ קליינער; ער איז באַשטאַנען פון: ברוך ווינאָגראַד — סעקרעטאַר, שלמה האָכבערג און יחיאל הייבלום — באַאַמטע.

פון די געבראַכטע בודזשעט־ציפערן זעען מיר אַלזאָ, אַז פאַר קולטורעלע צוועקן האָט די קהילה אַסיגנירט פון איר בודזשעט 0.27 פראָצענט; אויף סאָציאַלע צוועקן — 14.80 פראָצענט, אָבער פאַר די כלי־קודש און תלמוד־תורה, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ זייער נידעריקן ניוואָ, און שוין צורעכענענדיק די קליינע הוצאה פון אויסהאַלטן די קהילה־ביוראָ, אַזש 84.66 פראָצענט פון פרעלימינאַר־בודזשעט.

מ'דאַרף דערביי באַמערקן, אַז די פרעלימינירטע הוצאות פאַר די כלי־קודש זענען תמיד אויסגעצאָלט געוואָרן אין הסכם מיטן פרעלימינאַר־בודזשעט, דאַקעגן אָבער זענען די סובסידיעס כמעט קיינמאָל נישט אויסגעצאָלט געוואָרן אין דער פרעלימינירטער הייך. דער בעסטער באַווייז דערפאַר איז דער קלאָגעדיקער מצב פון יידישן שפיטאָל, וואָס איז געווען מער

געשלאָסן ווי טעטיק, ווייל ער האָט קיינמאָל נישט באַקומען די פרעלימינירטע סומעס.

בלויז די עטלעכע געבראַכטע ציפערן פון קהילה־בודזשעט פאַרן יאָר 1933 גיבן אַ בילד פון דער טעטיקייט פון דער קהילה. איז דעריבער קיין וווּנדער נישט וואָס אין שטאָט האָט די קהילה נישט געהאַט קיין שום השפּעה און אויטאָריטעט אַפילו אין ענינים, וואָס זענען געווען אין איר קאָמפּעטענץ. אַזוי האָבן די קצבים אין יאָר 1927 געמאַכט יד־אחת און האָבן ווילקירלעך געהעכערט דעם פּרייז פון כשר פליייש: 3 זלאָטעס פאַר אַ קג. קאַלבפליייש און 3.50 זלאָטעס פאַר אַ קג. רינדפליייש. נאָר מיט דער אַריינמישונג פון דער מאַכט ,זענען די פרייזן פון כשר פליייש פעסטגעשטעלט געוואָרן אויף: 1.80 זלאָטעס פאַר אַ קג. קאַלבפליייש און 2.40 זלאָטעס פאַר אַ קג. רינדפליייש („פּאָדלאַסיער לעבן", נומער 10 פון 11.3.1927).

די קהילה איז אין די לעצטע יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען אַ קאַמפּס־אַרענע צוליבן אויפנעמען אַ שטאָט־רב אויפן אָרט פון נפטר־געוואָרענעם רב שמואל לייב ז"ק. די שטאָט האָט יאָרן געצעגערט מיט אויפנעמען אַ נייעם רב און זיינע פונקציעס האָט דערפילט דער מורה־הוראה משה אוטשען. מיט דער צייט איז דער מורה־הוראה אַריינגעפאַלן אין אומחן ביי דער „אגודה" און זי האָט אָנגעהויבן אויסאיבן אַ שטאַרקן דרוק אין דער קהילה וועגן אויפנעמען אַ נייעם רב. די ציוניסטישע דאָזאָרעס האָבן כסדר אָפּגעשלעפּט מיטן אויפנעמען אַ רב, אָבער דער רעליגיעזער פליגל האָט זיך ענערגיש גענומען צום ענין. אין שטאָט האָבן זיך געמאָלדן פאַרשיידענע רבנים־קאַנדידאַטן. ווי אַ רב איז אויסגעוויילט געוואָרן דער יאַוואָרזשנער רב, הרב צבי הירשהאָרן.

אויך פיל פּאָזיטיווס איז אויפגעטאָן געוואָרן דורך די קהילה־אינסטאַנצן במשך פון זייער טעטיקייט.

אין שטאָט זענען געווען געזעלשאַפטלעכע בנינים, וואָס האָבן אין די אַמטלעכע ביכער פיגורירט ווי פּריוואַטע אייגנטומס. געווען אויך אַ צאָל, אַזוי־גערופענע, „לעגאַטן", דאָס זענען פאַרמעגנס, וואָס די הכנסות פון זיי זענען באַשטימט געוואָרן פאַר געוויסע געזעלשאַפטלעכע צוועקן. אויך די „לעגאַטן" זענען בשעתו פאַרשריבן געוואָרן אויף פּריוואַטע נעמען. די קהילה־אינסטאַנצן האָבן קיינמאָל נישט געקאָנט האָבן קיין קאָנטראָל איבער די הכנסות פון די פאַרמעגנס, ווייל זיי פלעגן איינגעקאַסירט ווערן דורך פּריוואַטע פּערזאָנען און דורך זיי פאַרטיילט ווערן, לויט די אָנווייזונגען אין די „לעגאַטן".

דאָס אַריבערפירן די דערמאָנטע בנינים און „לעגאַטן" אויפן נאָמען פון דער קהילה איז גאָרנישט געווען פון די גרינגע ענינים. דאָס איז געווען אַ שווערע געריכטלעכע פּראָצעדור, וואָס איז פאַרבונדן געווען מיט גרויסע הוצאות און מיט שטענדיקער איבערוואַכונג איבער די ענינים, כדי זיי צו דערפירן צו אַ סוף.

אַזוי זענען געריכטלעך אַריבערגעפירט געוואָרן אין רשות פון דער קהילה די פאַרמעגנס:

דער יידישער שפּיטאָל, בתי־מדרשים און שול (אויך דער וואַליער בית־המדרש), תלמוד־תורה, הכנסת־אורחים, מקוה, טילעס הויז אין מאַרק (ווו ס'האָט זיך געפונען די פייען־באַנק), דאָס הויז פון „גן־עדן" (צונאָמען) אין דער בריסקער גאַס 6 (דאָרט האָט זיך געפונען די קהילה), דריי געוועלבער אין מאַרק, דריי געוועלבער אין בריסקער גאַס נומער 3 און איין געוועלב אין דער יאַטקע־גאַס.

די הכנסה פון בית־הקברות איז אַרויסגענומען געוואָרן פון די הענט פון דער חברה־קדישא. קלאָר, אַז דאָס איז נישט אָנגעקומען אַזוי לייכט, ווייל מקדמונים איז דער בית־החיים געווען דאָס אייגנטום פון דער חברה־קדישא.

דער יידישער שפּיטאָל האָט עקסיסטירט ווי אַ באַזונדערע אינסטיטוציע, וואָס פלעגט באַקומען אַ סובסידיע פון דער קהילה. אַדאַנק די באַמיאונגען פון פאַרוואַלטונגס־פאָרזיצער בנימין קליגער און קהילה־סעקרעטאַר ברוך ווינאָגראַד, איז דער שפּיטאָל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קהילה־אינסטיטוציע. דער שפּיטאָל־בודזשעט איז אַריינגענומען געוואָרן אין פרעלימינאַר־בודזשעט פון דער קהילה. די גרעסטע זאָרג פון די קהילה־אינסטאַנצן איז געווען צו פאַרזיכערן, אויף ווי ווייט מעגלעך, דעם קיום פון שפּיטאָל.

די קהילה האָט דורכגעפירט קאַפּיטאַל־רעמאָנטן אין שול און אין בית־המדרש. צום מאָלן די שול און בית־המדרש זענען איינגעלאַדן געוואָרן קונסט־מאַלערס פון שטאָט און פון דער פרעמד.

נישט ווייניק מי האָט זיך די קהילה געגעבן ביים ברענגען אין אָרדענונג דעם הכנסת־אורחים און דעם שול־הויף. דעם הכנסת־אורחים האָבן געהאַט אָקופּירט אָרעמעלייט פון דער פרעמד, ווי אויך אָרעמע קראַנקע, וואָס האָבן נישט געהאַט ווו זיך אַהינצוטאָן. דער סאַניטאַרער מצב אין דעם הויז איז געווען אַ שרעקלעכער. נאָך לאַנגע באַמיאונגען און גרויסע הוצאות איז דאָס הויז צוריק פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ הכנסת־אורחים. דער שול־הויף איז געווען פאַרוואָרלאָזט און אומריין. דאָס ברענגען אין אָרדענונג אַ רשות הציבור און איינהאַלטן דאָרט ריינקייט האָט געקאָסט אַ סך ענערגיע און הוצאות.

אָט די אויפטוען און אויסבעסערונגען האָבן אַוועקגערויבט אַ סך צייט אין דער טעטיקייט פון די קהילה־אינסטאַנצן. יעדע ענדערונג איז פאַרבונדן געווען מיט קאַמפן, ראַנגלענישן און לאַנגדויערנדיקע פאַרהאַנדלונגען מיט די צדדים, וואָס זענען דווקא נישט געווען פאַראינטערעסירט אין קיין רעפאָרמען אין די געביטן, ווו זיי זענען געווען פאַרטראָטן.

נאָך דער ליקווידאַציע פון „אַחיעזר" זענען די מעדיצינישע מכשירים אַריבערגעפירט געוואָרן אין קהילה־ביוראָ. ביזן לעצטן טאָג פון דער קהילה־טעטיקייט פלעגן אויסגעבאָרגט ווערן אָט די מכשירים דער יידישער באַפעלקערונג.

די קהילה פלעגט אַרויסגעבן קוויטלעך אָרעמע שוואַנגערפרויען. אויפן סמך פון דעם קוויטל איז די פרוי אָנגענומען געוואָרן, אָן שום אָפּצאָל, אויף דער גינעקאָלאָגישער אָפּטיילונג אין יידישן שפּיטאָל.

אין דער קהילה־ביוראָ פלעגט מען פאַר דער אָרעמער באפעלקערונג שרייבן, אז שום באלוינונג, בקשות צו אַלע

אַמטן. מ׳פלעגט דאָרט אויך אַרויסגעבן פאַרשיידענע באַשטעטיקונגען.

פון די נאָטיצן אין „פּאָדלאַסיער לעבן", וואָס איז אונדז געלונגען צו באַקומען, זעען מיר, אַז אין די יאָרן פון 1926 ביז 1933 זענען געווען פאָלגנדיקע פאַרוואַלטונגס־און ראַט־פאַרזיצערס אין דער קהילה: יעקב אהרן ראָזנבוים, בנימין קליגער, פנחס נאַרטמאַן, בנימין כהן, ארקע (אהרן) וויסמאַן, יצחק לעווי, משה קאַווע, שמאי קאַליכשטיין.

מיר טרעפן אָן די נעמען פון פאָלגנדיקע דאַזאָרעס:

מאַטל איידלסבערג, זושע ראָזען, לייבל גאָלדשטיין, ישראל כהן, אליעזר צעלניקער, משה קראַמאַרזש, אברהם סטריכער, פייוול סיטנער, צבי האַלפערן, נתן ראַמעס, יצחק בערמאַן, וועלוול אייזנשטאַט, משה מלך זילבערבערג, אייזיק שיינבערג, חנינא קאַשעמאַכער, יצחק פעטערבורג, מרדכי פיעקאַרסקי, חיים לוי רובינשטיין, מרדכי יוסף גאָלדשטיין, יואל שטראַמוואַסער, שואל באַטשקאַ, אַלתר סוקנאָוו, אידל איידלשטיין, אביגדור פייערמאַן, אליעזר עפלבוים, יצחק כהן, שמעון ליכטנשטיין און יהושע איידלשטיין.

ביים סוף פון דעם קאַפּיטל, דאַרף דערמאָנט ווערן אַ טראַגישער פאַל, וואָס האָט אויפגערודערט די שטאָט און זיך איינגעקריצט אין זכרון פון דער יידישער באַפעלקערונג אויף גאָר לאַנג. מיר מיינען דאָ די שריפה פון דער אָפּיצינע אין הויף פון ר׳ אהרן לאַנדוי.

„דעם 4טן סעפּטעמבער 1927, איז איינס ביינאַכט אויסגעבראָכן אַ שריפה אויף דער נאַרוטאָוויטשער־גאַס (פריער — קשיווע) 25, אין הויף פון ר׳ אהרן לאַנדוי. געברענט האָט די הילצערנע אָפּיצינע און דאָרט זענען פאַרברענט געוואָרן 5 מענטשן: 1. יצחק רובינשטיין (אַ סופר, 60 יאָר אַלט); 2. אסתר, זיין פרוי (58 יאָר אַלט); 3. ישראל, אַ זון זייערער (21 יאָר אַלט); 4. יוכבד, זייערס אַן איניקל (3 יאָר אַלט), און 5. יצחק רובינשטיין (46 יאָר אַלט), פון לובאַרטאָוו, אַ בעל מגיה, וואָס האָט גראָד גענעכטיקט ביים סופר, וועלכער האָט איבערגעלאָזט אין דער היים אַ פרוי מיט דריי קינדער. ס׳זענען אויך פאַרברענט געוואָרן דריי ספרי־תורה, וואָס האָבן זיך געפונען ביים סופר. אויף צומאָרגנס, אין טאָג פון דער לויה האָט דער רב דערקלערט אַ תענית, געהייסן שליסן די געשעפטן ביז איבער דער לויה. נאָך דער לויה זענען הונדערטער מענטשן אַוועק אין די בתי־מדרשים זאָגן תהלים. אַ השערה, אַז די שריפה איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַן אונטערצינדונג, און אַז די פאַרברענטע זענען דורך מערדערס דערהרגעט און באַרויבט געוואָרן, און דערנאָך אונטערגעצונדן. ס׳איז אָבער אויך אָנצונעמען, אַז די קרבנות זענען שלאָפנדיק דערשטיקט געוואָרן פון רויך" („פּאָדלאַסיער לעבן", נומער 22, פון 9.9.1927).

אין יאָרן אַרום איז אַ יידישער וואַסער־טרעגער געלעגן שווער קראַנק אין קריסטלעכן שפּיטאָל, און פאַרן טויט זאָל ער זיך האָבן מודה געווען אין אַנטיילנעמען אין רויב ביים סופר און ביים אונטערצינדן די אָפּיצינע.

מיר וועלן נאָך דאָ אָנגעבן עטלעכע ציפערן, וואָס זענען נוגע דער צאָל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ביאַלע, פון אָנהייב 19טן יאָרהונדערט ביזן יאָר 1939.

אין יאָר	יידן	פּראָצענט פון דער אַלג. צאָל באַפעלקערונג
1827	1091	54.8
1841	2220	61.8
1857	2564	66.1
1897	6382	55.2
1921	6874	52.9
1931	6923	39.5
1939	7493	36.9

די געבראַכטע ציפערן ווייזן, אַז פון יאָר 1857 ביזן יאָר 1897 איז די יידישע באַפעלקערונג אויסגעוואַקסן מיט 148.9 פּראָצענט. מיט וואָס דערקלערט זיך אָט די שטייגערונג? — ס׳איז אָנצונעמען, אַז די ציפערן פון די פריערדיקע יאָרן זענען אומפּינקטלעכע, און אַז אין יאָר 1897, בעת דער גרויסער ציילונג וואָס ס׳האָט דורכגעפירט די צאַרישע מאַכט, האָט די רעגיסטראַציע, מער־ווייניקער, אַרומגענומען די גאַנצע באַפעלקערונג. אַז די ציפערן פון די פריערדיקע ציילונגען זענען נישט קיין ריכטיקע, איז אויך צו זען ביי דער צאָל פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג, וואָס איז לויט אָט די ציפערן אויסגעוואַקסן אין דער תקופה פון 1857 ביז 1897 אַזש מיט העכר 400 פּראָצענט(!). מ׳דאַרף אויך נעמען אין אַכט, אַז אַפילו בעת דער גרויסער ציילונג אין יאָר 1897 האָבן נישט אַלע יידן זיך רעגיסטרירט, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט פאַר גזירות...

פון די אויבן־געבראַכטע ציפערן איז צו זען, אַז פון יאָר 1921 ביזן יאָר 1931 האָט דער נאַטירלעכער צוּוואוקס פון דער יידישער באַפעלקערונג געדעקט דעם אָפּפלוס, וואָס איז פאַרגעקומען מחמת דער עמיגראַציע. אין די לעצטע אַכט יאָר, פון 1931 ביז 1939 באַטרעפט דער צוּוואוקס פון דער יידישער באַפעלקערונג 570 נפשות, וואָס איז געשען צוליבן אָפּשטעלן זיך פון דער עמיגראַציע.

די ציפערן ווייזן אונדז אויך, אַז די יידישע באַפעלקערונג האָט ביזן יאָר 1921 געבילדעט דעם רוב אין שטאָט. די סיבות פון אָט דער צאָלרייכער פאַרגרעסערונג פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג לגבי דער יידישער זענען די, וואָס אין שטאָט זענען אין דער צייט אַנטשטאַנען גרויסע אינדוסטריע־צווייגן, וועלכע האָבן געגעבן באַשעפטיקונג אַ סך אַרבעטערס, און דאָס נאָר פון קריסטלעכער אָפּשטאַמונג. צו דער אַרבעט אין עראָפּלאַנען־פאַבריק האָט מען אַראָפּגעבראַכט אַרבעטערס פון גאַנץ פּוילן. חוץ דעם האָט מען, ווי מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, צוליב וואַל־צוועקן, אָנגעשלאָסן צו דער שטאָט

שטחים, מיט אַ ריין־קריסטלעכער באַפעלקערונג, וואָס האָבן פריער אָנגעהערט צו דאָרפישע געמיינדעס.

אין אַזאַ מצב, ווי מיר האָבן פריער געשילדערט, איז דאָס ביאַלער יידנטום אַריין אין דעם גורלדיקן יאָר 1939. אַפילו אין אָט די גורלדיקע חדשים פאַר דער פוילישער מדינה, האָט מען נישט נאָכגעלאָזט דעם עקסטערמינאַציע־דרוק אויף דער יידישער באַפעלקערונג, און ער האָט אָנגעהאַלטן ביזן לעצטן אָטעם־צוג פון דער פוילישער מלוכהשאַפט.

21 יאָר האָבן ביאַלער יידן געלעבט אונטער דער באַנייטער פוילישער הערשאַפט, וואָס איז אויפגעשטאַנען תחית־המתים נאָך אַ 150־יעריקער פאַרקנעכטונג. צוזאַמען מיטן גאַנצן פוילישן יידנטום האָט אויך די ביאַלער יידישע עדה ביים אַנטשטיין פון דער פוילישער מלוכה געטרוימט דעם שיינעם חלום פון גלייכבאַרעכטיקונג, וואָס האָט אויסגעזען אין דעם פעלקער־פרילינג נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט. גיך איז אָבער געקומען די אַנטוישונג, און מ'האָט זיך איבערצייגט, אַז דער נעכטיקער אונטערדריקער האָט גאָר גיך פאַרגעסן דעם אָקאָרשט־אַריבער־געשפרייזטן עבר, און שנעל באַוויזן זיך צו פאַרוואַנדלען אין אַן אונטערדריקער. דער יידישער קאַמף פאַר גלייכבאַרעכטיקונג איז אין די לעצטע יאָרן פון פוילנס עקסיסטענץ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַרצווייפלטן גראַנגל פאַרן נאַקעטן קיום.

די מלחמה האָט דעריבער אָנגעטראָפן די ביאַלער יידישע באַפעלקערונג אין אַ מצב פון פאַרצווייפלונג, באַהערשט פון אַפאַטיע און אויסזיכטלאָזיקייט. אָט דער מצב האָט גורם געווען, אַז פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג, וואָס איז געזעסן האַרט ביי דער נייער גרענעץ צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד, איז נאָר אַ נישטיקער טייל אַריבער קיין רוסלאַנד. דער רוב איז געבליבן זיצן און געוואַרט אויפן אָנקום פון די דייטשע רוצחים־האָרדעס. אומעטום האָט איר געקאָנט הערן איין תשובה: — נאָכוואָס דאָס לויפן? וואָס וועט אונדז דען היטלער טאָן? מיט וואָס קאָן נאָך אונדזער מצב ערגער ווערן?...

מקורות:

1. „פאָדלאַסיער לעבן", אומאָפּהעניגיק געזעלשאַפטלעך וואָכנבלאַט, ביאַלע. אַ צאָל עקזעמפּלאַרן פון די יאָרן: 7־1926 און 4־1932.

2. גבית־עדות פון אלתר וויינבערג, אשר האָפּער, משה רבאון - תל־אביב, גדליהו בראַווערמאַן — פתח־תקוה, ברוך ווינאָגראַד — רמת־גן, יעקב אַראָנאָוויטש — אַרגענטינע, הרב שמואל יעקב רובינשטיין — פּאַריז.

3. Janusz Urbach: "Udział Żydów w walce o niepodległość Polski", 1938.

4. B. Górny: "Monografia Powiatu Bialskiego".

5. Bohdan Wasiutyński: "Ludność Żydowska w Polsce w wiekach XIX i XX". Warszawa 1930. Rozdział: Żydzi w Miastach.

6. Narodowy Klub Żydowski Posłów Sejmowych przy Tymczasowej Żydowsklej Radzie Narodowej: "Inwazja Bolszewicka a Żydzi". Zbiór Dokumentów. Zeszyt I. Warszawa 1921.

דאס ווירטשאפטלעכע לעבן

א. דער האנדל ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה

דער אָפּענער האַנדל, ד״ה דער האַנדל אין קראָמען, האָט זיך קאָנצענטרירט אויפן מאַרק, ווי מ׳האָט דאָס קעסטל מיטן מאַרק־סאָד אינמיטן גערופן ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה, אָדער פּלאַץ־וואָלנאָשטשי — נאָך איר, און אין די טיילן פון דער וואַרשעווער, בריסקער, יאַנעווער און יאַטקע גאַסן, וואָס האָבן זיך געגרענעצט מיטן מאַרק. דאָ האָבן זיך געפונען די מער רעפּרעזענטאַטיווע געשעפטן, איינגעאָרדנט, אַזוי־געזאָגט: „גרויס־שטעטיש״, און אויך קלענערע קראָמען.

פון די גרעסערע געשעפטן זענען צו פאַרצייכענען:

אין דער מאַנופאַקטור־בראַנזשע — בלימעלע מינץ (מאָטל מינצס פרוי), חנהלע מרים פראַדלס (די פרוי פון ר׳ יאָסעלע אַלטער, דעם גערער רבינס אַ ברודער), ר׳ אהרן לאַנדוי, פייגע פרימעס (העלערשטיין ?).

אין דעם גאַלאַנטעריע־צווייג — „וואַרשאַווסקי מאַגאַזין״ פון בידערמאַן, חוה דינעס (ליבערמאַן), יאָסל גיטלמאַן (חנה דוד וואָלפּס), דוד וואַרם, יעקב שלמה זיידמאַן.

אין דער אייזן־בראַנזשע — מאיר אָרלאַנסקי, ברוך אייזנבערג (משה יאָסלס).

כלים און גלאָזוואַרג — לידזבאַרסקי (פייגעלע רפאלס), יעקב ראָזנצווייג (יאנקל אשרס).

ווייןגעשעפטן — לייבע באָרנשטיין (מעדניק), חיים פסח פאַרביאַק, ישראל מאיר כהן.

גאַסטראָנאָמיע־און קאָלאָניאַל־סחורות — פישל פינקלשטיין.

רעסטאָראַנען און שענקען — ראובן פעלדמאַן, משה אַדלערשטיין, צמח טוכמינץ.

ביז 1908 בערך, האָט זיך אויפן אָפּענעם מאַרק געפירט דער גאַנץ קליינער האַנדל אין בודקעס, אויף סטראַגאַנעס און אויף געוויינלעכע קעסטלעך, ווו ס׳איז פאַרקויפט געוואָרן גרינס, פּרוכטן, פיש, סאָדע־וואַסער אאַ״וו. ערשט אַרום 1908—1910 האָט די רוסישע אַדמיניסטראַציע ליקווידירט דעם מאַרק אינמיטן שטאָט און אים אַריבערגעטראָגן אויפן סאַמע עק פון דער בריסקער גאַס, קעגנאיבער דעם אַלטן בית־עולם. דער פּלאַץ האָט באַקומען דעם נאָמען „נייער־מאַרק״. אויפן אַלטן מאַרק איז דער גאָרטן אינדערמיט באַדייטנדיק פאַרגרעסערט געוואָרן.

אַ זייער קליינע צאָל פון די קליינע הענדלערס איז אין אָנהייב אַריבער אויפן נייעם־מאַרק. דער רוב פון זיי האָט זיך אַריבערגעטראָגן אין הויף פון חיים לוי רובינשטיין, וואָס איז געווען אַ דורכלויף־הויף צו דריי גאַסן. אויפן דאָזיקן הויף זענען אויך אויסגעבויט געוואָרן, די ערשטע אין ביאַלע, פייער־געשיצטע שפּייכלערס, מיט סופיטן פון ציגל און אייזן, און אייזערנע טירן. אין די דאָזיקע שפּייכלערס האָבן זיך שפּעטער געעפנט פאַרשיידענע הורט־און דעטאַל־געשעפטן. אין יאָר 1912 האָט אַ יידישע פאַמיליע פון קיעלץ דאָ פאַרלייגט אַן אייער עקספּאָרט־געשעפט, וואָס פלעגט איינקויפן, פּאַקן און עקספּאָרטירן אייער קיין דייטשלאַנד.

דער גרעסערער האַנדל פון תבואה, האָלץ אאַ״וו, וואָס איז לרוב געווען פאַרבונדן מיט עקספּאָרט, האָט זיך געפירט אין די וווינונגען פון די סוחרים. ביי די גרויסע סוחרים, ווי שואלקע כהן און ענלעכע, איז שוין געווען איין צימער אין דער דירה אויסגעטיילט ווי אַ „שרייבשטוב״, וואָס האָט שוין, מער־ווייניקער, געהאַט דעם אויסזען פון אַ ביוראָ־צימער, ווו קליענטן זענען אויפגענומען געוואָרן. ביי אַזעלכע סוחרים איז שוין אויך געווען אַ „מענטש״, ד״ה אַ באַאַמטער, וואָס האָט געפירט די ביכער, די קאָרעספּאָנדענץ אאַ״וו.

דער הורט־האַנדל איז בעיקר אָנגעגאַנגען אין דער שפּייזבראַנזשע. דער גרעסטער הורטאָווניק פון שפּייז־און קאָלאָניאַל־סחורות איז געווען מאָטל מינץ. ער האָט דעם האַנדל געפירט אין שפּייכלערס פון זיין אייגן הויז אויף דער יאַנעווער גאַס. אויף דער בריסקער גאַס האָט געהאַט זיין הורט־געשעפט פעלטע (פלטיאל) אָפּנהיים. ס׳זענען געווען אויך הורט־סוחרים וואָס האָבן זיך באַגרענעצט מיט אַ באַשטימטן אַרטיקל אַליין, ווי: בערעלע קאָזעס, זיסעלע רבקה עקיבאַכעס — הערינג און זאַלץ; יהושע פייעס, נחום ליבמאַן (מאָנטשאַרזש) — מעל; חיים האָפמאַן (נאַפטשאַרזש) — נאַפט.

אין אַ שבת, אָדער יום־טוב־טאָג האָט דער האַנדל פולשטענדיק גערוט. די יידישע שכינה האָט ווי אויסגעשפּרייט אירע פליגלען איבער די גאַסן. אַלע געשעפטן פאַרמאַכט און געשלאָסן. ווי פאַרשעמט האָבן אויסגעזען די פּאָר קריסטלעכע חזיר־געשעפטן, אַפּטייקן, קלימעצקעס קאָלאָניאַל־און ביכער־געשעפטן. די יידן, וואָס זעקס טעג אין דער וואָך האָט איר זיי געזען אין די קראָמען אָדער ביי די וואַרשטאַטן, האָט איר איצט געטראָפן גיין צום אָדער פון דאַווענען, מיט טליתים אין

די הענט; אָדער חסידים, וואָס טראָגן נישט שבת אין דער גאַס — די טליתים אָנגעטאָן אונטער די קאַפּאָטעס. ערשט אין 1911—1912 האָט איין יידיש געשעפט, וואָס איר עיקר קליענ־טור איז באַשטאַנען פון באַאַמטע און אָפיצירן אין שטאָט, געעפנט צו ערשט אַ האַלבע טיר און שפּעטער די גאַנצע אין די שבתדיקע פאַרמיטאָג־שעהן.

דאַקעגן, אין אַ זונטיק־טאָג האָט זיך געפילט אַ באַלעבאַט־קייט אין האַנדל. אין די מאָרגן־שעהן פלעגן אָנקומען אין שטאָט אַריין די פּריצים פון די אַרומיקע הייף. זייערע בריטש־קעס פלעגן זיך קאָנצענטרירן אויף דער צפון־זייט פון מאַרק, פון מאַגיסטראַט ביזן פּאָוויאַט. די פּריצים פלעגן באַזוכן די יידישע סוחרים, וועלכע פלעגן ביי זיי אָפּנעמען די תבואות, אויסבאָרגן זיי געלט פאַרן שניט און פירן מיט זיי נאָך ענלעכע געשעפטן.

זונטיק פלעגן זיך אין שטאָט אויך פאַרזאַמלען די פּויע־רים פון די אַרומיקע דערפער, וואָס פלעגן קומען אויף פּויע־רישע פורלעך. די וועגענער פלעגן צו ערשט בלייבן שטיין אויפן מאַרק; שפּעטער, ווען מ'האָט דעם מאַרק אַריבערגע־טראָגן אויפן נייעם־מאַרק, פלעגן די פורלעך ווערן אַוועקגע־שטעלט אין די הייף אַרום דעם מאַרק. אָט די פּויערים האָבן עס געשפּייזט דעם קליינעם האַנדל. אין אַזאַ זונטיק־טאָג פלעגט דער פּויער איינקויפן אין שטאָט אַלץ, וואָס איז אים נויטיק געווען אויף אַ גאַנצער וואָך, און אויך פאַרקויפן זיין פּראָדוקציע.

אָט דער דאָזיקער, סיי גרויסער און סיי קליינער האַנדל, האָט זיך אָפּגעוויקלט כמעט נאָר אין די פאַרמיטאָג־שעהן. נאָכן באַזוך אין די קאָשטשאָלן און נאָכן ענדיקן די תפילות דאָרט, האָבן זיך אַלע אין די נאָכמיטאָג־שעהן צוריקגעקערט אויף זייערע ערטער: די פּריצים אין זייערע הייף און די פּויערים אין די דערפער.

אַזאַ זונטיק־טאָג איז אויך געווען דער עיקר געשעפט־טאָג פאַר די רעסטאָראַנען און שענקן. אין דער צייט ווען דער פּריץ האָט זיך געהאַט זיין יידישן סוחר, מיט וועלכן ער פלעגט פירן די געשעפטן, און האָט געהאַט ווו אַריינצוקומען און פאַרברענגען די פּאָר שעה, זענען די פּויערים, — וואָס פלעגן קומען אין די מאַסן, לרוב נישט געווען געבונדן מיט אַ באַשטימט געוועלב און פלעגן שפּרייזן פון קראָם צו קראָם, כדי אויסצוגעפינען ווו מ'קאָן באַקומען מיט אַ גראָשן ביליקער — געווען אָנגעוויזן אויף די רעסטאָראַנען און שענקן. דאָרט האָבן זיי געקאָנט פאַרברענגען זייערע פּאָר פרייע שעהן און אויך מאַכן אַ כוסה. פלעגט מען טאָקע אין די שפּע־טע נאָכמיטאָג־שעהן טרעפן שכורע פּויערים.

די גאַנצע וואָך האָט זיך דער יידישער קליינהאַנדל גע־פירט צום מערסטן צווישן זיך. יעדער קרעמער האָט געהאַט זיין קליענטור. די גרעסערע געשעפטן האָבן געלעבט אין גרויסן טייל אויף פּ'ן די אָפיצירן, פון די סטאַציאָנירנדיקע פּולקן אין שטאָט און פון רוסישן באַאַמטנטום.

ב. פארלויפערס פון בענק

נאָך איידער אין שטאָט זענען געגרינדעט געוואָרן די ערשטע בענק, ווי: די „ליי־און שפּאָרקאַסע", דער „וזאַיעמני קרעדיט" און שפּעטער אויך די „באַנק דליאַ האַנדלו אי פּשעמיסלו", ווי אַ פיליע פון דער דאָזיקער באַנק אין שעד־לעץ, האָט זיך שוין געפירט אַ געוויסע באַנק־טעטיקייט. הגם אָט די טעטיקייט האָט זיך געפירט אויף אַ גאַנץ פּרימיטיוון אופן, האָט זי דאָך אויסגעפילט די אויפגאַבן פון דעם צווייג אין דעמאָלטיקן עקאָנאָמישן לעבן אין שטאָט.

די גאָר גרויסע סוחרים האָבן געהאַט זייערע דירעקטע פאַרבינדונגען מיט בענק אָדער באַנק־הייזער (דאָם באַנקאָווי) אין וואַרשע. די סוחרים אָבער פון נישט גאַנץ גרויסן פאַרנעם און דער מיטלשטאַנד האָבן געמוזט אָנקומען צו אַ פאַרמיט־לונג, כדי צו דערלייזיקן זייערע מינימאַלסטע באַדערפענישן פון באַנק־הילף.

אויפן געביט פון געלט־איבערווייזונגען איז טעטיק געווען דער קאַנטאָר פון יחזקאל (חאסקל) ערליך. דער קאַנטאָר איז נישט געווען קיין אָפיציעל באַנק־הויז, מיט אַ געהעריקער דערלויבעניש פון דער מאַכט, נאָר אַ גאַנץ היימיש געשעפט, ביי זיך אין דער וווינונג אויף דער בריסקער גאַס. דער דאָזי־קער קאַנטאָר איז געווען פאַרבונדן מיטן „באַנק־הויז סאָלאָ־וויטשיק־מאָרגנשטערן" אין וואַרשע, און מיר דוכט זיך, אַז אויך אין בריסק. סוחרים, וואָס האָבן געדאַרפט איבערשיקן געלט קיין וואַרשע אָדער בריסק פאַר סחורה, וואָס זיי האָבן דאָרט געקויפט, פלעגן אויסקויפן ביי יחזקאל ערליך אַן אָנ־ווייזונג אויף זיינע קאָרעספּאָנדענטן אין די צוויי שטעט.

די אָנווייזונגען פלעגן געשריבן ווערן אין רוסיש, ווייל די אָפיציעלע באַנק־הייזער האָבן געפירט זייערע ביכער אין דער שפּראַך. יחזקאל ערליך איז נישט געווען באַהאַוונט אין דער רוסישער שפּראַך, און די שרייב־מלאכה פלעגט ביי אים אויספירן אַן אָנגעשטעלטער, אַ חסידישער ייד, יוסף נחום שטייטלמאַן. פאַר אַ באַלוינונג פון דריי רובל אַ וואָך האָט דער אַ חסידישער ייד געאַרבעט פון פרי ביז אין דער נאַכט אַריין, און אַפילו שבת־צונאַכט נאָך הבדלה.

אַ צווייטער מקור פון געלט איבערווייזונגען זענען געווען די שפּיליטערן (קאָמיסיאָנערן), וואָס פלעגן אויסער דעם איינקויף פון באַשטעלטע סחורות, אויך אָננעמען מזומן־געלט אין ביאַלע און עס איבערגעבן די געהעריקע אַדרע־סאַטן אין וואַרשע.

חוץ אין געלט־איבערווייזונגען האָבן זיך אָבער די סוחרים אויך געניטיקט אין קרעדיט. אויף דעם געביט זענען זיי גע־קומען צו הילף פאַרמיטלערס, ווי: וועלוועלע איטשעס און יהודה יעקב, וועלכע זענען געווען „גייענדיקע בענק". די צוויי יידן פלעגן פאַרמיטלען צווישן סוחרים, וואָס האָבן זיך גע־

נויטיקט אין קרעדיט און צווישן יענע וואָס האָבן געהאַט אַ פאָר הונדערט רובל, אָדער אַפילו גרעסערע סומעס, און דאָס געהאַלטן, ווי מ׳האָט עס דעמאָלט גערופן „אויף פּראָצענט״. די לעצטע האָבן זיך רעקרוטירט בעיקר פון יונגע פאָרלעך, וואָס זענען געווען אויף קעסט ביי עלטערן, פון דינסט־מיידלעך, וואָס האָבן געזאַמלט אַ גראָשן צו אַ גראָשן אויף אַ נדן, פון אַזעלכע, וואָס זיי איז געלונגען אָפּצושפּאָרן עפּעס פון זייער אַרבעט א״אַ.

גרעסערע סוחרים פלעגן נעמען אַזעלכע געלטער אויף באַשטימטע טערמינען. דער אָנגענומענער פּראָצענט איז געווען פון 10 ביז 12 יערלעך. דער קלענערער קרעמער פלעגט שוין צאָלן 18 פּראָצענט. דעם פּראָצענט פלעגט מען צאָלן וואָכנטלעך. ווערלוועלע איטשעס און יהודה יעקב פלעגן יעדע סוף וואָך צונויפנעמען דעם פּראָצענט פון די לייערס און אים אָפּטראָגן די פאַרלייערס. אַזוי האָבן די פאַרלייערס געזען זייער נאָרמאַלע וואָכנטלעכע הכנסה יעדע וואָך פאַר די אויגן.

מ. ר.

מ. י. פייגנבוים / יידישע פרנסות

א. מסחר

דער האַנדל אין ביאַלע איז פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, אַזוי ווי אין אַ סך אַנדערע שטעט אין קאָנגרעס־פּוילן, געלעגן אויסשליסלעך אין יידישע הענט. ס׳איז בכלל נישט נויטיק געווען פאַר יידן צו דעראָבערן פון וועמען ס׳איז אָט דעם פרנסה־צווייג, ווייל ער איז לגמרי פריי געווען און נישט באַזעצט. די קריסטלעכע באַפעלקערונג האָט געווייכט פון האַנדל און ער איז ביי איר פאַררעכנט געווען ווי אַ נישט זייער בכבודיקע מלאכה. אין ביאַלע האָט מען פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה געקאָנט די קריסטלעכע געשעפטן אָנציילן ממש אויף די פינגער. אין יאָר 1910, אָדער 1912 האָט זיך געעפנט דער ערשטער פּוילישער קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוו „ספּאָלעם״, וואָס איז געווען אַן אויסדרוק פון אָפענעם און אָרגאַניזירטן באָיקאָט קעגן יידישן האַנדל.

די קריסטלעכע באַפעלקערונג איז נישט גערן געגאַנגען אין די קריסטלעכע געשעפטן, ווייל צווישן קריסטלעכן סוחר און קריסטלעכן קונה איז געשטאַנען אַ תהום: אין קריסטלעכן געשעפט האָט דער קונה געדאַרפט אַראָפּנעמען דאָס היטל, נישט צורירן זיך צו קיין אַרטיקל, נאָר לאָזן זיך באַדינען פון פּערסאָנאַל, נעמען וואָס מ׳האָט אים געגעבן און באַצאָלן יעדן פּרייז וואָס מ׳האָט פון אים געפאָדערט, אָן דינגען זיך. דער קריסטלעכער קונה האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן דאָס אָנגעצויגנקייט פון קריסטלעכן סוחר, וועלכער האָט ווידער נישט געקאָנט די פּסיכאָלאָגיע פון קונה, וועמען מ׳דאַרף לאָזן זיך דינגען און עפּעס אַראָפּדינגען פון פּרייז; נישט אַרויפלייגן מיט איינמאָל צו פיל סחורה אויף דער וואָג און צוריק אַראָפּנעמען, — דער קריסטלעכער קונה האָט געקוקט מיט פאַרדאַכט אויף דער רעיעלקייט פון אַזאַ וואָג.

אין יידישן געשעפט האָט זיך דער קריסט געפילט פריי, געקאָנט זיך קלויבן די אַרטיקלען, פּרוּוון זיי, דינגען און אַראָפּדינגען פון פּרייז, צובאָרגן צום איינקויף, און בכלל זיך דורכשמועסן מיטן יידישן סוחר, וואָס האָט נישט געבלאָזן פון זיך. די יידישע סוחרים האָבן גוט געקאָנט די געוווינהייטן פון זייערע קריסטלעכע קונים און געוווּסט ווי אַזוי זיי אַנטקעגנצוקומען. דער יידישער קרעמער איז אויך געווען דער אָפּנעמער פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן, וואָס די פּויערים פלעגן ברענגען אין שטאָט אַריין, במילא האָט זיך דער פּויער געפילט מער געבונדן מיטן יידישן קרעמער, ווי מיטן קריסטלעכן. דאָס באַאַמטנטום און די מיליטער־לייט אין שטאָט זענען געווען די קליענטור פון די יידישע סוחרים און דאָרט האָבן זיי גענאָסן פון גוטע איינקויפס־באַדינגונגען און פון קרעדיט.

יידן האָבן זיך גענומען צום האַנדל, ווייל דער פרנסה־צווייג איז פאַרהעלטענישמעסיק אָנגעקומען נישט שווער. צו מלוכהשע און קאָמונאַלע אַרבעטס־ערטער האָבן דאָך יידן נישט געהאַט קיין צוטריט. אַ פאַך האָט מען געדאַרפט לערנען יאָרן, און דערצו — איז מלאכה אין יענע יאָרן ביי יידן געווען אַ קנאַפּער יחוס. אַ קראָם אָבער האָט מען געעפנט זייער גיך, ווייל ס׳איז דערצו נישט נויטיק געווען קיין שום קוואַליפיקאַציעס, און אַפילו נישט קיין גרויסע קאַפּיטאַלן. האָט מען חתונה געמאַכט אַ קינד, האָט דאָס פאַרפאָלק פון באַקומענעם נדן געעפנט אַ קראָם. ס׳האָבן זיך געמערט די קראָמען און מיט זיי די קאָנקורענץ צווישן די יידישע קרעמערס.

דער מסחר האָט זיך בעיקר קאָנצענטרירט אויפן מאַרק, אין ח. ל. רובינשטיינס הויף, אויף דער בריסקער, גראַבאַנאָווער און יאַטקע גאַסן. איינצלנע קראָמען האָט מען געקאָנט געפונען כמעט אויף אַלע איבעריקע גאַסן. ס׳זענען אויך געווען קראָמען אין די שטובנס. אין די לעצטע יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט זיך אַן אָנגעזעענער פּראָצענט פון יידישן מסחר פאַרקליבן אין בודקעס און אויף סטראַגאַנעס אויפן „נייעם־מאַרק״.

אַ גרויסער טייל פון די קראָמען איז געווען פון קליינעם פאַרנעם און גאָר פּרימיטיוו איינגעאָרדנט און געפירט. אַ סך קראָמען האָבן אַפילו נישט געהאַט קיין גלאָז־טיר, און ווינטער אין די גרעסטע פרעסט פלעגט מען שטיין אין אָפענע קראָמען און וואַרעמען די פאַרפרוירענע הענט ביי אַ פייער־טאָפּ. די קראָמען פלעגן זיין אָפן ביז אין די שפּעטע נאַכט־שעהן, און איין קרעמער פלעגט קוקן צי דער צווייטער האָט שוין פאַרמאַכט זיין קראָם. ס׳זענען אָבער אויך געווען געשעפטן מיט שיינער איינריכטונג און זענען געפירט געוואָרן אויף אַ גרויסן פאָרמאַט. אין ביאַלע האָבן זיך מיטן האַנדל פאַרנומען אַ סך פרויען, געבנדיק אַ מעגלעכקייט זייערע מענער צו לערנען תורה.

סחורות פלעגט מען ברענגען פון וואַרשע און פון בריסק

מיט פורן, ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה, און מיט אויטאָס, נאָך דער מלחמה.

אין שטאָט זענען אויך געווען יידן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט גאָר גרויסע מסחרים. זיי פלעגן קויפן ביי פריצים וועלדער, לאָזן זיי האַקן און דאָס האָלץ, טיילווייז אין רויען מצב און טיילווייז נאָכן איבעראַרבעטן אין טאַרטאַקן, עקספאָרטירן קיין אויסלאַנד. ס׳זענען געווען גרויסע תבואה־סוחרים, וואָס פלעגן שיקן תבואה וואַגאָנעסווייז אַזש קיין דאַנציג.

בעת דער רוסישער הערשאַפט פלעגן סוחרים דאַרפן אויסקויפן אַ האַנדלס־פאַטענט און צאָלן אַ גאָר מינימאַלן שטייער.

די ערשטע וועלט־מלחמה האָט חרוב געמאַכט דעם נאָרמאַלן האַנדל. אַ טייל פון די סוחרים איז פאַראָרעמט געוואָרן און בכלל אַראָפּ פון דער סוחרישער אַרענע. זייער אָרט האָבן פאַרנומען נעכטיקע אָרעמעלייט, וואָס האָבן מצליח געווען אין אָט דער אומנאָרמאַלער צייט.

מיטן אַנטשטיין פון דער פוילישער מדינה אין יאָר 1918, איז דער האַנדל צוריק אַרויף אויף נאָרמאַלע שינעס, אָבער פאַר יידישע סוחרים האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַי קאַפּיטל, אַ קאַפּיטל פול מיט ליידן, וואָס האָט געצילט צו דערפירן דעם יידישן מסחר צום אונטערגאַנג.

דער קאַמף קעגן יידישן האַנדל, האָט אויפגעהערט זיך צו באַגרענעצן מיט שרייבן און רעדן, נייערט זיך גענומען צו מעשים, וואָס זענען פון יאָר צו יאָר געוואָרן שטאַרקער פילבאַר פאַר די יידישע סוחרים. די יידישע סוחרים האָבן געפילט ווי די עקסטערמינאַציע־פעטליע וואָס מ׳האָט פאַרוואָרפן אויף זייערע העלדזער ווערט וואָס אַמאָל ענגער.

ראשית־כל האָט מען באַלייגט די יידישע קרעמערס מיט אומגעהויערע הויכע שטייערן, וועלכע זיי זענען ניט אומשטאַנד געווען צו באַצאָלן. האָט מען נאָר דורכגעלאָזט איין יאָר און נישט באַוויזן צו באַצאָלן די שטייערן, דאַן זענען שוין די פאַרלייגענע שטייערן געוואָקסן אין אַ שנעלן טעמפאָ און מ׳האָט זיך פון זיי נישט געקאָנט אַרויסקריגן. דער שטייער־אַמט האָט נישט געשוויגן און צוגענומען די סחורות פון געוועלב, און דער קרעמער איז געבליבן זיצן אין אַ ליידיקער קראָם.

דער זונטיק־רו, וואָס איז דורך דער פוילישער רעגירונג אַרויפגעצוווּנגען געוואָרן אויף דער יידישער באַפעלקערונג, האָט גורם געווען שאָדנס און נגישות דעם יידישן קרעמער, וואָס האָט זיך נישט געקאָנט דערלויבן צו רוען צוויי טאָג אין דער וואָך. פלעגט מען פאַרקויפן דורך דער הינטערטיר, און ווער ס׳האָט אַזאַ טיר נישט געהאַט — פלעגט שטיין אין דרויסן און פאָרזיכטיק אַריינלאָזן די קונים אין געשלאָסענעם געוועלב. אַזוי פלעגן קרעמערס שטיין אין דרויסן אויף דער וואַך ביי די קראָמען אַ גאַנצן זונטיק, אַפילו ווינטער אין די גרעסטע פרעסט. די פאָליציי פלעגט אָבער שטרענג פאַרפאָלגן די יידישע קרעמערס און צונויפשטעלן קעגן זיי פראָטאָקאָלן, וואָס האָבן נאָך זיך געצויגן שווערע געלט־שטראָפן.

אין ביאַלע האָט מען זייער בולט אָנגעזען די ירידה פון די יידישע סוחרים, וואָס איז פאַראורזאַכט געוואָרן אין דער ערשטער ריי פון שטייער־אַמט, אָנגעזעענע סוחרים האָבן ליקווידירט זייערע געשעפטן און געעפנט בודקעס אויפן נייעמאַרק; טייל האָבן שוין נישט באַוויזן אַפילו צו עפענען אַזעלכע בודקעס און זענען דאָרט געשטאַנען מיט טישלעך; נאָך אַנדערע זענען געוואָרן ירידים־פאָרערס.

צו דער פאַראָרעמונג פון די יידישע סוחרים האָט אויך גורם געווען די קעגנזייטיקע קאָנקורענץ. אין אָט דעם קאַמף האָט מען פאַרגעסן אַריינצוקאַלקולירן די שטייערן אין די פרייזן, און שפעטער איז מען טאַקע נישט אומשטאַנד געווען די שטייערן צו באַצאָלן. ווי אַן אילוסטראַציע פון דער פרייזן־קאַלקולאַציע פון די יידישע קרעמערס קאָן דינען אָט דער פאַקט: ס׳זענען געווען געוויסע אַרטיקלען פאַר וועלכע דער קרעמער פלעגט נאָכן יאָר באַקומען אַ פרעמיע אין דער הייך פון אַ געוויסן פראָצענט, וואָס איז אָפּהענגיק געווען פון דעם אומזאַץ, וואָס ער האָט געמאַכט מיט אָט דעם אַרטיקל. נעמענדיק אין אַכט אָט די פרעמיע, פלעגן ביאַלער סוחרים פאַרקויפן דאָס פרעמירטע אַרטיקל צו אַ נידעריקערן פרייז, ווי זיי אַליין פלעגן צאָלן. אין שטאָט פלעגט מען זאָגן, אַז די סוחרים קאַלקולירן אַריין אין זייערע פרייזן אויך דאָס גיין צופוס צו דער באַן־סטאַציע (די באַן־סטאַציע איז געלעגן אַנדערהאַלבן ק״מ הינטער דער שטאָט, און די סוחרים וואָס פלעגן דאַרפן פאָרן איינקויפן סחורה פלעגן זיך נישט פאַרגינען צו פאָרן צו דער באַן־סטאַציע מיט אַ דראָזשקע).

איז ווייניק געווען די שטייער־שרויף, וואָס האָט געדריקט אויף די יידישע סוחרים, האָט מען אָנגעהויבן אַראָפּברענגען קיין ביאַלע קריסטן פון די מערב־געביטן און עפענען זיי געשעפטן. אָט די פריש־אויפגעקומענע קריסטלעכע סוחרים האָט מען דערטיילט מלוכהשע קרעדיטן, פון וואָס די יידישע סוחרים האָבן קיינמאָל נישט געניאָסן. אַלע באַשטעלונגען פון עראָפּלאַן־פאַבריק, פון די מלוכהשע און קאָמונאַלע אַמטן, ווי אויך פון מיליטער זענען איבערגעגעבן געוואָרן צו די קריסטלעכע סוחרים.

די עראָפּלאַן־פאַבריק אויף דער וואָליע, וואָס איז אין אָנהייב געווען אין פריוואַטע הענט, איז געבויט געוואָרן מיט נישט ווייניק יידישע געלטער. די יידן זענען געווען די צושטעלערס פון די סחורות, יידישע בעלי־מלאכות האָבן דאָרט געהאָלפן מיט זייערע הענט בויען די פאַבריק. זייער אָפט פלעגן יידישע סוחרים און בעלי־מלאכות באַקומען דאָרט אָנשטאָט געלט וועקסלען אויף גאָר גרויסע סומעס, וואָס זענען נישט געצאָלט געוואָרן און זענען דערלאָזט געוואָרן צום פראָטעסט. וואָלטן אָט די וועקסלען געווען אין קריסטלעכע הענט, ווער ווייסט צי מ׳וואָלט גאָר באַוויזן צו פאַרענדיקן דעם בוי פון אָט דער פאַבריק. די קריסטן וואָלטן גלייך אויפן אָרט דערקלערט די אונטערנעמונג פאַר באַנקראָט. די יידישע סוחרים און בעלי־מלאכות האָבן אָבער געהאַט געדולד זיך אַרומצוטראָגן חדשים מיט פראָטעסטירטע רויטע וועקסלען (רויטע וועקסלען זענען געוואָרן אויסגעשטעלט נאָר אויף סומעס פון טויזנטער זלאָטעס) און לאָזן זיך גענאַרן פון די צוזאָגן וואָס זיי פלעגן באַקומען פון די פאַבריק־בויערס. מ׳האָט זיי דאָרט צוגעזאָגט אייביק צו געדענקען און צו באַדאַנקען פאַר די גרויסע

קרעדיטן, וואָס זיי האָבן געגעבן ביים בויען די פאַבריק. אַלע הבטחות זענען אָבער שפּעטער פאַרגעסן געוואָרן. אָט די אַלע מיטהעלפּערס צום אויפשטעלן די ריזן פאַבריק האָט מען שפּעטער נישט אַריבערגעלאָזן איבער דער שוועל, אַפילו ווען זייערע אָנבאָטן זענען געווען אַ סך ביליקער פון די קריסט־לעכע.

די פריצישע הייף פון דער סביבה, וואָס זענען פון דורות געווען אָפּנעמערס ביי די יידישע סוחרים, ביי וועלכע זיי האָבן גענאָסן פון גרויסע קרעדיטן, האָבן איצט איבערגעלאָזן די יידישע סוחרים מיט די דיקע ביכער פריצישע חובות און זענען מיט זייערע באַשטעלונגען אַוועק צו די קריסטלעכע סוחרים.

די אַראָפּגעבראַכטע קריסטלעכע סוחרים פון מערב־פּוילן האָבן זיך שפּעטער זייער פיין אָפּגעדאַנקט דער פּוילישער באַ־פעלקערונג, און בעיקר דער פּוילישער אינטעליגענץ אין שטאָט, וואָס האָט זיי אַראָפּגעבראַכט צום איבערנעמען דעם האַנדל פון די יידישע הענט. אָט די קריסטלעכע סוחרים זענען עס בעת דער היטלער־תקופה געוואָרן, אַזוי גערופענע, „פאָלקס־דייטשן״ און געטריי געדינט די נאַציס. זיי האָבן גע־האָלפן אומברענגען אַ גרויסן טייל פון דער פּוילישער שטאָ־טישער אינטעליגענץ.

געציילטע יידישע געשעפטן האָט מען אין אָט דער תקופה געקאָנט אָנרופן איינגעפונדעוועטע, ווו דער אַנטיסעמיטישער אָנגריף האָט נאָך נישט דערגרייכט צום שורש. פון די אַמאָ־ליקע גרויסע תבואה־סוחרים איז קיין זכר נישט געבליבן, און די איצטיקע תבואה־סוחרים האָט מען גערופן זעקל־יידן, ווייל זייער מסחר איז באַשטאַנען אין קויפן אַ זעקל תבואה און נישט מער.

ביים אַמאָליקן רייכן פרנסה־צווייג פון האָלץ־מסחר האָבן זיך נאָך געקלאַמערט עטלעכע יידישע משפחות. דער עקאָנאָ־מישער קריזיס פון יאָר 1930 האָט גורם געווען צום באַנקראָט פון עטלעכע האָלץ־סוחרים אין שטאָט, און די פאָלגן פון די באַנקראָטן האָט מען געפילט אַ סך יאָרן.

די ירידה פון יידישן האַנדל אין ביאַלע האָט אויך כאַ־ראַקטעריזירט זיין אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַם. אין די ערשטע יאָרן נאָך דער אַנטשטייאונג פון פּוילן האָט אין ביאַלע עק־סיסטירט אַ סוחרים־פאַראיין, וואָס פלעגט זיך פאַרנעמען מיט פאַרשיידענע ענינים פון זיינע מיטגלידער. מיטן פאַר־שטאַרקטן טעמפּאָ פון דער פּאַופּעריזאַציע פון יידישן סוחרטום הערט אויף עקסיסטירן דער סוחרים־פאַראיין, און אויף זיין אָרט קומט דער קליינהענדלער־פאַראיין, צו וועלכן ס׳האָבן געהערט כמעט אַלע שטאָטישע סוחרים. אָט דאָס אָנשליסן זיך פון כמעט אַלע סוחרים אין דעם קליינהענדלער־פאַראיין איז געווען אַ בולטער באַווייז, אַז אין שטאָט זענען מער נישט געווען קיין גרויסע סוחרים.

דאָס וואָס ס׳האָט נאָך נישט באַוויזן די פּוילישע מאַכט מיט איר עקסטערמינאַציע־פּאָליטיק לגבי דעם יידישן האַנדל, האָבן באַוויזן די דייטשן גלייך נאָך זייער באַזעצן ביאַלע אין יאָר 1939. אין געציילטע וואָכן נאָכן אָקופּירן די שטאָט דורך די ברוינע רוצחים האָט דער יידישער האַנדל אויפגעהערט לגמרי צו עקסיסטירן.

ביים סוף פון אונדזער אָפּהאַנדלונג וועלן מיר דאָ אויס־רעכענען די האַנדלס־צווייגן, אין וועלכע די שטאָטישע יידן זענען געווען פאַרטראָטן.

שפּייז, פּרוכטן און זיסוואַרג, גרינוואַרג, קאָלאָניאַל, מילכ־וואַרג, שענקן, קאַפּייען, טשיינעס, יאַטקעס, פיש, תבואה, פּו־ראַזש, וויין, עופות.

ס׳זענען געווען געשעפטן, וואָס פלעגן פאַרקויפן נאָר אין הורט־פאַרנעם: זאַלץ, נאַפט, צוקער, מעל, גרויפּן, הערינג, רייז, הייוון, ביר.

מאַנופאַקטור, פּוטער, גאַלאַנטעריע, שוכוואַרג, קאָנפעקציע, לעדער־און שוסטער־צודאַטן, שמאַטעס, פעדערן, גלאָזוואַרג־און קיך־געשיר, אייזן־און בוי־מאַטעריאַל, לאַנדווירטשאַפט־לעכע מאַשינען און כלים, קוילן, בוי־האָלץ, ברענהאָלץ, פאַרב, ראָווערן אַלט־אייזן, שרייב־מאַטעריאַלן און ביכער, דראָ־געריע אַרטיקלען, מעבל, צירונג, האָטעלן.

אויף ווי ווייט מעגלעך וועלן מיר זיך באַמיען צו דער־מאָנען די גרעסערע געשעפטן און אונטערנעמונגען, וואָס האָבן עקסיסטירט ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

אין דער שפּייז־און קאָלאָניאַל־בראַנזשע — יעקב קאָרנ־בלום, צביה באַכראַך (בריסקערין) — דער עיקר הורט־פאַר־קויף; חיה זעלדע צוקערמאַן, מרדכי יוסף גאָלדשטיין, משה שאָר.

פּרוכטן, זיסוואַרג און קאַפּייען — בערל סאַנדלאַרזש, יצחק כהן, חיים מרדכי ראָזנבערג.

גרינוואַרג — אַבוש ראָזנבלום.

מילכוואַרג — בלומע גאָלדשטיין.

שענקן — די פאַמיליע אַדלערשטיין, שמעון ליכטנשטיין, משה ליכטנשטיין, חיה סאַפּיר, וועלוול מאַלינא, יצחק בערמאַן.

וויין — נתן באָרנשטיין.

הורט־פאַרקויף: זאַלץ און צוקער — די שותפים דוד נאָרטמאַן און פעלדמאַן; הערינג און רייז — אליעזר צעל־ניקער; הייוון — די פאַמיליע רייך און מאָטל שטיינגאַרט; ביר — יצחק בערמאַן, משה ליכטנשטיין, ישראל יצחק סאַפּיר; מעל אין גרויפּן — נטע אַלטביר; נאַפט און אַלערליי נאַפט־פּראָדוקטן — „פּעטראָלעאום״, וואָס האָט אָנגעהערט צו אייזיק (אַייזשע) שיינבערג און צו די ברידער לייבל און שמואל קרייזלמאַן.

מאַנופאַקטור און פּוטער — יהושע גליקסבערג, בעריש פישמאַן, ירחמיאל ליכטנבוים.

גאַלאַנטעריע און שוכוואַרג — שמואל זוסמאַן, יעקב שלמה זיידמאַן, יוסף גיטלמאַן, דוד קליגבערג, הערשל כהן, שרה לאה טאָרנהיים, לייביש ריכטער.

קאָנפעקציע — מענדל טאָקאַרסקי, מרדכי פּיעקאַרסקי.

לעדער און שוסטער־צודאַטן — יקיר כהן־צדק, יצחק גראָבמאַן, מאָטל איידלסבערג.

קיך־געשיר און גלאָזוואַרג — י. וויינגאַרטן (פייגעלע רפאלס), משה לידזבארסקי און צירל ראזנצוויג (יאַנקל אשרס).

אייזן, בוי־מאַטעריאַל, לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען, קוילן — אברהם אָרלאַנסקי, מאיר אָרלאַנסקי, אברהם קאַליכ־שטיין, שמעון ליכטנשטיין.

בוי־האָלץ — די שותפים: פאַמיליע לוסטיגמאַן און וועלוול איידלטוך, די שותפים: ברידער דוד און פרויעם ווייסמאַן מיט הערשבערגן (דוד קליגבערגס איידעם), די שותפים: משה ראָדזינעק און שמואל אָרלאַנסקי, די שותפים: משה קוראָ־פאַטווע און זכריה עפלבוים.

ברענהאָלץ — משה ראָדזינעק, אברהם יצחק קאָראַליק, יוסף זשעלאַזא.

מעבל — משה יצחק בידערמאַן, פינטשע איידלמאַן.

ראַווערן — יצחק אַגרעס, יעקב דאַגאַדני.

צירונג — אַברהם גאָלדשמידט, חיים מרדכי גאָלדשמידט.

שרייב־מאַטעריאַלן און ביכער — פנחס נאַרטמאַן, די יורשים פון יאָסקע ווינאָגראַד, וווּרמאַן (יאָסקע ווינאָגראַדס איידעם), נחום טענענבוים.

דראָגעריעס — מיכאַש האָפער, בערל גאָלדבערג.

זאָלן דאָ נאָך דערמאָנט ווערן עטלעכע פּרנסות, וואָס זענען געווען געקניפּט און געבונדן מיטן האַנדל. מיר מיינען דאָ קאָמיסיאָנערן (שפּיליטערן), אויטאָ־אייגנטימערס און צו־שטעלערס („פאַדריאַטשיקעס״).

די קאָמיסיאָנערן אין ביאַלע פלעגן זונטיק אָוועקפאָרן קיין וואַרשע מיט פולע טאַשן באַשטעלונגען פון די סוחרים. במשך פון דער וואָך פלעגן זיי באַזאָרגן אַהיים צו זייערע פאַמיליעס די באַשטעלטע סחורות, און די פאַמיליעס פלעגן שוין דאָס צושטעלן צו די סוחרים. פרייטיק פלעגן זיי זיך אומקערן אַהיים און מיט זיך ברענגען די עיקר־באַשטעלונגען. די ביאַלער קאָמיסיאָנערן זענען געווען אויסגעקאָכט אין וואַרשע, געקאָנט דאָרט יעדעס ווינקעלע, און נישט גענוי־טיקט זיך אין קיין אַדרעס פון סוחר, ווו ער קאָן פאַר אים באַקומען די באַשטעלטע סחורה. זיי, די קאָמיסיאָנערן פלעגן מערסטנטייל צאָלן נידעריקערע פרייזן ווי די סוחרים גופא. די קאָמיסיאָנערן פלעגן זייער שווער אַרבעטן, און זיי זענען געווען סאָלידע מענטשן, אויף וועלכע מ׳האָט זיך געקאָנט סומך זיין.

אין די שווערע יאָרן פאַרן יידישן האַנדל אין ביאַלע, ווען ס׳זענען אויפגעקומען אַ סך קריסטלעכע סוחרים, זענען אָבער די יידישע קאָמיסיאָנערן אין ביאַלע געבליבן קאָנקורענצלאָז. נישט געווען קיין קריסט וואָס זאָל זיך קאָנען און וועלן פאַר־מעסטן מיט זיי, און אַפילו די אַנטיסעמיטישע קריסטלעכע סוחרים האָבן געמוזט אָנקומען צו די יידישע קאָמיסיאָנערן.

ווי קאָמיסיאָנערן זענען טעטיק געווען די פאַמיליעס: פרעטער, שיינבערג, ריבאַק (יעקב און זיין זון אהרן), הייבלום, נאָוואָמיאַסט, קאַמלעט, א״אַ.

שטאָטישע יידן זענען אויך געווען די פיאָנערן ביים אָרגאַניזירן די צווישן־שטאָטישע אויטאָ־קאָמוניקאַציע. פון ביאַלע זענען געגאַנגען יידישע לאַסט־אויטאָס קיין וואַרשע און בריסק, פון וואַנען מ׳האָט געבראַכט פאַרשיידענע סחורות.

די פיאָנערן זענען געווען די קאָמיסיאָנערן און בעיקר די פאַ־מיליעס: שיינבערג, ריבאַק און קאַמלעט.

אין שטאָט זענען געווען טעטיק יידישע „פאַדריאַטשיקעס״ (צושטעלערס). ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען באַ־קאַנט געווען שמואל פּיזשיץ, שמעון קריידשטיין און חיים לוי רובינשטיין. זיי פלעגן צושטעלן צום מיליטער און צו דער מאַכט פאַרשיידענע אַרטיקלען, און אויך אָננעמען גרויסע אַרבעטן ביי דער מאַכט.

אין די אַכציקער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט האָט שמעון קריידשטיין אויפגעבויט זיינע קאַזאַרמעס אויף דער יאַנעווער גאַס, וואָס האָבן זיך געצויגן ביז די עקן גאַסן גאַרנצאַרסקע און סיטניצקע.

מיט 10 יאָר שפּעטער, נאָכן אויפבויען דורך שמואל פּי־זשיצן זיינע קאַזאַרמעס אויף דער אַרטילעריסקער גאַס, האָט דאָס מיליטער פאַרלאָזט די קאַזאַרמעס פון שמעון קריידשטיין און איז אַריבער אין די קאַזאַרמעס פון ש. פּיזשיץ. צוליב דעם, האָט מען געהאַלטן אין שטאָט, איז אָנגעגאַנגען די שטענדיקע מלחמה צווישן קריידשטיינען און פּיזשיצן.

שפּעטער האָט שמואל פּיזשיץ אויסגעבויט די הילצערנע קאַזאַרמעס אויפן בריסקער שאָסיי, און לעבן זיי אויפגעשטעלט אין יאָר 1901 געמויערטע.

נאָך דער אָנטשטייאונג פון פּוילן זענען טעטיק געווען וואָלף ווייצמאַן און שמעלקע שוואַרץ, ווי צושטעלערס צום מיליטער אין שטאָט. מיטן אָנקינדיקן די „אָוושעם־פּאָליטיק״ אויפן עקאָנאָמישן געביט, זענען אויך זיי דערוויטערט געוואָרן פון אָט דער פּרנסה.

מיר האָבן ליידער נישט קיין שום סטאַטיסטישן מאַטעריאַל בנוגע דעם יידישן האַנדל אין ביאַלע. דער געוועזענער וויצע־סטאַראָסטע אין ביאַלע ב. גורני גיט אָן אין זיין מאָנאָגראַפיע פון ביאַלער קרייז עטלעכע ציפערן פאַרן גאַנצן קרייז. שיינט אונדז אָבער, אַז זיי קאָנען אויך זיין מאָסגעביק פאַר דער שטאָט ביאַלע. אַזוי שרייבט ער: „אין יאָר 1938 זענען 80 פּראָצענט (1640 פּאַטענטן) פון האַנדל און קרייז געלעגן אין יידישע הענט. די יידן זענען געווען צום מערסטן רעפּרעזענ־טירט אין האַנדל מיט: גאַלאַנטעריע (84 פּראָצענט), לעדער (78 פּראָצענט). שפּייז (75 פּראָצענט)״.

אין יאָר 1939 האָבן אין קרייז ביאַלע געוווינט כמעט די זעלבע צאָל יידן ווי אין דער שטאָט ביאַלע, ביי 7,500 נפשות. ווען מיר זאָלן אָננעמען, אַז די יידן סיי אין קרייז ביאַלע און סיי אין דער שטאָט ביאַלע זענען אין אַ גלייכער מאָס געווען פאַרטראָטן אין האַנדל, קומט אויס, אַז אין ביאַלע האָבן זיך פאַרנומען מיט האַנדל בערך 820 משפחות.

ב. מלאכה

ס׳איז אָנצונעמען, אַז ביאַלע איז נישט געווען קיין אויס־נאַם אין יענע יאָרן, מיט אַ 70—80 יאָר צוריק, פון אַנדערע שטעט, ווען מלאכה האָט נישט פאַרשאַפט קיין איבעריקן כבוד און איז געווען אַ גאָר קנאַפּער יחוס אין אַ משפחה. אין יענע

יאָרן האָט דעם אויבן־אָן אין יידישן לעבן אין ביאַלע פאַרנומען דער סוחר. ס'רוב סוחרים זענען געווען חסידים און פלעגן דאַווענען אין חסידים־שטיבלעך נוסח ספרד. די בעלי־מלאָכות זענען געווען קאָנצענטרירט אין שול און בתי־מדרשים, און געדאַוונט נוסח אשכנז. נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז שוין פאָרגעקומען אַן ענדערונג צום גוטן אין דער באַציאונג צו מלאָכה.

ביאַלע האָט זיך נישט אויסגעצייכנט מיט פּראָדוצירן אַ וועלכן ס'איז מאַסן־אַרטיקל, ווי דאָס איז געווען דער פאַל אין דער שכנותדיקער מעזריטש מיט דער חזיר־האָר־בראַנזשע. אין שטאָט זענען געווען הונדערטער וואַרשטאַטן, און ס'רוב פון זיי האָבן זיך געפונען אין די דירות פון די בעלי־מלאָכות גופא. פאַרשטייט זיך, אַז די באַלעבאָסטעס פלעגן איינשפּאַנען לערנייינגלעך אין דער שטוב־אַרבעט, און אין די ערשטע יאָרן פלעגן זיי גאַנץ שוואַך עוסק זיין אין דער מלאָכה.

אָנהויבן אַרבעטן פלעגט מען אין די גאָר פריע מאָרגן־שעהן — זומער פון זון־אויפגאַנג ביז זון־אונטערגאַנג, און ווינטער פלעגט מען אָנהויבן אַרבעטן ווען ס'איז נאָך געווען פינצטער — ביי אַ נאַפט־לאָמפּ און אַרבעטן ביז אַכט־ניין אַזייגער ביינאַכט, — ווידער ביי אַ נאַפט־לאָמפּ. ס'פלעגן זיין פאַלן, ווען אין וואַרשטאַטן, ווו מ'פלעגט יעדע וואָך אויסענדיקן עפּעס אַ טראַנספּאָרט־אַרבעט, האָט מען אויך געאַרבעט דאָנערשטיק אַ גאַנצע נאַכט. ס'רוב מייסטערס זענען געשטאַנען ביים וואַרשטאַט און געאַרבעט צוזאַמען מיט די אַרבעטערס.

פרייטיק פלעגט מען אויסצאָלן דעם אַרבעטער זיין פאַרדינסט. די לערנייינגלעך פלעגן נישט באַקומען קיין באַלוינונג, אויסער אויף יום־טוב — אַ פּאָר גראָשן צום אָפּשערן זיך.

די אַרבעט איז געווען אַ שווערע, ווייל מ'האָט זיך נישט באַנוצט מיט קיין מעכאַנישער קראַפט און מ'האָט געאַרבעט אויף זייער אַ פּרימיטיוון אופן.

אונטער דער השפּעה פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט זענען נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה געענדערט געוואָרן די שווערע אַרבעטס־באַדינגונגען. די אַרבעטערס האָבן אָנגעהויבן אַרויסרוקן פאַרשיידענע פאָדערונגען צו זייערע אַרבעטס־געבערס, און ראשית־כל איז געקומען די פאָדערונג צו פאַרקלענערן די צאָל אַרבעטס־שעהן. וועגן פאַרלאַנגען וועלכע ס'איז סאָציאַלע תנאים, איז קיינמאָל נישט געקומען אין באַטראַכט. אין די שפּעטערדיקע יאָרן, בעת דער פּוילישער הערשאַפט, זענען אַ טייל אַרבעטערס פאַרזיכערט געווען אין דער קראַנקן־קאַסע און זייערע אַרבעטס־געבערס האָבן געמוזט צאָלן פאַר זיי אַ געוויסן אָפּצאָל. כמעט אין אַלע אַרבעטס־פּלעצער איז שוין אין דער תקופה אָפּגעהיט געוואָרן דער אַכט־שעה'דיקער אַרבעטס־טאָג.

אויב אין דער רוסישער צייט האָט דער יידישער בעל־מלאָכה בכלל נישט געוווּסט פון קיין שטייערן, איז ער אין דער תקופה פון דער פּוילישער הערשאַפט (1918—1939) פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בעל־חוב פון פּוילישן מלוכה־אוצר. די יידישע בעלי־מלאָכות האָט מען באַלייגט מיט אַזעלכע הויכע שטייערן, אַז ס'רוב פון זיי זענען נישט אומשטאַנד געווען זיי צו באַצאָלן. האָט טאַקע דער שטייער־אַמט אויסגעליידיקט זייערע דירות פון יעדן שטיקל מעבל. דעמאָלט זענען דאָס אויפגעקומען די אַריינגעמויערטע שענק אין די ווענט, כדי די שטייער־מאַכט זאָל זיי נישט קאָנען צונעמען. אַ סך שניידערס פלעגן פון זייערע קליענטן נעמען באַשטעטיקונגען, אַז די סחורה איז זייערע, כדי אויסצומיידן אַ ריקוויזיציע מצד דעם שטייער־אַמט.

ס'איז אויך צוגעקומען דאָס געזעץ וועגן זונטיק־רו, וואָס האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט יעדן פּאָליציאַנט צו שיקאַנירן די יידישע בעלי־מלאָכות. הגם די איבערוויגנדיקע מערהייט פון די יידישע וואַרשטאַטן האָט זיך געפונען אין הייף און נישט אין פראָנט פון די גאַסן, דאָך פלעגן די פּאָליציאַנטן אַהין טרעפן און צונויפשטעלן פּראָטאָקאָלן פאַר מחלל זיין דעם זונטיק.

די דאָ געבראַכטע דריי סטאַטיסטישע טאַבעלעס, וואָס האָבן אַ שייכות צום יאָר 1921, זענען באַאַרבעט געוואָרן אונטער דער לייטונג פון אינזש. העלער, וואַרשע 1923, אויפן סמך פון אַן אַנקעטע וועגן יידישע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען אין פּוילן.

וואָס שייך ביאַלע, זענען די טאַבעלעס נוגע בעיקר די האַנטווערקער־וואַרשטאַטן, ווייל אויסער ראַאַבעס פאַבריק, צוויי טאַרטאַקן, צוויי מילן און דער וויינעס, זענען דעמאָלט אין ביאַלע נישט געווען מער קיין יידישע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען.

ס'איז אָנצונעמען, אַז די ציפערן אין די טאַבעלעס זענען נישט קיין פולשטענדיקע. מיר זעען פון זיי, אַז אין יאָר 1921 זענען אין ביאַלע געווען 402 יידישע אַרבעטס־אונטערנעמונגען (פון דעם — 26 נישט־טעטיקע), מיט אַ צאָל פון 861 אַרבעטערס, פון וועלכע 758 זענען געווען יידן.

טאַבעלע 1

אונטערנעמונגען	אין %	באַשעפטיקטע ס"ה	לוין־אַרבעטערס אין %%
שטיין, ליים, גלאָז [1]	1.1	9.2	19.9
מעטאַל	5.	4.1	2.1
מאַשינען־אַפּאַראַטן	1.9	1.3	0.3
האָלץ	2.1	3.7	6.5
לעדער	2.4	2.8	2.8
טעקסטיל	1.1	0.9	1.
באַקליידונג	49.5	43.8	42.5
פּאַפּיר	2.7	1.5	0.5
דערנערונג	18.1	18.6	10.1
כעמיע	2.7	3.	3.1
בוי	9.8	6.7	6.7
גראַפישע אינדוסטריע	1.6	2.3	2.3
רייניקונג	2.1	2.1	2.1

[1] אין פּראָדוקציע־פאַך „קאַלך־גרובן" — 2 אונטערנעמונגען מיט 77 לוין־אַרבעטערס, פון זיי 2 יידן.

טאַבעלע 2

ארט אינדוסטריע	צאָל טעטיקע און נישט־טעטיקע	טעטיקע: מיט לוין־אַרבעטערס	טעטיקע: אָן לוין־אַרבעטערס	נישט־טעטיקע	ס"ה באַשעפטיקטע	אייגנטימערס: צאָל	אייגנטימערס: %	פאַמיליע־מיטגל.: צאָל	פאַמיליע־מיטגל.: %	לוין־אַרבעטערס ייִדן: צוזאַמען	ייִדן: %	ייִדן: מענער	ייִדן: פרויען	ייִדן: קינדער	לוין־אַרבעטערס נישט־ייִדן: צוזאַמען	נישט־ייִדן: %	נישט־ייִדן: מענער	נישט־ייִדן: פרויען
שטיין, ערד א"אַ אינדוסטריע	4	2	2	—	79	2	2.5	—	—	2	2.5	2	—	—	75	95	75	—
מעטאַל־אינד.	19	4	14	1	35	21	60	6	17.1	8	22.9	4	—	4	—	—	—	—
מאַשינען־און אַפּאַראַטן־אינד.	7	1	6	—	11	7	63.6	3	27.3	1	9.1	—	—	1	—	—	—	—
האָלץ־אינד.	8	3	4	1	32	7	21.9			13	40.6	12	—	1	12	37.5	12	—
לעדער, פעל־און ענלעכע אויסאַרב.־אינדוסטריע	9	4	5	—	24	12	50	1	4.2	11	45.8	9	—	2	—	—	—	—
טעקסטיל־אינד.	4	1	2	1	8	2	25	2	25	4	50	1	—	3	—	—	—	—
באַקליידונג־און פעלץ־אינד.	186	88	92	6	377	183	48.5	30	8	163	43.2	77	30	56	1	0.3	—	1
פּאַפּיר־אינד.	10	2	7	1	13	7	53.8	4	30.8	2	15.4	1	1	—	—	—	—	—
דערנערונג־און גענוס־מיטלען־אינדוסטריע	68	12	51	5	160	61	38.1	60	37.5	32	20	26	6	—	7	4.4	7	—
כעמישע אינד.	10	2	5	3	26	7	26.9	7	26.9	6	23.1	6	—	—	6	23.1	6	—
בוי־אינדוסטריע	37	7	22	8	58	28	48.3	4	6.9	25	43.1	25	—	—	1	1.7	1	—
גראַפישע אינד.	6	2	4	—	20	7	35	4	20	8	40	4	—	4	1	5	—	1
רייניקונגס־אינד.	8	5	3	—	18	8	44.4	2	11.1	8	44.4	6	—	2	—	—	—	—

טאַבעלע 3

1. אונטערנעמונגען

מיט לוין־אַרבעטערס	133	
אָן לוין־אַרבעטערס	217	
נישט טעטיקע	26	
	376	ס"ה

2. באַשעפטיקטע פערזאָנען

		צאָל	אין %%
אייגנטימערס		352	40.9
פאַמיליע־מיטגלידער		123	14.3
לוין־אַרבעטערס:			
ייִדן			
מענער	173		
פרויען	37		
קינדער	73	283	32.9
נישט־ייִדן			
מענער	101		
פרויען	2	103	11.9
ס"ה		861	100.--

אין די לעצטע יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ביאַלע פאַרמאָגט פאָלגנדיקע ייִדישע בעלי־מלאכות.

סטאָליערס, מוליערס, מאַלערס, טשעשלערס, קאָוואַלעס, שלאָסערס, בלעכערס, טאָקערס, עלעקטראָ־טעכניקערס, ראַדיאָ־טעכניקערס, שינדלמאַכערס, טראַטשעס.

שניידערס, שניידערינס, שוסטערס, היטלמאַכערס, היטנ־מאַכערינס, קירזשנערס, קושמערס, שטעפּערס, טריקאָטאַזשני־קעס, וואַטעמאַכערס, וואַלגרעמפּלערס, שטריקמאַכערס, בענדלמאַכערס, העפטערינס, קאָרסעטנמאַכערינס, זאָקנמאַכערס.

זייגערמאַכערס, גאָלדשמידן, דרוקערס, איינבינדערס, פאָטאָגראַפיסטן, מאַזשאַנדזשניקעס.

בעקערס, קצבים, וויינמאַכערס, אָליעאַרניקעס, קאַשע־מאַכערס, גערטנערס, קאָנדיטאָרס, שינדערס, פישערס, סמאָ־ליאַרניקעס.

שערערס, פּאַרוק־מאַכערינס.

ביי דער גאַנצער פּאָליטיק פון פאַרפּויליַשן דעם האַנדל און מלאכה, זענען אָיך ביאַלע דאָך געווען פאַכן ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה, וואָס זענען אין גאַנצע 100 פּראָצענט געלעגן אין ייִדישע הענט, ווי: היטלמאַכעריי, גלעזעריי, בלעכעריי, האָלץ־טאָקעריי, דרוקעריי, איינבינדעריי א"אַ. אַלע באַמיאונגען אַריינצופירן קריסטלעכע פּאַכלייט אין די געביטן זענען געבליבן דערפאָלגלאָז. אַפילו אין דער אַעראָפּלאַן־פאַבריק, וווּ מ'האָט נישט אַריינגעלאָזט שפּעטער קיין ייִדישע בעלי־מלאכות איז מען געווען געצוווּנגען צו באַ־שעפטיקן די ייִדישע גלעזערס פייגנבוים און דעם ייִדישן בלעכער ישראל פעלמאַן.

דער שוין דערמאָנטער געוועזענער ביאַלער וויצע־סטאַראָסטע ב. גורני, גיט אָן אין זיין מאָנאָגראַפיע פון ביאַלער קרייז, אַז ייִדן אין ביאַלער קרייז האָבן באַהערשט

56.5 פּראָצענט פון גאַנצן האַנטווערק אין קרייז. לויט אים זענען ביז 1939 אַרויסגעגעבן געוואָרן 1286 האַנטווערק־קאַרטן צו די יידישע בעלי־מלאכות. ווען מיר זאָלן אויך דאָ אָננעמען, ווי מיר האָבן דאָס געטאָן ביים האַנדל, אַז די יידן אין קרייז, וואָס זייער צאָל איז געווען גלייך צו דער צאָל יידן אין דער שטאָט ביאַלע, זענען געווען פאַרטראָטן אין מלאכה פּראָצענטועל אין דער זעלבער מאָס ווי די ביאַלער יידן, וואָלט אויסגעקומען, אַז ביאַלע האָט אָפיציעל פאַרמאָגט קרוב 643 יידישע בעלי־מלאכות. מיר זאָגן אָפיציעל, ווייל פאַקטיש זענען געווען גענוג יידישע בעלי־מלאכות וואָס האָבן געאַרבעט אָן האַנטווערק־קאַרטן, באַזונדערס אין דער פּראָווינץ.

אין דער דערמאָנטער מאָנאָגראַפיע ווערט אָנגעגעבן, אַז די יידן אין קרייז האָבן געבילדעט אין: שניידעריי 80 פּראָצענט, מאָלעריי 90 פּראָצענט, היטלמאַכעריי 100 פּראָצענט, שוסטעריי 78 פּראָצענט, שערער־פאַך 75 פּראָצענט, בלעכעריי 100 פּראָצענט.

דער אָנטייל פון די יידן אין קרייז אין די פרייע פּראָפעסיעס ווערט דאָרט באַצייכנט אויף 25 פּראָצענט.

יידן אין שטאָט זענען טעטיק געווען אין די פאָלגנדיקע פרייע פּראָפעסיעס: דאָקטוירים (1—3) צאָן־דאָקטוירים (1—2), אַדוואָקאַטן (1—4), אַקושערקעס, צאָן־טעכניקערס, בוכהאַלטאָרן, באַאַמטע, בראַקערס און געשעפט־אָנגעשטעלטע.

מלאכה /

גדליהו בראווערמאן פתח־תקוה

(פון די 80קער יאָרן אין פאַריקן יאָרהונדערט ביז 1939)

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ביאַלע האָט תמיד געשמט ווי אַ פרומע שטאָט, און איז באַרימט געווען מיט אירע גרויסע לומדים, איז דאָך שוין אין די אַכציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט פאַרשפּרייט געווען מלאכה צווישן דער ביאַלער יידישער באַפעלקערונג, כאָטש מלאכה האָט זיך נישט גערעכנט פאַר קיין איבעריקן כבוד.

דער עיקר פּרנסה־מקור פון די יידישע בעלי־מלאכות אין ביאַלע האָט געשטאַמט פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג אין שטאָט און דער אומגעגנט. ביאַלע ווי אַ קרייז־שטאָט האָט פאַרמאָגט אַ סך אַמטן און מיליטער. ווי פיינטלעך צו יידן ס׳זענען נישט געווען געשטימט די רוסישע טשינאָווניקעס און די רוסישע אָפיצירן, האָבן זיי דאָך געמוזט אָנקומען צום יידישן בעל־מלאכה אין אַ סך געביטן, אין וועלכע ס׳זענען בכלל נישט געווען קיין קריסטלעכע בעלי־מלאכות. און אויב ס׳זענען אַזעלכע יאָ געווען, האָבן זיי זיך אָבער נישט געקאָנט פאַרגלייכן מיט די יידישע אין דער גוטער אַרבעטס־קוואַליטעט. אַזאַ פּאָר אָפיצירסקע לאַקיר־שטיוול ווי ס׳האָט אויסגעסטראָיעט סרולקע (ישראל) קאָטשעמאַיניק, זענען די קריסטלעכע שוסטערס נישט אומשטאַנד געווען נאָכצומאַכן. ווער שמועסט נאָך וועגן הערשל בריסקער, ביי אים האָט מען געמוזט וואַרטן אין דער ריי אויף אַ פּאָר שטיוול אָדער אַ פּאָר שיך. אויסער וואָס זיין אַרבעט איז געווען אָן ערשטקלאַסיקע, איז אויך די סחורה געווען פון בעסטן קוואַליטעט.

אמת, ס׳זענען אויך געווען שוואַכערע יידישע שוסטערס, אָבער אָט די האָבן געאַרבעט פאַר דער פויערישער באַפעלקערונג, וועלכע האָט גערנער געהאַט צו לאָזן זיך באַדינען פון יידישן בעל־מלאכה ווי פון קריסטלעכן.

ס׳לוינט זיך צו דערציילן וועגן איינעם אַ ביאַלער שוסטער פון יענער צייט, וואָס האָט זיך באַצויגן צו זיין מלאכה אויף אַ מאָדנעם אופן. דאָס איז געווען דער שוסטער סענדער מאַטיע (געהאַט אַ זון אַ מלמד, הערש היים, געהאַט אַן אייגן הויז אין ראָג גראַבאַנאָווער און פּראָסטע גאַס). אָט דער סענדער מאַטיע האָט קיינמאָל נישט גענומען קיין מאָס פון קונדס פוס, בעיקר פון אַן אשה. ער האָט געהאַט אַ קעסטעלע מיט זאַמד און דאָרט אַהין פלעגט ער הייסן דעם קונד אַריינשטעלן דעם פוס. דערנאָך פלעגט ער נעמען אַ מאָס פון אָט דעם פאָרעם וואָס האָט זיך אויסגעבילדעט אין זאַמד. פאַרשטייט זיך, אַז סענדער מאַטיעס קונדן האָבן זיך רעקרוטירט נאָר פון דער יידישער באַפעלקערונג.

דאָס זעלבע איז געווען מיט די יידישע שניידערס, מיט וועלכע די קריסטלעכע בעלי־מלאכות האָבן נישט געקאָנט מיטהאַלטן. די עטלעכע יידישע מיליטער־שניידערס זענען שטענדיק פאַרוואָרפן געווען מיט אַרבעט. ביי די גוטע יידישע שניידערס האָבן זיך געניייט די פריצים און טשינאָווניקעס, ווי אויך די יידישע גבירים. ביי די מיטלמעסיקע שניידערס האָט זיך גענייט דער יידישער מיטלשטאַנד, די יידישע אַרבעטערס און די שטאָטישע מיעשטשאַנעס.

די יידישע בוי־פאַכן, ווי: טשעשלעריי, סטאָליעריי און מאָלעריי, זענען אַוודאי אָנגעוויזן געווען אויף דער קריסטלעכער באַפעלקערונג. די טשעשלערס און אַ סך בוי־סטאָליערס פלעגן זיך כמעט דעם גאַנצן סעזאָן געפינען אין די דערפער, וווּ זיי פלעגן שטעלן הייזער פאַר די פויערים און אין די פּריצישע הייף.

אַנדערש איז שוין געווען די לאַגע פון די מוליערס, זיי זענען אָנגעוויזן געווען אויף אַרבעט כמעט בלויז ביי יידן אין שטאָט.

בעסער איז געווען די לאַגע פון די מאָלערס, וואָס האָבן נישט אויסגעקוקט אויפן יידישן ערב־פּסח, ווען מ׳פלעגט קאַלכן די יידישע הייזער, נאָר פלעגן באַקומען אַרבעט ביי דער קריסטלעכער באַפעלקערונג און אין די שטאָטישע אַמטן.

ווינטער איז די עקאָנאָמישע לאַגע ביי אַ טייל בעלי־

מלאכות געווען אַ שווערע. ס'האָט זיך דאַן אָפּגעשטעלט די בוי־באַוועגונג, די בעלי־מלאכות האָבן נישט געהאַט קיין אַרבעט, און פון די אָפּגעשפּאָרטע געלטער האָט מען נישט געקאָנט לאַנג לעבן. האָט מען דעריבער גענומען זוכן באַזונדערע באַשעפטיקונגען אין ווינטער. אַ סך פלעגן אַוועק האַקן אייז אויפן טייך, אַנדערע זענען געווען באַשעפטיקט ביים איינלייגן אייז אין די ליאָדאָווניעס און אַ סך פלעגן אַרומגיין איבער די הייף האַקן האָלץ.

ביים אָנהייב פון היינטיקן יאָרהונדערט איז געקומען צו אַ גרויסער אויפלעבונג אין דער בוי־בראַנזשע. דאָס איז געשען, ווען דער פאַרוואַלטער פון ביאַלער הויף, דיקלער, האָט געבויט די קאַזאַרמעס אויפן וואַרשעווער שאָסיי. ביי דער אַרבעט האָט מען באַשעפטיקט עטלעכע הונדערט בעלי־מלאכות פון ביאַלע און פון דער אומגעגנט.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן ווען מלאכה האָט אויפגעהערט צו זיין אַ פּגם אין דער משפּחה, און די אונטערגעוואַקסנדיקע יוגנט האָט זיך האַסטיק געוואָרפן לערנען אַ פאַך, זענען אין יעדן פאַך צוגעקומען פרישע בעלי־מלאכות. פאַרשטייט זיך, אַז ביאַלע האָט נישט געקאָנט אַבסאָרבירן אַזוי פיל פאַכלייט, און אַ סך פון זיי זענען אַוועק אַרבעטן אין גרעסערע שטעט, פון וואַנען זיי פלעגן קומען אַהיים אויף סוכות און פּסח. דאָס איז געווען, מער־ווייניקער, דער אויסוועג צו לייזן דאָס פּראָבלעם פון איבערפלוס אין בעלי־מלאכות אין שטאָט.

מיט דער אינדוסטריאַליזאַציע פון לאַנד, זענען אַנטשטאַנען שיך־פאַבריקן, און דאָס האָט געגעבן אַ קלאַפּ דעם שוסטער־פאַך. די ביאַלער קרעמערס האָבן אָנגעהויבן אַראָפּברענגען שיינע שיך, און אַזוי אַרום אַוועקגענומען דעם יונגן קונד פון שוסטער־בעל־מלאכה. די שוסטערס האָבן גערופן אסיפות, געדראָט מיט נגישות קעגן די קרעמערס, אָבער נאָכן גאַנצן טומלען זיך האָבן זיי איינגעזען, אַז מ'קאָן נישט גיין קעגן דער צייט, מ'קאָן נישט צווינגען דעם קרעמער, אַז ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון זיין פּרנסה.

צווישן די שטעפּערס זענען דעמאָלט געווען צוויי פאַרשטענדיקע מייסטערס, אידל בריסקער (הערשל בריסקערס זון) און פרויעם דער געלער, ביי וועמען ס'איז אויפגעשווומען דער געדאַנק צו שאַפן אַן אַרטעל פון אַלע ביאַלער שטעפּערס, כדי אַזוי אַרום אויסצומיידן קאָנקורענץ. אַז די שוסטערס האָבן זיך דערוווסט וועגן דער באַפאָרשטייענדיקער פאַראייניקונג, וואָס זאָל, לויט זייער מיינונג, אויסגיין צו זייערע קעשענעס, האָבן זיי גענומען טומלען און מאַכן באַמיאונגען נישט צו דערלאָזן צו דער פאַראייניקונג, אָבער ס'איז זיי אינגאַנצן געלונגען אָפּצורייסן נאָר איין שטעפּער, וועלוול קיגלס.

אין יאָר 1906 איז די פאַראייניקונג פון די שטעפּערס צושטאַנד־געקומען. מ'האָט געדונגען אַ דירה ביי ראובן קאָזעס (שולמאַן) אין דער גראַבאַנאָווער גאַס און דאָרט האָבן אַלע צוזאַמען געאַרבעט. אין שטאָט האָט מען עס גערופן: „דער שטעפּער־אַרטעל". אין אַרטעל האָבן געאַרבעט די בעלי־מלאכות: אידל זיידמאַן (בריסקער), פרויעם דער געלער, הינך אָסטאַטני גראָש, זיין זון און אברהם פרויעמס. ווי אַרבעטערס זענען דאָרט געווען באַשעפטיקט: ג. בראַווערמאַן, מרדכי יוסף (ברײַנדל גרילעכעס אַן איי־ניקל) און יואל קעצעלעס. דער אַרטעל האָט אָבער נישט אָנגעהאַלטן לענגער ווי אַ יאָר און זיך צעפאַלן. סיבות פאַרן אויפלייזן דעם אַרטעל זענען געווען גענוג, אָבער די עיקרדיקע איז געווען, וואָס איינער האָט געוואָלט נאַרן דעם צווייטן, און אויסגעקוקט, אַז נאָר דער צווייטער זאָל אַרבעטן.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען ביאַלע האָט זיך געפונען אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע, איז די לאַגע פון די יידישע בעלי־מלאכות געווען אַ קלאָגעדיקע. ס'זענען נישט געווען קיין רווישטאָפן צו דער אַרבעט, און די באַפעלקערונג האָט זיך נישט געקאָנט דערלויבן עפּעס איינצושאַפן. דער רוב יידישע בעלי־מלאכות זענען געוואָרן טאָג־אַרבעטערס ביי דער דייטשער מאַכט.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט געדויערט אַ צייט ביז דיווירטשאַפטלעכע לאַגע פון לאַנד האָט זיך סטאַביליזירט. ס'זענען איינגעטראָטן גרויסע שינויים אין לעבנס־אַרט פון דער באַפעלקערונג, וואָס האָט געהאַט אַ ווירקונג אויפן מצב פון יידישן בעל־מלאכה אין שטאָט.

צו אַן אויפלעבונג איז געקומען אין דער בראַנזשע פון מעבל־סטאָליערײַ. פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דאָס כמעט געווען ווי אַן אומבאַקאַנט געביט אין שטאָט. וועמען האָט עס אינטערעסירט אין וואָס פאַר אַ בעט מ'שלאָפט, און ויפל דורות ס'זענען שוין אין אָט דער בעט געשלאָפן? וועמען איז עס אָנגעגאַנגען וואָס פאַר אַ שאַנק ס'שטייט אין שטוב? נאָך דער מלחמה האָט דאָס לעבן געמאַכט אַ גרויסן שפּרונג פאָרויס. ביי אַ יונג פאָרפאָלק, איז נאָך דער חתונה דער ענין פון מעבל געוואָרן אַ פּראָבלעם. ס'האָבן זיך גענומען עפענען אין שטאָט מעבל־וואַרשטאַטן, און אַ סך בוי־סטאָליערס האָבן זיך גענומען צו אָט דער אַרבעט. אין דער צייט מערקט זיך אין אָט דעם פאַך אַ צושטראָם פון דער אונטערוואַקסנדיקער יוגנט.

די בוי־באַוועגונג אין שטאָט האָט זיך אָפּגעשטעלט, יידן האָבן מער נישט געבויט. יידישע מוליערס זענען געוואָרן אָנגעוויזן אויף קריסטלעכע אַרבעטס־געבערס, און די לעצטע האָבן גיכער גענומען קריסטלעכע מוליערס, וואָס האָבן זיך גערעכנט פאַר נישט־ערגערע פאַכלייט ווי די יידן. זענען טאַקע אַ טייל יידישע מוליערס אַוועק קיין אויסלאַנד, און קיין נאָכפאָלגערס פון יונגן דור אין דעם פאַך האָבן זיך נישט באַוויזן.

געצאַנקט האָט דער טשעשלער־פאַך ביי יידן און גענומען אונטערגיין. האָט אַ קריסט געבויט אַ הויז האָט ער צוליבן אַנטיסעמיטישן קורס אַוועקגעגעבן די אַרבעט אַ קריסט.

די פּראָדוקציע פון מעכאַנישע שיך אין ביאַלע האָט זיך אָנגעהויבן נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די ברידער האַפּער און זייער שוואָגער בנימין קליגער האָבן געגרינדעט אַ פאַבריק פון מעכאַנישע שיך, ווו ס'האָבן געאַרבעט עטלעכע צענדליק אַרבעטערס. נאָך דער מלחמה איז די אַרבעט אין דער פאַבריק נישט באַנייט געוואָרן. אַ סך

אַרבעטערס וואָס האָבן פריער געאַרבעט אין דער דערמאָנטער פאַבריק, האָבן דאַן געעפנט שותפות־וואַרשטאַטן און פּראָדוצירט שיך אויפן מעכאַנישן אופן. אין שטאָט האָבן פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה עקסיסטירט אַ 5 אַזעלכע שותפות־וואַרשטאַטן, און די פּראָדוקציע איז כמעט געווען אַ סטאַבילע. די פּראָדוקציע פלעגט מען שיקן קיין בריסק און אַ טייל פון איר האָבן אָפּגענומען די ביאַלער קרעמערס.

פון אָט די שותפות־וואַרשטאַטן האָבן געצויגן חיונה כמעט אַלע שטעפּערס אין שטאָט און אַ טייל פון די לעדער־קרעמערס.

בכלל איז דער עקאָנאָמישער מצב פון די יידישע בעלי־מלאכות אין ביאַלע אין די לעצטע יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען אַ שווערער. אַן אויפלעבונג האָט זיך געמערקט נאָר אין די שותפות־וואַרשטאַטן פון די מעכאַנישע שיך, ביי די מעבל־סטאָליערס און ביי די שניידערס.

נישט געקוקט אויף דער פאַרדרענגונגס פּאָליטיק פון דער רעגירונג קעגן דער יידישער באַפעלקערונג, זענען אַפילו פאַרביסענע אַנטיסעמיטן געצוווּנגען אָנצוקומען צו אַ טייל פון די ביאַלער יידישע בעלי־מלאכות, אויב זיי האָבן געוואָלט האָבן אַ גוט שטיקל אַרבעט. אַפילו די דייטשע רוצחים פלעגן זיך נישט קאָנען אָפּווינדערן פון דער אַרבעט, וואָס ס׳פלעגן אַרויסגעבן די יידישע בעלי־מלאכות אין ביאַלע.

מ. י. פייגנבוים / א. פאבריקן

אונטערן נאָמען „פאַבריקן", מיינען מיר דאָ אונטערנעמונגען, וואָס האָבן געאַרבעט מיט מאַשינען, אַפילו פּרימיטיווע, און באַשעפטיקט אַ גרעסערע צאָל אַרבעטערס, אָדער אַזעלכע וואָס זענען קיינמאָל נישט באַצייכנט געוואָרן ווי וואַרשטאַטן.

שוין אין יאָר 1873 איז אויף דער וואָליע טעטיק געווען די קליינע פאַבריק פון הילצערנע שטיפטן. די פאַבריק האָט אָנגעהערט צו די ראַאַבעס ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען זי איז דורך די דייטשן רעקווירירט געוואָרן. נאָך דער מלחמה איז די פאַבריק נאַציאָנאַליזירט געוואָרן דורך דער פּוילישער רעגירונג.

דער גרינדער פון דער פאַבריק איז געווען דער דייטש טייבער. ער האָט אין יאָר 1873 אויפגעבויט די פאַבריק אין אַ גאָר קליינעם פאַרנעם, ווי אַ וואַרשטאַט צום אויסאַרבעטן הילצערנע שטיפטן צו שיך.

הערש בער ראַאַבע, אַ פרומער וואַרשעווער ייד, וואָס איז געווען אַ קליינער פאַרקויפער פון טייבערס שטיפטן, איז אין אַ צייט אַרום צוגעטראָטן ווי אַ שותף צו דער פאַבריק. די פירמע זייערע האָט געהייסן „טייבער און ראַאַבע".

נאָך עטלעכע יאָר זענען זיך די שותפים צעגאַנגען און ראַאַבע איז געבליבן דער איינציקער בעל־הבית פון דער פאַבריק. די פירמע פון דער פאַבריק איז געענדערט געוואָרן אויף „ה. ב. ראַאַבע". ראַאַבע האָט די פאַבריק פאַרגרעסערט און מ׳האָט דאָרט גענומען פּראָדוצירן קאַפּיטעס צו שיך. שפּעטער צו האָט ראַאַבע אויך פאַרלייגט אַ טאַרטאַק.

אין יאָר 1915, בעת די דייטשע אַרמיי האָט מאַרשירט אויף מזרח, איז די פאַבריק עוואַקואירט געוואָרן קיין רוסלאַנד. מ׳האָט אַרויסגעפירט די מאַשינען און אַ גרויסער טייל פון פּערסאָנאַל איז מיטגעפאָרן קיין רוסלאַנד, ווו די פאַבריק איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין דער שטאָט ניערעכט.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די ראַאַבעס האָבן זיך צוריקגעקערט פון רוסלאַנד, איז די פאַבריק צוריק אויפגעשטעלט געוואָרן און זי האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אויף אַ גאָר גרויסן מאַסשטאַב. אַ חוץ די האָלץ־שטיפטן האָט מען אָנגעהויבן פּראָדוצירן נייע אַרטיקלען, ווי: מעטערס, הילצערנע אָפּצאַסן, הילצערנע לאָפּאַטקעס פאַר מעדיצינישע צוועקן אאַ״וו. די וועלט־באַרימטע פירמע „באַטאַ" איז געווען צווישן די אָפּנעמערס פון ראַאַבעס פּראָדוקטן.

ראַאַבעס פאַבריק איז געווען איינע פון די גרעסטע פון דעם מין אין דער רוסישער אימפּעריע. איר פּראָדוקציע האָט אָנגעשפּאַרט אַזש ביז מאַנדזשוריע, מיטל־אַזיע און קאַווקאַז. אין יאָר 1915, פאַרן עוואַקואירן די פאַבריק קיין רוסלאַנד, האָבן דאָרט געאַרבעט 400 אַרבעטערס, צווישן זיי בערך 100 יידישע אַרבעטאַרינס. דער אַדמיניסטראַטיווער פּערסאָנאַל איז געווען אויסשליסלעך אַ יידישער. פאַבריק־דאָקטאָר איז געווען ד״ר גרשון זיטאַ, דער איינציקער יידישער דאָקטאָר אין שטאָט.

נאָכן טויט פון הערש בער ראַאַבע האָבן די פאַבריק ווייטער געפירט זיינע יורשים, די פיר זין: מאָריצי, בערנאַרד, ווינצענטי און יעקב (אַלע געוווינט אין וואַרשע).

מאָריצי האָט זיך נאָך באַמיט אָפּצוהיטן געוויסע יידישע טראַדיציעס אין זיין הויז, אָבער עטלעכע פון זיינע קינדער זענען שוין אַוועק פון יידישקייט. בערנאַרד איז לגמרי אַריבער צו די אַסימילאַטאָרן, און נאָכן אויסשמדן זיך פון אַלע זיינע קינדער, האָבן ער און זיין פרוי זיי נאָכגעפאָלגט. (ס׳איז כדאי צו באַמערקן, אַז ביי די וואַלן צו דער ערשטער רוסישער דומע (פּאַרלאַמענט) האָט בערנאַרד זיך באַמיט און ס׳איז אים געלונגען געשיקט צו ווערן פון דער יידישער קוריע אין ביאַלע ווי אַ דעלעגאַט צו דער וואַל־פאַרזאַמלונג, וואָס האָט באַשטימט דעם קאַנדידאַט אויף אַ דעפּוטאַט צו דער דומע). ווינצענטי איז געווען אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט און ער האָט געהערט צו די אַקטיווע פּאַרטיי־חברים. ער האָט מאַטעריעל געשטיצט די פּאָפּולערע סאָציאַליסטישע אויסגאַבעס. יעקב איז אַוועק קיין פּאַריז, נישט נעמענדיק קיין דירעקטן אָנטייל אין דער פירונג פון דער פאַבריק.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט מיט דער פאַבריק

אָנגעפירט דער ייִנגערער דור פון דער משפחה ראַאַבע. די־רעקטאָר פון דער פֿאַבריק ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה איז געווען פינקלהויז.

(לויט אינפאָרמאַציעס וואָס זענען שריפטלעך איבערגעגעבן געוואָרן פון געוועזענעם סענאַטאָר אין פוילישן סענאַט, אינזשיניער משה קערנער, וועלכער איז פון יאָר 1909 ביזן יאָר 1915 געווען דירעקטאָר פון ראַאַבעס פאַבריק אין ביאַלע).

ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן אין שטאָט עקסיס־טירט פאַרשיידענע פאַבריקן, פון וועלכע אַ טייל איז צוליב די מלחמה־ געשעענישן ליקווידירט געוואָרן און איז מער נישט באַנייט געוואָרן. מיר וועלן זיי דאָ, ווי ווייט מעגלעך, אויס־רעכענען.

אויף דער וואָליע האָט זיך געפונען אַ ייִדישער טאַרטאַק שוין אין יאָר 1866. ער האָט אָנגעהערט צו איינער אַ פרוי ביילטשע. די אַרבעט איז אויסגעפירט געוואָרן דורך ייִדישע אַרבעטערס.

נאָך אַ ייִדישער טאַרטאַק האָט זיך געפונען אויף דער וואָליע און האָט אָנגעהערט צום הויף (מערערע פרטים אין דער אָפּהאַנדלונג וועגן הויף פון א. ווייַנבערג ז״ל).

אין יאָר 1886 איז אויף דער וואָליע געווען אַ פאַבריקל פון סמאַרוווקע צו וועגענער, פון שוועבעלעך מיט די שאַכט־לען און פון שטעקלעך צו פעדער־האַלטערס. דאָס פאַבריקל האָט אָנגעהערט צו נח און לייבוש פרידמאַן. אַלע מאַשינען פלעגן די בעלי־בתים אַליין קאָנסטרואירן, און זיי פלעגן באַוועגט ווערן דורך אַ ראָד וואָס אַ מענטש האָט געדרייט. שפּעטער זענען די מאַשינען באַוועגט געוואָרן דורך אַ טראַנס־מיסיע, וואָס פלעגט אָנגעטריבן ווערן מיט דער הילף פון אַ קעראַט. דער רוב אַרבעטערס זענען געווען ייִדן.

אין שטאָט האָט עקסיסטירט אַ שיך־פאַבריק, וואָס האָט אָנגעהערט צו די ברידער האָפּער (פון די פייעס) און בנימין קליגער. די פאַבריק האָט באַשעפטיקט אַריבער 40 אַרבעטערס, שוסטערס און צושניידערס. די פּראָדוקציע פלעגט געשיקט ווערן אויך קיין טיף־רוסלאַנד.

באַרימט איז געווען אין שטאָט און אומגעגנט די גילזן־פאַבריק פון מאָטל מינץ. דאָרט האָט געאַרבעט אַ גרויסע צאָל ייִדישע אַרבעטערס, און בעיקר פרויען.

יאָרן האָט זיך געפונען אויפן טייך אַ וואַסער־מיל, וואָס האָט אָנגעהערט צום הויף, וועלכער פלעגט זי שטענדיק כמעט פאַרפאַכטן צו ייִדן. אַ צייט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז די מיל פאַרברענט געוואָרן און מער נישט צוריק אויפגעבויט געוואָרן.

די פאַבריק פון זושע גאָלדרייך, וועלכע פלעגט פּראָדוצירן טראָטואַר־פלאַטן (זיך געפונען אין הויף, וואָס האָט שפּעטער אָנגעהערט צו אלתר סוקנאָוו און וואָלף מאַלינאַ), איז ליקווידירט געוואָרן בערך אין יאָר 1912.

די ציגעלניעס איך די דערפער סעלץ און ציציבאָר האָבן אָנגעהערט צו די ביאַלער ייִדן חיים לוי רובינשטיין און יצחק גאָלדשטיין (יצחקל חנה טויבעס). די סעלצער ציגעלניע איז באַרימט געווען אין דער גאַנצער געגנט פון איר געהויבענער פּראָדוקציע.

פון די צוויי טאַרטאַקן, וואָס האָבן עקסיסטירט ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט איינער אָנגעהערט צו יצחק פּיזשיץ און שותפים. דער טאַרטאַק איז בעת די מלחמה־אָפּעראַציעס פאַרברענט געוואָרן דורך דער דייטשער אַוויאַציע.

דער צווייטער טארטאק האָט אָנגעהערט צו הערצל טשאַרני און שותפים. אין דעם טאַרטאַק האָט זיך געפונען אויך אַ דאַמף־מיל.

אויסער די גרויסע דאַמף־מיל פון ראַטאַיעוויטשן, האָבן אַלע אַנדערע דאַמף־מילן אין שטאָט אָנגעהערט צו ייִדן.

אויפן יאַנעווער שאָסיי איז די מיל געווען דאָס אייגנטום פון משה שניימאַן און שותפים. אין דער אַרטילעריסקער גאַס האָט די מיל געהערט צו די קרייזלמאַנס און צו פּנחס נארטמאַן. די בעלי־בתים פון דער מיל אין ווײַנעס זענען געווען די משפחות אורבאַך און וויזנפעלד. אויף די גלינקעס האָבן די ברידער פינקלשטיין געפירט אַ מיל וואָס איז אויפ־געשטעלט געוואָרן אויפן אָרט פון דער פריערדיקער ווינט־מיל, וואָס האָט אָנגעהערט צו זייער פאָטער.

אין דער גאַרנצאַרסקער גאַס האָט זיך געפונען די גרויסע קאַשע־מיל פון לייבל בלאַנקליידער און אין דער יאַטקע גאַס — די קליינע קאַשע־מיל פון לייבל מיגדאַל.

אין די אַלע ייִדישע מילן איז געווען באַשעפטיקט אַ קאָנטיקע צאָל ייִדישע אַרבעטערס ביי פאַרשיידענע אַרבעטן.

דער ווײַנעס (דער נאָמען ווײַנעס, וואָס מיינט ווײַן־הויז, שטאַמט משמעות פון דעם, וואָס מ׳האָט אַמאָל אויף דעם אָרט פּראָדוצירט אָדער פאַרקויפט ווײַן), ווו מען האָט פּראָדוצירט ביר, איז אין יאָר 1908 געוואָרן אויפסניי אויפגע־בויט פון בעריש אורבאַך, אויפן אָרט פון פאַרברענטן היל־צערנעם ווײַנעס אין יאָר 1904.

אַלע מאַשינען זענען דאָרט באַוועגט געוואָרן דורך אַ טראַנסמיסיע, וואָס איז געטריבן געוואָרן דורך אַ קעראַט, אין וועלכן ס׳איז געווען איינגעשפּאַנט אַ פערד.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דער ווײַנעס רעקווירירט געוואָרן דורך די דייטשן און זיי האָבן דאָרט איינגעאָרדנט פולשטענדיק מעכאַניזירטע פאַבריקן פון: ביר, לעמאָניאַדן און קינסטלעך אייז. אויפן הויף פון ווײַנעס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַן עלעקטראָווניע, אָבער פון דער עלעקטרישער ליכט האָבן נאָר גענאָסן די דייטשן אַליין.

נאָך דער מלחמה האָבן די ווײַנעס־אייגנטימערס אויס־פאַרקויפט די מאַשינען פון די לעמאָניאַדן־און אייז־פאַבריקן, בלייבנדיק ביי דער מאָדערניזירטער ביר־פאַבריק. מ׳איז דאָרט ווייטער אָנגעגאַנגען מיט דער ביר־פּראָדוקציע.

אין ווײַנעס האָבן געאַרבעט עטלעכע צענדליק ייִדישע אַרבעטערס און אַ סך פאַמיליעס האָבן זיך מפרנס געווען אַ דאַנק אָט דער פאַבריק. מיט דער צייט אָבער האָבן די ווײַנעס־בעל־הבתים ליקווידירט די ביר־פאַבריק, און דאָרט אויפגעשטעלט אַ דאַמף־מיל.

לעבן ווינעס האָט געהאַט זיין הויז לייבע בארנשטיין, וועמען מ׳האָט אין שטאָט גערופן לייבע מעדניק, צוליב ד׳ער מעד־און ווין־פאַבריק, וואָס ער האָט געהאַט אין זיין הויז. באַזונדערס באַרימט איז געווען דער מעד פון אָט דער



היורשים והפועלים של היקב של לייבה מעדניק
די יורשים און אַרבעטערס פון לייבע מעדניקס ווין־פאַבריק
Inheritors and workers of the wine cellars of Leibe Mednik.

פאַבריק, וואָס האָט געהאַט אַ גוטן אָפּזאַץ־מאַרק אין גאַנץ פוילן.

לייבע מעדניק, און שפּעטער זיינע יורשים האָבן באַ־שעפטיקט אַ צאָל יידישע אַרבעטערס, וועלכע זענען דאָרט זייער גוט באַהאַנדלט געוואָרן.

ביים אָנהייב וואָליע, גלייך נאָכן טייך האָט זיך געפונען די גאַרבאַרניע, וואָס איז בעת ד׳ער ערשטער וועלט־מלחמה אָפּגעקויפט געוואָרן דורך די פאַמיליעס יונגערמאַן און פרידבערג (פון בריסק). די גאַרבאַרניע איז טעטיק געווען ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה. די עיקר פּראָדוקציע איז דאָרט באַשטאַנען פון יוכט־לעדער פאַר די רימערס.

אין דער גאַרבאַרניע האָבן געאַרבעט עטלעכע יידישע אַרבעטערס.

לעבן דער גאַרבאַרניע האָט זיך געפונען אַ זייף־פאַבריקל פון דער פרוי שרה גיטלע גאָלפעדער. די פּראָדוקציע פלעגט אויסגעפּאַרטיקט ווערן דורך דער משפּחה אַלייז.

אַ צווייטע זייף־פאַבריק, אין אַ גרעסערן פאַרנעם האָט זיך געפונען לעבן דער, אַזוי־גערופענער, קאַזיאַנער באַד, און האָט אָנגעהערט צו דער משפּחה אָפּנהיים. אויך דאָ האָבן געאַרבעט בלויז די משפּחה־מיטגלידער. די פאַבריק פון דער משפּחה אָפּנהיים איז נאָך פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה ליקווידירט געוואָרן.

פון די פינף סאָדע־וואַסער־און לעמאָניאַד־פאַבריקן אין שטאָט זענען פיר געווען יידישע.

די יידישע סאָדע־וואַסער־און לעמאָניאַד־פאַבריק האָבן אָנגעהערט צו: משפּחה כהן (קאַהאַן — שייע בערטשעס), משפּחה זינגער (בערעלע זינגער), יעקב פליכטנרייך און משה פרעטער מיט ליסטגאַרטענען.

אין די פאַבריקן האָט מען באַשעפטיקט אַ גאַר קליינע צאָל אַרבעטערס, אויסשליסלעך יידישע.

ב. דרוקערייען

די ערשטע דרוקעריי אין שטאָט איז פאַרלייגט געוואָרן בערך אין יאָר 1900/1 דורך אַ מינסקער ייד, דוואָרזשעץ, וועלכער האָט געשטאַמט פון אַ משפּחה, וואָס האָט עוסק געווען מיט דרוקערייען. ס׳איז אָנצונעמען, אַז דאָס פאַרלאָזן דורך דוואָרזשעצן מינסק, ד׳י גרויסע רוסישע שטאָט און דאָס באַזעצן זיך אין אַזאַ פּראָווינץ־שטאָט ווי ביאַלע, איז נישט דיקטירט געוואָרן פון עקאָנאָמישע טעמים, נאָר דערצו האָט גורם געווען די פּראָצענט־נאָרמע פאַר יידישע קינדער אין רוסישן שול־וועזן, דוואָרזשעצעס קינדער זענען טאַקע גלייך אָנגעקומען אין דער ביאַלער גימנאַזיע.

דער דערמאָנטער דוואָרזשעץ האָט איינגעריכטעט אַ גרויסע דרוקעריי אין הויז פון יצחק גאָלדשטיין (יצחקל חנה טויבעס) אויף דער יאַנעווער גאַס. די דרוקעריי פלעגט אויספירן דרוק־אַרבעטן נאָר אין דער רוסישער שפּראַך און האָט נישט געהאַט קיין יידישע שריפט. ווייזט אויס, אַז ס׳איז דעמאָלט נישט געווען קיין באַדערפעניש אין שטאָט אויף דרוק־אַרבעטן אין יידיש.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, פאַרן פאַרלאָזן די שטאָט דורך דער ר׳וסישער אַרמיי, האָט דוואָרזשעץ עוואַקויִרט זיין דרוקעריי קיין מינסק.

די צווייטע דרוקעריי אין שטאָט איז געגרינדעט געוואָרן בערך אין יאָר 1902 דורך־ יעקב זעליג לובעלטשיק. יעקב זעליג איז פון פאַך געווען אַ מאָלער און האָט אַרויסגעוויזן גרויסע פעאיקייטן אויף פאַרשיידענע געביטן. נאָך איידער ער האָט פאַרלייגט די דרוקעריי פלעגט ער זיך פאַרנעמען מיט מאַכן שטעמפּלען.

מיט דער דרוקעריי האָבן אָנגעפירט יעקב זעליגס צוויי זין מתתיהו און אברהם. נאָך דער מלחמה איז אברהם געבליבן דער אייגנטימער פון דער דרוקעריי.

די דרוקעריי האָט געהאַט אַ גרויסע דרוק־מאַשין

(70×100 צמ.) און עטלעכע קליינע דרוק־מאַשינען, אַ שנייד־מאַשין צו פּאַפּיר און אַ גרויסן אויסוואַל פון שריפט אין פאַרשיידענע שפּראַכן. אַלע מאַשינען פלעגן באַוועגט ווערן מיט מענטשלעכע הענט, אָדער פיס.

אין דער דרוקעריי זענען געדרוקט געוואָרן פּוילישע ביכער, בראָשורן, צייטונגען פאַרשיידענע דרוק־אַרבעטן פאַר אַמטן און פּלאַקאַטן. דאָרט איז אויך געזעצט און געדרוקט געוואָרן די יידישע צייטונג „פּאָדלאַסיער לעבן", אונטער דער רעדאַקציע פון מ. מ. געלענבערג.

די דרוקעריי האָט זיך אַ סך יאָרן געפונען אויף דער בריסקער גאַס, אין הויז פון בנימין לייב מאַנדלבוים. די לעצטע יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה איז די דרוקעריי אַריבערגעפירט געוואָרן אין אייגענעם הויז פון אברהם לובעלטשיק, וואָס ער האָט זיך אויפגעבויט אין דער רעפאָר־מאַצקער גאַס.

די דריטע דרוקעריי אין שטאָט איז פאַרלייגט געוואָרן דורך משה פרישטיק, אויף דער יאַנעווער גאַס. די דרוקעריי איז געווען אַ קליינע און די דרוק־מאַשין דאָרט איז געווען פון אַ גאָר פּרימיטיוון שטייגער, און האָט ביי דער אַרבעט געפאָדערט אַ גרויסע פיזישע אָנשטרענגונג. נישט געקוקט אָבער אויף דעם זענען דאָרט געדרוקט געוואָרן עטלעכע צייטונגען במשך פון איר עקסיסטענץ.

ביי פרישטיקן אין דער דרוקעריי זענען געדרוקט געוואָרן די ערשטע יידישע צייטונגען אין ביאַלע: „ביאַלער עכאָ" און „ביאַלער שטימע", אַרויסגעגעבן דורך דער שטאָטישער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אונטער דער רעדאַקציע פון משה רובינשטיין.

אין יאָר 1927 האָט משה פרישטיק אַריבערגעפירט זיין דרוקעריי קיין וואַרשע.

די פערטע דרוקעריי אונטערן נאָמען „עקספּרעס" איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין יאָר 1931 אויף דער פּילסודסקי־גאַס דורך ישראל האָכמאַן און דוד צעשינסקי. נאָך עטלעכע יאָר זענען זיך די שותפים פונאַנדערגעגאַנגען און ישראל האָכמאַן איז געבליבן דער אייגנטימער פון דער דרוקעריי.

די דרוקעריי האָט געהאַט אַ דרוק־מאַשין די גרויס 50×35 צמ. און אַ קליינע פּעדאַל־מאַשינקע.ביידע זענען באַוועגט געוואָרן מיט די פיס. די לעצטע יאָרן פאַר דער מלחמה האָט זיך דאָרט געפונען אַ שנייד־מאַשין צו פּאַפּיר.

אין אָט דער דרוקעריי זענען דערשינען די צייטונגען: „פּאָדלאַסיער לעבן", אונטער דער רעדאַקציע פון חיים ראזמארין; „ביאַלער וואָכנבלאַט", אונטער דער רעדאַקציע פון חיים מיאָדעק און „פּאָדלאַסיער שטימע", אַרויסגעגעבן פון דער ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן א"י.

די עיקר־אַרבעטן אָבער פון אָט דער דרוקעריי זענען געווען פאַר אַמטן און פּריוואַטע אונטערנעמונגען.

אין אַלע דרוקערייען פלעגט מען אויך אויספאַרטיקן שטעמפּלען.

ס'איז כדאי צו באַמערקן, אַז לויט די באַמיאונגען פון „ראָזוואָי" אין ביאַלע, איז אין די צוואַנציקער יאָרן געגרינדעט געוואָרן אין שטאָט אַ פּוילישע דרוקעריי. נישט געקוקט אויף דער אונטערשטיצונג, וואָס זי האָט באַקומען פון אַלע זייטן, האָט זי אָבער נישט געהאַט קיין לאַנגן קיום. די בעלי־בתים האָבן באַנקראָטירט און די דרוקעריי איז ליקווידירט געוואָרן.

בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה זענען ביידע יידישע דרוקערייען רעקוויזירט געוואָרן און זענען איבערגעגעבן געוואָרן דעם דייטש וואנזשורא.

טייל פּרטים אויפגענומען ביי יצחק שיין.

אלתר וויינבערג - תל־אביב / דער ביאלער הויף

אין ביאַלע זענען געווען צוויי הייף: איינער האָט זיך אָנגעקערט מיטן ביאַלער רבין יצחק יעקב ראַבינאָוויטש, וואָס איז צוליב זיין ברייטער און רייכער פירונג געווען באַקאַנט אין גאַנץ פּוילן. דער צווייטער הויף האָט נישט געהאַט קיין שום שייכות מיט רביים, ער האָט אָבער אין אַ געוויסער תקופה געשפּילט אַ גאָר וויכטיקע ראָלע אין ווירטשאַפטלעכן לעבן פון די ביאַלער יידן. איך מיין דעם, אַזוי־גערופענעם, ראדזשיוויל־הויף.

אין מיינע קינדער־יאָרן האָב איך זיך אָנגעהערט אַ סך לעגענדעס וועגן אָט דעם הויף. שפּעטער, ווען איך בין שוין געווען אַ דערוואַקסענער מענטש, האָב איך דאָרט געאַרבעט און געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך פריי צו באַוועגן און נאָכ־צוזען די שפּורן פון יענע לעגענדעס.

דער הויף האָט זיך געפונען אויפן מעזריטשער שאָסיי, גלייך ביים אַרויסגאַנג פון שטאָט און האָט זיך געגרענעצט מיט דער גימנאַזיע. אַריינגייענדיק אין הויף האָט מען אין דער רעכטער זייט געזען אַ בנין מיט אַ הויכן טורעם אין אַ פאַרלאָזטן מצב. אויף די איבעריקע שטאָקן זענען געווען לעכער פון פענצטער. די פראָנט־וואַנט איז ביזן ערשטן שטאָק געווען געבויט פון לענגלעכע פיר־עקיקע שטיינער מיט אַ הויכן רונדן טויער. דער רונד אַרום טויער איז אויסגעפּלאַס־טערט געווען מיט קינסטלערישע געהאַקטע שטיינער. פון ביידע זייטן טויער האָבן זיך געפונען פאַרשיידענע שטיינערנע פיגורן, ווי: ביקסן, האַרמאַטן אויף צוויי רעדער, וואָס דאָס מיליטער פלעגט שלעפּן, שווערדן א"אַ. דער טויער איז שוין נישט געווען און דער אַריינגאַנג איז געווען פאַרקלאַפּט מיט ברעטער. פון דער צווייטער זייט בנין, אַנטקעגן דעם טויער, פּאַראַלעל מיטן שאָסיי איז געווען אַ באַרג, וואָס האָט זיך געצויגן לענגאויס דעם הויף. צופוסנס פון באַרג האָט זיך געצויגן אַ וואַסערל ווי אַ טייכל. זומער־צייט איז דאָס וואַסערל

געווען באַדעקט מיט קליינע גרינע בלעטעלעך. יידישע פרויען און קריסטינס פלעגן גיין אַהין מיט רעשעטעס און עמערס און אַרויסציען פון וואַסער די בלעטעלעך, מיט וועלכע זיי פלעגן פאַשען קליינע קאַטשקעלעך. צווישן שאָסיי און דעם שמאָלן וואַסער זענען געוואָקסן שיינע געדיכטע יאַשענע ביימער.

דעם באַרג האָט מען גערופן וואַל, ווייל, ווי מ'האָט דערציילט, זאָל דער באַרג האָבן געווען אַן אָנגעשיטער. מ'פלעגט דערציילן, אַז אונטערן וואַל געפינט זיך אַ קעלער, וואָס ציט זיך פון טורעם־בנין ביזן דאָרף סלאַוואַטשינעק. לויט דער לעגענדע זענען מענטשן עטלעכע מאָל אַריין אין קעלער מיט ליכט און שטורקאַצן, כדי צו זען וואָס דאָרט איז און ווי ווייט דער קעלער ציט זיך, אָבער צוריק איז שוין קיינער נישט אַרויס. מ'פלעגט אויך דערציילן, אַז דאָרט אין הויף ליגט אַ בעליק פון אַ פישביין, וואָס אַ שטיקל פון אים איז אַ סגולה צו קדחת. אַז ס'האָט זיך אַמאָל געמאַכט אַ געלעגנהייט פריי אַריינצוקומען אין הויף אַריין, פלעגט מען גיין אָפּהאַקן שטיקלעך פון פישביין־בעליק.

ווי ס'איז אָנגעגאַנגען, האָט גאַנץ ביאַלע און דער שטח פון פאָלוואַרק ביאַלקע (די יידן פלעגן רופן: נאַביאַלקע) ביזן דאָרף סטירנעץ, און נאָך ווייטער, אָנגעהערט צו אַ ראַדזשיוויל. ווער און וואָס דער ראַדזשיוויל איז געווען האָט קיינער נישט געוווּסט. טייל האָבן געזאָגט, אַז ער איז געווען אַ פּריץ, אַנדערע ווידער — אַז ער איז געווען אַ קיסר און דער גאַנצער באָדן האָט אים אָנגעהערט, און אַז אַלע איינוווינערס אויף דעם שטח זענען געווען זיינע אונטערטאַנען. ער האָט געוווינט אין הויף, וואָס איז אין פאַל פון מלחמה אויך געווען זיין פעסטונג.

אַז מ'האָט גוט באַטראַכט דעם הויף האָט מען טאַקע געקאָנט פעסטשטעלן, אַז דאָס איז געווען אַ פעסטונג. דער טורעם מיט די לעכער אין די הויכע שטאָקן זענען געווען באַשטימט צום באַשיסן דעם שונא, אין פאַל ווען דאָס וועט נייטיק זיין.

די שולן אין ביאַלע און יאַנעווע זענען, ווי מ'האָט געזאָגט, געבויט געוואָרן דורך ראַדזשיווילן. פאַרוואָס אויך די יאַנעווער שול, האָט קיינער נישט געוווּסט. אַ פאַקט איז, אַז ביידע שולן האָבן געהאַט אַן ענלעכקייט.

סוף פאָריקן יאָרהונדערט האָט מען נישט געקאָנט זיך פריי באַוועגן אין הויף, ווייל דאָרט האָט זיך געפונען די תפיסה פאַרן גאַנצן קרייז. אויפן צווייטן שטאָק אין טורעם־בנין האָט זיך געפונען אַ תפיסה פאַר פרויען, און די פענצטער דאָרט זענען דערפאַר געווען מיט גראַטעס. טיפער אין הויף האָט זיך געפונען דאָס געריכט און דאָרט האָט אויך געוווינט דער געריכט־פאָרזיצער.

די תפיסה האָט זיך געפונען אין פיר זייער לאַנגע איינשטאָקיקע בנינים, געבויט אין גאָר אַלטן סטיל: ווענט זייער גראָבע, געסקלעפּעוועטע סופיטן פון שטאַרק געברענטע ציגל. אויסהאַקן אַ ציגל איז געווען אַ סך שווערער ווי היינט אויסהאַקן אַ לאָך אין אַ בעטאָן־וואַנט. אין יעדן פענצטער זענען געווען גראָבע אייזערנע גראַטעס. אַזוי ווי איך פלעג דאָרט אַרבעטן, און פון צייט־צו־צייט איז מיר אויסגעקומען האַקן ווענט, האָב איך געזען, אַז די גראַטעס האָט מען דאָרט נישט אַריינגעשטעלט, ווען מ'האָט איינגעאָרדנט די תפיסה, נייערט זיי זענען איינגעפעסטיקט געוואָרן שוין ביים בויען די געביידעס.

פונדעסטוועגן האָט פּאַסירט, אַז נישט געקוקט אויף די גראָבע ווענט און געסקלעפּעוועטע סופיטן, זענען דאָך אַמאָל אַנטלאָפן פון דאָרט אַ גרופּע אַרעסטאַנטן. אויב איך האָב קיין טעות נישט זענען דאָס געווען בלויז יידן, און צווישן די אַנטלאָפענע זענען געווען אויך ביאַלער איינוווינערס. זיי האָבן געמאַכט אַ לאָך אין סופיט, זענען אַריין אין בוידעם און פון דאָרט איז זיי שוין געלונגען צו אַנטלויפן. דאָס איז געשען ביינאַכט, און אינדערפרי האָט די מאַכט ממש איבערגעקערט די שטאָט. מ'האָט דעמאָלט דערציילט, אַז די לאָך אין סופיט האָבן זיי אויסגעסקראָבעט מיט מעסערס, וואָס האָט נאַטירלעך געמוזט געדויערן חדשים, און אַז מ'האָט אויף זיי געוואַרט ביים טייך מיט שיפלעך. דער גרעסטער טייל פון די אַנטלאָפענע איז שפּעטער אַוועק קיין ענגלאַנד. פאַרוואָס די אַנטלאָפענע זענען געווען בלויז יידן, פאַרוואָס זיי זענען געזעסן אין תפיסה, איז אַ גאַנץ באַזונדערער קאַפּיטל. אַלע אַנטלאָפענע זענען געזעסן אָן אַ משפט און מיט זיי אין קאַמער זענען געזעסן אַנדערע, וואָס האָבן שוין געהאַט געריכט־אורטיילן. די לעצטע זענען נישט אַנטלאָפן, און וויפל מען האָט זיי נישט געפייניקט, האָבן זיי נישט אויסגעגעבן קיין שום פרטים און געטענהט, אַז זיי זענען געשלאָפן, און במילא האָבן זיי גאָרנישט געהערט און געזען.

אין די ניינציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, האָט מען אין ביאַלע אויפגעבויט די נייע תפיסה אויף דער פּראָסטער גאַס. דער הויף איז פריי געוואָרן פאַר אַלע שטאָט־איינוווינערס דאָרט צו שפּאַצירן. יידן האָבן אויך אָנגעהויבן גיין שבת אין הויף־סאָד, כדי צו געניסן פון דעם פאַרגעניגן, אָבער מיט אַ צייט שפּעטער האָט מען יידן אַהין נישט אַריינגעלאָזט.

דעם דאָזיקן הויף האָט מען אַ געוויסע צייט גערופן פיינקלס הויף, הגם ער איז בכלל נישט געווען זיינער.[1] פיינקל איז דאָרט געווען פאַרוואַלטער במשך צענדליקער יאָרן און מענטשן האָבן אים דעריבער אָנגענומען פאַרן בעל־הבית. יעדער איינער וואָס האָט נאָר געהאַט עפּעס אַ קאָנטאַקט מיט אָט דעם קריסט האָט זיך גאַנץ פיין באַרייכערט. ביי וואָס צו מאַכן דאָרט געשעפטן האָט נישט געפעלט, ווייל צום הויף האָבן געהערט אַ סך צענער טויזנטער מאָרג ערד און וועלדער, וואָס האָבן זיך געצויגן פון ביאַלקע אויפן בריסקער שאָסיי ביז ביידע סלאַוואַטשינקעס, דערפער אויפן וואַרשעווער שאָסיי ווי אויך די דערפער פּראָשעקי און סטירנעץ. אין ביאַלקע און

[1] אַדוואָקאַט אַפּאָלינאַרי האַרטגלאַס שרייבט וועגן דעם אין זיינע נישט־פאַרעפנטלעכטע זכרונות:

„דער שלאָס האָט אין דער צייט פון מיין געבורט (1883) געהערט צו די פאַרמעגנס פון דייטשן קאַנצלער, פירשט האָהענלאָהע, צו וועמען ער איז אַריבער בירושה פון די פירשטן ראַדזשיוויל. מיט אים האָט פאַרוואַלטעט אַן אַדמיניסטראַטאָר פון דייטשער אָפּשטאַמונג, מיטן פאַרפוילישטן נאָמען פיינקל" — רעד.

אין דיביידע סלאַוואַטשינקעס זענען געזעסן יידישע פאַכטערס, וואָס פלעגן זיין די אָפּנעמערס פון דער מילך.

דער הויף האָט אויך געהאַט אַ סך הייזער אין שטאָט און אויף דער וואָליע. די געביידע אין שטאָט, ווו ס׳האָט זיך אַמאָל געפונען דער פּאָוויאַט, וואָס ציט זיך פון מאַרק, דורך דער יאַנעווער גאַס, אַריין אויף דער פּאַטשטאָווער גאַס, איז געווען דאָס אייגנטום פון הויף. שפּעטער האָט דאָס הויז אָפּגעקויפט שמואל פּיזשיק. מ׳האָט דערציילט, אַז ער האָט עס געקויפט פאַר 10 טויזנט רובל צום אויסצאָלן במשך 10 יאָר, און אַז פּיזשיק האָט געהאַט פון דעם הויז אַ יערלעכע הכנסה אַ סך מער פון טויזנט רובל. אין דעם בנין האָבן זיך געפונען דער פּאָוויאַט מיט אַלע זיינע ביוראָס, די פּריזיוו־קאָמיסיע און די פּאָליציי. אויפן שטאָק איז געווען די דירה פון קרייז־נאַטשאַלניק. שפּעטער, ווען די אַלע אַמטן זענען אַריבער אין מעוויר־סעס הויז, האָט מען אין דער געביידע געמאַכט קראָמען.

צום הויף, וועלכן מ׳האָט אויך גערופן „סקאַרב” האָט אַמאָל אָנגעהערט אַ טאַרטאַק אויף דער וואָליע (פון דער צווייטער זייט וואָקזאַל), וועלכער האָט געשניטן דאָס האָלץ פון די אייגענע וועלדער. דער טאַרטאַק איז זיכער געווען דער ערשטער טאַרטאַק — מיר דוכט זיך, אַז אַ סך יאָרן איז ער אויך געווען דער איינציקער אין שטאָט.

צום הויף האָבן אויך געהערט די וואַסער־מילן אין ביאַלע און אין דאָרף פּראָשעקי. איך געדענק נאָך די קליינע מיל אין ביאַלע, וואָס איז צוזאַמען מיטן טייך־בריק פאַרברענט געוואָרן. שפּעטער האָט מען אויפגעבויט אַ דריי־שטאָקיקע גרויסע מיל, וועלכע איז געשטאַנען אַ סך יאָרן און אויך אָפּגעברענט געוואָרן.

דער ערשטער אַרענדאַר פון דער מיל איז געווען משה בערגשטיין, וועלכער האָט געהאַט אַ מויער נאָענט צום טייך, און שפּעטער האָט צו אים געהערט דאָס ערשטע דריי־שטאָקיקע הויז אין ביאַלע, וואָס בערל וויינבערג האָט אויסגעבויט אויף דער רעפאָרמאַצקער גאַס, און איז אַריבערגעגאַנגען צו בערגשטיינען פאַר אַ חוב.

דער צווייטער אַרענדאַר פון דער מיל איז געווען דוד ר׳ אַייזיקס, אָדער ר׳ דוד שחור, אַ באַוווסטער חסיד אין שטאָט, און אַ ברודער פון ר׳ נח שחור. ער האָט געהאַלטן אין אַרענדע די מיל, ביז זי אָפּגעברענט געוואָרן.

אין דער מיל האָבן, צווישן די קריסטלעכע אַרבעטערס, אויך געאַרבעט צוויי יידן: אביגדור משה גוטנבערג און שמעון מאראטשניק.

סוף פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט איז דער הויף פאַרקויפט געוואָרן צו אַ נייעם בעל הבית, אַ פּאָליאַק. ווי מ׳האָט געזאָגט, איז די סיבה פון פאַרקויפן געווען דאָס, וואָס די רוסישע רעגירונג האָט אַרויסגעגעבן אַ געזעץ, אַז פרעמדע אונטערטאַנען טאָרן נישט האָבן אין רוסלאַנד קיין אומבאַוועגלעכע גיטער, און אַזוי ווי דער בעל־הבית פון הויף איז געווען אַ פּאָליאַק אַ פּראַצייזישער אונטערטאַן, האָט ער דעם הויף געמוזט פאַרקויפן. אויף פיינקלס אָרט איז אָנגעקומען אַ נייער פאַרוואַלטער, אויך אַ פּאָליאַק, און ער האָט גענומען איינפירן אַנדערע אָרדענונגען.

לאַנג אָבער האָט דער נייער פּריץ נישט געהאַלטן דעם הויף אין זיין באַזיץ. בערך אין יאָר 1900 איז ער פאַרקויפט געוואָרן צו אַ יידישער מיידל מיטן נאָמען העלענאַ אַדאָל־פּוונאַ קאָגאַן, אַ רוסישע אונטערטאַנין, געבוירן אין אָדעס און געוווינט אין פראַנקרייך. זי האָט געהאַט אין אָדעס זייער גרויסע געשעפטן און אונטערנעמונגען מיט אַ סך פיליעס אין די רוסישע שטעט. דער הויפט־אָנפירער פון אירע עסקים איז געווען אירער אַ פעטער. דער פאַרוואַלטער פון ביאַלער הויף איז, נאָכן איבערגיין אין באַזיץ פון אָט דער מיידל, געוואָרן אַן אָדעסער ייד — דיקלער. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע עפּאָכע אין דער געשיכטע פון הויף, ער איז געוואָרן אַ יידישער הויף. די ביאַלער יידן האָבן זיך געקאָנט פריי באַוועגן אין הויף־סאָד און דאָרט שפּאַצירן, ווען זיי האָבן נאָר געוואָלט. דער הויף האָט באַקומען אַ נייעם נאָמען — דיקלערס הויף.

דיקלער האָט געוווסט ווי אַזוי צו פירן שטאַט, און איז נישט געווען רוסיפיצירט ווי די אַנדערע רוסישע יידן, וואָס פלעגן זיך שעמען מיט יידיש. ביי דיקלערן אין שטוב האָט מען גערעדט, פאַרשטייט זיך, רוסיש, אָבער אין קאַנטאָר, אין גאַס און סתם מיט יידן, וואָס פלעגן קומען צו אים וועגן פאַרשיידענע ענינים, האָט ער גערעדט אין אַ שיינעם אוקראַינישן יידיש. ווען איך האָב שפּעטער באַקענט זיין פאָטער, האָב איך געזען, אַז אָט דער דיקלער איז דערצויגן געוואָרן אין אַ יידיש־באַלעבאַטישער שטוב. ווי מ׳האָט געשמועסט, האָט דיקלער באַקומען אַ גרויסן געהאַלט, ממש ווי אַ גובערנאַטאָר. דער קאַנטאָר, אונטער דיקלערס אָנפירונג, איז פון אַ פּוילישן געוואָרן אַ יידישער, ווו ס׳זענען געזעסן אָדעסער יידן ווי באַאַמטע, וואָס האָבן זיך נישט געשעמט מיט יידיש.

די אונטערנעמערס, אַרבעטערס און סוחרים זענען געבליבן די זעלבע. די מיל אין פּראָשעקי האָבן איבערגענומען אין אַרענדע צוויי שעדלעצער יידן, וועלכע מ׳האָט שפּעטער גערופן אידל און אשר פּראָשעקיער. אָט די צוויי יידן זענען אין דער מיל געזעסן ביז זי איז פאַרברענט געוואָרן.

דיקלער האָט זיך ראשית אַ נעם געטאָן צו ברענגען אין אָרדענונג די בנינים אין שלאָס. מ׳האָט געבראָכן ווענט, געמאַכט אין זיי ווענטילאַציעס, כדי אויסצוטרוקענען זיי פון דער פייכטקייט, אַרויסגענומען די גראַטעס און אַריינגעשטעלט שיינע הויכע פענצטער, אַרויסגענומען די שטיינערנע פּאָדלאָגעס און אויף זייער אָרט געגעבן ברעטער, אַרויפגעמויערט פרישע שטאָקן, און אַלץ אין ברייטן פאַרנעם. מ׳האָט געפלאַנצט ביימער און גראָז ביים אַריינגאַנג אין הויף, וואָס האָט אינגאַנצן געענדערט זיין אויסזען.

אין ערשטן בנין, ביים אַריינגאַנג אין הויף איז איינגעאָרדנט געוואָרן דאָס ביוראָ. אין צווייטן שטאָק פון טורעם־בנין האָבן געוווינט מיט זייערע משפחות דער הויף־באַאַמטער רוזשינסקי און הערצקע ווינאָגראַד (יאָסקע ווינאָגראַדס פאָטער), וואָס האָט געאַרבעט אין הויף ווי אַ בראַקער, און האָט זיך גערעכנט פאַר אַ גרויסן פאַכמאַן אויף דעם געביט. ער איז געווען אַ שיינער ייד, אַ רעליגיעזער, אָבער נישט קיין פאַנאַטיקער.

דעם סקאַרב־טאַרטאַק אויף דער וואָליע האָט מען צעזו־מען. אויף זיין אָרט האָט מען אויפגעבויט אַ געמויערטן גרויסן און מאָדערנעם טאַרטאַק. אויף אָנצופירן מיט אים האָט מען אַראָפּגעברענגט צוויי יידן, ספּעציאַליסטן אין דער האָלץ־בראַנזשע.

איינער פון די צוויי ספּעציאַליסטן איז געווען אַ וואַרשעווער ייד, אַ גערער חסיד — סעגאַל, וואָס איז זייער אָנגעזען געווען אין שטאָט. יום־טוב פלעגט ער גיין פון דער וואָליע דאַווענען אין גערער שטיבל. דער צווייטער איז געווען אַ מלאַווער יונגערמאַן, אַ רעליגיעזער און אינטעליגענטער מענטש. שבת מברכין פלעגט ער גיין דאַווענען אין וואָליער בית־המדרש. אָט דער יונגערמאַן פלעגט זיך נישט שעמען אָנצוטאָן דעם הוט און אין קאַנטאָר דאַווענען מנחה. סוכות האָט ער געמוזט האָבן אַן אתרוג אין שטוב.

אויפן פּלאַץ האָט געוווינט דער יידישער שומר שפּאַק, וואָס האָט דאָרט געהאַט אַ גאַנץ גוטן אַרבעטס־פּלאַץ. אַ שטענדיקער בעל־עגלה איז דאָרט געווען הערשל שייקעס, וואָס פלעגט צעפירן די ברעטער אויפן פּלאַץ און פירן מאַטעריאַל צו דער באַן. ער איז געווען אַ באַלעבאַטישער ייד, וואָס האָט געוווינט אויף דער וואָליע.

שפּעטער איז אויף סעגאַלס אָרט געקומען זינגערמאַן פון אָדעס. ער איז געווען אַ הייסער ייד, אָבער אַ פרייער. נאָך אין יענע יאָרן פלעגט ער שבת דורכפאָרן דורך דער שטאָט קיין ביאַלקע און צוריק. אין שטוב אָבער האָט מען דאָרט געפירט אַ כשרע קיך.

דער טאַרטאַק איז זיך אַזוי צעוואָקסן, אַז ער איז געוואָרן אַ וועלט־פירמע. פון גאַנץ פּוילן פלעגן קומען סוחרים קיין ביאַלע, און סוחרים פון דייטשלאַנד זענען ווינטער געזעסן חדשים אין שטאָט, און טראַנספּאָרטירט האָלץ קיין דייטשלאַנד.

דיקלער האָט נישט גערוט און כסדר געבויט נייע אונטערנעמונגען. נאָוועמבער 1901 האָט ער אָנגעהויבן בויען אויפן וואַרשעווער שאָסיי קאַזאַרמעס פאַרן קאַלוזשעסקן פּולק, דירות פאַר די אָפיצירן, אַ צערקווע, און אַלץ, אין וואָס נאָר דער פּולק האָט זיך געניטיקט. דאָס איז געווען אַ ריזן אונטערנעמונג, וואָס איז פאַרטיק געוואָרן ממש אין אַן אומגלויבלעך קורצער צייט. ס׳האָבן אויף דעם פּלאַץ געאַרבעט אַ סך אַרבעטערס, יידן און קריסטן. די אַרבעט האָט געקאָנט גיך אויסגעענדיקט ווערן נאָר אַדאַנק דעם, וואָס דיקלער האָט געהאַט צו דיספּאָזיציע דעם טאַרטאַק מיט אַלע זיינע איינריכטונגען. די מאַשינען האָבן צוגעשטעלט אויסגעאַרבעט האָלץ און די בעלי־מלאכות האָבן בלויז גערדאַרפט עס אויסענדיקן. היינט איז מאַשין־אַרבעט אַ גאַנץ פּשוטע זאַך, אָבער דאַן, מיט 50 יאָר צוריק, ווען אַפילו אין וואַרשע זענען נאָך קיין סטאָליער־מאַשינען נישט געווען, און אַלץ האָט מען געמאַכט מיט דער האַנט, איז דאָס געווען פאַר ביאַלע אַ גאָר גרויסע דערגרייכונג.

ווער פון די ביאַלער פון עלטערן דור געדענקט נישט דאָס בויען פון די קאַזאַרמעס? אַלע הויפן זענען דאָך פול געווען מיט ברענהאָלץ פון אָפּפאַל ביים בוי. דער שאָסיי איז טאָג און נאַכט פיל געווען מיט ווייבער און קינדער, וואָס פלעגן טראָגן פון דאָרט שווערע זעק מיט שפּענער און קלעצלעך.

די גאַנצע אַרבעט אַרום די קאַזאַרמעס, איז כמעט אין 90 פּראָצענט געמאַכט געוואָרן דורך יידן. וויפל דיקלער האָט זיך נישט באַמיט צו ברענגען קריסטלעכע פאַכלייט, ווייל יידישע האָבן שוין אויסגעפעלט, און ער האָט געוואָלט וואָס גיכער אויסענדיקן, איז דערפון גאָרנישט אַרויסגעקומען — די קריסטן האָבן נישט געקאָנט אָנהאַלטן דעם אַרבעטס־טעמפּאָ פון די יידישע אַרבעטערס. ער האָט אַפילו געברענגט קאַצאַפּעס פון טיף־רוסלאַנד, אָבער איידער זיי האָבן באַוויזן אויפצושטעלן איין הויז, האָבן די יידן שוין געהאַט פאַרטיק פינף הייזער. דערפאַר טאַקע, אַז די קאַצאַפּעס האָבן געענדיקט איין בנין האָט זיי דיקלער אַהיימגעשיקט.

ס׳האָט דאָרט אויך אָנגענומען אַרבעט אַ גראַבאַנאָווער קריסטלעכער טשעשלער, ווינצענטי, אַ גוטער בעל־מלאכה, אָבער אויך ער איז געבליבן הינטערשטעליק לגבי די יידישע בעלי־מלאכות. אַזוי ווי אָבער דער ווינצענטי איז געווען אין גוטע באַציאונגען מיט מיין שווער, גרשון בראָדאַטש, וואָס האָט דאָרט געאַרבעט, האָט אים מיין שווער צוגעהאָלפן. געטאָן האָט ער דאָס, מיין שווער, מיט אַ כוונה: אַזוי ווי מ׳האָט דאָרט גערדאַרפט בויען אויך אַ צערקווע, און ער ווי אַ פרומער ייד האָט נישט געוואָלט צולייגן קיין האַנט צו אַזאַ בנין, האָט ער צוגעדינגט אָט די אַרבעט טאַקע דעם קריסט ווינצענטי, און שטאַרק צופרידן געווען, וואָס ס׳איז אים געלונגען זיך אַרויסצודרייען פון צערקווע־עסק.

די דעכער זענען געווען פון שינדלען, און ביי דער אַרבעט זענען געווען באַשעפטיקט אַלע שינדלמאַכערס און שינדל־באַשלעגערס פון ביאַלע און פון די אַרומיקע שטעטלעך. זיי פלעגן אַרבעטן פון שאָק און במילא זיך אַליין עקספּלאָאַטירט.

די סטאָליערײַ־אַרבעט האָבן געמאַכט בשותפות אברהם גריל (בראַוערמאַן) און וועלוול מאַלינא. דאָ איז כדאי איבערצוגעבן דעם טרויעריקן פאָרפאַל וואָס איז דעמאָלט פאָרגעקומען ביים אָננעמען די סטאָליערײַ־אַרבעטן.

אברהם גריל און מאַלינא פלעגן אַרבעטן אין הויף, און במילא זענען זיי געווען די קאַנדידאַטן צו באַקומען די אַרבעט ביי די קאַזאַרמעס. וועגן דער זעלבער אַרבעט האָט זיך אָבער באַמיט אויך גאָדל ביניעס (מילבוים). גאָדל האָט געהאַט די שליסלען פון דער שול, ווו ער איז געווען גבאי, און אונטער זיין אויפזיכט האָט זיך געפונען דער טלית פון אַדוואָקאַט קלמן האַרטגלאַס. ווען האַרטגלאַס פלעגט האָבן יאָרצייט פלעגט ער קומען אין שול אַריין דאַווענען און זאָגן קדיש, און גאָדל פלעגט זיך אַרומפאָרען אַרום אים. שפּעטער, ווען האַרטגלאַסעס קינדער זענען געוואָרן נאַציאָנאַל־געשטימט, האָט זיך דאָרט אין שטוב אַלץ געענדערט, און האַרטגלאַס פלעגט קומען יעדן יום־טוב אין שול אַריין, און טיילמאָל אויך שבת. גאָדל האָט אויך געאַרבעט ביי האַרטגלאַסעס הויז. איצט האָט אַדוואָקאַט האַרטגלאַס זיך באַמיט אַז גאָדל זאָל באַקומען די אַרבעט אין די קאַזאַרמעס. אין אַ געוויסן טאָג, ווען גאָדל איז געגאַנגען צו דיקלערן, זענען אַרויס פון זייער וואַרשטאַט

אברהם גריל און מאַלינא און מיט אַ פענצטער־ראַמשטיק (אַ טייל פון אַ פענצטער) דערלאַנגט גאָדלען איבערן קאָפּ. זיי האָבן אים צעבראָכן דעם שאַרבן. מ׳האָט געברענגט אַ דאָקטאָר פון וואַרשע, וועלכער האָט אים אָפּערירט. זיין מצב איז געווען אַ געפערלעכער און נאָר אַדאַנק אַדוואָקאַט האַרטגלאַסעס באַמיאונגען, וועלכער האָט כסדר געברענגט דאָקטוירים פון וואַרשע, איז גאָדל געראַטעוועט געוואָרן פון טויט. דאָס געריכט האָט גרילן און מאַלינען פאַרמשפּט צו אַנדערהאַלבן יאָר תפיסה און צו באַצאָלן גאָדלען אַ קאָנטיקע סומע; זיי זענען אויך אָפּגעפירט געוואָרן אין תפיסה. שפּעטער האָבן זיי אַפּעלירט און זענען באַפרייט געוואָרן. דער ענין האָט זיי אָבער אָפּגעקאָסט אַ סך געלט.

ביי 90 פּראָצענט פון דער מויער־אַרבעט איז געוואָרן אויסגעפירט דורך מיר. די איבעריקע 10 פּראָצענט האָט געמאַכט דער קריסט קאַמינסקי. איך האָב דאָרט אויך געמאַכט 7 געמויערטע ברונעמער. די קאַזאַרמעס זענען געבויט געוואָרן זייער מאָדערן פאַר יענער צייט.

די מאַלער־אַרבעט האָבן געמאַכט בשותפות הערשל לענטשנער און אַבעלע מאַלער. זיי האָבן דאָרט געאַרבעט מיט אַ סך אַרבעטערס.

ביים בויען די קאַזאַרמעס איז געווען דאָרט אַ טאָג־שומר, אַ ייד משה. מ׳האָט אים געמאַכט אַ גרויסן באַראַק מיט טישן און בענק, און דער ייד האָט דאָרט איינגעאָרדנט אַ רעסטאָראַן, האָבנדיק שיין פרנסה פון די אַרבעטערס.

אין סלאַוואַטשינעק האָט דיקלער אַריינגעזעצט אַ יידישן פאַרוואַלטער אין די מאַגאַזינען. דאָס איז געווען אַ פּשוטער דאָרפישער ייד, וועלכן מ׳האָט אָנגעהויבן רופן משה פון סלאַוואַטשינעק. דער ייד האָט זיך דאָרט געמאַכט אַ פרנסה פון פאַרקויפן מילכיקס, און ס׳זענען געווען בעלנים אין שטאָט, וואָס פלעגן אַהינגיין טועם זיין פון אָט די זאַכן. דער קריסטלעכער זשאָנדצע האָט דעם ייד נישט געשטערט אין זיין פרנסה, נאָר פלעגט אים נאָך צוהעלפן פאַרדינען.

דיקלער האָט אויך פאַרטראַכט אַ פּלאַן וועגן בויען אַ גאָזשעלניע, און גענומען זיך אים פאַרווירקלעכן. צוויי וואָכן פאַר ראש השנה 1904 האָט מען אָנגעהויבן בויען די גאָזשעלניע אויף אַ פּלאַץ לעבן טאַרטאַק. די גאָזשעלניע איז געווען אַ גרויסע און זייער אַ געלונגענע. דער ספּירט פון דאָרט האָט באַקומען אַ גוטן נאָמען.

אין שייכות מיט דער גאָזשעלניע וויל איך דאָ אויפצייכענען אַן עפּיזאָד, וואָס האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון.

די גאָזשעלניע האָב איך אָנגעהויבן מויערן פאַר ראש־השנה און געדאַרפט איר אויספאַרטיקן אין אַ גאָר קורצן טערמין צוליבן ווינטער. אַזוי ווי ס׳איז געווען די צייט פון די יום־טובים, האָב איך אונטערגעהאַנדלט מיט די מויערערס, אַז זיי זאָלן אַרבעטן חול־המועד סוכות. אין יענע יאָרן פלעגט מען נישט אַרבעטן חול־המועד. די געשעפטן זענען געווען אָפן, די בעלי־עגלות זענען געפאָרן מיט זייערע וועגענער, אָבער דער אָרעמער אַרבעטער האָט נישט געטאָרט אַרבעטן. איך האָב אָנגעהויבן איינרעדן מיט די אַרבעטערס, צוזאָגנדיק זיי אַ העכערן לוין, אָבער נאָר עטלעכע פון זיי האָבן מסכים געווען צו אַרבעטן.

אין דער צייט ווען די גאָזשלעניע האָט אָנגעהויבן טעטיק זיין, האָט מען אָנגעהויבן מאַכן אין ביאַלע סאַדזעווקעס צו האָדעווען פיש. דיקלער האָט צו דעם צוועק אַראָפּגעברענגט אַן אינזשיניער אַ פאַכמאַן אויף דעם געביט. אויך דאָס איז געווען אַ גאַנץ ערנסטע אונטערנעמונג. ביי אַ סך יידן איז דער גאַנצער ענין פון האָדעווען פיש אויסגעקומען קאָמיש, מ׳האָט געוווּסט, אַז פיש זענען פאַראַן אין טייך און קיינער האָדעוועט זיי נישט...

פאַרן פאַרלאָזן ביאַלע האָט נאָך דיקלער געלאָזט רעמאָנטירן דעם טורעם אין שלאָס. מ׳האָט אַראָפּגענומען דעם דאַך, געמאַכט אַ נייעם מיט אַ שיינעם הויכן קופּאָל. די אַרבעט האָט אויסגעפירט מיין שווער. דעם קופּאָל האָט געמאַכט מנחם לייב האָכבערג, שלמהלע סטאָליערס אַ זון. מנחם לייב האָט זיך גערעכנט פאַר איינעם פון די בעסטע און פּעאיקסטע טשעשלער־מייסטערס אין דער גאַנצער געגנט. ער האָט זיך שוין פאַרשטאַנען אויף אַ פּלאַן און געקאָנט אַליין עפּעס אָנצייכענען.

איינמאָל, זייענדיק אין קאַנטאָר האָב איך געהערט, אַז דאָס „מיידל" האָט געקויפט נאָך אַ מאַיאָנטעק, וואָס איז ממש אַ גן־עדן, אין וועלכן זי רעכנט זיך אַליין צו באַזעצן. דאָרט געפינט זיך אַ פּאַלאַץ און דעם הויף שניידט דורך אַ טייך. אויך געפינען זיך דאָרט סעדער און אָראַנזשעריעס פון די טייערסטע פרוכטן, וואָס וואַקסן זומער און ווינטער.

אין אַ צייט שפּעטער, בין איך איינמאָל געקומען אין קאַנטאָר און באַמערקט דאָרט אַ געדריקטע שטימונג. איין באַאַמטער האָט זיך אָנגערופן צו מיר: — איר ווייסט הער וויינבערג, מ׳דאַרף מאַכן אַן אויפנאַמע פאַר דער באַלעבאָסטע. אויף מיין פראַגע, וואָס ער מיינט דערמיט, האָט ער מיר דערציילט, אַז דאָס „מיידל" קומט פון איר פרישגעקויפטן גוט, לעבן וואַרשע מיט איר קריסטלעכן מאַן, דעם דאָרטיקן גאָזשעליאַנעם.

אַוודאי איז דאָס געווען אַ טרויעריקע פּאַסירונג פאַרן קאַנטאָר. אַלע יאָרן זינט דער קאַנטאָר האָט עקסיסטירט איז דאָס „מיידל" קיין איין מאָל אין ביאַלע נישט געווען און פּלוצעם קומט זי מיט אַ מאַן אַ גוי. מ׳האָט דערציילט, אַז דאָס „מיידל" האָט זיך באַזעצט אין דעם געקויפטן מאַיאָנטעק און חתונה געהאַט מיט איר גאָזשעליאַנעם, נאָכדעם ווי זי האָט זיך געשמדט. מ׳האָט דערשפּירט, אַז ס׳נעמט אַ סוף צום יידישן קאַנטאָר.

ס׳זענען געמאַכט געוואָרן די פאָרבאַרייטונגען צו דער אויפנאַמע. ביים אַריינגאַנג אין הויף האָט מען אויפגעשטעלט אַ טריאומף־טויער, מיט פאַרשיידענע באַפּוצונגען, ווי מ׳פלעגט דאָס מאַכן פאַרן קיסר אָדער אַנדערע גרויסע פּערזענלעכקייטן. די שטאָט איז געגאַנגען אויף רעדלעך, מ׳איז געלאָפן אָנקוקן דעם טויער מיט די אַלע צוגרייטונגען.

דעם טאָג ווען דאָס „מיידל" איז געקומען קיין ביאַלע זענען אַלע, יידן און קריסטן, געלאָפן איר אָנקוקן. די יידישע באַפעלקערונג איז מיט נייגעריקייט און ווייטאָג געגאַנגען אָנקוקן די האָרבאַטקע (הויקער), ווי מ'האָט איר גערופן אין שטאָט, וואָס זייענדיק אַזוי רייך האָט זי זיך איינגעליבט אין אַ גוי און אַזוי אַרום איבערגעליפערט אַזאַ ריזן פאַרמעגן אין קריסטלעכע הענט. די קריסטלעכע באַפעלקערונג איז אויך געווען נייגעריק צו זען דאָס „מיידל" און זיך געפרייט אויפן פאַנג פון אַ יידישער נשמה.

איך בין דאָרט נישט געווען, אָבער אין אַ פּאָר טעג אַרום בין איך אַוועק אין קאַנטאָר, כדי צו זען וואָס פאַר אַ שטימונג דאָרט הערשט נאָכן באַזוך פון „מיידל". איך האָב דאָרט געטראָפן דעם פּערסאָנאַל אַ דעפּרימירטן.

ווי לאַנג אָט דער יידישער קאַנטאָר האָט נאָך אָנגעהאַלטן, געדענק איך נישט. ס'זענען אויך פאַרווישט געוואָרן אין מיין זכרון פּרטים פון דער ליקווידאַציע פונם יידישקייט אין קאַנטאָר. איך געדענק נאָר, אַז ס'איז אָנגעקומען אַ קריסטלעכער פאַרוואַלטער מיט דעם אמתן גויישן פּרצוף. מיר, די יידישע בעלי־מלאכות, זענען געגאַנגען צו אים וועגן באַשעפטיקונג און ער האָט אונדז צוגעזאָגט, אַז אַלע וואָס האָבן געאַרבעט אין הויף וועלן ווייטער בלייבן אַרבעטן. דאָרט האָב איך אָנגעטראָפן די פרוי פון משה פון סלאַוואַטשינעק, וועלכע האָט מיר דערציילט, אַז זיי זענען שוין געקינדיקט געוואָרן פון דער אַרבעט.

יידישע בעלי־מלאכות האָבן דאָרט שוין מער נישט געאַרבעט, נאָר, דוכט זיך, בלויז ראובן קאָזעס (שולמאַן), און דאָס צוליב דער פּראָטעקציע פון די פּריצים פון ביאַלער קאַנט, ביי וועמען ער פלעגט אַרבעטן.

אַלע יידישע באַאַמטע און די פּאָר רוסישע האָבן פאַרלאָזט ביאַלע, און געבליבן איז בלויז איינער, אַ געוויסער אַזריליאַן, אַ ייד פון אָדעס, וועלכער איז געוואָרן אַ צושטעלער פון פלייש צום מיליטער אין שטאָט.

איצט, ווען איך שרייב אָט די שורות, ווען זינט יענער צייט זענען שוין פאַרפלאָסן 50 יאָר, זע איך נאָך פאַר מיינע אויגן דעם הויף־קאַנטאָר, ווי דאָס וואָלט ערשט נעכטן געווען. איך זע דעם יידישן קאַנטאָר מיט דיקלערן בראש, מיט אַלע זיינע פירונגען און באַנעמונגען צו מענטשן און צו די יידן בפרט. ס'שטעלט זיך מיר פאַר די אויגן דיקלערס אַריינקום אין קאַנטאָר, מיטן יידישן אָדער רוסישן גוט־מאָרגן. זיין אָנקומען צו די קאַזאַרמעס בעתן בויען זיי. זיין נאָכפרעגן זיך וועגן אַלץ, דאָס באַטראַכטן אַלץ, דאָט אָנבייזערן זיך צומאָל און זיינע ווערטלעך און וויצן אין אַ געשמאַקן יידיש.

איך דערמאָן זיך איצט, אַז וואָכן פלעגן אַוועק און אין קאַנטאָר האָט מען קיין גוי נישט געזען, נאָר יידן און יידן. אַ קאַנטאָר וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט אַ וועלט איז געווען דורכאויס יידיש: יידישע סוחרים, יידישע בעלי־מלאכות פון אַלע פאַכן, יידישע נאַכט־און טאָג־שומרים. אַ קאָנטיקע צאָל יידישע משפחות אין שטאָט האָט געהאַט פרנסה בריווח פון אָט דעם הויף, וואָס איז געווען אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין ווירטשאַפטלעכן לעבן פון די ביאַלער יידן.

אַפילו אַזאַ אַרבעט ווי אַסעניזאַציע — רייניקן קלאָזעטן, וואָס דאָס האָבן שוין זיכער געמאַכט די גויים, איז געקומען אַ ייד ווי מענדעלע סיטניקער (פרידמאַן) און האָט געזאָגט, אַז ער וויל דאָס נעמען, האָט מען אים נאָך צוגעהאָלפן זיך פאַרשאַפן אַלע נייטיקע כלים דערצו, און מענדעלע סיטניקער האָט זיך מיט דעם באַשעפטיקט און גאַנץ גוט פאַרדינט דערביי.

ס'ווילט זיך מיר דאָ מוסיף זיין נאָך אַ שטריך וועגן דער וואַרעמער באַציאונג פון קאַנטאָר לגבי יידן.

דער קאַנטאָר האָט איינמאָל אַ ווינטער אָנגעהויבן טיילן האָלץ פאַר אָרעמע. מ'האָט צעטיילט הונדערטער אַסיגנאַציעס (צעטלען וואָס באַפולמעכטיקן דעם באַזיצער אַרויסצופירן פון וואַלד דעם אָנגעגעבענעם כמות האָלץ אין צעטל).

אין ביאַלע איז שוין געווען אַ באַוווּסטע זאַך, אַז אויב מ'האָט עפּעס געטיילט, ווי למשל, מעות חיטין אויף פּסח, פלעגן דאָס לרוב באַקומען ווילע יונגען. אָט די לייט האָבן זיך נישט געלאָזט באַנוגענען מיט אַן איינמאָליקער פאַרטיילונג, נאָר גענומען וויפל ס'האָט זיך געלאָזט, און געלאָזט האָט זיך, ווייל יעדערער האָט פאַר זיי מורא געהאַט. דאָס האָלץ האָט מען געטיילט צו יידן און קריסטן, אָבער דער שטילער נויטבאַדערפטיקער ייד האָט נישט באַקומען. ראשית, האָט ער זיך געשעמט, און שנית, ווען ער האָט שוין יאָ פאַרבאָרגן די חרפּה, האָבן אים די ווילע יונגען נישט צוגעלאָזט עפּעס באַקומען.

ווי ס'זעט אויס, האָט מען וועגן דעם אַלץ אינפאָרמירט דיקלערן, וועלכער האָט מיר געבעטן, אַז איך זאָל נעמען די הונדערט אַסיגנאַציעס און זיי פונאַנדערטיילן; אויב ס'וועט זיין ווייניק הונדערט וועט מען צוגעבן נאָך. איך האָב זיין פּראָפּאָזיציע אָנגענומען. מעגלעך, אַז מיט עטלעכע יאָר פריער וואָלט איך נישט געווען אָננעמען דיקלערס ביטע, ווייל איך וואָלט מורא געהאַט פאַר די ביאַלער ווילע יונגען, אָבער דאָס איז שוין געשען אין די צייטן פון דער בונדישער טעטיקייט אין ביאַלע און ער האָט שוין ווי ס'איז איינגעשטילט די חברה.

איך האָב זיך געוואָנדן צו די גבאים אין די חסידים־שטיבלעך וועגן געבן מיר אַ רשימה פון די באַדערפטיקע אויף האָלץ און יעדער גבאי האָט באַקומען די פאַרלאַנגטע צאָל אַסיגנאַציעס, וועלכע ער האָט צעטיילט צווישן זיינע מענטשן. די בעלי־מלאכות און אַנדערע באַדערפטיקע האָב איך אַליין, אָדער דורך פאַרמיטלערס, פאַרטיילט די אַסיגנאַציעס. איך האָב עטלעכע יאָר געטיילט דאָס האָלץ און יעדן ווינטער נישט ווייניקער פון 150 אַסיגנאַציעס. אויב ס'האָט מיר געפעלט נאָך עטלעכע נאָך די 150, בין איך געגאַנגען אין קאַנטאָר און זיי דאָרט באַקומען.

איך קאָן נישט זאָגן, אַז די ביאַלער יידן האָבן געוווּסט אָפּצושאַצן אַזאַ באַציאונג פון קאַנטאָר לגבי זיי. ס'קאָן זיין, אַז ווען דיקלער וואָלט געווען אַ חסיד, און שבת געגאַנגען

דאַווענען, וואָלט מען אפשר געווען מער שעצן אָט דעם קאַנטאָר.

און אָט דער קאַנטאָר, וואָס איז וואָס ווייטער געוואָרן אַלץ מער יידישער, האָט זיך מיט אַמאָל אַרויסגעגליטשט פון די יידישע הענט און איז געוואָרן אַן אַבסאָלוט קריסטלעכער.

אַ קאָלאָסאַל יידיש פאַרמעגן איז איבערגעפירט געוואָרן פון יידישן באַזיץ אין קריסטלעכן. ביאַלער יידן האָבן דערשפּירט אַן ענדערונג אין זייער ווירטשאַפטלעכער לאַגע, ווייל זיי האָבן פאַרלוירן אַ גאָר איינפלוסרייכן פרנסה־מקור.

1952

ישראל האכמאן / די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג

אין די 90קער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט, ווען אין גאַנץ רוסלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסע אַנטוויקלונג אין דעם ווירטשאַפטלעכן לעבן, און נייע פּראָדוקציע־צווייגן האָבן באַשעפטיקט אַלע מער און מער לוין־אַרבעטערס, זענען אויך אין ביאַלע אויפגעקומען אַ רייע פאַבריק־אונטערנעמונגען מיט היפשע עטלעכע הונדערט אַרבעטערס. אָבער — פּונקט ווי אומעטום, אין יענער צייט עקסיסטירנדיקער אַרבעטס־סיסטעם — איז די אַרבעט פאָרגעקומען ביי אוממענטשלעכע באַדינגונגען: אומבאַגרענעצטע אַרבעטס־צייט, פולשטענדיקע שוצלאָזיקייט, אָנגעוויזן אויפן חסד פון אַרבעטס־געבער.

אין אַזעלכע שווערע באַדינגונגען האָבן אין ביאַלע אָנגעהויבן אַנטשטיין די ערשטע פאָרמען פון פּראָפעסיאָנעל־אָרגאַניזירטער אַרבעט. דער אַרבעטער וואָס איז יאָרנלאַנג געוווינט געווען צו קוקן אויפן אַרבעטס־געבער ווי אויף אַזעלכן, פון וועמען זיין לעבן איז אינגאַנצן אָפּהענגיק, האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן ענדערן זיין מיינונג.

דאָס אויפקומען פון פאַרשיידענע הברות פון בעלי־מלאכות און לוין־אַרבעטערס, דאָס אָרגאַניזירן זיך אין מנינים און שטיבלעך — איז געווען די ערשטע פּרימיטיווע פאָרעם פון אָרגאַניזאַציע, די ערשטע פאַקטישע אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטערס און בעלי־מלאכות. אַזוי האָבן זיך די שניידערס אין ביאַלע געשאַפן אַ מנין א״נ „חברה בחורים״. זיין אויפגאַבע איז געווען, אָפּטיילן די בעלי־מלאכות און לוין־אַרבעטערס פון די שיינע יידן, דערביי האָט די חברה בחורים זיך געשטעלט נאָך אויפגאַבן, ווי: פאַרשפּרייטן בילדונג צווישן די מיטגלידער און דאַווענערס, לערנען שרייבן, אַ ביסל חומש און נ״ך, ווי אויך זעלבסטהילף־טעטיקייט אין פאַל פון קראַנקהייט. די דאָזיקע ערשטע פּרימיטיווע פאָרמען פון פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע האָט אָנגעהאַלטן אַזוי לאַנג, ווי די ביאַלער אַרבעטערס האָבן נישט געהאַט קיין קאָנטאַקט מיט דער גרויסער שטאָט און ברייטער וועלט.

קיין ביאַלע דערגרייכן אָפּקלאַנגען פון דער טעטיקייט פון די סאָציאַליסטישע פאַרטייען אין רוסלאַנד, און ס'אַנטשטייען די ערשטע שפּורן פון אַן אַרבעטער־באַוועגונג. די דעמאָלטיקע יוגנט, וועלכע איז געווען ענטוזיאַסטיש פאַר דער רעוואָלוציע, האָט זיך איבערגעגעבן מיט איר גאַנצן ברען דער פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזירונג פון די אַרבעטערס. די אינטעליגענץ פון וועלכער ס'האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט: יעוועל טיאָמקין, טשאַרני לעווין, דוד קרוסעס, יעקב שטיינמאַן און אַנדערע, האָבן מיט אַלע זייערע כוחות מיטגעהאָלפן נישט נאָר ביים אָרגאַניזירן זיך, נאָר אויך געפירט סיסטעמאַטישע בילדונג־און אויפקלערונגס־אַרבעט צווישן די אַרבעטערס.

ס'מערקט זיך אַלץ מער אָן אַ כסדרדיקע עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג אין די פאַרשיידענע בראַנזשעס, וועלכע ציען אַריין מער און מער אַרבעטערס; די פּראָפעסיאָנעלע און פּאָליטישע אַרבעט ווערט מער פאַרצווייגט. דאָס אָנגעצייגנסטע אָרט פאַרנעמען די פאַבריקן פון מאָטל מינץ און ראַאַבע, וווּ ס'זענען באַשעפטיקט געווען צו עטלעכע הונדערט אַרבעטערס און אַרבעטאָרינס. אַלע אַנדערע צווייגן לעבן אויך אויף, ווי שניידערס, וועלכע האָבן אַדאַנק דער נאָכפראַגע אויף פאַרטיקע דאַמען־און מענערקליידער, געווען באַשעפטיקט. ס'איז דעמאָלט אַנטשטאַנען אַ פאַבריק פון פאַרטיקע שיך, וווּ ס'זענען באַשעפטיקט געווען עטלעכע צענדליק אַרבעטערס. די דאָזיקע מחנה האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ גרויסן כוח פאַר דער פּאָליטישער און פּראָפעסיאָנעלער אַרבעטער־באַוועגונג.

די אַרבעטערס וואָס האָבן זיך אָנגעשפּאַרט אָן די פּאָליטישע פאַרטייען, האָבן געפאָדערט עפּעס ממשותדיקס און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַן אינטענסיווע אונטערערדישע אַרבעט. דער פאַרטיי־קאָמיטעט פון „בונד״ אין ביאַלע שאַפט אַ „בירזשע״, וווּ אַרבעטערס פון די פאַרשיידנסטע בראַנזשעס טרעפן זיך מיט זייערע פאָרשטייערס און דערציילן זיי וועגן דער לאַגע אויף זייערע אַרבעטס־פּלעצער.

די וויכטיקסטע טוערס ביי דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט זענען געווען, ביי די שניידערס: עליע שימשעלעס, חנא ניסקעלעס, נחום וואָרעק; ביי די סטאָליערס: שמאי פרידמאַן, עליע בובקעס. די אַנדערע פאַכן זענען געווען אונטער דער אָנפירונג פון אַ גאַנצער ריי אַנדערע טוערס. אַן אָנגעזעענע ראָלע אין דער פּאָליטישער און פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג האָבן געשפּילט די ברידער ברוך און ישעיהו וויינבערג. ברוך איז געווען אַ אמת'ער פאָלקסטריבון, זיינע רעדעס זענען געווען ווי אַ פאַרשיכורנדיקער געטראַנק פאַר די מאַסן.

אין די יאָרן 1904—1905 ברעכן אויס שטרייקן, אין וועלכע

ס׳ווערן אַריינגעצויגן אַלע אַרבעטערס. די שטרייקן זענען טיילווייז פּאָליטישע, אָבער אין גרעסטן טייל עקאָנאָמישע. זיי זענען דורכגעפירט געוואָרן אין גרויסן מאַסשטאַב און געמאַכט אַ רושם.

נאָכן דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע אין יאָר 1905, הייבט זיך אָן אַן אויסוואַנדערונג פון ביאַלער אַרבעטערס קיין אויסלאַנד. ס׳הייבט זיך אָן אַ פונאַנדערפאַלונג פון די אָרגאַניזאַציעס, וואָס זענען מיט אַזוי פיל מי געשאַפן געוואָרן. אַזוי איז עס אָנגעגאַנגען ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה, אָן קיין ענדערונג אין דער לאַגע.

די ערשטע יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען אַדורך אונטערן אַלגעמיינעם צייכן פון פולשטענדיקער דעפּרעסיע, ביז דער עוואַקואַציע פון די רוסן. נאָכן אַריינקומען פון דייטשן מיליטער האָט זיך די לאַגע פולשטענדיק געביטן. אויף צו פירן אַ פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע האָט מען שוין נישט באַדאַרפט פירן קיין אומלעגאַלע אַרבעט. די צרה איז אָבער געווען, וואָס ס׳איז קיין אַרבעט נישט געווען. די אַרבעטן וואָס האָבן זיך יאָ געמאַכט, זענען געווען נאָר ביי דער מיליטער־מאַכט, ווו קיין פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין האָט נישט געקאָנט האָבן קיין שליטה. דער גרעסטער טייל אַרבעטערס איז געווען אַרבעטסלאָז און געליטן הונגער, דאָס אַליין האָט געמאַכט אָפּהענטיק. ערשט צום סוף פון דער דייטשער אָקופּאַציע ווערט ביי דער דעמאָלטיקער קולטור־געזעלשאַפט געשאַפן אַ שניידער־פאַראיין, וועלכער האָט אָבער קיין ממשותדיקע אַרבעט נישט אויפגעטאָן. דער דאָזיקער פאַראיין אין וועלכן ס׳זענען געווען טעטיק ווי אָנפירערס: מרים פרידמאַן, משה בראַווערמאַן און נחום וואָרעק, האָט אָנגעהאַלטן ביז דער צייט, ווען די דייטשע אָקופּאַנטן האָבן פאַרלאָזט ביאַלע.

אין יאָר 1918 ווערט פאַרצייכנט די דאַטע, ווען ס׳זענען געשאַפן געוואָרן די ערשטע לעגאַלע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין ביאַלע. די דייטשע מיליטערישע מאַכט איז געבראָכן און געצוווּנגען צו פאַרלאָזן פּוילן. ס׳אַנטשטייט די פּוילישע רעפּובליק, וועלכע גיט די אַרבעטערס די מעגלעכקייט פאַר אַ נאָרמאַלער לעגאַלער פּראָפעסיאָנעלער טעטיקייט. אַדאַנק דעם ווערן געשאַפן אַ גאַנצע רייע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן צו זייער דיספּאָזיציע אַ גאַנץ הויז אויף גראַבאַנאָווער גאַס, ווו ס׳ווערט אויך געשאַפן אַן אַרבעטער־קיך. די פּאָליטישע פּאַרטיי — דער „בונד״ געפינט זיך אויך דעמאָלט אין זעלבן לאָקאַל.

אין ערשטן יאָר פון פּוילנס אומאָפּהענגיקייט אַנטוויקלען זיך די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פון די יידישע אַרבעטערס זייער גוט. אַדאַנק די לעגאַלע מעגלעכקייטן ווערט צווישן זיי געפירט אַ סיסטעמאַטישע קולטורעלע, פּראָפעסיאָנעלע און פּאָליטישע אַרבעט. די מאַסן ווערן אַקטיוויזירט, אויך די יוגנט ווערט אַריינגעצויגן אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. ס׳ווערן געשאַפן באַזונדערע יוגנט־סעקציעס ביי די פאַרשיידענע פאַכן. אַקטיווע טוערס זענען דעמאָלט געווען: מרדכי האָכמאַן, שמאי פרידמאַן, נחום וואָרעק, משה ראָדזינעק און גליקסבערג.

די פעסטע און גוט דיסציפּלינירטע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען האָבן געפירט זייער אַרבעט מיט פולן אימפּעט, אַלע אַקציעס צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די אָרגאַניזירטע אַרבעטערס האָבן געהאַט דעם געהעריקן דערפאָלג און זענען דורכגעפירט געוואָרן אָן שום ווידערשטאַנד. די פּרעכטיקע אָרגאַניזאַציע האָט אָבער נישט געהאַט קיין לאַנגן קיום. אַ גרויסע שריפה, וואָס איז אויסגעבראָכן אין בנין פון די פאַראיינען האָט אַלץ פאַרניכטעט. ס׳איז נישט געלונגען אַפילו אַ בענקל אַרויסצוראַטעווען.

פון דעמאָלט אָן האָבן זיך די פאַראיינען אַרומגעטראָגן פון איין לאָקאַל אין צווייטן. אין אַ שטיקל צייט אַרום געלונגט צו דינגען אין דעם שמאָלן געסל אַ דירה׳לע אויפן צווייטן שטאָק, ווו ס׳ווערט איינגעאָרדנט דער פאַראיין פון שניידערס, וועלכער האָט געציילט ביי 200 מיטגלידער און זיינע פירערס זענען געווען: לייזער שנור, איטע אייזנבערג און גליקסבערג. אויך דער שוסטער־פאַראיין איז דאָרט איינגעאָרדנט געוואָרן און האָט געהאַט אַ גוטע אָנפירונג פון וועלכער ס׳האָבן זיך אויסגעצייכנט שמואלקע גאָלדבערג און חיים אייזנבערג. אַלע אַנדערע פאַכן ווי סטאָליערס, שלאָסערס, זענען געווען אָרגאַניזירט א״נ „בוי־פאַראיין״.

ס׳האָט זיך אָנגערוקט דאָס באַרימטע יאָר 1920. אין דער צייט פון דער פּויליש־באָלשעוויסטישער מלחמה, הייבן זיך אָן שיטן רעפּרעסיעס אויף די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. זייערע טוערס ווערן פאַרשיקט אין לאַגערן, די אָרגאַניזאַציעס ווערן געשלאָסן. דאָס איז פאַר די אָרגאַניזאַציעס געווען אַ טויט־קלאַפּ. אויף אַ לענגערע צייט ווערט די פּראָפעסיאָנעלע טעטיקייט אָפּגעשטעלט.

נאָך דער פּויליש־באָלשעוויסטישער מלחמה, ווען ס׳איז ענדלעך רואיק געוואָרן, האָבן שוין די פריערדיקע טוערס זיך נישט צוריקגעקערט צו זייערע אָרגאַניזאַציעס. די יוגנט איז געווען דער איינציקער געזעלשאַפטלעכער כוח, וועלכער האָט זיך גענומען צוריק אויפשטעלן די צעשטערטע פאַראיינען. אומלעגאַל אַנטשטייט צוריק דער שניידער־פאַראיין, וועלכער ווערט אָנגעפירט פון טוער תנא פריינד. נישט האָבנדיק קיין מקום מנוחה, וואַנדערט ער פון איין שטוב אין דער צווייטער. אַזוי דויערט דאָס אַן ערך דריי פערטל יאָר, ביז ס׳ווערט געשאַפן דער ערשטער געלט־פאָנד און דער פאַראיין קריגט אַ דירה׳לע אויף דער גראַבאַנאָווער גאַס, אויפן צווייטן שטאָק, און ער ווערט לעגאַליזירט. ביסלעכווייז קומען צו נאָך אַנדערע פאַראיינען, ס׳ווערן צוריק אָרגאַניזירט די שוסטערס, מעטאַל־אַרבעטערס און סטאָליערס. די פאַראיינען פירן אַן אינטענסיווע טעטיקייט, אַדאַנק די טיכטיקע פירערס: ב. סאָלמאַן, ש. ווינדערבוים, וו. שוסטער, סעמיאַטיצקי, גאָלדהאַמער און אַנדערע. די עקאָנאָמישע אַקציעס וואָס ווערן אין זייער צייט געפירט, גייען אַדורך מיט דערפאָלג, ליידער איז אָבער די דעמאָלטיקע עקאָנאָמישע לאַגע פון די יידישע אַרבעטערס ביי אונדז אין ביאַלע געווען אַ טרויעריקע.

די יידישע אַרבעטערס זענען געווען צעשפּליטערט איבער אַ סך קליינע וואַרשטאַטן און ביים בעסטן ווילן האָט זיך

זייער לאַגע נישט געקאָנט פֿאַרבעסערן. דערצו איז נאָך צו־געקומען די דעמאָלטיקע מאַרקן־וואַליוטע, מיט איר לויפֿנדי־קער אינפֿלאַציע; דער אַרבעטער, נישט קוקנדיק אויף די גוט־איינגעגעבענע אַקציעס, האָט מיט זיינע פֿאַרדינסטן נישט געקאָנט דעריאָגן די טעגלעכע באַדערפֿענישן. דער דאָזיקער צושטאַנד ברענגט צו אַ פֿרישער עמיגראַציע אין די יאָרן 1921—1922 און ס'וואַנדערן אויס הונדערטער אַרבעטערס קיין פֿראַנקרייך, אַרגענטינע און אַנדערע לענדער. דער נייער עמיגראַציע־שטראָם ציט אָפּ אַ מאַסע טעטיקע כוחות פֿון דער יוגנט און אויך עלטערע. אין יאָר 1922 קומט פֿאָר אַ שפּאַלטונג אין „בונד". דאָס ברענגט צו רייסערייען אויף דעם פּאַרטיי־באַדן, און די פּראָפֿעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס ווערן צוליב דעם אָפּגעשוואַכט און, לסוף פֿאַלן זיי זיך פֿונאַנדער.

פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס בלייבט נאָר דער סטאָליער־פֿאַראיין, וועלכער האָט, אַדאַנק דער גוטער קאָ־ניוקטור און גרויסער נאָכפֿראַגע אויף אַרבעט, זיך גוט צוזאַמענגעהאַלטן און געפֿירט אַ גוטע פּראָפֿעסיאָנעלע און געזעלשאַפֿטלעכע אַרבעט ביזן יאָר 1927. די אָנפֿירונג איז געלעגן אין די הענט פֿון פֿאַראַנטוואָרטלעכע און איבערגעגע־בענע מענטשן, ווי: עליע האָפֿמאַן, מיכאַל קראַוויעץ, זיליע גוטנבערג, כאַראַש און ווירניק. אַלע אַרבעטערס פֿון אַנדערע בראַנזשעס זענען געווען מקנא די סטאָליערס פֿאַר זייער גוטער אָרגאַניזאַציע און נאָרמאַלע פֿאַרדינסטן. קיין ווונדער נישט, וואָס צו יענער צייט האָבן זיך די אונטערגענומענע אַק־ציעס פֿון סטאָליער־פֿאַראיין — איינגעגעבן.

נאָכן יאָר 1927 הייבט זיך אָן אַ ירידה אויף אין סטאָ־ליער־פֿאַך. די סטאַביליזאַציע און דאָס נאָרמאַלע לעבן, האָבן מיט זיך געבראַכט אַ שטילשטאַנד אין דער אַרבעט. די עלטערע אַרבעטערס ווערן פֿאַר זיך מייסטערס און טרעטן אַרויס פֿון פֿאַראיין. ס'בלייבט נאָר די יוגנט, וועלכע קאָן זיך נישט קיין עצה געבן. די פּאָליטישע פּאַרטייען פֿאַרלירן זייער השפּעה, דער פֿאַראיין בלייבט אויסער יעדער אויפֿזיכט; די קאָנט־ראָל איבער דער טעטיקייט, ווי אויך איבער די אַריינגעפֿלאָ־סענע געלטער איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן, און די אָרגאַניזאַציע פֿון די סטאָליער־אַרבעטערס הייבט אויך אָן צוצופֿאַלן. דער דאָזיקער צושטאַנד ברענגט דערצו, אַז דער איינציקער עקסיס־טירנדיקער פֿאַראיין ווערט אַרויסגעוואָרפֿן פֿון זיין דירה און ס'הייבט זיך אָן אַ פֿרישע וואַנדערונג.

אַ דאַנק די אָנשטרענגונגען פֿון יעקב שוואַרצבערג און זעליג ליבמאַן, ווערט ווידער געדונגען אַ דירה, וווּהין ס'גייען אַריין דער פּראָפֿעסיאָנעלער פֿאַראיין פֿון סטאָליער־אַרבע־טערס און אויך די ביבליאָטעק פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיי־נען. אין אַ האַלב יאָר אַרום מאַכן זיך געלט־שוועריקייטן און דאָס דירה־געלט ווערט פֿאַרנאַכלעסיקט, דעם בעל־הבית באַ־צאָלט מען נישט פֿאַר אַ לענגערע צייט, ביז אין אַ שיינעם אָוונט איז ער זיך מיישב און וואַרפֿט אַרויס דעם גאַנצן אינ־ווענטאַר אויף דער גאַס. די ביכער האָבן זיך געוואַלגערט אַ שטיקל צייט דאָ ביי איינעם, דאָ ביים צווייטן. פֿון דעמאָלט אָן עקסיסטירט נישט מער קיין לעגאַלער פּראָפֿעסיאָנעלער פֿאַר־איין פֿון די יידישע אַרבעטערס אין ביאַלע.

(„פּאָדלאַסיער לעבן", נומער 19, 19טן מאַי 1934).

ב. ווינאגראד רמת־גן / דער האנטווערקער־פאראיין

דער פֿאַראיין איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1921. די אָרגאַניזאַטאָרן זענען געווען: אברהם לובעלטשיק, מנשה צעשינסקי, ברוך ווינאָגראַד, יואל שטראָמוואַסער און צאַלע בירנבוים. דער צוועק פֿון גרינדן דעם האַנטווערקער־פֿאַראיין איז געווען צו אָרגאַניזירן די גרויסע צאָל (בערך 500) בעלי־מלאכות אין אַן איינהייטלעכער עקאָנאָמישער אָרגאַניזאַציע און כדי צו הייבן זייער קולטורעלן ניוואָ.

די בעלי־מלאכות זענען געווען אַ באַדייטנדיקער פּראָצענט פֿון דער ביאַלער יידישער באַפֿעלקערונג. ביז דער אַנטשטיי־אונג פֿון האַנטווערקער־פֿאַראיין איז זייער איינציקע פֿאָרעם פֿון אָרגאַניזאַציע געווען מנינים, ווי: דער „זאַפּאַסנער" בית־המדרש, וואָס איז בעיקר באַשטאַנען פֿון האַנטווערקער־מתּ־פּללים; די „חברה בחורים" פֿון שניידערס און שוסטערס, וואָס האָט זיך געפֿונען אין הכנסת־אורחים, און שפּעטער כמעט אויפֿן בוידעם פֿון דער שול, און פֿון דעם שטאַמט דער צו־נאָמען „דער מנין פֿון גאַלעמביק". דער גרעסטער טייל בעלי־מלאכות האָט זיך קאָנצענטרירט אין גרויסן בית־המדרש.

דער קולטורעלער ניוואָ און זייער לעבנס־מצב איז געווען אַ נידעריקער — אַ צוריקגעשטאַנענער. די קאָנקורענץ און שנאה צווישן זיך איז געווען זייער גרויס, און די דחקות און אָרעמקייט נאָך גרעסער, נאָר אַ טייל פֿון זיי האָט געקאָנט לייענען און שרייבן.

די דערמאָנטע איניציאַטאָרן האָבן דורכגעפֿירט אַ רעגיס־טראַציע פֿון אַלע ביאַלער יידישע בעלי־מלאכות, לויט די באַזונדערע פֿאַכן. אויף דער אַלגעמיינער פֿאַרזאַמלונג זענען אויסגעקליבן געוואָרן אַ פֿאַרוואַלטונג, רעוויזיר־קאָמיסיע און חברים־געריכט. דעם סטאַטוט פֿון פֿאַראיין האָט מען באַקומען פֿון וואַרשעווער צענטראַלן האַנטווערקער־פֿאַראיין, און דער ביאַלער האַנטווערקער־פֿאַראיין איז לעגאַליזירט געוואָרן ביי דער מאַכט ווי אַן אָפּטיילונג פֿון דער וואַרשעווער צענטראַלע.

די פֿאַרוואַלטונג איז תּיכף צוגעטראָטן צו אַן אינטענ־סיווער טעטיקייט. ס'זענען גערופֿן געוואָרן פֿאַרזאַמלונגען פֿון די בעלי־מלאכות לויט די פֿאַכן, און פֿון יעדן פֿאַך איז אויס־געקליבן געוואָרן אַ באַזונדערע סעקציע, וואָס האָט זיך פֿאַר־נומען מיט אָרגאַניזאַציאָנעלע פֿראַגן, וואָס זענען געווען פֿאַר־בונדן מיטן געגעבענעם פֿאַך. אין לאָקאַל פֿון פֿאַראיין איז יעדן אָוונט געווען טעטיק אַ לייען־זאַל און די מער באַהאַוונטע בעלי־מלאכות פֿלעגן פֿאָרלייענען פֿאַר זייערע חברים טעג־

לעכע יידישע צייטונגען, ווי אויך פאַרשיידענע בראָשורן פון ליטעראַרישן, היגיעניש־מעדיצינישן און פאַכמענישן אינהאַלט.

אין דער פאַרוואַלטונג פון פאַראיין זענען במשך פון דער צייט געווען: אברהם לובעלטשיק, אברהם סטריכער, מנשה צעשינסקי, צאַלע בירנבוים, יהושע איידלשטיין, חנינא קאַשעמאַכער, משה קאַווע, וועלוול אַייזנשטאַט, לייזער עפּל־בוים, יצחק פעטערבורג, נחום וואַרעק, יואל שטראַמוואַסער א״אַ.

די פאַרזיצערס פון פאַראיין זענען במשך פון פאַרשיידענע קאַדענצן געווען: אברהם לובעלטשיק, משה קאַווע, אַברהם סטריכער, נחום וואַרעק און חנינא קאַשעמאַכער.

פון דער אַנטשטייאונג פון פאַראיין אין יאָר 1921 ביזן יאָר 1925 איז ווי אַ סעקרעטאַר טעטיק געווען ברוך ווינאַגראַד. פון 1925 ביז זיין אָפּפאָר קיין ארץ־ישראל — אייזיק שיין. דער לעצטער סעקרעטאַר פון פאַראיין איז געווען נח קראַ־מאַרזש.

אין משך פון זיין עקסיסטענץ האָט דער האַנטווערקער־פאַראיין גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל אין פּאָליטישן און גע־זעלשאַפטלעכן לעבן פון דער שטאָט.

ביי די וואַלן צום שטאָטראָט האָבן די האַנטווערקער דורכגעפירט אַ געהעריקע צאָל ראַטמענער פון זייער ליסטע. אין 1923 זענען אויסגעוויילט געוואָרן מנשה צעשינסקי און ברוך ווינאַגראַד. ביי די וואַלן אין די יאָרן 1927 און 1934 — ברוך ווינאַגראַד און אברהם סטריכער.

אַן אַקטיוון אַנטייל האָבן גענומען די בעלי־מלאכות אויך אין דער פירונג פון דער קהילה. בעת די וואַלן צום ערשטן קהילה־ראַט זענען אויף 15 ראַטמענער אויסגעוויילט געוואָרן 4 בעלי־מלאכות: אַברהם סטריכער, וועלוול אַייזנשטאַט, יהושע איידלשטיין און לייזער עפּלבוים. אין דער קהילה־פאַרוואַלטונג זענען דעמאָלט אויסגעוויילט געוואָרן פון די האַנטווערקער: חנינא קאַשעמאַכער, יואל שטראַמוואַסער און יצחק פעטערבורג.

נישט געווען קיין אינסטיטוציע אין שטאָט, ווו ס׳זאָלן נישט נעמען אַן אַנטייל פאַרשטייערס פון האַנטווערקער־פאַראיין.

דער ערשטער לאָקאַל פון פאַראיין האָט זיך געפונען אין דער בריסקער גאַס, אין הויז פון משה לעבענבערג. דער צווייטער לאָקאַל א״ז געווען אין דער יאַנעווער גאַס, ביי יצחק גאָלדשטיין. דער לעצטער לאָקאַל פון פאַראיין האָט זיך געפונען אין דער יאַנעווער גאַס, אין הויז פון בלעכער משה עליע.

אַן ענערגישע אַקציע האָט אָנגעפירט דער האַנטווערקער־פאַראיין ביים באַזאָרגן זיינע חברים מיט האַנטווערקער־קאַרטן, אַן וועלכע ס׳איז, לויטן געזעץ, אוממעגלעך געווען צו פירן אַ וואַרשטאַט. שפּעטער־צו איז אונטערגעקומען די אַקציע פון אַרויסבאַקומען מייסטער־דיפּלאָמען פאַר די יידישע בעלי־מלאכות. צו באַקומען אַזאַ דיפּלאָם איז נישט געווען פון די לייכטע זאַכן פאַר אַ יידישן האַנטווערקער, ווייל ער האָט געדאַרפט באַלייגן אַן עקזאַמען, בעת וועלכן מ׳האָט געפאָדערט חוץ פאַך־קענטענישן אויך קענטעניש פון דער פוילישער שפּראַך, און אויף דעם געביט זענען די ביאַלער יידישע בעלי־מלאכות געווען גאָר שוואַך. ס׳איז אָבער וויכטיק געווען, אַז די יידישע בעלי־מלאכות זאָלן באַקומען אָט די דיפּלאָמען, ווייל אַ נישט־דיפּלאָמירטער בעל־מלאכה האָט נישט געהאַט קיין רעכט צו באַשעפטיקן לערניינגלעך. אַדאַנק די גוטע באַציאונגען, וואָס האָבן געהערשט צווישן דער אָנפירונג פון יידישן האַנטווערקער־פאַראיין און דער אָנפירונג פון די קריסטלעכע צעכן־אָרגאַניזאַציעס, איז געלונגען צו באַגרע־נעצן די עקזאַמענס נאָר צו פראַגן אויפן פאַכמענישן געביט, און די יידישע בעלי־מלאכות האָבן מיט דערפאָלג דורכגע־מאַכט די עקזאַמענס.

ביים האַנטווערקער־פאַראיין האָט עקסיסטירט אַ גמילות־חסד־קאַסע, וועלכע פלעגט פאַרטיילן די חברים הלוואות אַן פּראָצענט צום אויסצאָלן אין קליינע ראַטעס.

דער האַנטווערקער־פאַראיין האָט במשך פון זיין עק־סיסטענץ דורכגעפירט עטלעכע אימפּרעזעס, וואָס האָבן גע־האַט אַ גרויסן דערפאָלג, ווי אַ קינסטלערישן אָוונט אין „בית־עם", וואָס איז אויסגעפירט געוואָרן פון די פאַראיין־חברים, אַ רעפעראַט פון דעפּוטאַט נח פּרילוצקי א״אַ.

דער האַנטווערקער־פאַראיין האָט געטיילט דעם גורל פון די אַנדערע יידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס אין שטאָט, וואָס האָבן גלייך נאָכן אַריינמאַרש פון דער דייטשער אַרמיי אין יאָר 1939 אויפגעהערט צו עקסיסטירן.

שמואל קאהאן פּאַריז / דער קליינהענדלער־פאַראיין

אַז דער סוחרים־פאַראיין אין שטאָט האָט אויפגעהערט צו זיין טעטיק צוליב דער אַנטיסעמיטישער ווירטשאַפטס־פּאָליטיק פון דער רעגירונג, וואָס האָט געבראַכט דערצו, אַז דער רוב גרויסע סוחרים איז געוואָרן קליינהענדלערס, איז רייף געוואָרן דער געדאַנק וועגן גרינדן אין ביאַלע אַ קליינ־הענדלער־פאַראיין. דער פאַראיין איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1924. די אָרגאַניזאַטאָרן זענען געווען: שמואל קאַהאַן, משה ראַדזינעק, דוד ווייסמאַן, וואָלוויש ווייצמאַן, דוד קאַנ־טאָר, יאָשע באַכראַך און יעקב טאָקאַרסקי.

די עיקר־אויפגאַבע פון פאַראיין איז געווען צו פאַרטיי־דיקן די אינטערעסן פון די קליינהענדלערס אין שטייער־אַמט, אַז זיי זאָלן נישט אַראָפּגעשווענקט ווערן פון דער אויבערפלאַך צוליב די צו־גרויסע שטייער־אויסמעסטונגען. גאַנץ אָפט, ווען די אינטערוועוענצן פון פאַראיין ביים שטאַטישן שטייער־אַמט האָבן נישט געהאַט דעם געהעריקן דערפאָלג, איז געשיקט געוואָרן קיין לובלין אַ דעלעגאַציע צו דער דאָרטיקער „איזבאַ סקאַרבאָוואַ", כדי צו אינטערווענירן, און אַ סך מאָל איז דער דעלעגאַציע געלונגען צו דערגרייכן אַ דערפאָלג. ס׳איז

אויך וויכטיק געווען צו זיין פאַרטראָטן אין שטאָטראַט און אין דער קהילה, ווייל אויך דאָרט זענען אָפט געשטאַנען אויפן סדר־היום ענינים, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו די קליינהענדלערס.

אין שטאָטראַט זענען מצד די קליינהענדלערס געווײלט געוואָרן: וואָלוויש ווייצמאַן און דוד ווייסמאַן, און אין דער קהילה — שואל באַטשקאָ און יואל שטראָמוואַסער.

דער פאַראיין האָט זיך באַמיט צו האָבן גינהעריקע פאַרטרעטונגען אין די שטאָטישע קאָאָפּעראַטיווע בענק, כדי בײהילפיק צו זיין די חברים זיינע ביים באַקומען דאָרט קרעדיטן.

די טעטיקייט פון פאַראיין האָט זיך כסדר אויסגעברייטערט און ס׳זענען אָרגאַניזירט געוואָרן נייע רעסאָרטן, ווי: ערן־געריכט צום דערליידיקן פאַרשיידענע סכסוכים צווישן חברים, כדי אויסצומיידן דאָס ווענדן זיך אין געריכט. ס׳איז געעפנט געוואָרן אַן אינפאָרמאַציע־אַמט וועגן דער קרעדיט־פעאיקייט פון די קליענטן. ס׳איז אָרגאַניזירט געוואָרן מעדיצינישע הילף פאַר די חברים צו הנחה־פרייזן.

ביים קליינהענדלער־פאַראיין איז געגרינדעט געוואָרן אַ גמילות־חסד־קאַסע, וואָס האָט געפירט אַן אַקטיווע און פרוכטבאַרע טעטיקייט, העלפנדיק די מיטגלידער מיט הלוואות. די קאַסע האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָליע אין ווירטשאַפטלעכן לעבן פון די יידישע קליינהענדלערס אין שטאָט, געניסנדיק פון אַלעמענס צוטרוי.

דער פאַראיין איז געשטאַנען אין אַ כסדרדיקן קאָנטאַקט מיט דער צענטראַלע אין וואַרשע, וועלכע פלעגט אויף די ווענדונגען פון ביאַלער פאַראיין דורכפירן אינטערווענצן ביי דער העכערער מאַכט, און אויך דערטיילן יורידישע הילף אין נויטיקע פאַלן.

אין געוויסע אַקציעס האָט דער פאַראיין מיטגעאַרבעט מיטן יידישן האַנטווערקער־פאַראיין אין שטאָט.

דער בודזשעט פון פאַראיין פלעגט געדעקט ווערן דורך מיטגלידס־אָפּצאָל פון די חברים און פון סובסידיעס, וואָס דער פאַראיין פלעגט באַקומען פון דער צענטראַלע אין וואַרשע.

אין יאָר 1927 זענען די אינסטאַנצן פון פאַראיין באַשטאַנען פון פאָלגנדיקע חברים:

פאַרוואַלטונג: שמואל קאַהאַן (פאָרזיצער), משה ראָדזינעק, משה פעלדמאַן, דוד ווייסמאַן, יואל שטראָמוואַסער, יאָשע באַכראַך און יעקב טאָקאַרסקי.

רעוויזיאָנס־קאָמיסיע: וואָלוויש ווייצמאַן, יצחק אַגרעס און אהרן ריבאַק.

ערן־געריכט: יעקב שטיינמאַן, וואָלוויש ווייצמאַן, משה פעלדמאַן דוד ווייסמאַן, משה ראָדזינעק, יעקב טאָקאַרסקי און הערשל כהן.

דער פאַראיין האָט זיך אַ צייט געפונען אין הויז פון יאָסקע ווינאָגראַד, און שפּעטער אין דער יאַטקע־גאַס, אין הויז פון אידעס (יהודית) העניע רעשעס.

אַט אַזוי איז אָנגעגאַנגען דער פאַראיין מיט זיין טעטיקייט, העלפנדיק דעם קרעמער אין זיין טאָג־טעגלעכן געראַנגל פאַרן קיום, ביז ס׳איז אָנגעקומען דער פינצטערער טאָג פון דייטשן אַריינמאַרש קיין ביאַלע און דאָס גאַנצע יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן האָט אויפגעהערט צו עקסיסטירן.

קרעדיט־קאָאָפּעראַציע

א. ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה

אין יאָר 1908 איז אין ביאַלע אַנטשטאַנען דער ערשטער קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוו, אונטערן נאָמען „ליי־און שפּאָרקאַסע". שפּעטער האָט זיך די קאַסע אָנגעשלאָסן אָן דער אָפּטיילונג פון די ליי־און שפּאָרקאַסעס פון „ייקא". (די גרינדערס זענען געווען: חיים לוי רובינשטיין, יחזקאל ערליך, קלמן שיינבערג און דוד׳טשע כהן. זיי פלעגן טאָג־טעגלעך אַמטירן אָן שום באַלוינונג — רעד׳).

די יידישע בעלי־מלאכות און קליינהענדלערס האָבן צו יענער צייט געלעבט אין שווערע באַדינגונגען, און דאָס אַנטשטיין פון אַ ליי־קאַסע איז אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס פרייד. ווייניק מענטשן, זאָגאַר פון די גרינדערס פון קאָאָפּעראַטיוו, האָבן דאַן פאַרשטאַנען וואָס איז קאָאָפּעראַציע. דאַקעגן האָבן אַלע פאַרשטאַנען, אַז אַזאַ אינסטיטוציע, ווו דער יידישער האַנטווערקער אָדער קליינהענדלער וועט באַקומען אַ הלואה פון עטלעכע הונדערט רובל, איז אַ וויכטיקער אויפטו, און דערפאַר האָבן זיך אַלע איבערגעגעבן מיט באַגייסטערונג דער אַרבעט.

די ביאַלער ליי־און שפּאָרקאַסע האָט זיך שנעל אַנטוויקלט און געוואָרן שטאַרק פּאָפּולער ביי דער ביאַלער יידישער באַפעלקערונג, אַזוי, אַז נאָך אַ יאָר עקסיסטענץ ציילט שוין די קאַסע 500 מיטגלידער מיט אַ פיי־קאַפּיטאַל פון 7000 רובל און 30000 רובל פקדונות, אַרויסגעגעבענע הלוואות 38000 רובל.

די צאָל מיטגלידער איז כסדר געוואָקסן, אַזוי, אַז די אומזאַץ־מיטלען האָבן נישט געקאָנט באַפרידיקן די פאָדערונגען פון אַלע מיטגלידער און מ׳האָט געמוזט צוציען וואָס מער זייטיקע קאַפּיטאַלן. דערצו האָט זייער אַ סך מיטגעהאָלפן דער פאַרשטאָרבענער כלל־טוער, פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון דער קאַסע, דוד׳טשע כהן נ"ע, וועלכער האָט, אויסער אַן אייגענעם פקדון פון עטלעכע טויזנט רובל, אַגיטירט דעם עולם, מ׳זאָל די אָפּגעשפּאָרטע גראָשנס טראָגן אין דער

קאַסע אַריין, אויפקלערנדיק די זיכערקייט פון דער אינסטי־טוציע. נאָך צוויי יאָר עקסיסטענץ אַנטוויקלט זיך די קאַסע מיט אַזאַ טעמפּאָ, אַז זי האָט כסדר אַן איבערפלוס פון געלט. די הלוואות ווערן פאַרדרייפאַכט, פון 100 אויף 300 רובל פאַר אַ מיטגליד, און אין אַ סך פאַלן האָבן שוין די מיטגלידער גענאָסן פון טאָפּלטע הלוואות, ד"ה ביז 600 רובל.

די קאַסע האָט באַפרידיקט די נויטן פון דער אָרעמער באַפעלקערונג, דאַקעגן האָט זי נישט באַפרידיקט די באַדער־פענישן פון מיטלשטאַנד און פון גרעסערן סוחרטום. לויטן דעמאָלטיקן געזעץ האָט די קאַסע נישט געהאַט דאָס רעכט צו פירן פאַרמיטלונגס־אָפּעראַציעס, ווי אינקאַסעס און אַנדערע באַנק־אָפּעראַציעס. צו דעם צוועק איז לויט דער איניציאַטיוו פון אַ גרופּע פערזאָנען מיט די ה"ה אידל שוואַרץ און אַדאָלף גאָלדמאַן בראש, באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אין ביאַלע אַ „געזעלשאַפט פון קעגנזייטיקן קרעדיט".

ווען מ'דערמאָנט זיך די רעכטלאָזיקייט און ווילקיר, וואָס האָט געהערשט אין דער צאַרישער צייט, קאָן מען פילייכט, פאַרשטיין מיט וואָס פאַר אַ מי און אויסדויער ס'איז געווען פאַרבונדן דאָס באַקומען פון פינאַנץ־מיניסטעריום אין פּעטער־בורג אַ דערלויבעניש צו גרינדן אַזאַ אינסטיטוציע, בפרט, ווען אַלע אונטערשרייבערס פון סטאַטוט זענען געווען יידן, — און אָפּשאַצן די פאַרדינסטן פון די אויבן־דערמאָנטע, וועלכע האָבן אַנדערהאַלבן יאָר נישט אויפגעהערט צו אַרבעטן, ביז וואַנען דער סטאַטוט איז ענדלעך באַשטעטיקט געוואָרן. נאַטיר־לעך האָט מען דערביי אויסגענוצט פּראָטעקציע פון איינפלוס־רייכע יידישע כלל־טוערס אין פּעטערבורג.

אין דער צווייטער העלפט פון יאָר 1911 איז דער סטאַטוט באַשטעטיקט געוואָרן פון דעמאָלטיקן פינאַנץ־מיניסטער קאָ־קאָווצאָוו מיטן באַדינג, אַז ביים עפענען זאָל דער קאָאָפּע־ראַטיוו ציילן נישט ווייניקער פון 100 מיטגלידער מיט אַ קאַפּיטאַל פון מינימום 10.000 רובל.

די ידיעה איז אויפגענומען געוואָרן דורכן ביאַלער סוחר־טום מיט אַזאַ ענטוזיאַזם, אַז אויף דער ערשטער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג איז דער קאַפּיטאַל סובסקריבירט געוואָרן מיט אַ גרויסן עודף. דאַן ווערט געוויילט אַ פאַרוואַלטונג מיט אידל שוואַרץ ווי אַ פאָרזיצער און אַ ראַט מיט אלתר איי־דלשטיין ווי אַ פאָרזיצער.

די טעטיקייט פון דער אינסטיטוציע הייבט זיך אָן דעם 1טן נאָוועמבער 1911. די שיין איינגעאָרדנטע, אויפן אייראָ־פּעאישן שטייגער ביוראָ, דאָס אַנגאַזשירן ווי אַ פּאַקטישן די־רעקטאָר אייזיק שוואַרץ מיט אַ גאַנצן שטאַב געהילפן און מיטאַרבעטערס, האָט די אינסטיטוציע געמאַכט פּאָפּולער שוין אין די ערשטע חדשים פון איר עקסיסטענץ. כמעט מיט יעדן טאָג קומען צו נייע מיטגלידער און בעלי־פקדונות פון די רייכסטע מענטשן פון דער שטאָט און אומגעגנט. די אינסטיטוציע אַנטוויקלט זיך מיט אַ שנעלן טעמפּאָ און שטייגט איבער אַלע פאַנטאַזיעס.

נאָך אַ האַלב יאָר פון איר עקסיסטענץ ווערט די געזעל־שאַפט אָנגעשלאָסן ווי אַ מיטגליד אין „פּעטערבורגער צענ־טראַל־באַנק פון געזעלשאַפטן פון קעגנזייטיקן קרעדיט", און אין פאַרלויף פון יאָר האָט זי שוין אין דער באַנק אַ רעדיסקאָנטע־קרעדיט פון 50.000 רובל, און ווערט אַקרעדיטירט דורך דער זעלבער אין פאַרשיידענע געזעלשאַפטן און בענק אין לאַנד און אין אויסלאַנד.

די אינסטיטוציע אַנטוויקלט זיך טאָג־טעגלעך. די פקדונות וואַקסן, און זי ווערט איינע פון די אָנגעזעענסטע קרעדיט־אינסטיטוציעס אין קאָנגרעס־פּוילן.

צום 1טן יאַנואַר 1914 ציילט די אינסטיטוציע איבער 250 מיטגלידער מיט אַן אייגענעם קאַפּיטאַל פון 42.000 רובל, פקדונות איבער 150.000 רובל, דיסקאָנטע־וועקסלען ביז 300.000 רובל, ביי אַ כמעט אומבאַגרענעצטן רעדיסקאָנטע־קרעדיט אין פאַרשיידענע פּריוואַטע און אַקציען־בענק, אין צענטראַל־באַנק אין פּעטערבורג און אין „באַנק טאָוואַזשיסט־וואָ ספּולדזשעלטשיך" אין וואַרשע. דאָס האָט געגעבן די מעגלעכקייט צו פאַרברייטערן די טעטיקייט פון דער אינסטי־טוציע און פאַרגרעסערן די קרעדיטן ביז 5.000 רובל פאַר אַ מיטגליד.

דער צוטרוי צו דער באַנק איז געווען אַ גרויסער, אַזוי אַז יידישע און נישט־יידישע אינסטיטוציעס האָבן לאָקירט זייערע קאַפּיטאַלן אין „ווזאַיעמני קרעדיט" (דער אָפיציעלער נאָמען פון דער אינסטיטוציע).

מיט אַ רואיקן און מוסטערהאַפטן טעמפּאָ איז געגאַנגען די טעטיקייט פון דער אינסטיטוציע ביזן יאָר 1914.

פון מלחמה־אויסברוך ביז יולי 1915 איז די טעטיקייט פון די ביאַלער קאָאָפּעראַטיווע אינסטיטוציעס געווען באַשרענקט און פאַראַליזירט. מיט יעדן טאָג זענען אָפּגעפלאָסן די געלט־מיטלען. אין יולי 1915 איז דאָס קאָאָפּעראַטיוו־פאַרמעגנס עוואַקואירט געוואָרן קיין מינסק.

אַזוי האָט די ערשטע וועלט־מלחמה צעשטערט צוויי שיינע, מוסטערהאַפטע יידישע קאָאָפּעראַטיווע אינסטיטוציעס אין ביאַלע.

א. ווייס

(„פּאָדלאַסיער לעבן", נומער 18/83, פון 12.5.1935. משמעות אַז א. ווייס איז אייזיק שוואַרץ — מ. י. פ—ם).

ב. אין באפרייטן פוילן

1. קאאפעראטיווע פייען־באנק

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געגרינדעט געוואָרן דער „קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוו", וואָס איז פאַקטיש געווען דער המשך פון דער „לייַ־און שפּאַרקאַסע". שפּעטער (1927) איז דער נאָמען געענדערט געוואָרן אויף „קאָאָפּעראַטיווע פייען־באַנק".

די אויפגאַבן פון קאָאָפּעראַטיוו זענען געווען: פּאַרטיילן ביליקן קרעדיט זיינע חברים, דערמעגלעכן די חברים צו ברענגען סחורות אויף קרעדיט דורך דער פאַרמיטלונג פון קאָאָפּעראַטיוו, אויפנעמען פּקדונות און אָפּשפּאָרונגען, אָננעמען וועקסלען צו אינקאַסע אאַ"וו.

די מיטגלידער פון קאָאָפּעראַטיוו זענען באַשטאַנען פון בעלי־מלאכות און קליינהענדלערס.

ביים גרינדן פון קאָאָפּעראַטיוו, איז זיין טעטיקייט גע־פירט געוואָרן אין דער דירה פון חיים לוי רובינשטיין. שפּע־טער אין הויז פון יונגערמאַן־פרידבערג (פריער — האַרט־גלאַס). אין יאָר 1929 איז די באַנק אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין אַ גרויסן און שיינעם לאָקאַל אין צענטער פון פּלאַץ־וואַלנאַשטשי, אין קהלשן הויז פון טילע בערלין (איבער אַסטראָוווסקעס אַפּטייק).

אין יאָר 1926 האָט די באַנק דורכגעמאַכט אַ שווערן קריזיס, וואָס האָט געדראָט מיט ליקווידאַציע פון קאָאָפּעראַטיוו. אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון די חברים אין אויגוסט 1926 זענען אויסגעוויילט געוואָרן נייע חברים אין דער פאַר־וואַלטונג און אין ראַט. די פאַרוואַלטונג איז באַשטאַנען פון צאָן־דאָקטאָר יואל זילבערבערג, פּנחס נאַרטמאַן און יצחק אַגרעס. בראש פון ראַט איז געשטאַנען בנימין קליגער. די נייע אינסטאַנצן האָבן זיך ענערגיש גענומען צו דער אַרבעט פון סאַנירן דעם מצב. אַ טייל חברים האָבן פּשוט אינוועסטירט אַנגעזעענע געלט־סכומים און אַזוי אַרום דערמעגלעכט אַ אַ נאָרמאַלע טעטיקייט. צוליב דער דעמאָלטיקער גינסטיקער ווירטשאַפטלעכער לאַגע, איז בכלל געלונגען אין אַ גאָר קורצער צייט אַרויסצופירן די אינסטיטוציע פון שווערן מצב, אין וועלכן זי האָט זיך פריער געפונען.

די באַפעלקערונג האָט צוריק באַקומען צוטרוי צו דער באַנק און מ'האָט ווידער אָנגעהויבן אַריינטראָגן פּקדונות און אָפּשפּאָרונגען. אויך דער רעוויזיאָנס־פאַרבאַנד פון די יידישע קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוון אין וואַרשע, האָט נאָכן איינזען, אַז די טעטיקייט פון דער באַנק איז נאָרמאַליזירט געוואָרן, שטאַרק געהאָלפן צו באַקומען קרעדיטן פון דער קאָאָפּעראַטי־ווער צענטראַל־באַנק און פון „דזשאָינט" אין וואַרשע.

די באַנק האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין דירעקטאָר און אַלע ענינים פון די חברים און אינטערעסאַנטן פלעגט דער־ליידיקן דער פּערסאָנאַל, לויט די באַשלוסן און אָנווייזונגען פון דער פאַרוואַלטונג, וואָס פלעגט זיך צונויפקומען צוויי מאָל אַ וואָך אויף זיצונגען. חוץ דעם פלעגן יעדן טאָג אַרויפ־קומען אין באַנק אַריין די פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער, וואָס האָבן געגעבן דעם פּערסאָנאַל אַ מעגלעכקייט זיך צו באַראַטן מיט זיי וועגן פאַרשיידענע ענינים.

אין דער באַנק האָט זיך תמיד געפילט אַ דוחק אין אומ־זאַץ־מיטלען, און במילא האָט מען נישט שטענדיק געקאָנט צופרידנשטעלן די פאַרלאַנגען פון די חברים. אין די לעצטע יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט אַ חבר געקאָנט געניסן ביז 2000 זלאָטעס קרעדיט. הלוואות זענען געגעבן געוואָרן ביז 300 זלאָטעס. די גרעסערע קרעדיטן זענען גע־געבן געוואָרן אין דער פאָרעם פון וועקסל־דיסקאָנטע. ווי נאָר די לייטנדיקע אינסטאַנצן פלעגן באַמערקן אַ שטייגערונג פון ריווח, האָבן זיי גלייך פאַרקלענערט די הויך פון פּראָצענט.

די באַנק־אָנפירונג האָט געפירט אַ זייער פאָרזיכטיקע קרעדיט־פּאָליטיק, און זיך תמיד באַמיט, אַז יעדער מיטגליד זאָל געניסן פון קרעדיט און נישט דערלאָזט אַז יחידים זאָלן פּריווילעגירט ווערן אויפן חשבון פון אַנדערע חברים. די קרעדיט־פּאָליטיק האָט געפירט דערצו, אַז די באַנק האָט דורכ־געהאַלטן אַלע עקאָנאָמישע קריזיסן און געבליבן עקסיסטירן, אין דער צייט ווען אַלע אַנדערע יידישע בענק אין שטאָט זענען ליקווידירט געוואָרן.

די באַנק איז געווען אַ פּאָלקסטימלעכע און פּאָלסטן זינען פון וואָרט. די בוכפירונג איז טאַקע געווען אויף פּויליש, אָבער די אומגאַנגס־שפּראַך איז דאָרט געווען יידיש. די באַנק האָט זיך באַמיט, ווי וויט מעגלעך, צו העלפן אירע חברים. ס'איז דאָרטן נישט געווען קיין אויפגעבלאָזנקייט, דאָרט פלעגט מען הערן אַ פּאָלקסטימלעכן וויץ, אַ גלייכוווערטל און אַזוי אַ מעשה. דאָרט האָט מען געפירט אַ רעגיסטער פון די שטאָט־טישע עולים קיין ארץ־ישראל און פון די שטאָטישע צונעמען. די באַנק איז אין שטאָט באַקאַנט געווען ווי אַ ציוניסטישע, הגם אין די באַנק־אינסטאַנצן זענען געווען פאַרטראָטן בונ־דיסטן און אגודהניקעס, וואָס האָבן אַלע האַרמאָניש מיטגע־אַרבעט לטובת דער אינסטיטוציע און אירע חברים.

מיטן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט די באַנק אויפגעהערט צו עקסיסטירן. די פּאַרטפּעלן מיט וועקסלען און ווערט־פּאַפּירן זענען אויסבאַהאַלטן געוואָרן און וועגן זייער גורל איז שווער צו זאָגן.

במשך פון דער עקסיסטענץ פון דער באַנק איז דער פּער־סאָנאַל באַשטאַנען פון: יעקב אהרן ראָזנבוים, משה מאָרגנ־שטערן, איטקע רובינשטיין, משה אָרלאַנסקי, מאָטל ווייזנפעלד, משה יוסף פייגנבוים, יהודית וואָרם, יהושע פייגנבוים, שרה מיענדזיזשעצקי, ישעיהו סטאָלאָווי, מאיר קאָרמאַן און מנחם הייבלום.

אין די לייטנדיקע באַנק־אינסטאַנצן זענען אין די לעצטע יאָרן פאַר דער מלחמה טעטיק געווען: בנימין קליגער, יצחק אַגרעס, ד"ר יואל זילבערבערג, פּנחס נאַרטמאַן, משה ראָדזי־נעק, שמואל אָרלאַנסקי, יוסף פרידבערג, יעקב קאָרנבלום, אשר פייגנבוים (סטאָליער), יהושע איידלשטיין, יצחק האָכבערג, יצחק גראָבמאַן, יקיר כהן־צדק א"אַ.



המנהלה והפקידות של הבנק הקואופרטיבי.

די אָנפירערשאַפט און פּערסאָנאַל פון דער פייען־באַנק.
פון לינקס זיצן: שמואל אָר־לאַנסקי, יצחק גראָבמאַן, אשר פיי־גנבוים, בנימין קליגער, פנחס נאַרטמאַן, יצחק האָכבערג; ס'שטייען: יצחק אַגרעס, יוסף פרידבערג, ישעיהו סטאָלאָווי, משה ראָדזינעק, שרה מיענדזישעצקי, מאָטל וויזנפעלד, משה אָרלאַנסקי, יעקב קאָרנבלוים, יהושע איידל־שטיין, צאָן־דאָקטאָר יואל זיל־בערבערג (פון פּערסאָנאַל פעלט — יעקב אהרן ראָזנבוים).

Board and Personel of the Cooperative Bank.

באַלאַנס צום 31.12.1936 פון דער ביאַלער קאָאָפּעראַטיווער פייען־באַנק

אקטיוו

קאַסע	8698 זל.
בענק	2045 "
ווערט־פּאַפּירן	1087 "
הלוואות	29132 "
דיסקאָנטע	62061 "
אַוואַנסן אויף אינקאַסע	5538 "
אינווענטאַר	1600 "
אַנדערע חשבונות	971 "
	111132 זל.

פּאַסיוו

פייען	19152 זל.
רעזערוו־פאָנד	5207 "
ספּעציעלער פאָנד	521 "
פּקדונות	56831 "
לויפנדיקע חשבונות	530 "
חובות	22300 "
אַנדערע רעכענונגען	5475 "
ריווח אין באַריכטס־יאָר	1116 "
	111132 זל.

(דער באַלאַנס איז אַרויסגענומען פון דער „קאָאָפּעראַ־טיווער באַוועגונג" נומער 10, וואַרשע, 10.10.37).

אין דער מאָנאָגראַפיע פון ב. גורני, וואָס איז דערשינען האַרט פאַר דער מלחמה, ווערט אָנגעגעבן די צאָל מיטגלידער פון דער באַנק אויף 314 און דער פייען־קאַפּיטאַל אויף אַ סומע פון 20691 זלאָטעס.

2. סוחרים־באַנק

דעם 5טן יאַנואַר 1925 איז געגרינדעט געוואָרן די סוחרים־באַנק אין ביאַלע. אַ געוויסע צייט האָט זי זיך געפונען אויפן ערשטן שטאָק אין הויז פון מענדל ווייסמאַן אין דער פּיל־סודסקי־גאַס. שפּעטער איז זי איבערגעטראָגן געוואָרן אין זעלבן הויז אין פּאַרטער, און איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין ברייטן פאַרנעם.

אַרום דער באַנק האָבן זיך גרופּירט די גרויסע סוחרים פון גאַנצן קרייז, און אַפילו פּריצים. די באַנק האָט זיך אַנטוויקלט אין אַ גאָר שנעלן טעמפּאָ, אַזוי, אַז אין פאַרלויף פון צוויי יאָר טעטיקייט האָבן די אייגענע קאַפּיטאַלן פון דער באַנק שוין דערגרייכט אַ סומע פון העכער 15 טויזנט זלאָטעס, וואָס איז אין יענער צייט געווען אַ גאָר אָנגעזעענע סומע.

די באַנק האָט דערליידיקט אַלע אַרט באַנק־טראַנזאַקציעס און געניאָסן פון זייער אַ גוטן נאָמען אין דער באַנק־וועלט, געניסנדיק פון הויכע קרעדיטן אין פאַרשיידענע פינאַנץ־אינסטיטוציעס. נאָך אַ קורצער טעטיקייט איז די באַנק אָנגענומען געוואָרן ווי אַ מיטגליד אין רעוויזיאָנס־פאַרבאַנד פון די יידישע קאָאָפּעראַטיוון.

די קרעדיט־פּאָליטיק פון דער אינסטיטוציע איז אָבער ווייט נישט געווען קיין פאָרזיכטיקע. מ'האָט זיך דאָרט דער־לויבט אויף קרעדיט־אָפּעראַציעס מיט יחידים אויף גאָר גרויסע סומעס. בעת דעם ווירטשאַפטלעכן קריזיס אין יאָר 1930 האָבן עטלעכע גרויסע האָלץ־סוחרים אין ביאַלע, מיט וועמען די באַנק איז געווען אַנגאַזשירט — באַנקראָטירט און מיט זיך מיטגעשלעפּט אין תהום אויך די סוחרים־באַנק.

אין מאַרץ 1933 איז פאָרגעקומען אַן אַלגעמיינע פאַר־זאַמלונג פון די באַנק־מיטגלידער, כדי צו סאַנירן דעם מצב פון דער באַנק. אויף דער פאַרזאַמלונג איז באַשלאָסן געוואָרן צוצאָלן צו יעדן פּיי 25 זלאָטעס. אין ראַט זענען אויף דער פאַרזאַמלונג געוויילט געוואָרן: ד"ר אַ. געלבאַרד, מ. אָר־לאַנסקי, ש. גראָדנער און א. לוסטיגמאַן. אָבער אַלע באַמי־אונגען צוריק אויפצוריכטן די באַנק זענען געבליבן דער־פאָלגלאָז. דעם אמת געזאָגט, האָט שוין ביאַלע נישט פאַר־מאָגט דעמאָלט קיין גרויסע סוחרים, וואָס זאָלן אומשטאַנד זיין צו העלפן סאַנירן אָט די אינסטיטוציע, און אין יאָר 1934 האָט די באַנק אויפגעהערט אינגאַנצן צו עקסיסטירן.

דירעקטאָר פון דער באַנק איז געווען פישל פינקלשטיין. ווי באַאַמטע האָבן דאָרט געאַרבעט: אייזיק שוואַרץ, שלמה

הירשזאָן, פעסל סירקוס, רוזשקע דזשענטשאָל, יעקב ליבער־מאַן, נח קראַמאַרזש, גאַרבער און אליהו ליבמאַן.

ברוטאָ־באַלאַנס צום 31.12.1926 פון דער ביאַלער סוחרים־באַנק

אקטיוו

קאַסע	4247.70 זל.
דיסקאָנטע	69602.42 "
פּראָצענטער	2578.61 "
באַוועגלעכער פאַרמעגן	2299.64 "
אינקאַסע דאָקומענטן אין פּאָרטפעל	61047.51 "
אינקאַסע דאָקומענטן ביי קאָרעספּאָנדענטן	8836.30 "
קאָרעספּאָנדענטן	2849.18 "
לאָקאַטן אין באַנק־אינסטיטוציעס	3701.16 "
ווערט־פּאַפּירן	145.— "
אַוואַנסן אויף אינקאַסע	8264.80 "
אַקציעס פון באַנק פאַר קאָאָפּעראַטיוון	179.— "
פּראָצענטער פאַרן יאָר 1927	110.37 "
הוצאות	11823.62 "
	175685.31 זל.

פּאַסיוו

פּראָצענטער	17960.91 זל.
פּיי־פאָנד	10900.— "
רעזערוו־פאָנד	1270.13 "
ספּעציעלער פאָנד	3008.— "
פּקדונות און אָפּשפּאָרונגען	30988.35 "
לויפנדיקע חשבונות	18174.87 "
רעדיסקאָנטע	14367.75 "
פאַרשיידענע פאַר אינקאַסע	69883.81 "
איבערגאַנגס־סומען	616.56 "
דעביטאָרן	7868.15 "
פּראָצענטער פאַרן יאָר 1927	619.14 "
שטייערן	27.64 "
	175685.31 זל.

(דער באַלאַנס איז אַרויסגענומען פון „פּאָדלאַסיער לעבן" נומער 6, פון 11.2.27).

3. קאאפעראטיווע פאלקס־באנק

די באַנק איז געגרינדעט געוואָרן דורך די ראַדזינער חסי־דים אין יאָר 1927. אין אָנהייב האָט זי זיך געפונען אין אַ צימער אין הויז פון לעדער־סוחר מאָטל איידלסבערג.

אָנפירער פון דער באַנק איז געווען יחזקאל ערליך און דער פּערסאָנאַל איז באַשטאַנען פון רעליגיעזע יונגעלייט, ווי: אליהו ערליך, שעפסל ראָזען, הינך שיינבערג, דוד פּאָטשטאַ־רוק. דער איינציקער נישט־רעליגיעזער דאָרט איז געווען דער בוכהאַלטער ווייסמאַן, פון ראַדזין.

כדי צו באַקומען פּקדונות, וואָס זענען אין שטאָט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג נישט געווען בשפע, האָט די באַנק אָנגעהויבן צאָלן הויכע פּראָצענטער. פאַרשטייט זיך, אַז ווער ס'האָט זיך געיאָגט נאָך צינזן, נישט אַריינקלערנדיק ווו ער געטרויט אָן זיין געלט, האָט אַוועקגעטראָגן זיין געלט אין אָט דער באַנק. אָט די טאַקטיק האָט זיך שטאַרק געגעבן צו פילן די איבעריקע צוויי בענק אין שטאָט, וועלכע האָבן נישט געוואָלט זיך לאָזן אין אַ קאָנקורענץ־געיעג מיט דער פאָלקס־באַנק („פּאָדלאַסיער לעבן", נומער 19, פון 19.8.1927).

די באַנק פלעגט דורכפירן ריזיקאַלישע טראַנזאַקציעס מיט „אנשי־שלומנו", און אין געיעג נאָך ריווחים האָט מען דאָרט אינגאַנצן פאַרגעסן צו פאַרזיכערן די געגעבענע קרעדיטן.

די באַנק האָט טאַקע אין אָנהייב געהאַט צו פאַרצייכענען אַ דערפאָלג, און זיך אַריינגעצויגן אין גרויסן און שיינעם לאָקאַל פון דער געוועזענער „באַנק דליאַ האַנדלו אי פּשע־מיסלו", ביי חיים יאַסקע קאַשטנבוים אין הויז. זי האָט אָנגע־הערט צום אגודישן־רעוויזיאָנס־פאַרבאַנד.

ביי די ערשטע סימנים פון אָנציענדיקן עקאָנאָמישן קריי־זיס אין יאָר 1930, איז די באַנק צוזאַמענגעבראָכן געוואָרן און אויפגעהערט צו עקסיסטירן.

די פאָלגן פון אָט דעם צוזאַמענברוך זענען געווען זייער שווערע, ווייל די באַנק איז שולדיק געווען אַ סך געלט צו קליינע שפּאָרערס, וואָס האָבן אַ לאַנגע צייט געמאַכט אַוואַנ־טורעס דעם מנהל פון דער באַנק און זיינע מיטהעלפערס. ס'זענען אויך נישט געמאַכט געוואָרן קיין שום באַמיאונגען איינצומאָנען די חובות, כדי כאָטש טיילווייז צו דעקן די חובות וואָס די באַנק איז שולדיק געווען.

דער אונטערגאַנג פון דער באַנק האָט אַריינגעבראַכט אַ ברוגז צווישן אַ טייל ראַדזינער חסידים, וואָס האָבן אַפילו פאַרלאָזט דאָס ראַדזינער חסידים־שטיבל.

אָפיציעל איז די באַנק קיינמאָל נישט ליקווידירט גע־וואָרן און די בעלי חובות האָבן גאָרנישט באַקומען פון זייערע אָפּשפּאָרונגען.

אין דער פאַרוואַלטונג זענען געווען: יחזקאל ערליך, מאָטל איידלסבערג, מרדכי יוסף גאָלדשטיין, נחום טענענבוים, אברהם קאַליכשטיין, יהושע גליקסבערג, אברהם גאָלדשמידט, משה יצחק בידערמאַן, שמעון ליכטנשטיין א"אַ. דער ראַט איז באַשטאַנען פון: יצחק בערמאַן, שמאי קאַליכשטיין, משה בצלאל לאַשטשעווסקי, קלמן שיינבערג א"אַ; אין דער רע־וויזיאָנס־קאָמיסיע: אייזיק שיינבערג, לייבל וויינטרויב, צבי האַלפּערן א"אַ.

4. קאאפעראטיווע דיסקאנטע־קאסע

נאָך דער ליקווידאַציע פון דער סוחרים־באַנק האָבן די געוועזענע באַאַמטע פון אָט דער באַנק, אייזיק שוואַרץ און שלמה הירשזאָן געגרינדעט אָט די קאַסע, וואָס האָט זיך גע־פונען אויף פּלאַץ־וואָלנאָשטשי, אין הויז פון ישראל כהן.

נישט געקוקט אויף אַלע באַמיאונגען, האָט זיך אָבער די קאַסע נישט אַנטוויקלט, און נאָך אַ קורצער צייט האָט זי זיך ליקווידירט. ס'איז צו פאַרצייכענען, אַז די קאַסע האָט קיין שום השפּעה נישט געהאַט אויפן ווירטשאַפטלעכן לעבן פון די ביאַלער יידן.

5. קאאפעראטיווע האנדלס באנק

דער גרינדער פון דער באנק איז געווען אייזיק שיינבערג. זי האט זיך געפונען אין הויף ביי מאיר ארלאנסקי, און האט נישט געשפילט קיין שום ראל אין ווירטשאפטלעכן לעבן. איר עיקר־טעטיקייט איז באשטאנען אין איינקאסירן וועקסלען. קיין הלוואות האט מען דארט כמעט ווי נישט געגעבן.

די באנק האט נישט אנגעהערט צו קיין שום רעוויזיאנס־פארבאנד, און פלעגט קאנטראלירט ווערן דורך מלוכה־רע־ווידענטן.

דער באנק־־פערסאנאל איז באשטאנען פון שעפסל ראזען און הינך שיינבערג. מיטן אויסברוך פון דער מלחמה האט די באנק אויפגעהערט צו עקסיסטירן.

מ. י. פייגנבוים

וו. שוסטער ניו־יארק / ארבעטער קאנסום־קאאפעראטיוו „אייניקייט"

די אנטשטייאונג פון דער פוילישער אומאפהענגיקער מדינה האט נישט געבראכט מיט זיך קיין פארלייכטערונג פאר דער באפעלקערונג אויפן עקאנאמישן געביט. די ווירטשאפט וואס איז שטארק געשעדיקט געווארן בעת דער וועלט־מלחמה האט נאך נישט באוויזן צו קומען צו זיך און שוין האט געפלאקערט א נייע מלחמה, די פויליש־באלשעוויסטישע. ארבעטער און פאלקס־מאסן זענען דעמאלט נישט אומשטאנד געווען צו קויפן די וויכטיקסטע פראדוקטן פון ערשטן געברויך.

דער „בונד" אין ביאלע האט דעריבער באשלאסן צו גרינדן א קאנסום־קאאפעראטיוו, ווו יעדער ארבעטער און פאלקס־מענטש זאל קריגן צו קויפן פראדוקטן פאר ביליקע פרייזן און זיין פארזיכערט קעגן שפעקולאציע. די בונדישע פארטיי צוזאמען מיט די פראפעסיאנעלע פאראיינען האבן צונויפגערופן א מיטינג פון זייערע חברים און פאר זיי פאר־געשלאגן דעם פלאן פון גרינדן דעם קאאפעראטיוו.

דער פלאן האט פארויסגעזען, אז יעדער ארבעטער און פאלקס־מענטש אין שטאט קאן ווערן א חבר אין קאאפעראטיוו מיטן תנאי, אז ער זאל אויסקויפן א פיי. מיטן איינצאלן דעם פיי איז ער בארעכטיקט צו קויפן אין קאאפעראטיוו, אבער נאר פאר זיין אייגענער פאמיליע. דער פראיעקט איז באשטעטיקט געווארן און ס'איז אנטשטאנען דער קאאפעראטיוו „אייני־קייט". דער קאאפעראטיוו האט געציילט 255 חברים. („לעבנס פראגן" 1919, בונדישע צייטונג אין ווארשע, קארעספאנדענץ פון ביאלע).

דער קאמיטעט פון קאאפעראטיוו איז באשטאנען פון די חברים: אברהם אדלער, נחום ווארעק, משה ראדזינעק, חנינא קופערשמידט און שמאי פרידמאן. די פארקויפערס אין קאא־פעראטיוו זענען געווען: תנא פריינד, חיים ווייסגלאז און וועלוול כהן. פארקויפט האט מען דארט בעיקר ארטיקלען פון ערשטן געברויך, ווי: קאשע, מעל, רייז, אייל, זאלץ, הערינג, זייף א"א, וועלכע מ'פלעגט איינקויפן ביים מלוכהשן אפרא־וויזאציע־אמט.

דער קאאפעראטיוו האט געהאט זיין פארקויף־פלאץ ביי דודל שטיינער־קלאפער אויף דער גראבאנאווער גאס. שפעטער־צו האט ער זיך געפונען אויף דער מעזריטשער גאס, ביי יאנקעלע מאלער אין הויז.

ווען די באלשעוויקעס האבן זיך אין יאר 1920 דערנענ־טערט צו ביאלע און אלע אקטיווע חברים פון „בונד" זענען ארעסטירט געווארן, האט זיך דער קאאפעראטיוו געשלאסן. מיטן אריינקום פון די באלשעוויקעס קיין ביאלע האבן עט־לעכע „בונד"־חברים, וואס זענען געווען אויסבאהאלטן און אויסגעמיטן דעם ארעסט מצד דער פוילישער מאכט, זיך פארזאמלט און מ'האט באשלאסן אלע פראדוקטן פונאנדער־צוטיילן צווישן די קאאפעראטיוו־חברים. שפעטער־צו האט דער קאמיטעט ליקווידירט דעם קאאפעראטיוו.

(אנגעשריבן אויפן סמך פון די מאטעריאלן וואס געפינען זיך אין דעם קורסקי־ארכיוו, ניו־יארק, ווי אויך אין בוך פון ש. הערץ „די געשיכטע פון א יוגנט").

קאאפעראטיווע מעכאנישע בעקעריי

די אפטע נגישות מצד דער מאכט לגבי די יידישע בעקע־רייען אויפן סאניטארן געביט, האבן געבראכט די יידישע בעקערס אויפן געדאנק צו גרינדן א שותפותדיקע מעכאנישע בעקעריי.

אין יאר 1930 איז אזא בעקעריי געגרינדעט געווארן ווי א קאאפעראטיוו, אין וועלכן ס'האבן זיך אנגעשלאסן אלע יידישע בעקערס אין שטאט. צו דעם צוועק האבן זיי אפגעדונגען עט־לעכע גרויסע זאלן אין ווינעס און דארט איינגעארדנט א מעכאנישע בעקעריי, לויט די לעצטע טעכנישע כללים.

דער קאאפעראטיוו איז אנגענומען געווארן ווי א מיטגליד אין יידישן צענטראלן רעוויזיאנס־פארבאנד אין ווארשע, וועלכער האט אים דערמעגלעכט צו באקומען געוויסע קרעדיטן.

נאך א גאר קורצער עקסיסטענץ איז דער קאאפעראטיוו אויפגעלייזט געווארן און יעדער בעקער האט זיך צוריקגעקערט צו זיין פריוואטער בעקעריי. א צייט לאנג נאך דעם האבן נאך די בעקערס זיך שווער געקלאגט אויפן אומגעלונגענעם פרווו וואס האט יעדן פון זיי זייער טייער געקאסט.

שווער איצט צו אורטיילן, וואס ס'זענען געווען די סיבות פון דער ליקווידאציע פון אט דעם קאאפעראטיוו.

מ. י. פ—ם

די גמילות חסד־קאַסע ביים קליינהענדלער־פאַראיין

די גמילות חסד־קאַסע ביים קליינהענדלער־פאַראיין איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1926. די איניציאַטאָרן ביים גרינדן אָט די קאַסע זענען געווען: שמואל קאַהאַן, משה ראָ־דזינעק, מ. א. מישקין, יאָשע באַכראַך, דוד ווייסמאַן, מענדל ווייסמאַן, יואל שטראַמוואַסער און יעקב טאָקאַרסקי. אַ שטויס צום גרינדן אַ גמילות חסד־קאַסע האָט געגעבן די ידיעה, אַז דער „דזשאָינט" אין וואַרשע פאַרטיילט סובסידיעס אַזעלכע קאַסעס.

פון דער „דזשאָינט"־צענטראַלע אין וואַרשע האָט מען אָבער געשטעלט צוויי באַדינגונגען: 1. ראשית דאַרף געשאַפן ווערן אויפן אָרט אַ געהעריקער קאַפּיטאַל פאַר אַזאַ קאַסע און דאַן וועט דער „דזשאָינט" צוטיילן זיין סובסידיע פּראָפּאָרציאָ־נעל צום אויפגעזאַמלטן קאַפּיטאַל. און 2. אַז די קאַסע דאַרף זיין אַ געמיינזאַמע פאַר די קליינהענדלערס און די בעלי־מלאכות צוזאַמען.

די איניציאַטאָרן זענען צוגעטראָטן צו אַ זאַמל־אַקציע אין שטאָט, און אין אַ קורצער צייט איז געלונגען אויפצוזאַמלען אַ געהעריקע סומע. דער „דזשאָינט" פון זיין זייט האָט צוגע־טיילט אַ סובסידיע אין דער הויך פון 10.000 זלאָטעס, און די קאַסע האָט אָנגעהויבן איר אַרבעט.

אַזוי ווי אָבער די אָנפירונג פון דעם האַנטווערקער־פאַר־איין האָט נישט מסכים געווען אויף אַ געמיינזאַמער קאַסע מיטן קליינהענדלער־פאַראיין, האָבן די האַנטווערקער געגרינ־דעט אַן אייגענע קאַסע און די באַקומענע סובסידיעס פון „דזשאָינט" זענען פונאַנדערגעטיילט געוואָרן צווישן ביידע קאַסעס אין גלייכע חלקים. כדי דער „דזשאָינט" אין וואַרשע זאָל אָבער נישט וויסן, אַז ס'עקסיסטירן צוויי סעפּאַראַטע קאַ־סעס, האָט מען געשיקט קיין וואַרשע יעדן חודש אַ געמיינ־זאַמען באַריכט. ביי דער ערשטער קאָנטראָל פון „דזשאָינט" אויפן אָרט איז די עקסיסטענץ פון די צוויי באַזונדערע קאַסעס אַנטדעקט געוואָרן. שפּעטער האָט שוין יעדע קאַסע באַקומען באַזונדער איר סובסידיע דירעקט פון „דזשאָינט".

די גמילות חסד־קאַסע ביים קליינהענדלער־פאַראיין פלעגט פאַרטיילן אירע חברים הלוואות אין דער הייך פון 100 ביז 300 זל. און די הלוואות פלעגט מען אויסצאָלן אין קליינע ראַטעס. קיין פּראָצענט האָט מען נישט גענומען, אָבער יעדערער וואָס האָט באַקומען אַ הלוואה האָט געדאַרפט באַצאָלן עטלעכע זלאָטעס חבר־אָפּצאָל.

דער קליינהענדלער־פאַראיין פלעגט דורכפירן פאַרשיידענע אימפּרעזעס און אַקציעס, וואָס האָבן דערמעגלעכט צו פאַרגרעסערן דעם קאַפּיטאַל פון דער קאַסע, און אַזוי אַרום ווידער באַקומען גרעסערע סובסידיעס פון „דזשאָינט".

די גמילות חסד־קאַסע האָט עקסיסטירט ביזן אויסברוך פון דער מלחמה און מיט איר טעטיקייט אַ סך געהאָלפן די ביאַלער קליינהענדלערס. די חברים, וואָס זייער צאָל האָט באַטראָפן בערך 400, האָבן זיך באַצויגן מיט גרויס סימפּאַטיע צו זייער קאַסע, צאָלנדיק פּינקטלעך זייערע חובות. אַ גאָר נישטיקער פּראָצענט פון חובות איז נישט באַצאָלט געוואָרן. די קאַסע האָט אָבער קיינמאָל נישט אָנגעקלאָגט קיין חבר אין געריכט, ווייל אַזאַ שריט איז נישט דערלויבט געוואָרן מצד דעם „דזשאָינט".

לויטן „פּאָדלאַסיער לעבן" נומער 28/144 פון 20.7.34, זענען אין דער פאַרוואַלטונג פון דער קאַסע געוויילט געוואָרן: יצחק בערמאַן, צבי האַלפּערן, משה פעלדמאַן, לייבל ליפּיעץ, לייבל בלאַנקליידער, יעקב ראָזנצווייג, יצחק כהן, אברהם סרעבערניק און יעקב טאָקאַרסקי.

במשך פון דער קאַסע־עקסיסטענץ האָבן דאָרט געאַרבעט ווי אָנגעשטעלטע: ישראל ליווערראַנט, רחל ליסטגאַרטן, בערל זשעלאַזאָ און יעקב ניעווידזע.

באַלאַנס צום 1טן נאָוועמבער 1926 פון דער גמילות חסד־קאַסע

אַקטיוו

קאַסע	75.10 זל.
אַרויסגעגעבענע הלוואות	8088.50 „
לויפנדיקע רעכענונגען אין די בענק	567.— „
אַדמיניסטראַציע הוצאות	816.07 „
	9546.67 זל.

פּאַסיוו

רעטונגס־קאָמיטעט („דזשאָינט")	4475.— זל.
אייגענע חובות (פקדונות)	2410.— „
פאַרשיידענע הכנסות	871.17 „
פּייען פון 378 מיטגלידער	1790.50 „
	9546.67 זל.

(דער באַלאַנס איז אַרויסגענומען פון „פּאָדלאַסיער לעבן" נומער 1, פון 26.11.1926)

אויפגענומען פון שמואל קאַהאַן (פּאַריז)
און רחל ליסטגאַרטן (קבוץ רמת־דוד).

פ א ר ט י י ע ן

מ. ברוחל תל־אביב / די ציוניסטישע ארגאניזאציע

ס'איז נישט באַקאַנט צי אין דער תקופה פון חיבת־ציון, פאַרן פּאָליטישן ציוניזם, זענען אין ביאַלע געווען וועלכע ס'איז שפּורן פון דער באַוועגונג. גיכער איז אַנצונעמען, אַז נישט.

די אָפּקלאַנגען פון ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין יאָר 1897 האָבן אויך דערגרייכט קיין ביאַלע. ס'איז, אמת, דעמאָלט נישט געווען קיין גרופּע מענטשן, וואָס זענען געקומען אין קאָנטאַקט צווישן זיך וועגן דעם נייעם וואָרט „יידישע מלוכה", וואָס איז געוואָרפן געוואָרן אויף דער יידישער גאַס. יחידים אָבער האָבן זיך פאַרטראַכט וועגן דעם און אַפילו געשטעלט זיך אין פאַרבינדונג מיט די פּראָפּאַגירער פון דער נייער באַוועגונג אין די נאָענטע און ווייטע שטעט.

ס'זענען באַקאַנט חסידישע הייזער, ווו ס'האָבן דערגרייכט די באַקאַנטע ציוניסטישע צירקוליאַר־בריוו פון ד"ר כהן־בערנשטיין, פון קישיניעוו, העקטאָגראַפיש געדרוקט; דער וואָכן (אָדער חודש)־זשורנאַל „דער ייד", אַרויסגעגעבן אין קראָקע. מ'האָט אויך אין אַזעלכע הייזער געזען די ערשטע קליינינקע מאַרקע, אַ בלוי מגן־דודל מיטן וואָרט „ציון" אין דער מיט.

מיטן אַרויסטריט פון די חסידישע רביים קעגן ציוניזם האָבן זיך די דאָזיקע ערשטע חסידישע סימפּאַטיקערס דער־ווייטערט פון ציוניזם. ס'זענען אָבער געווען יחידים וואָס האָבן בעסער פאַרלאָזט דאָס חסידים־שטיבל. איינער פון די דאָזיקע חסידים איז געווען הערצל האַלבערשטאַט, משה כהנס איידעם, אַ שוואָגער פון דעם שפּעטער באַקאַנטן כירורג ד"ר ד. כהן אין וואַרשע.

די ערשטע אָרגאַניזאַציע פון אַ ציוניסטישער גרופּע אין ביאַלע איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1901 דורך דעם נאָך דעמאָלט זייער יונגן סטודענט פון דער וואַרשעווער אוניווער־סיטעט, אַפּאָלינאַרי האַרטגלאַס.

אין זיינע נישט־פאַרעפנטלעכטע זכרונות, געשריבן אין זיינע לעצטע יאָרן אין ישראל, שרייבט אַדוואָקאַט א. האַרטגלאַס:

„...מיטן גאַנצן ברען האָב איך מיך אין יענער צייט, גלייך מיט די ערשטע זומער־וואַקאַציעס ביים איבערגאַנג פון ערשטן קורס אויפן צווייטן, גענומען צו דער פאַרשפּרייטונג פון ציוניזם אין ביאַלע. איך האָב געפונען עטלעכע יונגעלייט פון דער חסידישער יוגנט אין ביאַלע, וועלכע איך האָב באַאיינפלוסט לטובת דעם ציוניזם. איך האָב געברענגט, פאַר אייגן געלט, אַ סך בראָשורן אין יידיש און אין פויליש פון פאַרלאַג „אחיאסף" אין וואַרשע. איך האָב אָרגאַניזירט דעם ערשטן קרייז, ווו מ'האָט זיך פאַרזאַמלט, דיסקוטירט און געזונגען ציוניסטישע לידער. און ביאַלע, איינע פון די נעסטן פון דער ערגסטער פינצטערניש און חסידישער אָפּגע־שטאַנענקייט, איז געוואָרן איינע פון די ציוניסטישע פעס־טונגען אין דער פוילישער פּראָווינץ".

אין אַן אַרטיקל „צייטן בייטן זיך" אין „פּאָדלאַסיער לעבן", נומער 62 פון 11.2.1927 דערציילט האַרטגלאַס, ווי שווער ס'איז אים אָנגעקומען זיין אָרגאַניזיר־אַרבעט פון דער ערשטער ציוניסטישער גרופּע אין ביאַלע צוליב זיין נישט קענען יידיש, און ער האָט צוגעצויגן צו הילף דעם העברע־אישן לערער שלום ראַטשין.

דער דאָזיקער אָרגאַניזירטער אָנהייב איז, ווייזט אויס, געווען דער גרונטשטיין פאַר דעם ציוניסטישן בנין, וואָס איז ווייטער געבויט געוואָרן, מיט לענגערע און קורצערע הפסקות, אָבער שוין נישט אויפגעהערט, ביז ער איז געוואָרן אָט די פעסטונג פון וועלכער ס'רעדט אַדוואָקאַט א. האַרטגלאַס.

און אָט וואָס אשר האפער, איינער פון די ערשטע ציוניסטן אין שטאָט, דערציילט פון די בראשית־טעג פון ציוניזם אין ביאַלע.

„איך קאָן זיך נישט דערמאָנען דאָס יאָר, ווען מיר, אַ גרופּע ביאַלער יוגנטלעכע, האָבן אָנגעהויבן ווערן טעטיק לטובת דעם ציוניסטישן רעיון.

פון מעזריטש איז געקומען אליעזר בייניש גאָלדפאַרב רעדן וועגן ציוניזם אין בית־המדרש. דער בית־המדרש איז געווען געפּאַקט. ס'זענען געקומען מענטשן פון אַלע שיכטן: חסידים, מתנגדים, סוחרים און בעלי־מלאכות. אַפילו ר' איטשע מאיר כהן און ר' חיים לוי רובינשטיין, פון די גרויסע גערער חסידים, זענען געקומען אים הערן.

גאָלדפאַרבס אַרויסטריט אין בית־המדרש האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויפן עולם און מיר, די גרופּע ציוניסטן יוגנטלעכע אין שטאָט, האָבן געוואָלט אויסנוצן אָט דעם איינדרוק, כדי צו ווערבירן וואָס מער חברים פאַר אונדזער קרייז.

ליידער האָבן מיר נישט געהאַט קיין גרויסן דערפאָלג, ווייל צוליבן באַפעל פון די רביים נישט צו חברן זיך מיט

די ציוניסטן, האָבן די חסידים אָנגעהויבן רודפן די ציוניסטן. נישט געקוקט אָבער אויף דעם האָט זיך אין ביאַלע געגרינדעט אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. די גרינדערס זענען געווען: איינער קאַמענע פון שעדלעץ, אַן אַגענט פון זינגערס ניי־מאַשינען, חיים טוואַרקאָווסקי, אַ מיליטערישער שניידער און שלום ראַטשין, אַ העברעאישער לערער פון סלוצק, אַ ביאַלער איידעם. מ׳האָט געדונגען ביי שמעון קריידשטיין אַ קאַזאַרמע, און דאָרט פלעגט מען זיך פאַרזאַמלען. ס׳פלעגן קומען סימפּאַטיקערס פון חסידישע קרייזן, שטיבל־בחורים און בעלי־מלאכות. אַז מ׳האָט געוואָלט אַריינגיין אין אָט דער קאַזאַרמע, האָט מען זיך געמוזט אַריינכאַפּן אומבאַמערקט, ממש ווי אַ גנב, כדי נישט צו האָבן צו טאָן מיט די פאַרפאָלגערס פון די ציוניסטן".

נאָך איינצלנע פּרטים פון יענער ערשטער תקופה דערציילט אברהם אורמאַכער אין „פּאָדלאַסיער לעבן" נומער 7 פון 18.2.1927.

אין אַ פּסח צווישן 1903—1906 איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענקום פון ציוניסטן ביי אַ גלעזל משקה אין דער וווינונג פון א. אורמאכער. ס׳האָבן זיך צווישן אַנדערע באַטייליקט: סטודענט א. האַרטגלאַס, ר׳ גבריאל דער סופר, ר׳ דוד משה יאָסלס, משה יאַווער, שלום ראַטשין, אשר האָפּער, בנימין קליגער, אברהם לובעלטשיק, הינך כהן, אברהם געלבלום, דער באָרקער מלמד, עטלעכע ציוניסטיש געשטימטע גימנאַזיסטן פון דער ביאַלער גימנאַזיע און אפשר אַ 50 בחורים, וואָס פלעגן קומען לערנען אין דער „חברה־בחורים".

אברהם פּאָדלישעווסקי איז געקומען פון וואַרשע קיין ביאַלע אַגיטירן פאַרן קק"ל. ער האָט רעפערירט ביי פאַרמאַכטע טירן אין דער דירה פון ביעלסקער שניידער, חיים טוואַרקאָווסקי, ביי אַ זייער באַגרענעצטער צאָל צוהערערס.

אין די יאָרן 1903—1906 געגרינדעט אַן אייגענעם בית־המדרש אין די קאַזאַרמעס פון שמעון קריידשטיין. אויסערן דאַווענען דאָרט שבת און יום־טוב, פלעגט מען זיך דאָרט צוזאַמענקומען אין די אָוונטן אויף פאַרשיידענע רעפעראַטן.

יהושע פישער, איינער פון די עלטסטע ביאַלער ציוניסטן, אַ טעמפּעראַמענטפולע און קעמפערישע נאַטור, וואָס איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער ציוניסטישער אַקטיווער אַרבעט ביז צו דער ערשטער וועלט־מלחמה, דערציילט:

„בערך אין יאָר 1903 האָב איך זיך געוואָנדן צום אָדעסער־פּאַלעסטינער קאָמיטעט אין אָדעס מיט אַ פאָרשלאַג מיר צו באַשטימען ווי זייער פאָרשטייער אין ביאַלע. אַ סימפּאַטיקער פון ציוניסטישן געדאַנק בין איך געווען נאָך פון פריער, אָבער צוליב דער קעגנערשאַפט פון מיין פאָטער האָב איך נישט געקאָנט אַקטיוו זיך באַטייליקן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. איצט, ווען ס׳האָט אויפגעהערט די קעגנערשאַפט, האָב איך אָנגעהויבן ווערן טעטיק. מיין פאָרשלאַג איז דורכן אָדעסער קאָמיטעט באַשטעטיקט געוואָרן. איך האָב ווערבירט אַ געוויסע צאָל חברים, וואָס האָבן געצאָלט פאַרן אדעסער קאָמיטעט אַ יערלעכן אָפּצאָל אין דער הייך פון 3, 6, 10, 15 און 25 רובל.

אונדזער קרייז האָט געציילט בערך 30 חברים. פון די אַקטיווע געדענק איך: אשר האָפּער, משה קאַווע, יעקב שטיינמאַן, בנימין קליגער, משה רובינשטיין און משה בראָווערמאַן. מיר פלעגן זיך פאַרזאַמלען ביי מיר אין דער דירה און פירן שמועסן אויף ציוניסטישע טעמעס. איך האָב זיך באַמיט ראשית כל אַריינצוציען אין אונדזערע רייען די שטיבל־יוגנט. פון אדעסער קאָמיטעט פלעגן מיר באַקומען פאַרשיידענע ציוניסטישע בראָשורן, ווי אויך מאַטעריאַל צום דורכפירן זאַמל־אַקציעס פאַרן אדעסער־פּאַלעסטינער קאָמיטעט. די געלט־זאַמלונגען פלעגן מיר דורכפירן ערב יום־כפור אין שול, בתי־מדרשים, חסידים־שטיבלעך און אויפן בית־הקברות. מיר פלעגן אַוועקשטעלן קערות און די נעמען פון די מנדבים, וואָס האָבן געגעבן מער פון 20 קאָפּיקעס האָט מען אַריינגעטראָגן אין אַ רשימה. דאָס ערשטע יאָר האָבן מיר געזאַמלט 6 רובל, אין יאָר 1913 — 100 רובל.

ביי אָט די זאַמלונגען פלעגן נישט פעלן קיין אינצידענטן, בעיקר מצד די חסידישע תקיפים. אין גערער שטיבל האָט מאָטל מינץ אין איינעם אַן ערב יום־כפור אַראָפּגעוואָרפן די קערה פון טיש. איך האָב נאָך דעם פאַל אָנגעטראָפן מאָטל מינצן און אים געוואָרנט, אַז ער זאָל נאָך אַמאָל נישט וואַגן אַזוינס צו טאָן, ווייל אין קעגנפאַל וועל איך זיין געצוווּנגען שאַרף צו רעאַגירן קעגן אים, וואָס וועט אים קיין כבוד נישט פאַרשאַפן. מאָטל מינץ האָט טאַקע גוט געדענקט מיין וואָרענונג.

מיר פלעגן פון צייט צו צייט איינאָרדענען רעפעראַטן פון רעפערענטן, וועלכע מיר פלעגן איינלאַדן פון וואַרשע. די הכנסה איז געווען באַשטימט פאַרן אדעסער־פּאַלעסטינער קאָמיטעט.

ס׳איז כדאי צו באַמערקן, אַז אין אַ צייט אַרום ווי איך האָב אָנגעהויבן די ציוניסטישע טעטיקייט אין ביאַלע, בין איך געווויר געוואָרן, אַז אין שטאָט איז שוין מיט יאָרן צוריק טעטיק געווען אַ ציוניסטישער קרייז, מיט וועלכן ס׳האָבן אָנגעפירט אשר האָפּער, משה קאַווע און בנימין קליגער. צוליבן פאַרבאָט אויף ציוניסטישער טעטיקייט מצד דער צאַרישער מאַכט, האָט דער קרייז אויפגעהערט צו עקסיסטירן".

בערך אין די יאָרן 1910/11 האָט זיך די קליינע גרופּע פון ציוניסטן פאַרשטאַרקט מיט פרישן יונג בלוט. צו דער דאָזיקער גרופּע איז צוגעשטאַנען אַ צאָל יוגנטלעכע, וואָס האָבן זיך איבערגעגעבן דער אַרבעט מיט פרישן ברען. ס׳איז אָנגעקניפּט געוואָרן אַ קאָנטאַקט מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג און די ציוניסטישע מרכזים. מ׳האָט אַבאָנירט און געלייענט די ציוניסטישע פּעריאָדישע פּרעסע („הצפירה", „ראַזסוועט" — רוסיש און „די וועלט" — דייטש) און אויך די ציוניסטישע „קאָפּיקע ביבליאָטעק", וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אָדעס.

די פּראַקטישע אַרבעט, אויסער דער טראַדיציאָנעלער זאַמלונג פאַרן אָדעסער־פּאַלעסטינער קאָמיטעט, וואָס איז אָנגעגאַנגען יאָר־יערלעך ערב יום־כפור אין שול און בתי־מדרשים, אונטער דער אָנפירונג פון יהושע פישער, איז באַשטאַנען פון פאַרשפּרייטן דעם שקל און אין זאַמלונגען

פאַרן קרן קיימת לישראל. אָט די זאַמלונגען זענען פאָרגעקומען אין געהיים, ווייל אַזאַ טעטיקייט איז געווען פאַרבאָטן דורך דער צאַרישער מאַכט. דאָס געלט פלעגט ווערן אָפּגעשיקט דורך דער פּאָסט קיין קעלן (דייטשלאַנד), ווו ס׳האָט זיך דעמאָלט געפונען די קרן קיימת צענטראַלע.

ס׳איז אויך אויסגעפלעפט געוואָרן אַן אַקציע פון דער „אַנגלאָ־פּאַלעסטינא־באַנק" (איצט באַנק לאומי לישראל). דער ווערט פון דער אַקציע איז געווען איין פונט שטערלינג, רוסישע צען רובל. אַ לאָטעריע־בילעט האָט געקאָסט 15 קאָפּיקעס. ס׳איז אָנצונעמען, אַז אין דער לאָטעריע האָבן זיך באַטייליקט 60—65 פּערזאָן. די אַקציע האָט געווונען פּיניע ריבאַק פון דאָרף ראגיזשניצע (שפּעטער דער איידעם פון קאַזיאָנעם רב שלמהלע גאָלדבערג).

די גרופּע פלעגט זיך צוזאַמענקומען תחילת אין פּריוואַטע הייזער, ווי ביי יהושע פישער, ישראל פינקלשטיין (ריטקער) און אשר האָפער. אויף די צוזאַמענקונפטן פלעגט מען, אויסער באַהאַנדלען די ענינים פון אָרגאַניזאַציאָנעלן כאַראַקטער, אויך פירן קעגנזייטיקע שמועסן וועגן ציוניזם, וואָס איז געווען אַ געמיינזאַמער חלום אויף דער וואָר פון אַ קליינער גרופּע באַגייסטערטע מענטשן, אַ חלום וואָס האָט אַזוי געוואַרעמט אַלעמענס הערצער.

דאָס צוזאַמענהאַלטן זיך פון דער גרופּע איז כסדר פאַרשטאַרקט געוואָרן און ס׳איז געוואָרן צו ווייניק דאָס צוזאַמענטרעפן זיך אין פּריוואַטע הייזער. מ׳האָט אָנגעהויבן קלערן וועגן אַן אייגענעם שטענדיקן אָרט, ווו חברים זאָלן זיך קאָנען יעדן טאָג טרעפן און פאַרברענגען צוזאַמען. ס׳וועט נישט זיין אומריכטיק צו זאָגן, אַז ס׳האָט זיך אויך געפילט אַ באַדערפעניש אין אַזאַ אָרט, כדי צו האָבן ווו אויסצולאָדן די געזעלשאַפטלעכע ענערגיע, וואָס האָט זיך געזאַמלט און געוואָקסן מיט יעדער זיצונג, און מיט יעדן צוזאַמענטרעף פון די חברים.

אַזאַ שטענדיק אָרט פאַר צוזאַמענקונפטן בעת דער צאַרישער הערשאַפט, אונטער די אויגן פון דער רוסישער זשאַנדאַרמעריע, איז אוממעגלעך געווען צו שאַפן אויפן גלייכן וועג. ס׳איז דעריבער געבוירן געוואָרן אַ געדאַנק וועגן גרינדן אַ וווילטעטיקע געזעלשאַפט אונטערן נאָמען „אחיעזר", וועלכע זאָל געבן מעדיצינישע הילף אומפאַרמעגלעכע קראַנקע, אויסלייען פאַרשיידענע מעדיצינישע מכשירים א״אַ. אַזאַ געזעלשאַפט האָט עקסיסטירט אין שעדלעץ, און לויטן מוסטער פון איר סטאַטוס איז לעגאַליזירט געוואָרן אַזאַ אינסטיטוציע אין ביאַלע.

די דאָזיקע געזעלשאַפט „אחיעזר" און איר וויכטיקע אַרבעט איז אַ באַזונדערער פּרק. דאָ אָבער אינטערעסירט אונדז די ציוניסטישע טעטיקייט, וואָס איז געפירט געוואָרן אין געהיים צווישן די ווענט פון „אחיעזר".

ווי געזאָגט, איז די איניציאַטיוו צו גרינדן דעם „אחיעזר" געקומען פון דער ציוניסטישער גרופּע, אָבער דער אייגנטלעכער מיין איז גלייך פון דער ערשטער מינוט אָן אויסבאַהאַלטן געוואָרן. מ׳האָט זיך פאַרבינדן מיט אָנגעזעענע בעלי־בתים און פּערזענלעכקייטן אין שטאָט און זיי צוגעצויגן צו מיטאַרבעט אין דער אינסטיטוציע. בראש פון „אחיעזר"־ראַט איז געשטאַנען אידל שוואַרץ, און אין דער פאַרוואַלטונג האָבן זיך געפונען משה קאווע און אַנדערע. די גאַנצע אינערלעכע אַרבעט, אַדמיניסטראַטיווע, דיזשורן, אַרויסגעבן מעדיצינישע כלים אאַ״וו האָט אויף זיך גענומען די יוגנט. אַזוי אַרום איז געשאַפן געוואָרן אַן אָרט, ווו מ׳האָט זיך געקאָנט פאַרזאַמלען יעדן אָוונט, שפּילן אין שאַך, שמועסן, אונטערהאַלטן זיך, און דער עיקר, זיין צוזאַמען. דער „אחיעזר" האָט זיך לאַנגזאַם פאַרוואַנדלט כמעט אין אַ קלוב פאַר דער יוגנט, פון וואָס די בעלי־בתים, וואָס זענען געשטאַנען בראש, האָבן געוווּסט און האָבן צוגעשטימט, ווייל אין דעם האָבן זיי געזען די איינציקע מעגלעכקייט צו פירן די פּרוכטבאַרע אַרבעט פון דער אינסטיטוציע, וואָס נאָר די יוגנט האָט געקאָנט אַזוי איבערגעגעבן אויספירן.

דער „אחיעזר" האָט זיין ערשטן לאָקאַל געהאַט אין ווײַנעס, און שפּעטער אַ גרעסערן לאָקאַל, ביי דוד׳טשע פּעסלס אין הויז. דאָ פלעגט מען זיך פאַרזאַמלען אין די פרייטיק־צונאַכטן אין געהיים, אַז די מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג און ראַט זאָלן נישט וויסן. ס׳זענען פאָרגעקומען פאָרלעזונגען פון ציוניסטישער ליטעראַטור, און אויך טרעפונגען מיט ציוניסטישע שליחים פון אַנדערע שטעט.

אַזוי איז אָנגעגאַנגען די ציוניסטישע אַרבעט עטלעכע יאָר און האָט זיך פאַרטיפט. ס׳האָט זיך געשאַפן אַ קאָנטאַקט מיטן צענטער אין וואַרשע, הגם אויך אַן אומוועג. פון דעם ציוניסטישן אַדרעס אין וואַרשע האָבן מיר זיך דערוווּסט דורך בערלין און פּעטערבורג. צום עלפטן ציוניסטישן קאָנגרעס, אין יאָר 1913, האָט די ציוניסטישע גרופּע אין ביאַלע, לויט דער רעקאָמענדאַציע פון וואַרשע, געשיקט אַ דעלעגאַט אַ געוויסן ד״ר מאָנאָסאָוויטש, וועלכער האָט געדאַרפט קומען נאָכן קאָנגרעס קיין ביאַלע אָפּגעבן אַ באַריכט, אָבער דאָס איז נישט צושטאַנד געקומען.

אין דער צייט איז די גרופּע שוין אַרויס אין דער עפנטלעכקייט און האָט איינגעאָרדנט רעפעראַטן אין דעמאָלטיקן זאַל פון חיים יאָסקע קאַשטנבוים. איין רעפעראַט פון הרב יצחק ניסנבוים פון וואַרשע, און אַ צווייטן פון ד״ר שמואל אייזנשטאַט וועגן דער העברעאישער אוניווערסיטעט אין ירושלים.

ס׳איז אויך שוין דעמאָלט אין יאָר 1912, אָדער 1913 דעמאָנסטרירט געוואָרן אין קינאָ־זאַל דער ערשטער פילם פון ארץ־ישראל. ער האָט געוויזן די גימנאַזיע „הרצליה" און די ערשטע הייזלעך אויף דער הערצל־גאַס אין תל־אביב. אויב דער זכרון נאַרט מיר נישט, אויך פּסח־פייערונגען אין רחובות, וואָס זענען אין יענער צייט פאָרגעקומען דאָרט יעדן חול־מועד פּסח.

דער קאָנטאַקט מיט דער ציוניסטישער וואַרשע איז אויך אָנגעהאַלטן געוואָרן דורך דער פּרעסע, דורך קאָרעספּאָנדענצן אין דער ספּעציעלער אָפּטיילונג פאַר דער פּראָווינץ אין דער „הצפירה", ווו אויך ביאַלע און איר געזעלשאַפט האָבן געפונען אַ פּלאַץ.

און אָט איז איינע אַזאַ קאָרעספּאָנדענץ, אין וועלכער ס׳געפינט זיך אַן אָפּקלאַנג פון הרב יצחק ניסנבוימס באַזוך אין ביאַלע.

„בעיר ביאַלה, אשר בפלך שדליץ, נערכה הרצאה פומבית אחת ע״ד ארץ ישראל וישובה העברי. הרצאה זו משכה אחריה קהל רב ובין הנאספים היו גם חסידי „שטיבלך״ שונים, שעניני ארץ אבותם קרובים אל לבם ומשתוקקים לדעת מכל הנעשה בתוכה. ובביאלה ישנם חסידים מחסידים שונים וכולם נכנסו בשלום ויצאו בשלום. אולם כשנודע ב„שטיבל״ של חסידי פארטשוב. כי גם מאנשי־שלומם באו לשמוע אל ההרצאה ה„אפיקורסית״ הזאת פקע ארזא דבי רב והקירות מטו לנפול, והיה אותו היום קשה להם כיום שנעשה בו העגל... ובשבת הראשונה אחרי ההרצאה, כשהוציאו את ספר התורה לקרוא בו, יצא כרוז מטעם הגבאים, כי כל מי שהיה אצל ה„ציוניסטן״ בל יהין מהיום והלאה לבוא אל ה„שטיבל״...

ומלמד נכבד יש בין חסידי פארטשוב, אשר בביאלה, והוא מקובל גדול, שהתעמק ב„ספר יצירה״ והתעסק לברוא בר־אווזא מעפר האדמה... ויהי בהגיע לאזניו דבר הנגע הזה, שפשה בקירות ה„שטיבל״ שלו, ויחרד חרדה גדולה מאד, פן יתגבר הס״ם גם בפינה קדושה זו, וימהר להזמין אליו את ה„נתפשים בחטא״ ויתאר לפניהם את כל גודל העוון שלהם לחשוב, כי באמת עתידה ארץ ישראל להיות ארץ ישראל... הלילה וחס לחשוב מחשבת פיגול כזו, זוהי דעתם של האפי־קורסים ה„ציוניסטן״, רחמא ליצלן. ובאמת „כל מקום שאנשי־שלומנו דרים שם הוא ארץ־ישראל, כידוע ליודעי חן״...

ואם עלתה מחשבת פיגול כזו על לבכם, הוסיף המלמד, אז „קבלו על עצמכם להתענות כמה תעניות עד שישבר לבבכם הזונה, וד׳ הטוב יסלח לכם. — ם״.

(„ממחזות החיים״ — הצפירה מס׳ 174 מ־15.8.1913).

צום סוף האָט די ציוניסטישע אַרבעט, וואָס איז געפירט געוואָרן צווישן די ווענט פון „אחיעזר״ נישט געקאָנט מער בלייבן בסוד אין האָט אַרויסגערופן אויפרעגונג ביי דעם בעלי־בתישן טייל פון דער אָנפירנדיקע אינסטאַנצן, וואָס האָט באַזונדערס געצאָרנט צוליב דעם, וואָס אַזאַ ציוניסטישע אַרבעט איז אָנגעגאַנגען יאָרן אונטער איר נאָז און זי האָט דערפון בכלל נישט געוווסט. ס׳איז באמת באַשטאַנען אַ פחד, אַז די אינסטיטוציע, וואָס האָט זיך אַזוי שיין אַנטוויקלט זאָל צוזאַ־מענגעבראָכן ווערן. אַפילו אַזאַ ייד ווי משה קאַווע, וואָס איז ווייט געווען פון אָט די קרייזן, איז אין דעם ענין מיטגעגאַנגען מיט אידל שוואַרץ, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר דעם צום מערסטן אָפּגענאַרטן. ווי דער ראש פון ראַט. ס׳איז אויך אַנטשטאַנען אַ מורא, אַז ד״ר ג. זיטא, וואָס איז געווען אַן אַסימילאַטאָר זאָל פאַרלאָזן דעם „אחיעזר״. די יוגנט איז געווען אַנטשלאָסן די אַרבעט פון דער אינסטיטוציע ווייטער צו פירן, ווען אַפילו די בעלי־בתים וועלן פאַרלאָזן דעם „אחיעזר״. דער קריזיס איז אַדורך אָן שום אויפטרייסלונגען.

זומער 1914, תשעה באב, איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה, און גלייך האָט זיך פאַרצויגן אַ שוואַרצער וואָלקן איבערן יידישן לעבן. ביאַלע האָט געזען די מחנות פליטים פון גאַנצע יידישע שטעטלעך פון גאַליציע און אויך פון קאָנגרעס־פוילן, וואָס זענען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון זייערע היימען צוליבן כסדרדיקן דערנענטערן זיך פון פראָנט. אַלע יידישע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען אין גאַנץ רוסלאַנד האָבן אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט זייער טעטיקייט און אַלץ האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום דעם הילפס־קאָמיטעט אין פעטערבורג און זיינע אָפּטיילונגען, כדי צו לינדערן די נויט פון די פליטים. דאָס ציוניסטישע לעבן אין ביאַלע האָט אויף אַ צייט איינגעהאַלטן דעם אָטעם.

זומער 1915, מיטן פאָרמאַרש פון דייטשן מיליטער אויף מזרח, האָט זיך ביאַלע אָנגעהויבן אויסצוליידיקן פון אַ טייל יידישער באַפעלקערונג. ס׳האָט געהערשט אַ מורא, אַז די קאַמפן אַרום דער בריסקער פעסטונג וועלן אָנגיין אַ לענגערע צייט און די נאָענטע שטעט וועלן צום מערסטן ליידן. אַ סך זענען אַוועק קיין רוסלאַנד, וווהין מ׳איז געווען זיכער, אַז די מלחמה וועט נישט דערגרייכן. אַ קליינער טייל, בעיקר יוגנט־לעכע פון משפחות, וואָס זענען געבליבן אין שטאָט, איז אַוועק קיין שעדלעץ, כדי אויסצומיידן די מאָביליזאַציע אין דער רוסישער אַרמיי.

נאָכן אָקופּירן ביאַלע דורך די דייטשן, זומער 1915, זענען די געבליבענע אין שטאָט ציוניסטן ווידער טעטיק געוואָרן. ס׳האָט זיך זיי געדוכט, אַז גראָד איצט, ווען אַנשטאָט דער צאַרישער מאַכט געפינט זיך אַן אייראָפּעאישע מאַכט, וועט דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן קאָנען געפירט ווערן מיט מער דערפאָלג.

די ערשטע ציוניסטישע באַראַטונגען זענען פאָרגעקומען צווישן משה רובינשטיין און יהושע פישער. מ׳האָט געקלערט מיט וואָס פאַר אַ פּראַקטישער ציוניסטישער טעטיקייט זאָל מען אָנהויבן, כדי אַריינצוציען וואָס גרעסערע קרייזן פון דער יוגנט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. דער ערשטער געדאַנק איז געפאַלן אויף אָרגאַניזירן העברעאישע קורסן פאַר דער־וואַקסענע. צו די באַראַטונגען איז צוגעצויגן געוואָרן דער העברעאישער לערער יעקב שטיינמאַן. פון פּראָיעקט צו פּראָ־יעקט, פון פּראָגראַם צו פּראָגראַם, איז מען סוף־סוף געקומען אויפן געדאַנק פון אַ העברעאישער שול מיט אַ קינדער־היים לעבן דער שול, פאַר די קינדער פון פאַמיליעס, וועמענס מענער זענען מאָביליזירט געוואָרן אין דער רוסישער אַרמיי, אָדער האָבן זיך געפונען אין אַמעריקע.

אינמיטן ווינטער 1915/6 האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטאַרקע אָרגאַניזיר־אַרבעט, כדי פאָרצובאַרייטן, פּראָקלאַמירן און עפע־נען די „יבנה״־שול פסח 1916. דאָס איז געווען דער ערשטער רעאַלער שריט אין דער באַנייטער ציוניסטישער טעטיקייט אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע. וועגן דער שול אַליין און איר טעטיקייט ווערט געגעבן אַ באַזונדער אָפּהאַנדלונג אין דעם ספר.

גלייך פון אָנהייב האָט די שול באַוויזן איר שטאַרקן איינ־פלוס אויסער די גרענעצן פון איר אייגנטלעכער טעטיקייט און דירעקטער איפגאַבע. תלמידים און תלמידות פון דער שול, אין עלטער פון 12—13 יאָר פלעגן אַהיימקומען מיט פריילעכע און

אויפגעמונטערטע פּנימלעך, מיט לידלעך אין מויל, מיט מעשׂיות פון דער יידישער געשיכטע און לעגענדעס, וואָס האָבן געררייצט די פאַנטאַזיע. דערוואַקסענע שוועסטערס און ברידער, וואָס זענען שוין געווען נאָך דעם שול־עלטער האָבן זיך מיט קנאה געדרייט אַרום די יונגערע ברידער און שוועסטערס וואָס האָבן זוכה געווען נאָך צו זיין אין שול־עלטער.

ר׳ חיים לוי רובינשטיינס הילצערן־הויז אויף דער קשיווער גאַס, וווּ די „יבנה״־שול האָט זיך געפונען, איז געוואָרן ווי אַ פאַקל וואָס ציט צו זיך אַלע וואָס גאַרן נאָך ליכט. אין דער צייט פון די לעקציעס אין דער שול פלעגן זיך דרייען הינטער די פענצטער אָדער שטיין אַ פּאָר טריט פון דערווייטנס יונגעלייט און זיך צוהערן, כאָטש עטוואָס כאַפּן פון דער ערשטער קוועלע, גלייך פון לערערס מויל. העברעאישע לידער, וואָס זענען געזונגען געוואָרן אין שול האָט מען גלייך געהערט אומעטום זינגען.

דאָ איז אָנגעקומען דער ערשטער ל״ג־בעומר, ווען די שול איז ערשט טעטיק געווען קוים עטלעכע וואָכן, און די שול איז אַרויס אויף אַן אויספלוג אין וואַלד. די תלמידים און תלמידות אין געאָרדנטע שורות, אָנגעטאָן יום־טובדיק, זענען אין מאַרש, מיט געזאַנג פון העברעאישע לידער, אַדורך די גאַסן פון שטאָט. דער ערשטער עפנטלעכער אויפמאַרש אין שטאָט פון דער העברעאישער שול האָט, פאַרשטייט זיך, מיטגעצויגן אַנדערע יוגנטלעכע, וואָס האָבן אָנטיילגענומען אין דעם נייעם, ביז איצט נישט געפייערטן יום־טוב.

דאָס אַלץ האָט געשאַפן ציוניסטישע שטימונג אין שטאָט, און ביי די ציוניסטישע טוערס אַ דראַנג צו אַ גרעסערער עקספּאַנסיע נאָך דעם ערשטן גלענצנדיקן דערפאָלג.

דער ציוניסטישער קרייז האָט זיך פאַרגרעסערט מיט חברים פון די, אַזוי גערופענע, „פליכטלינגע״ (פליטים), וואָס האָבן זיך ביסלעכווייז איינגעזעסן אין ביאַלע. ס׳זענען צוגעקומען הן אַקטיווע טוערס הן סתם חברים. צו יענער צייט האָט שוין מיטגעאַרבעט אַקטיוו חיים בארלאס, וועלכער איז געקומען פון בריסק מיט זיין גאַנצער משפחה.

זומער 1916 איז געמאַכט געוואָרן אַ ווייטערדיקער שריט אַרומצונעמען די יוגנט אונטער דער ציוניסטישער השפעה. אין דעם גרויסן זאַל פון שול־לאָקאַל פלעגן יעדן שבת איינגעאָרדנט ווערן נאָכמיטאָג פאָרלעזונגען. די דאָזיקע צוזאַמענקונפטן זענען געווען צוטריטלעך נישט נאָר פאַר דעקלאַרירטע ציוניסטן, נאָר אַפילו אויך פאַר קעגנערס פון די ציוניסטן, ווי, למשל, אַקטיווע בונדיסטן, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן אין גוטער פריינדשאַפט מיט דער ציוניסטישער פירערשאַפט. פּוליע (רפאל) לעדערמאַנען איז אַפילו געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט צו רעפערירן פון בונדישן שטאַנדפּונקט, און וואַקסין (אַ פליט פון בריסק), וואָס האָט פאַרטראָטן אַן אַסימילאַטאָרישע טענדענץ האָט אויך געהאַט די מעגלעכקייט אָנטיילצונעמען אין די געשפּרעכן און דיסקוסיעס.

דער דאָזיקער קרייז האָט זיך פאַרברייטערט, די רעפעראַטן זענען גוט באַזוכט געוואָרן און נאָך אַ קורצער צייט האָט זיך אויסקריסטאַליזירט אַ באַדייטנדיקע ציוניסטישע גרופּע. פון איין זייט איז געוואָרן ווייניק דאָס צוזאַמענקומען זיך איין מאָל אין דער וואָך, שבת (אינמיטן וואָך איז נישט געווען קיין מעגלעכקייט צו נוצן דעם שול־לאָקאַל), און פון דער צווייטער זייט איז געוואָרן צוגעגעסן און איבערפליסיק דאָס שטענדיקע דיסקוטירן מיט קעגנערס, און דאָס ווידער איבערחזרן די זעלבע אַרגומענטן און קעגן־אַרגומענטן. ס׳איז דעריבער באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אַ ציוניסטישן „בית־עם״ אין אַ באַזונדערן לאָקאַל, וועלכער זאָל זיין אַ זאַמלפּונקט פאַר דער ציוניסטישער יוגנט, און אויך פאַר סימפּאַטיקערס. לויטן באַשלוס האָט דער „בית־עם״ געדאַרפט געפירט ווערן דורך אַ ספּעציעל־געוויילטן קאָמיטעט, אונטערן פאָרזיץ פון יושב־ראש פון ציוניסטישן קאָמיטעט.

דער ערשטער לאָקאַל פון „בית־עם״ האָט זיך געפונען אין הויז פון מאיר קאָרמאַן, אין דער גראבאנאווער גאַס, אין ווינקל פון שמאָלן געסל. דער לאָקאַל איז באַשטאַנען פון צוויי בוידעם־שטיבלעך און אַ פאָדערצימער.

דער „בית־עם״ איז געעפנט געוואָרן ווינטער 1916/7 מיט אַ פייערלעכן דערעפענונגס־אָוונט. דער יום־טוב האָט זיך געפילט נישט נאָר אין דער אינערלעכער שטימונג, נאָר אויך אין דער אויסערלעכער קליידונג; דער עולם איז געקומען אין די שבתדיקע מלבושים, אויסגעפוצט און אויפגעהייטערט. פון דער ערשטער מינוט אָן איז בראש פון „בית־עם״ געשטאַנען משה רובינשטיין, אַזוי געזאָגט, „עקס אָפיציאָ״ ווי דער פאָרזיצער פון ציוניסטישן קאָמיטעט. די אַנדערע קאָמיטעט־חברים זענען געוויילט געוואָרן און צווישן זיי האָבן זיך געפונען: חיים באַרלאַס, מענדל קאַווע, יונה שטיינמאַן א״אַ.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאַרצווייגטע אָרגאַניזיר־אַרבעט. ס׳זענען געוויילט געוואָרן פאַרשיידענע קאָמיסיעס פאַר יעדן אַרבעטס־געביט באַזונדער. אַזוי אַרום זענען אַקטיוויזירט געוואָרן וואָס מער חברים. יעדע קאָמיסיע האָט געפירט איר אַרבעט און גלייכצייטיק אָפּגעגעבן אַ באַריכט פאַרן קאָמיטעט און זיך באַטייליקט אויף אַזאַ אופן אין זיינע זיצונגען.

די קולטור־אַרבעט איז באַשטאַנען אין ליטעראַרישע און פובליציסטישע פאָרלעזונגען, וואָס פלעגן פאָרקומען אָפט. ס׳זענען אָרגאַניזירט געוואָרן אַ דראַמאַטישער קרייז, אונטער דער אָנפירונג פון מרדכי פּיעקאַרסקי און אַ כאָר, אונטער דער לייטונג פון שמעון בלאַנקליידער (דער דאַרער). שפּעטער איז געגרינדעט געוואָרן דער „מכבי״ און דער בלאָז־אָרקעסטער ביים מכבי.

איין צימער איז באַשטימט געוואָרן פאַר דער טעטיקייט פון אָט די קאָמיסיעס און יעדן טאָג איז דער צימער געווען צו דער דיספּאָזיציע פון אַן אַנדער קאָמיסיע, אויסער ווען ס׳זענען פאָרגעקומען אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען און אונטערנעמונגען, ווען דער גאַנצער לאָקאַל איז געווען באַזעצט.

יעדן שבת נאָכמיטאָג פלעגט זיך פאַרזאַמלען דער העברעאישער קרייז, וווּ יעדעס מאָל האָט אַן אַנדערער פאָרגעלייענט פון דער העברעאישער פובליציסטיק און אַנדערע העברעאישע שאַפונגען.

צווישן די אַקטיווע מיטאַרבעטערס אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע זענען געווען צוויי דייטשע יידן, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער דייטשער אַרמיי: פריץ קאָרנבערג (אַן

אַרכיטעקט) און ד״ר שוואַבע, דער פּאַרזיצער פון סטודענטישן רודער־קלוב „עבריה״ אין בערלין, וועלכער האָט געאַרבעט אין ביאַלע אין דער פּאָליציי־פאַרוואַלטונג. זייער מיטאַרבעט איז זעלבסטפאַרשטענדלעך געווען באַגרענעצט לויט זייערע מעגלעכקייטן, אָבער זייער וויכטיק.

אין פּאָדערצימער פון „בית־עם״ איז געווען אַ בופעט, וואָס איז געפירט געוואָרן פון די שוועסטערס וויינשטיין (דודל ברוקירערס טעכטער). זייערס אַ שוועסטערל, שיינע וויינשטיין (איצט אין ניו־יאָרק), האָט געלערנט אין דער „יבנה״־שול, וואָס האָט אויך זיי געבראַכט אין די ציוניסטישע קרייזן.

די אַרבעט איז אַוועק צופרידנשטעלנדיק. יוגנט איז גע־קומען פון אַלע שיכטן, אַפילו פון אַזעלכע, וואָס זענען לכאורה געווען ווייט פון ציוניזם. ערשטנס האָבן געווירקט ווי שוין געזאָגט, די שול־תלמידים אויף זייערע עלטערע ברידער און שוועסטערס, און צווייטנס איז דער „בית־עם״ געווען דאָס איינציקע אָרט אין שטאָט, ווו די יוגנט האָט זיך געקאָנט פריי צונויפקומען און פריי פאַרברענגען צוזאַמען. דער „בית־עם״ איז פון דער ערשטער מינוט אָן אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף אַ פרייען יסוד, וואָס האָט זאָגאַר געבראַכט צו קאָנפליקטן מיט די עלטערע רעליגיעזע ציוניסטן, פון וועלכע אַ טייל זענען טאַקע אַוועק און געגרינדעט דעם „מזרחי״.

זומער 1917 איז פאָרגעקומען די ערשטע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון די „בית־עם״־חברים, וואָס האָט געדאַרפט זיין דער ערשטער צוזאַמענטרעף פון אַ גרויסער און שטאַרקער גרופּע אָרגאַניזירטע חברים נאָך אַ תקופה פון אינטענסיווער אַרבעט. די ביידע צימערן, וואָס זענען נישט געווען באַזונדערס גרויס, זענען געווען געפּאַקט. נאָכן אויסהערן דעם באַריכט פון פאַרזיצער וועגן דער טעטיקייט, זינט דער דערעפענונג פון „בית־עם״, האָבן זיך אָנגעהויבן די ויכוחים. און דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקע אָפּאָזיציע, נישט קעגן דער טעטיקייט אָדער אירע פאָרמען, נאָר קעגן פּרינציפּ, אַז איין פּערזאָן זאָל גלייכצייטיק זיין אי פאַרזיצער פון ציוניסטישן קאָמיטעט אי פון „בית־עם״.

די אָפּאָזיציע איז אָנגעפירט געוואָרן פון אינעווייניק, פון די קאָמיטעט־חברים חיים בארלאס און מענדל קאַווע. די אָפּאָזיציע האָט מיטגעריסן כמעט די גאַנצע פאַרזאַמלונג. מ. רובינשטיין האָט — כמעט מיט דער איינציקער אונטער־שטיצונג פון ד״ר שוואַבע, אַ מענטש פון שטאַרקער אָרגאַ־ניזיר קראַפט און פּראַקטיק — פאַרטיידיקט דעם שטאַנד־פּונקט פון איין־פּערזאָניקן פאַרזיצער מיטן מאָטיוו, אַז דאָס איז די איינציקע ערבות, אַז דער „בית־עם״ זאָל בלייבן ציוניסטיש און זיך נישט פאַרוואַנדלען, ווי אין דער תקופה פון די שבת־צוזאַמענקונפטן אין דער „יבנה״־שול, אין אַ דיסקוסיאָנס־קלוב.

די דאָזיקע פאַרזאַמלונג האָט געדויערט 3 אָוונטן. צום סוף איז אָנגענומען געוואָרן די אַלטערנאַטיווע פון יושב־ראש, אַז דער ציוניסטישער קאָמיטעט איז אויך דער קאָמיטעט פון „בית־עם״. פון דעמאָלט אָן איז דער „בית־עם״ געוואָרן אויך פאָרמעל אַ ציוניסטישע אינסטיטוציע, ווי אַ קלוב און פּלאַץ פאַר אַלע ציוניסטישע אַרבעטן.

אין יאָר 1917, מיטן וווּקס פון דער ציוניסטישער אָרגאַ־ניזאַציע אין דייטשן אָקופּאַציע־געביט, האָט די ציוניסטישע צענטראַלע אין וואַרשע באַשלאָסן אַדורכצופירן אַ ציוניסטישן רעפערענדום אין אַלע שטעט און שטעטלעך, צוזאַמען מיט אַ געלט־זאַמלונג לטובת די יידן אין יפו און תל־אביב, וואָס זענען דורך דער טערקישער מאַכט אַרויסגעטריבן געוואָרן פון זייערע וווינערטער. דער עיקר־דרוק איז געלייגט געוואָרן אויפן רעפערענדום, וואָס האָט געזאָלט זיין אַ פּאָליטישע דעמאָנסטראַציע פאַר ארץ־ישראל אין יענער צייט, ווען אין דער לופט האָט זיך געטראָגן דער גלויבן, אַז די מלחמה איז אַ באַפרייאונגס־מלחמה פאַר אונטערדריקטע פעלקער.

דער אינהאַלט פון דער דעקלעראַציע האָט זיך געלייענט:

„מתוך הכרת ערכה העצום של העזרה לאחינו החלוצים בארץ־ישראל, אנו היהודים בפולין מביעים את רצוננו העז, שלא יישבר, כי המהפכה הגדולה העולמית, העשויה להביא חופש ודרור לכל הלאומים המדוכאים, תגשים גם את האידיאל ההיסטורי של היהודים ותיצור מולדת מובטחה במשפט לעם היהודי במולדתו ההיסטורית בארץ־ישראל״.

אונטערן טעקסט זענען געקומען די אונטערשריפטן מיט די אַדרעסן פון די אונטערשרייבערס.

קעגן דאָזיקן רעפערענדום האָט געפירט אַ שטאַרקן קאַמף דער אָרגאַן פון דער „אגודת האורתודוקסים״, „דאָס יודישע וואָרט״ און אויפגעפאָדערט אַלע פרומע יידן נישט אונטער־צושרייבן.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין ביאַלע האָט אין דער אַקציע גענומען אַ שטאַרקן אָנטייל. פּאָרלעך האָבן באַזוכט יעדע יידישע שטוב, דערביי דערציילט וועגן ארץ־ישראל און די האָפענונגען וואָס ווערן געלייגט פאַר אַ גינסטיקער לייזונג פון אונדזערע פאָדערונגען, ווען פעלקער וועלן, נאָך דער מלחמה, זיך זעצן צום שלום־טיש. ס׳זענען אויסגעפילט געוואָרן צענדליקער בויגנס מיט הונדערטער אונטערשריפטן. צווישן די 200 פוילישע שטעט און שטעטלעך מיט זייערע 250 טויזנט חתימות האָט אויך ביאַלע נישט געפעלט.

די פאַרשיידענע אַרבעטס־צווייגן פון דער אָרגאַניזאַציע זענען זיך צעוואַקסן און געפאָדערט פאַר זיך אַלץ מער פּלאַץ אין צייט. דער לאָקאַל, וועלכער איז אין אָנהייב געווען אַ דערלייזונג און מעגלעך געמאַכט אויסצולאָדן דעם ציוניסטישן אימפּעט, האָט מער נישט געקאָנט דערפילן דעם אַפּעטיט, וואָס איז געקומען מיטן עסן. יעדע גרופּע (דראַמאַטישע סעקציע, כאָר, מכבי־אָרקעסטער א״אַ) האָט געפאָדערט מער טעג, מער צימערן, אַ גרעסערן לאָקאַל.

מ׳האָט אָנגעהויבן זוכן אַ צווייטן אַנטשפּרעכנדיקן לאָקאַל. אין ווינטער 1917/8 האָט דער „בית־עם״ זיך אויף אַ קורצע צייט איבערגעטראָגן אין הויז פון משה לעבענבערג, אויף דער בריסקער גאַס. אין דער דאָזיקער צייט איז פאָר־געקומען דער ערשטער עפנטלעכער צוזאַמענשטויס צווישן דער ציוניסטישער גרופּע מיטן ביאַלער רב.

אין יאַנואַר 1918 איז אָנגעקומען די ידיעה וועגן טויט פון ציוניסטישן מנהיג ד״ר יחיאל טשלענאָוו. דער קאָמיטעט

האָט באַשלאָסן צו מאַכן אַן עפנטלעכע אזכרה אין דער גרויסער שול. אויך פריער זענען ציוניסטישע אונטערנעמונגען, וואָס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן אין געשלאָסענע לאָקאַלן („בית־עם", „יבנה"־שול) באַזוכט געוואָרן דורך געסט וואָס זענען געשטאַנען אויסער די רייען פון דער ציוניסטישער גרופּע; דאָסמאָל אָבער, האָט עס געהייסן אַן איינלאַדונג צו דער גאַנצער באַפעלקערונג צו קומען אָפּגעבן כבוד דעם אָנדענק פון ציוניסטישן פירער. די דאָזיקע אזכרה איז געהעריק פּראָקלאַמירט געוואָרן. אין דעם באַשטימטן טאָג האָט דער ביאַלער רב געשיקט רופן צו זיך גאדל ביניעס, דעם גבאי פון שול, און נישט נאָר געאסרט צו עפענען די שול, נאָר אויך געהייסן זיך ברענגען די שליסלען פון שול, און ער האָט זיי צוגענומען.

אַ גאַנצן נאָכמיטאָג האָט זיך געקאָכט און גערודערט. מענטשן וואָס האָבן געוואָלט אויסמיידן אַ צוזאַמענשטויס, האָבן זיך געוואָנדן צום רב און געפּרוווט אויף אים משפיע זיין ער זאָל דערלויבן אָפּצוהאַלטן די אזכרה אין שול, אָבער אָן רעזולטאַט.

דער אָוונט האָט אָנגעהויבן זיך אַראָפּצולאָזן, אויפן שול־הויף האָבן זיך אָנגעזאַמלט מענטשן וועלכע זענען געקומען צו דער באַשטימטער צייט, אָבער אַריין אין שול האָט מען נישט געקאָנט. אין פאַרלויף פון אַ האַלבער שעה איז דער גאַנצער שול־הויף געווען שוואַרץ פון מענטשן. דער דאָזיקער אָפּרוף פון דער באַפעלקערונג אויף דער ציוניסטישער ווענדונג איז געווען אַ דערפאָלג.

די עקשנות פון רב האָט אַריינגעטריבן די ציוניסטישע יוגנט אין אַ באַזונדערער קאַמפס־לוסטיקייט, און די מכבי־חברים, וואָס זענען געווען באַשטימט צו האַלטן אָרדענונג אויף דער אזכרה, זענען געשטאַנען גרייט צו עפענען די שול מיט כוח, וואָס איז נישט געווען פון די לייכטע זאַכן; די די שול איז געווען געשלאָסן מיט טאָפּלטע טירן און מיט שווערע שלעסער. ס'איז שווער געווען זיך צו דעצידירן אויף עפענען די שול מיט כוח כל זמן ס'האָט זיך געדוכט, אַז דער רב וועט נאָכגעבן. מ'האָט אויך נישט געוואָלט שאַפן דעם מינדסטן שיין פון אַ חילול פון דער שול דורך אויפברעכן די טירן.

ווען ס'איז אָבער קלאָר געוואָרן, אַז ס'איז נישט געבליבן קיין אַנדער ברירה, איז געגעבן געוואָרן דער באַפעל צו זוכן אַ וועג ווי אַזוי צו עפענען די שול פון אינעווייניק, און ווי ווייט מעגלעך נישט צו ברעכן. דריי מכבי־חברים אונטער דער אָנפירונג פון אשר פייגנבוים (משה גלעזערס זון) זענען אַרויף אין דער ווייבערשער שול אויפן דריטן שטאָק, אַרויסגעריסן אַ גראַטע פון אַ פענצטער און דורך דער דאָזיקער עפענונג האָט זיך פייגנבוים אַראָפּגעלאָזט אין דער מענער־שול. אין פאַרלויף פון אַ האַלבע שעה האָבן זיך די שול־טירן אויפגעפּראַלט פון אינעווייניק. די שול איז באַלד געוואָרן פול און הונדערטער זענען געבליבן אין דרויסן.

חברים האָבן גערעדט וועגן פאַרשטאָרבענעם און אַפילו אַן „אל מלא רחמים" וועלכער האָט געדאַרפט געמאַכט ווערן דורכן שטאָטישן חזן, וואָס איז נישט געקומען, לויטן פאַרבאָט פון רב, איז געמאַכט געוואָרן דורך איינעם פון די חברים (פינטשע ליבמאַן).

דער דאָזיקער אינצידענט, דער עפנטלעכער קאַמף מיטן קעגנער, און מיטן רב דערצו, האָט צוגעגעבן אַ סך מוט דער ציוניסטישער פירערשאַפט אין שטאָט, האָט זיי אַרויסגעפירט פון דער באַשיידנקייט אין דער עפנטלעכקייט, און איז געווען דער פאָרלויפער פון אַנדערע געזעלשאַפטלעכע קאַמפן און צוזאַמענשטויסן, וואָס האָבן דערוואַרט אין דער נאָענטער צוקונפט.

נאָך אַ קורצער צייט האָט זיך דער „בית־עם" איבערגעטראָגן אין הויז פון קלמן שיינבערג, אויף דער סאַדאָווער גאַס. דאָ אייגנטלעך איז געווען דער אמתער „בית־עם", וואָס איז געוואָרן דאָס צוציאונגס־אָרט פאַר דער שטאָטישער יוגנט. דער לאָקאַל איז באַשטאַנען פון 5 צימערן, פון וועלכע צוויי זענען פאַראייניקט געוואָרן, דורך צענעמען די וואַנט וואָס האָט זיי אָפּגעטיילט און ס'איז געשאַפן געוואָרן איין גרויסער זאַל פאַר פאַרזאַמלונגען און פאַר גימנאַסטישע איבונגען פון מכבי.

די אַרבעט איז אויפסניי פאַרטיילט געוואָרן אין פאַרשיידענע קאָמיסיעס. יעדער אַרבעטס־צווייג האָט באַקומען זיין צייט און אָרט, אַנטשפּרעכנדיק די נייע מעגלעכקייטן. יעדע צוויי וואָכן פלעגן פאָרקומען עפנטלעכע זיצונגען פון דער אַזוי־גערופענער, מועצה, וואָס איז באַשטאַנען פון די חברים פון די פאַרשיידענע קאָמיסיעס. ס'זענען איינגעפירט געוואָרן פערמאַנענטע פאָרלעזונגען: ליטעראַרישע, פּובליציסטישע פון דער פּרעסע; ליטעראַרישע משפטים אאַ"וו. מיט איין וואָרט, ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַנייט אימפּולסיוו ציוניסטיש לעבן.

אין יענער צייט האָט זיך אויך אָנגעהויבן פאָרמירן אין שטאָט די צעירי ציון — גרופּע, און שפּעטער, שוין בעת דער פּוילישער הערשאַפט, דער השומר־הצעיר, ווי אַ סקויטן־אָרגאַניזאַציע, און אַלע האָבן געפונען זייער פּלאַץ אין „בית־עם".

געווען איז דאָס אין 1918, ווען אין דער לופט האָט זיך שוין געפילט דאָס דערנעענטערן זיך פון סוף פון דער מלחמה. אַרום איז געוואָרן אַ ביסל פרייער, די גרענעצן פוז, אַזוי גערופענעם, „עטאַפּענגעביט", וועלכער איז געווען די גאַנצע צייט מיליטעריש געשלאָסן, ווי אַן אָפּגעצוימטע טעריטאָריע אָן אַ פאַרבינדונג מיט דער אויסנוועלט, זענען ביסלעכווייז אויפגעריסן געוואָרן. נישט וויסנדיק ווי אַזוי און אויף וועלכע וועגן זענען דערגאַנגען גרוסן און ידיעות פון דרויסן. מיטן פאָרמאַרש פון דייטשן מיליטער טיף אין רוסלאַנד האָבן פאַרלאָזט ביאַלע די יידישע מיליטער־לייט, וואָס האָבן מיטגעאַרבעט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג אין שטאָט, און וועלכע האָבן אויף אַן אומוועג געשאַפן אַוועלכן עס איז קאָנטאַקט צווישן דער ציוניסטישער גרופּע אין ביאַלע מיט דעם ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט אין בערלין.

מיט וואַרשע זענען כמעט קיינע פאַרבינדונגען נישט געווען. צו דער דריטער ציוניסטישער לאַנד־קאָנפערענץ האָט

מען נישט געקאָנט באַקומען קיין אַרויספאָר־דערלויבעניש פון דער דייטשער „עטאַפּענקאָמאַנדאַנטור". ביסלעכווייז האָט אָבער אָנגעהויבן ווערן לייכטער מיט אָנקניפּן קאָנטאַקטן, ס׳האָבן אָנגעהויבן אָנקומען ידיעות פון פאַרשיידענע זייטן. פון רוסלאַנד, ווו ס׳האָבן זיך געפונען חברים, וואָס זענען אַוועק אַהין מיטן דערנענטערן זיך פון פראָנט, האָט מען אָנגעהויבן באַקומען ליטעראַטור, צייטונגען, צירקוליאַרן פון ציוניסטישע מרכזים און פון דער „תרבות"־אָרגאַניזאַציע אין רוסלאַנד, וועלכע האָבן געגעבן אַ באַגריף פון פאַרנעם פון דער ציוניסטישער טעטיקייט אין רוסלאַנד. אויך דער שוין דערמאָנטער פריץ קאָרנבערג, וועלכער האָט זיך געפונען אין כאַרקאָוו האָט געלאָזט פון זיך הערן און פלעגט צושיקן די אויסגאַבעס פון דער צעירי־ציוניסטישער באַוועגונג אין אוקראַינע, ווו אויך דאָרט איז ער טעטיק געווען.

שפּעטער־צו איז לייכטער געוואָרן די פאַרבינדונג מיט וואַרשע. מ׳האָט שוין געקאָנט שיקן אַ בריוו און אויך אַ רייזע־דערלויבעניש איז לייכטער געוואָרן צו באַקומען. צו יענער צייט האָט זיך אויך צו אונדז דערטראָגן די ידיעה וועגן דער „באַלפור־דעקלאַראַציע", אין וואָס די דייטשן זענען געווען פאַראינטערעסירט, אַז זי זאָל נישט דערגיין צו דער יידישער באַפעלקערונג.

מיט איין וואָרט, מ׳איז אַרויס פון קלעם אויף אַ ברייטערן שליאַך. ס׳האָט זיך פאָרויסגעפילט אַן אינטענסיווע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט, אין דער מאָס, ווי ס׳האָט זיך געפילט דאָס פאַמעלעכע אָפּשטאַרבן פון דייטשן מלחמה־טעמפּאָ און דאָס דערנענטערן זיך פון זיין סוף.

סוף זומער 1918, האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן די ערשטע צוריקקערער פון רוסלאַנד. פון איין זייט זענען געקומען עקסט־לינקע מיט דער בשורה פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע און אירע אידעאַלן, און פון דער צווייטער זייט דער חסידיש בעל־הבתישער עלעמענט, וועלכער האָט ביזן מלחמה־אויסברוך געקאָנט נאָר זיין חסידים־שטיבל. עטלעכע פון די צוריקגעקומענע חסידים האָבן עס דעמאָלט געגרינדעט די „אגודת־ישראל".

אָט די עלעמענטן האָבן אָנגעהויבן פאַרנעמען זייער פּלאַץ אין דער געזעלשאַפט. די ציוניסטן וואָס האָבן ביז דאַן געהאַט די העגעמאָניע, האָבן געמוזט איינשטימען אויף אַ צווישן־פּאַרטייאישער צוזאַמענאַרבעט (אין אַמעריקאַנער הילפס־קאָמיטעט, ווו ס׳זענען געווען פאַרטראָטן אַלע פּאַרטייען אונטערן פאָרזיץ פון משה רובינשטיין) און טיילמאָל פירן אַ קאַמף מיט די קעגנערישע פּאַרטייען.

אין האַרבסט 1918, איז די ציוניסטישע באַוועגונג אין פּוילן געשטאַרקט געוואָרן מיט אַזאַ פּולבלוטיקער קראַפט ווי יצחק גרינבוים, וועלכער איז דאַן צוריקגעקומען פון רוסלאַנד. די ערשטע אַרבעט אויפן געביט פון אָרגאַניזירן דאָס יידישע לעבן אין פּוילן איז געווען גרינבוימס פּראָיעקט וועגן צוזאַמענרופן אַן אַלגעמיין יידישן נאַציאָנאַלן צוזאַמענפאָר אויף וועלכן ס׳זאָל אויסגעוויילט ווערן אַ נאַציאָנאַל־ראַט, וואס זאל שטיין בראש פון פּוילישן יידנטום און אָנפירן מיט זיינע אינטערעסן. דער דאָזיקער געדאַנק האָט אָנגעטראָפן אויף אַ קעגנערשאַפט פון דער „אגודה", „בונד", פאָלקיסטן און אויך ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. דער ציוניסטישער צ״ק האָט באַשלאָסן פאָרלויפיק צוזאַמענצורופן, אין דעצעמבער 1918, אַ פאָר־קאָנפערענץ צום יידישן נאַציאָנאַלן צוזאַמענפאָר. צו דער דאָזיקער פאָר־קאָנפערענץ זענען געגאַנגען אַ חוץ ציוניסטן אויך אומפּאַרטייאישע.

די וואַלן צו דער דאָזיקער פאָר־קאָנפערענץ אין ביאַלע זענען געווען דער ערשטער פאַרמעסט פון דער ציוניסטישער גרופּע מיט אַנדערע פּאַרטייען אין פּאָליטישן קאַמף. די הויפּט־קעגנערס אויף דעם געביט זענען געווען די אגודה׳ניקעס. ס׳זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן עפנטלעכע מיטינגען אין בית־המדרש. די אגודה׳ניקעס האָבן געטאָן אַלץ כדי צו שטערן דעם געדאַנק פון אַן אַלגעמיין יידישן נאַציאָנאַל־ראַט, וואָס זאָל נישט זיין געבויט אויפן יסוד פון תורה און מצוות. אויף איינער אַזאַ פאַרזאַמלונג איז אַרויסגעטראָטן מצד דער „אגודה" איטשע מאיר כהן, וואָס איז פאַר דער מלחמה ווייט געווען פון וועלטלעכע ענינים, אָבער צוריקקומענדיק פון רוסלאַנד האָט ער זיך שוין געפילט פעאיק אויפצוטרעטן אויף אַן עפנטלעכער פאַרזאַמלונג. זיין וויכטיקסטער אַרגומענט איז געווען, אַז די ציוניסטן טראָגן נישט קיין ציצית...

אין אַ באַשטימטן ווינטער־טאָג זענען אין בית־המדרש פאָרגעקומען די וואַלן צו דער פאָר־קענפערענץ. ס׳זענען דערוויילט געוואָרן משה רובינשטיין און חיים בארלאס.

אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ האָט ביאַלע געמאַכט די ערשטע פערזענלעכע באַקאַנטשאַפט מיט ציוניסטישע מנהיגים, און גלייך ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט פאַרנומען נישט דעם לעצטן אָרט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג אין פּוילן.

אין יאַנואַר 1919 זענען פאָרגעקומען וואַלן צום קאָנסטיטוציע־סיים פון באַנייטן פּוילן, וואָס איר אַנטשטייאונג האָט זיך אָנגעהויבן מיט פּאָגראָמען אויף יידן אין לעמבערג, קיעלץ און אַנדערע ערטער; מיט איבערפאַלן אויף יידן פון די „האַלערטשיקעס" און „פּאָזנאַנטשיקעס", מיט שניידן בערד און נאָך ענלעכע „גבורה־מעשים" אויך אין ביאַלע.

אין דער צייט האָט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין ביאַלע גענומען זיך גרייטן צום וואַל־קאַמף. אין ביאַלער וואַלקרייז זענען געווען אָנגעשלאָסן 4 קרייזן: ביאַלע, ראַדזין, וולאדאווע און יאַנעווע. ס׳איז באַצייטנס צונויפגערופן געוואָרן אַ צוזאַמענפאָר פון אַלע שטעט און שטעטלעך אין די 4 פּאָוויאַטן. דער צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען אין „בית־עם". ווי אַן עפּיזאָד איז כדאי צו דערמאָנען, אַז צו דעם צוזאַמענפאָר איז געקומען אַ פּאָליאַק פון מעזריטשער קאַנט, וועלכער האָט זיך פאָרגעשטעלט ווי אַ יוצא־דופן, אַ ליבעראַלער פּאָליאַק, וואָס איז נישט מסכים צו דער אַנטיסעמיטישער העצע, און געוואָלט באַקומען אַ יידישן מאַנדאַט צום סיים. דער דאָזיקער וואַלקרייז־צוזאַמענפאָר, אויסהערנדיק די רעפעראַטן פון די חברים ח. בארלאס און מ. רובינשטיין האָט אָנגענומען די ציוניסטישע וואַל־פּלאַטפאָרם און געשאַפן אין ביאַלע אַ

צענטראַלע וואַלקרייז־ביוראָ, וואָס זאָל אָנפירן מיט דער וואַל־טעטיקייט אין גאַנצן וואַלקרייז.

די גאַנצע ציוניסטישע יוגנט האָט זיך אַריינגעוואָרפן מיטן פולן ברען אין דער וואַל־קאַמפּאַניע. די אַרבעט איז אָנגעפירט געוואָרן דורך די אָרטיקע חברים, דער קאָנטאַקט מיט די אַלע שטעט און שטעטלעך אין די 4 פּאָוויאַטן איז געווען אַן ענגער — דורך אָפטע צירקוליאַרן, בריוו און פּערזענלעכע באַזוכן. קיין געלט־שטיצע אויף וואַל־הוצאות איז נישט געפאָדערט געוואָרן פון דער צענטראַלע אין וואַרשע. גלייך נאָכן אַריינטראָגן די קאַנדידאַטן־ליסטע (אויף וועלכער ס׳האָבן פיגורירט: אַדוואָקאַט אפּאלינארי הארטגלאס, אַדוואָקאַט אַלעקסאַנדער הערץ אָלשוואַנגער און אינזשיניער משה קערנער), וועלכע האָט באַקומען דעם נומער 5, איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין גאַנצן וואַלקרייז אין איין און דעם זעלבן טאָג אַ צייכן־פּאַרקויף, וואָס האָט געטראָגן דעם נומער 5, כדי צו דעקן די וואַל־הוצאות. אין די צוויי חדשים פון דער וואַל־קאַמפּאַניע איז דער „בית־עם" פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ברויזנדיקן הויפּט־שטאַב.

מיטן דערנענטערן זיך פון וואַל־טאָג האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פון וואַל־מיטינגען, אייגענע און קעגנערישע. די אַטמאָספערע איז געוואָרן הייסער און הייסער. אַלע פּאַרטייען וועמענס אַגיטאַטאָרן זענען איצט פריי געווען, נאָך דעם ווי אין יענער צייט זענען די וואַלן שוין געווען פאַריבער אין גאַנץ פּוילן (ביאַלע איז שפּעטער באַפרייט געוואָרן פון דער דייטשער אקופּאַציע און דעריבער זענען דאָ די וואַלן פאָרגעקומען מיט אַ פאַרשפּעטיקונג), האָבן די דאָזיקע רעדנערס און אינסטרוקטאָרן געוואָרפן אין דעם איינציקן ביאַלער וואַלקרייז. די וואַלן זענען פאָרגעקומען אַ זונטיק־טאָג. סוף וואָך פאַר דעם זונטיק האָבן אין ביאַלע געווײלט עטלעכע יונגע ציוניסטישע רעדנערס פון וואַרשע: ד״ר אסתר מאַנגעל, יצחק איטקין, מרדכי יפה און יעקב פּיאָנטניצקי, וואָס זענען אַרויסגעטראָטן אויף פאַרשיידענע פאַרזאַמלונגען. פרייטיק־צונאַכט איז פאָרגעקומען אַ פאָלקיסטישער מיטינג, אויף וועלכן ס׳איז אַרויסגעטראָטן נח פּרילוצקי. פון דער ציוניסטישער זייט האָט אים אָפּאָנירט ד״ר אסתר מאַנגעל.

נאָך דעם מיטינג, אגב, ביי אַ גרויסן באַזוך, איז באַשלאָסן געוואָרן צונויפצורופן אויף מאָרגן שבת־צונאַכט אויפן זעלבן אָרט (ביי חיים יאסקע קאשטנבוים אין קינא־זאַל) אַ מיטינג פון דער נאַציאָנאַלער ליסטע, אויף וועלכער ס׳זאָל אַרויסטרעטן יצחק גרינבוים.

אויף צומאָרגנס אָוונט איז יצחק גרינבוים געקומען קיין ביאַלע. דער זאַל איז געווען פול געפּאַקט, און דער עולם האָט געוואַרט מיט אומגעדולד אויפן אָנהייב פון מיטינג. אין דער לופט האָט זיך געפילט פייער, די קעגנערס האָבן מאָביליזירט אַלע זייערע קרעפטן צו שטערן, און באַזונדערס האָט זיך געגרייט דער „בונד" אויפצורייסן דעם מיטינג און נישט לאָזן גרינבוימען קומען צום וואָרט. גרינבוים איז געשטאַנען אויף דער בימה, אַרומגערינגלט פון אַ שטאַרקער גרופּע חברים, אָבער אָנהייבן ריידן איז אוממעגלעך געווען. אַ שטאַרקע בונדישע גרופּע איז געשטאַנען ביי דער ראַמפּע און געשאָטן מיט אַ מבול פון געשרייען און צווישנרופן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין שייכות צו די אַקטועלע פּראָבלעמען פון די וואַלן. סוף כל סוף איז גרינבוימען געלונגען גובר צו זיין דעם טומל פון די ווילדע געשרייען. זיין עקספּראָמפּט־רעדע האָט אויך כמעט גאָרנישט באַרירט די וואַלן פון מאָרגן, נאָר איז געווען אַ שניידנדיקער אַנאַליז פון די יידישע פּראָבלעמען אין שייכות מיט דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. דער גאַנצער זאַל האָט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם אויסגעהערט דעם רעדנער. די גרופּע בונדיסטן, ביי דער ראַמפּע, זענען נאָך מער צערייצט געוואָרן פון גרינבוימס אַנאַליז, געווילדעוועט און געשריגן, אַז עפּעס אין אַ שטעטל האָבן ציוניסטן געמסרט זייערע בונדישע חברים. גרינבוים האָט צוגעזאָגט אויסצופאָרשן די זאַך. אַ בונדיסט האָט אַ געשריי געטאָן צו אים „פּראָוואָקאַטאָר!". גרינבוים האָט גלייך אים געגעבן אַ פּאַטש און אויסגערופן: „פאַר דעם צאָלט מען מיט בלוט!". ס׳איז אויסגעבראָכן אַ געשלעג, די פאַרזאַמלונג האָט מען שוין נישט געקאָנט ענדיקן, מ׳האָט אָבער געפילט, אַז די פאָרזעצונג איז איבעריק. נאָך אַן אויפנאַמע פאַר דעפּוטאַט גרינבוים האָבן אים די חברים באַגלייט צו דער באַן.

זונטיק פרי האָבן זיך אַלע חברים געשטעלט אויף זייערע ערטער און געטאָן זייער אַרבעט מיט איבערגעגעבנקייט. און איצט זענען געקומען די טעג פון דערוואַרטונג אויפן רעזולטאַט פון די לאַנגע אָנגעשטרענגטע פאָרבאַרייטונגען. דאָס זענען געווען טעג, פון איין זייט, פון אַנטשפּאַנונג פון וואָכן־לאַנגער אָנגעשטרענגטער אַרבעט, כמעט אָן אָפּרו, און פון דער צווייטער זייט, אַן אומרואיקע פּאַסיווע דערוואַרטונג אויפן רעזולטאַט. די ציוניסטישע חברים וואָס האָבן זיך אומגעדולדיק אַרומגעדרייט אין די קאָרידאָרן פון קרייזגעריכט, וווּ ס׳האָט אַמטירט די צענטראַלע וואַל־קאָמיסיע, האָבן מיט 10 שעה פריער, איידער די צענטראַלע וואַל־קאָמיסיע האָט דערקלערט אָפיציעל דעם רעזולטאַט פון די וואַלן, שוין געוווּסט, דורך זייער פאָרשטייער אין דער קאָמיסיע, אַז זייער אַרבעט איז נישט געווען אומזיסט, אַז זייער ליבלינג אַדוואָקאַט א. האַרטגלאס וועט פאַרגרעסערן און פאַרשטאַרקן דעם כוח פון דער נאַציאָנאַלער גרופּע דעפּוטאַטן אין פּוילישן סיים.

די וואַלן צום סיים זענען געווען די ערשטע פּאָליטישע אַקציע אין דעם באַנייטן פּוילן אויפן אַלגעמיין פּאָליטישן געביט. אין דער זעלבער צייט האָט זיך אויך די אָרטיקע מאַכט פאָרמירט, ס׳איז אַנטשטאַנען די סטאַראָסטווע, וועלכע האָט אָנגעהויבן נאָכקאָנטראָלירן די טעטיקייט פון די פּאַרטייען און געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, און גלייך פאַרבאָטן די טעטיקייט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

מ׳האָט זיך אָבער נישט פאַרלוירן. ס׳איז קלאָר געווען, אַז דער וועג פון בעטן אַ לעגאַליזאַציע איז אַ לאַנגער און נישט זיכערער, ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט פון די ערשטע באַרירונגען מיט דער נייער מאַכט, און מ׳איז געגאַנגען אויף אַ גאַנץ קורצערן וועג. ס׳איז געווען אַ דעקרעט פון מלוכה־

הויפּט, וועלכער האָט לעגאַליזירט אויטאָמאַטיש אַלע פּאַראַיי־נען, וואָס האָבן לעגאַל עקסיסטירט בעת דער דייטשער אָקופּאַציע, און דאָס האָט געראַטעוועט די סיטואַציע. אמת, אויך פון דעם שטאַנדפּונקט איז נישט אַלץ געווען גלאַט־כשר, אָבער דאָך איז אויף דעם וועג אַ סך לייכטער געווען אַזאַ הכשר צו שאַפן. דער דאָזיקער געראַנגל מיט דער נייער פּוילישער מאַכט איז דעמאָלט איבערגעגעבן געוואָרן אין אַ קאָרעספּאָנדענץ אין דער ציוניסטישער טעגלעכער צייטונג „דאָס יודישע פאָלק".

אין אויגוסט 1919 איז פאָרגעקומען דער פערטער ציוניס־טישער לאַנד־צוזאַמענפאָר אין פּוילן, צו וועלכן ביאַלע האָט געשיקט צוויי דעלעגאַטן: משה רובינשטיין און יעקב אהרן ראזנבוים. אויפן דאָזיקן צוזאַמענפאָר האָט זיך אויסגעטיילט די זעלבשטענדיקע „צעירי־ציון"־אָרגאַניזאַציע. שוין דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן אין די רייען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע די שפּאַלטונג אויף אַ דעמאָקראַטישע און רעכ־טע ריכטונגען, וואָס האָט שפּעטער געפירט צו דער שפּאַלטונג אויף „על המשמר" און „עת לבנות". ביאַלע האָט זיך דעמאָלט געשטעלט אויף דער זייט פון דער דעמאָקראַטישער גרופּע.

דעם זעלבן יאָר 1919 זענען אויך פאָרגעקומען וואַלן צום ביאַלער שטאָטראַט, בעת וועלכע אַלע יידישע פּאַרטייען האָבן אַרויסגעשטעלט באַזונדערע קאַנדידאַטן־ליסטעס. פון דער ציוניסטישער ליסטע זענען דערוויילט געוואָרן משה רו־בינשטיין און משה קאָוועו.

אין שטאָטראַט האָבן אַלע יידישע ראַטמענער, אויסער די בונדישע, געבילדעט אַ יידישע פראַקציע, אונטערן פאָרזיץ פון משה רובינשטיין, און געשטימט איינהייטלעך. די יידישע פראַקציע האָט אַפילו אַמאָל, ווען אויפן סדר־היום האָט זיך געפונען אַ יידישער ענין און ס׳איז נישט געווען קיין האָפ־נונג צו פאַרמיידן אַן אָפּשטימונג קעגן די יידישע אינטערעסן, אויפגעריסן אָט די זיצונג דורך פאַרלאָזן דעם זיצונג־זאַל און אַזוי אַרום צעשטערט דעם לעגאַלן קוואָרום פאַר דער אָפּשטי־מונג. מיט די בונדישע ראַטמענער איז נישט איין מאָל געקומען צו צוזאַמענשטויסן.

פון 30סטן דעצעמבער 1919 ביז דעם 1טן יאַנואַר 1920 איז פאָרגעקומען אין וואַרשע אַ צוזאַמענפאָר פון יידישע ראַט־מענער אין פּוילן, אין וועלכן אויך ביאַלע האָט זיך באַטייליקט. דער צוועק פון דעם צוזאַמענפאָר איז געווען צו פאַראיינהייט־לעכן די יידישע טעטיקייט אין די שטאָטראַטן.

דאָס יאָר 1920 האָט געבערענגט אַ פאַרשטאַרקטע באַטיי־ליקונג פון ביאַלע אין דער צענטראַלער ציוניסטישער אַרבעט אין פּוילן. דורך דעם איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן די אָרטיקע אַרבעט, ווייל טעטיקע חברים זענען אַריבער צו דער אַרבעט אין די ציוניסטישע צענטראַלע אינסטיטוציעס אין וואַרשע.

נאָך פּורים 1920, איז פאָרגעקומען אין שעדלעץ אַ צו־זאַמענפאָר פון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין שעדלעצער קאַנט. די רעפערענטן אויפן דאָזיקן צוזאַמענפאָר זענען געווען פון וואַרשע, איינער פון שעדלעץ און איינער פון ביאַלע. דער רעפעראַט פון ביאַלער חבר איז געווען וועגן סאָציאַלער אַרבעט. די סאָציאַלע אַרבעט אין דעמאָלטיקן פּוילן, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז באַשטאַנען פון די הילפס־קאָמיטעטן פון „דזשאָינט". כמעט אין גאַנץ פּוילן איז די דאָזיקע אַרבעט געלעגן בעיקר אין די הענט פון די אַסימילאַטאָרישע קרייזן אָדער פון דער אָרטאָדאָקסיע. אין ביאַלע איז די דאָזיקע אַרבעט געפירט געוואָרן דורך אַ ברייטן געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט, אין וועלכן ס׳זענען פאַר־טראָטן געווען אַלע פּאַרטייען, פון לינקס ביז רעכטס, אונטער ציוניסטישער אָנפירונג. די אַרבעט איז געפירט געוואָרן מיט אַ קאָנסטרוקטיווער טענדענץ. דאָס איז דעמאָלט געווען אַ מערקווירדיקייט, און דעריבער איז דער רעפעראַט אויפן דערמאָנטן שעדלעצער צוזאַמענפאָר איבערגעגעבן געוואָרן אַ ביאַלער פאַרשטייער. מען האָט געוואָלט וויסן ווי אַזוי די זאַך ווערט געמאַכט.

אין יאָר 1920 איז געקומען דער קריזיס אין דער פּויליש־רוסישער מלחמה. דער פראָנט האָט זיך אַלץ נענטער צוגע־רוקט. דאָס לעבן איז געוואָרן שווערער און שווערער, מענטשן זענען נישט אַרויס פון די הייזער, ווייל מ׳האָט געכאַפּט צו דער אַרבעט. די ציווילע מאַכט האָט פאַרלאָזט די שטאָט און ס׳איז געבליבן די מיליטערישע אָנפירונג. אין די גאָר שווערע טעג איז געגרינדעט געוואָרן אַ פּויליש־יידישע בירגער־מיליץ, אין וועלכער ס׳האָבן זיך באַטייליקט אונדזערע חברים, כדי צו האָבן אַן אויג אויף אַלץ, וואָס קאָן געטאָן ווערן לגבי יידן אין שטאָט, ווייל די מיליץ האָט געהאַט אַ רעכט פריי זיך צו באַוועגן אין שטאָט אויך אין די שעהן, וואָס זענען פאַרווערט געווען פאַר דער ציווילער באַפעלקערונג. צום סוף איז די שטאָט אָקופּירט געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי. די בירגער־מיליץ האָט אויפגעהערט צו עקסיסטירן.

די רוסישע מיליטערישע מאַכט האָט גלייך אָרגאַניזירט דעם „רעוווקאָם" (רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט) און ביסלעכ־וויז אויפגעשטעלט די אָפּטיילונגען פון דער ציווילער אַד־מיניסטראַציע. ביים אָרגאַניזירן די דאָזיקע אַדמיניסטראַציע האָבן די רוסן נישט געזוכט דווקא קיין קאָמוניסטיש־געזינ־טע מיטאַרבעטערס, נייערט אָנגענומען צוערשט יעדן איינעם וואָס האָט זיין מיטאַרבעט פאָרגעלייגט. שפּעטער האָט די מאַכט געזוכט און אויפגעפאָדערט צו מיטאַרבעט יעדן אַדמי־ניסטראַטיוו־פעאיקן מענטש.

אין דער ציוניסטישער גרופּע איז דעמאָלט אָנגעגאַנגען אַ שטאַרקער וויכוח צי מ׳זאָל מיטאַרבעטן אָדער נישט. זיצונ־גען אָנצונעמען אָפיציעלע באַשלוסן וועגן דעם האָט מען נישט געקאָנט אָפּהאַלטן, ווייל אין פאַל ווען אַ נעגאַטיווער באַשלוס זאָל אָנקומען צו דער מאַכט, וואָלט דאָס גלייך געבערענגט צו אַ משפט פאַרן רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל און מאָמענטאַלן טויט־אורטייל פאַר סאַבאָטאַזש. דער וויכוח איז דעריבער געווען אַ שטילער, נישט־דערזאָגטער מיינונג־אויס־

טויש אָן דעציזיע. יעדער איינער האָט דעריבער באַשלאָסן פאַר זיך און איינער האָט דעם צווייטן נישט אָפּגעהאַלטן פון צו טאָן לויט זיין פאַרשטאַנד.

איינמאָל איז דאָך געקומען צו אַ זיצונג אין דער פּראַגע. דאָס איז געווען שבת, אויפן זעקסטן טאָג זינט דאָס רוסישע מיליטער האָט באַזעצט ביאַלע. דעם שבת פּרי איז איינער פון די אָנפירנדיקע חברים איינגעלאַדן געוואָרן אין דער אָפּטיילונג פון קולטור־ און שול־וועזן, וואָס האָט זיך געפונען אין דער געביידע פון דער גימנאַזיע. דער חבר איז אויפגעפאָדערט געוואָרן איבערצונעמען דעם אַמט פון אינספּעקטאָר איבערן יידישן שול־וועזן אין ביאַלער און יאַנעווער פּאָוויאַטן. דער שמועס האָט געדויערט בערך אַ שעה. דער חבר האָט געפּרוווט זיך אַרויסדרייען פון דער אויפפאָדערונג, זאָגנדיק אַז ער איז אַ ציוניסט, און אַז ער קאָן דאָס יידישע שול־וועזן בויען נאָר אויף אַ פּראָגראַם, וואָס זאָל אַנטהאַלטן העברעאיש און תנ"ך. דער ענטפער איז געווען, אַז מ'וועט זיך אין לערן־פּראָגראַם נישט אַריינמישן. ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן, אויפן אָרט איז אויסגעשריבן געוואָרן דעם חבר אַ מאַנדאַט אויפן דערמאָנטן אַמט, ער איז באַשטעלט געוואָרן אויף מאָרגן פּרי, כדי אָפּצוזוכן אַ געהעריקע דירה צום רעקוויזירן פאַר זיין ביוראָ.

דעם שבת נאָכמיטאָג איז צונויפגערופן געוואָרן אַ זיצונג פון אַן ענגערער גרופּע חברים, וואָס איז פאָרגעקומען אין פאָרעם פון באַזוך ביי אַ קראַנקער חברה אַרום איר בעט. אויף דער באַראַטונג איז די פּראַגע צום ערשטן מאָל אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין דער גאַנצער שאַרף. דער רוב איז געווען דערפאַר, אַז מ'דאַרף דעם אַמט איבערנעמען, צוליב דער וויכטיקייט, אַז די יידישע שולן זאָלן בלייבן אין ציוניסטישע הענט. די מינדערהייט, און צווישן זיי דער מאַנדאַטירטער חבר, איז געווען דערפאַר, אַז מ'זאָל אָפּוואַרטן ביז ס'וועט אַנטשיידן ווערן די שלאַכט ביי וואַרשע. אין פאַל ווען וואַרשע וועט פאַלן וועט מען דעמאָלט קאָנען קומען אין קאָנטאַקט מיטן ציוניסטישן צענטראַל־קאָמיטעט.

צומאָרגנס זונטיק, איז דער מאַנדאַטירטער חבר דאָך נישט געגאַנגען וועגן דער רעקוויזיציע פון אַ דירה פאַר דער ביוראָ. אין אָוונט זענען פּלאַקאַטירט געוואָרן מעלדונגען אין שטאָט פון דער רוסישער מאַכט, אַז פאַר סאַבאָטאַזש וועט מען אין פאַרלויף פון 24 שעה געשטעלט ווערן פאַרן רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל. צוליב דעם איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער חבר זאָל מאָנטיק איבערנעמען דעם אַמט. פּלוצעם אָבער איז מאָנטיק געקומען אַן ענדערונג אין דער מיליטערישער לאַגע, און נאָך דעם זעלבן אָוונט האָט דאָס רוסישע מיליטער עוואַקואירט ביאַלע.


דאָס אָפּטרעטן פון רוסישן מיליטער, וואָס איז געשען אַזוי פּלוצעם, האָט געבראַכט דערצו, אַז חברים וואָס האָבן געאַרבעט אין דער רוסישער אַדמיניסטראַציע האָבן געמוזט פאַרלאָזן ביאַלע צוליב מורא פאַר נקמה מצד דער צוריקקערנדיקער פּוילישער מאַכט. די דאָזיקע חברים זענען געלאָפן אויף מזרח. אַ טייל האָט זיך פאַרהאַלטן אויפן וועג, אין אַזעלכע ערטער, ווו מ'האָט זיי נישט געקאָנט און זענען שפּעטער צוריקגעקומען. אַנדערע זענען געלאָפן קיין רוסלאַנד.

דאָס רעאָרגאַניזירן די ציוניסטישע טעטיקייט אין שטאָט נאָך דער באָלשעוויסטישער אינוואַזיע, וואָס האָט גורם געווען צום אָפּפאַל פון אַ טייל טעטיקע חברים, איז צוגעגאַנגען שווער. די פּאָליטישע שטימונג און די פּויליש־יידישע באַציאונגען זענען געווען אָנגעשטרענגטע, וואָס האָט נישט פאַרלייכטערט די געזעלשאַפטלעכע אַרבעט.

נאָך דער באַשטעטיקונג פון דער „באַלפור־דעקלאַראַציע", האָט זיך אָנגעהויבן אַן עליה פון די פּוילישע יידן קיין ארץ־ישראל. די עמיגראַציע־פּאָליטיק פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָט באַגינסטיקט די עליה פון פאַכלייט. אין ביאַלע איז דעמאָלט דורך דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע געגרינדעט געוואָרן אַ סטאָליערײַ־וואַרשטאַט, וואָס האָט זיך געפונען אין הויף פון די פרידמאַנס (גערופן: גן־עדן) אין דער נאַרוטאָוויטש־גאַס. דאָרט אין וואַרשטאַט האָבן אַ צאָל חברים דורכגעמאַכט אַ פאַכלעכע אויסבילדונג און זיך געגרייט צו זייער עליה קיין ארץ־ישראל. מיטן וואַרשטאַט האָט אָנגעפירט אשרל פייגנבוים (משה גלעזערס זון).

בערך אין יאָר 1920, האָבן זיך יחידים גענומען גרייטן צו זייער עליה קיין ארץ־ישראל.

די ערשטע וואָס האָט פאַרלאָזט ביאַלע און אַוועק אויף הכשרה אין דער חלוצישער פירמע גראַכאָוו, ביי וואַרשע, איז געווען פייגע איטע אורמאַכער. זי איז טאַקע שפּעטער געווען פון די ערשטע עולות קיין ארץ־ישראל. ווייטער זענען דעמאָלט פון דער יוגנט עולה געווען: זעליג ראָזנפעלד און פערל ווייזנפעלד. פון די עלטערע — שלמהלע ווייסבערג


Organizacja Sjonistyczna
BIAŁA-PODLASKA
ההסתדרות הציונית
ביאלה-פודלסקה

תעודה מאת ההסתדרות הציונית בביאלה למשה ברוורמן לעליתו לארץ־ישראל בשנת 1924.

אַ תעודה פון דער ביאַלער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פאַר משה בראַווערמאַן צו זיין עולה זיין קיין ארץ־ישראל אין יאָר 1924.

Certificate of the Zionist organization in Biala for Moshe Braverman to his "Aliyah" to Eretz Israel.

(היטלמאַכער), ישעיהו אגרעס, אלתר וויינבערג, שלום ראָגאַלסקי, נח מאַן א״אַ.

ענדע זומער 1922 האָט זיך דערנענטערט דער סוף פון דער קאַדענץ פון פוילישן קאָנסטיטוציע־סיים. מ׳האָט זיך געדאַרפט, אויך אויף דער יידישער גאַס, אָנהויבן גרייטן צו די וואַלן צום נייעם סיים.

קיין ביאַלע איז צונויפגערופן געוואָרן דער ערשטער אין פוילן קרייז־צוזאַמענפאָר פון פאָרשטייער פון גאַנצן וואַלקרייז (4 פאָוויאַטן), פאַר וועלכע די דעפּוטאַטן יצחק גרינבוים, אפאלינארי הארטגלאס און העשל פאַרבשטיין האָבן אָפּגעגעבן באַריכטן וועגן זייער טעטיקייט אין קאָנסטיטוציע־סיים. דער צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען אין אַ זונטיק־טאָג. אינדערפרי איז פאָרגעקומען אַן עפנטלעכער מיטינג אין חיים יאסקע קאשטנבוימס זאַל. נאָכן מיטינג האָבן די דעפּוטאַטן אויפגענומען דעלעגאַציעס פון פאַרשיידענע פאַראיינען און אינסטיטוציעס. נאָכמיטאָג איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ גרויסער ציוניסטישער מיטינג אין בית־המדרש. די גאַסן אויפן וועג צום בית־המדרש זענען געווען געפּאַקט און אַזאַ געדראַנג אין בית־המדרש און אויפן שול־הויף, האָט נאָך ביאַלע נישט געזען. אין אָוונט איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין קייאָווסקעס זאַל די קאָנפערענץ פון די פאָרשטייער פון וואַלקרייז. אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ איז באַשלאָסן געוואָרן וועגן דער קאַנדידאַטן־ליסטע פון ביאַלער וואַלקרייז צום צווייטן סיים. לויטן ביישפּיל פון ביאַלע זענען דערנאָך גערופן געוואָרן ענלעכע צוזאַמענפאָרן אין אַנדערע וואַלקרייזן.

אין 1923 האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויסער וויכוח אין פוילישן ציוניזם, וואָס האָט געבראַנגט צו דער שפּאַלטונג אויף צוויי גרופּירונגען: „על המשמר״ און „עת לבנות״. די „על המשמר״־גרופּע איז אין ביאַלע געווען אין דער מינדערהייט. צום 6טן ציוניסטישן לאַנד־צוזאַמענפאָר האָט ביאַלע געשיקט דעלעגאַטן פון דער „עת לבנות״־גרופּע. די אָנפירנדיקע חברים אין ביאַלע, וואָס האָבן אָנגעהערט צום „על המשמר״, און וואָס האָבן שטענדיק רעפּרעזענטירט ביאַלע אויף די לאַנד־צוזאַמענפאָרן, זענען געווײלט געוואָרן צו אָט דעם צוזאַמענפאָר אין אַנדערע ערטער.

די רעאַקציע וואָס האָט זיך גרופּירט אַרום רב האָט נישט געקאָנט פאַרדייען דאָס פאַרשטאַרקטע ציוניסטישע לעבן אין שטאָט, און זי האָט אַרויסגענומען פון איר באַהעלטעניש דאָס אַלטע כלי־זיין, דעם „חרם״. די סיבה צום חרם איז געווען אַ פראַגמענט פון דיכטער דוד שמעונוביטשעס אַ ליד, וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אויף אַ שערבלאַט פון אַ פּעריאָדישער אויסגאַבע פון השומר־הצעיר אונטערן נאָמען ״אל על״. אָט די אויסגאַבע איז דורך אַ ראַדזינער חסיד צוגעטראָגן געוואָרן דעם רב מיט די „געהעריקע״ פירושים.

דער חרם אויף די ציוניסטן איז מיט דער גאַנצער האַרבקייט אויסגערופן געוואָרן אין בית־המדרש דורכן רב אַליין, ביי אָנגעצונדענע ליכט, שופר־בלאָזן און קללות מיט חרמות. אויפן אָבערגלויבערישן המון־עם, וואָס האָט געגלויבט אין גרויסן כוח פון חרם און אין די קללות פון ביאַלער רב, האָט דאָס אויסרופן פון חרם געמאַכט אַ טיפן איינדרוק.

ס׳האָט זיך געפאָדערט אַ באַלדיקע און נישט פאַרשפעטיקטע תשובה, וואָס זאָל צונישט מאַכן און פולשטענדיק צעשטערן די נאַרישע מורא. און דער ענטפער איז גלייך געקומען. צומאָרגנס איז שוין באַוווסט געוואָרן, אַז די ציוניסטן נעמען אָן דעם קאַמף און וועלן אים פירן גאַנץ פריי און עפנטלעך קעגן דעם רב מיט אַלע זיינע מיטהעלפערס.

פון דעם חרם איז געבוירן געוואָרן די ערשטע צייטונג אין ביאַלע מיטן נאָמען „ביאַלער עכאָ״. אין דער צייטונג איז דער חרם געמאַכט געוואָרן צו שאַנד און צו שפּאָט. אין דער פאָרעם פון אַ שפּיל איז געשילדערט געוואָרן די חרם־סצענע אין בית־המדרש, וואָס האָט געמאַכט דעם עולם זיך קייקלען פון געלעכטער, און דאָס איז דאָך נויטיק געווען.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין שטאָט האָט זיך געגרייט צו קהילה־וואַלן, און כדי צו שאַפן אַ וואַל־פאָנד האָט זי איינגעאָרדנט פאַרשיידענע אונטערנעמונגען. צווישן אַנדערן איז באַשלאָסן געוואָרן אַראָפּצוברענגען אויף אַ קאָנצערט דעם חזן גרשון סיראָטאַ מיט זיין טאָכטער. ווען אַלץ איז שוין אָרגאַניזירט געוואָרן, און אין שטאָט האָבן זיך באַוויזן די פּלאַקאַטן מיט אָנזאָג וועגן סיראָטעס אויפטריט, האָט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע באַקומען אַ טעלעגראַם פון חזן סיראָטאַ, אַז ער קאָן ליידער נישט קומען, ווייל מ׳האָט ביי אים אינטערווענירט אין נאָמען פון ביאַלער רב, אַז ער זאָל רעזיגנירן פון זיין באַזוך אין ביאַלע. די ביאַלער ציוניסטן האָבן נישט געשוויגן, און נאָך שטאַרקע באַמיאונגען האָט מען ביי סיראָטען געפועלט, אַז ער זאָל דאָך קומען קיין ביאַלע.

פּורים 1924 איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ פּורים־באַל אין אַן אָפענעם לאָקאַל. צו דעם באַל איז אָנגעשריבן געוואָרן אַ ספּעציעלע סאַטירע אויפן חרם, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער: „איך בין צו אייך פון רב געשיקט״ (פּאַראָדירט לויט ביאַליקס „דאָס לעצטע וואָרט״). אין באַל־פּראָגראַם, וואָס איז עפנטלעך פּלאַקאַטירט געוואָרן, איז באַצייכנט געוואָרן דאָס לייענען פון דער דאָזיקער סאַטירע. דאָס האָט אַריינגעבראַכט דעם רבס אָנהענגערס אין אַ רוגזה. זיי האָבן געפּרוווט מיט אַלע מיטלען צו ווירקן אַראָפּצונעמען די סאַטירע פון פּראָגראַם, אָבער די ציוניסטן האָבן נישט נאָכגעגעבן און די סאַטירע איז אויפן באַל רעציטירט געוואָרן.

דורך דעם דאָזיקן דרייסטן קאַמף האָט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין ביאַלע אַ תל געמאַכט פון פּרווו צו באַנייען דעם מיטלאַלטער.

נאָכן חרם האָבן די ציוניסטישע קעגנערס אין שטאָט אויסגעאיבט אַ דרוק אויף קלמן שיינבערג, אַז ער זאָל באַזייטיקן דעם „בית־עם״, וואָס האָט זיך געפונען ביי אים אין הויז. פאַרשטייט זיך, אַז קלמן שיינבערג האָט אָנגענומען אַלע שריט כדי פּטור צו ווערן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס ס׳איז אים, ליידער, געלונגען. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט געמוזט פאַרלאָזן דעם פּרעכטיקן גרויסן

לאָקאַל און האָט זיך אַריבערגעצויגן אין דער מעזריטשער גאַס אין הויז פון מענדל גאָלדפאַרב. אין נייעם לאָקאַל האָט זיך אויך געפונען די דעמאָלטיקע שוין רייכע „תרבות”־ביבליאָטעק, און ס׳פלעגן דאָרט איינגעאָרדנט ווערן פאַרשיידענע פאָרלעזונגען.

דערגאַנצונג צו דער אָפּהאַנדלונג פון מ. ברוחל

מיטן אָפּפאָר פון משה רובינשטיין פון ביאַלע, צו ערשט קיין וואַרשע און שפּעטער קיין ארץ־ישראל, איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן די טעטיקייט פון די ביאַלער אַלגעמיינע ציוניסטן. אויך די צעשפּליטערונג אין דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָט, פאַרשטייט זיך, געפונען אַן אָפּקלאַנג אין שטאָט. די ווייטערדיקע ירידה פון דער אָרגאַניזאַציע פון די אַלגעמיינע ציוניסטן אין ביאַלע, איז דעריבער געווען אַ נאַטירלעכע דערשיינונג.

ביזן אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן האָט ביאַלע פאַרמאָגט איין ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, ווו ס׳האָבן זיך גרופּירט אַלע ציוניסטיש־געשטימטע יידן אין שטאָט. דער „מזרחי”, הגם ער האָט עקסיסטירט ווי אַ באַזונדערע־פּאַרטיי, האָט אויסער קולטורעלער טעטיקייט קאָאָפּערירט אין אַלע ענינים מיט



קבוצת ציונים כלליים לעליתו של אשר הופר לארץ־ישראל.

אַ גרופּע אַלגעמיינע ציוניסטן, צום עולה זיין פון אשר האָפּער קיין ארץ־ישראל.

ס׳שטייען פון רעכטס: ישראל גאָלדשטיין, שמואל זוסמאַן, זעליג יאַקובאָווסקי, שמואל אָרלאַנסקי, יוסטינאַ זיידמאַן, יעקב קאָרנבלום, דוד קאַנטאָר, דוד נאָרטמאַן, ברך צעלניקער. ס׳זיצן: משה מאָרגנשטערן, יעקב שטיינמאַן, אשר האָפּער, בנימין קליגער, יעקב אהרן ראָזנבוים, יצחק אַגרעס; דריטע ריי: שמואל וויזנפעלד, הערשל אָרלאַנסקי און חיים מיאָדעק.

A group of General Zionists on occasion of aliya of Asher Hoffer to Eretz-Israel.

דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דער השומר־הצעיר איז דאַן געווען אַ ריין סקויטישע גרופּע און איז געשטאַנען אין רשות פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע בעת אַלע נייטיקע פאַרטיי־אַקציעס. אין אָט דער תקופה הייבן אָן אַנטשטיין אין ביאַלע, — לויטן מוסטער פון אַנדערע שטעט אין פּוילן, פאַרשיידענע ציוניסטישע גרופּירונגען, וואָס אונטערליגן דירעקט זייערע צענטראַלעס אין וואַרשע. נישט נאָר זיי קאָאָפּערירן נישט מיט דער פריערדיקער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין שטאָט,נייערט טרעטן אָפּט אַרויס קעגן איר. פאַרשטייט זיך, אַז די ניי־אַנטשטאַנענע גרופּירונגען ציען אָפּ אַ צאָל חברים פון דער אַמאָליקער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און שליסן כמעט אָפּ דעם צופלוס פון יוגנטלעכע כוחות אין אירע רייען.

אין אָט דער תקופה איז דער השומר־הצעיר פון אַ סקויטן־אָרגאַניזאַציע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ זעלבסשטענדיקער יוגנט־אָרגאַניזאַציע מיט אַן אייגענער פּאָליטישער אָריענטאַציע. ס׳איז אַנטשטאַנען די רעוויזיאָניסטישע פּאַרטיי, וואָס האָט געפירט אַ פאַרביטערטן קאַמף מיט דער אָרטיקער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. ס׳איז אויפגעקומען דער „החלוץ”, וואָס האָט געפירט אַן אַקטיווע טעטיקייט, אַריינציענדיק אין זיינע רייען די אַרבעטנדיקע יוגנט. דער „החלוץ” האָט געשיקט זיינע חברים אויף הכשרה און באַמיט זיך, אַז זיי זאָלן עולה זיין קיין ארץ־ישראל. אין די דרייסיקער יאָרן איז אין שטאָט געגרינדעט געוואָרן אַ סניף פון די רעכטע „פּועלי־ציון”. ס׳איז אויך טעטיק געווען אין ביאַלע אַן אָפּטיילונג פון דער „ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל”.

פאַרשטייט זיך, אַז אָט די דיפערענציאַציע אינערהאַלב דער ציוניסטישער מחנה, האָט זיך גאָר שטאַרק אויסגעווירקט אויף דער פריערדיקער איינהייטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין שטאָט, וועלכע איז איצט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָפּטיילונג פון דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע, אין וועלכער ס׳האָבן ווידער עקסיסטירט די פראַקציעס „א” און „ב”. אין אָט דער אָרגאַניזאַציע זענען געבליבן די חברים פון עלטערן דור, אָן יוגנטלעכע. די שווערע ווירטשאַפטלעכע לאַגע האָט געטאָן אירס, אַריינוואַרפנדיק די חברים אין אַ פולשטענדיקער אַפּאַטיע.

בראש פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין ביאַלע, נאָכן אָפּפאָר פון משה רובינשטיין, זענען געשטאַנען: ישראל גאָלדשטיין, מ. מישקין, בנימין קליגער, אשר האָפּער, יעקב אהרן ראָזנבוים א״אַ. ווי אַ סעקרעטאַר איז אַ סך יאָרן טעטיק געווען חיים מיאָדעק, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין אינטענסיווער אַרבעט. די לעצטע יאָרן האָט זיך

דער לאָקאַל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע געפונען אין טשאַסנעם געסל, אין הויז פון קצב משה גאָלדשטיין.

ס'דאַרף באַמערקט ווערן, אַז ביי דער גאַנצער צעשפּלי־טערונג, וואָס האָט אין די לעצטע יאָרן פאַר דער מלחמה געהערשט אין ביאַלער ציוניסטישן לאַגער, זענען אָבער אַלע ציוניסטישע גרופּירונגען פאַראייניקט געווען אין דער טעטיקייט לטובת דעם קרן קיימת לישראל.

פון „פּאָדלאַסיער לעבן", נומער 29/9, פון 28.7.1933, איז צו זען, אַז בעת די וואַלן צום 18־טן ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס זענען פאָרגעקומען אין שטאָט דעם 23סטן יולי 1933, זענען אָפּגעגעבן געוואָרן 968 שטימען פון 1027 וואַל־באַ־ר'עכטיקטע. די רשימה נומער 1 („על המשמר") — 59 שטי־מען; רשימה נומער 2 („עת לבנות") — 5 שטימען; רשימה נומער 3 („מזרחי") — 132 שטימען; רשימה נומער 4 — 0 שטימען; רשימה נומער 5 (בלאָק פאַרן אַרבעטנדיקן א"י) — 514 שטימען; רשימה נומער 6 (רעוויזיאָניסטן) — 251 שטימען; רשימה נומער 7 — 7 שטימען.

מ. י. פייגנבוים


„השומר־הצעיר"

דער השומר־הצעיר איז געווען פון די ערשטע יוגנטלעכע אָרגאַניזאַציעס אין אונדזער שטאָט. מיר זאָגן פון די ערשטע, ווייל די ערשטע יוגנט־אָרגאַניזאַציע אין שטאָט איז פאַקטיש געווען די „פּרחי־ציון", וועמענס מיטגלידער זענען שפּעטער, נאָכן גרינדן דעם השומר־הצעיר, כמעט אַלע אַריבער אין זיינע רייען.

איידער מיר וועלן דאָ דערציילן די געשיכטע פון השומר־הצעיר, איז כדאי צו ווידמען אַ פּאָר ווערטער זיין פאַרלוי־פערין, די „פּרחי־ציון".

אין יאָר 1918 זענען אין שטאָט שוין געווען אַ צאָל יוגנטלעכע, וואָס האָבן געהאַט געענדיקט די „יבנה"־שול. אָט די יוגנטלעכע וואָס זענען געווען חבריש געבונדן צווישן זיך, האָבן געפילט אַ נויטווענדיקייט זיך אָפטער צוזאַמענצוטרעפן און זיך אויסלעבן קולטורעל. די גרופּע פלעגט זיך צונויפ־טרעפן אין די אָוונט־שעהן און אין די יום־טובים אין דער „יבנה"־שול און דורכפירן דאָרט ליטעראַרישע פאָרלעזונגען און דיסקוסיעס. דעם נאָמען „פּרחי־ציון" פאַר אָט דער גרופּע האָט מען גענומען פון דער וואַרשעווער פּרעסע, און שפּעטער האָט זיך די גרופּע אָנגעשלאָסן אָן דער צענטראַלע פון „פּרחי־ציון" אין וואַרשע.

די גרינדערס פון אָט דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע זענען געווען: אליעזר איידלטוך, זעליג ראזנפעלד, מירטשע בלאנקליידער, חנטשע צינאַמאָן, שלמה צאַרוק, אריה לאָמאַז



הנהגת „פּרחי־ציון"

די אָנפירערשאַפט פון „פּרחי־ציון". פון רעכטס זיצן: שרה קראַ־מאַרזש, אליעזר איידלטוך, אריה לאָמאַז; ס'שטייען: מירטשע בלאַנק־ליידער, זעליג ראַזנפעלד, שלמה צאַרוק און חנטשע צינאַמאָן.

Leadership of "Peerhei Zion"

און שרה קראַמאַרזש. בראש פון דער גרופּע איז געשטאַנען אַ געווײלטער ועד, פון וועלכן דער פּאָרזיצער איז געווען זעליג ראזנפעלד און דער סעקרעטאַר אליעזר איידלטוך. די אָרגאַניזאַציע האָט געציילט בערך 60—70 חברים, וועלכע פלעגן צאָלן אַ חודשלעכן אָפּצאָל.

פון נאָמען פון דער אָרגאַניזאַציע אַליין איז שוין צו דרינגען, אַז זי איז געווען אַ נאַציאָנאַלע און דאָ האָט זיך אויסגעווירקט די השפּעה פון דער „יבנה"־שול, ווו דער רוב האָט באַקומען זיין בילדונג און דערציאונג. מיט דער ערשטער יוגנט־אָרגאַניזאַציע האָבן זיך פאַראינטערעסירט חברים פון דער שטאָטישער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, ווי: משה רובינ־שטיין און חיים בארלאס, וועלכע האָבן איר געהאָלפן אין דער אַרבעט.

פון דער צענטראַלע אין וואַרשע פלעגט די גרופּע באַקו־מען פאַרשיידענע מאַטעריאַלן, וואָס האָבן זיי געגעבן אָנווײ־זונגען ווי אַזוי צו פירן זייער טעטיקייט. מיט דער צייט האָט די אָרגאַניזאַציע פאַרלייגט אַ ביבליאָטעק פון העברעאישע און יידישע ביכער.

מיטן אנטשטיין פון השומר־הצעיר, ווי שוין געזאָגט, האָט די יוגנט־אָרגאַניזאַציע „פּרחי־ציון" אויפגעהערט צו עקסיס־טירן, און כמעט אַלע אירע חברים זענען אַריין אין השומר־הצעיר. אויך די ביבליאָטעק האָט איבערגענומען דער השומר־הצעיר.

אין יאָר 1919 האָט אין פּויליש מיליטער אין ביאַלע געדינט אַ וואַרשעווער יונגערמאַן שלמה יאַנקאָוויאַק, וואָס האָט, ווייזט אויס, אָנגעהערט צו די רייען פון השומר־הצעיר. אָט דער שלמה יאנקאוויאַק איז דאָס געווען דער איניציאַטאָר און גרינדער פון השומר־הצעיר אין ביאַלע. די מיטגרינדערס זענען געווען: אבוש ליבערמאַן, בוטשע פינקלשטיין, זעליג ראזנפעלד, אליעזר איידלטוך, טובה רובינשטיין, חנה צינאַמאָן, אריה לאָמאַז, גיטל ווייסגלאָז און שרה קראַמאַרזש.

דער השומר־הצעיר האָט געטראָגן דעם כאַראַקטער פון אַ סקויטן־אָרגאַניזאַציע, און זיין יוגנט איז דערצויגן געוואָרן אין נאַציאָנאַלן גייסט און אין ליבע צו ארץ־ישראל. די אָרגאַניזאַציע האָט אין אָנהייב געציילט בערך 70 **חברים.** שפּעטער־אַריבער 100. דער רוב פון די חברים האָט זיך

רעקרוטירט פון די געוועזענע תלמידים און תלמידות פון דער „יבנה"־שול. די חברים פלעגן צאָלן אַ חודשלעכן אָפּצאָל לטובת דער אָרגאַניזאַציע.

די יוגנט אין השומר־הצעיר איז געווען פאַרטיילט אין קבוצות, מיט וועלכע ס'האָבן אָנגעפירט ראשי־קבוצות. די קבוצות פלעגן זיך פאַרזאַמלען עטלעכע מאָל אין דער וואָך אויף שמועסן און אויך כדי דורכצופירן גימנאַסטישע איבונגען. יעדן שבת פלעגט זיך צונויפקומען דער גאַנצער גדוד און פלעגט אויסהערן אַ פאַרלעזונג פון ראש־הגדוד אבוש ליבער־מאַן, לערנען זינגען לידער און זיך פאַרווײַלן. זייער אָפט פלעגט אין די שבתדיקע פאַרלעזונגען אנטיילנעמען דער פאַרזיצער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע משה רובינ־שטיין, וועלכער פלעגט געבן פאַרלעזונגען אויף ציוניסטישע און תנכישע טעמעס.


כדי נישט געשטערט צו ווערן פון דער מאַכט אין זײַן טעטיקייט, איז דער השומר לעגאַליזירט געוואָרן ווי אַ קרייז ביי דער געזעלשאַפט „תרבות", וועלכע האָט פאַרמאָגט אַ לאַנד־לעגאַליזאַציע פאַר איר טעטיקייט.

מיט דער פוילישער סקויטן־אָרגאַניזאַציע אין שטאָט זענען אין אָנהייב די באַציאונגען געווען גאַנץ גוטע, און דער השומר־הצעיר פלעגט אַפילו ווערן איינגעלאַדן צו האַלטן אָרדענונג אויף פוילישע פאָלקס־דעמאָנסטראַציעס. שפּעטער זענען אָבער די באַציאונגען פאַרשאַרפט געוואָרן, און די אָנ־פירונג פון די פוילישע סקויטן האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן, אַז די יידישע יוגנט זאָל טראָגן דעם אינטערנאַציאָנאַלן אָפּ־צייכן פון דער סקויטן־באַוועגונג. דער השומר האָט געהאַט אויסצושטיין אַ סך נגישות מצד דעם פוילישן סקויטינג, וואָס האָט געהאַט צו זײַן הילף דעם גאַנצן מלוכה־אַפּאַראַט. אַזוי ווי אין השומר האָבן זיך געפונען אַ סך תלמידים פון די גימנאַזיעס, ווען ס'איז פאַרווערט געווען מצד די גימנאַזיע־לייטונגען אָנצוגעהערן צום השומר־הצעיר, האָבן זיי זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן מיט זייער טעטיקייט פאַר דער עפנטלעכקייט, וואָס איז אָבער נישט שטענדיק געלונגען, ווייל דער שומרישער לאָקאַל האָט זיך גראָד געפונען אין אַ ריין־קריסטלעכער געגנט.

נאָכן פאַלן פון יוסף טרומפּעלדאָר אין תל־חי האָט דער ביאַלער גדוד פון השומר אָנגענומען זײַן נאָמען.

אַ ברייט פאַרמאָסטענע קולטור־טעטיקייט האָט דער השומר־הצעיר געפירט צווישן זײַנע חברים און געגעבן זיי די מעגלעכקייטן אַפילו זיך צו בילדן. ביים השומר זענען געגרינדעט געוואָרן אָוונט־קורסן, וווּ די חברים האָבן זיך געלערנט פאַרשיידענע קענטשאַפטן, ווי: העברעאיש, פויליש, חשבון, נאַטור־וויסן, געאָגראַפיע א"אַ. ביי דער אָרגאַ־ניזאַציע האָבן עקסיסטירט קרייזן פאַר פּאַלעסטינאָגראַפיע און פאַר העברעאישער ליטעראַטור. שפּעטער, ווען די קורסן האָבן אויפגעהערט צו עקסיסטירן פלעגן תלמידים פון גימ־נאַזיע לערנען זייערע חברים, וואָס האָבן נאָר באַגערט דערצו. די ביבליאָטעק איז שטאַרק פאַרגרעסערט געוואָרן אַדאַנק דער אינטענסיווער אַרבעט פון איר אָנפירער חיים ראָזמאַרין. גאַנץ אָפט פלעגט דערשיינען אַ וואַנט־צייטונג, ווי אויך אַ העקטאָגראַפירטע צייטונג אין אַ צאָל עקזעמפּלאַרן, אונטערן נאָמען „מחיינו". אין דער אַ צייטונג זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן פאַרשיידענע מאמרים און לידער אין יידיש, העברע־איש און פויליש. ביים אַרויסגעבן אָט די צייטונג זענען טעטיק געווען די חברים: יהושע האפער, שמואל וויזנפעלד, רויזע יאַקובאָווסקי און לייבל פינקלשטיין, וועלכער פלעגט אויך זאָרגן פאַר דער גראַפישער זייט פון דער צייטונג.

זײַן טעטיקייט פלעגט דער השומר פירן אין פאַרשיידענע



קבוצת „ראובן" של השומר הצעיר.

די קבוצה „ראובן" פון השומר־הצעיר. פון רעכטס שטייען: זעליג ראָזנפעלד, אריה לאָמאַז, בוטשע פינקלשטיין, אליעזר איידלטוך, יוסף נוכאָוויטש; צווייטע ריי: יאַנקאָוויאַק (וואַרשע), גרשון ראָז־מאַרין, משה רובינשטיין (ביידע פון פּאַטראָנאַט), עפלבוים (וואַר־שע), אבוש ליבערמאַן (ראש הג־דוד); דריטע ריי: שרה קראַ־מאַרזש, טויבעלע רובינשטיין, חנ־טשע צינאַמאַן, פערל וויזנפעלד און גיטל ווייסגלאַז.

Kvutza "Reuven" of Hashomer Hatzair.



טיול ל״ג בעומר של השומר הצעיר (לפני ההפלגה מכבר בית הספר העממי).
אַ ל״ג־בעומר־אויספלוג פון השומר־הצעיר (פאַרן אַרויסמאַרש פון פאָלקס־שול־פּלאַץ).
Lag-Baomer excursion of Hashomer Hatzair (before departure from the public school courtyard).

לאָקאַלן, ווי למשל: אין אָנהייב, אין דער פאָלקס־שול אויף דער גראַבאַנאָווער גאַס און נאָך דער שריפה פון דעם בנין אויף דער גראַבאַנאָווער גאַס, איז די אַרבעט פאָרגעזעצט געוואָרן אין נייעם לאָקאַל פון דער פאָלקס־שול ביים רבין אויפן הויף, אין דער מעזריטשער גאַס. זומער־צייט פלעגן זיך די קבוצות פאַרזאַמלען טאַקע דאָרט אויפן רבינס הויף אויף דער פרייער לופט. ווינטער־צייט פלעגט מען מאַכן גימנאַסטישע איבונגען אין „בית־עם", ווו ס'האָבן זיך געפונען די גימנאַסטיק־איינריכטונגען פון מכבי.

דער השומר־הצעיר, וואָס איז געווען אינטערן איינפלוס פון דער ציוניסטישער פאַרטיי־אָנפירונג אין שטאָט, פלעגט דורך דער לעצטער אויסגענוצט ווערן צו פאַרשיידענע פאַרטייאישע אַרבעטן, ווי אַ שטייגער וואַלן, קרן קיימת־טעטיקייט, צו פאַרשפּרייטן דעם שקל אאַ״וו.

דער השומר־הצעיר פלעגט אָפט געבן אין „בית־עם" טעאַטער פאָרשטעלונגען, וואָס זענען אַדורך מיט גרויס דערפאָלג. די ל״ג־בעומר־אויספלוגן פון השומר־הצעיר אין די הינטער שטאָטישע וועלדער זענען יאָר־יערלעך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּרעכטיקע נאַציאָנאַלע פאָלקס־דעמאָנסטראַציעס. די השומר־חברים פלעגן זיך גאַנץ פרי פאַרזאַמלען אויפן רבינס הויף, אַלע געקליידט אין שומרישער כאַקי־קליידונג, איינגעשטעלט קבוצותווייז אין מיליטערישער אָרדענונג. נאָכן אויסהערן אַ קורצע רעדע פון פאָרזיצער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פלעגט דער גדוד, בראש פון מכבי־אָרקעסטער, אַרויסמאַרשירן דורך דער שטאָט אין וואַלד אַריין. פאַרנאַכט ביים אומקערן זיך פון וואַלד אין שטאָט האָט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג אָפגעוואַרט דאָס אָנקומען פון גדוד אין שטאָט אַריין. לאַנגע וואָכן איז די באַפעלקערונג געווען אונטערן איינדרוק פון די ל״ג בעומר־אויספלוגן.

צו אַן איבעררייס אין דער טעטיקייט פון השומר־הצעיר איז געקומען בעת דער באָלשעוויסטישער אינוואַזיע אין יאָר 1920. דער אַרכיוו פון דער אָרגאַניזאַציע איז אויסבאַהאַלטן געוואָרן אויפן בוידעם פון ראובן פעלדמאַן און נאָך עטלעכע וואָכן ווי די רויטע אַרמיי האָט געהאַט פאַרלאָזט די שטאָט, האָט די אָרגאַניזאַציע אָנגעהויבן צוריק איר נאָרמאַלע טעטיקייט.

פאַרשטייט זיך, אַז די רעליגיעזע קרייזן האָבן געקוקט קרום אויפן השומר־הצעיר, אָבער זיי האָבן נישט געהאַט דעם כוח און דרייסטקייט צו שטערן זייערע קינדער אָנצוגעהערן צו אָט דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע. ס'איז זיי אָבער אונטערגעקומען אַ געלעגנהייט זיך צו פאַרמעסטן קעגן דעם השומר־הצעיר. אין די צוואַנציקער יאָרן האָט אַ ראַדזינער חסיד, וועמענס טעכטער האָבן אָנגעהערט צום השומר אַרויפגעטראָגן צום רב אַ שומרישע אויסגאַבע, געשריבן מיט תורה־כתב, און אָנגעוויזן דעם רב אויף אַ ליד פון דיכטער דוד שמעונוביטש, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער „אל תשמע", און דערציילט דעם רב, אַז דאָס פירט דער השומר, רחמנא לצלן, יידישע קינדער צום שמד. ווייזט אויס, אַז ס'זענען געווען נאָך עטלעכע אונטערהעצערס, און דער ביאַלער רב האָט, נישט לאַנג קלערנדיק, אויסגערופן אַ חרם אויף די ציוניסטן צוזאַמען מיטן השומר. אַ חרם מיטן אמתן פאַרנעם, ווי רופן דעם עולם אין בית־המדרש אַריין, ווו ביי אָנגעצונדענע ליכט האָט דער רב אויסגערופן דעם חרם און דער שמש האָט געבלאָזן שופר.

דער חרם האָט אָבער נישט געהאַט דעם געהעריקן דערפאָלג. און אויב די רייען פון דער אָרגאַניזאַציע זענען אָפּגעשוואַכט געוואָרן, האָט דערצו גיכער גורם געווען דאָס

פֿאַרלאָזן די שטאָט פֿון אַקטיווע חברים, און וואָס אַ טייל חברים זענען אַוועק זוכן תּכלית אין לעבן און האָבן מער נישט געהאַט קיין צייט זיך צו ווידמען דער השומר־טעטיקייט.

אין די ערשטע צוואָנציקער יאָרן האָט זיך געענדיקט די ראָמאַנטיש־סקויטישע תּקופֿה פֿון השומר־הצעיר, וואָס דער רוב פֿון זײַנע חברים ביז דאַן, איז באַשטאַנען פֿון שול־יוגנט.

דער עקאָנאָמישער קריזיס אויף דער ײדישער גאַס האָט זיך צו יענער צייט געשטאַרקט, און די ײדישע יוגנט האָט אָנגעהויבן לערנען מלאכה. אויך די שול־יוגנט איז געשטאַנען פֿאַר דער פֿראַגע: פֿאָרזעצן די בילדונג נאָכן ענדיקן די אַלגעמיינע שול, אָדער זיך נעמען צו מלאכה. אַ טייל האָט זיך נישט געקאָנט אַנטשיידן און נישט קיין קליינער טייל איז אַוועק צו פֿיזישער אַרבעט. דער דאָזיקער מצב האָט זיך אָרגאַניזאַציאָנעל אָפּגערופֿן אויפֿן השומר־הצעיר אין זײַן צווייטער תּקופֿה. אין השומר איז צו יענער צייט געקומען מערסטנטייל אַרבעטנדיקע יוגנט, און אפֿילו די שול־יוגנט וועלכע איז דאַן אַרײַן אין השומר איז שוין פּסיכאָלאָגיש געווען גרייט צו לערנען מלאכה. צווישן די נײַע חברים און די פֿריערדיקע איז, ווילנדיק נישט־ווילנדיק, און קעגן דעם ווילן און טענדענץ פֿון די פֿירערס, אַנטשטאַנען אַ מחיצה, צו וועלכער ס'האָט נישט ווייניק גורם געווען דאָס, וואָס די אַרבעטער־יוגנט, איז טיילווייז געווען אָרגאַניזירט אין פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַראיין, וועלכער האָט אויסגעאיבט אַ געוויסן אײַנפֿלוס אויף איר געדאַנקען־גאַנג, און צו דער זעלבער צייט, האָט זיך אויך די שול־יוגנט געטראָפֿן אין קרייזן, וועלכע האָבן אויך אויף איר געהאַט אַ באַשטימטע קעגנזעצלעכן השפּעה.

די הנהגה המקומית האָט מיט פֿאַרשיידענע מיטלען געפּרוּווט אויסגלייכן די קעגנזאַצן און שאַפֿן אַ האַרמאָניש צוזאַמענלעבן צווישן די צוויי טיילן. ס'זענען אָרגאַניזירט געוואָרן קורסן פֿאַר זעלבסט־בילדונג, די חברים נתן ציגעלניק, לאה אָרלאַנסקי א"אַ האָבן אַוועקגעגעבן אַ סך מי, ס'זענען אײַנגעאָרדנט געוואָרן נאָך אונטערנעמונגען, אָבער דאָס לעבן האָט געטאָן זײַנס. די אָנגענומענע מיטלען האָבן נישט געברענגט די געווּנטשענע רעזולטאַטן. פֿראַגן פֿון אַרבעט־און אַרבעטס־באַציאונגען האָבן פֿאַרנומען וואָס מער אָרט אין די דיסקוסיעס אין השומר־הצעיר. די פֿראַגן האָבן אָנגעהויבן צו ווערן געזען אונטער אַ גאַנץ רעאַלן אַספּעקט. אמת, דאָס איז נישט געווען אַ ריין לאָקאַלע, ביאַלער אַנטוויקלונג, נייערט אַן אַלגעמיינע דערשיינונג אין די רייען פֿון השומר־הצעיר אין אַלע שטעט און שטעטלעך.

אין דער צייט האָט זיך אין ארץ־ישׂראל געשאַפֿן די קיבוצישע ראַם פֿון השומר־הצעיר. די הנהגה הראשית האָט געוואָרפֿן די לאָזונג פֿון „הגשמה עצמית". דוד שמעונוביטשעס שיר „אל תשמע בני מוסר אב", איז געוואָרן אַ רוף־וואָרט פֿאַר יעדן יחיד פֿון השומר צו פֿאַרלאָזן דאָס לערנען, די עלטערנס היים, גיין אויף הכשרה, גרייטן זיך צו דער עליה און צו אַ שווער אַרבעטער־לעבן אין ארץ־ישׂראל. דער רוף איז צו האַרב געווען פֿאַר דער שטודירנדיקער יוגנט אין ביאַלע און נאָר אַ קליינער טייל פֿון איר האָט דעם רוף אויפֿגענומען.

דער נײַער קורס פֿון דער הנהגה הראשית האָט צוגעגעבן מוט דער אַרבעטער־יוגנט אין די רייען פֿון השומר־הצעיר אין ביאַלע, און נאָך אַ געראַנגל איז די אָנפֿירונג אַריבער אין אירע הענט, מיט דער באַזייטיקונג פֿון די, וואָס האָבן נישט געקאָנט ווילן פֿאַר זיך דעם וועג פֿון „הגשמה עצמית".



קבוצת השומר־הצעיר.

אַ גרופּע פֿון השומר־הצעיר.

A group of Hashomer Hatzair.

די נייע הנהגה המקומית, וואָס איז באַשטאַנען פון יוגנטלעכע אַרבעטערס, האָט אָנגעהויבן איר אַרבעט אין אַ שווערער צייט. די אַקטיווע חברים זענען אַרויס אויף הכשרה, און מיט באַגרענעצטע כוחות, אײנזאַם צווישן רעכטס (רעוויזיאָניסטן, ציונים כלליים און מזרחי) און לינקס („בונד" און קאָמוניסטן) האָט מען געמוזט פירן די אַרבעט און געפינען אַ שטעג פאַר דעם נייעם זיך אויסקריסטאַליזירנדיקן סאָציאַלן געדאַנק. פון דער הנהגה הראשית זענען געשיקט געוואָרן צו הילף, אין אָנהייב משה פלאָטניקאָוו, נאָך אים יצחק לערער, און נאָך זיין עולה זיין קיין ארץ־ישראל — משה סמאָליאַר. ס'איז געלונגען אײנצוהאַלטן די דערגרייכונגען, ווי דאָס בכבודיקע אָרט אין דער אַרבעט לטובת דעם קרן קיימת און אין דער „תרבות"־ביבליאָטעק.

אין אָט האָט זיך אָנגעהויבן די דריטע תקופה אין דער עקסיסטענץ פון השומר־הצעיר, ווען ס'האָט זיך גענומען אָנצייכענען דער פּאָליטישער וועג פון דער באַוועגונג. חברים וואָס האָבן נישט געקאָנט, אָדער נישט געוואָלט זיך צופּאַסן צו די פּאָליטישע ריכטליניעס זענען אָפּגעפאַלן פון די שומרישע רייען. געווען פאַלן, ווען חברים האָבן נישט געפונען זייער וועג אין דער פּאַרטיי און זענען אַוועק צו די קאָמוניסטן און לינקע פועלי־ציון, אָדער אינגאַנצן פאַרלאָזט דאָס פאַרטייאישע לעבן. די איבערגעבליבענע האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ יוגנט פון „מגשימים" (פאַרווירקלעכער).

אין ביאַלע, ווו אויסער דעם השומר־הצעיר האָט נישט עקסיסטירט קיין אַנדער יוגנט־אָרגאַניזאַציע פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל־לאַגער, איז די איניציאַטיוו פון גרינדן דעם „החלוץ" ביי אונדז, אויסגעפאַלן אויפן השומר אַליין. די הנהגה המקומית האָט באַשלאָסן אָרגאַניזירן אַ „החלוץ"־אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער ס'זאָל אַרייַנגעצויגן ווערן די יוגנט, וואָס סימפּאַטיזירט מיט דעם וועג פון דער באַוועגונג און וועלכע קאָן שוין, צוליב איר עלטער, נישט אַרייַנגענומען ווערן אין השומר, ווי אַ יוגנט־דערציאונגס־אָרגאַניזאַציע. אַזוי איז געשאַפן געוואָרן דער „החלוץ", וועלכער האָט זיך רעקרוטירט פון שומרים און פון יוגנטלעכע, וואָס האָבן נישט אָנגעהערט צו קיין אַנדערער אָרגאַניזאַציע.

דער „החלוץ" האָט זיך שיין אַנטוויקלט, אַ גרויסע צאָל חברים איז אַרויס אויף הכשרה, זיך איינגעאָרדנט ביי אַרבעט, עולה געווען און געפינען זיך ביי היינטיקן טאָג אין ישראל.

דער השומר האָט אויך געגרינדעט די ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל, צוציענדיק סימפּאַטיקערס פאַר דער זאַך אין שטאָט. אַלע „החלוץ"־חברים זענען אויטאָמאַטיש געווען מיטגלידער פון דער ליגע. אויף אַזאַ אופן איז געשאַפן געוואָרן דער אַרבעטער־פליגל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע ביי אונדז אין שטאָט.

דער השומר האָט אויך מיטגעהאָלפן באַנייען די עקסיסטענץ פון דער רעכטער פועלי־ציון־פּאַרטיי, און מיטגע־געווירקט ביים אָרגאַניזירן דעם „העובד" ביי אָט דער פּאַרטיי.



קבוצה של השומר הצעיר.
אַ קבוצה פון השומר־הצעיר.
Kvutza of Hashomer Hatzair

דאָס אַלץ איז דורכן השומר־הצעיר געטאָן געוואָרן, כדי צו קריגן שותפים און פאַרשטאַרקן דעם ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן איינפלוס אין שטאָט, וואָס אויסנאַמסווייז איז ער אין ביאַלע פאַרטראָטן געווען נאָר דורך דער יוגנט פון השומר־הצעיר אַליין.

מיטן אַרויספאָר פון די אַקטיווסטע חברים אויף „הגשמה" האָבן די אַנדערע, וואָס זענען געבליבן אויפן אָרט פאַרטראָטן



קבוצת החלוץ וחברים מספר של השומר־הצעיר.

אַ גרופּע פון „החלוץ" מיט חברים פון השומר־הצעיר.
פון רעכטס שטייען: חנה גרינבערג, שרה גיטלמאַן, רבקה פייגנבוים, איטקע פלאַט, חיים ליוועראַנט, לייבל פייגנבוים, בלומע ראָזנבלום, פאַניע צעלניקער, אשר גרינבלאַט, רחל ליסטגאַרטן, מוליע אורמאַכער; ס'זיצן: יעקב געלבורד, פייגע צוקערמאַן, יעקב גליקסבערג, בלומע אַדלערשטיין, יצחק לערער, לאה שניימאַן; פאָרנט זיצן: אהרן מיאָדעק, ישעיהו סטאָלאָווי, שלום קניזשניק, הערשל איידלמאַן.

Hachalutz group and several Hashomer Hatzair members.

זייער פלאַץ און דערפילט די אויפגאַבן, וואָס זענען אויף זיי אַרויפגעלייגט געוואָרן.



קבוצת חברי הליגה של ארץ־ישראל העובדת.

אַ גרופּע פון דער ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל.
פון רעכטס — שטייען: שלמה האָכבערג, יורבערג, רבקה גראָדנער, ווייטערדיקע צוויי — נעמען אומבאַקאַנט, שלום קניזשניק, אברהם נוכאָוויטש, לאה נוכאָוויטש, אַראָנסקי (העברעאישער לערער); זיצן: יוסף גרינשטיין, יצחק (אייזיק) שיין, אַ שליח, אליעזר איידלטוך, הערשל נוכאָוויטש, מאָסקאַל.

A group of members of the "League for Labour Eretz Israel"

אָט די תקופה האָט אַזוי אָנגעהאַלטן ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען אַ סך חברים זענען אַוועק קיין רוסלאַנד.

פון די טעטיקע חברים, וואָס האָבן געשמאַכט אין דעם היטלער־גיהנום, איז כמעט קיינער נישט געבליבןביים לעבן. אפילו אין די שווערסטע טעג אונטער דעם גרויזאַמען רעזשים, האָט די שומרישע יוגנט, און צווישן איר אויך שומרים פון צווישן די היימלאָזע, וואָס זענען דורך די דייטשן אַריינגעטריבן געוואָרן קיין ביאַלע, פאָרגעזעצט די שומרישע טעטיקייט.

דער העלדישער טויט פון דער חברה גאָדיע שטיינמאַן איז דער שטאַרקסטער באַווייז פון שומרישער טרייקייט. גאָדיע שטיינמאַן איז געווען די פאָרשטייערין פון דער אומלעגאַלער הנהגה הראשית. זי האָט זיך פאַרנומען מיט דער אונטערגרונט־טעטיקייט, צו וועלכער ס'האָבן געהערט נאָך חברים. אכזריותדיקע פייניקונגען איז די צאַרטע גאָדיע שטיינמאַן אויסגעשטאַנען אין די קעלערן פון דער ביאַלער געסטאַפּאָ, וועלכע האָט פאַר יעדן פרייז געוואָלט פון איר אַרויסבאַקומען פרטים וועגן איר טעטיקייט און וועגן אירע שותפים, אָבער זי האָט זיך געהאַלטן שטאָלץ און מוטיק, איבערגעטראָגן אַלע פייניקונגען, און אירע פייניקערס האָבן זיך פון איר גאָרנישט דערוווסט.

אויפגענומען פון א. איידלטוך, י. עופר און א. גרינבלאַט.

יעקב בארנשטיין תל־אביב / די רעוויזיאָניסטישע אָרגאַניזאַציע

ס׳איז שווער נאָך אַן איבעררייס פון יאָרן צו שרייבן איבער דער תקופה פון דער רעוויזיאָניסטישער אָרגאַניזאַציע אין ביאַלע. נישט האָבנדיק די נייטיקע דאָקומענטן און מקורות, וועל איך, ווי ווייט מעגלעך, זיך שטיצן אויף דערינערונגען.

סוף 1926 איז אַ גרופע יוגנטלעכע אין די רייען פון די אַלגעמיינע ציוניסטן פאַרכאַפּט געוואָרן פון די אידעען און לאָזונגען, וואָס זענען פּראָפּאַגירט געוואָרן פון די „ציוניסטן־אַקטיוויסטן" מיט זאב זשאַבאָטינסקי ז״ל בראש. מיר יוגנטלעכע האָבן דעמאָלט געפאָדערט באַלדיקע ענדערונגען וואַרשע, וועלכער האָט דעם אורטייל מבטל געמאַכט און אַלע פאַרמשפּטע רעהאַביליטירט.

נישט געקוקט אָבער אויף דער רעהאַביליטאַציע איז די אומצופרידנקייט ביי אונדז כסדר געוואָקסן, ביז ס׳איז אין אָנהייב 1927 געגרינדעט געוואָרן די ערשטע ציוניסטיש־רעוויזיאָניסטישע גרופּע אין ביאַלע.

ווי ווייט איך דערינער זיך איז דער ערשטער ועד פון דער ביאַלער רעוויזיאָניסטישער אָרגאַניזאַציע באַשטאַנען פון פאָלגנדיקע חברים: יעקב כהן, איזאַק גאָלדבערג, אַברהם ראָטנבערג, לייב ביאַלער, משה לייבזאָן און דער שרייבער פון די שורות.



קבוצת רביזיוניסטים

אַ גרופּע רעוויזיאָניסטן

פון רעכטס — ביי דער פאָן: הע־ניע צעפּעלינסקי, רחל ראָזנבלום; ס׳שטייען: טעפּערמאַן, שרה שוואַרצבערג, פראַניע אַגרעס, רב־קה טייטלבוים, סלוועע הערשבערג, חיה ווייסמאַן, נאָמען אומבאַ־קאַנט, איטא גפן, רבקה בעלמאַן, לייבל ביאַלער, רחל ווייסמאַן, יוסף זעלמאַנאָוויטש, טשיפּע ז״ק, שמחה גרינבערג; ס׳זיצן: אליהו לער־נער, יעקב גאָלדפאַרב, גאָלדע דאַ־ווידזאָן, קריידשטיין, יעקב באָרנ־שטיין, יעקב כהן, ישראל לעבנ־בערג, חנה שניימאַן, פישל לע־בנבערג, סרעברניק; ס׳קניען: מאַיע קראַמאַרזש, חיה אורמאַכער, צירל שיינבוים; פון פאָרנט: שרה רובינשטיין, פייגע וויינשטיין.

A Revizionist group

אין דער טעטיקייט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דאָס האָט פאַרשטענדלעך, געבראַכט צו כסדרדיקע קאָנפליקטן מיטן אָרטיקן ציוניסטישן ועד. און, ווי אַ פועל־יוצא, זענען מיר, אַ גרופּע פון פינף יוגנטלעכע חברים, געשטעלט געוואָרן פאַר אַ פּאַרטיי־געריכט. דער משפּט האָט זיך אין יענער צייט געצויגן עטלעכע וואָכן און געהאַט אַ שטורמישן פאַרלויף. ווי איך דערמאָן זיך האָט דעם פאָרזיץ פון געריכט געפירט דער חבר בנימין קליגער, בייזיצערס זענען געווען די חברים יעקב אהרן ראָזנבוים און אשר האָפּער, ווי אַ באַשולדיקער איז אַרויסגעטראָטן דער חבר ישראל גאָלדשטיין. די פאַרטיידי־קונג האָבן מיר אַליין געפירט. לויטן געריכטס־פּסק זענען מיר באַזייטיקט געוואָרן פון יעדער ציוניסטישער טעטיקייט אין ביאַלע אויף אַנדערהאַלבן יאָר. די פאַראורטיילטע זענען געווען: לייבל ביאַלער, משה לייבזאָן, יעקב כהן, חיים מיאָ־דעק און יעקב באָרנשטיין. מיר האָבן דעמאָלט אַפּעלירט צום פאַרטיי־געריכט ביים ציוניסטישן צענטראַל־קאָמיטעט אין

מיט 2—3 יאָר שפּעטער האָט שוין דער רעוויזיאָניזם אין ביאַלע געהאַט געשלאָגן טיפע וואָרצלען. ס׳זענען צוגעקו־מען אַ סך נייע מענטשן פון אַלע שיכטן, דער בית״ר און ברית הצה״ר זענען געווען אין יענער צייט די פּאָפּולערסטע אָרגאַניזאַציעס אין שטאָט. יעדער רעוויזיאָניסטישער אַרויסטריט אָדער אונטערנעמונג איז געווען אין ביאַלע אַ גרויס געשע־עניש און האָט זיך תמיד אויסגעצייכנט מיט דערפאָלג און אָנערקענונג. חול־המועד פּסח 1932 איז אָרגאַניזירט געוואָרן לטובת דעם קרן קיימת אַן אויסשטעלונגס־באַזאַר אין זאַל פון קינאָ „מיראַזש". דאָס איז געווען אַ פאַרמעסט פון אַלע ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס אין יענער צייט. אין אָט דעם באַזאַר האָט דער בית״ר גענומען אַ קאָנטיקן אָנטייל און באַקומען עטלעכע אויסצייכענונגען פאַר די קינסטלעך־אויס־געפאַרטיקטע עקספּאָנאַטן.

די קולטור־און ספּאָרט־טעטיקייט פון בית״ר איז באַשטאַ־נען פון קורסן פאַר העברעאיש, יידישע געשיכטע, געזאַנג

און וואָר־ספּאָרט. די פּאָפּולערסטע לעקטאָרן און רעפערענטן פון דער צענטראַלע פלעגן אָפט באַזוכן די שטאָט, און האָבן תמיד געהאַט דעם גרעסטן דערפאָלג. ס'איז ווערט צו דערמאָנען, אַז צווישן אַנדערע האָבן ביאַלע באַזוכט: אבא־אחי־מאיר, ד"ר וואָלפגאַנג פאָן ווייזל, אהרן פּראָפּעס און מנחם בעגין. דער בית"ר האָט יאָר־יערלעך איינגעאָרדנט זומער־קאָלאָניעס פאַר די יוגנטלעכע שכבות, און געשיקט די עלטערע ביתרים און ביתרות אין מחנות פאַר פאַכלעכער און מיליטערישער אויסבילדונג.

אַן אומפאַרגעסלעכן רושם האָט איבערגעלאָזט דער כינוס פון ביתר" אין ביאַלע אין יאָר 1934. ס'זענען צו יענער צייט געפייערט געוואָרן די זיבן־יעריקע עקסיסטענץ פון ברית הצה"ר אין די פינף־יעריקע עקסיסטענץ פון בית"ר, מיט דער באַטייליקונג פון מנחם בעגין. ביים דעם כינוס האָט דער ביאַלער בית"ר־קן באַקומען זיין פאָן.

צווישן די גרויסע אַקציעס וואָס די רעוויזיאָניסטישע פּאַרטיי האָט דורכגעפירט אין שטאָט, איז געווען די פּעטיציע־אַקציע, וועלכע איז געווען פאַרבונדן מיטן עוואַקואַציע־פּלאַן פון די פוילישע יידן. נישט געקוקט אויף דער קעגנערשאַפט און חרם מצד די לינקע קרייזן האָט דער גרעסטער טייל פון דער ביאַלער באַפעלקערונג געחתמעט אויף דער פּעטיציע.

איך וויל דערביי דערמאָנען עטלעכע חברים וואָס האָבן געווירקט אין ציוניסטיש־רעוויזיאָניסטישן לעבן אין ביאַלע אין פאַרשיידענע צייט־אָפּשניטן.

מגר. ברוך (באָלעק) האָפּער איז געווען אַ ביישפּיל פון אַ טרייען חבר. ווי אַ געוועזענער אָפיציר אין דער פוילישער אַרמיי האָט ער אויסגענוצט זיינע קענטעניסן אויפן מיליטערישן געביט, כדי צו געבן די חברים פון בית"ר אַ מיליטערישע אויסבילדונג. עטלעכע יאָר איז ער געשטאַנען בראש פון רעזערוויסטן־פאַרבאַנד „ברית החיל", פון וועלכן ער איז אויך געווען דער גרינדער.

לייב ביאַלער איז אין משך פון 5—6 יאָר געווען דער מזכיר פון דער פּאַרטיי. מיט זיין איניציאַטיוו פלעגן דורכגעפירט ווערן די וויכטיקסטע אַקציעס אין שטאָט.

שמואל גליקסבערג און סענדער קליגבערג, די שפּעטערדיקע מפקדים פון בית"ר, האָבן מיט זייער ענטוזיאַזם און שטאַרקן גלויבן געהאָלפן איינפלאַנצן דעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין ביי דער ביאַלער יוגנט.

אַקטיוו אין ברית הצה"ר און אין בית"ר אין ביאַלע, אין פאַרשיידענע תקופות, זענען געווען: יואל שאַפּירא, שמואל שוואַרץ, איטאַ גפן, אלי גאָלדשטיין, חיים זילבערבערג, שרה שוואַרצבערג, הינך ביאַלער, שלום פייגנבוים און בלומע קאַליכשטיין. די אַלע דערמאָנטע זענען אומגעבראַכט געוואָרן בעת דער דייטשער אָקופּאַציע.

דער „מזרחי"

די אַנטשטייאונג פון דער מזרחי־אָרגאַניזאַציע אין ביאַלע דאַטירט זיך פון יאָר 1916. ביז דאַן איז דאָס פּראָבלעם פון אַ באַזונדערער מזרחי־אָרגאַניזאַציע בכלל נישט אַקטועל געווען. די רעליגיעזע יידן וואָס האָבן סימפּאַטיזירט מיטן ציון־געדאַנק האָבן אָנגעהערט צו דער שטאָטישער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דער ערשטער דיסאַנאַנס צווישן די רעליגיעזע און פרייע ציוניסטן איז אַנטשטאַנען אין לאָקאַל פון „בית־עם", אין הויז פון מאיר קאַרמאַן, ווו ס'האָבן זיך געגומען מערקן די ערשטע סימנים פון חילול שבת. די חברים יהושע פישער, יהושע ברוך ראַבינאָוויטש, משה בראַוערמאַן א"אַ, זעענדיק, אַז זייערע פּראָטעסטן ווירקן נישט, האָבן זיי פאַרלאָזט די שטאָטישע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און געגרינדעט דעם „מזרחי".

אַזוי ווי די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט פאַרלאָזט די דירה ביי מאיר קאַרמאַן און ס'האָט זי איבערגענומען אשר בלומענקראַנץ, האָט ער דעם גרעסטן טייל פון דער דירה געשטעלט אין רשות פון מזרחי. אין אַ יאָר שפּעטער, אַז דער לאָקאַל איז צו ענג געוואָרן פאַר דער פּאַרטיי, האָט מען זיך אַריבערגעטראָגן אין אַ דריי־צימערדיקן לאָקאַל ביי מאָטל מינץ אין הויז, אויף דער יאַנעווער גאַס.

דער ועד פון דער פּאַרטיי איז דעמאָלט באַשטאַנען פון פאָלגנדיקע חברים: משה בראַווערמאַן — יושב־ראש, יהושע פישער, משה פרישטיק, יצחק האָכבערג, בערל זשעלאַזאָ, משה באַנקהאָלטער א"אַ.

ס'איז אָנגעקניפּט געוואָרן אַ שטענדיקער קאָנטאַקט מיט דער מזרחי־צענטראַלע אין וואַרשע, פון וואַנען מ'פלעגט באַקומען דירעקטיוון ווי אַזוי צו פירן די פּאַרטיי־טעטיקייט. די עיקר־אַרבעט איז באַשטאַנען אין אַריינציען אין די מזרחי־רייען די רעליגיעזע יוגנט אין שטאָט און איינפלאַנצן דעם ציון־געדאַנק ביי די שטאָטישע יידן, וואָס זענען ביז דאַן געשטאַנען ווייט פון דער ציוניסטישער מחנה. אַלגעמיינע ציוניסטישע אַרבעטן, ווי: קרן קיימת, קרן־היסוד, וואַלן צום סיים און שטאָטראַט זענען געפירט געוואָרן געמיינזאַם מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

די מזרחי־חברים פלעגן זיך אָפט פאַרזאַמלען אין פּאַרטיי־לאָקאַל, ווו ס'איז געפירט געוואָרן אַ קולטור־אַרבעט, ווי: העברעאישע אָוונט־קורסן, אָנגעפירט פון לערער יעקב שטיינמאַן, פאָרלעזונגען און שמועסן אויף ציוניסטישע און ארץ־ישראל־טעמעס. אַ נייעס איז געווען פאַר די שטאָטישע יידן צו הערן העברעאישע לידער געזונגען פון די חברים, וואָס זענען בעצם געווען ערנסטע רעליגיעזע יידן.

גרויס אויפמונטערונג אין די ביאַלער מזרחי־רייען האָט אַריינגעבראַכט דער באַזוך אין שטאָט פון מזרחי־פאָרזיצער אין פוילן, דעפּוטאַט העשל פאַרבשטיין. דאָס איז געווען אין יאָר 1922, ערב די וואַלן צום ערשטן סיים. קיין ביאַלע זענען דעמאָלט וועגן דעם ענין אַראָפּגעקומען אויף אַ ראַיאָן־קאָנפערענץ אויך די דעפּוטאַטן יצחק גרינבוים און אַפּאָלינאַרי האַרטגלאַס. אָט דער באַזוך פון די ציוניסטישע מנהיגים איז



קבוצת חברי מזרחי לעליתם של
יהושע פישר ומשה ברוורמן
בשנת 1924.

אַ גרופּע מזרחיסטן צו דער עליה
פון יהושע פישער און משה בראַ־
ווערמאַן קיין ארץ־ישראל, אין
יאָר 1924.

פון רעכטס שטייען: נאָמען אומ־
באַקאַנט, גדליהו קראַמאַרזש, משה
לעווי, בעריש ליבמאַן, ראָטנבערג,
יעקב נירנבערג; ס׳זיצן: יצחק
האָכבערג, אשר האָפּער, משה בראַ־
ווערמאַן, יהושע פישער, משה פּריש־
טיק, אברהם בראַנדווײנמאַן; פון
פאָרנט: מאָטל האָפּער, משה באַנק־
האַלטער, יעקב קראַמאַרזש, דוד
אורבאַך, שמואל קאָלטאַן, מנחם
גאָלדזאַק, מאָטל האָכבערג.

A group of members of the
Mizrachi on the occasion of
the aliya of Yehoshua Fisher
and Moshe Braverman.

דעמאָלט געווען אַ יום־טוב־טאָג פאַר דער ביאַלער יידישער
באַפעלקערונג. פאַרבשטיינס אַרויסטריט אין בית־המדרש האָט
איבערגעלאָזן אַ שטאַרקן רושם אויף די רעליגיעזע צוהע־
רערס און דורך דעם זענען געשטאַרקט געוואָרן די רייען פון
מזרחי אין שטאָט.

אין שייכות מיט אָט דעם באַזוך פון דעפּוטאַט העשל
פאַרבשטיין אין ביאַלע, דערמאָנט זיך אַ כאַראַקטעריסטישער
עפּיזאָד. די דעפּוטאַטן זענען איינגעשטאַנען ביי יצחק פּי־
זשיץ. אַזוי ווי ס׳זענען דעמאָלט געווען די ניין־טעג, האָט
פאַרבשטיין זיך אָפּגעזאָגט צו עסן פליישיקס. גרינבוים און
האַרטגלאַס האָבן זיך מיט אים סאָלידאַריזירט. מ׳האָט דע־
ריבער געברענגט צו פירן צו יצחק פּיזשיץ יקיר כהן צדקס זון,
וועלכער האָט נאָר־וואָס געהאַט געמאַכט אַ סיום אויף אַ
מסכת. פאַרבשטיין האָט זיך אַוועקגעזעצט לערנען מיטן יונגנ־
מאַן, און נאָכן סיום איז געפּראַוועט געוואָרן אַ סעודת־מצווה,
אויף וועלכער ס׳איז דערלויבט צו עסן פליישיקס.

נאָכן אָפּפאָר פון די חברים יהושע פישער און משה בראַ־
ווערמאַן קיין ארץ־ישראל, איז אַריינגעטראָטן אַ שטילשטאַנד
אין דער טעטיקייט פון דער אָרגאַניזאַציע. אין אַ צייט אַרום
איז אַנטשטאַנען אַ קאָמיטעט פון די חברים: ישראל פינקל־
שטיין, משה לעווי, יעקב דוד רובינשטיין, לייבל מיגדאַל, בערל
זשעלאַזאָ, אברהם בראַנדווײנמאַן א״אַ, וועלכער האָט גענומען
צוריק באַנייען די טעטיקייט פון דער פּאַרטיי אין שטאָט.
ס׳זענען ווערבירט געוואָרן נייע חברים און ס׳איז גערופן
געוואָרן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג. די חברים פון קאָמיטעט
זענען אויף דער פאַרזאַמלונג אויסגעוויילט געוואָרן ווי דער
ועד פון דער פּאַרטיי. דער לאָקאַל פון דער אָרגאַניזאַציע האָט
זיך געפונען אין דער דירה פון בערל זשעלאַזאָ, אויף דער
יאַנעווער גאַס. ס׳פלעגן דורכגעפירט ווערן קולטורעלע פאַראַנ־
שטאַלטונגען, און ראשית כל זענען אָרגאַניזירט געוואָרן העב־
רעאישע אָוונט־קורסן. פון צייט צו צייט פלעגט אַראָפּקומען
קיין ביאַלע אברהם זשיטאָ פון לוקאָוו, אַן אָנערקענטע פּער־
זענלעכקייט אין דער מזרחי־פּאַרטיי. ער פלעגט מיט גרויס
התלהבות רעפערירן וועגן דער מזרחי־באַוועגונג.

אין יאָר 1925 האָט דער ועד אַראָפּגעבראַכט פון וואַר־
שעווער מרכז קיין ביאַלע דעם מזרחי־מנהיג שמואל לאנדוי
ז״ל. די „אגודת ישראל" האָט געמאַכט באַמיאונגען צו שטערן
זיין רעפעראַט אין בית־המדרש, אָבער ס׳איז איר נישט גע־
לונגען. די אויספירונגען פון שמואל לאנדוי האָבן שטאַרק
באַווירקט דעם פאַרזאַמלטן עולם אין בית־המדרש. אויף אַ
זיצונג פון ועד מיט שמואל לאנדוי איז באַשלאָסן געוואָרן צו
גרינדן אין שטאָט אַ לאַנדווירטשאַפטלעכע פערמע פאַר מזרחי־
חברים, ווו זיי זאָלן קאָנען דורכמאַכן אַ געהעריקע הכשרה
פאַר זייער עולה זיין קיין ארץ־ישראל. שמואל לאנדוי מיט
עטלעכע חברים זענען אַוועק צו יצחק פּיזשיץ און אים גע־
בעטן, אַז ער זאָל שטעלן אין רשות פון מזרחי דעם גרויסן
ערד־שטח, וואָס האָט זיך געפונען הינטער זיין טאַרטאַק אויף
דער וואָליע. יצחק פּיזשיץ האָט מסכים געווען און מיט דער
פינאַנציעלער מיטהילף פון מזרחי־מרכז אין וואַרשע, איז
געגרינדעט געוואָרן אָט די לאַנדווירטשפטלעכע פערמע.

אין דער פערמע פלעגן זיך סטאַביל געפינען בערך 50
חברים און חברות, וואָס פלעגן באַקומען אַ לאַנדווירטשאַפט־
לעכע אויסבילדונג פון אַן אַנגאַזשירטן צו דעם צוועק אַג־
ראָנאָם. מ׳האָט אויך געלייגט גרויס געוויכט אויף דער קול־
טורעלער טעטיקייט צווישן די פערמע־חברים. שבת פלעגן
שטאָטישע יידן זיך אַוועקלאָזן צו דער פערמע, כאַפּן אַ בליק
אויף אַ פעלד, וואָס איז שיין באַאַרבעט געוואָרן דורך רע־
ליגיעזע בחורים און בחורות. נאָכן דורכמאַכן אַ יאָר הכשרה
אין אָט דער פערמע זענען אַ סך חברים עולה געווען קיין

ארץ־ישראל. די פערמע האָט געשטאַרקט דעם אָנזען פון מזרחי אין שטאָט.

מיטן אויפשטעלן אויף דער וואָליע, בשכנות פון דער פערמע, די אַראָפּלאַנען־פאַבריק, איז די פערמע ליקווידירט געוואָרן, ווייל דער באָדן איז אויסגעקויפט געוואָרן פון די יידישע הענט.

דער באַזוך פון מטיף הרב יצחק דינעס, וואָס איז גע־קומען קיין ביאַלע אין די ענינים פון קרן היסוד, איז אויס־גענוצט געוואָרן דורך דער מזרחי־אָרגאַניזאַציע אין שטאָט לטובת איר טעטיקייט. זיין אַרויסטריט אין שול האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויפן גרויסן המון צוהערערס. ס׳זענען איינגעאָרדנט געוואָרן מסיבות אין די דירות פון די חברים ישראל פינקלשטיין און משה יצחק בידערמאַן, בעת וועלכע הרב דינעס האָט זייער שיין געזונגען ציון־לידער.

אין יאָר 1927 האָט דער סניף געציילט בערך 70 חברים. ס׳איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ גמרא־שיעור פאַר די חברים, וועלכן ס׳פלעגט לערנען דער מלמד בנימין הערש איידלמאַן, וואָס פלעגט אויך לערנען מיטן עולם אין בית־המדרש. נאָך אַ קורצער צייט אָבער, האָט דער מלמד אויפגעהערט קומען. די חברים האָבן זיך דערוווּסט, אַז דאָס האָט די „אגודת־ישראל״ געפועלט ביים רב, אַז ער זאָל פאַרווערן דעם מלמד צו לערנען מיט די מזרחי־חברים. עטלעכע חברים זענען אַוועק צום רב מיט אַ טענה: — מיר ווילן לערנען תורה. — ס׳האָט אָבער גאַרנישט געהאָלפן. די תשובה פון רב איז געווען: — איר ווילט לערנען תורה? גייט אין בית־המדרש אַריין לערנען. — די מזרחי־חברים האָבן זיך אָבער פאַרעקשנט און פאַר־גרעסערט דעם קרייז פון גמרא־לערנערס און דעם שיעור פלעגט געבן בערל זשעלאַזאָ.

די טעטיקייט פון מזרחי אין ביאַלע האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ כסדרדיקן קאַמף מצד דער „אגודת־ישראל״, וועלכע האָט געהאַט די אונטערשטיצונג פון רב. נישט געקוקט אָבער אויף דעם איז די צאָל דעקלאַרירטע חברים געוואַקסן, און אין יאָר 1927/8 האָט די צאָל דערגרייכט ביז אַכציק. דער וועד פון דער פאַרטיי איז דעמאָלט באַשטאַנען פון: ישראל פינקל־שטיין, בערל זשעלאַזאָ, אברהם בראַנדוויינמאַן, לייבל מיגדאַל, יעקב ווייסמאַן א״אַ.

אין יאָר 1928 האָט זיך אין שטאָט באַזעצט דער מזרחי־פירער, געוועזענער דעפּוטאַט, אַדוואָקאַט שמחה בונים פעלדמאַן ז״ל. ד״ר פעלדמאַן האָט גענאָסן פון אַ באַזונדערער סימ־פּאַטיע ביי דער יידישער באַפעלקערונג אדאַנק זיין פּשטות־דיקער האַלטונג. זיין אָנוועזנהייט אין שטאָט האָט געשטאַרקט די ציוניסטישע באַוועגונג, וועלכע האָט באַקומען אַ זייער ווירדיקן רעפּרעזענטאַנט. אַדאַנק דער ענערגישער אָנפירונג פון ד״ר פעלדמאַן איז די זאַמלונגס־אַקציע לטובת דעם ישוב אין ארץ־ישראל, נאָך די בלוטיקע געשעענישן אין יאָר 1929, געקרוינט געוואָרן מיט אַ גרויסן דערפאָלג.

ד״ר ש. ב. פעלדמאַן האָט באַזונדערס אויסגענומען ביי דעם רעליגיעזן טייל פון דער באַפעלקערונג מיט זיין פרומ־קייט. נאָך קיינמאָל האָבן ביאַלער יידן נישט געזען, אַז אַן אַדוואָקאַט זאָל טאָג־טעגלעך דאַווענען בציבור אין בית־המדרש מיט עמך, און טראָגן אין גאַס דעם טלית אונטערן אָרעם. שבת פלעגט ער נישט דערשיינען אין געריכט. אַפילו חסידים פלעגן אויף ד״ר פעלדמאַן זאָגן, אַז ער איז אַן „איש צדיק״.

אין יענער צייט איז געוואָרן אַ ביאַלער תושב יהודה בייטל, אַ חבר פון צענטראַל־קאָמיטעט פון צעירי־מזרחי אין פוילן. אַדאַנק אים זענען געשאַפן געוואָרן די מזרחיסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס „השומר־הדתי״ פאַר רעליגיעזע יינגלעך און „ברוריה״ פאַר רעליגיעזע מיידלעך. ס׳זענען ווידער באַ־גייט געוואָרן די העברעאישע אָוונט־קורסן.

אין יאָר 1931 איז אין ביאַלע פאָרגעקומען אַ ראַיאָן־קאָנ־פערענץ פון צעירי־מזרחי־און החלוץ־המזרחי־אָרגאַניזאַציעס פון דער גאַנצער געגנט. אין דער קאָנפערענץ האָט זיך דע־מאָלט באַטייליקט דער פאָרזיצער פון די דערמאָנטע אָרגאַני־זאַציעס אין פוילן, הרב אלימלך נייפעלד פון וואַרשע. אין זעלבן יאָר האָבן ביאַלע באַזוכט די חברים פון וואַרשעווער צענטראַל־קאָמיטעט: לוי יונגסטער, משה קראָנע און יוסף צימבערקנאָפּ. די באַזוכן פון די מרכז־פאָרשטייערס האָבן אַריינגעבראַכט אויפלעבונג אין די מזרחי־רייען אין ביאַלע.

אין יאָר 1932 איז אַראָפּגעקומען קיין ביאַלע דער דעלע־גאַט פון די רעליגיעזע אַרבעטערס אין ארץ־ישראל, חבר נתן גרדי פון קיבוץ רודגס. ער האָט אָנגעפירט מיט דער אַקציע פאַרן פאָנד פון די רעליגיעזע אַרבעטערס אין ארץ־ישראל, „קרן תורה ועבודה״. אַ באַזונדערער רעפעראַט פון דערמאָנטן דעלעגאַט איז דעמאָלט אָרגאַניזירט געוואָרן פאַר די רעליגיעזע פרויען אין שטאָט. נאָכן פאָרענדיקן דעם רעפעראַט איז צום פּרעזידיום־טיש צוגעגאַנגען די אָנפירערין פון דער אגודישער בית־יעקב־שול אין שטאָט און האָט אונטערגעשריבן אַ הת־חייבות צו צאָלן אַ חודשלעכן אָפּצאָל לטובת דעם דערמאָנטן פאָנד. דער שריט פון דער בית־יעקב־אָנפירערין האָט אַרויס־גערופן גרויס אויפזען, און האָט צוגעגעבן אַ מאָראַלישן און מאַטעריעלן דערפאָלג דער זאַמלונגס־אַקציע אין שטאָט.

דער מזרחי אין ביאַלע פלעגט מאַכן גרויסע אָנשטרענגונ־גען כדי צו דערמעגלעכן זיינע חברים עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל, און פלעגט דערצו אויסנוצן יעדע געלעגנהייט. אַזוי זענען פון ביאַלע עולה געווען קיין ארץ־ישראל מזרחי־חברים ווי „רבנים״.

דער וועד פון מזרחי איז דעמאָלט באַשטאַנען פון: אברהם בראַנדוויינמאַן, יהודה בייטל, לייבל מיגדאַל, גדליהו כהן, יעקב ווייסמאַן, יעקב גפן, שלום קרייזלמאַן, רחל לוסטיגמאַן א״אַ.

די טעטיקייט פון מזרחי אין שטאָט האָט אָנגעהאַלטן ביזן יאָר 1939, ווען פוילן איז פאַרפלייצט געוואָרן פון די דייטשע האָרדעס, און ס׳איז געחתמעט געוואָרן דער שרעק־לעכער גזר־דין אויף דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן.

משה בראַווערמאַן, אברהם בראַנדוויינמאַן
און יהודה בייטל

אברהם לביא (לעמבערגער) חיפה / די לינקע פּועלי־ציון

אויגוסט 1917. אינמיטן גאַנג פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָבן, אין ענגן בוידעם־שטיבל אויף דער מעזריטשער גאַס, זיך פאַרזאַמלט אין אַ שבת־פאַרנאַכט אַ גרופּע יונגעלייט און געלייגט דעם גרונט־שטיין פאַר דער פּועלי־ציוניסטישער באַוועגונג אין שטאָט. אין אָט דער פאַרזאַמלונג האָבן זיך דעמאָלט באַטייליקט: דער לערער יונה שטיינמאַן, די ברידער אברהם און משה סאָלסקי, זיסל גרינבערג, ישראל יצחק סאַפּיר, יוסף זינגער, מנחם פינקלשטיין א״אַ. די פאַרזאַמלונג איז געווען אַן אומלעגאַלע, און דאָס איז געווען די סיבה פון דער באַשרענקטער פּאַרטייאישער טעטיקייט ביז דער עוואַקואַציע פון דייטשן מיליטער אין ווינטער 1918.

נאָך דער אַנטשטייאונג פון פּוילן האָבן די פּועלי־ציון אין ביאַלע אָנגעהויבן אַ פאַרצווייגטע טעטיקייט, געניסנדיק פון דער סימפּאַטיע פון פאַרשיידענע טיילן פון דער באַפעלקערונג. אין אַ געוויסן זין איז עס אפשר געווען דער איינפלוס פון, באַליבטן אין אַלע קרייזן, אינטעליגענטן, יונה שטיינמאַן, וועלכער איז געשטאַנען בראש פון דער נאָר־וואָס געגרינדע־טער פּאַרטיי און איז געווען דער טעאָרעטישער אויסטייטשער פון איר פּראָגראַם. די פּאַרטיי האָט דעמאָלט געפירט איר אַרבעט אין אַ קליינעם לאָקאַל, אין הויז פון שמערעלע האָכ־מאַן (שמערעלע בעקער) אויף דער גראַבאַנאָווער גאַס.

בעת דער הערשאַפט פון פּוילן האָט זיך די אַרבעט גע־פירט אונטער דער לעגאַליזאַציע פון דער ביבליאָטעק, וואָס איז רעגיסטרירט געווען ווי אַן אָפּטיילונג פון דער „געזעל־שאַפט אָוונט־קורסן פאַר אַרבעטער אין וואַרשע״.

גורם געווען צו דער גרינדונג פון דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי האָבן נישט נאָר אידעאישע טעמים, נייערט אויך סאָציאַלע. אַ סך חברים האָבן שוין דעמאָלט געפילט אויף זייערע פּליי־צעס דעם עול פון אַרבעט. אמת, אַ טייל חברים, ווי אויך סימ־פּאַטיקערס, זענען געקומען פון קליינבירגערלעכע היימען, אָבער זיי האָבן דורכגעמאַכט אַן אומשיכטונגס־פּראָצעס אויפן וועג צו אַרבעט. נישט קאָנענדיק זיך אָנשליסן אין די רייען פון דער יידישער אַרבעטער פּאַרטיי „בונד״ צוליב איר פאַר־ביסענער קעגנערשאַפט צום ציון־געדאַנק; און אויך נישט געפינענדיק קיין אָרט אין דער שטאָטישער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע צוליב איר בירגערלעכן אויסזען, איז דער ריכ־טיקער וועג געווען — „דער גאָלדענער מיטן״, וועלכער פאַר־ענטפערט ביידע זייטן.

די צאָל עלטערע מיטגלידער איז — אין פאַרגלייך צו די אַנדערע עקסיסטירנדיקע פּאַרטייען אין שטאָט — געווען אַ קליינע. דערפאַר אָבער איז די צאָל חברים אין דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „יוגנט״ ביי דער פּאַרטיי כסדר געוואַקסן און האָט, אונטער דער אָנפירונג פון די עלטערע חברים, איבער־גענומען די גאַנצע טעטיקייט פון דער פּאַרטיי. דער קליינער לאָקאַל איז שטענדיק איבערפולט געווען און געשפּרודלט מיט לעבן.

די פאַרהעלטנישמעסיקע קליינע פּאַרטיי האָט גיך דער־וואָרבן די סימפּאַטיע פון אַ באַדייטנדיקן טייל פון דער יידי־שער באַפעלקערונג, און ביי די וואַלן צום ערשטן שטאָטראַט זענען געוויילט געוואָרן אירע צוויי פאָרשטייערס: יונה שטיינ־מאַן און יוסף זינגער.

בראש פון דער פּאַרטיי איז געשטאַנען אַ געוויילטע פאַר־וואַלטונג, אין וועלכער ס'האָבן זיך אין אָנהייב באַטייליקט: יונה שטיינמאַן, זיסל גרינבערג, אברהם סאָלסקי, יוסף זינגער, מנחם פינקלשטיין א״אַ. שפּעטער — אברהם סאָלסקי, שיינע וויינשטיין, שרה ווייסמאַן, אברהם לעמבערגער, נחום הייבלום, משה פרידמאַן, אברהם סעמיאַטיצקי א״אַ.

ביי דער פּאַרטיי האָט עקסיסטירט אַ גרויסע ביבליאָטעק, וואָס פלעגט פון צייט צו צייט באַרייכערט ווערן מיט ביי־דערשינענע ביכער. אין יאָרן אָרום, ווען די פּאַרטיי האָט אַרויסגעוויזן שוואַכע סימנים פון לעבן, איז די ביבליאָטעק נאָך אַלץ טעטיק געווען, און אַדאַנק דעם האָבן די חברים געהאַט ווו זיך צוזאַמענטרעפן.

אַזוי ווי ביי אַנדערע פּאַרטייען אין שטאָט, האָט אויך ביי די פּועלי־ציון עקסיסטירט אַ דראַמאַטישער קרייז, וועל־כער פלעגט די הכנסות פון זיינע טעאַטער־אויפטריטן געבן ווי אַ ביישטייער פאַר דער פּאַרטיי־טעטיקייט און העלפן באַרייכערן די ביבליאָטעק.

אין משך פון איר עקסיסטענץ האָט די פּאַרטיי דורכגע־מאַכט אַ סך שוועריקייטן און קריזיסן. ס'איז אָבער צו פאַר־צייכענען צו איר זכות דאָס אויסמיידן פון אינערלעכע ריי־בונגען. ווען ס'איז אין לאַנד פאָרגעקומען די שפּאַלטונג אין פּועלי־ציון אויף „רעכטע״ און „לינקע״, זענען די ביאַלער פּועלי־ציון „אַן בלאָק״ אַריבער צו די „לינקע״ און דערמיט אויסגעמיטן חילוקי־דעות און שפּאַלטונגען. פון דעמאָלט אָן האָט זיך די פּאַרטיי אין שטאָט גערופן „לינקע פּועלי־ציון״.

בעת זייער טעטיקייט האָבן די פּועלי־ציון אַראָפּגעבערענגט קיין ביאַלע אַ גאַנצע ריי מנהיגים און רעדנערס פון זייער פּאַרטיי, וועלכע פלעגן אויפקלערן פאַר דער באַפעלקערונג דעם מהות, די שטרעבונגען און צילן פון פּועלי־ציון. אַזוי איז צווישן אַנדערע אויפגעטראָטן (פאַר דער שפּאַלטונג), בעת די וואַלן צום קאָנסטיטוציע־סיים, דער באַרימטער היסטאָריקער און רעדנער ד״ר יצחק שיפּער. זיין באַזוך אין שטאָט האָט זיך אויף אַ לאַנגע צייט איינגעקריצט אין זכרון. נאָך דער שפּאַלטונג זענען דערשינען פאַרן ביאַלער עולם: יעקב זרו־בבל, משה ערעם, שמעון איזשביצער (ראַטמאַן פון דער בריסקער שטאָט־פאַרוואַלטונג) א״אַ.

פון ענגן לאָקאַל אויף דער גראַבאַנאָווער גאַס איז די פּאַרטיי אַריבער אויף דער מעזריטשער גאַס און אַהין אַרי־בערגעפירט איר ביבליאָטעק. ווען אָבער, דער מיט לעבן און נשמה איבערגעגעבענער צו דער ביבליאָטעק אברהם סאָלסקי האָט זיך געפילט שוואַך, האָט מען באַשלאָסן די ביבליאָטעק אַריבערצופירן אין זיין וווינונג, כדי ער זאָל זיין פרייע צייט קאָנעןווידמען דעם קולטור־אוצר, מיט וועלכן ער האָט זיך די גאַנצע צייט אַזוי טריי מטפל געווען.

ווען דער גרעסטער טייל פון די עלטערע חברים פון די



מכירת פרח של פועלי־ציון שמאל.

בלימל־פאַרקויף פון די לינקע פועלי־ציון.

אין דער ערשטער ריי שטייען פון רעכטס: לעווענשטיין, אברהם סעמיאַטיצקי, לאה פייגנבוים, חיים קאַווע, זינגער, אַדלערשטיין, משה פייגנבוים; אין דער צווייטער ריי זיצן פון רעכטס: נאָמען אומבאַקאַנט, הערשל פעלזנשטיין, יוסף זינגער, אברהם סאָלסקי, מנחם פינקלשטיין, פראַדל פייגנבוים, מינדל וואַלעצקי; אין דער דריטער ריי זיצן פון רעכטס: שרה וואַרשאַווסקי, דודטשע עפּלבוים, קאַמיען, כהן, אליהו קניזשניק, סעמיאַטיצקי, ב. סרעברניק, ב. לעווין; פון פאָרנט: חיים רובינשטיין, חנה ראָזמאַרין, שרה בעדנאַרזש, חיים איידלמאַן.

A flower sale by the Left wing Poalei Zion.

פועלי־ציון אין שטאָט איז שוין פון לאַנג געווען אין דער גאָרער וועלט, פלעגט מען נאָך אַלץ זען שפּאַצירן אויפן „ברייטן טראָטואַר” די דריי ערשטע וועטעראַנען און איבערגעבליבענע געטרייע חברים: אברהם סאָלסקי, יוסף זינגער און מנחם פינקלשטיין. מיטן טויט פון אברהם סאָלסקי האָבן נישט נאָר די אַנדערע צוויי חברים, נאָר די גאַנצע פאַרטיי, זיך געפילט פאַריתומט.

אין די יאָרן 1930—1933 האָט די פאַרטיי אָנגעהויבן באַנייען אירע כוחות. גאַנץ נייע אַרבעטס־כוחות האָבן אָנגעפילט דעם ענגן לאָקאַל. ס'האָבן אָבער געפעלט יענע אידעאַלע ראָמאַנטישע פעדעם וואָס האָבן אונדז געבונדן אין די פריערדיקע יאָרן; יענע קולטור־דראַמאַטישע אָוונטן; אַפילו די פאַרטייאישע אויפקלערונגס־אַרבעט איז געווען אַ שוואַכע. דאָס איינציקע וואָס האָט אַלעמען געבונדן איז געווען קלאָר און בולט: דער ווילן זיך צו געפינען צווישן די ערשטע קאַנדידאַטן אויף דער עליה־רשימה קיין ארץ־ישראל, וואָס גיכער צו אַנטלויפן פון דער פאַרפּעסטעטער גלות־אַטמאָספערע.

אין אַ צייט אַרום האָבן זיך אַ סך פון אָט די עליה־קאַנדידאַטן פון דער באַנייטער פועלי־ציון אין ביאַלע, צווישן זיי אויך דער שרייבער פון אָט די שורות, געטראָפן אויף די גאַסן פון ירושלים, תל־אביב און חיפה. זיי האָבן זייער ציל דעררייכט, אַלע זענען געוואָרן אמתע פועלי־ציון.

אין די דרייסיקער יאָרן, ווען די לינקע פועלי־ציון אין שטאָט האָבן אויפגעהערט צו עקסיסטירן, האָבן זיי אָפּגעשיקט צו זייער צענטראַלע קיין וואַרשע דעם פאַרטיי־אַרכיוו.

אין די דרייסיקער יאָרן איז אין שטאָט געגרינדעט געוואָרן די פאַרטיי רעכטע פועלי־ציון. פאָרזיצער פון אָט דער פאַרטיי איז געווען (ביז זיין אָפּפאָר קיין ארץ־ישראל) אייזיק שיין. צוזאַמען מיטן השומר־הצעיר און „החלוץ” אין שטאָט האָבן די רעכטע פועלי־ציון אָנגעהערט צו דער „ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל”, וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַן אינטענסיווע טעטיקייט (מ.י. פ—ם).

די נאַציאָנאַלע פאָנדן

(קרן קיימת לישראל און קרן היסוד)

די אַרבעט פאַר די נאַציאָנאַלע פאָנדן זענען פון שטענדיק אָן געווען אַ גאָר וויכטיקער באַשטאַנדטייל פון דער טעטיקייט פון אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען. אין דער טעטיקייט פון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין שטאָט, וואָס איז אַ סך מאָל באַגלייט געווען מיט דראַמאַטישע מאָמענטן, קאַמפן, זענען זיך אויף אַ שטילן און באַשיידענעם אופן אָנגעגאַנגען די זאַמל־אַקציעס פאַרן קרן־קיימת און קרן היסוד. דאָס איז געמאַכט געוואָרן דורך ספּעציעלע קאָמיסיעס פון חברים.

די זאַמלונגען פאַרן קרן קיימת זענען פאָרגעקומען אין באַשטימטע טעג אין יאָר, ווי: כ׳ תמוז (דער יאָרצייט פון ד״ר הערצל), חמשה־עשר בשבט (פונאַנדערטיילן בייטעלעך מיט ארץ־ישראל־פּירות), חנוכה, פּורים, ל״ג־בעומר. חוץ דעם זענען געזאַמלט געוואָרן שפּענדונגען דורך פונאַנדערטיילן קרן־קיימת־פּושקעס אין די הייזער, ווו זיי פלעגן פון צייט צו צייט אויסגעליידיקט ווערן; פון נדרים, יזכור, קערות פאַר כל נדרי אין די בתי־תפילה, ווי אויך פון פאַרקויף פון ווונטש־קאַרטן און לוחות צו ראש־השנה. אויף יעדער פאַמיליע־שמחה פלעגט פאַרקויפט ווערן אַ קרן־קיימת־אָפּצייכענונג.

ביזן אויסטיילן זיך פון פאַרשיידענע ציוניסטישע גרופּי־רונגען, איז די קרן־קיימת־אַרבעט געפירט געוואָרן אין „בית־עם" דורך אַ קאָמיסיע, בראש פון וועלכער ס׳איז געשטאַנען אַ מורשה (באַפולמעכטיקטער). שפּעטער איז די קאָמיסיע באַשטאַנען פון דעלעגאַטן פון אַלע ציוניסטישע גרופּירונגען, וועלכע האָבן געוויילט דעם מורשה.

מורשים אין פאַרשיידענע צייטן זענען געווען: משה מאָר־גנשטערן, יצחק האָכבערג, אברהם בראַנדוויינמאַן, יעקב אהרן ראָזנבוים, אהרן ריבאַק א״אַ.

דערביי איז נישט איבעריק צו פאַרצייכענען פאָלגנדיקן פאַקט. אין 1920, בעת דער פּויליש־באָלשעוויסטישער מלחמה, איז אויך בנימין קליגער גענויט געווען צו פאַרלאָזן ביאַלע און ער איז אַוועק אויף מזרח. קליגער האָט ביי זיך געהאַט אַ סומע קרן־קיימת־געלט, וועלכע ער האָט נישט באַוויזן איבער־צוגעבן. ביים גאַנצן גלויף און ווירוואַר האָט ער דאָס געלט פאַרנייט אין זיינע בגדים און עס געהיטן דעם גאַנצן וועג. צוריקקומענדיק קיין ביאַלע האָט ער איבערגעגעבן די פולע סומע.

אין 1922, ווען בראש פון קרן־קיימת איז געשטאַנען דער מורשה יצחק האָכבערג, איז געברענגט געוואָרן קיין ביאַלע אַ פילם פון ארץ־ישראלדיקן לעבן. דער פילם איז במשך פון אַ וואָך צייט דעמאָנסטרירט געוואָרן אין קינאָ־זאַל פון ח. י. קאַשטנבוים, און ער איז געזען געוואָרן דורך דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג, פאַר וועלכער דאָס איז געווען אַ גרויסער יום־טוב, און וועלכע האָט אַ לאַנגע צייט זיך געפונען אונטערן רושם פון די ארץ־ישראל־בילדער. דער פילם האָט דעמאָלט אַריינגעברענגט אַ גאָר גרויסע הכנסה.

אויסער געלט איז פאַרן קרן־קיימת אויך געשפּענדעט געוואָרן צירונג, ווי ס׳איז צו זען פון דער רשימה, וואָס איז דורכן קרן־קיימת פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „דאָס יודישע פאָלק", וואַרשע, נומער 94, פון 5.12.1918:

„פון ביאַלע (ביי שעדלעץ) 304. פייגע אורמאַכער — אַ זילבערן קייטל; 305. רבקה פישער — אַ גאָלדן זייגערל; 306. רחל רובינשטיין — אַ גאָלדענער רינג; 307. רחל ווייצ־מאַן — אַ גאָלדענער רינג".



מכירת פרח לטובת קרן קיימת לישראל

אַ בלימל־פאַרקויף לטובת קרן קיימת לישראל.

ס׳שטייען פון רעכטס, ערשטע ריי: הערשל הייבלום, הערשל כהן, נאָ־מען אומבאַקאַנט, מאָטל טייטלבוים, יהושע פיוואָ; צווייטע ריי: נאָמען אומבאַקאַנט (צונאָמען: רוסקע), יהודית האָפער, רחל מאַן, איר קוזינע מאַן, ברײַנדל ראָזנטאַל, שיינבערג, מינדל שליוואָ, חנה גאָלדאַפּל, יואל סרעבּרניק; ס׳זיצן: משה פרעטער, בנימין אַייזנשטאַט, רחל ליסטגאַרטן, ישעיהו סטאָלאָ־ווי, רויזע רובינשטיין, חנה שניימאַן. פון פאָרנט: נאָמען אומבאַקאַנט, שלמה האָכבערג, חיה שרה זובער־מאַן, נאָמען אומבאַקאַנט, רחל האָלצהעקער.

Flower sale on behalf of the Jewish National Fund (Keren Kayemet Le'Israel).

דין־וחשבון מהכנסות „הקרן־הקיימת־לישראל" בביאלה־פודלאסקה משנת תרצ"ד

מפעלים	החלוץ	השומר הצעיר	ציונים כלליים	פועלי־ציון	וויזא	צעירי־מזרחי	מזרחי	בית"ר	העובד	פרייהייט	בלתי מפלגתיים	הסכום הכללי
קופסות	266.09	65.89	—	22.75	17.33	31.24	—	12.50	—	—	2.90	418.70
ברכות ולוחות	5.95	17.15	—	—	—	—	—	.80	—	—	—	23.90
קערות	4.48	—	—	—	—	2.25	—	—	—	—	—	6.73
נדרים ויזכור	30.68	—	3.51	—	—	—	—	—	—	—	—	34.19
מפעל חנוכה	24.05	4.90	—	—	—	—	—	—	—	—	—	28.95
„ ט"ו בשבט	10.30	6.25	—	—	—	13.67	—	—	—	—	—	30.22
„ פורים	3.90	9.—	—	5.15	—	—	—	—	—	—	—	18.05
„ ל"ג בעומר	—	11.—	—	—	—	—	—	—	—	—	—	11.—
„ כ' בתמוז	4.05	4.—	—	9.70	—	—	—	—	6.80	—	—	24.55
„ כפר־אוסישקין	303.24	106.38	200.12	27.49	28.34	—	35.—	1.50	—	—	—	702.07
ימי־פרחים	110.57	106.63	2.27	7.27	8.37	—	68	1.72	—	5.56	—	243.07
חגי־משפחה	22.85	10.57	—	—	—	—	—	3.—	—	—	—	36.42
תוים וטלגרמות	19.50	—	—	4.50	—	4.75	—	—	—	—	—	28.75
יעור הארץ	—	13.70	—	—	—	—	—	—	—	—	—	13.70
תרומת המטר	12.50	16.44	—	—	—	—	—	—	—	—	—	28.94
קופסות־כיס	—	17.59	—	—	—	—	—	—	—	—	—	17.59
מפעל מיוחד	1.50	—	—	—	—	—	—	—	—	—	—	1.50
סלדו משנת תרצ"ג	—	—	—	—	—	—	—	—	—	—	—	31.84
סך־הכל	819.66	389.50	205.90	76.86	54.04	51.91	35.68	19.52	6.80	5.56	2.90	1700.17
% %	49.2	23.4	12.3	4.6	3.2	3.1	2.3	1.1	0.4	0.3	0.1	100

מזכיר וגזבר: (—) **ישעיהו סטולובי** מורשה: (—) **י. א. רוזנבוים**

פראָטאָקאָל פון דער רעוויזיאָנס־קאָמיסיע

מיר האָבן רעווידירט דעם פנקס־הקופה פון דער ק.ק.ל.־קאָמיסיע אין ביאַלע־פּאָדל., די הכנסה־קוויטונגען און אַלע דאָקומענטן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער בוכפירונג, און מיר האָבן געפונען אַלץ געפירט אין אַ מוסטערהאַפטער אָרדנונג.

רעוויזיאָנס־קאָמיסיע: (—) **מ. מורגנשטרן**
(—) **רחל ליסטגרטן**
(—) **י. ויסמן**

ביאַלע־פּאָדל., ה' חשון תרצ"ה.

(„פּאָדלאַסיער לעבן", נומער 40 פון 19.10.1934)

דער באַריכט פאַרן יאָר תרצ"ד, וועלכן מיר גיבן דאָ, באַווייזט, אַז נישט געקוקט אויף דער גאַנצער צעשפּליטערונג, וואָס האָט געהערשט אין ביאַלער ציוניסטישן לאַגער אין די לעצטע יאָרן פאַר דער מלחמה, זענען אָבער אַלע ציוניסטישע גרופּירונגען געווען פאַראייניקט אין דער טעטיקייט לטובת דעם קרן־קיימת.

חול־המועד־פסח 1932 האָט דער קרן־קיימת איינגעאָרדנט אין זאַל פון ח. י. קאַשטנבוים אַ באַזאַר, וואָס האָט במשך פון דער וואָך, וואָס ער האָט אָנגעהאַלטן, אַריינגעברענגט יום־טובדיקייט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג. דאָס איז געווען אַ זייער געלונגענע אימפּרעזע.

גלייך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך אין שטאָט אָנגעהויבן אַ זאַמלונג פאַר אַ קאָלאָניזאַציע־פאָנד, וואָס זיין צייטווייליקער נאָמען איז געווען „קרן הגאולה". מיטן פּראָקלאַמירן דעם „קרן היסוד" אויף דער ציוניסטישער וועלט־קאָנפערענץ אין לאָנדאָן, אין יאָר 1920, האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער אויפשוונג אין דער ציוניסטישער פּראַקטישער אַרבעט פאַר ארץ־ישראל.

די גרויסע אַקציע לטובת קרן היסוד אין ביאַלע האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1922. פון דער צענטראַלע אין וואַרשע זענען אַראָפּגעקומען הרב יצחק דינעס און שאַפּירא. זייערע אַרויסטרעטונגען אין שטאָט האָבן מיטגעריסן דעם עולם, און ס'זענען דעמאָלט דעקלאַרירט געוואָרן גרויסע סומעס, פון

װעלכע אַ טייל איז גלייך איינגעצאָלט געװאָרן במזומן און די רעשט מיט װעקסלען אויף באַשטימטע טערמינען. די שפּענדערס האָבן געשטאַמט פון פאַרשיידענע שיכטן, פון װעלכע אַ טייל איז ביז דעמאָלט געשטאַנען װייט פון ציוניזם.

און אַזוי איז שוין פון דעמאָלט אָן אָנגעגאַנגען דאָס יאָריערלעכע באַנייען פון די קרן היסוד־דעקלאַראַציעס. אין שייכות מיט דער אַקציע פון באַנייען די באַשטייערונגען לטובת דעם קרן היסוד פלעגן אַראָפּקומען קיין ביאַלע פאַרשיידענע ציוניסטישע פּערזענלעכקייטן.

בראש פון אָרטיקן קרן־היסוד־קאָמיטעט, װאָס איז אויך צוזאַמענגעשטעלט געװען פון פאַרשיידענע ציוניסטישע גרופּירונגען, איז אין יענער צייט געשטאַנען בנימין קליגער.

דער „בונד"

א. פון אויפקום ביזן יאָר 1918

װעגן דער אַנטשטייאונג פון „בונד" אין ביאַלע זענען אַרומגעגאַנגען פאַרשיידענע מעשיות, װאָס זענען פאַרװאַנדלט געװאָרן ממש אין לעגענדעס.

קיין װוּנדער נישט — ביזן סוף פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט איז דאָס יידישע לעבן אין שטאָט געװען איינטאָניק. דאָס עיקרדיקע װאָס האָט דעמאָלט דאָמינירט איז געװען צו גיין אין דרך הישר. דעם גביר, װאָס גיט צו פאַרדינען אַ פּאָר גראָשן דאַרפסטו אָפּגעבן כבוד. און װער שמועסט װעגן די כלי־קודש? זיי ביסטו דאָך אַוודאי מחויב געהאָרכזאַם צו זיין און אָפּגעבן דעם גרעסטן כבוד, װייל זיי לערנען דאָך דיר צו זיין אַ ייד. װעגן מלכות? מען זאָל גאָר אָפּגעהיטן װערן צו דערמאָנען אַ װאָרט און האָבן טענות קעגן מלכות.

װען איך בין נאָך געװען אַ ייִנגל פלעג איך אויפכאַפּן אַזעלכע מעשיות װעגן „בונד", װאָס זענען געגאַנגען פון אויער צו אויער. װי אומעטום זענען אויך דאָ װייבער געװען די ערשטע פונאַנדערטראָגערס פון די נייעסן, די ערשטע אָנזאָגערס פון דעם װוּנדער אין ביאַלע. אַ יידענע אין ביאַלע, װאָס צו איר האָט זיך דערטראָגן אַ שאָרך אָדער אַ װאָרט פון דער „אָנשיקעניש" האָט זי שוין נישט געקאָנט רוען און דערציילט אַ שכנה, בעטנדיק איר: „ס׳זאָל זיין בסוד". אַזוי האָט יעדע פון זיי װייטער דערציילט, און װייטער געבעטן, אַז ס׳זאָל זיין בסוד. ביסלעכװייז זענען פון די סודות געװאָרן אָן אַ שיעור מעשיות און פאַנטאַסטישע לעגענדעס.

איינע פון אָט די פילע לעגענדעס איז געװען, אַז אין ביאַלע איז אַנטשטאַנען, רחמנא־לצלן, אַ חברה, װאָס איר געפעלט נישט דער קיסר, און זי האָט זיך אַן אייגענעם קיסר. צוליב דעם קומען זיך צונויף די מענטשן פון אָט דער גרופּע אין ביאַלער װאַלד, װוּ קיין מענטשן גייען נישט, און דאָרט קלייבן זיי דעם קיסר. דעם קיסר זעצן זיי אַרויף אויף אַ הויכן פּיען און אַלע אָנװעזנדיקע שװערן אים טריישאַפט, מיט אויפהויבן צװיי פינגער פון דער רעכטער האַנט. מ׳האָט אפילו אָנגעגעבן דעם נאָמען פון דעם אויסגעקליבענעם קיסר, נאָסקע הודעסלס, און שני למלך מאַטיס (מתתיהו). מ׳האָט אויך געװוּסט צו דערציילן, אַז דעם קיסר קלייבט מען אויס נאָר אויף עטלעכע חדשים, און דערנאָך קלייבט מען אַ נייעם קיסר.

װער ס׳איז געװען דער ערשטער אין ביאַלע, װאָס האָט די „טריפהנע" געדאַנקען באַקומען און האָט געהאַט אַזוי פיל מוט צו ריזיקירן מיט זיי אָנצושטעקן אַנדערע, נעם איך זיך נישט אונטער פעסטצושטעלן, װייל װעגן דעם זענען אַרומגעגאַנגען פאַרשיידענע װערסיעס. ס׳איז געװען אַ מיינונג, אַז דאָס איז געװען ברוך סרולע (ישראל) מוליערס (װיינבערג), װעלכער איז אין יענער צייט געקומען פון לאָנדאָן, װוּ ער האָט זיך אָנגעשטעקט מיטן דאָרטיקן פרייהייטלעכן לעבן. ס׳איז אויך װאַרשיינלעך, אַז ביאַלער אַרבעטערס, װאָס פלעגן אַרבעטן אין װאַרשע, זענען דאָרט געװאָרן אַריינגעצויגן אין דער בונדישער באַװעגונג און זיי האָבן באַקומען די מיסיע צו אָרגאַניזירן אָט די באַװעגונג אין ביאַלע. אַ פאַקט איז, אַז די ערשטע פּיאָנערן פון דער בונדישער באַװעגונג אין ביאַלע איז געװען אַ גרופּע בוי־סטאָליערס מיט ברוך װיינבערג בראש (ברוך איז אין זיינע יונגע יאָרן געװען אַ סטאָליער).

דער ערשטער פּאָליטישער פּראָצעס

װייזט אויס, אַז די קלאַנגען און לעגענדעס װאָס האָבן זיך גענומען פאַרשפּרייטן אין שטאָט װעגן די „בונטאָװשטשיקעס", זענען דערגאַנגען צום זשאַנדאַרמסקע נאַטשאַלניק אין ביאַלע. אין סוף פון פאָריקן יאָרהונדערט זענען אַרעסטירט געװאָרן עטלעכע יוגנטלעכע פון דער גרופּע בוי־סטאָליערס, װאָס צװישן זיי זענען געװען: ברוך װיינבערג, עליע (אליהו) בובקעס (האָפּמאַן), אַברהם שלמה מעדניקס א״אַ. אין אַ קורצער צייט אַרום איז פאָרגעקומען זייער פּראָצעס אין דער קאַנצעלאַריע פון דער תפיסה אויף דער פּראָסטער גאַס.

דער אַרעסט, און דערנאָך דער פּראָצעס, האָבן װי אַ שטורעם אויפגערודערט דאָס יידישע ביאַלע. דער יידישער באַפעלקערונג איז באַפאַלן אַ פחד, װייל װער װייסט, װאָס פאַר אַ צרות פאַר יידן אָט די בונטאָװשטשיקעס קאָנען גורם זיין.

דאָך, אין די טעג פון משפּט האָבן זיך פאַר דער תפיסה צונויפגעזאַמלט גרופּקעס יידן, טייל קרובים פון די געמשפּטע און טייל סתם נייגעריקע. דער משפּט איז דאָך פאָרט געװען אַן אויסטערליש געשעעניש אין שטאָט, װייל װוּ איז עס געהערט געװאָרן, אַז יידישע בחורים זאָלן זיך פאַרטשעפּען מיט מלכות? דעם משפּט האָבן בייגעװוינט דער ביאַלער קאַזיאָנער ראַבינער, שלמהלע גאָלדבערג און יאָסל װעטשיק. פון זיי פלעגט מען געװויר װערן פּרטים װעגן גאַנג פון משפּט. אַזוי האָבן זיי דערציילט, אַז די באַשולדיקטע האַלטן זיך

שטאָלץ, האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון אַ פּאַרטיידיקער, און פּרעדיקן מוטיק זייערע אַנשויאונגען פאַר די שופטים.

ברוך וויינבערג האָט אין אַ דריי־שעהדיקער רעדע אויפגעוויזן די שופטים די אונטערשטעליקייט פון רוסלאַנד לגבי די מערב־אייראָפּעישע לענדער, וווּ עס זענען פאַראַן פאָלקס־רעגירונגען, און די דאָרטיקע פעלקער האָבן פולע פּאָליטישע פרייהייט; אַז נאָר אין רוסלאַנד הערשט נאָך אַ זעלבסטהערשער, און די פעלקער אין רוסלאַנד שטיקן זיך, נישט האָבנדיק קיין שום רעכט אויסצודריקן זייערע באַגערן. ברוך האָט גערעדט מיט אַזאַ באַגייסטערונג און ברען, אַז די ריכטערס זענען ממש אויפגעציטערט געוואָרן. זיי האָבן גאָרנישט געקאָנט באַגרייפן פון וואַנען נעמט זיך צו אַ „זשיד" אַזאַ חוצפּה און אַזעלכע טענות קעגן דעם געזאַלבטן רוסישן צאַר.

דער אורטייל איז געווען: סיביר מיט קאַטאָרגע־אַרבעט. אין אַ קורצער צייט אַרום זענען די פאַרמשפּטע פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר.

נאָך אַ פּאָר יאָר זענען די פאַראורטיילטע באַפרייט געוואָרן אַ דאַנק דער אַמנעסטיע, וואָס איז דורכן צאַר דערקלערט געוואָרן פאַר פּאָליטישע פאַרמשפּטע, און זיי זענען צוריקגעקומען קיין ביאַלע. אברהם שלמהלע מעדניקס איז אָבער צוריקגעקומען פון דאָרט נערוון־קראַנק, און זיין פאָטער האָט אים אַוועקגעפירט קיין ניזשנע אין אַן אַנשטאַלט, פון וואַנען ער איז שוין קיינמאָל מער נישט צוריקגעקומען.

די באַוועגונג דערשיינט פאר דער עפנטלעכקייט

אָנהייב 1901 איז די בונדישע באַוועגונג אַרויס פון באַהעלטעניש. דער „בונד" איז אַרויס מיט לאָזונגען: „אַרויס אין גאַס!"; „טראָגט די נייע פרייהייט־געדאַנקען צו די פינצטערע און פאַרשקלאַפטע מאַסן"; „צעאַקערט דאָס פאַרלאָזטע פעלד און פאַרזייט די נייע פּרוכט".

ס'איז געגרינדעט געוואָרן אַ קאָמיסיע, וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע צו רופן יעדן אַרבעטער־יינגל, און יעדעס אַרבעטער־מיידל אויף שמועסן, דערקלערן זיי וואָס ס'איז פאַר זיי נייטיק צו וויסן און צו פאַרשטיין. דאָס טרעף־אָרט איז געווען דער מאַרק־סאָד און האָט זיך גערופן די „בירזשע".

ס'איז איינגעשטעלט געוואָרן צו טרעפן זיך דריי מאָל אין דער וואָך. פאַרזאַמלט האָט מען זיך גרופּנווייז, לויט די פאַכן. כדי נישט צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון דער פּאָליציי זענען די שמועסן געפירט געוואָרן גייענדיק, ס'זאָל הייסן, אַז מען שפּאַצירט. יעדע גרופּע האָט געהאַט איר אָרט אין גאָרטן מיט צוגעטיילטע פאָרשטייערס און אַגיטאַטאָרן פון דער פּאַרטיי, וואָס האָבן געוועקט און גערופן די אַרבעטערס, אַז זיי זאָלן זיך פאָרבאַרייטן צו דער נייער צייט.

ביי די שוסטערס, שטעפּערס און רימערס זענען די אָנפירערס געווען: חיים פישטשאַצער (אַ שוסטער) און הערש בעראַראָנאָוויטש (אַ רימער). ביי דער סטאָליער גרופּע: שאַמע פרידמאַן, עליע שימשעלעס און איצעלע סטאָליער. ביי די מאַלערס, וואָס האָבן אין יענער צייט געבילדעט אַ צאָליקע גרופּע — איטשעלע מאַלער און לייזער מאַלער. ביי די אַרבעטער־מיידלעך — כינקע בראַכיעס, שיינדל גרינבערג א"אַ.

אויף וויפל די באַוועגונג האָט אָנגענומען אַ מאַסן־כאַראַקטער און די אַגיטאַטאָרן זענען באַוווּסט געוואָרן דער עפנטלעכקייט, איז אָבער דער קאָמיטעט פון דער אָרגאַניזאַציע געבליבן ווייטער שטאַרק פאַרקאָנספּירירט. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז געטאָן געוואָרן צוליב זיכערקייט־טעמים. קיינער האָט נישט געטאָרט וויסן דעם צוזאַמענשטעל פון קאָמיטעט און דאָס אָרט, וווּ ס'ווערן אָפּגעהאַלטן זיינע באַראַטונגען. די אַגיטאַטאָרן פלעגן איבערגעבן באַריכטן פון זייער טעטיקייט דעם קאָמיטעט און באַמערקן ווער פון די סימפּאַטיקערס באַציט זיך ערנסט און איבערגעגעבן צו דער באַוועגונג, און אַזעלכע זענען איבערגעגאַנגען צו אַ העכערער מדרגה, אונטערן נאָמען „פּאָליטישע מיטגלידער". אָט די מיטגלידער פלעגן זיך צונויפקומען אויף פאַרזאַמלונגען מיט געקומענע חברים פון צענטראַל־קאָמיטעט, ווי אויך אויף פאַרזאַמלונגען דירעקט מיטן קאָמיטעט.

דער קאָמיטעט איז די ערשטע צייט באַשטאַנען פון דער איניציאַטיוו־גרופּע, וועלכע האָט אָרגאַניזירט די באַוועגונג. ווען די פּאַרטיי איז אויסגעוואַקסן און אָנגענומען אַ מאַסן־כאַראַקטער, זענען די קאָמיטעט־חברים געוויילט געוואָרן.

א פארבארגענער טוער אין דער ערשטער צייט פון דער באוועגונג

אין יענער צייט האָט געוווינט אין ביאַלע אויף דער פּראָסטער גאַס אַ פאַמיליע מיטן נאָמען טיאָמקין. דאָס זענען געווען פּראָגרעסיווע מענטשן, וואָס האָבן גאָר ווייניק פאַרקערט מיט דער ביאַלער יידיש־רעליגיעזער באַפעלקערונג. זייער זון חיים (יעוועל) האָט שטודירט אין פּעטערבורגער אוניווערסיטעט. בעת זיין וויילן אין ביאַלע פלעגט ער שטיין אין אַן ענגען קאָנטאַקט מיטן ביאַלער בונדישן קאָמיטעט, ער פלעגט אָנפירן מיט זיצונגען און פאַרזאַמלונגען.

אַז איך האָב שוין געהאַט די זכיה צו ווערן אַ „פּאָליטישער מיטגליד", האָט מיר איינמאָל געזאָגט מיין פאָרשטייער, אַז איך זאָל אויף מאָרגן קומען אין גאַס אין אַ באַשטימטער שעה. אויף מאָרגן, ווען איך בין געקומען אין גאַס אַריין, האָט מיר מיין פאָרשטייער געהייסן גיין אויף דער גראַבאַנאָווער גאַס, און דאָרט האָט מיר אַ צווייטער חבר אַריינגעפירט אין הויז פון פסחל מאָנטשער. דאָרט אין אַ קאַמער, וווּ ס'איז געווען האַלב־פינצטער, האָט אין אַ ווינקל געברענט אַ נאַפט־לעמפּל; די בלאַסע ליכט פון לעמפּל האָט געוואָרפן אַ טונקעלע שיין אויף די אַנוועזנדיקע, וואָס זענען געווען שטיל און מיט ערפאָרכט דערוואַרט דאָס, וואָס האָט געדאַרפט באַלד פאָרקומען.

באַלד איז אַריין עליע שימשעלעס, פירנדיק מיט זיך דעם סטודענט חיים טיאָמקין. דער סטודענט האָט זיך אַרויפגעשטעלט אויף אַ באַנק און אָנגעהויבן אונדז געבן צו פאַרשטיין וואָס ס'איז אַזוינס אַ „סאָציאַל־דעמאָקראַט".

נאָך אַמאָל האָב איך באַגעגנט טיאָמקינען אויף אַ פאַרזאַמלונג, און דאָס אומגעפער אין יאָר 1904. די פּאַרטיי האָט זיך שוין געהאַט שטאַרק פונאַנדערגעוואַקסן און מ'פלעגט דורכפירן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען אין וואַלד. אין אַ זומער־

דיקן שבת זענען זיך צונויפגעקומען אַ סך חברים אין לאָמאַזער וואַלד און טיאָמקין האָט גערעדט צום פאַרזאַמלטן עולם. אָט די פאַרזאַמלונג איז מיר גוט פאַרבליבן אין זכרון. אינמיטן רעדן, ווען דער עולם איז ממש פאַרכשופט געוואָרן פון רעפעראַט, האָט זיך פּלוצעם פון דער מאַסע אַרויסגעריסן אַן אויסגעשריי: „אוי!" מיר זענען שטיין געבליבן ווי עלעקטריזירט, אויך דער רעדנער האָט איבערגעריסן דאָס רעדן, אייבער אַלעמענס קעפּ האָט געפלאַטערט אַ רויטע פאָן. ווען דער רעדנער האָט געענדיקט זיין רעפעראַט האָט אַ חבר (פון דער פרעמד) דעקלאַמירט „די נאַכט איז פינצטער".

די רעפאַרמען וואָס דער „בונד" האָט איינגעפירט

דער „בונד" האָט זיך נישט באַגרענעצט בלויז מיט פירן אַגיטאַציע און מיט אויפווייזן די עקזיסטירנדיקע אומגערעכטיקייט, נייערט ער האָט זיך גענומען איינפירן אויסבעסערונגען אין די אַרבעטס־ און לעבנס־באַדינגונגען פון דער אַרבעטער־מאַסע.

דער מצב פון די אַרבעטנדיקע איז געווען אַ טרויעריקער סיי עקאָנאָמיש און סיי גייסטיק. די אַרבעטער זענען פאַרשקלאַפט געווען צום אַרבעטס־געבער, באַקומענדיק אַ קלאָגעדיקע באַלוינונג פאַר אַן אַרבעטס־טאָג, וואָס האָט אָנגעהאַלטן לרוב פון זון־אויפגאַנג ביז אין די שפּעטע אָוונט־שעהן. דער „בונד" האָט זיך אונטערגענומען אַריינצוברענגען אויסבעסערונגען אויף דעם געביט, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַמפּערניש מיט די אַרבעטס־געבערס.

ס'זענען געגרינדעט געוואָרן שטרייק־קאָמיסיעס, וועלכע האָבן גענומען לערנען מיט די אַרבעטס־געבער אַ פּרשה יושר. צו ערשט איז דערקלערט געוואָרן אַ שטרייק ביי די שניידערס, וואָס האָט זיך דעמאָלט גערעכנט פאַרן בעסערן פאַך, און האָט באַשעפטיקט אַ סך דערוואַקסענע אַרבעטערס. כדי נישט אַרויסצורופן קיין גרויסע מהומה אין שטאָט האָט מען בעת די ערשטע שטרייקן אַרויסגעשטעלט גאַנץ באַשיידענע פאָדערונגען, ווי: אַ 10־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג און אַ בעסערע באַציאונג צום אַרבעטער, און בעיקר צום לערניינגל.

אָבער ווי באַשיידן אָט די פאָדערונגען זאָלן נישט אויסזען לויט די היינטיקע באַגריפן, האָט דאָס אָבער אין יענע יאָרן באַדייט אַ פולשטענדיקע רעוואָלוציע אין יידישן עקאָנאָמישן לעבן. די אַרבעטס־געבערס האָבן נישט געקאָנט באַגרייפן, אַז זייער אַרבעטער זאָל האָבן אַ דעה איבער דער אַרבעטס־צייט. — ווי אַזוי — האָבן זיי געטענהט — איז עס מעגלעך צו אַרבעטן 10 אָדער 12 שעה אין די ערב יום־טובים, ווען מ'מוז אויף יום־טוב פאַרטיק מאַכן אַלע אַרבעטן פאַר די קונדן? און, אַז אַ לערניינגל זאָל נישט זיין קיין משרת, דאָס האָבן זיי שוין בכלל נישט געקאָנט פאַרשטיין.

ווי צעמישט זענען זיי אָבער געוואָרן, ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט אַז די פאָדערונגען שטאַמען פון דער אַנטשטאַנענער באַוועגונג. ענדלעך האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז זיי מוזן זיך אונטערגעבן, און אַז ס'האָבן נאָכגעגעבן די שניידערס, האָבן שוין אויך געמוזט נאָכגעבן די אַרבעטס־געבערס פון אַנדערע מלאכות.

אין איין אָרט איז גאָר שווער געווען אויסצוקעמפן פאַרלייכטערונגען פאַר די אַרבעטאָרינס, דאָס איז געווען די פּאַפּיראָסן־פאַבריק פון מאָטל מינץ. מאָטל מינץ איז געווען אַ ייד אַ חסיד, אַ בעל־הבית פון אַ הויז אויף דער יאַנעווער גאַס, און חוץ דער פּאַפּיראָסן־פאַבריק האָט ער אויך געהאַט אַ גרויסע שניטקראָם אין מאַרק. ער איז געווען פון די יידן תקיפים, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז קיינער טאָר זיך נישט מישן אין זייערע עסקים.

ווען מ'האָט מאָטל מינצן דערקלערט, אַז ס'קומט אַ גאַנץ אַנדערע צייט, ווען דאָס אַרבעטס־מיידל וויל אויך זיין אַ מענטש און האָבן אַ פּאָר אָפּרו־שעה אין טאָג, האָט ער אַ ברום געגעבן: „נישט ביי מיר"; און צוגעגעבן: „זיי קאָנען גאַנצן טעג נישט אַרבעטן, וועלן זיי דאָך אינגאַנצן פריי זיין". מער האָט ער נישט געוואָלט רעדן.

די מיידלעך האָבן געוואָרפן די אַרבעט און אים געוויזן, אַז זיי קאָנען אַרומגיין וואָכן און חדשים אָן אַרבעט. צום סוף, אַז מ'האָט אָנגעהויבן אָנווענדן נגישות קעגן אים, ווי רופן צו באָיקאָטירן זיין סחורה און זיין קראָם, האָט ער זיך אונטערגעגעבן.

די באַוועגונג רייסט זיך אַריין אין בתי־מדרשים און חסידים־שטיבלעך

אין יענע יאָרן האָט דער רוב עלטערן געוואָלט, אַז זייערע קינדער זאָלן אויסוואַקסן תלמידי־חכמים, גוטע יידן, אָבער נישט קיין בעלי־מלאכות. וואָס, אַ שניידער? אַ שוסטער? דאָס איז געווען אַן אומכבוד פאַר דער משפחה און האָט נישט צוגעזאָגט קיין העל ליכטיק לעבן אין דער צוקונפט. אַנדערש איז געווען מיט אַ לערנער, — זיין צוקונפט האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַרשידנפאַרביק, פּריווילעגיעס און אַ באַקוועם לעבן ביים רייכן שווער. צוליב דעם טאַקע האָט אַ גרויסער טייל פון דער יידישער יוגנט אַנשטאָט צו נעמען לערנען אַ פאַך אַוועק אין בית־המדרש, אָדער ישיבות.

די אַגיטאַציע פון „בונד" האָט נישט אויסגעמיטן אָט די לערנערס, צו וועלכע ער האָט זיך געוואָנדן, אַז זיי זאָלן זיך נעמען לערנען אַ פאַך און נישט פּאַראַזיטעווען און פּטרן די יוגנט אין די ד' אמות פון בית־המדרש. דער „בונד" האָט באַאיינפלוסט די יוגנט צו באַקענען זיך מיט דער דרויסנדיקער וועלט דורך לייענען די רוסישע ליטעראַטור (די יידישע ליטעראַטור האָט דעמאָלט געשטעלט אירע ערשטע טריט). אונטערן איינפלוס פון אָט דער פּראָפּאַגאַנדע האָבן פאַרלאָזט דאָס לערנען: דוד קרוסעס (גאָלדפאַרב), יואל איצל, חנינא'לע קלינג א"אַ, וואָס זענען געוואָרן אַקטיווע חברים אין „בונד".

די שטודירנדיקע יוגנט, וואָס האָט זיך געפונען אין דער באַוועגונג איז צו הילף געקומען די חברים, וואָס האָבן פאַרלאָזט די גמרא און גענומען זיי לערנען וועלטלעכע לימודים. צווישן די וואָס האָבן זיך גענומען צום לערנען האָט זיך געפונען דוד קרוסעס. ער האָט געשטאַמט פון אַ שטרענג־רעליגיעזער פאַמיליע, זיין פאָטער איז געווען אַ פרומער ייד און ער פלעגט לערנען משניות מיט די יידן אין בית־המדרש, צווישן מנחה און מעריב. מיט דער זעלבער התמדה ווי דוד

איז געזעסן אין שטיבל יום־ולילה איבער דער גמרא, איז ער איצט געזעסן איבער וועלטלעכע ביכער. ער האָט זיך אויסגעלערנט גוט רוסיש, און איז שפּעטער געוואָרן אַ לערער פון רוסיש.

אין דער באַוועגונג זענען אַריין, אויסער אַרבעטערס, אויך יוגנטלעכע פון רייכע היימען, ווי דער זון פון דעם שוין פריער דערמאָנטן מאָטל מינץ. די באַוועגונג האָט אַנטוויקלט אין די חברים אַ חוש פאַר געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט און פאַר פרייהייט, צוליב וואָס מ׳דאַרף אַפילו גרייט זיין מקריב צו זיין דאָס אייגענע לעבן. דערביי איז אויסגענוצט געוואָרן דער העראָישער טאַט פון הירש לעקערט אין ווילנע.

אַ קורצע צייט נאָכדעם ווי דער „בונד” אין ביאַלע האָט אָנגעהויבן זיין טעטיקייט האָט זיך דער איינגעפונדעוועטער לעבנס־שטייגער גענומען ענדערן. דער אַרבעטער און אַרבעטאָרין האָבן שוין געהאַט באַשטימטע אַרבעטס־שעהן אין טאָג, און נאָך דער אַרבעט האָבן זיי געוווסט, אַז מ׳דאַרף זיך אַרומוואַשן און אַרויסגיין אויף דער „בירזשע”, כדי זיך צו טרעפן מיט חברים און חברות. דאָרט האָט מען זיך פאַרנומען מיט פּאָליטישע און קולטורעלע ענינים.

דער עלטערער דור וואָס איז געווען טיף פאַרוואָרצלט אין דעם רעליגיעז־טראַדיציאָנעלן לעבן האָט נישט געוואָלט דערלאָזן, אַז די יוגנט זאָל אַרויס לתרבות־רעה, און די עלטערן פלעגן שטערן זייערע קינדער אָנצוגעהערן צום „בונד”. גאָר באַזונדערס זענען פאָרגעקומען אינצידענטן מיט די טעכטער. די עלטערן פלעגן שטאַרק היטן, אַז זייערס אַ טאָכטער זאָל זיך, חלילה, נישט טרעפן מיט קיין בחור. פאַרשטייט זיך, אַז מיטן אויפקום פון „בונד” זענען אויך אויף דעם געביט פאָרגעקומען ראַדיקאַלע שינויים, וואָס זענען נישט געווען צום האַרצן די עלטערן. פלעגן טאַקע די עלטערן זיך בייזערן אויף די טעכטער, שעלטן די „לאָבוזעס”, וואָס ווילן אַראָפּפירן די קינדער פון דרך־הישר, אָבער דאָס האָט ווייניק געהאָלפן.

דער „בונד” האָט נישט געפירט קיין קאַמף קעגן רעליגיע, אָבער ווען די חברים האָבן אָנגעהויבן לייענען פּאָפּולערע וויסנשאַפטלעכע בראָשורן, אין וועלכע זיי האָבן געפונען אַן אויפקלערונג וועגן אַ סך נאַטור־דערשיינונגען, איז ביי זיי פאָרגעקומען אַן איבערברוך, וואָס האָט אַ וואַקל געטאָן זייער רעליגיעזע איינשטעלונג. ס׳האָט זיך צו זיי פאַרגנבעט אַ צווייפל און אַ סך פון זיי געבערענגט דערצו, אַז זיי זענען געוואָרן קעגנערס פון רעליגיע.

פארזאמלונגען פון „בונד”

אַז די פאַרטיי איז זיך צעוואַקסן, פלעגט מען דורכפירן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען, זומער — אין הויף־סאָד, אין וואַלד, און ווינטער־צייט — אין בית־המדרש אָדער אין די חסידים־שטיבלעך.

די פאַרזאַמלונגען זענען אַריין אין לעבן און דאָס איז געוואָרן אַ נויטווענדיקייט, וואָס האָט געטראָגן אַ קולטורעלן און צעשטרייאונגס כאַראַקטער. מ׳האָט זיך געפילט אויף די פאַרזאַמלונגען מוטיק און גייסטיק דערהויבן. מ׳האָט גאָר־נישט געדענקט אין דער אומלעגאַלקייט און אין דער געפאַר אַריינצופאַלן אין די הענט פון דער צאַרישער זשאַנדאַרמעריע. האָט אַזאַ פאַרזאַמלונג געמעגט פאָרקומען אַפילו ביינאַכט אין אַ וואַלד, ווייט הינטער דער שטאָט, האָט מען זיך אַהין אַוועקגעלאָזט.

אין איינעם אַ ראש השנה, אומגעפער אין 1903, האָט מען געמאָלדן, אַז נאָכן עסן וועט פאָרקומען אַ פאַרזאַמלונג אין וואַלד. צו דער באַשטימטער שעה האָט זיך אין וואַלד פאַרזאַמלט אַן אומצאָליקע מאַסע, וואָס האָט אָנגעהערט צו דער באַוועגונג. גערעדט האָט ברוך ווינבערג. במשך פון עטלעכע שעה האָט ער דערציילט וועגן דעם פרייען לעבן אין אויסלאַנד, וועגן די לעבנס־באַדינגונגען פון די דאָרטיקע אַרבעטערס, און אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע מיטן „בונד” אין רוסלאַנד ווילן אויך דאָ אויסקעמפן די זעלבע פרייהייטן. ס׳איז געוואָרן נאַכט. איינער האָט דעם צווייטן נישט געזען, די באַגייסטערטע ווערטער פון רעדנער האָבן געשניטן די אַרומיקע שטילקייט און אָנגעזאָגט אַ קאַמף דער פינצטערניש. ווען די פאַרזאַמלונג איז געשלאָסן געוואָרן, האָבן זיך עטלעכע חברים אַוועקגעשטעלט, בילדנדיק אַ טויער דורך וועלכן אַלע פאַרזאַמלטע זענען אַדורך. אויף אַזאַ אופן האָט מען געהאַט אַ מעגלעכקייט נאָכצוציילן די צאָל אָנוועזנדיקע, וואָס האָט דערגרייכט 400 מאַן. מ׳איז אַרויס פון וואַלד באַגייסטערטע און אויפן וועג האָט מען געזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער.

די פאַרזאַמלונגען אין בית־המדרש פלעגן אַזוי אָרגאַניזירט ווערן, אַז אין פאַל פון דערנענטערן זיך פון דער פּאָליציי, פלעגט מען, אויף אַ ספּעציעלן אָפּגערעדטן צייכן, אויגנבליקלעך פאַרלאָזן דעם בית־המדרש, שפּרינגנדיק דורך די פענצטער. ווען די פּאָליציי פלעגט אָנקומען האָט זי שוין קיינעם נישט געטראָפן. ס׳זענען אויך געווען פאַלן ווען מתפּללים, זייענדיק אין כעס פאַרוואָס מען פאַרנעמט דעם בית־המדרש, פלעגן מאַכן אַ פאַלשן אַליאַרם וועגן פּאָליציי, כדי מען זאָל זיך פונאַנדערלויפן.

זומער איז דאָס צוזאַמענטרעפן זיך נישט געווען קיין פּראָבלעם, ווייל דער מאַרק־סאָד, דער הויף־סאָד, די סעדער און שאָסייען האָבן געגעבן גענוג מעגלעכקייטן דערצו. ווינטער אָבער איז דאָס צוזאַמענטרעפן זיך טאַקע געוואָרן אַן ערנסט פּראָבלעם. האָט מען אויסגעזוכט אַ קראָם און דאָרט פלעגט מען זיך באַגעגענען. ביי הערשל לענטשנער אין הויז אויף דער גראַבאַנאָווער גאַס האָט אין יענער צייט געהאַט אַ קראָם פון זיסוואַרג אַ געוויסער שמואל. פלעגט מען ביי אָט דעם שמואלן אין קראָם אַריינקומען און ביים לישטשען די באַניקערן האָט מען געשמועסט, דיסקוטירט וועגן געוויסע פּראַגן, און צייטנווייז אין דער שטיל אַפילו געזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער. ס׳פלעגט דאָרט זיין אַזאַ ענגשאַפט, אַז מ׳האָט זיך ממש נישט געקאָנט באַוועגן. אַז דער קראָם־אייגנטימער האָט דערזען, אַז זיין געוועלב ווערט ענג פאַר זיינע קונדן האָט ער זיך איבערגעטראַגן אין אַ גרעסער געוועלב, אַנטקעגנאיבער און דאָרט האָבן שוין געקאָנט אַריין מער מענטשן.

די קהלשע זאָרג פאַר דער אָרעמער באַפעלקערונג

אין יענער צייט, אַז אַן אָרעמאַן איז קראַנק געוואָרן איז נישט געווען ווער ס'זאָל זיך מיט אים פאַראינטערעסירן, און ס'איז נישט געווען ווער ס'זאָל אים דערטיילן מעדיצינישע הילף. אפילו אַנשטענדיקע קראַנקע זענען געלעגן אין שטוב און נישט איזאָלירט געוואָרן. די קהילה־לייט האָבן אפילו נישט געמאַכט די מינדסטע אָנשטרענגונג וועגן גרינדן אַ יידישן שפּיטאָל פאַר דער אָרעמער באַפעלקערונג.

אין יענער צייט איז טאַקע קראַנק געוואָרן אַן אַרבעטער־ייִנגל, אַן אָרעמער יתום (אָן אַ מוטער, זיין פאָטער האָט מען גערופן מיט צונאָמען פערקאָפּ). דאָס ייִנגל האָט געאַרבעט ביי גרשון שוסטער, אַ שטאַרק אָרעמער בעל־מלאכה. דאָס קראַנקע ייִנגל איז געבליבן ליגן אין וואַרשטאַט אָן שום מעדיצינישער אויפזיכט. ווען מ'האָט זיך דערפון דערוווּסט אין די בונדישע קרייזן, איז שוין געווען צו שפּעט. ווען די בונדישע טוערס עליע שימשעלעס און איצעלע סטאָליער זענען אין איינעם אַן אָוונט אַריין אין וואַרשטאַט באַזוכן דעם קראַנקן האָבן זיי אים שוין געטראָפן אין דער סטאַדיע פון די לעצטע לעבנס־שעהן. ער האָט זיך ביי זיי געבעטן מען זאָל אים ראַטעווען, אָבער דעם זעלבן אָוונט איז ער אויסגעגאַנגען.

אויף מאָרגן, אין טאָג פון דער לויה, האָט דער „בונד" פאַראָרדנט צו וואַרפן די אַרבעט און האָט די לויה פאַרוואַנדלט אין אַ דעמאָנסטראַציע קעגן די קהילה־אָנפירערס. ביים אָפּעס־נעם קבר האָט עליע שימשעלעס וויינענדיק דערציילט וועגן זיין באַזוך מיט אַן אָוונט פריער ביים פאַרשטאָרבענעם יונגט־לעכן, און ווי אַזוי דאָס ייִנגל האָט זיך געבעטן מ'זאָל אים ראַטעווען.

דער „בונד" האָט גענומען אין זיינע הענט דעם ענין פון מעדיצינישער הילף פאַר די אָרעמע שיכטן. מ'האָט אָנ־געהויבן צו זוכן וועגן ווי אַזוי צו שאַפן געלט־מיטלען, כדי צו בויען אַ יידישן שפּיטאָל. אַזאַ געלעגנהייט איז טאַקע בקרוב אונטערגעקומען.

אין איינעם אַ טאָג איז געשטאָרבן אַ שטאָט־גבירטע. מ'האָט דערפילט, אַז דאָס איז אַ שעת־הכושר צו פאַרווירק־לעכן דעם געדאַנק וועגן בויען אַ שפּיטאָל.

צו דער פאַמיליע פון דער פאַרשטאָרבענער איז אַוועק אַ דעלעגאַציע און פאַרלאַנגט אַ סומע געלט אויף דעם צוועק. אַזוי ווי מען האָט זיך נישט געאייַלט מיטן געבן די געפאָ־דערטע סומע, איז דעריבער אויפגעהאַלטן געוואָרן די לויה. די פאַמיליע האָט געוואָלט אויסמיידן אַן אינטערווענץ מצד דעם „בונד", און זי האָט זיך דעריבער געוואָנדן צו ברוך וויינ־בערג און מיט אים איינגעטענהט, אַז דער „בונד" דאַרף זיך נישט מישן, ווייל דאָס איז אַן ענין פון קהל, מיט וועמען זיי וועלן דורכקומען. זיי אַליין פאַרשטייען, אַז מען דאַרף אַ יידישן שפּיטאָל, אָבער דאָס אַלץ האָט נישט קיין שייכות מיטן „בונד".

וואָס ברוך האָט זיי געענפערט איז נישט באַוווּסט געוואָרן. לויט אַ קלאַנג, זאָל זיי ברוך האָבן געזאָגט, אַז לויט זיין מיינונג איז פילאַנטראָפּיע נישט קיין עסק פאַרן „בונד".

זעענדיק, אַז דער ענין איז אַן ערנסטער, איז די פאַר־לאַנגטע סומע געגעבן געוואָרן, און ערשט נאָכדעם איז פאָר־געקומען די לויה.

פּאָליטישע שטרייקן

ווי באַוווּסט פלעגט דער „בונד" דורכפירן שטרייקן, אָבער אין קליינעם שטעטל איז דאָס געווען אַ שווער שטיקל אַרבעט. איינעם אַזאַ שטרייק אין ביאַלע וויל איך דאָ פאַר־צייכענען.

נאָך דער טראַגישער דעמאָנסטראַציע פון גלח גאַפּאָן אין פּעטערבורג, האָט דער „בונד" באַשלאָסן צו פּראָקלאַמירן אַ פּראָטעסט־שטרייק. אין ביאַלע האָט דער „בונד" אויף דער „בירזשע" און אויף פאַרזאַמלונגען אויפגעקלערט דער מאַסע דעם פאַל פון דער גאַפּאָן־דעמאָנסטראַציע, און ס'איז באַ־שלאָסן געוואָרן צו פּראָקלאַמירן אַן אַלגעמיינעם שטרייק, וואָס זאָל אַרומנעמען אַלע אַרבעטס־ערטער, און אויך די קראָמען זאָלן געשלאָסן ווערן.

נישט אַרבעטן איז נאָך מעגלעך געווען, ווייל די אַר־בעטס־געבערס האָבן זיך נישט קעגנגעשטעלט. דורכצופירן אָבער, אַז מ'זאָל שליסן די קראָמען איז געווען אַ גאַנץ שווערער ענין. די קראָם איז דאָס געזיכט פון דער שטאָט און האָט מען געוואָלט אויסדריקן די אומצופרידנקייט פון דער שטאָט, האָט מען דאָס געטאָן דורך שליסן די קראָמען. האָט טאַקע די צאַרישע פּאָליציי שטאַרק אַכטונג געגעבן, אַז אָט דאָס שטאָט־געזיכט — די קראָמען — זאָל נישט זיין דער אויסדריקער פון וועלכער ס'איז אומצופרידנקייט פון דער באַפעלקערונג. דעם יידישן קרעמער איז דעריבער שווער געווען נאָכצוקומען די פאָדערונג פון „בונד", און ער האָט זיך געפונען צווישן האַמער און קאָוואַדלע.

אין דער נאַכט פאַרן באַשטימטן שטרייק־טאָג איז מען אַוועק צו די בעקערס און זיי פאַרזאָגט נישט צו באַקן; אין די וואַרשטאַטן, אַז מאָרגן זאָל נישט געאַרבעט ווערן, און צו די קרעמערס, אַז מאָרגן זאָלן זיי נישט עפענען זייערע קראָמען.

דעם זעלבן אָוונט האָט מען שוין געמאַכט אַ התחלה און געגעבן דער צאַרישער מאַכט צו פילן, אַז עפּעס גרייט זיך. אין יענער צייט זענען די גאַסן באַלויכטן געוואָרן מיט נאַפט־לאָמפּן, וואָס פלעגן הענגען אויף הויכע סלופּעס. אָט די לאָמפּן זענען אין דעם אָוונט צעהאַקט געוואָרן מיט שטיינער און די שטאָט איז פאַרזונקען געוואָרן אין פינצ־טערניש.

אַז די זשאַנדאַרמעריע האָט זיך דערוווּסט, אַז ס'גרייט זיך אויף מאָרגן אַ שטרייק, האָט זי זיך געלאָזט ביינאַכט איבער די הייזער און אַרעסטירט אַ ריי בונדישע טוערס, ווי: עליע שימשעלעס, שאַמע פרידמאַן, שיע בנימין לייבעלעס (יהושע מאַנדלבוים) א"אַ. דאָס האָט אָבער נישט געשטערט די אַר־בעט ביים דורכפירן דעם שטרייק.

אויף מאָרגן אין אַ פראָסטיקן ווינטער־טאָג זענען די אַרבעטערס נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט, די קראָמען אַ טייל געשלאָסן, אַ טייל אָפן. די פּאָליציי איז געגאַנגען צו יעדן קרעמער און געבערענגט אים פון דער היים, אַז ער זאָל עפענען די קראָם, אָבער ווי נאָר די פּאָליציי איז אַוועק, איז מען צו און געהייסן פאַרמאַכן. האָט דער קרעמער נישט געוואָלט שליסן, האָט מען אַליין פון דרויסן צוגעמאַכט די טירן. האָבן אַנדערע קרעמערס זיך געאַמפּערט, האָט מען זיי אַריינגעוואָרפן שטיינער אין קראָם. די פּאָליציי איז נישט אָפּגעטראָטן אַ גאַנצן טאָג און זיך אַרומגעיאָגט מיט דער חברה און זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן; זי איז געצווונגען געווען אַרויסצורופן מיליטער צו הילף. ס׳זענען געכאַפּט געוואָרן אַ צענדליק בחורים, וואָס זענען דערנאָך אָפּגעזעסן עטלעכע חדשים אין דער שעדלעצער תפיסה. עטלעכע זענען נאָכן אָפּזיצן אין תפיסה אַרויסגעשיקט געוואָרן פון שטאָט אין אַנדערע ראַיאָנען. צווישן די אַרויסגעשיקטע איז געווען איינער פייוול מיטן צונאָמען „זשאַבע”.

דער „באַיעוואַי אטריאַד” פון „בונד”

אָפיציעל איז דער „בונד” געווען קעגן טעראָר, אָבער ס׳האָט ביי אים עקזיסטירט אַ באַוואָפנטע גרופּע, וואָס איז גרייט געווען אויף יעדן פאַל, ווען ס׳וועט נייטיק זיין אָנצווענדן כוח.

צו דער באַוואָפנטער גרופּע, וואָס האָט זיך גערופן „באָיעוואָי אָטריאַד” האָבן געהערט חברים פון דער באַוועגונג, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער איבערגעגעבנקייט. ביים אַריינטריט אין אָט דער גרופּע האָט מען געדאַרפט דורכגיין אַ געוויסן עקזאַמען. די ערשטע פראַגע ביים עקזאַמען איז געווען, צי איז מען גרייט מקריב צו זיין דאָס לעבן, ווען ס׳וועט נייטיק זיין. האָט דער געפרעגטער אָן וואַקלען זיך גלייך מוטיק געענפערט אַז יאָ, האָט מען אים אָנגענומען. האָט ווער אָבער נאָר אַ קלער געטאָן וואָס צו ענטפערן, איז ער געפּסלט געוואָרן.

די באַוואָפנטע גרופּע איז באַשטאַנען פון אַ דריי־צענדליק חברים, געזונטע בחורים. עטלעכע פון זיי געדענק איך, ווי אַ שטייגער: אַנטשל קאַצאַפּ (בעקערמאַן), משה אישטשער, חיים פּישטשאַצער, נאכקע פעלדמאַן, שיע בנימין לייבעלעס, דער ווייסער מאיר, חנינא׳לע קלינג. אויב איך האָב נישט קיין טעות האָט אויך ישעיהו וויינבערג אָנגעהערט צו אָט דער גרופּע. געוועד פלעגט די גרופּע באַקומען פון צענטער. די גרופּע פלעגט דורכפירן איבונגען מיטן געווער הינטער דער שטאָט, אונטער דער אויפזיכט — פון לייזער מוליער, וואָס איז געקומען פון לאָדזש און האָט שוין געהאַט דערפאַרונג אָנצופירן מיט אַזאַ גרופּע.

מוסרים

די באַוועגונג אין ביאַלע האָט געהאַט צרות פון מוסרים. אָט די טיפּן האָבן נישט געשטאַמט פון די חברים, וואָס האָבן אָנגעהערט צום „בונד”, נייערט פון דער באַפעלקערונג, און צוליב פאַרשידענע כוונות: צוליב אַ גרינג פאַרדינסטל, וואָס די זשאַנדאַרמעריע איז גרייט געווען צו צאָלן אירע צוטראָגערס; צוליב נקמה אין די „לאָבוזעס”, וואָס האָבן גענומען אַראָפּפירן יידישע קינדער פון גלייכן וועג. ס׳זענען אָפּט פאָרגעקומען רעוויזיעס און אַרעסטן. די ביאַלער תפיסה האָט זייער אָפּט געהאַט אין אירע קאַמערן פאַר געסט חברים פון „בונד”.

די באַוואָפנטע גרופּע אין „בונד” האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע אויסצוגעפינען אָט די מוסרים און זיי באַשטראָפן. דריי פון זיי איז טאַקע געלונגען צו אַנטדעקן.

איינער פון זיי, אַ בעל־מלאכה האָט פאַר מורא עוקר געווען מיט זיין פאַמילע פון ביאַלע. דער צווייטער איז געווען אַ ביאַלער סוחר, צו וועמען אין געשעפט מ׳האָט אין איינעם אַן אָוונט אַריינגעשאָסן און אים פאַרוווּנדעט. דער דריטער פון זיי איז געווען אַ פאַרביסענער מוסר. ער האָט פאַר קיינעם קיין מורא נישט געהאַט. ער פלעגט שטענדיק טראָגן ביי זיך אַ רעוואָלווער. ער פלעגט אין צאַרישן דינסט אָפּט פאָרן קיין וואַרשע, און דאָס אין ערשטער באַן־קלאַס. ער פלעגט שטאַרק היטן זיך און קיינמאָל זיך נישט געוואָלט טרעפן מיט אומבאַקאַנטע און פאַר אים פאַרדעכטיקע מענטשן. ס׳האָט אים אָבער גאָרנישט געהאָלפן. אין אַ זומערדיקן אָוונט פון יאָר 1904 האָט ער באַקומען זיין פאַרדינטע שטראָף.

אינטערעסאַנט איז ווי אַזוי דער טויט־אורטייל איבער דעם מוסר איז אויסגעפירט געוואָרן. פון דער באַן־סטאַציע פלעגט דער מוסר אַראָפּפאָרן אין שטאָט אַריין אין אַ דראָזשקע, מיט אַן אויפגעשטעלטער בויד, כדי מ׳זאָל אים נישט זען. אין דעם אָוונט פון פאָרפאַל, ווען דער מוסר איז אַריין אין אַ דראָזשקע, איז צוגעקומען אַן אויסגעפוצטע דאַמע און אין רוסיש העפלעך געבעטן איר דערלויבן אויך איינצושטייגן אין דער דראָזשקע. ווען די דראָזשקע איז אָנגעקומען צום בריק ביים טייך האָט די דאַמע אַרויסגעצויגן אַ רעוואָלווער, אָפּגעגעבן צום מוסר עטלעכע שאָסן און איז נעלם געוואָרן. יחידים האָבן אָבער געוווּסט, אַז אונטערן שלייער פון דער דאַמע האָט זיך אויסבאַהאַלטן אַ חבר פון דעם „באָיעוואָי אָטריאַד” פון „בונד” אין ביאַלע.

עפנטלעכע דעמאנסטראציעס

סוף 1905 האָט די צאַרישע מאַכט פּראָקלאַמירט אַ מאַניפעסט וועגן דער קאָנסטיטוציע און וועגן צונויפרופן די „דומע” (פאַרלאַמענט), אַ שאָטן פון אַ פאָלקס־פאַרטרעטונג.

דער ביאַלער „בונד” האָט ביי אָט דער געלעגנהייט גערופן אַ פאָלקס־פאַרזאַמלונג, כדי אויפצוקלערן דער באַפעלקערונג ווי נישטיק ס׳זענען די פרייהייטן וואָס דער צאַר האָט געשענקט זיינע אונטערטאַנען.

דער מיטינג איז פאָרגעקומען אין שול, וועלכע איז געווען געפּאַקט מיט אַן עולם פון אַלע שיכטן. גערעדט האָט אַ רעדנער, וואָס איז געקומען פון צענטער, און זיינע רייד האָבן פאַרכאַפּט די פאַרזאַמלטע.

נאָכן מיטינג האָט דער „באָיעוואָי אָטריאַד” געבילדעט אַ רינג, אין וועלכן ער האָט אַריינגענומען אַ גרויסן טייל פון

די פאַראַמלטע און זיך געלאָזט איבער דער שטאָט מיט אַ דעמאָנסטראַציע, מאַכנדיק דערביי אויסרופן קעגן צאַריזם.

דער פּאָליציי־צירקל האָט זיך דעמאָלט געפונען אין פּישיצעס הויז, אין מאַרק, עק יאַנעווער גאַס. פּאָליציי־נאַטשאַלניק איז געווען קאָרעניאַוו, וואָס האָט זיך אויסגע־צייכנט מיט געוויסע ליבעראַלע נייגונגען. ווען די דעמאָנסט־ראַציע האָט זיך פון שול־הויף גענומען דערנענטערן צום פּאָליציי־פּאָסטן און די פּאָליציאַנטן הערנדיק דעם טומל און די פייַנטלעכע לאָזונגען קעגן צאַריזם, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן קעגן די דעמאָנסטראַנטן, איז קאָרעניאַוו אַרויס פון זיין חדר און אָפּגעהאַלטן די פּאָליציאַנטן פון אַנגרייפן דעם עולם.

די דעמאָנסטראַציע איז אַדורך אומגעשטערט די גאַנצע שטאָט און איז אַוועק צו דער תפיסה אויף דער פּראָסטער גאַס, ווו ס'האָבן זיך געפונען עטלעכע אַרעסטירטע „בונד"־חברים. פאַר דער תפיסה האָט מען געמאַכט אויסרופן ווען באַפרייען די אַרעסטירטע, און געזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער.

אין קאמף מיט דער אונטערוועלט

איידער דער „בונד" האָט זיך באַוויזן אויף דער יידישער גאַס, איז ביאַלע באַהערשט געווען דורך דער אונטערוועלט. גנבים, גאַסן־יונגען, שטאַרקע און פּאַראַזיטן האָבן טעראָריזירט דער יידישער באַפעלקערונג און אויסגעפּרעסט ביי איר געלט דורך פאַרשיידענע אופנים. פּורים און שמחת־תורה פלעגן זיי זיך אָנשיכורן, אַריין אין די בתי־מדרשים, געמאַכט סקאַנדאַלן און געשלאָגן ווער ס'איז זיי געקומען אונטער דער האַנט. טיילמאָל האָט מען זיך געמוזט אָפּשליסן פאַר זיי אין דער היים, אַזוי האָט מען פאַר זיי געציטערט און נישט געוואַגט צו שטעלן זיך זיי אַנטקעגן.

ווען דער „בונד" האָט אָנגעהויבן זיין טעטיקייט אין ביאַלע, האָט ער אָנגעהויבן באַווירקן די הפקר־עלעמענטן, צוימען און פאַרוואַנדלען זיי אין אָנשטענדיקע אַרבעטערס. ס'איז אָבער געלונגען נאָר אַ קליינעם טייל פון זיי צו באַ־ווירקן, דער רוב איז געבליבן אומפאַרענדערט.

די ערשטע צייט זענען די אונטערוועלט־ברואים שטאַרק איבעראַשט געוואָרן פון דעם האַסטיקן וווקס פון נייעם כוח אויף דער יידישער גאַס. זיי האָבן אין דעם כוח דערזעען אַ שטערונג פאַר זייערע מעשים. זיי פלעגן פּראָוואָצירן געשלעגן, זיך באַוויזן אין מאַרק־סאַד אין דער צייט פון דער „בירזשע", מאַכן חוצפּהדיקע באַמערקונגען און באַוואַרפן מיט אויסגע־לאַסענע אויסדרוקן, אָבער זיי האָבן זיך נישט אָנגעטראָפן מיט קיין פּחד, נייערט מיט אַ ביטול־באַציאונג, און מ'האָט זיי געהייסן נעמען דעם וועג. זיי האָבן זיך דערווייל אָפּגע־טראָגן, אָבער זיך געגרייט צו געשלעגן אין דער צוקונפט.

דער „בונד" אין ביאַלע, וואָס איז געווען באַהויכט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער קאַמפס־ענערגיע, האָט אין זיינע רייען געציילט חברים, וואָס זענען געווען פיזיש גוט אַנטוויקלט, ווי: אַנטשל קאַצאַפּ (בעקערמאַן), חאַנע ניסקעלעס (דעם מוליערס), דער וויסער מאיר, אברהם קאַמעלמאַכער א"אַ, וואָס האָבן שטענדיק ביי זיך געטראָגן געווער. די דאָזיקע באַוואָפנטע גרופּע האָט קנאַפּ וואָס מורא געהאַט פאַר דער אונטערוועלט.

אין אַ געוויסן טאָג האָט מען באַקומען אַ ידיעה, אַז די אונטערוועלט גרייט זיך אויף אַ געשלעג אין די נאָענטסטע טעג. דעם זעלבן טאָג האָט חאַנע ניסקעלעס אָנגעטראָפן אין גאַס איינעם פון דער אונטערוועלט, און פאַרשטעלנדיק אים דעם וועג האָט ער אים אַ זאָג געטאָן: — איר ווילט זיך שלאָגן, אויף ווען וואַרט איר? — און ער האָט דערביי אַרויסגעצויגן זיין בראַונינג־רעוואָלווער פון טאַש. יענער האָט אָן אַ וואָרט זיך אָפּגעטראָגן.

זעלבסטשוץ

אין דער תקופה פון פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, ווען די צאַרישע מאַכט האָט געוואָלט אונטערדריקן די רעוואָלוציאָ־נערע שטימונגען דורך לענקען די אויפגעבראַזטע מאַסן אויף דער יידישער באַפעלקערונג, און האָט אָרגאַניזירט פּאָגראָמען אויף יידן, האָט דער „בונד" געגרינדעט אין שטאָט אַ יידישן זעלבסטשוץ. דער „בונד" האָט גערופן די יידישע באַפעלקערונג צו פאַרטיידיקן זיך, אויב ס'וועט קומען צו אַן אָנפאַל אויף יידן. ס'איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ באַוואָפנטע מחנה, אין וועלכער ס'האָבן זיך באַטייליקט אויך נישט־בונדיסטן. דער זעלבסטשוץ האָט געהאַט פאַרשיידענע פאַר־טיידיקונגס־מכשירים, ווי: קינזשאַלן, רעוואָלווערן, געוויכטן, שטיקער ברוכאייזנס און אייזערנע דרענגער.

אין ביאַלע האָבן זיך די יידן נישט געשראָקן פאַר אומרוען מצד דער ציווילער באַפעלקערונג, וואָס איז אין איר רוב באַשטאַנען פון פּאָליאַקן, וואָס האָבן געהאַט אַ שווער האַרץ אויף דער רוסישער מאַכט. די געפאַר פאַר יידן האָט געלויערט פון די רוסישע סאָלדאַטן וואָס האָבן זיך געפונען אין שטאָט. אין ביאַלע זענען דעמאָלט געשטאַנען אַכט באַטערייעס אַר־טילעריע אין פּישיצעס קאַזאַרמעס, לעבן די גלינקעס; דער ליבאַווסקער פּיעכאָטע־פּולק אויפן וואַרשעווער שאָסיי און דער קאַלוזשעסקער־פּולק אויפן בריסקער שאָסיי.

אין די זונטיקדיקע טעג, ווען די זעלנער איז דערלויבט געווען צו קומען אין שטאָט אַריין, פלעגן זיי זיך אָנשיכורן און שלאָגן אונטערקומענדיקע יידן. מאַכן אַוואַנטורעס, באַגלייט מיט עכטע רוסישע עפּיטעטן, ווי: „זשידי מאַשעניקי" (יידן אָפּנאַרערס) און „ראַזרוזיאַט וואָס נאַדאַ" (צעשניידן דאַרף מען אייך). דער פּחד פאַר זיי איז געוואַקסן און מ'האָט מורא געהאַט פאַר ערנסטע איבערפאַלן מיט קרבנות.

אין איינעם אַ זונטיק, בערך אין יאָר 1903, האָט מען באַקומען אַ ידיעה, אַז די אַרטילעריע־סאָלדאַטן גרייטן זיך אין אָוונט אָנצופאַלן אויף יידן און אויף זייערע הייזער. דער „בונד" האָט אַלאַרמירט דעם זעלבסטשוץ און צעשטעלט גרופּקעס ביי די יידישע הייזער. אין אָוונט האָבן זיך טאַקע באַוויזן שיכורע סאָלדאַטן און מיט געשרייען „דאַוואַי זשידי!" האָבן זיי זיך אַ לאָז געטאָן אויף די יידישע הייזער. דער אומדערוואַרטעטער ווידערשטאַנד האָט זיי באַטויבט און פאַרטריבן זייער חשק צו רויבן יידישע פּראַצע. זיי זענען צעשלאָגן געוואָרן פון זעלבסטשוץ און זיי האָבן זיך צוריק־

געצויגן. ס׳דאַרף באַמערקט ווערן אַז די סאָלדאַטן זענען נישט געווען באַוואָפנט, ווען יאָ, ווער ווייס וואָס פאַר אַ טרויעריקע רעזולטאַטן זייער אָנפאַל וואָלט געהאַט.

אויף מאָרגן איז געווען זייער אַ געהויבענע שטימונג צווישן די חברים פון זעלבסטשוץ. יעדע גרופּע האָט דערציילט וועגן איר זיג איבער די שיכורים. עטלעכע חברים פון זעלבסט־שוץ זענען געווען אַ ביסל צעקלאַפּט. מער זענען אַזעלכע איבערפאַלן פון סאָלדאַטן נישט פאָרגעקומען.

איבערברוך

אונטערן דרוק פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג האָט די צאַרישע מאַכט באַשלאָסן צונויפצורופן אַ פאָלקס־פאָרשטייערשאַפט, אָבער פון דער צווייטער זייט האָט זי געזוכט מיטלען ווי אַזוי עוקר צו זיין די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן. ס׳איז איר טיילווייז געלונגען איינצולעשן דעם רעוואָלוציאָנערן פלאַקער און אָנצוואַרפן אַ יאוש־שטימונג אויף דער באַפעלקערונג.

אויך אין ביאַלע האָט זיך שטאַרק געלאָזט פילן אָט די געדריקטע שטימונג. פון צענטער האָבן אויפגעהערט קומען דירעקטיוון, און די אַרבעט פון „בונד״ אין ביאַלע איז כמעט ווי פּאַראַליזירט געוואָרן. די מער ענערגישע חברים האָבן זיך גענומען צו קולטורעלער און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. דאָס אָבער האָט זיי נישט געקאָנט אַזוי באַפרידיקן ווי די פּאַרטיי־טעטיקייט.

כל זמן מ׳איז געווען פאַרטאָן אין אַלגעמיינעם אידעאַל, האָט מען פאַרגעסן אין פערזענלעכן איך. ווען ס׳איז אָבער געקומען דער איבעררייס אין דער פּאַרטיי־טעטיקייט, האָט יעדער גענומען זיך אַרומקוקן, און פאַר אים האָט אויפגע־טויכט די תכלית־פראַגע. אין רעזולטאַט דערפון האָט זיך אָנגעהויבן אַן עמיגראַציע פון ביאַלע. אַזוי זענען אַוועק צווישן אַנדערע: לייזער מאַלער, עליע שימשעלעס מיט זיין חברטע, אברהם קאמעלמאַכער מיט זיין שוועסטער, דוד קְרוסעס (געפאָרן קיין פאַריז און אין קורצן זיך אומגעקערט), חאָנע ניסקעלעס, דער ווייסער מאיר א״אַ.

די יונגע יורשים פון דער „בונד״־באַוועגונג אין ביאַלע האָבן זיך גענומען גרייטן איבערצונעמען די אָנפירונג פון דער פּאַרטיי און ווייטער שפינען איר פאָדעם. ווען חנינאלע קלינג (איינער פון די אַקטיוויסטע בונדיסטן אין ביאַלע) האָט זיך גענומען גרייטן אין וועג אַריין, האָט ער מיך, אליהו רייזע־לעס (קלאָץ), משה בנימין טשאַרני און נאָך צוויי יוגנטלעכע מודיע געווען, אַז ער וויל אונדז איבערגעבן די געווער־זאַמלונג פון דער באַוואָפנטער בונדישער גרופּע, דעם „באָיעוואָי אָטריאַד״.

דאָס איז געווען בערך אין יאָר 1908. צו דער באַשטימטער שעה האָט אונדז חנינא׳לע קלינג אַוועקגעפירט אין „זאָפּיע״־וואַלד. ווען מיר האָבן זיך דערנענטערט צום וואַלד האָט ער אונדז אָנגעוויזן אויף אַ הויכן בוים מיט אַן איבערגעבוי־גענעם שפּיץ, אַזוי ווי איבערגעבראָכן, און געזאָגט, אַז דאָרט אונטערן בוים ליגט דאָס געווער.

אַז מיר זענען צוגעקומען צום אָנגעוויזענעם אָרט אין וואַלד, האָט חנינאלע מיט אַ שטיקל אייזן, וואָס ער האָט מיטגענומען מיט זיך, געגראָבן און געגראָבן אַ שטיקל צייט, ביז ער האָט דערטאַפּט דאָס אָרט. דאַן האָבן מיר אַלע מיט פאַרשיידענע מכשירים אָנגעהויבן גראָבן, ביז מיר האָבן אָפּגעפונען אַן אייזערן קעסטל. מיר האָבן עס אַרויסגעצויגן, ס׳האָט געדויערט אַ שטיקל צייט, ביז מיר האָבן עס געקאָנט עפענען, ווייל ס׳איז געווען דורכאויס פאַרזשאַווערט. אַ שווערן איינדרוק האָט אויף אונדז געמאַכט דאָס בילד וואָס מיר האָבן דערזעען נאָכן עפענען דאָס קעסטל. מיר האָבן דערזעען דאָס גאַנצע געווער ליגן אין וואַסער. מיר האָבן איבערגעציילט עטלעכע און דרייסיק רעוואָלווערן, טייל פון זיי פאַרזשאַווערט אַזוי ווייט, אַז זיי האָבן שוין ניט פונקציאָנירט. אַ טייל זענען געווען ניקלנע און האָבן נאָך געהאַט אויף זיך דעם גלאַנץ. פעקלעך קוילן און קינזשאַלן זענען געלעגן פאַרזשאַווערטע. מיר האָבן אויסגעגאָסן דאָס וואַסער און זיך גענומען מיט אונדזערע טאַשן־טיכלעך רייניקן דאָס געווער. מיר זענען אַזוי געווען פאַרנומען מיט דער אַרבעט, אַז מיר האָבן נישט באַמערקט ווי ס׳איז צוגעפאַלן דער אָוונט. מיר האָבן דאָס קעסטל אויסגעלייגט מיט טרוקענער גראָז און צוריק זאָרגפעליק פאַרפאַקט דאָס געווער. חנינאלע האָט זיך געזעגנט מיטן געווער, האָבנדיק פולע אויגן מיט טרערן.

וואָס איז געוואָרן שפּעטער מיטן קעסטל געווער איז נישט באַוווּסט. שפּעטער־צו זענען אַ טיילביימער אין „זאָפּיע״־וואַלד אויסגעהאַקט געוואָרן און דאָרט האָבן זיך קריסטן איינגעאָרדנט ווירטשאַפטן. איך בין עטלעכע מאָל אַוועק אַהין שפּאַצירן און באַמערקט אונדזער סימן־בוים שטיין אין אַן אַרומגעפּאַרקאַנטן גאָרטן. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן די דייטשע אקופּאַנטן אויסגעשניטן אַלע וועלדער אַרום ביאַלע, און אויך אונדזער סימן־בוים איז פאַרשוווּנדן.

הפסקה אין דער טעטיקייט

דער שטילשטאַנד אין דער בונדישער באַוועגונג האָט אַרויסגערופן אַ שמחה אין די בירגערלעכע קרייזן. זיי זענען דאָך געווען שטאַרק פאַרביטערט אויף די שטרייקערס וואָס האָבן אַלע מאָל אַרויסגעשטעלט אַנדערע פאָדערונגען צו די מייסטערס און טיילמאָל באַפוילן די קרעמערס צו שליסן די קראָמען.

אַזוי האָט מען דערציילט, אַז אין גערער שטיבל האָט מען שמחת־תורה בעתן פרייען זיך מיט דער תורה פאַר איין וועג זיך אויך געפרייט מיט דער מפּלה פון די שטריי־קערס, און מ׳האָט דאָרט אימפּראָוויזירט אָט אַזאַ לידל:

„יענטע גענעשע,
ס׳איז געקומען אַ דעפּעשע,
אַז מ׳האָט אויסגעהרגעט אַלע שטרייקער;
מ׳האָט שוין פאַר קיין שטרייקער נישט קיין מורא.
שישו ושמחו בשמחת תורה״.

די קליינע גרופּע יוגנטלעכע בונדיסטן אין ביאַלע האָט אָבער נישט איבערגעריסן דעם טעטיקייטס־פאָדעם. זי איז

אָנגעגאַנגען מיט דער ביבליאָטעק־אַרבעט און איר אַנטוויקלט. די גרופּע פלעגט פון צייט צו צייט, אין אַ שבתדיקן טאָג, אַוועקגיין אין וואַלד, ווו מ׳האָט געפירט שמועסן וועגן פאַרשיידענע פּראָבלעמען. אָט די חברים זענען געווען איבערצייגט, אַז דער קריזיס אין דער באַוועגונג וועט נישט לאַנג אָנהאַלטן. אין יאָר 1910 האָט די גרופּע אַקטיוויסטן באַשלאָסן איינצואָרדענען אַן ערשטע מאַי פאַרזאַמלונג.

די פאַרזאַמלונג איז אָרגאַניזירט געוואָרן אויפן זעלבן אופן ווי אין די פריערדיקע יאָרן. יעדער פון דער גרופּע, ווי: אליהו קלאָץ, משה בנימין טשאַרני, משה פינקלשטיין, יואל פינגערהוט, דער שרייבער פון די שורות א״אַ האָבן אויף זיך גענומען די אויפגאַבע צו מעלדן וועגן דער פאַרזאַמלונג באַקאַנטע אין די וואַרשטאַטן, לייענערס פון דער ביבליאָטעק, אַז זיי זאָלן אין אָוונט, ערב דעם 1טן מאַי, זיין אין גאַס.

נאָך אַ ישוב־הדעת איז באַשלאָסן געוואָרן צו רופן די פאַרזאַמלונג אויפן יאַנעווער שאָסיי, אַראָפּ אויף אַ פעלד, אין אַ ווינקל ווו ס׳האָט זיך געגרענעצט דער קריסטלעכער צמענטאַרזש מיטן יידישן בית־הקברות.

אין באַשטימטן אָוונט זענען צוויי חברים אַוועק אויפן אָפּגערעדטן אָרט אָפּצוואַרטן די אָנקומענדיקע חברים. די איבעריקע אָרגאַניזאַטאָרן זענען אַרויס אין גאַס און אַוועקגעשיקט אַהין די גערופענע חברים. אַוועק אַהין איז מען צו צוויי אָדער צו דריי חברים, כדי נישט אַרויסצורופן קיין חשד.

אליהו קלאָץ האָט פאַר די פאַרזאַמלטע אויפגעקלערט די באַדייטונג פון ערשטן מאַי יום־טוב, געבנדיק גלייכצייטיק אַן איבערבליק איבער דער פּאָליטישער לאַגע אין לאַנד. אויפגעמונטערטע איז מען זיך צעגאַנגען אַהיים.

דער ערשטער פּרווו צו גרינדן א פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין

אין יאָר 1909 האָט נחמיה האפּער פאַרלייגט אין ביאַלע אַ וואַרשטאַט פון מעכאַנישער שוסטעריי. אין אַ צייט אַרום האָט ער צוגעצויגן ווי שותפים זיינע ביידע ברידער, אשר און מתתיהו, ווי אויך זיין שוואָגער בנימין קליגער. דער וואַרשטאַט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַבריק. דאָרט זענען באַשעפטיקט געוואָרן קרוב 40 אַרבעטערס. די טעטיקייט פון אָט דער פאַבריק האָט אָנגענומען אַ מאָדערנעם כאַראַקטער, מיט אַ וואָיאַזשאָר (מתתיהו האפּער), וואָס איז געפאָרן אין די ווייטע רוסישע שטעט און דאָרט אָפּגעזעצט די פּראָדוקציע. אין אָט דער פאבריק איז געגרינדעט געוואָרן דער ערשטער ביאַלער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין. אויף אַ גאָר פּרימיטיוון אופן האָט דער פאַראיין געפירט זיין טעטיקייט, אָן אַ לאָקאַל און אָן אַ סעקרעטאַר. מ׳פלעגט זיך טרעפן ערגעץ־ווו אויף דער גאַס און אָננעמען באַשלוסן. דער פאַראיין האָט אין דער פאַבריק דורכגעפירט אַ שטרייק לטובת די אַרבעטערס.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה

בעת דער דייטשער אָקופּאַציע האָט קיין רייד נישט געקאָנט זיין וועגן פירן אַ בונדישע טעטיקייט אין ביאַלע. האָט מען זיך פאַרנומען מיט געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, מ׳האָט געהאָלפן גרינדן די פאָלקס־קיך, ווי אויך אָרגאַניזירט די ליטעראַריש־דראַמאַטישע געזעלשאַפט. דער „בונד״ איז פאַרשטאַרקט געוואָרן מיט פרישע כוחות, אַזוי זענען צוגעקומען: איינער אַ מרדכי האכמאַן, אַ בריסקער פליט; מרים, אַ ביאַלער געבוירענע, וואָס האָט געוווינט אין ווילנע איז געקומען צו איר מוטער. קיין ביאַלע האָט זיך אויך צוריקגעקערט דער בונדישער טוער תנא פריינד. ס׳האָבן זיך געמאָלדן פרישע בונדיסטן, ווי: שמעון בלאַנקליידער (דער גראָבער), אברהם סטריכער, אסתר איידלמאַן א״אַ.

ביים סוף פון דער וועלט־מלחמה, ווען פון רוסלאַנד האָבן אָנגעהויבן אָנקומען ידיעות וועגן רעוואָלוציאָנערן אויפברויז, האָט אין ביאַלע צוריק אויפגעוואַכט דער רעוואָלוציאָנערער בונדישער גייסט. מ׳האָט דערפילט, אַז ס׳קומט די צייט, ווען ס׳וועט זיך פאָדערן אַן אינטענסיווע אַרבעט, אפשר אין אַ גאָר גרויסן פאַרנעם. ס׳האָבן זיך צוריקגעקערט צו אַקטיווער טעטיקייט חברים, וואָס זענען אין די יאָרן נאָכן דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע, אין יאָר 1905, געשטאַנען פון דער זייט, ווי: שאַמע פרידמאַן, נחום וואָרעק, אליהו האָפמאַן, הערש בער אַראָנאָוויטש א״אַ.

מיט דער אַנטשטייאונג פון פּוילן האָט זיך אָנגעהויבן אַ ניי קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון „בונד״ אין ביאַלע.

גדליהו בראַוערמאַן (פתח־תקוה)

ב. צווישן ביידע וועלט־מלחמות

אין די יאָרן 1917—1919 איז אין ביאַלע פאָרגעקומען אַן אינטענסיווער פּראָצעס פון אויפוואַכונג און אָרגאַניזירונג פון די אַרבעטערס. מ'האָט אויפגעשטעלט אַ יוגנט־אָרגאַני־זאַציע און פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, ווי: נאָדל־פאַראיין, מעטאַל־פאַראיין, האָלץ־פאַראיין, בעקער־פאַראיין א"אַ. מ'האָט געגרינדעט אַ קולטור־קלוב, ביבליאָטעק און דראַמאַטישן קרייז. אין איינגעאָרדנטן לייען־זאַל האָט מען באַקומען צו לייענען די בעסטע זשורנאַלן, ביכער און צייטונגען אין יידיש. די אַלע אינסטיטוציעס האָבן זיך אַריינגעצויגן אין גרויסן בונדישן קלוב אויפן נאָמען פון בראָניסלאַוו גראָסער, אין דער גראַבאַנאָווער גאַס, אין הויז פון מאָטל פון ווייִנעס. מ'האָט אויך געגרינדעט אַ קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוו, כדי צו דערמעגלעכן די חברים איינצוקויפן שפּייז־אַרטיקלען צו נאָרמאַלע פּרייזן.

דער „בונד" האָט דורך די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען באַאיינפלוסט די אַרבעטער מאַסן פּאָליטיש און עקאָנאָמיש, און געשטאַרקט זייער סאָציאַליסטישן באַוווּסטזיין. אַ די פּראָפעס־יאָנעלע פאַראיינען זענען אָנגעפירט געוואָרן פון די פּעאיקס־טע בונדיסטן: שמעון בלאַנקליידער — סעקרעטאַר פון צענטראַלן פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין; משה ראַדזינעק — סעק־רעטאַר פון דער שניידער־סעקציע און שמואלקע גאָלדבערג — סעקרעטאַר פון דער לעדער־בראַנזשע.

דאָס אָרגאַניזירן די יוגנטלעכע אַרבעטערס דורכן „בונד" איז נישט געווען קיין לייכטע אַרבעט, ווייל מ'דאַרף געדענ־קען אין וואָס פאַר אַן אומשטענדן זיי האָבן דעמאָלט געלעבט. גייסטיק פאַרפינצטערט, עקאָנאָמיש אָרעם, האָט מען אין זיי געדאַרפט אויפוועקן דאָס געפיל פאַר אַ נייער וועלט, און לערנען זיי דעם וועג צו באַפרייאונג. צו לערנען אָט דער יוגנט האָט דער בונד באַשטימט איינעם פון זיינע פעאיקסטע חברים, תנא פריינד, אַן אינטעליגענטער מענטש מיט זייער אַ סך וויסן. ער פלעגט פאַר דער יוגנט לייענען לעקציעס, געגעבן איר די געהעריקע ביכער צום לייענען און געפירט קרייזן. זייערע געדאַנקען און ליידנשאַפטן האָבן די יידישע יוגנטלע־כע אַרבעטערס אַרויסגעבראַכט אין אַ געזעלשאַפטלעכער סביבה, וואָס האָט זיי דערהויבן איבער דער גרויער אַלטעג־לעכקייט און זיי געגעבן בטחון אין אַ שענערן מאָרגן. אַדאַנק אָט דער קולטורעלער אַרבעט זענען אויסגעוואַקסן שפּעטער־דיקע טוערס און פירערס פון ביאַלער „בונד".

דער „בונד" זייענדיק שוין גוט אָרגאַניזירט און האָבנדיק די השפּעה אויף די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, טרעט אַריין צום ערשטן מאָל אין וואַל־קאַמף צום ערשטן שטאָטראַט. ער רופט צונויף מיטינגען אין די שולן און אין זאַלן, ווו ס'טרעטן אַרויס אָרטיקע חברים און אויך פון וואַרשע קומען חברים, ווי הערשל הימלפאַרב, יעקב פּאַט א"אַ. זיי באַמיען זיך אויפ־צוקלערן דער באַפעלקערונג, אַז דער „בונד" איז נישט בלויז אַ קלאַסן־פּאַרטיי, נאָר ער איז אויך אַ פאַרטיידיקער פון די נאַציאָנאַלע יידישע אינטערעסן. אין רעזולטאַט פון דער פּראָפּאַגאַנדע וואָס דער „בונד" האָט אָנגעפירט איז אים געלונגען אַדורכצופירן 6 ראַטמענער: משה ראַדזינעק, שמעון בלאַנקליידער, נחום וואָרעק, חיים בראָדאַטש, גדליהו בראַ־ווערמאַן און מרדכי האַכמאַן.

אין יאָר 1920, ווען דאָס פּוילישע מיליטער האָט אָנגעהויבן דעם צוריקמאַרש פון קיעוו, האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסע כוואַליע פון אַרעסטן און פאַרפאָלגונגען קעגן די פירערס פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט. אינצווישן איז דער גראַ־סער־קלוב מיט אַלע אינסטיטוציעס אָפּגעברענט געוואָרן, אַלץ איז אַוועק מיטן פייער. אין אַ צייט שפּעטער ווערט אַרעסטירט דער גאַנצער בונדישער קאָמיטעט און זיינע חברים ווערן פאַרשיקט אין לאַגער דאַמביע. צווישן די פאַרשיקטע האָבן זיך געפונען: שמעון בלאַנקליידער, נחום וואָרעק, משה ראַדזינעק, תנא פריינד, פּייוול גאָלד, זיסל אייזנבערג, אליהו גאָלדמאַן א"אַ.

אין די ערשטע חדשים פון 1921, נאָך דעם ווי די מלחמה צווישן פּוילן און רוסלאַנד איז פאַרענדיקט געוואָרן, האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַן אינטענסיווע אויפבוי־אַרבעט פון „בונד" אין ביאַלע. חברים זענען צוריקגעקומען פון דער אַרמיי, פון די תפיסות און פון די אינטערנירונגס־לאַגערן. אַ סך פון די צוריקגעקומענע חברים, זענען שוין אָבער נישט אומשטאַנד געווען זיך אַריינצוּוואַרפן צוריק אין פּאָליטישער טעטיקייט, ווייל אַ טייל פון זיי איז געווען קראַנק, פיזיש צעבראָכן און אַנדערע האָבן זיך גענומען גרייטן צו פאַרלאָזן פּוילן. איז דעריבער געפאַלן דער גורל אויף די יונגערע בונדיסטן פאָרצוזעצן די אַרבעט. די יונגע בונדיסטן האָבן זיך אַריינגעוואָרפן מיט אַ נייעם אימפּעט אין דער סאָציאַליסטישער אויפקלערונגס־טעטיקייט. ס'איז געבילדעט געוואָרן אַ נייער קאָמיטעט פון פאָלגנדיקע חברים: חיים ווייסגלאַז, וועלוול שוסטער, אליעזר שנור און בערל סאָלמאַן. צוזאַמען מיט דעם פרישן קאָמיטעט זענען אויך עלטערע חברים ווייטער אַקטיוו טעטיק געווען און מדריך געווען דער יוגנט ווי אַזוי פאָרצו־זעצן די בונדישע טעטיקייט. באַזונדערס האָבן זיך דערביי אויסגעצייכנט די חברים פון עלטערן דור: תנא פריינד, שמעון בלאַנקליידער און פּייוול גאָלד.

ראשית איז מען צוגעטראָטן צוריק אויפצובויען די פּראָ־פעסיאָנעלע פאַראיינען. דער ערשטער נאָדל־פאַראיין איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין הויז פון שרגאי דעם שוסטער, אויף דער פּראָסטער גאַס. די פאַרוואַלטונג איז באַשטאַנען פון די חברים: וועלוול שוסטער — פאָרזיצער און בערל סאָלמאַן — סעקרעטאַר און קאַסירער. דער פאַראיין איז אויך געוואָרן אַ פּלאַץ פאַר קולטורעלער טעטיקייט. ס'זענען דאָרט איינגע־אָרדנט געוואָרן דיסקוסיע־אָוונטן און פאַרשיידענע רעפעראַטן. שפּעטער זענען אָרגאַניזירט געוואָרן די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פון די לעדער, האָלץ־און מעטאַל־אַרבעטערס. אַלע פאַראיינען זענען אָנגעפירט געוואָרן דורך בונדיסטן. בראש פון לעדער־פאַראיין איז געשטאַנען דער חבר יחזקאל וולאָס. מיטן מעטאַל־פאַראיין האָט אָנגעפירט דער חבר פּייוול גאָלד און מיטן האָלץ־פאַראיין — דער חבר וועלוול כאַראַש.

דער „בונד״ ברענגט אַראָפּ פון וואַרשע די בעסטע לעקטאָרן צו האַלטן לעקציעס פאַר דער יידישער באַפעלקערונג וועגן אַקטועלע פּאָליטישע פּראָבלעמען. די שטאָט האָט ווידער אַ געלעגנהייט צו הערן די שטים פון „בונד״.

דעם שטאַרקן דראַנג נאָך בילדונג, דאָס לעכצן נאָך פרייד און דערהויבונג האָט די יידישע אַרבעטער־יוגנט געזוכט צו באַפרידיקן אין אַ גרויסער מאָס אין איר אייגענער אָרגאַניזאַציע. פאַר דעם „יוגנט־בונד״, וואָס איז געווען אי אַ קאַמפּס־אינסטרומענט אי אַ בילדונגס־אינסטיטוציע, איז געשטאַנען די שווערע פראַגע פון אויסבילדן דעם נייטיקן קאַדער רעפערענטן און פירערס פאַר אָט דער אָרגאַניזאַציע. דער קאַדער האָט געמוזט קומען פון דער יוגנט גופא, דאָ האָט נישט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן ברענגען לערערס פון דער פרעמד, אָדער פון אַזעלכע וואָס זענען געשטאַנען מחוץ פון אָט דער מחנה. ס׳האָבן געמוזט זיין אייגענע, געקנאָטן פון זעלבן טייג. אומעטום האָבן זיך אַרויסגערוקט איינצלנע יוגנטלעכע, וואָס האָבן זיך דערוואָרבן אַ געוויסע מאָס וויסן און האָבן דערביי אויך פאַרמאָגט די פעאיקייטן איבערצוגעבן זייער וויסן אַנדערע. ס׳איז אָבער נייטיק געווען צו געבן די יונגערע רעפערענטן און קולטור־טוערס אַ פּראָגראַם און מעטאָד, כדי פאַר זיי אַליין גופא קלאָר צו מאַכן די ראָל, וואָס זיי נעמען אויף זיך. צו דעם צוועק פלעגן יונגע בונדיסטן פאָרן קיין מעזריטש, ווו ס׳האָט זיך געפונען דער ראַיאָן־צענטער פון „בונד״, און דאָרט האָבן זיי באַקומען אינסטרוקציעס ווי אַזוי אָנצופירן מיט דער אַרבעט.

די אינסטיטוציע „קולטור־ליגע״ איז געשאַפן געוואָרן אין ביאַלע מיטן צוועק צו צענטראַליזירן די גאַנצע קולטור־אַרבעט פון „בונד״. די שטרעבונג פון „בונד״ אין ביאַלע איז תמיד געווען צו דערהויבן די אַרבעטערס גייסטיק און מאָראַליש. דאָס האָט מען זיך באַמיט צו דערגרייכן דורך סיסטעמאַטישע קרייזן־אַרבעט, דורך קורסן, לאַגערן, צוזאַמענפליען, פאָרלעזונגען, קאָנצערטן, פאָרשטעלונגען און אויף פאַרשיידענע אַנדערע אופנים.

ווי ס׳איז שוין דערמאָנט געוואָרן איז די ביבליאָטעק, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין 1917 אינגאַנצן פאַרברענט געוואָרן בעת דער שריפה פון מאָטל פון וויינעס הויז. ביי די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען איז צוריק אויפגעשטעלט געוואָרן אַ ביבליאָטעק, וועלכע איז שפּעטער אַריבער צו די קאָמוניסטן. די „קולטור־ליגע״ האָט דעריבער באַשלאָסן זיך צו ווענדן צו די בונדיסטן אין אַמעריקע, אַז זיי זאָלן העלפן שאַפן אַ ביבליאָטעק. ס׳דויערט נישט לאַנג און אַדאַנק דער ענערגישער אַקציע פון חבר פייוול גאָלד קומען אָן 10 גרויסע קאַסטנס מיט יידישע ביכער. די „קולטור־ליגע״ פלעגט יעדן חודש דערהאַלטן די נייעסטע ליטעראַטור־אויסגאַבעס, און אַזוי אַרום געוואָרן די צווייטע היים פאַר אַ גרויסן טייל יוגנטלעכע אַרבעטערס.

דער „בונד״ ווי אַ פּאָליטישע פּאַרטיי האָט זיך נישט געוואָלט באַפרידיקן בלויז מיט דער קולטורעלער אַרבעט. אויף אַ זיצונג פון „בונד״־קאָמיטעט איז באַשלאָסן געוואָרן צו אָרגאַניזירן די טרעגערס, פורמאַנעס, בעקערס און פליישאַרבעטערס. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן זיך צו ווענדן צו דער צענטראַלע אין וואַרשע וועגן שיקן קיין ביאַלע אַ פּאַסיקן מענטש, וואָס זאָל זיין פעאיק אָנצופירן מיט אָט די פאַראייגען. די ווענדונג איז אין וואַרשע אַקצעפּטירט געוואָרן און ווי אַן אינסטרוקטאָר איז געשיקט געוואָרן חבר לייבל קערש, וואָס איז ווירקלעך צוגעפּאַסט געווען צו דעם עלעמענט, סיי מיט זיין רעדן און סיי מיט זיין אָנפירונג. ער האָט זיך פיבערהאַפט גענומען צום אָרגאַניזירן די פאַראיינען.



הועד של הבונד הצעיר „צוקונפט״.

קאָמיטעט פון יוגנט־בונד „צוקונפט״. פון רעכטס: וואָלף שוסטער, דבורה שוסטער, קליגער, וועכטערמאַן, זינגער, לאה גאָלדשטיין און בערל בעקערמאַן.

The Committee of the Youth Bund “Zukunft”.

ס׳ווערן אָרגאַניזירט באַזונדערע פאַראיינען מיט איין צענטראַל־ביוראָ. ביי די טרעגערס איז געוואָרן געוויילט אַ פאַרוואַלטונג מיט אביגדור ריכטער בראש, צו וועלכער ס׳איז געוואָרן צוגעקאָפּטירט דער „בונד״־חבר יצחק וועכטערמאַן. סעקרעטאַר איז געווען דער פונקציאָנער פון וואַרשע חבר ל. קערש. בראש פון דער פאַרוואַלטונג פון פליישער־פאַראיין איז געשטאַנען שלמה סטאָפּס זון, יעקב טשאַרני. פאָרזיצער פון דער פאַרוואַלטונג אין בעקער־פאַראיין איז געווען קאָלקער.

אין יאָר 1933 איז באַשלאָסן געוואָרן צו ווענדן זיך צו פּפּ״ס (פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי) וועגן אָרגאַניזירן אַ געמיינזאַמע ערשטע מאַי־דעמאָנסטראַציע. ס׳זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן קאָנפערענצן מיט דער פּוילישער פּאַרטיי־אָנפירונג און ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן געמיינזאַם צו פייערן דעם אַרבעטער־יום־טוב. די ערשטע מאַי־דעמאָנסטראַציע האָט אין דעם יאָר געהאַט אַן אימפּאָזאַנטן פאַרלויף. ס׳האָבן מאַרשירט די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פון די טרעגערס, בעקערס, פליישערס און שניידערס מיט זייערע פענער, טראָגנדיק טראַנספּאַרענטן מיט לאָזונגען קעגן פאַשיזם, קעגן אַנטיסימיטיזם און פאַר רעכט אויף אַרבעט. די טרעגערס האָבן געריטן פאָרויס אויף פערד, און די דעמאָנסטראַציע האָט אין שטאָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. אין זאַל פון קינאָ „מיראַזש״ איז נאָך דער דעמאָנסטראַציע אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ גרויסער מיטינג, ווו ס׳זענען אַרויסגעטראָטן יידישע און פּוילישע רעדנערס, און פון ביידע זייטן איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן דער קאַמף פאַר אַן אַרבעטער־און פּויערים־רעגירונג.



מכירת פרח לטובת ה„קולטור־ליגע" בשנת 1927.

אַ בלימל־פאַרקויף לטובת דער „קולטור־ליגע" אין יאָר 1927.

פאָרנט, פון רעכטס: פייגע סמאָלאַרזש, חיים זינגער, ציריל מייערזאָן, משה שניידערמאַן, שיינדל זוסמאַן, שואלקע יורבערג, אסתר שניידערמאַן, מאַנעס ראָדזינעק; אינמיטן זיצן: פייוול ווירניק, שלמה קופערשמידט, שמואל חיים ווינדערבוים, עליע האָפמאַן, חנה בראָוואַרעק, גדליהו בראַווערמאַן, אברהם (פאַמיליע־נאָמען אומבאַקאַנט).. משה פינקלשטיין, וואָלף שוסטער, שמואלקע גאָלדבערג; ס'שטייען: גיטל אַראָנאָוויטש, נאָמען אומבאַקאַנט, משה קאָראַליק, מנוחה קאָראַליק, הערשל עפּלבוים, דבורה בעלמאַן, יצחק בראָדאַטש, לאה אייזן; פערטע ריי: מינטשע איידלמאַן, נאָמען אומבאַקאַנט, פייגע פּאָטשטאַרוק, אברהם קאָראַליק, נאָמען אומבאַקאַנט.

Flower sale on behalf of the "Culture League" in 1927.

אין 1938 ווערט ביאַלע אַ צענטער פון אַנטיסעמיטישע אומרוען. דער אַנטיסעמיטיזם טרעט שוין אַרויס אָרגאַניזירט אין באָיקאָט קעגן יידישן האַנדל, מ'שלאָגט יידן אין שטאָט, אויף דער יידישער באַפעלקערונג פאַלט אָן אַ פחד.

דער „בונד" באַשליסט צו ווענדן זיך צו דער פפ"ס,אַז זי זאָל העלפן באַקעמפן דעם אָרגאַניזירטן באָיקאָט. די פפ"ס האָט דעמאָלט פאָרגעלייגט אירן אַ פּלאַן צום קאַמף קעגן באָיקאָט. אַזוי ווי די אַנטיסעמיטן שטייען מיט אויפשריפטן ביי די יידישע קראָמען און לאָזן נישט אַריין קיין קריסטלעכע קונים, זאָל דער „בונד" שאַפן אַ געלט־פאָנד און די פפ"ס וועט צושטעלן מענטשן, וואָס וועלן גרייט זיין אָפּצושלאָגן די אַנטיסעמיטישע אָנפאַלן. דער „בונד" האָט אָבער נישט געהאַט קיין געלט, און ער האָט דעריבער באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן אַ זאַמל־אַקציע ביי דער יידישער באַפעלקערונג. מ'איז אַרויס צו די יידישע סוחרים אין שטאָט און זיי פאָרגעלייגט די פּראָפּאָזיציע פון פפ"ס. די סוחרים האָבן מסכים געווען צום פאָרשלאָג און געשאַפן אַ געהעריקע סומע פאַר דעם צוועק. פאַרשטייט זיך, אַז דער ענין איז געווען אַ גענוג קאָמפּליצירטער און גאָרנישט אַזוי לייכט צום רעאַליזירן. מ'האָט זיך עטלעכע מאָל געטראָפן מיט די אָנפירערס פון פפ"ס, און אין רעזולטאַט איז געשאַפן געוואָרן אַ גרופּע פון יידישע און פוילישע אַרבעטערס וואָס האָבן געדאַרפט שטעלן אַ ווידערשטאַנד די אַנטיסעמיטישע כוליגאַנעס. די פפ"ס האָט אין אָט דער גרופּע געשיקט געדונגענע מענטשן, לרוב אַרבעטסלאָזע. דער ערשטער קאַמף מיט די אַנטיסעמיטישע פּיקעטניקעס האָט זיך צעפלאַקערט ביי דער קראָם פון גליקע מעדניקס (ליכטנבוים — מאַנופאַקטור־קראָם) און די כוליגאַנעס זענען פאַרטריבן געוואָרן. די יידישע באַפעלקערונג האָט פרייער אָפּגעעטעמט. ביים אָרגאַניזירן אָט די אַקציע זענען טעטיק געווען מצד דעם „בונד" די חברים: יצחק וועכטערמאַן, אברהם קאָראַליק, פייוול ווירניק, גדליהו בראַווערמאַן און משה שניידערמאַן.

אָט אַזוי האָט זיך געצויגן די בונדישע טעטיקייט אין ביאַלע ביזן יאָר 1939, ווען די שטאָט איז אַריינגעפאַלן אונטער דער הערשאַפט פון דער דייטשער טיראַניע, בעת וועלכער, נאָך עטלעכע יאָר פון שווערן גראַנגל איז אין שטאָט נישט געבליבן קיין זכר פון דער יידישער באַפעלקערונג.

וו. שוסטער (ניו־יאָרק)

צוגאַב־פּרטים:

מיר זענען דאָ מוסיף פּרטים, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער טעטיקייט פון „בונד" אין ביאַלע, לויט ווי מיר האָבן זיי אַרויסגענומען פון אַ צאָל עקזעמפּלאַרן פון „פּאָדלאַסיער לעבן", און פון פראַנץ קורסקי־אַרכיוו אין ניו־יאָרק.

אין יאָר 1905 איז אין אַ ווינטער־אָוונט פאָרגעקומען אַ דיסקוסיע אין בית־המדרש צווישן בונדיסט ברוך ווייגבערג און דעם אַנאַרכיסט „איידל דער וועשינס" זון. די „בונד"־באָיוווקעס האָבן אַרומגעשטעלט דעם בית־המדרש, יעדערן אַריינגעלאָזט און קיינעם נישט אַרויסגעלאָזט („פּאָדלאַסיער לעבן", נומער 31 פון 10.8.34).

ס'איז געגרינדעט געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנערע זעלנער־אָרגאַניזאַציע, מיט וועלכער ברוך ווייגבערג און וועלוול טיאָמקין זענען פאַרבונדן געווען. דורך אַ מיטגליד פון אָט דער זעלנער־אָרגאַניזאַציע איז געלונגען צו קויפן אַ גאַנצן זאַק מיט רעוואָלווערן פאַר 12 אָדער 16 רובל („פּאָדלאַסיער לעבן", נומער 33 פון 24.8.34).

חברים פון „בונד" האָבן אַרויסגעגנבעט קאַסטנס מיט רעוואָלווערן פון די שטאַלן אויף דער קשיוועער גאַס, וואָס האָבן אָנגעהערט צום זשאַנדאַרם מאָסיק. די רעוואָלווערן האָט די

זשאַנדאַרמעריע געהאַט צוגענומען ביי חיים זיידמאַן (חיים זיידמאַן האָט געהאַט אַ דערלויבעניש צו פאַרקויפן געווער — רעד. „פּאָדלאַסיער לעבן", נומער 34, פון 31.8.1934).

שמחת־תורה ביינאַכט האָט מען געפונען אינמיטן מאַרק אויף אַ קופּע בלאָטע דעם סטאַרשי סטראַזשניק ראָמאַנאָווסקי שכורערהייט און זיין שווערד. דאָס איז געטאָן געוואָרן צוליב זיין פאַרפאָלגן די בונדיסטן. נאָך אַ צוזאָג, אַז ער וועט זיך מער נישט מישן אין די ענינים פון „בונד" האָט מען אים צוריקגעגעבן די שווערד („פּאָדלאַסיער לעבן" נומער 36, פון 18.9.1934).

בעת דער פּראָקלאַמירונג פון דער קאָנסטיטוציע אין רוסלאַנד האָט דער ביאַלער „בונד" אַרויסגעגעבן אַ העקטאָגראַפישע פּראָקלאַמאַציע.

נאָכן דורכפאַל פון דעצעמבער־אויפשטאַנד אין יאָר 1905, האָט דער נאַטשאַלניק קעדראָוו פאַררופן צו זיך דעם „קאַזיאָני ראַבין" אַ געוויסן שלמהלע און אים געוואָרנט, אַז אויב אין ביאַלע וועט זיך נישט אָפּשטעלן די טעטיקייט פון „בונד" וועט אויך אין ביאַלע פאָרקומען אַ פּאָגראָם. דער „קאַזיאָני ראַבין" האָט גערופן ברוך וויינבערגן און אים געבעטן, אַז דער „בונד" זאָל נישט ברענגען צו קיין פּאָגראָם אין שטאָט. ברוך וויינבערג האָט אים געענטפערט, אַז דער „בונד" האָט נישט קיין מורא פאַר אַ פּאָגראָם.

בעתן פּריזיוו אין יאָר 1905 האָט די בונדישע „סאַמאָאָבאָראָנאַ" צעשלאָגן אַ באַנדע קריסטלעכע פּריזיוווניקעס. צוליב דעם אינצידענט איז די פּריזיוו־צייט אין ביאַלע אַדורך רואיקער ווי שטענדיק („פּאָדלאַסיער לעבן", 5.10.1934).

קאָרעספּאָנדענץ פון ביאַלע (סעדלעצער ראַיאָן)

„צום 1טן מאַי האָבן מיר זיך דאָ געגומען צוגרייטן פיל פריער. עס זענען דורכגעגאַנגען אייניגע פאַרזאַמלונגען פון 40 ביז 80 פּערזאָן. — מען האָט גערעדט וועגן דעם יעצטיגען מאָמענט אין רוסלאַנד און וועגן דעם 1־טן מאַי.

די גאַנצע באַפעלקערונג פון שטאָדט האָט גערעדט, אַז די „סטרייקערס" גרייטן זיך צום 1 מאַי.

ענדליך איז געקומען דער 15 אַפּריל (אַלטער סטיל), וואו עס זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן 350 פּראָקלאַמאַציאָנען פון צ. ק. אויף פּויליש און יידיש. די פּראָקלאַמאַציאָנען האָבן זיך זייער גוט פאַרשפּרייט.

שבת דעם 16 אַפּריל, אין דער פרי האָט מען אין דער פּאָליציי אַריינגענומען 2 פּערזאָן, וואו מען האָט זיי אונטערזוכט און פריי געלאָזן. אין שטעטל האָט זיך גערודערט. זונטאָג, דעם 17 אַפּריל פאַרנאַכט, זיינען אייניגע פּאַרטיעס אַרומגעגאַנגען און פאַרזאָגט די אַרבעטער, מאָרגן זאָלן זיי ניט גיין צו קיין אַרבעט.

פּאָליציי האָט אויך ניט גערוט. זיי זענען אַרומגעלאָפן ווי פאַרסמטע מייז. אָבער אָן ערפאָלג. צו אייניגע פּערזאָן איז פּאָליציי געקומען ביינאַכט — אָבער אויך אָן ערפאָלג — קיינער איז אין דער היים ניט געווען. דערפאַר האָבן זיי אָנגעגרייט 4 ראָטעס סאָלדאַטן אויף מאָנטאָג דעם 1 מאַי.

שיין איז געווען צו זען, ווי אַלע אַרבעטער זיינען אַרומגעגאַנגען אין גאַס שבתדיק אָנגעטאָן, אַלע האָבן זיך געפילט פריי, הייליק. אַ גרויסן איינדרוק האָט אויף די אַרבעטער געמאַכט דאָס, וואָס די קריסטן האָבן זיך פאַראייניקט מיט זיי אַרומצוגיין אין די ווערקשטאַטן אַראָפּצונעמען די אַרבעטנדע.

דער אַלגעמיינער שטרייק איז געווען גרויס־אַרטיק. נאָר מאַניפעסטירן האָט מען ניט געקענט, ווייל די שטאָדט איז געווען פאַרשפּרייט מיט סאָלדאַטן. גענוג איז דאָס, וואָס ביאַלע האָט געוויזן אַזוינס, וואָס די שטאָדט האָט קיינמאָל ניט געזען — אַן אַלגעמיינעם שטרייק. מאַניפעסטירן האָט מען ניט געקענט, אָבער טיף פון אונזערע הערצער רייסט זיך אַרויס דער געשריי: נידער מיט דער זעלבסטהערשונג! עס לעבע דער 1טער מאַי! עס לעבע די פרייהייט אין רוסלאַנד!

שבת, דעם 16 אַפּריל ביינאַכט, האָבן פּ.פּ.ס. געשפּרייט פּראָקלאַמאַציאָנען, אָבער ניט ערפאָלגרייך, ווייל נאָך איידער אימיצער האָט געהאַט צייט צו לעזן אַ פּראָקלאַמאַציע, האָט זי שוין די פּאָליציי אויפגעקליבן".

(„דער בונד", אָרגאַן פון דעם אַלגעמיינעם אידישן אַרב.־בונד אין ליטא, פּוילען און רוסלאַנד. מאַי 1905 נר. 7, 2־טער יאָרגאַנג).

„דער ביאַלער רעגירונגס־קאָמיסאַר צייכנט זיך אויס מיט זיינע אייגענע געזעצן: פאַרלעזונגען, מיטינגען, דראַמאַטישע פאָרשטעלונגען זיינען לויט זיינע געזעצן נישט ערלויבט אין „זשאַרגאָן". ביים אָפּזאָגן ערקלערט ער אָפט: „אין פּאַלעסטינע וועט איר שפּילן אויף זשאַרגאָן". לעצטנס האָבן מיר געוואָלט שפּילן „די געבראָכענע הערצער". דאָסמאָל איז דער ה. קאָמיסאַר איינגעגאַנגען אויף אַ „קאָמפּראָמיס" ער האָט געמאָלדן, אַז ער וועט ערלויבן צו שפּילן, נור אונטער 2 באַדינגונגען: 1) אַז מען זאָל איבערזעצן דאָס ביכל אויף פּויליש און 2) וועיזן אַ רוסישע צענזור אויפן ביכל. מיר האָבן דאָס צוגעשטעלט און ער האָט ערלויבט. שבת אָבער, ווען מיר זענען געקומען נאָך די שריפטלעכע ערלויבעניש, האָט ער זיך מישב געווען, אַז ער האָט נישט ריכטיק געהאַנדלט און די פאָרשטעלונג פאַרבאָטן. עס האָט נישט געהאָלפן קיין טענות און קיין ביטעס — די פאָרשטעלונג איז נישט פאָרגעקומען. דערביי האָבן מיר געהאַט אַ גרויסן שאָדן אין אויסגאַבן".

(„לעבנס־פראַגען" נר. 324 דינסטאָג 22 יולי 1919).

ביאַלא־שעדלעצקא

פּאָליטישע מיטגלידער 50 — שטאָדט־ראַטמענער 6; אָפּגעגעבענע שטימען 772.

קולטור־איינריכטונגען:

אַרבעטער־קלוב א. נ. בר. גראָסער — פּראָסטאַ 32, מיטגלידער 260.

קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג:

אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוו „אייניקייט".

(„אַרבעטער־לוח" 1920 לויט יידישער צייט רעכנונג 5680—5681, תר"פ—תרפ"א. פאַרלאַג „לעבנס־פראַגען", וואַרשע).

(פון בונד־אַרכיוו פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג א. נ. פון פראַנץ קורסקי, ניו־יאָרק; איבערגעשריבן פון מיטאַרבעטער פון אַרכיוו ה. קעמפּינסקי, צוגעשיקט פון וו. שוסטער, ניו־יאָרק).

משה בראווערמאן תל־אביב / אויפקום פון „אגודת ישראל"

ביים סוף פון דער דייטשער אָקופּאַציע, האָבן אָנגעהויבן צוריקצוקומען ביאַלער, וואָס זענען בעת דער מלחמה אַוועק קיין רוסלאַנד. צווישן זיי אויך ישעיה ווייצמאַן (וואָלוויש ווייצמאַנס עלטערער ברודער), וועמען מ׳האָט אין שטאָט גערופן ישעיה שלמהלעס. ישעיה ווייצמאַן איז געווען אַן אָנגעזעענער גערער חסיד און אַדאַנק אים איז געגרינדעט געוואָרן די „אגודה" אין ביאַלע.

איך וויל דאָ איבערגעבן עטלעכע פּרטים פון דער אַנטשטייאונג פון אָט דער פּאַרטיי אין ביאַלע, לויט ווי זיי האָבן זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון.

אין איינעם אַן אָוונט האָבן זיך געטראָפן אין לאָקאַל פון „אחיעזר" (דער „אחיעזר" האָט דעמאָלט געדינט ווי אַ נייטראַל אָרט פאַר אַלע פּאַרטייען) ישעיה ווייצמאַן און יחזקאל ערליך. צווישן פאַרשיידענע אַנדערע טעמעס האָט ישעיה דערוועקט דעמאָלט די פראַגע וועגן גרינדן אַן „אגודה"־פּאַרטיי אין ביאַלע. ישעיה שלמהלעס האָט אָנגעהויבן צו אַגיטירן יחזקאל ערליך וועגן דעם ענין און דערביי האָט זיך אַנטוויקלט פאָלגנדיקער שמועס:

ישעיה: „חאַסקל, מ׳דאַרף גרינדן אין ביאַלע אַן „אגודה".

יחזקאל: „וואָס הייסט אַן „אגודה"? וואָס הייסט גרינדן?"

ישעיה: „דינגען אַ דירה פון עטלעכע חדרים, וווּ אונדזערע סאָרט מענטשן זאָל זיך טרעפן און זעען אַריין אין לעבן, וואָרעם מ׳זעט דאָך ווי די אַלע פּושעים פירן אַן מיטן גאַנצן יידישן לעבן און אין אַלע ערטער זענען זיי פול. דאַרפן מיר, חסידישע יידן, אויך זיך אָרגאַניזירן און ווערן אַ כוח".

יחזקאל: „דו זאָגסט דינגען אַ פּאָר חדרים, זיך טרעפן, ווען?"

ישעיה: „צווישן מנחה און מעריב. מ׳וועט אויסקלייבן אַ קאָמיטעט פון 10—15 פּערזאָן און זיי וועלן אָנפירן מיט דער אַרבעט. דער קאָמיטעט קומט זיך צונויף פון צייט צו צייט און יעדע פראַגע וואָס ס׳שטייט אויפן סדר־היום ווערט באַהאַנדלט. פאַרשטייט זיך, אַז ס׳ווערט אויסגעקליבן אַ פּרעזעס און אַ סעקרעטאַר, וועלכע פירן די זיצונג און אין יעדער פראַגע וואָס ווערט באַהאַנדלט ווערט אויסגעהערט אַ מיינונג פון יעדן איינעם. די מיינונג וואָס באַקומט מער גלאָסן (שטימען) ווערט אָנגענומען צום אויספירן".

דאָ איז שוין יחזקאל ערליך אַרויס פון געדולד און אָנגעהויבן געבן ישעיהן די געהעריקע פּאַרציע.

„שעיה, צי ביסטו פון זינען אַראָפּ, אָדער, חלילה, אַן אַפּיקורס געוואָרן דאָרט אין רוסלאַנד? וואָס איז מיט דיר געוואָרן? וואָס ביסטו געקומען מיט אַזעלכע אַפּיקורסישע זאַכן, מיט נייע מעשיות איינצופירן אין ביאַלע? צי געדענקסטו נישט ווי אַזוי מ׳האָט זיך געפירט פאַר דער מלחמה אין שטאָט, אַז ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ שוחט, חזן, מקוה אָדער ענלעכע שטעטישע זאַכן? מ׳פלעגט צונויפרופן אַן אסיפה צום רב אין שטוב, מ׳פלעגט רופן ר׳ נחן, משה דעם גרויסן, משה דעם קליינעם, דוד ר׳ אייזיקס און נאָך עטלעכע בעלי־בתים. יעדערער האָט געזאָגט זיין מיינונג, מ׳האָט געטענהט, מתווכח געווען, אָבער לסוף איז געבליבן ווי ס׳האָבן געזאָגט ר׳ נח אָדער משה דער גרויסער".

ישעיה איז זייענדיק אין רוסלאַנד שטאַרק באַהאַוונט געוואָרן אין אַזעלכע ענינים. ער האָט געהאַט אַ שאַרפן קאָפּ און איז געווען זייער ענערגיש. ער איז נישט נתפעל געוואָרן פון יחזקאל ערליכס איבעראַשונג.

די גערער חסידים זענען געווען אויף דער זייט פון ישעיהן און דער ענין האָט אָנגענומען ערנסטע פאָרמען. ישעיהס פּלענער האָבן זיך אָנגעהויבן רעאַליזירן. ס׳זענען דעמאָלט געווען אין שטאָט נאָך כוחות, ווי: נח גורפינקל פון לאָמאַז, אַ טאַלאַנטפולער רעדנער, נתן ראַמעס, נחום טענענבוים א״אַ, וואָס זענען נישט געווען אַזוי פאַראינטערעסירט אין אַן „אגודה"־פּאַרטיי, ווי אין שטערן די טעטיקייט פון די ציונים און „מזרחי", וועלכע האָבן דעמאָלט געהאַט די העגעמאָניע אין יידישן לעבן אין שטאָט. אָט די כוחות, האָבן אָנגעהויבן העלפן ישעיהן ביים פאַרווירקלעכן זיין פּלאַן.

הגם איך בין אַליין געווען אַ מזרחי־חבר, בין איך אָבער אַנוועזנדיק געווען אויף דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון דער „אגודה", וועלכע איז פאָרגעקומען ביי איטשע מאיר זישעס אין הויז. מ׳האָט אויף אָט דער פאַרזאַמלונג אויסגעקליבן אַ פאַרוואַלטונג און צום סוף האָט מען געטרונקען לחיים. אַזוי אַרום איז אַנטשטאַנען די „אגודה" אין ביאַלע. ווי מיר דוכט זיך איז די פאַרוואַלטונג באַשטאַנען פון: זושע ראָזען, נחום טענענבוים, מאיר יוד א״אַ.

אונדזער בן־עיר דוד פּאַטשטאַרוק דערציילט וועגן דער „אגודה" אָט וואָס:

אין די לעצטע יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה איז די פאַרוואַלטונג פון דער „אגודה" באַשטאַנען פון פאָלגנדיקע פּערזאָנען: מאיר יוד, חיים לוי רובינשטיין, מאָטל איידלסבערג, אייזיק שיינבערג און אהרן ווייסמאַן.

ביי דער „אגודה" האָט אויך עקסיסטירט אַ יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צעירי שלומי אמוני ישראל" און שפּעטער „פּועלי אגודת ישראל". צו דער פאַרוואַלטונג פון „פּועלי אגודת ישראל" האָבן במשך פון דער צייט געהערט: שלמה אשר אוטשען, אשר גאָלדזאַק, אביגדור רובינשטיין, דוד פּאַטשטאַרוק, אליהו ערליך, הינך שטיינגאַרט, ראובן זילבערבערג, אליהו הינך כהן־צדק, צבי ראָזנבוים, יוסף באַרנבוים, יעקב אוטשען, שמואל פראַנקרייך א״אַ.

יעדן אָוונט פלעגן זיך די חברים צונויפקומען און לערנען אַ בלאַט גמרא מיט תוספות.

אַ דאַנק דער „אגודה" איז אין שטאָט געגרינדעט געוואָרן אַן איינקלאַסיקע בית־יעקב־שול פאַר מיידלעך.

גאָטל בידערמאַן / די קאָמוניסטישע באַוועגונג

נאָך דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד אין יאָר 1917, ווען די מאַכט איז אַריבער אין די הענט פון דער אַרבעטער־פּאַרטיי „באָלשעוויקעס״ (קאָמוניסטן), איז אויך אין פּוילן אַנטשטאַנען אַ קאָמוניסטישע פּאַרטיי, וועלכע האָט אָרגאַניזירט אָפּטיילונגען אין דער פּראָווינץ.

דער עכאָ פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָט זיך קודם כל אָפּגערופן אין די בונדישע אַרבעטער־רייען, און פאַרגעקומען איז עס אויף אַזאַ אופן.

ביים סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען ביאַלע האָט זיך נאָך געפונען אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע, זענען קיין ביאַלע דערגאַנגען ידיעות וועגן דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, וואָס האָט ביי יעדן אַרבעטער וואָס איז געווען באַהאַוונט אין סאָציאַליסטישע אידעען, אַרויסגערופן אַ פרייד און טיפע פאַרערונג. אין האַרץ האָבן זיך פאַרגנבעט שטרעבונגען און פאַרלאַנגען צו פאַראייניקן זיך מיט די קעמפערס אין רוסלאַנד.

די געשעענישן אין רוסלאַנד זענען געקומען צום אויסדרוק אויף די פאַרזאַמלונגען אין דער ביאַלער בונדישער אָרגאַניזאַציע. ס׳זענען אַנטשטאַנען רייבונגען אין דער פּאַרטיי, און אין רעזולטאַט דערפון האָט זיך דעמאָלט געשאַפן ביים „בונד״ גופא אַ גרופּע וואָס האָט זיך גערופן „קאָמבונד״. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט זיך די גרופּע אָפּגעשפּאָלטן פון „בונד״ און אָנגעהויבן עקסיסטירן ווי אַ זעלבסטשטענדיקע פּאָליטישע גרופּע אונטערן דעמאָלטיקן נאָמען „רויטע״.

דער אויפשטייג פון די „רויטע״ הייבט זיך אָן אין ביאַלע אין די 20ציקער יאָרן. דער גרעסטער טייל פון די „בונד״־חברים אין ביאַלע איז אַריבער צו די „רויטע״, און בעיקר די יוגנט. ביים „בונד״ זענען געבליבן די עלטערע און מער באַזאַכטע חברים. די „רויטע״ האָבן אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען אַן אינטענסיווע טעטיקייט אויפן עקאָנאָמישן, קולטורעלן און פּאָליטישן געביט.

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די „רויטע״ זענען געווען אַן אומלעגאַלע באַוועגונג, וואָס איז שטאַרק פאַרפאָלגט געוואָרן פון דער מאַכט, האָט דאָך דאָס נישט אָפּגעשראָקן דער יוגנט פון אָנשליסן זיך אין אירע רייען. אין זיי האָט מען נישט נאָר געטראָפן די יוגנט פון דער אָרעמקייט, וואָס קאָנצענטרירט זיך שטענדיק אין ראַדיקאַל לינקע פּאַרטייען, נייערט אויך יוגנטלעכע פון מיטלשטאַנד, פון רייכע היימען און אַ טייל פון דער שטודירנדיקער יוגנט.

די קאָמוניסטן האָבן באַהערשט די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און די גרויסע בונדישע ביבליאָטעק, וואָס האָט זיך דאָרט געפונען. די עלטערע טעטיקע בונדיסטן האָבן דאָ גאָרנישט געקאָנט אויפטאָן, ווייל דער רוב פון זיי איז געווען בעלי־מלאכות און במילא נישט געקאָנט זיין אָנגעשלאָסן אָן די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען.

די „רויטע״ האָבן דורכגעפירט עטלעכע עקאָנאָמישע שטרייקן אין יידישע וואַרשטאַטן, וואָס האָבן געהאַט דערפאָלג, און במילא איז געשטיגן זייער אָנזען אין שטאָט.

אין לאָקאַל פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פלעגן זיי אָרגאַניזירן שמועסן אויף פאַרשיידענע טעמעס, און צו די שמועסן איינלאַדן בונדישע טוערס. אין יענער צייט איז אין ביאַלע אָנגעגאַנגען די באַוועגונג פון אָרגאַניזירן דראַמאַטישע קרייזן, און אויך די קאָמוניסטן זענען אויף דעם געביט נישט אָפּגעשטאַנען פון אַנדערע און אָרגאַניזירט אַ דראַמאַטישן קרייז, אונטער דער לייטונג פון ג. בראַווערמאַן. אָט די קולטורעלע טעטיקייט האָבן זיי געפירט אונטערן שילד פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, וואָס זענען צו יענער צייט לעגאַליזירט געווען ביי דער מאַכט.

אַ גאַנץ באַזונדער קאַפּיטל שטעלט פאָר מיט זיך די פּאָליטישע טעטיקייט פון די „רויטע״, וואָס פלעגט פון צייט צו צייט שטעלן די גאַנצע אָרטיקע מאַכט אויף די פיס. זייער פּראָפּאַגאַנדע און מאַניפעסטאַציעס האָבן תמיד געהאַט דעם צוועק צו דערווייזן זייער אָנגעהעריקייט צו דער סאָוויעטישער מאַכט אין רוסלאַנד, און די כוונה צו פאַרשפּרייטן אָט די מאַכט איבער אַלע אַנדערע לענדער. דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, אַרויסגעבראַכט פון די כלים די פּוילישע מאַכטהאָבערס.

די „רויטע״ פלעגן צייטנווייז אין די נעכט פאַרקלעפּן אַלע פּאַרקאַנעס אין שטאָט מיט לאָזונגען אין שייכות מיט דער סאָוויעטישער מאַכט אין רוסלאַנד. אַ גאַר באַזונדער אָרט האָט פאַרנומען אין זייער טעטיקייט דאָס אויפהענגען רויטע פענער מיט אַנטשפּרעכנדיקע לאָזונגען. די רויטע פענער פלעגן זיי פאַרוואַרפן אויף אויף די העכסטע טעלעפאָן־דראָטן.

טיילמאָל פלעגן די „רויטע״ אויף אַ גאָר ריזיקאַלישן אופן מאַניפעסטירן זייער טעטיקייט. אַזוי פלעגן זיי אין יום־טוב־טעג באַוואַרפן מיט פּראָקלאַמאַציעס פון הינטער פּאַרקאַנעס אָדער פון הויז־קאָרידאָרן דאָס מאַרשירנדיקע מיליטער.

די פּאָליציי האָט אָנגעווענדט איר גאַנצע ענערגיע צו כאַפּן די פּראָקלאַמאַציע־פאַרשפּרייטערס, אָבער אַ גאָר לאַנגע צייט איז איר דאָס נישט געלונגען. אין דער אַרבעט האָט זיך אויסגעצייכנט איינער אַ יוגנטלעכער, וואָס פלעגט דאָס אַזוי קונציק מאַכן, ממש אונטער דער נאָז פון דער פּאָליציי און פאַרשווינדן. די פּאָליציי איז דאָך דערגאַנגען ווער ס׳איז דער קונציקער פאַרשפּרייטער פון די פּראָקלאַמאַציעס און האָט אים אַרעסטירט. בעת דער אויספאָרשונג האָט די פּאָליציי דעם יוגנטלעכן אַזוי שרעקלעך געפּייניקט, אַז ער האָט זיך איינגעבראָכן און איז אַריבער אין דינסט פון דער פּאָליציי ווי אַ קאָנפידענט. ער איז אַוועק פון ביאַלע, ווייזט אויס אַז די פּאָליציי האָט אים איבערגעפירט אויף אַן אַנדער אָרט.

אין אַ צייט אַרום נאָכן אַרעסט פון אָט דעם יוגנטלעכן זענען אַרעסטירט געוואָרן אין ביאַלע די אָנפירערס פון דער קאָמוניסטישער גרופּע. ס׳איז נישט באַוווּסט געווען צי דאָס איז געשען אין רעזולטאַט פון אַ פּראָוואָקאַציע מצד דעם אַרעסטירטן יוגנטלעכן אָדער פון אַן אַנדערן. דער פּראָצעס פון די אַרעסטירטע איז פאָרגעקומען אין ביאַלע און זיי זענען

פאַראורטיילט געוואָרן אויף יאָרן תפיסה. ווען זיי זענען באַפרייט געוואָרן פון תפיסה, נאָכן אָפּזיצן דעם פסק, זענען זיי געווען זייער אָפּגעשוואַכט, און איינעם פון זיי האָט מען אַוועקגעפירט אין אַ וואַרשעווער שפיטאָל, ווו ער איז געשטאָרבן. אַ צווייטער קרבן איז געווען דער יוגנטלעכער משה רייקלער. זיצנדיק אין דער ביאַלער תפיסה איז ער אַזוי שווער קראַנק געוואָרן, אַז די מאַכט האָט אים באַפרייט פאַרן טערמין. זיין געזונט־מצב איז שוין אָבער געווען אַזוי געפערלעך, אַז יעדע רעטונג איז געווען דערפאָלגלאָז, און אין אַ קורצער צייט אַרום איז ער געשטאָרבן.

די יידישע קאָמוניסטישע גרופּע האָט אָנגעהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט די קריסטלעכע קאָמוניסטן אין די אַרומיקע דערפער, און ס'איז אָנצונעמען אַז אויך אין ביאַלע גופא זענען יידישע קאָמוניסטן געווען אין קאָנטאַקט מיט קריסטן, וואָס זענען אָנגעגאַנגען פאַר קאָמוניסטן.

בעת די וואַלן צום שטאָט־ראַט אין יאָר 1927 איז דער קאָמוניסטישער גרופּע געלונגען אַרויסצושטעלן אַן אייגענע ליסטע, פון וועלכער ס'איז אויסגעוויילט געוואָרן נאָר איין ראַטמאַן, אַ ייד. בעת זייערע וואַל־מיטינגען פלעגן אַרויסטרעטן אויך קריסטן.

ווי שוין געזאָגט, זענען די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען געווען לעגאַליזירט און האָבן געהאַט רעכט איינצואָרדענען מיטינגען דעם 1טן מאַי. די מאַכט האָט גוט געוווּסט, אַז בראש פון די פאַראיינען שטייט אַ קאָמוניסטישע פאַרוואַלטונג, אָבער כל־זמן די פאַראיינען האָבן געגאָסן פון לעגאַליטעט האָט זי נישט פאַרווערט דאָס איינאָרדענען פון אַזעלכע מיטינגען. ביי איינעם אַזאַ 1טן מאַי־מיטינג האָט זיך די מאַכט נוקם געווען אָן די אָנטיילנעמערס. געשען איז דאָס אויף אַזאַ אופן: דער מיטינג איז פאָרגעקומען אויפן נייעם־מאַרק, פּאָליציי מיט געהיים־אַגענטן האָבן אַרומגערינגלט דעם עולם. ווען דער מיטינג האָט זיך געענדיקט און די מאַסע האָט מאַרשירט צום לאָקאַל פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, כדי דאָרט זיך אויפצולייזן, האָט זיך די פּאָליציי מיט די ביקסן־קאָלבעס געוואָרפן אויף די מאַרשירנדיקע און זיי ברוטאַל צעשלאָגן.

סוף־כל־סוף האָט די מאַכט געשלאָסן דעם לאָקאַל פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, און זייער טעטיקייט איז דערקלערט געוואָרן פאַר אומגעזעצלעך.

ווען אין פּוילן איז געגרינדעט געוואָרן די געזעלשאַפט צו זאַמלען מיטלען פאַר דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין בירא־בידזשאַן, ווו ס'האָט געדאַרפט אַנטשטיין אַ יידישע רעפּובליק, האָבן די קאָמוניסטן אין ביאַלע אָרגאַניזירט אַן אָפּטיילונג פון אָט דער אָרגאַניזאַציע. אין שטאָט איז אויך דורך זיי געשאַפן געוואָרן אַ „מאָפּר״־גרופּע, וואָס איז געווען אַן אָפּטיילונג פון דער צענטראַלער געזעלשאַפט, און וואָס האָט געהאַט פאַר אַ ציל צו זאַמלען געלט־מיטלען, כדי צו העלפן פּאָליטישע אַרעסטירטע. די ביאַלער „מאָפּר״־גרופּע פלעגט קומען אויף חתונות און פאַרוויילונגען זאַמלען געלט פאַר אָט דעם צוועק, און זיי פלעגן אַרויסגעבן געשטעמפּלטע קבלות פון בלאָקן, וועלכע זיי פלעגן באַקומען פון דער צענטראַלע.

די ירידה פון דער קאָמוניסטישער טעטיקייט אויף דער יידישער גאַס אין ביאַלע האָט זיך אָנגעהויבן אין די דרייסיקער יאָרן. עטלעכע פון די אַקטיווע חברים האָבן זיך אַנטוישט און זיך צוריקגעצויגן פון דער טעטיקייט; אַנדערע אַקטיוויסטן זענען אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד און קיין וואַרשע. צו דער ירידה האָבן אויך גורם געווען דאָס שליסן פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און דער אַרעסט פון די פירנדיקע חברים. ס'איז אָבער אָנצונעמען, אַז אָט דער מצב איז אויך געווען אַ רעזולטאַט פון דער אַלגעמיינער לאַגע אין דער פּוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, צו וועלכער דער „קאָמינטערן״ האָט זיך דאַן באַצויגן מיט חשד און במילא איז די גאַנצע פּאַרטיי געוואָרן אָפּגעשטעלט אין איר טעטיקייט.

אין דער דערמאָנטער צייט האָבן די ביאַלער קאָמוניסטן כמעט ווי נישט געפירט קיין שום טעטיקייט. זיי האָבן זיך אָבער באַמיט אַריינצובאַקומען אין פאַרשיידענע אינסטיטוציעס און געזעלשאַפטן, כדי דאָרט ביי יעדער געלעגנהייט אַרויסצוברענגען זייער שטעלונג. אויף אַזאַ אופן האָבן זיי זיך אַריינגעקראָגן אין דער בונדישער „קולטור־ליגע״, און ווי איך גלייב, אויך אין אַנדערע ביאַלער אָרגאַניזאַציעס.

אָט די פּאַסיווע טעטיקייט פון די יידישע קאָמוניסטן האָט אָנגעהאַלטן ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. בעת דער אָקופּאַציע פון דער שטאָט דורך דער סאָוויעטישער אַרמיי אין יאָר 1939 האָט די יידישע אַרבעטערשאַפט נישט געשפּילט קיין דאָמינירנדיקע ראָלע, ווי דאָס איז געשען אין יאָר 1920, בעת דער באָלשעוויסטישער אינוואַזיע אין פּוילן. מיטן צוריקציען זיך פון דער רויטער אַרמיי פון ביאַלע זענען מיט איר מיט אַ קלענערער טייל פון די יידישע קאָמוניסטן; אַ גאָר גרויסער טייל פון זיי איז געבליבן אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע.

צוגאָב־פּרטים:

מיר זענען דאָ מוסיף פּרטים וועגן דער קאָמוניסטישער טעטיקייט אין שטאָט, לויט ווי מיר האָבן זיי אָפּגעפונען אין אַ טייל עקזעמפּלאַרן פון „פּאָדלאַסיער לעבן״.

מיטוואָך, דעם 5טן אָקטאָבער 1932, איז אין היגן קרייזגעריכט פאָרגעקומען אַ גרויסער פּאָליטישער פּראָצעס.

אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק האָבן זיך געפונען 7 בחורים און 2 בחורות, אין עלטער פון 17 ביז 21 יאָר.

דער באַשולדיקונגס־אַקט וואַרפט זיי פאָר פאָלגנדיקס:

דעם 26סטן יוני איז פאָרגעקומען אַ לויה פון אַ יונגפאַרשטאָרבענעם אַרבעטער.[1] בעת דער לויה האָבן די באַשולדיקטע איינגעאָרדנט אַ קאָמוניסטישע דעמאָנסטראַציע אויף דעם בית־עלמין, אָן די היטלען געזונגען לידער און דערנאָך האָבן זיי פאָרמירט אַ דעמאָנסטראַציע־צוג אויף דער סאַדאָווער גאַס, וואַרפנדיק דערביי אַנטי־מלוכהשע לאָזונגען.

פיר פון זיי זענען פאַרמשפט געוואָרן אויף 2 יאָר תפיסה

[1] געמיינט משה רייקלער — מ. י. פ—ם.

און צו פאַרלירן די בירגער־רעכט אויף 5 יאָר; דריי — צו 1 יאָר תפיסה, פאַררעכנדיק זיי די צייט וואָס זיי זענען געזעסן ביזן פּראָצעס; צוויי זענען באַפרייט געוואָרן.

(„פּאָדלאַסיער לעבן" נומער 21, פון 7טן אָקטאָבער 1932).

דינסטיק פאַרנאַכט, דעם 13טן יוני 1933, האָבן אומבאַקאַנטע פערזאָנען אויפגעהאָנגען צוויי רויטע פענער אויף די טעלעפאָן־און עלעקטרי־דראָטן. איין פאָן אויף דער יאַנעווער גאַס און אַ צווייטע אויף דער גראַבאַנאָווער גאַס. אין אויפהענגען די פענער איז באַשולדיקט געוואָרן שמחה פלאָט פון ביאַלע, וועלכער איז דעם 20סטן סעפּטעמבער 1933 פאַרמשפּט געוואָרן דורכן היגן קרייז־געריכט אויף 4 יאָר תפיסה

(„פּאָדלאַסיער לעבן" נומער 23 און 38, פון 16טן יוני און 29סטן סעפּטעמבער 1933).

דינסטיק, דעם 2טן אָקטאָבער, האָט זיך אין היגן קרייז־געריכט אָנגעהויבן אַ גרויסער פּאָליטישער פּראָצעס.

אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק זענען געזעסן 29 פּערזאָן — 17 יידן און 12 קריסטן.

דער באַשולדיקונגס־אַקט וואַרפט זיי פאָר, אַז זיי האָבן פון יאָר 1930 געפירט אויפן שטח פון ביאַלער קרייז אַן אומלעגאַלע קאָמוניסטישע טעטיקייט, וועלכע האָט געהאַט פאַר אַ ציל צו ענדערן מיט כּוח די הערשנדיקע אָרדענונג, און האָט זיך אויסגעדריקט אין פירן פּראָפּאַגאַנדע, אויפהענגען טראַנספּאַרענטן אא"וו.

נאָך אַ צוויי־טאָגיקער געריכט־פאַרהאַנדלונג איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן פאָלגנדיקער אורטייל: איינער (אַ ייד) איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף 5 יאָר תפיסה; צוויי (יידן) — צו 4 יאָר; איינער (אַ קריסט) — צו 3 יאָר; פיר (צוויי יידן און צוויי קריסטן) — צו 2 יאָר; זעקס (צוויי יידן און 4 קריסטן) — צו 1 יאָר; צוויי (קריסטן) — צו 6 חדשים תפיסה; די איבעריקע זענען באַפרייט געוואָרן. אַלע פאַרמשפּטע ווערט פאַררעכנט דער פּרעווענציע־אַרעסט.

(„פּאָדלאַסיער לעבן" נומער 38, פון 5טן אָקטאָבער 1934).

גדליהו בראַווערמאַן / אן אנארכיסטישע גרופע אין ביאלע

אין שטאָט איז באַקאַנט געווען די אַלמנה איידל די וועשין. ווען איר עלטסטער יינגל משה איז אַלט געווען 12 יאָר האָט זי אים אָפּגעגעבן צו איר קרוב, דעם שוסטער שמעון קאַרשנבוים (קרעמפּל), כּדי אים אויסצולערנען די מלאכה פון שוסטעריי. ביי שמעונען האָט דעמאָלט געאַרבעט איינער לייבל, וואָס האָט געשטאַמט פון לאָמאַז, און האָט שוין פריער געהאַט געאַרבעט עטלעכע יאָר אין כערסאָן (רוסלאַנד). ביי דער אַרבעט פלעגט לייבל כּסדר דערציילן וועגן דעם שיינעם לעבן אין כערסאָן, אַז שוסטערס פאַרדינען דאָרט אַ סך געלט, אין שטאָט איז פאַראַן אַ צירק מיט אַ סך חיות און אַ רוסיש טעאַטער. אַלע זונטיק גייען די אַרבעטערס אין צירק און אין טעאַטער. אַרבוזן וואַלגערן זיך אין די גאַסן.

משה האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו די דערציילונגען, וועלכע האָבן אויף אים געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. משה האָט משפּיע געווען אויף לייבלען, אַז ער זאָל מיט אים פאָרן קיין כערסאָן, און ביידע האָבן זיך אַהין אַוועקגעלאָזט. אַ לאַנגע צייט האָט מען פון משהן נישט געהערט קיין וואָרט.

מיינע עלטערן האָבן געוווינט בשכנות מיט איידל דער וועשין, און איך פלעג הערן ווי איידל פלעגט זיך פאַרקלאָגן, אַז איר משה איז שוין יאָרן פון דער היים און זי ווייסט נישט, וואָס דאָרט איז מיט אים געשען, און דערביי פלעגט איידל לאָזן טרערן פון בענקשאַפט נאָך איר קינד.

אין יאָר 1903, האָט זיך געעפנט די טיר ביי מיר אין שטוב און ס'איז אַריין אַ דערוואַקסענער בחור, מיט אַ קליין פּעקעלע אונטערן אָרעם, ער האָט אַ ביסל אונטערגעהינקט אויף אַ פוס. איך האָב גלייך דערקאַנט, אַז דאָס איז משה איידל דער וועשינס.

אין אַ פּאָר טעג אַרום, אַז ער האָט זיך שוין געהאַט אָנגעפרייט מיט דער משפּחה, איז ער אַריינגעקומען צו מיר און פאַרפירט מיט מיר אַ שמועס. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער קומט איצט פון אָדעס, ווו ער האָט געאַרבעט, און געווען טעטיק אין אַנאַרכיסטישע קרייזן. ער איז שוין אויך געזעסן דאָרט אין תפיסה, פון וואַנען ער איז איצט אַנטלאָפן און איז דערביי פאַרווונדעט געוואָרן אין פוס. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט בדעה צו גרינדן אין ביאַלע אַן אַנאַרכיסטישע גרופּע.

משה האָט אָנגעהויבן זיך טרעפן מיט באַקאַנטע. אים איז געלונגען אָנצושטעקן עטלעכע יונגטלעכע מיט זיינע געדאַנקען, און ס'איז אַנטשטאַנען אין שטאָט אַן אַנאַרכיסטישע גרופּע. משה איידלס האָט אָנגעהויבן קומען אויף בונדישע פאַרזאַמלונגען און דאָרט פּראָפּאַגירן דעם אַנאַרכיזם.

אין אַ צייט אַרום איז משה אַוועק קיין אַרגענטינע, אָבער די אַנאַרכיסטישע גרופּע אין ביאַלע האָט פאָרגעזעצט איר טעטיקייט.

נאָכן אָפּפאָר פון משה איידלס קיין אַרגענטינע איז קיין ביאַלע אַראָפּגעקומען אַ פונקציאָנער, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער אַנאַרכיסטישער גרופּע. אויב איך האָב קיין טעות נישט, האָט מען אים גערופן סאַשקע. ער איז געווען אַ יונגער און שיינער בחור, האָט נישט געמאַכט קיין איינדרוק פון קיין אַרבעטער, נאָר גיכער פון אַ סטודענט.

אויך מיין ברודער איז געווען טעטיק אין אָט דער גרופּע. ער פלעגט העלפן ביים קאָפּירן אויפן העקטאָגראַף פאַרשיידענע אויפרופן און דערקלערונגען, וואָס די גרופּע פלעגט אַרויסלאָזן פון צייט צו צייט.

די גרופּע האָט געמאַכט באַמיאונגען אַריינצוציען אין איר נעץ די קריסטלעכע אַרבעטערס פון ראַאַבעס פאַבריק, וואָס זענען געווען אונטער דער השפּעה פון פּפּ"ס (פּוילישע סאָציאַ־

ליסטישע פּאַרטיי). אין אַ געוויסן טאָג, דוכט זיך, אַז אין דעם טאָג איז אויסגעפאַלן סיי אַ יידישער און סיי אַ קריסטלעכער יום־טוב, בין איך מיט סאַשקען (סאַשקע איז געווען אַן איינ־גייער ביי אונדז אין שטוב) מיטגעגאַנגען אויף אַ פאַרזאַמלונג פון קריסטלעכע אַרבעטערס, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער דירה פון זייערן אַ חבר, וואָס האָט געוווינט אין הויף פון ר׳ אהרן לאַנדוי.

אין די שמועסן מיט סאַשקען פלעגט ער מיר דערציילן, אַז די אַנאַרכיסטן באַנוצן זיך מיט טעראָר, כדי צו באַקומען געלט־מיטלען פאַר זייער באַוועגונג. זיי שיקן צו אויפפאָדע־רונגען צו גבירים און רייכע פירמעס, פאָדערנדיק געוויסע סומעס, און ווען זיי באַקומען נישט די געפאָדערטע סומע, מאַכן זיי אַן איבערפאַל מיט געווער און אַפילו מיט באָמבעס, און מיט געוואַלד פרעסן זיי אַרויס דאָס געלט.

און ווירקלעך האָבן אָנגעהויבן קורסירן אין שטאָט קלאַנגען וועגן איבערפאַלן, וואָס קומען פאָר אויפן לאָמאַזער שאָסיי, ווו פון ביידע זייטן ציען זיך וועלדער. מ׳פלעגט דערציילן, אַז פון וואַלד קומען אַרויס יונגע באַוואָפנטע בחורים וואָס פאָדערן געלט, און ווען מ׳וויל זיי נישט געבן דראָען זיי מיט דערשיסן.

איינמאָל האָט מען אויפן לאָמאַזער שאָסיי געמאַכט אַן איבערפאַל אויף אַ לאָמאַזער בעל־עגלה, און ווען ער האָט זיך נישט געוואָלט אָפּשטעלן האָט מען דערשאָסן זיין פערד.

אין יענער צייט איז פאָרגעקומען אַ שטרייק ביי מאָטל מינץ אין דער פּאַפּיראָסן־פאַבריק. מאָטל מינץ איז געווען אַ פאַרביסענער־ייד און האָט זיך בשום אופן נישט געקאָנט צוגעוווינען צום געדאַנק, אַז ס׳זענען אָנגעקומען אַנדערע צייטן, און במילא מוז די באַציאונג צום אַרבעטער זיין אַ מילדערע. די אַרבעטערס האָבן דאָסמאָל דעם שטרייק איבער־געגעבן די אַנאַרכיסטן. אין איינעם אַן אָוונט האָבן זיי מכבד געווען מאָטל מינצס פאַבריק מיט אַ קליין באָמבעלע, וואָס האָט אַוועקגעריסן אַ גאַנצע וואַנט. ערשט איצט האָט מאָטל מינץ דערשפּירט מיט וועמען ער האָט צו טאָן.

איינמאָל, פורים־צייט, ווען דער עולם האָט שבת־פאַר־נאַכט שפּאַצירט אויפן „ברייטן טראָטואַר״, האָט זיך פּלוצעם צעטראָגן איבער דער שטאָט אַ געוואַלדיקער אויפרייס. אין גע־ציילטע מינוטן איז די גאַס געוואָרן ליידיק, דער עולם איז זיך אין שרעק צעלאָפן אַהיים. ווען די מהומה איז אַריבער האָט מען זיך דערוווּסט, אַז דאָס האָט אויפגעריסן אַ באָמבע ביי חיים יאָסקע קאַשטנבוים אין הויף. דער אויפרייס איז געווען אַזאַ שטאַרקער, אַז אַלע שויבן אין דער דאָרטיקער געגנט זענען אַרויסגעפאַלן.

בעת דער טעטיקייט פון דער אַנאַרכיסטישער גרופּע אין ביאַלע זענען געווען פאַלן פון אַרעסטן פון זייערע חברים, אָבער גאָר טראַגיש האָט זיך פאַרענדיקט דער אַרעסט פון זייערן אַ חבר, בנימין פריקאַשטשיק (צונאָמען).

בנימין איז געווען אַ זון פון אַן אָרעמען שוסטער אויף דער וואָליע, בערל מיטן צונאָמען באָנדע. דער בחור האָט יאָרן געאַרבעט ווי אַן אָנגעשטעלטער אין דער מאַנופאַקטור־קראָם פון מאָטל מינץ, און פון דאַנען זיין צונאָמען פריקאַש־טשיק.

צוליב אַ מסירה איז בנימין אַרעסטירט און איבערגעפירט געוואָרן אין וואַרשעווער ציטאַדעל, ווו ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1907.

צוגאָב פרטים:

אין דער פירערשאַפט פון די ביאַלער אַנאַרכיסטן זענען געווען: מאַשאַ רובינשטיין (אריה טאַבאַטשניקס טאָכטער), פרויעם פרידמאַן (שמואל שמאי זימלס זון), לייב רובינשטיין (לאָפּעטיק — צונאָמען), משהלע חייקלס. די לעצטע צוויי זענען אַרעסטירט געוואָרן אין ביאַלע און פאַרשיקט אויף קאַטאָרגע.

די באָמבע אין חיים יאָסקע קאַשטנבוימס הויז איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַ סכסוך צווישן חיים יאָסקען און אַ קרע־מער, וועלכן ער האָט געוואָלט אַרויסזעצן פון דער קראָם אין זיין הויז. די אַנאַרכיסטן זענען געקומען צו חיים יאָסקען זאָגן, אַז ער זאָל דעם קרעמער נישט אַרויסוואַרפן פון דער קראָם, אָבער אנשטאט צו פאַרהאַנדלען מיט זיי, האָט חיים יאָסקע גערופן די פּאָליציי. די אַנאַרכיסטן זענען אַנטלאָפן און דעמאָלט איז געקומען די באָמבע.

יונה שטיינמאַן (ניו־יאָרק)

דאָס קולטור־לעבן

מ. י. פייגנבוים / אַלגעמיינער איבערבליק

מיר האָבן שוין פריער באַמערקט, אַז ביזן אָנהייב פון היינטיקן יאָרהונדערט האָט זיך כמעט נישט געמערקט קיין שום קולטורעלע טעטיקייט אין אונדזער שטאָט. די השכלה־באַוועגונג, וואָס האָט געבליט אין בריסק, קוים 40 קמ. פון ביאַלע, האָט אַפילו נישט געפונען דעם מינדסטן אָפּקלאַנג אין שטאָט. די ביאַלער רביישע רעזידענצן און די חסידישע באַוועגונג, וואָס זענען געווען שטאַרק פאַרוואָרצלט אין שטאָט, האָבן געגעבן דעם עיקר־טאָן אין יידישן לעבן, וואָס איז באַזירט געווען אויף שטרענג־רעליגיעזע טראַדיציעס. יעדע אָפּווייכונג פון אָנגענומענעם לעבנס־שטייגער איז ממש באַטראַכט געוואָרן פאַר אפיקורסות, און אין קאַמף קעגן איר זענען אַלע מיטלען געווען כשר.

דאָך נישט געקוקט אויף דעם שווערן רעליגיעזן רעזשים, זענען אין יענע יאָרן געווען פאַראייגצלטע פרוון אויפן געביט פון השכלה.

ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה

אין 1884 האָט זיך אין שטאָט גאָר שטאַרק געקאָכט מכוח צלמים וואָס מ׳זאָל האָבן אַנטדעקט אין בית־המדרש, געהאַנדלט האָט זיך עס בסך־הכל וועגן העברעאישן חשבון־ספרל „צפנת פענח״, וואָס מ׳האָט געפונען ביי איינעם פון די בחורים וואָס האָט געלערנט אין בית־המדרש. אין די אָנגענומענע סימנים פון חיבור האָט מען דערזען אמתע צלמים...

אין די יאָרן 1890—1893 האָט אַ גרופּע יונגעלייט איינגעאָרדנט אַ ביבליאָטעק. זיי האָבן אויף אַ פאַרזאַמלונג אין לאָמאַזער וואַלד צונויפגעזאַמלט צווישן זיך אַ 10—15 רובל. פאַר דעם געלט האָט מען אין וואַרשע געקויפט יידישע ביכער — ראָמאַנען פון שמ״ר, בלאשטיין א״אַ. יעדער חבר האָט געצאָלט 3—5 קאָפּיקעס אַ וואָך. אין אַ צייט אַרום, ווען מ׳האָט שוין געהאַט אָנגעזאַמלט אַ 30 רובל האָט מען אין וואַרשע געקויפט העברעאישע ביכער. ביבליאָטעקאַר איז געווען אברהם אורמאַכער. וועגן דער געהיימער ביבליאָטעק האָט זיך דערוווּסט דער ביאַלער רב, און ער האָט באַוויזן צוצונעמען די העברעאישע ביכער, וועלכע זענען ביי אים אין שטוב פאַרברענט געוואָרן. די יידישע ביכער זענען געווען צעטיילט צווישן חברים, און אַזוי אַרום אויסגעמיטן דעם זעלבן גורל.

ביים סוף פון 19טן יאָרהונדערט האָט אַ גרופּע ציוניסטן געגרינדעט אַ „חברה־בחורים״ מיטן ציל צו לערנען יעדן שבת חומש, רש״י שולחן־ערוך, און אויך געהיים אַגיטירן פאַרן ציוניסטישן געדאַנק. די חברה פלעגט זיך צוזאַמענטרעפן אין דער פריוואַטער שול פון א. אורמאַכער. צו דער „חברה־בחורים״ האָבן אָנגעהערט יונגע בעלי־מלאכות, וואָס זענען געווען רעליגיעז געשטימט.

נאָכן אַנטדעקן די דערמאָנטע געהיימע ביבליאָטעק האָט די „חברה־בחורים״, לויטן באַפעל פון רב, זיך אַרויסגעקליבן פון אורמאַכערס שול און זיך אַריינגעצויגן אין אַ דירה אויף דער פראָסטער גאַס. ציוניסטן זענען אָבער מיט זיי ווייטער געשטאַנען אין קאָנטאַקט. פּורים, בעתן לייענען די מגילה ביי דער „חברה־בחורים״, האָבן די צוויי ציוניסטן, אשר האָפּער און מענדל פיזשיץ, אויפמערקזאַם געמאַכט דעם עולם, אַז ס׳איז נישט עסטעטיש אין אַ מקום־קדוש צו קלאַפּן מיט שטעקנס און דרענגער בעתן דערמאָנען המנס נאָמען. מ׳האָט טאַקע נישט געקלאַפּט. אָט וועגן דעם געשעעניש האָט מען דערטראָגן צום רב, און ער האָט באַפוילן די בחורים מער נישט צו האָבן קיין מגע־ומשא מיט דער „חברה־בחורים״.

אין די יאָרן 1890—1893 האָט אין ביאַלע אויך עקסיסטירט אַ געהיימער קרייז פון בחורים, וואָס האָבן געלערנט העברעאיש און רוסיש. אָט דער קרייז האָט אויך אָרגאַניזירט דאָס באַקומען לייען־ביכער פון מעזריטש. אין „פּאָדלאַסיער לעבן״ נומער 19, פון 19טן מאַי 1934 ווערט דערציילט: „ס׳פאַרבלאָנדזשעט פון מעזריטש קיין ביאַלע דאָס ביכל „אהבת ציון״ פון אברהם מאַפּו, וואָס האָט געשפּילט אַ פּיאָנערן־ראָלע אין דער השכלה־באַוועגונג אין רוסלאַנד. דאָס ביכל גייט איבער פון האַנט צו האַנט און ווערט געלייענט בחדרי־חדרים. צום סוף ווערט איין בחור „געכאַפּט״ אויף דער הייסער מינוט מיטן טריף־פּסול אין האַנט.

דער „כאַפּער״, אַ פאַרברענטער חסיד ווערט אַזוי איבערראַשט פון זיין אַנטדעקונג, אַז ער לויפט אַרויס אין גאַס מיטן ביכל און הייבט אָן ווילד צו שרייען: „געוואַלד! ס׳ברענט!״ „די יידישע אמונה איז אין סכנה און מ׳דאַרף לעשן דאָס פייער!״

צו יענער תקופה דאַרף מען אויך צושרייבן די טעטיקייט פון אַ פאַראיין מיטן נאָמען „אַנטיפאַנאַטיזם״. פון נאָמען אַליין

איז שוין קלאָר דער ציל פון אָט דעם פּאַראיין. וועגן דער טעטיקייט פון דעם פּאַראיין ווייסן מיר נאָר, אַז ער האָט אַרויסגעגעבן דריי נומערן פון אַ צייטונג מיטן נאָמען „אַנטי־פּאַנאַטיזם", געשריבן מיט דער האַנט.

די צייט טוט זיך אָבער אירס. אפילו אין דעם פּאַרפינצטערטן ביאַלער „געטאָ" האָבן זיך גענומען אַריינרייסן סימנים פון דעם קולטורעלן אויפשטייג אין יידישן לעבן. די רעליגיעזע קרייזן זענען ווייטער אָנגעגאַנגען מיט זייער האַרטנעקיקן ווידערשטאַנד, אָבער די אָנגרייפערס זענען געוואָרן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער.

אַ גרויסן חלק אין קולטורעלן אויפשטייג צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אין ביאַלע האָבן בלי ספק געהאַט די יידישע גימנאַזיסטן, וואָס זענען געקומען פון רוסלאַנד זיך לערנען אין דער ביאַלער מלוכהשער גימנאַזיע. זיי האָבן געפונען אַ קאָנטאַקט מיט דער יידישער יוגנט און משפיע געווען אויף איר, אַז זי זאָל זיך נעמען צו וועלטלעכער בילדונג. קעגן אָט די גימנאַזיסטן זענען די ביאַלער פּאַנאַטיקערס געווען אָנמעכטיק, ווייל מ׳האָט זייערע עלטערן נישט געקאָנט אַרויסוואַרפן פון די חסידים־שטיבלעך. די ביאַלער רעליגיעזע יידן אין שטאָט האָבן געהאַלטן די גימנאַזיסטן פאַר „פּול־זשידקעס" (האַלבע יידן).

די ליקווידאַציע פון ביאַלער רבינס הויף נאָך דער פּטירה פון ר׳ יצחק יעקב ראַבינאָוויטש, איז געווען אַ וויכטיקער גורם צו דער אָפּשוואַכונג פון דער העגעמאָניע פון די רעליגיעזע קרייזן אין שטאָט.

די ערשטע שול אין שטאָט האָט געגרינדעט אברהם אורמאַכער ביים סוף פון פאַריקן יאָרהונדערט. די שול האָט זיך געפונען אין דער יאַטקע־גאַס. שפּעטער־צו האָבן געגרינדעט שולן: יעקב שטיינמאַן, גדליה קראַוויעץ, (גערופן דער מעזריטשער לערער), מיכאל פייערמאַן, וואָלף נוכאָוויטש, אברהם יעקב קריידשטיין און משה קראַמאַרזש.

ווען מיר דערמאָנען דאָ דאָס וואָרט שולן, דאַרף מען דאָס נישט פאַרשטיין אין בוכשטעבליכן זינען פון וואָרט. דאָס זענען בכלל נישט געווען קיין שולן אפילו אין נוסח פון יענער צייט. אָט די אַלע שולן זענען איינגעאָרדנט געווען זייער פּרימיטיוו און האָבן זיך געפונען אין איין חדר בלויז, און דאָס לרוב אין דער דירה פון לערער, אָבער שוין מיט שול־מעבל. קיין איינער פון די אויסגערעכנטע לערערס האָט נישט געהאַט קיין פּעדאַגאָגישע קוואַליפיקאַציעס און זענען אַלע געווען אויטאָדידאַקטן. די שולן פלעגן האָבן עטלעכע צענדליק תלמידים, מיידלעך און יינגלעך, וואָס זענען געקומען באַזונדער און געלערנט באַזונדער. ס׳איז געלערנט געוואָרן צו ביסלעך יידיש, רוסיש און חשבון. בלויז יעקב שטיינמאַן האָט געלערנט אויך העברעאיש און תנ״ך. זיין שול האָט געטראָגן דעם דעמאָלטיקן פּאָפּולערן נאָמען „חדר מתוקן".

ווי געזאָגט, האָבן די מיידלעך און יינגלעך געלערנט באַזונדער, ווייל קיין שום לערער וואָלט נישט ריזיקירט דעמאָלט צו לערנען יינגלעך מיט מיידלעך צוזאַמען. די יינגלעך האָבן זיך רעקרוטירט פון חדר־תלמידים, וואָס האָבן שוין געלערנט ביי די גמרא־מלמדים און וועמענס עלטערן האָבן געוואָלט, אַז זיי זאָלן קאָנען שרייבן. אָט די חדר־יינגלעך פלעגן קומען אין דער, אַזוי־גערופענער, שול נאָר אויף אַ קורצע צייט, אַ שעה אָדער צוויי, בעת זיי זענען פריי געווען פון חדר. דער לימוד איז נישט געווען נאָרמאַל און דער לערער פלעגט זיצן און וואַרטן אויף זיינע תלמידים. אויך די באַלוינונג איז געווען אַ מינימאַלע.

די לערערס וואָס האָבן געגרינדעט שולן, פלעגן אויך געבן „אוראָקן" (לעקציעס) אין די רייכערע הייזער. זיי האָבן דערביי געהאַט גענוג קאָנקורענטן אין שטאָט. דאָס זענען געווען די, אַזוי גערופענע, „שרייבערס", וואָס פלעגן קומען אין די הייזער און געלערנט אָנשרייבן אַ יידיש בריוול מיט אַ גויישקן אַדרעס. אַ טייל חדר־מלמדים האָבן זיך אויך צוגעכאַפּט צו אָט דער מלאכה און געלערנט שרייבן בריוו לויט אַ בריוונשטעלער.

פון די לערערס וואָס האָבן געגעבן לעקציעס אין די הייזער האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט איינער אַ שלום ראַטשין, וואָס איז געווען אַ ביאַלער איידעם. אָט דער שלום ראַטשין, וואָס איז געווען אַ טעטיקער ציוניסט האָט שוין געגעבן לעקציעס אין העברעאיש.

אין די חדרים פון די גמרא־מלמדים פלעגן קומען לערערס און לערנען די תלמידים שרייבן. טייל לערערס זענען געווען קריסטן, און צווישן זיי איז באַזונדערס באַקאַנט געווען דער לערער באַראַנאָווסקי.

פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן שוין עטלעכע ביאַלער יידישע קינדער געלערנט אין דער שטאָטישער גימנאַזיע, און אין דעם, אַזוי גערופענעם, מלוכהשן מיידל־פּאַנסיאָן.

אין יענער צייט האָבן ד״ר ג. זיטא און זיין פרוי, צאָן־דאָקטאָר ביעלינקע און אַדוואָקאַט קלמן האַרטגלאַס אָרגאַניזירט אָוונט־קורסן פאַר דער ביאַלער יידישער יוגנט, אויף וועלכע מ׳האָט צווישן אַנדערע אויך געלערנט די פּוילישע שפּראַך.

די פּרוּוון צו גרינדן ביבליאָטעקן זענען טיילווייז יאָ געלונגען, אָבער צו אָרעם איז נאָך דעמאָלט געווען די יידישע ליטעראַטור, און ביכער אין אַנדערע שפּראַכן זענען זייער ווייניק געלייענט געוואָרן דורך דער יידישער יוגנט.

אַ גרופּע יוגנטלעכע האָט איינגעאָרדנט אַ געהיים ביבליאָטעקל אין דער וווינונג פון לערער יעקב שטיינמאַן. דאָרט האָט זיך מיט דער צייט אויך געשאַפן אַן אָרט פאַר פּאַרלעזונגען פון די יידישע גימנאַזיסטן, וואָס האָבן זיך געלערנט אין דער שטאָטישער גימנאַזיע.

אַ צווייטע, אומלעגאַלע ביבליאָטעק איז געגרינדעט געוואָרן דורכן „בונד", וועלכע האָט געהאַט אויך רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור.

פאַרן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן אין שטאָט עקסיסטירט פּריוואַטע ביבליאָטעקן ביי די קראָמען,

וואָס האָבן פאַרקויפט לערנביכער, ווי: אברהם אורמאַכער, מוניש און זאַלצמאַן. פאַר אַ געוויסן אָפּצאָל פלעגט מען ביי זיי באַקומען ביכער צום לייענען.

די ערשטע פאַרשפּרייטערס פון צייטונגען אין שטאָט זענען געווען בנימין קאַווע מיט זיין פרוי חוה. זיי פלעגן באַקומען דעם „פריינד" פון פעטערבורג און די „הצפירה" פון וואַרשע, און די באַקומענע צייטונגען צעטיילן צווישן זייערע אַבאָנענטן. שפּעטער זענען זיי שוין געשטאַנען אין גאַס, לעבן חיים יאַסקע קאַשטאַנבוימס הויז און פאַרקויפט די וואַרשעווער יידישע פּרעסע, ווי: „היינט", „מאָמענט", פאַרשיידענע יידישע צייטשריפטן און צייטונגען אין אַנדערע שפּראַכן.

מיר ווייסן אויך וועגן טעאַטער־טעטיקייט פון דער ביאַלער יוגנט אין די צייטן פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. ס'איז צווישן אַנדערן געשפּילט געוואָרן י. גאָרדינס „חאשע די יתומה", וואָס האָט וואָכן לאַנג געהאַלטן די באַזוכערס אונטערן רושם פון דער פאַרשטעלונג. און מערקווירדיק, די רעליגיעזע קרייזן האָבן אויף דעם נישט רעאַגירט.

קיין ביאַלע פלעגן פון צייט צו צייט פאַרבלאָנדזשען וואַנדערנדיקע יידישע טרופּעס און פלעגן געבן פאַרשטעלונגען אין זאַל ביי חיים יאַסקען. מיר ווייסן אויך וועגן אַן אימפּאָזאַנטן שלום עליכם־אָוונט, וואָס איז פאַרגעקומען אין ביאַלע, כדי אויסצוקויפן שלום עליכמס ווערק פון די פאַרלעגערס. אַזאַ אַקציע איז דעמאָלט געפירט געוואָרן אין גאַנץ פוילן, און ווייזט אויס, אַז אויך אונדזער שטאָט האָט בייגעשטייערט איר חלק צו אָט דער אונטערנעמונג. צום דערמאָנטן אָוונט איז געקומען נח פּרילוצקי פון וואַרשע.

דער „בונד" און די ציוניסטן פלעגן אָרגאַניזירן פאָרלעזונגען אויף ליטעראַרישע און קולטורעלע טעמעס, ווי אויך פונאַנדערטיילן פאַרשיידענע בראָשורן צווישן דער באַפעלקערונג.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה

דער אויפברויז אויפן קולטורעלן געביט איז אָבער געקומען אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע. דווקא דעמאָלט, ווען די ביאַלער באַפעלקערונג האָט געליטן הונגער, נויט און קעלט, דווקא אָט אין די מלחמה־יאָרן האָט די ביאַלער יוגנט זיך געריסן צו בילדונג און וויסן, ווי דורשטיקע צו וואַסער.

אויפן ערשטן אָרט רוקט זיך אַרויס דער געוואַגטער אויפטו פון דער ציוניסטישער גרופּע צו אָרגאַניזירן אַ העברעאישע שול. זי האָט געגרינדעט די העברעאישע שול „יבנה", וועלכע האָט קאָנצענטרירט צווישן אירע ווענט אַ צאָלרייכע גרופּע תלמידים און תלמידות. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער יידישער ביאַלע האָט די שטאָט באַקומען אַ שול, מיט וועלכער מ'האָט ווירקלעך געמעגט שטאָלצירן.



החוג הדרמטי שהשתתף בנשף־שלום־עליכם בהשתתפותו של נח פרילוצקי.

דער דראַמאַטישער קרייז, וואָס האָט אָנטיילגענומען אין שלום־עליכם־אָוונט מיטן אָנטייל פון נח פּרילוצקי (וואַרשע). רעכטס זיצן: יואל איצל שניידער, שיינע פּערל איידלשטיין, יעקב אהרן ראָזנבוים, דאסיע פעלזנשטיין; שטייען: נאָמען אומבאַקאַנט, איטשע שערמאַן (איטשע געגדזעלעס), חיה ראָזנבוים און פייוול (פאַמיליע־נאָמען אומבאַקאַנט).

Dramatic group who participated in the Shalom-Aleichem-Evening with the participation of Noach Prilutzky

אין די מלחמה־יאָרן איז אַנטשטאַנען אַ מיידל־שול, אָנגעפירט דורך פרל׳ שוואַק (משה טאָקערס טאָכטער) און פרל׳ פישמאַן (שלמה פישמאַנס טאָכטער). די שול האָט זיך געפונען אין ראָטנבערגס הויז, אויף דער רעפאָרמאַצקער גאַס. דאָרט איז די אונטערריכט־שפּראַך געווען פויליש, און די שול איז געשטאַנען אויף אַ הויכן ניוואָ. אין די ערשטע יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז זי ליקווידירט געוואָרן.

די פּאַרטייען האָבן אַנטוויקלט אַ פרוכטבאַרע טעטיקייט. די ציוניסטישע פּאַרטיי האָט געגרינדעט דעם „בית־עם״, ווו ס׳האָט זיך געפונען אַ ביבליאָטעק, אַ לייען־זאַל, דראַמאַטישער קרייז און דער מכבי מיט זיין אָרקעסטער. אין „בית־עם״ זענען פון צייט צו צייט פאָרגעקומען פאַרשיידענע פאַראַנשטאַלטונגען, ווי: טעאַטער־פאָרשטעלונגען, קאָנצערטן, טורנפעסטן פון מכבי און פאַרשיידענע רעפעראַטן.

דער „בונד״ האָט ביי דער אָקופּאַציע־מאַכט לעגאַליזירט זיין קליינע ביבליאָטעק און געשאַפן אַ דראַמאַטישן קרייז. אין יאָר 1915 האָבן עטלעכע חברים פון „בונד״ געגרינדעט אַ ליטעראַריש־דראַמאַטישע געזעלשאַפט. דער דעמאָלטיקער מיליטערישער ראַבינער ד״ר טענצער האָט אויך צוגעהאָלפן לעגאַליזירן די דאָזיקע געזעלשאַפט ביי דער דייטשער מאַכט, און אַדאַנק זיינע באַמיאונגען האָט די געזעלשאַפט באַקומען אַ צוויי־צימערדיקן לאָקאַל אויף דער גאַרנצאַרסקער גאַס, ווי אויך אַ קלאַוויר און מעבל.

די געזעלשאַפט האָט געטראָגן אַן אומפּאַרטייאישן כאַראַקטער און זיך דורכאויס פאַרנומען מיט קולטורעלער טעטיקייט. אַזוי איז דורכן מוזיקער שמעון בלאַנקליידער (גראַבער) אָרגאַניזירט געוואָרן אַ כאָר, ס׳איז אַנטשטאַנען אַ דראַמאַטישער קרייז אונטער דער אָנפירונג פון גדליהו בראַווערמאַן. אין לאָקאַל פון דער געזעלשאַפט פלעגן אָפט פאָרקומען פאַרשיידענע רעפעראַטן און קינסטלערישע אָוונטן.

אין דעם דאָזיקן לאָקאַל איז מיט דער צייט איינגעאָרדנט געוואָרן אַ בופעט, ווו די באַזוכערס פלעגן פאַר ביליקע פרייזן באַקומען געצוקערטן טיי מיט ברויט. אין יענע ביטערע מלחמה־יאָרן, ווען דער הונגער איז געווען אַזאַ אָפטער גאַסט אין די יידישע הייזער, איז דאָס דערמעגלעכן צו באַקומען אַ גלאָז געצוקערטן טיי מיט ברויט פאַר אַ מינימום, געווען אַ גאָר גרויסער אויפטו.

מיט דער געזעלשאַפט האָט אָנגעפירט אַ פאַרוואַלטונג פון: פּולע (רפאל) לעדערמאַן, גדליהו בראַווערמאַן, מרדכי האַכמאַן, שמעון בלאַנקליידער (גראַבער), משה ראָדזינעק, צאַלקע וואַקסין (פליט פון בריסק) א״אַ.

גאָר אָפט זענען אין שטאָט פאָרגעקומען אויפטריטן פון דראַמאַטישע קרייזן און פון מאַנדאָלין־אָרקעסטער, אין די זאַלן פון חיים יאַסקע קאַשטנבוים, קייאַווסקען און אין סעמינאַר, ווו די דייטשן האָבן געשאַפן אַ קליינעם טעאַטער־זאַל.

אַ גרויסע אונטערשטיצונג ביי דער קולטור־טעטיקייט האָבן די יידישע געזעלשאַפטלעכע קרייזן באַקומען פון די יידישע מיליטער־לייט אין דער דייטשער אַרמיי.

ביים סוף פון דער מלחמה איז אַנטשטאַנען די פּאַרטיי פון „פּועלי־ציון״, און אויך דאָרט איז געגרינדעט געוואָרן אַ ביבליאָטעק.

אַט אַזוי האָט במשך פון דער גאַנצער אָקופּאַציע־צייט אָנגעהאַלטן אַ לעבהאַפטע קולטור־טעטיקייט אין שטאָט, און דאָס ביי די שווערסטע עקאָנאָמישע באַדינגונגען.

אין דעם באַנייטן פוילן

מיטן אַנטשטיין פון דער פוילישער מלוכה אין יאָר 1918 זענען פאָרגעקומען ענדערונגען אין קולטור־־לעבן פון דער שטאָט.

ראשית האָט די שטאָט פאַרלוירן די „יבנה״־שול און מער קיינמאָל נישט זוכה געווען צו האָבן אַ יידישע שול.

שווער היינט צו געפינען וועמען פון די ביאַלער, וואָס זאָל אומשטאַנד זיין אויפצוקלערן ווי אַזוי און פאַרוואָס איז פּלוצעם די „יבנה״־שול איבער נאַכט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „פאָלקס־שול״. הגם די לערערס זענען נאָך דעמאָלט געווען די זעלבע, דאָך איז דער ניוואָ פון די לימודים געפאַלן. העברעאיש איז ווייטער געבליבן די אונטערריכט־שפּראַך, אָבער אַ טייל קעגנשטאַנדן זענען שוין געלערנט געוואָרן אין פּויליש. די שול איז ווייטער געבליבן אונטערן איינפלוס פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און זיך כסדר געראַנגלט פאַר איר קיום, ביז זי האָט זיך אין יאָר 1923 לגמרי ליקווידירט.

אין דער צייט ווען די „יבנה״־שול איז פּלוצעם פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „פאָלקס־שול״ איז אין שטאָט אַנטשטאַנען אַ פּריוואַטע שול, אונטער דער אָנפירונג פון נחמן שיוואַק און זיך זייער גוט אַנטוויקלט. די שול האָט אָבער נישט געקאָנט אויסהאַלטן די קאָנקורענץ פון די אומזיסטע מלוכהשע פאָלקס־שולן און האָט נאָך עטלעכע יאָר טעטיקייט זיך ליקווידירט.

נאָך דער ליקווידאַציע פון אַט די שולן זענען געווען פּרוּוון צו שאַפן נייע שולן, אָבער זיי זענען געבליבן דערפאָלגלאָז. באַמיאונגען וועגן שאַפן אַ שול האָבן געמאַכט סיי די ציוניסטישע — און סיי די יידישיסטישע קרייזן. ס׳זענען אַפילו טעטיק געווען שולן פון „תרבות״ — און „ציש״אָ־טיפּ, אָבער דאָס זענען געווען נאָר עפּיזאָדן און נאָך אַ קורצער צייט האָבן זיי אויפגעהערט צו עקסיסטירן.

אין יענער צייט האָבן יידישע קינדער אָנגעפילט די מלוכה־שולן און די צוויי מלוכה־גימנאַזיעס אין שטאָט זענען שוין איצט נישט באַיקאָטירט געוואָרן דורך די יידן, ווי אַמאָל אין די צאַרישע צייטן, נייערט פאַרקערט, איצט האָבן די אָנפירערס פון די גימנאַזיעס באַגרענעצט דעם צוטריט פאַר יידן, מיטן מאָטיוו, אַז ס׳פעלן ערטער.

אין לאָקאַל פון דער ליקווידירטער פאָלקס־שול, האָט מען אין אָנהייב געגרינדעט אַ מלוכה־שול פאַר יידישע מיידלעך, וועלכע זענען שבת באַפרייט געווען פון די לימודים. מיט דער צייט אָבער האָט די שול אויפגעהערט צו עקסיסטירן, און די יידישע מיידלעך פון אַט דער שול זענען אַריבערגעפירט געוואָרן אין אַן אַנדער שול, ווו זיי פלעגן שוין מוזן שבת קומען אין שול, אַזוי ווי די איבעריקע יידישע קינדער אין אַלע מלוכהשע שולן. אין אָנהייב האָט דאָס באַזוכן שבת די שולן דורך



מכירת פרח לטובת „ציש״א, סניף ביאלה

אַ בלימל־פאַרקויף לטובת דער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע, אָפּטיילונג אין ביאַלע.

Flower sale on behalf of the "Jewish School Organisation" branch in Biala.

די יידישע קינדער אַרויסגערופן אַ רעאַקציע ביי די פרומע עלטערן, אָבער שפּעטער האָט זיך נישט געמערקט קיין שום פּראָטעסט אין דער היגזיכט אַפילו אין די גאָר פרומע קרייזן.

עטלעכע יאָר פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן די אגודה־קרייזן געגרינדעט אַ „בית־יעקב״־שול, וואָס איר טעטיקייט האָט אָנגעהאַלטן ביז דער מלחמה. די שול האָט זיך געפונען אין אַ צימער אין טילעס הויז, אויפן מאַרק.

ס׳דאַרף דערמאָנט ווערן, אַז די לערערין ליובע ווינטרויב־טוכשניידער האָט כמעט אומאיבערייסלעך געפירט אַ פּריוואַטע שול, וואָס איז אַפילו טעטיק געווען בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה.

פון צייט צו צייט פלעגט טעטיק זיין אַ פּריוואַטע שול פון לערער וואָלף נוכאָוויטש.

אין די ערשטע יאָרן נאָך דער אַנטשטייאונג פון דער פּוילישער מדינה זענען אין שטאָט טעטיק געווען ווי לערערינס די שוועסטערס וואַרשאַווסקי, פון וואַרשע, וואָס האָבן זיך באַזונדערס באַשעפטיקט מיטן צוגרייטן תלמידים און תלמידות צו די עקזאַמענס אין די שטאָטישע צוויי גימנאַזיעס.

עטלעכע יאָר פאַר דער מלחמה איז אין שטאָט טעטיק



תלמידי שעורי הערב העבריים בהנהלת מ. מ. גאָלנברג

די תלמידים פון די העברעאישע אָונט־קורסן אונטער דער אָנפירונג פון מ. מ. געלענבערג.

Pupils of the Hebrew evening school under management of M. M. Gelenberg.

געווען ווי אַ העברעאישער לערער, איינער אַראַנסקי, פון וואָלין, וועלכער האָט געהאַט דערפאָלג אין זיין אַרבעט.

גאַנץ אָפט פלעגן אָרגאַניזירט ווערן אָוונט־קורסן, ווו פאַר אַ מינימאַלן אָפּצאָל האָבן יוגנטלעכע געלערנט העברעאיש. די ערשטע קורסן, ווו מ׳האָט חוץ העברעאיש, אויך געלערנט אַנדערע קענטשאַפטן זענען אָרגאַניזירט געוואָרן ביים השומר־הצעיר. שפּעטער האָט דער השומר־הצעיר געגרינדעט אָוונט־קורסן נאָר פאַר העברעאיש, וואָס איז געלערנט געוואָרן פון לערער מ. מ. געלענבערג אין דער פאָלקס־שול. ווען די קורסן ביים השומר האָבן אויפגעהערט צו עקסיסטירן, האָט דער לערער געלענבערג פאַרגעזעצט די קורסן אויף אייגענער האַנט, צו ערשט אין דער וווינונג פון פרוי גאָלדע וויינבערג (אלתר וויינבערגס פרוי) און שפּעטער אין הויז פון די פרידמאַנס אויף דער קשיוועד גאַס. דעם לערער געלענבערג איז גע־לונגען צו שאַפן אין שטאָט אַ צאָלרייכן קרייז פון העברעאיש־לערנערס. העברעאישע קורסן זענען שפּעטער געפירט געוואָרן פון משה סמאָליאַר און דעם שוין דערמאָנטן לערער אַראַנסקי.

מ. מ. געלענבערג איז געווען איינער פון די איניציאַטאָרן און גרינדערס פון די עספּעראַנטאָ־קורסן אין שטאָט, וואָס זענען אָנגעפירט געוואָרן פון א. אורמאַכער.

ביים מלחמה־אויסברוך אין יאָר 1939 זענען אין שטאָט טעטיק געווען צוויי ביבליאָטעקן: ביי דער „תרבות״־געזעל־שאַפט און ביי דער „קולטור־ליגע״. ביידע זענען פולשטענדיק פאַרניכטעט געוואָרן בעת דער נאַצי־הערשאַפט.

די דראַמאַטישע קרייזן האָבן אַרויסגעוויזן אַן אינטענ־סיווע טעטיקייט, געבנדיק אָפט אויפפירונגען פון די ווערק פון: י. גאָרדין, פּרץ הירשביין, שלום־עליכם, מענדעלע מוכר ספרים א״אַ. דער דראַמאַטישער קרייז, וואָס האָט זיך גרופּירט אַרום „בית־עם״ איז אָנגעפירט געוואָרן פון רעזשיסער מאָטל (מרדכי) פּיעקאַרסקי. די אַנדערע דראַמאַטישע קרייזן זענען לרוב אָנגעפירט געוואָרן פון רעזשיסער גדליהו בראַווערמאַן.

אַדאַנק מ. מ. געלענבערגס איניציאַטיוו איז אַנטשטאַנען דער דראַמאַטישער קרייז אויפן נאָמען פון י. ל. פּרץ, וועלכער האָט אויפגעפירט אויף דער בינע מאָליערס „דער קאַרגער״, אונטער דער רעזשי פון בערל מאַנפערל פון מעזריטש.

אין שטאָט פלעגן פון צייט צו צייט וויילן אַרטיסטישע טרופּעס פון וואַרשע, און איינצלנע אַרטיסטן, וואָס פלעגן אויפטרעטן מיט אייגענע פּראָגראַמען, ווי רעציטאַטאָרס, זינ־גערס און הומאָריסטן.

גרויסע פאַרדינסטן האָט געהאַט די מוזיקער־משפחה בלאַנקליידער, וועלכע האָט מיט איר קינסטלערישער טעטיקייט באַרייכערט דאָס יידישע קולטור־לעבן אין ביאַלע. די משפחה בלאַנקליידער האָט געגעבן די מוזיקאַלישע אומראַם צו יעדער קולטורעלער פאַראַנשטאַלטונג, ווו ס׳איז נאָר נויטיק געווען. אַ טייל פון אַט דער משפחה איז טעטיק געווען ווי אָרגאַניזאַ־טאָרן און דיריגענטן פון אָרקעסטערס און כאָרן, און גאָר באַזונדערס האָט זיך אויף דעם געביט אויסגעצייכנט שמעון בלאַנקליידער (גערופן: דער דאַרער, צום אונטערשייד פון צווייטן שמעונען, וואָס איז געווען אַ דיקער). אַט דער שמעון בלאַנקליידער האָט אַרויסגעוויזן גרויסע אָרגאַניזיר־פעאי־קייטן, און אַזוי איז ער געווען דער גרינדער און דיריגענט פון מכבי־אָרקעסטער. ער האָט אָרגאַניזירט אַ סך כאָרן און מאַנדאָלין־אָרקעסטערס אין שטאָט, מיט וועלכע ער פלעגט אָפט געבן קאָנצערטן. אַז ס׳איז נייטיק געווען אַ גימנאַסטיק־לערער אין דער „יבנה״־שול, האָט מען גערופן שמעון בלאַנק־ליידער און אים אָנגעטרויט דעם אַמט, אויף וועלכן ער האָט זיך זייער אויסגעצייכנט. די בלאַנקליידערס זענען אויך טעטיק געווען ווי פּריוואַטע מוזיק־לערערס. ס׳איז ווערט צו באַמערקן, אַז די קריסטלעכע געזעלשאַפט האָט אין די צייטן פון שאַרפסטן אַנטיסעמיטישן קורס געמוזט אָנקומען צו די בלאַנקליידערס, אויב זיי האָבן געוואָלט געניסן פון גוטער מוזיק.

אויפן געביט פון ספּאָרט איז כמעט ביז 1930 זייער אַקטיוו געווען דער מכבי, וואָס האָט אויך פאַרמאָגט אַ שיינעם בלאַז־אָרקעסטער. די אַלגעמיינע אַפּאַטיע און רעזיגנאַציע, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער יידישער באַפעלקערונג אין ביאַלע, האָט אויך דערפירט צום אונטערגאַנג פון מכבי. אַ געוויסע צייט איז אויך טעטיק געווען אַ ספּאָרט־קלוב ביים „בונד״ אונטערן נאָמען „מאָרגנשטערן״.

אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן זענען געמאַכט גע־וואָרן פּרוּוון אַרויסצוגעבן אַ וואָכנצייטונג, אָבער זיי זענען נישט געלונגען. ס׳זענען דערשינען בלויז עטלעכע נומערן פון „ביאַלער עכאָ״, וואָס איז געוואָרן אַרויסגעגעבן דורך דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין ביאַלע. דאָס איז געווען אַ שטאַרק קעמפערישע צייטונג קעגן ביאַלער קלער מיטן רב בראש. אין זעלבן יאָר איז אויך דערשינען אַ ליטעראַרישע אויסגאַבע, אונטער דער רעדאַקציע פון לערער מ. געלענבערג.

אין יאָר 1926 האָט אָנגעהויבן דערשיינען די וואָכנצייטונג „פּאָדלאַסיער לעבן״, וואָס איז רעדאַגירט געוואָרן דורך מ. מ. געלענבערג, אַדאַנק וועמענס באַמיאונגען די צייטונג איז אַנטשטאַנען. דאָס „פּאָדלאַסיער לעבן״ איז דערשינען במשך פון עטלעכע יאָר.

פון יאָר 1932 זענען אין שטאָט דערשינען, מיט איבעררייסן, די וואָכנצייטונגען: „פּאָדלאַסיער לעבן״, אומאָפּהענגיק געזעל־שאַפטלעך וואָכנבלאַט; „ביאַלער וואָכנבלאַט״, „נאַציאָנאַל־גע־זעלשאַפטלעך וואָכנבלאַט פאַר ביאַלע און אומגעגנט און „פּאָדלאַסיער שטימע״, אומאָפּהענגיקע געזעלשאַפטליכע צייט־שריפט. פון די צאָל עקזעמפּלאַרן וואָס אונדז איז געלונגען צו באַקומען איז צו זען, אַז נאָך אין יאָר 1938 איז אין שטאָט דערשינען דאָס „ביאַלער וואָכנבלאַט״, אונטער דער רעדאַקציע פון חיים מיאָדעק.

געלענבערג איז אויך געווען דער גרינדער פון אַ ליטע־ראַרישן קרייז, וואָס פלעגט איינאָרדענען ליטעראַרישע מש־פּטים, און כמעט אויף יעדן שבת אַראָפּברענגען באַוווּסטע רעפערענטן פון וואַרשע.

דער יידישער בירגער־קלוב („קלוב אָביוואַטעלסקי״),

וואָס האָט זיך געפונען אין הויז פון צאָן־דאָקטאָר יואל זיל־בערבערג, פלעגט איינאָרדענען פאַרלעזונגען, לרוב אין דער פוילישער שפּראַך.

ביים אויסברוך פון דער מלחמה זענען אין ביאַלע געווען דריי יידישע צייטונגס־קיאָסקן: חוה קאַווע (עק פּלאַץ־וואָל־נאָשטשי, ביים אַריינגאַנג אין דער יאַנעווער גאַס); חיים קאַווע (פּלאַץ־וואָלנאָשטשי, לעבן חיים יאָסקעס הויז) און אהרן ריבאַק (עק פּלאַץ־וואָלנאָשטשי, ביים טרעגער־ראָג).

ביים סוף פון איבערבליק זאָלן דאָ דערמאָנט ווערן די ביאַלער לערערס און די, אַזוי־גערופענע, „שרייבערס״, וואָס האָבן זיך געגעבן די מי אַריינצוברענגען וויסן און קולטור צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אין די לעצטע 70—80 יאָר יידיש לעבן אין ביאַלע. די רשימה איז כמעט אַ פול־שטענדיקע.

אשר אברהם קאַדניערס
ישעיהו אליעזר (שאַיע לייזער, נישט מוזשינעק, דער פּראָשעניע־שרייבער).
מאיר דוד גאָלדבערג (בריסקער שרייבער).
שלום ראַטשין.
נחמן שרייבער (צונאָמען).
דאָס קאַזאַקל (צונאָמען).
אברהם יעקב קריידשטיין.
ליטמאַן שרייבער (צונאָמען).
אלחנן (אַרויסגעשיקטער פון קאָוונע — ליטע).
אברהם אורמאַכער.
יעקב שטיינמאַן.
מיכאל פּייערמאַן (צפון־אַמעריקע).
גדליהו קראַוויעץ.
וואָלף נוכאָוויטש.
משה קראַמאַרזש.
יונה שטיינמאַן (צפון־אַמעריקע).
שלמה אייזנבערג.
מתתיהו קליגסבערג (ישראל).
אברהם גווירצמאַן.
חיים באַרלאַס (ישראל).
יצחק לייב מייזל.
רוזשע וואַרשאַווסקי־לעבנבערג.
ליאַנא וואַרשאַווסקי.
חיה שיין.
קאַנאַלבוים (סטודענטין פון וואַרשע).
נחמן שיוואַק.
טוביה בינשטאָק (צפון־אַמעריקע).
רפאל מייערזאָן (בעלגיע).
ליובע וויינטרויב—טוכשניידער.
מרדכי גאָלדבערג.
פעלדמאַן (טאָכטער פון טאַפּעצירער).
שמעון בלאַנקליידער (דאַרער).
ישעיהו אידל לעמבערגער.
מנחם מ. געלענבערג.
יעקב נאָרדמאַן. (ישראל).
יצחק לערער (ישראל).
משה סמאָליאַר (ישראל).
אַראָנסקי.
רעניא גאָלדשטיין־סוקנאָוו (אויסטראַליע).
גאָלינסקי.

מקורות:

1. „פּאָדלאַסיער לעבן״, אומאָפּהענגיק געזעלשאַפטלעך וואָכנ־בלאַט, ביאַלע (עקזעמפּלאַרן פון די יאָרן 7־1926 און 4־1932).
2. גבית־עדות פון: אלתר וויינבערג, אשר האָפער, משה רובינ־שטיין און גדליהו בראַווערמאַן.

מ. רבאון תל־אביב / בית־ספר „יבנה״


די ערשטע מאָדערנע נאַציאָנאַל־העברעאישע שול אין ביאַלע אונטערן נאָמען: בית־ספר עברי „יבנה״, איז געגרינדעט געוואָרן פסח־צייט אין יאָר 1916, בעת דער דייטשער אָקו־פּאַציע, אין דער ערשטער וועלט־מלחמה.

די איניציאַטאָרן און גרינדערס פון אָט דער שול זענען געווען משה רובינשטיין, יהושע פישער און יעקב שטיינמאַן. צוגעהאָלפן רעאַליזירן די אידעע האָט דער ד״ר מעדיצין א. מעלער, פון אַלטאָנאַ, ביי האַמבורג (דייטשלאַנד), אַ ציוי־ניסט, וועלכער האָט זיך דעמאָלט געפונען אין ביאַלע, ווי אַ דייטשער מיליטער־דאָקטאָר.

די גרינדערס פון דער שול האָבן זיך שוין פון יאָרן אַרומ־געטראָגן מיטן געדאַנק וועגן גרינדן אַ העברעאישע שול אין שטאָט. דער געדאַנק האָט אָבער נישט געקאָנט רעאַליזירט ווערן, ווייל די צאַרישע מאַכט האָט נישט אַרויסגעגעבן קיין דערלויבעניש צו עפענען אַזאַ שול. חוץ דעם האָבן די איני־ציאַטאָרן געצווייפלט צי אַזאַ שול וועט האָבן תלמידים, ווייל ס׳האָט זיך נישט געגלויבט, אַז די פרומע קרייזן אין שטאָט וועלן טאָלערירן די עקסיסטענץ פון אַ מאָדערנער שול.

אין דער ערשטער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע האָבן די דערמאָנטע פּערזאָנען געוואָלט אָנהויבן אַן עפנטלעכע ציוניסטישע טעטיקייט אין שטאָט דורך אָרגאַניזירן העברע־אישע אָוונט־קורסן. ביים אָנהויבן רעאַליזירן זייער פּלאַן האָבן זיי געענדערט זייער שטעלונג און באַשלאָסן צו שאַפן אַ העברעאישע שול, און דאָס אַ נאַציאָנאַלע, מאָדערנע קאָע־דוקאַציע־שול.

כדי זיך צו פאַרזיכערן מיט אַ צאָל תלמידים, האָבן די



הועד המפקח של בית־הספר „יבנה“
קוראַטאָריום פון דער „יבנה“־שול.
פון רעכטס: יעקב שטיינמאַן, יהושע פישער, חנה מרים מינץ, משה רובינשטיין און יונה שטיינמאַן.
Governing Board of “Yavneh” school.

אָרגאַניזאַטאָרן פון דער שול, נאָך מיט אַ צייט צוריק פאַרן עפענען די שול, אינספּירירט צו שאַפן אין שטאָט אַ קינדער־היים, וואָס האָט געדאַרפט צושטעלן דעם תלמידים־אַוואַנגאַרד פאַר דער שול.

די דערלויבעניש צו עפענען אַזאַ שול האָבן ביי דער דייטשער אָקופּאַציע־מאַכט אַרויסבאַקומען די פרוי חנה מרים מינץ, ביי דער מיטהילף פון מיליטערישן ראַבינער ד״ר טענצער.

די שול האָט זיך געפונען אין דער אָפיצינע ביי חיים לוי רובינשטיין אין הויף, און ביים סוף פון איר עקסיסטענץ — אין הויז פון מאָטל פון וויינעס, אויף דער גראַבאַנאָווער גאַס.

תחילת זענען געעפנט געוואָרן נאָר צוויי קלאַסן, אָבער קורץ נאָכדעם זענען שוין טעטיק געווען פיר קלאַסן.

אין קוראַטאָריום פון דער שול האָבן זיך געפונען: פרוי חנה מרים מינץ, משה רובינשטיין, יהושע פישער, יעקב שטיינמאַן און יונה שטיינמאַן.


דער לערער־פּערסאָנאַל איז באַשטאַנען פון: יעקב שטיינמאַן, יונה שטיינמאַן, שלמה אייזנבערג, שמעון בלאַנקליידער, ישעיהו אידל לעמבערגער, אברהם גווירצמאַן (פּליט פון בריסק), חיים באַרלאַס (פּליט פון בריסק), יצחק לייב מייזל (פּליט פון פינסק), מתתיהו קליגסבערג; שפּעטער האָבן מיטגעאַרבעט די לערערס, מיכאל פייערמאַן, וואָלף נוכאָוויטש, גדליהו קראַוויעץ, משה קראַמאַרזש, די שוועסטערס וואַרשאַווסקי (פון וואַרשע) און די סטודענטין קאַנאַלבוים (פון וואַרשע).

געלערנט אין שול האָט מען פאָלגנדיקע לימודים: שפּראַכן — העברעאיש (אונטערריכט־שפּראַך), דייטש און פּויליש, חשבון, געשיכטע, תנ״ך, געאָגראַפיע נאַטור־וויסן, געזאַנג, צייכענען, האַנט־אַרבעט און גימנאַסטיק. נאָך די לעקציעס פלעגט מען לערנען חומש מיט רש״י, און אין אָנהייב פון דער שול־טעטיקייט האָט מען אויך געלערנט תלמוד. אינדערפרי, פאַר די לימודים, פלעגט מען דאַווענען בציבור און נאָך די לימודים — מנחה. כאַראַקטעריסטיש, אַז די תלמידות וואָס זענען באַפרייט געווען פון דאַווענען פלעגן נישט וועלן פאַרלאָזן די קלאַס און פלעגן דאָרט זיין די גאַנצע צייט פון דאַווענען, נישט אויס פרומקייט, נייערט פון נישט וועלן צוגעבן און אָנערקענען אונטערשיידן צווישן זיי און די ייִנגלעך.

די שול איז נישט געווען אָנגעשלאָסן אין קיין שום שול־צענטראַלע און האָט געאַרבעט זעלבסטשטענדיק. דער לערן־פּראָגראַם איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אויפן אָרט מיט אייגענע כּחות.

לערנביכער, שול־מכשירים און ביכער פאַר דער שול־ביבליאָטעק האָט מען געבראַכט פון וואַרשע. שפּעטער צו האָט מען אויך באַשטעלט ביכער אין דייטשלאַנד.

דער לימוד איז געשטאַנען אויף זייער אַ הויכן ניוואָ. דאָס לערנען איז צוגעגאַנגען אינטענסיוו, און די תלמידים האָבן געמאַכט גוטע פאָרשריט אין די לימודים, באַזונדערס אין עברית. די תלמידים זענען געווען גוט אַנטוויקלט אין געזעלשאַפטלעכן זין. עטלעכע תלמידים פון דער „יבנה“־שול האָט ראַבינער ד״ר ש. פּאָזנאַנסקי געוואָלט אָננעמען אין זיין לערער־סעמינאַר אין וואַרשע אפילו אָן עקזאַמענס (לויט אַ ידיעה פון חיים ראָזמאַרין). די תלמידים וואָס האָבן באַשלאָסן פאַרזעצן זייער בילדונג אין די שטאַטישע מלוכהשע גימנאַזיעס האָבן נישט געהאַט קיין שוועריקייטן ביי די איינטריט־עקזאַמענס. אין אַלגעמיינער בילדונג זענען זיי געווען מער אַוואַנסירט פון די קריסטלעכע תלמידים.



הועד המפקח והמורים של בית־הספר „יבנה“.
קוראַטאָריום און לערערס פון דער „יבנה“־שול
פון רעכטס: אברהם גווירצמאַן, יעקב שטיינמאַן, ישעיהו אידל לעמבערגער, משה רובינשטיין, שלמה אייזנבערג, חנה מרים מינץ, יהושע פישער, יונה שטיינמאַן, און שמעון בלאַנקליידער.
Governing Board and teachers of “Yavneh” school.

ביים אַנטשטיין פון דער שול האָבן זיך צווישן אירע ווענט געפונען בערך 100 תלמידים, שפּעטער צו בערך 200. צוליב מאַנגל אין אָרט האָט מען ליידער נישט געקאָנט אָננעמען מער תלמידים.

דער רוב תלמידים האָט געצאָלט שכר־לימוד און נאָר אַ קליינער פּראָצענט איז באַפרייט געווען פון צאָלן. דער בודזשעט



התלמידים והמורים של בית־הספר „יבנה״

די תלמידים און לערערס פון דער „יבנה״־שול

Pupils and teachers of “Yavneh” school.

פון דער שול איז געדעקט געוואָרן בעיקר פון שכר־לימוד. ס׳זענען אויך געווען הכנסות פון פאַרשיידענע פאַראַנשטאַלטונגען, ווי: קינסטלערישע אָוונטן, בלימל־פאַרקויף. האָלץ צום באַהייצן ווינטער די שול פלעגט מען באַקומען פון דער דייטשער ציוויל־פאַרוואַלטונג. ביי דער אנטשטייאונג פון פוילן פלעגט מען באַקומען אַ סובסידיע פון „דזשאָינט״.

די שול האָט נישט געהאַט אין דער ערשטער צייט קיין שום באַצאָלטן אַדמיניסטראַטיוון פערסאָנאַל, אויסער דעם משרת יוסף, אַ פליט פון בריסק.

די יידישע געזעלשאַפט אין שטאָט האָט זיך באַצויגן צו דער שול פאָזיטיוו און מיט רעספּעקט, און אַפילו פון די רעליגיעזע קרייזן האָט מען נישט אָנגעטראָפן אויף קיין שטע־רונגען און רדיפות. די שול האָט צווישן אירע תלמידים פאַרמאָגט אַן אָנזעבאַרע צאָל פון פרומע היימען.

די שול פלעגט דורכפירן טראַדיציאָנעלע חנוכה־און פורים־אָוונטן, פאַרשיידענע פאַראַנשטאַלטונגען, ל״ג־בעומר־און חמשה עשר באב־אויספלוגן א״אַ. אָט די פאַראַנשטאַלטונגען זענען ווייט אַרויס פון די שול־ראַמען און פלעגן פאַרוואַנדלט ווערן אין גראַנדיעזע מאַניפעסטאַציעס פון דער ציוניסטישער באַוועגונג פאַרן נאַציאָנאַלן געדאַנק. די פאַראַנשטאַלטונגען פלעגן איבערלאָזן אַ שטאַרקן איינדרוק אויף דער באַפעלקערונג אויף אַ לאַנגע צייט.

גאָר אַ נייעס אין שטאָט איז געווען די יאָר־יערלעכע טרויער־אַקאַדעמיע צום אָנדענק פון ד״ר ט. הערצל, וואָס פלעגט איינגעאָרדנט ווערן אין דער „יבנה״־שול. אָט די אז־



התלמידים והמורים של בית־הספר העממי.

די תלמידים און לערערס פון דער פאָלקס־שול.

Pupils and teachers of the Public School.

כרה האָט זיך באַזונדערס איינגעקריצט אין זכרון פון די תלמידים מיט איר פייערלעכן פּאַרלויף. אויף דער וואַנט איז געהאַנגען אַ גרויס הערצל־בילד (געמאָלן פון קונסטמאָלער ישעיה אידל לעמבערגער) אין אַ שוואַרצער ראַם, און דערלעבן צוויי אָנגעצונדענע ליכט. דער אָוונט פלעגט זיך אָנהייבן מיט אַן „אל־מלא רחמים״, אויסגעפירט פון פינטשע ליבמאַן ביי דער מיטהילף פון שול־כאָר. נאָכדעם פלעגן געהאַלטן ווערן רעפעראַטן וועגן לעבן און שאַפן פון גרינדער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. צו אָט די טרויער־אָוונטן פלעגן אויך קומען אַ סך חברים און סימפּאַטיקערס פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין שטאָט.

די באַציאונגען צווישן די לערערס און תלמידים זענען געווען זייער האַרציקע און פול מיט רעספּעקט מצד די תלמידים צו זייערע דערציערס. שוין ביים סוף פון דער עקסיסטענץ פון דער שול, איז אָנגעקומען אַ לערערין, די סטודענטין קאַנאַלבוים, אַ בונדיסטין פון וואַרשע, וועלכע האָט באַוויזן צו באַאיינפלוסן אַ טייל תלמידים אין דער העכסטער קלאַס קעגן לימוד פון תנ״ך. נאָך אַן אינטימען געשפּרעך פון מנהל מיט די תלמידים איז דער דאָזיקער פּרווו פולשטענדיק ליקווידירט געוואָרן.

מיטן אַנטשטיין פון דער פּוילישער מדינה, זענען אַ טייל לערערס זיך צעפאָרן, דער ניוואָ פון די לימודים איז געפאַלן, ס'האָט זיך אויך פאַרערגערט דער פינאַנציעלער מצב פון דער שול. ס'איז מיר אוממעגלעך צו דעראינערן זיך ביי וועלכע אומשטענדן איז פאַרשוווּנדן פון דער שול דער נאָמען „יבנה״ און מ'האָט די שול אָנגעהויבן רופן „פאָלקס־שול״.

בית־ספר עממי פרטי של נחמן שיוואק

די שול איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1919 דורך נחמן שיוואַק, וועלכער האָט געשטאַמט פון אַ דאָרף לעבן מעזריטש. לכתחילה האָט זיך די שול געפונען אין הויז פון שניידער ישעיהו רייזוואַסער, אויף דער פּראָסטער גאַס, אויפן ערשטן שטאָק, און האָט געהאַט בלויז איין קלאַס, אין וועלכער ס'האָבן געלערנט בערך 10 תלמידים אין עלטער פון 10 ביז 14 יאָר. דער בילדונגס־ניוואָ פון די תלמידים איז נישט געווען קיין גלייכער. נחמן שיוואַק איז געווען דער איינציקער לערער און ער פלעגט מיט די תלמידים לערנען: העברעאיש, יידיש, פּויליש און חשבון. קיין שול־איינריכטונגען זענען נישט געווען.

אין אַ צייט אַרום איז די שול איבערגעטראָגן געוואָרן אויף דער פּראָסטער גאַס, אין הויז פון אַלטע כהן. דאָרט זענען איינגעאָרדנט געוואָרן דריי קלאַסן.

ווי לערערס זענען אין דער שול טעטיק געווען: נחמן שיוואַק (פּויליש און אַריטמעטיק); טוביה בינשטאָק (העברעאיש); פאַליק מייערזאָן (יידיש און געאָגראַפיע); מרדכי גאָלדבערג (תנ״ך); ליובע וויינטרויב (פּויליש און אַריטמעטיק אין די נידעריקע קלאַסן).

onas Binstein

די שול איז געווען אַ פּריוואַטע און האָט זיך אויסגעהאַלטן פון שכר־לימוד (בערך 100 תלמידים), געניסנדיק פון סימפּאַטיע אין שטאָט.

נאָך עטלעכע יאָר טעטיקייט איז די שול ליקווידירט געוואָרן, ווייל די תלמידים זענען אַוועק לערנען אין די מלוכהשע צוואַנגג־שולן.



התלמידים והמורים של בית־הספר של נחמן שיוואק.

די תלמידים און לערערס פון נחמן שיוואַקס שול. די לערערס זיצן פון רעכטס: טוביה בינשטאָק, נחמן שיוואַק, ליובע וויינטרויב־טוכשניידער, פאַליק מייערזאָן און מרדכי גאָלדבערג.

Pupils and teachers of Nachman Shivak's school.

גדליהו בראווערמאן / אוונט־קורסן צו לערנען פויליש

געוועזן איז דאָס אין די יאָרן 1905/6, ווען אונטערן דרוק פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג האָט די צאַרישע מאַכט געמילדערט אַ ביסל דעם רעזשים לגבי דער פוילישער באַפעל־קערונג, און אויפגעהערט צו פאַרפאָלגן דאָס לערנען די פויליש שפּראַך.

ווי באַוווּסט, האָט מען דעמאָלט אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזן געוואָרפן די לאָזונג צו דער אינטעליגענץ פון אַלע פעלקער, וואָס האָבן באַוווינט די רוסישע טעריטאָריע, אַז זי זאָל גיין אין פאָלק, זיך פאַרנעמען מיט זיינע דאגות, און ראשית־כל געבן אים עלעמענטאַרע בילדונג.

די גאָר דיניניקע שיכט יידישע אינטעליגענץ, וואָס ביאַלע האָט צו יענער צייט פאַרמאָגט איז באַשטאַנען פון אַסימילאַ־טאָרן. זיי האָבן באַשלאָסן אויפצונעמען אָט דעם רוף און זיי האָבן געגרינדעט אָוונט־קורסן פאַר דער יידישער יוגנט. די אַסימילאַטאָרן זענען זיך אָבער געבליבן טריי, און אַנשטאָט צו פירן די קורסן אין דער יידישער שפּראַך, אין דער שפּראַך פון די מאַסן, האָבן זיי געלערנט דער יידישער יוגנט די פויליש שפּראַך.

די איניציאַטאָרן און גרינדערס פון אָט די קורסן זענען געווען: ד״ר גרשון זיטאָ מיט זיין פרוי, ציין־דאָקטאָר ביע־לינקע, אַדוואָקאַט האַרטגלאַס (דער פאָטער), דער פאַבריקאַנט ראַאַבע א״אַ.

דער רוב פון די תלמידים איז באַשטאַנען פון דער בונ־דישער יוגנט, וואָס האָט געשטרעבט די קורסן צו פאַרוואַנדלען אין אַ צונויפטרעף־אָרט, ווו מ׳וועט ווייטער קאָנען שפּינען דעם פאָדעם פון דער בונדישער טעטיקייט, וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן צוליבן דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע. די בונדישע תלמידים האָבן זיך פאַרשריבן צום לערנען ביים לערער גאָלדמאַן, אַן אַנגעשטעלטער אין ראַאַבעס פאַבריק, וועלכער איז געווען אַן אַקטיווער בונדישער טוער.

אויף די לעקציעס פון גאָלדמאַנען פלעגט מען עוסק זיין אין פּאָליטישע שמועסן און דיסקוסיעס. לפנים זענען די ביכ־לעך געלעגן אָפן, אויפן פאַל פון אַ באַזוך פון די אָרגאַניזאַ־טאָרן פון די קורסן.

אַ לערערין אויף די קורסן איז אויך געווען די יונגע, סימפּאַטישע פריילין יאַנקאַ האַרטגלאַס (אַ טאָכטער פון אַד־וואָקאַט קלמן האַרטגלאַס און שוועסטער פון געוועזענעם דעפּו־טאַט אין פּוילישן סיים, אַדוואָקאַט אַפּאָלינאַרי האַרטגלאַס), פאַר וועלכע די קורסן זענען אפשר געווען די ערשטע באַרי־רונג מיט דער אָרטיקער יידישער באַפעלקערונג.

אין זכרון האָבן זיך איינגעקריצט זייער גוטע איינדרוקן וועגן איר באַציאונג לגבי דער אַרבעטער־יוגנט. זי האָט קיין־מאָל נישט געגעבן צו פילן, אַז מיט איר בילדונג שטייט זי העכער פון זיי. זי איז געווען אַ לעבהאַפטע און פריילעכע; ביי איר איבערטרעטן די שוועל פון לערן־חדר איז ער פול געוואָרן מיט מונטערקייט און פריילעכקייט.

זי האָט זיך באַצויגן צו די קורסן מיט דער גאַנצער ערנסטקייט, און זי האָט זייער געוואָלט, אַז מיר זאָלן פון זיי צום מערסטן געניסן. האָט זי אַמאָל נישט געקאָנט קומען אויף אַ לעקציע, האָט זי אונדז פאַרויס צו וויסן געגעבן, און פלעגט שיקן ווי אַ פאַרטרעטער איר יונגערן ברודער. פריילין האַרט־גלאַס פלעגט פירן מיט אונדז שמועסן וועגן נאַטור־וויסן און זיך מיט אַלע כוחות באַמיט אונדז צו באַווירקן צו ווייטער־דיקער בילדונג.

די קורסן האָבן אָנגעהאַלטן צוויי יאָר.

מ. רבאון / א קולטור־פרווו

דאָס זאָל האָבן געווען אין די יאָרן 1908—1910. אַ קרייז פון, אַזוי־גערופענע, בעל־הבתישע קינדער האָט זיך צונויפ־מענגערעדט און געגרינדעט אַ קליינע קולטור־גרופּע. אָט די בחורים האָבן שוין געקאָנט אַ ביסל רוסיש און וועלטלעכע לימודים, וואָס זיי האָבן געלערנט ביי פּריוואַטע לערערס און ביי גימנאַזיסטן פון דער רוסישער גימנאַזיע אין שטאָט.

דער צונויפטרעף־פּונקט איז געווען אין דער וווינונג פון העברעאישן לערער יעקב שטיינמאַן, וועלכער האָט גע־וווינט אין דער אָפּיציינע ביי בנימין לייבעלע מאַנדלבוים, אויף דער בריסקער גאַס. דאָרט האָט מען אָפּגעדונגען אַ האַלבן צימער, וועלכער איז אָפּגעטיילט געוואָרן מיט אַ ווענטל, הינ־טער וועלכן ס׳האָט זיך געפונען אַ קליינע ביבליאָטעק, דער עיקר פון רוסישע ביכער. אין דעם צימער פלעגן זיך די חברים פאַרזאַמלען כמעט יעדן אָוונט.

די ביבליאָטעק האָט געציילט אַ 200 ביכער, וועלכע זענען טיילווייז געגעבן געוואָרן דורך די חברים און טיילווייז פון ביילאַגעס צו דער רוסישער צייטונג „רוסקאַיע סלאָוואָ״ אין מאָסקווע, וועלכע דער קרייז האָט אַבאָנירט. די חברים האָבן געצאָלט אַ חודשלעכן בייסטייער.

די טעטיקייט האָט געמוזט געפירט ווערן אין געהיים, כדי זיך אויסצוהיטן פאַרן אויג פון דער צאַרישער זשאַנדאַרמעריע, ווי אויך פון די הויז־שכנים, פון וועמען די עלטערן האָבן זיך געקאָנט דערוויסן וועגן די צוזאַמענקונפטן. צוליב דעם זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן באַזונדערע תקנות, לויט וועלכע די חברים האָבן זיך געדאַרפט פירן ביים גיין צום טרעף־אָרט, ווי אויך אינעווייניק. פאַרזאַמלט האָט מען זיך נאָר אין די אָוונטן, כדי מ׳זאָל קאָנען קומען אומבאַמערקט.

דער קרייז האָט אַרומגענומען אַ גאַנץ קליינע צאָל חברים. דער גרעסטער טייל יינגלעך אין עלטער פון 16—18 יאָר, און

אויך עטלעכע מיידלעך פון חסידישע היימען. צום קרייז האָבן צווישן אַנדערע אָנגעהערט: לייבל גאָלדשטיין, ישראל כהן, דוד לוסטיגמאַן, חנה פייגע מינץ, בערל ערנקראַנץ, מאַניע קאַשטנבוים, משה רובינשטיין און הינדע שחור.

פאַר די מיידלעך איז דער ענין געווען נאָך געפערלעכער ווי פאַר די בחורים, ווייל שטעלט זיך פאָר וואָס ס'וואָלט זיי דערוואַרט אין דער היים, ווען טאַטע־מאַמע זאָלן זיך דער־וויסן וועגן זייערע צוזאַמענקונפטן מיט בחורים, און אויך מיט גימנאַזיסטן, וואָס זענען דאָך שוין זיכער גויים...

נאָך אַ קורצער צייט זענען צו אָט דעם קרייז צוגעצויגן געוואָרן עטלעכע יידישע גימנאַזיסטן, וואָס פלעגן פאָרלייענען פון די ווערק פון די רוסישע קלאַסיקערס. יעדן אָוונט האָט איינער פון די גימנאַזיסטן פאָרגעלייענט אַ באַשטימטן רוסישן שרייבער. צווישן די גימנאַזיסטן איז געווען איינער מיטן נאָמען חיים קאַטעליאַנסקי,[1] אַ תלמיד פון דער אַכטער קלאַס, וועלכער האָט געהאַט אַ באַזונדערע נייגונג צו הומאָריסטישע שרייבערס. ער פלעגט פאָרטראָגן צוויי מאָל אין דער וואָך; איין אָוונט פלעגט ער פאָרלייענען דעם רוסישן שרייבער גאָגאָל און אין צווייטן — שלום־עליכמען. פון די אַנדערע גימנאַזיסטן־פאָרלייענער, זענען געווען: איסאַק טיאָמקין, יר־זשעק האַרטגלאַס און קאַנטאראָוויטש.

[1] דאָקטאָר־מעדיצין אין ניו־יאָרק. שפּעטער פאַרוואָרפן די מע־דיצינישע פּראַקטיק און געוואָרן אַ זינגער פון יידישע פאָלקס־לידער, פון וועלכע ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ זאַמלונג.

מ. י. פייגנבוים / די „תרבות"־ביבליאָטעק

די „תרבות"־ביבליאָטעק איז געווען איינע פון די שענסטע ציוניסטישע קולטור־אינסטיטוציעס אין שטאָט. ביי דער גאַנ־צער צעשפּליטערונג, וואָס האָט געהערשט אין דער ציוניסטי־שער מחנה, איז אין דער אינסטיטוציע פאָרגעקומען אַ האַר־מאָנישע צוזאַמענאַרבעט.

דעם אויפקום פון אָט דער ביבליאָטעק איז צוריקצופירן צו יענע יאָרן, ווען אין שטאָט האָט זיך די גאַנצע ציוניס־טישע טעטיקייט קאָנצענטרירט אין „בית־עם". שוין אין „בית־עם" אויף דער סאַדאָווער גאַס האָט די ביביליאָטעק פאַרמאָגט אַ קאָנטיקע צאָל ביכער און אָנגעהויבן אַרויסגעבן זיי צום לייענען. ווי ביבליאָטעקאַרן זענען טעטיק געווען רייזל בעלמאַן און אַייזיק שיין. אויך ביים השומר־הצעיר איז לויט דער איניציאַטיוו פון חיים ראָזמאַרין אויפגעשטעלט געוואָרן אַ ביבליאָטעק. דער השומר־הצעיר האָט איבערגענומען אַ קליינע צאָל ביכער פון דער פריערדיקער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „פרחי־ציון". די ביבליאָטעק האָט זיך צעוואַקסן, פאַרמאָגנדיק חוץ יידישע ביכער אויך העברעאישע און פוילישע. נאָכן באַ־זייטיקן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע פון לאָקאַל אויף דער סאַדאָווער גאַס, און דעם השומר־הצעיר פון בנין פון דער אַמאָליקער פאָלקס־שול אויף דער מעזריטשער גאַס, האָבן די צוויי ביבליאָטעקן אָנגעטראָפן אויף שוועריקייטן אין זייער טעטיקייט.



מכירת־פרח לטובת ספרית „תרבות"

בלימל־פאַרקויף לטובת דער „תרבות"־ביבליאָטעק

אין דער ערשטער ריי שטיי־ען פון רעכטס: יורבערג (שוועסטער פון צירל), מר־דכי לאַשטשעווסקי, צירל יורבערג, שאָר, אשר ראָ־זנצווייג, מאַיע באַטשקאָ, אסתר זינגער, שלום גליקס־בערג, חיה ראָזנצווייג; אין דער צווייטער ריי זיצן פון רעכטס: חיים ראָזמאַרין, רייזל בעלמאַן, חיהלע פיש־מאַן, יוסף פעלדריב, ישראל גאָלדשטיין, יצחק (אַייזיק) שיין, יונה שיין, טויבעלע רובינשטיין, יוכבד בידער־מאַן; אין דער דריטער ריי זיצן פון רעכטס: אַברהם זינגער, טשאַרני (הערשל שהורס טאָכטער), מלך ראָז־מאַרין, בלומע זילבערזאָן,ביילע מילבוים, לייבל ביאַ־לער, משה אָרלאַנסקי; פון פראָנט: קאַנאַלשטיין, ירו־חם ליפּיעץ, דינטשע כהן.

Flower sale on behalf of the "Tarbuth" library.

דעמאָלט איז דאָס אַנטשטאַנען דער געדאַנק וועגן פּאַראַיי־ניקן אָט די צוויי ביבליאָטעקן, וועלכער איז טאַקע פאַרווירק־לעכט געוואָרן. מיט דער ביבליאָטעק, וואָס איז אָנגערופן גע־וואָרן „תרבות־ביבליאָטעק״ האָבן אָנגעפירט דעלעגירטע פון די אַלגעמיינע ציוניסטן און פון השומר־הצעיר.

אַדאַנק די ענערגישע באַמיאונגען פון פאָרזיצער פון דער „תרבות״־געזעלשאַפט, יעקב אהרן ראָזנבוים איז געלונגען צו באַקומען אַ לאָקאַל אין קהילה־הויז פון טילע בערלין, אויפן פּלאַץ־וואָלנאָשטשי. איצט איז טאַקע די טעטיקייט פון דער אינסטיטוציע אַוועק נאָרמאַל און גאָר אינטענסיוו.

אַ געוויסע צייט האָט מיט דער ביבליאָטעק אָנגעפירט יוסף פעלדריב, וועלכער האָט מיט זיין איבערגעבענקייט און טיכטיקער טעטיקייט פילפאַך פאַרגרעסערט די צאָל ביכער.

די הכנסה־קוואַלן זענען געווען, חוץ די אָפּצאָלן פון די לייענערס, פון פאַרשיידענע אונטערנעמונגען, ווי: טעאַטער־פאָרשטעלונגען, רעפעראַטן, בלימל־פאַרקויף און סובסידיעס פון דער קהילה און פון מאַגיסטראַט.

ביי דער פאַראייניקונג פון די ביבליאָטעקן האָט מען באַ־שלאָסן, אַז די ביבליאָטעק וועט זיין אַ דריי־שפּראַכיקע. אַזוי איז אָנגעגאַנגען ביזן סוף. כדי אונטערצושיידן די ביכער לויט די שפּראַכן, זענען די יידישע געבונדן געוואָרן אין גרינע טאָוולען, העברעאישע — אין בלויע און פּוילישע — אין שוואַרצע.

ווי ביבליאָטעקאַרן זענען דאָרט, צווישן אַנדערע, טעטיק געווען: מוליע אורמאַכער, יהושע קליגער, איטקע רובינשטיין, אשר ראָזנצווייג, אשר גרינבלאַט און שיינדל גראַדנער.

אין יאָר 1933 האָט די ביבליאָטעק געציילט 2385 ביכער. דערפון: 1170 יידישע, 405 העברעאישע און 810 פּוילישע. די צאָל לייענערס האָט באַטראָפן 200 (לויט „פּאָדלאַסיער לעבן״, נומער 18, פון 12טן מאַי 1933).

בעת דער מלחמה, ווען אין לאָקאַל פון דער ביבליאָטעק זענען לכתחילה איינגעקוואַרטירט געוואָרן פּליטים, האָט דער „תרבות״־פאָרזיצער יעקב אהרן ראָזנבוים אַריבערגעפירט די ביכער אין לאָקאַל פון יודענראַט, אויף דער בריסקער גאַס און ער האָט אַכטונג געגעבן, אַז דער ספרים־אוצר זאָל נישט צעשלעפּט ווערן.

נאָך דער באַפרייאונג פון ביאַלע, פון דער דייטשער אָקו־פּאַציע, אין יאָר 1944, האָבן די געציילטע לעבנגעבליבענע ביאַלער יידן, וואָס זענען צוריקגעקומען אין שטאָט אַריין נישט געפונען קיין זכר פון דער „תרבות״־ביבליאָטעק. די קריסט־לעכע סוחרים פלעגן פאַרפּאַקן די סחורות אין שמות פון יידישע ספרים און ביכער.

גדליהו בראָווערמאַן / די בונדישע ביבליאָטעק

דער „בונד״ האָט געהאַט אַ טראַדיציע איינצואָרדענען פאַר־זאַמלונגען תשעה־באב, אין דעם תענית־טאָג, ווען מ׳פלעגט נישט אַרבעטן. בעת איינער אַזאַ פאַרזאַמלונג, אין יאָר 1905, האָט אליהו שימשעלעס (יוסטמאַן) פאָרגעשלאָגן צו גרינדן אַ ביבליאָטעק. זיין פאָרשלאָג איז געקומען קודם־כל, כדי אויפצוהאַלטן די עקסיסטענץ פון דער בונדישער באַוועגונג אין שטאָט, אין וועלכער ס׳איז דעמאָלט איינגעטראָטן אַ קריזיס צוליב דער ירידה פון דער רעוואָלוציאָנערער באַווע־גונג אין רוסלאַנד.

פון די באַשטייערונגען מצד די חברים און פון די צונויפ־געזאַמלטע געלטער, האָט מען איינגעקויפט אַ ביסל ביכער פון מענדעלע מוכר ספרים, שלום־עליכם, י. ל. פרץ און שלום אַש.

די ביכער זענען געווען לעגאַלע, אָבער פאַרווענדן די ביכער צום שאַפן אַ לעגאַל־עפנטלעכע ביבליאָטעק איז אין צאַרישן רוסלאַנד פאַרווערט געווען. האָט מען געטוישט די ביכער צווישן די לייענערס אויף אַן אומלעגאַלן אופן.

אין אַ שטיקל צייט אַרום, ווען פאַרשיידענע טעטיקע חברים זענען זיך צעפאָרן, זענען די ביכער אַריבער צו אליהו קלאָץ און צו מיר, וואָס זענען געוואָרן די פאַקטישע פאַר־וואַלטערס פון דער וואַנדערנדיקער ביבליאָטעק. מיר האָבן צוגעצויגן צו דער אַרבעט די חברים: שמעון בלאַנקליידער, משה בנימין טשאַרני, יואל פינגערהוט, בצלאל בירנבוים א״אַ.

די גרופּע האָט זיך געשטעלט פאַר איר ערשטער אויפ־גאַבע צו פאַרגרעסערן די צאָל ביכער. כדי צו פאַרשאַפן די געהעריקע געלט־מיטלען, זענען מיר געפאַלן אויף אָריגינעלע המצאותן.

אין ביאַלע האָט שוין צו יענער צייט עקסיסטירט אַ קינאָ אין חיים יאָסקע קאַשטנבוימס הויז, אונטערן נאָמען „אילוזיאָן״. מיר פלעגן ביים קינאָ־אייגנטימער אָפּדינגען פון צייט צו צייט אַן אָוונט און זיך אַרויסלאָזן איבערן שטאָט פאַרקויפן די בילעטן צו דער קינאָ־פאָרפירונג. דאָס האָט אונדז אַריינגע־בראַכט געוויסע רווחים און געגעבן אַ מעגלעכקייט צו קויפן נייע ביכער. מיר פלעגן אויך איינאָרדענען לאָטעריעס אויף ביכער, אויסנוצן דעם פּורים, ווען מ׳פלעגט טיילן נדבות, און אונדזערע חברים פלעגן אַרומגיין ווי פאַרשטעלטע זאַמלען לטובת דער אומלעגאַלער ביבליאָטעק.

ווען מיר האָבן שוין געהאַט אַ גרעסערע צאָל ביכער, האָבן מיר געפונען אַ יידענע, וואָס האָט, פאַר אַ געוויסן אָפּצאָל, מסכים געווען, אַז מ׳זאָל ביי איר האַלטן די ביכער, אָבער בלויז זיי דאָרט האַלטן און ס׳זאָל קיינער אַהין נישט קומען, אויסער די פּאָר חברים וואָס זי האָט געקענט. האָט מען ווייטער פאָרגעזעצט דאָס טראָגן די ביכער אונטער די פּאָלעס, און אַזוי אַרום געטוישט זיי צווישן די לייענערס.

אין די לעצטע יאָרן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די פּאָליטישע טעטיקייט פון „בונד איז כמעט ווי אָפּגע־שטעלט געוואָרן, האָבן זיך אַרום דער ביבליאָטעק גרופּירט אַפילו אַזעלכע, וואָס האָבן מיט דער פּאַרטייאישקייט פון דער אָנפירונגס גרופּע נישט געהאַט קיין שום שייכות, ווי יונה

שטיינמאַן, רפאל לעדערמאַן א״אַ. זיי האָבן אין דער ביבליאָטעק געזעען אַ קולטור־אויפטו.

אַז דער קרייז אַרום דער ביבילאָטעק האָט זיך פאַרגרעסערט, איז געלונגען צו קריגן אַ קאַמער ביי אַן אלמנה אויף דער קשיווער גאַס. די ביבליאָטעק האָט אָנגעהויבן זיין טעטיק לויט אונדזערע ווונטשן. דאָס האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. מיט אַמאָל האָט די אלמנה אונדז דערקלערט, אַז אַ זשאַנדאַרם האָט זיך ביי איר געפרעגט עפּעס וועגן אַזעלכעס, וואָס האָט אַ שייכות מיט אונדזער ביבליאָטעק. די ביכער זענען פון דאָרט אַרויסגענומען און פונאַנדערגעטיילט געוואָרן צו פאַרשיידענע חברים.

אַזוי, מער־ווייניקער, איז אָנגעגאַנגען די אַרבעט פון דער ביבליאָטעק ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך די ביבליאָטעק געפונען אין דער וווינונג פון דער פרוי רבקה איידלמאַן, אויף דער פּראָסטער גאַס, און זי האָט פונקציאָנירט לעגאַל. די אַנטוויקלונג פון דער ביבליאָטעק איז אָבער געהאַמעוועט געוואָרן, ווייל ביאַלע איז ווי אַ מלחמה־געביט געווען אָפּגעשניטן פון וואַרשע און מיר האָבן נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו קויפן נייע ביכער.

מיטן אַנטשטיין פון דער פוילישער מלוכה אין יאָר 1918, ווען דער ביאַלער הילפס־קאָמיטעט אין אַמעריקע האָט אַריינגעשיקט צו אונדזערע חברים געוויסע געלט־סומעס פאַר אַן הילפס־אַקציע אויף פסח, זענען אַ טייל פון די געלטער פאַרוואַנדט געוואָרן אויף איינצוקויפן נייע ביכער פאַר דער ביבליאָטעק.

די צאָל לייענערס האָט דערגרייכט עטלעכע הונדערט און פון צייט צו צייט פלעגט מען איינאָרדענען צוזאַמענקונפטן פון די לייענערס, בעת וועלכע מ׳פלעגט באַהאַנדלען געוויסע פריש־דערשינענע ביכער, און אויך אויפפאָדערן די לייענערס צו שוינען די ביכער.

בעת דער „בונד״ האָט זיך אַריינגעצויגן אין הויז פון מאָטל פון ווייַנעס, אויף דער גראַבאַנאָווער גאַס, איז אויך אַהין אַריבערגעפירט געוואָרן די ביבליאָטעק. ליידער האָט זי נישט געהאַט קיין לאַנגן קיום. אין אַ פראָסטיקער ווינטערנאַכט איז דאָרט אויסגעבראָכן אין הויז אַ שריפה און אַלץ איז אַוועק מיטן פייער.

אין אַ שטיקל צייט אַרום האָבן די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אָנגעהויבן צונויפזאַמלען די ביכער פון דער בונדישער ביבליאָטעק, וואָס זענען בעת דער שריפה פאַרשפּרייט געווען צווישן די לייענערס. די ביבליאָטעק ביים פאַראיין איז כסדר פאַרגרעסערט געוואָרן אַדאַנק די הכנסות וואָס ס׳פלעגן אַריינפליסן פון די טעאַטער־פאָרשטעלונגען און בלימל־פאַרקויפן.

מיטן איבערנעמען די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען דורך די קאָמוניסטן, איז אויך די ביבליאָטעק אַריבער אין זייער רשות.

אין יענער צייט האָט די „קולטור־ליגע״ באַשלאָסן צוריק אויפשטעלן די בונדישע ביבליאָטעק. פריינד פייוול גאָלד אין אַמעריקע, וואָס איז געשטאַנען אין אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט דער קולטור־ליגע, האָט אויף דער ווענדונג צו אים אָנגעהויבן אין אַמעריקע אַן אַקציע פאַר זאַמלען ביכער פאַר דער פריש געגרינדעטער בונדישער ביבליאָטעק. אַדאַנק אים זענען קיין ביאַלע אָנגעקומען פון אַמעריקע הונדערטער ביכער.

די „קולטור־ליגע״ וואָס האָט זיך ביז דאַן געפונען אין אַ בוידעם־שטיבל אויף דער פּראָסטער גאַס, האָט זיך אַריבערגעצויגן אויף דער יאַנעווער גאַס, אין הויז פון משה עליע (אליהו) דעם בלעכער, און דאָרט איז איינגעאָרדנט געוואָרן די נייע ביבליאָטעק.

די ביבליאָטעק האָט געציילט בערך 300 לייענערס. זי האָט פאַרמאָגט העכער 1000 ביכער, און דער חודשלעכער אָפּצאָל פאַר אַ לייענער איז געווען 30 גראָשן (לויט „פּאָדלאַסיער לעבן״, נומער 7 פון 16טן פעברואַר 1934). אַ לענגערע צייט האָט אָנגעפירט מיט דער ביבליאָטעק דער חבר משה שניידערמאַן, און שפּעטער צו האָט זיין אָרט פאַרנומען דער חבר קאָראַליק.

בעת דער נאַצי־הערשאַפט אין פוילן האָט אליהו האָפמאַן (בובקעס) פאַרפּאַקט די ביכער און זיי לאָקירט ביי זיך אויפן בוידעם. די קריסטלעכע באַפעלקערונג האָט נאָכן יידן־גירוש פון דער שטאָט צעשלעפּט די ביכער און זיי פאַרניכטעט.

א. לביא / די ביבליאטעק ביי די לינקע פועלי־ציון

בערך אין יאָר 1917 איז לויט דער איניציאַטיוו פון יונה שטיינמאַן און א. סאָלסקי געגרינדעט געוואָרן די ביבליאָטעק, וואָס האָט נישט געטראָגן קיין פּאַרטייאישן כאַראַקטער, הגם זי איז געווען אונטער דער אָנפירונג פון די לינקע פועלי־ציון. די ביבליאָטעק האָט זיך אין אָנהייב געפונען אין לאָקאַל פון דער „יוגנט״ (אַ יוגנט־אָרגאַניזאַציע ביי פועלי־ציון), אין הויז פון שמערל האָפמאַן, אויף דער גראַבאַנאָווער גאַס. שפּעטער צו האָט מען די ביכער אַריבערגעפירט צו א. סאָלסקען, אויפן בריסקער שאָסיי.

די ביבליאָטעק האָט געציילט אַ 400 יידישע ביכער, לייענערס וואָס פלעגן אויסבאָרגן ביכער זענען געווען בערך 150. מיט דער ביבליאָטעק האָבן אָנגעפירט: שיינע וויינשטיין, א. סאָלסקי און מנחם פינקלשטיין. די לייענערס האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט צוויי מאָל אין דער וואָך צו טוישן די ביכער.

די איינגעאָרדנטע בלימל־פאַרקויפן און טעאַטער־פאַראַנשטאַלטונגען האָבן געגעבן אַ מעגלעכקייט צו קויפן אַלע מאָל פרישע ביכער.

בעת דער באָלשעוויסטישער אינוואַזיע, אין יאָר 1920 איז די ביבליאָטעק צעשטערט געוואָרן.

נאָך דער מלחמה איז די ביבליאָטעק צוריק אויפגעשטעלט געוואָרן. זי האָט זיך געפונען אין דער וווינונג פון א. סאָלסקי, און אַ געוויסע צייט אויף דער מעזריטשער גאַס, אין הויז פון

די צינאַמאַנס. די ביבליאָטעק איז געפירט געוואָרן אונטערן נאָמען: „ביבליאָטעק ביי דער געזעלשאַפט אוונט־קורסן פאַר אַרבעטער".

אין יאָר 1927 האָט די צאָל ביכער דאָרט דערגרייכט דעם 12טן הונדערט (לויט „פּאָדלאַסיער לעבן" נ׳ מער 23 פון 1927). די ביבליאָטעק האָט פאַרמאָגט די נייעסטע אויסגאַבעס פון דער יידישער ליטעראַטור. א. סאַלסקי וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער ביבליאָטעק איז איר געווען איבערגעגעבן בלב־ובנפש. נאָך זיין טויט איז די ביבליאָטעק ליקווידירט געוואָרן און די ביכער זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן צו דער פּ״עלי־ציוניסטישער צענטראַלע אין וואַרשע.

נחמן וויינבערג לאנדאן / מ כ ב י

דער מכבי אין ביאַלע איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1916. די חברים פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, משה רובינשטיין און מענדל קאָווע, האָבן צונויפגערופן אַ פאַרזאַמלונג פון אַ גרופּע יוגנטלעכע, אויפגעקלערט די באַדייטונג פון מכבי און פאָרגעשלאָגן צו שאַפן אַזאַ ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע.

ס׳איז אַנטשטאַנען אַן איניציאַטיוו גרופּע פון די חברים: אברהם לעבנבערג, בוטשע פינקלשטיין, אַבוש ליבערמאַן, בונים רובינשטיין, יעקב זיידמאַן און דער שרייבער פון די שורות. מיר זענען צוגעטרעטן צו דער אָרגאַניזיר־אַרבעט און ס׳איז געלונגען אַריינצוציען אין אונדזערע רייען אַ סך יוגנטלעכע, סיי פון דער שטודירנדיקער און סיי פון דער אַרבעטער־יוגנט. יעקב זיידמאַן איז געווען זייער אַן ענערגישער חבר, וואָס האָט צוגעצויגן חברים פון דער אַרבעטער־יוגנט; חברים וואָס האָבן געקאָנט האַלטן אַ זעג, אַ האַמער אאַ״וו, אויף וועמען מ׳האָט זיך געקאָנט פאַרלאָזן אין פאַל, ווען ס׳וועלן נייטיק זיין פאַרהאַרטעוועטע פויסטן.

שפּעטער צו איז געוויילט געוואָרן אַ פאַרוואַלטונג, וואָס איז באַשטאַנען פון די חברים: בונים רובינשטיין, זלמן גאָטליב, פאַליק מייערזאָן, יעקב זיידמאַן און גאָלדשטיין (שעפּסל גאָלדשטיינס זון).

מיר האָבן אָנגעהויבן מיט איבונגען ביי חיים לוי רובינשטיין אויפן הויף, ווו ס׳האָט זיך דעמאָלט געפונען די „יבנה"־שול. דער הויף איז אָבער נישט געווען גענוג צוגעפּאַסט פאַר איבונגען און מיר האָבן זיך איבערגעטראָגן אויף דער בלאָניע און אויפן יאַנעווער שאָסיי.

מיר פלעגן מאַכן גימנאַסטיק מיט פאַרשיידענע כלים, שווימען, לאַדקעווען אאַ״וו. אונדזער ערשטער אינסטרוקטאָר איז געווען אַ קריסט פון דער וואָליע (זיין נאָמען קאָן איך זיך נישט דערמאָנען). ווען מיר האָבן אויפגעשטעלט דעם אָרקעסטער איז ער אויך געווען אונדזער קאַפּעלמייסטער. דערנאָך איז אונדזער אינסטרוקטאָר און קאַפּעלמייסטער געוואָרן שמעון בלאַנקליידער (דער דאָרער).

מיט דער צייט האָט זיך געעפנט דער „בית־עם" אויף דער סאַדאָווער גאַס. אַ סך עלטערע פּאַסיווע חברים האָבן אונדז געהאָלפן מיט געלט־מיטלען, אַזוי אַרום האָבן מיר זיך געקאָנט דערלויבן איינצוקויפן איבונגס־אינסטרומענטן, גרינדן אַ שטרייך־אָרקעסטער, אַ בלאָז־אָרקעסטער און אַנגאַזשירן אַ קאַפּעלמייסטער. אַדאַנק די עלטערע חברים האָבן מיר באַקומען אַ קאָנטאַקט מיט יידישע און נישט־יידישע סאָלדאַטן פון דער דייטשער אַרמיי, און פאַר איר פאַרלאָזן די שטאָט, האָבן אונדז



הועד של מכבי.

דער ועד פון מכבי

פון רעכטס: יעקב זיידמן, זלמן גאָטליב, בונים רובינשטיין, פאַליק מייערזאָן און גאָלדשטיין.

Maccabi-Committee



קבוצת חברי מכבי ביער בל״ג בעומר

אַ גרופּע מכבי־חברים ל״ג־בעומר אין וואַלד.

Group of Maccabi members celebrating Lag-Baomer in the forest.


די סאָלדאַטן דערמעגלעכט, פאַר אַ קליינער סומע, אָפּצוקויפן ביי זיי פאַרשיידענע אָרקעסטער־אינסטרומענטן.

בעת די דייטשן האָבן פאַרלאָזט ביאַלע האָט געהערשט אַ הפקרות, שיסערייען און רויבערייען. ס'איז דעמאָלט גע־שאַפן געוואָרן אַ ציווילע מיליץ, אין וועלכער די מכבי־חברים האָבן גענומען אַ גרויסן אָנטייל.

בעתן אַריינמאַרש פון די פוילישע מיליטער־איינהייטן קיין ביאַלע, אין יאָר 1918, האָט זיי דער מכבי־אָרקעסטער, אויפן פאַרלאַנג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, מקבל־פנים געווען. און כאָטש זיי האָבן דערפאַר זייער שיין גע־דאַנקט, דאָך האָבן זיי אַ טאָג שפּעטער אויסגעקלערט אַ בל־בול, אַז מ'האָט אויף זיי געשאָסן פון אַ יידישן פענצטער אויפן מאַרק.

אין אַ צייט אַרום איז קיין ביאַלע אָנגעקומען אַ יידישער סאָלדאַט יאַנקאָוויאַק, אַן אויסגעאיבטער וואַרשעווער מכביסט און ער האָט אונדז געלערנט גימנאַסטיק אויף פאַרשיידענע גימנאַסטיק־אינסטרומענטן, ווי: אויף די רינגען, פערד־שפּרונג, אויף לייטערס אאַ״וו. ס'האָט נישט לאַנג גענומען און מיר האָבן זיך אויסגעצייכנט אין אַלע איבונגען. ווען מיר האָבן אין איינעם אַ שבת־צונאַכט איינגעאָרדנט אַן אָוונט פון גימ־נאַסטישע איבונגען אין „בית־עם", איז דער עולם געווען אַזוי באַגייסטערט פון אונדזערע אויפטריטן, אַז ער האָט אַ סך פון אונדז אַרומגעכאַפּט און געקושט. וואָכן־לאַנג האָט מען אין שטאָט גערעדט וועגן אונדזער אויפטריט.

דער מכבי־אָרקעסטער איז אין יענער צייט געווען דער איינציקער אין שטאָט, און ער פלעגט אָנטיילנעמען אין אַלע אימ־



תזמורת מכבי ביער בל״ג בעומר

דער מכבי־אָרקעסטער ל״ג־בעומר אין וואַלד.

Maccabi band celebrating Lag-Baomer in the forest.

פרעזעס, וואָס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן דורך דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. ער פלעגט שפּילן בעת די הפסקות אויף די טעאַטער־פאָרשטעלונגען, אויף טאַנץ־אָוונטן און בעת די ל״ג־בעומר־אויספלוגן.

שיינע דערפאָלגן האָבן מיר געהאַט מיט אונדזערע מוזיק־אָוונטן. מיר האָבן אַפילו באַקומען איינלאַדונגען פון מעזריטש, צו קומען אַהין מיט אונדזער אָרקעסטער. אויך די קריסטלעכע באַפעלקערונג פלעגט איינלאַדן אונדזער אָרקעסטער צו זייערע אימפּרעזעס.

אין אָרקעסטער האָבן געשפּילט פאָלגנדיקע חברים: אבי״ש ליבערמאַן, אשרל פייגנבוים, משה ראַבינאָוויטש, פרידמאַן (פון גן־עדן), יצחק מיאָדעק, רוזאל, זשאַמע (צונאָמען), לייבל לעבנבערג, דוד ליבערמאַן, בעריש רובינשטיין, פרויקע פרידמאַן, אליעזר איידלטוך, לייבל האָפּער, נחמן וויינבערג, אריה לאָמאַז א״אַ.

די מכבי־חברים האָבן גאָר אַקטיוו מיטגעהאָלפן דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין איר פּראָפּאַגאַנדע־טעטיקייט. גענומען אַ טיכטיקן אָנטייל בעת די ערשטע סיים־וואַלן און אין אַ סך אַנדערע ציוניסטישע פּאָליטישע אַקציעס.

דער מכבי האָט געציילט ביז מיין אָפּפאָר פון ביאַלע (1920/21) בערך 30 טיכטיקע חברים און אַ סך חברים, וואָס פלעגן אונדז פינאַנציעל שטיצן. זיין בודזשעט פלעגט געדעקט ווערן פון חברים־אָפּצאָל, פון פאַרשיידענע שפּענדונגען, וואָס מיר פלעגן באַקומען און פון די הכנסות, וואָס ס׳פלעגן אַריינברענגען די ספּאָרט־אָוונטן און דער אָרקעסטער.

צוגאָב־פּרטים:

אין די צוואָנציקער יאָרן איז בראש פון מכבי געשטאַנען אַ פאַרוואַלטונג פון ד״ר יואל זילבערבערג, ד״ר אַנטאָני געלבאַרד, בעריש רובינשטיין און אשרל פייגנבוים.

ביים מכבי איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ פוטבאָל־מאַנשאַפט, אין וועלכער ס׳האָבן זיך באַטייליקט: אשר ראָזנצווייג, ירוחם ליפּיעץ, היינך לעבנבערג, סאַנע קאַרשנבוים, משה ראָזנפעלד,



קבוצת כדורגל של מכבי.

די פוטבאָל־מאַנשאַפט פון מכבי.

ערשטע שורה, פון רעכטס שטייען: בעריש רובינשטיין, סאַנע קאַרשנבוים, משה ראָזנפעלד, ירוחם ליפּיעץ, היינך לעבנבערג, מוליע אורמאַכער, אשר פייגנבוים; צווייטע שורה: דוד לעמבערגער, בערל פייגנבוים, חיים העשל מאַלינאַ; דריטע שורה: אשר ראָזנצווייג, אברהם בלושטיין און שלום גליקסבערג.

Maccabi Football-team


דוד לעמבערגער, מוליע אורמאַכער, שלום גליקסבערג, אברהם בלושטיין, בערל פייגנבוים, חיים העשל מאַלינא, יצחק ראָזנבוים, מענדל בעדנאַרזש א״אַ.

די צאָל מיטגלידער איז ווייט איבערגעשטיגן הונדערט.

מיט די ספּאָרט־סעקציעס האָבן אָנגעפירט די אינסטרוקטאָרן האָפּער און בעריש רובינשטיין. ס׳זענען דורכגעפירט געוואָרן אומצייליקע טורן־פעסטן און אויספלוגן.

דער מכבי איז געווען אָנגעשלאָסן אין דער מכבי־צענטראַלע אין וואַרשע, פון וואַנען ס׳פלעגן קומען אינסטרוקטאָרן, וועלכע פלעגן דורכפירן אין ביאַלע פאַרשיידענע קורסן.

אויך דער מכבי־אָרקעסטער איז זיך צעוואָקסן און האָט זיך פאַרפולקאָמט אין שפּילן. מיטן אָרקעסטער האָבן פאַר דער



מכבי לעליתם של חבריו באָריש רובינשטין ודוד לאֶמברגר.

מכבי צו דער עליה קיין ארץ־ישראל פון זיינע חברים בעריש רובינשטיין און דוד לעמבערגער.

The Maccabi on the occasion of the aliya of its members Berish Rubinstein and David Lemberger.

צייט פון זיין עקסיסטענץ דיריגירט: שמעון בלאַנקליידער (דער דאַרער), אַ קריסט, אַן אַרבעטער פון ראַאַבעס פאַבריק, שענץ און גאַנגאַלינסקי פון די מיליטער־אָרקעסטערס, וואָס האָבן סטאַציאָנירט אין שטאָט.

די כסדרדיקע עמיגראַציע פון דער ביאַלער יוגנט, דער עול פון תכלית און די שווערע ווירטשאַפטלעכע לאַגע, וואָס האָט אָנגעוואָרפן אַן אַפּאַטיע אויף דער יידישער באַפעלקע־רונג, זענען געווען די גורמים פון דעם אונטערגאַנג פון מכבי אין ביאַלע. די אָרקעסטער־אינסטרומענטן זענען לכתחילה מאַגאַניזירט געוואָרן, מיט דער האָפענונג אויף בעסערע צייטן, אָבער שפּעטער זענען זיי פאַרקויפט געוואָרן. דער אַרכיוו איז איבערגעגעבן געוואָרן אין רשות פון דער ציוניסטישער אָרגאַני־זאַציע, און איינע פון די שענסטע יוגנטלעכע אָרגאַניזאַציעס פאַר פיזישער קולטור אין שטאָט האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן.

ס׳זענען שפּעטער געמאַכט געוואָרן פּרוּוון צוריק אויפ־צולעבן דעם מכבי, אָבער ס׳איז נישט געלונגען.

די צוגאָב־פּרטים אויפגענומען פון אליעזר איידלטוך און דב רובינשטיין.

חיים ראַזמארין / די פּרעסע

געצײלטע פון דער ביאַלער יידישער באַפעלקערונג ווייסן, אַז שוין מיט 40 יאָר צוריק האָט ביאַלע געהאַט אַן אייגענע צייטונג. ס׳פאַרשטייט זיך, אַז ווען מיר זאָגן „אייגענע צייטונג״ דאַרף מען נעמען אין באַטראַכט יענע באַדינגונגען, אין וועלכע ס׳האָבן געלעבט די, וואָס האָבן זיך גענומען די דרייסטקייט אַרויסצוגעבן אַ צייטונג.

די צייטונג וועגן וועלכער מיר רעדן דאָ איז דערשינען אין יאָר 1894 און געטראָגן דעם נאָמען „אַנטיפאַנאַטיזם״. זי האָט זיך געדאַרפט ווידמען דעם קאַמף קעגן דעמאָלטיקן פאַ־נאַטיזם, וועלכער האָט ווי אַ שווערע משא געדריקט אויף די, וואָס האָבן געזוכט אַ וועג צום פרייען געדאַנק.

רעדאַקטאָר פון דער צייטונג איז געווען דער העברע־אישער לערער, שלום ראטשין, די מיטאַרבעטערס: משה קאַווע, אברהם אורמאַכער, זאַלצמאַן פון שעדלעץ.

די צייטונג איז געשריבן געוואָרן מיט דער האַנט דורך הינך ווינאַגראַד און איז דערשינען אין דריי עקזעמפּלאַרן: איינער פאַר ביאַלע, איינער פאַר שעדלעץ און איינער פאַר יאַנעווע. דעם געשריבענעם „טריף־פּסול״ פלעגן די משכילים אַרומטראָגן אונטער די פאַלעס און ווען ס׳האָט זיך געמאַכט אַ געלעגנהייט פלעגט מען זיצנדיק אין שטיבל ביי דער גמרא לייענען די צייטונג.

די צייטונג איז סך־הכל דערשינען נאָר דריי מאָל, אין אַ פאָרמאַט פון צוועלף זייטן. איר אויפגאַבע וואָס זי האָט גע־דאַרפט דערפילן אויף דער יידישער גאַס, האָט זי נישט דער־פילט, ווייל זי איז כמעט נישט דערגאַנגען צום עולם. אַ חוץ דעם האָבן די שווערע באַדינגונגען פון אַרויסגעבן דעמאָלט אַזאַ צייטונג גורם געווען, אַז דאָס ווייטערדיקע דערשיינען איז איבערגעריסן געוואָרן.

פון דער צייטונג איז נישט געבליבן ביי קיינעם קיין איין עקזעמפּלאַר. דאָס איינציקע וואָס מיר האָבן באַקומען איז אַ שיר, וואָס איז געווען געדרוקט אין ערשטן נומער פון „אַנטי־פאַנאַטיזם״, געשריבן דורך משה קאַווע.

דער שיר מיטן נאָמען „ישראליק״, פון וועלכן איך ציטיר אַ טייל, כאַראַקטעריזירט דעם געדאַנקען־גאַנג פון די אַמאָ־ליקע משכילים.

1

נע ונד בין איך געוועזן
און יעצט בין אויך
ווער האָט מיין געשיכטע געלעזן
ווייסט ווי גרויס עס איז מיין כוח.

2

פּיל טייכן בלוט
האָט מען פון מיר געצאַפּט
דאָך ווייס איך גאַנץ גוט
ווי גרויס איז מיין קראַפט.

3

וויפל צרות האָב איך געהאַט
אין מיין לעבנס־לויף
דאָך האָט מיר נישט געשאַדט
ווייל דער נאָמען „יוד״ איז מיין חוב.

4

באַדן זיך אין מיין בלוט
איז פון די קלענסטע זאַכן
ווייל מיין נאָמען ייד
קאָנען זיי נישט איבערמאַכן.

פון דער צייט זינט ס׳איז דערשינען דער „אַנטיפאַנאַטיזם״ זענען אַוועק אַ סך יאָרן און ביאַלע האָט נישט געחלומט וועגן אַן אייגענער צייטונג. ערשט אין יאָר 1924 דערשיינט אונטער דער רעדאַקציע פון משה רובינשטיין די ערשטע געדרוקטע צייטונג אונטערן נאָמען „ביאַלער עכאָ״. די צייטונג דערשיינט אין 4 נומערן און 1 נומער „ביאַלער שטימע״. די צייטונגען זענען געווען געווידמעט דעם קאַמף מיט דער „אגודה״ בעת די דעמאָלטיקע קהילה־וואַלן.

דעם זעלבן יאָר באַווייזט זיך אַ ליטעראַרישע אויסגאַבע פון 12 זייטן אונטער דער רעדאַקציע פון מנחם געלענבערג א״נ „אונזער וואָרט״. פאַר ביאַלע איז דאָס דערשיינען פון אַזאַ צייטונג געווען אַ נייעס.

געלענבערג מאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונגען צו פאַר־וואַנדלען די צייטונג אין אַ וואָכנבלאַט. ס׳דערמאָנט זיך מיר אַ קוריאָז, וואָס באַווייזט ווי ווייט מיר האָבן דעמאָלט אַליין נישט געגלויבט אין דערפאָלג פון דער איניציאַטיוו. די זיצונג וואָס האָט געדאַרפט פאָרקומען וועגן אַרויסגעבן די צייטונג, איז גערופן געוואָרן אין לאָקאַל פון דער יידישער גמינע. ס׳זענען איינגעלאַדן געוואָרן אַ גרויסע צאָל פערזאָנען.

דעם אָוונט, ווען מ׳האָט געדאַרפט גיין אין גמינע אַריין צו דער זיצונג, בין איך געקומען צו געלענבערגן, כדי מיר זאָלן צוזאַמען גיין. צוקומענדיק צו דער טיר פון דער גמינע, האָט מיר געלענבערג געשטויסן, אַז איך זאָל אַריינגיין דער ערשטער און דאַקעגן איך אים, אַז ער זאָל אַריינגיין פריער. מיר זענען נישט געווען זיכער, אַז עמעצער האָט זיך אויף דער איינלאַדונג אָפּגערופן, און מיר האָבן זיך געשעמט פאַר זיך אַליין.

דאָס געשעענע האָט אָבער איבערגעשטיגן אונדזערע דער־וואַרטונגען. מ׳האָט זיך גראָד יאָ אָפּגערופן, ס׳איז געשאַפן געוואָרן אַ רעדאַקציע און מ׳איז צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן אַ וואָכנצייטונג אונטערן נאָמען „פּאָדלאַסיער לעבן״.

דער ערשטער נומער דערשיינט דעם 26סטן נאָוועמבער 1926. ליטעראַרישער רעדאַקטאָר פון „פּאָדלאַסיער לעבן״ איז געווען געלענבערג, פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר און אַרויס־געבער — פישל פינקלשטיין. אַקטיווע מיטאַרבעטערס: אייזיק שוואַרץ און יעקב גאָלדשטיין. דאָס „פּאָדלאַסיער לעבן״ איז וואַרעם אויפגענומען געוואָרן דורך דער ביאַלער יידישער באַפעלקערונג.

ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז מיט דעם אָנהייב וועט שוין נאָר־מאַל און אָן אויפהער דערשיינען דאָס „פּאָדלאַסיער לעבן״, אָבער די קראַנקהייט פון רעדאַקטאָר געלענבערג האָט גורם געווען צו הפסקות. אין יאָר 1927, נאָכן אַרויסגעבן פון 32 נומערן, הערט אויף דאָס „פּאָדלאַסיער לעבן״ צו דערשיינען.

אין יאָר 1932 דערשיינט אין ביאַלע אַ צייטונג א״נ „ביאַ־לער וואָכנבלאַט״, אַרויסגעגעבן דורך דער ציוניסטישער אָרגאַ־ניזאַציע אין ביאַלע, אונטער דער רעדאַקציע פון שמואל וויזנפעלד.

די צייטונג האָט געהאַט אַ פוילישע זייט, וואָס איז געווען אַ זעלטנהייט אין גאַנץ פוילן, ווייל צווישן די הונדערטער פראָווינצער צייטונגען וואָס דערשיינען אין פוילן, געפינט זיך נישט אַזאַ צייטונג. נאָך 18 וואָכן הערט אויף די צייטונג צו דערשיינען.

דעם 20סטן מאי 1932 דערשיינט דער ערשטער נומער פון דעם באַנייטן „פּאָדלאַסיער לעבן״ אונטער מיין רעדאַקציע. די צייטונג דערוואָרבט זיך גרויס סימפּאַטיע און אונטער־שטיצונג צווישן דעם לייענער־עולם אין ביאַלע און אויסלאַנד. די צייטונג ווערט אונטערגעשטיצט דורך פאַרשיידענע אַקציעס, אַדאַנק וועלכע ס׳געלונגט טאַקע זי אַרויסצוגעבן נאָרמאַל, און ביי אַזעלכע שווערע באַדינגונגען צו דערגרייכן אַ יובל־נומער, וואָס איז פאַרבונדן מיט גרויסע אויסגאַבן און אָנ־



שבועונים בביאלה.
די ביאַלער וואָכנצייטונגען
Weeklies of Biala

שטרענגונגען, אַ זאַך אויף וועלכער ס׳דערלויבט זיך נישט קיין שום צייטונג אויף דער פּראָווינץ.

(„פּאָדלאַסיער לעבן״ נומער 19, פון 19טן מאי 1934)

צוגאָב־פרטים:

די צייטונגען „ביאַלער עכאָ״ און „ביאַלער שטימע״ (צוזאַמען דערשינען 5 נומערן) זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין ביאַלע אין צוזאַ־מענהאַנג מיטן חרם אויף די ציוניסטן.

„ביאַלער וואָכנבלאַט״ איז ווידער באַנייט געוואָרן אין יאַנואַר 1936, אונטער דער רעדאַקציע פון חיים מיאָדעק. פון אַ צאָל עקזעמפּלאַרן, וואָס געפינט זיך אין אונדזער באַזיץ איז צו זען, אַז די צייטונג איז נאָך דערשינען אין יאָר 1938.

אין „ביאַלער וואָכנבלאַט״, וואָס איז אין אָנהייב דערשינען אונטער דער רעדאַקציע פון שמואל וויזנפעלד און שפּעטער אונטער דער רעדאַקציע פון חיים מיאָדעק, האָבן מיטגעאַר־בעט: יעקב גאָלדשטיין, יוסטינאַ זיידמאַן, יעקב אהרן ראָזנ־בוים, משה אָרלאַנסקי א״אַ.

אין יאָר 1938 זענען דערשינען עטלעכע נומערן פון אַ וואָכנצייטונג א״נ „פּאָדלאַסיער שטימע״, אומאָפּהענגיקע גע־זעלשאַפטלעכע צייטשריפט. די צייטשריפט איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דער ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל.

אין „פּאָדלאַסיער לעבן״ אונטער דער רעדאַקציע פון מ. געלענבערג טרעפן מיר אָן ווי מיטאַרבעטערס אין דער וואָכנצייטונג: יעקב גאָלדשטיין, אברהם אורמאַכער, יעקב כהן, אברהם לובעלטשיק, אייזיק שוואַרץ, יצחק פּערלאָוו (בריסק), אהרן בעקערמאַן (פּאַריז) א״אַ.

אין באַנייטן „פּאָדלאַסיער לעבן״ אונטער דער רעדאַקציע פון חיים ראָזמאַרין האָבן מיטגעאַרבעט: לייבל פינקלשטיין,

מנחם פינקלשטיין, אברהם לעמבערגער, ישראל האַכמאַן, משה י. פייגנבוים, ברוך וויינבערג (לאָנדאָן), אהרן בעקערמאַן (פּאַריז) א״אַ.

דער „ביאַלער עכאָ״ און „ביאַלער שטימע״ זענען געדרוקט געוואָרן אין דער דרוקעריי פון משה פרישטיק. דאָס „פּאָדלאַסיער לעבן״ אונטער דער רעדאַקציע פון מ. געלענבערג — אין דער דרוקעריי פון אברהם לובעלטשיק. די איבעריקע וואָכנצייטונגען — אין דער דרוקעריי „עקספּרעס״ פון ישראל האַכמאַן.

דאָס „פּאָדלאַסיער לעבן״ אונטער דער רעדאַקציע פון מ. געלענבערג פלעגט דערשיינען אין 8 און אין 6 זייטן. די אַנדערע וואָכנצייטונגען זענען דערשינען אין 4 זייטן און אַלע זענען געדרוקט געוואָרן צו עטלעכע הונדערט עקזעמפּלאַרן.

דער פּרייז פון אַן עקזעמפּלאַר איז געווען: די וואָכנצייטונג אונטער דער רעדאַקציע פון מ. געלענבערג 20 גראָשן, שפּעטער — 25 גראָשן. פון די איבעריקע צייטונגען — 10 גראָשן.

מ. י. פ—ם

גדליהו בראַווערמאַן / דראַמאַטישע קרייזן

נאָכן יאָר 1905, מיט דער ירידה פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, האָט אַ טייל פון דער יוגנט זיך אָפּגעגעבן, צווישן אַנדערע קולטורעלע אַרבעטן, אויך מיט דער בינע־קונסט.

אין ביאַלע האָט זיך אויך געשאַפן אַזאַ דראַמאַטישער קרייז, וואָס איז באַשטאַנען פון אַרבעטערס און אינטעליגענטן, ווי: אליהו שימשעלעס מיט זיין חברטע, איצעלע סטאָליער, הערשל אייזשעס (ליבמאַן), איטשע מאַלער, אַ פריילן פון ווינעס (אַ גימנאַזיסטין — איר נאָמען געדענק איך נישט), חיה שרה גאָלדפּאַרב א״אַ.

די גרופּע האָט זיך געגרייט שפּילן יעקב גאָרדינס „חאַשע די יתומה״. דאָס איינרעפּעטירן די פּיעסע האָט געדויערט עטלעכע חדשים. ווו האָט מען געגומען דעם אופן פון שפּילן און די כאַראַקטעריסטיק פון די טיפּן? אין יענער צייט זענען אַזעלכע קרייזן אַנטשטאַנען אין אַ סך שטעט. זיי פלעגן נאָכן אָפּשפּילן די פּיעסע ביי זיך אין שטאָט אַרויסלאָזן זיך אויף אַ טורנייע איבער דער נאָענטסטער סביבה. די ביאַלער גרופּע האָט פאַרן אָנהייבן רעפּעטירן „חאַשע די יתומה״ באַזוכט עטלעכע מאָל פאָרשטעלונגען פון די געקומענע טרופּעס קיין ביאַלע; מ׳איז ספּעציעל געפאָרן קיין מעזריטש, כדי דאָרט צו זען ווי מ׳שפּילט אָט די פּיעסע.

וואָס פאַר אַ רושם ס׳האָט געמאַכט אין שטאָט די ידיעה, אַז ביאַלער בחורים און מיידלעך גייען שפּילן טעאַטער, איז שווער היינט איבערצוגעבן. פון איין זייט אַ פאָלשטענדיקע פאַראַכטונג מצד דעם עלטערן דור, און פון דער צווייטער זייט אַ פאַרערלעכונג מצד דער יוגנט, און אויך אַ קנאה מצד די יוגנטלעכע צו די, וואָס האָבן זוכה געווען אַרויסצוטרעטן אויף דער בינע.

די אויפפירונג פון „חאַשע די יתומה״ דורכן ביאַלער קרייז איז אַדורך מיט גרויס דערפאָלג. פאַרשטייט זיך, אַז אַלץ האָט געטראָגן אויף זיך דעם חותם פון פּרימיטיווקייט.

מער ווי די איינע פאָרשטעלונג האָט דער קרייז נישט באַוויזן אויפצופירן.

אין אָנהייב פון דער דייטשער אָקופּאַציע, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָב איך זיך צונויפגערעדט מיט שמעון בלאַנקליידער (דעם דאָרן) וועגן צוגרייטן אַ טעאַטער־אָוונט.

שמעון איז איינגעגאַנגען אויף מיין פּראָפּאָזיציע און מיר האָבן זיך גענומען גרייטן צו אָט דעם אָוונט. איך האָב צוגעגרייט דעם ליטעראַרישן טייל, אַן איינאַקטער און דעקלאַמאַציעס, און בלאַנקליידער דעם מוזיקאַלישן — אַן אויפטריט פון אַ מאַנדאָלין־אָרקעסטער. די הכנסה פון דער פאָרשטעלונג איז אָפּגעגעבן געוואָרן לטובת דער פאָלקס־קיך.

אין אַ צייט אַרום האָבן מיר ווידער אָרגאַניזירט אַ קינסטלערישן אָוונט. מיט דער זעלבער גרופּע, וואָס איז אויפגעטראָטן אויפן פריערדיקן אָוונט, האָבן מיר אויפגעפירט „דאָס אייביקע ליד״ פון מ. אַרנשטיין און „מזל טוב״ פון שלום עליכם. שמעון בלאַנקליידער איז ווידער אויפגעטראָטן מיט זיין מאַנדאָלין־אָרקעסטער.

ווען ביי דער פאָלקס־קיך איז געגרינדעט געוואָרן די ליטעראַריש־דראַמאַטישע געזעלשאַפט, ווו פּוליע לעדערמאַן און איך זענען געווען באַטייליקט, האָבן מיר באַשלאָסן אויפצופירן אויף דער בינע יעקב גאָרדינס „די שחיטה״, וואָס איז אין יענער צייט געווען דער בינע־שלאַגער.

מיר האָבן אָרגאַניזירט אַ קרייז, וועלכער איז באַשטאַנען פון: אסתר איידלמאַן, פּוליע לעדערמאַן, דער שרייבער פון די שורות מיט זיין פרוי, מישע וויינשטאָק (אַ פּליט פון בריסק) א״אַ. די פאָרשטעלונג האָט געהאַט אַ גאַר גרויסן דערפאָלג און האָט אַריינגעבראַכט אַ קאָנטיקע הכנסה פאַר דער פאָלקס־קיך.

אָט דער קרייז האָט אַדורכגעפירט נאָך עטלעכע געלונגענע אָוונטן אין טעאַטער־זאַלן, אויף וועלכע ס׳זענען אויפגעפירט געוואָרן: „עס ברענט״ פון י. ל. פּרץ; „מענטשן״ פון שלום עליכם א״אַ. חוץ דעם האָבן מיר אָרגאַניזירט אָוונטן אין לאָקאַל פון דער ליטעראַריש־דראַמאַטישער געזעלשאַפט.

נאָכן אַנטשטיין פון פּוילן איז דורך מיר געגרינדעט געוואָרן אַ דראַמאַטישער קרייז ביי דער „קולטור־ליגע״ פון „בונד״. צו דער אָנפירונג מיטן קרייז האָב איך צוגעצויגן די חברים אליהו געלטמאַן און יחיאל צעלניקער.

מיר האָבן נישט באַקומען קיין טעאַטער־אויסבילדונג, אָבער מיר האָבן פאַרמאָגט ליבע און רעספּעקט צו טעאַטער, און דעריבער זענען אונדזערע טעאַטער־אויפפירונגען געשטאַנען אויף אַ געהעריקן ניוואָ. מיר פלעגן לרוב אויפפירן



לוויתו של אהרונוביץ.
די לויה פון אַראָנאָוויטשן.
The funeral of Aronowich

פיעסן, וועלכע מיר האָבן געזעען שפּילן פון גאַסטראָלירנדיקע טעאַטער־טרופּעס פון וואַרשע. צווישן אַנדערע האָבן מיר אויפגעפירט ל. קאָברינס „דאָרפס־יונג", לויט ווי מיר האָבן געזעען ווי ס'האָט אין ביאַלע געשפּילט אָט די פּיעסע אַ וואַרשעווער טרופּע, אונטער דער אָנפירונג פון באַקאַנטן אַרטיסט יעקב ווייסליץ.

פון מיין טעטיקייט אין די דראַמאַטישע קרייזן אין שטאָט, וויל איך דאָ דערציילן וועגן צוויי פּאַסירונגען, וואָס האָבן זיך באַזונדערס איינגעקריצט אין מיין זכרון.

ביים דראַמאַטישן קרייז פון השומר־הצעיר האָב איך אין יאָר 1927 איינגעשטודירט „אויפן ברעג ווייסל" פון פּ. בימקאָ. אַ פּיעסע וואָס שילדערט די יידיש־פּוילישע באַציאונגען פון יענער צייט. דער קרייז איז באַשטאַנען פון זייער פעאיקע כוחות, ווי: מיכטשע ליבערמאַן, שרה בידער־מאַן, שרה רובינשטיין, לייבל פינקלשטיין, חיים ליבמאַן, שמואל וויזנפעלד, חיים ראָזמאַרין א"אַ.

מיר האָבן זיך נישט פאַרטראַכט ביים אָנהייבן אונדזער אַרבעט, צי מיר וועלן האָבן שטערונגען מצד דער מאַכט ביים אויפפירן אָט די פּיעסע, ווייל דאָס ווערק איז דאָך געווען אַ לעגאַל געדרוקט בוך.

אָפּאַרבעטנדיק אַ לענגערע צייט, ווען מיר האָבן זיך שוין געגרייט צום אויפפירן די פּיעסע, אַפילו די דעקאָראַציעס זענען שוין פאַרטיק געווען (געמאָלן דורך יעקב באַרנשטיין), איז מען געפאָרן קיין וואַרשע, כדי אַרויסצובאַקומען דעם צענזורירטן עקזעמפּלאַר מיט דער דערלויבעניש. דאָ ערשט האָט מען זיך דערוווּסט, אַז די מאַכט דערלויבט נישט צו שפּילן די פּיעסע. דער פאַרפאַל האָט אונדז אַלע פאַרשאַפט אַ סך פאַרדרוס. איך האָב באַזונדערס באַדויערט, וואָס ס'איז מיר נישט געלונגען אָט דעם טאַלאַנטפולן קרייז אַרויסצופירן אויף דער בינע.

דער צווייטער פאַל איז געווען דער טראַגישער טויט פון דעם יונגן מיטשפּילער, יהודה לייב אַראָנאָוויטש.

דאָס איז געווען אין יאָר 1925. איך האָב ביים בונדישן דראַמאַטישן קרייז איינגעשטודירט יעקב גאָרדינס „גאָט מענטש און טייוול". די ראָלע פון מאַטעלעס פאָטער איז צוגעטיילט געוואָרן דעם פרישן מיטשפּילער, יהודה לייב אַראָנאָוויטש.

אין אַ ווינטערדיקן שבת־צונאַכטס איז געשטעלט געוואָרן אָט די פּיעסע אין קייאַווסקיס זאַל. אין דער פּיעסע האָב איך אויך מיטגעשפּילט. פּלוצעם האָב איך באַמערקט, ווי אַראָנאָוויטש גיט זיך ראַפּטום אַ לאָז אַראָפּ אויף דער שטול און רעדט נישט קיין וואָרט. איך בין אַראָפּ פון דער בינע און געהייסן אַראָפּלאָזן דעם פאָרהאַנג. אין זאַל איז געוואָרן אַ מהומה, מ'האָט זיך געריסן צו דער בינע, שפּירנדיק אַז דאָ איז עפּעס



חוג דרמטי עם הבמאי גדליהו בראוורמן

אַ דראַמאַטישער קרייז אונטער דער אָנפירונג פון רעזשיסער בראַווערמאַן.

פון רעכטס שטייען: יעקב שוואַרצבערג, שמואל ליטמאַן, ליבע שוואַרצבערג, חיים ליבמאַן, יעקב פריינד, משה שניידערמאַן; ס'זיצן: גדליהו בראַווערמאַן, אברהם וואַרשאַווסקי, יוסף סאַפּיר, דוד זעגמאַן, מרים פריינד, יהודית זעגמאַן.

Dramatic group with stage manager Gedalya Braverman.

געשען אַן אומגליק. מיר האָבן געמאָלדן דעם עולם, אַז אַ מיטשפּילער האָט געחלשט בעתן שפּילן.

מ'האָט אַראָנאָוויטשן גלייך אַריינגעטראָגן צום פעלדשער קראָכמאַלסקי. ער האָט אים געמאַכט אַן איינשפּריצונג און געמיינט, אַז ס'וועט אים איבערגיין, אָבער אַראָנאָוויטש איז אַלץ געווען באַוווסטלאָז. די פאָרשטעלונג איז שוין נישט פאַרענדיקט געוואָרן און מיט אַ געדריקטער שטימונג האָט דער עולם פאַרלאָזט דעם זאַל.

מיר האָבן אַראָנאָוויטשן אַריבערגעפירט אַהיים און נישט אָפּגעטראָטן פון זיין בעט. זעענדיק אַז זיין מצב בעסערט זיך נישט, האָבן מיר גערופן אַ קאָנסיליום פון דאָקטוירים, וועלכע האָבן פעסטגעשטעלט, אַז ביי אַראָנאָוויטשן האָט געפּלאַצט אַן אָדער אין מוח. בעת דער קאָנסיליום האָט אַראָנאָוויטש אויסגעהויכט די נשמה. דער טראַגישער פאַל האָט געמאַכט אַ דערדריקנדיקן רושם אין שטאָט. טייל רעליגיעזע האָבן אין דעם געזען אַ שטראָף פון גאָט.

קלאָר, אַז נאָך אַזאַ געשעעניש איז אויף אַ געוויסע צייט איינגעטראָטן אַ שטילקייט אין דער טעטיקייט פון די דראַמאַטישע קרייזן אין שטאָט.

דעם צווייטן ווינטער נאָכן טראַגישן פאָרפאַל, האָט דער דראַמאַטישער קרייז ביים „בונד" ווידער אַנטוויקלט אַן אינטענסיווע טעטיקייט. חוץ טעאַטער־אויפפירונגען האָבן מיר אויך איינגעאָרדנט פאָרלעזונגען איבער טעאַטער־פּראָבלעמען. די פּרעלעגענטן זענען געווען ד"ר מיכאל ווייכערט און אלתר קאַציזנע פון וואַרשע.

אין די דרייסיקער יאָרן האָט דער פּראָפעסיאָנעלער פאַר־איין אָרגאַניזירט אַ דראַמאַטישן קרייז און מיך איינגעלאַדן ווי זיין רעזשיסער. ס'איז אַוועק אַן אַ ענערגישע אַרבעט.

מיר האָבן געשטעלט: „יואל" פון פּרץ הירשביין; „טוביה דער מילכיקער" פון שלום עליכם; „פאַר אונדזער גלויבן" פון שלום אַש א"אַ.

ביים סוף זאָלן דאָ דערמאָנט ווערן די אָנטיילנעמערס אין די דראַמאַטישע קרייזן, מיט וועלכע איך האָב אָנגעפירט אין שטאָט במשך פון קנאַפּע צוויי צענדליק יאָר, פאַרשטייט זיך, אויף וויפל מיין זכרון איז בכוח אַרויסצוברענגען אָט די אַלע נעמען.

דבורהלע טויבע דער שענקעריינס (מיידלשער נאָמען ראָזנבוים — געשטאָרבן אין פּאַריז), יחיאל צעלניקער, אברהם סטריכער, אסתר איידלמאַן—סטריכער, רפאל (פּוליע) לעדער־מאַן, חיים זינגער, פּערל קאַשעמאַכער, שפרה בראַווערמאַן, משה מגיד, חיים רובינשטיין, שמעון בלאַנקליידער, (דער דאַרער), שמואל מיענדזיזשעצקי, משה פעלדמאַן, שמואל וויזנפעלד, שרה בידערמאַן, חיים ראָזמאַרין, יהודית זעגמאַן, (אַלע אומגעקומען), ישעיהו אידל לעמבערגער (1920 אַוועק קיין רוסלאַנד), מאָטל (אַ שניידער, געאַרבעט ביי אליהו קלאָץ), סאָלמאַן (זון פון וואַרשעווער פעלדשער), מרים פריינד, וועלוול כאראש (ביידע אָפּגעפאָרן פון אַרגענ־טינע קיין בירא־בידזשאַן), אליהו געלטמאַן (1927 אַוועק קיין קובאַ), מאַליע וויינשטיין (אַמעריקע), אַברהם וואַר־שאַווסקי, שרה רובינשטיין, יעקב באָרנשטיין, חיים ליבמאַן, ביילע באַרגמאַן(אַלע אין ישראל), מאַשע סאָלסקי (בעלגיע), שיינע הענדל גרינשטיין, שרהלע וויסמאַן־פרידמאַן (אַמע־ריקע), חיה סעמיאַטיצקי, דוד זעגמאַן, מיכטשע ליבערמאַן (אַלע אין פּאַריז), לייבל פינקלשטיין (אויסטראַליע), שרה בעדנאַרזש (קאַנאַדע).

מ. י. פייגנבוים / דער דראַמאַטישער קרייז ביים „בית־עם"

מיט אָט דעם דראַמאַטישן קרייז האָט אָנגעפירט מאָטל (מרדכי) פּיעקאַרסקי, וועלכער איז קיין ביאַלע געקומען פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה (אַן איידעם פון שניידער מענדל נוכאָוויטש). ער פלעגט זייער אָפט אָרגאַניזירן קינסטלערישע אויפטריטן פון די שילער אין „יבנה"־שול אין דער העברע־אישער שפּראַך. דאָרט האָט ער אויפגעפירט ד. פּינסקיס „היהודי הנצחי".

פּיעקאַרסקי פלעגט זיך שטענדיק פאַרמעסטן אויף אויפפי־רונגען פון קלאַסישן רעפּערטואַר, און זיינע טעאַטער־אויפפי־רונגען זענען שטענדיק געשטאַנען אויף אַ הויכן ניוואָ. פון וואַנען פּיעקאַרסקי איז געקומען צום טעאַטער, האָט מען נישט געוווּסט, נאָר מ'פלעגט אין שטאָט שמועסן, אַז ער איז אַמאָל געווען אַן אַרטיסט אין אַ וואַנדערנדיקער טעאַטער־טרופּע. ווער ס'האָט ביי־געוווינט זיינע רעפּעטיציעס מיטן דראַמאַטישן קרייז, האָט געזען, אַז פּיעקאַרסקי איז נישט קיין אַמאַטאָר אויף דעם געביט, און אַז ער איז באמת באַהאַוונט אין דער בינע־קונסט.

דער ערשטער דראַמאַטישער קרייז ביי דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכן ס'האָט אָרגאַניזירט פּיעקאַרסקי, איז באַ־שטאַנען צווישן אַנדערע פון: פייגע איטע אורמאַכער, די שוועס־טער וויינשטיין (דודל ברוקירערס טעכטער), שיינדל גרינבערג, איטא לאַשטשעווסקי, יעקב אהרן ראָזנבוים, יונה שטיינמאַן, שלמה אייזנבערג, פּינטשע ליבמאַן, בוטשע פינקלשטיין, אבוש ליבערמאַן, שמעון בלאַנקליידער (דער דאַרער), ישעיהו אידל לעמבערגער, שמואל מיענדזיזשעצקי און יעקב זיידמאַן.

מאָטל פּיעקאַרסקי האָט אויפגעפירט אַזעלכע קלאַסישע ווערק, ווי: „צעזייט און צעשפּרייט" פון שלום עליכם, „מיטן שטראָם" פון שלום אַש, „די נבלה" פון פּרץ הירשביין א"אַ.

זיין קרוין־אויפפירונג אויף דער ביאַלער בינע און אויך זיין לעצטע רעזשיסערישע אַרבעט, איז געווען „אוריאל אקאָסטאָ" פון גוטשקאָוו. דאָס איז געווען אַ גראַנדיעזער פאַרמעסט פאַר אַ פּראָווינצער טעאַטער־קרייז. חדשים לאַנג האָט פּיעקאַרסקי איינגעשטודירט דאָס ווערק מיט זיין קרייז, פון וועלכן דער רוב איז באַשטאַנען פון השומר־הצעיר־



החוג הדרמטי על יד „בית־העם".

דראַמאַטישער קרייזביים „בית־עם" פון רעכטס — שטייען: יוסף פּעסט־מאַן (בריסק), פייגע איטע אור־מאַכער, שמואל מיענדזיזשעצקי, נאָמען אומבאַקאַנט, שיינדל גרינ־בערג, יעקב אהרן ראָזנבוים, מלכה בלאַנקליידער, יעקב זיידמאַן; זיצן: איטאַ לאַשטשעווסקי, מאַליע ווײנ־שטיין, יונה שטיינמאַן, רעזשיסער — מאָטל פּיעקאַרסקי, נאָמען אומ־באַקאַנט, שמעון בלאַנקליידער; פון פאָרנט: ישעיהו אידל לעמ־בערגער, בוטשע פינקלשטיין, שלמה אַייזנבערג.

Dramatic group at the "Beit Am".

חברים. דעם רעקוויזיט און גרים האָט מען ספּעציעל אַראָפּ־געבראַכט פון וואַרשע, אויסגעליען ביי דער טרופּע פון וואַר־שעווער צענטראַל־טעאַטער. מיטן רעקוויזיט איז מיטגעקומען די אַרטיסטין שלאָסבערג, און זי האָט נישט געהאַט קיין ווערטער פון התפעלות פאַר דער פאָרשטעלונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין אַ „חול־המועד פסח־אָוונט.

אין אָט דער פּרעכטיקער אויפפירונג האָבן אָנטייל גע־נומען: ליבע אורמאַכער, חנה צינאַמאָן, אַבוש ליבערמאַן, בוטשע פינקלשטיין, פינטשע ליבמאַן, ישראל גאָלדשטיין, אליעזר איידלטוך, דוד לעמבערגער, חיים ראָזמאַרין, אריה לאָמאַז א"אַ.

די קינסטלערישע דעקאָראַציעס האָבן אויסגעפּאַרטיקט דוד לעמבערגער און לייבל פינקלשטיין.



החוג הדרמטי ע"י „בית־העם" שה־ציג את „אוריאל אקוסטה" בביומו של מרדכי פיאֶקאַרסקי.

דראַמאַטישער קרייז ביים „בית־עם", וואָס האָט אויפגעפירט „אוריאל אַקאָסטאַ" אונטער דער רעזשי פון מאָטל פּיעקאַרסקי.

פון רעכטס — שטייען: אליעזר א־ידלטוך, בערנאַרד ליבערמאַן, חיים מרדכי גאָלדשמידט, פינטשע ליבמאַן, בירנבוים, יוסף יהושע ווייסבראָט, יצחק שיין, משה אָר־לאַנסקי, סאַנע קאַרשנבוים; זיצן: בוטשע פינקלשטיין, ליבע אורמאַ־כער, אַבוש ליבערמאַן, מאָטל פּיע־קאַרסקי, ישראל גאָלדשטיין, אַריה לאָמאַז; פון פאָרנט: חיים ראָז־מאַרין, דוד לעמבערגער, חנטשע צינאַמאָן.

Dramatic group at the "Beit-Am" performing "Uriel Acosta" under the management of Motl Piekarsky.

גדליהו בראַווערמאַן / פּורים־שפּילן ביים סוף פֿון 19טן יאָרהונדערט

אין ביאַלע האָט זיך ביים סוף פֿון 19טן יאָרהונדערט געפֿונען אַ גרופּע, וואָס פֿלעגט זיך צונויפֿקומען אין די שבתים און יום־טובֿים אין אַ שטוב, ווו זיי האָבן חבֿריש פֿאַרבראַכט ביי דער צוגעגרייטער משקה, מערסטנטייל אַ פֿעסעלע ביר. אָט ביי דער געלעגנהייט פֿלעגן זיי זיך קוויקן מיט אַ שטיקל חזנישער נגינה פֿון די ימים־נוראים, מיט אַ פֿאָלקס־לידל, און אַפֿילו כאַפּן אַ טענצל.

די גרופּע איז באַשטאַנען פֿון די קיגעלעך (שטראָמוואַסער), די פֿיר ברידער (מאיר קיגלס זין — אַ שוסטער אין דער יאַנעווער גאַס): וועלוול, יוסף, איסר און משה; משה קאָשקעס (גאָלדשמידט, אַ בלעכער); אַברהם גריל (בראַווערמאַן, אַ סטאָליער); מענדל (אַ בעקער); מענדל רויזעס (אַ מוליער) א״אַ. אָט די גרופּע האָט עס פֿון צייט צו צייט אויפֿגעפֿירט דאָס טעאַטער־שפּיל „יוסף מיט די ברידער״.

דאָס שפּילן איז נאַטירלעך געווען פֿאַרבונדן מיט פּורים, ווען מ׳פֿלעגט זיך פֿאַרשטעלן, וואָס ס׳איז דעמאָלט געווען שטאַרק אָנגענומען ביי דער יידישער באַפֿעלקערונג.

די פֿאָרשטעלונג פֿון „יוסף מיט די ברידער״ פֿלעגט מען טיילן אין צוויי טיילן. די ערשטע — האָט געהייסן „מכירת־יוסף״, וואָס האָט פֿאָרגעשטעלט ווי אַזוי יוסף ווערט פֿאַרקויפֿט צו די ישמעאלים און די צווייטע טייל „גדולת־יוסף״ האָט געוויזן יוספֿן אַלס שני־למלך אין מצרים. אָט די צוויי טיילן זענען נישט געשפּילט געוואָרן אין איין אָוונט, ווייל ס׳וואָלט צו פֿיל צייט פֿאַרנומען, און חוץ דעם האָבן די שפּילערס נישט געהאַט די מעגלעכקייט זיך איבערצוקליידן אַזוי גיך, און אין יעדער טייל האָט זיך דאָך געפֿאָדערט אַן אַנדער הלבשה. האָבן זיי איין פּורים געשפּילט די ערשטע טייל און דעם צווייטן פּורים די צווייטע טייל.

דער אופֿן פֿון צוגרייטן זיך צום שפּילן איז ווייט געווען פֿון היינטיקן שטייגער, ווען דער אַרטיסט באַקומט זיין ראָליע אַ געדרוקטע אָדער אַ געשריבענע. דער גאַנצער אינהאַלט פֿון דער פֿאָרשטעלונג איז געווען איינגעקריצט אין זכרון פֿון עטלעכע שפּילערס, וואָס פֿלעגן אויסזינגען דעם אינהאַלט אין דער פֿאָרעם פֿון לידער. די איבעריקע מיטשפּילערס האָבן זיך אויף אַזאַ אופֿן אויסגעלערנט זייערע ראָלן.

די רעפּעטיציעס פֿלעגן פֿאָרקומען נאָר אין די ווינטער־אָוונטן, ווייל זומער האָט מען נאָכן לאַנגן אַרבעטס־טאָג געוואָלט גערנער שפּאַצירן איידער זיך צו פֿאַרנעמען מיט טעאַטער־שפּיל.

אין די ערשטע צייטן איז די פֿאָרשטעלונג אָרגאַניזירט געוואָרן אויף פֿאָלגנדיקן אופֿן: די גרופּע האָט צו וויסן געגעבן דעם שטאָט־גבֿיר שמואל פּיזשיץ, אַז פּורים וועט מען אים צוטיילן דעם כּבֿוד און ביי אים אין הויז פֿאָרשטעלן „מכירת־יוסף״. קיין האָנאָראַר האָט די גרופּע נישט פֿאַרלאַנגט און זיך באַנוגנט מיט כּיבוד, וואָס דער גבֿיר האָט פֿאַר זיי געשטעלט. אויף שושן־פּורים האָט פּיזשיץ איינגעלאַדן געסט צו דער סעודה און פֿאַר זיי פֿלעגט דאָס געגעבן ווערן די פֿאָרשטעלונג, אין איינעם פֿון זיינע גרויסע סאַלאָנען, אין דער בריסקער גאַס.

געקומען זענען די שפּילערס שוין פֿאַרקליידט און גרייט צום אָנהייבן דעם ספּעקטאַקל. די ראָלע פֿון אַלטן פֿאָטער יעקבֿ האָט געשפּילט מענדל בעקער, וועלכער האָט אויפֿן פּנים אַרויפֿגעצויגן אַ ווייבעריש שייטל (פּאַרוק), וואָס האָט געהייסן אַ באָרד. פֿאַר ראובֿנען האָט געשפּילט מענדל רויזעס, און אויך ביי אים האָט אַ שייטל, אַ קלענערס, פֿאָרגעשטעלט די באָרד. די איבעריקע ברידער האָבן זיך איינגעסאַדזשעט די פּנימער, וואָס האָט געהייסן אַז ס׳נעמט זיי וואַקסן בערד... די קליידונג איז געווען מער־ווייניקער צוגעפּאַסט צו די ראָלן פֿון די שפּילערס. אַ מצבֿה, אויסגעאַרבעט פֿון אַ טאָוול, האָט סימבאָליזירט דער מוטער רחלס קבֿר, ביי וועלכן יוסף פֿאַרהאַלט זיך בעת די ישמעאלים פֿירן אים קיין מצרים און זינגט אויס קלאָגלידער. די פֿאָרשטעלונג פֿלעגט דויערן קנאַפּע צוויי שעה.

דאָס לעצטע מאָל האָט די גרופּע שוין נישט פֿאָרגעשטעלט ביים גבֿיר פּיזשיץ, נאָר די פֿאָרשטעלונג איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין איינעם פֿון די גרויסע חדרים אין דער תּלמוד־תּורה, און פֿאַרן איינטריט האָט מען באַצאָלט אַ פּאָר גראָשן.

גוצאַב־פּרטים:

לויט ווי ס׳האָט איבערגעגעבן אַלתּר ווייַנבערג, האָט ער נאָך געדענקט פּורים־שפּילן אין ביאַלע אין די יאָרן 1881/2. די גרופּע וואָס האָט פֿאָרגעשטעלט איז באַשטאַנען פֿון: איצעלע האָרב, מענדל רויזעס, יעקבֿ רויזעס, אַברהם גריל, הערשל גריל (ביים לעצטן פֿלעגן פֿאָרקומען די רעפּעטיציעס) א״אַ. אַלתּר ווייַנבערג געדענקט אויך, אַז די גרופּע האָט באַוויזן אין איין אָוונט צו געבן פֿאָרשטעלונגען אויף עטלעכע ערטער, ווי אַ שטייגער: ביים מאָסקווער רבֿ (הרבֿ חיים בערלין, טילעס צווייטער מאַן), אין ווייַנעס און ביי שמואל פּיזשיץ (מ.י.פּ—ם).

דאס רעליגיעזע לעבן

מ. י. פייגנבוים / אלגעמיינער איבערבליק

אויף אַ סך געביטן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן איז אונדזער שטאָט הינטערשטעליק געווען לגבי אַנדערע שטעט אין פוילן. אויפן געביט פון רעליגיעזן לעבן האָט זי זיי אָבער ווייט אַריבערגעשטיגן. מיר מיינען נישט דאָ וועגן אַ אַ רעליגיעז לעבן, וואָס איז דורך וועמען ס׳איז אָרגאַניזירט געוואָרן, נייערט ווי ס׳איז פון זיך אַליין געפלאָסן מקדמונים אָן.

ביאַלע האָט זיך גערעכנט פאַר אַ חסידישע שטאָט, און ווי אַזעלכע איז זי אַפילו פאַראייביקט געוואָרן אין דער יידישער וועלטלעכער ליטעראַטור דורך י. ל. פרץ, אין זיין דערציילונג א״נ „צווישן צוויי בערג״. דאָ איז געווען דער הויף פון די רביים ר׳ בעריש לאַנדוי און זיין זון ר׳ אהרן. ר׳ בעריש האָט געשמט אין גאַנץ פוילן פאַר אַ גרויסן למדן און ס׳האָבן צו אים געשטראָמט חסידים פון אַלע עקן פוילן. די לעצטע דערציילונג, וואָס ס׳האָט אָנגעשריבן יוסף אָפּאַטאָשו, פאַר זיין טויט, א״נ „דער וווּרקער שתקן״, איז געווידמעט דעם ביאַלער רבין ר׳ בעריש לאַנדוי. אין ביאַלע האָט זיך אויך געפונען דער הויף פון רבין ר׳ יצחק יעקב ראַבינאָוויטש, וואָס איז געווען באַרימט אין פוילן, און זיינע חסידים האָבן זיך גערופן ביאַלער חסידים. נאָך היינט איז אין ישראל פאַראַן אַ ביאַלער רבי מיט ביאַלער חסידים. דער ביאַלער רבי אין ישראל איז אַן אייניקל פון אַלטן ביאַלער רבין ר׳ יצחק יעקב. איז דעריבער פאַרשטענדלעך, אַז די רביישע הייף האָבן געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף דער באַפעלקערונג און אויפן רעליגיעזן לעבן אין שטאָט.


ס׳האָבן אין ביאַלע נישט געפעלט קיין מתנגדים, אָבער זיי זענען נישט געווען קעמפעריש לגבי די חסידים, און מיר האָבן קיינמאָל נישט געהערט דערציילן וועגן מחלוקתן צווישן מתנגדים און חסידים.

אָנהייב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, ווען אין ביאַלע זענען שוין נישט געווען קיין רביישע הייף, האָט אַ גאָר שטאַרקע השפּעה אויפן רעליגיעזן לעבן געהאַט דער שטאָט־רב ר׳ שמואל לייב ז״ק. הגם ער איז געזעסן אָפּגעשלאָסן אין זיין בית־דין־חדר איבער ספרים, נישט געקומען אין באַרירונג כמעט מיט דער באַפעלקערונג, דאָך איז זיינס אַ וואָרט געווען אַ באַפעל פאַר די רעליגיעזע יידן.

דורות זענען געקומען און פאַרגאַנגען, דערצויגענע אין שטרענגן רעליגיעזן גייסט. די מענער האָבן געוווּסט, אַז די פרייע צייט דאַרף מען פאַרברענגען אויף תפילה און לערנען תורה. דאָס דאַווענען און לערנען האָט זיך געצויגן פון וויג ביזן קבר. ביים וויג פון קליינעם יינגעלע האָט מען שוין געזונגען לידער, וואָס האָבן דערמאָנט דעם עול־התורה. אַז דאָס יינגעלע איז עטוואָס עלטער געוואָרן, איז ער אַריבער אין רשות פון די מלמדים, ביי וועמען אין די חדרים ער האָט פאַרבראַכט אַ גאַנצן טאָג, און ווינטער־צייט — אויך די אָוונטן. און אַז דאָס יינגל האָט געענדיקט לערנען אין די חדרים, איז ער אַוועק ווייטער לערנען אין חסידים־שטיבל אָדער אין ישיבות. די וואָס האָבן נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט דערצו, האָבן זיך גענומען צו מלאכה. די עלטערן האָבן זיך געגעבן די גרעסטע מי, אַז זייער זון זאָל זיצן און לערנען, ווייל דער טרוים פון יעדער טאַטע־מאַמע איז געווען צו האָבן אַ זון אַ למדן. די יוגנט וואָס איז אַוועק צו מלאכה איז נישט געוואָרן אָפּגעריסן פון שטרענגן רעליגיעזן לעבן. דריי מאָל אין טאָג דאַווענען איז געווען אַ זעלבסט־פאַרשטענדלעכע זאַך, און שבת איז מען געזעסן ביים חומש און תהלים. ס׳האָבן אין שטאָט נישט געפעלט קיין עם־הארצים, אָבער דער גרעסטער עם־הארץ האָט דאָך געקענט דאַווענען אין סידור. זיין עברי איז געווען פאַרגרייזט און צעדרייט, ער האָט נישט געקאָנט מיטהאַלטן מיטן בעל־תפילה, אָבער דער סידור איז אים נישט פרעמד געווען.

אַז די בחורים וואָס האָבן געלערנט אין די שטיבלעך האָבן חתונה געהאַט, זענען זיי לרוב געוואָרן קעסט־איידעמס, און ווייטער געזעסן אין שטיבל ביי דער גמרא. די יונגעלייט וואָס האָבן זיך גענומען צום מסחר, פלעגן זייערע פרויען פירן די קראָמען און די מענער פלעגן ווייטער זיצן און לערנען. די יונגעלייט וואָס האָבן אַליין געמוזט זאָרגן וועגן פרנסה, פלעגן אין די אָוונטן זיצן איבער דער גמרא. ביי אַזאַ דראַנג צום לערנען, האָט טאַקע ביאַלע געשמט מיט אירע גרויסע לומדים ווייט איבער די שטאָט־גרענעצן.

די יידישע פרוי איז אויך דערצויגן געוואָרן לויט די שטרענגע טראַדיציעס פון יידישן רעליגיעזן לעבן. די רביצין האָט אויסגעלערנט דעם מיידל דאַווענען און מיט דער ווייטערדיקער דערציאונג האָט זיך שוין פאַרנומען די מוטער.



כתובה מביאלה משנת 1864

אַ ביאַלער כתובה פון איור 1864

Marriage contract written in Biala in 1864

צווישן די פרויען האָט מען שוין אָנגעטראָפן אויף אַזעלכע, וואָס האָבן נישט געקאָנט קיין עברי און נישט געוווסט צו דאַווענען, און דאָס בעיקר ביי דעם גאָר אָרעמען קלאַס פון דער באַפעלקערונג. אויף צומאָרגנס נאָך דער חתונה האָט מען דעם יונגן ווייבל אָפּגעגאָלט דעם קאָפּ און אָנגעטאָן אַ טשיפּיק; שפּעטער, אָנשטאָט אַ טשיפּיק — אַ שייטל.

אין אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט, און בעיקר בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, זענען פאָרגעקומען ראַדיקאַלע שינויים, וואָס האָבן אָפּגעשוואַכט דאָס רעליגיעזע לעבן.

אַז ס'איז אָנגעקומען דער שבת אָדער ס'האָט זיך אָנגערוקט אַ יום־טוב, האָט מען דאָן ערשט געקאָנט דערזען און דערפילן צו וועמען ס'געהער די שטאָט. האָט טאַקע דער נאַטשאַלניק געקאָנט האָבן די מאַכט איבער דער שטאָט אַ גאַנצע וואָך, אָבער שבת און יום־טוב האָט זי געהערט צו די יידן.

שבת און יום־טוב איז דער ייד נישט געווען אין גלות ביים גוי, נייערט פאַרקערט. אַלע געשעפטן און וואַרשטאַטן פולשטענדיק געשלאָסן און אַ הימלישע רו האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער שטאָט. קריסטן, אַפילו אין די פאַרוואָרפנסטע דערפער, האָבן געוווסט ווען ס'איז אַ יידישער יום־טוב, און אין דעם טאָג פלעגן זיי נישט קומען אין שטאָט אַריין.

אָט דאָס באַהערשן די שטאָט דורך די יידן אין די שבתים און יום־טובים, האָט אָנגעהאַלטן, נישט געקוקט אויף אַלע שינויים אין רעליגיעזן לעבן, ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. די צייט האָט נאַטירלעך געטאָן אירס און אומגעוואָרפן אַ סך צוימען אין רעליגיעזן לעבן. ס'זענען נישט אַדורך אָן השפעה אויף אָט דעם לעבן אין שטאָט די שטראָמען פון די רעוואָלוציאָנערע יאָרן אין דער צאַרישער צייט, די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און דער פרייהייטס־גייסט אין דער תקופה צווישן די ביידע וועלט־מלחמות. נאָך אַלע קלעפּ, וואָס דאָס רעליגיעזע לעבן האָט באַקומען האָט דער אויסזען פון שבת אין דער גאַס זיך קנאַפּ וואָס געענדערט. אַלע געשעפטן זענען פאַרמאַכט געווען, מיטן אויסנאַם פון צוויי דראָגעריעס, אַ קאָלאָניאַל־געשעפט און צוויי רעזוררעס, וואָס זענען אָפן געווען (איין דראָגעריע און דאָס קאָלאָניאַל־געשעפט זענען אָפן געווען אין די שבתים נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה). איר האָט נישט אָנגעטראָפן שבת אין



המלמדת פיגה שנור ותלמידותיה
די רביצין פייגע שנור מיט אירע תלמידות
Orthodox teacher Feiga Shnur and her girl pupils

גאָס אַ ייד מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל. אין די הייזער גופא זענען יאָ פאָרגעקומען קאַלאָסאַלע ענדערונגען אויף דעם געביט, אָבער אין גאַס האָט מען דאָס נישט באַמערקט. די איינציקע ענדערונג איז אפשר געווען דאָס, וואָס מ׳האָט געזען יידן שפּאַצירן אין די גאַסן, ווי אויך בחורים און מיידלעך שפּאַצירן געאַרעמט.

און ווער שמועסט נאָך, אַז ס׳האָבן זיך אָנגערוקט די ימים־נוראים, ווען דער פחד פאַרן אָנקומענדיקן יום־הדין האָט אַרומגעכאַפּט די יידישע עדה, דעמאָלט איז דאָך דאָס רעליגיעזע לעבן צום בולטסטן געקומען צום אויסדרוק. אָנהייבנדיק פון ראש חודש אלול האָט זיך, אַ גאַנצן חודש, יעדן טאָג באַגינען געלאָזט הערן אין דער אומגעגענט פון שול־הויף דאָס שופר־בלאָזן און דאָס תהלים־זאָגן. פון די וואַרשטאַטן האָט מען געהערט ניגונים פון די ימים־נוראימדיקע תפילות און דער עולם פלעגט זיך לאָזן גיין צום בית־הקברות אויף קבר־אבות.

ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט די שטאָט געהאַט אַ שול און צוויי בתי־מדרשים, וואָס האָבן זיך קאָנצענטרירט אויפן שול־הויף, אַ בית־המדרש אויף דער וואָליע, בערך 10 חסידים־שטיבלעך און אַ צאָל מנינים חסידישע און מתנגדישע.

די תלמוד־תורה אויף דער פּראָסטער גאַס איז געווען טעטיק ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

אין שטאָט האָט זיך אויך געפונען אַ ישיבה, וואָס איז אַנטשטאַנען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה און האָט אָנגעהאַלטן ביז די לעצטע טעג פון פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. אין אָנהייב איז ראש־הישיבה געווען ר׳ מרדכי שימאַנאָוויטש; שפּעטער — ר׳ ישראל און מנהל ר׳ דוד. די גרינדערס פון דער ישיבה האָבן געשטאַמט פון די פּוילישע מזרח־קרעסן און דער רוב תלמידים אין דער ישיבה האָט זיך רעקרוטירט פון בחורים פון דער פרעמד.

וועגן דער ישיבה שרייבט אַ געוועזענער תלמיד, ד״ר דב ירדן (איצט אין ירושלים) אָט וואָס:

„הייתי כבן אחד־עשרה כאשר בא לעירתנו מוטלה על יד פינסק (עיר הולדתו של חיים וויצמן) בחור, שליח מטעם ישיבה נובהרדוק אשר בביאלה־פודלאַסקה. הבחור דרש בבית־הכנסת, עורר את הקהל לתמוך בישיבה והציע לשלוח עמו ילדים ללמוד בה. נענו להצעתו: הורי ומשפחת קולודני.

אבי נסע אתי, הציגני לפני ראש הישיבה רבי מרדכי, שהיה אדם חביב ובעל צורה. אבי מנה את שבחי בפני ראש הישיבה ובין השאר הזכיר שאני יודע לשון הקודש. רבי מרדכי ענה: אין זה עיקר שהלשון תהיה קודש, העיקר שהלב יהיה קודש.

הדבר העיקרי שבו נבדלה ישיבה נובהרדוק מישיבות אחרות היה לימוד המוסר. אמנם גם כאן, כמו בישיבות אחרות, בילו התלמידים את רוב היום בלימוד התלמוד, הם שמעו שעורים מפי ראש הישיבה ועוזריו וחזרו עליהם בפני עצמם או שנים שנים בחברותא. אבל שעות מסוימות ביום היו מוקדשות ללימוד מוסר, שהיו לומדים מתוך ספרים שונים, כגון „חובות הלבבות״ לרבנו בחיי (שעל שערו הראשון. ה„פילוסופי״, שער היחוד, דלגו מתוך פחד כמוס), „שערי תשובה״ לרבנו יונה גירונדי, „בן המלך והנזיר״ לרבי אברהם בר חסדאי, „מסלת ישרים״ לרבי משה חיים לוצאטו ועוד. ביחוד שקדו על ספריו של רב יוזל, קונטרסים בשם הכולל „מדרגת האדם״, שכללו את שיחותיו של רב יוזל, מיסד ישיבת נובהרדוק. אחרי לימוד מוסר במשך חצי שעה מתוך ספרים היו יוצאים לשיחות של מוסר. כל קשיש שבבני הישיבה היו לוקח אתו צעיר אחד או שנים, אחד מימינו ואחד משמאלו, מטייל אתם הלוך ושוב לאורך בית־המדרש ומפתח לפניהם רעיון מוסרי. שיחה כזאת נקראה בשם „בורסה״ („בירזשע״). למקור השם הזה מספרים כי רב יוזל (או, כפי שכינו אותו דרך כבוד: „הזקן״) נכנס פעם לבית־המדרש בעת שהתקיימו שם שיחות מוסר כאלה, בראותו את הערנות של הבחורים בלימוד המוסר קרא מתוך התפעלות: הרי זו ממש בורסה! ומאז נתקבל השם „בורסה״ לשיחות המוסר״.

חוץ אָט די רעליגיעזע חינוך־אינסטיטוציעס זענען בחורים געזעסן אין עטלעכע חסידים־שטיבלעך און געלערנט תורה.

אין בית־המדרש פלעגט לערנען מיטן עולם יעדן אָוונט און שבת דער מלמד בנימין הערש איידלמאַן.

אין שטאָט איז געווען אַ חברה־תהילים, וואָס פלעגט זיך צוזאַמענקומען אין בית־המדרש כדי צו צו זאָגן תהילים. אַ חברה שומרי־שבת, וואָס פלעגט פרייטיק־פאַרנאַכט פאַר ליכט־צינדן אַרומגיין איבער דער שטאָט און דערמאָנען די קרעמערס צו שליסן אין דער צייט זייערע געוועלבער. שבת אינדערפרי פלעגן די שומרי־שבת אַרומגיין און נאָכזעען פון וועלכע קוימענס ס׳גייט אַ רויך, און ווו זיי האָבן עס באַמערקט פלעגן זיי אַריינקומען אין שטוב אַריין און בעטן נאָך אַמאָל

אַזוינס נישט צו טאָן. די שומרי־שבת פלעגן אויך טיילמאָל אין אַ שבת זיך צוכאַפּן צו דער באַן קאָנטראָלירן, צי ביאַלער פאָרן נישט אַמאָל שבת מיט דער באַן.

די מקוה האָט זיך געפונען אין אַ געמויערטן בנין אין באָד־געסל. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט מען דאָרט דורכגעפירט אַ גרויסן רעמאָנט, די הילצערנע וואַנעס האָט מען פאַרטוישט אויף מעטאַלענע און איינגעאָרדנט שפּריץ־בעדער. נאָך דער מלחמה פלעגן דעם באָד־אַנשטאַלט באַזוכן בעיקר די רעליגיעזע.

אין די לעצטע דורות זענען אין ביאַלע טעטיק געווען אין רעליגיעזן לעבן:

רבנים:

הרב ר׳ נחום וואָלף באָרנשטיין (פאָטער פון שפּעטער באַרימטן סאָכאַטשאָווער רבין ר׳ אברהמעלע). דער רב האָט געוווינט אין מאַרק, אין הויז פון ישראל וויכנעם (שפּעטער געהערט צו מאָטל לעדער־קרעמער). דער רב האָט ביי זיך אין שטוב געפירט אַ ישיבה.

נאָך אים איז אויפגענומען געוואָרן פאַר שטאָט־רב ר׳ שמואל לייב ז״ק, וועלכער איז געקומען פון שעבושעשין. געוווינט האָט דער רב אין דער בריסקער גאַס, ביי מאָטיע שוסטער אין הויז. נפטר געוואָרן אין אָטוואָצק אין ווינטער תרצ״ב (1932) און געקומען צו קבורה אין ביאַלע.

דער לעצטער ביאַלער רב איז געווען ר׳ צבי הירשהאָרן, פריער רב אין יאַוואָרזשנע. ער האָט געוווינט אין מאַרק אין הויז פון מאָטל דעם לעדער־קרעמער.

דיינים:

ר׳ לייבל ז״ק (געווען באַהאַוונט אין פאָרמולירן שריפטלעכע אָפּמאַכן לויטן יידישן דין. ביי מער וויכטיקערע אָפּמאַכן פלעגט מען אים איינלאַדן צו שרייבן, דעם אַזוי־גערופענעם, ערשטן פריוואַטן אַקט, איידער די מכירה איז דורכגעפירט געוואָרן ביים אָפיציעלן נאָטאַר), ר׳ יקיר, ר׳ יצחק קלמן, ר׳ מענקע (דעם טיקטינער רבס אַ זון, געשמט פאַר אַ גרויסן למדן) — אַלע ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה; און ר׳ משה אוטשען (אַן איידעם פון הרב ר׳ ש. ל. ז״ק).

שכירות פלעגן די רבנים און דיינים באַקומען פון די שחיטה־הכנסות און פון דער קהילה. שפּעטער, ווען די קהילה האָט, בעת דער פוילישער הערשאַפט, איבערגענומען די שחיטה, פלעגן דער רב און דער מורה־הוראה באַקומען די שכירות נאָר פון דער קהילה.

שוחטים:

גרשון, מענדל, שמעון, חיים (אַלע ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה) — מענדעלע רב זלמנס (אַ גרויסער למדן, אַרויסגעגעבן אַ ספר אונטערן נאָמען „ספר זכרון מנחם״), מאיר יוד, שמואל רובינשטיין, יעקב פּאַלאַניעצקי און לייבעלע וויינטרויב (פון מאַרקושאָוו, מענדעלע שוחטס איידעם).

צו דער שחיטה פון פי פלעגן די שוחטים פאָרן אין שעכט־הויז. עופות פלעגן זיי שעכטן ביי זיך אין דער היים, שפּעטער אויפן הויף פון דער תלמוד־תורה.

משגיחים:

ברוך גיטל באַשעס, משה האָפער (פייעס), זעליג הערש — (אַלע ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה) און מאיר אַראָנאָוויטש (פישקעס — צונאָמען).

מנקרים:

אליהו מרדכי, גדליהו לייב (ביידע ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה); דודטשע גרינשטיין (פון די קיטיעס), און שלמה אליעזר פראַנקרייך (שלמה לאָזער).

לאָמיר דאָ אויסרעכענען די ביאַלער לומדים און מלמדים פון די לעצטע 70—80 יאָר יידיש לעבן אין ביאַלע, אויף וויפל ס׳איז מעגלעך געווען פעסטצושטעלן זייערע נעמען.

פאַר גרויסע לומדים זענען אין שטאָט, צווישן אַנדערע אָנגעאַנגען: ר׳ בעריש לאַנדוי, הרב ר׳ נחום וואָלף באָרנשטיין, ר׳ נח שחור, ר׳ איטשע מאָזעס, ר׳ משה לאצעס, (גערופן משה דער גרויסער), ר׳ לייביש, ר׳ זיסקינד, ר׳ חיים אשר, ר׳ אהרן ליפּע, ר׳ מענקע, ר׳ הינך איטשקעס (אַ בחור, איטשקע פאָטלס דעם מלמדס זון), ר׳ אהרעלע יהודה יעקבס, ר׳ משה יפה, ר׳ וועלוול גאָלדפּאַרב, ר׳ מאירל קאָלרשינער, ר׳ גבריאל סופר, שלום ווינאָגראַדס אַ שוואָגער (נאָמען נישט באַקאַנט, שפּעטער אַן אַפּיקורס, יונג געשטאָרבן), קאמלעט (איטע גאָמפּלס מאַן), ר׳ ברוך אייזנבערג (משה יאָסלס), משה דער קליינער, הרב ר׳ שמואל לייב ז״ק, ר׳ יחזקאל ערליך, ר׳ שמעון קריידשטיין, ר׳ יואל מאיר הייבלום, ר׳ בנימין הערש איידלמאַן, ר׳ בנימין גווירצמאַן (זאַטשעס), ר׳ מענדעלע שוחט, ר׳ ברוך שלום קריידשטיין, מענדל ראָסאָשערס אַ זון (אַ בחור), משה קאַוועס אַ ברודער, ישראל (הערשלס יאַנעווערס זון, אַ בחור, יונג געשטאָרבן).

מלמדים:

משה קלמן
אברהמעלע קאָדניער
אייזיק
פייוועלע לובלינער
יעקב נתן
ישראל יצחק פייגנבוים
שמואל הערש עפּלבוים (נטע מלמדס פאָטער)
מענדל עפּלבוים
ר׳ לייביש קאָץ (צונאָמען)
לייבעלע ראָסאָשער
לייביש יעקב אריהס
צאַלקע
וועלוול לוטוואַק (אַלטע פון די קיכעלעכס פאָטער)
משה דוד (צאַלקע מלמדס זון)

וועלוול איידל דער וועשינס
סענדער ר׳ שייעס (ישעיהו)
ר׳ אהרן ליפּע
קיווע (עקיבא)
טוביה
יהודה לייב אשבערג
אליהו דוד
אליהו שעפּסעלעס
אהרן וואָוועלעס
אליעזר לייב
שמואל יאַנקל רובינשטיין (פֿאָטער פֿון מלמד מנחם רובינשטיין, און זיידע פֿון הרב שמואל רובינשטיין, פּאַריז)
איצל (יצחק) נחום
דוד וואָלף
הערש חיים משה פּייעס
הערשל אַרטשעלעס
שלמה קריידשטיין
נחום פּעטקע (דרדקי מלמד)
טוביה גליקעלעס
מאָטל דאַמאַטשעווער
אברהם אַבעלע
אברהמעלע יאַנעווער (דרדקי מלמד)
הערשל יאַנעווער
יונה קראָקעווער
נוסקע (וועלוול לוטוואַקס איידעם)
דער באָדקער מלמד
פּסח ראשון (דרדקי מלמד)
פּסח שני (דרדקי מלמד)
דער ראַדזינער מלמד
הערשל שטריקנמאַכער (דרדקי מלמד)
טוביה דער געלער
משה חיים קליגסבערג
בינעם (בונם) ראַסאָשער (געמאַכט אויך וויין אויף קידוש)
דוד לייבעלע (שלום קצבס אַן איידעם)
יצחק משה בובקעס (צונאָמען, זיין ווייב געבאַקן בובקעס)
לייבעלע קעטשע (צונאָמען)
אברהם יצחק (חיים הושלעווערס זון)
משה איציקל (זיין מוטער געווען שמואל משה קצבס שוועסטער)
אברהם שמחה
מענדעלע
איטשקע פּאָטלס (צונאָמען)
משה סרול (ישראל) פּאָטלס (צונאָמען)
חיים אשר
שאלקעלע פייגנבוים (מיידל־מלמד)
הערש חיים, סענדער מאָטיעס
ברוך שלום קריידשטיין

יאַנקל (יעקב) בראַכיע (ברכיהו — תלמוד־תורה־מלמד)
חיים דוד עפּלבוים —(תלמוד־תורה־מלמד)
נחום איידלמאַן (תלמוד־תורה־מלמד)
נטע עפּלבוים (צונאָמען שטעקער)
בערעלע עפּלבוים (נטעס ברודער — דרדקי מלמד)
יואל מאיר הייבלום
פייוועלע (דרדקי מלמד)
מנחם רובינשטיין (אַלטע פֿון קיכעלעכס מאַן)
בנימין הערש איידלמאַן (וועלוועלע קצבס איידעם)
משה (ישראל יצחקס) פייגנבוים
יצחק אורטשעלעס (תלמוד־תורה־מלמד)
חיים גאָטל מילבוים
הערשעלע באַנקהאַלטער (שמחהלע סופרס איידעם)
הערשעלע (דרדקי מלמד)
אליהו דודל גוטמאַן (דרדקי מלמד)
פלעק (צונאָמען — דרדקי מלמד)
שמילע (שמואל) פּיפּ (צונאָמען)
שמואל קליגסבערג
חיים ישראל פינקלשטיין
משה מיכל (דרדקי מלמד אין תלמוד־תורה)
מענדל ראַסאָשער
אהרן חיל (יחיאל) וויינבערג
וועלוול יוסטמאַן (ראַסאָשער)
שלמה חיים שוואַרצבאַרד (תלמוד־תורה־מלמד)
בן־ציון.

אין ביאַלע זענען, ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה, אויך טעטיק געווען די, אַזוי־גערופֿענע, „קאַזיאָנע" רבנים. די באַצייכענונג „קאַזיאָנער רב", זאָגט שוין אַליין, אַז דאָס זענען געווען רבנים פֿאַר דער מאַכט און נישט פֿאַר דער יידישער באַפעלקערונג. די שכירות פלעגן אָט די רבנים באַקומען פֿון דער קהילה, און זיי האָבן נאָך געהאַט אַ צוגאָב־הכנסה פֿון פירן די יידישע מעטריקאַל־ביכער.

פֿון די קאַזיאָנע רבנים פלעגט מען אין שטאָט געדענקען איינעם אַ יוסף דרייזין. ער איז געקומען פֿון רוסלאַנד בערך אין יאָר 1889, ווי אַ נאָמינירטער פֿון גובערנאַטאָר. ער איז געווען אַ פֿרייגעזאָנענער מענטש און איז דורך קהל פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון שטאָט.[1]

נאָך אים איז געוואָרן קאַזיאָנער רב דער ביאַלער תושב שלמהלע גאָלדבערג, וועלכער האָט אַמאָל געאַרבעט ביים רעיענט און האָט שפּעטער באַלייגט עקזאַמען אויף קאַזיאָנעם

[1] דרייזין יוסף (1843—1894) יידישער לעקסיקאָגראַף און דערציילער; משומד. געבוירן 1843 אין מינסק. דרייזין האָט זיך באַשעפטיקט ווי אַ לערער און איז אַ געוויסע צייט געווען ראַבינער. 1891 טרעט ער איבער מיט זיין פֿאַמיליע די שוועל פֿון דער גריכיש־קאַטוילישער קירכע און פֿון דאַן טעטיק ווי אַ מיסיאָנער. אין 1887 האָט ער פֿאַרעפֿנטלעכט אַ רוסיש־יידיש ווערטערבוך, וואָס איז שטאַרק פֿאַרשפּרייט געוואָרן. דרייזין האָט אויך געשריבן יידישע דערציילונגען („לחיים", „דער לץ", „אַ ווייב פֿאַר צוויי לעבעדיקע מענער" א"אַ), וועלכע באַזיצן נאָר אַ קולטור־געשיכטלעכן ווערט (ענציקלאָפּעדיאַ יודאַיקאַ).

רב. שלמה׳לע איז געשטאָרבן נאָך פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, און מער זענען אין שטאָט נישט געווען קיין קאַזיאָנע רבנים. בעת דער פּוילישער הערשאַפֿט פֿלעגט דער מורה־הוראה ר׳ משה אוטשען אָפּנעמען די שבועה פֿון די יידישע זעלנער אין די שטאָטישע פּולקן, און ער איז געווען דער אַפּוטרופּוס פֿון די יידישע זעלנער אין שטאָט.

אָט אַזוי האָט זיך געצויגן דאָס רעליגיעזע לעבן אין שטאָט כמעט אָן שטערונגען אונטער אַלע פּאָליטישע רעזשימען. מיטן אָקופּירן ביאַלע דורך די דייטשן אין יאָר 1939 האָט אָט דאָס לעבן אויפֿגעהערט צו פּולסירן. פֿרומע יידן זענען געצוווּנגען געווען אָפּצושערן זיך די בערד, אַנטאָן וועליסאָפּעד־היטלען און צוליב דער צוואַנגס־אַרבעט האָבן זיי אויך מחלל שבת געווען. די בתי־תפילה זענען באַזעצט געוואָרן מיט אַנגעפֿירטע פּליטים און מ׳האָט דאָרט מער נישט געדאַוונט.

די תלמוד־תורה

איידער ס׳איז אין שטאָט אַנטשטאַנען אַ תלמוד־תורה, זענען יידישע אָרעמע קינדער, וואָס זייערע עלטערן זענען נישט אומשטאַנד געווען צו צאָלן שכר־לימוד, אויך נישט געבליבן אָן לימוד־התורה. ס׳זענען געווען די, אַזוי־גערופֿענע, תלמוד־תורה־מלמדים, וואָס פֿלעגן ביי זיך אין דער היים לערנען מיט אָט די אָרעמע קינדער אָן שכר־לימוד, און די קהילה פֿלעגט אָט די מלמדים באַלוינען דערפֿאַר.

בערך אין יאָר 1894 האָט די קהילה אָפּגעקויפֿט דאָס הויז לעבן דער תפיסה, אויף דער פּראָסטער גאַס, און דאָרט איינגעאָרדנט די תלמוד־תורה. דאָרט האָט זיך אויך געפֿונען דער הקדש.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן די גבאים פֿון דער תלמוד־תורה דורכגעפֿירט דאָרט ווייטגייענדיקע רעפֿאָרמען. דאָס איז געטאָן געוואָרן משמעות אונטער דער השפּעה פֿון דער „יבנה"־שול.

ס׳איז באַזייטיקט געוואָרן דער הקדש און ס׳איז דורכגעפֿירט געוואָרן אַ גרויסער רעמאָנט. אין טייל חדרים זענען איינגעשטעלט געוואָרן מאָדערנע שול־בענק און ס׳איז אויך איינגעאָרדנט געוואָרן אַ קאַרצער... אונטער דער לייטונג פֿון משה בראַווערמאַן האָט פֿונקציאָנירט אַ ביוראָ, און דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פֿון דער תלמוד־תורה איז דאָרט געווען אַ רשימה פֿון די תלמידים. דאָס וויכטיקסטע פֿון אַלע רעפֿאָרמען איז געווען דאָס איינפֿירן לימודי־חול, עטלעכע מאָל אין דער וואָך, צו עטלעכע שעה. די לערערס זענען געווען: וואָלף נאָכאָוויטש, מיכאל פּייערמאַן, גדליהו קראַוויעץ און משה קראַמאַרזש.

אין די צייטן פֿון דער פּוילישער ממשלה האָט זיך דער מצב פֿון דער תלמוד־תורה פֿאַרערגערט אין אַלע הינזיכטן, און ס׳האָט דאָרט צוריק געהערשט אָפּגעלאָזנקייט. די שחיטה פֿון עופֿות פֿלעגט פֿאָרקומען אויפֿן הויף פֿון דער תלמוד־תורה אין די אויגן פֿון די קינדער.

דער בודזשעט פֿון דער תלמוד־תורה פֿלעגט בעיקר געדעקט ווערן פֿון דער קהילה־סובסידיע, און די רעשט פֿון באַשטייערונגען און פֿון אַ קליינעם שכר־לימוד.

דער תלמוד־תורה־קאָמיטעט איז, אין פֿאַרשיידענע צייטן, באַשטאַנען פֿון: משה לאַצעס (משה דער גרויסער), לייביש סאָורימפּער, משה אוטשען, בנימין כהן, מאיר יוד, ישראל אליהו שאַפּירא, משה מלך זילבערבערג, ירחמיאל ליכטנבוים. אַ טייל פֿון קאָמיטעט־מיטגלידער פֿלעגן אין די זומער־שבתים קומען פֿאַרהערן די תלמידים.

אַדמיניסטראַטיווע מנהלים פֿון דער תלמוד־תורה אין דעם לעצטן האַלבן יאָרהונדערט פֿאַרן חורבן זענען געווען: זעליג פֿריינד, משה מלך זילבערבערג און דוד זילבערבערג. די אַדמיניסטראַטאָרן פֿלעגן זיך אויך פֿאַרנעמען מיטן פֿאַרקויף פֿון שחיטה־קוויטלעך.

מלמדים זענען דאָרט געווען: חיים דוד עפּלבוים, יאַנקל בראַכיע, יצחק אורטשעלעס, מנחם רובינשטיין, וועלוול ראַסאָשער, שמואל קליגסבערג, בנימין הערש איידלמאַן, נחום איידלמאַן, משה מיכל, חיים ישראל פֿינקלשטיין, שלמה חיים שוואַרצבאַרד א״אַ.

אויפֿגענומען פֿון משה בראַווערמאַן, אשר האָפּער
און אלתר וויינבערג

צוגאָב־פּרטים:

אין דער תלמוד־תורה לערנען זיך 232 תלמידים. דער קריסטלעכער לערער זשעליכאָווסקי לערנט מיט די תלמידים די פּוילישע שפּראַך. אַ תלמוד־תורה־מלמד באַקומט 30 זלאָטעס אַ חודש געהאַלט („פּאָדלאַסיער לעבן", נומער 4 פֿון 28סטן יאַנואַר 1927).

מנהל פֿון דער תלמוד־תורה איז משה מלך זילבערבערג, און ווי מלמדים זענען דאָרט טעטיק: חיים שוואַרצבאַרד, חיים ישראל פֿינקלשטיין, חיים דוד עפּלבוים, בנימין זאב איידלמאַן („פּאָדלאַסיער לעבן", נומער 18, פֿון 12טן אויגוסט 1927).

צוליב דעם, וואָס לעצטנס צאָלט מען אויס די מלמדים צו 5—10 זלאָטעס אַ וואָך האָבן זיי פֿון 15טן יאַנואַר 1933 דערקלערט אַ שטרייק („פּאָדלאַסיער לעבן", נומער 3/68, פֿון 20סטן יאַנואַר 1933).

אין פּרעלימינאַר־בודזשעט פֿון דער קהילה איז באַשטימט געוואָרן אַ סובסידיע פֿאַר דער תלמוד־תורה אין דער הייך פֿון 5.500 זלאָטעס („פּאָדלאַסיער לעבן", נומער 5/70, פֿון 3טן פֿעברואַר 1933).

בתי־תפילה

די שול

אַפילו די עלטסטע ביאַלער תושבים האָבן נישט געוווּסט קיין פּרטים וועגן בוי פון דער שול. מ׳האָט נאָר דערציילט, אַז די שול האָט געבויט דער פירשט ראַדזיוויל. ס׳איז אָנצונעמען, אַז ראַדזשיוויל האָט אפשר בייהילפיק געווען מיט בוי־מאַטעריאַלן און אפשר אויך מיט געלט. די עלטסטע תושבים האָבן נאָר געדענקט, אַז פאַר זייערע צייטן האָט מען די שול אַרויפגעמויערט העכער, און די אַרבעט האָט אויסגעפירט דער קריסטלעכער מוליער־מייסטער טשיזשעווסקי. פאַרוואָס האָט די אַרבעט אין אַ מקום־קדוש אויסגעפירט אַ קריסט, אין דער צייט ווען ס׳זענען געווען יידישע בעלי־מלאכות? מעגלעך, אַז צווישן די יידישע בעלי־מלאכות זענען נישט געווען בנמצא גענוג קוואַליפיצירטע כוחות פאַר אַזאַ אַרבעט?

ביים סוף פון 19טן יאָרהונדערט האָט מען אין דער שול דורכגעפירט אַ גאָר גרויסן רעמאָנט, וואָס זאָל האָבן באַטראָפן עטלעכע הונדערט רובל. דער עיקר־רעמאָנט איז באַשטאַנען אין מוליער־און מאַלער־אַרבעטן.

די שול איז געווען געבויט לויטן אַלטן נוסח פון אַ סך אַנדערע שולן אין פוילן. זי האָט געקאָנט אַריינעמען בערך 300 מתפללים.

אַריינגעקומען איז מען אין פּאָליש, וואָס איז געווען עטוואָס נידעריקער פון דער גאַס. די שול איז געווען נידעריקער פון פּאָליש אפשר מיט אַנדערהאַלבן מעטער, און פון פּאָליש אין שול אַריין איז מען אַראָפּגעגאַנגען אויף טרעפּ. אין פּאָליש איז געשטאַנען: אַן ארון־קודש, די כסא־אליהו, ביי די זייטן עטלעכע בענק און אַ האַנטפאַס מיט וואַסער צו וואַשן די הענט.

אין שול גופא האָט זיך אין דער לינקער זייט געפונען אַ געשלאָסענער קעלער פאַר שמות. אין דער מערב־וואַנט, רעכטס ביים אַריינקום האָט זיך געפונען דער נר־תמיד. אין דער מזרח־וואַנט האָט זיך געפונען דער ארון־קודש, וואָס האָט זיך נישט אויסגעצייכנט מיט קיין באַזונדערער קונסט־אַרבעט. צום ארון־קודש איז מען אַרויפגעגאַנגען אויף עטלעכע טרעפּ, און רעכטס ביים אַרויפגאַנג האָט זיך געפונען דער עמוד. אינמיטן שול איז געשטאַנען די בימה, וואָס איז געווען אַרומגענומען מיט אייזערנע שטאַכעטן מיט הילצערנע באַפּורצונגען. אויף דער בימה איז מען אַרויפגעגאַנגען פון דרום־און צפון־זייט. אין די ווענט, אויסער דער מערב־וואַנט, זענען אין דער הויך געווען פענצטער, און דאָ ביי די פענצטער האָט מען געקאָנט זען, אַז די ווענט זענען געווען גאָר דיקע, מער ווי אַ האַלבן מעטער די גרעב. די ווענט זענען געווען געדעקט מיט האָלץ ביז דער הויך פון צוויי מעטער. אַרום די ווענט זענען צוגעפעסטיקט געווען בענק און לעבן זיי זענען געשטאַנען שטענדערס. נאָך די שטענדערס זענען געשטאַנען טישן מיט בענק.

די עזרת־נשים האָט זיך געפונען פון דריי זייטן: דרום, צפון און מערב. אין דרום און צפון זענען דאָס געווען ווי צוויי צוגעבויטע פליגלען אין פּאַרטער.

די אַריינגענג אין שול פאַר מענער און פרויען זענען געווען אין דער פראָנט־וואַנט (מערב־זייט). די פרויען פון עזרת־נשים האָבן געקאָנט אַריינבליקן אין שול דורך די געדיכט־פאַרגראַטעוועטע פענצטער.

איבער דער שול האָט זיך געצויגן אַ בוידעם, אין וועלכן ס׳האָט זיך געפונען אַ רונדע עפענונג, אין דער מערב־זייט. דער צוגאַנג צו דער שול איז געווען אויסגעפלאַסטערט מיט טראָטואַר־שטיינער, און דערלעבן זענען געווען איינגעברוקירט צוויי גרויסע רונדע שטיינער, אויף וועלכע ס׳פלעגן שטיין חתן כלה בעת דער חופּה.

ביזן סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז די שול געוואָרן באַלויכטן מיט נאַפט־לאָמפּן און ליכט אין די גרויסע מעשענע לייכטער, וואָס זענען געהאָנגען אויפן סופיט, און קלענערע וואָס זענען געהאָנגען אויף די ווענט איבער די בענק. נאָך דער מלחמה האָט מען אַריינגעפירט עלעקטרישע ליכט.

אין שול האָט זיך געפונען אַ גאָר אַלטער האַנט־געשריבענער פּאַרמעט־סידור, פּאָליאָ פאָרמאַט, וועלכער איז אין פאַרשיידענע ערטער באַפּוצט געווען מיט פאַרביקע האַנט־צייכענונגען. ס׳זענען דאָרט געווען זייער שיינע פּרוכתן, וואָס זענען געווען קינסטלעך אויסגענייט. צום מערסטן האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין קינסטלערישער אויספאַרטיקונג דער פּרוכת, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר די ימים־נוראים, מיט זיינע אויסגעשלאָגענע זילבער־אותיות פון די פּסוקים: „תקעו בחודש שופר״ און „כי ביום הזה״. אין די עשרת־ימי־תשובה איז געהאָנגען דער פּרוכת מיטן אויסגעהאָפטענעם פּסוק: „זכרנו לחיים״. אין די שבתים פלעגט הענגען דער פּרוכת מיטן פּסוק: „ושמרו בני ישראל את השבת״.

אין די דרייסיקער יאָרן האָט מען אין דער שול געפונען אַן אַלט ספרל, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ פּנקס פון



בית הכנסת ובית־המדרש

די שול און דער בית־המדרש

The Synagogue and the Beith Hamidrash

דער חברה „נר תמיד״, וואָס האָט עקסיסטירט אַמאָל אין ביאַלע.


עטלעכע יאָר פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה איז די שול רעמאָנטירט געוואָרן און זי איז געמאָלן געוואָרן דורך דעם באַקאַנטן מעזריטשער שול־מאָלער הערש ליבער פאַדאָליאַק.

דריי מנינים פלעגן דאַווענען אין שול: די השכמה, דעם חזנס מנין און משה קאָוועס מנין.

גבאים אין שול זענען געווען: משה פייקעס, גאָדל ביניק

צוגאָב־פּרטים:

משמעות, אַז דאָס איז נישט געווען די ערשטע שול אין ביאַלע, ווייל מ׳פלעגט אין שטאָט הערן אָנרופן אַ צווייטן אָרט מיטן נאָמען „אַלטער שול־הויף״. דאָס איז דער פּלאַץ, אויף וועלכן ס׳זענען געשטאַנען די הייזער פון משה חיים און טריינעלע, ביז גאָדל ביניק דעם סטאָליער, אויף דער פּראָס־טער גאַס, איינגעשלאָסן די הייזער פון הינך און אלתר קאָ־וואַל (יאַרניצקי), אַריינגאַנג פון דער גראַבאַנאָווער גאַס.



שטר קניה של מקום בבית־הכנסת, בכתב־ידו של הרב ש. ל. ז״ק ז״ל

אַ שטר־קניה אויף אַ שטאָט אין שול, מיט דער האַנטשריפט פון הרב ש. ל. ז״ק ז״ל

Contract of purchase of a place in the Synagogue, written by Rabbi S. L. Zack

(מילבוים), יאָסל וועטשיק א״אַ. שמש איז געווען יאַנקל דוד פעטערבורג. נאָך זיין טויט איז מער קיין שמש נישט געווען.

חזנים: מעכל פון רוסלאַנד, יהושעלע און אַ ליטווישער ייד ר׳ משה יהודה הכהן, וואָס איז געווען חזן ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, בערך 15 יאָר. דער לעצטער חזן איז באַקאַנט געווען אין שטאָט ווי אַ שטאַרק פרומער און איז מיט איבערגעגעבנקייט טעטיק געווען לטובת דער נאָוואראַד־קער ישיבה אין ביאַלע.

צווישן די פאַרשיידענע בעלי־תפילה אין שול, זענען געווען: שימעלע קריידשטיין און בנימין קליגער.

די שול איז צענומען געוואָרן דורך די דייטשן.

דעם ערשטן מנין האָט מען גערופן „די השכמה״. שבת פאַרטאָג פלעגן דאַווענען די טרעגערס און בעלי־עגלות, וואָס זענען געווינט געווען אויפצושטיין פרי. דער בעל־קורא ביי זיי איז געווען דער הינקעדיקער מיידלשער מלמד, שאָלקעלע פייגנביים. גבאי איז דאָרט געווען אביגדור ריכטער (צונאָמען טאָטו).

דער צווייטער מנין איז געווען דעם חזנס, ביי וועלכן ס׳האָבן געדאַוונט אָנגעזעענע ביאַלער, ווי: אַדוואָקאַט האַרט־גלאַס, אידל שוואַרץ, ישראל כהן א״אַ.

משה קאָוועס מנין איז געווען דער דריטער אין דער ריי. די מתפללים זענען בעיקר באַשטאַנען פון בעלי־מלאכות,

אָפּשטאַמיקע פון חסידים, וואָס זענען געווינט געווען צו דאַ־ווענען נוסח ספרד. בעלי־תפילה זענען דאָרט געווען: ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה — מענדעלע מלמד, שפּעטער ישעיהו אליעזר (שיי לייזער) דער שרייבער.

ביזן אויפבוי פון „זאַפּאַסנעס" בית־המדרש, פלעגן אין פּאַליש דאַווענען בעיקר דראָזשקאַרזשעס און אויסגעדינטע סאָלדאַטן. זייער בעל־תפילה איז געווען נתן (נאָטע) קאַץ. בעל־קורא — הינך זישע קאָוואַלס (יאַרניצקי).

איידער מ׳האָט אויפגעבויט די גערער און ראַדזינער חסי־דים־שטיבלעך, האָבן די חסידים געדאַוונט אין עזרת־נשים, אין דער לינקער זייט שול. ווען די חסידים האָבן זיך אַרויס־געצויגן, האָט אויפן ערשטן שטאָק דאָרט געדאַוונט אַ מנין, וועלכן מ׳האָט גערופן דער „שניידערישער מנין". ביי דעם מנין האָבן אויך געדאַוונט די שינדלמאַכערס. די אָנגעזעענסטע מתפּללים דאָרט זענען געווען: ר׳ יאָסל קוליאַטש (צונאָמען) און ר׳ דוד ברוך דער „פּראָשעניע"־שרייבער. דער לעצטער איז געווען זייער בעל־תפילה. דער בעל־קורא איז געווען ר׳ משה גבריאל ראָזנשטיין.

אויפן צווייטן שטאָק אין עזרת־נשים האָט געדאַוונט דער „שוסטער־מנין". די מתפּללים פון דעם מנין האָבן זיך גע־האַלטן פאַר מיוחסים, ווייל נישט נאָר אַ גוטן בעל־תפילה האָבן זיי געהאַט — יואל קיגל (שטראָמוואַסער), נאָר אויך אַ גוטן כאָר. זייער בעל־קורא איז געווען בן־ציון דער מלמד.

פ. גאָלד (ניו־יאָרק)

דער בית־המדרש

דער בית־המדרש איז געבויט געוואָרן אין יאָר 1892/3 אויפן אָרט פון קלענערן געמויערטן בית־המדרש, וואָס האָט געהאַלטן ביים איינפאַלן און איז דעריבער צענומען געוואָרן.

די איניציאַטאָרן פון בויען דעם נייעם בית־המדרש זענען געווען מאָטל שענקער און יצחק אייזיק שחור (דער פאָטער פון דער פרוי טילע בערלין). דאָס געלט איז צונויפגעזאַמלט געוואָרן צווישן דער באַפעלקערונג אין דער פאָרעם פון תרומות.

די מוליערײַ־אַרבעט האָט אויסגעפירט ישראל וויינבערג און די סטאָליערײַ־אַרבעט איז געמאַכט געוואָרן דורך שמואל שמאַי זימלס (פרידמאַן).

דער בנין איז געווען פון ציגל און דער דאַך געדעקט מיט בלעך.

דער עזרת־נשים האָט זיך געפונען אין דער מערב־זייט פון בית־המדרש, מיט צוויי אַריינגענג אין אָט דער זייט. אויך דאָ זענען די פענצטער, וואָס זענען אַריינגעגאַנגען פון עזרת־נשים אין בית־המדרש, געווען געדיכט פאַרגראַטעוועט.

דורך די צוויי גרויסע טירן אין דרום־און צפון־זייט פלעגט מען אַריינקומען אין די פּרוזדורים פון בית־המדרש, און נאָכן אַרויפגיין אויף עטלעכע טרעפּ איז מען אַריינגעקומען אין בית־המדרש. ביים דרום־אַריינגאַנג האָט זיך געפונען די האַנטפאַס מיט וואַסער צו וואַשן די הענט, און דערלעבן אַ הויכער בלעכערנער אויוון. דער צווייטער ענלעכער אויוון — ביים אַריינקום אין דער צפון־זייט, און דערלעבן איז גע־שטאַנען אַ שאַנק מיט ספרים. אינמיטן דער מזרח־וואַנט האָט זיך געפונען דער ארון־קודש, צו וועלכן מען פלעגט אַרויפ־גיין אויף עטלעכע טרעפּ, און אין דער רעכטער זייט ביים אַרויפגאַנג איז געשטאַנען דער עמוד. ביים ארון־קודש רעכטס איז געווען דעם רבס אָרט. אינמיטן בית־המדרש איז געווען די בימה, אויף וועלכער מען פלעגט אַרויפשטייגן פון דרום־און צפון־זייט. לעבן דער בימה זענען געשטאַנען 4 הילצערנע עמודים, וואָס האָבן געגרייכט ביזן הויכן סופיט. דער בית־המדרש איז געווען אַ ליכטיקער, ווייל אין דריי ווענט זענען געווען גרויסע פענצטער.

דער גאַנצער בית־המדרש איז געווען אויסגעשטעלט מיט טישן און בענק. אויף אַ טיש ביי דער מערב־וואַנט פלעגן די מוכרי־ספרים (אויך פרעמדע) האַלטן און פאַרקויפן זייערע ספרים און תשמישי־קדושה.

דער בית־המדרש האָט געקאָנט אַריינעמען בערך 500 מתפּללים. אין יאָר 1918 האָט מען אַריינגעפירט עלעקטרישע ליכט. ביז דעמאָלט איז דער בית־המדרש באַלויכטן געוואָרן מיט נאַפט־לאָמפּן.

עטלעכע יאָר פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט די קהילה דורכגעפירט אַ גרויסן רעמאָנט אין בית־המדרש. די בלעכערנע אויוונס זענען באַזייטיקט געוואָרן און אויף זייער אָרט האָט מען אויפגעשטעלט ווייסע קאַכלנע אויוונס. דער סופיט און די ווענט זענען באַדעקט געוואָרן מיט מאַלערייען פון די שטאָטישע מאַלערס: אברהם לעמבערגער, חיים יוסף קניזשניק און די ברידער ראזנקער.

אַ גרויסע צאָל מנינים האָט געדאַוונט אין בית־המדרש פון פריען מאָרגן. מ׳האָט געקאָנט אָנטרעפן אויף איינצלנע, וואָס זענען געזעסן איבער אַ גמרא און געלערנט. מיטן עולם האָט דאָרט געלערנט אין די אָוונטן צווישן אַנדערע: גאָלד־פאַרב (וועלוועלע ?) (דער פאָטער פון דערמאָנטן דוד קרר־סעס) און דער מלמד בנימין הערש איידלמאַן.

יעדן שבת־פאַרנאַכט פלעגט מען זאָגן תהילים בציבור. די תהילים־זאָגערס אין דער לעצטער תקופה זענען געווען די שניידערס: פּסח סקאַס (צונאָמען) און שיימע בעקערמאַן (פון די סאַניעס).

צווישן די בעלי־תפילה וואָס האָבן דאָרט געדאַוונט זענען געווען: ר׳ מאַנעס, אייזשע ליבמאַן, זושע ראָזען, יואל גרינ־גלאַס און חיים שייע (ישעיהו).

ביים מנין ביי וועלכן ס׳האָט געדאַוונט דער רב איז בעל־קורא געווען דער גערער חסיד זלמן ז״ק, וואָס פלעגט ספּע־ציעל קומען אין בית־המדרש פון גערער שטיבל.

גבאים אין בית־המדרש זענען געווען: משה טוביה סטאָ־ליער, איטשקע קאָוואַל, יוסף נאָטאַנזאָן, מיכאל אייזנשטאָט, זילע (עוזיאל) סטאָליער (פייגנבוים) א״אַ.

שמשים: שלום, יאַנקל, אברהם תבל, אברהמעלע, נח, יואל גרינגלאַס און חיים שייע (ישעיהו).

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך אין עזרת־נשים, אין פאַרטער, געפונען די ישיבה.

בעת דער נאַצי־אָקופּאַציע איז דער בית־המדרש פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ היים פאַר די אָנגעפירטע פּליטים. אין

די פראַסטיקע ווינטערס האָבן די פליטים אַלץ פאַרברענט וואָס איז געווען פון האָלץ, אַפילו די הילצערנע פאָדלאָגע איז געוואָרן אַרויסגעריסן.

דער בית־המדרש האָט אין יאָר 1943 געטיילט דעם זעלבן גורל וואָס די שול, ער איז צענומען געוואָרן דורך די דייטשן.

צוגאָב־פּרטים:

ביים ערשטן מנין האָבן געדאַוונט מתנגדים, בעיקר בעלי־מלאכות, פון וועלכע אַ גרויסער טייל האָט, אָן שום באַלוינונג, בייגעשטייערט פאַרשיידענע אַרבעטן צום בוי פון בית־המדרש.

ביי דער מזרח־וואַנט זענען געזעסן: וועלוועלע וואַסער־מאַן, דער „אַרכיטעקט" און עיקר־פּלאַנירער פון בית־המדרש; לעבן אים שלמהלע סטאָליער און זיין זון מנחם לייבעלע; די ברידער שואלקע און איטשקע איידלשטיין (קאָוואַלעס); משה טאָקער א"אַ. אויף דער מזרח־וואַנט איז אויך געווען דאָס אָרט פון דער משפחה גאמפּל, ווייל לייביש גאַמפּל איז געווען גבאי און פאַרוואַלטער ביים אויפשטעלן דעם בית־המדרש, און פון משה באַטשקאָ, וואָס איז געווען פון די גרויסע געלט־ביישטייערערס.

דער צווייטער מנין איז געווען אַ חסידישער און די אָנגעזעענסטע מתפּללים זענען געווען: ר' זלמן, דעם פריערדיקן רבס זון, אַ ברודער פון ר' אברהמעלע סאָכאַטשעווער און ר' חייקל ליכטציער. ס'האָבן דאָרט אויך געדאַוונט חסידים, וועלכע מ'האָט גערופן די „טויטע" (בראַסלאַווער).

פּ. גאָלד (ניו־יאָרק)

דער זאַפּאַסנער בית־המדרש

אין צפון־זייט פון שול־הויף איז געשטאַנען דער „זאַפּאַסנער" בית־המדרש. גערופן האָט מען אים „זאַפּאַסנער", ווייל ער איז געבויט געוואָרן דורך די יידישע רעזערוויסטן פון דער רוסישער אַרמיי לזכר זייער ניצול ווערן פון אָנטיילצונעמען אין דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה.

דעם בית־המדרש האָט מען געבויט נאָך דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה. די איניציאַטאָרן פון בויען זענען געווען שמערל פּעפּ (צונאָמען) און הינך קאָוואַל (יאַרניצקי). דאָס געלט צום בויען איז אויפגעזאַמלט געוואָרן צווישן די רעזערוויסטן אין ביאַלע. דעם בית־המדרש האָבן אויפגעבויט די בעלי־מלאכות פון צווישן די רעזערוויסטן. אלתר וויינבערג פלעגט זיי געבן די אָנווייזונגען ביי די מולער־אַרבעטן.

ביים גראָבן דעם פונדאַמענט פון בית־המדרש האָט מען זיך אָנגעשטויסן אויף מענטשלעכע שאַרבנס.

דורך דער אַריינגאַנגס־טיר אין דער דרום־זייט איז מען גלייך אַריינגעקומען אין בית־המדרש, ווו די פּאָדלאָגע איז געווען עטוואָס נידעריקער פון דער טיר־שוועל. אינעווייניק האָט זיך אין דער מערב־וואַנט געפונען אַ טיר, וואָס האָט געפירט אין אַ קליינעם חדר.

ביי דער מזרח־וואַנט איז געשטאַנען אַן הילצערנער ארון־קודש און עמוד. אינמיטן גרויסן חדר איז געשטאַנען דער שולחן צום לייענען אין דער ספר־תורה. אַרום די ווענט זענען געשטאַנען טישן מיט בענק.

איבערן ארון־קודש האָט זיך געפונען דער „נר־תמיד" מיטן אויפשריפט: „זאת נדב מאיר בר' יהודה לייב גולדהאַ־מער" (עלטסטער זון פון לייבעלע שמש. — לויט פייוול גאָלד, צפון־אַמעריקע).

איבערן בית־המדרש האָט זיך געפונען די עזרת־נשים אין דער פאָרעם פון אַ „ד", וואָס איז געווען פאַרמאַכט מיט הילצערנע שטאַכעטן, וואָס האָבן געהאַט די הייך פון אַן אַנדער־האַלבן מעטר. די אַרויפגאַנג־טרעפּ פון עזרת־נשים האָבן זיך געפונען אין דער מערב־זייט פון בית־המדרש. ביים אַרויפגאַנג צום עזרת־נשים האָט זיך געפונען אַ קליינע דירה.

גבאי איז דאָרט, כמעט אַלע יאָרן, געווען דער קאָוואַל יעקב וועלוול הערשבערג.

אין די לעצטע יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט אַ מלמד דאָרט געפירט זיין חדר.

אויך דאָ האָבן זיך בעת דער מלחמה איינגעאָרדנט פליטים, און אויך דאָ איז אַלץ פאַרשוווּנדן וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיט האָלץ.

אויך דער זאַפּאַסנער בית־המדרש איז פאַרשוווּנדן אויפן באַפעל פון די דייטשן, און אַזוי אַרום איז אויפן שול־הויף נישט געבליבן דער מינדסטער צייכן פון יידישקייט.

דער וואָליער בית־המדרש

מ'פלעגט שמועסן, אַז דער וואָליער יידישער ישוב איז עלטער פון יידישן ישוב אין שטאָט.

דער בית־המדרש האָט זיך געפונען, גייענדיק פון דער שטאָט, נאָכן טייך, אין דער לינקער זייט, ווייט פון וועג, כמעט אויף די לאָנקעס. געבויט איז ער געווען ווי אַ חסידים־שטיבל: אָן אַ באַלעמער אין צענטער און אָן אַ געמויערטן אָדער געבויטן ארון־קודש. אינמיטן זענען געשטאַנען פיר זיילן (קלעצער). ער האָט אָבער געהאַט אַן עזרת־נשים.

דער בנין איז געווען אַ נידעריקער, שטייענדיק אויף אַ פייכטן באָדן, פלעגט די „פּאָדוואַלינע" (יסוד) אָפט פוילן און מ'האָט זי געמוזט טוישן.

געדאַוונט האָבן דאָרט צוויי מנינים: דער ערשטער אַ מתנגדישער און דער צווייטער — אַ חסידישער (אַלערליי חסידים).

מ. י. פייגנבוים

חסידים־און מתנגדים־שטיבלעך*

קאצקער שטיבל

די קאַצקער זענען געווען די ערשטע חסידים אין ביאַלע, במילא איז זייער שטיבל אין דעם באָד־געסל, געווען פון די עלטסטע. איך מיין, אַז ס'האָט שוין עקסיסטירט אין דער ערשטער העלפט פון פאַריקן יאָרהונדערט.

קאָצק איז געווען דער נאָענטסטער רביישער הויף צו ביאַלע. די אָנגעזעענסטע און ערשטע פאָרערס פון ביאַלע זענען געווען: ר' הערצל כהן (ר' שואלקעס און ר' ישראל מאירס פאָטער), ר' אייזיק שחור־טשאַרני, ווי אויך מיין עלטער־זיידע ר' יעקב אליעזר פישטשאַצער.

דאָס חסידים־שטיבל איז געווען אַ טראַדיציאָנעל גרויסער בית־המדרש, אין צענטער 4 זיילן, אין מזרח דער ארון־קודש און אינמיטן דער שולחן. רעכטס האָט זיך געפונען אַ חדר פול מיט ספרים.

די קאַצקער חסידים האָבן זיך עטלעכע מאָל געשפּאָלטן. די לעצטע שפּאַלטונג איז פאָרגעקומען אויף סאָקאָלאָווער און פילעווער חסידים. דאָס שטיבל איז געבליבן ביי די סאָקאָלאָווער.

די אָנגעזעענסטע חסידים דאָרט זענען געווען: ר' ברוך סענדערס מיט זיין זון ר' דוד (קליגבערג), ר' שמואלקע פּיזשיץ, די סמאָליאַרניקעס, די לומדים: הערש חיים מלמד (פון די פייעס, עלטער־זיידע פון עליע(אליהו) מאַרקס, ניו־יאָרק) ,דער מלמד בנימין הערש, ר' יעקב גאָלדהאַמער (מיין פאָטערס ברודער, גערופן: יאנקל פון די בובקעלאַך; שיינע חיהס), דער מלמד ר' דוד לייבעלע (איידעם פון שלום קצב).

* בעיקר ווערט דאָ דערציילט וועגן דער תקופה פון ביז דער דער ערשטער וועלט־מלחמה.

גערער שטיבל

דאָס שטיבל האָט זיך געפונען אויף דער פּאָטשטאָווער גאַס, אַרומגעצוימט מיט אַ הויכן פּאַרקאַן. אַ גרויסער הויף מיט הויכע ביימער. מ'פלעגט אַרויפגיין אויף עטלעכע טרעפּלעך און אַריינקומען אין פּאָדערהויז. אין דער רעכטער זייט איז געווען דער אַריינגאַנג אין שטיבל, און אין דער לינקער זייט — אין דער דירה פון שמש. דאָס שטיבל איז געווען גרויס און ליכטיק. ביי דער מזרח־וואַנט האָט זיך געפונען דער אַריינגאַנג אין אַ קלענערן חדר, וווּ עס האָבן זיך געפונען פּאָליצעס מיט ספרים.

ביי דער מזרח־וואַנט, לינקס פון ארון־קודש זענען געזעסן גאָר געהויבענע מיוחסים: ר' ישראל מאיר (אַ יונגערער ברודער פון ר' שואלקען און איידעם פון ערשטן גערער רבין ר' איטשע מאיר), הויפּט בעל־קורא אין שטיבל; ר' יאָסל יונעווער (פאָטער פון דינה יונעווער), אויף דער עלטער אָוועק קיין ארץ־ישראל; ר' לייבל דיין (ז"ק), ר' לייזער (אליעזר) מינץ (פון „וואַרשאַווסקי מאַגאַזין") און לייבעלע דוד ר' אייזיקס.

אַ חוץ די דערמאָנטע מיוחסים, פלעגן אין גערער שטיבל נאָך דאַווענען די מיוחסדיקע משפחות פון: ר' אליהו מינץ, ר' בונים לייבעלע, ר' שמעלקעס קינדער (שמעלקע און יעקב קאַהאַנס זיידע, אַן איידעם פון ר' אייזיק שחור. אַז מ'פלעגט וועלן אין ביאַלע איינעם אַריינזאָגן, פלעגט מען אים אַ פרעג טאָן: „וואָס ביסטו, אַ ר' שמעלקע?"), ר' דוד צבי (דער זיידע פון די אָרלאַנסקעס) א"אַ.

ביים טיש פון דרום צו מערב־זייט צו איז געשטאַנען ר' שואלקע (ר' הערצלס עלטסטער זון, פאַררעכנט פאַרן רייכסטן ייד אין ביאַלע), וואָס האָט זיך געפירט באַשיידן און



בית החסידים של גור
(חורף 1944/5)

דאָס גערער שטיבל
ווינטער 1944/5

Prayer house of Gerer Hasidim (winter 1944/5)

געזעסן צוזאַמען מיט עמך. ביי דעם טיש איז געזעסן ירמיהו בעדנער (אויך בעדער) מיט זיין פאַמיליע.

שבת האָט מען געדאַוונט דריי מאָל. דאָס ערשטע דאַווענען האָט מען גערופן „ר׳ יאָסעלעס דאַוונען״. ר׳ יאָסעלע איז געווען דעם „שפת אמת״ס אַ ברודער און שוואָגער פון ר׳ נח שחור. ער איז געשטאַנען אויבן אָן ביים גרויסן געדרוקטן „הודו״. לעבן אים: ר׳ מענדל בוכנער (ר׳ נחס יינגסטער איידעם), די פאַמיליעס פון ר׳ משה און זישע כהן, ר׳ יחיאל הערש און אַנדערע „פני״. ר׳ יאָסעלע האָט געטראָגן די גרעסטע זילבערנע עטרה און געווען אַ שטילער און באַשיידענער מענטש. זיין תקיפות האָט ער אַרויסגעוויזן שמחת־תורה, ווען מ׳האָט אים מכבד געווען מיטן „אתה הראית״. אין דעם שטילן יאָסעלען איז דעמאָלט אַריין אַ נשמה יתירה, מיט האָפּערדיקייט, שטאָלץ און צופרידנקייט. די לעצטע צוויי פסוקים פון „אתה הראית״ זענען ביי אים אַרויסגעקומען מיט אַ געוואַלדיקער התלהבות (זיין פרוי, חנהלע, פלעגט אַ גאַנץ יאָר קלויבן קיילעכדיקע גלאַטע שטיינער צו כשרן ערב־פסח די כלים. מיין מאַמען פלעגט זי בעטן, בעתן באַקן ביי אונדז די מצות, אַז זי זאָל זאָגן די וועלגערינס, אַז זיי זאָלן אויף איר רחמנות האָבן און זאָגן „לשם מצות מצוה״).

דאָס צווייטע דאַוונען האָט מען גערופן משה לאצעס, אָדער משה דעם גרויסנס. ר׳ משה דער גרויסער איז געווען ר׳ נח שחורס עלטסטער איידעם, און געווען פאַררעכנט פאַר איינעם פון די גרויסע לומדים אין שטאָט. ער איז געווען דער הויפט־אַמבאַסאַדאָר פון גערער רבין און גערער הויף אין ביאַלע.

בעלי־תפילה ביי דעם דאַוונען זענען געווען: ר׳ יוסף לובלינער (דער איינציקער וואָס האָט געלערנט תלמוד ירושלמי) און ר׳ לייבעלע שחור; בעל־קורא — ר׳ זלמן ז״ק.

דאָס דריטע דאַוונען האָט מען גערופן ר׳ מאירל קאַלושינערס. דאָ פלעגט מען דאַוונען פון צוויי ביז דריי אַזייגער. ביי די מתפללים איז דער עיקר געווען דאָס לערנען.

ר׳ מאירל קאַלושינער איז געווען פאַררעכנט פאַר אַ גרויסן און שאַרפן למדן (זיין ערשטע פרוי איז געווען ר׳ ישראל מאירס אַ טאָכטער).

בעלי־תפילה ביי דעם דאַוונען זענען געווען: ר׳ הערשל אורטשעלעס און ר׳ מאָטל מינץ; בעל־קורא — ר׳ מאיר קאָרמאַן.

עליות פלעגן פאַרקויפט ווערן, מיטן אויסנאַם פאַר עטלעכע מיוחסים, ווי אויך פאַר אַ חתן, בר־מצווה און פאַרן פאָטער פון חתן, אָדער בר־מצווה. שבת־מברכין, ראש־חודש, נאָך מער אין די יום־טובים, און בעיקר אין די ימים־נוראים, פלעגן שטייגן די פרייזן פון די עליות. דעם העכסטן פרייז (מינימום 25 רובל) פלעגט אַריינברענגען „אתה הראית״ (מאָטל מינץ). חתן־בראשית פלעגט קויפן ישראל כהן. געווען אויך אַ יערלעכער אָפּצאָל, דער גרעסטער — 12 רובל, מינימום — אַ רובל. איינמאָנען דעם אָפּצאָל פלעגט מען דורך כאַפּן שבת, נאָכן דאַוונען, די טליתים פון די מתפללים.

אין גערער שטיבל, אַזוי ווי אין אַלע אַנדערע חסידים־שטיבלעך, זענען געזעסן יונגעלייט און געלערנט. די צוויי אָנגעזעענע לומדישע חסידים: ר׳ יוסף רפאל (ר׳ ישראל מאירס עלטסטער איידעם — גבאי ראשון פון דער עלטסטער צייט, וואָס איך געדענק; דריי פון זיינע פיר זין, זענען געווען רבנים אין שטעטלעך) און ר׳ שמעון אהרעלעס (אַ שוואָגער פון ר׳ לייבל דיין, דער פאָטער פון אהרן און יעקב געלבלום) פלעגן אָפט כאַפּן אַ קוק צו די יונגע לערנערס און זיי אַרויסהעלפן.

ראדזינער שטיבל

ווי באַוווּסט פלעגן די ראַדזינער חסידים טראָגן אין די ציצית אַ תכלת־פאָדעם, צוליב וואָס ס׳איז אַנטשטאַנען צווישן זיי און אַנדערע חסידים אַ גרויסע מחלוקה, און מ׳פלעגט זיי שטאַרק רודפן; נישט צוגעלאָזט זיי צום עמוד און נישט געלאָזט זיי עולה־לתורה זיין. זיי זענען דעריבער געווען גרויסע עקשנים (אין ביאַלע פלעגט מען אָן עקשן אַ פרעג טאָן: — ווער ביסטו? ר׳ שבתיס אַן אייניקל? — געמיינט ר׳ שבתי פינקלשטיין).

ר׳ שבתי פינקלשטיין איז געווען אַן איידעם פון דער באַרימטער משפחה שחור, און ער איז דאָס געווען דער איניציאַטאָר פון אויפבויען אין ביאַלע דאָס ראַדזינער שטיבל, אַ גענוג גרויס בית־תפילה אין דער וואָנסקער גאַס, געמויערט פון ציגל.

זיינע מיטהעלפערס, סיי מיט געלט און סיי מיט פאַכקענטעניש, זענען געווען: די גאָלדרייך־משפחה, ר׳ חיים פסח פון ווייַן־געשעפט און ר׳ צמח שענקער (טוכמינץ). דאָס זענען געווען חסידים ממש ביזן ביין.

שפּעטערע יאָרן איז דאָרט דער עיקר־מיוחס געווען ר׳ יחזקאל ערליך, איינער פון די לומדים אין שטאָט. פאַר מיוחסים זענען דאָרט אויך פאַררעכנט געווען: ר׳ קלמן שיינבערג (פון ר׳ שבתיס און ר׳ אורעלעס משפחה) און ר׳ זישע גאָלדרייך.

אָנגעזעענע מתפללים זענען דאָרט צווישן אַנדערע געווען: ר׳ אריה טאָבאַטשניק, אַ שיינער ייד און האַרציקער בעל־תפילה, ר׳ יהודה יעקב און דער „טאַרגאָווניק״ (צונאָמען — פאָטער פון יואל איצל שניידער, ניו־יאָרק).

פארצעווער שטיבל

די פאַרצעווער חסידים האָבן, נאָך אַ סך וואַנדערונגען איבער פאַרשיידענע דירות, אויסגעקליבן פאַר אַ מקום־תפילה אַ דירה אין הויז פון די ברידער איטשקע און שואלקע איידלשטיין (קאָוואַלעס), וואָס האָט זיך געפונען לעבן ראַדזינער און מתנגדים־שטיבלעך.

צו די אָנגעזעענסטע חסידים האָבן דאָרט געהערט ר׳ לייבע באָרנשטיין (מעדניק) און זיין איידעם ר׳ חיים ראַמעס.

זייערע בעלי־תפילה זענען געווען: ר׳ נתן ראַמעס (זון פון ר׳ חיים) און דער מלמד ר׳ אהרן יחיאל וויינבערג.

לאמאזער שטיבל

די לאָמאַזער חסידים האָבן נישט געהאַט קיין אייגן שטיבל. פאַר דער ווייַנעס־שריפה האָט זיך זייער שטיבל גע־

פונען אויף דער פּראָסטער גאַס, עק קשיוועד, קעגנאיבער ר׳ אהרן לאַנדויס הויף. נאָך דער שריפה, אין אָנהייב ביי בערל קאַזעס (לאָמאַזער חסיד), שפּעטער — אין צופעליקע דירות שוין בלויז פאַר שבת און יום־טובים. זייער לעצטער מקום־תפילה איז געווען ביי דער באַקאַנטער לעקעך־בעקע־רין אלטע טריינעלעס, אין דער פּראָסטער גאַס.

פון די עלטערע אָנגעזעענע לאָמאַזער חסידים איז געווען: ר׳ וועלוול לוטוואַק (מאַן פון דער באַקאַנטער בעלת הכנסת־אורחים — טריינעלע, פאָטער פון די שוועסטערס: שפרה און אַלטע), די לומדים ר׳ פלטיאל אָפּנהיים (זון פון ר׳ ישעיהו פון זייף — געהאַט אַ הורטאָווע שפּייז־קראָם) און דער מלמד ר׳ מנחם רובינשטיין (מאַן פון אַלטע טריינעלעס, און פאָטער פון הרב שמואל יעקב רובינשטיין אין פּאַריז, מחבר פון ספר „שארית מנחם", וואָס איז דערשינען אין 3 בענדער אין פּאַריז, אין יאָר תשי״ד).

דאָס לאָמאַזער שטיבל האָט אַרויסגעגעבן דריי כאַראַק־טעריסטישע געשטאַלטן: ר׳ ברוך יעקב בראַדאַטש (גרשון חיים קובעלעס זון, ברודער פון חיים בראַדאַטש, — ניו־יאָרק), אַן אייגנאַרטיקער גיכער בעל־קורא, וואָס פלעגט שבת באַווייזן צו לייענען די פרשה ביי עטלעכע מנינים אין שטאָט; יוסף מאַרכביין (פון די פּאַטאַצס — צונאָמען), גרינדער און פירער פון דער ס״ס (סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן) אין ביאַלע; חנינאלע קלינג, איינער פון די פירער פון „בונד" אין ביאַלע אין זיין גלאַנץ־פּעריאָד.

פילעווער שטיבל

די פילעווער (פולאווי) חסידים האָבן געהאַט זייער שטיבל אין הויז פון משה טוביה, אין דער פּראָסטער גאַס. פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן זיי געמוזט פאַרלאָזן דאָס שטיבל, און זיי פלעגן אין די שבתים און יום־טובים דאַווע־נען אין תלמוד־תורה.

מעזריטשער שטיבל

אויך די מעזריטשער חסידים האָבן אַרומגעוואָנדערט פון דירה צו דירה, ביז זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין הויז פון משה יצחק סטאָליער, פּראָסטע גאַס 29.

די אָנגעזעענסטע חסידים זענען דאָרט געווען: ר׳ בעריש אורבאַך (פון וויינעס) און דער חזן ר׳ אייזשע ליבמאַן.

אלעקסאנדער שטיבל

דאָס שטיבל האָט זיך געפונען ביי ר׳ אהרן לאַנדוי אין הויף, און שפּעטער ביי מאיר קאַרמאַן אין הויז.

פון די אָנגעזעענסטע מתפללים דאָרט זענען, אַ חוץ ר׳ אהרן לאַנדוי, געווען: ר׳ וואָלוויש גאָלדשטיין, (איידעם פון ש. פיזשיץ), די גאַמפּל־משפחה, דער מורה־הוראה ר׳ משה אוטשען, ר׳ חיים ליבערמאַן (פון די קאַזעס — צונאָמען) און ר׳ אהרן זילבערבערג (שקאָפּ — צונאָמען).

לובלינער שטיבל

זייער מקום־תפילה האָט זיך געפונען ביי פייוועלע מלמד אין דער גראַבאַנאָווער גאַס, אָבער נאָר ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה.

דאמאטשעווער שטיבל

זיי האָבן געהאַט זייער שטיבל אין הויף פון חיים יאַסקע קאַשטנבוים. פון דעם שטיבל האָבן ווייניק מענטשן געוווּסט, אָבער ס׳האָט עקסיסטירט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה.

שעדלעצער שטיבל

עטלעכע יאָר פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה איז גע־שאַפן געוואָרן אַזאַ שטיבל, וואָס האָט זיך געפונען אין וויינעס. זייער בעל־תפילה איז געווען יחיאל אורבאַך (אַ זון פון בערישן).

מתנגדים־שטיבל

דאָס שטיבל האָט זיך געפונען אין דער וואָנסקער גאַס. געווען געבויט ווי אַ בית־המדרש, מיט אַ גרויסן באַלעמער פאַרן שולחן און אַ קלענערן — פאַרן ארון־קודש. אויך אַן עזרת־נשים האָט זיך דאָ געפונען.

די בויערס פון מתנגדים־שטיבל זענען געווען פאַרעק־שנטע מתנגדישע לומדים און פרומע בעלי־מלאכות. די גאַנצע אויסשטאַטונג אין דער עזרת־נשים האָט געגעבן די באַרימטע פרוי פייגע פרימעס (געהאַט אַ הויז אויף דער וואַרשעווער גאַס און אַ מאַנופאַקטור־געשעפט דאָרט).

צו די אָנגעזעענסטע מתפללים דאָרט האָבן געהערט: ר׳ מענקע דיין, ר׳ נחמן ראַזנקראַנץ, די ברידער יהושע און אליעזר האָפּער (פון די פייעס) און זייער שוואָגער ר׳ משה (זיידע פון גיטל ראָזנבלאַט, ניו־יאָרק).

ווען ר׳ יהושע פייעס איז געשטאָרבן, האָט מען דערציילט, אַז ער האָט אין זיין צוואה אָפּגעשריבן פאַרן שטיבל ספרים אין דער ווערט פון 300 רובל און אויך אַ סומע געלט (געווען אַ בעל־פרנסה, נישט קיין גביר. כאַראַקטעריסטיש, אַז די קינדער פון די אויבן דערמאָנטע יחוסדיקע ר׳ משה, ר׳ יהושע און ר׳ אליעזר פייעס, זענען געווען חסידים).

תרשישער שטיבל

דאָס איז געווען אַן אייגנאַרטיקער חסידישער מנין און זיינע מתפללים האָבן נישט אָנבאַלאַנגט צו קיין שום רבין.

די מתפללים דאָרט זענען לרוב געווען יונגע מענטשן, פון חסידישע פאַמיליעס, אויף וועמען מ׳האָט קרום געקוקט אין די חסידים־שטיבלעך, ווייל זיי האָבן געטראָגן געפּרעסטע קעלנער מיט שניפּסלעך, קורצע פיאות, געפּוצטע שטיוול און בעסער געניייטע מלבושים. אין שפּאַס פלעגט מען זיי רופן „יונה הנביאס חסידים", ווייל די שטיבלעך האָבן זיי אויסגע־שפּיגן (אַרויסגעוואָרפן).

די גרינדערס פון דעם מנין זענען געווען אשר האָפּער (פון די פּייעס), משה לעבנבערג, יאָסקע (יוסף) ווינאַגראַד, אשר פייגנבוים א״אַ.

דער מנין האָט זיך געפונען ביי אשר פייגנבוים (סטאַ־ליער) אין דער בריסקער גאַס. שפּעטער, ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה — ביי לייבע מעדניק אין הויז. אין די ערשטע יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה — ביי אשר האָפּער אין שטוב, אין דער יאַטקע־גאַס. שפּעטער, ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה — צוריק ביי אשר פייגנבוים.

בעלי־תפילה דאָרט זענען געווען: אשר האָפּער (אויך בעל־קורא), בנימין קליגער, משה לעבנבערג ,יעקב גאָלדשטיין, לייבעלע קריידשטיין, יאָסעלע גלעזער (גערופן ראַדזינער), משה ביבערגאַל און שפּיגל (פון לאָדזש, איידעם פון הערש יעקב זשעלאַזני).

חברה־בחורים

געווען אין ביאַלע אַ ווערטל: „אַ בחור מאַכט קידוש איבער שפּענער״. פאַר אַ בחור איז אוממעגלעך געווען צו באַקומען אַן עליה צו דער תורה, ער האָט געדאַרפט וואַרטן ביז דער חופּה. האָבן זיך צוזאַמענגענומען אַ גרופּע בחורים און געשאַפן אַ מנין. דאָס איז געשען ביים סוף פון ניינצטן יאָרהונדערט. די בחורים־מתפללים האָבן שפּעטער חתונה געהאַט, אָבער זייער מנין האָט מען אַלץ גערופן „חברה־בחורים״.

אַ הויכע מדרגה האָט די „חברה־בחורים״ דערגרייכט בעת זייער מנהיג איז געווען, דער אין זיינער צייט באַרימטער, ר׳ משה מרדכי (גערופן דער קעסלערקעס איידעם. — שפּעטער אַוועק קיין צפת, ארץ־ישראל). ער פלעגט מיט די מתפּללים לערנען שבת־בייטאָג, און פאַרנאַכט האָבן זיי געפּראַוועט שלוש־סעודות מיט זמירות. נאָכן אָפּפאָר פון ר׳ משה מרדכי, האָט מיט זיי געלערנט אַ בחור (זיין נאָמען געדענק איך נישט. ער איז געווען אַ שוואָגער פון מאַלער חיים יהושע בלושטיין).

זייער מקום־תפילה איז געווען אין הויז פון די ברידער משה און מאיר זובערמאַן. שפּעטער אין הכנסת־אורחים. צום סוף אין דער ווייבערשער שול לינקס, אויפן צווייטן שטאָק.

זיי האָבן געהאַט צוויי שיינע בעלי־תפילה: הערש בער ניישטיין (אַ שניידער, אויסגעוואַנדערט קיין קאַנאַדע) און יאָסעלע פּלאַט (אַ שוסטער, פון די לאַשיצערס).

פייוול גאָלד (ניו־יאָרק)

בעלי־תפילה / פייוול גאָלד ניו־יאָרק

ביאַלע, די שטאָט וואָס האָט ביי אונדז אַלעמען דערוועקט זיסע דערינערונגען און בענקעניש, עקסיסטירט נישט מער פאַר אונדז און נישטאָ מער דאָרט אַפילו קיין סימן פון קברים.

לאָמיר זיך דערמאָנען אָן די ביאַלער בעלי־תפילה, וועלכע מיר האָבן געקאָנט, ליב געהאַט, פאַרערט, און וועלכע האָבן אונדז נחת און פרייד פאַרשאַפט.

ביאַלער בעלי־תפילה האָבן נישט באַנוצט קיין קאָמערטאָן און קונצן ביים דאַווענען. זיי האָבן גוט און ערלעך פאַרטראַטן די, פאַר וועמען זיי זענען געווען שליחי־ציבור, און געוווּסט צו וועמען זייער געבעט איז געווענדט.

דער אלטער חזן

ווי ער האָט געהייסן ווייס איך נישט. געווען איבער זעכציק יאָר חזן אין ביאַלע, אַלט געווען אפשר הונדערט יאָר. אַליין געדאַווענט זעלטן אַפילו אַ שבת, אָבער צוליב חזקה האָט ביאַלע נישט געקאָנט לאַנג אָנשטעלן אַ נייעם חזן. פון איינצלנע הויכע טענער זיינע אין אַ שבת איז פאַר מיר קלאָר געווען, אַז דער מענטש האָט אין די יינגערע יאָרן באַזעסן אַ זעלטן שיינע באַריטאָן־שטימע.

שימעלע קריידשטיין

דער שענסטער ייד אין דער גרויסער שול. געווען בעל־קורא, בעל־תוקע, בעל־שחרית און בעל־נעילה. שוין געווען אַן עלטערער ייד מיט אַ קליין בערדל, אָן אַ גרויע האָר. געהאַט אַ יוגנטלעכע, שיינע שפּילעוודיקע טענאָר־שטימע. געווען געקליידט ווי אַ חסידישער רבי. ער איז ביי זיין צייט געווען דער איינציקער בעל־תפילה וועמען איך האָב געהערט זאָגן די ווידוי מיט דעם טראַדיציאָנעלן חזנישן ווידוי־ניגון. זיינע אַרויסהעלפערס זענען געווען יאָסל וועטשיק און אַלתר טשעשלער.

אהרן יחיאל מלמד

ביילע חישעס מאַן, אַזוי האָט מען גערופן ר׳ אהרן יחיאל דעם מלמד, וואָס פלעגט דאַווענען ימים־נוראים אין שול, אַזוי לאַנג ווי דער אַלטער חזן האָט אָנגעהאַלטן זיין חזקה. אַ געבוירענער אין פאַרצעווע, געווען אַ ביאַלער חסיד. פאַרן דאַווענען אין ביאַלע פלעגט ער דאַווענען ימים־נוראים אין שטעטלעך אַרום ביאַלע. געהאַט אַ שיינע טענאָר־שטימע, פלעגט אַ סך וויינען ביים דאַווענען. דער הויך־פּונקט איז געווען ביי דער תפילה „אלה אזכרה״, נאָך די צען הרוגי־מלכות, וואָס זענען אין גרויס פּיין אומגעקומען על קידוש־השם פון די רוימישע הענט. זיין האַרצרייסנדיקער געוויין איז געווען אַזוי שטאַרק, פּונקט ווי ער אַליין זאָל דורכלעבן די עינויים.

יהושעלע – דער נייער חזן

יהושעלע אָסטראָווער האָט אין די יונגע יאָרן געלערנט ביים ביאַלער רבין אין בית־המדרש. געווען אַ יידענער מענטש, אַ גרויסער לערנער און אַ שיינער בעל־מנגן. אַ חזן איז ער געוואָרן לויט דער עצה פון ביאַלער רבין. געווען אַ לונגן־קראַנקער, און ווי פרומע יידן האָבן דאָס אויסגעטייטשט, האָט דעם רבינס ברכה אים געהאָלפן נעמען די העכסטע טענער אָן אָנשטרענגונג. פריער איז ער געווען חזן אין עטלעכע אַנדערע שטעט, און ביאַלער יידן זענען געווען שטאָלץ, וואָס זיי האָבן אַזאַ שיינעם ייד פאַר אַ שטאָטישן חזן. ער פלעגט

צוזאַמענשטעלן אַ גרויסן און זעלטן שיינעם כאָר. פֿאַרכשופֿט זענען ביאַלער יידן געווען פֿון זיינע סאָליסטן, ווי: אַלט — פֿריער יאָסעלע סאָלאָוויי (יאָסל זייד), שפּעטער יאַנקל מאָטל קאָוועס; טענאָר — דוד שרה רבקהס (האָכבערג); באַס — שמואל משה אַנטשעליכעס. פֿאַר זיין שענסטער קאָמפּאָזיציע איז ביי מיר פֿאַררעכנט געווען „לא אמות כי אחיה" אין „הלל". די צווייטע „ונתנה תוקף" ביז קדושה. בכלל אַלץ, וואָס ער האָט געזאָגט אָדער געזונגען, אַליין אָדער מיטן כאָר, איז געווען פֿול מיט האַרץ און זיסן געזאַנג. שבת ביי „אב הרח־מים", ביי די ווערטער: „למה יאמרו הגוים איה אלהיהם יודע בגוים לעינינו נקמת דם עבדיך השפוך". — פֿלעגט ער דאָס אויסשרייען מיט אַזאַ פּאַטאָס, אַז ס'האָט זיך געדוכט אַז ער הויבט אויף די שול צום כסא־הכבוד.

מאַנעס

מאַנעס איז געווען דער חזן אין גרויסן בית־המדרש, זייט מ'האָט אים אויפֿגעשטעלט. געווען אַ חסיד פֿון אַלטן לובלינער רבין, דעם חוזה. שוין געווען אַן עלטערער ייד, אַ ניידעריקער מיט אַ שניי־ווייסער באָרד, געהאַט אַ שיינע באַס־שטימע. זייער שיין און אָריגינעל איז געווען זיין ברכת־כוהנים. זיינע אַרויסהעלפֿערס זענען געווען נח שאַמעס און פֿיניע בעקער (קאַטשעמעאַיניקס פֿאָטער).

אייזשע ליבמאַן

שרה חנה מאַריעמס (מרים) מאַן — אַזוי האָט מען גערופֿן דעם ביאַלער חסיד אייזשע ליבמאַן, אַ געבוירענער אין לאָמאַז. שרהלע האָט געפֿירט די ווירטשאַפֿט, געהאַט אַ גרויסע משפּחה און געפֿירט די פּרנסה אין דער שפּייז־קראָם — ביי משהלע יאַנקלס אין דער קאָמעניצע. ער פֿלעגט זיצן אין רבינס בית־המדרש און לערנען. אין געוועלב פֿלעגט ער אַריינקומען צוליב מזל ברכה.

אַז אין ביאַלער בית־המדרש איז פּלוצעם געשטאָרבן דער בעל־שחרית, איז מען געלאָפֿן צום ביאַלער רבין, אַז ער זאָל געבן אַן אַנדער בעל־שחרית.

נאָך מאַנעסעס טויט איז אייזשע געוואָרן בית־המדרש־חזן. אייזשע איז געווען דער ערשטער חזן, וועמען איך האָב געהערט דאָס ערשטע מאָל זאָגן „הנני העני ממעש" מיטן טראַדיציאָנעלן חזנישן ניגון און מיט אַ כאָר, וואָס אַ העלפֿט פֿון אים (פֿיר) — זיינע אייגענע קינדער. געווען אַ שיינער בעל־מנגן, כאָטש טייל האָבן געזאָגט, נישט קיין גאַנץ קלאָרע שטימע. פֿלעגט דאַווענען מיט אַזוי פֿיל האַרץ, און נאָך מער מיט כוח, אַז ס'איז געווען צו באַוואונדערן. זייער שיין און אָריגינעל איז געווען זיין „ראש־חודש"־בענטשן, „הלל"־זאָגן און „אבינו מלכנו".

מאיר פֿייגעלעס

קאָצקער חסידים האָבן ליב געהאַט תיקון. און אַז מ'נעמט אַ ביסל תיקון, גייט מען אַ ריקודל און מ'זינגט אַ זמר. האָבן טאַקע קאָצקער חסידים געשמט איבער פּוילן פֿאַר די בעסטע מנגנים.

מאיר פֿייגעלעס (מיינס אַ קוזין), אַ זון פֿון ר' חיים אורטשעלעס, אַ קאָצקער חסיד, געבוירן אין מאָרד. געווען אַ זיידענער יונגערמאַן און שענסטער בעל־תפֿילה, וואָס קאָצקער חסידים האָבן ווען געהאַט. ר' חיים אורטשעלעס איז געשטאָרבן זייער יונג אין ביאַלע, ווען זיין עלטסטער קינד, מאיר, איז נאָך קיין בר־מצוה נישט געווען. מאיר אָבער האָט שוין געהאַט איינגעזאַפּט אין זיך זיין פֿאָטערס מתיקות אין זינגען, און איז זייער באַליבט געווען ביי די קאָצקער חסידים אין ביאַלע. נאָך דער פּטירה פֿון קאָצקער רבין איז ער איבערגעגאַנגען צו די פּילעווער חסידים (זייער רבי איז געווען דעם קאָצקער רבינס יינגערער זון), וואָס ס'האָבן שטאַרק באַדויערט די סאָקאָלאָווער חסידים (זייער רבי איז געווען דעם קאָצקער רבינס עלטערער זון).

ווען דער בעל־שחרית פֿון ביאַלער בית־המדרש איז פֿאַרשלאָפֿט געוואָרן, האָט דער רב געשיקט נאָך מאירן. ס'האָט נישט געהאָלפֿן זיין בעטן זיך, אַז ער האָט נישט קיין גענוג הויכע שטימע פֿאַרן גרויסן בית־המדרש, און איז אויך בעל־מוסף אין פּילעווער שטיבל. שווער געאַרבעט איבער זיך די גאַנצע ערשטע נאַכט ראש־השנה איינצוחזרן זיך דעם נוסח אשכנז. געדאַוונט מיט דער העכסטער קאָצקער דביקות און קרעכץ.

דער איינציקער בעל־תפֿילה פֿון ביאַלע וואָס האָט אַ קבר — געשטאָרבן אין מדינת ישראל.

הערשעלע דעם רבינס

הערשעלע, דעם ביאַלער רבינס יינגסטער זון, איז געווען אַ זעלטן שיינער בעל־תפֿילה מיט אַ העכסט יוגנטלעכער טענאָר־שטימע. ביאַלער חסידים פֿלעגן אים פֿאַרגלייכן צו מענדל בוכנער. געשפּילט פֿידל און געדאַוונט מוסף מיט אַ גרויסן כאָר. געקאָנט נאָטן. זיינס אַ כל נדרי האָט געהאַט אַ געוואַלדיקן דערפֿאָלג און אַפֿילו פֿון נאַטשאַלסטווע פֿלעגט מען אים קומען הערן. ער האָט געהאַט זייער אַ שיינעם ניגון צו „ישתבח", וועלכן ביאַלער חסידים פֿלעגן זינגען. פּאָפּולער איז געווען זיין ניגון צו „ועל כולם", פֿון וואָס ס'איז געמאַכט געוואָרן דאָס פּאָפּולערסטע לידל „יענטע גענעשע, עס איז געקומען אַ דעפּעשע, מען האָט שוין אויסגעהרגעט אַלע סטרייקערס".

ער איז געווען שעדלעצער רבי און איז געשטאָרבן זייער יונג. זיין זון איז דער ביאַלער רבי אין מדינת ישראל, אין תל־אביב.

מענדל אזורקאוויער

ער איז געווען אַ ביאַלער חסיד. פֿלעגט קומען אויף אַלע ימים־טובים צום רבין, געהאַט חזקה אויף דאַווענען שחרית. פֿאַרן דאַווענען פֿלעגט ער גיין אין רבינס מקוה און זיין רויטע באָרד פֿלעגט ווערן ווי אַ פּאָלירט רויט שטיקל גלאַנציק מעבל־ברעטל. פֿלעגט זאָגן דעם „המלך" ביים אַנטפּאַס, און ווי אַ וויכער לויפֿן אין איין אָטעם צום עמוד, ווו חסידים פֿלעגן אין גרעסטן געדראַנג מאַכן אים פֿריי דעם וועג. ער פֿלעגט דאַווענען מיט אַזאַ כוונה, ווי ער זאָל זיך שטעלן פֿאַר אַ ציל

דעם הימל אַראָפּשלעפּן צו דער ערד, אָדער די ערד אַרויפֿ־שלעפּן צום הימל.

משה פּייעס

משה פּייעס איז געווען דער בעל־שחרית אין מתנגדים־שטיבל, דעם ערשטן „המלך" פֿלעגט ער אַרויסזינגען מיט אַזוי פֿיל ברען, אַז ער איז באַלד הייזעריק געוואָרן.

פֿאַרוואָס דער שטן האָט זיך פֿאַרלייגט אויף משה פּייעס — דעם עלטסטן און אָנגעזעענסטן ייִד פֿון דער באַ־רימטער פּייעס משפּחה, און אגב פֿון די שענסטע ייִדן אין מתנגדים־שטיבל נאָך מענקע דיין — אַז ער זאָל נישט דאַווענען פֿאַרן עמוד, ווייס איך נישט. אַ מכה אָבער דעם שטן, משה פּייעס האָט סיי ראש־השנה און סיי יום־כּיפּור געדאַוונט הייזעריקערהייט ביז אין די נײַנציקער יאָרן אַרײַן.

מענקע דיין

זײַן אַ דיין אין ביאַלע, ווו ס'זענען געווען הונדערטער ייִדן מיט סמיכות־רבנות, איז נישט געווען אַ קלייניקייט. ר' מענ־קע איז געווען דער שענסטער ייִד אין מתנגדים־שטיבל און בעל־מוסף דאָרט. ער האָט געהאַט אַ שיינע באַריטאָן־שטימע. גע־דאַוונט מיט האַרץ און ווייטאָג. זײַנע אַרויסהעלפֿערס זענען געווען: חיים נאַפּטשאַרזש (האַפּמאַן), ברוך יעקב אריהס, דער וואָלטשינער מילנער און יאָסל מילנערס אַ זון. זײַנע הקפֿות שמחת־תורה זענען אַ קאַפּיטל פֿאַר זיך.

איטשקע מאָזעס

ווען איטשקע מאָזעס זאָל נישט געווען זײַן פֿאַרהייראַט צום קאָצקער רבינס אייניקל, נישט האָבן געשטאַמט פֿון ווורקער רבינס הויף און פֿון אַ באַרימטער חסידישער באַנקירן־משפּחה, וואָלט ער אויך פּאַסיק געווען צו זײַן דער בעל־מוסף אין גערער שטיבל, ווו ס'האָט געדאַוונט די לומדישע און נגי־דישע אַריסטאָקראַטיע פֿון ביאַלע. ווען איך האָב אים געקאָנט איז ער שוין אַלט געווען איבער זיבעציק יאָר. געווען פֿון די גאָר גרויסע לומדים אין ביאַלע, מיט אַ שיינעם אַריסטאָ־קראַטיש־פּאַטריאַרכאַלישן אויסזען.

מ'האָט געדאַרפֿט בלויז הערן זײַן „יתגדל" ביי די סלי־חות, אָדער „ברכו" ביים ראש־השנהדיקן דאַווענען און מען האָט גלייך דערפֿילט די זיסקייט פֿון זײַן מעכטיקן באַריטאָן. זײַן „זכרנו לחיים" און „מכלכל חיים", זייער פּאָפּולערע נגי־גונים, ווי איך געדענק, אויך ביי די קאָצקער חסידים. זײַן אַריינטייטשן דעם ניגון אין „מי כמוך בעל גבורות ומי דומה לך" איז געווען פּראַכטפֿול. געדאַוונט האָט ער מיט זעקס משור־רים, פֿון וועלכע דריי, לייביש קאָמיסיאָנער (הייבלום), זײַן ברודער שמחה (הייבלום) און יצחק ליפּעס זענען אַליין גע־

ווען אָנגעזעענע בעלי־תפֿילה. דער ערשטער אין ביאַלער גערער שטיבל, דער צווייטער אין גערער שטיבל אין לאָשיץ און דער דריטער אין גערער שטיבל אין מעזריטש. זײַנע אי־בעריקע דריי משוררים זענען געווען: הערשעלע דוד ר' איי־זיקס, יאָסקע יחיאל הערשס און משה יאָנטלס (ליפּיעץ — געשטאָרבן אין ישראל).

מענדל בוכנער

מענדל בוכנער איז געווען פֿאַרהייראַט צו ר' נח'ס מוזינקע יוכבד. דאָס מיינט, אַז משה דער גרויסער, משה דער קליינער און דער גערער רבי, וואָס איז נישט לאַנג נפֿטר געוואָרן אין ירושלים, זענען געווען זײַנע שוואָגערס. נישט געווען אין ביאַלע, לויט מײַן מיינונג, זײַנס גלייכן צו באַזיצן אַזוי פֿיל אייגנשאַפֿטן, ווי: שטימע, דיקציע, אויסטייטשונג און פֿאַר־פֿאַסער פֿון ניגונים. אין גערער שטיבל איז ער געווען דער בן־יקיר. געדאַוונט שבת, יום־טוב און אין די ימים־נוראים „שחרית". נאָך דעם ווי איטשקע מאָזעס האָט פֿאַרלאָזט ביאַלע איז ער, מענדל, געוואָרן דער בעל־מוסף. געדאַוונט אָן אַרויס־העלפֿערס און זיך לייכט אָן עצה געגעבן מיט די שווערסטע תפֿילות. ביי דער „עבודה" פֿלעגט ער מיט זײַן זינגען שאַפֿן די פֿולע געשפּאַנטקייט. יעדע תפֿילה איז ביי אים אין מויל געווען ווי „כחומר ביד היוצר". אגב פֿון זײַן „כי הנה כחומר ביד היוצר"־ניגון ווערט געזונגען דאָס פֿאָלקס־ליד „זונטיק ווייסט דאָך איעדער, גייט מען דאָך נישט אין חדר" (באַאַרבעט אויך דורך יוסף רומשינסקי און געזונגען פֿון מאַלי פּיקאָן אין דער פּיעסע „יאַנקעלע"). זײַן גרעסטע קינסטלערישקייט האָט ער אַרויסגעוויזן אין דער תפֿילה „אין קצבה לשנותיך".

לייביש אורטשעלעס

לייב קאָמיסיאָנער (אורטשעלעס) פֿלעגט פֿאַרטרעטן מענדל בוכנער. ער האָט ליב געהאַט דעם עמוד, געדאַוונט מיט חסידישן עקסטאַז. נאָך דעם ווי מענדל בוכנער איז געוואָרן בעל־מוסף איז לייביש געווען קאַנדידאַט צו ווערן דער בעל־שחרית אין גערער שטיבל. זײַן פּרנסה אָבער איז געווען דערצו אַ שטערונג — פֿיר נעכט אין דער וואָך אויף די באַנען, אין די טעג אַרומלויפֿן נעמען באַשטעלונגען קיין וואַרשע, זיי אײַנקויפֿן און שפּעטער פֿונאַנדערטיילן — איז דאָס פֿאַר אים פֿיזיש אוממעגלעך געווען. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, די פֿאַמיליע איז שוין געווען קליין, שוין געווען טעלעפֿאָן־פֿאַרבינדונג און אויטאָ־עקספּעדיציעס, איז לייביש קאָמיסיאָנער געוואָרן בעל־שחרית אין גערער שטיבל.

ווען מײַן קרוב לייביש אורטשעלעס קומט מיר אויפֿן גע־דאַנק, דערמאָן איך זיך זײַן ניגון פֿון דער שבתדיקער תפֿילה „אל אדון".

אשר האפער תל־אביב / דעם רבינס הויף

ווען מ׳האָט אין ביאַלע געזאָגט דעם רבינס הויף, האָט יעדער איינער געוווּסט, אַז דאָס מיינט מען די רעזידענץ פון ביאַלער רבין, ר׳ יצחק יעקב ראַבינאָוויטש.

דער ביאַלער רבי האָט געשטאַמט פון ייד הקדוש, אָבער דאָס רביסטווע האָט ער געירשנט פון זיין שווער ר׳ יהושע ז״ל פון לענטשנע, וועלכער האָט נישט געלאָזט נאָך זיך קיין זון. ר׳ יהושע איז געווען אָסטראָווער (לובלינער קאַנט) רבי, און זיינע חסידים האָט מען גערופן די אָסטראָווער חסידים.

איך קאָן זיך נישט דערמאָנען אין וועלכן יאָר ר׳ יצחק יעקב ראַבינאָוויטש איז געקומען קיין ביאַלע און געגרינדעט דעם הויף. איך נעם אָן, אַז די סיבה פון אַריבערפירן דעם הויף פון אָסטראָווע קיין ביאַלע איז געווען די, וואָס ביאַלע האָט געהאַט אַ באַן־סטאַציע און אָסטראָווע — נישט, און דער רבי האָט נישט געוואָלט, אַז זיינע חסידים זאָלן דאַרפן קומען צו אים מיט פערד־און־וואָגן.

אין ביאַלע האָט דער רבי פאַרלייגט דעם הויף ביים סוף מעזריטשער גאַס, ווו ער האָט געלאָזט אויסבויען פאַר זיך אַ דירה, אַ בית־מדרש און אַ מקוה. דער פּלאַץ און די בנינים זענען געווען דאָס אייגנטום פון רבין.

דעם רבינס הויף האָבן אויסגעהאַלטן די חסידים, וואָס פלעגן צאָלן חודש־געלט. ס׳זענען געווען זייער רייכע חסידים, וואָס האָבן זיך געלאָזט קאָסטן אַ סך געלט אויף אויסהאַלטן דעם הויף. מ׳פלעגט אויך באַצאָלן אַ פּדיון ביים נעמען אַ קוויטל צום רבין.

אין רבינס בית־המדרש האָבן געלערנט עטלעכע שטאָטישע בחורים און באַווייבטע יונגעלייט, וואָס זענען געזעסן אויף קעסט. ס׳האָבן דאָרט אויך געלערנט בחורים פון אַנדערע שטעט, וואָס פלעגן עסן טעג ביי שטאָטישע בעלי־בתים און אויך שלאָפן ביי זיי.

צום רבין זענען געקומען חסידים פון: וואַרשע, שעדלעץ, לובלין, בריסק, מעזריטש, לוקאָוו און אַנדערע שטעט.

דאָס לעבן אין הויף האָט זיך געפירט אויף אַ רייכן שטייגער. אין די וואָכנדיקע טעג איז אין הויף געפלאָסן דאָס לעבן שטיל און איינטאָניק. אַן אויפרודערונג פלעגט איינטרעטן אין די ערב יום־טובים און אין די יום־טובים. דער הויך־פּונקט פון דער אויפלעבונג און טומל אין הויף זענען געווען די ימים־נוראים־טעג, ווען ס׳זענען זיך אָנגעפאָרן חסידים פון אַלע עקן לאַנד.

אויף אַ געוויינלעכן שבת זענען געקומען פון די אַרומיקע שטעטלעך אַ צוויי־דריי מנינים חסידים צום רבין און אין הויף האָט זיך דאַן געמערקט אַ שטיקל אויפמונטערונג. ר׳ מענדל מעזריטשער פלעגט קומען אויף יעדן שבת פון מעזריטש. אָט דער ר׳ מענדל האָט אויפגעכאַפּט די דברי־תורה, וואָס דער רבי האָט געזאָגט ביים טיש און מוצאי־שבת האָט ער עס אויפגעשריבן. נאָכן רבינס פּטירה האָט מען דאָס פאַרעפנטלעכט אין ספרים („דברי בינה״ און „ישרי לב״, באַאַרבעט פון רבינס זון ר׳ אברהם, לובלינער רבי).

איך זע פאַר מיינע אויגן, ווי ס׳האָט אויסגעזען אין הויף אין די ערב יום־טובים, אין די יום־טובים און ימים־נוראים.

אויף שבת, צו די ערשטע סליחות פלעגן אָנקומען יונגעלייט, די אַזוי גערופענע, קעסט־איידעמלעך און אויך עלטערע חסידים. די עלטערע חסידים, וואָס האָבן נישט געקאָנט בלייבן אויף ראש־השנה, פלעגן גלייך צומאָרגנס, זונטיק, אַהיימפאָרן. די יונגעלייט אָבער זענען געבליבן ביז איבער יום־כּפּור. פאַר אָט די יונגעלייט פלעגט מען יעדן טאָג קאָכן אַ קעסל פּערלקאַשע. מיט דעם האָבן זיך באַשעפטיקט די קאָכערס יעקב סלאַוואַטיטשער, און שפּעטער שמשון פאַרצעווער. פאַר אַ שיסעלע געקעכץ פלעגן די יונגעלייט צאָלן 3 גראָשן. די ביאַלער יונגעלייט האָבן מיטגעבראַכט ברויט פון דער היים און געגעסן צוזאַמען מיט די פרעמדע אין בית־המדרש.

אויף ראש־השנה פלעגן אָנקומען בערך אַכט הונדערט חסידים. דער בית־המדרש איז געווען געפּאַקט און אַ סך חסידים האָבן געדאַוונט אויפן הויף. תיכף נאָך ראש־השנה זענען אַ סך חסידים אַהיימגעפאָרן און אויף יום כּפּור זענען געקומען אַנדערע, אָבער שוין נישט אין אַזאַ צאָל.

פון די בעלי־תפילה ביים רבין אין די ימים־נוראים געדענק איך: משה אָרזשעכאָווער, ווי אַ בעל־שחרית; מוסף פלעגן דאַוונען: מוניש מאָרגנשטערן פון בריסק, נייטל, רב פון ניישטעטל, בנימין גאַמפּל פון וואַרשע, עוזיאל וויינבערג פון ביאַלע און דעם רבינס יונגסטער זון, הערשעלע, שפּעטערדיקער שעדלעצער רבי. הערשעלע האָט שוין געדאַוונט מיט משוררים.

די אָנגעפאָרענע חסידים אויף די ימים־נוראים פלעגן איינשטיין אין די אכסניות פון: הערש יעקב זשעלאַזני אין דער גאַרנצאַרסקער גאַס און ביי משהן, דעם רבינס משמש.

שטיל איז געוואָרן אין הויף נאָך די ימים־נוראים און אומעטיק ווי די האַרבסט־טעג, וואָס האָבן זיך צעלייגט איבער אים.

אויף סוכּות זענען געקומען פון דער פרעמד אַ 30—40 חסידים, לרוב יונגעלייט, וואָס פלעגן דאַרפן שטיין צום פּריזיוו, און זענען געקומען בעטן דעם רבין, אַז ער זאָל פאַר זיי מתפלל זיין, כּדי זיי זאָלן ניצול ווערן פון די גוישקע הענט.

אויף חנוכּה פלעגן קומען די קעסט־איידעמס אויף גאַנצע אַכט טעג און אויף שבת־חנוכּה — עלטערע חסידים.

אין די חנוכּה־אָוונטן פלעגן די בחורים אין בית־המדרש שפּילן אין קוויטלעך, אָנשטאָט אין קאָרטן. קאָרטן האָט מען נישט געטאָרט האַלטן אין בית־המדרש, ווייל אויף זיי געפינען זיך פיגורן. די קוויטלעך זענען געווען מיט נומערן פון 15 ביז 20. 15 אָנשטאָט אַ ניינטל, 16 אַ הינטער, 17 אַן אייבער, 18 אַ מלכה, 19 אַ מלך און 20 אַ טויז. פון יעדן נומער זענען געווען צו פיר קוויטלעך און יעדעס קוויטל געצייכנט אינמיטן מיט אַ נומער פון 1 ביז 4. 1 האָט באַטייט רויט, 2 — גרין, 3 — שעל און 4 — אייכל. דער צייכענער פון די קוויטלעך איז געווען אלתר צוקערמאַן, וועלכן מ׳האָט גערופן אלתר חיים יאַסלס.

גאָר פריילעך איז אַדורך דער פּורים אין הויף. אמת, קיין אָנפאָר פון חסידים איז נישט געווען, אָבער דעם רבינס בית־

המדרש פלעגן פֿאַרפולן די שטאָטישע חסידים און אַנדערע בעלי־בתים, וואָס פלעגן קומען צום רבין זיך משמח זיין און זעען ווי דער רבי פראַוועט טיש.

מיטן גאַנצן פורים־שפיל ביים רבין פלעגט אָנפירן אייזשע ליבמאַן. ער פלעגט זיך פאַרשטעלן פאַר אַ רב מיט אַ גרויסן הויקער, צוקלעבנדיק זיך אַ גרויסע פלאַקסענע באָרד און לאַנגע פאות. ער פלעגט אַרויף אויפן טיש און זאָגן גלייכווערטלעך, אַז דער עולם האָט זיך געהאַלטן ביי די זייטן פון געלעכטער. דער פאַרשטעלטער רב האָט געהאַט אַ פורים־ווייב, און די ראָל פלעגט אויספירן שמואל משה חיימס (שמואל קליגסבערג, אַ מלמד). די ראָלע פון דער פורים־דינסט פלעגט שפילן יוסף מאיר, ווען דער פורים־רב פלעגט רופן יאָספע מירל; אין שטאָט האָט מען אים גערופן „ציגאַרעלע". די פורים־שפיל פלעגט אָנגיין ביז שפעט אין דער נאַכט. פון שטאָט פלעגן קומען אַלערליי פאַרשטעלטע און דער רבי האָט זיי אַלעמען געטיילט געלט. ס'פלעגט קומען מיכאלקעלע דראָזשקאַרזש מיט אַ הילצערנעם פערדל, ווי אויך שטיבל־בחורים, פאַרשטעלטע ווי אָפיצירן.

אין די חדרים ביי דער רביצין פלעגט אויך זיין פריילעך. אַהין פלעגן זיך צונויפקומען די נשים־צדקניות פון דער שטאָט. מיר, די בחורים, וואָס האָבן געלערנט אין רבינס בית־המדרש, פלעגן זיך אַריינגנבענען אין חדר פון דער רביצין, כדי צו זעען די פאָרשטעלונג פון „מכירת־יוסף", וואָס אַ חברה פון שטאָט פלעגט קומען פאָרשטעלן. די רביצין פלעגט די פורים־שפילערס מכבד זיין און אויך געבן אַ פיינע מטבע.

גלייך נאָך פורים האָט מען זיך אין הויף גענומען גרייטן צום פסח. מ'פלעגט אַראָפּנעמען פון בוידעם די האַנטמיל און זיך נעמען מאָלן די שמורה, וואָס איז אַ גאַנצן ווינטער געהאָנגען אין בית־המדרש אויפן פּאַלאָפּ. די שמורה־ווייץ פלעגט יעדן זומער שיקן ר' יהודה בעקערמאַן פון לאָשיץ פון זיינע אייגענע פעלדער (ער איז געווען אַ באַזיצער פון אַ הויף לעבן לאָשיץ). אַלע ערב פסח פלעגט ר' יהודה בעקערמאַן שיקן צום רבין אַ בריטשקע און דער רבי פלעגט אים שיקן זעקס שמורה־מצות, וואָס מ'פלעגט באַקן אין רבינס בית־המדרש.

מיר, בחורים, פלעגן דרייען די האַנטמיל און ס'פלעגט אַרויסקומען שיינע מעל. פאַר דער אַרבעט פלעגן מיר פאַרנאַכט באַקומען פון רבין בראָנפן. אַזוי פלעגן מיר אַרבעטן צוויי־דריי טעג ביים מאָלן דעם ווייץ און דערווייל פאַרשפאָרן צו לערנען, וואָס ביי אונדז בחורים איז דאָס אויך געווען אַ גרויס געווינס...

אַז מיר האָבן שוין געהאַט די מעל, האָט מען זיך געדאַרפט אַוועקשטעלן באַקן די מצות. אױך די אַרבעט פלעגן אויספירן די בחורים און די קעסט־איידעמס, וואָס האָבן געלערנט אין בית־המדרש. דער קנייטער איז געווען איצל צוקערמאַן, גערופן האָט מען אים איצעלע מיניסטער. אַ צווייטער איז געווען אַ מעל־שיטער, אַ דריטער אַ וואַסער־גיסער. דער רבי פלעגט די מערע צעשניידן מיט אַ הילצערנעם מעסער און מיר, בחורים, פלעגן וועלגערן די מצות מיט גלעזערנע וואַלגערס. אין פרוזדור פון בית־המדרש איז געווען אַ גרויסער באַק־אויוון, און דאָרט פלעגט מען באַקן די מצות. דער שיבער איז געווען אלתר נטע דער בייגל־בעקער (רייזעלע פון די פלעצעלעכס מאַן). יעדן פאַרנאַכט פלעגט דער רבי טיילן בראָנפן די העלפערס.

ערב פסח פלעגט מען ווייטער באַקן מצה שמורה, און מיר בחורים פלעגן זיין די בעקערס און דערפאַר פלעגן מיר באַקומען צו איין שמורה־מצה.

אויף פסח פלעגן קומען צום רבין עלטערע חסידים, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין פרויען, אָדער יונגעלייט, וואָס האָבן באַדאַרפט שטיין צום פריזיוו. די יונגעלייט פלעגן דאַרפן ברענגען דעם רבין אַ דערלויבעניש פון זייערע פרויען, אַז זיי זענען מסכים געווען, אַז די מענער זאָלן פאַרלאָזן די היים אויף פסח. די אורחים פלעגן די גאַנצע אַכט טעג פסח זיין אין רבינס הויף.

אויף שבועות פלעגט מען ווידער זען אַ גרויסע צאָל חסידים, וואָס פלעגן קומען מקבל זיין די תורה ביים רבין.

זומער־צייט פלעגט דער רבי מיט דער רביצין אַרויספאָרן אין פאַרשיידענע קור־ערטער און טיילמאָל אַפילו קיין אויסלאַנד.

אָט אַזוי איז דאָס לעבן אין רבינס הויף געפלאָסן אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר, יאָר נאָך יאָר.

די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג אין שטאָט האָט זיך באַצויגן מיט גרויס יראת־הכבוד צום רבין, אַזוי מתנגדים ווי חסידים פון אַנדערע רביים. אויך די מאַכט האָט געהאַט רעספעקט פאַרן רבין.

דער רבי איז נפטר געוואָרן אין וואַרשע אין יאָר תרס"ה (1904) און איז געקומען צו קבורה אויפן וואַרשעווער בית־הקברות.

קורץ נאָכן רבינס פטירה איז פאַרברענט געוואָרן דעם רבינס הויף, און אין ביאַלע האָט בכלל אויפגעהערט צו עקסיסטירן אַ רביישער הויף.

מאיר עדלבוים ניו־יארק / רבנים און רביים אין ביאלע

(מאטעריאלן וועגן רעליגיעזע פירער אין ביאלע)

א. רבנים

דער ערשטער ביאַלער רב, וועלכן מיר טרעפן אָן אין די היסטאָרישע מאַטעריאַלן, איז, ווייזט אויס, געווען פון גרויסן יחוס און פון באַקאַנטע רבנים. דער נאָמען פון דעם דאָזיקן רב איז „יוסף בה״ה כמוהר״ר מרדכי סגל זצ״ל הור־וויטץ חונה בק״ק ביילי״. אָט אַזוי האָט ער זיך געחתמעט אונטער זיין הסכמה, וואָס ער האָט געגעבן אויפן באַקאַנטן דרוש־ספר, דברי הברית פון אברהם צבי בן הרב המקובל... מאיר. די הסכמה איז דאַטירט יום ב׳ ר״ח מרחשון תפ״ט — 1728.

נישט נאָר איז די הורוויטץ־משפחה געווען פון גרויסן יחוס, נאָר דער ביאַלער רב אַליין פאַררופט זיך אין זיין הס־כמה אויף דער הסכמה פון דעם באַקאַנטן בריסקער רב ישראל איסרל, וועמען ער רופט „מחותני״. צו זיין אַ מחותן פון איינעם פון די גרעסטע רבנים אין זיין צייט האָט זיך געפּאָדערט אַ סך יחוס עצמו. דאָס ווייזט, אַז דער ביאַלער רב איז געווען אַ גוט באַקאַנטע רבנישע פּערזענלעכקייט, וואָס איז געווען גאַנץ נאָטירלעך פאַר ביאַלע, וואָס האָט זיך שוין אין יענער צייט גערעכנט צווישן די חשובע קהילות אין פּוילן.

משמעות, אַז זיין ממלא מקום, יעדנפאַלס נישט אָפּגע־רוקט אַ סך צייט פון אים, איז געווען ר׳ עוזר, אַ זון פון דעם באַרימטן רב ר׳ אבושל פראַנקפורטער. ווען ר׳ אברהם אבוש, מעזריטשער רב (ממלא מקום פון זיין פאָטער ר׳ צבי־הירש) איז אין יאָר תקי״ד אויפגענומען געוואָרן ווי אַ רב אין ליסע, איז אויף זיין אָרט געקומען זיין זון ר׳ עוזר, וועלכער איז צו ערשט געווען רב אין ביאַלע. ס׳איז דעריבער אָנצונעמען, אַז ר׳ עוזר איז געווען רב אין ביאַלע נאָך ר׳ יוספן, כאָטש מיר קענען נישט זאָגן אויף זיכער, צי צווישן אים און ר׳ יוספן איז נישט געווען עמעצער אַנדערש רב אין ביאַלע.

נאָך ר׳ עוזרן, און אפשר גאָר פאַר ר׳ עוזרן טאַקע, איז געווען רב אַ געוויסער ר׳ יהודה אידל. וועגן ר׳ יהודה אידלען דערוויסן מיר זיך פון זיין אייניקל ר׳ יהודה לייב, רב אין זאַגער, זון פון באַקאַנטן גאון ר׳ שמחה טיקטינער. דער אויבן־דערמאָנטער ר׳ יהודה לייב שרייבט אין זיין הקדמה צו זיין ספר „שלמי שמחה״, ווילנא תקס״ו: „...יהודה ליב בהגאון... ר׳ שמחה ז״ל... וכן אני בן רבקה בת המאו״הג (המאור הגדול) מ׳ יהודה אידיל בקאצק, ובייאלי, ומעזריטש ממשפחה הקרחים״. אָט דער ר׳ יהודה אידל איז נפטר געוואָרן אין יאָר תקט״ו, ד״ה, צוויי יאָר נאָך דעם ווי ר׳ עוזר איז וואָרשיינלעך געוואָרן רב אין מעזריטש. ער איז ענטוועדער געווען רב אין ביאַלע פאַר ר׳ עוזרן אָדער נאָך אים.

נאָך ר׳ עוזרן אָדער נאָך ר׳ יהודה אידלען איז געווען רב איינער פון יענע רבנים, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט דער בי־טערער מחלוקה קעגן דעם באַרימטן רב ר׳ יהונתן אייבעשיץ. זיין נאָמען איז ר׳ יצחק. ער איז געווען אַ זון פון דעם שטאַרק באַרימטן רב ר׳ מאיר א״ש (אייזנשטאַט אויפן נאָמען פון דער שטאָט אין מערן, וווּ ער איז געווען רב), דער מחבר פון דעם באַקאַנטן שאלות ותשובות־ספר „פנים מאירות״.

דער דאָזיקער ר׳ יצחק איז פריער געווען רב אין ניע־סוויעזש, וואָס איז כידוע געווען דאָס צווייטע רעזידענץ־אָרט פון דער פירשטלעכער ראַדזשיוויל־משפּחה, און מעגלעך, אַז ר׳ יצחק איז געווען אַ מקורב צום פירשטלעכן הויף (אגב, ר׳ יצחק איז געווען אַ מחותן פון דעם ליסער רב ר׳ מרדכי, דער עלטערער ברודער פון ר׳ אבושל פראַנקפורטער, ביידע כידוע געבוירענע אין מעזריטש). ער איז געווען פאַרבונדן אין מחותנשאַפט מיט ר׳ יעקב עמדין, ר׳ יהונתן אייבעשיצס בעל מחלוקת.

ווען ר׳ יעקב עמדין איז אַרויס אין קאַמף קעגן ר׳ יהונתן אייבעשיץ, וועמען ער האָט חושד געווען אין זיין אַ שבתי צביניק, און די גאַנצע רבנישע וועלט, מיט וויניקע אויס־נאָמען, איז געשטאַנען אין פלאַמען פון דער דאָזיקער מחלוקת, האָט זיך ר׳ יצחק, דער ביאַלער רב צוזאַמען מיט זיין מחותן ר׳ ברוך מארץ יון בן הרב המאור הגדול מוהר״ר דוד זצ״ל (פריער געוווינט אין ביאַלע און שפּעטער אין קאָנסטאַנטין), וואָס איז משמעות געווען אַ חוץ אַ למדן אויך אַ גרויסער עושר, זיך אַריינגעוואָרפן אין קאַמף און געטאָן אַלץ וואָס אין זייער כוח צו רודפן און מבזה צו זיין ר׳ יהונתן אייבעשיץ. ר׳ יצחק האָט זיך אפילו אַרויסגעלאָזט אויף אַ לאַנגער רייזע איבער שטעט אין וואָלין און גאַליציע, כדי צו ווערבירן רבנים קעגן די אָנהענגערס פון שבתי צבי און יעקב פראַנק, בתוכם אויך ר׳ יהונתן אייבעשיץ, און זיך באַמיט, אַז דער ועד ארבע ארצות, וואָס האָט אָפּגעהאַלטן זיצונגען אין שטעטעלע קאָנ־סטאַנטין, זאָל אַריינלייגן ר׳ יהונתן אייבעשיץ אין חרם.

ס׳איז כדאי צוצוגעבן, אַז ר׳ יהונתן אייבעשיץ און דער ביאַלער רב ר׳ יצחק האָבן זיך געקענט פון זייער פריער יוגנט. ר׳ יהונתן איז זייער יונג געוואָרן אַ יתום און ר׳ יצחקס פאָטער האָט דעם קליינעם יהונתן, וואָס האָט געהאַט אַן עילווישן מוח, גענומען צו זיך און מיט אים געלערנט תורה (זאָל עפּעס האָבן פאָרגעקומען צווישן די צוויי חברים אין זייער יוגנט, וואָס האָט משפּיע געווען אויף דער שפּעטער־דיקער מחלוקת?).

מיר וועלן ברענגען צוויי בריוו, וואָס זייער מחבר איז געווען נישט קיין אַנדערער, ווי דער ביאַלער רב ר׳ יצחק און האָבן בשעתו געמיינט זייער אַ סך. הגם די דאָזיקע צוויי בריוו זענען געווידמעט בעיקר דעם ענין יעקב פראַנק, האָט ר׳ יצחק נישט פאַרגעסן אָנצוגרייפן אין זיי ר׳ יהונתן אייבעשיץ.

דער ערשטער בריוו איז אַרויסגעקומען פון דעם „ספר שימוש״, אמשטרדם שנת ותקחו — תק״ך. דער דאָזיקער ספר איז אַ זאַמלונג פון בריוו פון אַ צאָל גדולי פולין פון ועד־הגדול פון די ארבע־ארצות אין שייכות מיט דער טרויעריקער געשעעניש וואָס האָט געטראָפן אין פּאָדאָליע מיט צוויי יאָר

פריער — דאָ רעדט זיך וועגן יעקב פראַנקן און זיינע אָנהענגערס, וועלכע האָבן זיך שפּעטער געשמדט.

דער דאָזיקער בריוו איז פאַרזען, מיט דער איבערשריפט: „אגרת הגאב״ד מבייאלא כמות נבל ימות יהונתן כ״ז אלול לפרט וישר יעקב אל מלאך ויוכל״.

ס׳איז נישט קלאָר ווער ס׳האָט זיך באַנוצט מיט דער דאָזיקער שאַרפער און גאַרנישט שיינער מליצהדיקער קללה, וואָס איז אַ פּאַראַפראַזע פון די ווערטער „הכמות נבל ימות אבנר?״ אין דעם באַקאַנטן קלאָג־ליד פון דוד המלך איבערן טויט פון דעם שר צבא ישראל אבנר, וואָס איז דערמאָרדעט געוואָרן פון דודס שר צבא יואב, ווען ער איז אַריבערגעגאַנגען צו דודן נאָך שאולס טויט. דוד האָט זיך דעמאָלט געפילט שטאַרק געטראָפן פון יואבס פאַרברעכערישן אַקט און ער האָט אויסגערופן מיט פאַרדרוס: „הכמות נבל ימות אבנר?״ דער מחבר פון איבערקעפל צום בריוו שעלט ר׳ יהונתן אייבעשיץ און זאָגט: „כמות נבל ימות יהונתן״, דאָס ער זאָל שטאַרבן ווי אַ נבל. ווייטער געפינט דער דאָזיקער מחבר פון קעפל אַ צוגעפּאַסטן אויסדרוק אין דער דערציילונג פון דער תורה וועגן דעם געראַנגל צווישן יעקבן מיטן מלאך „וישר יעקב אל מלאך ויוכל״. די אותיות אין וואָרט „וישר״ באַטרעפן די צאָל פון יאָר תקט״ו, ווען דער בריוו איז געשריבן געוואָרן; יעקב איז דער נאָמען פון ר׳ יהונתנס בעל־מחלוקת; מלאך באַציט זיך אויף ר׳ יהונתן אין דעם זין פון מדרש, אַז דער מלאך, מיט וועמען יעקב האָט זיך געראַנגלט, איז געווען דער שר פון עשו. היות ווי אין ר׳ יצחקס בריוו געפינט זיך נישט די דאַטע, איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט חושד צו זיין ר׳ יצחקן אין פאַרפאַסן דעם איבערשריפט. ס׳לייגט זיך נישט אויפן שכל, אַז ר׳ יעקב עמדין, דער מחבר פון דעם ספר זאָל שרייבן אויף זיך „וישר יעקב אל מלאך״...

און אָט איז דער אינהאַלט פון בריוו:

„מחיה חיים יתן לו ברכה וחיים לאה״ו הרב הגאון המפורסם... מוהר״ר יעקב נרו יאיר.

אחד״ש כז׳ ע״ד המאמינים בש״ץ ימ״ש ונמסר לידי כתב מהרב הגאון מוהר״ר מאיר אב״ד דק״ק הארדענקע מה שכתב לק״ק בראד והעתק מן גב״ע מגוף הכתב של הרב הגאון אב״ד סאטנוב ובי״ד יצ״ו, שנתגלה קלונם ברבים, ואשת איש למצוה יחשב וחילול שבת, ונוסח התפלה שלהם וי״ט שלהם [1] ויש שנלקחו בכבלי ברזל להאדון הבישוף [2] וה׳ יציל אחינו ב״ו ממחשבתם וטומאתם של אנשי שחץ אלה. וגם נוסח חרם הגדול מה שהחרימו בק״ק לבוב ובק״ק לויצק ובק״ק בראד ובק״ק דובנא ובכל הגלילות במבואר בספר הכלבו. על איזה איש או אישה שהוא מן הרשעים הנ״ל ויעשה עמם שידוך או יתעסק עמהם במו״מ, או שיוכל ממאכלם, יהיו מוחרמים כמוהם. וגם כל שנים שיודעים שהיא מכת הרשעים הללו מחויבים להעיד בב״ד לפרסם הדבר. וגם חל החרם על כל מי שילמוד ספרי מינין האלו ספרי הר״ן [3] ומ״ן [4] ופירוש הקמיעות שלהן וספר הפסול ואבוא אל העין, וכל מי שיש בידו ספרי טומאה הנ״ל או נוסח הקמיעות החדשים אשר לא נשמע ולא נראה דוגמתם, חל עליו החרם אם לא ישרוף הן ואזכרותיהן. גם יחול החרם הנ״ל על כל מי שיגלה דנרי זהב מוחרמים ומופרשים מכל קדושת ישראל. וגם העתק התפלה מה שמתפללים לברתיה ימש״ו.[5] וכהיום נמנו וגמרו להחרימם בכל גבול ישראל קודם כל נדרי. מחו׳ הרב הגאון מוהר״ר חיים כ״ץ אב״ד בק״ק לבוב [6] עמד עם כמה אנשים מכת ש״ץ שר״י לפני הבישוף והשרים וה׳ נתן לו חן וחסד ונתנו לו רשות להחרימם ולקחום לבית הסוהר, ומעתה תנוח דעתו הרמה שכבר נפתחה המכה. מסוף הדברים ניכר לעיני כל בית ישראל, שראש דבריו אמת וצדק, יגל יעקב וישמח ישראל במשיח צדקנו ובבנין אריאל והרשעים כרות יכרתו שלא יעזוב להם שורש ימח שמם כ׳. ואלה יעמדו על הקללה. ונלכדו במצדת החרם ק״ק לאסקרוניא,[7] ק״ק בוסק, ק״ק אזיראן, ק״ק אפאטשנע, ק״ק קריבטשין. הרב שלהם מתוך שגעון עשה עצמו נביא וכמה דברים מכוערים מכל מבוא בג״ע.[8] אראה לשלוח ע״י סוחרים לדנציג או לפ״פ ד״א מפני הוצאות פ״מ. ואחרית לאיש שלום וישקוט יעקב בטח ושאנן כזית רענן. הפרנס הוועד הק׳ אברהם מק״ק לובלין ובנו הר׳[9] מתחרטים על הראשונים, ואומרים מה נאמר ומה נדבר שהשטן הסית בנו וכמה הזיקות היו לנו בנפשות ובממון מצד צדדים. שכל הכתבים הראשונים היו שמעלילים עליו דבה שקר, וכהיום נתבאר בעליל שהוא יונתן בכור שטן המסטין את ישראל, וזירז להכריז החרם בועד הקודש על ספריו ועל הקמיעות. אני הייתי בק״ק קאסטאנטין משך שתי שבועות אצל מחו׳ מהור״ר ברוך נר״ו. שהיה רעש גדול ע״י הבלבול מהשנת

---

1 דער דאָזיקער פּאַסוס אין ר׳ יצחקס בריוו באַציט זיך צום אינצידענט אין דעם שטעטל לאַנצקראָן. בעת דאָרט איז פאָרגעקומען אַ יריד האָט מען געפּאַקט פראַנקן מיט צוואַנציק פון זיינע תלמידים, וואָס האָבן זיך אין געהיים פאַרזאַמלט ביי איינעם פון זייערע חברים אין אַ טאַנץ אַרום אַ האַלב נאַקעטער פרוי און איר געקושט.

2 געמיינט דעם בישאָף מיקאַלאַי דעמבאָווסקי פון קאַמיעניעץ־פּאָדאָלסק.

3 נתן העזתי (פון עזה) דער נביא פון דער שבתי צבי־באַוועגונג.

4 נחמיה חיא חיון — פון דער שבתי צבי־באַוועגונג, מחבר פון ספר „מיהמנותא דכולא״, וואָס האָט באַגרינדעט די עקרים פון שבתי צבי־גלויבן.

5 חוה פראַנק, די טאָכטער פון יעקב פראַנק. אויך איר האָבן די פראַנקיסטן באַטראַכט ווי אַ געטלעכן סימבאָל.

6 די דאָזיקע שטעלע אין ר׳ יצחקס בריוו איז נישט קלאָר. די דאַטע פון זיין בריוו תקט״ו פאַלט צוזאַמען מיטן יאָר 1757, ווען ס׳איז פאָרגעקומען אַ וויכוח צווישן די רבנים און די פראַנקיסטן פאַרן בישאָף דעמבאָווסקי. דער צווייטער ענלעכער וויכוח איז פאָרגעקומען אין לעמבערג מיט צוויי יאָר שפּעטער. מעגלעך, אַז די שטעלע באַציט זיך צו דער אָנהייב תקופה פון קאַמף מיט די פראַנקיסטן.

7 לאַסקרוניא מיינט ער לאַנצקראָן.

8 ער מיינט דעם בוסקער רב נחמן בן שמואל הלוי, וואָס איז געוואָרן אַ פראַנקיסט.

9 דער דאָזיקער פרנס־החודש און זיין זון האָבן צוערשט זיך געשטעלט אויפן צד פון ר׳ יהונתן אייבעשיץ. דער זון וואָס איז געווען רב אין לובלין האָט אַפילו געוואָגט אַריינצולייגן ר׳ יעקב עמדין אין חרם, דאָס האָט אַרויסגערופן דעם צאָרן מצד ר׳ יעקב עמדינס אָנהענגערס און מ׳האָט אים אַרונטערגעזעצט פון דער שטעלע. די משפּחה האָט געהאַט אַנדערע פאַרלוסטן און אַפילו טויט־פאַלן. אונטער דעם דרוק פון די קלעפּ, וואָס די משפּחה האָט באַקומען, האָבן ר׳ אברהם, ווי אויך זיין זון אויסגעדריקט זייער חרטה.

עוררתו (?) בק״ק יאמפלי[10] שנלכדה במצודה רעה בבלבול עלילות שקר בפאבלימש (?) ולקחו כל פני העיר בשלשלאות ברזל המקום ירחם עליהם אשר כל בית ישראל ענו ויאמרו כי בעון זה נשפך דמם של ישראל באותו גליל מחמת אותו רעש הוכרחתי להמתין עד שיוכרז בבה״כ ,והרב מו׳ פנחס[11] הבטיח שיודפס בק״ק זאלקווא חרטתו והכרוז והחרם. בכן תנוח דעתו הרמה נתעכב האגרת עד ר״ח מרחשון תקי״ז פה בייאלה. ובאתי לכפול בשטח אחרונה. לכתוב תשובה ע״י מוקד על פאשט ווארשויא ובפרטות להני תרי אשלי רברבי הרב ה״ה מהור״ר אברהם כ״ץ מזאמוט, ולהרבני מהור״ר ברוך נר״ו. ובזה אצא בשים שלום במודים דרבנן. וה׳ יתן שיעלה מעלה מעלה ויפרח צדיק כתמר. כ״ד הדש״ת הק׳ יצחק הח״ק בייאלה לע״ע״.

אַ צווייטער בריוו וועגן דעם זעלבן ענין, וואָס איז אויך פון היסטאָרישן ווערט, דאַטירט י״ד כסלו בשיר״ה (תקט״ז) לפ״ק פה בייאלה כל דרך דנציג.

„אד״ש הנה כתבתי לרום מעלתו ע״י הרב ה״מ מהור״ר איציק מק״ק לעברטוב. וגם ע״י הרב המא״הג נוהר״ר אברהם גוטמאן נר״ו אב״ד דק״ק דריבנין. עם תכריך כתבים מאת כבוד הרב הגאון נמהור״ר אברהם ואנכי לא ידעתי אם יבוא לידו התמה, ובאתי לשלש לשון להודיע הדברים הנאמרים באמת כקצירה אחר קצרית האומר. שהקול ברמה נשמע, מגודל חלול השם מה שנעשה בק״ק לבוב שאחד מן המאמינים בש״ץ שר״י בא בשבת מחללו בפרהסיא ומעלה עשן בגובה אפו בל ידרוש אלהים והעיז את פניו נגד כבוד הרב הגאון מוהר״ר חיים כ״ץ לפני הבישוף וה׳ עמו בדבר מזה שיצא לדון במיתה, כן יאבדו כל רשעי ארץ, וגם הייתי בק״ק קאנסטאנטין אצל הרבני הנגיד מהור״ר ברוך, והיה עמי הרב מהור״ר אברהם הנ״ל אצל הפרנס דד״א ר׳ אברהם מלובלין והנה הוא מתחרט על העבר בחרטה גמורה שרירא וקיימא ובקש מאתנו לבקש מרום מעלתו מחילה שימחול לו באמרו כי לא אדון הוא בדבר הזה שכל הכתבים של ר״י הם עולים בסגנון אחד שהעלילו עליו בדברי שקרים, וכהיום תתן אמת ליעקב. מסוף הדברים נראה שראש דבריו אמת תפסיה להאי גברא והחרימו באסיפת הרועים אנשי ק״ק לאסקורניה אזיראן קאפאסשעטץ קריבטשין. ושלחתי הגב״ע והחרם על הלומדים הספרים כ״י של אותו המין ר״י ועל הכותבים קמיעות כפי נוסחתו. ובזה אצא בשים שלום במודים דרבנן ותנוח דעתו דש״ת הק׳ יצחק החו׳ב בייאלא לע״ע.״

די דאָזיקע צוויי בריוו, פון אַ סך אַנדערע, זענען וויכ־טיקע דאָקומענטן. אין זיי האָבן מיר אַ באַריכט פון איינעם פון די רבנישע עדי־ראיה און הויפּט־קעמפער אין דער מלחמה, וואָס דאָס דעמאָלטיקע יידנטום האָט פאַרפירט קעגן יעקב פראַנקן מיט זיינע אָנהענגערס.

פון די בריוו זעען מיר, אַז דער ענין פון אַריינלייגן אין חרם אַלע, וואָס זענען געווען פאַרדעכטיקט אין שבתי צבי׳אישע נייגונגען איז נישט געווען אַזוי פשוט. ס׳איז פשוט נישט אָנצונעמען, אַז גאַנצע קהילות, ווי: לאַנצקראָן, בוסק, אָזיראַן, קאָפּאָסשעטץ און קריבטשין זאָלן האָבן אָפן דער־קלערט זיך ווי אָנהענגערס פון יעקב פראַנק און מ׳זאָל זיי האָבן אויפן צוזאַמענפאָר פון די פירערס פון ועד הגדול פון ארבע ארצות אַריינגעלייגט אין חרם. ער מיינט אפשר די אָפענע און באַהאַלטענע שבתי צביניקעס און פראַנקיסטן. מוז מען דערי־בער ר׳ יצחקס ווערטער וועגן דעם חרם אויף אַלע, וואָס לער־נען די ספרים, מאַנוסקריפּטן פון דעם מין ר׳ יהונתן („הלומדים הספרים כ״י [כתבי יד] של אותו המין ר״י [ר׳ יהונתן] ועל הכותבים קמיעות כפי נוסחתו״) — אָננעמען מיט פאָרזיכטי־קייט. ס׳קען דאָ בשום אופן נישט זיין קיין רייד וועגן אַ חרם, וואָס דער ועד ארבע ארצות זאָל האָבן אַרויסגעלאָזט אויף ר׳ יהונתן אייבעשיץ. דער ועד ארבע ארצות האָט אין דער מחלוקת נישט אָנגענומען קיין קלאָרע שטעלונג. דווקא אין פוילן האָט ר׳ יהונתן אייבעשיץ געפונען די שטאַרקסטע אָנהענגערשאַפט. אַפילו דער ווילנער גאון, דעמאָלט נאָך נישט אַזאַ מפורסם און בעל־השפעה ווי יאָרן שפעטער, האָט גענומען דעם רבין ר׳ יהונתן, ווי דאָס פוילישע יידנטום האָט אים שפּע־טער גערופן, אונטער זיין שוץ. דעריבער איז אָנצונעמען, אַז ר׳ יצחק דערציילט בלויז וועגן יענע רבנים וואָס זענען געווען ר׳ יהונתנס קעגנערס, אַז זיי האָבן אים אַריינגעלייגט אין חרם. דאַקעגן האָבן ר׳ יהונתנס אָנהענגערס אַריינגעלייגט אין חרם זיינע קעגנערס.

אין זיין צווייטן בריוו דערמאָנט ווידער ר׳ יצחק דעם ויכוח מיט די פראַנקיסטן, אין וועלכן דער באַרימטער לעמ־בערגער רב ר׳ חיים כ״ץ ראַפּאָפּאָרט, ר׳ יצחק ביאַלערס אַ מחותן שפּילט די עיקר־ראָלע.

ס׳איז אויך אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז דער ביאַלער רב דערציילט, דרך אגב, אַז מחמת פּאָסט־געלט, וואָס ס׳איז אים שווער אויסצוגעבן, וועט ער שיקן ר׳ יעקב עמדינען בריוו מיט די מענטשן, וואָס פאָרן קיין דאַנציג און פראַנקפורט אויפן טייך אָדער. ס׳באַווייזט דעריבער, אַז ביאַלער יידן פלעגן פאָרן אויף ירידים קיין פראַנקפורט און האַנדלען מיט דאַנציג.

ר׳ יצחק איז נפטר געוואָרן אין יאָר תקל״ה.

נאָך דער פטירה פון הרב ר׳ יצחק פאַרנעמט זיין אָרט זיין ברודער הרב ר׳ שבתי, וועלכער איז נפטר געוואָרן אין יאָר תק״ן.

נאָך אים איז וואַרשיינלעך געווען רב ר׳ יוסף. מיר ווייסן זייער ווייניק וועגן אים. לויט דעם באַקאַנטן פאָרשער פון רבנים־יחוס ר׳ יוסף לעווענשטיין, רב אין סעראָצק, זאָל זיין פאָטער האָבן מחבר געווען אַ ספר אויף תורה מיטן נאָמען „כוכבי יעקב״. היות ווי אַזאַ ספר ווערט נישט דערמאָנט אין די רשימות פון געדרוקטע ספרים, איז אָנצונעמען, אַז דאָ רעדט זיך וועגן אַ כתב־יד. ער איז נפטר געוואָרן אין חודש אלול תקס״ג.

ווער ס׳איז געווען רב נאָך אים, ווייסן מיר נישט. מיר ווייסן פון אַ ביאַלער רב ר׳ אברהם אבלי, וועלכער איז נפטר געוואָרן אין יאָר תקצ״ג אין דעם יונגן עלטער פון 32 יאָר. אָט דער אברהם אבלי האָט געשטאַמט פון וואַרשע. זיין פאָטער ווערט באַצייכנט ווי „הרב החריף הגדול הגביר המפורסם מוה״ר חיים נ״י מווארשא״. אָט דער הרב ר׳ חיים נ״י איז

[10] געמיינט עלילת־דם־בלבול אויף יידן אין יאַמפּאָלע (פּאָדאָליע).

[11] זון פון לובלינער פרנס־החודש.

נישט קיין אַנדערער, ווי דער גוט באַקאַנטער וואַרשעווער רב ר׳ חיים דאַווידזאָן, שטאַם־פאָטער פון דער באַרימטער וואַרשעווער דאַווידזאָן־משפחה. ווען דער זון איז נפטר געוואָרן האָט דער פאָטער נאָך געלעבט, ווי ס׳איז צו זען פון די ווערטער „נ״י״ — נרו יאיר — זיין ליכט זאָל שיינען. דאָס אַלץ דערוויסן מיר זיך פון דעם הספד, וואָס דער באַרימטער דרשן און פאָפּולאַריזאַטאָר פון דעם דובנער מגיד, ר׳ דוב בעריש פלאַם פון מעזריטש פּאָדלאַסקי האָט אויף אים געזאָגט, און נאָך דעם פאַרעפנטלעכט אין זיין ספר „אבל יחיד״, וואָס אַנטהאַלט אַ רייע הספדים, און איז געדרוקט געוואָרן אין וואַרשע אין זעלבן יאָר תקצ״ג.

נעמענדיק אין אַכט, אַז ביאַלע האָט זיך גערעכנט ווי אַ גרויסע און מיוחסדיקע רבנות, איז אָנצונעמען, אַז דער דאָזיקער ר׳ אברהם אבלי, וועמען ר׳ בעריש פלאַם איז מספיד און רופט אים אָן „הרב המאור הגדול החריף ירא ושלם״ האָט באמת געמוזט זיין אַ גרויסער עילוי, פאַרנעמענדיק אַזאַ שטעלע ווי אַ יונגערמאַן. ער איז דאָך אַלט געווען בסך הכל 32 יאָר ווען ער איז נפטר געוואָרן. אַז ער איז געווען אַ גדול בתורה, איז אויך צו זען פון די שאלות־ותשובות, וואָס ער האָט זיך איבערגעשריבן מיט די גדולי־רבנים פון זיין צייט, ווי דער באַרימטער וואַרשעווער רב ר׳ שלמה זלמן פויזנער. אין אַ תשובה צום ביאַלער רב איז זיין ספר „חמדת שלמה״ חלק יו״ד, סימן כ״ח, שרייבט ער אים: „לידידי הרב המאור הגדול החריף כבוד שמו תפארתו מהו אברהם אבלי אב״ד דק״ק ביאלי דליטא נ״י״. אויך דער באַקאַנטער גאון ר׳ מאיר רוטנבורק, דער מחבר פון דעם שאלות ותשובות־ספר „מהר״ם רוטנבורק האחרונים״, פריער רב אין וולאָדאַווע, לעבן ביאַלע און נאָך דעם אין זאַמאָשטש, רופט אין חלק חושן משפט, שאלה יו״ד דעם יונגן ביאַלער רב „המאור הגדול״.

זיין ממלא מקום איז וואַרשיינלעך געווען ר׳ משה מיכל, וועמענס פאָטער ר׳ פישל סטריזשעווער איז געווען אַ מפורסם ווי אַ גרויסער מקובל און מחבר פון דעם באַוווּסטן קבלה־ספר „עולם הפוך״.

וועגן משה מיכלען, וועלכער איז נפטר געוואָרן אין יאָר תרט״ו אין ביאַלע, ווייסן מיר, אַז ער איז געווען פון די גדולי התלמידים פון דעם קאָצקער און נאָענטער חבר פון דעם בעל חידושי הרי״ם, ר׳ יצחק מאיר אַלטער, דער יורש פון ר׳ מענדעלע קאָצקער און גרינדער פון דער גערער דינאַסטיע. ס׳ווערט דערציילט וועגן אים אַ מעשה, אַז איינמאָל פאָרנדיק מיט דעם חידושי הרי״ם קיין קאָצק זענען זיי פאַרבייגעפאָרן אַ שטעטל און קיינער האָט זיי נישט אַריינגעבעטן. מחמת גרויס חילשות, וואָס ער האָט געהאַט צוליב דעם בזיון התורה פון דעם בעל חידושי הרי״ם איז דאָס שטעטל נענש געוואָרן. אַזוי גיך ווי זיי זענען אַרויס פון דאָרט איז אויסגעבראָכן אַ שריפה. וואַרשיינלעך איז אָט דער ר׳ משה מיכל געווען דער ערשטער חסידישער רב אין ביאַלע.

דער ממלא־מקום פון ר׳ משה מיכלען איז געווען אַ צווייטער קאָצקער חסיד, און דעם קאָצקערס מחותן ר׳ נחום זאב באָרנשטיין, פריער רב אין דעם קליינעם שטעטעלע אָלקוש. ר׳ נחום זאב איז נפטר געוואָרן אין יאָר תרמ״ח. ער האָט זיך גערעכנט צווישן די גדולי־התורה אין קאָצק, און זיין ספר „אגודת אזוב״ אויף הלכה איז אַ לומדישער ספר. אין ביאַלע האָט ער געפירט אַ ישיבה און ער האָט אויפגעשטעלט אַ דור פון לומדים און חסידים. אויך אויף אים האָט מען נאָכדערציילט אַלערליי נסים און מופתים. איינער איז פאַרבונדן מיט דעם געבורט פון זיין באַרימטן זון ר׳ אברהמעלע, דער סאכאַטשאָווער רבי און מחבר פון די באַרימטע לומדישע ספרים „אבני נזר״ און „אגלי טל״, וואָס האָבן אים באַרימט געמאַכט ווי אַ גאון־הדור אפילו אין ליטע. ס׳ווערט דערציילט, אַז איינמאָל אין אַ פּורים האָט ר׳ נחום זיך פאַרטיפט אין לערנען, ווען די גאַנצע יידישע וועלט איז געווען אַריינגעטאָן אין שמחת־פּורים. די וועלט, וואָס קען זיך בלויז האַלטן אין זכות פון תורה וואָלט חלילה נישט געהאַט קיין קיום אָט יענעם פּורים, ווען נישט ר׳ נחום זאב, וואָס האָט מיט זיין תּורה לערנען יענע נאַכט פאַרשיינט אַלע זיבן הימלען און היכלות. מחמת דעם האָט מען אים געגעבן אַזאַ זון, וואָס האָט פאַרשיינט אַלע וועלטן מיט זיין תורה און צדקות, און אים האָט דער גרויסער קאָצקער צדיק ר׳ מענדעלע אויסגעקליבן ווי אַ מאַן פאַר זיין טאָכטער צינע. און כאָטש דער קאָצקער פלעגט אַלע חסידים יאָגן פון זיך און זיך געהאַלטן אָפּגעשלאָסן פון זיי, און אַפילו פון זיינע גרויסע תלמידים, האָט ער אָבער געמאַכט אַן אויסנאַם פאַר זיין יונגן איידעם און אים מדריך געווען אין לערנען און אויף אים אַכט געגעבן די גאַנצע צייט.

נאָך ר׳ נחומען איז געווען רב, שמואל לייב ז״ק. ר׳ שמואל לייב איז שוין געווען אַ שטאַרקער זקן, ווען ער איז נפטר געוואָרן אין ווינטער תרצ״ב (1932). אין ביאַלע און אין דער סביבה האָט מען אים געהאַלטן פאַר אַ גרויסן צדיק און מ׳פלעגט גיין זיך בענטשן ביי אים. ער איז געווען אַ תלמיד פון דעם באַרימטן גאון ר׳ יוסף שאול נאַטאַנזאָן, רב אין לעמבערג און פון דעם בעל חידושי הרי״ם, דער ערשטער גערער רבי. ר׳ שמואל לייב האָט געגעסן קעסט ביים מפורסמ׳דיקן צדיק ר׳ יהושע (שיעלע) אָסטראָווער, וואָרעם ר׳ שמואל לייב איז געווען אַן איידעם פון דעם אָסטראָווערס שוואָגער, ר׳ משה יהודה לייב, וואָס איז געווען אַן איידעם פון דעם לענטשנער צדיק ר׳ שלמה לייב.

ר׳ שמואל לייב ז״ק איז געווען אַ מקיל אין תעניתים, און תשעה־באב 1904, בעת דער גרויסער שריפה אין ביאַלע האָט ער געלאָזט אויסרופן, אַז מ׳זאָל נישט פאַסטן מער ווי אַ האַלבן טאָג. פאַרשטייט זיך, אַז נישט אַלע האָבן זיך געוואָלט באַנוצן מיט דעם היתר, אָבער אַפילו די מחמירים צווישן די חסידישע יידן האָבן נישט געוואַגט צו קריטיקירן דעם ביאַלער רבס היתר, מחמת גרויס פאַרערונג.

צוגאָב־פרטים:

ס׳איז קלאָר, אַז ר׳ יוסף הורוויטץ איז נישט געווען דער ערשטער רב אין ביאַלע. ס׳איז אָבער נישט געלונגען אָפּצוגעפינען די נעמען פון די פריערדיקע רבנים.

ביאַלע האָט געהערט צו די אַלטע יידישע ישובים אין פוילן. די שטאָט איז פאַרלייגט געוואָרן ביים סוף פון 15טן יאָרהונדערט, און אין דער סביבה, בעיקר אין בריסק־דליטא,

האָבן זיך שוין דעמאָלט געפונען יידן. איז דעריבער אָנצונע־מען, אַז נאָך דער אַנטשטייאונג פון ביאַלע האָבן זיך יידן דאָרט באַזעצט.

אַז ביים סוף פון 16טן יאָרהונדערט האָבן זיך אין ביאַלע געפונען יידן, איז צו זען פון די אַקטן פון בריסקער שטאָטישן געריכט. אַזוי ווערט אין די געריכט־אַקטן דערציילט, אַז די באַציאונגען צווישן די ביאַלער פירשטלעכע פאַמיליעס ראַ־דזשיוויל און כאָדקיעוויטש זענען געווען אָנגעשטרענגטע. אין יאָר 1589 זענען כאָדקיעוויטשעס מיליציאַנערן אָנגעפאַלן אויפן אַרענדאַר פון ראַדזשיווילס הויף, ישראל בן אליעזר, אים גע־שלאָגן, געשמידט אין קייטן און געדראָט אים צו פאַרברענען אַ לעבעדיקן. דער זעלבער גורל האָט דערוואַרט אויך די יידן מאַרעק יאַצקאָוויטש (מרדכי בן יצחק?), אליעזר בן ישעיהו און יוספס פרוי — אַלע ראַדזשיווילס אונטערטאַנען. ס'האָט זיי אָבער אָפּגעגליקט, ווייל אין דער לעצטער רגע זענען זיי געראַטעוועט געוואָרן דורך ראַדזשיווילס אַ מיליציאַנער.

אין זיין אָפּהאַנדלונג „יידן אין ביאַלע", שרייבט ד"ר מ. הענדל, אַז אין יאָר 1621 איז דער יידישער ישוב אין ביאַלע שוין געווען גוט פאַרפונדעוועט. ס'איז זיך דעריבער נישט פאַרצושטעלן אַזאַ ישוב אָן אַ רב.

לויט פאַרשיידענע קוועלן זעען מיר, אַז ס'ווערן דערמאָנט נעמען פון רבנים, וואָס זענען געזעסן אויף דער כסא־הרבנות אין ביאַלע נאָך פאַר ר' יוסף הורוויטץ, ווי:

ר' אהרן שמואל (מהרש"ק): רב און מחבר, 1614 אין ווילנע, 1676 (1679) קראָקע. רב אין ביאַלע (ביי בריסק), אין ניקלשבורג, אין גלאגע, אין פירט, אין פראַנקפורט אויפן מאַין און אין קראָקע. פון די גרויסע רבנים אין זיין דור. אין די טעג פון ת"ח־גזירות איז ער אַנטלאָפן פון ביאַלע קיין ווילנע און לובלין. ער איז פאַרוואונדעט געוואָרן, זיינע צוויי טעכטער זענען געהרגעט געוואָרן, און ס'זענען פאַרלוירן גע־גאַנגען עטלעכע חיבורים. זיינע חיבורים: „ברכת הזבח" און „תפארת שמואל" (חידושים אויפן תלמוד); „ברכת שמואל" (דרשות); „אמונת שמואל" („אנציקלופדיה כללית", פאַרלאַג „מסדה", תל־אביב, באַנד 6, זייט 302/3).

ס'איז אָנצונעמען, אַז ר' אהרן שמואל (מהרש"ק) איז געווען אַ גאַר קורצע צייט רב אין ביאַלע. דרך אגב באַקומען מיר דאָ אַ באַשטעטיקונג, אַז די טראַגישע געשעענישן פון ת"ח האָבן דערגרייכט אויך קיין ביאַלע.

ר' אליהו בן שמואל. אין זיין ספר שאלות ותשובות „יד אליהו", וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אַמסטערדאַם אין יאָר תע"ב — 1712, ווערט אין דער שאלה י"ז געזאָגט: „מעשה שבא לפני בהיותי בק"ק ביאלי בשנת תנ"א בענין מכירת חמץ בערב פסח". (אַ שאלה בנוגע דעם פאַרקויף פון חמץ ערב־פסח, וואָס איז אים געפרעגט געוואָרן בעת ער איז געווען רב אין ביאַלע אין יאָר תנ"א — 1691). וועגן דער שאלה האָט דער רב געפירט אַ קאָרעספּאָנדענץ מיטן בריסקער רב, ר' ישראל.

ר' אליהו בן שמואל איז נפטר געוואָרן אין יאָר תצ"ה — 1735.

דער דערמאָנטער רב איז משמעות געווען אַ געבוירענער אין לובלין. אַרום יאָר תמ"ב — 1682 האָט ער זיך באַזעצט אין בריסק און דאָרט געלערנט ביים „מופת הדור המאור הגדול" מענדיל כ"ץ נ"י. ר' אליהו איז געווען רב אין עטלעכע גרויסע קהילות אין פוילן און ליטע, ווי אויך אין אייבעשיץ (היינטיקע טשעכאָסלאָוואַקיי). פון זיין ספר „יד אליהו", וואָס איז איינציק אַליין געבליבן פון זיינע אַ סך חידושים און כתו־בים, זעען מיר די תורה־מלחמה, וואָס האָט זיך געפירט צווישן אים און: בריסקער רב, ר' ישראל; האַמבורגער רב, ר' משה בר' מרדכי זיסקינד; באמבערגער רב, ר' מענדל ראָטשילד א"אַ.

ר' צבי הירש חריף, אַ זון פון לעמבערגער רב־הכולל, ר' נפתלי הירץ אשכנזי. פון זיין ספר „כוס ישועות" איז צו זען, אַז ער איז געווען רב אין ביאַלע. נפטר געוואָרן אין יאָר תק"ח — 1748. ס'איז שווער צו זאָגן, צי ער איז געווען רב אין ביאַלע פאַר ר' יוסף הורוויטץ, אָדער נאָך אים.

מיר וועלן דאָ מוסיף זיין נאָך עטלעכע נעמען פון ביאַ־לער רבנים, וואָס ווערן נישט דערמאָנט אין דער אָפּהאַנדלונג פון מאיר עדלבוים.

ס'איז אָנצונעמען, אַז נאָך ר' יצחקן האָט דאָס ביאַלער רבנות געירשנט זיין ברודער יהודה (אָן איידעם פון ר' נפתלי הירץ בר' חנוך, זשולקעווער רב — ספר „ענף עץ אבות" פון שמואל זיינוויל כהנה, קראָקע תרס"ג; אויך ד"ר מ. הענדל „יידן אין ביאַלע" — ו. די קהילה און די אויסנוועלט) און נישט זיין ברודער שבתי, וועלכער איז געווען ביאַלער רב אין די שפּעטערדיקע יאָרן.

ווייזט אויס, אַז די שטעלע אין קאַפּיטל „ב. ביאַלער קהי־לה" אין דער אָפּהאַנדלונג פון ד"ר מ. הענדל „יידן אין ביאַלע", וועגן דער נאָמינאַציע פון ר' יוסיה בן יעקב אין יאָר 1763 פאַר ביאַלער רב, האָט אַ שייכות צו ר' יוסף בן בעל „כוכבי יעקב". ס'איז אָנצונעמען, אַז דער רב, וועלכן דער פירשט האָט באַ־זייטיקט איז געווען דער פריער דערמאָנטער ר' יהודה.

ר' יוסף בן בעל „כוכבי יעקב" איז נפטר געוואָרן אין יאָר תקס"ג — 1803. משמעות אָבער, אַז ער איז נישט געווען ביזן סוף פון זיין לעבן רב אין ביאַלע, ווייל ר' שבתי, דער ברודער פון די דערמאָנטע רבנים ר' יצחק און ר' יהודה, וואָס איז אויך געווען ביאַלער רב, איז נפטר געוואָרן אין יאָר תק"נ— 1790 (ער איז פריער געווען רב אין שערעשאוו).

נאָך ר' שבתי איז וואַרשיינלעך געווען רב אין ביאַלע, ר' מנחם נחום גינצבורג. מיר זעען דאָס פון ספר „פני לוי", אַרויסגעגעבן דורך דעם דערמאָנטן רבס אַן אייניקל ר' נפתלי יוסף הלוי פריינד (פּיעטערקאָוו תרס"ד), רב אין רוזשאַן (לאָמ־זשער קאַנט). אין אָט דעם ספר שרייבט דער מחבר: „בהגאון ר' מנחם נחום אבד"ק ביאלא הגדולה, ויש ת"י (תחת ידו) קונטרסים בכתב ידו על בעה"ת ע"ד (על דרך) הפלפול ונראה שחיבר על כל הבעה"ת („בעל התרומה").

ר' מנחם נחום האָט געהערט צו דער באַרימטער משפחה פון באַראָן גינצבורג, פּעטערבורג. זיין פאָטער ר' קלמן „גאון וחסיד" איז געווען סעמיאַטיטשער רב און איז נפטר געוואָרן אין יאָר תקמ"ג — 1783. ר' מנחם נחום האָט געהאַט צוויי זין: ר' משה, רב אין סעמיאַטיטש און אין קאָלנא; און ר' אשר, רב אין קראַשניק.

וועגן ר' מנחם נחומס זון, ר' משה, ווערט אין ספר „פני לוי" אָנגעגעבן: „ר' משה מקולנו הנ"ל חתן הקצין המרומם ר' מרדכי בלומקעס מביאלא (והוא חותן הגבירים והמופלגים המפורסמים ר' הירצל הכהן, ר' אהרן שיינבערג ור' אייזיק שחור). חתן הגאון מופה"ד ר' צבי הירש פורליקער (פריי־לוקער) מבריסק".

צו אָט דער רבנישער משפחה ווערט אויך פאַררעכנט דער מחבר פון ספר „דעת משה" (וואַרשע תרע"א), משה בן צבי הירש. צוליב אַ סיבה איז זיין נאָמען געווען ראָזנבוים. ער איז נפטר געוואָרן אין ביאַלע אין יאָר תר"נ — 1890.

דער לעצטער ביאַלער רב איז געווען ר' צבי הירשהאָרן, פריער רב אין יאַוואָרזשנע. ער איז אויפגענומען געוואָרן ווי אַ רב זעקס יאָר נאָך דער פטירה פון ר' שמואל לייב ז"ק. נאָכן אָנקום פון דער געסטאַפּאָ קיין ביאַלע אין יאָר 1939 איז ר' צבי הירשהאָרן אַריבער אומלעגאַל די דייטש־רוסישע גרענעץ ביי סעמיאַטיטש און איז אַוועק צו זיינע עלטערן קיין לעמבערג. די רביצין איז געבליבן אין ביאַלע מיט אירער אַ שוועסטער און זענען דעפּאָרטירט געוואָרן קיין מעזריטש, פון וואַנען זיי זענען אָפּגעשיקט געוואָרן אין טויט־לאַגער טרעבלינקע.

מ. י. פייגנבוים

ב. די חסידישע ביאַלע

דער זיגרייכער מאַרש פון חסידיזם האָט אויך נישט דורכגעלאָזט ביאַלע. הגם ס'איז אָנצונעמען, אַז די קנאישע רבנים פון דער אָרט ווי ס'איז געווען דער ביאַלער רב ר' יצחק (שאַרפער באַקעמפער פון די שבתי צביניקעס, פראַנקיסטן און אָנהענגערס פון ר' יהונתן אייבעשיץ), האָבן מיט חשד געקוקט אויף יעדע נייע רעליגיעזע דערשיינונג אין יידנטום, בפרט אין זייערע קהילות, און האָבן אַוודאי מורא געהאַט פאַר דעם נייעם כת — די חסידים, זענען זיי דאָך נישט געווען בכוח אָפּצושטעלן דעם נצחון־מאַרש פון חסידיזם. ביאַלע, ווי אַלע אַנדערע שטעטלעך אין דער סביבה, איז געוואָרן כמעט אויסשליסלעך חסידיש. די איינציקע צוויי שטעט אין דער נאָענטער שכנות, וואָס האָבן באַוויזן אויפצוהיטן זייער אַלטן דרך, כאָטש אויך דאָרט זענען געווען וויכטיקע חסידישע גרופּעס, זענען געווען בריסק און מעזריטש.

ס'איז שווער פעסטצושטעלן, ווען אייגנטלעך ס'האָט זיך באַוויזן די ערשטע חסידישע שפּראָצונג אין ביאַלע, און ווער איז געווען פון די ערשטע פירער פון דער חסידישער באַוועגונג. ווי ס'שיינט איז דער ערשטער חסידישער רב אין ביאַלע געווען דער קאָצקער חסיד ר' משה מיכל. ס'איז נישטאָ קיין באַווייז, אַז דער פריערדיקער רב ר' אברהם אבלי איז געווען אַ חסיד. מיר האָבן נישט געפונען קיין שום באַווייז פאַר דעם אין די חסידישע ספרים. דער פאַקט, אָבער, אַז פון ר' משה מיכלען אָן זענען די רבנים אין ביאַלע נאָר חסידים, איז גענוג באַווייז, אַז שוין לאַנג פאַר דעם האָט ביאַלע געהאַט אַ גרויסע חסידישע באַפעלקערונג, וואָס האָט געקענט אַרויפצווינגען אויף דער קהילה אַ חסידישן רב.

ס'איז אויך אָנצונעמען, אַז ביאַלע איז געווען אַ פעסטונג פון קאָצקער חסידים. דאָס באַווייזט דער פאַקט, וואָס די ערשטע צוויי חסידישע רבנים פון ביאַלע, דער אויבן־דערמאָנטער ר' משה מיכל און זיין ממלא מקום ר' נחום זאב באָרנשטיין, זענען געווען קאָצקער חסידים. ס'זענען דאָרט אויך געווען אַנדערע חסידים אין יענער צייט: ווורקער, לענטשנער אָדער אָסטראָווער, ווי זיי האָבן זיך גערופן נאָך דער פטירה פון דעם לענטשנער, ווען זיין זון און ממלא־מקום האָט זיך באַזעצט אין אָסטראָווע א"אַ. די אָסטראָווער זענען געווען, ווי ס'שיינט, די צווייטע אין צאָל. נאָך דעם אָפּשפּאַלטן זיך פון ר' מרדכי יוסף איזשביצער פון קאָצקער הויף, זענען דאָרט צוגעקומען נייע חסידים איזשביצער, וואָס זענען שפּעטער באַקאַנט געוואָרן ווי ראַדזינער חסידים. די קאָצקער אַליין זענען שפּעטער צעטיילט געוואָרן אויף גערער און קאָצקער. דאָס איז געשען ווען ר' מענדעלע קאָצקער איז נפטר געוואָרן און ר' איטשע מאיר אַלטער, דער בעל חידושי הרי"ם האָט אָנגעהויבן פירן רביסטווע. דער גרעסטער טייל איז נאָכגעגאַנגען דעם בעל חידושי הרי"ם און די אַנדערע זענען געבליבן מיט ר' דודן, וועלכער האָט געפירט רביסטווע אין קאָצק נאָך דער פטירה פון זיין פאָטער.

ביאַלע, כאָטש געאָגראַפיש מער ליטע ווי פוילן, איז לויט דעם כאַראַקטער פון אירע יידן געווען ווי אַן עכט פויליש־יידיש שטעטל אין דעם זין, וואָס ס'איז געווען כמעט אויסשליסלעך חסידיש. אויך דער דריטער רב ר' שמואל לייב ז"ק, איז געווען אַ חסידישער רב. ס'איז אָנצונעמען, אַז זיין אויסוואַל איז צושטאַנד געקומען נישט נאָר מחמת זיין חסידות און צדקות — אַזעלכע חסידישע רבנים וועמען מ'האָט אויך געהאַלטן פאַר גוטע יידן זענען געווען אַ סך — נאָר גיכער צוליב זיין גערער און אָסטראָווער זכות.

ווי שוין פריער דערמאָנט, איז ר' שמואל לייב געווען אַ תלמיד פון דעם חידושי הרי"ם און אפילו אַ מקורב פון ר' איטשעס מאירס יורש ר' אריה לייב, באַקאַנט מיט דעם נאָמען פון זיין חיבור אויף תורה און גמרא „שפת אמת". זיין צווייטער יחוס איז געווען קרובהשאַפט מיט לענטשנע, איז ער דאָך געווען דער מאַן פון ר' שלמה לייב לענטשנערס אייניקל און אַזוי אַרום אַ קוזין פון ר' יאַנקעלע ביאַלער, דער ממלא־מקום פון ר' שיעלע אָסטראָווער. די ביידע חסידישע מחנות האָבן געהאַט גענוג כוח גובר צו זיין די אַנדערע חסידישע קרייזן און אויסוויילן זייערס אַ רב, וואָס האָט ממילא צוגעגעבן פּרעסטיזש זייערע חסידים.

ווי ס'שיינט זענען אין ביאַלע געווען חשובע חסידים, גבירים, לומדים און בעלי השפעה. פון אַ בריוו, וואָס דער בעל חידושי הרי"ם האָט געשריבן צו זיינע אָנהענגערס אין דער שכנותדיקער מעזריטש, ווען דאָרט האָט געפלאַקערט די מלחמה צווישן די מתנגדים און די חסידים, איז צו זען, אַז די ביאַלער חסידים האָבן זיך אַריינגעמישט און געפּרוּווט ווירקן אויף די מעזריטשער אָפּצושטעלן די מחלוקת. אויך איז ביאַלע באַקאַנט געווען מיט אירע חסידישע יחוס־שידוכים, וואָס זי האָט געטאָן. ר' איטשע מאירס („חידושי הרי"ם) אייניקלעך זענען געווען ביאַלער געבוירענע אָדער איידעמס. ר' אברהם מרדכי אַלטער, דער לעצטער פון דער אַלטער גערער

דינאַסטיע אין פוילן, וואָס איז נפטר געוואָרן אין ירושלים, איז געווען אַן איידעם פון דעם באַקאַנטן ביאַלער למדן און גערער חסיד ר׳ נח שחור. ר׳ אברהמעלע טשעכאַנאָווער, איינער פון די באַקאַנטסטע גדולי־התורה אין זיין צייט, וועלכער האָט אָנגעהויבן פירן רביסטווע נאָכן קאָצקער, האָט זיך אויך משדך געווען מיט ביאַלע. צוויי פון זיינע באַרימטע זין, דער שפּעטער באַרימט געוואָרענער ביאַלער רבי ר׳ בעריש און ר׳ יאנקעלע, נאַשעלסקער רבי, זענען געווען איידעמס פון איין שווער.

אַז מיר רעדן שוין פון יחוס־שידוכים, מוזן מיר אויך דערמאָנען נאָך אַ וויכטיקן שידוך, כאָטש אין מתנגדישן סעקטאָר. דער מאָסקווער רב ר׳ חיים בערלין, דער זון פון ר׳ נפתלי צבי יהודה בערלין — הנצי״ב — וואָלאָזשינער, האָט זיך משדך געווען מיט דער באַרימטער ביאַלער משפּחה שחור, נעמענדיק די פּרוי טילע, ר׳ יצחק אייזיק שחורס טאָכטער פאַר אַ ווייב. הרב ר׳ חיים בערלין איז שוין דעמאָלט באַרימט געווען פון זיינע גרויסע רבנישע שטעלעס, וואָס ער האָט שוין געהאַט פאַרנומען. ער האָט געווינט אין ביאַלע און זיך נישט גע׳עוסקט אין רבנות. הפּנים, זייענדיק אַ רייכער איידעם האָט ער אין יענע יאָרן זיך פאַרבונדן מיט באַקאַנטע ספרים־הענדלערס און זיך איינגעשאַפט אַ רייכע רבנישע ביבליאָטעק. אין די יאָרן ווען ער איז, אַזוי צו זאָגן, געזעסן במנוחה אין ביאַלע און עוסק געווען אין תורה איז ער גערופן געוואָרן איבערצונעמען די פירערשאַפט פון דער באַרימטער וואָלאָזשינער ישיבה, וואָס האָט דורכגעמאַכט איר גרויסן קריזיס. לאַנג איז ער נישט פאַרבליבן אין וואָלאָזשין און ער האָט זיך באַזעצט אין ירושלים, ווו ער איז באַלד אָנערקענט געוואָרן ווי איינער פון די רבנישע פּערזענלעכקייטן דאָרט.

ווי שוין געזאָגט, איז ביאַלע געווען דורך און דורך חסידיש. מער פון דעם, ביאַלע האָט אין דער געשיכטע פון חסידיזם אויך געשאַפן אַ באַגריף. מיר מיינען נישט צו זאָגן, אַז ביאַלע האָט געשאַפן עטוואָס אייגנאַרטיקס ווי פּשיסכע אָדער קאָצק. קיין אייגענע שיטות האָט ביאַלער חסידות נישט באַוויזן צו שאַפן. דאָך האָט דער נאָמען ביאַלע געמיינט צו אונטערשטרייכן אַ צענטער, וואָס האָט געצויגן טויזנטער יידן פון פוילן צו וואַרעמען זיך אין דעם חסידישן פייער וואָס די רביים, וואָס האָבן זיך דאָרט באַזעצט, האָבן אָנגעצונדן.

דער ערשטער רבי וואָס האָט זיך באַזעצט אין ביאַלע אָדער ריכטיקער געזאָגט, דער ערשטער ביאַלער תושב, וואָס איז געוואָרן רבי און דאָרט געפירט רביסטווע איז געווען ר׳ בעריש לאַנדוי.

ר׳ בעריש, געבוירן בערך אין יאָר תק״פ, איז געווען דער צווייטער זון פון דעם טשעכאַנאָווער גאון און רב ר׳ אברהם לאַנדוי. ווי ס׳שיינט איז ר׳ בעריש געווען דער איינציקער צווישן ר׳ אברהם טשעכאַנאָווערס פינף זין (אַלע זענען געוואָרן חסידישע רביים), וועלכער האָט אין זיין יוגנט זיך נישט גע׳עוסקט אין חסידות און צו קיין רביים נישט געפאָרן. כאָטש ווי דעם פאָטער זיינעם, איז אויך אים חסידות נישט פרעמד געווען (ר׳ אברהם איז אין זיין יוגנט געווען ביי די רביים ר׳ בונם און ר׳ פישעלע סטריקעווער, אָבער ער האָט נישט גע׳עוסקט זיך אין חסידות און נישט גדאַוונט אַפילו דעם אָנגענומענעם נוסח ספרד פון די חסידים), האָט ער זיך אָפּגעגעבן בלויז מיט לערנען תורה.

ר׳ בערישעס שווער, דער גביר און חסיד ר׳ איטשע מאיר, וואָס האָט געהאַט אַ שענק אין ביאַלע, האָט זיין איידעם געגעבן קעסט. ווען ר׳ בעריש איז געוואָרן זעלבסטשטענדיק נאָך די קעסט, האָט ער אפילו נישט געטראַכט פון ווערן אַ רב ווי ס האָט געטאָן זיין פאָטער. ער האָט זיך גענומען צו מסחר און מיט אַ שותף געעפנט אַ בראָנפן־ברענעריי, און ער האָט זיך דערביי געמוטשעט, ביז ער איז אַרויס נקי פון זיין פאַבריק און איז געבליבן אַן אָרעמאַן. דעמאָלט האָט זיין אשת־חיל רחלע די רביצין איבערגענומען די זאָרג פון פּרנסה און געעפנט אַ שענק און ער איז געזעסן על התורה־ועבודה. ער האָט אָבער ביי זיך אָפּגעמאַכט צו פאַרברענגען יעדן טאָג עטלעכע שעה אין שענק, נישט חלילה אַרויסצוהעלפן זיין פרוי, נאָר אַכט צו געבן אויף די פּראָסטע יידן מיט וועמען ער פלעגט דעמאָלט פאַרברענגען, כדי זיי זאָלן נישט חלילה טרינקען אָדער עסן אָן אַ ברכה.

ווי אַזוי איז ער געוואָרן אַ חסיד? איינמאָל איז ער פאַרבעטן געוואָרן פון זיין פריינד ר׳ פייוועלע דאַנציג, גריצער רב, צו אַ ברית מילה. ר׳ פייוועלע איז געווען אַ סך עלטער פון אים און ער איז נאָך געווען פון דעם חוזה מלובלין, ר׳ יעקב יצחקס חסידים. נאָך דעם איז ער צוזאַמען מיט אַנדערע שאַרפע יונגעלייט אַוועק קיין פּשיסכע צום ייד הקדוש. נאָכן יידס פּטירה איז ער געוואָרן אַ חסיד פון ר׳ בונם פּשיסכער. נאָך דעם, פון ר׳ בונמס זון ר׳ אברהם משה, און ווען דער לעצטער איז נפטר געוואָרן איז ער געוואָרן ר׳ יצחק ווורקערס חסיד. ר׳ פייוועלע האָט גוט געקענט ר׳ בערישן און געוווסט זיין גדלות אין לערנען און אין מידות טובות. איז אים דעריבער געגאַנגען אין לעבן מקרב צו זיין ר׳ בערישן אי צו חסידות און אי צו זיין רבין ר׳ יצחק ווורקער. היות ווי זיין רבי האָט געזאָלט זיין סנדק האָט ער אים דערציילט פון דעם טשעכאַנאָווער רבס זון, וועמען ס׳איז כדאי מקרב צו זיין. ווי ס׳שיינט האָט ר׳ יצחק ווורקער געמאַכט אויף ר׳ בערישן אַ גרויסן רושם און ער איז געוואָרן איינער פון זיינע גדולי החסידים. אגב, ער איז געווען דער איינציקער ווורקער חסיד אין דער משפּחה, וואָרעם זיינע ברידער זענען געפאָרן צו ר׳ מענדעלע קאָצקער.

אין ווורקע האָט ער זיך בעיקר געחברט מיט ר׳ יצחקס צווייטן זון ר׳ מנחם מענדל, און ווען ר׳ יצחק איז נפטר געוואָרן איז ער געוואָרן די רעכטע האַנט פון ר׳ מענדעלע ווורקער.

ווי באַקאַנט איז ר׳ מענדעלע ווורקער געווען אַ מוראדיקער שווייגער, אַפילו זיין תורה זאָגן פלעגט באַשטיין פון קורצע זאַצן און זיינע חסידים, אַפילו די גדולי החסידים, האָבן מערסטנס נישט פאַרשטאַנען די תורה פון דעם רבין. זיי אַלע פלעגן אָנקומען צו ר׳ בערישן, אַז ער זאָל מסביר זיין דעם רבינס תורה. ר׳ מענדעלע אַליין פלעגט אָפט זאָגן בלשון חיבה: דער ביאַלער גנב ווייסט. ווען ר׳ מענדעלע איז אין

יאָר תרכ״ח נפטר געוואָרן, האָבן די ווורקער חסידים געמאַכט ר׳ בערישן פאַר זייער רבי און מנהיג. ער איז געבליבן וווינען אין ביאַלע און דאָרט געפירט דעם ווורקער דרך פון ר׳ מענדלען ביז תרל״ו, ווען ער איז נפטר געוואָרן. ער האָט געהאַט אַ גרויסן נאָמען און אַ סך באַרימטע חסידים, וואָס זענען אַליין געווען ראוי צו זיין רביים זענען געווען זיינע תלמידים. די באַרימטסטע פון זיי זענען געווען ר׳ יחיאל דאַנציג, אַ זון פון ר׳ פייוועלע גריצער, און גרינדער פון דער באַרימטער רביישער דינאַסטיע אין אַלעקסאַנדער ביי לאָדזש, ר׳ יאַנקל נאדריזינער וועלכער איז געווען ר׳ מענדעלעס איידעם און נאָך דעם אַליין געוואָרן רבי, דער שפעטערדיקער סקערניעוויצער רבי און ר׳ מענדעלעס זון ר׳ שמעון און אַנדערע גדולים.

נאָך ר׳ בערישעס פטירה האָבן די חסידים אויפגענומען פאַר זייער רבין ר׳ בערישעס תלמיד ר׳ יחיאל פון אַלעקסאַנדער (ביי לאָדזש). ר׳ בערישעס זין פלעגן פאָרן קיין אַלעקסאַנדער. נאָכן טויט פון ר׳ יחיאלן איז געוואָרן רבי זיין זון ר׳ ישראל יצחק, וועמען מ׳האָט גערופן „ישמח ישראל״, לויטן נאָמען פון ספר, וועלכן ער האָט מחבר געווען.

ווען דער בעל „ישמח ישראל״ איז נפטר געוואָרן, האָבן אַ צאָל חסידים אויפגענומען פאַר אַ רבין ר׳ אהרן לאַנדוי, ר׳ בערישעס זון. אַ צווייטער זון פון ר׳ בערישן, ר׳ אלימלך מנחם מענדל איז שפעטער געוואָרן סטריקאָווער רבי.

ר׳ אהרן לאַנדוי איז געוואָרן רבי אין יאָר תר״ע. די שמחה צוליב זיין הסכמה צו ווערן רבי איז ביי די אָנהענגערס פון ביאַלער הויף געווען אין לשער. מאַסן חסידים האָבן אָנגעהויבן קומען קיין ביאַלע און דעם גאַנצן וועג פון דער באַן אין שטאָט אַריין פלעגן זיי טאַנצן מיט התלהבות. זיין רביסטווע האָט אָבער נישט מאריך ימים געווען. אַרום פסח־צייט אינעם זעלבן יאָר איז ער קראַנק געוואָרן און דעם צווייטן טאָג שבועות איז ער נפטר געוואָרן אין וואַרשע. אין דער לויה, וואָס איז פאָרגעקומען אין וואַרשע, האָט זיך באַטייליקט אַן עולם פון אַ 50 טויזנט יידן.

נאָך זיין פטירה איז אויף זיין אָרט געוואָרן רבי זיין זון ר׳ מנחם מענדל. נאָך צוויי יאָר פראַווען רביסטווע אין ביאַלע איז ער אַריבער קיין וואַרשע. דאָרט איז ער ווייטער אָנגעגאַנגען ווי דער ביאַלער רבי, צו וועמען ס׳האָבן געצויגן חסידים פון אַ סך פוילישע שטעט. פערציק יאָר איז ער געזעסן און געשריבן תורה־חיבורים און דברי־חסידות. ביז איצט איז דערשינען בלויז דער ספר „שמש ומגן״, אַרויסגעגעבן אין ישראל דורך זיין זון ר׳ יחיאל לאַנדוי.

ר׳ מנחם מענדל איז נפטר געוואָרן אין ברוקלין, אין יאָר תרצ״ח.

אַ צווייט קאַפיטל געשיכטע אין ביאַלער חסידות האָט געשריבן אַ צווייטער באַרימטער רבי, ר׳ יצחק יעקב ראַבינאָוויטש. ער איז געווען פון גרויסן חסידישן יחוס, זייענדיק אַן אוראייניקל, בן אחר בן, פון דעם ייד הקדוש, וועמענס נאָמען ער האָט געטראָגן.

חסידים דערציילן: זיין פאָטער ר׳ נתן דוד דער שידלאָווצער רבי און ממלא־מקום פון רבין ר׳ ירחמיאל דעם יידס זון האָט אָנגעזאָגט, אַז ווען זיין ווייב וועט אים געבוירן אַ זון זאָל מען אים תיכף ווייזן דאָס קינד. דער טעם פון דעם איז געווען זיין הייסער באַגער צו רופן איינעם פון די קינדער אויפן נאָמען פון זיין גרויסן זיידן, דעם ייד הקדוש, היינו, יצחק יעקב. יעדעס מאָל, ווען זיין ווייב פלעגט אים געבוירן אַ זון האָט ר׳ נתן דוד אַ קוק געטאָן אויפן קינד און געזאָגט: „נישט ער״. און דאָס איז כדאי צו וויסן, אַז די אַלע זין פון נתן דודן זענען געווען באַרימטע גוטע יידן. ווען דער שפעטערדיקער ביאַלער רבי איז געבוירן געוואָרן און זיין פאָטער האָט אַ קוק געטאָן אויפן פנימל פון דעם רך הנולד, איז ר׳ נתן דודס פנים ליכטיק געוואָרן: „אָט מיין איך״, האָט ער אויסגערופן אַ באַגייסטערטער און ביים געבן דאָס קינד אַ נאָמען, האָט ער מיט גרויס שמחה אויסגערופן: „ויקרא שמו בישראל יצחק יעקב״.

ווייטער דערציילן חסידים: ר׳ נתן דוד פלעגט דאָס קינד מיטנעמען צו די רביים צו וועלכע ער פלעגט פאָרן, באַזונדערס צום זקן־הדור ר׳ יחזקאל קוזמירער, וואָס איז געווען פון די גדולי־התלמידים פון ייד הקדוש, און צום גרויסן צדיק און גאון ר׳ חיים צאַנזער. דערציילן די חסידים, אַז ווען דער קליינער יצחק יעקב איז אַלט געווען זיבן יאָר איז דער פאָטער געווען מיט אים ביים קוזמירער צדיק, און ווען דער צדיק האָט אַ קוק געטאָן אויפן קליינעם ייִנגעלע איז ער שטאַרק נתפעל געוואָרן פון אים און אַ זאָג געטאָן: „אַ גרויסער פוילישער רבי״. ענלעכס דערציילן חסידים פון ר׳ חיים צאַנזער, וועלכער האָט געזאָגט גרויסע שבחים אויפן יונגן קינד און אים אָנגערופן רבי.

נאָך אַ ייִנגל, ווערט ער אַ חתן מיט דעם איינציקן קינד פון ר׳ שיעלע אָסטראָווער, ביי וועמען ער לערנט גאָר אַ סך. נאָך זיין שווערס פטירה אין תרל״ג ווערט ער געקרוינט ווי אַ רבי, מיט דער הסכמה פון די גדולי־הצדיקים, באַזונדערס פון דעם גרויסן צדיק ר׳ יצחקל סכיזשער. ער ווערט גיך באַרימט ווי אַ גרויסער רבי. זיין חכמה און זיין מלכותדיקע הנהגה באַצויבערן חסידים. זיי זעען אין אים דעם יורש פון פשיסכע און לענטשנע, און נאָך עטלעכע יאָר אין אָסטראָווע באַזעצט ער זיך אין ביאַלע, ווו ער פירט זיין חסידות ביד־רמה, טויזנטער יידן ציען קיין ביאַלע פון גאַנץ פוילן.

אין חודש אדר תרס״ה ווערט ר׳ יאנקעלע ביאַלער קראַנק און זייענדיק אויף קוראַציע אין וואַרשע ווערט ער דאָרט נפטר. ער קומט צו קבורה אויפן וואַרשעווער בית־הקברות לעבן זיין שווער ר׳ שיעלע אָסטראָווער. כאָטש דער לעצטער האָט איבערגעלאָזט אַ צוואה מען זאָל קיינעם נישט קובר זיין פיר איילן אַרום אים, האָט מען דעם ביאַלער רבין, נאָך אַ ספעציעלן פסק־דין פון גדולי־הרבנים, יאָ מקבר געווען לעבן אים. דער פסק־דין איז אויפגעשריבן אויף דער מצבה.

ר׳ יאַנקעלע ביאַלער האָט איבערגעלאָזט פיר זין רביים און צוויי איידעמס אויך רביים. דער עלטסטער זון ר׳ נתן דוד האָט זיך באַזעצט אין פאַרצעווע און געוואָרן באַקאַנט ווי דער

פאַרצעוועך רבי. דער צווייטער זון איז געוואָרן ממלא־מקום אין ביאַלע, אָבער שפּעטער באַזעצט זיך דער ביאַלער רבי ר׳ מאיר שלמה יהודה — „משלי״ אין מעזריטש, לעבן ביאַלע און ווערט באַקאַנט ווי דער מעזריטשער רבי. דער דריטער זון ר׳ אברהמעלע ווערט רבי אין לובלין (מחבר פון „ספר ישועות אברהם״ על ספר בראשית, חלק ראשון, אַרויסגעגעבן דורך זיין זון אהרן נתן דוד ראַבינאָוויטש, לובלין 1934). דער יונג־סטער זון ר׳ הערשעלע ווערט באַקאַנט ווי דער שעדלעצער רבי, אָבער ער איז נפטר געוואָרן אַ יאָר נאָך זיין פּאַטערס פּטירה.

די עלטסטע טאָכטער מאַטעלע, וועלכע איז געווען אַ גרויסע צדיקת, איז געווען די פרוי פון דעם ראַדזימינער רבין ר׳ מענדל. ווען זי איז געשטאָרבן האָט מען צוגעלאָזט צו איר מיטה נאָר טבולי־יום. די צווייטע טאָכטער חנהלע איז די פרוי פון דעם סקערניעוויצער רבין ר׳ יאָסעלע (רב אין בני־ברק, ישראל), זון פון ר׳ שמעון סקערניעוויצער.

ר׳ יאַנקעלע ביאַלער איז דער מחבר פון די חסידישע ספ־רים: „דברי בינה״ אויף גאַנץ תורה און „ישרי לב״ אויף שבתים און יום־טובים.

אַזוי האָט ביאַלע פאַרצייכנט אַ וויכטיק קאַפּיטל פון גרוי־סע רבנישע און חסידישע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן גע־ווירקט דאָרט און פון דאָרט אַרויס באַלויכטן דעם הימל פון כלל־ישראל. לײדער איז דאָס אַזוי געווען אַמאָל. דער גרוי־זאַמער שונא, די דייטשן מיט זייערע שותפים, ימח שמם, האָבן חרוב געמאַכט דאָס בית ישראל אין פּוילן און אומעטום וווּ זיי האָבן געהאַט אַ שליטה, און צוזאַמען מיט זיי די קהילה קדושה פון ביאַלע פּאָדלאַסקע, גערופן אין אַלטע דאָקומענטן ביאַלאַ־דליטאַ און אויך ביאַלא גדול.

שמואל ת. הלוי רובינשטיין הרב בגבעתיים

לדמותו של הרב שמואל אריה ליב ז״ק זצ״ל הרב מביאלה*

„הרב הביאלאי״ (דער ביאַלער רב), כך היה מכונה בפי כל בני דורו שבמדינת פולין, שהזכירו את שמו ברטט ובהע־רצה, וכולם ידעו שהכוונה לאותו גאון ומקובל, צדיק ואיש מופת, הרב ר׳ שמואל ליב ז״ק, שכיהן בקהילתנו ארבעים ושתים שנה משנת תרנ״א עד ג׳ טבת תרצ״ב.

לא היה נואם, ולא איש־דברים, מעודי איני זוכר אותו שיעלה לבמה וידרוש, גם לא היה מגיד שיעור תורני באחד מבתי מדרשיה של עירנו, מעולם לא ראיתיו מרביץ תורה ברבים, ובכל־זאת היתה השפעתו ניכרת בעיר. שהרי כולם ידעו, שהוא גאון ושר התורה, מיחידי שרידי הדור, וביחוד החזיקוהו כבעל־מופת, אשר כל ברכה היוצאת מפיו עושה רושם לטובה, ומכל קצוי המדינה היו באים אליו לבקש ישועה ורח־מים, כי ידעו שרוח ה׳ בפיו, ומאוד חששו להקפדתו והשתדלו שלא להמרות את פיו, בכל דבר הנוגע ליהדות ולצרכי הדת, כי ידע המסרב שבנפשו הדבר, ולפיכך כל דבריו היו כגחלי־אש.

הוד של קדושה היה נסוך על פניו וזקנו הלבן, וכולו אומר אימה ויראה, אשר מרוב פחד ממבט עיניו החודרות, היו יראים לגשת אליו, ורק יחידי סגולה מבאי־ביתו היו מתווכים בינו ובין המעוניינים, שפנו לעזרתו ולעצתו. כאילו היתה מפסקת תמיד מחיצה של ברזל בינו לבין הציבור.

מתולדותיו ידוע לנו מעט מאוד, אולם גם הפרטים המע־טים המצויים בידינו, יש בהם כדי להעיד עדות נאמנה על גדולתו התורנית ואישיותו המקורית.

נולד לאביו ר׳ חיים ישראל בעיר הוראָדנא שבליטא בשנת תר״ז. אביו היה תלמיד־חכם ומגיד־מישרים בכמה קהילות ובאח־רונה בעיר טרספול, שע״י בריסק דליטא. שם ישב בנו הצעיר שמואל ליב ושקד על התורה, עד שיצאו לו מוניטין כה„עילוי הטרספולי״.

משם הריץ מכתבי שאלות־ותשובות לגדולי רבני דורו, והיה רגיל להחליף מכתבים עם הגאון רבי יוסף שאול נטנזון הרב מלבוב, שבחיבורו הגדול „שואל ומשיב״ מביא הרבה שאלות תורניות, ששאלו הרב שמואל ליב מטרספול. הרב הלבובי האמין לפי המכתבים, כאילו השואל הטרספולי הוא בוודאי הרב מטרספול, שכן היה הצעיר חותם: שמואל ליב ז״ק מטרספול; ולמעשה לא היה אז אלא נער בן שלוש־עשרה. ומסופר, כשאביו הדרשן היה הולך מעיר לעיר לדרוש, לקח פעם עמו את בנו שמואל ליב הצעיר והגיעו ללבובה. שם נכנסו לבית הרב ר׳ יוסף שאול להתוודע לפניו ולהכירו.

עם כניסתם, שאל הרב, מאין אתם? מטרספול, השיב האב. שאל הרב ומה שלום רבכם ר׳ שמואל ליב, שכנראה הוא למדן גדול וחריף גדול. כאן התערב הנער והעיר: ר׳ שמואל ליב אינו למדן גדול כל כך. מיד סטר לו הרב על לחיו, ונזף בו בגערה, על שהוא מעיז לפגוע בכבודו של רב ותלמיד־חכם. ולא יכול האב להתאפק עוד, ופנה לרב, ואמר: לאט לך רבי, בני זה הקטן, הוא־הוא הר׳ שמואל ליב המתכתב עמו בחידושי תורה. נהרו פני ר׳ יוסף שאול למראה „יניק וחכים״ זה והפ־טיר: כזה עוד לא ראיתי מימי.

במחיצתו של הרב הלבובי עשה העלם ר׳ שמואל ליב חד־שים אחדים, משם חזר לפולין דרך עיר ראדום, שם ראה אותו הג־און ר׳ יואב יהושע, בעל „חלקת יואב״ הרב מקינצק והשתקע עמו בדברי תורה, והחזיקו בביתו כמה שבועות. חסידי גור בראדום, שמעו מהרב ר׳ יואב יהושע, שהעלם הזה הוא בקי נפלא וחריף עצום, התחילו לספר לפניו על גדולתו של רבם רבי יצחק מאיר מגור בעל ה„חידושי הרי״ם״ והשתדלו בכל כוחם, שיסע לגור לקבל תורה מפיו. נכנסו הדברים ללבו, ונסע לביתו לבקש רשות מאביו המתנגד, שירשהו ללכת לרבי מגור, ומן השמים

* דער מאמר וועגן הרב ר׳ שמואל אריה ליב ז״ק, דער פאַרלעצטן רב אין ביאַלע, איבער 40 יאָר (1891—1932), ווערט געגעבן אין העברעאישן אָריגינאַל, ווי דער מחבר האָט צוגעשיקט.

היה, שאביו הליטאי נענה לבקשת בנו והוליך אותו אל הרבי מגור.

כשנכנס ר׳ חיים ישראל לקודש פנימה אמר לרבי מגור: „הבאתי את בני העילוי ללמוד תורה מפי כבוד קדושתו, אבל אין לי האפשרות הכספית להחזיקו כאן על חשבוני. השיב לו ה„חידושי הרי״ם: „כשאני מקבל אותו לידי לא יחסר לו כלום״ (ראה ב„רמזי דחכמתא״ של הרב זצ״ל בסוף הספר, מתולדות המחבר הרב זצ״ל, יצא לאור ע״י בנו ר׳ דוב בריש הי״ד).

בשנת תר״ך נתקבל העילוי הטרספולי כתלמיד למרן ר׳ יצחק מאיר מגור, ונתחבב עליו מאוד, ולמד יחד בצוותא עם נכדו הבחור ר׳ יהודה ארי׳ ליב בעל ה„שפת אמת״ זצ״ל, והיה נכנס בכל יום לקודש פנימה לקבל שיעורים קבועים מפי הרבי. כך המשיך בלימודיו עד בואו בברית הנישואין עם בתו של ר׳ משה יהודה ליב (אשר מנוחתו כבוד בירושלים) חתנו של הצדיק המפורסם ר׳ שלמה ליב מלנצ׳נה. בן דורו של הצדיק ר׳ שמחה בונם מפשיסכה. כשרבי שמואל ליב התארס עם נכדתו של הצדיק מלנצ׳נה, כבר לא היה הצדיק בחיים (הוא נפטר בשנת תר״ג), אולם בנו הצדיק ר׳ יהושע מאוסטרוב בעל „התולדות אדם״ ירש מקום אביו, והוא הבטיח מזונות לזוג הצעיר אחרי הנשואין, שיגור באוסטרוב בצל הדוד הצדיק. ומסופר על מכתב שנון שערך העילוי ר׳ שמואל ליב לדוד ארוסתו הצדיק מאוסטרוב, בו הוא מבקש לשלוח לו דמי כלכלה למשך ימי שבתו בגור כבחור ותלמידו של האדמו״ר מגור. והוא מנמק את בקשתו כדלקמן: בירושלמי ערלה פ״א, הלכה ג׳ נאמר: „מי שאוכל מלחם חברו בוש הוא להסתכל בפניו, והופך פניו לצד אחר, והנביא אומר: (ישעיה ל, כ) „והיו עיניך רואות את מוריך״ — הרי שחייב התלמיד להסתכל בפני רבו, ואיך אוכל להביט בפניו, בשעה שאני אוכל מלחמו ומוחזק מכיסו?״

אף הוא, דודו מאוסטרוב, השיב לו, ידועה תשובתו של אברהם אבינו לאורחיו (סוטה י. ב) „לאחר שאכלו ושתו עמדו לברכו, אמר להם: וכי משלי אכלתם, משל אלוקי עולם אכלתם, הודו וברכו למי שאמר והיה העולם״. מכאן — שלא לחמו של רבך אתה אוכל, אלא אני ואתה ורבך האדמו״ר מגור, כולנו משל אלוקי העולם אנו אוכלים״.

משבא הצעיר בברית הנשואין עם רעיתו יהודית שיינדיל היה מתגורר בצלו של הצדיק מאוסטרוב ואוכל מזונות על שולחנו יחד עם דודנו הרבי ר׳ יצחק יעקב רבינוביץ׳, שנת־פרסם אח״כ כאדמו״ר מביאלה הנקרא ר׳ יענקילה מביאלה, וידידות גדולה נתפתחה בין שני הדודנים (קוזינים) האלה.

באוסטרוב הוסיף האברך ר׳ שמואל ליב לשקוד על התורה ולעסוק בחסידות, במחיצת דודו, אולם גם אחרי הנשו־אין המשיך לנסוע לרבי מגור, וקיבל שיעורים ממנו עד לשנת פטירתו בתרכ״ו.

בשנת תרל״ט נתקבל לרב בעיירה קטנה וולודבקה ומשם עלה לכס הרבנות בשנת תרמ״ב בעיר שברשין, מחוז לובלין. בהשפעת דודנו ר׳ יענקילה מביאלה הוא נוסע לאדמו״ר המגיד ר׳ אברהם מטריסק. שם נסעו גדולי אדמו״רי הדור והרב משברשין מפורסם ביניהם כגאון עצום בקי בשני התלמודים. ומסופר שפעם אמר המגיד מטריסק תורה לפני שולחנו, והזכיר מאמר בשם הגמרא. לאחר ברכת המזון, שאלו יושבי השולחן זה את זה למקור המאמר התלמודי שהמגיד הזכיר בשם הגמרא. והיו ביניהם גדולי הדור, ולא ידעו למצוא את המאמר.

נכנסו לחדר המגיד ושאלוהו למקור המאמר בש״ס. אמר המגיד, צאו לבית המדרש ושאלו את הרב משברשין והוא יראה לכם המאמר, כי הוא בקי בש״ס מאין כמותו. הרב משברשין הראה להם תיכף את המאמר, לתמיהתם המרובה של השואלים הלומדים.

וידוע שהרב משברשין נתמנה ע״י המגיד מטריסק לבחון את נכדיו בשיעוריהם. לימים, כשהרבי ר׳ משה מרדכי מלוב־לין האדמו״ר מטריסק בא לביאלה לערוך שולחנות, ביקר אצל הרב והזכיר לו, שהוא נבחן על ידו בטריסק בהסתופפו בצל זקנו המגיד זצ״ל. זה היה בחורף שנת תר״ץ.

בשנת תרמ״ח נפטר רבה של ביאלה, הגאון ר׳ זאב נחום בורנשטיין אביו של הרבי ר׳ אברהם מסוכצ׳וב. ר׳ זאב בורנ־שטין היה מפורסם כגאון וחסיד גדול, מחשובי חסידי קוצק, ומחותנו של הרבי הזקן מקוצק. וקהילת ביאלה היתה מתפארת בו. עם מותו קשה היה לקהילתנו לבחור רב, שיהא ראוי למלא את מקומו בתורה וביראת שמים. שלוש שנים נשארה הקהילה בלי רב, עד שחשובי העיר נתנו עיניהם ברבי שמואל ליב ז״ק, רבה של שרבשין, למנותו כרב העיר. מסתבר מאוד, שחסידי האדמו״ר ר׳ יעקב מביאלה, שכאמור היה דודנו של ר׳ שמואל ליב, הם־הם שהשתדלו לבחרו כרבה של ביאלה, כי היתה להם השפעה ניכרת בעיר, וכנראה, שגם חסידי גור בביאלה שהיו בעלי דיעה העיקריים בענינים אלו, גם הם לא התנגדו למינוי זה, כי ידעו על רב גאון זה, שהוא תלמידו של ה„חידושי הרי״ם״, והאדמו״ר ה„שפת אמת״ הסכים מאוד למינוי זה, כי זכר את הרב מימי בחרותו בלמדם יחד בצוותא. ואמנם בשנת תרנ״א הופיע הרב בשערי ביאלה ותהום כל העיר לקראתו, כי שמע תורתו ויראתו הלך לפניו, כאחד הגדולים בארץ.

ביחוד השתעשעו עמו לומדי העיר ומופלגיה. ר׳ נח שחור (חותנו של האדמו״ר מגור זצ״ל) וחבריו העריצוהו מאוד בגלל תורתו וצדקתו, וזה עודד אותו לנהוג את נשיאותו ברמים ללא כל חנף ומשוא פנים.

אין פלא איפוא, שכל האטליזים היו כשרים למהדרין, שהרי ידע הקצב, אם הרב יתפסנו באיזה מכשול, מיד יקנסנו כדין ופרנסתו אבודה. וכן כשהופיעו לפניו בעלי דין לדין, היו עומדים לפניו ביראה ורעדה, ופסק־דינו נתקבל עליהם כמשפט האורים, אשר אין לערער אחריו כמלוא נימה.

פעם סיפרו לו שבאחת המספרות מגלחים בשבת מאחורי דלתות מוגפות, הלך הרב עם מלויו למקום המעשה והתפרץ לפנים ומצא את המגלחים בקלקלתם, מיד ברחו המתגלחים כשהסבון מסובן על פניהם, ונתן סטירה לספר על פניו, והוכיחו תוכחה נמרצת, הספר לא העיז עוד לחלל את השבת בצורה גסה.

גם גבאי בית הכנסת ובית המדרש הגדול לא הנהיגו שום מנהג חדש שלא בהסכמתו, והכל היו תלוי ועומד עד שיסכים הרב. זכורני, כשסיידו את בית המדרש הגדול בעירנו, ובכניסת הבית מעל הדלת צבעו צורת „מגן דוד״, שסימל אז את תנועת

הציונות והתחיה, מיד שלח הרב בידי השמש, להסיר את הסמל ולמחקו, כי אין להכניס רוח חדשה בבית המדרש הישן. מובן, שבאותו היום הסירו את הסמל הציוני מעל קיר ביהמ״ד, למ־רות הרהוריהם של הציונים במקום.

ברם למרות תקיפותו ועמידתו על דעתו, טוב לב ורך מזג היה מטבעו והיה חונן דלים ועוזר לכל נדכה וכושל, ביתו היה פתוח לעניים, ובתו הצדקנית מרת רחלה היתה מבשלת יום־יום ארוחות צהרים בביתו, ומחלקת בפקודתו לעניי העיר ולכל ארחי־פרחי.

ביחוד מפורסם היה הרב בהוראותו הקלה והנוחה ביחס למתענים בארבע תעניות הציבור. מאז ימי המלחמה הראשונה ואילך, היה ר׳ יואל השמש רגיל להכריז בבית המדרש בצום שבעה עשר בתמוז וכן בתשעה באב את ההכרזה הבאה: „בפקודת הרב אנשים חלשים לא יתענו כלל. אלה שקשה להם לצום, יאכלו בשעה 1 אחה״צ, ושוב ישלימו את הצום עד הערב״. בדבר זה היה יחיד בדורו והיה מפורסם בכל מדינת פולין, כרב המתיר לאכול בימי צום (כמובן, מחוץ ליום הכי־פורים).

אמרו, שהיה לו מקור לכך, דברי הריטב״א במסכת שבת סט, ב׳ האומר, שהאוכל בכל יום בריוח, הוא יכול לצום יום שלם ולא יסתכן, אבל מי שאוכל כל יום רק מזונות מצומצמים כדי חייו, אדם כזה סכנה היא לו לצום, שמא ימות, וכלשון הגמרא שם: „וההוא יומא לימות״. לאור דברי ריטב״א אלו, היה אומר הרב, היות ובימי המלחמה סבלו אנשים חרפת רעב ומזונותיהם היו מצומצמים ביותר, לפיכך יש מקום להתיר את הצום לאנ־שים חלושים ולהקל במקצת לאלה שהצום קשה להם.

ומעניין, שהרבי ר׳ מאיר יחיאל הלוי מאוסטרובצה זצ״ל, שהיה ידוע כמתענה ומחמיר על עצמו מאוד בעניני צום, פגש פעם יהודי מתושבי ביאלה וביקש ממנו לשבת על ידו, ולמסור לו בדיוק את לשון הכרזת הרב הביאלאי בענין התעניות כי אומרים עליו, שהוא מתיר לאכול בימי צום וכאילו מבטל הוא את גזירת „ארבע תעניות ציבור״ — כיון ששמע היטב את לשון ההכרזה, אמר ליהודי הביאלאי: „נחמתני, נחמתני, כי יש לו יסוד להקל בצורה כזו״.

בכלל היה הרב מקיל מאוד בשאלות „איסור והיתר״ כי היו לו כתפים רחבות בענין, בקיאותו בפוסקים והתמצאותו המקצועית בטיב השאלה עמדו לו להתיר שאלות קשות, שרבים היו מתלבטים בהן ביותר. בעירנו היה למדן אחד שישב כל הימים בבית החסידים ושקד על התורה (מפני כבודו לא אזכיר את שמו), ביחוד היה חוזר כל ימיו על שולחן ערוך, „יורה דעה״. פעם באה לפניו אשה לשאול על כשרותו של עוף. הלה בדק את השאלה והטריף את העוף. שתקה האשה, והלכה לשאול את הרב והכשירו. חזרה האשה בטענה אל הלמדן, למה הטרפת והלא הרב הכשיר! לקח הלמדן את ה„יורה דעה״ תחת זרועו, הלך אל הרב להתווכח עמו בנידון השאלה, שלדעתו העוף טריפה ודאי. כשפתח הלה את דבריו ניגש הרב לארון הספרים, והוציא ספר שו״ת „חכם צבי״ והראה לו, שב־ספר זה מפורש להתיר, ואסור לך לאבד ממונם של ישראל, והוסיף הרב לנזוף בו, שאם אין אתה בקי בפוסקים האחרונים, אסור לך להורות.

גם בעניני היתר עגונות, היה ידוע כמומחה גדול, וגדולי רבני הדור היו מבקשים ממנו את דעתו בנידון. הגאון ר׳ חיים סולוביצ׳יק, הרב מבריסק, הסמוכה לביאלה, היה מבקש הרבה פעמים את הרב לעיין בדינה של אשה עגונה שבאה לפניו ולהביע את דעתו הפסקנית, ותמיד הסכים לפסק־דינו, והיה אומר, אחרי הוראת הרב הביאלאי אין מה להרהר.

וסיפר מורי הגאון ר׳ מאיר שפירא זצ״ל, הרב מלובלין, שכשפרץ הסכסוך בינו לבין הרב יעקב מאיר בידרמן, גיסו של האדמו״ר מגור זצ״ל, בדבר קביעת קופסאות של צדקה לטובת ישיבת חכמי לובלין, שרבי יעקב מאיר, בתור נשיא „קופת ר׳ מאיר בעל הנס״ התנגד לכך, באמרו שזוהי הסגת גבול ועירער על הפצת הקופסאות הלובלינאיות. פנה הרב שפירא אל כל רבני קהילות פולין, וערך לפניהם קונטרס בהלכה, שאין בזה שום איסור, וביקש מהם הסכמתם בכתב ובחתימת ידם על הקונטרס.

כשאסף הרב שלש מאות חתימות על קונטרסו בא לפני הרבי מגור להראות לו דעת גדולי הרבנים להתיר. דפדף הרבי בין החתומים ולא הגיב כלום. כשהגיע לחתימת ידו של הרב הביאלאי, פסק מלדפדף עוד וקרא את גיסו ר׳ יעקב מאיר, והראה לו את חתימת הרב, ופסק: יותר אין צורך לעיין בקונטרס, שאחרי פסק־דינו של הרב מביאלה אין להשיב.

עד כמה היה ממשכן את נפשו לעזור לאומללים, אפשר ללמוד מ„היתר עגונה״ שהתיר לאשה עגונה להנשא, אחרי שהרבה גדולי ישראל לא מצאו שום מוצא להיתר. והוא חתר בבקיאותו בנגלה ובתורת הנסתר להתירה מכבלי העיגון, וזה תוכן העובדה. אשה אחת סבלה מאוד מבעלה החפשי בדיעות, עד שסוף סוף המיר את דתו, ולא רצה לתת לה גט. לימים טבע בים, ולא הוציאוהו מן הים. כשבאה האשה לפני בתי דין להתיר לה להנשא בתורת אלמנה, לא רצו חכמי הדור להתירה, היות ואין עדות שמת בים, אלא טבע, ושמא יצא מן המים כשהוא חי ואין אנו יודעים. עפ״י הדין המבואר בשו״ע אבן העזר סימן י״ז סעיף ל״ב: „ראוהו שנפל לים אפילו טבע בים הגדול אין מעידים עליו שמת, שמא יצא ממקום אחר״ כי הלכה היא: „מים שאין להם סוף אשתו אסורה״. האשה התדפקה על פתחי בתי דין ואין מי שיזדקק להתירה, עד שנתבקש הרב הביאלאי לעיין בדינה והוא פסק להתירה עפ״י ספר „הקנה״ המיוחס לספרי הקבלה, האומר, „מים שאין להם סוף״ — אפשר שהטובע ניצול ויצא מקצה אחר, ואנחנו לא ראינו, — כל זה באדם המאמין בקב״ה שאין לו סוף וגבול, יתכן שינצל, אבל הכופר בה׳ הואיל ואין הוא מאמין במי שאין לו סוף — אין לו תקוה ובודאי טבע ומת. והרב מוסיף לדון: שמא תחשוש שעשה תשובה בהיותו במים, גם כן אין לחשוש שמא ניצול הוא וחי, כי כבר אמרו (עבודה זרה י״ז, א׳) „כל הפורש ממינות — מת״. ולפיכך אשה זו מותרת להנשא על כל פנים, שבודאי בעלה כבר מת. וכשסיפר ר׳ מאיר שפירא זצ״ל על היתר זה, אמר, נימוק זה ודאי שהוא „מוזר״ מאוד, אבל בודאי לא שימש אלא סניף של היתר ליסודות הלכתיים אחרים עליהם סמך הרב הביאלאי בהיתרו.

נוסף על צדקתו וחסידותו יש לציין גם את פקחותו

המקורית, ותפיסתו המהירה שידע לגשת תמיד אל הענין, ישר ובצורה ברורה.

סיפר הר״ר מנחם רובינשטין מביאלה (אביו של הרב שמואל רובינשטין, הרב לקהילת פאריז), שפעם עלה אל הרב לבקש ממנו מכתב המלצה ושתדלנות אל אחד מפרנסי העיר. הרב כתב את המכתב, וכשהגיע לחתימתו סיים: „ידידו עוז״ וכו׳ ובינתיים ניתזו טיפות דיו על תיבת „ידידו״. חיפש הרב אולר לגרד את טיפות הדיו מעל התיבה. הצטער מאוד ר׳ מנחם שהרב טורח כ״כ בשבילו, והעיר, די רבי, אין צורך לגרד כ״כ הרבה. השיב לו הרב, שכחת רש״י מפורש, על מה שכתוב בתורה (בראשית ל״ג, ד) „וירץ עשו לקראתו... וישקהו״ — אומר רש״י: „נקוד עליו... לומד שלא נשקו בכל לבו״. מעתה, צא וראה, אם ישארו נקודות דיו על תיבת „ידידו״, יכול הפרנס לחשוב, שאינני „ידידו״ בכל לבי, לפיכך צריך לנקות ולהסיר היטב את הנקודות.

סיפר לי אחד מתושבי עירנו, שפעם בא אל הרב לבקש ממנו עצה איך יתנהג במסחרו היות וצפוי לו הפסד רב ואינו יודע לשית עצה בנפשו באיזה אמצעים לנקוט למנוע את ההפסד. הרב גמגם, ואמר מי אני, וכי סוחר אני לייעצך עצות מסחריות. אבל ההוא לא הרפה ממנו, פנה אליו הרב ושאלו, תפילין אתה מניח בכל יום? כן, ענה הנשאל. ותפילת מעריב אתה מתפלל בכל ערב? כאן גמגם הנשאל, ואמר כשיש פנאי אני מתפלל. מיד אורו פני הרב ואמר: אילו היית מתפלל מעריב ואמרת תפילת „השכיבנו״ שנאמר בה: „ותקננו בעצה טובה מלפניך״ כי אז היית מתוקן בעצה טובה. עכשיו, אתה מבקש ממני עצות. תבטיחני להתפלל מעריב בכל ערב, וה׳ יתקנך בעצה טובה מלפניו.

מפי זקנים שמעתי בילדותי, שהרב היה מפורסם מאוד בנעוריו כגאון תורני ומחדש עצום. אלא, שבאמצע מבחר שנותיו התמסר לתורת ח״ן (חכמה נסתרה) היא תורת הקבלה, והתחיל לעסוק בקבלה מעשית, עד שזה הזיק מאוד לבריאותו וגרם להפסקה פטלית למהלך לימודיו ולהתקדמותו התורנית בשטחי ההלכה ולימוד הנגלה.

ואמנם אני זוכר אותו מעודי שהיה מסוגר בביתו ועסק בספריו, ולעתים נדירות מאוד ראינו אותו מופיע ברחוב או בביהכנ״ס, ובכלל לא קל היה להתקבל אצלו בביתו, כי תמיד עסק בחדרו לפני ולפנים בתורתו, ובעיון בספרי קבלה, וחתנו ר׳ משה אוצ׳ן, ששימש מורה הוראה לעירנו, הוא היה מנהל את כל עסקי הרבנות במובן הציבורי. ורק בענינים דחופים היה חתנו משתדל להכניס אנשים לחדרו להטרידו מגירסתו.

אולם כל זה היה למראית עין בלבד, למעשה היה הרב עסוק מאוד במתן תשובות לשואליו בכתב, בדברי הלכה הנוגעים למעשה, כגון כתיבת גיטין, הכשרת מקוואות וכו׳ שפנו אליו מקהילות שונות שבסביבה הקרובה והרחוקה. ביחוד היה דן הרבה עם השו״בים וגער בקצבים, שלא ישנו שום דבר מהנוהג המקובל, והיה שומר על סדרי הכשרות שלא ישתנו כחוט השערה ממה שהונהג בקהילות קדושות מקדמת דנא.

כבר אמרנו, שבמהותו היה נוטה להקל בהוראה והיה חס מאוד על ממונם של ישראל. זוכרני, שבערב יום הכיפורים שחרית היה עומד ליד דלת חדרו, ותור ארוך של שואלי שאלות בעניני כשרות עופות משחיטת הכפרות היה מזדנב לפניו, כל אחד החזיק והציג את העוף הנידון לפניו, והוא רק הציץ על מקום השאלה ונענע בראשו כשר, כשר, במבטאו הליטאי המיוחד. ומעניין, שבאותו מעמד קדוש, לא שכחו הנשים השואלות לבקש מאת הרב שיברכן בשנה טובה ובפקודת ישועה. הרב ברכן, וזרזן לשוב מהר הביתה, כי עבודה רבה מחכה להן בבית, לקראת היום הגדול הממשמש ובא.

עם כל גדולתו בתורה, וידיעת ערכו העצמי היה מכניע עצמו לפני צדיקי דורו, והיה מזכיר עצמו לפניהם. כשהרבי ר׳ מנדלי לנדוי האדמו״ר מסטריקוב היה בא לעירנו ליום הלולת אביו הצדיק הרבי ר׳ בריש מביאלה החל בכ״ה סיון, היה הולך לאהל אביו עם קבוצת חסידיו, וליד הקבר היה מקבל פתקאות, בא נכדו של הרב, הבחור ר׳ שלמה אשר, בשם זקנו שביקש להזכיר שמו לפניו.

כמו־כן היה רגיל לשלוח פתקא לאדמו״ר מגור זצ״ל, למרות שהרבי מגור העריכו והעריצו במאוד מאוד.

בשנותיו האחרונות היה חולה מאוד במחלת הכיס והשתן, והיה סובל יסורים נוראים, ובכל זאת האירו פניו במאור עליון, כאילו יסוריו מזככים את נשמתו המאירה מעל פניו הקדושים.

בשכבו חולה בווארשה, היו גדולי הרבנים חרדים לבקרו, והיה מתנצל בפניהם, שיש לו ספק ברכה בברכת „אשר יצר״ הואיל ואין השתן יוצא מאליו אלא באמצעות צינור, ולחש למורי ורבי ר׳ מאיר שפירא, שהוא סובל מאוד מהספק־ברכה, שאין בידו להכריע, יותר מעצם כאב היסורים כשלעצמם. כשחזר מורי וסיפר הדבר לתלמידיו, היה מדגיש מתוך התפעלות מרובה עד כמה יראת חטאו של גאון וצדיק זה מגעת.

בשנת תרצ״א בט״ו בשבט חל סיום הש״ס למחזור הראשון של „דף היומי״ והרב מלובלין הכריז על מגבית־כסף בסכום של 27 זלוטי ושני גרושים כמספר הדפים שבש״ס תלמוד בבלי (שני אלפים ושבע מאות ושנים דף), והרב מביאלה שכב אז בווארשה בקליניקה של ד״ר פרישמן. בשמעו על הסעודות הגדולות שעורכים ביום סיום הש״ס לכבוד הסיום שלח הסכום הנ״ל אל בית החסידים דגור שברח׳ נאלבקי 19, וביקש לשלוח לו שיריים מסעודת מצוה זו, שלדעתו ערכה גדול מאוד, בשים־לב, שציבור גדול של לומדי תורה מסיים הש״ס בעת ובעונה אחת, הדבר עשה רושם מאוד על נדיבי וואַרשה, ורבים נמשכו אחריו ועשו כמותו.

בשבועות האחרונים לחייו חלה מאוד והוליכוהו לאוטבוצק שע״י וואַרשה, ובתו רחל׳ה היתה מתחננת לפניו, שיסעו חזרה הביתה, והוא השיב לה, שעדיין לא הגיע הזמן. עוד נסע, ורמז לה, שאחרי גמר ימי חנוכה יסע חזרה הביתה. ואמנם במוצאי ש״ק אור ליום ג׳ טבת שנת תרצ״ב יצאה נשמתו בטהרה אחרי ברכת ההבדלה, והוא בן שמונים וחמש שנה. פרנסי עירנו השתדלו להביאו מאוטבוצק לקבורה בעירנו, ומכל הסביבה התכנסו לחלוק כבוד לרועה הרוחני, שפירנס את עדת ישראל בקהילות קדושות, תקופה של למעלה משלש וחמשים שנה. בחורי ישיבת נובהרדוק ממזריץ׳ הסמוכה באו רגלי אל הלויה דרך של 25 קילומטר. כל רבני הסביבה באו להספיד לנפטר, במיוחד בא ר׳ מאיר שפירא הרב מלובלין עיר המחוז והוא עמד על גזוזטרתו של ר׳ יצחק ראדזינר (ברמן) ברח׳

הבריסקאי ונשא עליו הספד בקול נהי בכי תמרורים, כשלמטה עומדת כל העדה בת רבבה המרכינה ראש לקראת ארון רבם הצדיק והקדוש.

הרב שפירא קרא עליו את הפסוק: „ונר אלקים טרם יכבה ושמואל שוכב בהיכל ה׳ (שמואל א, ג, ג)" ואמר, אני מעיד על הרב הגדול מביאלה, שראיתיו כמה פעמים לפני פטירתו ופניו היו מרחפים בעולמות עליונים ובהיכלי מרומים, גופו סבל הרבה יסורים אבל רוחו וכל מעייניו היו נתונים ומכוונים בעולמות של קדושה, עולמות שאין להם כל קשר ושייכות עם עולמנו השפל והאפל, ונר אלקים — נרו ונשמתו של צדיק וגאון זה — טרם יכבה, עוד טרם כבה, היה שוכב ומרחף למעלה־למעלה, לא כאן, אלא „בהיכל ה׳", במחיצה של מעלה, מקומם של התנאים והאמוראים שרי התורה ושרפי קודש.

וכאן פנה המספיד אל פני הארון והכריז: רבה הגדול של ביאלה! מאוד דאגת לבני עירך, הקלת להם בימי צום ותענית, בידעך את חולשת גופם ובריאותם הרופפת. ידוע תדע, שישנם



תעודת קנין לכתיבת אות בספר התורה לזכרו של הרב מביאלה ר׳ שמואל ליב ז"ק ז"ל.

אַ קבלה אויף אַ געקויפטן אות אין דער ספר־תורה, וואָס איז געשריבן געוואָרן לזכרון דעם ביאַלער רב שמואל לייב ז"ק ז"ל.

Certificate aquiring the right to inscribe a letter in the Sefer Tora in memory of Rabbi Shmuel Leib Zack

היום הרבה בתים בישראל, שצמים בהם הרבה צומות לא מפאת חיוב תענית, אלא בגלל חוסר לחם, הם סובלים חרפת רעב מחמת המצוקה הנוראה השוררת בעירך ובכל ערי הסביבה. לפיכך תלך ותמליץ לפני כסא הכבוד, שהגיעה השעה להושיע את עמו ישראל, שלא יצטרכו לסבול עוד רעב ומחסור.

יהודי ביאלה, תדעו, שבארון הזה שאתם מלוים כעת, אינו שוכב גוף צנום של צדיק קדוש, אלא כאן מונח ספר תורה קדוש עם אותיות בוערות ונוצצות־אש, עמוד התורה ששימש אצלכם בקודש למעלה מארבעים שנה, אתם מלוים רב ורועה רוחני, שלא הניח כמותו בכל הדור הזה. הקהל געה בבכיה נוראה. מסע הלויה נמשך משעות הבוקר של היום השלישי ה׳ טבת, עד לשעות שלאחרי הצהרים תחת מטר של שלג, בבית הקברות הספידו האדמו"ר ר׳ משה ברוך מורגנשטרן, רבה של וולודבה, וכל הקהל מילא שק גדול של פתקאות שהניחו בקברו ליד גופו. חתנו המו"ץ ר׳ משה אמר כמה דברי הספד עם סתימת הגולל ונשתתק מרוב בכיה, כי לא יכול היה לגמור מרוב צער ואבל, בדומית אבל חזר הקהל לעיר, והפטיר: רב כזה לא יקום עוד בדורנו.

הרב הניח אחריו בן מופלג בתורה, החסיד ר׳ דוב בריש הי"ד, ושני חתנים: המו"ץ הרב ר׳ משה אוצ׳ין, מחסידי סטריקוב ור׳ חיים יחיאל ציטרינבוים, בתו הצדקנית רחל׳ה הי"ד, נכדים ונינים. נכדתו מרת אסתר יהודית אָלעי נמצאת בישראל, בבני־ברק, נכדו מר יעקב אוצ׳ין באמריקה, ונינו הרב אברהם מרדכי הרשברג, רב בשיקגו, שזקנו הרב זצ"ל עוד הספיק לבקש את הרב שפירא זצ"ל מלובלין, שיקבלהו לישיבת חכמי לובלין, כי הוא עלם כשרוני והוא יתום מאביו. ואמנם אחר מות זקנו בא העלם לישיבה, שם שקד והתמיד מאוד בלימודיו וחיבר ספר „מחשבת הקודש" על סדר קדשים, והוא נחשב כיום לאחד הרבנים המובהקים באמריקה.[1] אבל יותר מכל הניח הרב אחריו „שם טוב", אשר רק יחידים בדור זוכים לזה. בין גדולי רבני ביאלה ינון שמו לנצח.

---

[1] זאָגט זיין שיעור דער ראש ישיבה ר׳ יהודה אריה פראַמער, דער ווירדיקער יורש פון יונג־פאַרשטאָרבענעם רב און סענאַטאָר ר׳ מאיר שאַפּירא. זאָגט דעם דאָזיקן שיעור איבער פאַר אונדז דעם זעלבן אָוונט אויף דער סיום־סעודה אַ יונג בחורל — כמעט אַ ייִנגל. ער זאָגט אים איבער אויסנווייניק אינגאַנצן און שאָקלט דערביי זיינע בלאָנדע פּאה־לאָקן.

ווער וואָלט זיך דאָס געקאָנט ריכטן, אַז יענץ יונגע ייִנגל וועט זיך פאַרוואַנדלען אין היינטיקן הרב ר׳ מרדכי הערשבערג פון טשי־קאגא, ווּעמען איך האָב געהערט אין די אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדעס אין ווענעצועלא און קאָלאָמביע רעדן פאַר אַ געקליבענעם עולם וועגן דער גרויסקייט פון אַמעריקע און אירע ייִדן און וועגן זיין פריינד דעם וויצע־פּרעזידענט דיק ניקסאָן ?...

(ד"ר שאשקעס — „ביי די פאַרבליבענע ייִדן אין לובלין" — „לעצטע נייעס", נומער 1552, פון 5.2.60, ווו עס ווערט צווישן אַנ־דערן דערציילט וועגן סיום הש"ס אין יאָר 1938 אין דער „ישיבת חכמי לובלין").

צוגאב צום מאמר וועגן הרב שמואל אריה לייב ז״ק

דער ביאַלער רב האָט געהאַלטן, אַז ביי אַ דין־תורה צווישן אַ בעל־מלאכה און אַ סוחר, איז דער בעל־מלאכה מער באַגלייבט. אויך אַן אַרבעטער האָט ביי אים געוואָסן בעת אַ דין־תורה פון מער צוטרוי ווי זיין מייסטער.

אַ כאַראַקטעריסטישע דין־תורה איז פאָרגעקומען ביים ביאַלער רב: דער אָנגעזעענער גערער חסיד יחיאל הערש, אַ תבואה־סוחר איז אַמאָל פאַראָרעמט געוואָרן און נישט געהאַט קיין געלט צום האַנדל. האָט דער חשובער גערער חסיד משה לעדערמאַן צונויפגעזאַמלט צווישן די חסידים הונדערט רובל און געגעבן יחיאל הערשן, נישט זאָגנדיק אים, אַז דאָס איז אַן אונטערשטיצונג. אין אַ צייט אַרום האָט יחיאל הערש געוואָלט אָפּגעבן די הונדערט רובל, האָט משה לעדערמאַן געטענהט, אַז ער געדענקט נישט, אַז ער זאָל אים אַמאָל האָבן געבאָרגט געלט. דער ענין איז דערגאַנגען צו אַ דין־תורה פאַרן ביאַלער רב. דער פסק־דין איז געווען, אַז דער לווה איז מער באַגלייבט ווי דער מלוה. די הונדערט רובל זענען אַוועקגעגעבן געוואָרן לטובת דער תלמוד־תורה.

ווען איך האָב געדאַרפט אין מלחמה־צייט שטיין צום פריזיוו, האָט מיין פאָטער מיך אַרויפגעפירט צום רב, כדי צו בעטן פון אים אַ ברכה. דער רב האָט מיר געגעבן די האַנט און געזאָגט: „זאָלסט בשלום איבערקומען”.

אַ פּאָר וואָכן נאָך מיין צוריקקער אַהיים פון געפאַנגענשאַפט, ווען איך האָב געאַרבעט ביי גאַדל שלאָסער, איז אַריינגעקומען מענדל מוליער און מיר געבעטן פאַרריכטן ביים רב אַ שלאָס. איך בין אַוועק אַהיים, כדי אָנצוטאָן אַ טלית־קטן (ביאַלער וועלן זיך דערמאָנען, אַז דער רב האָט געהאַט אַ שוואַכקייט בודק צו זיין די ציצית) און איך בין אַוועק פאַרריכטן דעם שלאָס. דער רב איז בעת מיין אַרבעט געשלאָפן. אין אַ פּאָר שעה אַרום איז ווידער מענדל מוליער געקומען און מיך גערופן צום רב.

אַריינקומענדיק צום רב האָב איך אים געפרעגט צי ער האָט נאָך עפּעס צו פאַרריכטן. ניין, איז געווען זיין תשובה, ער וויל מיר בלויז באַצאָלן פאַר דער אַרבעט.

— רבי, צוליב דעם האָט איר מיך ספּעציעל נישט געדאַרפט רופן, אַדורכגייענדיק וואָלט איך אַרויפגעקומען.

— שכר יום טאָר מען נישט אויפהאַלטן נאָך דער שקיעה.

— זאָג מיר, ווער ביסטו יונגערמאַן? — האָט דער רב געפרעגט.

— פייוול לייבעלע מאיר פישטשאַצערס — איז געווען מיין תשובה.

— ווו ביסטו געווען אין דער מלחמה־צייט?

— אין געפאַנגענשאַפט.

— ביסטו כאָטש אַהיימגעקומען גאַנץ אויף אַלע אברים?

— יאָ. אַדאַנק אייך, אייער ברכה רבי, וואָס איר האָט מיר געגעבן אַ טאָג פאַרן צושטעלן זיך צום מיליטער.

— אַדאַנק השי״ת.

— שרגא־פייוול, ביסט אַ שלאָסער?

— יאָ.

— ביסט אַ גוטער שלאָסער?

— שייך צו זאָגן, איך בין אַ בעל־מלאכה עטלעכע יאָר שוין.

— קאָנסטו מאַכן אַ שליסל צו אַ שלאָס?

— יאָ, דאָס איז דאָך מיין פאַך. איך מאַך אויך שלעסער.

— קיין שלאָס דאַרף איך נישט. איך דאַרף אַ גוטן בעל־מלאכה צו מאַכן אַ שליסל צו אַ גוטן שלאָס.

— איך האָב נאָך נישט געהאַט קיין שלאָס, וואָס איך זאָל צו אים נישט קאָנען צומאַכן קיין שליסל.

— שרגא־פייוול, איך דאַרף האָבן אַ גוטן שלאָסער, וואָס זאָל קאָנען צומאַכן אַ שליסל צו די שערי־רחמים...

— רבי, אויף דעם זענט איר דאָך אַ בעסערער מעכאַניק פון מיר.

— ניין, יעדער ערלעכער ייד קאָן זיין דער מעכאַניק, ער דאַרף נאָר זוכה זיין דערצו.

פייוול גאָלד (ניו־יאָרק)

הרב ר׳ צבי הירשהורן*

(אחרון הרבנים בביאלה)

ר׳ צבי הירשהורן נולד בשנת 1900 בקאמיונקה־סטרומילובה, עיירה קטנה הסמוכה ללבוב, שנקראה באידיש: קאמינקה. אביו ר׳ שמואל היה סוחר זעיר, שהתפרנס בדוחק. בפרוץ מלחמת העולם הראשונה, ברחו הוריו ללבוב, בירת גליציה המזרחית. בימי זעם נתערער לגמרי מצב פרנסתם וסבלו מחסור ועוני. גם כתום המלחמה היה מצב החמרי של המשפחה, שנעקרה ממקומה ולא השתרשה במקום החדש, רעוע מאוד.

צבי היה בגיל של בר־מצוה בזמן שהוריו עברו ללבוב, וכבר התבלט בכשרונותיו, בשקידתו, באופיו של נער חולם, עדין ורב שאיפות. הוריו חסכו אוכל מפיהם כדי להעניק לבנם יחידם (היתה להם עוד בת) חינוך תורני מתאים אצל המלמדים הטובים ביותר, והוא הצליח בלימודיו. בלבוב נכנס לישיבה „מחזיקי לומדי תורה”, שהיתה נתונה להשפעתם של ראשי הישיבה, למעשה, הרב ברל קארניל והרב אהרן לינוואנד.

אולם תכונות נפשו של צבי הירשהורן, שהיה נקרא הירש קאמינקר (על שם עירו), לא התאימה לדרכה של חסידות בלז. הוא השתייך, לפי השקפותיו והלך מחשבתו, לחוג הנוער הדתי. לבסוף מצא את מקומו ב„צעירי אגודת ישראל” ובלימוד בקלויז של זידיצ׳וב שבלבוב, ששימש כעין בסיס ל„צעירים”. ממנו יצא צבי הירשהורן למרחב.

* דעם מאמר וועגן הרב ר׳ צבי הירשהאָרן, דעם לעצטן ביאַלער רב (1938—1939), ווערט געגעבן אין העברעאיש לויטן מקור, ווי מיר האָבן געפונען.

בקלויז זידיצ׳וב התרכזו מטובי הנוער החרדי הלומד, בראשותם של ר׳ גרשון הגדם העלוי, מוניא פולטוראק, ליפא גרשון ועוד, רובם חסידי הושיאטין, צ׳ורטקוב, בויאן, קופי־צ׳ניץ.

צבי הירשהורן למד שם בהתמדה ובביתו אף רכש לעצמו מקצת מן ההשכלה החילונית. במשך הזמן התארגנה קבוצת הצעירים שבקלויזים ב„צעירי אגודת ישראל", והירשהורן היה מראשי האירגון. מהיותו פעיל באגודת ישראל וקשור עם הרב ר׳ מאיר שפירא מלובלין נתקבל לחסידות צ׳ורטקוב, שהרי הרבי ר׳ ישראל פרידמאן מצ׳ורטקוב היה מראשי האגודה. הירשהורן נסע לצ׳ורטקוב בכל פעם שהרבי שהיה גר בוינא, היה מבקר שם. נסיעות אלה היו לו לחוויה עמוקה, הוא מצא בהרבי „משורש נשמתו", כביטוי החסידי, והשפעתו של הרבי עליו היתה רבה. והנה בא המפנה עם הופעתו בזלוצ׳וב בקיץ תרפ״ד בסיום מסכתא שנהפך לכינוס של צעירי אגודת ישראל, והוא יצא לזירה הארצית כאחד הכוחות העולים של תנועת האגודה בפולין.

הוא נשא לאשה את בתו של ר׳ נחום פלוהר, חסיד הושיא־טין מקראקא ועבר לגור שם. שינוי מקום זה הועיל לו הרבה בעבודתו הציבורית משום שקראקא סמוכה היתה יותר למרכז בוואַרשה מאשר לבוב. מאז היה מבקר לעתים יותר תכופות בוואַרשה והשתתף בועידות ובישיבות צעירי אגודת ישראל.

אולם פתאום נשתתק לגמרי. לא היה נראה בשום אסיפה של המפלגה ולא השתתף בשום פעולה. הוא ישב אז בקוברין ולמד תורה מפיו של רב העיר, הרב פסח פרוסקין, מגדולי התורה בליטא. שם השתלם בהוראה והוסמך לרב על ידי רבה של קוברין וגדולים בתורה אחרים.

בשנת תר״ץ נבחר לרב ביאבוז׳נו, במחוז קראקא. הוא שב לעבודתו ב„צעירי אגודת ישראל", השתתף בועידותיה האר־ציות, ונאומיו היו המאורע המרכזי בועידות אלה. הוא פירסם מאמרים בעתונות האגודאית: „דאָס אידישע טאַגבלאַט", „אָר־טאָדאָקסישע יוגנט בלעטער", „דרכנו", ועוד. והם הצטיינו בסגנון מלוטש, בשפה יפה ועשירה. כל מה שיצא מתחת עטו היה ספוג אישיותו, עם שכוחו כנואם היה גדול יותר.

בשנת תרצ״ב נבחר ליו״ר צא״י בפולין, ומאז עמד בראש התנועה וכיוון את דרכה. יחד עם הרב משה אפרים מושקוביץ מאוסטריק, נטע ירוחם ברלינר מלודז׳ ועוד, פעל למען הרבצת התורה בשורות הנוער האגודאי. המגמה היתה: לקיים את לימוד התורה, בשיעורים בישיבות קטנות, בראש פעולותיה של תנועת צא״י ולדחוק את העסקנות המפלגתית למקום שני, למקום המגיע לה, כאמצעי למטרה.

בכנסיה הגדולה האחרונה לפני השואה, בתרצ״ז, במא־רינבד הופיע הירשהורן בשם צא״י, בדרישה לפעולות יותר אינטנסיביות למען א״י. היתה זאת אגב, הופעתו הראשונה באסיפה עולמית של אגודת ישראל וכשרונותיו נתגלו במלואם. ניבאו לו אז גדולות והוא עדיין אברך צעיר, בתחילת דרכו, ובעצם שקידתו בהשתלמות עצמית.

עקב מחלוקת בקהילתו מצד מתחרה, החליט הירשהורן לעזוב את יאבוז׳נה כי נפשו העדינה היתה סולדת ממחלוקת, ועוד יותר מאמצעים שהשתמשו בהם יריביו. הוא נבחר בשנת תרצ״ח, לרב בעיר ביאלה פודלאסקה, עיר מלאה לומדים וחסי־דים, ורבנים מפורסמים שימשו שם. אבל מיד לאחרי עברו לקהילתו החדשה פרצה מלחמת עולם השניה.

הוא ברח על נפשו מפני הגרמנים ימ״ש ללבוב, מקום מגורו הקודם. הוא התגורר שם בימי הכיבוש הסובייטי ואח״כ בימי הכיבוש הגרמני.

עברו עליו כוס התמרורים של השואה. הוא ראה באבדן מולדתו, בהשמדת רבבות יהודים בעיר ואם בישראל לבוב. הוא ניצל מגירושים ראשונים בקיץ, ידידיו ומעריציו הסתירו אותו משך זמן מסויים, עד שנספה גם הוא במאי 1943, בגיל 42 שנה יחד עם היהדות המפוארת של לבוב.

עפ״י ספר „אלה אזכרה", כרך שני, ניו־יורק, המכון לחקר היה־דות החרדית (1957—1956).

רבי בעריש לאנדוי

דער ערשטער ביאַלער רבי איז געווען הרב הגאון הקדוש רבי בעריש לאַנדוי, אַ זון פון דעם גאון און צדיק רבי אברהמל טשעכאַנאָווער רב, צו וועלכן אַלע גאוני הדור האָבן זיך באַ־צויגן מיט גרויס יראת הכבוד. רבי בעריש איז געבוירן גע־וואָרן בערך אין יאָר תק״פ.

נאָך אין יונגן עלטער איז בעריש אַוועק צו די וווּרקער חסידים. דער וווּרקער רבי ר׳ יצחק האָט ר׳ בערישן מקרב געווען און איש שטאַרק געליבט.

דער וווּרקער חסיד ר׳ איטשעלע טענענבוים האָט דער־ציילט: ווען ר׳ בעריש איז נאָך געווען אין וווּרקע, האָבן מענטשן אים באַרעדט פאַרן פאָטער זיינעם, אַז ער, בעריש פאַרנאַכלעסיקט דאָס לערנען און פאַרברענגט אויף חברישע סעודות, ווי דאָס איז דעמאָלט געווען אָנגענומען צווישן די וווּרקער חסידים. איינמאָל, ווען ר׳ אברהמל טשעכאַנאָווערס אַלע זין האָבן זיך פאַרזאַמלט אויף אַ שבת כדי מקבל פנים צו זיין זייער פאָטער דעם צדיק, האָט ער יעדן איינעם פון זיינע זין גערופן צו זיך אין צימער און מיט אים געשמועסט. בערישן האָט ער נישט גערופן. בעריש האָט זיך אַרומגעדרייט אין פאָדער־צימער אַ פאַרזאָרגטער. ווען די מוטער האָט דערזען איר זון אַ פאַרדאגהטן האָט זי זיך נישט געקאָנט באַ־הערשן, זי איז אַריין אין צימער פון טשעכאַנאָווער צדיק און זי האָט אים צודרינגלעך אַזוי לאַנג געבעטן, ביז ער האָט סוף־כל־סוף אַריינגערופן בערישן. ער האָט מיט אים געשמועסט אַ צוויי שעה, און ווען ער איז אַרויס האָט דער טשעכאַנאָווער גאון זיך אָנגערופן צו די אָנוועזנדיקע: — איך האָב דאָך מיין זון אַ נאָמען געגעבן בער, ער איז טאַקע באמת אַ בער, אַ פאַרצוקער. זאָלן ברכות קומען אויף זיין קאָפּ.

ר׳ בעריש פלעגט זאָגן דברי תורה ביי אַ געגרייטן טיש אפילו אין דער וואָכנס, און די חסידים פלעגן שטעלן וויין, אַזוי ווי שבת און יום־טוב. איינמאָל איז ער געקומען קיין

טשעכאַנאָוו כדי צו באַזוכן זיין פאָטער, און מיט ר׳ בערישן זענען מיטגעפאָרן חסידים. אויך דאָרט, אין טשעכאַנאָוו האָט ער זיך געפירט ווי אין דער היים: ביי אַ געגרייטן טיש האָט ער געזאָגט תורה פאַר די חסידים. די טשעכאַנאָווער פאַרהערערס פון זיין פאָטער האָבן אויף דעם געקוקט קרום און זענען אַוועק צום פאָטער פאַרקלאָגן זיך אויף ר׳ בערישן. ווען ר׳ אברהמל טשעכאַנאָווער האָט דאָס געהערט, האָט ער זיך צו זיי אָנגערופן: — איך בעט אייך, גייט צו דער סעודה פון מיין זון און שטעלט אַ פלאַש וויין אויך אין מיין נאָמען.

ר׳ בעריש איז געוועזן רבי אין ביאַלע בערך 8 יאָר. דעם רבינס הויף האָט זיך געפונען אין דער קשיווער גאַס.[1] אין יאָר תרל״ו, כ״ב תמוז איז ער נפטר געוואָרן. ער האָט איבערגעלאָזט 5 זין: ר׳ אהרן, ר׳ שמחה־בונים, ר׳ איטשקע פון מלאַווע, ר׳ אלימלך מענדל פון וואָליע און ר׳ יקותיאל פון ווענגראָוו. זיי זענען ראוי געווען צו ווערן רביים, אָבער זיי האָבן נישט געוואָלט נעמען אויף זיך דעם עול פון אַ רבי. זיי האָבן מסכים געווען, אַז דער צדיק ר׳ יחיאל פון אַלעקסאַנדער, וואָס איז געווען פון ר׳ בערישעס חשובע תלמידים, זאָל ווערן דער ממלא מקום פון ר׳ בערישן.

צו דער לוויה פון ר׳ בערישן זענען קיין ביאַלע געקומען טויזנטער פון זיינע חסידים, פאַרהערערס און גדולי הזמן.

צו יעדער יאָרצייט פון ר׳ בערישן פלעגט פאָרקומען אַ הילולא. אין מיין זיידנס, ר׳ אהרן לאַנדויס, הויז אין ביאַלע פלעגן זיך פאַרזאַמלען זיינע ברידער, זין, אייניקלעך, חסידים און פאַרהערערס, כדי אָנטייל צו נעמען אין דער הילולא. די געשטאַלטן, וואָס האָבן זיך גוט איינגעקריצט אין מיין זכרון, זענען: די ברידער פון זיידן: ר׳ איטשקע פון מלאַווע, ר׳ יקותיאל פון ווענגראָוו, ר׳ מענדל אלימלך מנחם פון וואָליע (שפּעטער סטריקאָווער רבי); דעם זיידנס זין: ר׳ וואָווטשע, מיין פאָטער און ר׳ ישראל פון לאָדזש; די אייניקלעך: ר׳ מענדל שעדלעצער, ר׳ יעקב יצחק, קינעווער רב און ר׳ בעריש פון פּיעטרקאָוו; די זקני הדור: ר׳ ישראל פון ליניק, ר׳ דוד סאַנאַקער, ר׳ הירש לייב מינסקער, ר׳ משה כעלעמער פון וואַרשע, ר׳ ברוך מרדכי סאקאל פון בריסק, ר׳ ליפּע לוקאָווער, ר׳ ישראל יצחק לוקאָווער, ר׳ ישראל דוד פון לאָדזש און ר׳ נטע קאַמינסקי; די אנשי ביאַלע: מורה הוראה ר׳ משה אוטשען, ר׳ יחזקאל ערליך, ר׳ משה דער גרויסער, ר׳ משה דער קליינער, ר׳ אהרן סלאַוואַטיטשער, ר׳ אהרן זילבערבערג, ר׳ לייבע מעדניק, ר׳ ראובן און ר׳ יעקב שולמאַן, ר׳ חיים ליבערמאַן און ר׳ ישראל האָפער.

ר׳ נטע, ר׳ אהרן לאַנדויס שווער, פלעגט קומען קיין ביאַלע יעדעס יאָר צו דער הילולא. איינמאָל האָט ער נישט געהאַט קיין געלט אויף הוצאות, האָט ער פאַרקויפט זיין בהמה און איז געקומען. ווען ער איז דאָס צווייטע יאָר געקומען, האָט ער דערציילט, אַז ער האָט נאָך נישט געהאַט אַזאַ געבענטשט יאָר און שפע ווי אין פאַרגאַנגענעם יאָר.

די הילולא האָט זיך אָנגעהויבן פאַרנאַכט. אַלע פלעגן זיך פאַרזאַמלען אין פריוואַטן בית־המדרש, וואָס איז געבויט געוואָרן אין יאָר תרכ״ח, פאַר די צייטן פון רבין ר׳ בעריש (אויף דער קשיווער גאַס). די בית־המדרש־בחורים פלעגן אויסצירן דעם בית־המדרש מיט פאַרשיידנפאַרביקע לאַמטערנעס, אין וועלכע ס׳האָבן געברענט ליכט. פון די 16 בית־המדרש־פענצטער האָט זיך אַרויסגעריסן דאָס שיינע ליכט און באַלויכטן די גאַנצע געגנט. נאָך מעריב האָט מען געגעסן צוזאַמען אָוונט־מאָלצייט ביים זיידן אין שטוב. צומאָרגנס פרי, נאָך שחרית, איז מען אַוועק פון בית־המדרש אויפן בית־עולם צום אוהל פון ר׳ בערישן. דער דוחק אין אוהל איז געווען גרויס און אַ טייל חסידים און פאַרהערערס האָבן געמוזט וואַרטן אין דרויסן. דער אוהל איז געווען פאַרפלייצט מיט קוויטלעך. נאָכן זאָגן תהלים און „קדיש״ האָט מען זיך צוריקגעקערט אַהיים און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די סעודת־מצוה.

(אַרויסגענומען פון דער הקדמה, וואָס ס׳האָט געשריבן ר׳ יחיאל לאַנדוי, אַן אייניקל פון ר׳ אהרן לאַנדוי, צום ספר פון זיין פאָטער ר׳ מנחם מענדל לאַנדוי „שמש ומגן״).

אין ספר „תפארת ישראל״, פרימן, לייענען מיר וועגן ר׳ בערישן אָט וואָס:

„האדמו״ר האמצעי מווארקע ביקר פעם אצל האדמו״ר מקוצק בלווית תלמידו אדמו״ר מביאלא. בשבת קודש בבוקר, הוזמן האדמו״ר מביאלא אצל הרבי מקוצק לשתות קווה בצוותא עם גדולי תלמידי קוצק שהסתופפו בשעה זו בצל רבם. מדרכו של הרב מקוצק לפלפל במסיבות כאלו בההלכה, ועל פי רוב בדבר הרמב״ם. וחזר הרבי מקוצק על הקושיא הידוע של „משנה למלך״ (פ׳ י״ז מהל׳ שבת) למה לי קרא ד„תקריב״ לאשמעינן דמליחת קרבנות דוחה שבת, להא אין עיבוד באוכלין. הנוכחים תירצו מה שתירצו.

ואתה אברך, מה דעתך בזה — פנה ושאל הרבי מקוצק את האדמו״ר מביאלא. לפי דעתי לא קשה מידי — ענהו, — כי קרבנות שבת היו „עולות״ והראש לא הוי בכלל הפשט וניתוח והיו מולחין אותו על עורו, והעור יש בו משום מעבד.

אתם רואים — פנה הרבי מוקצק להמסובים — כך צריכים ללמוד (אַזוי הייסט געלערנט)״.

וועגן דער פטירה פון ר׳ בערישן איז אין דער „הצפירה״ נומ׳ 24 פון ו׳ תמוז תרל״ו 16(28)6.1876, פאַרעפנטלעכט געוואָרן פאָלגנדיקע קאָרעספּאָנדענץ:

„מעזריטש (אצל ביאלא) כ״ז סיון, יום השבת העבר היה יום חושך ענן וערפל לעדת עיר ביאלא הקרובה אלינו, כי ביום הזה קטף המות מאתה, את הרב הגאון הצדיק הרבי המפירסם הר״ר דוב בעריש לאנדא זצ״ל, בן הרב הגאון הצדיק וכו׳ הר״ר אברהם לאנדא זצ״ל מטשעכאנאווע. מכל עיר ועיר מקום אשר הבשורה הרעה הלזו הגיעה, נקבצו המון חסידים רב ויאתיו לעיר ביאלא ביום המחרת לעשות לרבם הכבוד האחרון; ביום אתמול הובל לבית מועד לכל חי בכבוד גדול מאד. גדולי החסידים נשאוהו על כתף, וירב בבת ביאלא תאניה ואניה. ה׳ ישלם נחומים לכם המתאבלים עליו, ואת עפרו יחונן. — י. ן״.

---

[1] ביים לינקן אַריינגאַנג אין ר׳ בערישעס הויף אויף דער קשיווער גאַס האָט זיך געפונען זיין ישיבה (פ. גאָלד, ניו־יאָרק).

רבי אהרן לאנדוי

בערך צוויי יאָר צייט האָב איך פאַרבראַכט אין הויז פון מיין זיידן ר׳ אהרן לאַנדוי, איידער ער איז געוואָרן רבי. איך וויל דאָ דערציילן עטלעכע עפּיזאָדן וואָס זענען געבליבן אין מיין זכרון.

ביז היינט שטייט פאַר מיר ווי לעבעדיק דאָס געשטאַלט פון מיין זיידן, וואָס האָט אַרויסגערופן צו זיך יראת הכבוד. בעיקר געדענק איך די צייט פון ערב־שבת ביז מוצאי־שבת אין זיין הויז. שבת האָט זיך ממש צו אים ווי באַהאַפטן אַ נשמה יתירה. זיין פּנים האָט געלויכטן ווי ביי אַ געטלעכן מלאך, בפרט ביים זאָגן „שלום עליכם" און ביים קידוש. איך בין נישט אומשטאַנד צו שילדערן די שיינקייט און פּראַכט פון זיין זיצן ביים שבתדיקן טיש. זיין אַנגענעמע האַלטונג בעתן עסן און טרינקען. זיין פּנים האָט געשמייכלט צו אַלע אַרומ־זיצנדיקע; ער פלעגט מיט אַלעמען שמיעסן, און שטענדיק געפונען אָנגענעמע ווערטער פאַר יעדן איינעם. זיינע שמועסן זענען געווען תמיד דורכגעפלאָכטן מיט דברי־תורה. נאָכן בענטשן האָבן זיך אַרום אים אַרומגעשטעלט אַלע קינדער און ער פלעגט זיי טיילן באַניקערן און טיילמאָל ניס, געזעסן און פאַרווילט זיך מיט אונדז.

אינדערפרי איז ער אויפגעשטאַנען, און נאָכדעם ווי ער האָט זיך פאָרבאַרייט צום שבת־טאָג, האָט ער געלערנט די פרשה פון דער וואָך, דעם מדרש און דעם זוהר. ביים דאַווע־נען האָט ער ממש באַגייסטערט אַלע, וואָס זענען געשטאַנען אין זיין מחיצה.

די מלווה־מלכה־סעודה מוצאי שבת, איז געווען אַן ענין פאַר זיך. דער זיידע האָט געזאָגט דברי־תורה און מ׳האָט געזונגען. די סעודה פלעגט זיך ציען ביז נאָך האַלבער נאַכט.

אין שטאָט האָט מען דעם זיידן גערופן ר׳ אהרן לאַנדוי, אָן שום צונאָמען, ווי דאָס איז געווען אָנגענומען אין די פּוי־לישע שטעט. מחוץ ביאַלע איז ער באַקאַנט געווען ווי ר׳ אהרן ביאַלער.

ער איז געווען אַ בעל־הדרת־פּנים. זיינע ווערטער זענען געווען געוויגן. ער האָט גערעדט בנחת, אָנגענעם און באַשיידן צו יעדן איינעם, קליין און גרויס. געווען אַ בעל־גמילות־חסדים, עוסק געווען אין הכנסת־כלה און געווען אַ מכניס־אורחים, וואָס האָט נישט געהאַט זיינס גלייכן. ס׳איז נישט גע־ווען קיין וואָך ס׳זאָלן נישט זיין קיין אורחים ביי אים אין שטוב. ער האָט זיך נוהג געווען אַליין אויסצובעטן די בעט פאַרן אורח. ער איז געווען אַ חבר אין דער חברה קדישא און פלעגט מלוה זיין פאַרשטאָרבענע.

פון די אָנגעזעענסטע אין שטאָט ביזן וואַסער־טרעגער פלעגן קומען זיך שואל־עצה זיין מיט אים. אין אַלע זיינע ווענן און מעשים זענען קאָנטיק געווען די באַשיידנקייט און אהבת ישראל.

ער איז געווען אַ מאַנופאַקטור־סוחר. דאָס געשעפט אויף דער בריסקער גאַס האָט געפירט דער אָרנטלעכער, באַגלייב־טער און איבערגעגעבענער ר׳ לייביש סאורימפער, מיט דער הילף פון דער באָבען. די איינקויפן אין וואַרשע און לאָדזש פלעגט מאַכן דער זיידע אַליין. ער פלעגט קומען קיין וואַרשע אין געשעפטלעכע ענינים. די ידיעה, אַז ר׳ אהרן ביאַלער איז געקומען, האָט זיך גיך פאַרשפּרייט און ס׳פלעגן זיך פאַר־זאַמלען מענטשן פון אַלע פאָלקס־שיכטן, כדי זיך מיט אים צו באַראַטן, איינער — צוליב אַן עצה אין מסחר, אַ צווייטער — אין משפחה־ענינים, אַ דריטער — כדי צו פרעגן וועגן זיין ווילזיין, און אַזעלכע, וואָס זענען געקומען צוליב נייגע־ריקייט. די טיר פון אונדזער שטוב, וווּ ער איז איינגעשטאַנען, האָט זיך אויף אַ רגע נישט צוגעמאַכט. מענטשן זענען געקו־מען און געגאַנגען, כדי זיי זאָלן האָבן די זכיה צו פאַרברענ־גען עטלעכע מינוט אין דער מחיצה פון ר׳ אהרן.

נאָך דער פּטירה פון רבין דעם „בעל ישמח ישראל", האָט אַ גרויסער טייל פון די אַלעקסאַנדער חסידים, אַ סך פאַרהע־רערס פון זיידן און אויך אַזעלכע, וואָס האָבן שוין פון לאַנג נישט געהאַט קיין שייכות מיט אַ רבין, געקרוינט דעם זיידן, קעגן זיין ווילן, פאַר זייער לערער און רבי. פון טאָג צו טאָג איז געשטיגן דער קרייז פון זיינע חסידים און פאַרהערערס. יעדן דאָנערשטיק פלעגט פון וואַרשע אַרויסגיין קיין ביאַלע אַ באַן מיט פול געפּאַקטע וואַגאָנעס חסידים פון זיידן; דעם גאַנצן וועג פלעגן זיי זינגען. אין דער קורצער צייט פון זיין רביסטווע זענען אַרומגעגאַנגען פאַרשיידענע לעגענדעס, וואָס זענען פול געווען מיט שבחים פאַר אים.

פון מיין פעטער ר׳ וואָווטשע האָב איך געהערט, אַז דער זיידע ר׳ אהרן האָט אין דער צייט פון זיין קראַנקהייט, ווען ער איז געלעגן אין אָטוואָצק, געזאָגט צו זיינע מקורבים:

— איך פאַרזיכער אייך, אַז איך וועל געזונט ווערן, אָבער בתנאי, אַז מ׳זאָל מיך לאָזן צורו, ווייל איך בין נישט אומ־שטאַנד צו טראָגן אַזאַ גרויסן עול.

זיין קראַנקהייט האָט געדויערט זיבן וואָכן, דעם צווייטן טאָג שבועות תר"ע איז ער נפטר געוואָרן.

זיין פּטירה האָט געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם אין אַלע קרייזן. די דעמאָלטיקע וואַרשעווער יידישע פּרעסע האָט געשריבן:

„דעם צווייטן טאָג שבועות תר"ע איז אין וואַרשע נפטר געוואָרן דער רבי ר׳ אהרן לאַנדוי פון ביאַלע. שוין פון אַ לאַנגער צייט האָט וואַרשע נישט געזען אַזאַ גרויסע לויה. העכער 50 טויזנט מענטשן האָבן זיך אין איר באַטייליקט. צווישן זיי די רבנים און רביים פון: סקערניעוויץ, אַמשינאָוו, ראַדזימין, נאָוואָמינסק, אָטוואָצק, סאָקאָלאָוו, טשעכאַנאָוו, ווענגראָוו, טאָמאַשאָוו, קראַשניק א"אַ, ווי אויך דער גאַנצער וואַרשעווער ראַבינאַט".

(אַרויסגענומען פון דער הקדמה, וואָס ס׳האָט געשריבן ר׳ יחיאל לאַנדוי, אַן אייניקל פון ר׳ אהרן לאַנדוי [היינט אין ישראל], צום ספר פון זיין פאָטער ר׳ מנחם מענדל לאַנדוי, „שמש ומגן").

האדמו״ר רבי יצחק יעקב רבינוביץ*

נולד י״ד טבת תר״ז כבן שלישי לאדמו״ר רבי נתן דוד משידלובצה, נכדו של „היהודי הקדוש״ מפשיסחא שבשמו נקרא.

חסידים מספרים, כי האדמו״ר משידלובצה היה רגיל להס־תכל בשעת ברית המילה בפני הבנים שנולדו לו, כדי לדעת אם לקרוא להם בשם זקנו „היהודי״, ורק את בנו השלישי, האדמו״ר מביאלא מצא ראוי להיקרא בשם זה.

עוד בילדותו ניכר בו כוח התורה וזקני האדמו״רים שבדור, ר׳ יחזקאל מקוזמיר, ר׳ חיים מצאנז ואחרים, כבדוהו מאד ואמרו עליו, כי עתיד הוא להאיר לישראל באור תורתו.

בגיל צעיר לקחהו הצדיק רבי יהושעלה מאוסטרוב, בעל „תולדות אדם״, בנו של הצדיק רבי שלמה לייב מלנצ׳נה, כחתן לבתו. חותנו זה היה גם רבו ומדריכו בקודש, והאדמו״ר מביאלא ראה את עצמו תמיד כתלמידו הנאמן של חותנו. את ספרו „ישרי לב״ קרא על שם חותנו.

אחרי פטירתו של האדמו״ר רבי יהושעלה מאוסטרוב בשנת תרל״ב, והאברך הצעיר ר׳ יצחק יעקב עוד לא הגיע לגיל של שלשים. בחרו בו החסידים של חותנו לרבם ומנ־היגם. הר׳ יצחק יעקב סירב לקבל עליו עטרה זו עד שרבי יעקב אריה מראדזימין, מזקני גדולי האמו״רים שבדור, כתב לו, כי חייב הוא לקבל את ההנהגה, כי ככה רוצים בשמים. ואז נענה הר׳ יצחק יעקב להפצרתם של החסידים ונעשה לרבם ומנהיגם.

גם בהיותו מנהיגם ורבם של אלפי חסידים היה נוהג לנ־סוע לזקן הצדיקים שבדור, המגיד הקדוש מטריסק, שחיבבו מאד. כשנשאל המגיד ע״י בניו למה הוא מקרב את הצדיק מביאלא יותר מכל צדיקי הדור, ענה להם: „אלה באים לבחון אותי והוא בא לשמוע אלי״.

צדיקי הדור, הרה״ק ר׳ יחיאל מאלכסנדר, הרה״ק ר׳ יעקב צבי מפוריסוב ואחרים היו ממעריציו. הגה״ק ר׳ יחיאל מאיר מגוסטינין, מגדולי תלמידי האדמו״ר מקוצק, על אף זקנתו ביקר אצלו כמה פעמים ואמר: „אילו היה בי כוח הייתי נוסע לצדיק זה בקביעות״. גם הרה״ק ר׳ ישראל מפילוב, נכדו של האדמו״ר מקוצק, העריצו ואמר עליו: „חכם עדיף מנביא״.

דרכו בעבודת ה׳ היתה אש פנימית, שחיממה את כל הקרובים אליו והמסתופפים בצלו. זו היתה דרכו בכל ימות השבוע ועל אחת כמה וכמה בבוא השבת. לפי ספורי זקני החסידים היו פניו ביום השבת פני להבים וקשה היה להסתכל בהם.

כדברי בנו הרה״ק ר׳ אברהם יהושע העשיל מלובלין בהקדמה לספר „ישרי לב״, הרגשתו המיוחדת של אביו בקדו־שת השבת באה לו, כפי ששמע מפיו, מפני שנולד ביום המ־קובל כיום שבו שיגרה השבת את איגרתא המפורסמת בשם „אגרת השבת״ לר׳ אברהם אבן עזרא, והוא י״א טבת, ולכן זכה לנועם שבת. והוא מסיים, שמדבריו למד כי שורש נשמתו חצובה מקדושת השבת וגם בצואתו מרגיש הוא שאת דברי תורתו המיוחדים לשבת ידפיסו לראשונה „כי בזה בטוחני שיהי הש״ק מליץ עלי יושר״.

דברי תורתו של האדמו״ר מביאלא בחלקם נאספו והוד־פסו בספרו בן ששה חלקים בשם „דברי בינה״ על התורה והמועדים ובספרו על עניני שבת „ישרי לב״.

ספריו המופלאים שהם אוצר בלום של רעיונות מקוריים והסברים לאמרות גדולי החסידות, שמבארם שתה ומתורתם דלה והשקה לאחרים כתובים בלשון צחה השוה לכל נפש ולעתים מקפל הוא רעיון עמוק בשורות ספורות בלשון מלי־צות כדי לעשותו מובן לכל. יסודות החסידות מוארים על ידו באור חדש ובדבריו מבאר הוא עיקרי החסידות ומבססם על בסיס מוצק כמו ההסבר בענין נסיעה לצדיקים, או בענין עריכת השולחן, „שירים״ וכדומה הכל מוצא את הסברו המלא והראוי.

היה מתנגד חריף ל„השכלה״ ובכל הזדמנות עורר את חסידיו להתרחק ממנה. את מלחמתו בכפירה לחם ללא פשרות וכמה מהאקטליות נשמרת בדבריו אלו שנכתבו בספרו „ישרי לב״ כי „מלחמת גוג ומגוג היא הכפירה בהשגחתו ית׳ ומה היא הדרך להביא ח״ו את ישראל לכפירה ע״י שילמדו לישראל חכמת החיצוניות שלהם ובאמת צריך כל איש ישראל לבקש ע״ז שינצל מפח יקוש וכמו שאנו רואים בעקבתא דמשיחא שהקליפה הזאת מתגברת בעוה״ר וכמה נפשות יקרות נלכדו ברשתם ע״י לימוד חכמות חיצוניות״. בפירושו לזמר „בני היכלא״ כותב הוא כי לכך תיקן האר״י ז״ל לומר בני היכלא בסעודה שלישית כיון שסגולת סעודה זו היא להנצל ממלחמת גוג ומגוג שזהו הכפירה במנהגי ישראל ובחז״ל ובזמר זה נאמר „לבר נטלין ולא עאלין הני כלבין דחציפין״ שהם המינים והכופרים.

הצדיק מביאלא חלה במחלה קשה בגיל העמידה וסבל ממנה קשות. במסירות נפש ממש ערך את סדריו כרגיל והמ־שיך לומר תורה במשך שעות למרות יסוריו הקשים. בשנת תרס״ה והוא רק בן חמשים ושמונה שנים נפטר.

השאיר אחריו את ארבעה בניו שהמשיכו את שושלת הקודש רבי נתן דוד מפרצבה, רבי מאיר שלמה יהודה לייב ממעזריטש, רבי אברהם יהושע העשיל מלובלין ורבי ירחמיאל צבי משעדליץ ואת שני חתניו רבי אהרון מנחם מענדיל מראַדזימין ורבי צבי קליש מסקרנביץ ובסוף ימיו אב״ד בני־ברק.

כשעלה הכורת על יהדות אירופה הונף גרזן הרשע גם על בית ביאלה ורבים נספו בשואה האיומה, בחסדי ה׳ נותר לפליטה נכדו בן־בנו רבי ירחמיאל צבי, הרה״ק רבי יחיאל יהושע הנוהג את אדמוריות ביאלה, בעיה״ק ירושלים והממ־שיך את שושלת הזהב של ה„יהודי״ הק׳ ורבי שלמה לייב מלנצ׳נה.

(עפ״י מאמרו של הרב ש. ח. פרוש בעתון „המודיע״ מס׳ 2634 מיום 6.4.1959).

* דער מאמר וועגן ביאַלער רבין ר׳ יצחק יעקב ראַבינאָוויטש, ווערט געגעבן אין העברעאיש לויטן מקור, ווי מיר האָבן געפונען.

די חברה קדישא

עס איז אָנגענומען, אַז די חברא־קדישא איז געגרינדעט געוואָרן גלייך ביים אָנהייב פון יידישן ישוב אין ביאַלע. פון דער אָפּהאַנדלונג „יידן אין ביאַלע" פון ד״ר הענדל, דערוויסן מיר זיך פרטים וועגן דער טעטיקייט פון אַזאַ חברה שוין מיט הונדערטער יאָרן צוריק. דאָ ווילן מיר צוגעבן עטלעכע פרטים וועגן דער חברה־קדישא פאַר די לעצטע 70—80 יאָר, אויף וויפל, פאַרשטייט זיך, ס׳איז איז אונדז געלונגען אַזעלכע פרטים צו באַקומען.

ליידער איז די טעטיקייט פון דער חברה אויפן סאָציאַלן געביט, אין די לעצטע צענדליקער יאָרן פון איר עקסיסטענץ, ווייט הינטערשטעליק געווען לגבי דער טעטיקייט פון דער חברה אין די פריערדיקע דורות. דאָס ווינציקע וואָס די חברה האָט געטאָן, איז, וואָס זי פלעגט פאַרטיילן אָרעמע חתנים צו דער חתונה טליתים און פאַרשטאָרבענע אָרעמעלייט האָט זי באַזאָרגט מיט תכריכים.

ביי דער חברה האָט זיך געפונען אַ פנקס, אָבער קיינער האָט קיינמאָל נישט געהאַט די זכיה אין אים אַריינצוקוקן. נאָך לאַנגע באַמיאונגען איז קוים געלונגען ביי די חברה־לייט צו פועלן, אַז זיי זאָלן לאָזן אין דעם פנקס אַריינקוקן דעם היסטאָריקער ד״ר מ. הענדל.

חול־המועד־פסח פלעגן געוויילט ווערן די גבאים פון דער חברה פאַרן קומענדיקן יאָר.

די חברה־קדישא פלעגט זיך פאַרזאַמלען צו קידושים און סעודות: אַלע ראש־חודש, אחרון של פסח, שמחת־תורה און ל״ג־בעומר. די עיקר־סעודה פלעגט אָבער געפּראַוועט ווערן ט״ו כסלו. אָט דעם טאָג פלעגן די חברה־לייט פאַסטן אַ גאַנצן טאָג און פאַרנאַכט זיך פאַרזאַמלען כדי צו זאָגן סליחות, וואָס האָבן געדאַרפט זיין אַ פאַרגעבונג אויף זייערע זינד, אויב בעת וועלכער עס איז קבורה האָבן זיי זיך נישט נוהג געווען כדין, און אפשר האָבן זיי, חלילה, פוגע בכבוד געווען אַן אַ בר־מינן. נאָך די סליחות פלעגט פאַרקומען די אמתע סעודה. אין אָט די סעודות פלעגן אָנטייל נעמען בעיקר די אַקטיווע חברה־לייט.

מיר ווילן דאָ פאַרצייכענען נעמען פון גבאים און חברים פון דער חברה אין די לעצטע 70—80 יאָר. פאַרשטייט זיך, אַז די רשימה איז נישט קיין פולשטענדיקע.

גבאים: משה טוביה סטאָליער, משה בערגשטיין, יהושע האָפּער (פייעס), ר׳ אהרן לאַנדוי, חיים פסח פארביאַק, צמח טוכמינץ, חיים לוי רובינשטיין, ישראל אָפּנהיים (איטשקע שייעס), יואל איצל לערנער (דער זעשענטש) א״אַ.

חברים: ישראל וויכנעס, ר׳ מענקע, משה האָפּער (פייעס), וועלוול זשיטאָ (גערופן וועלוול דאָקטאָר), מאיר קאַרמאַן, זעליג האָפּער (פייעס), דוד האָפּער (פייעס), ירחמיאל דער סופר, ירחמיאל דער קליינער, ישראל (מוליער) וויינבערג, וועלוול מאַס, מתתיהו משה באַטשקאַ, ברוך דוד דער שניידער, בערל באַטשקאַ, עוזיאל פייגנבוים (זילע סטאָליער), משה מלך זילבערבערג, מענדל טאָקאַרסקי, יואל שטראָמוואַסער, חנינא קאַשעמאַכער, משה אהרן פערל, דודל געלטמאַן, משה מרדכי געלטמאַן, יעקב שוחט, אידעלע איידלשטיין, דוווטשע (דוד) קיטיע, (צונאָמען), מענדל קיטיע (צונאָמען), דוד פּאָטשטאַרוק, יואל גרינגלאַס (שמש אין בית־המדרש), אליעזר ליבמאַן, חיים ליבמאַן, חיים ישעיהו דער שמש, קלמן ראָזנבוים, יחיאל ראָזנבוים, דוד פאַרצעווער, יהושע רובינשטיין, שלמה יוסף צוקערמאַן, יואל מאיר הייבלום (מלמד), שלמה חיים דער מלמד, ברוך יאַנקל בראָדאַטש, משה פּאָטשטאַרוק, ירוחם לייזערזאָן, דוווטשע פעסלס, בועז לוסטיגמאַן, יקיר כהן־צדק, צאַלקע אָפּנהיים (איטשקע שייעס), הערשל שיינבערג, מאָטל מינץ א״אַ.

אויפגענומען פון אלתר וויינבערג און אשר האָפּער.

בתי־קברות

דער בית־הקברות, וואָס האָט זיך געפונען אויפן בריסקער שאָסיי, איז וואַרשיינלעך נישט געווען דער ערשטער אין שטאָט. וואָליער יידן פלעגן תשעה־באב, ווי ס׳איז געווען דער מנהג אין שטאָט, גיין אויף קבר־אבות אין „זאַפּיע"־וואַלד, הגם פאַר אונדזערע צייטן איז שוין דאָרט נישט געווען אפילו קיין זכר פון אַוועלכן ס׳איז קבר.

דער בית־הקברות אויפן בריסקער שאָסיי האָט זיך לכתּחילה געהאַט געצויגן אויף איבערן נייעם־מאַרק, אָבער ביים מאַכן דעם שאָסיי וואַרשע—מאָסקווע, וואָס לויפט דורך דעם נייעם־מאַרק און האָט געדאַרפט דעם בית־הקברות איבערשניידן אויף צוויי טיילן, האָט מען עקסהומירט די ביינער פון די מתים און איבערגעטראָגן אויף דער רעכטער זייט פון בית־הקברות. דער בית־הקברות איז געווען אַרומגעצוימט מיט אַ געמויערטן פּאַרקאַן אין וועלכן ס׳איז געווען איינגעמויערט אַ שטיין מיט אַ העברעאישער אויפשריפט, אַז כהנים זאָלן דאָ גיין דערווייטערט פיר איילן פון גדר. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן די דייטשן צענומען דעם געמויערטן פּאַרקאַן.

מיט עטלעכע און זעכציק יאָר צוריק האָט מען נאָך דאָרט געקאָנט זען מצבה־שטיינער, וואָס האָבן געוויזן אויף דאַטעס מיט 130—140 יאָר צוריק. אויף אָט דעם בית־הקברות זאָל האָבן געפונען איר אייביקע רו די שוועסטער פון ש״ך, וועלכע איז צוזאַמען מיט איר ברודער אַנטלאָפן פאַר כמיעלניצקיס חיילות אין די יאָרן ת״ח—ת״ט און אויף זייער וועג אויך אָנגעשפּאַרט אין ביאַלע. (זע: ד״ר מ. הענדל: „יידן אין ביאַלע", קאַפּיטל ו. די קהילה און די אויסנוועלט).

נאָכן צענעמען דעם געמויערטן פּאַרקאַן האָט מען דעם בית־הקברות אַרומגעצוימט מיט אַ הילצערנעם פּלויט. די

קריסטלעכע באַפעלקערונג פלעגט אָבער סיסטעמאַטיש צע־
שטערן יעדן צוים אַרום בית־הקברות און פלעגט אַרויפטרייבן
אַהין צום פּאַשען זייערע בהמות און חזירים. אַלע אינטערווענצן
פון דער יידישער קהילה האָבן נישט געהאַט קיין דערפאָלג.
אין די לעצטע יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה איז
שוין נישט געווען קיין צייכן פון אַמאָליקן בית־הקברות.

דער לעצטער בית־הקברות זאָל האָבן געוואָרן פאַרלייגט
אָנהייב 19טן יאָרהונדערט (אלתר וויינבערג גיט איבער, אַז
שלום שמש וואָס איז געשטאָרבן בערך אין 1893, אין עלטער
פון אַ 90 יאָר, זאָל האָבן דערציילט, אַז ער געדענקט ווען
מ׳האָט קובר געווען דעם ערשטן בר־מינן אויפן דערמאָנטן
בית־הקברות). אין דעם שטאָט־פּלאַן, וואָס געפינט זיך אין דער
אָפּהאַנדלונג פון ד״ר מ. הענדל, און וואָס האָט אַ שייכות צום
געפלאַנטן געטאָ פאַר די ביאַלער יידן אין יאָר 1823, ווערט
דער יידישער בית־עלמין געצייכנט אויפן זעלבן אָרט, וווּ
ס׳האָט זיך געפונען דער לעצטער ביאַלער בית־הקברות.

דער בית־הקברות האָט געהאַט דעם אויסזען ווי אַ סך
אַנדערע בתי־קברות אין די פּוילישע שטעט: נישט געפלעגט
און פאַרוואָקסן מיט ווילד־גראָז. דאָרט האָבן זיך געפונען אָר־
הלים אויף די קברים פון: ר׳ בעריש לאַנדוי, ר׳ הערצל כהן,
הרב משה מיכל, ר׳ קלמן דיין (אַ קליינער אוהל) און הרב
שמואל לייב ז״ק.

די קברנים וועלכע מ׳האָט געדענקט אין שטאָט זענען
געווען: יעקב הערש, ברכיהו, וועלוועלע (אַ זון פון יעקב
הערשן), געשטאָרבן אין נאָוועמבער 1936. דער לעצטער קברן
איז געווען שאַלוימע (משמעות פון נאָמען שלמה).

אויך דער בית־הקברות האָט געטיילט דעם זעלבן גורל
וואָס דער פריערדיקער אויפן בריסקער שאָסיי. ער איז דורך
די דייטשן, בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, צעשטערט גע־
וואָרן און שפּעטער־צו איז ער פאַראַקערט און פאַרזייט געוואָרן.

נאָך דער נאַצי־אָקופּאַציע האָבן די לעבנגעבליבענע ביאַ־
לער עקסהומירט די ביינער פון די דערשאָסענע יידן, וואָס
זענען באַגראָבן געווען אויף פאַרשיידענע ערטער אין שטאָט
און זיי קובר געווען אין אַ ברידער־קבר אויפן צעשטערטן
בית־עולם. אויפן ברידער־קבר איז אויפגעשטעלט געוואָרן
אַ דענקמאָל, וועלכער איז אָבער נאָך אַ גאָר קורצער צייט
אויפגעריסן געוואָרן מיט דינאַמיט דורך די קריסטן.

אויפגענומען פון אשר האָפער, אלתר וויינבערג און לויט פרטים
פון אַ שריפטלעכער גבית־עדות פון גדליהו בראָווערמאַן.

די חסידישע ביאַלע אין דער ליטעראַטור

י. ל. פּרץ / צווישן צוויי בערג

פון בריסקער רב און ביאַלער רבין האָט איר אודאי געהערט, דאָך נישט אַלע ווייסן, אַז דער ביאַלער צדיק, ר׳ נח׳קע, איז פריער געווען דעם בריסקער רבס אַ תּלמיד מובהק, אַז ער האָט ביי אים געלערנט אַ שיינע פּאָר יאָר, און דערנאָך ערשט איז ער נעלם געוואָרן, אָפּגעהאַלטן אַ פּאָר יאָר „גלות״, און איז נתגלה געוואָרן אין ביאַלע.

און אַוועק איז ער מהאי טעמא: מען האָט געלערנט תּורה, נאָר די תּורה, האָט דער רבי געפילט, איז טרוקענע תּורה... מען לערנט, למשל, אַ דין פון שאלות נשים, פון בשר־וחלב, צי דיני ממונות... זייער וויל! קומט ראובן ושמעון האָבן אַ דין תּורה, קומט אַ משרת פרעגן אַ שאלה, אָדער אַן אשה האָט אַ שאלה, — קריגט באותה הרגע דאָס לערנען חיות, לעבט עס אויף און עס האָט אַ ממשלה אויף דער וועלט. אָבער אַזוי, אָן זיי, פילט דער רבי, אַז די תּורה, דאָס הייסט: דער גוף פון דער תּורה, דער נגלה, דאָס, וואָס עס ליגט פון אויבן אויף, איז טרוקן. נישט דאָס, האָט ער געפילט, איז תּורת חיים! — תּורה דאַרף לעבן! לערנען אַנדערע קבלה־ספרים האָט מען אין בריסק נישט געטאָרט. דער בריסקער רב איז געווען אַ מתנגד און בטבע אַ „נוקם ונוטר בנחש״. האָט עמיץ אָנגערירט אַ זהר, אַ פּרדס, פלעגט ער שעלטן, אין חרם אַריינלייגן! איינעם האָט מען געכאַפּט ביי אַ קבלה־ספר, האָט ער אים געלאָזט אָפּגאָלן די באָרד דורך ערלים! וואָס קלערט איר? דער מענטש איז יצא מדעתו געוואָרן, אין מרה־שחורה אַריינגעפאַלן. און, וואָס מער חדוש איז, עס האָט אים שוין קיין גוטער ייד נישט געהאָלפן! — איר שפּילט זיך מיטן בריסקער רב! און פונדעסטוועגן, ווי פאָרט מען עס אַוועק פון בריסקער רבס ישיבה??!

אַ צייט לאַנג האָט ער זיך טאַקע געשלאָגן מיט דער דעה.

נאָר איינמאָל האָט מען אים געוויזן אַ חלום. עס האָט זיך אים געחלומט, אַז דער בריסקער רב איז צו אים אַריינגעקומען און געזאָגט: קום, נח, וועל איך דיר פירן אין גן־עדן התּחתּון אַריין. און ער האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט און געפירט. זיי זענען געקומען אין אַ גרויסן פּאַלאַץ אַריין. אין פּאַלאַץ איז נישט געווען, נישט קיין טיר און נישט קיין פענצטער, אויסער די טיר, דורך וועלכער זיי זענען אַריינגעגאַנגען. ליכטיק איז דאָך אין פּאַלאַץ געווען, ווייל די ווענט, ווי עס האָט זיך דעם רבין געדאַכט, זענען געווען פון קריסטאַל און האָבן געשלאָגן פון זיך אַליין אַ ליכטיקן גלאַנץ.

און זיי גייען אַזוי, און גייען און מען זעט נישט קיין סוף.

— האַלט דיך אָן מיין יופּעצע, — מאַכט דער בריסקער רב — דאָ איז פאַראַנען סאַליעס אין לשער ואין לספר, און קוים רייסטו דיך אָפּ פון מיר, ווערסטו דאָ פאַרבלאָנדזשען אויף אייביק...

דער רבי טוט אַזוי, און זיי גייען ווייטער און ווייטער, און אויפן גאַנצן וועג זעט ער נישט קיין בענקל, קיין שום כלי־בית, גאָרנישט!

— דאָ זיצט מען נישט, — פאַרטייטשט אים דער בריסקער רב, — נאָר מען גייט אַלץ ווייטער און ווייטער! — און ער איז אים נאָכגעגאַנגען. און איין זאַל איז גרעסער און ליכטיקער געווען פון דעם צווייטן, און די ווענט האָבן געשיינט דאָ מיט דער, דאָ מיט אַן אַנדער קאָליר; דאָ מיט עטלעכע, דאָרט מיט אַלערליי קאָלירן... נאָר קיין מענטשן האָבן זיי נישט געטראָפן אויפן וועג...

דער רבי איז מיד געוואָרן גייענדיק. עס האָט אים באַגאָסן אַ שווייס, אַ קאַלטער שווייס. קאַלט איז אים אויך געוואָרן אין אַלע אברים. דערצו הויבן אים נאָך אָן די אויגן ווייז צו טון פון באַשטענדיקן גלאַנץ...

און עס איז אָנגעפאַלן אויף אים אַ שטאַרקע בענקשאַפט, אַ בענקשאַפט צו יידן, צו חברים, צו כל־ישראל! אַ קליינעקייט — מען זעט קיין ייד נישט פאַר זיך!...

— בענק נישט צו קיינעם, — מאַכט דער בריסקער רב — דאָס איז אַ פּאַלאַץ נאָר פאַר מיר און פאַר דיר... דו ווערסט אויך אַמאָל זיין בריסקער רב!

און דער רבי האָט זיך נאָך מער דערשראָקן און אָנגעכאַפּט זיך אָן דער וואַנט, נישט אומצופאַלן. און די וואַנט האָט אים אָפּגעבריט! נאָר נישט ווי פייער בריט, נאָר ווי אייז בריט!

— רבי, — האָט ער אַ געשריי געטאָן: — די ווענט זענען אייז, נישט קריסטאַל, פּשוט אייז!

דער בריסקער רב שווייגט.

און דער רבי שרייט ווייטער:

— רבי, פירט מיך אַרויס פון דאַנען! איך וויל נישט זיין אַליין מיט אייך! איך וויל זיין צוזאַמען מיט כל־ישראל!

און קוים האָט ער עס אַרויסגעזאָגט, איז דער בריסקער רב נעלם געוואָרן און ער איז געבליבן איינער אַליין אין פּאַלאַץ.

קיין וועג, ווי אויס און ווי איין, ווייסט ער נישט; פון די ווענט שלאָגט אויף אים אַ קאַלטער פחד; און די בענקשאַפט צו אַ ייד, צו דערזען אַ ייד, באַדיי אַ שוסטער, אַ שניידער, איז אַלץ ביי אים שטאַרקער און שטאַרקער געוואָרן. האָט ער אָנגעהויבן שטאַרק צו וויינען...

„רבונו של עולם, — האָט ער זיך געבעטן, — נעם מיך אַרויס פון דאַנען! בעסער אין גיהנום מיט כל־ישראל צוזאַמען, איידער דאָ איינער אַליין!”

און באותו הרגע, האָט זיך אים באַוויזן אַ פּראָסט יידל, מיט אַ רויטן בעל־עגלה׳שן גאַרטל אויף די לענדן און אַ לאַנגער בייטש אין דער האַנט. דאָס יידל האָט אים, שווייגנדיק, אָנגענומען ביים אַרבל, אַרויסגעפירט פון פּאַלאַץ, און איז — פאַרשווונדן געוואָרן. אַזאַ חלום האָט מען אים געוויזן!

אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פאַרטאָג, קוים וואָס עס האָט אָנגעהויבן גרויען, האָט ער זיך געשווינד אָנגעטאָן און געוואָלט לויפן אין בית־המדרש אַריין, לאָזן זיך פּותר חלום זיין פון די לומדים, וואָס נעכטיקן אין בית־המדרש. דורכגייענדיק דעם מאַרק, האָט ער אָבער דערזען אַ שטייענדיקע בויד, אַן איינגעשפּאַנטע גרויסע, פאַרצייטישע בויד, און ביי דער בויד איז געשטאַנען אַ בעל־עגלה, מיט אַ רויטן גאַרטל אַרום די לענדן, אַ לאַנגע בייטש אין דער האַנט, און פּונקט אַזאַ יידל, ווי דער, וואָס האָט אים אין חלום אַרויסגעפירט פון פּאַלאַץ.

שטויסט ער זיך אָן, אַז „דברים בגו”; גייט ער צו און פרעגט:

— ווּ אַהין פאָרט אַ ייד?

— נישט דיין וועג! — ענטפערט דער בעל־עגלה גאָר גראָב.

— פאָרט? — בעט ער זיך, — אפשר וועל איך מיטפאָרן!

דער בעל־עגלה האָט זיך אַביסל פאַרטראַכט און דערנאָך געענטפערט:

— און צו פוס, — זאָגט ער — קאָן אַזאַ בחור נישט גיין? גיי דיר דיין וועג!

— און ווּ אַהין זאָל איך גיין?

— ווּ די אויגן וועלן דיך טראָגן, — ענטפערט דער בעל־עגלה און דרייט זיך אָפּ, — מיין דאגה!

דער רבי האָט פאַרשטאַנען, און האָט זיך געלאָזט אין גלות אַריין!

ווי געזאָגט, נתגלה איז ער געוואָרן עטלעכע יאָר שפּעטער אין ביאַלע. (עד מפּי עד, ווי אַזוי עס איז געווען, דערצייל איך נישט, כאָטש עס איז מ׳יל און אויערן אויפצושטעלן!) און, לערך אַ יאָר נאָך זיין התגלות, האָט מיך אַ ביאַלער בעל־הבית, ר׳ יחיאל האָט ער געהייסן, אַראָפּגעבראַכט צו זיך פאַר אַ מלמד.

לכתחילה האָב איך אפילו נישט געוואָלט אָננעמען דאָס מלמדות. ר׳ יחיאל, מוזט איר וויסן, איז געווען אַן עושר, אַ פאַרצייטישער אָנגעשטאָפּטער עושר. די טעכטער פלעגט ער געבן צו טויזנט רענדלעך נדן און טון מיט די גרעסטע רבנים, און זיין לעצטע שנור איז געווען טאַקע דעם בריסקער רבס טאָכטער!

פאַרשטייט איר דאָך אַליין, אַז אויב דער בריסקער רב מיט דער רעשט מחותנים זענען חולקים, מוז ר׳ יחיאל אויך זיין אַ חולק... און איך בין דוקא אַ ביאַלער חסיד, נו — ווי לאָזט מען זיך אין אַזאַ הויז אַריין?

האָט עס מיך אָבער פאָרט געצויגן קיין ביאַלע! אַ קלייניקייט — מיטן רבין אין איין שטאָט! געקלערט אַהין, געקלערט אַהער, איך פאָר!

און ר׳ יחיאל אַליין, האָט זיך אויסגעוויזן, איז אַן אמת פּשוטער, כשרער ייד. איך בין אַפילו ערב, אַז זיין האַרץ האָט געצויגן צו אַ רבין ווי מיט צוואַנגען. וואָרעם באמת, קיין למדן איז ער נישט געווען, אויפן בריסקער רב פלעגט ער אודאי קוקן ווי אַ האָן אויפן בני אדם! ווערט ער מיך נישט צו האַלטן זיך אָן ביאַלער רבין, נאָר ער אַליין איז זיך מתרחק. אַז איך דערצייל עפּעס פון רבין, מאַכט ער זיך געגעצן, כאָטש די אויערן, זע איך, שפּיצט ער אויף, נאָר דער זון זיינער, דעם בריסקער רבס איידעם, דער קנייטשט איין דעם שטערן, קוקט אויף מיר מיט כעס און ליצנות צוזאַמען, נאָר שפּאַרען שפּאַרט ער זיך נישט; ער פלעגט בטבע ווייניק רעדן.

ויהי היום, — ר׳ יחיאלס שנור, דעם בריסקער רבס טאָכטער, דאַרף גיין צו קינד! דאַכט זיך, מאַלע אַ ווייבל גייט צו קינד? איז אָבער אַ מעשה דערביי! געוווּסט האָט מען, אַז דער בריסקער רב, ווייל ער האָט אַ חסיד אָפּגעגאָלט, דאָס הייסט: געהייסן אָפּגאָלן באָרד און פּאות, איז נזוק געוואָרן פון די צדיקי הדור. ביידע צוויי זין זענען אים, לא עליכם, במשך אַ פינף־זעקס יאָר, נפטר געוואָרן, און אַלע זיינע דריי טעכטער האָבן קיין בנים זכרים נישט געהאַט. דערביי איז נאָך יעדע פון זיי געווען, רחמנא לצלן, אַ מקשה לילד, בשעת מעשה געווען יעדעס מאָל מער דאָרטן ווי דאָ! אַז מען האָט אָבער מן השמים געוואָלט, עס זאָל זיין מחלוקת, האָבן אַלע געזען און געוווּסט, אַז עס איז אַן עונש פון די צדיקי הדור אויפן בריסקער רב. נאָר ער אַליין, מיט זיינע ליכטיקע אויגן, האָט עס נישט געזען! און אפשר — נישט געוואָלט זען! ער האָט ווייטער געפירט זיין התנגדות ביד חזקה — מיט חרמות, און תקיפות פון אנשי חיל, ווי אין יענע צייטן...

מיר איז גיטעלע (אַזוי האָט זי, דעם בריסקער רבס טאָכטער, געהייסן), באמת אַ שאָד געווען, זייער אַ שאָד געווען. ערשטנס — אַ יידישע נשמה; צווייטנס — אַ יידישע כשרע נשמה; עס איז נאָך אַזאַ צדקת, אַזאַ כשרע זאַך אויף דער וועלט נישט געווען...

קיין איינציקע אָרעמע כלה האָט אָן איר הילף נישט חתונה געהאַט; אַזאַ זיידענע בריאה! און דאָס דאַרף געשטראָפט ווערן פאַרן פאָטערס כעס! און דעריבער, אַזוי ווי איך האָב נאָר באַמערקט, אַז די באָבע הויבט זיך אָן דרייען אין שטוב, האָב איך שוין אָנגעהויבן אַרבעטן אויף אַלע כלים, מען זאָל שיקן צום ביאַלער רבין... זאָל זיין אַ קוויטל אָן אַ פּדיון, באשר — ער דאַרף נויטיק פּדיונות!...

דער ביאַלער האָט גאָר ווייניק געהאַלטן פון פּדיונות.

מיט וועמען אָבער רעדט מען?

איך פּרווו מיטן בריסקער רבס איידעם, און, איך ווייס — אַז ממש נפשו קשורה בנפשה, וואָרעם, ווי ער האָט זיך נישט באַהאַלטן, האָט עס דאָס שלום בית אַרייסגעשמעקט פון יעדן ווינקעלע, פון אַלע תנועות און העויות, — איז ער דאָך דעם בריסקער רבס איידעם! שפּייט ער אויס, גייט ער אַוועק און לאָזט מיר שטיין מיט אַן אָפן מויל.

נעם איך מיך צו ר׳ יהיאלן אַליין, ענטפערט ער מיר: עס איז דעם בריסקער רבס טאָכטער! איך וועל עס אים, דעם בריסקער רב, נישט טון, אפילו ביי סכנות נפשות. חס ושלום! פּרווו איך מיך מיט זיין פּלוניתטע, — אַ כשרע יידענע, נאָר אַ פּראָסטע, — ענטפערט זי מיר כהאי לישנא: זאָל מיין מאַן הייסן, שיק איך באַלד צום רבין מיין יום־טובדיקע שטערן־טיכל מיט די אוירינגלעך; אַ מטמון מיט געלט האָט עס געקאָסט! נאָר אָן מיין מאַן, נישט קיין פּחות משוה פּרוטה — נישט אַ פּיפּץ!

— אָבער אַ קוויטל... וואָס שאַד אייך אַ קוויטל?

— אָן מיין מאַנס וויסן, גאָרנישט! — ענטפערט זי, טאַקע ווי אַ כשרע יידענע דאַרף ענטפערן, און דרייט זיך אָפּ פון מיר און איך זע, אַז זי וויל נאָר באַהאַלטן די טרערן. אַ מאַמע! לב יודע — איר האַרץ האָט שוין געפילט די סכנה...

אַז איך האָב געהערט דעם ערשטן געשריי, בין איך אַליין געלאָפן צום רבין.

— שמעיה, — ענטפערט ער מיר, — וואָס זאָל איך טון? איך וועל מתפלל זיין!

— גיט מיר, רבי, — בעט איך, — פאַר דער יולדת, וואָס עס איז — אַ שמירהלע, אַ מטבע, אַ קמיעאַלע... וואָס עס איז גיט מיר...

— עס וועט, חס ושלום, ערגער מאַכן, — ענטפערט ער, — אָן אמונה שאַדן אַזוינע זאַכן, און זי האָט דערינען קיין אמונה נישט...

וואָס האָב איך געקאָנט טון? עס איז די ערשטע טעג סוכות, זי איז מקשה לילד, העלפן קאָן איך נישט, בלייב איך שוין בעסער ביים רבין אין שטוב, אַ בן־בית בין איך געוועזן, טראַכט איך מיר, איך וועל קוקן יעדע רגע מיט געבעט צום רבין, אפשר וועט ער זיך מרחם זיין...

הערן הערט זיך, אַז עס איז נישט גוט. דעם דריטן טאָג שטייען שוין די ווייען... מען האָט שוין אַלץ געטאָן, וואָס מען האָט געקאָנט: די שול איינגעריסן, קברים געמאָסטן, הונדער־טער פונט ליכט אויסגעברענט אין שול, אין בתי־מדרשים, היינט צדקה — אַ מטמון!... עס איז דען נאָכצודערציילן? אַלע קליידער־שענק זענען געשטאַנען אָפן; אַ באַרג מיט אַלערליי מטבעות איז געלעגן אויפן טיש, און אָרעמע לייט זענען אַריינגעקומען און גענומען, ווער עס וויל, וואָס ער וויל, וויפל ער וויל!

עס האָט מיך שטאַרק אָנגעכאַפּט דאָס האַרץ.

— רבי, זאָג איך, — עס שטייט דאָך: צדקה תציל ממות.

און ער ענטפערט מיר, שלא מין הטענה, דאַכט זיך:

— אפשר וועט קומען דער בריסקער רב!

און באותו הרגע קומט אַריין ר׳ יחיאל! צום רבין רעדט ער נישט, גלייך ער וואָלט אים נישט געזען, נאָר —

— שמעיה, — זאָגט ער צו מיר, און כאַפּט מיך אָן ביים לאַץ, — הינטן שטייט אַ פור, גיי, זעץ דיך און פאָר צום בריסקער רב, זאָל ער קומען...

און געפילט האָט ער שוין אַפּנים, און וואָס עס גייט, וואָרעם צוגעגעבן האָט ער:

— זאָל ער אַליין זען, וואָס עס טוט זיך! זאָל ער זאָגן וואָס צו טון!

און אַ פּנים האָט ער געהאַט, וואָס זאָל איך אייך זאָגן, — מתים זענען שענער פון אים!

מילא, פאָר איך! טראַכטן, טראַכט איך מיר, אַז אויב דער רבי ווייסט, אַז ער וועט קומען, וועט שוין עפּעס דערפון אַרויס! אפשר נאָך אַ שלום! דאָס הייסט: נישט צווישן בריסקער רב מיטן ביאַלער רבין, זיי אַליין האָבן קיין מחלוקת נישט געפירט, נאָר צווישן די צדדים בכלל! וואָרעם באמת, אַז ער וועט קומען, וועט ער דאָך זען! אויגן האָט ער דאָך!

נאָר מן השמים, אַפּנים, לאָזט מען אַזאַ זאַך אַזוי געשווינד נישט צו. מן השמים האָט מען מיט מיר מלחמה געהאַלטן. קוים בין איך אַרויסגעפאָרן פון ביאַלע, גיט זיך איבערן הימל אַ יאָג אַ כמאַרע, אָבער ווי הייסט אַ כמאַרע! אַ שוואַרצער שווערער וואָלקן, ממש ווי סמאָלע, און אַ בלאָז האָט פּלוצעם געטאָן, גלייך עס וואָלטן רוחות געפלויגן און פון אַלע זייטן מיט אַמאָל. אַ פויער, להבדיל, פאַרשטייט זיך אויף אַזוינע זאַכן, צלמט ער זיך און זאָגט, אַז עס וועט זיין, חס ושלום, אַ שווערער וועג, און ווייזט מיר מיט דער בייטש אין הימל אַריין... תוך כדי־דיבור מאַכט זיך אַ נאָך שטאַרקערער ווינט, ער צערייסט די כמאַרע, ממש ווי מען צערייסט אַ שטיק פּאַ־פּיר, און הייבט אָן צו יאָגן און צו טרייבן איין שטיק כמאַרע אויף דער צווייטער, איינע אויף דער צווייטער, גלייך ער וואָלט קריעס געטריבן אויף אַ טייך. איך האָב שוין איבערן קאָפּ צוויי שטאָק און דריי שטאָק כמאַרע. לכתחילה האָב איך אפילו קיין מורא נישט געהאַט: אויסגעגעצט ווערן איז ביי מיר קיין נייעס נישט געוועזן און פאַר דונערן שרעק איך מיך נישט. ערשטנס, דונערט נישט סוכות־צייט, און צווייטנס — נאָכן רבינס שופר־בלאָזן! מיר האָבן אַ קיימא־לן, אַז נאָך אַזאַ שופר־בלאָזן האָט אַ גאַנץ יאָר קיין דונער קיין שליטה נישט! אַז עס האָט אָבער ראַפּטום געגעבן אַ פּלאַסק מיר אין פּנים אַריין, ווי מיט אַ בייטש... איין מאָל, דאָס צווייטע מאָל, דאָס דריטע מאָל... איז מיר טאַקע דער מוטערס מילך אַנט־פאַלן! איך האָב געזען בחוש, אַז דער הימל פּאַטשט מיך, אַז מען טרייבט מיר צוריק!

און דער פויער, להבדיל, בעט זיך אויך: לאָמיר צוריק־פאָרן.

איך ווייס אָבער, עס איז סכנות נפשות, איך זיץ אויף דער פור, און, אינם שטורעם, הער איך, ווי די יולדת קרעכצט, ווי דעם בריסקער רבס איידעמס פינגער קנאַקן; ער ברעכט זיך די הענט; אויך זע איך פאַר מיר ר׳ יחיאלס שוואַרץ פּנים

מיט די איינגעפאַלענע, ברענענדיקע אויגן! פאָר, בעט ער מיך, פאָר — און מיר פאָרן.

און דאָ גיסט און גיסט, עס גיסט פון אויבן, עס שפּריצט פון אונטער די רעדער, און פון אונטער די פערדס פיס. און דער וועג ווערט אינגאַנצן פאַרגאָסן, ממש באַדעקט מיט וואַסער. איבערן וואַסער גייט אַ פּיענע, די פור, דאַכט זיך, הויבט שוין אָן שווימען — — וואָס זאָל איך אייך דערציילן? מיר האָבן נאָך דערצו געבלאָנדזשעט... נאָר אויסגעהאַלטן האָב איך!

מיטן בריסקער רב בין איך געקומען אויף הושענה רבה.

נאָר, דעם אמת צו זאָגן, אַזוי ווי דער בריסקער רב האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף דער פור, איז שטיל געוואָרן! די כמאַרע האָט זיך איבערגעריסן, פון שפּאַלט האָט זיך אַרויסגעוויזן די זון, און מיר זענען בשלום שיין און טרוקן אַריינגעפאָרן קיין ביאַלע. דער פויער, להבדיל, האָט עס אַפילו באַמערקט און געזאָגט אויף זיין לשון: ווועלקי ראבין, צי דוזשי ראבין!...

נאָר דער עיקר איז געוועזן אונדזער אַריינקומען!

ווי די היישעריקן זענען צו אים צוגעפאַלן די ווייבער, וואָס זענען אין שטוב געוועזן... כמעט אויפן פּנים זענען זיי פאַר אים געפאַלן און געוויינט... די יולדת פון דער צווייטער שטוב הערט מען נישט, אָדער דורכן געוויין פון די ווייבער, אָדער, טראַכט איך, זי האָט שוין, חס ושלום, קיין כּוח נישט צו קרעכצן... ר' יחיאל האָט אונדז אַפילו נישט געזען, ער איז געשטאַנען אַריינגעדריקט מיטן שטערן אין אַ שויב, דער קאָפּ האָט אים אַפּנים געברענט...

דעם בריסקער רבס איידעם, דרייט זיך אויך נישט איבער דערלאַנגען שלום, ער שטייט ביי דער וואַנט, און איך זע בחוש, ווי דער גוף זיינער ציטערט און ווי דער קאָפּ קלאַפּט אָן דער וואַנט!...

איך האָב געמיינט, איך פאַל! אַזוי האָט מיך דער צער און די שרעק דורך און דורך גענומען. עס איז מיר קאַלט געוואָרן אין אַלע אברים, איך האָב געפילט, אַז די נשמה ווערט אין מיר קאַלט!...

נאָר, צי האָט איר געקענט דעם בריסקער רב?

דאָס איז געוועזן אַ מענטש — אַן עמוד ברזל, זאָג איך אייך!

אַ הויכער, הויכער ייד, טאַקע „משכמו ומעלה"... אַן אימה האָט ער געוואָרפן, ווי אַ מלכות! — אַ ווייסע לאַנגע באָרד. איין שפּיץ, געדענק איך נאָך ווי היינט, האָט זיך אים אַריינגערוקט אונטערן גאַרטל, דער צווייטער שפּיץ־באָרד ציטערט איבערן גאַרטל...

ברעמען — ווייסע, דיקע, לאַנגע — אַ האַלב פּנים האָבן זיי אים פאַרשטעלט. און, אַז ער האָט זיי אויפגעהויבן — רבונו של עולם די נשים זענען ממש צוריקגעפאַלן, ווי פון אַ דונער צוריקגעוואָרפן, אַזוינע אויגן האָט ער געהאַט! — חלפים, בלאַנקע חלפים האָבן אין זיי געבליבצט! און אַ געשריי האָט ער געטאָן ווי אַ לייב: אַוועק, נשים!

דערנאָך האָט ער שטילער און איידעלער געפרעגט:

— און ווו איז מיין טאָכטער?

— מען האָט אים געוויזן.

ער איז אַריינגעגאַנגען און איך בין געבליבן שטיין ממש אַרויס פון די כלים: אַזוינע אויגן, אַזאַ בליק, אַזאַ קול עס איז גאָר אַן אַנדער דרך, אַן אַנדער וועלט! דעם ביאַלער רבינס אויגן לייכטן אַזוי גוט, אַזוי שטיל, עס קומט אַריין אַ חיות אין האַרץ; ער וואַרפט אויף דיר אַ בליק, האָט ער דיך מיט גאָלד באַשיט... און זיין קול, דאָס זיסע קול, דאָס סאַמעטן זיסע קול — רבונו של עולם, ביים האַרץ כאַפּט עס אָן, ביים האַרץ גלעט עס אַזוי שטיל, אַזוי מחיהדיק... נישט קיין מורא, חס ושלום, האָט מען פאַרן, נאָר די נשמה צעגייט אין ליבשאַפט, אין מתיקות פון ליבשאַפט. זי וויל אַרויס פון גוף און באַהעפטן זיך מיט זיין נשמה... זי רייסט זיך ווי, להבדיל, אַ זומערפליגעלע צו אַ העלער פלאַם!... און דאָ — רבונו של עולם: אימה ופחד! אַ גאון, אַ פאַרצייטישער גאון! און ער גייט אַריין צו אַ יולדת!

„ער וועט פון איר מאַכן, — שרעק איך מיך — אַ גל של עצמות!"

לויף איך צום רבין.

און דער רבי באַגעגנט מיך באַלד אין טיר מיט אַ שמייכל:

— האָסט געזען, — מאַכט ער, — כבוד התורה? ריינעם כבוד התורה?

איך האָב מיך באַרואיקט. אַז דער שמייכלט, טראַכט איך, איז גוט!

און עס איז טאַקע גוט געוועזן. שמיני עצרת איז זי איבערגעקומען. שמחת תורה האָט שוין דער בריסקער רב געזאָגט תורה ביים טיש. איך האָב געוואָלט ערגעץ אַנדערש זיין ביים טיש, נאָר איך האָב מורא געהאַט, בפרט, אַז מיט מיר איז געוועזן אַ מנין... מען וועט בענטשן נברך אלהינו...

מילא, וואָס זאָל איך דערציילן? דעם בריסקער רבס תורה? אויב די תורה איז אַ ים, איז ער געוועזן דער לויתן אין ים, — מיט איין תנועה גיט ער אַ שווים דורך צען מסכתות; מיט איין תנועה מישט ער אויס ש"ס ופוסקים! אַז עס הילכט און שפּריצט, זידט און קאָכט, טאַקע, ווי מען דערציילט פון אמתן ים... דעם קאָפּ האָט ער מיר צעשרויפט... נאָר „לב יודע מרת נפשו"! דאָס האַרץ מיינס האָט פאָרט נישט געהאַט קיין שמחת יום־טוב! און דאַמאָלט האָב איך מיך דערמאָנט אין רבינס חלום... און איך בין פאַרשטאַרט געוואָרן! די זון איז געלעגן אין פענצטער, ווייִן האָט ביים טיש נישט געפעלט, דער גאַנצער עולם, זע איך, שוויצט, און מיר? מיר איז געוועזן קאַלט, קאַלט ווי אייז! און דאָרטן, האָב איך געוווסט, זאָגט מען אַנדערע תורה... דאָרטן איז ליכטיק און וואַרעם... יעדעס וואָרט איז דורכגעוועבט און דורכגעווייקט מיט אהבה און דבקות... מלאכים, פילט מען, פליען אַרום שטוב; ממש מען הערט, ווי עס רוישן די גרויסע, ווייסע פליגל... אוי, רבונו של עולם! נאָר אַוועקגיין טאָר מען נישט

פּלוצעם, האַקט ער איבער, דער בריסקער רב, און גיט אַ פרעג:

— וואָס פאַר אַ רבין האָט איר עס דאָ?

— איינעם, אַ נח, — ענטפערט מען אים.

מילא, שנייד עס מיך ביים האַרץ! „איינעם, אַ נח" — אַך, די חנופה, די חנופה!

— אַ בעל־מופת? — פרעגט ער ווייטער.

— ווייניק, מען הערט נישט... ווייבער אַפילו דערציילן, נאָר ווער הערט זיי?

— ער נעמט אַזוי געלט, אָן מופתים...

זאָגט מען אים שוין דעם אמת, אַז געלט נעמט ער ווייניק און גיט אַ סך אַוועק.

דער בריסקער רב פאַרקלערט זיך.

— און לערנען קאָן ער?

— מען זאָגט — אַ גדול!

— פון וואַנען איז ער, דער נח?

קיינער ווייסט נישט, און איך מוז ענטפערן. מאַכט זיך שוין אַ שמועס צווישן מיר מיטן בריסקער רב.

— איז ער נישט, דער נח, אַמאָל פון בריסק געווען? — פרעגט ער.

— צי דער רבי — שטאַמל איך — איז געוועזן אין בריסק? דאַכט זיך — יאָ!

— אָ! מאַכט ער — אַ חסיד זיינער! און עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן ווי אויף אַ שפין.

און ער האָט זיך איבערגעדרייט צום עולם:

— ביי מיר, — זאָגט ער, — איז אַמאָל געווען אַ תל־מיד „נח"... אַפילו אַ גוט קעפל, נאָר עס האָט אים געצויגן אין יענער זייט אַריין — — איך האָב אים איין מאָל געזאָגט, צוויי מאָל... איך האָב אים געוואָלט זאָגן צום דריטן מאָל, מזהיר זיין, איז ער מיר נעלם געוואָרן... צי איז עס נישט דער?

— ווער ווייסט?

און ער הויבט אָן אויסמאָלן: אַ דאַרער, אַ קליינער, אַ שוואַרץ בערדל, שוואַרצע געקרייזלטע פאות, אַ פאַרטראַכטער אַ שטיל קול און דערגלייכן.

— עס קאָן זיין, — זאָגט דער עולם, — אַז דאָס איז ער; קרוב לאמת!

איך האָב שוין גאָט געדאַנקט, אַז מען האָט אָנגעהויבן בענטשן.

נאָר נאָך דעם בענטשן איז געשען אַזוינס, וואָס עס האָט זיך מיר גאַרנישט געקאָנט חלומען.

דער בריסקער רב הויבט זיך אויף פון בענקל, רופט מיך אַוועק אין אַ זייט און זאָגט מיר שטילערהייט: פיר מיך צו דיין רבין און מיין תלמיד. נאָר, הערסט, — קיינער זאָל נישט וויסן!

מן־הסתם פאָלג איך, נאָר אויפן וועג פרעג איך מיט שרעק:

— בריסקער רב, — זאָג איך, — מיט וואָס פאַר אַ כוונה גייט איר?

און ער ענטפערט מיר פשוט:

— עס איז מיר איינגעפאַלן ביים בענטשן, אַז איך בין ביז אַהער געווען אַ דן שלא בפניו... זען וויל איך, איך וויל אַליין זען, און אפשר — האָט ער שפּעטער צוגעגעבן, — וועט מיר גאָט העלפן, איך וועל אַרויסראַטעווען מיינס אַ תלמיד.

— ווייסט, שייגעץ, — מאַכט ער ווייטער מיט הלצה, — אַז אויב דיין רבי איז דער נח, וואָס האָט ביי מיר געלערנט, קען ער זיין אַ גדול בישראל, אַ בריסקער רב אַמאָל!

אַצינד האָב איך שוין זיכער געוווסט, אַז דאָס איז ער, און דאָס האַרץ האָט ערשט אָנגעהויבן צעפאַלן...

און די צוויי בערג האָבן זיך צוזאַמען געטראָפן... אַז איך בין אין דער מיט געבליבן אויפן אָרט, איז טאַקע אַ נס מן השמים.

דער ביאַלער רבי, זכרונו לברכה, פלעגט שמחת תורה אַרויסשיקן די חסידים שפּאַצירן אַרויס דער שטאָט, און ער אַליין איז זיך געזעסן אויפן גאַניקל, און געקוקט, און מקבל נחת געווען.

עס איז נישט געווען היינטיקע ביאַלע. עס איז געווען דאַמאָלט גאָר אַ קליין שטעטל. סאַמע קליינע, נידעריקע, גע־בויטע הייזלעך; אויסער דער שול מיטן רבינס בית־המדרש. דעם רבינס גאַניקל איז געווען אויפן צווייטן שטאָק און מען האָט פון גאַניקל אַלץ געזען ווי אויף דער האַנט — די בער־גלעך פון מזרח־זייט, דעם טייך פון מערב.... — — און דער רבי זיצט אויפן גאַניקל און קוקט. דערזעט עטלעכע חסידים, וואָס גייען און שווייגן, וואַרפט ער זיי אַראָפּ פון דער הויך אַן התחלה פון אַ ניגון. זיי כאַפּן אונטער און גייען שוין ווייטער זינגענדיק — — און כתות, כתות גייען פאַרביי, און לאָזן זיך אַרויס פון שטאָט, מיט געזאַנג, מיט אמתער פרייד, מיט אמתער שמחת תורה... און דער רבי פלעגט זיך נישט רירן פון גאַ־ניקל.

דאַמאָלט אָבער האָט דער רבי, אַפּנים, דערהערט אַנדערע טריט. האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז אַקעגן געגאַנגען דעם בריסקער רב.

— שלום עליכם, רבי! — מאַכט ער מיט ענוות און מיט זיין זיס קול.

— עליכם שלום, נח! — האָט דער בריסקער רב געענט־פערט.

— זיצט רבי!

דער בריסקער רב זעצט זיך און דער ביאַלער רבי שטעלט זיך פאַר אים.

— זאָג נאָר, נח! — מאַכט דער בריסקער רב מיט אויפ־געהויבענע ברעמען, — וואָס ביסטו עס אַנטלאָפן פון מיין ישיבה? וואָס האָט דיר דאָרטן געפעלט?

— עס האָט מיר, רבי, — ענטפערט ער געלאַסן, — אָטעם פאַרפעלט...

איך האָב נישט געקאָנט דעם אָטעם כאַפּן...

— ווי הייסט? וואָס רעדסטו, נח?

— נישט מיר, — פאַרטייטשט דער רבי מיט אַ שטילערן קול, — נאָר מיין נשמה האָט אָטעם פאַרפעלט...

— פאַרוואָס, נח?

— אייער תורה, רבי, איז סאַמע דין! אָן רחמים איז זי! אָן אַ פונק חסד איז אייער תורה! און דעריבער איז זי אָן שמחה, אָן פרייען אָטעם... סאַמע ברזל ונחושת, אייזערנע

חוקים, קופערנע דינים... און סאַמע הויכע תורה, פאַר לומדים, פאַר יחידי סגולה!...

דער בריסקער רב שווייגט און דער רבי זאָגט ווייטער: און זאָגט מיר, רבי, וואָס האָט איר פאַרן כלל ישראל? פאַרן האַלץ־העקער, פאַרן קצב, פאַרן בעל־מלאכה, פאַרן פּראָסטן ייד?... בפרט — פאַר אַ זינדיקן ייד? וואָס, רבי, האָט איר פאַר נישט לומדים?

דער בריסקער רב שווייגט, גלייך ער פאַרשטייט נישט, וואָס מען רעדט צו אים. און דער ביאַלער רבי שטייט אַלץ פאַר אים און זאָגט ווייטער מיט זיין זיס קול:

— זייט מיר מוחל, רבי, נאָר דעם אמת מוז איך אייך זאָגן... האַרט איז געווען אייער תורה, האַרט און טרוקן, ווייל זי איז נאָר דער גוף און נישט די נשמה פון דער תורה!

— די נשמה? — פרעגט דער בריסקער רב און רייבט זיך דעם הויכן שטערן.

— אוודאי! אַייער תורה, רבי, האָב איך געזאָגט, איז נאָר פאַר יחידי סגולה, פאַר למדנים, נישט פאַר כלל־ישראל. און די תורה מוז זיין פאַר כל־ישראל! די שכינה מוז רוען אויף כל־ישראל! ווארעם די תורה איז די נשמה פון כל־ישראל!

— און דיין תורה, נח?

— איר ווילט זי זען, רבי?

— תורה — זען? — וווּנדערט זיך דער בריסקער רב.

— קומט, רבי, איך וויל זי אייך ווייזן!... איך וועל אייך איר גלאַנץ ווייזן; די שמחה, וואָס שטראַלט אַרויס פון איר אויף אַלע, אויף כל־ישראל!

דער בריסקער רב רירט זיך נישט.

— איך בעט אייך, רבי, קומט, נישט ווייט!

ער האָט אים אַרויסגעפירט אויפן גאַניקל, שטילערהייט בין איך זיי נאָכגעגאַנגען.

דער רבי האָט דאָך דערפילט: — מעגסט נאָכגיין, — מאַכט ער, — שמעיה, היינט וועסטו אויך זען... דער בריסקער רב וועט אויך זען... שמחת תורה וועט איר זעען... איר וועט זעען אמתע שמחת תורה!

און איך האָב געזען דאָס אייגענע, וואָס אַלע שמחת תורה, נאָר איך האָב אַנדערש געזען... ווי אַ פאַרהאַנג איז מיר אַוועקגעפאַלן פון די אויגן.

אַ גרויסער, ברייטער הימל — ממש אין־סוף, און בלוי, אַזוי העל־בלוי איז דער הימל געווען, אַז עס האָט מחיה גע־ווען דאָס אויג. איבערן הימל זענען געשווומען ווייסע, ממש זילבערנע וואָלקנדלעך, און אַז מען האָט זיך אין זיי איינ־געקוקט, האָט מען געזען, ווי זיי ציטערן ממש פאַר פרייד, ווי זיי טאַנצן אונטער מיט שמחת תורה! הינטן ווייטער האָט אַרומגענומען די שטאָט אַ גרינער, ברייטער גאַרטל, אַ טונקל גרינער, נאָר דאָס גרינע איז געווען לעבעדיק גרין, אַזוי לע־בעדיק, גלייך עס וואָלט אַ „חיות" אַרומגעפלויגן צווישן די גראָזן; וואָס אַמאָל, האָט זיך געדאַכט, פלאַמט ערגעץ אַנדערש אויס אַ חיות, אַ געשמאַק, אַ לעבן; — מען האָט געזען בחוש, ווי די פלעמלעך שפרינגען און טאַנצן צווישן די גרעזעלעך... גלייך זיי האַלדזן זיי און קושן זיי...

און אויף די לאַנקעס מיט די פלעמעלעך האָבן זיך אַרומ־געדרייט כתות און כתות פון חסידים... די אַטלאַסענע און אַפילו די לאַסטינגענע קאַפּאָטעס האָבן געבלאַנקט ווי די שפיגל, די צעריסענע ווי די גאַנצע... און די פלעמלעך, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פון צווישן די גרעזעלעך, האָבן זיך געכאַפּט און געטשעפּעט אָן די שפיגלדיקע בגדי יום־טוב, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי טאַנצן אַרום יעדן חסיד, מיט התלהבות, מיט ליבשאַפט... און אַלע כתות חסידים האָבן געקוקט מיט ווונדערלעך דורשטיקע אויגן אַרויף צום רבינס גאַניקל... און די דורשטיקע אויגן, האָב איך געזען ממש בחוש, זויגן פון פון גאַניקל, פון רבינס פּנים, די ליכט, און וואָס מער ליכט זיי האָבן געזויגן, העכער געזונגען האָבן זיי... אַלץ העכער און העכער... אַלץ לוסטיקער, אַלץ הייליקער...

און יעדע כתה האָט זיך געזונגען איר נגון, נאָר אין דער לופט האָבן זיך די אַלע נגונים מיט די אַלע קולות אויסגע־מישט; און צום רבינס גאַניקל איז צוגעקומען איין זמר, איין נגון... גלייך אַלע זינגען איין זמר. און אַלע זינגען — דער הימל זינגט, די גלגלים זינגען, און די ערד פון אונטן זינגט, און די נשמה פון דער וועלט זינגט — — — אַלץ זינגט!

רבונו של עולם! איך האָב געמיינט, איך צעגיי אין מתיקות...

עס איז אָבער נישט באַשערט געווען.

— מען דאַרף מנחה דאַווענען! — האָט פלוצעם דער בריסקער רב אַרויסגעזאָגט שאַרף; און אַלץ איז פאַרשווונדן געוואָרן...

שטיל — — דער פאַרהאַנג איז מיר צוריקגעפאַלן פאַר די אויגן: אויבן — אַ פשוטער הימל, אונטן — פשוטע פּאַשע, פשוטע חסידים אין צעריסענע קאַפּאָטעס... אַלטע צעריסענע שטיקלעך נגונים... אויסגעלאָשן די פלעמלעך — איך קוק אויפן רבין, זיין פּנים איז אויך חושך — — —

זיי האָבן זיך נישט אויסגעגלייכט; דער בריסקער רב איז געבליבן אַ מתנגד ווי פריער; מיט דעם איז ער אַוועקגעפאָרן!

דאָך אַ פּעולה האָט עס געהאַט! גערודפט האָט ער שוין נישט. —

י. אפאטאשו ניו־יורק / דער ווורקער „שתקן"

(דאָס איז די לעצטע דערציילונג, וואָס אָפּאַטאָשו האָט פאַרעפנטלעכט אין „טאָג־מאָרגן זשורנאַל" עט־לעכע טעג פאַר זיין טויט).

ווורקער יידן האָבן נישט געדענקט אַזאַ קאַלטן שבט, ווי אינעם יאָר 1859. ס'האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אַזוינע פרעסט, אַז ס'וואַסער אין די שטובן איז פאַרפרוירן געוואָרן. און אַז ווורקער יידן זענען חמישה־עשר־בשבט געגאַנגען אין דער פרי דאַווענען, זענען די פייגעלעך געווען צוגעפרוירן צו די פלויטן. אַזוי גרויס איז געווען די קרירה.

אין אַזאַ פאַרנאַכט האָבן אַ מנין חסידים זיך געפונען ביים ווורקער רבי, ביי ר' מענדעלען אין בית־המדרש. טייל זענען געזעסן און געלערנט, טייל זענען געשטאַנען און האָבן זיך דערציילט מעשיות וועגן אַלטן ווורקער, וועגן ר' יצחקן ז"ל. דער יונגער משמש האָט געגרייט דעם רבינס טיש, וואָס איז שוין געווען צוגעדעקט מיט אַ ווייסן טישטוך. ער צעשטעלט טייטלען, באָקסער און פייגן. ער האָט אַוועקגעשטעלט אַ „גאָנשער" וויין.

ביים ברייטן אָפענעם קאַכעל־אויוון איז געשטאַנען דער גרייז־גרויער אבא, וואָס איז נאָך געווען משמש ביים אַלטן ווורקער. און כאָטש דער אבא האָט קוים געקענט דאַווענען, איז ער בקי געווען אין יעדער תורה פונעם רבין ר' יצחק. און אַז ר' מענדעלע קאָצקער האָט אַמאָל געפרעגט דעם חבר זיינעם, ר' יצחק ווורקער: „ווי פאַלסטו אויס צו נעמען דיר אַ משמש אַן עם־הארץ?" האָט אים דער ווורקער רבי געענט־פערט: „ווען איך וואָלט מיר גענומען אַ משמש אַ תלמיד־חכם, וואָלט ער דאָך געוואָרן אַן עם־הארץ, איז שוין בעסער צו נעמען אַן עם־הארץ, וועט ער זיך סוף־כל־סוף אויסלערנען רבישע שיחות־חולין".

דער זקן אבא האָט געלייגט אין אויוון אַריין העלצער, ס'זאָל זיין וואַרעם ביי דער חמישה־עשר־סעודה און האָט זיך צוגעזונגען מיט אַ האַרציק קולעכל:

„— — — נישט דאַווענען, נישט לערנען, אַבי דעם אייבערשטן נישט דערצערנען".

דאָ און דאָרט האָט אַ חסיד, וואָס האָט געהאַלטן אין מיטן לערנען, צי אַ חסיד, וואָס האָט זיך געטראָגן איבערן בית־המדרש אין גרויס דבקות, אויפגעכאַפּט דעם ניגון און שטיל מיטגעברומט:

— „אבי דעם אייבערשטן נישט דערצערנען".

פונקט דעמאָלט איז אין רבינס הויף פאַרפאָרן אַ בויד. פון דער בויד איז אַרויס ר' בעריש ביאַלער. דער ר' בעריש, דער גרויסער למדן און דער חשובסטער ווורקער חסיד, וואָס איז אַליין געווען אַ שטיק רבי, געהאַט אויך אייגענע חסידים, איז געפאָרן דאָ צום קאָצקער, דאָ צום ווורקער, איז געווען אין ביידע הייף אַן אייגענער מענטש.

פון דער קעלט איז ר' בעריש ביאַלער אַריין אין בית־המדרש נישט טויט, נישט לעבעדיק. דער זקן אבא איז אים אַנטקעגנגעקומען מיט אַ פלעשל י"ש:

— אין דרויסן ברענט, ר' בעריש ביאַלער, האַ?

— סכנת נפשות, — האָט ר' בעריש אַראָפּגעשלעפּט די אייז־ליכטלעך פון באָרד און פיאות און האָט גענומען קומען צו זיך נאָכן צווייטן גלעזל בראָנפן. — הערסט, אבא, זאָג דעם רבין, אַז כ'דאַרף אים שוין זען.

כ'גיי שוין, ר' דוב בעריש.

חסידים וואָס האָבן געהאַלטן ר' בעריש ביאַלער פאַר אַ שטיק רבי, האָבן אים אַרומגערינגלט מיט גרויס דרך ארץ, געגעבן שלום און נישט דרייסטע זיך געפרעגט:

— וואָס איז, ביאַלער רבי?

— ר' מענדעלע קאָצקער דאַרף רחמים.

— וואַי, וואַי — — —

דער משמש איז אָנגעקומען מיט גיכע, דראָבנע טריטלעך:

— ביאַלער רבי, דער רבי וואַרט אויף אייך.

ר' בעריש איז צוגעגאַנגען צום כיור. ער האָט זיך לאַנג געוואַשן די הענט, זיי לאַנג געווישט אָן דעם האַנטוך, וואָס דער אַלטיטשקער אבא האָט אים צוגעטראָגן און אַ שטיק לעבן האָט זיך אַ בלעטער געטאָן פאַר די אויגן:

ווורקע איז היימישער, אָטעמט מיט טאַטע־מאַמע, מיט אָנגעשטעלטן ווישניאַק, קאָצק — רופט, ציט, אַ שטענדיקע אימרו, ניינציקער אָקעוויט.

ר' דוב בעריש פאָרט פון קאָצק קיין ווורקע, פון ווורקע קיין קאָצק. ווי ברענגט מען אַריין אַ שטיקל קאָצק קיין ווור־קע? ר' יצחק ווורקער האָט צוויי זין. דער בכור, ר' יעקב דוד, דער אַמשינאָווער רב און רבי, איז אַ גרויסער למדן און אַ גרויסער מתמיד. דער יינגערער, ר' מנחם מענדל, איז נישט געזעסן אין געלערנט. ער האָט ליב געהאַט פערד, זיך געחברט מיט בעלי־עגלות און ווורקער חסידים האָבן קרום געקוקט אויף זיינע דרכים. בלויז דער רבי ר' יצחק, האָט זיך געשפּיגלט אין מענדעלען. נאָך דער חתונה האָט ר' מענדעלע זיך אַרומ־גערינגלט מיט די בעסטע יונגעלייט מיט די שאַרפע קעפּ, ווי מיט אַ „לייבוואַך" ווו ר' מענדל איז געווען דער מדריך.

מיט דער „לייב־וואַך" האָט ר' מענדל געשפּאַצירט אין די פעלדער, אין די וועלדער, ווו מען האָט געפּראַוועט סעודות, זיך אַרומגעטראָגן מיט סודות. דער עולם האָט געמורמלט „וואָס טוען זיי דאָרט? וואָס פאַר אַ סודן זיך?" אויך ער, בעריש ביאַלער, ווען דער רבי, ר' יצחק ווורקער, האָט שוין דע־מאָלט שטאַרק מקרב געווען, אויך ער, בעריש ביאַלער האָט נישט אויפגעהערט צו מורמלען: „וואָס לערנט ער נישט, דער מענדל? מיט וואָס פּטרט ער טעג און נעכט?

ס'איז געווען שבועות. אַז די חסידים האָבן זיך אַ לאָז געטאָן נאָך דער יום־טוב־סעודה אין בית המדרש אַריין אָפּצו־ריכטן „תיקון" און זיך זעצן לערנען, האָט שוין גענומען שפּראָצן אויף טאָג. ר' בעריש ביאַלער האָט געזען, ווי מענדל מיט זיין „חבריא" לאָזן זיך גיין אין מאַרק אַריין. ער האָט באַהאַלטענערהייט זיי נאָכגעשפּירט. זיי זענען אַריין אין אַ קעלער־ווינשענק. ער — נאָך זיי. מ'האָט זיך איינגעהילט אין טליתים, זיך געשטעלט אין גרויס געאייל דאַווענען שחרית און זיך געזעצט טרינקען וויין. ר' בערישן, וואָס האָט דאָס אַלץ

צוגעקוקט, האָט די נכפה־גענומען. נאָכדעם ווי יעדער פון דער חבריא האָט אויסגעטרונקען צו צוויי גלעזלעך ווין, האָט מענדל אַ זאָג געטאָן צו זיין לייב־וואַך:

— ווייסט איר וואָס אַ ייד דאַרף טאָן? אַ ייד דאַרף טאָן דריי זאַכן: שווייגנדיק שרייען, שטייענדיק טאַנצן און אַז בייגן זיך, פאַלן כורעים, איז מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ. ווי מענדל האָט אָפּגעזאָגט די געציילטע ווערטער, האָבן אַלע אַראָפּגעלאָזט די קעפּ, זיי אָנגעשפּאַרט אין טיש און זיך שטיל פונאַנדערגעוויינט, ביטער געוויינט. און ר׳ בעריש ביאַלער איז געווען זיכער, אַז די יונגלייט, די שאַרפע מוחות, גיסן אָן די גלעזלעך מיט זייערע ביטערע טרערן.

דאָס האָט דער יונגער ר׳ מענדל אַריינגעבראַכט קיין וואָרקע אַן „עוקץ" קאָצק.

ר׳ בעריש ביאַלער, אַליין אַ רבי, איז אין יענעם שבועות פרי־מאָרגן געוואָרן ר׳ מענדלס אַ חסיד און איז עס פאַרבליבן ביז ר׳ מענדלס פּטירה.

ווי ר׳ בעריש איז צוגעקומען צום רבינס חדר, האָט זיך די טיר געעפנט און דער רבי איז אים אַנטקעגנגעגאַנגען. דער רבי — פערציק יאָר אַלט. ר׳ בעריש ביאַלער — זיבן און דרייסיק. דער רבי — טונקעלע אויגן, באָרד און פיאות — פעך־שוואַרץ. די הויט אַ מאַטע, און אינגאַנצן, ווי דער פאָטער, ווי ר׳ יצחק וואָרקער ז״ל, אָדער ווי מ׳האָט אים יונ־גערהייט גערופן: „דער שוואַרצער יצחק". ר׳ בעריש ביאַלער — בלויע אויגן, באָרד און פיאות — העל־בלאָנד. די הויט — דורכזיכטיק און מיט זיין קומען איז ליכטיק געוואָרן.

זיי האָבן זיך געגעבן שלום, זיך געקוקט אין די אויגן אַריין מיט שטוינען און מיט אַזאַ טרויער, ווי ביידע וואָלטן זיך מיטאַמאָל דערוווּסט, אַז דעם קאָצקערס טעג זענען גע־ציילטע. דעם רבינס אויגן האָבן אַ פרעג געטאָן אָן ווערטער:

— איז ר׳ איטשע מאיר אין קאָצק?

—שוין די צווייטע וואָך.

דער רבי האָט פאַרמאַכט די אויגן.

— ווען איז דאָס געווען? נעכטן, אייערנעכטן? אוי, האָט ער נאָכן פאָטערס פּטירה נישט געוואָלט ווערן רבי, ער איז געפאָרן קיין קאָצק. ער שטייט פאַרן צדיק, ציטערט אינ־גאַנצן און שווייגט. דער צדיק הויבט אויף זיינע געדיכטע ברע־מען און זאָגט:

— ביסט געקומען מיר זאָגן, אַז די חסידים מאַכן דיך פאַר אַ „רבי", געטראָפן? וויסן זאָלסטו, אַז מיר וועלן דאַרפן אָפּגעבן דין וחשבון פאַר יעדן חסיד, וואָס פאָרט צו אונדז און וויסן זאָלסטו אויך, אַז ווען דער צדיק טוט גאָטס רצון, ציען זיך צו אים יידישע הערצער. און וואָס איז דער צדיק שולדיק, אַז מ׳קומט צו אים?

דער רבי האָט נאָך געהאַלטן ר׳ בעריש ביאַלערס האַנט אין זיינער און געשוויגן.

און ר׳ בעריש ביאַלער?

ער איז אין קאָצק. ס׳איז געווען די וואָך נאָכן ערשטן שבועות, ווען ר׳ מענדל וואָרקער האָט געפירט ראַביסטווע. דער רבי האָט אים געפרעגט:

— פאָרסט פון וואָרקע? געווען אַן עולם?

— אַ דריי טויזנט חסידים.

— און ר׳ מענדל וואָרקער האָט יעדן איינעם געגעבן שלום?

— יעדן איינעם, קאָצקער רבי.

אויב אַזוי איז דער „שתקן" מיט אַן אמת אַ „רבי". אַז מען גיט דריי טויזנט מענטשן די האַנט און מען ווערט נישט גלייך קיין מצורע, דאָס איז דער בעסטער סימן אַז מ׳איז אַ רבי — — —

דער וואָרקער רבי האָט אָפּגעלאָזט ר׳ בערישעס האַנט און אַ הויב געטאָן זיינע ביידע הענט:

— הערסט, בעריש, לאָמיר שווייגנדיק שרייען.

ביידע האָבן זיך געזעצט, זענען געזעסן און האָבן גע־שוויגן, און געוווּסט, אַז זיי דינען גאָט מיט דער מחשבה, זיי האָבן געוווּסט, אַז אַ חסיד דאַרף אַלץ טאָן לפנים משורת הדין. דער דין איז: נאָר נישט אָפּ דיין חבר. און וואָס איז לפנים משורת הדין? נאָר נישט אָפּ זיך אַליין.

ביידע חברים זענען געזעסן און געשוויגן, געדאַוונט מנחה, געדאַוונט מעריב און געשוויגן, געוויטיקט וואָס דער קאָצקער צדיק איז פאַרביי און געשוויגן. און אַז אינמיטן שווייגן האָט ר׳ מענדל וואָרקער אַ זאָג געטאָן: „וואָס איז אחד?" און אַז ר׳ בעריש האָט באַלד נישט געענטפערט, האָט דער רבי פאַר־מאַכט די אויגן און געזאָגט: „ווויל דעם ייד, וואָס ווייסט, אַז אחד איז דער טייטש אחד, דער איין־און־איינציקער" און איז אַריינגעפאַלן אין אַזאַ שווייגעניש, אַז מ׳האָט עס געקאָנט הערן און אָנטאַפּן. אַזוי שעהן, שעהן. און ביידע צדיקים האָבן זיך מיט אַמאָל אַ ריר געטאָן פונעם שווייגן און ביידע האָבן אַ זאָג געטאָן, ווי זיי וואָלטן זיך אָפּגערעדט:

— מ׳דאַרף לערנען אַ שיעור אויף חמישה־עשר־בשבט.

מ׳דאַרף לערנען אַ שיעור, ווי ר׳ מענדעלע קאָצקער האָט גע־זאָגט: „דער וואָס לייגט אַריין זיין קאָפּ אין דער תורה, דעם בין איך ערב, אַז ער וועט האָבן דערפון אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט".

ר׳ בעריש האָט זיך געלאָזט צו דער טיר. ער האָט זיך אָנגעשטויסן אָן דעם מנין חסידים, וואָס זענען געשטאַנען און זיך איינגעהערט: געוואָלט כאַפּן די צדיקימס אַ קרעכץ.

די חסידים זענען באַפאַלן ר׳ בערישן מיט אָפענע הענט, מיט צעעפנטע אויגן:

ר׳ בעריש, מיר שטייען דאָך שוין שעהן און מיר האָבן גאָרנישט געהערט?

— וואָס רעדט איר? — האָט ר׳ בעריש ביאַלער אַ הויב געטאָן מיט אַ האַנט און אַן אַקסל — איז דאָס היינט געווען אַ טיש. ער האָט מיט מיר געלערנט און געטרענט מיר די אָדערן. און איך האָב מיך נישט געלאָזט. איך האָב אים גע־ענטפערט אויף אַלע זאַכן, וואָס ער האָט מיר געפרעגט. וואָס, איר האָט אַלע גאָרנישט געהערט? און אפשר האָט איר טאַקע נישט געהערט, ווייל אונזער גאַנצער שמועס איז געווען אין דער מחשבה און ברמיזה.

די חסידים האָבן זיך געזעצט אַרום דעם טיש און ר׳ בע־ריש ביאַלער האָט גענומען לערנען דעם שיעור אויף חמישה־עשר־בשבט.

(„אונדזער היינט", תל־אביב, 12.11.1954)

י. י. טרונק / פוילן*

קאפיטל פינף און דרייסיק

מלכות ביאַלע. די רבישע מאַרקיזע. אַלע זענען קרוינ־פּרינצן. די גאָלדענע שליסלען פון שפע ליגן אין די הענט פון דער ביאַלער דינאַסטיע. אין זיידנצייג און אין סאַמעט.

אינם פינפטן בוך פון דעם דאָזיקן ווערק האָב איך דער־ציילט פון אַ ראָמעאָ־און־יוליאַ־ליבע וואָס איז פאָרגעקומען צווישן צוויי גבירישע משפחות אין לאָדזש. די דאָזיקע ליבע האָט אַ סך געוויזן פון דעם קאָלאָריט און די שטימונגען פון דער צייט־תקופה. די איצטיקע ראָמעאָ־און־יוליאַ־געשיכטע איז פאָרגעקומען צווישן צוויי רבישע הויפן אין די יאָרן 1905־1906. זי דערציילט אויך אַ סך פון דער צייט־תקופה.

דער ביאַלער רבישער הויף האָט נישט געהאַט קיין גרויסן עולם חסידים. אין פּרט פון רבישן יחוס איז ער אָבער געווען פון די שענסטע אין פוילן. אינם בלוט פון אָט־דער קליינער דינאַסטיע האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן כמעט די גרעסטע רבישע נעמען פון פוילן און וואָלין. אויסצורעכענען די זיידעס פון ביאַלער הויף וואָלט מיר אויסגעקומען צו שרייבן די גאַנצע געשיכטע פון חסידות. גענוג איז צו דער־מאָנען – און דאָס האָט געשפּילט גאָר אַ גרויסע ראָליע צווישן חסידים אין פוילן – דער ביאַלער הויף איז אַרויס־געקומען – בן אַחר בן פון „ייד הקדוש פון פשיסכע". און דאָ הויבט זיך עס ערשט אָן. וואָלינער חסידים וואָלטן גע־האַט צו דערציילן פון די גרעסטע וואָלינער רבישע דינאַס־טיעס וואָס האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן אין ביאַלער בלוט.

הגם ביאַלע איז טאַקע געווען פון די קלענסטע רבישע מלוכות אין פוילן, אָבער שטאָט האָט מען דאָרט געפירט נישט לויט דער צאָל חסידים נאָר ווערדליק דעם גרויסן יחוס. מען האָט זיך געפירט פירשטלעך ווי אין ריזשין און סאַדי־גורע. עס האָט געהערט צום ביאַלער חסידות, אַז דער רבי־שער הויף זאָל זיך נוהג זיין פירשטלעך. עס האָט געהייסן ביי ביאַלער חסידים: אַז ווען מען עפנט די בייטלען פאַר די הצטרכותן פון רבין, לייגט דאָרט דער רבונו של עולם צוריק דאָס הונדערט־פאַכיקע. מן־הסתם איז עס טאַקע אַזוי געווען – וואָרים שטענדיק איז דאָרט געפלאָסן דאָס חסידישע געלט. און ביאַלער חסידים האָבן געשמט פאַר גבירים. עס זענען דאָרט פאַראַנען געווען אויך אַ שפּאָר ביסעלע קבצנים. אָבער זיי, די קבצנים הייסט עס, האָט מען פון הימל באַ־שאַפן בלויז כדי אַז אין ביאַלער הויף זאָל אויך זיין טיש־זיצערס און צדקה־נעמערס. גבירים וואָלטן זיך דאָך נישט אַוועקגעזעצט אין ביאַלע ווי בטלנישע „יושבים" און כסדר געגעסן פון רבינס טאָפּ. ווי עס קוקט טאַקע אויס, פירט זיך דאָס רעדעלע פון דער וועלט מיט אַן אויסגערעכנטן חשבון.

די ביאַלער רעביצן – די באָבע פון העלד וועלכן מיר גייען איצט באַשרייבן — האָט געשמט אין פוילן ווי אַ רבישע מאַרקיזע. זי אַליין האָט אויף אירע פּלייצעס געשלעפּט אַ היפּש פּעקל מיט יחוס. עס וואָלט געדויערט אַ שעה ווען מען זאָל באַדאַרפן גיין און אויסרעכענען די גרויסע זיידעס וואָס זענען געשטאַנען הינטער דער ביאַלער רעביצן. דערצו איז זי געווען אַ גרויסע יפת־תואר און אַ פּאַרפּיעשטשעטע בת־יחידקע אין אַ הויף פון אַ גרויסער רבישער דינאַסטיע אין וואָלין. טעמפּעראַמענט, מוט און געשמאַק האָט זי געהאַט, די ביאַלער רעביצן. דערצו האָט זי געהאַט אַן איינרעדעניש, אַז עס קומען איר באַזונדערע רעכט אויף דער וועלט. נישט בלויז זי אַליין האָט זיך עס איינגערעדט. מען האָט עס איר איינגעזונגען ביים וויגל און מען האָט עס איר אויף אַ רגע נישט אַרויסגעלאָזט פון די אויערן. חסידים און חסידותטעס האָבן איר כסדר געגרויכערט ווירוך און נאָר איר דערציילט פון איר יחוס און פון אירע זיידעס. די ביאַלער רעביצן האָט טאַקע ריכטיק פאַרשטאַנען, אַז סיי וואָס שייך איר רביש בלוט און סיי וואָס שייך איר שיין געשטאַלט (אַ רעביצן מעג דאָך אַריינקוקן אין אַ שפּיגל און זען די שיינקייטן און חנען פון אַ ווייבערישער אָסאָבע) וואָלט עס געווען אַ הימל־שרייענדיקע עוולה ווען די שענסטע און מיוחסדיקסטע רע־ביצן פון פוילן זאָל זיך נישט נייען אירע קליידער אין וואַרשע – און טאַקע ביי די זעלבע שניידערינס וואו עס נייען זיך זייערע טואַלעטן די גרעסטע און רייכסטע פּיר־שטינס פון אַלטן פּוילישן יחוס. ביאַלער חסידים האָבן פאַר־שטאַנען, אַז די רעביצן איז כשר גערעכט און עס קומט איר טאַקע מן־השמים. זיי האָבן געעפנט די בייטלען און געשיט מיט גאָלד. דער ביאַלער רעביצנס שטאָט האָט געהאַט אַ שם איבער פוילן און נישט בלויז צווישן יידן. אין די פּאַלאַצן פון די גרעסטע פּוילישע אַריסטאָקראַטן האָבן די פירשטינס צווישן זיך געשמועסט, אַז די ביאַלער רעביצן איז איינע פון די שענסטע און עלעגאַנטסטע דאַמען אין פוילן. די פאַר־פולערסטע שניידערינס אין וואַרשע האָבן זיך גערימט מיט דעם דאָזיקן רבישן קונד.

נישט בלויז די ביאַלער רעביצן – ווי איך האָב שוין געזאָגט – נאָר דער ביאַלער הויף בכלל איז געפירט געוואָרן אויפן אופן פון רבישער פירשטלעכקייט. פאַרשטייט זיך, אַז עס זענען דאָרט געווען אַ היפּש רעשטל זין. אָבער קיין אייגנטלעכער קרוינפּרינץ איז נישט געווען. אַלע ביאַלער זין זענען געווען קרוינפּרינצן. יעדער איינער פון זיי האָט געהאַט אַרום זיך אַ סוויטע פון מקורבים, גבירים, וואָס האָבן שוין געקוקט אויף אים ווי אויף דעם, וואָס וועט „פירן" איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר – און האָבן באַצייטנס געהאַלטן אָפּענע בייטלען כדי צו זיין די ערשטע ביי דער שפע וואָס וועט זיך גיסן אין רבינס זכות. הינטער די גבירים זענען, פאַרשטייט זיך, געגאַנגען מקורבים־קבצנים, וואָס דער אויבערשטער האָט שוין באַצייטנס צוגעגרייט פאַר טיש־זיצערס און „יושבים". יעדער ביאַלער זון האָט באַצייטנס געפירט רביסטווע און יעדע ביאַלער שנור איז שוין געווען אַ קליינע ביאַלער רעביצן.

* אַרויסגענומען פון 7טן באַנד „פוילן", מיט דער הסכמה פון מחבר. דער אויסלייג נישט געענדערט.

סיי דער ביאַלער רבי, סיי זיינע קרוינפּרינצן און סיי די ביאַלער חסידים זענען זיכער געווען ווי דער טאָג, אַז דאָס מלכות ביאַלע וועט זיך ציִען ביז משיח וועט קומען. אַפילו ווען עס וועט אַ בלאָז טאָן דער שופר של משיח און מען וועט מוזן פאַרלאָזן פּוילן און זיך אַריבערפּעקלען קיין ירושלים, וועט אויך דער ביאַלער הויף נישט אויפהערן. דערימאַך האָט מען באַצייטנס צוגעגרייט צוקונפטיקע פּרינצלעך וואָס דאַרפן און וועלן, אם ירצה השם, פירן די ביאַלער רביסטווע. נאָך אין די וויגן האָט מען זיי דערצויגן ווי ביאַלער רביים. ווען מען האָט זיי געשיקט אין חדר אַריין, האָט איטלעכער ביאַלער פּרינץ געהאַט זיין אייגענעם באַזונדערן משמש. אַ משמש וואָס איז פון אים נישט אָפּגעטראָטן און אים באַדינט. קיין אַנדער מלבוש אַחוץ פון זיידנצייג און סאַמעט האָט זיך קיינמאָל נישט צוגערירט צום אויסגעאיידלטן יחוסדיקן גוף פון אַ ביאַלער אייניקל.

קאַפּיטל זעקס און דרייסיק

ביאַלער ותיקין כאַפּן אַ קוק אויפן ינוקא אין וויגל.
מען ברענגט אַ כלה פון סאָכאַטשאָוו. די כלה דאָבריש
און די פּועלי־ציון. די שיינע קליידלעך וועלן דאָבּ־
רישן אַרויסשלאָגן פון קאָפּ דעם רוסישן קייסער.
ווייס איך וואָס! גיי און האָב חתונה מיט אַ בורזשוק!

יהושעלע – דער העלד פון וועלכן איך וויל איצט דערציילן – איז געווען איינער פון רבישע פּרינצן אין ביאַלער הויף. ער איז געווען דער עלטסטער זון פון רבינס בכור. און דאָס האָט געהייסן: ער איז פון די קונפטיקע עומדים ראשונה במלכות ביאַלע. ווען יהושעלע איז נאָך געלעגן אין וויגל, איז עס פאַר חסידים געווען אַ זכיה צו כאַפּן אויף אים אַ קוק. גאָר שטאַרקע ביאַלער ותיקין האָבן נישט געקאָנט וואַרטן אויף שפּעטער און זיך פאַרן ינוקא אין וויגל מזכיר געווען מיט דער מאַמעס נאָמען און געבעטן ביי אים שפע און פּרנסה. ווי איך האָב שוין דערציילט: ביי ביאַלער חסידים איז עס געווען איינגעגלויבט, אַז דער רבונו של עולם האָט די גאָלדענע שליסלען פון שפע אַוועקגעלייגט אין די הענט פון דער ביאַלער דינאַסטיע.

ווען יהושעלע האָט נאָר אָנגעהויבן צו גיין האָט מען אים געקליידט אין סאַמעט און אין זיידנצייג. אויף זיין קינדעריש קעפּעלע האָט ער געטראָגן אַ גאָלדן יאַרמעלקעלע ווי אַ כתר־מלכות. מען האָט פאַר זיינעטוועגן באַשטימט אַ באַזונדערן לייב־משמש וואָס זאָל אים נאָכגיין טריט ביי טריט, קוקן אים אין מיילעכל אַריין און אים באַדינען. דער ייד האָט פון דעם אַליין געהאַט פּרנסה בריוח.

אַזוי איז יהושעלע אויפגעוואַקסן ביז ער האָט דערגרייכט חתן־צייט. ער איז געווען אַ שלאַנק איידל בחורל, אַ בלאַסער מיט שיינע תמימותדיקע אויגן. אין די לאַנגע געקרייזלטע פּיאות און אין סאַמעט און זיידנצייג האָט ער באמת אויסגעקוקט ווי אַ רבישער בן־מלך. די דורות פון די גרויסע באַרימטע זיידעס זענען געלעגן אויף דער בלאַסער איידלקייט פון זיין פּנים. ביאַלער חסידים האָבן זיך אין אים געשפּיגלט און געזען באַשיימפּערלעך ווי די קייט פון ביאַלע הייבט זיך ערשט אָן פאַנאַנדערצוּוויקלען. מען איז אים נאָכגעלאָפן און זיך ביי אים מזכיר געווען.

ס'האָט געהאַלטן ביי יהושעלען מיט אַ שידוך. שדכנים האָבן געברענגט אַ כלה פון סאָכאַטשאָווער הויף. אין ביאַלע האָט מען געטראַכט, אַז רבישן יחוס האָט מען גענוג אין דער משפּחה. מען דאַרף אין דער דינאַסטיע אַריינברענגען אַ נייעם וואַלאָר – און דאָס איז די גאונות פון דער תורה. אין דעם דאָזיקן פּרט איז עס אין ביאַלע געווען אַביסל קנאַפּלעך.

ר׳ אַברהמלע סאָכאַטשאָווער האָט דעמאָלט נאָך געלעבט. סאָכאַטשאָוו האָט זיך דעריבער גערעכנט פאַר דעם צענטער פון תורה נישט בלויז וואָס שייך פּוילן נאָר אויך אין די גאַנצע תפוצות ישראל.

די כלה איז געווען ר׳ אַברהמלעס אַן אייניקל און אַ טאָכטער פון ר׳ שמואלן, ר׳ אַברהמלעס באַרימטן בן־יחיד. ר׳ שמואל איז געווען כמעט ווי ר׳ אַברהמלעס ממלא־מקום. וואָס שייך ברייטקייט און פאַרנעם האָט ער פאַרקלונגען פּוילן. אין די ערשטע ביכער פון דעם דאָזיקן ווערק האָב איך אַ סך וועגן אים געשריבן. אין סאָכאַטשאָוו האָט מען אַפילו געהאַט ווייניק איינזעעניש פאַר בלויז יחוס מיט קנאַפּלעך תורה. דערצו האָט מען דאָרט נישט גורס געווען רבישע הייף אין וועלכע עס רעגנט אַריין פון געעפנטע חסידישע טייסטערס – און דאָס זאָל זיין אַ דרך החסידות? די סאָכאַטשאָווער רעביצן צינע – דעם קאָצקערס טאָכטער — ווען זי האָט געהערט, אַז די רעביצנס אין ביאַלע גייען אָנגעטאָן ווי די פּוילישע גראַפינעס, האָט זי, די רעביצן צינע, תחילת געזאָגט אַ שאַרף קאָצקער ביטול־וואָרט אויף די ביאַלער ווייבער. זי האָט תחילת נישט געוואָלט הערן פון שידוך. אין איר יחוס־קייט האָט אָבער ביאַלע פאַרמאָגט אַ זיידע, וואָס אויף דער וואָג־שאָל האָט ער אַ סך געוואויגן קעגן סאָכאַטשאָווער תורה און קעגן קאָצקער שאַרפקייט – און דאָס איז געווען דער ייד הקדוש פון פּשיסכע.

אין קאָצק האָט מען פאַר דעם ייד הקדוש געהאַט די געוואַלדיקסטע פּיעטעט. וואָס עס איז געווען אַ פּיעטעט אין קאָצק איז אויך געווען אַ פּיעטעט פאַרן גאון ר׳ אַברהמלע און פאַר דער קאָצקער טאָכטער, די רעביצן צינע — און ממילא אויך פאַר ר׳ שמואלן. מען האָט צוגעמאַכט די אויגן פאַר אַלע הנהגות פון ביאַלע, – הנהגות וואָס זענען לויט סאָכאַטשאָוו אויסגעקומען זייער פּריקרע און גאָר נישט געשמעקט מיט קאָצקער נוסח און מיט גמרא. אָבער דעם ייד הקדושס אַן אייניקל אין דער סאָכאַטשאָווער משפּחה וועגט אַלצדינג אַריבער.

דאָס איז געווען אַרום 1905, אין די יאָרן פון דער גרויסער רעוואָלוציע. אויך די יאָרן פון דער גרויסער יידישער רעוואָלוציע. די נייע תקופה האָט זיך פאַר גאָרנישט אָפּגעשטעלט. זי האָט נישט געשוינט קיין רבישע הייף און קיין יחוס. אין סאָכאַטשאָוו, דער רעזידענץ פון תורה, האָט אויך געברויזט די מאָדערנע אַרבעטער־באַוועגונג.

דאָבריש, ר׳ שמואלס טאָכטער, וואָס האָט געזאָלט ווערן די כלה פון דעם זיידענעם ביאַלער אייניקל, האָט געירשנט די ראַדיקאַלע אומברחמנותדיקע קאָנסעקווענץ פון קאָצק און פון איר באָבע צינע. זי איז אַרונטערגעפאַלן אונטער די איינפלוסן

פון דער פּועלי־ציוניסטישער פּאַרטיי אין סאָכאַטשאָוו. אַזאַ שאַרפע, ראַדיקאַלע נאַטור ווי דאָבריש האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט אויפן מיטוועג. זי האָט אַריינגעברענגט דעם סאָציאַליזם אין ר׳ שמואלס שטוב. דער סאָכאַטשאָווער הויף וואָס איז באַרימט געווען מיט זיין גאונות האָט זיך געהאַט ספּעציאַליזירט דווקא אין הלכות־שבת. ר׳ אַברהמלעס ספר „אגלי־טל״ וועגן די ל״ט מלאכות האָט זיך גערעכנט פאַר אַ קלאַסיש תלמודיש ווערק. אָט דאָס ספּעציעלע געביט פון סאָכאַטשאָוו האָט דאָבריש מיט איין שטריך פון דער פעדער מבטל געווען. זי איז געווען אַן אַפּיקורוסטע. אַ להכעיסניצע, און האָט עס געהאַלטן פאַר אַ גרויסער פּראָלעטאַרישער מצווה דווקא ביי ר׳ שמואלן אינדערהיים צו שרייבן אין שבת.

דערציילן וואָס אַ סאָכאַטשאָווער אייניקל טוט און אַז זי האָט זיך צונויפגעקאָמפּאַניעוועט מיט די סאָכאַטשאָווער פּועלי־ציון, האָט מען נישט געקאָנט. פּוילן וואָלט אויפגעציטערט געוואָרן צו הערן וואוהין די רעוואָלוציע און דאָס אַפּיקורסות האָבן שוין אָנגעשפּאַרט. מען האָט זיך געמוזט אויסהיטן און דאָברישן נישט מאַכן קיין עפנטלעכע סקאַנדאַלן. ר׳ שמואל אַליין איז געוואוינט געווען גאָרנישט צו פאַרשווייגן און בטבע האָט ער יעדע זאַך באַקעמפט ביד רמה. דאָ האָט ער נעבעך געמוזט מאַכן אַ שווייג. מען האָט נישט געטאָרט געוואויר ווערן וואָס עס טוט זיך אין גרעסטן צענטער פון תורה אין פּוילן. עס וואָלט געווען אַ חילול־השם און אַ חרפה פאַר מענטשן. גראָד האָט עס געמוזט טרעפן סאָכאַטשאָוו! אין אַנדערע רבישע הייף איז דערווייל געווען שטיל. דעם גערער הויף האָט סאָכאַטשאָוו באַטראַכט ווי אַן אייביקן קאָנקורענט און ווי אַן אוזורפּאַטאָר. גער האָט צוגענומען די קאָצקער מאַכט וואָס אייגנטלעך באַלאַנגט זי קיין סאָכאַטשאָוו. אין גערער הויף איז, פאַרקערט, אַלצדינג געוואָרן גאָר האָפּערדיקער אין חסידישער שאַרפקייט.

מען האָט אין סאָכאַטשאָוו געהאַלטן פון דעם אַלטן מיטל: ווען מען וועט דאָברישן חתונה מאַכן, וועט זי אַלצדינג פאַרגעסן און האָבן אַנדערע דאגות אויפן קאָפּ, ווי צו קעמפן צוזאַמען מיט די סאָכאַטשאָווער פּועלי־ציון קעגן רוסישן קייסער און קעגן יידישקייט.

דאָבריש איז געווען אין מיינע יאָרן. צווישן אַלע פאַרשיידענע כלות וועלכע לאַנד־שדכנים האָבן פאַר מיר געברענגט פון אַלע עקן פּוילן, האָט מען אויך געברענגט דאָברישן. דער זיידע ברוך האָט דווקא געוואָלט זיך משדך זיין מיטן סאָכאַטשאָווער הויף. אַ גביר – האָט ער געזאָגט – איז ער אַליין און ער באַדאַרף נישט צום יחוס אַנדערע גבירים. מיט זיין איינציקער טאָכטער האָט ער זיך משדך געווען מיט ר׳ יהושעלע קוטנער. מיטן איינציקן אייניקל האָט ער זיך געוואָלט משדך זיין מיט ר׳ אברהמלע סאָכאַטשאָווער.

ר׳ שמואל האָט געוואוסט, אַז מיט דאָברישן צו טאָן אַ שידוך און ביי איר נישט צו פרעגן קיין דעה איז אַן אַרויסגעוואָרפענע זאַך.

ר׳ שמואל האָט דאָברישן געפרעגט צי זי וויל מיך פאַר אַ חתן.

זי האָט שאַרף אויפן קאָצקער נוסח געענטפערט:

– מוחל. איך באַדאַרף נישט קיין גבירישע זינדלעך.

האָט מען געזען, אַז מיט פרעגן ביי דאָברישן אַ דעה וועט מען נישט דערפירן צו קיין טאָלק.

דערווייל האָט מען פון אַלע זייטן צוגעטראָגן ר׳ שמואלן, אַז דאָבריש גייט אויף די אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען פון די סאָכאַטשאָווער פּועלי־ציון. ער האָט דעריבער זיך גענומען צואיילן מיטן ביאַלער שידוך. ביי דאָברישן קיין דעה האָט ער מער נישט געפרעגט. זאָל זי נאָר חתונה האָבן – האָט ער געטראַכט – און אַוועק פון סאָכאַטשאָוו קיין ביאַלע, וועלן איר שוין אַרויספליען די פייגעלעך פון קאָפּ.

אַלע חסרונות פון די פריצישע ווייבערישע מאָדעס ביי די ביאַלער שנורן, האָבן איצט, וואָס שייך דאָברישן, זיך פאַר ר׳ שמואלן אויסגעלאָזט אין גרויסע מעלות. די שיינע קליידלעך וועלן איר אַרויסשלאָגן פון קאָפּ די פּועלי־ציון און דעם רוסישן קייסער.

אין ביאַלע האָט מען נישט געהאַט קיין אַנונג וואָסער געפערלעך מיידעלע עס איז די סאָכאַטשאָווער כלה. שדכנים האָבן געוואוסט אַלצדינג אויסצוהיטן אין גרעסטן בסוד. פון סאָכאַטשאָוו ביז ביאַלע איז געווען אַ צו ווייטער מהלך כדי די ווינטן און בייזע צינגער זאָלן עס ברענגען צו טראָגן.

מען האָט ווייטער נישט געפרעגט ביי דאָברישן קיין דעה און געמאַכט אין סאָכאַטשאָוו די ברייטע תנאים. דער ביאַלער הויף האָט זיך באַוויזן אין זיין מלכותדיקער שפע. דעם קאָצקער רבינס טאָכטער, די רעביצן צינע, האָט אַ קוק געטאָן אויף די ביאַלער רעביצינס ווי זיי זענען איינגעטונקט אין זיידנצייג און אין סאַמעט און באַהאָנגען מיט פּערל און בריליאַנטן און געהערט דאָס רוישן פון זייערע פריצישע שלעפּעס, האָט זי, די רעביצן, צינע, געצויגן מיט די פּלייצעס און געזאָגט אַ שאַרף קאָצקער וואָרט פון ביטול. נאָר זי האָט עס געזאָגט צו זיך אַליין און נישט בקול רם כדרכה, ווי מען איז געוואוינט געווען אין קאָצק צו זאָגן מיט דער צונג דאָס וואָס מען האָט אויף דער לונג. ראשית, זענען עס דעם ייד הקדושס אייניקלעך און מען שפּילט זיך מיט פייער. צווייטנס, טאָר מען נישט באַלאַמוטשען און דאָברישן מאַכן פאַר אַ כלה.

דער חתן יהושעלע האָט צווישן אַלע ביאַלער רבישע פרינצן אויסגעקוקט דער שטילסטער און דער איידלסטער. מיט אַ בלאַס פּנימל, מיט לאַנגע פּיאות, אין זיידנצייג און אין סאַמעט האָט ער אויסגעזען ווי אמתער יחוס. ר׳ אַברהמלע סאָכאַטשאָווער אַליין, הגם ער האָט דער עיקר געקוקט אויף תורה — און דער ביאַלער הויף האָט נישט געשמט מיט קיין איבעריקער לומדות — האָט אָנגעקוקט דאָברישעס חתן און געזאָגט צו ר׳ שמואלן:

— מען זעט בפירוש דעם יידס אַן אייניקל.

ביי דאָברישן איז די גאַנצע מעשה געווען אַ לוסטיקעספּעקטאַקל. זי האָט עס געהאַלטן פאַר אַ שישקע פּולווער, און האָט זיך געוויצלט דעריבער מיט די סאָכאַטשאָווער פּועלי־ציון. זי האָט אין האַרצן געלאַכט: זאָלן זיי זיך שפּילן! סיי ווי וועט זי נישט חתונה האָבן מיט אַזאַ בורזשוק און רבישן בלוט־זויגער.

קאפיטל זיבן און דרייסיק

נאָר גאָט אַליין איז אַ יודע־לבבות. בונדישער בסוד. מען זוכט און מען געפינט. פוילן גייט אויף רעדלעך און פון סאָכאַטשאָוו שיקט מען צוריק די תנאים. דאָברישעס בריוועלע צום חתן. דאָס דיאַלעקטישע שפּיל פון רעוואָלוציע און המשך.

נאָר גאָט אַליין איז אַ יודע לבבות. קיינער זעט נישט דאָס ווערימל וואָס טאָטשעט אינעווייניק אין שענסטן עפּעלע. גרויסע היסטאָרישע תקופות האָבן זייערע איבערראַשונגען. ווען עס הייבט אָן רעדן די געשיכטע שווייגט די לאָגיק פון אַלע טראַדיציעס.

ווער וואָלט זיך געקאָנט ריכטן, אַז אָט דאָס בלאָסע איידעלע יהושעלע וואָס טראָגט זיך כסדר אין סאַמעט און זיידנצייג, האָט זיין אייגענעם משמש, און חסידים לויפן אים שוין באַצייטנס נאָך און זענען זיך פּאָר אים מזכיר — אַז אָט דאָס רבישע פּריצל איז גאָר אַ מיטגליד פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין ביאַלע? ווען ער הייסט דעם משמש פאַרמאַכן די טיר און חסידים גלויבן, אַז יהושעלע נעמט זיך עוסק צו זיין אין נסתר און האָט אפשר גילוי־אליהו — גראָד דעמאָלט זיצט ער און לייענט מאַרקסן מיט גרויס עיון?

דאָס וואָס אַ מיטגליד פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין ביאַלע איז פאַרבליבן ביי אַלע זיינע רבישע התנהגותן, האָט געטראָגן זיידענע שלאַף־רעק און לאַנגע פּאות, געגאַנגען מיט משמשים און געהערט הזכרות פון פרומע גלויביקע חסידים, דאָס איז פּשוט געטאָן געוואָרן — ווי מערקווירדיק גראַטעסק! — לויטן באַפעל פון דער ביאַלער בונדישער אָרגאַניזאַציע. אין „בונד" איז מען געוואוינט געווען צו פאָלגן — און יהושעלע האָט געפאָלגט.

די סיבה איז געווען די פאָלגנדיקע:

אין ביאַלע איז געשטאַנען אַ גרויסער גאַרניזאָן פון רוסיש מיליטער, און דווקא קאָזאַקן און טשערקעסן. דער „בונד" האָט דאָרט געפירט צווישן מיליטער אַ פאַרצווייגטע רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע. צווישן די קאָזאַקן און טשערקעסן זענען געגרינדעט געוואָרן רעוואָלוציאָנערע קעמערלעך. די אַרבעט איז געווען זייער אַ געפערלעכע. פּשוט אַ שפּיל מיט פייער צווישן פּעסער פּולווער. קאָנספּיראַציע אַליין איז געווען ווייניק. ס'האָט געמוזט זיין קאָנספּיראַציע שבקאָנספּיראַציע. די ביאַלער בונדישע אָרגאַניזאַציע האָט באַשלאָסן, אַז דער ביאַלער רבישער הויף איז דאָס בעסטע און זיכערסטע אָרט וואו מען קאָן באַהאַלטן די שטעמפּלען פון דער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע ווי אויך פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור. וואו וואו, — נאָר אין ביאַלער הויף וועט דעם פּיפּיקסטן אַגענט נישט איינפאַלן צו זוכן די נעסט פון דער רעוואָלוציע. מען האָט דאָרט אָן אייגענעם מענטש, יהושעלען. דעריבער האָט ער געקריגן אַ פּאַרטייאישן באַפעל חלילה נישט משנה צו זיין אויף אַ האָר פון זיינע אַלטע רבישע פירעכצן.

יהושעלען האָט דער ביאַלער „בונד" געהיט ווי אָן אויג אין קאָפּ און אים נישט דערלויבט צו קומען אויף אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען. בלויז אַ צוויי דריי חברים האָבן געוואוסט, אַז דאָס זיידענע רבילע איז אַ מיטגליד פון דער אָרגאַניזאַציע. מען האָט מורא געהאַט, טאָמער פאַלט אויף אים אַ שטויבעלע פון מינדסטן חשד. די באַציאונגען מיט אים זענען געהאַלטן געוואָרן אין שטרענגסטער קאָנספּיראַציע — און אַלץ איז געגאַנגען אויפן בעסטן אופן. די זשאַנדאַרמעריע און די גע־ניטסטע אָכראַנע־אַגענטן האָבן זיך געבראָכן די קעפּ צו געפינען דעם צענטער פון דער ביאַלער רעוואָלוציאָנערער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע.

די גרעסטע פאַנטאַזיע וואָלט זיי נישט געקאָנט אַריינפירן אין מלכותדיקן ביאַלער רבישן הויף.

אַ היפּשע צייט איז פאַרגאַנגען אין בעסטן כשורה.

האָט זיך אָבער געפונען אַ פּראָוואָקאַטאָר וואָס האָט גענישטערט און גענישטערט און געפאַלן אויף אַ שפּור. ער האָט אָנגעוויזן דער רוסישער זשאַנדאַרמעריע וואו מען זאָל זוכן דעם שטאַב פון דער געהיימער רעוואָלוציאָנערער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע. ער האָט אָנגעוויזן אויפן בלאָסן בחור מיט די לאַנגע פּאות און אין שאָרכנדיקן זיידנצייג וואָס איז קיינמאָל נישט געגאַנגען אָן אַ משמש. זה הוא — האָט געזאָגט דער פּראָוואָקאַטאָר — דאָס איז דאָס ריכטיקע פייגעלע וואָס מען זוכט. דער זשאַנדאַרמסקי נאַטשאַלניק אין ביאַלע האָט אויפגעריסן די אויגן און געזאָגט צום פּראָוואָקאַטאָר:

— סיידן דו ביסט משוגע געוואָרן, אָדער דער „בונד" וויל דיך פירן אין באָד אַריין.

דער פּראָוואָקאַטאָר איז אָבער באַשטאַנען אויף דאָס זייניקע. די ביאַלער זשאַנדאַרמעריע האָט נישט געהאַט קיין אַנדערע עצה ווי צו קומען אין באַרימטן רבישן הויף אַריין און דאָרט זוכן דעם „בונד" און דעם געפערלעכן שונא פון צאַר.

מען האָט מיט פיל העפלעכקייט אָנגעקלאַפּט ביי די פאַרמאַכטע רבישע טירן.

אַלע רביצינס און משמשים זענען געוואָרן בלאַס ווי די וואַנט און האָבן נישט געוואוסט וואָס דאָס האָט צו באַטייטן.

די זשאַנדאַרן און אַגענטן האָבן באַרויִקט מיט זיסע ריידעלעך און פאַרזיכערט, אַז עס האַנדלט זיך מן־הסתם אין אַ פּשוט מיספאַרשטענדעניש. פאַרפאַלן. זיי מוזן מאַכן אַ רעוויזיע. אין סאַמע פּעטערבורג האָבן שאַלקהאַפטיקע מענטשן צוגעטראָגן אַ מסירה. עס איז אָנגעקומען אַ באַפעל עפּעס צו זוכן אין רבישן הויף. מן־הסתם וועט דער אמת באַלד אַרויסקומען ווי בוימל אויפן וואַסער און אין פּעטערבורג וועט מען זיך איבערצייגן אין דעם שקר פונם בלבול.

די רעביצינס האָבן זיך טאַקע באַרויִקט. דעם רבין אין זיין חדר־מיוחד האָט מען דערווייל נישט געוואָלט דערציילן דאָס עלילת־דם אויפן ביאַלער הויף. מען האָט אים נישט געוואָלט מבלבל זיין אינמיטן דאַווענען.

די זשאַנדאַרן און אַגענטן האָבן גענומען זוכן. זוכן האָבן זיי געקאָנט. מען איז אַריינגעגאַנגען אין יהושעלעס חדר־מיוחד. מען האָט דאָרט נישט לאַנג געזוכט. דער בוימל איז טאַקע אַרויפגעקומען אויפ'ן וואַסער.

די זשאַנדאַרן האָבן אַליין נישט געגלויבט זייערע אויגן ווען זיי האָבן געפונען די באַהאַלטענע סטעמפּלען פון דער רעוואָלוציאָנערער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע און גאַנצע פּעק

מיט סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור וואָס האָט געזאָלט פאַרשפּרייט ווערן צווישן די קאָזאַקן און טשערקעסן פון ביאַלער גאַרניזאָן.

וואָס עס האָט זיך געטאָן אין ביאַלער הויף קאָן מען זיך פאָרשטעלן. מען האָט פאָרט דעם רבין געמוזט מבלבל זיין אינמיטן דאַווענען און אים דערציילן דאָס פינצטערע אומגליק.

די איבערראַשטע זשאַנדאַרן זענען ווייטער געבליבן זייער העפלעך קעגן די דערשראָקענע און צעשמעטערטע רעביצינס. אויך צו יהושעלען איז מען געווען העפלעך ביז גאָר, נאָר מען האָט אים מיטגענומען מיט זיך. דער פאַרברעכער איז געווען אַזוי וויכטיק, אַז מען האָט אים מורא געהאַט צו האַלטן אין ביאַלער תפיסה. אונטער אַ באַוואָפנטער שמירה האָט מען אים באַלד אַוועקגעשיקט אין באַרימטן צענטן פאַוויליאָן פון וואַרשעווער ציטאַדעל.

***

צווישן חסידים אין פּוילן האָט די אויסטערלישע ידיעה פון ביאַלע געטראָפן ווי אַ דונער אינמיטן העלן טאָג. אויב אין ביאַלע, אינמיטן פון דעם עלטסטן און גרעסטן רבישן יחוס אין פּוילן, האָט זיך שוין אַריינגעכאַפּט די אַרבעטער־רעוואָלוציע — איז דאָך טאַקע אויס וועלט. קיינער קאָן באמת מער נישט זיכער זיין מיט זיינע קינדער. דאָס ערד־ציטערניש אין יידישן לעבן האָט געטאָן דעם הילכיקסטן קלאַפּ.

אין סאָכאַטשאָוו האָט מען געזען: נישט בלויז וואָס מען האָט מיטן ביאַלער שידוך נישט געראַטעוועט דאָברישן פון די סאָכאַטשאָווער פועלי־ציון, נייערט מען האָט זי בידים אַריינגעפירט צום סאַמע ראָדנעם סמך־מם. דעם ייד הקדוש אייניקל פון ביאַלער הויף, דאָס בלאַסע יחוסדיקע בחורל אין זיידנצייג און מיט לאַנגע פאות, האָט זיך גאָר — ווי איז מיר — אָפּגעגעבן מיט רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע צווישן קאָזאַקן און טשערקעסן. יידן שמועסן, אַז מען וועט דאָס תכשיטל אַוועקשיקן קיין סיביר אויף אייביקער קאַטאָרגע. האָט מען טאַקע אין סאָכאַטשאָוו נישט געקוקט אויף דער גרויסער פּיעטעט פאַרן פּשיסכער ייד און תיכף ומיד צוריקגעשיקט די תנאים קיין ביאַלע. אויס שידוך!

ביי די ביאַלער חסידים איז עס געווען קלאָר ווי דער טאָג: ווען מען וועט איצט ברייט עפענען די בייטלען און מקיים זיין די מצווה פון פדיון־שבוים צוליב אַ ביאַלער אייניקל, וועלן זיך פון אַלע הימלען אַ גאָס טאָן נייע קוואַלן פון דער גרעסטער שפע. מען דאַרף כאַפּן באַצייטנס און נישט קאַרגן קיין טויזנטער און קיין צען טויזנטער. פאַר איטלעכן טויזנטער וועלן דער רבונו של עולם און די הייליקע זיידעס צוריקצאָלן דאָס צען־פאַכיקע און דאָס הונדערט־פאַכיקע, האָט מען טאַקע פון אַלע זייטן געעפנט די בייטלען און אָנגעהויבן אונטערצוקויפן אויף רעכט און אויף לינקס. קודם־כל האָט מען זיך גענומען צו דער ביאַלער זשאַנדאַרמעריע. מען האָט דאָרט אָנגעהויבן צו שמירן פון אויבן און פון אונטן. די ביאַלער „אָכראַנע" איז נישט בייגעשטאַנען דעם נסיון און איז אינגאַנצן געווען אין די הענט פון ביאַלער חסידים. מען האָט דאָרט פאַרניכטעט אַלע דאָקומענטן וואָס האָבן געקאָנט אויס־גענוצט ווערן ווי אַ באַשולדיקונגס־מאַטעריאַל קעגן יהושעלען. די אַגענטן און זשאַנדאַרן וואָס האָבן געמאַכט די רעוויזיע אין ביאַלער הויף האָבן געשוואוירן, ביי אַלע הייליקע, אַז זיי זענען פּשוט אַריינגעפירט געוואָרן אין אַ טעות און ביי דער רעוויזיע האָבן זיי נישט געפונען כי הוא זה. יהושעלע איז גאָט די נשמה שולדיק. גלייכצייטיק האָבן זיך די ביאַלער חסידים גענומען צו וואַרשע. אויך דאָרט האָבן די היטער פון דער צאַרישער אָרדענונג נישט געקאָנט עומד בנסיון זיין.

ביי אַזאַ לאַגע האָט מען יהושעלען באַפרייט פון צענטן פאַוויליאָן און ער איז בכבוד גדול צוריקגעפאָרן קיין ביאַלע.

צי האָט זיך שפּעטער טאַקע געעפנט די שפע פאַר ביאַלער חסידים און די צענדליקער טויזנטער וואָס זיי האָבן אַוועקגעגעבן צו באַפרייען יהושעלען האָבן זיי צוריקבאַקומען מיט אַ סך בכפלי־כפלימס? ביאַלער חסידים האָבן געזאָגט אַז יאָ. מן־הסתם האָבן זיי געוואוסט וואָס זיי זאָגן.

די רעוואָלוציאָנערע און העראָאישע מעשה מיט יהושעלען האָט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, דערגרייכט צו די אויערן פון דאָברישן אין סאָכאַטשאָוו.

דער שידוך איז געווען אָפּגעלאָזט.

דאָבריש האָט גענומען און אָנגעשריבן אַ בריוו קיין ביאַלע צו איר געוועזענעם חתן, צו אָט דעם בלאַסן באַפּיאותטן בחורל אין זיידנצייג, וואָס ביי די תנאים האָט ער ביי איר אויסגעקוקט נייערט ווי אַ רבישע פּיאַווקע, און זי, דאָבריש, וואָלט זיך בעסער געלאָזט אָפּשניידן דעם קאָפּ איידער מיט דעם כניאָק חתונה צו האָבן.

— אייגנטלעך, — האָט דאָבריש געשריבן קיין ביאַלע צו יהושעלען — זענען מיר חתן־כלה. אויף וואָסער אופן מיר זענען געוואָרן חתן־כלה שפּילט נישט קיין ראָל. איצט האָט מען ווייטער ביי אונז נישט געפרעגט און אָפּגעלאָזט דעם שידוך. און עס שפּילט אויך נישט קיין ראָל. אויב דו ווילסט מיך, חבר לעבן, בין איך גרייט מיט דיר חתונה צו האָבן.

יהושעלען איז געפעלן געוואָרן אָט די שאַרפע רבישע רעוואָלוציאָנערקע און ער האָט איר געענטפערט: יאָ. ער איז גרייט.

זיי האָבן זיך נאָך עטלעכע מאָל אינקאָגניטאָ געטראָפן אין וואַרשע. נישט געקוקט דערויף וואָס זי איז געווען אַ פועלי־ציוניסטקע און ער אַ בונדיסט זענען זיי זיך געפעלן געוואָרן.

אין די רבישע הייף פון ביאַלע און סאָכאַטשאָוו האָבן שדכנים און שיינע יידן אָפּגעהאַקט די שוועלן און געברענגט שידוכים אי פאַר יהושעלען און אי פאַר דאָברישן.

דאָסמאָל האָט עס דאָבריש געמאַכט אויפן שאַרפן קאָצקער נוסח פון איר באָבע צינע. זי האָט געזאָגט צו ר' שמואלן:

— מאַלע וואָס מען האָט אָפּגעלאָזט דעם שידוך מיטן ביאַלער הויף. זי גיט אים, ר' שמואלן, דריי וואָכן צייט. אויב מען וועט איר נישט צוריקגעבן דעם ביאַלער חתן האָט זי מיט אים חתונה אָן חופה וקידושין.

פאַר ר' שמואלן איז עס געווען אַ קלאַפּ פון לויטערן הימל. ער האָט געקענט זיין טאָכטער דאָבריש און האָט געוואוסט, אַז זי האָט נישט ליב צו רעדן סתם אויפן ווינט. קאָצקער בלוט.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן זייער איידעלע דיפּלאָמאַטישע פּאַרהאַנדלונגען צווישן סאָכאַטשאָוו און ביאַלע. ס'איז צוריק געוואָרן פון די תנאים. מיט דער חתונה האָט מען זיך שטאַרק צוגעאיילט. אָבער מען האָט זי געמאַכט אָן רעש און אָן דער גרויסער פּאָמפּע ווי עס וואָלט געווען געפּאַסט ווען סאָכאַ־טשאָוו איז זיך משדך מיט ביאַלע. די חתונה איז געווען אַ שטילע און זי איז פּאַרגעקומען ערגעץ־וואו אין וואַרשע. די גלאָקן האָבן געשוויגן. זעלטן־ווער אין פּוילן — סיידן די נאָענטסטע מקורבים — האָבן געוואוסט פון דעם יום־החתונה, וואָס ביי אַנדערע אומשטענדן וואָלט ער געווען פון די גרעס־טע געשעענישן אין חסידישן לעבן אין פּוילן.

* *

יהושע ראַבינאָוויטש (דער ייד הקדוש פון פּשיסכע האָט געהייסן ראַבינאָוויטש) האָט צום ערשטן געוואוינט אין לאָדזש און שפּעטער אין וואַרשע. מיר זענען געווען זייער באַפריינ־דעט. יהושע מיט דאַברישן פּלעגן אַרויפקומען צו מיר און איך בין געקומען צו זיי מיט מיין פרוי חנה.

אין יהושען האָט מען באַשיימפּערלעך געזען ווי דער יחוסדיקער אַדל פון כאַראַקטער איז אין פולשטענדיקן סינטעז מיט בונדישער געזינונג און טיפער טריישאַפט צום יידישן סאָציאַליזם. דעם ייד הקדושס אַן אייניקל און דער „בונד" זענען חלילה נישט קיין סתירה. זיי זענען נאָר פאַרשידענע טראַנספאָרמאַציעס פון דער אייגענער היסטאָרישער יידישער מחשבה: דאָס וואונדערלעכע דיאַלעקטישע שפּיל פון רעוואָ־לוציע און המשך.

יהושע איז פאַרבליבן אַן אָרטאָדאָקסאַלער מאַרקסיסט. מיך האָט ער געהאַלטן פאַר אַ מעטאַפיזיקער און אידעאַליסט. אין דעם דאָזיקן פּרט האָבן מיר געהאַט וויכוחים. מאַכט נישט אויס. מיר זענען ביידע געווען גוטע בונדיסטן.

אין דער וואַרשעווער געטאָ פאַרן חורבן פוילן איז יהושע געווען טעטיק אין דעם אונטערערדישן „בונד". ער איז אומגע־קומען אין די דייטשע קאַלך־אויוונס. דאַברישן מיט איר יינג־סטער טאָכטער צינע — די טאָכטער וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען פון דער אַלטער סאָכאַטשאָווער רעביצן — האָבן די דייטשן דערשאָסן אינמיטן גאַס. זיי האָבן עס געטאָן לויטן דייטשן נוסח. צום ערשטן האָבן זיי פאַר דער מוטערס אויגן דערשאָסן די טאָכטער. שפּעטער, ווען דער דייטש האָט אויפ־געהויבן זיין רעוואָלווער אויף דאַברישן איז איר שוין נישט געווען קיין נפקא־מינה. מן־הסתם האָט זי געשלאָסן אירע טויטע אויגן מיט דער גרעסטער רואיקייט ענדלעך צו קאָנען אַוועקגיין פון דער וועלט.

א. ליטווין / דער ביאלער „הויף"

צווישן אַלע חסידישע הויפן אין פּוילן האָט קיינער נישט באַזעסן אַזאַ גלאַנץ, אַזאַ צויבער, ווי דער ביאַלער. נישט אין גער, נישט אין טריסק, נישט אין אַנדערע רביישע הויפן האָט מען פאַרשטאַנען די קונסט צו פירן אַזוי „טיש", ווי אין ביאַלע.

דער ביאַלער רבי ר' יצחק־יעקב איז געווען פון שפּיץ רביישן יחוס. ער איז געווען אַן אייניקל פון דעם „ייד" און אַן אוראייניקל פון די בעסטע תלמידים פון בעל שם־טוב.

דעם לעצטן ביאַלער רבין האָט מען גערופן דער „הינקע־דיקער". נאַטירלעך האָבן חסידים זיך נישט דערלויבט אים צו רופן מיט אַזאַ נאָמען, נאָר מתנגדים. ס'איז אָבער געווען אַן אמת. דער „ביאַלער" איז ווירקלעך געווען אַ הינקעדיקער.

און פונדעסטוועגן איז דאָס געווען נישט גאָר קיין גע־וויינלעכע פּערזענלעכקייט. ער איז געווען זייער אַ פּעאיקער און זייער אַ קלוגער. ער האָט געוווּסט ווי אַזוי צו האַלטן זיך מיט זיינע חסידים, אַז מענער און פרויען האָבן אים פאַר־געטערט. אַן אָרעמע יידענע, וואָס האָט דאָס גאַנצע לעבן גע־צאָלט דעם רבין „ראַטע", ד"ה וועכנטלעכן פּדיון פאַר איר בן־יחיד, האָט זיך תמיד געקלאָגט נאָר אויף איין זאַך: פאַרוואָס זי איז נישט קיין מאַנסביל און קאָן נישט שטיין נאָענט לעבן רבין.

נאָך אַ פאַקט ווייזט אויף דער באַזונדערער פאַרגעטערונג פון ביאַלער רבין. געוויינלעך האָט יעדער רבי ביי זיך אין שטעטל ווייניקער חסידים, ווי אומעטום. די שטעטלדיקע, וואָס ווייסן די סודות פון הויף, וואָס קאָנען דעם רבין און זיינע לייט פון דער אינעווייניקסטער זייט, האָבן פאַר אים ווייניק דרך־ארץ און דערלויבן זיך פון אים אַפילו אונטערצולאַכן. אין ביאַלע איז געווען פאַרקערט. דאָ, ביי זיך אין שטעטל, האָט דער הויף געהאַט זיינע טרייעסטע און איבערגעגעבנסטע אָנהענגערס.

דאָס אַלץ האָט דער „ביאַלער" געהאַט צו פאַרדאַנקען זיין גרויסע קונסט צו פירן די „מלוכה". איבערהויפּט ימים־נור־אים איז ער געווען אימהדיק: אַרומגעשטעקט מיט זיבן שופ־רות, אין אַ ווייסער זשופּעצע, אַליין געלייענט דעם ספר. ביים „טיש" האָט ער געזאָגט תורה איינציקע אָפּגעריסענע ווערטער און דער „טיש־זיצער", ד"ה דער גבאי, וואָס איז געווען אַ טאַלמעטשער, פלעגט אויסטייטשן דעם רבינס כוונות. קיין רבי האָט נישט געקאָנט אַזוי קונציק ווי ער די תנועות פון פאַר־גאַפן זיך, פאַרגיין אין די הימלישע וועלטן אויף לאַנג און דערנאָך זיך אויפכאַפּן, ווי די נשמה זיינע וואָלט אַראָפּגע־שפּרונגען פונם זיבעטן הימל און אָנגערירט זיך ערשט אין דער זינדיקער ערד.

דער „ביאַלער" איז געווען צו שטאָלץ אַרומצופאָרן נאָך פּדיונות, — ווי אַנדערע רביים. די פּדיונות האָט איטלעכער געבראַכט אים אַליין. יעדער חסיד, אַפילו דער אָרעמסטער, איז געווען באַלייגט מיט אַ וועכנטלעכער אָפּצאָלונג. דאָס האָט געהייסן „ראַטע". דער קלענסטער ווייבערשער קוויטל האָט געקאָסט אַ רובל. רייכע חסידים פלעגן גלאַט געבן געלד אָן אַ שיעור. דעם רבינס ווייבקעלער האָט געהאַט פאַר טויזנטער רובל די טייערסטע וויינען. ביים טיש איז צוגעגאַנגען לויט אַ שטרענגן, כמעט קעניגלעכן צערעמאָניאַל.

אַ חוץ די קמיעות פלעגט דער „ביאַלער" געבן די קראַנקע „סגולות", וואָס האָבן נישט זעלטן מיט אַן אמת געווירקט. די סגולות זענען פּשוט געווען — היגיענישע מיטלען. יונגעלייט וואָס זענען געווען גרויסע מקורבים אין הויף, האָבן מיר דערציילט, אַז דער אַלטער רבי פלעגט לייענען אין אָפּטרעט די „הצפירה" און האָט ביי זיך געהאַט אַ פיינע וויסנשאַפטלעכע ביבליאָטעק. נאָכן רבינס טויט, מיט פינף יאָר צוריק, האָבן אַלטע משכילים געפּאַקט און צוגעגנבעט פון הויף אַ מאַסע השכלה־ספרים. פון די דאָזיקע „טריפה" ביכער האָט קיינער אין הויף נישט געוווסט ביז נאָכן רבינס טויט.

מערקווירדיקער נאָך פאַרן רבין איז אָבער געווען די ביאַלער רביצין. נאָך איצט רעדן אַ סך מיט אַנטציקונג וועגן איר אַמאָליקער אומגעוויינלעכער שיינקייט. אויב דער רבי האָט גענאָסן די פאַרגעטערונג פון די חסידישע ווייבער, איז זי די רביצין, געווען דער אָפּגאָט פון די חסידים.

זי איז פון דער נאַטור געווען באַגאַבט מיט אַלע קערפּערלעכע און גייסטיקע מעלות צו פירן דעם שטאַט פון אַ פירשטין, צו געבן דעם טאָן אין גרויסאַרטיקע אַריסטאָקראַטישע סאַלאָנען, אַרומגערינגלט מיט סוויטעס בליצנדיקע קאַוואַלערן. און זי האָט פון רבינס הויף געמאַכט אַ פירשטלעכן פּאַלאַץ. זי האָט געהאַט איר באַזונדערן אַדיטאַנט, אַ שיינעם און געזונטן גבאי, וואָס האָט זי באַגלייט אומעטום. מיט אים פלעגט זי גיין, שפּאַצירן אָנגעשפּאַרט אויף זיין אַקסל.

געקליידט האָט זיך די רביצין נאָך דער לעצטער מאָדע פון פּאַריז,ווין און בערלין. אירע קליידער פלעגט זי באַשטעלן דווקא אין אויסלאַנד אין די גרעסטע מאָדע־מאַגאַזינען. אַ קלייד אירס פלעגט קאָסטן 800 רובל און 1000 רובל, אַ שירעם — 100 רובל. אירע זאָקן־בענדלעך זענען געווען אויסגעזעצט מיט בריליאַנטן. בשעת זי האָט אויסגעגעבן אַ טאָכטער, האָט זי, די רביצין אַליין, זיך געמאַכט אַ קלייד מיט אַ גאָלדענעם זוים — אַ טייערס אין שענערס, ווי דער כלהס.

פון דער רביצינס לוקסוס און איר פאַרגעטערונג ביי די חסידים ווייזן פאָלגנדיקע צוויי זייער כאַראַקטעריסטישע פאַקטן. איינמאָל איז זי אַריין אין ווין אין אַ מאָדע־מאַגאַזין, קויפן זיך אַ טואַלעט־זאַך. לעבן איר האָט אויך עפּעס געדונגען אַ רייכע פרוי, ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן — אַ באַרימטע דייטשע גרעפין. דער פּריקאַשטשיק פון מאַגאַזין האָט געבעטן אַ צו הויכן פּרייז. די גרעפין האָט נישט געוואָלט געבן און איז אַוועק. די רביצין האָט דאָס באַמערקט און וויל דער גרעפין איז די זאַך געפעלן, האָט זי באַצאָלט דערפאַר וויפל מען האָט געבעטן. נאָכדעם ווי זי איז אַוועק איז געקומען צוריק די גרעפין און האָט געוואָלט קויפן דעם פּוץ־אַרטיקל, וואָס זי האָט געדונגען, נאָר ס'איז שוין געווען פאַרפאַלן. זי האָט זיך זייער געערגערט און געפרעגט: — ווער איז דאָס די מיליאָנערין, וואָס האָט איר אויסגעקויפט די זאַך? — ווען זי איז געוויר געוואָרן, אַז די „מיליאָנערין" איז אינגאַנצן אַ יידישן „ראַבי'ס" אַ ווייב, איז זי שיעור פון זינען נישט אַראָפּ. די דייטשע צייטונגען זענען דעמאָלט פול געווען מיט דער מעשה. נאָר די רביצין האָט טריאומפירט...

אַמאָל אין אַ טונקעלער נאַכט האָט די רביצין פאַרלוירן אַ שפּילקע פון די האָר. די שפּילקע איז געווען, נאַטירלעך, אויסגעזעצט מיט בריליאַנטן. ווי די חסידים האָבן דאָס דערהערט, האָבן זיך אַלע אַ לאָז געטאָן זוכן. מ'האָט געזוכט אַזוי לאַנג, ביז מ'האָט זי געפונען.

דער ביאַלער הויף איז געווען אַן אמתער פּאַלאַץ. ער האָט געהאַט אַ גרויסן גאָרטן, און צום אַרויספאָר איז געווען גרייט אַ פּרעכטיקע קאָטש מיט פערד. יעדעס קינד האָט געהאַט אַ באַזונדער הויז, באַזונדערע משרתים, אַ באַזונדערע סוויטע פון חסידים.

פיר זין און צוויי טעכטער האָט געהאַט די ביאַלער רביצין מיטן ביאַלער רבין. איין טאָכטער איז דעם ראַדזימינער רבינס ווייב (ראַדזימין, גער, ביאַלע און טריסק — דאָס זענען די פיר באַרימטסטע הויפן אין פּוילן און וואָלין). אַ טאָכטער דעם רבינס, זאָגט מען, האָט געפירט פאַר דער חתונה אַ ליבע מיט אַ פּשוטן בחור פון שטעטל. מ'האָט זי אָבער געכאַפּט און דער ראָמאַן איז געוואָרן פאַרשטיקט. דער יינגסטער זון, הערשעלע, איז געווען זייער אַ באַגאַבטער. ער איז געווען אַ זינגער אין אַ שפּילער אויף אַ פידל, אַ מאָלער און דערצו זייער אַ שיינער. ביינאַכט פלעגט ער אַרונטעררוקן די פּיאות אונטערן היטל, פלעגט זיך אַרויסגנבענען פון הויף און אומגיין שפּאַצירן מיט שטעטלדיקע מיידלעך.

דער אַלטער ביאַלער רבי איז געשטאָרבן ערב דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע. הערשעלע איז געוואָרן רבי — נאָר פאַקטיש האָט געהערשט די אַלטע „פירשטין", די רביצין־מוטער. די דאָזיקע הערשאַפט האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט. דער נייער רבי האָט געפירט די מלוכה בלויז אַ האַלב יאָר. באַלד דערנאָך איז ער געשטאָרבן אין שעדלעץ.

דאַן האָט זיך אין ביאַלע אָפּגעשפּילט דאָס זעלבע, וואָס פּאַסירט אָפט אין אמתע קעניגלעכע הויפן. ס'איז פאָרגעקומען אַ האַרטנעקיגער קאַמף צווישן די געבליבענע זין, די פּרעטענדענטן אויפן ביאַלער „טראָן". דער סוף איז געווען, אַז ביאַלער „מלוכה" איז חרוב געוואָרן. פאַרשוווּנדן אויף אייביק איז דער גלאַנץ פון ביאַלער הויף, פון דער ביאַלער יידישער „פירשטין". די זין האָבן זיך געגרינדעט קליינע „מלוכות". ווער אין מעזריטש, ווער אין שעדלעץ, ווער ערגעץ־אַנדערשוו. זייער הערשאַפט איז אָבער נאָר אַ שאָטן פון דער פריערדיקער פּראַכט און הערלעכקייט פון ביאַלער הויף. ביאַלער הויף איז פאַרלאָזן, די וועגן צו אים שטיין וויסט, נאָר אַ קליינער טייל פון די טויזנטער „עולי־רגל" און חסידים — אונטערטאַנען זענען געבליבן טריי דער „דינאַסטיע", די דירעקטע „טראָנפאָלגערס". אַ סך אָבער פון די פריערדיקע טרייע אָנהענגערס זענען אומטריי געוואָרן דעם הויף, זענען אַוועק דינען פרעמדע געטער.


נאָר זי, די יידישע „פירשטין", דערלעבט נאָך אין לובלין ביי אַ טאָכטער, אין ערע און רואיקייט, אירע לעצטע יאָרן. אירע אָנהענגערס און פאַרהערערס זענען איר טריי געבליבן און האָבן איר אַ רייכע פּענסיע באַשטימט ביז אירע לעצטע שטונדן.

(„יודישע נשמות", באַנד 6, אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג „פאָלקס־בילדונג", ניו־יאָרק, 1917).

סאָציאַלע אינסטיטוציעס

דער שפּיטאָל

פון דער אָפּהאַנדלונג פון היסטאָריקער ד״ר מ. הענדל אין דעם ספר, איז צו זען, אַז די ביאַלער יידישע באַפעלקערונג האָט שוין אין יאָר 1742 פאַרמאָגט אַן אייגענעם שפּיטאָל. ס׳איז דעריבער מערקווירדיק, וואָס ביים אָנהייב פון 20סטן יאָרהונדערט האָט דאָס יידישע ביאַלע אַזאַ אינסטיטוציע נישט פאַרמאָגט. די סיבה לאָזט זיך אויפקלערן דערמיט, וואָס די פאַרמעגלעכע יידן האָבן זיך, אין פאַל פון אַ קראַנקהייט, געקאָנט דערלויבן אויף אַ קוראַציע אָן אַ שפּיטאָל, בפרט, אַז אין יענע יאָרן האָט דאָס וואָרט „שפּיטאָל״ בכלל גע־ווירקט אָפּשרעקנדיק אויף דער יידישער פּסיכאָלאָגיע. צו שפּיטאָל־קוראַציע זענען אָנגעוויזן געווען נאָר די אָרעמע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג, וועלכע ביי זייער גאַנצער אַבערגלויבערישער שרעק פאַרן שפּיטאָל, האָבן דאָך קיין אַנדער אויסוועג נישט געהאַט, ווען עמעצער פון זיי איז קראַנק געוואָרן. פאַר דעם אָרעמען קלאַס האָבן, ווייזט אויס, די שטאָט־גבאים פון 18טן יאָרהונדערט מער געזאָרגט, ווי די פון די שפּעטערדיקע יאָרן. און ווער ווייסט צי ביאַלע וואָלט בכלל זוכה געווען צו אַזאַ וויכטיקער סאָציאַל־מעדיצינישער אינסטיטוציע, ווען נישט דער טויט־צופאַל פון אַ שטאָט־גבירטע, וועגן וועלכן מיר האָבן שוין דערמאָנט אין דער אָפּהאַנדלונג „יידיש ביאַלע אין די לעצטע דורות״.



בנין בית החולים היהודי
דער בנין פון יידישן שפּיטאָל
Jewish hospital building

אָנגעהויבן בויען דעם שפּיטאָל, לויטן בוי־פּלאַן פון ביאַ־לער אַרכיטעקט וואָלאָדקע, האָט מען אין יאָר 1909. די מויערערס זענען געווען די שטאָטישע בעלי מלאכות אלתר וויינבערג און הערשל נאָוואָמיאַסט.

מיטן בוי פון שפּיטאָל האָט זיך פאַרנומען אַ קאָמיטעט, וואָס איז באַשטאַנען פון: אידל שוואַרץ, ד״ר גוסטאַוו זיטא, משה קאַווע, יצחק פּיזשיץ, וואָלף גאָלדשטיין, משה לעבנ־בערג, קלמן שיינבערג, זלמן ז״ק, אדוואָקאַט קלמן האַרטגלאַס און חיים יאָסקע קאַשטנבוים. דער רוח־החיה פון קאָמיטעט איז געווען אידל שוואַרץ.

אין יאָר 1911 איז דאָס בויען פאַרענדיקט געוואָרן און אין זעלבן יאָר איז פאָרגעקומען די פייערלעכע דערעפענונג, צו וועלכער ס׳איז אַראָפּגעקומען דער גובערנאַטאָר פון שעדלעץ.

דאָס אויפשטעלן פון שפּיטאָל האָט געקאָסט בערך 20 טויזנט רובל, וועלכע מ׳האָט באַקומען פון: שמואל פּיזשיץ, בעתן טויט פון זיין פרוי איטע ברכה — 6 טויזנט רובל; שמואל פון ווייַנעס יורשים האָבן מנדב געווען בעתן טויט פון זייער פאָטער 4500 רובל; הערש בער ראַאַבע און די, אַזוי גע־רופענע, „מיידל״ פון הויף, העלענאַ קאָגאַן האָבן מנדב געווען יעדערער צו 2 טויזנט רובל, די רעשט איז אויפגעזאַמלט גע־וואָרן צווישן דער באַפעלקערונג.

ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן זיך געפונען אין שפּיטאָל־קוראַטאָריום: אידל שוואַרץ, יצחק פּיזשיץ, ד״ר זיטא און די דאָזאָרעס.

אָנגעפירט מיטן שפּיטאָל, וואָס האָט ביים אָנהייב פון זיין טעטיקייט געהאַט בערך 10 בעטן, האָט ד״ר זיטא. פון פּערסאָנאַל וואָס איז דאָרט טעטיק געווען געדענקען זיך: דער סאַניטאַר אייזיק פינקלשטיין, דער וועכטער אלתר טשעשלער און די קעכין דבורה פינקלשטיין.

אויסגעהאַלטן האָט זיך דער שפּיטאָל פון שפּיטאָל־שטייער, פון די אָפּצאָלן פון די קראַנקע און פון נדבות, וואָס מ׳פלעגט זאַמלען צווישן דער באַפעלקערונג.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דער שפּיטאָל רעק־ווירירט געוואָרן דורך דער דייטשער אָקופּאַציע־מאַכט פאַר מיליטערישע צוועקן.



מכירת פרח לטובת בית־החולים היהודי


בלימל־פאַרקויף לטובת דעם יידישן שפּיטאָל

Flower sale in aid for the Jewish hospital

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען די שפּיטאָל־הכנסות געקומען פון פאָלגנדיקע קוואַלן: סובסידיע פון דער קהילה, סובווענץ פון מאַגיסטראַט, אָפּצאָלונגען פון קראַנקע און אונטערשטיצונגען פון די לאַנדסלייט אין אויסלאַנד, בעיקר אין צפון־אַמעריקע.

דער שפּיטאָל האָט אויך געהאַט הכנסה פון טילעס הויז אין מאַרק און פון עטלעכע געוועלבער אין דער יאַטקע־גאַס, וואָס די דערמאָנטע פרוי האָט אָפּגעשריבן לטובת דעם שפּיטאָל.

אין דער תקופה צווישן די ביידע וועלט־מלחמות זענען אין שפּיטאָל טעטיק געווען פאָלגנדיקע דאָקטוירים און אַנדערע מיטאַרבעטערס: ד״ר יאָאַכים זאַטלער, ד״ר אַנטאָני געלבאַרד, ד״ר ש. טענענבוים (שעדלעץ), ד״ר בוטשע פינקלשטיין (אַ ביאַלער), ד״ר פנחס ערדמאַן (ביאַליסטאָק) און ד״ר גאָלדנבערג. סאַניטאַרן: וואָלף שאָר, דוד פשעוווזמאַן, מוסאַוויטש (דעם קאָברינער פעלדשערס יונגסטער זון). קראַנקן־שוועסטערס: פר״ל ד. בידערמאַן (אהרעלע סלאוואטיטשערס טאָכטער) און חוה ראָגאַלסקי. אַקושערקעס: חוה מאַנהיימער־שאָר, סאָניע וויינשטיין־קעלמאַנזאָן און שרה קראַמאַרזש.



מכירת פרח לטובת בית־החולים היהודי

בלימל־פאַרקויף לטובת דעם יידישן שפּיטאָל

Flower sale in aid for the Jewish hospital

הילפס-אקציע לטובת דעם יודישען שפיטאל אין ביאלע-פאדל.

אויפרוף

צו אַלע ביאַלער לאַנדסלייט אין נויאָרק!

די שענסטע און וויכטיגסטע יודישע אינסטיטוציע אין אייער אלטער היים, **דער יודישער שפיטאָל אין ביאַלע,** געפינט זיך אין זעהר אַ קריטישער פינאַנסיעלער לאַגע און ראַנגעלט זיך שווער פאַר זיין עגזיסטענץ.

דער אלגעמיינער קריזיס, וועלכער האָט זעהר שווער געטראָפען אונזער שטאָרט און שטאַרק פעראָרימט דעם גרעסטען טייל פון אונזער בעפעלקערונג האָט קאַטאַסטראָפאַל געווירקט אויך אויף די הכנסות פון יודישען שפיטאָל. צוליב דער אַלגעמיינער קריטישער לאַגע האָט כמעט קיינער נישט די מעגליכקייט זיך פריוואַט צו קורירען און יעדער קראַנקער מוז אַנקומען אין שפיטאָל, ווי ער בעקומט די געהעריגע מעדיצינישע הילף.

דער גרויסער קריזיס און ארבייטסלאָזיקייט אין ביאַלע האָט געבּרענגט דערצו, אַז דער יודישער שפיטאָל איז שטענדיג איבערפולט מיט אָרימע קראַנקע.

אויב מיר וועלען אין דער נאָהנטסטער צייט נישט ערהאַלטען קיין פינאַנסיעלע הילף דראָהט די געפאַר, אַז דער יודישער שפיטאָל זאָל געשלאָסען ווערען, אַדער עס זאָל פערקלענערט ווערען דאָס צונעמען קראַנקע, וועלכעס טאָר אָבער אין קיין פאַל נישט דערלאָזט ווערען, בעזונדערס אין אַזאַ קריטישען מאָמענט.

די עגזיסטענץ פון יודישען שפיטאָל איז אַ לעבענס-נויטווענדיגקייט פאַר דער גאַנצער ביאַלער בעפעלקערונג.

מיר אַפּעלירען דעריבער צו אייך ביאַלער לאַנדסלייט און פריינט פון יודישען שפיטאָל —

העלפט אונז מיט אַלע מעגליכקייטען ווייטער אויפצוהאַלטען די עגזיסטענץ פון יודישען שפּיטאָל, וועלכער איז ווירקליך דער שענסטער און בּוויטיגסטער יודישער אַנשטאַלט אין ביאַלע.

שפּיטאָל קאָמיטעט

פאָרזיצענדער: (—) ב. קליגער,
דירעקטאָר: (—) ד״ר געלבּאַרד,
קאַסיר: (—) ב. ווינאָגראַד,
ווירטש.-פיהרער: (—) ז. ראָזען,
סעקרעטאַר: (—) ז. ליווערענט.

ביאַלע-פּאָדל.' דעם 1-טען סעפּטעמבער 1931.

פּאָדלאַסיער דרוקעריי אין ביאַלע-פּאָדל.

אגרת של ועד בית החולים ליוצאי ביאלה בניו־יורק
אויפרוף פון שפיטאָל־קאָמיטעט צו די ביאַלער לאַנדסלייט אין ניו־יאָרק
Pamphlet of the hospital Commitee to people from Biala in New York requesting financial assistance.

אין די לעצטע יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה איז אין שפיטאָל טעטיק געווען דער פעלדשער בעריש ווייסמאַן (פון לאָמאַז).



שני הרופאים היהודים של בית החולים עד מלחמת העולם השניה.
די צוויי יידישע שפיטאָל־דאָקטוירים ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה.
פון לינקס: ד״ר ערדמאַן, ברוך ווינאָגראַד (קהילה־סעקרעטאַר),
ד״ר גאָלדנבערג, זלמן ליווערענט (שפיטאָל־סעקרעטאַר)
The two Jewish physicians of the hospital up to world-war II.

אַדמיניסטראַטאָרן פון שפיטאָל, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, זענען געווען בנימין קליגער, און נאָך אים, זלמן ליווערענט, וועלכער האָט אָנגעהאַלטן אָט דעם אַמט ביזן טאָג, ווען ער איז דערשאָסן געוואָרן דורך די דייטשן.



ועד בית החולים בשנת 1935
שפיטאָל־קאָמיטעט אין יאָר 1935
פון רעכטס זיצן: בנימין קליגער, משה קאָווע, ד״ר א. געלבאַרד;
שטייען: זלמן ליווערענט, חנינא קאַשעמאַכער און ברוך ווינאָגראַד
Hospital Commitee in Biala in 1935.

אין דער דאָזיקער תקופה איז דער שפיטאָל זייער אָפט געווען געשלאָסן, און דאָס במשך פון לאַנגע חדשים, צוליבן פעלן פון געלט־מיטלען, ווייל די קהילה האָט קיינמאָל נישט אויסגעצאָלט צו דער צייט די באַשטעטיקטע סובסידיע, און אויך קיינמאָל נישט אין דער הייך ווי זי איז באַשטימט געוואָרן.

בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן די רויט־אַרמייער, אין יאָר 1939, רעקווירירט דעם שפיטאָל און בעת זייער עוואַקואירן זיך פון דער שטאָט האָבן זיי מיטגענומען טיילן פון די שפיטאָל־איינריכטונגען, ווי מעדיצינישע אַפּאַראַטן און אינסטרומענטן.

בעת דער דייטשער אָקופּאַציע, אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז דער שפיטאָל תמיד געווען פאַרפולט מיט קראַנקע. מיטן שפיטאָל האָט אָנגעפירט ד״ר געלבפיש, וועמען מ׳האָט ספּעציעל אַראָפּגעבראַכט פון וואַרשעווער געטאָ. מיט אים האָבן דאָרט מיטגעאַרבעט ד״ר האַכמאַן (אַ פּליט פון דייטשלאַנד), ד״ר רובינשטיין (געקומען פון וואַרשע) און דער פעלדשער בעריש ווייסמאַן.

מ. י. פ—ם

צוגאָב־פּרטים:

לויט ווי ס׳גיט איבער יעקב גאָלדשטיין אין „ביאַלער וואָכנבלאַט״ נומער 10 פון 6טן מאַרץ 1936, זאָל דער ביאַלער רבי יצחק־יעקב ראַבינאָוויטש האָבן געווען דער אינספּיראַטאָר פון בויען אַ יידישן שפיטאָל אין שטאָט. ער זאָל האָבן עטלעכע מאָל גערעדט וועגן דעם מיט אידל שוואַרץ.

אין זעלבן נומער „ביאַלער וואָכנבלאַט״ דערציילט יעקב גאָלדשטיין, אַז אַ געוויסע פרוי מינץ האָט געהאַט איבערגע־

לאָזט אַן עזבון לטובת דעם בוי פון אַ יידישן שפּיטאָל אין ביאַלע. דער עזבון איז במשך פון הונדערט יאָר ליגן אין אַ באַנק אויסגעוואַקסן אויף פיר הונדערט רובל.

ר' משה כהן האָט געלאָזט אין זיין צוואה עטלעכע טויזנט רובל לטובת דעם בוי פון אַ יידישן שפּיטאָל אין ביאַלע (פּ. גאָלד, ניו־יאָרק).

אין 1932 איז געעפנט געוואָרן ביים שפּיטאָל אַן אַמבולאַטאָריע פאַר דער אָרעמער באַפעלקערונג („פּאָדלאַסיער לעבן" נומער 19/51 פון 23.9.1932).

אין פרעלימינאַר־בודזשעט פון דער קהילה פאַרן יאָר 1933 איז פאָרויסגעזען די שפּיטאָל־סובסידיע אויף אַ סומע פון 10 טויזנט זלאָטעס („פּאָדלאַסיער לעבן" נומער 5/70 פון 3.2.1933).

אין פרעלימינאַר־בודזשעט פון מאַגיסטראַט אויפן יאָר 1933/4 איז פאָרויסגעזען אַ סובווענץ פאַרן יידישן שפּיטאָל אין דער הייך פון 3 טויזנט זלאָטעס („פּאָדלאַסיער לעבן" נומער 4/69 פון 27.1.1933).

דער אָפּצאָל פון די קראַנקע, וואָס האָבן זיך קורירט אין שפּיטאָל האָט אין די יאָרן 1930/1 אויסגעמאַכט פון 7 ביז 8 טויזנט זלאָטעס יערלעך („פּאָדלאַסיער לעבן" נומער 42/107 פון 27.10.1933).

אין קהילה פרעלימינאַר־בודזשעט אויפן יאָר 1934 איז פאָרויסגעזען אַ סובסידיע פאַרן שפּיטאָל אין דער הייך פון 12 טויזנט זלאָטעס („פּאָדלאַסיער לעבן" נומער 5/121 פון 2.2.1934).

דער בודזשעט פון שפּיטאָל אויפן יאָר 1934 איז פעסטגעשטעלט געוואָרן אויף 20 טויזנט זלאָטעס. 8 טויזנט זלאָטעס האָט מען גערעכנט צו באַקומען פון קראַנקע, סובווענצן און נדבות. די קהילה האָט באַדאַרפט דעקן די איבעריקע 12 טויזנט זלאָטעס („פּאָדלאַסיער לעבן" נומער 1/117 פון 5.1.1934).

אין געזונטהייטס־דינסט לטובת דער באַפעלקערונג

זאָלן דאָ דערמאָנט ווערן די נעמען פון אָט די, וואָס האָבן במשך פון די לעצטע 70—80 יאָר יידיש לעבן אין ביאַלע געטראָגן מעדיצינישע הילף דער יידישער באַפעלקערונג.

דאָקטוירים:

ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה: ד"ר בראָדניאַק, ד"ר דאַווידזאָן (געשטאַמט פון ליטע, אַ געוועזענער ישיבה־בחור. גייענדיק פון אַ קראַנקן איז ער געפאַלן אויף די שטיגן און איז געשטאָרבן), ד"ר גוסטאַוו זיטאָ (פון וואַרשע, קיין ביאַלע געקומען פון לאָמאַז). צווישן ביידע וועלט־מלחמות: ד"ר יאָאַכים זאַטלער, ד"ר פּשיגאָדאַ (פון וואַרשע, געווען אַ צייט אין ביאַלע אין יאָר 1920, ווי אַ מיליטערישער דאָקטאָר אין דער פּוילישער אַרמיי), ד"ר אַנטאָני געלבאַרד (פון וואַרשע), ד"ר שלמה טענענבוים (פון שעדלעץ), ד"ר בוטשע פינקלשטיין (בן־עיר, שפּעטער טעטיק געווען ווי אַ דאָקטאָר אין ביטען), ד"ר פנחס ערדמאַן (פון ביאַליסטאָק), ד"ר גאָלדנבערג, ד"ר שניידער (אויגן־ספּעציאַליסט, אַראָפּגעבראַכט פון דער קראַנקן־קאַסע). בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה: ד"ר בערגמאַן (וואַרשיינלעך פון קאַטאָוויץ), ד"ר האָכמאַן (פּליט פון דייטשלאַנד), ד"ר רובינשטיין און ד"ר געלבפיש (פון וואַרשע).

דענטיסטן:

ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה: ברוק (מאָטל מינצ'ס איידעם) און ביעלינקע. יואל זילבערבערג (פון בריסק, פון דער ערשטער וועלט־מלחמה ביזן גירוש אין סעפּטעמבער 1942). אין פאַרשיידענע תקופות צווישן ביידע וועלט־מלחמות: ל. וויניקאַמיען, פרוי געלבאַרד, צעלניקער (פון שעדלעץ), און פרוי לאַבענדזשאַוואַ (פון ראַדזין — ביזן גירוש אין סעפּטעמבער 1942).

„רופאים":

פאַקטיש זענען דאָס געווען פעלדשערס, אָבער אין שטאָט האָט מען זיי געקרוינט מיטן נאָמען „רופא" און מיר ווילן דעם פאָלקסטימלעכן נאָמען נישט ענדערן.

וועלוול זשיטאָ (געראָפן וועלוול דאָקטאָר, געשטאָרבן אין יאָר 1897, אין טאָג פון ברית פון אוראייניקל וועלוול איידלטוך, וועמען מ'האָט אַ נאָמען געגעבן נאָכן עלטער־זיידע), געשריבן רעצעפּטן, וועלכע די אַפּטייקן פלעגן אָננעמען. דער ייד איז געווען זיין גאַנץ לעבן אַ טעטיקער חברה־קדישא־מאַן. חיים רופא (שוואָער פון שערער ראַזמאַרין), ביידע טעטיק ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך פאַרנומען מיט היילן קראַנקע יוסף איטשע אַש.

פעלדשערס:

ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה: מאיר מיכל לאופּמאַן און פרידלענדער (געראָפן: „וואַרשעווער פעלדשער"). חיים מוסאַוויטש (געראָפן: „קאַברינער" — פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה ביזן גירוש אין יוני 1942). סאָלמאַן (געראָפן: „וואַרשעווער פעלדשער" — געקומען בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה פון וואַרשע און צוריקגעפאָרן אין די צוואַנציקער יאָרן), בעריש ווייסמאַן (פון לאָמאַז — געקומען עטלעכע יאָר פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה — ביזן גירוש אין סעפּטעמבער 1942).

אקושערקעס:

ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה: אידעס רויזנער און רחל סאַלאַמאַן (פאַר פּאָליטישער טעטיקייט באַקומען אייביקע פאַרשיקונג קיין פענזע — רוסלאַנד). צווישן ביידע וועלט־מלחמות: חוה מאַנהיימער־שאָר, סאָניע וויינשטיין־קעלמאַנזאָן און שרה קראַמאַרזש.

אויפגענומען פון אלתר וויינבערג און אשר האפער.

משה בראווערמאן תל־אביב

/ „אחיעזר"

חול־המועד פסח 1911, זענען ביי ישראל פינקלשטיין זיך צוזאַמענגעקומען 10—15 פערזאָן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, כדי זיך צו באַראַטן וועגן שאַפן אַ לאָקאַל, ווו מ׳זאָל קאָנען פירן די ציוניסטישע טעטיקייט. לויט די דעמאָלטיקע פאַרהעלטענישן איז נאָר מעגלעך געווען צו פירן אַזעלכע ס׳איז פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אונטערן שילד פון אַ פילאַנטראָפּישער געזעלשאַפט, אויף וועלכער מ׳האָט געקאָנט באַקומען אַ לעגאַליזאַציע מצד דער רוסישער מאַכט. מ׳האָט דעריבער אויף יענער באַראַטונג באַשלאָסן צו גרינדן אין שטאָט אַזאַ אינסטיטוציע אונטערן נאָמען „אחיעזר", וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיטן דערטיילן מעדיצינישע הילף דער אָרעמער באַפעלקערונג, און גלייכצייטיק זאָל מען אויסנוצן איר לאָקאַל פאַר ציוניסטישער טעטיקייט.

לויט די געזעצן האָט אַזאַ אינסטיטוציע געמוזט האָבן מינימום 10 חברים, מיט אַ באַשטייערונג פון 3 רובל יעדער איינער. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די 10 חברים זענען געווען; און די ביטע וועגן אַ לעגאַליזאַציע איז אָנגעגעבן געוואָרן אין דער גובערניע.

פאַר שבועות איז די דערלויבעניש פון דער גובערניע אָנגעקומען, און תיכף נאָך שבועות איז צוזאַמענגערופן געוואָרן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. דאָס שאַפן אַזאַ מאָדערנע אינסטיטוציע פאַר אָרעמע קראַנקע האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן אינטערעס ביי דער יידישער באַפעלקערונג, און צו דער פאַרזאַמלונג זענען געקומען עטלעכע הונדערט מענטשן און זיך פאַרשריבן פאַר חברים, מיט אַ מינימום אָפּצאָל פון 1 רובל יערלעך. ס׳זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך מתחייב געווען צו צאָלן 10 רובל יערלעך און אויך מער. די פאַרזאַמלונג האָט זיך געפירט זעלבסטפאַרשטענדלעך לויט די כוונות פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. לויטן סדר־היום האָט מען פאַרלויפיק געדאַרפט אויסוויילן אַ פאַרוואַלטונג, ראַט און רעוויזיאָנס־קאָמיסיע. כדי די אינסטיטוציע זאָל דערמעגלעכן פירן די ציוניסטישע אַרבעט, איז געזאָרגט געוואָרן, אַז אין די אָנפירנדיקע אינסטאַנצן פון „אחיעזר" זאָלן אויסגעקליבן ווערן וואָס מער ציוניסטן. כדי אָבער צו מאַסקירן אַזאַ שריט, זענען אין דער פאַרוואַלטונג געוויילט געוואָרן אויך אַזעלכע, וואָס זענען נישט געווען אַזוי באַקאַנט אין שטאָט פון זייער ציוניסטישער טעטיקייט. אין דער ערשטער פאַרוואַלטונג זענען דעמאָלט געוויילט געוואָרן: משה קאָווע, משה רובינשטיין, יעקב פינקלשטיין, אברהם פינקלשטיין. אין ראַט זענען אויסגעוויילט געוואָרן: אידל שוואַרץ, חיים יאַסקע קאַשטנבוים, אברהם לובעלטשיק א״אַ.

צום ערשט האָט דער „אחיעזר" זיך געפונען אין ווינעס. שפּעטער האָט מען געדונגען ביי דוווטשע פּעסלס אַ לאָקאַל פון פיר צימערן. דער ערשטער צימער האָט געדינט פאַר אַ וואַרטעזאַל, דער צווייטער — פאַר די פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער און סעקרעטאַר, וואָס פלעגן אויפנעמען דעם עולם, דער דריטער צימער האָט געדינט אַלס אויפנאַם־צימער פאַר קראַנקע, וועלכע פלעגן דאָרט אונטערזוכט ווערן דורך די דאָקטוירים. אין פערטן צימער פלעגן זיך געפינען די מעדיקאַמענטן, מעדיצינישע אינסטרומענטן און כלים פאַר קראַנקע.

מ׳האָט זיך פאַרבונדן מיט אַלע דאָקטוירים אין שטאָט, יידישע און קריסטלעכע, וועלכע האָבן מסכים געווען צו דערטיילן מעדיצינישע הילף פאַר אָרעמע, אָן שום אָפּצאָל. ד״ר גוסטאַוו זיטאָ פלעגט קומען צוויי מאָל אין וואָך, מאָנטיק און דאָנערשטיק פון 4 ביז 6 אַזייגער נאָכמיטאָג און אָננעמען יעדעס מאָל 8—10 קראַנקע. ד״ר שילינגאָווסקי, ד״ר פלאָרינסקי און ד״ר וואיטשעכאָווסקי פלעגן אָננעמען ביי זיך אין דער היים יעדן טאָג 3—4 קראַנקע, לויט אַ צעטל, וואָס יעדער קראַנקער האָט יעדעס מאָל באַקומען אין „אחיעזר".

דאָס צוטיילן רפואות פאַר דער אָרעמער באַפעלקערונג איז געוואָרן איינגעאָרדנט אויף פאָלגנדיקן אופן: „אחיעזר" איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג אַ געוויסע צייט מיטן אַפּטייקער ערנקראַנץ און שפּעטער מיטן אַפּטייקער אַסטראָווסקי. דער פאַראינטערעסירטער פלעגט זיך ווענדן אין אַפּטייק מיטן רעצעפּט פון דאָקטאָר, אויף וועלכן מ׳האָט אים באַצייכנט אַ פּרייז, נישט וויסנדיק פאַר וועמען די רפואה איז באַשטימט. אין „אחיעזר" האָט מען געלייגט דעם שטעמפּל אויפן רעצעפּט און אים אונטערגעשריבן. דער קראַנקער האָט באַצאָלט אין „אחיעזר" 50 פּראָצענט פון דעם פּרייז און באַקומען דעם רעצעפּט פריי אין דער אַפּטייק. ביי גאַנץ אָרעמע פלעגט דער רעצעפּט ווערן אונטערגעשריבן אָן שום אָפּצאָל. סוף יעדן חודש פלעגט דער אַפּטייקער צושיקן אַלע רעצעפּטן מיט אַ רעכענונג. ס׳פלעגן זיך במשך פון אַ חודש צונויפזאַמלען פון 500 ביז 1000 רעצעפּטן אויף אַ סומע פון עטלעכע הונדערט רובל. „אחיעזר" פלעגט באַקומען פון דער אַפּטייק אַ הנחה פון 40 ביז 50 פּראָצענט. מיטן אַפּטייקער ערנקראַנץ איז געווען אַן אָפּמאַך אויף 50 פּראָצענט און מיטן אַפּטייקער אַסטראָווסקי נאָר אויף 40 פּראָצענט. פאַר אויסלענדישע מעדיקאַמענטן האָט מען באַצאָלט דעם פולן פּרייז. „אחיעזר" וועלנדיק זיין זיכער מיט דער רעיעלקייט פון די פּרייזן פאַר די רעצעפּטן, פלעגט אָפט שיקן די רעצעפּטן מיט די פּרייזן צום בריסקער בקור־חולים־שפּיטאָל, ווו ס׳האָט זיך געפונען אַ גרויסע אַפּטייק מיט אַ יידישן אַפּטייקער, וועלכער פלעגט נאָכקאָנטראָלירן די פּרייזן. פאַר יעדער קאָפּיקע באַרעכנט טייערער פון דעם אָפּיציעלן פּרייז, האָט דער אַפּטייקער געדאַרפט באַצאָלן קנס 10 רובל.

לויט אַ באַשטעטיקונג פון אַ דאָקטאָר פלעגט מען אויך פאַרטיילן באַשפּייזונג פאַר אָרעמע קראַנקע, ווי: מילך, אייער, פּוטער, פלייש און אַנדערע שפּייז־אַרטיקלען. „אחיעזר"־צעטלען אויף די אַלע פּראָדוקטן האָט מען גערן גענומען אין יעדן געוועלב. יעדער מילך־טרעגער און סוחר וואָס פלעגט קומען מיט אַזאַ קוויטל פלעגט באַקומען באַצאָלט לויט די גאַס־פּרייזן. די קראַנקע זענען נישט געווען געצוווּנגען צו נעמען די פּראָדוקטן אויף אַן אָנגעוויזן אָרט, נייערט זיי האָבן געהאַט אַ פרייען אויסוואַל צו נעמען ווו ס׳איז פאַר זיי געווען באַקוועם.

די אָרדענונג פון באַקומען אַזעלכע פּראָדוקטן־טאַלאָנען איז געווען: אַ קרוב אָדער אַ באַקאַנטער פון קראַנקן פלעגן איבערגעבן אין „אחיעזר" אַ דאָקטאָר־באַשטעטיקונג אויף די נייטיקע פּראָדוקטן פאַרן אָרעמען קראַנקן, ווו ס'איז באַצייכנט געוואָרן ווי לאַנג דער קראַנקער נייטיקט זיך אין אַזאַ באַשפּייזונג. עטלעכע מאָל אין דער וואָך פלעגן פאָרקומען זיצונגען פון דער פאַרוואַלטונג, אויף וועלכע די ביטעס וועגן פּראָדוקטן־צוטיילונגען פלעגן ווערן באַטראַכט און דערליידיקט.

די טעטיקייט פון „אחיעזר" האָט זיך כסדר אויסגעברייטערט. איינע פון די וויכטיקסטע קראַנקן־הילף איז געווען צו שיקן יעדע נאַכט צו צוויי חברים וואַכן ביי יעדן קראַנקנס בעט.

„אחיעזר" האָט געציילט בערך פון 15 הונדערט ביז 2 טויזנט חברים, מיט אַ חברים־אָפּצאָל, וואָס האָט דערגרייכט עטלעכע טויזנט רובל יערלעך.

כלים און פאַרשיידענע מעדיצינישע אינסטרומענטן, אין וואָס אַ קראַנקער האָט זיך נאָר געניויטיקט, ווי: וואַרעם־פלעשער, פּענכערס אויף אייז, אינהאַלאַציע־מכשירים, טערמאָמעטערס, אונטערזאַצן, גומענע קישנס אא"וו האָט מען אַרויסגעגעבן אויף אַ משכּן. אַזעלכע כלים זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן נישט נאָר אָרעמע קראַנקע, נאָר אויך אַנדערע, אַפילו רייכע שיכטן, ווייל אויך אין די רייכע הייזער זענען אַזעלכע כלים נישט געווען. אויף אַזאַ אופן האָט „אחיעזר" געהאָלפן אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג.

דער בודזשעט פון „אחיעזר" איז פולשטענדיק און אויסשליסלעך פאַרנוצט געוואָרן פאַר מעדיצינישער הילף. קיין אַנדערע אויסגאַבן האָט „אחיעזר" נישט געהאַט, אויסער שכר־דירה. יעדער וואָס האָט געהאָלפן „אחיעזר" אין זיין טעטיקייט, האָט דאָס געטאָן אָן שום באַלוינונג.

די אינסטיטוציע איז געווען זייער פּאָפּולער אין שטאָט, אַפילו ביי דער קריסטלעכער באַפעלקערונג. ס'איז געווען אַ פאַל, ווען דער דעמאָלטיקער פּאָוויאַטאָווער נאַטשאַלניק — טופּיקין, מיטן בירגערמייסטער סאָלאָגוב, זענען געקומען אויף אַ באַזוך אין „אחיעזר" און געזען, לויט די ביכער און פּראָטאָקאָלן, ווי אַזוי ס'ווערט דורך דער פאַרוואַלטונג באַשטעטיקט פאַר יעדן קראַנקן די פּראָדוקטן־צוטיילונגען(די ביכער זענען געפירט געוואָרן אין דער רוסישער שפּראַך), האָבן זיי זיך נישט געקאָנט צוריקהאַלטן פון אויסדריקן זייער אַנטציקונג פון דער אָרדענונג. איין עבירה האָבן זיי דאָך געפונען. אויפן טיש איז געלעגן אַ העברעאישער שטעמפּל „אחיעזר". דאָס איז פאַרבאָטן געווען לויט די דעמאָלטיקע געזעצן. משה קאָווע האָט גלייך אויפן אָרט אַרויסגענומען אַ מעסערל פון קעשענע און צעשניטן דעם שטעמפּל אין זייערע אויגן, און זיי האָבן זיך מיט דעם באַנוגנט.

דער „אחיעזר" האָט געגרינדעט אַ בעקעריי פון מצות אויף פסח פאַר דער אָרעמער באַפעלקערונג. אין ביאַלע, ווי אין אַנדערע שטעט אין פּוילן, האָבן עטלעכע וואָכן פאַר פסח עקסיסטירט פּריוואַטע מצות־בעקערייען, וועלכע פלעגן דינגען צו דער אַרבעט מיידלעך און פרויען פון דער אָרעמער באַפעלקערונג. מ'פלעגט זיי צאָלן פון 3 ביז 4 גילדן טעגלעך. די אַרבעט איז נישט געווען קיין לייכטע, סיי ביים וועלגערן און סיי ביים קנעטן. דער טעמפּאָ פון דער אַרבעט האָט געמוזט זיין אַ זייער שנעלער, און דערביי איז מען געשטאַנען אויף די פיס פון זעקס אַזייגער פרי ביז אין די שפּעטע אָוונט־שעהן ביי די שווערסטע אַרבעטס־באַדינגונגען. מ'פלעגט אויסבאַקן פון 15 ביז 18 פוד (אַ פוד בערך 16 ק"ג) מעל טעגלעך, און דאָס בלויז מיט 15—20 אַרבעטאָרינס. דערצו האָט די היץ פון באַק־אויוון אַ סך משפיע געווען אויף די אַרבעטאָרינס, אַזוי, אַז נאָך עטלעכע טעג פון אַזאַ אָנגעשטרענגטער אַרבעט פלעגן ביי זיי געשוואָלן ווערן די הענט און די פיס. די פּרייזן פון באַקן מצות זענען געווען פאַרשיידענע. אין די מאָרגן־שעהן, ווען די כוחות זענען נאָך געווען פריש פלעגט מען שטענדיק באַקן פאַר די רייכערע קלאַסן, וועלכע פלעגן צאָלן אַ טייערן פּרייז פון די, פאַר וועלכע מ'פלעגט באַקן אין די שפּעטערע שעהן אָדער אין דער נאַכט, ווען די העלפּערס און העלפּערינס זענען שוין געווען פולשטענדיק אויסגעשעפּט. פאַרשטייט זיך, אַז די מצות אין די אָוונט־שעהן זענען נישט געווען אַזוי שיין, אַזוי דין, ווי אין די מאָרגן־שעהן.

לויט דער איניציאַטיוו פון „אחיעזר" איז געגרינדעט געוואָרן אַ געמישטער קאָמיטעט פון פרויען און מענער, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו באַקן מצות פאַר דער אָרעמער באַפעלקערונג. אין קאָמיטעט האָבן אָנטייל גענומען: רבקה פישער, חנה מרים מינץ, דער שרייבער פון די שורות א"אַ. מ'האָט אָפּגעדונגען אַ געוויסן אָרט, ווו ס'זאָלן זיך קאָנען געפינען נישט נאָר 20 העלפּערס, נאָר פון 40 ביז 50, און דאָס דווקא פרייוויליקע אויך פון דער רייכערער באַפעלקערונג. פרויען פון אַלע שיכטן זענען איינגעלאַדן געוואָרן צו אַרבעטן פרייוויליק. יעדער האָט געאַרבעט נאָר עטלעכע שעה אין טאָג, ווען ס'איז אים געווען באַקוועם. יעדע עטלעכע שעה האָבן זיך די אַרבעטס־כוחות געביטן. מ'איז געקומען געקליידט אין שענסטן און בעסטן. פריש און מונטער יעדע פרוי אָדער מאַן אויף זיין אָרט, אָן שום צוואַנג אָדער דרוק פון וועמען ס'איז, און געאַרבעט. ס'האָט נישט עקסיסטירט קיין פראַגע פון פרי אָדער שפּעט, פון „ערשטן" אָדער „צווייטן" אויוון. מ'האָט עס געהאַלטן פאַר אַ כבוד מנדב צו זיין עטלעכע שעה אין טאָג אין דער וווילטעטיקער מצה־בעקעריי פאַר דער אָרעמער באַפעלקערונג. ס'איז געווען איינע פון די שענסטע געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען אין ביאַלע. אַנשטאָט, וואָס תמיד האָבן געאַרבעט די אָרעמע פאַר רייכע, האָבן דאָ, דאָס־קעגן, געאַרבעט רייכע פאַר די אָרעמע. די שווערסטע און אחריותדיקע אַרבעט ביים באַק־אויוון האָט אויסגעפירט אייזיק פינקלשטיין אָן שום באַלוינונג.

אויסער באַקן מצות פאַר דער אָרעמער באַפעלקערונג אָן שום אָפּצאָל, האָט מען אויך געטיילט פאַר די גאַר אָרעמע מעל צום באַקן די מצות און פאַרשיידענע פּראָדוקטן אויף יום־טוב.

אַזוי האָט זיך געצויגן די דאָזיקע וווילטעטיקע אַרבעט עטלעכע יאָר. מיטן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אין יאָר 1914 איז איינגעטראָטן אַ הפסקה. די הכנסה פון

„אחיעזר" האָט זיך איינגעשרומפּן, און נישט האָבנדיק די נייטיקע מעדיצינישע הילף מצד די דאָקטוירים, וואָס זענען אָדער מאָביליזירט געוואָרן, אָדער זיך עוואַקואירט קיין טיף־רוסלאַנד, האָט זיך „אחיעזר" געשלאָסן. דער לאָקאַל איז רעקווירירט געוואָרן, די געבליבענע זאַכן זענען אַריבערגעפירט געוואָרן אין אַ צימער ביי ישראל פינקלשטיין.

אין אָנהייב יאָר 1915, ווען דער שרייבער פון די שורות איז באַפרייט געוואָרן פון מיליטער, האָט ער צוזאַמען מיט משה קאַווע זיך גענומען צו באַנייען צוריק די טעטיקייט פון „אחיעזר". אין איינציקן צימער האָבן מיר געפירט אויף אַ גאַנץ קליינעם מאַסשטאַב די אַרבעט, וואָס האָט אַזוי אָנגעהאַלטן ביז די דייטשן האָבן אָקופּירט די שטאָט.

בעת דער דייטשער אָקופּאַציע האָבן מיטן „אחיעזר" אָנגעפירט גאַנץ נייע כוחות, ווי: לייביש סאַורימפּער, ישראל פינקלשטיין, חיים ראַמעס, משה מלך זילבערבערג, ישראל אליהו שאַפּיראָ, יואל שאַפּיראָ. בראש איז געשטאַנען דעם ביאַלער רבס זון, דוד ז"ק.

מ'האָט געדונגען אַ נייעם לאָקאַל אויף דער גראַבאַנאָווער גאַס, עק פּראָסטע גאַס, אין הויז פון שוסטער שרגא.

דעם „אחיעזר" איז געלונגען צוצוציען דייטשע מיליטערישע דאָקטוירים, ווי: ד"ר א. מעלער (אַ ייד) און ד"ר באַרטעלעס (אַ קריסט), וועלכע פלעגן דערטיילן מעדיצינישע הילף דער יידישער באַפעלקערונג, באַזוכנדיק יידישע קראַנקע אין די הייזער. זיי פלעגן אויך קומען עטלעכע מאָל אין דער וואָך אין לאָקאַל פון „אחיעזר" און דאָרט אָננעמען קראַנקע. אַנדערע דייטשע מיליטער־דאָקטוירים פלעגן אָננעמען יידישע קראַנקע, וואָס פלעגן געשיקט ווערן צו זיי אַהיים. דאָס אַלץ האָבן זיי געטאָן אָן שום באַלוינונג. נאַטירלעך, אַז צוליבן מלחמה־מצב איז די טעטיקייט נישט געווען קיין רעגלמעסיקע. די מיליטער־דאָקטוירים פלעגן לאַנג נישט בלייבן אויפן אָרט.

אין אָנהייב 1916 איז געלונגען איבערצונעמען דאָס קהלשע הויז אין דער בריסקער גאַס 6 און דאָרט איינאָרדענען דעם „אחיעזר". דער לאָקאַל איז געווען אַ שיינער און פּאַסיקער.

ד"ר באַרטעלעס האָט אונדז פאַרבונדן מיט דער דייטשער קאָמענדאַנטור, ווו מיר האָבן אַדאַנק זיינע באַמיאונגען באַקומען אַ דערלויבעניש צו עפענען אַ יידישע אַפּטייק, נישט געקוקט דערויף וואָס בראש פון דער קאָמענדאַנטור איז דעמאָלט געשטאַנען מאַיאָר פונק, אַן אויסגעשפּראָכענער שונא ישראל. צוליב געוויסע סיבות איז אָבער די אַפּטייק נישט אויפגעשטעלט געוואָרן.

שפּעטער האָט אונדז ד"ר באַרטעלעס געשטעלט אין קאָנטאַקט מיט דער דייטשער ציוויל־פאַרוואַלטונג אין שטאָט, מיט וועלכער ס'האָט אָנגעפירט דער הויפּטמאַן פּאַפּוטין. אַדאַנק אים איז געלונגען צו פאַרבינדן ביאַלער משפחות מיט זייערע קרובים אין אַמעריקע, פון וועלכע זיי האָבן קיין ידיעות נישט באַקומען זינט די דייטשן זענען אַריין קיין ביאַלע. ס'האָט זיך איינגעשטעלט אַ בריוו־קאָרעספּאָנדענץ אין דער דייטשער שפּראַך, וועלכע איז געשריבן געוואָרן אין לאָקאַל פון „אחיעזר". דורך דער ציוויל־פאַרוואַלטונג פלעגן די בריוו איבערגעשיקט ווערן קיין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער. ס'איז אויך געלונגען צו אָרגאַניזירן דעם אָפּפאָר פון ביאַלע קיין אַמעריקע פון צוויי גרופּעס פרויען צו מענער, און עלטערן צו זייערע קינדער. צווישן אַנדערע זענען דעמאָלט געפאָרן בייבע בעקער צו זיין זון, אַבעלע מאַלערס שנור צו איר מאַן וועלוועלע א"אַ.

אַ גאַנץ באַזונדער קאַפּיטל, אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע אין ביאַלע, איז געווען דאָס פאַרזאָרגן מיט מצות אויף פּסח דער יידישער באַפעלקערונג. בעת דער דייטשער אָקופּאַציע איז פאַרווערט געווען פאַר דער ציווילער באַפעלקערונג געבעקס פון ווייצנמייל. פאַר פּסח האָט די יידישע באַפעלקערונג באַקומען אַ דערלויבעניש אויף אַ גרויסן קוואַנטום ווייץ אויף מצות. ס'איז געגרינדעט געוואָרן ביים „אחיעזר" אַ קאָמיטעט אין פאָלגנדיקן צוזאַמענשטעל: משה לעבנבערג, פישל פינקלשטיין, ישראל אליהו שאַפּיראָ, הערשל שחור, משה בראַווערמאַן (סעקרעטאַר) א"אַ, וועלכער האָט זיך פאַרנומען מיטן פונאַנדערטיילן די מעל. די מעל איז פאַרטיילט געוואָרן דער יידישער באַפעלקערונג אויף קאַרטן און יעדע פאַמיליע איז באַשטייערט געוואָרן דורכן קאָמיטעט מיט אַ געוויסן אָפּצאָל אויף מעות־חיטין פאַר דער אָרעמער טייל באַפעלקערונג. ס'איז טאַקע איינגעפלאָסן אַ סך געלט, וואָס האָט דערמעגלעכט פאַרטיילן צו אָרעמע נישט נאָר מצות אויף פּסח, נאָר אויך קאַרטאָפל, פלייש, וויין א"אַ.

די מצה־פאַרטיילונג און די מעות־חיטין־פאַרטיילונג האָבן אַזוי אָנגעהאַלטן די גאַנצע צייט פון דער מלחמה.

נאָכן אַנטשטיין פון דער פּוילישער מדינה איז נאָך אַ שטיקל צייט אָנגעגאַנגען די טעטיקייט פון „אחיעזר", אָבער נאָך עטלעכע יאָר האָט אָט די שיינע אינסטיטוציע אויפגעהערט צו עקסיסטירן.

אין לאָקאַל פון „אחיעזר" האָט זיך אַריינגעקליבן די נאָרוואָס אַנטשטאַנענע יידישע קהילה און פאַר די צוויי אינסטיטוציעס איז ענג געוואָרן דאָס אָרט. נאָכן ענדיקן זיך פון דער מלחמה זענען אַ סך אַקטיווע געזעלשאַפטלעכע טוערס אַוועק פון ביאַלע און אַזוי ווי ס'האָט געפעלט אַ גרופּע עסקנים, וואָס זאָל זיך מיט איבערגעגעבנקייט ווידמען דער אינסטיטוציע, איז דער „אחיעזר" אונטערגעגאַנגען. די מעדיצינישע אינסטרומענטן זענען געבליבן אין לאָקאַל פון דער קהילה, ווו מ'פלעגט זיי אויסלייען צו דער באַפעלקערונג קעגן משכונות, אָבער ס'איז נישט געווען ווער ס'זאָל זיך פאַראינטערעסירן און אָנפירן מיט דער זאַך, און די אינסטרומענטן זענען ממש צעשלעפּט געוואָרן.

די קינדער־היים

די קינדער־היים אין שטאָט איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1916, בעת דער דייטשער אָקופּאַציע אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. ביי דער זייט פון דער „יבנה"־שול איז דאָס געווען אַ וויכטעדיקער רינג אין דער רומפולער טעטיקייטס־קייט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין ביאַלע.

פון דער אָפּהאַנדלונג וועגן דער „יבנה"־שול ווייסן מיר די עיקר־סיבה, וואָס האָט באַוויגן די ציוניסטישע עלעמענטן אין שטאָט זיך אָנצושטרענגען כדי אויפצושטעלן אַזאַ פּראַקט־פולע אינסטיטוציע אין שטאָט. חוץ אָט דער סיבה איז אָבער אויך געווען אַ נויטווענדיקייט צו גרינדן אַזאַ אַנשטאַלט צו־ליב אַנדערע סיבות, ווי די דעמאָלטיקע גרויסע נויט, וואָס האָט געהערשט ביי די פאַמיליעס, ווו די מענער זענען געווען אין אַמעריקע, אָדער מאָביליזירט אין דער רוסישער אַרמיי. אָט די פאַמיליעס זענען געבליבן ממש אָן מיטלען צום לעבן און די קינדער האָבן זיך געפונען אין אַ פאַרוואָרלאָזטן מצב. ס'איז נויטיק געווען די קינדער אַרויסצורייסן פון אָט דער עלנט, און דאָ איז געקומען די געבענטשטע איניציאַטיוו פון די ציוניס־טישע קרייזן, וואָס האָבן, וואָס אַן אמת, אין זייער געהאַט גאָר אַנדערע כוונות, אָבער זיי האָבן באַוויזן, אַז זיי האָבן נישט נאָר געזאָרגט פאַר דער נשמה פון קינד, נייערט אויך פאַר זיין קערפּער. ביאַלע האָט קיינמאָל פריער און אויך שפּעטער נישט פאַרמאָגט אַזאַ מוסטערהאַפטן סאָציאַלן אַנשטאַלט.

די קינדער־היים האָט זיך געפונען אין הויז פון משה לע־בנבערג, אויף דער בריסקער גאַס, אין אַ דריי־צימערדיקער דירה.

מיטן אַנשטאַלט האָט אָנגעפירט אַ פרויען־קאָמיטעט, וועלכער איז באַשטאַנען פון די פרויען: חנה מרים מינץ, רבקה פישער, חנה רבקה רובינשטיין, רייזל זינגער (אָט די פרויען זענען עס געווען די איניציאַטאָרינס און גרינדערינס פון אָט דעם אַנשטאַלט), שרה באַרלאַס (פליטה פון בריסק), גליקע ליכטנבוים, איטא לאַשטשעווסקי, וואַקסין (פליטה פון בריסק) און די שוועסטער: העלמאַן, צאַרוק, מאָרגנשטערן. פאָרזי־צערין פון קאָמיטעט איז געווען חנה מרים מינץ, וויצע־פאָרזי־צערין חנה רבקה רובינשטיין, סעקרעטאַרין שרה באַרלאַס.




מינהלות ה„קינדער היים" — „בית הילדים"

די אָנפירערשאַפט פון דער קינדער־היים

פון לינקס זיצן: רבקה פישער, חנה מרים מינץ, חנה רבקה רובינ־שטיין, רייזל זינגער; ס'שטייען: יונה שטיינמאַן, יהושע פישער, משה רובינשטיין און יעקב שטיינמאַן.

Committee of the Kinderheim

דער קאָמיטעט האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע אַרויסצונעמען פון די עלנטע און אָרעמע פאַמיליעס די קינ־דער, ווי אויך יתומים, זיי באַשפּייזן, באַקליידן, געבן ביל־דונג און פאַרנעמען זיך מיט זיי אַפילו נאָך די שול־שעהן.



„בית הילדים"

קינדער־היים. די קינדער מיטן פרויען־קאָמיטעט

דער פרויען־קאָמיטעט פון רעכטס: מרים העלמאַן, וואַקסין (בריסק), ליבע העלמאַן, חנה רבקה רובינ־שטיין, נאָמען אומבאַקאַנט, חנה מרים מינץ, רבקה פישער, גליקע ליכטנבוים, שרה באַרלאַס, צאַרוק, מאָרגנשטערן, רייזל זינגער, איטא לאַשטשעווסקי

Kinderheim
(children's home)

אין אַנשטאַלט האָבן זיך געפונען 60 קינדער, מער האָט מען נישט געקאָנט אָננעמען צוליב בודזשעט־שוועריקייטן.

די פרויען, וואָס האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער טעטיקייט פון דער קינדער־היים, האָבן זייערע פליכטן אויסגעפירט ערנאַמטלעך, אָן שום באַלוינונג. בלויז די פרוי, וואָס האָט געפירט די קיך, איז געוואָרן באַלוינט.

די טאָג־טעגלעכע טעטיקייט אין קינדער־היים האָט אויסגעזען אַזוי:

8 אַזייגער אינדערפרי פלעגט קומען די דיזשורירנדיקע פרוי אין קינדער־היים און געבן דער קעכין אָנווייזונגען, וואָס און ווי אַזוי צוצוגרייטן צום עסן פאַר די קינדער. מיט דער קיך האָט אָנגעפירט פרל׳ ריכטער.

אַלע קינדער פון קינדער־היים זענען געווען תלמידים אין דער אָרטיקער „יבנה״־שול. נאָכן ענדיקן די לימודים אין דער שול פלעגן זיי, איינגעשטעלטע אין רייען, מאַרשירן אין קינדער־היים, וווּ זיי פלעגן עסן מיטאָג. נאָכן עסן פלעגן זיך די תלמידים נעמען מאַכן די לעקציעס אונטער דער אויפזיכט פון די דיזשורירנדיקע פרויען. נאָכן אָפּפאַרטיקן זיך מיט די לעקציעס פלעגן זיך די קליינע קינדער פאַרווײַלן, און מיט די עלטערע קינדער זענען געפירט געוואָרן פאַרשיידענע געשפּרעכן. די דיזשורירנדיקע פרויען פלעגן די קינדער וואַשן, פוצן און צוואָגן די קעפּלעך. נאָכן אָפּעסן דעם אָוונט־מאָלצייט פלעגן די קינדער גיין אַהיים צו זייערע פאַמיליעס. ס׳זענען געווען פאַלן ווען עטלעכע יתומים־קינדער זענען איינגעאָרדנט געוואָרן אויך מיט שלאָפן ביי פאַמיליעס.

די קינדער פון קינדער־היים זענען געווען געקליידט אין באַזונדערע אוניפאָרמען, וואָס דער פרויען־קאָמיטעט האָט פאַר זיי געלאָזט נייען פון דער באַקומענער שטאָף פון דער מאַכט.

שבת און יום־טוב איז די קינדער־היים געווען געשלאָסן. אויף יום־טוב פלעגט מען אַהיימגעבן די קינדער שפּייז־פּראָדוקטן.

יעדן פסח פלעגט מען אין דער צווייטער סדר־נאַכט איינאָרדענען אין דער קינדער־היים אַ טראַדיציאָנעלן סדר פאַר די קינדער. דעם סדר פלעגט אָפּריכטן דער לערער יעקב שטיינמאַן. קיין זייטיקע געסט זענען נישט צוגעלאָזן געוואָרן צום סדר. די הוצאות וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיטן איינאָרדענען אָט דעם סדר, פלעגט דער פרויען־קאָמיטעט דעקן פון די אייגענע טאַשן.

דער בודזשעט פון אַנשטאַלט איז אין אָנהייב געדעקט געוואָרן דורכן פרויען־קאָמיטעט אַליין, וואָס האָט צווישן די אייגענע חברות צונויפגעזאַמלט געוויסע באַשטייערונגען, און פלעגט אויך באַקומען אַ געוויסע אונטערשטיצונג פון סימפּאַטיקערינס. שפּעטער־צו פלעגט די ציוויל־פאַרוואַלטונג דעקן אַ גרויסן טייל פון די הוצאות און אויך געבן פּראָדוקטן. צוויי מאָל אין חודש פלעגן די קינאָ־בילעטן צו די קינאָ־פאָרשטעלונגען אָפּגעגעבן ווערן דורך דער ציוויל־פאַרוואַלטונג דעם פרויען־קאָמיטעט, וואָס פלעגט די בילעטן פאַרקויפן צווישן דער יידישער באַפעלקערונג, און אַזוי אַרום איז צוגעקומען אַ הכנסה־מקור. איין מאָל אין חודש פלעגט מען דורכפירן אַ בלימל־פאַרקויף, און פון צייט צו צייט פלעגט דער ציוניסטישער דראַמאַטישער קרייז ביים „בית־עם״ איינאָרדענען אַ פאָרשטעלונג לטובת דער קינדער־היים. פון אָט די הכנסות האָט דער פרויען־קאָמיטעט נאָך באַוויזן צו צאָלן דער „יבנה״־שול שכר־לימוד פאַר די קינדער.

דעם קאָנטאַקט מיט דער ציוויל־פאַרוואַלטונג איז געלונגען אָנצוקניפּן אַדאַנק דער שוועסטער פון פעלדמאַרשאַל פאָן ליי־זינגען, וואָס איז געווען טעטיק אין ביאַלע ווי אַ קראַנקן־שוועסטער. אָט די קראַנקן־שוועסטער פלעגט אָפט קומען אין דער וועשעריי, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן דורך דער פרוי חנה מרים מינץ, און צווישן ביידע פרויען האָט זיך פאַרקניפּט אַ נענטערע קאָנטשאַפט.

אויך דער מיליטערישער פעלד־ראַבינער ד״ר טענצער פלעגט אונטערשטיצן די קינדער־היים און פלעגט זיך דערביי באַמיען צו פאַרמינערן דעם איינפלוס פון די ציוניסטישע קרייזן, אונטער וועמענס השפעה דער אַנשטאַלט האָט זיך געפונען.

מיטן אַנטשטיין פון דער פוילישער מלוכה האָט דער פרויען־קאָמיטעט זיך גענומען אָנשטויסן אויף בודזשעט־שוועריקייטן, ווייל פון דער מאַכט פלעגט מען נישט באַקומען קיין שום סובסידיע, אָדער וועלכע ס׳איז אונטערשטיצונג. מען פלעגט דעריבער די קינדער פירן נאָך די לימודים אין דער, אַזוי גערופענער, „קינדער־קיך״. אין אָט דער קיך, וואָס איז אויסגעהאַלטן געוואָרן אַדאַנק די באַקומענע פּראָדוקטן פון אַמעריקע, פלעגן די קינדער עסן מיטאָג און נאָכדעם פלעגן זיי אַוועקמאַרשירן אין דער קינדער־היים. דאָרט פלעגן זיי מאַכן די לעקציעס און פאַרברענגען ביז פאַרנאַכט, ווען זיי פלעגן גיין אַהיים.

אין יאָר 1919 איז די קינדער־היים ליקווידירט געוואָרן. די סיבות זענען געווען: ראשית, בודזשעט־שוועריקייטן, און שנית — אַ סך קינדער האָבן אויסגעוואַנדערט מיט זייערע פאַמיליעס קיין אַמעריקע, ווי נאָר ס׳האָבן זיך געעפנט די טויערן פון אַמעריקע נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

אין דער גאַנצער תקופה פון דער עקסיסטענץ פון דער קינדער־היים איז נישט געווען צו פאַרצייכענען קיין באַזונדערע אינצידענטן אָדער וועלכע ס׳איז אומאָנגענעמע פאַלן מיט די קינדער. ס׳זענען אויך קיינמאָל נישט פאָרגעקומען קיין שום סכסוכים צווישן די קינדער אַליין, אָדער צווישן די קינדער און דעם פרויען־קאָמיטעט. די קינדער זענען אין די לימודים נישט אָפּגעשטאַנען פון אַלע אַנדערע קינדער, און אַ טייל פון זיי האָט זיך אַפילו אויסגעצייכנט אין לערנען.

די באַציאונגען צווישן די קינדער און פרויען־קאָמיטעט זענען געווען האַרציקע און וואַרעמע. די קינדער זענען געווען שטאַרק צוגעבונדן צו די פרויען פון קאָמיטעט, וואָס האָבן זיך מיט די קינדער אַזוי מוטערלעך מטפל געווען. אין יאָרן אַרום איז אָט די צוגעבונדנקייט געקומען שטאַרק צום אויסדרוק אין אַ סך פאַלן.

אויפגענומען פון חנה רבקה ראַפּאַפּאָרט־רובינשטיין

ברוך ווינאגראד רמת־יצחק / „טאז"

די גרינדונג פון דער געזעלשאַפט „טאָז" אין ביאַלע, וואָס איר אויפגאַבע איז געווען צו פאַרהיטן דאָס געזונט פון דער יידישער באַפעלקערונג, דאַטירט זיך פון יאָר 1925. צו דער קרייז־קאָנפערענץ פון „טאָז", וואָס איז פאָרגעקומען אין אָט דעם יאָר אין לובלין, זענען פון ביאַלע איינגעלאַדן געוואָרן דער דירעקטאָר פון יידישן שפיטאָל ד"ר א. געלבאַרד און דער קהילה־סעקרעטאַר ב. ווינאַגראַד. בעת דער קאָנפערענץ אין לובלין זענען די ביאַלער פאָרשטייערס באַאויפטראָגט געוואָרן צו גרינדן אין ביאַלע אַן אָפּטיילונג פון „טאָז".

אויף דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, וואָס איז דעמאָלט גערופן געוואָרן אין קהילה־לאָקאַל, מיטן אָנטייל פון אַלע קרייזן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין שטאָט, האָבן די איניציאַטאָרן ד"ר א געלבאַרד און ב. ווינאַגראַד רעפערירט וועגן די וויכטיקע אויפגאַבן פון „טאָז", און באַגרינדעט די נויטווענדיקייט צו גרינדן אַן אָפּטיילונג פון „טאָז" אין שטאָט. די פאַרזאַמלטע האָבן אַרויסגעוויזן גרויס פאַרשטענדעניש צו דעם ענין און אַלע אָנוועזנדיקע האָבן זיך אויפן אָרט דעקלאַרירט ווי מיטגלידער. אין דער פאַרוואַלטונג זענען אויסגעוויילט געוואָרן: ד"ר א. געלבאַרד — פאָרזיצער, פרוי באַלטשע פּיזשיץ — וויצע־פאָרזיצערין, א. ראַבאַק — קאַסירער, ברוך ווינאַגראַד — סעקרעטאַר, פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער: פרויביילע וויזנפעלד, פרוי מאַניא יונגערמאַן, פרוי העלע אָרלאַנסקי, פרוי ליובאַ שוואַרץ, פרוי פאַניאַ פרידבערג, ד"ר בוטשע פינקלשטיין און מיכאַש האָפער. אין דער רעוויזיאָנס־קאָמיסיע: אייזיק שוואַרץ, משה ראַדזינעק און אברהם לובעלטשיק.

די פאַרוואַלטונג האָט אויסגעאַרבעט אַ פּרעלימינאַר־בודזשעט און ענערגיש צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. די הכנסות זענען געווען פאַרגעזען פון: סובסידיעס פון קהילה און מאַגיסטראַט, מיטגלידס־אָפּצאָל, עפנטלעכע זאַמלונגען און אונטערנעמונגען, אָבער בעיקר פון דער סובווענץ פון דעם „טאָז"־צ"ק אין וואַרשע.

די פּאַקטישע טעטיקייט פון „טאָז" האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1926 און איז אָנגעגאַנגען ביזן מלחמה־אויסברוך אין יאָר 1939.

יאָר־יערלעך פלעגט דער „טאָז", אין משך פון זיין עקסיסטענץ, איינאָרדענען אין די 2—3 זומער־חדשים האַלב־קאָלאָניעס פאַר אָרעמע אָפּגעשוואַכטע קינדער. צו דעם צוועק האָט דער „טאָז" געדונגען דעם גרויסן פּלאַץ פון רבינס הויף אויף דער מעזריטשער גאַס. ס'זענען דאָרט אויסגעבויט געוואָרן פּאַסיקע געביידעס מיט טישן און בענק פאַר 100—120 קינדער, ווי אויך אַ קיך און אַנדערע סאַניטאַרע באַקוועמלעכקייטן. דער גאַנצער פּלאַץ איז געוואָרן אַרומגעצוימט און אויסגעפּלאַנטעוועט. אויף אַ געוויסן שטח איז אָנגעפּירט געוואָרן ריינער זאַמד אויף זון־בעדער פאַר די קינדער. ס'זענען פאַרפלאַנצט געוואָרן אַ גרויסע צאָל ביימער, כדי די קינדער זאָלן האָבן ווו זיך אויסצובאַהאַלטן פון דער זון. יעדער טור, וואָס האָט געציילט 100—120 קינדער, האָט געדויערט נאָר איין חודש. די קינדער פלעגן באַקומען גוטע דערנערונג פיר מאָל אין טאָג. כמעט אַלע קינדער פלעגן באַדייטנדיק צונעמען אין דער וואָג, זיך אָפּבריענען פון דער זון און אָפּפרישן. דער אָפּצאָל איז געווען אַ מינימאַלער און 50—60 פּראָצענט קינדער זענען אָנגענומען געוואָרן אינגאַנצן אומזיסט. די זומער האַלב־קאָלאָניעס זענען געווען טעטיק פון 8 פרי ביז 4 נאָכמיטאָג. במשך פון זומער פלעגן געניסן פון דער האַלב־קאָלאָניע 250—300 קינדער. די קינדער פלעגן זיך דאָרט די גאַנצע צייט געפינען אונטער אַ געהעריקער פּעדאַגאָגישער און מעדיציניִשער השגחה.

לויט דער צוטיילונג פון דער „טאָז"־צענטראַלע, פלעגט מען יעדן זומער אַרויסשיקן פון ביאַלע אַ געוויסע צאָל קראַנקע קינדער קיין טשעכאָטשינעק, אָטוואָצק א"אַ.



מחנה קיץ של „טאָז"

די זומער האַלב־קאָלאָניע פון „טאָז" אין ביאַלע

Summer camp of "Toz"

ביים יידישן שפיטאָל איז דורכן „טאָז" געעפנט געוואָרן אַן אומזיסטע אַמבולאַטאָריע פאַר אַלע שול־קינדער, פאַר די תלמידים פון דער תלמוד־תורה, חדרים און ישיבה. ס'זענען דאָרט אויך אַרויסגעגעבן געוואָרן אומזיסטע רפואות. אַדאַנק די אָפּטע מעדיצינישע אונטערזוכונגען פון די קינדער און די באַזוכן פון אַ דאָקטאָר און היגיעניסט אין תלמוד־תורה, ישיבה און חדרים, זענען אינגאַנצן עלימינירט און אויסגעקורירט געוואָרן די הויט־קראַנקהייטן, באַזונדערס פאַרכעס (פאַווּוס־קראַנקע). אין נייטיקע פאַלן זענען די קראַנקע קינדער געשיקט געוואָרן אויפן חשבון פון ביאַלער „טאָז" ספּעציעל צו דער רענטגען־סטאַציע ביי דער וואַרשעווער „טאָז"־צענטראַלע. אין משך פון די ווינטער־חדשים זענען אין דער אַמבולאַטאָריע באַשטראַלט געוואָרן מיט קוואַרץ־ליכט אַ סך הונדערטער קינדער אינגאַנצן אומזיסט.

לויטן אָפּמאַך פון דער „טאָז"־פאַרוואַלטונג, פלעגט דער צאָן־דאָקטאָר יואל זילבערבערג אויפנעמען אַלע קינדער, וואָס האָבן זיך געפונען אונטער דער אויפזיכט פון „טאָז", און געבן זיי דענטיסטישע הילף, ווי: היילן און באַזייטיקן קראַנקע ציין,

ווי אויך מאַכן פּלאָמבעס אינגאַנצן אָן געלט. דער „טאָז" פלעגט נאָר צושטעלן די דענטיסטישע מעדיקאַמענטן.

איינע פון די עיקר אויפגאַבן פון „טאָז" איז געווען צו פאַרהיטן פון קראַנקהייטן. דאָס איז אין אַ גרויסער מאָס געלונגען אַדאַנק די אָפּטע באַזוכן אין דער תלמוד־תורה, ישיבה און חדרים, אַרויסגעבנדיק היגיענישע אָנווייזונגען און פאַראָרדענונגען. אין משך פון די ווינטער־חדשים זענען פאַר אַ סך קינדער פאַרטיילט געוואָרן יעדן טאָג זעמל מיט אַ גלאָז מילך, אָן שום אָפּצאָל. ס'זענען אויך פאַרטיילט געוואָרן אין די ווינטער־חדשים גרויסע קוואַנטומס פיש־טראָן פאַר אַלע קינדער אין שטאָט, אָן אויסנאַם. אַלע אָרעמע קינדער פלעגן סיסטעמאַטיש געשוירן ווערן און באַקומען אומזיסטע בעדער אין דעם מיליטערישן באָד־אַנשטאַלט אויפן חשבון פון „טאָז".

יעדן חודש פלעגט „טאָז" אַרויסגעבן פאַר דער יידישער אָרעמער באַפעלקערונג, אין באַדייטנדיקע קוואַנטומס, שטיקלעך זייף צום וואַשן וועש. ס'פלעגן איינגעאָרדנט ווערן עפנטלעכע רעפעראַטן אויף פּאָפּולערע היגיענע־טעמעס. ס'זענען פאַרשפּרייט געוואָרן, אין אַ גרויסער צאָל, מעדיצינישע זשורנאַלן, ווי „פאָלקסגעזונט" א"אַ, ווי אויך מאַסן פלוגבלעטער מיט היגיענע־אָנווייזונגען און אויפקלערונגען.

דער „טאָז" איז געווען זייער פּאָפּולער און באַליבט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אין שטאָט. די הכנסה־אונטערנעמונגען פון „טאָז" האָבן שטענדיק געגעבן די בעסטע רעזולטאַטן. באַזונדערס פּאָפּולער זענען געווען די פּורים־בעלער, פון וועלכע די הכנסה פלעגט יאָר־יערלעך ווערן באַשטימט אויסשליסלעך לטובת די זומער האַלב־קאָלאָניעס. דאָס מאַסנהאַפטע באַטייליקן זיך פון די ברייטסטע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די „טאָז"־אימפּרעזעס און די אַרויסגעוויזענע סימפּאַטיע און פאַראינטערעסירונג האָבן געדינט ווי אַ סטימול פאַר דער „טאָז"־פאַרוואַלטונג פאָרצוזעצן די פאַראַנטוואָרטלעכע און וויכטיקע אַרבעט לטובת דער ביאַלער יידישער באַפעלקערונג.

די ביוראָ פון „טאָז" האָט זיך געפונען אין יידישן שפּיטאָל. די אַדמיניסטראַציע־אויסגאַבן פון „טאָז" זענען בכלל געווען מינימאַלע, בערך צען פּראָצענט פון אַלגעמיינעם בודזשעט, און דאָס האָט געגעבן דער פאַרוואַלטונג די מעגלעכקייט צו פאַרווענדן אַלע הכנסות נאָר אויף קאָנסטרוקטיווע מעדיצינישע און פּראָפילאַקטישע צוועקן. ס'איז כדאי צו באַמערקן, אַז ד"ר א. געלבאַרד האָט אין משך פון דער גאַנצער צייט פון זיין טעטיקייט, ווי דער פאָרזיצער פון דער „טאָז"־פאַרוואַלטונג פון 1925 ביז 1937, ד"ה, ביז זיין אָפּפאָר קיין וואַרשע, אויסגעפירט אַלע מעדיצינישע אונטערזוכונגען פון די קינדער, געהאַלטן רעפעראַטן אויף היגיענע־און מעדיצין־טעמעס, אינגאַנצן אָן שום מאַטעריעלער קאָמפּענסאַציע. דערביי האָט ער שטענדיק אַרויסגעוויזן אַ פאַרשטענדלעכע און וואַרעמע באַציאונג צו דער „טאָז"־טעטיקייט. אויף די יערלעכע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען פלעגט אויסגעקליבן ווערן אַ נייע פאַרוואַלטונג. פון די פאַרוואַלטונגס־חברים האָבן זיך באַזונדערס אַקטיוו אויסגעצייכנט: די וויצע־פאָרזיצערין באָלטשע פיזשיץ, פרוי פאַניאַ פרידבערג און מיכאַש האָפּער. אין משך פון דער „טאָז"־עקסיסטענץ האָבן אין פּעדאַגאָגישן און דערציערישן פּערסאָנאַל פון די זומער האַלב־קאָלאָניעס מיטגעאַרבעט די פרויען: ליובע וויינטרויב־טוכשניידער, בעלאַ יאַקובאָווסקי, טויבעלע רובינשטיין א"אַ. לערער פון געזאַנג און ספּאָרט איז געווען דער באַגאַבטער שומר־הצעירניק שלוימקע (שלמה) האָכבערג, וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַ סך איבערגעגעבנקייט און ליבע צו די קינדער, לערנענדיק זיי טעגלעך פּרעכטיקע גימנאַסטישע איבונגען און לידער אין העברעאיש, יידיש און פּויליש.

צו די שליסונגען פון יעדן סעזאָן אין די זומער האַלב־קאָלאָניעס, וואָס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן יעדעס מאָל אויף אַ גאָר פייערלעכן אופן, ביים אָנטייל פון די קינדער און זייערע עלטערן, פאָרשטייערס פון דער מאַכט, קהילה, אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און פאַרבעטענע געסט, פלעגן די קינדער אַרויסטרעטן מיט געזאַנג, דעקלאַמאַציעס און אויסגעצייכנטע ספּאָרט־איבונגען.

ס'איז אויך ווערט צו דערמאָנען דעם סאַניטאַר און היגיעניסט פון „טאָז" דוד פּשעוווזמאַן, וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַ סך איבערגעגעבנקייט און פלייס ביי אַ מינימאַלער באַלוינונג. אין משך פון דער גאַנצער צייט, זינט ס'זענען טעטיק געווען די זומער האַלב־קאָלאָניעס פון „טאָז" אין ביאַלע, איז די הויפּט־קעכין געווען די פרוי שרה בריינע ליבערמאַן, פון דער וואָליע, וועלכע האָט קיינמאָל נישט פאַרשפּעטיקט מיטן צוגרייטן צו דער געהעריקער צייט געשמאַקע און נאַרהאַפטיקע עסנס פאַר די קינדער.

דער „טאָז" איז אויך געווען פּאָפּולער ביי דער קריסטלעכער באַפעלקערונג אין שטאָט. אַזוי זענען די סובווענצן פאַרן „טאָז", כאָטש גאַנץ באַשיידענע, שטענדיק אונטערגעשטיצט געוואָרן דורך די קריסטלעכע ראַטמענער אין שטאָט־ראַט פון אַלע ריכטונגען. ס'איז אויך כאַראַקטעריסטיש, אַז אַפילו דער אַנטיסעמיטישער „פּאָדליאַשאַק" (אַן ענדעקישער וואָכנבלאַט אין ביאַלע) האָט בשעתו (שיינט אין 1936) געווידמעט אַ ספּעציעל אַרטיקל, אויף דער ערשטער זייט, דעם „טאָז", לויבנדיק די וויכטיקע טעטיקייט זיינע, און באַזונדערס די זומער האַלב־קאָלאָניעס; אונטערשטרייכנדיק, אַז דער „טאָז" פאַרדינט אונטערגעשטיצט צו ווערן פון אַלע טיילן פון דער ביאַלער באַפעלקערונג.

די טעטיקייט פון „טאָז" האָט זיך געצויגן ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. צוזאַמען מיט דער גאַנצער ביאַלער יידישער באַפעלקערונג, וואָס איז אויסגעראָטן געוואָרן דורך דער דייטשער בעסטיע, זענען אויך אומגעקומען די הונדערטער יידישע קינדערלעך, וואָס דער „טאָז" האָט פאַר זיי מיט אַזוי פיל ליבע און איבערגעגעבנקייט געזאָרגט.

דער אַרכיוו פון „טאָז" צוזאַמען מיט מעדיצינישע אינסטרומענטן זענען פאַרבליבן אין יידישן שפּיטאָל.

פון אַלע „טאָז"־מיטאַרבעטערס זענען, ליידער, לעבן געבליבן נאָר צוויי פערזאָן: דער „טאָז"־סעקרעטאַר ברוך ווינאָגראַד (ישראל) און מיכאַש האָפּער (בראַזיל).

טעטיקייטס־באריכט פון דער געזעלשאפט „טאז"

פאַר דער צייט פון 1 יאַנואַר 1927 י. ביזן 31 מערץ 1933 י.

1. שול־אַמבולאַטאָריום — 6.338 אומזיסטע וויזיטן.
2. " — 2.325 " רעצעפטן.
3. געבאָדן אויפן חשבון פון „טאַז" 10.492 קינדער.
4. אומזיסטע בעדער פאַר אַרבעטסלאָזע 1.380
5. געשוירן אויפן חשבון פון „טאַז" 6.175 קינדער.
6. געוואַשן וועש פאַר אָרעמע קינדער 7.097 שטיק.
7. גענאָסן פון די זומער האַלב־קאָלאָניעס 1.067 קינדער, וועלכע האָבן דורכשניטלעך צוגענומען אין וואָג צו 1,30 קילאָגראַם.
8. אַרויסגעשיקט אויף זומער־קאָלאָניעס: אָטוואָצק, דאָמאַ־טשעווע, טשעכאָטשינעק, דרוסקעניק — 59 קינדער.
9. אויסגעהיילט פון פאַוווס (פאַרך) 73 קינדער.
10. אומזיסט באַשטראַלט מיט קוואַרץ־לאַמפּ 285 קינדער.
11. פאַרטיילט אומזיסטן טראַן 327 קילאָ.
12. פאַרשפּרייט העכער 10 טויזנט בראָשורן וועגן היגיענע, פלוג־בלעטער, קאַלענדאַרן, צייטשריפטן א"א.
13. העכער 2.000 יוגנטלעכע האָבן געפירט גימנאַזיסטישע אי־בונגען אויפן ספּאָרט־פּלאַץ פון „טאַז".

הכנסה

		זל'
1.	סובווענץ פון דער „טאַז"־צענטראַלע	15.788.—
2.	" " מאַגיסטראַט	5.483.08
2.	" " סיימיק	1.000.—
3.	" " דער יידישער גמינע	1.380.—
5.	" " קראַנקן־קאַסע	1.895.—
6.	פון מיטגלידס־אָפּצאָל	3.124.55
7.	" אונטערנעמונגען און נדבות	7.588.62
8.	" אָפּצאָלונגען פאַר די זומער־קאָל.	8.077.90
9.	" שול־היגיענע	861.15
10.	" קוואַרץ־לאַמפּ	324.—
11.	" פאַרשיידענע הכנסות און הלואות	220.08
	צוזאַמען	45.742.38

הוצאה

		זל'
1.	אויף זומער־קאָלאָניעס	25.266.09
2.	" שול־היגיענע	7.576.80
3.	שול־אַמבולאַטאָריום	3.090.99
4.	קוואַרץ־לאַמפּ	689.88
5.	מילך, רעצעפטן און טראַן	1.289.02
6.	היגיענע־פּראָפּאַגאַנדע	1.160.02
7.	פיזישע דערציאונג	589.87
8.	אַדמיניסטראַציע און ביוראָ־אויסגאַבן	5.093.79
9.	מיטגלידס־אָפּצאָל אינקאַסע	553.14
10.	פאַרשיידענע אויסגאַבן	383.55
	סאַלדאָ צום 1 אַפּריל 1933 י.	49.23
	צוזאַמען	45.742.38

באריכט פון דער זומער־האלב־קאלאניע פון געז. „טאז" פארן יאר 1933

הכנסה

אָפּצאָל פון קינדער	169.— זל.
פון קראַנקן־קאַסע	105.— "
געזאַמלט דורכן הילפס־רינג אין „פאָד. לעבן"	662.— "
פון אַנדערע זאַמלונגען	110.50 "
סובווענץ פון דער „טאַז"־צענטראַלע	400.— "
צוזאַמען	1.446.50 זל.

הוצאה

באַשפּייזונג פאַר די קינדער	1.009.47 זל.
פאַרן פּלאַץ	125.— "
רעמאָנטן און ווירטשאַפטלעכע אויסגאַבן	101.25 "
ווירטשאַפטלעכער פּערסאָנאַל	61.— "
פּעדאַגאָגישער פּערסאָנאַל	115.— "
פאַרשיידענע אויסגאַבן	51.95 "
צוזאַמען	1.463.67 זל.

פון דער זומער־קאָלאָניע האָבן גענאָסן 148 קינדער פון די אָרעמסטע שיכטן פון דער ביאַלער יידישער באַפעלקערונג, לויט פאָלגנדיקן צוזאַמענשטעל:

געשלעכט: 89 מיידלעך, 59 יינגלעך;

עלטער:	4—6 יאָר	33 קינדער
	6—8 "	54 "
	8—10 "	48 "
	10—13 "	13 "

שולן:	פּרעבל־שולן	6 קינדער
	אַלגעמיינע מלוכה־שולן	48 "
	רעליגיעזע שולן	52 "
	אויסערן שול־עלטער	42 "

באַשעפטיקונג פון די עלטערן:

האַנטווערקער	30
אַרבעטערס	9
קליינהענדלערס	12
אַרבעטסלאָזע	78
יתומים	19

דער דורכשניטלעכער צוּוווּקס פון די קינדער האָט באַטראָפן 1.10 קילאָ.

89 קינדער זענען צוגענומען געוואָרן אינגאַנצן אָן געלט און די איבעריקע קינדער — פאַר אַ מינימאַלן אָפּצאָל, אָנהויבנדיק פון 1 זל. מאָנאַטלעך.

פאָרזיצער: (—) **ד"ר א. געלבאַרד**

סעקרעטאַר: (—) **ב. ווינאָגראַד**

רעוויזיאָנס־קאָמיסיע: (—) **א. שוואַרץ**, (—) **מ. יונגערמאַן**, (—) **א. לובעלטשיק**

(„פּאָדלאַסיער לעבן" נומער 19/84, פון 19.5.33 און נומער 44, פון 10.11.33).

דער מושב־זקנים

אַן אָנגעוויטיקט פּראָבלעם אין שטאָט זענען געווען די אָרעמע און עלנטע זקנים. נישט געווען ווער ס׳זאָל זיך מיט זיי פאַרנעמען און ווער ס׳זאָל פאַר זיי זאָרגן. איר האָט געקאָנט טרעפן אָט די זקנים, וואָס דער רוב פון זיי איז געווען קראַנק, זיך וואַלגערן אין די אַריינגענג פון בית־המדרש, עזרת־נשים און אין הכנסת־אורחים.

בעתן דערשיינען פון „פּאָדלאַסיער לעבן״, אין די צוואַנציקער יאָרן, זענען אויף די שפּאַלטן פון אָט דער צייטונג אויפגעוואָרפן געוואָרן פאַרשיידענע פּלענער, און צווישן אַנדערע, אויך דער געדאַנק וועגן בויען אַ בנין פאַר אַ מושב־זקנים. די רעדאַקציע פון „פּאָדלאַסיער לעבן״ האָט אויף זיך גענומען די איניציאַטיוו צו פאַרווירקלעכן אָט דעם פּלאַן. אָבער ווי אַ סך פּלענער אין אונדזער שטאָט, וואָס זענען אָנגעוואָרפן געוואָרן נישט אַנאַליזירנדיק זייער אויספירבאַרקייט, אַזוי איז אויך דער פּלאַן ווייט געווען פון האָבן אַ באָדן אונטער זיך. אָנשטאָט צו ווענדן זיך צו דער באַפעלקערונג וועגן שאַפן מיטלען איינצוואָרדענען די זקנים, האָט מען זיך געוואָנדן מיט אַ רוף צו דער באַפעלקערונג וועגן בויען אַ בנין פאַר אַ מושב־זקנים. קלאָר, אַז אַזאַ פּלאַן האָט נישט געהאַט די מינדסטע אויסזיכטן אויף דערפאָלג.

נישט האָבנדיק קיין אַנדער מאַטעריאַל, וועלן די נאָטיצן פון אַ טייל עקזעמפּלאַרן „פּאָדלאַסיער לעבן״ און „ביאַלער וואָכנבלאַט״, וואָס זענען אין אונדזער באַזיץ, אונדז געבן אַוועלכעס ס׳איז בילד פון אָט דער אינסטיטוציע, וואָס האָט עקסיסטירט אין שטאָט ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

זונטיק, דעם 12טן דעצעמבער 1926, איז אין מאַגיסטראַט־זאַל פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג, וואָס האָט געדאַרפט באַהאַנדלען די פראַגע פון אויפבויען אַ יידישן מושב־זקנים. די פאַרזאַמלטע האָבן זיך אויפן אָרט דעקלאַרירט אויף 6 טויזנט זלאָטעס, אויסצוצאָלן אין משך פון צוויי יאָר. די אָנוועזנדיקע בעלי־מלאכות האָבן דעקלאַרירט שוה־כסף, דאָס הייסט, שטיצן מיט די נייטיקע אַרבעטן ביז דער מושב־זקנים וועט זיין אויפגעבויט. ס׳איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ קאָמיטעט פון ניין פערזאָן: אידל שוואַרץ, יצחק פיזשיץ, ישראל כהן, פישל פינקלשטיין, ד״ר אַנטאָני געלבאַרד, פנחס נאָרטמאַן, משה קאַווע, יצחק אַגרעס און יעקב הערשבערג. אין דער רעוויזיאָנס־קאָמיסיע זענען אויסגעקליבן געוואָרן: ישראל גאָלדשטיין, אייזיק שיינבערג און דוד וויסמאַן. דער קאָמיטעט האָט געדאַרפט גלייך צוטרעטן אויסצופירן דעם בוי־פּלאַן (״פּאָדלאַסיער לעבן״, נומער 4, פון 26סטן דעצעמבער 1926).

אין פּרעלימינאַר־בודזשעט פון מאַגיסטראַט אויפן יאָר 1927/8 איז באַשטימט געוואָרן אַ סובסידיע פאַרן מושב־זקנים אין דער גרויס פון טויזנט זלאָטעס („פּאָדלאַסיער לעבן״ נומער 13, פון 27סטן אַפּריל 1927).

דער מושב־זקנים באַקומט פון מאַגיסטראַט איין זלאָטע טעגלעך אויף יעדן פּערזאָן. די מאַגיסטראַט־סובווענץ איז פאָרויסגעזען פאַר 20 זקנים, און פון דער סובווענץ ווערן אויסגעהאַלטן מער ווי 30 זקנים („פּאָדלאַסיער לעבן״, נומער 28, פון 25סטן נאָוועמבער 1932).

דער מושב־זקנים געפינט זיך אונטער דער פאַרוואַלטונג פון קלוב פון די יידישע ראַטמענער. אין פּרעלימינאַר־בודזשעט פון מאַגיסטראַט אויפן יאָר 1933/1934 איז די סובווענץ פאַרן מושב־זקנים באַצייכנט געוואָרן מיט דער סומע פון 6500 זלאָטעס („פּאָדלאַסיער לעבן״, נומער 4, פון 27סטן יאַנואַר 1933).

נאָך דער עקסמיסיע פון מושב־זקנים האָט זיך איינגעגעבן צו באַקומען אַ נייעם לאָקאַל ביי לייב אַקערמאַן, סאַדאָווע גאַס („פּאָדלאַסיער לעבן״, נומער 28, פון 20סטן יולי 1934).

דינסטיק, דעם 13טן יולי 1937, אָונט, אין לאָקאַל פון דער קהילה פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג פון פאַראינטערעסירטע לטובת דעם „מושב־זקנים״ מיטן צוועק צו רעאָרגאַניזירן די צוויי עקסיסטירנדיקע קאָמיטעטן, ד״ה דעם „מענער״־און „פרויען״ קאָמיטעט און פאַרוואַנדלען זיי אין איין סטאַבילן קאָמיטעט.

אויף דער פאַרזאַמלונג איז באַריכטעט געוואָרן וועגן פינאַנץ־צושטאַנד פון מושב־זקנים.

ס׳איז אָפּגעגעבן געוואָרן אַ שלוס־רעכענונג פאַר דער צייט פון 1.4.36 ביז 1.4.37. דער בילאַנס שטעלט זיך פאַר אַזוי:

הכנסה	זל.
סאַלדאָ אויפן 1.4.1936	28.58
סובווענץ פון מאַגיסטראַט	3222.49
פאַר אַרויסגעגעבענע מיטאָגן	642.64
סובווענץ פון דער קהילה	183.90
נדבות	45.68
פאַר פאַרדינגען אַ טייל־פּלאַץ	50.—
פאַר נישט־באַצאָלטע חובות	328.63
ס״ה	4501.92

הוצאה	זל.
באַשפּייזונג די זקנים־ות	3241.13
פענסיע פאַרן אַדמיניסטראַטאָר	650.—
סטרוזש	60.—
באַהייצונג—באַלייכטונג	155.14
האַלטן ריין און וואַשן וועש	125.75
פאַר וואַסער	70.—
הלבשה און פאַרריכטן	96.79
פאַרשיידענע קליינע אויסגאַבן	98.96
סאַלדאָ אויפן 1.4.37	4.15
ס״ה	4501.92

ס'איז אויך אָפּגעגעבן געוואָרן אַ באַריכט פון דער „רינג"־אַקציע, וועמענס הכנסה גרייכט שוין באַלד 500 זל. (צוזאַמען מיט די זאַכן און פּראָדוקטן).



מושב זקנים וחברי דמ:הלה.

דער מ־שב־זקנים מיט די קאָמיטעט־מיטגלידער פון רעכטס זיצן: חיים מיאָדעק, משה לעבנבערג, וויצע־בירגערמייס־טער י. אַבראַמאָוויטש, שמאי קאַליכשטיין און אַברהם לעבנבערג. לעבן אים דער פאַרוואַלטער ש. גאָרנשטיין.

The Aged Home with members of the Committee

די פאַרזאַמלטע האָבן באַשלאָסן צוטרעטן שאַפן אין ביאַלע אַ געזעלשאַפט א"נ „מושב־זקנים" (אין הסכם מיטן באַשטעטיקטן סטאַטוס דורך דער מאַכט), וועמענס מיטגלידער וועלן זיין די יורידישע אייגנטימער פון דעם אַנשטאַלט. צו דעם צוועק איז באַשלאָסן געוואָרן אויפצולייזן ביידע איצטיקע קאָמיטעטן און צו שאַפן איין געמיינזאַמען קאָמיטעט, וועלכער זאָל אין דער מעגלעכסט קורצער צייט אַדורכפירן די ווערבירונגס־אַקציע פאַר די מיטגלידער אין דער געזעלשאַפט „מושב־זקנים אין ביאַלע".

אין נייעם קאָמיטעט זענען אַריין די ה"ה שמאי קאַליכשטיין, מאיר אָרלאַנסקי, יצחק בערמאַן, איצל לעווי, ברוך ווינאָגראַד, חיים מיאָדעק, משה לעבענבערג, משה ראָדזינעק, חנינא קאַשעמאַכער.

אין פרויען קאָמיטעט: ל. שוואַרץ, קלאַדניעוו, מינץ, וויינשטאָק, קעלמאַנזאָן, שניידמיל. („ביאַלער וואָכנבלאַט" נומער 28, פון 16טן יולי 1937).

מיר זעען, ווי פון דעם גרויסן פּלאַן פון יאָר 1926 וועגן בויען אַ בנין פאַר אַ מושב־זקנים, איז נאָך אין יאָר 1934 נישט געווען אַפילו קיין אָנהייב. אויפן סדר־היום איז שוין ב־לל נישט געשטאַנען דאָס פּראָבלעם פון בויען, נאָר פון באַשאַפן פשוט די מינימאַלסטע מיטלען צו קאָנען דערנערן די זקנים, וואָס האָבן זיך צוגעטוליעט צו דער אינסטיטוציע, וואָס האָט זיך גערופן מושב־זקנים.

אָט אַזוי האָבן זיך אין שטאָט געראַנגלט פאַר זייער בידנעם קיום די עלנטע און קראַנקע זקנים, און די יידישע געזעלשאַפט האָט זיי נישט באַוויזן צו העלפן. בעת דער דייטשער אָקופּאַציע, אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז די לאַגע פון די זקנים געווען גאָר טראַגיש, ווייל דעמאָלט איז דאָך די געזעלשאַפט בכלל שוין געווען אינגאַנצן אומבאַהאָלפן און דערשלאָגן.

מ. י. פ.—ם

פרויען־הילפס־קאָמיטעט

אין די צוואַנציקער יאָרן איז אין שטאָט געווען אַ פרויען־הילפס־קאָמיטעט, וואָס זיין עיקר אויפגאַבע איז געווען צו שטיצן פאַראָרעמטע און עלנטע קראַנקע. די הכנסה־קוואַלן פון אָט דעם קאָמיטעט זענען געווען: מיטגלידס־אָפּצאָל, פאַרשיידענע פאַראַנשטאַלטונגען און צופעליקע זאַמלונגען.

דער קאָמיטעט האָט געציילט 250 מיטגלידערינס און בראש פון אים זענען געשטאַנען די פרויען: באָלטשע פּי־זשיץ — פאָרזיצערין, רבקה נאָוואָמינסקי — סעקרעטאַרין, יוכבד בידערמאַן — קאַסירערין.

באַריכט פון 16.12.1925 ביזן 1.1.1927

הכנסה	זל'
געבליבן אין קאַסע ביז דעם 16טן	70.74
אָפּגענומען פון שפּיטאָל־קאָמיטעט דורך דער גמינע	25.—
פון פאַמיליען־פאַרוויילונגען (חתונות, תנאים)	133.57
בלימל־טאָג, דעם 7.4.1926	222.12
אונטערנעמונגען (וואַרשעווער טרופּע פון ה' באַלבירסקי)	221.36
פון פאַרשיידענע פרייוויליקע נדבות	59.51
פון וואָכנטלעכן אָפּצאָל פון די מיטגלידער	1343.10
פון גמילות־חסד	20.83
	2096.23

הוצאה	זל'
פּראָדוקטן 40 פּערזאָן 4/3—430 קילאָ (חלות, ברויט און פאַרשיידענע טרוקענע שפּייזן)	1049.85
צוקער 40 פּערזאָן, 360 קילאָ	401.70
האָלץ	30.—
קאַרטאָפל	23.90
רעצעפּטן, 40 פּערזאָן	113.78
שטיצע אין מזומנים, 94 פּערזאָן	234.80
מילך 300 קוואָרט, 12 פּערזאָן	139.25
פאַרשיידענע אויסגאַבן (קוויטאַריושן, דרוק, שטעמפּל, בייטעלעך, שפּילקעלעך אאַ"וו.	102.95
	2096.23

בײַ דעם קאָמיטעט האָט עקסיסטירט אַ גמילות־חסד־קאַסע, וואָס האָט פאַרטיילט צו אָרעמע גאַסן־און מאַרק־הענדלערינס קליינע אָנפּראָצענטיקע הלוואות אויף וואָכנטלעכע אויסצאָלונגען. כדי צו דערמעגלעכן די עקסיסטענץ פון אָט דער קאַסע, האָט דער פרויען־קאָמיטעט איינגעפירט אַ באַזונדערן פרייוויליקן חודשלעכן אָפּצאָל פון זיינע מיטגלידערינס.

מיט דער גמילות־חסד־קאַסע האָבן אָנגעפירט די פרויען: באָלטשע פיזשיץ — פאָרזיצערין, פ. לובעלטשיק — סעקרעטאַרין און ר. לאַשטשעווסקי — קאַסירערין.

ס׳איז שווער צו זאָגן צי דער קאָמיטעט האָט עקסיסטירט ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, אָדער האָט נאָך פריער אויפגעהערט צו עקסיסטירן (די באַריכטן זענען אַרויסגענומען געוואָרן פון „פּאָדלאַסיער לעבן״, נומער 7, פון 18טן פעברואַר 1927 און פון נומער 1/2, פון 7טן יאַנואַר 1927).

באריכט פון דער גמילות־חסד־קאסע

אומזאַץ פון 1.6.1926 ביזן 1.1.1927

	הכנסה	הוצאה
קאַסע	2226.65	2285.17
אַרויסגעגעבן 124 הלוואות 57 פערזאָן	1732.—	2211.—
הוצאות דרוק, קוויטאַריושן		15.65
חודשלעכער אָפּצאָל א״אַ	553.17	
	4511.82	4511.82

באַלאַנס אויפן 1.1.1927

	פּאַסיוו	אקטיוו
קאַסע		58.52
אַרויסגעגעבן הלוואות (39)		479.—
דרוק־הוצאות		15.65
הודשלעכער אָפּצאָל	553.17	
	553.17	553.17

אנדערע וווילטעטיקע אינסטיטוציעס אין שטאט

בית־לחם

בערך אין יאָר 1885 איז שוין אין שטאָט טעטיק געווען אַזאַ אינסטיטוציע, וואָס איר אויפגאַבע איז געווען יעדן פרייטיק־פאַרנאַכט אַרומצוגיין איבער די יידישע הייזער און צונויפזאַמלען חלות און ברויט. דאָס צונויפגעזאַמלטע ברויט און חלות פלעגט פונאַנדערגעטיילט ווערן צווישן בכבודיקע נצרכים, וואָס האָבן זיך געשעמט אַרומצוגיין איבער די הייזער און בעטן ברויט, ווי דאָס פלעגן טאָן די מער דרייסטערע אָרעמעלייט.

חברים פון אָט דער אינסטיטוציע פלעגן קומען פאַרשטעלט אויף חתונות, ווו זיי פלעגן משמח זיין דעם עולם און זאַמלען געלט פאַרן בית־לחם.

דער רוח־החיה פון בית־לחם איז געווען דער סטאָליער יעקב יצחק, און צו הילף האָט ער געהאַט משה דוד שטריקנמאַכער (שיינבוים).

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט בית־לחם אויפגעהערט צו זיין טעטיק.

אין די דרייסיקער יאָרן איז די אינסטיטוציע צוריק געוואָרן טעטיק. דער שווערער עקאָנאָמישער מצב פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט איר צוריקגערופן צום לעבן.

נישט האָבנדיק קיין ידיעות וועגן דער טעטיקייט פון בית־לחם אין דער דערמאָנטער תקופה, וועלן מיר נאָכפאָלגן די פרטים, וואָס מיר האָבן געפונען אין אַ טייל עקזעמפּלאַרן פון „פּאָדלאַסיער לעבן״.

דער בלימל־פאַרקויף לטובת בית־לחם, וואָס איז פאָרגעקומען אין אָנהייב 1933 האָט אַריינגעבראַכט 85.47 זלאָטעס („פּאָדלאַסיער לעבן״, נומער 10/75, פון 10טן מערץ 1933).

צוליב אַן אינצידענט צווישן די מקבלים פון לחם־עוני מיטן בית־לחם־קאָמיטעט, האָט די אינסטיטוציע אויפגעהערט



מכירת פרח לטובת „בית־לחם״

אַ בלימל־פאַרקויף לטובת „בית־לחם״. ס׳זיצן פון רעכטס: אביגדור ריכטער, דער ראַדזינער שניידער (צונאָמען), אביק ראָזנבלום, קרוגמאַן, פרוי לאַשטשעווסקי, פרוי שטיינגאַרט: רעכטס שטייט: פנחס גאָרנשטיין. די נעמען פון די איבעריקע אומבאַקאַנט.

Flower sale in aid of "Beit-Lechem"

צו זאַמלען און אַרויסגעבן ברויט („פּאָדלאַסיער לעבן", נומער 29/94, פון 28סטן יולי 1933).

דער בית־לחם איז געצוווּנגען יעדע וואָך צוצוקויפן צום געזאַמלטן ברויט ביי דער באַפעלקערונג נאָך 15—20 קג. ברויט „פּאָדלאַסיער לעבן", נומער 33/98, פון 25סטן אויגוסט 1933).

דער בית־לחם צעטיילט יעדע וואָך 100—150 קג. ברויט („פּאָדלאַסיער לעבן", נומער 34/99, פון 1טן סעפּטעמבער 1933).

אין יאָר 1933 איז דער קאָמיטעט פון בית־לחם באַשטאַנען פון: שמחה באַרלאַס, זלמן ז"ק, אַבוש ראָזנבלום און ה. י. קרוגמאַן (פּאָדלאַסיער לעבן", נומער 45/110, פון 17טן נאָוועמבער 1933).

הכנסת־אורחים

ביזן יאָר 1907 האָט זיך דער הכנסת־אורחים געפונען אין געדונגענע צוויי צימערן, אין הויז פון שלמהלע קריידשטיין, אויף דער יאַנעווער גאַס.

אין יאָר 1907 איז אויפן שול־הויף אויפגעבויט געוואָרן אַ בנין פאַרן הכנסת־אורחים. דער איניציאַטאָר דערפון איז געווען יאָסל וועטשיק (גאַטפריד). דאָס געלט איז צוזאַמענגעקליבן געוואָרן אין שטאָט. די בוי־אַרבעט איז אויסגעפירט געוואָרן דורכן מוליער אלתר וויינבערג.

אין הכנסת־אורחים פלעגן נעכטיקן משולחים פון ישיבות און אָרעמעלייט, וואָס פלעגן קומען אין שטאָט כדי צו זאַמלען נדבות.

אין הויז איז געווען אַ דירה פאַרן אויפזעער פון הכנסת־אורחים, און פאַר דער דירה, וואָס ער האָט באַקומען בחינם האָט ער געדאַרפט רוימען דעם הכנסת־אורחים.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען דאָרט די דירות פאַרכאַפּט געוואָרן דורך ביאַלער תושבים און דער הכנסת־אורחים האָט מער נישט דערפילט די אויפגאַבע, פאַר וועלכער ער איז געשאַפן געוואָרן.

לינת־הצדק

קיינער פון די נאָך לעבנדיקע ביאַלער געדענקט נישט איר אַנטשטיין. די אויפגאַבע פון אָט דער חברה פלעגט זיין צו שיקן יעדע נאַכט צו צוויי מענטשן צו יעדן קראַנקן אין שטאָט, כדי אַרומצוגיין אַרום אים און אַזוי אַרום העלפן די שטוביקע, וואָס פלעגן אַ גאַנצן טאָג זיך מטפל זיין מיטן קראַנקן. די מיטגלידער פון אָט דער חברה פלעגן צאָלן אַ קאָפּיקע וואָכנטלעך לטובת דער אינסטיטוציע. אחרון של פסח פלעגן זיי זיך צונויפקומען און טרינקען וויין.

ביים סוף פון פאָריקן יאָרהונדערט האָט מיט דער חברה אָנגעפירט דער מוכר ספרים וועלוול מאָס.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט מען מער נישט געהערט וועגן דער עקסיסטענץ פון אָט דער אינסטיטוציע.

עזרת־חולים

פון „פּאָדלאַסיער לעבן" ווערן מיר געוויר, אַז אין די דרייסיקער יאָרן האָט אין שטאָט עקסיסטירט אַ געזעלשאַפט אונטערן נאָמען „עזרת־חולים".

די מיטגלידער פון עזרת־חולים פלעגן צאָלן אַ וועכנטלעכן אָפּצאָל אין דער גרייס פון 10 גראָשן. אָרעמע קראַנקע פלעגן באַקומען אין עזרת־חולים אומזיסטע מעדיצינישע הילף, ווי אונטערזוכונגען ביי דאָקטוירים, רעצעפּטן און מילך.

דעם 28סטן אויגוסט 1933 האָט די געזעלשאַפט איינגעאָרדנט אַ קאָנצערט פון חזן משה קוסעוויצקי פון וואַרשע, און אַזוי אַרום באַקומען אַ באַדייטנדיקע הכנסה. אין זומער 1934 איז דערעפנט געוואָרן אין „פּאָדלאַסיער לעבן", אַ הילפס־רינג לטובת עזרת־חולים („פּאָדלאַסיער לעבן", נומער 10/42, פון 22סטן יולי 1932 און נומער 34/99, פון 1טן סעפּטעמבער 1933).

מ. י. פ.—ב

פערזענלעכקייטן, געשטאלטן און טיפן

פאליטישע עסקנים

יצחק גרינבוים / אפולינארי מאכסימיליאן הרטגלס

הוא היה הצעיר בחבורתנו, ה„מוז'יניק" שלנו ממש. נצטרף ל„קדימה" שנוסדה באוניברסיטה של ווארשה בשנים הראשונות של המאה הנוכחית. הוא בא מביאלה, עיירה שבין שדלץ ובריסק, שם גמר בהצטיינות את חוק־הלימודים בגימנסיה. בן לעורך־דין פרטי, שביתו היה הבית היחיד בעיירה, אם איני טועה, שדיברו בו פולנית בלבד.

זה היה כל מה שידענו אז על ביתו וחינוכו. מי מאתנו היה מתעניין אז בדברים כאלה? היינו מקבלים בזרועות פתוחות כל „דיכפין" לתורה הציונית ולפעולה לטובתה. למעלה מחמישים שנה לא זזו ידינו זו מזו ואיני יודע איך נתעוררה בו בהרטגלס, תלמיד הגימנסיה בביאלה ובן למשפחה שלא דאגה כלל לחינוכו היהודי — ההכרה היהודית הלאומית, האהבה לעם היהודי, השאיפה לגאולתו. אני לא שאלתי אותו והוא לא סיפר לי; לא היה לנו פנאי, פשוט, לתהות על דברים אינטימיים כאלה בתוך המאבק הבלתי־פוסק שעמדנו בו מיום שנפגשנו במחלקת־המשפטים של האוניברסיטה וב„קדימה".

הרטגלס הצעיר היה אדם בעל כשרונות, תפיסה קלה ושכל חודר ומנתח. שטח התעניינותו היה רחב. היה כותב מאמרים ומחקרים, פלייטונים ושירים סאטיריים, על־פי־רוב מצייר קאריקטורות מוצלחות ושנונות ויודע פרק בציור ובתולדותיו. בהיותו תלמיד האוניברסיטה שאף לצאת למינכן, לאקדמיה־לאמנות המפורסמת שבעיר זו, ולהתמסר לציור. דומני שזו היתה תשוקת־נעורים שלו. בשבתו בישיבות ובהקשיבו לדברי הנואמים היה מצייר ומשרטט, ויש שהיו יוצאים מתחת ידיו ציורי קלסתר־פניהם של המסובים. אולם על תשוקתו זו, אולי חלום־נעוריו, התגבר והלך בדרך סלולה, שרצו בה הוריו; לאחר שגמר את האוניברסיטה ומלא את חובתו האזרחית בצבא, חזר לבית הוריו ועזר על יד אביו בפרקליטות. ובדרכו התמסר למקצועו בשלמות והוא גם נתחבב עליו ברבות־הימים. ואילו באותו פרק־זמן טרם בנה בית לעצמו, עוד היו תקופות שהתמרד וביקש לו דרך אחרת בחיים — דרך של עתונאי וסופר, של עסקן ולוחם ציוני. בתקופה זו היה עוזב את בית־הוריו ואת מקצוע־הפרקליטות והיה מתמסר כולו לעבודתו הציונית והעתונאית. ומי יודע אם לא היה נעשה לפובליציסטן, אילו היתה העתונאות נותנת באותם הימים בפולין אפשרות של קיום. על הציור לא חשב עוד; לא האמין, כנראה, בגודל כשרונותיו, ו„בעל־מלאכה" בציור לא רצה להיות.

הוא כתב בקלות רבה. פולנית, כמובן, שהיתה לשון־אמו ולשון־מחשבותיו. הוא היה היחיד בינינו, נוסף על קירשרוט, ששלט בלשונו הפולנית כפולני ממש. תמיד אמרנו עליו שאף פליטת־הפה שלו היתה של פולני ולא של יהודי, שמתת־ההכרה שלו פורצים ביטויים וניבים יהודיים ולובשים צורה פולנית, שצורמת אוזניהם של הפולנים מלידה־ומבטן ולפעמים מובנת להם בקושי. עברית לא למד בילדותו אלא בשנות־אמידתו, כשהתחיל מטרידו הרעיון שבסופו־של־דבר יהיה עליו לעלות לארץ־ישראל. יידיש הבין כיליד עיירה שהיידיש היתה שולטת בה — אולם לא דיבר בה. פעם אמרתי לו כי מוטב שינסה לכתוב את מאמריו בעצמו ביידיש, שלא יהיה עלי לתרגמם. הוא ישב וכתב את דבריו ביידיש וכשקראתי את מאמרו לא יכולתי להבין מניין לו כושר זה להלביש את רעיונותיו בשפה שרק חדרה לאוזניו ולנשמתו בלי־משים. אכן נפלאים הם דרכי השפעת הסביבה! אולם בדיבור קשה היה עליו הדבר. לא פעם ניסה לדבר יידיש באסיפות ולא הצליח. אפילו כ„גר" לא ידע לדבר והיה נאלץ לחזור לפולנית, ואפילו אלה שצעקו תחילה כי ידבר יידיש סופם שהפצירו בו לרחם עליהם ולדבר פולנית.

אפילו ביידיש לא היה מוחק את הדברים שכתב לאחר שמצא ביטוי טוב יותר לרעיונותיו. הוא היה מאותם האנשים המועטים שרעיונותיו יצאו ממוחו ומלבו סדורים וערוכים, בצורה מושלמת שאינה זקוקה לתיקונים. מאמריו וגם נאומיו שנרשמו בסטינוגראמות נמסרו נקיים לדפוס, כמו שיצאו לאור־עולם. הרעיון מצא את לבושו המתאים לו בצאתו מפיו ומעטו והוא לא ביקש ואף לא היה זקוק ללבוש אחר. בישיבות ובוועידות היה הוא המנסח את ההחלטות ואת ההצהרות והיה עושה זאת בשעה שהקשיב לנאומים. כבר

---

* דער מאמר וועגן אַפּאָלינאַרי מאַקסימיליאַן האַרטגלאַס ווערט געגעבן אין העברעאיש לויטן מקור, ווי מיר האָבן געפונען.

אמרתי שהיה קל־תפיסה, אך היה גם מעמיק לחדור למחשבו־תיו של הזולת ותופס את העיקר שבהם.

הוא היה אדם ישר ונאמן ובעל רגש של כבוד, במובן הטוב של מלה זו. לא היה איש־מלחמה, אולם ידע להילחם על דעו־תיו ועיקריהן לבלי־חת. כשהגיע לעיקרים אלה לא ידע פשרות, אולם בקטנות, בדברים שלא ייחס להם חשיבות רבה, היה מוכן לכל פשרה — כדי שלא להרחיק, להכעיס ולהרגיז, אע"פ שאהב להקניט ולפצוע פצעי־אוהב. בחייו הפרטיים לא היה מן המאמינים שבסופם יסתדרו הדברים לטובה. בסוף ימיו התאכזב והתייאש וראה שחורות. וכך גם בענייני־ציבור, בכל הנוגע למצב היהודים והציונות.

*

מניין בא הרטגלס לציונות? מה היו מקורות הציונות שלו? כשאני מציג לפני שאלה זו לאחר פטירתו, אין לי אלא תשובה אחת: רגש־הכבוד שהיה מפותח בו, כבוד של אדם זקוף־קומה, שכל הרכנת־ראש והשפלה הסבו לו כאב והעכירו את רוחו. אם לנקוט לשון קבלה וחסידות הייתי אומר, שהוא היה בין המצטערים בצער השכינה המתפלשת בעפר־הגלות. כשהיה מתמרד ותובע לאחוז באמצעים קיצוניים, לדחות כל פשרה — היה תמיד מעלה את הטענה, שכבודנו האנושי והל־אומי שנפגע דורש מאתנו כי נעמוד במערכה ולא נירתע.

עד היום זוכר אני את שיחתנו בדרך אל הסיים, בתקופת המשא־ומתן הארוך בינינו לבין הממשלות הראשונות של פו־לין לאחר השתחררותה. אני לא השליתי את נפשי שיעלה בידנו לשכנע את הממשלות ולהניען שיקבלו ולו מקצת מדרי־שותינו היסודיות, אך לא רציתי שיאשימונו כי אנו הפסקנו את המשא־ומתן; ואולם הרטגלס ראה משום פגיעה בכבודנו בדיונים היגעים והממושכים, שאינם מעלים ואינם מורידים אלא רק משמשים מסווה בפני העולם הנאור ומאפשרים לטעון כלפיו, שהממשלה הפולנית רוצה להתפשר עם היהודים. הוא הרגיש בזה זילזול ופגיעה חמורה בכבודנו ודרש שנפסיק את המשא־ומתן. שוכנעתי והמו"מ הופסק — ושום רעה לא צמחה מזה. אדרבה, כבודנו גדל בעיני קברניטיה של פולין.

קירשרוט בא לציונות משום שהרגיש בקשר ובאי־המוסריות שבהתבוללות ובטמיעה. הוא היה דור שלישי למתבוללים וגדל במשפחה שהיתה לה מסורת של פולניות. גם גולדשמיט (יאנוש קורצ׳יאק) מצא את הדרך לעמו כיוון שנפשו נפגעה ונפצעה מהשקר הגדול שבחיי סביבתו המתבוללת. ואילו הרטגלס בא משום כבודו האנושי שנפגע, שנרמס — לאוו דוקא בפולין בלבד אלא בכלל בתנאי גלות ותלישות מארץ־מולדת, בתנאים של שוני, שבהם שרוי העם היהודי לעומת שאר הגויים. היתה זו ציונות „גויית", אבל היא עמדה בפני כל הסערות, כל האשליות, שלא עצרו כוח לעקור את שורשיה העמוקים. אותה שעה — רבים וכן שלמים, מעורים ביהדות, שגדלו בסביבה יהודית, שספגו את ערכיה בילדותם ובנעוריהם — לא עמדו במיבחן הסערות אשר מוטטו את יסודות חיינו, במיבחן הפיתויים שפקדונו בתקופת חמישים השנים האחרו־נות; מהם שלא החזיקו מעמד, סרו מן הדרך והלכו מאתנו.

הרטגלס שמר אמונים לציונות ולעמו וארצו כל ימיו, על־אף אכזבותיו המרות; בייחוד למראה המתרחש במדינתנו.

כלום היתה זו השפעת מושג ה„הונור" הפולני? יתכן — אבל מושג זה אצל הפולנים נסתלף ונעשה רמיה, מסווה שמאחוריו מכסה אדם על שפלות־נפשו, כדי להוליך שולל את בעלי־דברו. אצל הרטגלס היה זה רגש טהור וקדוש, ששורשיו בבכיית דורות־הגולה על שפלות־מעמדו של העם ועל גלות־שכינתו. וציונות שמקורה ברגש כזה עומדת בסערות מהרסות, עומדת בפני הפיתויים הגדולים ביותר.

*

חמשים שנה עמדנו יחד במערכה, שכם אל שכם. בדרך אחת הלכנו מיום שהתחילה פעולתנו הציונית, בעוד אנו יושבים על ספסלי האוניברסיטה — ועד עצם הימים האלה, ימי מדינת־ישראל. יחד נלחמנו את מלחמותיהם של הציונות ושל יהודי פולין; יחד ניצחנו את נצחונותינו המועטים ויחד נחלנו את מפלותינו הרבות, ותמיד היו אלה הנצחונות והמפלות של העם היהודי בפולין ושל התנועה הציונית בה או אף בכל העולם כולו, ויש שאנשים העומדים מן החוץ, קרובים ורחוקים, היו סבורים כי אפשר להפריד בינינו, להעמידנו זה מול זה או זה כנגד זה; יש שבטוחים היו כי הצליחו במזימתם להטיל פירוד בינינו ולא ידעו הללו ולא עלה על דעתם, שהכול נעשה בהסכמת שנינו, אפילו כשהועמד הרטגלס בראש הנציגות היהודית בפארלאמנט הפולני. ואותו הדבר — כאשר החלטתי לעזוב את פולין לאחר שנוכחתי כי המוני היהודים עייפו ממלחמה ונפשם כמהה להפסקת־נשימה. ידעתי שהרטגלס יעמוד על המשמר ולא ינמיך את קומתנו היהודית והציונית ולא יוריד את דגלנו, הדגל של עם הנאבק על זכויותיו וחירותו, ובראש וראשונה על כבודו ונשמתו.

והוא עמד על משמרת הציונות שלנו באותה תקופה נוראה של ירידת פולין והסתגלותה של ציונות־הרוב לירידה זו עד כדי קבלת הזכות של ייצוג פארלאמנטארי מידי ממשלה עויינת, הנגררת אחרי הדמוקראטיה הלאומית, אשר מצאה כי הגיעה השעה להגשים את חלומה — סילוק היהודים מפולין. יחד עם החברים הנאמנים למסורת הלוחמת, שטיפחנו אתה בעומדנו שכם אל שכם במערכה — המשיך הרטגלס במאבק עד להתמוטטות פולין ופלישת המרצחים לתחומיה.

הרטגלס לא רצה להאמין שאכן תפרוץ מלחמה ועוד פחות מזה האמין שהעם הגרמני יגיע בימי שלטונו של היטלר עד אובדן צלם־האלוהים ממש. הוא נתפס לדעה שאילו הקיפה החזית נגד היטלר מלכתחילה את כל בעלות־הברית, לרבות ברית־המועצות, לא היו הדברים מגיעים לכיבוש פולין ולמה שעלה אח"כ בגורלם של היהודים באירופה וכל ימיו האמין שאין כפרה לחטא זה. שכן, יחד עם חורבן יהודי פולין נחרב עליו עולמו הוא ונחרבו חייו.

הנאצים זממו ללכוד אותו ברשת נכליהם וזמן־מה היה כפשע בינו לבין המוות. אך הוא הצליח להיחלץ מצפורניהם ולעלות ארצה, שבה נמצאה כבר בתו. וכל ימיו האחרונים לא יכול היה למחול לעצמו על צעדו זה, על שעזב את יהודי פולין

בצרתם ובמצוקתם האיומה, אף־על־פי שידע, כי הברירה הי־חידה שעמדה לפניו אז, בחודשים הראשונים לכיבוש פולין בידי קלגסי־היטלר, היתה בין מוות לבין הצלה על־ידי יציאה.

בהגיעו ארצה לא מצא לעצמו מקום. לא עבודה — אלא מקום לא מצא לו. לבו נשאר בפולין ונפשו נתונה היתה לחייהם, לצרותיהם ולנפתוליהם של אחיו שם. הוא היה משלה את עצמו שהידיעות המגיעות מפולין על הטירור ועל ההש־פלה ואח״כ על ההשמדה אינן אלא הפרזה. שהרי מנסיונו הרב שקנה בעבודתו בלשכת המועצה הלאומית אשר ניהל, ידע עד כמה מופרזות הן הידיעות על אסונותיהם של היהו־דים. הוא תמיד ידע לחוש את האמת שבידיעות מסוג זה, אולם הפעם הוא לא רצה לדעת, משל לאדם הרואה את אהוב־לבו נלחם לעיניו עם מר־המוות ואין הוא רוצה להאמין, כי אכן מות ימות. הוא עבד אז בלשכת ועד־ההצלה, ערך את הבולטינים שלו וכל הידיעות שהיו מגיעות אלינו היו עוברות תחת ידיו — אך הוא מיאן להאמין. זכורני, שפעם סיפר לי כי הגיעה ידיעה, שבקירבת לודז׳ קיים מחנה אשר בו נמצאים הילדים היהודים שלפי השמועה הושמדו. כאשר נוכח לדעת שלשווא השלה את נפשו, לא יכול לעמוד בפני מצפונו וביקש לשלוח יד בנפשו. הוא טעה במידת גלולות־הרעל שבלע וכך ניצל ממוות.

אז נכרת בינינו חוזה לפי דרישתו: אני אשוב להנהלת הסוכנות שפרשתי ממנה לרגל חילוקי־דעות יסודיים והוא לא יתנקש עוד בחייו. ושנינו עמדנו בהבטחות שהבטחנו איש לאחיו.

✶

שמו ופעולתו של הרטגלס ידועים היו לילידי פולין שנמצאו בצמרת היישוב, אבל לא לכל העומדים בראש. וכשעלה הרטגלס ארצה לא נפתחו לפניו שערי העבודה והפעולה כיאות לו. מובן מאליו שהכנסתי אותו לעבודה כפי שיכולתי. אולם הוא ישב בישיבות ובמוסדות ושתק. קשה היה עליו הדיבור העברי. חסרו לו מרפקים והכשרון להידחק דרך סדקים ושערים נעולים. הוא לא ידע לספר את גדולתו ולדרוש שכר בעד פעולותיו בעבר. הוא לא דפק בדלתות, לא ביקש קירבתם של בעלי ההשפעה. הוא הסתפק במה שניתן לו. לפחיתות־כבוד היתה נחשבת בעיניו פנייה אל העומדים בראש היישוב והתנועה ודרישת התחשבות בזכויותיו המרו־בות. ואכן לא נוצלו כשרונותיו וידיעותיו ונסיונו המשפטי והממלכתי הרב. כשהייתי מספר על כך לא האמינו לי ורק מתוך אדיבות לא היו דוחים אותי ולא אמרו לי בגלוי, שאין מחשיבים ידיעות וניסיון שנקנו בפולין או ברוסיה הצארית.

והללו לא ידעו אז ואף לא הרגישו אחר־כך, כי ברבות הימים עתידים הם עפ״י רוב לצאת בעקבותיה של פולין שלפני מלחמת־העולם השניה, שלא בידיעתם כמובן, ומתוך הנחה שהולכים הם בדרכי בריטניה וארצות־הברית.

משנמסר לידי משרד־הפנים מיניתי את הרטגלס למנהלו הכללי וחידשנו את עבודתנו המשותפת מימי המועצה הלאו־מית היהודית ונציגותה הפאַרלאַמנטאַרית בבית־הנבחרים של פולין המחודשת. ושוב היה הרטגלס כותב את המכתבים, מנסח את הצעות־החוקים ועומד לצידי בכל פעולות המשרד. הימים ההם היו לו הימים המאושרים המעטים שידע בכל שנות שבתו בארץ ואולי אפילו בכל ימי חייו. ודומני ששמר בלבו טינת־מה על שלא התמדתי בכהונתי זו ולא שמרתי עליה ועזבתי אותה בקלות.

ואם הוא נשאר במשרד־הפנים גם לאחר שעזבתי אותו אני — הוא עשה זאת מפני שלא היתה לו ברירה. משנתמניתי שופט־חוקר בהנהלת הסוכנות אמר לי, כי ברצון רב היה עובר למשרדי ומטפל בעניינים המשפטיים שהיו חביבים עליו במיוחד. אולם לא נמצא מקום בשבילו במשרדי הקטן.

שר־הפנים שפירא ידע להעריך את הרטגלס, אך ראה חובה לעצמו למסור את ההנהלה הכללית לידי ראש מפלגתו המקורב אליו. אינני בטוח אם אינו מתחרט עכשיו על כך. על כל פנים הוא השאיר את הרטגלס על כנו בתורת יועץ משרד־הפנים ובכל עניין חמור היה פונה לעצתו. משעזב שפירא את משרד־הפנים נשתנה המצב לרעה. והמחלה — מחלת־הלב האנושה — כבר תקפה את הרטגלס באופן חמור, אף־על־פי שהוא השתדל להתעלם ממנה ולהתגבר עליה. לא פעם היתה מחלוקת בינינו, כי דרשתי ממנו שיתאים את עבודתו למידת הדרישה שדורשים ממנו, אך הוא לא אבה לשמוע: כלום הוא לא ימלא את חובתו בשלימות?

ואכן, הוא מילא אותה בכל שעה ובכל רגע שהוקל לו.

✶

כך חי וכך מת מאַכסימיליאן הרטגלס, מי שהיה יושב־ראש ההסתדרות הציונית בפולין בתקופה האחרונה שלפני מלחמת־העולם השנייה, מי ששימש מנהלו של משרד המועצה הלאו־מית ליהודי פולין, ראש הנציגות הפאַרלאמנטארית של יהודי פולין במשך תקופה ארוכה למדי, בימי ה„סיים״ הרגיל הרא־שון, המנהל הכללי של משרד־הפנים במדינת ישראל שקמה לתחייה ואח״כ היועץ שלו. כך נוצלו כשרונותיו, ידיעותיו ונסיונו המשפטי והממלכתי הרב — במדינה זו שאליה ערגה נפשו ולמען הקמתה הקדיש את כוחותיו וכשרונותיו כל ימיו.

(„על המשמר״ מס׳ 2950, 29.3.1953).

מ. י. פייגנבוים

ו. אַפּאָלינאַרי האַרטגלאַס

אַפּאָלינאַרי האַרטגלאַס איז געבוירן געוואָרן אין ביאַלע דעם 7טן אַפּריל 1883. זיין פאָטער קלמן האַרטגלאַס איז געווען אַן אַדוואָקאַט, געקומען קיין ביאַלע פון וואַרשע. אַפּאָלינאַרי, אַזוי ווי די איבעריקע קינדער ביי האַרטגלאַסן אין הויז, זענען דערצויגן געוואָרן אין אַ פּויליש־אַסימילאַטאָרישן גייסט. דאָס איז געשען בעיקר אונטער דער השפּעה פון זייער מוטער, וואָס האָט זיך געגעבן די גרעסטע מי צו איזאָלירן זיך און די קינדער פון יידן, אין קעגנזאַץ צום פאָטער, וועמען ס'האָט געצויגן צום שול־געסל, גערעדט אַ זאַפטיקן יידיש, און ער איז אַפילו אַ געוויסע צייט געווען דאָזאָר אין דער קהילה.

האַרטגלאַס האָט געלערנט אין דער שטאָטישער רוסישער מלוכה־גימנאַזיע און האָט בכלל קיין אַנונג נישט געהאַט פון יידישקייט. אין זיין אַרטיקל „צייטן בייטן זיך" („פּאָדלאַסיער לעבן", נומער 6, פון 11טן פעברואַר 1927) שרייבט ער, אַז די יידישע יינגלעך, האַלטנדיק אים פאַר אַ גוי, האָבן זיי אַמאָל, ביי אַ געשלעג, אים צעשפּאָלטן דעם קאָפּ.

אין אַ בריוו צום שרייבער פון אָט די שורות שרייבט אַפּאָלינאַרי האַרטגלאַס צווישן אַנדערן: „...אונדזער הויז איז געווען לגמרי אַסימילירט, נאָר מיין פאָטער האָט געהאַט אַוועלכע ס'איז יידיש־ציוניסטישע נטיות. דער לעבנס־שטייגער ביי אונדז איז געווען פולשטענדיק אַ פּוילישער און איך אַליין האָב זיך באַטראַכט פאַר אַ קאַטאָליק כמעט ביזן ענדיקן די גימנאַזיע. ביי אונדז אין שטוב האָט מען נישט גערעדט קיין יידיש, און דאָס, וואָס איך האָב אין די שפּעטערדיקע יאָרן געשריבן אַרטיקלען אין יידיש — האָב איך זיך אַליין אויסגעלערנט יידיש. קיין יידישע באַקאַנטע האָבן מיר כמעט ווי נישט געהאַט און אַלע מיינע באַקאַנטע און חברים זענען געווען קריסטן, על פי רוב ביאַלער אַרבעטערס. אַחוץ די יידישע יום־טובים האָב איך נישט געפילט קיין ספּעציעל יידיש לעבן. אַ ביסל שפּעטער זענען אין גימנאַזיע געווען נאָך יידישע תלמידים, אָבער די אַלע זענען געווען „ליטוואַקעס", וואָס זענען געקומען פון די קרעסן און האָבן צווישן זיך גערעדט רוסיש. זיי זענען מיר לגמרי פרעמד געווען, הגם די באַציאונגען צווישן אונדז זענען געווען גוטע. דאָס לעבן פון דער יידישער באַפעלקערונג איז מיר אויך פרעמד געווען. איך האָב אין ביאַלע נישט געהאַט קיין משפּחה, נאָר מיין מוטער האָט געהאַט אַן אַלטע מומע, שרה זאַלצמאַן, וואָס איז געשטאָרבן, ווען איך בין נאָך געווען אַ קליין קינד. איך געדענק נאָר, אַז איך פלעג פון צייט צו צייט אַריינגיין אין איר קראָם, וואָס האָט זיך געפונען אין עק פון די גאַסן לובעלסקע און קשיווע. אין עלטער פון 17 יאָר האָב איך פּלוצעם, אָן שום פאַרשטענדלעכער סיבה, אין איינעם אַ טאָג אָנגעהויבן קלערן וועגן די אונטערשיידן צווישן יידן און פּאָליאַקן און איך האָב באַשלאָסן, אַז איך בין אַ ייד. איך האָב זיך זעלבסט געשאַפן עפּעס אַ טעאָריע, ענלעך צו דער שפּעטערדיקער פּאָלקיסטישער. איך האָב פאַרזאַמלט אַלע מיינע פּוילישע חברים און איך האָב זיי געמאָלדן, אַז פון היינט אָן וועל איך זיך נישט קאָנען מער באַטייליקן אין זייערע אונטערגרונט־קרייזן. זיי האָבן עס אָנגענומען מיט זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט און האָבן מיר געזאָגט, אַז איך בין גערעכט. די פריינדלעכע באַציאונגען צווישן מיר און זיי זענען נישט איבערגעריסן געוואָרן צוליב דעם און זיי האָבן אָנגעהאַלטן ביז מיין אַנטלויפן פון וואַרשע אין דעצעמבער 1939. ס'זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס האָבן מיר אָפּגעזוכט דאָ אין לאַנד, נאָכן יאָר 1946, און מיר שטייען אין בריוולעכן קאָנטאַקט ביז היינט".

אַפּאָלינאַרי האַרטגלאַס האָט געענדיקט די גימנאַזיע מיט אַן אויסצייכענונג און איז אַוועק שטודירן יוריספּרודענץ אויף דער וואַרשעווער אוניווערסיטעט. דאָרט האָט ער זיך באַקאַנט מיט נאַציאָנאַל־געשטימטע יידישע סטודענטן און, ווייזט אויס, אַז אונטער זייער השפּעה איז ער געוואָרן אַ ציוניסט.

פאַר אַ דעמאָנסטראַציע קעגן דער אויפפירונג פון אַן אַנטיסעמיטישער פּיעסע אין וואַרשעווער טעאַטער „ראָזמאַאיטאָשטשי" איז האַרטגלאַס פאַרמשפּט געוואָרן אויף אַ חודש תפיסה. בעתן דאָזיקן אַרעסט האָט ער זיך אין וואַרשעווער „פּאַוויאַק" געטראָפן מיט אַ צווייטן ביאַלער, ברוך וויינבערג, וואָס איז אַהין אָפּגעפירט געוואָרן פון ביאַלע פאַר רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. ברוך וויינבערג שרייבט וועגן האַרטגלאַסן אָט וואָס: „אין די שפּעטערדיקע יאָרן, נאָך מיין צוריקקומען פון סיביר, דאָס ערשטע מאָל, בין איך מיט אַפּאָלינאַרי האַרטגלאַס געווען זייער גוט באַפריינדעט. ער איז געווען אַ זייער ווילער בחור, נישט קיין „סנאָב", נישט גרויס געהאַלטן זיך און איבערהויפּט זייער אַן ערנסטער. ווען איך האָב זיך געטראָפן מיט אים אין וואַרשע, אין „פּאַוויאַק", ווו ער איז געזעסן אַ חודש „אַדמיניסטראַטיוונים פּאָריאַדקאָם" פאַרן באַטייליקן זיך אין אַ סטודענטישער דעמאָנסטראַציע, האָט ער מיר אַ גרויסע טובה געטאָן מיט דעם, וואָס ער האָט פון טורמע אַרויסגעשמוגלט אַ סך מיינע שריפטן, ווען ער איז אָפּגעזעסן זיין טערמין, און זיי איבערגעגעבן אין שעדלעץ אין די ריכטיקע הענט" („פּאָדלאַסיער לעבן", נומער 31/63, פון 16טן דעצעמבער 1932).

יעדעס מאָל, ווען אַפּאָלינאַרי האַרטגלאַס פלעגט אַהיימקומען פון וואַרשע פלעגט ער זיך פאַראינטערעסירן מיט די ציונים אין שטאָט, פלעגט זיך באַטייליקן אין זייערע פאַרזאַמלונגען און העלפן זיי זיך אָרגאַניזירן.

די באַמיאונגען פון דער מוטער צו אַסימילירן לגמרי אירע קינדער און זיי אַריינפירן אין דער פּוילישער געזעלשאַפט, זענען נישט געלונגען. ווייזט אויס, אַז צו האַרטגלאַסעס הויז זענען דערגאַנגען די עכאָס פון די אויפברויזן אויף דער יידישער גאַס, דער אויפקום און געראַנגל פון די נאַציאָנאַלע און סאָציאַליסטישע באַוועגונגען, וואָס האָבן משפּיע געווען אויף די קינדער, וועלכע האָבן זיך דערפילט ווי יידן, און

באַמיט זיך צו דערנענטערן צו דער יידישער באַפעלקערונג. די ברידער און שוועסטער האַרטגלאַס פלעגן געבן אומזיסטע לעקציעס די יוגנטלעכע אין שטאָט, און האָבן זיך געהאַלטן פאָלקסטימלעך, געווינענדיק דעם צוטרוי אַפילו פון דער יידישער אַרבעטער־מאַסע.

אַזוי איז, חוץ אַפּאָלינאַרי, טעטיק געווען אין די רייען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג זיין יונגערער ברודער יוסף. נאָכדעם ווי ער האָט געענדיקט יוריספּרודענץ און מאַטעמאַטיק אויפן וואַרשעווער אוניווערסיטעט, איז ער, אין יאָר 1913, אַוועק קיין קיעוו, וווּ ער איז טעטיק געווען, ווי אַ יוריס־קאָנסול, ביי די זלאָטאָפּאָלסקעס.

בעת דער הערשאַפט־תקופה פון פּעטליורא אין אוקראַינע, איז יוסף געווען אַן אַקטיווער חבר אין „זעלבסטשוץ". אין יאָר 1919, זייענדיק ביי זיינע באַקאַנטע, האָבן זיך אויף דער גאַס אָנגעהויבן אַנטי־יידישע אומרוען. זיינע באַקאַנטע האָבן אים נישט געלאָזט פאַרלאָזן זייער הויז, אָבער ווי אַ חבר פון „זעלבסטשוץ" האָט ער דאָרט בשום אופן נישט געוואָלט פאַרבלייבן. ער איז אַרויס אויף דער גאַס און אין קאַמף מיט פּעטליוראָווצעס איז יוסף האַרטגלאַס געפאַלן.

נאָכן באַקומען דעם אַדוואָקאַטן־דיפּלאָם האָט זיך אַפּאָלינאַרי האַרטגלאַס באַזעצט אין שעדלעץ, וווּ ער איז געווען זייער אַקטיוו אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. ביים סוף פון דער דייטשער אָקופּאַציע אין שעדלעץ, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווערט ער געשטעלט פאַר אַ מיליטער־געריכט פאַרן פאַרטיידיקן אַ פּאָליאַק, וואָס איז אָנגעגריפן געוואָרן דורך אַ דייטש. דורך אַ נס איז ער דעמאָלט ניצול געוואָרן פון טויט. ביי די ערשטע וואַלן צום שעדלעצער שטאָטראַט ווערט ער געוויילט ווי אַ ראַטמאַן פון דער ציוניסטישער רשימה. זיינע מוטיקע אַרויסטרעטונגען אין שטאָטראַט האָבן געצויגן גרויס אויפמערקזאַמקייט.

אין דער ציוניסטישער באַוועגונג אין פּוילן איז שוין דעמאָלט האַרטגלאַס געווען אַן אָנערקענטע פּערזענלעכקייט. אין יאָר 1906 האָט ער זיך באַטייליקט אין דער קאָנפערענץ פון די רוסישע ציוניסטן אין העלסינגפאָרס (פינלאַנד) און אין יאָר 1907 האָט ער זיך באַטייליקט אין ציוניסטישן קאָנגרעס אין האַאַג (האָלאַנד).

האַרטגלאַסעס גרויסער אויפשטייג הייבט זיך אָן מיטן אויסוויילן אים פאַר אַ דעפּוטאַט צום פּוילישן קאָנסטיטוציע־סיים. אַדאַנק זיינע גרויסע יורידישע קענטענישן און דאָס גלענצנדיקע באַהערשן פון דער פּוילישער שפּראַך, ווערט ער איינער פון די אָנגעזעענסטע יידישע פּאָליטישע רעפּרע־זענטאַנטן און מוטיקסטע קעמפער פאַר די יידישע רעכט אין פּוילן. אין יאָר 1926, נאָכן דורכפאַלן פון דער, אַזוי גערופענער, „אוגאָדאַ" (הסכם צווישן דער פּוילישער רעגירונג און די יידישע דעפּוטאַטן ד"ר יהושע טהאָן און ד"ר לעאָן רייך וועגן דער יידן־פראַגע אין פּוילן), ווערט האַרטגלאַס אויסגעוויילט פאַרן פאָרזיצער פון דער יידישער „קאָלאָ" אין סיים.

יאָר־יערלעך פלעגט האַרטגלאַס אַראָפּקומען אין זיין געבוירן־שטאָט ביאַלע אויף קבר־אבות צו דער יאָרצייט נאָך זיין פאָטער, און ביי דער געלעגנהייט פלעגט ער אָפּגעבן אַ טעטיקייט־באַריכט פון די יידישע דעפּוטאַטן אין סיים. האַרטגלאַסן פלעגן קומען הערן נישט נאָר יידן, נאָר אויך קריסטן, און דאָס פון די העכערע ספערן, וואָס האָבן זיך נישט געקאָנט אָנזעטיקן מיט זיין גייסטרייכן פּויליש, אָבער גלייכצייטיק פלעגן זיי מוזן אויסהערן אַ היפּשע דאָזע שווערע קריטיק לגבי די פּוילישע רעגירונגען פאַר זייער באַציאונג צו דער יידישער באַפעלקערונג.

און נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די לאַנדעס־פּאָליטיק האָט אים כמעט ווי אינגאַנצן אַבסאָרבירט, האָט ער נאָך געפונען צייט צוווידמען זיך דער ציוניסטישער טעטיקייט. אַזוי האָט ער זיך באַטייליקט אין די ציוניסטישע קאָנגרעסן פון 1921, 1923 און 1929. ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער געווען דער פאָרזיצער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין פּוילן. אין יאָר 1939 האָט ער אָנטיילגענומען אין דער לאָנדאָנער קאָנפערענץ פון „רונדן־טיש", ווי אַ פאָר־שטייער פון די פּוילישע ציוניסטן.

צוגלייך מיט זיין פּאָליטישער און יורידישער טעטיקייט, איז האַרטגלאַס אויך טעטיק געווען אויפן שרייבערישן געביט, און דאָס אין פּויליש, רוסיש און יידיש. זיין זשורנאַליסטישע אַרבעט האָט ער אָנגעהויבן אין יאָר 1906 אין „גלאָס זשי־דאָווסקי" (פּויליש). ער האָט זיך באַטייליקט מיט מאמרים אין פּראָפעסאָר מאַרטין בובערס „דער יודע" (דייטש); אין די ציוניסטישע אויסגאַבעס, ווי: „חודש" (1921); „פון די פאַר־גאַנגענע טעג" — וועגן דער פּויליש־באָלשעוויסטישער מלחמה. ער האָט אַליין רעדאַגירט די פּוילישע אויסגאַבעס: „טי־גאָדניק זשידאָווסקי" און „זשיציע זשידאָווסקיע". אין די לעצטע יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ער סטאַביל מיטגעאַרבעט אין זשורנאַל „אָפּיניאַ" (פּויליש). זיין ערשטער אַרטיקל איבערגעזעצט אין יידיש, איז געדרוקט געוואָרן אין „שעדלעצער לעבן" (1912). אין די יאָרן 1918/19 האָט ער מיטגעאַרבעט אין דער ציוניסטישער טאָג־צייטונג „דאָס יידישע פאָלק". נאָך דער ליקווידאַציע פון דער צייטונג, איז האַרטגלאַס, זינט 1920, געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון וואַרשעווער „היינט". ער האָט זיך אויסגעלערנט אַליין שרייבן יידיש און פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען איבער פראַגן פון יידישער פּאָליטיק אין פּוילן און איבער ציוניסטישע ענינים. פון אונטער זיין פעדער זענען דערשינען אַ ריי בראָשורן און ביכער, ווי: „טעריטאָריע און פאָלק" (רוסיש — 1906); „די גרונט־שטריכן פון דער ציוניסטישער לאַנד־פּאָליטיק אין פּוילן" (פּויליש — 1918); זיינע רעדעס פון 1919 ביז 1922; „יידישער נאַציאָנאַל־ראַט אין פּוילן" (וואַרשע — 1923). אין ארץ־ישראל האָט די יידישע אַגענץ אין ירושלים אַרויסגע־געבן אין יאָר 1944 זיינע אַ פּוילישע בראָשור „פּאָזנאַי טען קראַי" (באַקען דאָס לאַנד), באַשטימט פאַר די פּאָליאַקן, וואָס האָבן זיך מלחמה־צייט געפונען אין ארץ־ישראל.

האַרטגלאַסעס יאָרן אין ישראל זענען אַ קאַפּיטל פאַר זיך. מיטן אָנקום פון די טרויעריקע ידיעות וועגן דער טראַגעדיע פון פּוילישן יידנטום, האָט זיין פאַרצווייפלונג דער־

גרייכט דעם העכסטן גראַד. ווי אַ צווייטער שטאָלצער פוילישער ייד, א. זיגלבוים אין לאָנדאָן, אַזוי האָט אויך אונדזער בן־עיר, איינער פון די געטרייסטע זין פון פוילישן יידנטום, זיך פאַרמאָסטן אויף זיין לעבן, נישט קאָנענדיק זיך מוחל זיין זיין שריט פון פאַרלאָזן דאָס פוילישע יידנטום אין זיין גרעסטער נויט. דורך אַ צופאַל בלויז איז ער געבליבן לעבן, כדי זיך ווייטער צו פייניקן מיט זיין געוויסן־ביסן.

ס'האָבן נאָך אויפגעשיינט גליקלעכע טעג אין לעבן פון האַרטגלאַסן בשעתן אויפקום פון מדינת ישראל, אָבער אָט די טעג זענען געווען ממש געציילטע. די שווערע קראַנקהייט, וואָס איז בלי ספק געווען אַ פועל־יוצא פון זיין זעלבסטמאָרד־פרווו, האָט שוין געהאַט ווייט פאַרגעשריטן אין זיין אָרגאַניזם און צוגערויבט פון אים יעדע שאַפונגס־פרייד.

דעם 23סטן מאַרץ 1953 איז אַוועק אין דער אייביקייט אונדזער חשובער בן־עיר, איינער פון די ווירדיקסטע רעפרעזענטאַנטן פון פוילישן יידנטום. האַרטגלאַס איז געקומען צו קבורה אויפן אַלטן תל־אביבער בית־הקבורות אין דער טרומפעלדאָר־גאַס.

2. משה רובינשטיין

דער נאָמען משה רובינשטיין איז ענג פאַרבונדן מיט דער שענסטער תקופה אין דעם יידישן לעבן אין ביאַלע, אין לעצטן דור. מ'קאָן דרייסט זאָגן, אַז אין דער געשטאַלטונג פון אָט דער תקופה האָט ער דעם עיקר־פאַרדינסט. איך מיין דאָ די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און די ערשטע יאָרן אונטער דער פוילישער ממשלה. איך וועל געוויס נישט איבערטרייבן, ווען איך וועל באַהויפטן, אַז משה רובינשטיין איז אין יענע יאָרן אָנגעגאַנגען אין שטאָט פאַרן אָנערקענסטן עסקן, וועלכער האָט גענאָסן פון אַ סך אָנערקענונג אין די ציוניסטישע קרייזן און איז רעספעקטירט געוואָרן מצד די קעגנערס. זיינע פאַרדינסטן פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג אין שטאָט זענען אומגעהויער, אָבער אומדירעקט האָט ער אויך געהאַט אַ פאַרדינסט פאַרן אויפשטייג פון אַנדערע פאַרטייען, וועלכע וועלנדיק באַקעמפן די ציוניסטישע באַוועגונג, אונטער דער אָנפירונג פון משה רובינשטיין, האָבן געמוזט זיך אויפהויבן אויף אַ גאַנץ הויכן ניוואָ, און האָבן אַ סך געלערנט פון זיין פאַרטיי־סטראַטעגיע. ער איז געווען דער ערשטער ביאַלער געזעלשאַפטלעכער עסקן, וואָס האָט דער ביאַלער געזעלשאַפט אויסגעלערנט די, אַזוי־גערופענע, פאַרלאַמענטאַרישע האַלטונג אויף פאַרזאַמלונגען און צוזאַמענקונפטן.

משה רובינשטיין איז שוין טעטיק געווען אין אַ ציוניסטישן קרייז נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. ער האָט אָבער דעמאָלט, צוליב די הערשנדיקע פאָליטישע פאַרהעלטענישן, נישט געהאַט קיין געלעגנהייט אויסצולאָזן זיין ברויזנדיקן טעמפעראַמענט, וואָס האָט זיך אין אים געזאַמלט.

בעת דער דייטשער אָקופאַציע פון ביאַלע, אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, באַקומט זיך אַ מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען אַ געזעלשאַפטלעך יידיש לעבן, און דאָ דערשיינט משה רובינשטיין מיט זיין גאַנצן טאַלאַנט און אונטערנעמונגס־גייסט. אין שטאָט אַנטשטייען אַדאַנק אים אינסטיטוציעס אויף פאַרשיידענע געביטן, וועגן וועלכע ביאַלער יידן האָבן קיינמאָל אפילו נישט געוואַגט צו חלומען, און וואָס זענען געוואָרן דער שטאָלץ פון דער גאַנצער ביאַלער יידישער באַפעלקערונג.

משה רובינשטיין איז צווישן די איניציאַטאָרן און גרינדערס פון דער פרעכטיקער העברעאישער „יבנה־”־שול, וועלכע ער האָט אָנגעפירט די גאַנצע צייט. און ווי נאָר ס'זענען דאָרט אַנטשטאַנען מיינונגס־פאַרשיידנהייטן צווישן אים און אַנדערע, און ער האָט פאַרלאָזט די אָנפירונג פון דער שול (ביים אַנטשטיין פון פוילן), איז אין אַ גאָר קורצער צייט די שול פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאָלקס־שול, דער ניוואָ פון די לימודים איז געפאַלן און די שול איז סוף־כל־סוף ליקווידירט געוואָרן.

אַרום דער „יבנה”־שול האָט משה רובינשטיין גרופירט אַלע שפעטערישע ציוניסטישע עלעמענטן אין שטאָט, און אין די פרייע שעהן פון לימוד איז די שול פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ציוניסטישן „בית־עם”.

ווער געדענקט עס נישט די שיינע קינדער־היים בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה? אויך אין דער גרינדונג פון אָט דעם אַנשטאַלט האָט געשטעקט משה רובינשטיינס האַנט.

זיין גאַנצע ענערגיע און צייט האָט ער אַוועקגעגעבן ביים אויפשטעלן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין שטאָט, און ס'איז אים טאַקע געלונגען. ביאַלע, ווי אַ פראָווינץ־שטאָט, האָט אין רובינשטיינס צייטן פאַרמאָגט איינע פון די אַקטיווסטע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין פוילן. ווער פון די ביאַלער געדענקט עס נישט די ברויזנדיקע טעטיקייט פון ציוניסטישן „בית־עם” אין ביאַלע? וועלכע פון די אַנדערע פאַרטייען אין שטאָט האָט זיך דעמאָלט געקאָנט פאַרגלייכן אין זייער טעטיקייט מיט דער ציוניסטישער פאַרטיי?

אויב ביאַלע האָט פאַרמאָגט אַ מכבי, וואָס איז געווען דער ליבלינג פון דער יידישער באַפעלקערונג, איז דאָס ווידער צו פאַרדאַנקען געווען משה רובינשטיינען, וועלכער איז געווען דער אינספיראַטאָר פון גרינדן אָט די נאַציאָנאַלע ספאָרט־אָרגאַניזאַציע. ער האָט געהאָלפן דעם מכבי זיך אַנטוויקלען און זיין וואַכזאַם אויג האָט אים, דעם מכבי, באַגלייט אין זיין טעטיקייט.

און, אַז אין ביאַלע איז אַנטשטאַנען די ערשטע יוגנט־אָרגאַניזאַציע, דער השומר־הצעיר, איז משה רובינשטיין געווען דער פאַטראָן פון אָט דער אָרגאַניזאַציע, גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל ביים העלפן געשטאַלטיקן איר נאַציאָנאַלן כאַראַקטער.

און ווען איר וואַרפט אַ בליק אויף אָט דער תקופה און איר דערמאָנט זיך וואָס פאַר אַן אַקציעס, סיי פון פאָליטישן און סיי פון קולטורעלן כאַראַקטער זענען דעמאָלט דורכגעפירט געוואָרן; ווי אַזוי צו אָט די אַקציעס איז מאָביליזירט געוואָרן דער גרעסטער טייל פון דער ביאַלער יוגנט, און, אַז מיט די

אַלע אונטערנעמונגען האָט אָנגעפירט משה רובינשטיין, דאַן קאָן מען באַקומען אַ באַגריף וועגן דער טעטיקייט פון אָט דעם ציוניסטישן עסקן.

אַ טייל לעגאַליזאַציעס פון אַלע ציוניסטישע אינסטיטוציעס און אויף ציוניסטישע אינטערנעמונגען, זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דער מאַכט אויף משה רובינשטיינס נאָמען. פאַרשטענדלעך, אַז מ׳האָט אים אויך גוט געקאָנט אין די קריסטלעכע קרייזן, ווו מ׳האָט זיך צו אים באַצויגן מיט רעספּעקט. ווען די סטאַראָסטווע האָט געוואָלט, קעגן דער מערהייט ראַטמענער אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, אָנוואַרפן אירן אַ באַאַמטן ווי אַ וויצע־בירגערמייסטער, קעגן וועלכן די פּפּ״ס און די יידן האָבן זיך קעגנשטעלט, און ס׳איז דעמאָלט אַנטשטאַנען די פראַגע וועגן אַ יידישן וויצע־בירגערמייסטער, האָט די פּפּ״ס־גרופּע אין שטאָטראַט מסכים געווען צו שטימען פאַר אַ קאַנדידאַט פון יידישן בירגערטום, אָבער נאָר אין פאַל, ווען ס׳וועט אַרויסגעשטעלט ווערן די קאַנדידאַטור פון משה רובינשטיין. די זאַך איז אָבער נישט צושטאַנד געקומען, ווייל משה רובינשטיין האָט זיך שוין דעמאָלט געגרייט עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל.

דאָס אויפשטעלן אַ שטאַרקע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, מיט די אַלע ציוניסטישע מוסדות אין שטאָט, איז נישט אָנגעקומען משה רובינשטיינען אַזוי לייכט. חוץ איניציאַטיוו און אָרגאַניזאַציאָנס־טאַלאַנט, וואָס איז דערצו נויטיק געווען, האָט מען אויך געדאַרפט פירן אַ פאַרביטערטן קאַמף מיט די אַנדערע יידישע פּאַרטייען אין שטאָט. אויך אויף דעם געביט האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין קעמפערישקייט, נישט וועלנדיק מוותר זיין אויף זיינע ציוניסטישע פּרינציפּן.

אַ באַזונדער קאַפּיטל אין דער טעטיקייט פון משה רובינשטיין איז געווען דער קאַמף מיט דער „אגודה" אין שטאָט. און אַזוי ווי מיט דער „אגודה" איז געווען געבונדן דער ביאַלער רב ר׳ שמואל לייב ז״ק, האָט דאָס במילא געהייסן אַ קאַמף קעגן ביאַלער רב. משה רובינשטיין האָט דעם אָנגעוואָרפענעם קאַמף אָנגענומען, מיט ענערגיע אים געפירט און אַדאַנק אים איז שטאַרק פאַרמינערט געוואָרן די השפעה פון די פרומע אין שטאָט. אַרויסטרעטן עפנטלעך אין קאַמף קעגן ביאַלער רב, איז נישט געווען פון די לייכטע זאַכן און ס׳האָט זיך דערצו געפאָדערט אַ סך מוט.

אַז דער ביאַלער רב האָט געהייסן שליסן די שול פאַר די ציוניסטן, כדי זיי זאָלן נישט קאָנען דאָרט אָפּהאַלטן אַן אזכרה נאָכן טויט פון ציוניסטישן מנהיג ד״ר י. טשלענאָוו, האָט משה רובינשטיין געגעבן דעם באַפעל צו עפענען די שול־טיר פון אינעווייניק, און די מכבי־יוגנט האָט זיין באַפעל אויסגעפירט. מ׳דאַרף קאָנען אַריינדרינגען אין יענער תקופה, כדי צו פאַרשטיין וואָס ס׳האָט דעמאָלט באַדייט אַזאַ שריט.

אַז דער ביאַלער רב האָט זיך בעת די ערשטע קהילה־וואַלן אין שטאָט, געשטעלט אויף דער זייט פון דער אגודה, איז משה רובינשטיין אַרויס קעגן אים אין קאַמף אָן שום פחד. דעם קאַמף האָט ער געפירט אויף פאַרזאַמלונגען, און אין דער ספּעציעל דורך אים אַרויסגעגעבענער צייטונג „ביאַלער עכאָ". דאָס אַרויסגעבן צום ערשטן מאָל אין שטאָט אַ געדרוקטע צייטונג, איז שוין אַליין געווען אַ גרויסע דערגרייכונג פון אָט דעם געוואַגטן ציוניסטישן מנהיג.

און, אַז דער ביאַלער רב האָט זיך איינגעשפּאַרט נישט צו לאָזן קומען דעם באַוווּסטן חזן גרשון סיראָטאַ אויף אַ קאָנצערט קיין ביאַלע לטובת דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, האָט דאָס אים ווייניק וואָס געהאָלפן. גרשון סיראָטאַ איז טאַקע לכתחילה באַאיינפלוסט געוואָרן פון ביאַלער רבס בריוו, אָבער משה רובינשטיין האָט געוווּסט וועמען צו שיקן צו סיראָטען, וואָס האָט אויף אים געהאַט אַ גרעסערע השפעה ווי דער ביאַלער רב. גרשון סיראָטאַ איז קיין ביאַלע געקומען און מיט זיין קינסטלערישן דערפאָלג טאַקע שטאַרק פאַרגרעסערט דעם ציוניסטישן וואַל־פאָנד.

און ווייל משה רובינשטיין איז אָנגעגאַנגען מיט אַן אָפּענעם קאַמף קעגן די קעגנערס פון ציוניזם, ווייל ער איז געווען גראַדליניק אין זיינע האַנדלונגען, האָבן אַלע קעגנערס זיינע געהאַט דעם גרעסטן כבוד פאַר אים. ווען ס׳איז אין ביאַלע געשאַפן געוואָרן דער הילפס־קאָמיטעט, וועלכער פלעגט באַקומען זיינע הילפס־מיטלען פון דער „דזשאָינט"־צענטראַלע אין וואַרשע, האָבן אַפילו זיינע פאַרביסנסטע פּאָליטישע קעגנערס פאַרשטאַנען, אַז ווי אַ פאָרזיצער פון אָט דעם קאָמיטעט, איז ראוי צו זיין טאַקע נאָר משה רובינשטיין.

בעת דער אינוואַזיע־תקופה אין יאָר 1920 איז משה רובינשטיין געווען דער זאַמלער פון מאַטעריאַלן וועגן די אַנטי־יידישע געשעענישן אין דער געגנט און אויף אַ געהיימען אופן האָט ער עס באַזאָרגט קיין וואַרשע צו די יידישע דעפּוטאַטן אין פּוילישן סיים.

ווען די באָלשעוויקעס אָקופּירן די שטאָט און הייבן אָן אויפשטעלן די אַדמיניסטראַציע, ווענדט מען זיך פון דער מאַכט צו משה רובינשטיינען, אַז ער זאָל איבערנעמען די אָנפירונג פון יידישן שול־וועזן. ער צעגערט און ס׳געלונגט אים צו פאַרשלעפּן דעם ענין ביז ס׳קומט די פּלוצעמדיקע עוואַקואַציע פון די באָלשעוויקעס.

דער ציוניסטישער צענטראַל־קאָמיטעט אין וואַרשע האָט געוווּסט אָפּצושאַצן דעם ווערט פון דער ביאַלער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אין אַ סך וויכטיקע אַקציעס זיך פאַרלאָזט אויף דער אָרטיקער אָנפירונג.

אָנהייב יאַנואַר 1921 ווערט משה רובינשטיין איינגעלאַדן צו אַרבעטן אין ציוניסטישן צענטראַל־קאָמיטעט, און ער גייט אַריבער קיין וואַרשע. דאָרט איז ער געוואָרן יצחק גרינבוימס נאָענטער מיטאַרבעטער, מיט וועלכן ס׳פאַרבינדט אים אַ פריינדשאַפט ביזן היינטיקן טאָג. מיט זיין אָפּפאָר פון ביאַלע איז, נאַטירלעך, געפאַלן די אַקטיוויטעט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין שטאָט.

אין 1923, ווען אין פּוילישן ציוניזם האָט זיך אַנטוויקלט דער קאַמף אין דער פראַגע פון דער „פאַרברייטערטער יידישער אַגענץ", איז ער פון די מיטגרינדער פון דער באַקאַנטער ראַדיקאַלער ציוניסטישער גרופּע „על־המשמר". ער פאַרלאָזט די אַרבעט אין ציוניסטישן צענטראַל־קאָמיטעט, צוזאַמען מיט אַנדערע „על־המשמר"־חברים, ווען די רעכטע „עת־לבנות" גרופּע באַקומט די מערהייט.

משה רובינשטיין איז אָבער נישט קיין גאה דורש ואין נאה מקיים. דעם ציוניזם, וואָס ער האָט געפּרעדיקט פאַר יע־נעם, האָט ער אַליין פאַרווירקלעכט אין זיין לעבן. אין יאָר 1925 פאַרלאָזט ער פּוילן און איז עולה קיין ארץ־ישראל. דאָרט ווערט ער נישט אַ פּקיד, גייט נישט אַרום דערציילן וועגן זיין טעטיקייט אין פּוילן און פאַרלאַנגט נישט קיין קאָמפּענסאַציע פאַר זיין ציוניסטישער אַרבעט אין גלות. ער פּרוווט זיך נעמען צו שווערער פיזישער אַרבעט, וואָס ער האָט קיינמאָל אין לעבן נישט געטאָן.

אין די יאָרן 1926—1928 באַטייליקט זיך משה רובינ־שטיין אין די „ציוניסטישע בלעטער", וואָס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורכן „על־המשמר" אין וואַרשע, מיט זיינע „בריוו פון ארץ־ישראל".

אין יאָרן אַרום פאַרנעמט ער אַן אָנפירנדיקע שטעלונג אין דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער קאָלאָניזירונגס־געזעל־שאַפט „קהלית ציון אַמריקאית", נישט שטופּנדיק זיך קיינמאָל אין די הויכע פּענצטער.

ווען משה רובינשטיין באַגעגנט זיך אין ישראל מיט ביאַ־לער, פון וועלכע ער איז אין דער אַמאָליקער היים געווען דער מדריך, טוּיכט זיכער אויף פאַר אים אַט יענע רומפולע תקופה אין זיין לעבן, אויף וועלכע ער מעג באמת שטאָלץ זיין.

3. יהושע פישער

יהושע פישער איז נישט קיין געבוירענער ביאַלער. ער שטאַמט פון מינסק־מאַזאָוויעצק. קיין ביאַלע איז ער געקומען נאָך זיין חתונה. אין די יונגע יאָרן קערפּערלעך שטאַרק גע־בויט, מיט אַ שנעלן טריט, אַ פּאָר גיך לויפנדיקע אויגן און אַ גלאַטיק געזיכט.

אין ביאַלע האָט ער געעפנט אַ שענק און באַלד ביי זיין אָנקום האָט ער באַוויזן, אַז ער האָט נישט קיין מורא פאַר די אַלע מוסרים און שטאַרקע יונגען, ווייל ראשית־כל האָט ער פאַרמאָגט אַ פעסטע פויסט, און רעדן אַ וואָרט גוייש האָט ער געקאָנט בעסער פאַר די מוסרים.

יהושע פישער איז אָבער נישט געווען פון דעם באַקאַנטן טיפּ שענקער אין ביאַלע. ער האָט באַקומען אַ יידישע אויס־בילדונג און פלעגט אַריינקוקן אין די קליינע אותיותלעך. ביי אים האָט איר געקאָנט באַקומען די „הצפירה", און שבת האָט איר אים געטראָפן זיצן ביים תנ"ך און אויך ביי אחד העמס „על פרשת דרכים".

געווען איז ער אַ ראַדזינער חסיד און גלייכצייטיק אַ פייערדיקער חובב־ציון, אָבער נישט טעטיק צוליב דער קעגנערשאַפט פון זיין פאָטער. מיטן מאָמענט אָבער ווי זיין פאָטער איז אָפּגעטראָטן פון זיין קעגנערשאַפט, אַז זיין זון זאָל עוסק זיין אין די ענינים פון ארץ־ישראל, האָט יהושע פישער זיך אַריינגעוואָרפן מיט לייב און לעבן אין דער אַר־בעט. ער האָט אין ביאַלע גלייך געשאַפן אַן אָפּטיילונג פון דעם „אָדעסער פּאַלעסטינא קאָמיטעט" און געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט אָדעס. ער האָט אָנגעהויבן ווערבירן סימפּאַ־טיקערס פאַרן געדאַנק פון ציון, און דאָס דווקא צווישן די שטיבל־בחורים. אין זיין דירה זענען פאַרגעקומען פאַרזאַמ־לונגען פון די חובבי־ציון־סימפּאַטיקערס, און די יוגנטלעכע פלעגן זיך אַהין אַריינגנבענען, כדי קיינער זאָל זיי נישט באַמערקן.

יהושע פישער איז דאָס געווען דער ערשטער אין ביאַלע, וואָס האָט ערב יום־כפור פונאַנדערגעשטעלט אין די בתי־מד־רשים , שול, חסידים־שטיבלעך און אויפן בית־הקברות קערות לטובת ארץ־ישראל און אַוועקגעשטעלט בחורים אַכטונג צו געבן. און, אַז איינעם אַ געווער חסיד האָט זיך פאַרגלוסט איינמאָל אַראָפּצוואַרפן אַ קערה, האָט ער פון יהושע פישער געכאַפּט אַזאַ פּאַרציע, אַז ער האָט שוין פאַרזאָגט אַ צווייט מאָל דאָס איבערצוחזרן.

אין ביאַלע איז אין יענע צייטן שטאַרק באַקאַנט געווען דער פעלדשער מאיר מיכל לאופּמאַן, וואָס איז באַרימט געווען מיט זיין גרויסער מעדיצינישער פּראַקטיק און מיט זיין דערפאָלג ביים היילן קראַנקע. אָט דער מאיר מיכל איז אָבער געווען אַ גרויסער תקיף. ווער אין ביאַלע האָט דאָס געוואַגט צו זאָגן אַ וואָרט קעגן אים? יהושע פישער האָט יאָ געהאַט דעם מוט אַרויסצוטרעטן קעגן אים. ווען אין דער פאַמיליע פון יהושע פישערס פרוי זענען עטלעכע מענטשן שטאַרק קראַנק געוואָרן און מען האָט דאָרט געוואָלט רופן מאיר מיכלען, פון וועלכן זיי האָבן דערוואַרט די ישועה, האָט יהושע פישער פאַר קיין פאַל נישט דערלאָזט דערצו, און ער האָט געבראַנגט דאָקטוירים און אַנדערע פעלדשערס.

אין שענק פון יהושע פישער פלעגן זיך פאַרזאַמלען די טוּערס פון דער אומלעגאַלער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי (פּפּ"ס — פּאָלסקא פּאַרטיא סאָציאַליסטיטשנאַ) און נישט איין קאָמפּס־פּלאַן איז דאָרט אויסגעאַרבעט געוואָרן. אַזוי ווי אָבער אָט די פּפּ"ס־טוּערס זענען, נעבעך, געווען „געשלאָגן אויף דער פעדער", איז יהושע פישער געווען זייער סעקרעטאַר און ער פלעגט זיי שרייבן די טעטיקייטס־באַריכטן צו דער צענטראַלע אין שעדלעץ. מיט יהושע פישער פלעגן זיי זיך באַראָטן און זיך צוהערן צו זיינער אַ עצה. אים טאַקע איז געלונגען צו פאַר־מיידן אַ פּאָגראָם אויף יידן אין שטאָט, נאָך דעם פּאָגראָם אין שעדלעץ. אַדאַנק דער אינטערווענץ פון יהושע פישער ביי די פּפּ"ס־טוּערס, האָט דעמאָלט די ביאַלער יידישע באַפעלקערונג אויסגעמיטן אַ בלוט־פאַרגיסונג. צווישן די פּפּ"ס־מיטגלידער איז יהושע פישער באַקאַנט געווען אונטערן קאָנספּיראַציע־נאָמען „גרובי".

די פּפּ"ס־טוּערס זענען געווען אַזוי איינגעגלייבט אין אָט דעם ייד מיטן קליינעם יידישן היטעלע, אַז אין די שווערסטע מאָמענטן פלעגן זיי זיך ווענדן צו אים נאָך הילף. איינעם אַזאַ פאַל איז כדאי דאָ צו דערציילן.

אין ראַאַבעס פאַבריק האָבן די קריסטלעכע אַרבעטערס

באַשלאָסן צו פאַרשטרייקן און די פּפּ״ס־טוערס זענען געווען קעגן דעם שטרייק. צו דער פאַרזאַמלונג פון די אַרבעטערס האָט מען אַראָפּגעבראַכט אַ באַרימטן אַגיטאַטאָר פון שעדלעץ, וועלכער האָט געדאַרפט איבערצייגן די אַרבעטערס אין דער אומנייטיקייט פון שטרייק. ווי דערשטוינט זענען אָבער געוואָרן די פּפּ״ס־טוערס, ווען זיי האָבן דערפילט אויף דער פאַרזאַמלונג, אַז דער רעדנער נעמט נישט די אַרבעטערס און, אַז זיי וועלן זייער ציל נישט דערגרייכן. מ׳האָט אויף גיך געברענגט אויף דער פאַרזאַמלונג יהושע פישער, וועלכער האָט זיך געוואָנדן צו די אַרבעטערס מיט אַ פלאַמיקער רעדע, אויפקלערנדיק זיי דעם אומזין פון שטרייק, און ער האָט טאַקע ביי זיי געפועלט.

פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט שוין יהושע פישער נישט געהאַט קיין שענק און האָט זיך פאַרנומען מיטן פאַרקויף פון גאַז־לאָמפּן און זייערע טיילן, ווי אויך גאַזאָלין.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז יהושע פישער פון די בויערס פון דער „יבנה״־שול, און זיין פרוי רבקה איז פון די גרינדערינס פון קינדער־היים.

יהושע פישער איז צווישן די גרינדערס פון ציוניסטישן „בית־עם״, אָבער נישט לאַנג בלייבט ער דאָרט. צוליב חילול־שבת פאַרלאָזט ער דעם „בית־עם״ און די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. ער בלייבט אָבער נישט זיצן אומטעטיק, נייערט שאַפט אין שטאָט דעם „מזרחי״ און ציט אַריין די רעליגיעזע יוגנט אין זיינע רייען.

יהושע פישער איז כמעט געווען פון די איינציקע אין שטאָט, וואָס האָט נישט מורא געהאַט אַרויסצוטרעטן קעגן תקיפים. אָט איז ער ברוגז געוואָרן אין ראַדזינער שטיבל און דאַוונט שוין אין „תרשיש״, און אָט האָט ער אין „תרשיש״ אַריינגעזאָגט אַ גביר און תקיף און איר זעט אים שוין דאַווענען אין בית־המדרש.

נאָכן אַנטשטיין פון דער פוילישער מדינה איז יהושע פישער אַקטיוו טעטיק געווען ביי די וואַלן צום ערשטן פוילישן סיים און סענאַט. ביי די קהילה־וואַלן קומט ער ווידער אין קאָנפליקט מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, פאָדערנדיק אַ נאָך שאַרפערן קאַמף קעגן דער „אגודה״.

בעת דער באָלשעוויסטישער אינוואַזיע אין יאָר 1920, מיטן אָפּטרעטן פון רוסישן מיליטער, ווערט יהושע פישער אַרויסגענומען פון זיין וווינונג דורך פוילישע מיליטער־לייט און געשטעלט צו דער וואַנט צום דערשיסן. פון דער ווייטנס האָט דאָס באַמערקט דער געריכטס־דינער סטאַניסלאַוו, וועלכער איז געקומען אַנצולויפן און אָפּגעראַטעוועט יהושע פישער פון אַ זיכערן טויט.

שפּעטער צו, ווען דאָס לעבן האָט זיך אָנגעהויבן נאָרמאַליזירן, פירט יהושע פישער מיט שותפים אַ גרויס קאָלאָניאַל־געשעפט. אין איין שיינעם פרימאָרגן אָבער באַשליסט ער אַלץ צו ליקווידירן און פאָרט אָפּ קיין ארץ־ישראל. מיט אים פאָרט מיט זיין שותף משה בראַווערמאַן.

ווען ער קומט אין לאַנד אַריין, איז זיין זאָרג: וואָס וועט דאָ טאָן בראַווערמאַן? מיט זיך אַליין, האָט ער, ווייזט אויס, קיין זאָרג נישט געהאַט. בראַווערמאַן האָט נאָך אַ קורצער צייט אָנגעהויבן אַרבעטן ווי אַ באַאַמטער אין אַ באַנק, און יהושע פישער האָט זיך געפּלאָגט און גאָר שטאַרק פאַרשוואַרצט געוואָרן ביי פאַרשיידענע שווערע פיזישע אַרבעטן.

ער האָט אָבער, ווי ער האָט מיר דערציילט, אַלע יאָרן געהאַט אַ נייגונג צו ערד־אַרבעט, און צו אַזאַ אַרבעט האָט ער געשטרעבט אין ארץ־ישראל. נאָך אַ פּאָר יאָר מי און מאַטער, איז אים אונטערגעקומען אַזאַ געלעגנהייט צו פאַרווירקלעכן זיין טרוים. אַ גרופּע רעליגיעזע יידן איז אַרויס אויף התישבות אויפן באָדן, וואָס רופט זיך היינט כפר אתא, און ווו ס׳געפינט זיך היינט די באַרימטע טעקסטיל־פאַבריק „אתא״.

די שוועריקייטן, וואָס יהושע פישער האָט אָנגעטראָפן אויפן באָדן פון כפר אתא און דעם פּיין, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט, זענען אַ רומפול קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דעם דאָזיקן ישוב. דאָ וויל איך דערציילן בלויז וועגן איין דראַמאַטישן מאָמענט פון אָט די שוועריקייטן.

די אַראַבישע שכנים פלעגן די נייע זידלערס פון כפר אתא אָנטאָן געברענטע צרות. צווישן די אַראַבער האָט זיך באַזונדערס מיט זיינע מעשים קעגן די יידן אויסגעצייכנט איינער אַ פאַסטעך, וואָס איז ביי די אַראַבער אָנגעגאַנגען פאַר אַ גרויסן גבור. מאַכט זיך, אַז אין איינעם אַ פאַרנאַכט, ווען יהושע פישער איז מיט נאָך אַ ייד געגאַנגען צווישן זייערע פעלדער, האָבן זיי פּלוצעם אָנגעטראָפן זיך אויג אויף אויג מיט צוויי אַראַבער, איינער פון זיי דער דערמאָנטער פאַסטעך־גבור, וואָס האָבן געפיטערט די שאָף אויף די יידישע פעלדער. יהושע פישער האָט זיי אויפגעפאָדערט גלייך צו פאַרלאָזן די פעלדער. די אַראַבער האָבן זיך אָבער געוואָרפן אויף די יידן. צו דעם גבור האָט זיך גענומען יהושע פישער. ער האָט אים שרעקלעך צעשלאָגן און ביי אים צוגענומען דעם פאַסטעך־שטעקן .מיטן צווייטן אַראַבער האָט דער צווייטער ייד זיך געהאַלטן אין ראַנגלען, און יהושע פישער האָט שוין דעם געראַנגל פאַרענדיקט, איבערלאָזנדיק אויפן פעלד אויך דעם צווייטן אַראַבער אַ קוים זשיפּעדיקן.

דאָס צעשלאָגן דעם פאַסטעך־גבור האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אויף די אַראַבישע שכנים און זיי האָבן צורו געלאָזט די יידן אין כפר אתא. דער צעשלאָגענער גבור האָט געבעטן צוריק זיין שטעקן, וועלכן יהושע פישער האָט פון אים צוגענומען, און וואָס האָט דעם אַראַבער ממש געדינט ווי אַ „מאַרשאַל־בולאַווע״. יהושע פישער האָט אָבער נישט געוואָלט אָפּגעבן דעם שטעקן און דער אַראַבישער גבור האָט זיך פאַר חרפּה אָפּגעטראָגן פון דער געגנט.

יהושע פישער איז אויך געווען צווישן די, וואָס זענען אויפגעטראָטן פאַר דער ענגלישער שאַו־קאָמיסיע, וואָס איז אַראָפּגעקומען קיין ארץ־ישראל נאָך די אומרועז אין יאָר 1929. בעת זיין אויפטריט האָט ער אויסגעהערט אַזוי פיל שקרים, וואָס האָט אים ממש צעבראָכן, און אַ צייט לאַנג איז ער ערנסט קראַנק געווען.

דעם שווערן וועג פון יהושע פישער האָט אויך מיטגעמאַכט זיין לעבנס־באַגלייטערין רבקה פישער, די אָנערקענטע געזעל־

שאַפּטלעכע טוערין אין ביאַלע. איר הויז אין ביאַלע האָט גע־דינט, אין דער צאַרישער צייט, פאַר געהיימע צוזאַמענקונפטן פון די ציוניסטן, און נישט איין ווילטעטיקע אינסטיטוציע אין שטאָט, איז דאָרט געגרינדעט געוואָרן. נאָכן פּראָקלאַמירן דעם „קרן הגאולה", האָט רבקה פישער אַוועקגעגעבן כמעט איר גאַנץ צירונג אויף דעם פאָנד.

נישט לייכט איז אָנגעקומען רבקה פישער צו אַקלימאַטי־זירן זיך אין ארץ־ישראל און צוגעוווינען צו שווערער פיזישער אַרבעט, וואָס זי האָט אין איר לעבן נישט געטאָן. זי האָט אָבער אַלץ גענומען פאַר ליב, קיינמאָל אויף גאָרנישט זיך באַקלאָגט, ווייל דאָס געפיל פון אָנטיילנעמען אין אויפבוי פון לאַנד, האָט זי געמונטערט און אָנגעפילט מיט שמחה.

ווען מ'איז אָנגעקומען אין כפר אתא און געפרעגט אַפילו אַ קינד אויף אדון פישער, האָט ער גלייך געוויזן ווו ס'וווינט דער חשובער בירגער און ערשטער מוכתר פון כפר אתא.

יהושע און רבקה פישער, געעלטערט און קראַנק, זענען זייערע לעצטע לעבנס־יאָרן נישט געזעסן אומטעטיק. ביז זייערע לעצטע טעג האָבן זיי אָנגעפירט מיט דער גמילות חסד־קאַסע פאַר די נויטבאַדערטיקע תושבים פון כפר אתא.

משה סמאליאר / יעקב אהרן ראזנבוים

יעקב אהרן ראָזנבוים איז געווען פון יענע שליחי־ציבור אין די קליינע פּוילישע שטעט, וואָס האָבן זיך אויסגע־צייכנט מיט פריווויליקייט און איבערגעגעבנקייט, פאַר וועלכע די געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט זייערע איז נישט געווען קיין שפּרונגברעט פאַר וועלכע ס'איז פּערזענלעכע צוועקן. אַ מענטש מיט אייראָפּעאישער קולטור, אַ בן־בית אין דער רו־סישער שפּראַך און איר ליטעראַטור. אין יעדן געשפּרעך פלעגט ער אַרויסברענגען אייגנאַרטיקע געדאַנקען און מיינונגען. מ'האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז אָט דער מענטש קערט זיך צוריק צום ברונעם, פון וועלכן ער האָט יאָרן געשעפּט זיין גייסטיקע שפּייז. ער האָט אָנגעהערט צום דור משכילים, וואָס דער גערעאַנגל צווישן ייִד און מענטש האָט זיך ביי זיי נישט פאַרענדיקט מיט קיין איינזייטיקן באַשלוס. ער האָט נישט אַוועקגעוואָרפן דעם טלית, כדי צו גיין אין פרעמדע פּרדסים, און ער האָט זיך אויך נישט געקלאַמערט אין דער טראַדיציע. איך האָב תמיד געהאַט דאָס געפיל, אַז אָט דעם ייִד איז גע־לונגען צו געפינען דעם דרך־המלך. ייִד און מענטש האָבן ביי אים געפונען אַ געטרייען אויסדרוק. מיט זיין איידעלער נשמה, מיט זיינע זויבערע מעשים, מיט זיין באַציאונג צום מענטש און געזעלשאַפט, איז ער געווען אַ שלמותדיקער מענטש, ווי נאָר דער, וועלכער איז טיף פאַרוואָרצלט אין דער ייִדישער טראַדיציע און האָט גלייכצייטיק געטרונקען פון די קוואַלן פון דער אייראָפּעאישער קולטור — איז דערצו זוכה.

טאָלסטאָי און גאָרקי, די צוויי ריזן פון מענטשלעכן און סאָציאַלן יושר אין דער רוסישער ליטעראַטור, זענען געווען זיין ליבלינג־טעמע. דאָס געשפּרעך פלעגט אָבער נישט פאַר־ענדיקט ווערן, אַז ער זאָל נישט דערמאָנען מענדעלען און שלום עליכמען. ווי אַ משכיל פון אָנהייב צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט, זענען זיינע ידיעות געווען פילזייטיקע און יסודות־דיקע. ער האָט געוווסט צו ציטירן גאַנצע קאַפּיטלעך פון די שאַפונגען פון: גאָגאָל, דאָסטאָיעווסקי, גאָרקי, טאָלסטאָי א"אַ. גלייכצייטיק פלעגט ער פאַרזעצן צו ציטירן גאָרדאָנען, ביאַ־ליקן, טשערניכאָווסקען א"אַ. פאָלקסטימלעך און פּשוט איז געווען זיין האַלטונג און זיינע מעשים. ער איז געווען דער אָנפירער פון דער פּייען־באַנק אין שטאָט, פאָרזיצער פון דער שטאָטישער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע; שטענדיק רעפּרע־זענטירט די ציוניסטישע פּאַרטיי אין דער קהילה און אויך געשטאַנען בראש פון קהילה־ראָט; פאָרשטייער פון די ציו־ניסטן אין שטאָטראָט; אָנפירער פון דער „תרבות"־געזעלשאַפט, און טעטיק געווען אין פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע אינסטי־טוציעס. ער פלעגט אויך מיטאַרבעטן אין די וואָכנשריפטן, וואָס זענען דערשינען אין שטאָט. ער איז אָנערקענט און גע־שעצט געווען אין דער ייִדישער געזעלשאַפט.

יעקב אהרן איז געווען אַ געטרייער ציוניסט. צו דער באַוועגונג איז ער געקומען צוזאַמען מיטן דור משכילים. ס'דאַרף געזאָגט ווערן דער אמת, אַז ער האָט נישט דערוואַרט די גאולה פון רעוואָלוציעס און דעריבער איז ער נישט גע־קומען צום ציוניזם צוליב יאוש. ער האָט אין ציוניזם שטענדיק געזען דעם מכשיר געזונט צו מאַכן דאָס פאָלק אין גלות און צו קאָנצענטרירן עס אין ארץ־ישראל.

די ערשטע וועלט־מלחמה, דער אומקום פון מיליאָנען מענטשן, די צעשטערונג פון שטעט, שפּעטער די פּאָגראָמען אויף ייִדן אין אוקראַינע און פּוילן, האָבן נאָך מער פאַר־שטאַרקט ביי אים דעם ציוניסטישן געדאַנק, וועלכן ער האָט געווידמעט אַ באַדייטנדיקן טייל פון זיין לעבן.

ער איז געווען אַ ציוניסטישער עסקן „שלא על מנת לקבל פרס". ער איז גאָר אַקטיוו געווען לטובת די נאַציאָנאַלע פאָנדן — קרן קיימת און קרן היסוד. זיין שטרעבונג איז גע־ווען אויפצושטעלן אין שטאָט אַ „תרבות"־שול. ער האָט אַ סך צייט און מי געווידמעט אָט דעם געדאַנק, אָבער ס'איז אים נישט געלונגען צו פאַרווירקלעכן זיינע פּלענער. ער האָט ליב געהאַט די העברעאישע שפּראַך, זעענדיק אין איר אַ דערציאונגס־אינסטרומענט פאַרן ציוניזם.

זיין טאָכטער און זון האָט ער דערצויגן אין ציוניסטישן גייסט. ער האָט זיך באַמיט, אַז אויך זיינע קינדער זאָלן שעפּן פון די בעסטע ייִדישע און וועלטלעכע גייסטיקע אוצרות. ער האָט זיי געשיקט אין דער פּוילישער גימנאַזיע, אָבער גלייכ־צייטיק זיי געגעבן אַ ייִדישע דערציאונג.

אין יאָר 1939, ווען ס'איז פאַרענדיקט געוואָרן די דייטש־פּוילישע מלחמה, האָבן גענומען שטראָמען ביאַלער ייִדן קיין בריסק, וואָס האָט דעמאָלט אָנגעהערט צו רוסלאַנד. צו מיר איז דערגאַנגען אַ קלאַנג, אַז צווישן די ביאַלער פּליטים געפינט

זיך אויך יעקב אהרן ראָזנבוים. איך האָב זיך געגעבן די גרעס־טע מי אים אויפצוזוכן און איינלאַדן צו מיר אַהיים. איך האָב אים אָבער נישט געפונען. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט פון ביאַלער, אַז ער האָט זיך אומגעקערט קיין ביאַלע. ער האָט זיך אומגעקערט, כדי צו זיין צוזאַמען מיט זיין פרוי און זון.

נאָך דער מלחמה בין איך געווויר געוואָרן, אַז יעקב אהרן ראָזנבוים איז בעת דער נאַצי־אָקופּאַציע אין ביאַלע געווען טעטיק אין דאָרטיקן יודענראַט און אויף אַ גאַר מוטיקן און ווירדיקן אופן רעפּרעזענטירט די אינטערעסן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אָט דער טראַגישער תקופה. ער האָט אין אַזאַ גרויזאַמער צייט ריזיקירט מיט זאַמלען נאַצי־דאָקומענטן, מיט דער האָפענונג, אַז ס'וועט קומען דער טאָג און זיי וועלן דערזען די ליכטיקע שיין. צוזאַמען מיטן רוב מיטגלידער פון ביאַלער יודענראַט איז ער אומגעקומען אין דעם באַרימטן טויטן־לאַגער „מאַידאַנעק”, נאָך פאַרן לעצטן גירוש פון די ביאַלער יידן.

ברוך ווײַנבערג

ברוך איז געווען אַ שם דבר נאָך אין זיין געבורט־שטאָט ביאַלע־פּאָדלאַסקע. ער איז געווען באַזעלט מיט אַ געוואַלדיק געפיל פאַר יושר און גערעכטיקייט, און נישט געקאָנט פאַר־ליידן קיין עוולות. באַזונדערס האָט ער געהאַסט עקספּלאָ־אַטאַציע, און איז דעריבער געווען דער שרעק פון די בעלי־בתים. ווען מ'האָט געוואָלט איינעם אָפּשאַצן פאַר רעוואָלוציאָ־נערע רייד, פלעגט מען זיך אויסדריקן: „אָ, דאָס וואַקסט אַ ברוך”...

ברוך איז געווען דער גרינדער פון „בונד” אין ביאַלע, און מיט זיין גאַנצער פיבערדיקער נשמה זיך אַריינגעוואָרפן אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. אַליין אַ סטאָליער, האָט ער אָנגעפירט מיט שטרייק־באַוועגונגען נישט נאָר אין זיין וואַרשטאַט, נאָר אין וואַרשטאַטן פון אַנדערע פאַכן. באַ־שאָנקען מיט אַ גוטן רעדנער־טאַלאַנט, איז ער געוואָרן פּאָפּו־לער אין דער גאַנצער געגנט ווי אַ רעוואָלוציאָנערער אַגי־טאַטאָר. באַזיצנדיק אַן איינגעבוירענע אינטעליגענץ, וועלכע ער האָט נאָך קולטיווירט דורך לייענען כסדר סיי די יידישע, סיי די וועלט־ליטעראַטור, האָט ער זיך אַנטוויקלט ווי אַ וויכ־טיקער פּראָפּאַגאַנדיסט, באַוואָפנט מיט אַ מאַסע ידיעות אין סאָציאַליזם און אַרבעטער־באַוועגונגען. דאָס האָט אים געמאַכט אַזוי באַרימט אין יענער געגנט, אַז די פּאָליציי האָט באַלד „געוואָרפן אויף אים אַן אויג”, אים אַרעסטירט און פאַרשיקט צוויי מאָל קיין סיביר. פון דאָרט האָט זיך אים אָבער איינגע־געבן צו אַנטלויפן קיין לאָנדאָן.

נאָכן אָפּגעבן זיך אַ געוויסע צייט מיט זיין פאַך, לערנט ער זיך אויס צו זיין אַ דרוקער. דערביי נוצט ער אויס יעדע פרייע מינוט פאַר זעלבסטבילדונג און געזעלשאַפטלעכער טעט־טיקייט. דאַן ווערט ווײַנבערג אַ שותף מיט מאָריס מייער צו דער יידישער צייטונג „די צייט”, גיט אַליין אַרויס אַ וואָכנ־שריפט „דער פריינד”, און ווען ער עפנט אַ דרוקעריי, ווערט ער דער פאַרלעגער פון ד"ר מ. זאַלקינדס יידישער איבערזעצ־צונג פון „תלמוד” (דערשינען נאָר מסכתא „ברכות” — רעד.), אין וועלכער ער האָט אַריינגעלייגט אַ מאַסע ליבע און מקריב געווען דערויף אַ גרויסע סומע געלט.

אידעאיש אַ לינקער סאָציאַליסט, איז ברוך ווײַנבערג, אַדאַנק זיין טאַקט און לאָיאַליטעט, געווען יאָרנלאַנג דער פּרעז־זידענט פון „אַרבעטער־רינג” אין לאָנדאָן. אָבער זיין ליבע צו דער יידישער קולטור און צו דער יידישער שפּראַך זענען אַזוי שטאַרק, אַז ער פאַרבייגט זיין פּאַרטייאישע אידעאָלאָגיע און מיט אָפענע אָרעמס נעמט ער אויף יעדן יידישן קולטור־עסקן.

אין 1937 איז ברוך ווײַנבערג געקומען קיין אַמעריקע צו גאַסט צו זיין ברודער ישעיהו, און די ביאַלער לאַנדסלייט האָבן דעם גאַסט געגעבן אַ האַרציקן קבלת־פּנים. פון אַלע עקן איז מען געקומען אָנקוקן דעם באַרימטן „ברוך”, וועגן וועלכן מ'האָט שטענדיק אַזוי פיל גערעדט אין ביאַלע.

דעם 14טן יולי 1941 איז ער אין לאָנדאָן אַרויסגעריסן געוואָרן פון די רייען פון די לעבעדיקע.

(פון „טעאַטער העפטן”, ניו־יאָרק, 1943).

ישעיהו ווײַנבערג

געבוירן אין ביאַלע דעם 15טן יוני 1888. נאָך זייענדיק אַ בית־מדרש־יינגל, איז ער אַריינגעצויגן געוואָרן אין די רע־וואָלוציאָנערע קרייזן און מיטגעמאַכט אַלע פאַזן פון יענער ברויזנדיקער עפּאָכע: קאָנספּיראַטיווע פאַרזאַמלונגען, תפיסה „בירזשע”, דעמאָנסטראַציעס, קאָזאַקישע נאַהייקעס אדג"ל. גלייכצייטיק האָט ער, ווי אַ הונגעריקער, געשלונגען די יידישע און די וועלט־ליטעראַטור און געוואָרן אַן אויטאָדידאַקט. סוף דעצעמבער 1905 עמיגרירט ער קיין לאָנדאָן. ער ווערט אַ טעטיקער מיטגליד אין אַ דראַמאַטישן קרייז, באַזוכט די פיינסטע קאָנצערטן און די בעסטע ענגלישע פאָרשטעלונגען, לייענט אַ סך וועגן קונסט און ווערט ממש אַ לעבעדיקע ענ־ציקלאָפּעדיע וועגן קונסט. ער ווערט דער סעקרעטאַר פון וועסט־ענד־ברענטש פון דער „אַלגעמיינער שניידער־יוניאָן”. דאַן גרינדעט ער אַ „הזמיר”־פאַראיין און ווערט איינער פון די גרינדערס פון „אַרבעטער־רינג”. שפּעטער הייבט ער אָן שרייבן אין דער „צייט” אונטערן פּסעוודאָנים „מאַלאמוט” וועגן טעאַטער און מוזיק. אין 1915/6 ווערט ער זייער טעטיק אין „רוסישן אימיגראַנטן־קאָמיטעט” און איז איינער פון די גרינדערס פון „טעמפּל־טעאַטער”.

1920 קומט ווײַנבערג קיין אַמעריקע, און אַ קורצע צייט

שפּעטער ווערט ער דער לאָקאַלער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס" אין דעטראָיט, ווו ס'צעבליט זיך ערשט זיין זשורנאַליסטישע און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. ער שרייבט אונטער די פּסעוודאָנימען „בראַנדווייס", „ווינאָגורסקי", „מעלאָמאַן", „עקס", „ריוועסאַן". די קרוין פון זיין אַרבעט איז זיין בוך אין יידיש „אידישע אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטן פון דעטראָיט", וואָס האָט אַרויסגערופן דעם גרעסטן לויב ביי דער אַלגעמיינער יידישער קריטיק.

אין משך פון עטלעכע צענדליק יאָר, פריער נאָך אין לאָנדאָן, און שפּעטער אין דעטראָיט, האָט ער זיך מיטן גאַנצן פייער פון זיין נשמה אַריינגעוואָרפן אין דער יידישער קולטור־אַרבעט, מיטגעהאָלפן אַלע יידישע קולטורעלע אינסטיטוציעס מיט ראַט און טאַט, אַליין געגעבן און געהאָלפן שאַפן געלט פאַר אַלע קולטור־באַדערפענישן. באַזונדערס איז ווייַנבערג געווען איבערגעגעבן דעם יידישן טעאַטער. נישט נאָר האָט ער מיט זיין פען געדינט די יידישע טעאַטער־קריטיק, נאָר ער האָט מינדלעך פּראָפּאַגאַנדירט פאַר דער וויכטיקייט פון עפנטלעכן יידישן וואָרט. זיין היים אין דעטראָיט איז געווען דער אַדרעס פון דעם יידישן טעאַטער־מענטש.

די לעצטע יאָרן איז ישעיהו ווייַנבערג געווען ערנסט קראַנק, אָבער דאָך איז ער, ווי אַ געטרייער סאָלדאַט, נישט אָפּגעטראָטן פון זיין פּאָסטן. דעם 15טן אַפּריל 1943 האָט זיין קראַנק האַרץ אים אויפגעהערט צו דינען.

(פון „טעאַטער העפטן", ניו־יאָרק, 1943).

גדליהו בראַווערמאַן

ו. עליע שימשעלעס (אליהו יוסטמאן)

ווען מ'וואָלט אין ביאַלע אין די ערשטע יאָרן פון בונדסטעטיקייט געווען פרעגן די אַרבעטער־מאַסן ווער ס'האָט די גרעסטע פאַרדינסטן פאַר זייער אָרגאַניזירונג, וואָלטן זיי בלי־ספק געווען ענטפערן, אַז דאָס איז עליע שימשעלעס.

עליע שימשעלעס איז געווען אַ קינד פון דער סאַמער אָרעמקייט. זיין פאָטער איז געווען אַ בעקער. דאָס יינגל האָט געהאַט אַ שטאַרקן ווילן צום לערנען און פלעגט מקנא זיין די יינגלעך, וואָס זייערע עלטערן שיקן זיי צו לערערס, ווו זיי לערנען שרייבן יידיש, רוסיש און חשבון, און זיי ברענגען אַהיים פאַרשריבענע קאַיעטן מיט אַזעלכע געדרייטע אותיות. עליעס פאָטער, נישט נאָר, וואָס ער האָט נישט געקאָנט צאָלן קיין שכר־לימוד, נייערט ער האָט אַפילו נישט געהאַט קיין געלט אויף קאַיעטן. דערפאַר האָט דער קליינער עליע געהאָפט, אַז ווען ער וועט ווערן אַ בעל־מלאכה, וועט ער פון די ערשטע פאַרדינסטן נעמען זיך באַלד לערנען. אַזוי איז עליע צו 12 יאָר אַוועק צו אַ סטאָליער זיך לערנען דאָס פאַך, מיינענדיק, אַז גאָר גיך וועט ער נעמען פאַרדינען.

גרינג צו זאָגן „גיך נעמען פאַרדינען". כדי צו פאַרדינען האָט מען געדאַרפט קענען דאָס פאַך, אָבער אויסלערנען זיך אַ באַרוף אין יענע יאָרן איז נישט צוגעגאַנגען אַזוי גיך. אַ פּאָר יאָר האָט מען געמוזט זיין אַ משרת סיי ביים מייסטער און סיי ביי די אַרבעטערס, וואָס האָבן געאַרבעט ביים מייסטער. פון דער באַלעבאָסטע איז דאָך שוין אָפּגערעדט, ווייל דאָס איז לכתחילה קלאָר געווען, אַז אין די ערשטע פּאָר יאָר איז מען מער צו דער דיספּאָזיציע פון דער באַלעבאָסטע ווי פון מייסטער. מ'פלעגט דעם לערניינגל אַרויסשיקן ברענגען עסן פון דער היים, אָדער איינקויפן, און צום לערנען דאָס פאַך איז ער נאָך גאָר ווייט געווען. און אַז מ'פלעגט שוין דעם לערניינגל עפּעס געבן צו טאָן, איז דאָס געווען די מלאכה פון שאַרפן דאָס געצייג. אַזוי פלעגן פאַרגיין די טעג און חדשים. אַז עליע האָט זיך שוין גענומען די דרייסטקייט צו בעטן די אַרבעטערס, אַז זיי זאָלן אים געבן אַ שטיקל ברעטל אויסצופראַווען, אָדער צו שניידן מיט אַ זעגל, פלעגן זיי פון אים חוזקן: — זע נאָר דעם צוציק, ער האָט שוין נישט קיין צייט — און מיט אַ גיפטיק שמייכעלע אים אַ פרעג טאָן: — ווילסט שוין אפשר ווערן אַ מייסטער אויך ?...

אַזוי האָט עליע זיך געפּלאָגט דריי יאָר און פון סטאָליערי אַ קנאַפּן אַנונג געהאַט. און אָט האָט זיך אין אָנהייב פון היינטיקן יאָרהונדערט באַוויזן די בונדישע באַוועגונג אין ביאַלע, וואָס האָט געברענגט צו אַ שינוי אין דער באַציאונג צום לערניינגל.

ביים מייסטער, שמילע שאמע זימלס (שמואל [פרידמאן] שמאי זימלס), ווו עליע איז דאָס געווען אויף דער לערע, זענען אָנגעקומען אַרבעטן אליהו בובקעס (האָפמאַן) און ברוך ווייַנבערג. זיי האָבן אָנגעהויבן עליען מקרב זיין. זיי האָבן אים געלערנט אַרבעטן און אין אַ קורצער צייט איז עליע געוואָרן אַ סטאָליער־אַרבעטער.

ביי דער אַרבעט האָט עליע באַמערקט, אַז אליהו בובקעס און ברוך טראָגן זיך אַרום מיט סודות, שושקען זיך און גיבן זיך איבער קליינע פּעקעלעך, וואָס זיי באַהאַלטן אין די געצייג־קעסטלעך. אַז עליע איז מיט אָט די צוויי אַרבעטערס מער היימישער געוואָרן, האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און זיי געפרעגט וועגן די פּעקעלעך. אַזוי איז עליע שימשעלעס באַהאָפטן געוואָרן מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

עליע וואָס האָט געהאַט אַ פילבאַר האַרץ, וואָס האָט געוויטאָגט אויף דער גרויסער אָרעמקייט פון זיינע עלטערן און זייערס גלייכן, ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז ס'זענען פאַראַן מענטשן, וואָס ווילן קעמפן פאַר אַן אַנדער לעבן, האָט ער דערפילט, אַז דאָס איז זיין גרעסטער ווונטש און אַז ער דאַרף אָט דעם קאַמף ווידמען זיך מיט זיין גאַנצער ענערגיע.

ברוך פלעגט אים מיטנעמען אויף געהיימע „סכאָדקעס", אויף וועלכע מ'פלעגט פונאַנדערוויקלען דעם געדאַנק וועגן דער נייער באַוועגונג און עליע האָט, ווי אַ דורשטיקער, געשלונגען יעדעס וואָרט.

אין יאָר 1903, ווען די בונדישע באַוועגונג איז זיך צעוואַקסן און האָט באַקומען אַ מאַסן־כאַראַקטער, איז שוין עליע

שימשעלעס געווען אַן אָנגעזעענער „בונד"־טוער אין שטאָט. אַלע האָבן זיך צו אים באַציגן מיט רעספּעקט, ווייל ער האָט זיך דערוואָרבן סימפּאַטיע ביי אַלע קרייזן אַדאַנק זיין פשוטקייט און זיין אייגנאַרטיקן צוגאַנג צו אַלע ענינים. ער האָט זיך נישט באַנוצט מיט קיין הויך־קלינגענדיקע ווערטער און פראַזן, וואָס זענען אויסגעבאָרגט געוואָרן פון די נאָר־וואָס איבערגעלייענטע בראָשורן — ווי דאָס איז דעמאָלט געווען אין דער מאָדע, — כדי צו דעמאָנסטרירן אינטעליגענטישקייט. דעריבער טאַקע פלעגט עליע דערליידיקן אַ סך ענינים, וואָס אַנדערע האָבן דאָס נישט באַוויזן צו טאָן. האָט זיך געמאַכט אַ סכסוך אין אַ וואַרשטאָט צווישן מייסטער און די אַרבעטערס, איז גענוג געווען, אַז עליע זאָל זיך דורכשמועסן מיטן פאַרעקשנטן מייסטער און דער לעצטער איז ווייכער געוואָרן און נאָכגעגעבן די פאָדערונגען פון די אַרבעטערס.

עליע האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער ליטעראַטור און שטודירט די פּראָבלעמען, וואָס זענען געווען נאָענט סיי אים און סיי דער אַרבעטער־מאַסע. ער האָט געפירט אין „בונד" די קרייזן פאַר די מער פאַרשטענדלעכע חברים.

מיט דער צייט איז עליע געוואָרן דער צענטראַלער נערוו פון דער בונדישער באַוועגונג אין שטאָט, זייענדיק איינער פון דעם פאַרקאָנספּירירטן בונדישן קאָמיטעט, וואָס איז געשטאַנען בראש פון דער פאַרטיי.

עליע האָט פאַרמאָגט אַן איינגעבוירענעם רעדנער־טאַלאַנט, וואָס איז אין יענער צייט געווען אַ זעלטנהייט. פלעגט ער טאַקע האָבן גרויס דערפאָלג ביי דער צוהערער־מאַסע. אָפט האָט זיך געמאַכט, אַז קיין ביאַלע פלעגט קומען פון ראַיאָן אַ שוואַכער רעדנער, און אַז עליע האָט באַמערקט, אַז דער עולם שלאָפט איין, פלעגט ער איבערנעמען די פאַרזאַמלונג און די מאַסע פלעגט ווי אויפכאַפּן זיך פון שלאָף. ער האָט מיט זיין רעדן געוווּסט ווי אַזוי אַריינצוקריגן זיך אין די הערצער פון די צוהערערס, שפּילן אויף די אָנגעווייטאָגטע געפילן.

דוד קרוסעס, זייענדיק אין פּאַריז, ווו ס׳איז אים אויסגעקומען צו הערן גוטע רעדנערס, האָט פון דאָרט געשריבן, אַז ווען עליע וואָלט געווען אין פּאַריז און זיך אָפּגעגעבן מיט פּאָליטישער טעטיקייט, וואָלט ער דאָרט געווען פון די אָנגעזעענסטע רעדנערס.

שוין אַוועק מער ווי אַ האַלבער יאָרהונדערט פון יענער צייט און דאָך פיל איך נאָך עליעס וואַרעמע און ליבלעכע באַנעמונג צו די אַלע, מיט וועמען ער פלעגט נאָר קומען אין באַרירונג. זיין פריידיקן די צוקונפט פלעגט מאַכן דעם איינדרוק, ווי פאַר אונדז וואָלט געשטאַנען אַ נביא, וואָס זעט די וויזיע פון די אָנקומענדיקע צייטן.

שפּעטער, ווען נאָכן דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע האָט די בונדישע באַוועגונג אין ביאַלע גענומען צאַנקען, די שיינע טרוימען זענען צערונען געוואָרן און אויף זייער אָרט איז געקומען אַ דערדריקנדיקער יאוש, האָט עליע גענומען אויף זיך די איניציאַטיוו צו גרינדן אַ דראַמאַטישן קרייז אין שטאָט. ער האָט געוואָלט מיט אָט דעם שריט אָפּהאַלטן די ירידה פון דער באַוועגונג, באַקעמפן די אַפּאַטיע און ווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון דער אַרבעטער־מאַסע אויף קולטורעלער טעטיקייט.

עליע האָט אין דער ערשטער תקופה פון בונדס טעטיקייט אויך אין זינען געהאַט צו פאַרלייגן אַ ביבליאָטעק. לויט זיין איניציאַטיוו טאַקע איז דעמאָלט געשאַפן געוואָרן די ערשטע אומלעגאַלע ביבליאָטעק אין שטאָט. זייענדיק פון די מיטגרינדערס פון אָט דער ביבליאָטעק און צווישן אירע אָנפירערס ביז איר פאַרניכטונג דורך די דייטשע וואַנדאַלן, פלעג איך כסדר זען פאַר מיינע אויגן איר ערשטן גרינדער, עליע שימשעלעס.

בערך אין יאָר 1907 איז עליע מיט זיין חברטע, דאַבעלע דעם בדחנס אָפּגעפאָרן קיין אויסלאַנד. אַ צייט לאַנג האָט מען פון עליען גאָרנישט געהערט. מיר איז נישט געווען צום האַרצן וואָס אַזאַ פעאיקער אַרבעטער־טוער האָט זיך געשטעלט אין שאָטן, און איך האָב פשוט נישט געוואָלט גלויבן, אַז עליע האָט אויפגעגעבן זיין טעטיקייט צווישן די אַרבעטער־מאַסן. ס׳האָט מיר זייער וויי געטאָן, ווען אין אַ צייט אַרום האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ער געפינט זיך אין אַמעריקע, דאָרט געעפנט אַ קרעמל און ראַנגלט זיך פאַר זיין עקסיסטענץ.

2. דוד קרוסעס (גאלדפארב)

אַ זון פון פרומע עלטערן, אַליין אַ לערנער אין חסידים־שטיבל, איז ער געפאַנגען געוואָרן פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אויך אין די שטיבלעך. ער האָט אויסגעביטן די רעליגיעזע ספרים אויף וועלטלעכע ביכער און זיך אַריינגעוואָרפן אין דער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט.

דוד קרוסעס איז געווען אין יענער צייט דער רעפּרעזענטאַנט פון „בונד" אין ביאַלע. ער פלעגט אָפט אַרויסטרעטן אויף פאַרזאַמלונגען, ווו ער פלעגט פאַרטיידיקן די שטעלונג פון „בונד", און פלעגט זייער אויסנעמען ביי דער מאַסע.

געווען אַ צייט, ווען ער האָט זיך גערעכנט פאַרן נערוו פון קליינעם הייפל פּראָגרעסיווע אינטעליגענץ אין שטאָט. אַליין אַ דאָרשטיקער נאָך בילדונג, האָט ער פאַרקערט מיט די יידישע גימנאַזיסטן און אַ סך פון זיי געלערנט. לויט זיין איניציאַטיוו איז געשאַפן געוואָרן אַן אינטעליגענטן־קרייז, ווו ס׳האָבן זיך געטראָפן די יידישע גימנאַזיסטן מיט די פאָרגעשריטענע אַרבעטערס. דער קרייז פלעגט זיך צונויפקומען אין דער דירה פון לערער יעקב שטיינמאַן, ווו מ׳פלעגט אָפּהאַלטן שמועסן וועגן אַקטועלע פּאָליטישע טעמעס און אויך פאַרלעזונגען פון פאַרשיידענעם קולטור־כאַראַקטער.

דוד קרוסעס האָט געבענקט צו דער גרויסער וועלט. דאָס קליינע שטעטל האָט אים ממש געשטיקט. בפרט, ווען אין דער בונדישער באַוועגונג איז איינגעטראָטן אַן איבעררייס אין דער טעטיקייט צוליבן דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע. ער האָט

באַשלאָסן צו פאָרן קיין פּאַריז. אַהין, פון וואַנען ס׳ציען יניקה יונגע דורשטיקע מענטשן, זיך טובל זיין אין דעם ים פון קולטור און וויסן.

בערך אין יאָר 1909 איז ער אַוועק קיין פּאַריז. ער האָט פון דאָרט געשריבן בריוו אין וועלכע ער האָט, מער ווייניקער, געגעבן אַן אָפּשאַצונג פון דעם גרויסן, פאַר ביאַלע, ספינקס, וואָס רופט זיך „פּאַריז״.

דוד, דאָס פאָלקס־קינד, אָנגעווייטיקט מיט סאָציאַלע פּראָב־לעמען, האָבנדיק פאַר זיינע אויגן דעם אַרבעטס־מענטש, האָט באַלד נאָך זיין קומען קיין פּאַריז אויך דאָרט דערזען דעם שפּלדיקן מצב פון דאָרטיקן אַרבעטער. אין זיינע בריוו פון פּאַריז האָט ער געלאָזט וויסן, אַז דער פּאַריזער גן־עדן איז נישט פאַרן אַרבעטער־קלאַס, און אַז דער פּאַריזער אַרבעטער געניסט גאָר ווייניק פון דעם פּאַריזער לוקסוס.

דוד האָט זיך גיך אַנטוישט אין דעם שיינעם גלאַנץ פון פּאַריז און איז נאָך צוויי יאָר צוריקגעקומען קיין ביאַלע. צוליב אַ מיספאַרשטענדעניש ביי דער גרענעץ, איז דוד געבראַכט געוואָרן קיין ביאַלע מיטן עטאַפּ (אונטער שמירה) און איז אָפּגעזעסן אין ביאַלער תפיסה עטלעכע חדשים.

פון תפיסה איז ער אַרויס אַ דערשלאָגענער און פאַרבי־טערטער. ער פלעגט פון צייט צו צייט צונויפנעמען די קליינע גרופּע בונדיסטן און אַרויס מיט זיי אין „זאָפּיע״־וואַלד, ווו ער פלעגט האַלטן פאַר זיי פאָרטראַגן. ער פלעגט שוין אָבער נישט רעדן וועגן פּאָליטיק, נייערט וועגן אַלגעמיינע מענטש־לעכע פּראָבלעמען.

דוד האָט נאָך זיין צוריקקער פון פּאַריז געלעבט פאַר־שלאָסן אין זיך, נישט געזוכט פאַר זיך קיין עקסיסטענץ. ס׳האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי דער מענטש טרינקט זיך צווישן יאוש און האָפענונג אויף עפּעס, וואָס זאָל אים אַרויסנעמען פון דער מאָנאָטאָנער טאָג־טעגלעכקייט.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען דער פראָנט האָט זיך גענומען דערנענטערן צו ביאַלע און אין שטאָט איז אַקטועל געוואָרן די פראַגע פון עוואַקויִרן זיך קיין רוסלאַנד, כדי אויסצומיידן די קאַמפן אַרום דער שטאָט, איז, צווישן די, וואָס זענען אַוועק קיין רוסלאַנד, אויך געווען דוד.

די וועלט־מלחמה איז אַריבער, דער רעוואָלוציאָנערער איבערבּרויז אין רוסלאַנד האָט זיך איינגעשטילט, די באָלשע־וויסטישע מאַכט האָט זיך באַפעסטיקט, אָבער פון דוד קרוי־סעס האָט מען אין ביאַלע גאָרנישט געהערט.

אין די דרייסיקער יאָרן איז אומדערוואַרטעט געקומען פון אים אַ בריוו צו אליהו רייזעלעס (קלאָץ). ער האָט אין בריוו געשריבן, אַז ער געפינט זיך אין לעטלאַנד, האָט דאָרט חתונה געהאַט, איינגעאָרדנט זיך, און איז אַ גימנאַזיע־לערער. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויך אויף עטלעכע אַנדערע חברים.

מער איז פון דודן קיין ידיעות נישט געווען. וועגן זיין גורל בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז נישט באַוווסט.

פ. גאלד

ו. עליע בובקעס (אליהו האפמאן)

עליע האָפמאַן, אַ סטאָליער פון פאַך, איז געווען איינער פון די גרינדער פון „בונד״ אין ביאַלע. אַ הויכער, דער קאָפּ אַ ביסל פאָרויס, איינגעגראָבן צווישן ביידע אַקסלען, זיינע בלאָנדע וואָנצעס האָבן זיך ווייניק אָנגעזען, ווייל ס׳האָט זיי שטענדיק פאַרשטעלט די ליולקע, סיי מיט מאַכאָרקע, ווען ער האָט געהאַט געלט צו קויפן, און סיי אַ ליידיקע.

ווען ס׳איז אין ביאַלע, אין דער צאַרישער צייט פאָרגע־קומען דער גרויסער פּאָליטישער אַרעסט פון די „בונד״־חב־רים, איז אויך עליע אַרעסטירט און פאַרשיקט געוואָרן אין דער געגנט פון אַרכאַנגעלסק. פון דאָרט איז עליע צוריקגע־קומען אַ קראַנקער אויף שווינדזוכט, געווען אַ שטיקל צייט אין ביאַלע און אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. אָנגעקומען קיין אַמעריקע איז ער אין אַ קריזיס־צייט און ער האָט זיך זייער געמוטשעט, אָבער דאָך זיין שמייכל נישט פאַרלוירן. ווען מ׳האָט אים געפרעגט וואָס ער מאַכט, אָדער וואָס ס׳הערט זיך, האָט ער געענטפערט: „קאַלט אויף ברום סטריט״. דאָס ווערטל האָבן יאָרן לאַנג באַנוצט די ביאַלער אין ניו־יאָרק.

עליע איז צוריקגעפאָרן קיין ביאַלע און חתונה געהאַט מיט אַברהמעלע כלי־זמרס טאָכטער. אויב מ׳זאָגט ביי יידן, אַז כלי־זמרים האָבן שיינע טעכטער, איז דאָס זיכער געווען אַן אמת אויף עליעס פרוי. זיי האָבן געאַרבעט, געקרענקט און אויפגעבראַכט אַ פאַמיליע.

צום 22סטן יובילעאום פון „בונד״, ביי אַ ליאַמע, ביי גדליהו בראַווערמאַן אין שטוב, האָט מען אים, עליען, ווי דעם עלטסטן און ערשטן בונדיסט אין שטאָט, געבעטן זאָגן עטלעכע ווערטער. אָנשטאָט רעדן, האָט ער געזונגען די בונדישע שבועה.

דאָס צווייטע מאָל האָב איך זיך מיט עליען געטראָפן ביי אים אין שטוב. דעמאָלט איז מיר קלאָר געוואָרן פאַרוואָס מ׳טרעפט אים זעלטן ביי בונדישע צוזאַמענקונפטן. דאָס איז געווען ערב פסח 1920, דער אַרבעטער־הילפס־קאָמיטעט האָט באַשלאָסן צו געבן אים אַ יום־טוב־שטיצע, און איך בין געווען דער שליח, וואָס האָט אים געברענגט דאָס געלט. אין בעט איז געלעגן מיט אַ שמייכל אַן אומהיילבאַר־קראַנקע פרוי אין שטענדיקע יסורים, די מאַמע פון זיינע קינדער. עליע אַליין האָט געדאַרפט אַרבעטן, האָדעווען די קינדער און באַדינען אין בעט אַ ליגנדיקער קראַנקער פרוי. ביי אַזעלכע באַדינגונגען איז מיר קלאָר געוואָרן, האָט ער נישט געקאָנט זיין אַקטיוו. ווי אַזוי אָבער האָט ער נאָך געקאָנט ווייזן אַ שמייכל אויף זיין פנים, איז מיר געבליבן אַ רעטעניש ביז היינט.

אין 1921 איז פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג אין „בונד״. אויף אַ פאַרזאַמלונג, אין הויז פון אברהם אדלער, וועגן דעם ענין, האָט עליע גענומען דאָס וואָרט און אַן אויפגערעגטער גע־שריען: — חברים! ס׳איז אַן איבערפאַל אויף אונדזער מאַמען!

די וואָס האָבן געמאַכט די שפּאַלטונג זענען אַלע מאָל געווען קעגן „בונד“, און אַפילו דעם „קאָמבונד“ וועלן זיי לאַנג נישט לאָזן לעבן. מיר זענען יאָרן געווען אַן אומאָפּהענגיקע פּאַרטיי און מיר וועלן אַזוי ווייטער עקסיסטירן. מיר שווערן טרייהייט אָן גרענעצן צום „בונד“.

פון צייט צו צייט האָבן מיר די חברים פון ביאַלע געשריבן, אַז עליע האָט ווידער געהאַט בלוט־שטורצן. אין איינעם אַזאַ בריוו האָבן זיי מיר געשריבן, אַז איינמאָל נאָך אַ בלוט־שטורץ, ווען עליע איז אַ ביסל געקומען צו זיך, האָט ער זיך אָנגערופן צו די אַרומשטייענדיקע חברים: — אין שעניק ליגט העכער 40.— זל. פון דער „קולטור־ליגע“, נעמט זיי צו, ווייל מיין פרוי (די צווייטע) קאָן זיי נאָך געפינען און ביי אַזאַ לאַגע פאַרטאָן.

אין זיינע בריוו צו מיר האָט ער קיינמאָל נישט דערמאָנט זיין לאַגע. זיי זענען שטענדיק פול געווען מיט זיין הומאָר, הגם ס'איז געווען „קאַלט אויף ברום סטריט“...

2. תנחום פריינד

תנא, ווי מ'פלעגט אים רופן, איז געווען אַ זון פון תלמוד־תורה־משגיח, זעליג.

באַקאַנט מיט אים האָב איך זיך אין חדר ביים רבין מאָטל דאָמאַטשעווער, און שפּעטער האָבן מיר צוזאַמען געלערנט ביים העכסטן מלמד אין תלמוד־תורה, ביים „דראָגעטשינער“ מלמד. נאָכן ענדיקן דעם חדר, בין איך געוואָרן אַ בעל־מלאכה און תנא איז אַוועק קיין ליטע לערנען אין אַ ישיבה. אין עטלעכע יאָר אַרום האָט ער פאַרלאָזט די ישיבה, אַוועק קיין לאָדזש און דאָרט געוואָרן אַן אָנגעשטעלטער ביי אַ יונגער חסידיש־אינטעליגענטער פאַמיליע. די בעל־הביתטע האָט אים געמאַכט אַ פאָרשלאַג, אַז ער זאָל אירע קינדער, וואָס זענען געגאַנגען אין גימנאַזיע, לערנען תנ"ך און יידישקייט, דערפאַר וועט זי אים לערנען רוסיש און פּויליש.

אין לאָדזש האָט תנא זיך באַקאַנט מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג, און דער זייער פּאָפּולערער לאָדזשער פאָלקס־בונדיסט, אפרים לאָזער זעלמאַנאָוויטש האָט אויף אים געהאַט אַ שטאַרקע השפּעה.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָב איך תנא'ן געטראָפן אין דער פאַרוואַלטונג פון דער ליטעראַריש־דראַמאַטישער געזעלשאַפט און אין קאָמיטעט פון ביאַלער „בונד“.

ער איז פאַררעכנט געווען צו די אינטעליגענטסטע בונדיסטן. ער איז נישט געווען קיין רעדנער, נאָר אַ שמועסער. די אָרגאַניזאַציע האָט אים איבערגעגעבן די אָנפירערשאַפט איבער דער יוגנט: גרינדן די „צוקונפט“־אָרגאַניזאַציע, אָרגאַניזירן צווישן זיי קרייזן, שיקן צו די קרייזן רעפערענטן. ער אַליין האָט געהאַט אַ שטענדיקן קרייז ביי עליע בובקעס אין שטוב, וואָס פלעגט זיך צוזאַמענקומען יעדן שבת.

צום קראָקאָווער צוזאַמענפאָר פון „בונד“ זענען געשיקט געוואָרן פון ביאַלע די דעלעגאַטן תנא און ברוך טשעכאַנאָווסקי (איצט פאָרזיצער פון „בונד“ אין בעלגיע),ביידע פון דער דעמאָלטיקער לינקער גרופּע אין „בונד“. ווען ס'איז אין ביאַלע געשאַפן געוואָרן דער קאָנסום־קאָאָפעראַטיוו „אייניקייט“, איז תנא דאָרט געוואָרן אַן אָנגעשטעלטער.

אין יולי 1920 איז תנא אַרעסטירט געוואָרן מיט אַ גרופּע בונדיסטן אין ביאַלע און נאָכן וואַנדערן איבער תפיסות און לאַגערן, זענען זיי איבערגעשיקט געוואָרן אין דעם דעמאָלטיקן באַקאַנטן קאָנצענטראַציע־לאַגער „דאָמביע“.

נאָך דער סאָוויעטיש־פּוילישער מלחמה, האָט דער „דזשאָינט“ אָנגעהויבן אַן אַקציע אויפצובויען די חרוב געוואָרענע שטאָט בריסק. ס'זענען דאָרט געשאַפן געוואָרן קאָאָפעראַטיוון, און דער „אָרט“ האָט געעפנט פאַכשולן. אַזוי ווי דער „בונד“ האָט געהאַט די השפּעה איבער די קאָאָפעראַטיוון, איז תנא אַהין אָנגעקומען ווי אַן אָנגעשטעלטער. שפּעטער איז ער געוואָרן אַ לערער אין אַ ציש"א־שול.

זייענדיק לערער אין פּינסק, איז ער דערוויילט געוואָרן פאַר אַ ראַטמאַן אין דאָרטיקן שטאָטראַט, און אַ געוויסע צייט האָט ער דאָרט אויך אַמטירט ווי אַ לאַווניק.

ווי ס'האָט מיר דערציילט זיינע אַ פּינסקער שילערין, האָבן די תלמידים אים באַטראַכט ווי אַן עלטערן ברודער און חבר זייערן, און אים זייער געהאַט.

איך פלעג פון צייט צו צייט אָנטרעפן אויף זיין נאָמען אין דער בונדישער „פאָלקסצייטונג“, נישט צווישן די רעדנער־רשימות.

שפּעטער איז תנא געווען אַ לערער אין פּיעטרקאָוו און אין טשענסטאָכאָוו. אין דער היטלער־תקופה האָט ער אין טשענסטאָכאָוו געאַרבעט אין אַ פאַבריק און אין די אָוונטן האָט ער אָנגעפירט מיט אַ יידישער שול אין געטאָ. ער איז געווען טעטיק אין דעם בונדישן אונטערגרונט און געאַרבעט ווי אַ קוריער אין יענער געגנט. אויסגעמיטן אַקציעס, אָבער דער טויט האָט אים נישט אויסגעמיטן. ממש אין די לעצטע מינוטן פון דער היטלערישער הערשאַפט אין יענער געגנט, איז ער פאַרלוירן געגאַנגען.

הירש ריכטער (לאָזער סטאָליער)

געבוירן אין ביאַלע־פּאָדלאַסקע, איז ער יונגערהייט אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע און אויפגעוואָקסן אין קוואַרטאַל פון דער יידישער אָרעמקייט אויף סטאַווקי־גאַס. נאָך אַלס ייִנגל — אין די יאָרן 4־1903, האָט ער געהערט צום „בונד", אָבער דער איינגעשפּאַרטער קאַמף פון „בונד" קעגן ציוניזם האָט אים דערווייטערט פון זיך. ער האָט זיך דאַן דערנענטערט צום ראַדיקאַל־ציוניסטישן קרייז „התחיה", וואָס צווישן זיינע פירער זענען אויך געווען יצחק טאַבענקין, יצחק גרינבוים און יוסף שפּרינצאַק. דערנאָך איז ער געווען אין דער גרופּע, וואָס האָט זיך אויסגעטיילט מיט איר פּועלי־ציוניסטישן פּראָגראַם און פאַרבונדן מיט דער ציוניסטיש־פּראָלעטאַרישער באַוועגונג, וועלכער ער איז געבליבן טריי נאָענט פערציק יאָר, ביז דעם לעצטן מאָמענט פון זיין לעבן. זיין געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציע האָט ער זיך דערוואָרבן אַדאַנק זיין גראַדליניקייט, אויסגעהאַלטנקייט, קעמפערישקייט און אָפּפערוויליקייט. ער האָט קיינמאָל נישט געלערנט אין קיין שול, אָבער ער האָט פאַרמאָגט אַ טיף־אינערלעכע אינטעליגענץ און נאַטירלעכע פעאיקייטן, קאָנענדיק אַריינדרינגען אין די סאַמע קאָמפּליצירסטע פּראָבלעמען און רעאַליזירן זייערע לייזונגען אין טאָג־טעגלעכן לעבן. ווען ער איז אַריינגעטרעטן אין דער פּועלי־ציון באַוועגונג, האָט מען זיך אין איר באַשעפטיקט הויפּטזעכלעך מיט טעאָרעטישע אויפקלערונגען און דיסקוסיעס, און ער איז געווען איינער פון יענע, וועלכע האָבן פאַרלאַנגט באַלדיקע פּראַקטישע אַרבעט אויפן פּראָפעסיאָנעלן געביט; אונטער דער לאָזונג האָט ער אָרגאַניזירט אין דער פּאַרטיי די „אַרבעטער־אָפּאָזיציע". זייענדיק פאַרוואָרצלט אין דער מאַסע, האָט ער געוווּסט אַלץ וואָס ס'טוט זיך אין יעדן וואַרשטאַט, אין יעדער פאַבריק, און ער האָט געהאַט אַ גאָר גרויסע השפּעה צווישן די אַרבעטער פון זיין פאַך, האָלץ־אַרבעטער; כאָטש זיי האָבן צום גרעסטן טייל געהערט צום „בונד". ער איז געווען פּאָפּולער צווישן די יידישע אַרבעטער און אָרעמע פאָלקס־מאַסן, סיי אין וואַרשע און סיי אין דער פּראָווינץ, — זיי האָבן אים גערופן מיט אַ ליבשאַפט נאָמען: לאָזער סטאָליער. אָפטמאָל האָט אים זיין אויסגעהאַלטנקייט געבראַכט צו אַ שאַרפן אַנטקעגנשטעלן זיך זיין פּאַרטיי־אָנפירונג, ווען ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז זי ווייכט אָפּ פון דער פּאַרטיי־ליניע. ער איז אָפט אַרעסטירט געוואָרן דורך דער צאַרישער פּאָליציי צוליב זיין פּאַרטיי־טעטיקייט. און נישט איין־מאָל איז ער מערדערלעך געשלאָגן געוואָרן אין אַרעסט. אין 1909 איז ער מאָביליזירט געוואָרן אויף דריי יאָר אין רוסישן מיליטער,— ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון מיליטער־דינסט, האָט ער באַלד ווידער פאָרגעזעצט זיין אַקטיווע טעטיקייט.

אין אַפּריל 1914 איז ער, צוליב אַ מסירה, אַרעסטירט געוואָרן און איז פאַרשיקט געוואָרן אויף קאַטאָרגע־אַרבעט קיין אָריאָל. דאָרטן איז ער געזעסן צוזאַמען מיט די פירער פון „בונד", וו. מעדעם און וו. אַלטער, וועלכע האָבן אומזיסט זיך באַמיט צו צעשטערן זיין ציוניסטישן גלויבן. די רעוואָלוציע פון 1917 האָט אים באַפרייט פון קאַטאָרגע און ער איז געוואָרן איינער פון די קאָמוניסטישע אָנפירער אין דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי אין רוסלאַנד. אָבער ווען דער „קאָמינטערן" האָט אין 1920 באַשטימט די באַקאַנטע פּונקטן פאַר דער אָנשליסונג פון די לינקע פּועלי־ציון, איז ער געווען צווישן די שאַרפסטע באַקעמפער פון יעטוועדער אידעאָלאָגישער נאָכגעבונג. ער האָט ענערגיש פאַרלאַנגט פון דער פּאַרטיי טאָגטעגלעכע פּראַקטישע אַרבעט פאַר ארץ־ישראל, ענגערע פאַרבינדונג מיטן גאַנצן לאַגער פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל און אָנשלוס אין דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. אין 1924 איז ער געקומען קיין ארץ־ישראל, צו וואָס ער האָט אַזוי לאַנג און שטאַרק געשטרעבט. די אַלטע ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער, באַזונדערס די תל־אביבער, געדענקען אים גוט אין די יאָרן 1924—1927. לויט דער פאָדערונג פון דער פּאַרטיי־צענטראַלע אין וואַרשע, האָט ער זיך אומגעקערט קיין פּוילן צו אַרבעטן אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. ער האָט זייער געוואָלט צוריקפאָרן קיין ארץ־ישראל, אָבער דער פּאַרטיי־צענטער האָט אים אָפּגעהאַלטן אין פּוילן.

נאָכן מלחמה־אויסברוך האָט ער פאַרלאָזט וואַרשע, אָבער ער האָט זיך אינגיכן אומגעקערט כדי ווייטער צו זיין טעטיק דאָרט, ווו ער איז געווען געזעלשאַפטלעך טעטיק פיר יאָר צענדליקער. ער איז טאַקע געוואָרן אַקטיוו אויף אַלע געביטן פון דער אונטערערדישער אַרבעט. לויט זיין נאַטור האָט ער נישט געקאָנט זיך צופרידנשטעלן מיט אַ פּאַסיוון ווידערשטאַנד און ער איז געווען צווישן די פאָדערער פון אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. די נאַציס האָבן אים אַריבערגעפירט אין לובלינער קאָנצענטראַציע־לאַגער און אים דאָרט פאַרפייניקט צום טויט, — 58 יאָר איז ער דאַן אַלט געווען.

(מלך נייִשטאַדט: — „חורבן און אויפשטאַנד פון די יידן אין וואַרשע").

אליהו מאזור תל־אביב
נשיא ועד קהילת וואַרשה לשעבר

/ ר׳ דוד פיז׳יץ*

כשאני מעלה את זכרונם של יהודים קדושים, רבנים, חסידים, יראים ושלמים, עסקנים ורבי פעלים — שהייתי במחי־צתם בווארשה המעטירה, עיר ואם בישראל, הקהילה היהודית היותר גדולה באירופה — שנספו בשואה האיומה, אני ניגש בדחילו ורחימו ובחרדת קודש, בצער וביגון עמוק. השוד והשבר מי ירפא לך.

בפעם הזאת אזכור את דמותו המופלאה של יהודי עסקן, חבר הועד הקהילה בווארשה, תלמיד חכם, חסיד ועניו מתל־מידיו של אברהם אבינו, ר׳ דוד פיז׳יץ, ממלאווא וממשפחת פיז׳יץ מביאלה־פודלאסקה. ר׳ דוד פיז׳יץ נבחר לועד הקהילה הווארשאית בשנת 1932 מטעם „אגודת ישראל״ מבין חסידי סוקולוב, עפ״י קוראותיו של הרבי זצ״ל מסוקולוב שבחר בו להיות נציג בועד הקהילה.

בזמן כהונתי בתור נשיא ועד הקהילה ראיתי מקרוב את פעולותיו המבורכות כחבר הועדה הסוציאלית והועדה לעניני הרבנות. ר׳ דוד שהיה סוחר ועשיר התפנה תמיד מעסקיו לטובת הכלל ובמיוחד היה לבו ונפשו מסורים לעניים ודלים, חילק כסף ומזון לחגים, דאג שלא לבייש את מי שאין לו, בצורה שהיתה למופת ולדוגמא.

בזמן המלחמה האחרונה המשיך בעבודתו ועמד על מש־מרתו, שהיתה בה סכנת נפשות ממש בכל עת ובכל רגע. הפ־קיר את חייו כדי להקל על אחים אומללים. היה מקרה שהגס־טפו ימ״ש ציוו לאסוף את ועד הקהילה לישיבה דחופה בשבת קודש ובתוך כך אסרו ארבעה חברים מתוך הועד וביניהם את ר׳ דוד פיז׳יץ. אחרי מאמץ גדול ותחבולות שונות הצליחו לשחרר אותו ואחרי זה עוד החזיק מעמד בגיטו ווארשה כמעט עד לפני הסוף ויצא ממנו כמעט בין האחרונים. ר׳ דוד נספה על קידוש השם בפוניאַטוב בין שאר הקדושים והטהורים.

בניו שחיים אתנו בארצנו הקדושה העלו אפרו הקדוש מפוניאַטוב לקבורה בבית עלמין הישן ברחוב טרומפלדור בתל־אביב והקימו מצבת עד לזכרון עולמים יחד עם זכו׳ הקדו־שים של משפחתו.

*דער מאמר וועגן ר׳ דוד פיזשיץ, ווערט געגעבן אין העברעאישן אָריגינאַל, ווי דער מחבר האָט צוגעשיקט.

רעליגיעזע פערזענלעכקייטן און געשטאלטן

ד״ר שמואל אלישיב / ר׳ דודל קאַרלינער

1

געבוירן געוואָרן איז ער אין יאָר תקפ״ח אין ביאַלע. שוין צו זעקס יאָר האָט דאָס קינד געשמט פאַר אַן אויסערגעוויינלעכן עלוי און האָט צו זיך צוגעצויגן דעם אינטערעס און די סימפּאַטיעס פון די גדולים פון יענער צייט — פון ר׳ שלמה אייגער, ר׳ לייב קאַצענעלענבאָגען, ר׳ טעוועלע מינסקער א״אַ. ס׳האָט פאַרשאַפט אַ באַזונדער נחת־רוח פאַר די דעמאָלטיקע גדולים פון דער יידישער וויסנשאַפט צו פאַרברענגען שעהן מיטן קליינעם עילוי, אויספרעגן אים אין פאַרשיידענע שווערע סוגיות, הערן פון אים פשט וועגן די פאַרבאָרגנסטע ערטער פון תלמוד.

ס׳איז באַקאַנט אַן אינטערעסאַנטער פאַקט פון די קינדערשע יאָרן פון ר׳ דודל קאַרלינער. בעת ער איז געווען ניין יאָר אַלט, איז קיין בריסק, ווו ער האָט זיך דאַן אויפגעהאָלטן, געקומען דער מינסקער גאון ר׳ דוד טעוול (ר׳ טעוועלע מינסקער), וואָס האָט געזאָלט ווערן בריסקער רב. אַ טייל לומדים און בעלי־בתים פון בריסק האָבן אים נישט געוואָלט פאַר קיין רב, און בכדי אים צו בלאַמירן און נישט דערלאָזן צום כסא־הרבנות, האָבן זיי נאָך זיין דרשה אַרויפגעשיקט אויף דער בימה דעם קליינעם דודל. דאָס יינגל האָט גענומען לעבעדיק און דרייסט זיך מתוכח זיין מיטן גרויסן גאון און צו דער גרעסטער פאַרוווּנדערונג פון גאַנצן עולם, אָפּגעפרעגט די אויספירן פון דער טיפער און שווער־פאַרשטענדלעכער דרשה. דער מינסקער גאון איז אַוועקגעפאָרן פון בריסק מיט גאָרנישט; פון יענעם טאָג אָן האָט ער אָבער שטאַרק ליב געקראָגן זיין קליינעם בר־פלוגתא און אויף להבא נישט אַרויסגעלאָזן אים פון זיין בליק.

די גרעסטע יידישע פערזענלעכקייטן פון יענער צייט, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן דעם טיפסטן אינטערעס צום אויפגייענדיקן שטערן, האָבן אָנגעהויבן ערנסט צו דאגהן, מ׳זאָל נישט פאַרדאָרבן דעם קליינעם עלוי דערמיט, וואָס מ׳שפּילט זיך צו פיל מיט זיין קינדערשער גאונות און מ׳באַגייט זיך צו לייכטזיניק מיט די פעאיקייטן פון וווּנדערבאַרן קינד. דער בריסקער גאון ר׳ לייב קאַצענעלענבאָגען, אונטער וועמענס השגחה ס׳איז געשטאַנען דער קליינער דוד׳ל, האָט זיך באַמיט מ׳זאָל אים וואָס גיכער אַוועקפירן פון בריסק אין אַ קליין שטיל שטעטל, ווו ער זאָל זיך קענען לערנען און אַנטוויקלען אומגעשטערטערהייט. מ׳האָט אים דאַן אַוועקגעפירט צו זיין עלטערן ברודער קיין קאַמיעניעץ, ווו ער האָט געהאַט די מעגלעכקייט זיך רואיק צו פאַרטיפן אין ים־התלמוד. זיין גדולה און רום זענען געוואָקסן פון טאָג צו טאָג, און אין אַלע יידישע קבוצים פון רוסלאַנד און פוילן, האָט מען נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן דעם קליינעם עלוי און צו דערציילן נסים ונפלאות וועגן זיין טיפזיניקייט און שאַרפן מוח.

2

מיטן קליינעם עלוי האָט זיך פאַראינטערעסירט ר׳ שמריהו לוריע, איינע פון די מאָנומענטאַלסטע יידישע פיגורן פון פאָריקן יאָרהונדערט.

דער דאָזיקער יידישער פּאַטריציאַנער האָט געבראַכט צו זיך דעם עלוי, אויסגעפּוצט אים אין די טייערסטע קליידער, געהאַלטן אין דער גרעסטער עשירות און זאָרגלאָזיקייט און האָט זיך באַמיט, ער זאָל באמת ווערן אַ מאור הגולה, אַ ליכט פון גאַנצן יידנטום, אַז ער זאָל האָבן אַלע מעגלעכקייטן צו אַנטוויקלען זיינע אויסערגעוויינלעכע פעאיקייטן. אונטער דער אויפזיכט פון שמריהו לוריעס שוואָגער, דעם לומדישן און תקיפן שקלאָווער נגיד ר׳ זלמן ריבלין (דער וועמען מזא״ה באַצייכנט אין זיינע זכרונות ווי דעם „יידישן טאַראַס בולבאַ״) האָט ר׳ דוד פרידמאַן זיך אויסגעלערנט צו שעפּן די תלמודישע וויסנשאַפט דירעקט פון קוואַל, פון ערשטן מקור, אויסמיידנדיק אַלע מפרשים און קאָמענטאַטאָרס, וואָס האָבן איינער נאָכן צווייטן געשפּינט זייער געוועב אין משך פון דורות.

באַפרייט פון אַלע דאגות, אַנטוויקלענדיק אין זיך דאָס געפיל פון זעלבסטשטענדיקייט און וויסנשאַפטלעכע זוכענישן, האָט זיך ר׳ דוד פרידמאַן גענומען פאַר זיין קאָלאָסאַלן חיבור, דאָס ווערק פון זיין לעבן, „פסקי הלכות״, וואָס האָט געלאָזן אָן אַ זייט די גאַנצע דורות־לאַנגע מפרשים־ליטעראַטור און זיך באַהעפט דירעקט מיטן רמב״ם מיט אַן אומגעהערטער דרייסטקייט פון אַ געלערנטן, וואָס גייט זיכער זיין אייגענעם וועג. דער חיבור איז נאָך ביז היינטיקן טאָג נישט דערשינען אינגאַנצן אין דרוק, נאָר שוין דער ערשטער געדרוקטער ספר האָט פאַראייביקט דעם נאָמען פון זיין מחבר אין דער רבנישער ליטעראַטור.

שפּעטער האָט שמריהו לוריע חתונה געמאַכט זיין טאָכטער מיטן יונגן גאון, אַ צווייטע טאָכטער זיינע איז געווען די פרוי פון באַקאַנטן שריפטשטעלער און פּיאָנער פון נייעם א״י־ישוב יחיאל פינעס. דיביידע איידעמס זענען געווען באַפריינדעט זייער גאַנץ לעבן און האָבן איינער דעם צווייטן גייסטיק באַווירקט און באַפרוכפּערט. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם חרם,

וואָס די ירושלימער רבנים האָבן געהאַט אַרויפגעלייגט אויף י. מ. פינעסן, האָט ר׳ דוד פרידמאַן דאַן פאַרפאַסט זיין „עמק ברכה״, וווּ ער איז שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן די שוואַרצע רבנים און קעגן זייער רעכט צו לייגן אַ מענטש אין חרם (מ׳האָט דאַן אין די גאַסן פון ירושלים געהאַט אַרויסגעלאָזן שוואַרצע הינט, אָן וועלכע ס׳זענען געווען אָנגעבונדן צעטלעך מיטן נאָמען פון מוחרם).

נאָכן טויט פון שמריהו לוריע האָט ר׳ דוד פרידמאַן אָנגענומען דעם כסא־הרבנות פון אַ קליין שטעטל קאַרלין, אַ פאָרשטאָט פון פינסק. אין דעם שטילן שטעטעלע האָט ער געקאָנט ווייטער פירן זיין אַרבעט און דאָ איז ער געבליבן זיין גאַנץ לעבן לאַנג. צו זיין קליינעם הויז, האָבן אָנגעהויבן ממש עולה רגל זיין פון אַלע עקן וועלט די אַלע, וואָס האָבן זיך מתעסק געווען בתורה און האָבן אין אים געזען דעם גרעסטן אויטאָריטעט פון זייער דור. ער איז אויך באַקאַנט געוואָרן אין פאָלק, אין פשוטן המון אונטערן צערטלעכן נאָמען „ר׳ דודל קאַרלינער״. „ר׳ דודל״, האָט ער געהייסן צוליב זיין קליינטשינקער, מיניאַטור קליינער פיגור, ווי אויך צוליב זיין ליבער, האַרציקער באַציאונג צו יעדן איינעם פון פאָלק, וואָס פלעגט צו אים קומען נאָך ראַט און טרייסט.

די גרעסטע קהילות האָבן זיך באַמיט מיט אַלע מעגלעכקייטן אים צו באַקומען צו זיך פאַר אַ רב, צווישן זיי אַזעלכע ווי מינסק און ווילנע, וווּ מ׳האָט שוין זייט יאָרן קיינעם נישט מזכה געווען מיטן נאָמען „רב״ און ווו מ׳האָט מיט דעם נאָמען באַערט דעם קאַרלינער גאון. פון מינסק האָט ער שוין געהאַט אַפילו באַקומען אַ כתב־רבנות (אין יאָר תרמ״ב) און מיט אַ שווערן געמיט האָט ער שוין געהאַט געפּועלט ביי זיך צו שיידן זיך מיט דער שטילקייט פון זיין שטעטעלע. ס׳איז אָבער דאַן אויסגעבראָכן די גרויסע מינסקער שריפה, דער ענין איז בטל געוואָרן און ר׳דודל איז רואיק ווייטער פאַרבליבן אין זיין קאַרלין.

3

ער איז אָבער נישט געווען דער וועלט־פרעמדער איש־הספר, וואָס ווייסט נישט און וויל נישט וויסן פון דער גרויסער וועלט, וואָס טראָגט זיך ווי אַ שטראָם הינטער די לאָדנס פון זיין קליינעם חדרל, וווּ ער פלעגט פאַרברענגען טאָג־איין טאָג־אויס זיינע 18 שעה אַ מעת־לעת, אויפשטייענדיק פאַרטאָג און אָנהויבנדיק דעם גרויעם פרימאָרגן מיט זיין שטילן געבעט. ער גיט זיך אָפּ מיט לייב און לעבן דער חובבי־ציון־באַוועגונג, וואָס הייבט ערשט אָן שלאָגן אירע ערשטע וואָרצלען. ער שרייבט מיט באַגייסטערונג וועגן דער נייער באַוועגונג אין די דעמאָלטיקע זשורנאַלן, אין „הלבנון״ (אין יאָר תרל״ו, מיט 80 יאָר צוריק), שטיצנדיק איר מיט זיין גרויסן רבנישן אויטאָריטעט. ער שטייט אין אַ לעבעדיקן בריוו־וועקסל מיט די ערשטע וואָרטזאָגערס פון חיבת־ציון, מיט הירש קאַלישער (דעם זיידן פון הרב חיות), מיט אליהו גרידיצער א״אַ. ער קומט צופאָרן צום קאַטאָוויצער צוזאַמענפאָר, וווּ ער באַטייליקט זיך צוזאַמען מיט ל. פּינסקער אין פּרעזידיום. ער איז דאָרטן לעבעדיק און אַקטיוו, ער וועקט דעם געדאַנק, ער מאַכט פאָרשלאָגן, וואָס האָבן נאָך אויך היינט נישט פאַרלוירן זייער ממשות; ער ברענגט אַריין זיין בקיאות און גרינטלעכקייט פון אַ למדן אויך אין דער יונגער באַוועגונג, וואָס מאַכט ערשט איצט אירע ערשטע פּראַקטישע טריט. אַזוי, למשל, האָט ער דאַן גערעדט וועגן דער קאָלאָניזירונג פון עבר־הירדן, ער האָט אויך גערעדט וועגן אַן אידעע, וואָס האָט שפּעטער געפונען איר פאַרקערפּערונג אין דער יידישער קאָלאָניאַל־באַנק; די גרינדונג פון אַ פאָלקס־באַנק מיט אַ גרויסער צאָל קליינע אַקציעס. מ׳האָט דאַן איינגעפונען, אַז דאָס איז נישט דורכפירבאַר, דער עיקר — צוליב די עקסיסטירנדיקע רוסישע געזעצן.

ער האָט אויך שפּעטער געהאַט אַ שטענדיקן אינטערעס צום אויפבוי פון א״י. און אין די צייטן, ווען דער יונגער פּינסקער גימנאַזיסט, דער מאָטעלער יינגל חיים ווייצמאַן, האָט זיך נאָך אַרומגעדרייט ווי דער יונגסטער אין דער חברה פון די אָרטיקע יונגע חובבי־ציון, איז דאָס הויז פון קאַרלינער רב געווען דער צענטער פון דער דאָזיקער רוישיקער יוגנט. לייידער, האָבן מיט דער צייט די אַרומיקע גענומען שלעכט און פּאַלש אינפאָרמירן דעם קאַרלינער רב וועגן דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער באַוועגונג און אים אָפּגעפרעמדט פון איר דורך זייער פּאַלשער אינפאָרמאַציע. אין דער געשיכטע פון חיבת־ציון וועט אָבער, נישט געקוקט אויף דעם, בלייבן פאַראייביקט די געשטאַלט פון קאַטאָוויצער וויצע־פּרעזיצער, וואָס האָט פאַרלאָזן זיין שטילן חדר מיט די ספרים, בכדי צו קומען אין שטורעם און דראַנג פון אַ באַוועגונג, וואָס וויל אויפשטעלן פאַרן פאָלק זיין אַלטע היים.

4

און אפשר נישט ווייניקער אינטערעסאַנט ווי דער למדן, דער טיפער תלמודישער אויטאָריטעט און דער חובב־ציון, איז געווען די פּערזאָן אַליין.

אויסערלעך — אַ מיניאַטור קינדישע פיגור, דאַכט זיך — קוים וואָס זי האַלט זיך אויף די פיס. און דערצו פיזיאָלאָגיש — אַ פענאָמענאַלער לעבנס־שטייגער, אַן אַרבעטס־טאָג פון 18—19 שעה, אָן שלאָפן, כמעט אָן עסן. אויפגעשטאַנען שטענדיק דער ערשטער אין הויז, נאָך איידער די העגער קרייען, סיי זומער סיי ווינטער, אַליין געעפנט די לאָדנס, געמאַכט פייער און זיך געזעצט צו דער אַרבעט. און אַזוי אין משך פון צענדליקער יאָרן, פון אַ לאַנגן שאַפערישן לעבן. און אין משך פון צענדליקער יאָרן — נאָר אַבי וואָס, בכדי נאָר די נשמה צו דערהאַלטן. דערצו — אַ ליידנשאַפטלעכער רויכערער, וואָס לאָזט דעם פּאַפּיראָס פון מויל נישט אַרויס. און אַזוי אויסגעטאָן אינגאַנצן פון דער גשמיותדיקער וועלט, פאַרטיפט ער זיך אין זיך אויף שעהן, פאַרוויקלט אין רויך פון זיינע פּאַפּיראָסן.

ווי וווּנדערבאַר דאָס זאָל נישט קלינגען — האָט דער מענטש ביי אַזאַ אַרט לעבן אָפּגעלעבט 87 יאָר און ביז די לעצטע טעג געווען דער זעלבער, מיטן שטענדיק אָפענעם פרישן מוח. זיין ווונדערבאַרער, אייגנאַרטיק־שיינער פּנים מיט דער אויסערגעוויינלעכער באַגייסטערונג איז אַלעמען באַקאַנט. זי באַפּוצט יידישע קינדער־ביכער, זי איז איינגע־

פלאַכטן אין וויניעטקעס און שערבלעטלעך פון אַלבאַמען, און פיל־פיל האָבן עס צענדליקער מאָל געזעען, נישט וויסנדיק ווּעמען זיי זעען. דאָס איז דאָס באַרימטע בילד פון ליליען „מאור הגולה", פאַר וועמען ס'האָט געדינט ווי אַ מוסטער אַ פאָטאָגראַפיע, וואָס ס'האָט געגעבן דעם קינסטלער בעל־מחשבות, אַ ברודער פון ר' דודלס שנור; אַ פאָטאָגראַפיע, וואָס מ'האָט געמאַכט דורך אַן אָפענעם פענצטער פון גאַס, אַן דעם וויסן פון גרויסן גאון, בעת ער איז געזעסן פאַרטיפט אין אַן ענין, געקוקט מיט אָפענע אויגן פאַר זיך און נישט געזען די אַרומיקע וועלט.

5

די שווערע צייטן פון דער מלחמה האָבן אויסגעלאָשן דעם שטילן פייער פון דער גרויסער נשמה, וואָס האָט געלויכטן אין דעם שוואַכן, כמעט נישט־ערדישן גוף. פאַרטומלטע און פאַריאושע פון דער גרויסער אומדערוואַרטעטער און אומ־פאַרשטענדלעכער קאַטאַסטראָפע, פלעגן די אַרומיקע קומען צו לויפן צו אים, ווי צו אַ קדוש. שעהן פלעגט מען אָפּשטיין ביי זיין טיר, זיך צוהערן צו די שטילע לאַנגזאַמע ווערטער פון זיינע תפילות, וואָס ער פלעגט ביז זיינע לעצטע טעג חזרן שטיל און נאָכדענקלעך אויפן קול, וואָרט ביי וואָרט, נישט אַרויסלאָזנדיק דעם סידור פון די הענט. מ'פלעגט זוכן טרייסט אין די לאַנגזאַמע באַרואיקנדיקע ניגונים. פון אַלע עקן רוסלאַנד פלעגן טויזנטער אומגליקלעכע סאָלדאַטן שרייבן צו אים און בעטן אַ ברכה, איידער זיי גייען אויפן פראָנט. און ווער ס'האָט נאָר געהאַט די קלענסטע מעגלעכקייט, פלעגט קומען צו פאָרן נאָך אַ ברכה אַזש אין קאַרלין, צו אים אַליין, צו דעם, אויף וועמען מ'האָט געקוקט ווי אויף אַ הייליקן. דאָס פלעגט אים אָפּט אויפרעגן, שטענדיק פאַרדריסן. זיין באַשיידענע מתנגדישע האַרץ האָט נישט געוואָלט ליידן די פאַרערונג, וואָס מ'גיט אים אָפּ, ווי אַ חסידישן רבין. נאָר ער האָט געפילט, ווי שמערצלעך ס'וואָלט זיך אָפּגערופן אויפן פאַריאושטן ייד אין שינעל אַ בייז וואָרט, און פלעגט געבן זיין שטילע, פון האַרץ־גייענדיקע ברכה.

(אַ קאַפּיטל פון אַ צום דרוק־גרייטן בוך פון ד"ר שמואל אלישיב, פריצייטיק פאַרשטאַרבענער ישראל־אַמבאַסאַדאָר אין מאָסקווע, וואָס איז געווען אַן אייניקל פון ר' דודל קאַרלינער — פון פאָטערס צד.
אַרויסגענומען פון „אַפריקאַנער אידישע צייטונג" פון 6טן יולי 1956).

פייוול גאָלד / ביאַלער יחוס

אין אָנהייב פון פאַריקן יאָרהונדערט איז אין שעדלעצער געגנט באַרימט געווען די גרויסע יידישע באַנקירשע „טע־מערל", צו יענער צייט די רייכסטע יידישע פערזאָן אין פוילן. טעמערל איז געווען אַן ענערגישע און זייער פרומע פרוי, אָבער גאָט האָט איר באַשטראָפט — זי האָט נישט געהאַט קיין קדיש... בלויז טעכטער. האָט זי באַשלאָסן איינקויפן זיך קדי־שים, די גרעסטע תלמידי־חכמים. דער ערשטער איידעם איז געווען דער דאַן גרעסטער פוילישער עילוי, איטשע מאיר, שפּעטער באַקאַנט ווי דער ערשטער גערער רבי. טעמערלס אַ צווייטע טאָכטער האָט חתונה געהאַט מיט דעם דאַן שוין באַרימטן קאָצקער רבין (צווייטע פרוי). פון ביאַלע האָט טעמערל זיך אויסגעקליבן צוויי איידעמס — ר' הערצל כהן און ר' אייזיק טשאַרני (שחור).

1. „דער חוזה"

ביים לעבן פון די צוויי תורה־ריזן, ר' הערצל כהן און ר' אייזיק שחור, האָט דעם אויבן־אָן פאַרנומען סיי אין תורה און סיי אין עשירות ר' הערצל, וועמען מ'האָט גערופן „דער חוזה" (זעער). פאַרוואָס מ'האָט אים גערופן „דער חוזה", זע־נען אָנגעגעבן געוואָרן צוויי סברות: איינע, אַז ר' הערצל איז נאָך געפאָרן צום „לובלינער חוזה", די צווייטע, און די מער פאַר־שפרייטע איז געווען, אַז אַ געוויסער גרויסער פוילישער גוטער ייד, צו וועמען ר' הערצל פלעגט פאָרן, איז שטאַרק קראַנק געוואָרן. ר' הערצל מיט נאָך אַ גרופּע לומדים זענען געזעסן און געלערנט משניות, פּלוצעם האָט זיך ר' הערצל אויפגע־הויבן, פאַרמאַכט דעם ספר, אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש און גע־זאָגט: „יידן, איך וועל הייסן שפּאַנען מיין בריטשקע, איך פאָר צום רבינס לויה". — שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פונקט אין יענער צייט איז דער גוטער ייד נפטר געוואָרן.

נאָך דער פּטירה פון ר' הערצלען און ר' אייזיקן, איז עשירות געבליבן מער ביים ערשטנס פאַמיליע, און תורה מער ביי דעם צווייטנס: אָט די צוויי משפחות זענען געווען די גרעסטע בעלי יחוס אין ביאַלע. מיט זייערע משפחה־פאַרבינ־דונגען האָבן זיי אָנגעהערט אויך צום שענסטן יחוס אין פוילן.

2. ר׳ נח

(דער ביאַלער ריז)

ר׳ נח, ווען איך האָב אים דערקאָנט, איז געווען אַ ייִד פון עטלעכע און זעכציק יאָר. אַ נידעריקער מיט אַ ווייסער, נישט גרויסער באָרד, אַ ביסל אַ שטאַמלער. זעלטן האָט מען אים געזען, און אויב שוין יאָ, איז אַ לויפנדיקן פון זיין היים אויף דער יאַנעווער גאַס צום גערער שטיבל אויף דער פּאָטשטאָווער גאַס, און צוריק. אויסער ראש השנה און יום כפור פלעגט ער דאַווענען ביחידות. אין גערער שטיבל פלעגט ער קומען בלויז איין מאָל אין עטלעכע וואָכן צו עולה־תורה־זיין אָדער יאָר־צייט. שטענדיק געזעסן אין שטוב, אין זיינע ד׳ אמות של תורה און אויך געלערנט אַ שיעור מיט איינצלנע אויסדערוויילטע בחורים, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער למדנות. ר׳ נח האָט זיך נישט געמישט אין די לויפנדיקע קהלשע עני־נים, אָבער ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן עפּעס באַזונדערס אין קהלשן לעבן, איז ער געווען פון די איינציקע, אַזוי גערר־פענע „שבעה טובי העיר״, וואָס פלעגן באַשטימען די זאַכן אויף אַן „אסיפה״ ביים רב.

אין דער חסידישער וועלט איז ר׳ נחס השפעה געווען גאָר גרויס, נישט נאָר אין ביאַלע, נאָר איבער גאַנץ פּוילן.

ביי דער פּטירה פון קאָצקער רבין ר׳ מענדעלע, איז ר׳ נח נאָך געווען אַ יונגערמאַנטשיק. און אַז ר׳ נח האָט געזאָגט: — איך פאָר קיין גער — האָט ער מיט זיך מיטגענומען די גרעסטע צאָל חסידים און לומדים נישט נאָר פון ביאַלע, נאָר פון גאַנץ פּוילן.

ביי דער לויה פון „שפת אמת״, נאָכדעם ווי די זין האָבן אָפּגעזאָגט קדיש און געריסן קריעה, איז ר׳ נח צוגעגאַנגען צום רבינס זון ר׳ אברהם מרדכי (ר׳ נחס איידעם) און אַרויס־געזאָגט די דריי ווערטער: — מזל־טוב, רבי. — ווי אַן עלעק־טרישער שטראָם וואָלט אַדורך אַלע חסידים, האָבן זיי זיך גענומען שטויסן און רופן: מזל־טוב, רבי. און ר׳ נחס אַן איי־דעם איז געוואָרן גערער רבי.

וועגן ר׳ נחס חריפות אין לערנען פלעגן חסידים זאָגן — טאָר מען נישט רעדן, דער שטן זאָל נישט אונטערהערן...

די ערשטע נאַכט ראש־השנה און יום־כפור נאָך כל נדרי, פלעגט ער זיך מיט אַ שמייכל אַוועקשטעלן אויבן אָן אין גער־רער שטיבל, מיטן פּנים צום עולם אין אַ פּאָזיציע, אַז מ׳זאָל פון אַלע זייטן קאָנען צו אים צוקומען, אויסגעשטרעקט זיין האַנט און יעדן, אַ שמייכלדיקער, ענטפערן אויף „לשנה־טובה״ און „גמר חתימה טובה״ מיט אַ „גם אתם״.

ווען ר׳ נח איז נפטר געוואָרן אין די עשרת־ימי־תשובה אין יאָר תר״ע זענען אַלע יידישע געוועלבער און וואַרשטאַטן אין שטאָט געווען געשלאָסן. הונדערטער רבנים זענען זיך אָנ־געפאָרן צו דער לויה, וואָס איז געווען די גרעסטע, וואָס ביאַ־לע האָט ווען געזען.

אַ פּאָר שפּאַסיקע געשעענישן אַרום ר׳ נחן, וואָס מ׳פלעגט דערציילן, וואַרפן אַ שטיקל שיין ווי דאָס פאָלק האָט געהאַלטן פון דעם נישט געקרוינטן רבין ר׳ נח.

אַ יידישער האָלץ־העקער האָט צעהאַקט אַ פור האָלץ ביי ר׳ נחן. צום באַצאָלן איז ר׳ נח געווען פאַרנומען, זאָגנדיק אַ שיעור פאַר עטלעכע למדנים. דער האָלץ־העקער איז געווען אומגעדולדיק, און הערנדיק, אַז חסידים אירצן זיך נישט, רעדן אויף דו, האָט ער אַ זאָג געגעבן: — הערסטו, נח, איך בין ער־גער פון דיר, אַז איך גיי צו דיר האַקן האָלץ...

זלמן קוועטשער, אַ באַקאַנטער לאָבוז, און שמייסער ביי דראָזשקאַרזשעס, איז איינמאָל אַרויסגעקומען אין גאַס אַריין ווייזנדיק ווילדיונגעריש אַ לאַנגע ליולקע. די דראָזשקאַזשעס שיסן אויס אין אַ געלעכטער: — זלמנקע, ווו האָסטו גענומען די ליולקע? ענטפערט ער: — איך האָב דאָס אַרויסגעריסן ביי אַ קליין יידעלע אויף פּאָטשקע שוסטערס פּאָדוואַר (הויף). אַלע — האָבן מיט אַמאָל אויסגעשריגן: — אוי, אַ בראָך נאָך דיר, זלמנקע! וועסט שוין נישט אויסלעבן דאָס יאָר. ס׳איז ר׳ נחס ליולקע. — גיך האָט זלמנקע אָפּגעטראָגן די ליולקע.

ביי ר׳ נחן האָט מען פרייטיק־צונאַכט אַרויסגעגנבעט די זילבערנע לייכטער. מאָנטיק אינדערפרי זענען די לייכטער שוין געלעגן צוריק הינטער ר׳ נחס טיר. אַ סך מאָל האָט ר׳ נחס הויז אָנגעהויבן ברענען און יעדעס מאָל איז דאָס גיך פאַרלאָשן געוואָרן. אין אַ קורצער צייט נאָך ר׳ נחס פּטירה איז דאָס הויז אָפּגעברענט געוואָרן. פרומע מענטשן האָבן דאָס גענומען ווי אַ צייכן, אַז אין דעם הויז ווו ר׳ נח האָט גע־לערנט האָט גערוט די שכינה.

אַ קליינער מענטש געווען אין חומר, אָבער אַ ריז אין תורה.

3. ר׳ משה כהן

ר׳ משה כהן איז געווען אַ רייכער סוחר פון ברעטער. גע־לעבט אַריסטאָקראַטיש, געהאַט אַ גרויס און שיין הויז (קרוט־קע געסל, ראָג קאַשטשעלנע, אָפּגעברענט בערך אין יאָר 1911), מיט אַ פאַרמאַכטער ווערענדע, ווו די פענצטער זענען אויסגעזעצט געווען מיט פאַרביקע שויבן. סוכות פלעגט זי דינען פאַר אַ סוכה.

ר׳ משה כהן איז געווען ראש־הקהל, און ער האָט אַרויס־געוויזן גרויס זאָרג פאַר דער שטאָט. ער איז דאָס געווען דער שעפער פון „לחם־עוני״, „לינת־הצדק״ און אַנדערע וווילטעט־טיקע אינסטיטוציעס אין שטאָט.

איינער פון זיינע אויפטוען אין ביאַלע איז געווען, אַז עמעצער פלעגט געוואַלדעווען צוליבן אַרויפלייגן אויף אים אַ גרויסן עטאַט, פלעגט ער יענעם באַפרייען פון באַצאָלן דעם שטייער, אָבער מער אים נישט גערופן צו די קהלשה אסיפות,

און פאַראָרדנט נישט צו געבן אים קיין עליה צו דער תורה.

ר׳ משה כהן איז געווען זייער אַן אָנגעזעענער גערער חסיד. זיינע זין און איידעם הערצל האַלבערשטאַט זענען געווען די איינציקע אין גערער שטיבל, וואָס האָבן געטראָגן געפּרעסטע קעלנער און קליינע שניפּסלעך, און מ׳האָט זיי פון דאָרט נישט אַרויסגעוואָרפן, ווי דאָס איז געשען מיט אַנדערע. אַפילו זיין יונגסטער זון (שפּעטער באַרימטער כירורג ד״ר כהן, וואַרשע), וואָס האָט נאָכן פּאַטערס טויט געלערנט אין דער ביאַלער גימנאַזיע, פלעגט קומען אין גערער שטיבל מיט געשווירענע פיאות, און קיינער האָט נישט רעאַגירט.

ער איז נישט געווען פון די גאָר גרויסע גבירים אין שטאָט, אָבער אין זיין צוואה האָט ער איבערגעלאָזט עטלעכע טויזנט רובל פאַר בויען אַ יידישן שפּיטאָל אין ביאַלע.

4. ר׳ משה מאזעס (דער גרויסער)

(דער גערער אמבאסאדאר)

מיט אַ סך יאָרן צוריק האָט אויף דער מעזריטשער גאַס (רבינס גאַס), געהאַט אַ שפּייז־געוועלבל, אַ מיוחסדיקע פרוי, לאַצע איז געווען איר נאָמען (דער פאַמיליע־נאָמען — מאָזעס). לאַצע האָט געהאַט אַ יינגל, וואָס האָט געשמט אין ביאַלע מיט זיין לומדות. ר׳ נח האָט אים גענומען פאַר זיין ערשטן איידעם. גערופן האָט מען אים ר׳ משה לאַצעס, אָדער משה דער גרויסער. זיין נאָמען „דער גרויסער״ האָט ער זיך ערלעך פאַרדינט סיי אין זיין לומדות און סיי אין זיין וווקס.

אַ הויכער און ברייטער ייד, מיט אַ גרויסן קאָפּ, מיט אַ ברוינער לאַנג־געדיכטער באָרד און פיאות, וואָס קיין שער האָט זיי קיינמאָל נישט באַרירט. אַ ליכטיק קלאָר פּנים, צוויי ריזיק גרויסע בלויע אויגן, וועלכע פלעגן פאַרלוירן גיין אין זיינע גרויסע ברעמען. און ביז היינטיקן טאָג בין איך איבערצייגט, אַז ווער ס׳האָט נישט געזען משה דעם גרויסנס פּנים, האָט אין זיין לעבן נישט געזען קיין עכט רבניש פּנים, נישט אין דער וואָר און נישט אין בילד.

משה דער גרויסער האָט געלערנט אַ שיעור ביי זיך אין הויז פאַר אַ באַגרענעצטער צאָל בחורים. פאַר די, וואָס האָבן זיך אַריינבאַקומען אין דעם קרייז פון די שיעור־צוהערערס, איז דאָס שוין פאַר זיי געווען אַ צייכן פון אַוואַנסירן אין לערנען.

אין גערער שטיבל האָט מען אים אָפּגעגעבן גרויס כבוד; געוואַרט אויף אים מיטן דאַווענען נאָך ביי ר׳ נחס לעבן. שמחת־תורה און פּורים פלעגן חסידים פּראַווען ביי אים חסידות. אין דער ביאַלער געגענט האָט ער זיך גערעכנט ווי דער אַמבאַסאַדאָר פון גערער הויף (זיין יונגערער שוואָגער איז געווען גערער רבי) און אויך דער געשעפטלעכער אַמבאַסאַדאָר פון דער באַרימטער גערער לאָטעריע, פון וועלכער ער איז געווען דער הויפּט־אַגענט.

5. ר׳ משה שחור (דער קליינער)

משה דער קליינער איז געווען אַ זון פון ר׳ נחן און אַן איידעם פון ר׳ שואלקע כהן. אויך ער, ווי זיין שוואָגער משה דער גרויסער, האָט געשמט פאַר אַ גרויסן למדן, און אויף אים פלעגט מען זאָגן, אַז ער איז אין לערנען שאַרף און טיף. פאַר ביאַלער איז ער באַקאַנט געווען בעיקר פון זיין פרומקייט. ספּעציעל האָט ער נישט געקוקט אויף פרויען, וואָס האָט אַ סך מאָל געברענגט צו פאַרשיידענע קאָמישע קוריאָזן.

דעם גרעסטן מאַטער און עקשנות האָט ער אָנגעווענדט ביים דאַווענען פון פאַרנט. פון „שמע ישראל״ ביז „אלהיכם אמת״ פלעגט ער אָפּגיין אין שווייס פון שרעקלעכע מאַטערנישן נישט איבערצוהיפּערן אַ וואָרט, אָדער עס אַרויסצוזאָגן נישט ריכטיק. אָט האַלט ער שוין ביי „אלהיכם אמת״ און פּלוצעם אַ פלאָנטער אין די כוונות און ער הייבט פון דאָסניי אָן פון „שמע ישראל״. אַוודאי וואָלט פאַר אים דאָס גלייכסטע געווען צו דאַווענען פון סידור, אָבער אין סידור קאָן מען זיך נישט אַזוי פאַרטיפן ווי פון אויסנווייניק.

אַז ער פלעגט צוריקקומען פון נאַטירלעכע באַדערפענישן, פלעגט ער ביים האַנטפאַס אָננעמען פולע הענט וואַסער און אַריינגיסן אין די הויזן, סיי זומער און סיי ווינטער אין די גרעסטע פרעסט.

אויף פסח פלעגט ער זיך מאַכן אַלע זיינע בגדים ניי, ס׳זאָל נישט זיין קיין חשש־חמץ אין זיי. זיין וווינונג איז געווען אויף דער פּאָטשטאָווער גאַס, אין ר׳ שואלקעס הויז, קעגנאיבער דעם גערער שטיבל. די פאָר טריט איבער דער גאַס פון זיין הויז צום שטיבל, איז ער פסח דורכגעגאַנגען מיט די הענט פאַרשטעקט אין די אַרבל, און צוקומענדיק צו דער טיר פון שטיבל, האָט ער אַליין זי נישט געעפנט, נישט וועלנדיק אָנרירן די קליאַמקע, ביז עמעצער איז אָנגעקומען און געעפנט די טיר.

פון עולם־המעשה איז ער געווען אינגאַנצן ווייט. גאַנצע טעג, אויסערן דאַווענען, געזעסן און געלערנט. ער האָט זיך גערעכנט פון די גרעסטע לומדים אין שטאָט.

6. ר׳ שימעלע קריידשטיין (דער „סקאַרעי״)

ר׳ שימעלע קריידשטיין איז געווען די אינטערעסאַנטסטע פערזענלעכקייט אין דער גרויסער שול. אַ ייד, אַ גרויסער למדן, בעל־יחוס, אַ קלוגער מענטש, אַ גוטער בעל תפילה, בעל־קורא און בעל־תוקע. געווען אַמאָל אַ רייכער ייד, פאַרמאָגט קאַזאַרמעס, אַ פאַרברענטער מתנגד און דער איינציקער אין שול, וואָס איז געווען געקליידט נישט נאָר חסידיש, נאָר טאַקע רבניש — אַן אַטלאַסענע קאַפּאָטע, אַ טלית מיט אַ ברייטער עטרה, אַ ברייטער זיידענער גאַרטל, אַ שטריימל און לאַטשן מיט הויכע ווייסע זאָקן.

ר׳ שימעלע קריידשטיין איז אַ לעבן לאַנג געווען אין שול דער בעל־שחרית אין די ימים־נוראים און אויך בעל־קורא דאָס גאַנצע יאָר. ווען דער אַלטער חזן האָט נישט צוגעלאָזט (דורך חזקה) קיין נייעם חזן, איז ר׳ שימעלע געווען דער שטענדיקער חזן אין די שבתים און יום־טובים. אונטערהעלפערס זענען געווען אַלתר טשעשלער און יאָסל וועטשיק.

דער „סקאָרעי״ — „עקספּרעס״ האָט מען אים גערופן פאַר זיין אויסערגעוויינלעכער שנעלקייט, סיי אין גיין, סיי אין דאַווענען און סיי אין לייענען. שווער געווען אים אָנצוזאָגן, בפרט דעם פּראָסטן עולם, וואָס האָט געדאַוונט אין שול. אַז מ׳פלעגט אים דערויף אויפמערקזאַם מאַכן, פלעגט ער מיט אַ שמייכל ענטפערן: — ווער האָט זיי געהייסן קליינערהייט זיין לאָבוזעס און נישט לערנען?

אַ קלוגער ייד געווען, אָבער אויך אַן עקשן. און דאָס האָט געוויזן זיין קאַמף מיט שמעלקע (שמואל) פּיזשיץ, פאַרגעסנדיק, אַז אַחוץ די זעלבע צוויי אייגנשאַפטן, איז שמעלקע פּיזשיץ דערצו געווען אַ סך רייכער פון אים.

ר׳ שימעלע איז געווען אַ זייער דרייסטער ייד. אַז דעם רוסישן נאַטשאַלניק אין שטאָט האָט זיך פאַרגלוסט צו „מאַכן״ אַ שפּאַס מיט שימעלען און אים אָפּגעשוירן אַ פּאה, האָט ר׳ שימעלע דעם צאַרישן נאַטשאַלניק אַראָפּגעריסן די שליפּעס.

האָבנדיק איינמאָל אַ משפט פאַר אַ צאַרישן שופט און באַמערקנדיק, אַז דער שופט איז שכור, האָט ר׳ שימעלע זיך געוואַגט צו זאָגן צום שופט, אַז ער זאָל אַהיימגיין זיך אויסשלאָפן, און, אַז ער וויל נישט איצט האָבן פאַר אים דעם משפט.

ר׳ וועלוול מאזעס

געבוירן אין ביאַלע אין יאָר 1862. זיין פאָטער אידל איז געווען אַ גרויסער למדן און אַ באַוווסטער חסיד. ער איז געשטאָרבן גאָר יונג, אין עלטער פון 36 יאָר. — זיין זיידע, ר׳ אַלעקסאַנדער זיסקינד מאזעס פון ביאַלע האָט אָנגעהערט צו די פּשיסכער און קאָצקער חסידים. אַ גרויסער נדבן צו נויטבאַדערפטיקע און צו מוסדות. ער האָט אויך אונטערגעשטיצט דעם פּוילישן אויפשטאַנד אין יאָר 1863. וועלוול מאָזעסעס מוטער, לאַצע לאה איז געווען אַ טאָכטער פון ר׳ יהודה לייב היינסדאָרף, פון די אָנגעזעענע וואַרשעווער תושבים.

וועלוול האָט געלערנט תורה אין חדרים און דער עיקר ביים ביאַלער רב ר׳ זאב נחום (דער פאָטער פון סאָכאַטשאָווער גאון ר׳ אברהמעלע, מחבר פון ספר „אגלי טל״) און גאָר יונג האָט ער געקראָגן סמיכה אויף רבנות פון גאון, ר׳ חיים סאָלאָווייטשיק פון בריסק.

אין יאָר תרל״ט האָט וועלוול חתונה געהאַט מיט זיין פרוי רבקה, די טאָכטער פון ר׳ ראובן ישראל הלוי פרענקל, פון די אַלטע קאָצקער חסידים, אייגנטימער פון אַ גוט, באַרימט מיט זיין פילאַנטראָפּישער טעטיקייט און מיט זיין רייכער ביבליאָטעק. איר מוטער גאָלדע, איז געווען אַ טאָכטער פון ר׳ יהודה לייב קושמיראַק, אַ גרויסער עושר, וואָס האָט אויף די עלטערע יאָרן, אונטער דער השפעה פון משה מאָנטעפיאָרע און פון לאָנדאָנער אויבער־ראַבינער ד״ר נתן אדלער, באַזוכט ארץ־ישראל, ווו ער האָט געשענקט אַ גרויסע סומע אויסצולייזן די ערד אין דער געגנט פון יריחו; ווען דער פּלאַן האָט זיך נישט געלאָזט רעאַליזירן, האָט מען פאַר דעם געלט אויפגעבויט דירות פאַר יידן אין דער ירושלימער אַלטשטאָט.

אין משך פון אַ סך יאָרן איז וועלוול געזעסן אויף קעסט ביי זיין שווער, געפירט זיך ווי אַ גערער חסיד, גרופירט אַרום זיך בחורים וועלכע ער פלעגט לערנען ש״ס און פוסקים אין זיין פּריוואַטער ישיבה. ער האָט אויפגעשריבן אַ סך חידושי־תורה אין זיין פּשטותדיקער לערן־שיטה. נאָר אַ קליינער טייל איז פאַרברענט געוואָרן אין קאַליש, בעת דער אָקופּאַציע פון די דייטשן, אין דער ערשטער וועלט־מלחמה.

ווען ער איז אַראָפּ פון די קעסט האָט ער זיך באַשעפטיקט מיט מסחר, צוערשט אין ראַסאשיץ און שפּעטער אין טורעק. ער פלעגט אָבער ווייטער עוסק זיין אין תורה, לערנען אַליין און לערנען יענעם. דאָרט, אין טורעק איז נפטר געוואָרן זיין פרוי אין יאָר תרנ״ז. אין יאָר תרנ״ח האָט ער חתונה געהאַט צום צווייטן מאָל מיט זיין פּלימעניצע (דער שוועסטערס טאָכטער) חנה מרים, אַ טאָכטער פון ר׳ יוסף מענדל הערמאַן. נאָך עטלעכע יאָר איז ער אַריבער קיין קאַליש, ווו ער האָט זיך באַשעפטיקט מיט האַנדל און אינדוסטריע. אין יאָר תרס״ו איז ער באַשטימט געוואָרן פאַרן ראש בית־דין פון דער קאַלישער קהילה. אין דעם אַמט איז ער טעטיק געווען 29 יאָר און ער האָט פאָרגעזעצט דאָס פאַרשפּרייטן תורה צווישן דער באַפעלקערונג.

אין יאָר תרפ״ח האָט ער באַזוכט ארץ־ישראל (אַ טייל פון זיין משפחה האָט שוין געהאַט פריער עולה געווען קיין ארץ ישראל), און אין יאָר תרצ״ח איז ער מיט דער רעשט פון זיין משפחה אַהער געקומען און זיך דאָ באַזעצט. מיט רבנות האָט ער זיך נישט געוואָלט פאַרנעמען. זיין הויז איז געווען אַ צענטער פאַר תורה־ליבהאָבער. באַזונדערס איז אים, ווי אַ

מענטש, וואָס האָט זיך אַ סך יאָרן באַשעפטיקט מיט מסחר און אינדוסטריע, געלונגען משפיע צו זיין אויף מענטשן פון די באַשעפטיקונגען, אַז זיי זאָלן זיך אָפּגעבן מיט לימוד־התורה.

ר׳ וועלוול מאָזעס איז נפטר געוואָרן אין תל־אביב, ב׳ בשבט תש״ט (1.2.1949).

(אנציקלופדיה לחלוצי הישוב ובוניו — דוד תדהר, תל־אביב, 1949).

הרב ר׳ שמואל תנחום הלוי רובינשטיין*

נולד בביאלה פודלאסקה, בטו״ב בשבט תרע״ו, לאביו ר׳ יעקב דוד, חסיד ותלמיד חכם. בגיל חמש כבר ידע את ספר ישעיהו בעל פה וקראו לו העילוי מביאלה. בשנים תרפ״ד—תרפ״ה למד בתלמוד־תורה בביאַליסטוק.

עד גיל 15 למד בוורשה הבירה בישיבת „מתיבתא״. ימיו היו רעים וקשים. עד שקם מורו ורבו הגאון רבי יהודה מאיר שפירא זצ״ל מלובלין ויסד את ישיבת חכמי לובלין, בה התחיל ללמוד תורה בהרחבה וללא דאגה. מפי רבו מובהק זה קיבל רובי תורתו.

גם בעלותו ארצה בתרצ״ו, לאחר פטירתו של הגאון מלובלין, סבל יסורי קליטה, מחסור ועוני. היה מורה לתלמוד בבתי ספר תיכוניים שונים בתל־אביב ומרביץ תורה בבית הכנסת הפרטי של יעקב גזונדהייט ברחוב בן יהודה בתל־אביב.

כאשר ר׳ יחיאל רבינוביץ מתל־אביב יזם הוצאת „רמב״ם לעם״ עם פירוש חדש שירוץ בו גם היהודי הפשוט, העלה מישהו בפניו את שמו של הרב שמואל תנחום רובינשטיין כמפרש. „זהו האיש!״ — אמר הגאון ר׳ משה אביגדור עמיאל זצ״ל (הרב הראשי לתל־אביב), כאשר בא ר׳ יחיאל רבינוביץ לשאול בעצתו. הרב עמיאל הכיר את ר׳ שמואל תנחום, כאשר צירפו למפעל „כינוס סופרים״, שיסד באותם הימים לחיבור „שיטה מקובצת״. תוך כדי העבודה אתו, הבחין בבקיאותו הרבה ובגישתו העממית והפופולארית לענינים הקשים והמסורבכים ביותר. וכך התגלגלו הדברים והרב רובינשטיין החל לחבר את פירושו לרמב״ם.

כשסיים הרב רובינשטיין את פירושו לחלק הראשון של „יד החזקה״ של הרמב״ם, והוא „ספר המדע״, פנה לגאון הישיש רבי איסר זלמן מלצר זצ״ל, מגדולי מפרשי הרמב״ם בימינו, הניח לפניו את חיבורו וביקש ממנו הסכמה. כשפתח הגאון את החיבור וראה כי הוא מנוקד שאל כמעט בכעס: „האם כבודו חושב שברמב״ם ילמדו ילדים, שהוא מדפיסו מנוקד?״ ברם הסכים לשוחח עם המחבר הצעיר בדברי תורה ולתהות על קנקנו. משאלות לשאלות, העמיק הגאון הישיש את שאלותיו, עד שצלל עם איש שיחו לעמקי ים־התלמוד ומפרשיו. מכאן עברה השיחה לרמב״ם ומשגילה, כי היושב לפניו בקי בכל מכמני הרמב״ם ומפרשיו, חזר וקירב אליו את החיבור והחל לעיין בו בהתרכזות רבה.

לאחר עיון שעה ארוכה בחיבור לקח הגאון הישיש עט וכתב מתוך רצון רב את הסכמתו בדברים אלה: „הנני בזה להכיר פעלו של הנכבד, רחים ומוקיר רבנן מו״ה יחיאל רבינוביץ נ״י להוציא לאור ספרי הרמב״ם מנוקדים שיהיו נקל לצעירים וגם למבוגרים העוסקים במסחר ללמוד בהם. ונוסף לזה קיבל עליו עבודה גדולה ונחוצה הרב הגאון המצויין בעוצם בקיאותו מו״ה שמואל תנחום רובינשטיין שליט״א, לחבר ביאור קצר על דברי הרמב״ם עם מקורות והגהות נחוצות, וראיתי בהערותיו הערות מצויינות מאוד והן מועילות ללומדים המעיינים אשר יהנו מהן, כי נעשו בכשרון רב״. וגמר בקריאה אל „מוקירי תורה״ כי „יביאו ברכה זו לתוך ביתם״.

גם כשנתבקש פרשנו החדש של הרמב״ם לשבת על כסא הרבנות של גבעתים בשנת תש״ח, לא הוזנחה העבודה רבת המימדים הזאת.

לאחר מותו של ר׳ יחיאל רבינוביץ, יוזמה של ההוצאה החדשה של הרמב״ם, לקח על עצמו את המשכת המפעל „מוסד הרב קוק״. ובהוצאה זו יצאו כבר ספרים נוספים מתוך „יד החזקה״ עם פירושו של הרב רובינשטיין. עד היום הופיעו מפרי עטו הספרים: „ספר המדע״, „ספר אהבה״, „ספר נשים״ שעליו קיבל „פרס הרב קוק״ מטעם עירית תל־אביב בשנת תשי״ט, „ספר הפלאה״. כעת נמצא בדפוס „ספר שופטים״, הוא הספר האחרון של מהדורת „יד חזקה״.

חוץ מהספרים הנ״ל פירסם הרב רובינשטיין מאמרים תורניים בירחון „סיני״ וסקירות ביקורתיות וביאוגרפיות בשבועונים ובעתונות היומית.

במשך כמה שנים היה הרב רובינשטיין מרצה לתלמוד ב„קורס גבוה ללימודי היהדות״ למורי בתי ספר בתל־אביב, בהנהלת ראש המורים ד״ר דוד לוין. בזמן האחרון מופיע בהרצאותיו בכנסים לתורה שבעל פה המאורגנים ע״י „מוסד הרב קוק״ בירושלים.

רבי שמואל תנחום רובינשטיין אינו מן הרבנים הסגורים בד׳ אמותיהם. הוא רב עממי, נואם ברבים ומרצה שיעורי תורה, גם בתחום רבנותו וגם מחוצה לו. הוא מן הרבנים היחידים בישראל שיש לו שיג ושיח עם הנוער בעירו ובכל שבת־מברכין הוא מתפלל במניין הנוער שהוקם בגבעתיים, במידה רבה ביוזמתו, ומקיים שיחה עם ציבור המתפללים הצעירים.

(מתוך מאמר ב„עין בעין״, מס׳ 51, ח׳ בטבת תשי״ט).

* דעם מאמר וועגן הרב שמואל תנחום הלוי רובינשטיין, ווערט געגעבן אין העברעאיש לויטן מקור, ווי מיר האָבן געפונען.

שמואל ת. הלוי רובינשטיין הרב בגבעתיים

הרב ר' שמואל יעקב רובינשטיין *

ר' שמואל יעקב רובינשטיין, נולד, כנראה, בתרמ"ח לאביו החסיד והתורני ר' ירמיה מנחם הי"ד, מחסידי לומאז בביאלה, שהיה תלמידו של הגאון ר' זאב נחום בורנשטיין רבה של ביאלה, בעל „אגודת אזוב", ואביו של הרבי ר' אברהם מסוכצ'וב, מח־בר ה„אבני נזר".

ר' שמואל יעקב נחשב בזמנו על האברכים המופלגים בתורה שבעירנו ביאלה. בעודו צעיר לימים קיבל תורה מפיו של הגאון והחסיד ר' נח שחור מביאלה, חותנו של האדמו"ר ר' אברהם מרדכי מגור זצ"ל, שנפטר בירושלים בשנת תש"ח.

יחד עם אביו החסיד נסע ר' שמואל לאדמו"ר ר' צבי מלו־מאז, נכדו של ר' מנחם מנדל מקוצק זצ"ל. כעשרים ושש שנה הסתופף בבית מדרשו של הרבי הנ"ל, ונמנה על יקירי חסידיו, כאברך מופלג ושנון, ומושלם בכל המעלות.

עם פטירתו של האדמו"ר ר' צבי מלומאז קיבל עליו ר' שמואל יחד עם אביו את מרותו של בנו ר' אברהם פנחס מורגנשטרן משדליץ, ולא זזה ידו מתוך ידו של הרבי משדליץ־לומאז. בעקבות ר' שמואל יעקב נמשכו חסידים רבים ונסעו יחד לאדמו"ר החדש הי"ד.

בשנת תרצ"ב(?) נסע ר' שמואל לפאריס להתראות עם אחיו, שהשתקעו שם. שם נתקבל כרב לבית הכנסת „עטרת ישראל" הידוע בשם „פאסאז' קושנר". בשנת תש"ח הוא מת־קבל לרבה של „אגודת הקהילות" בפאריס, ברח' פאווע 10 וממלא את מקומו של קודמו המנוח, הגאון ר' יואל ליב הלוי הרצוג זצ"ל (אביו של הגאון ר' יצחק אייזיק הלוי הרצוג זצ"ל, הרב הראשי לישראל).

הרב ר' שמואל יעקב רובינשטיין, נוסף על למדנותו המ־קיפה, הוא גם נואם ודרשן בחסד עליון, והוא מושך אליו רבים מתושבי פאריס השותים בצמאון את דברי תורתו וחכמתו. הוא חיבר את הספרים „שארית מנחם" בשלושה כרכים, המצטיינים בדרושים נפלאים בנויים על יסודי רבותינו גדולי החסידות, מסודרים על חמשת חומשי תורה, לפי סדר הפרשיות, ועל הח־גים והמועדים.

בשנת תש"ך הוציא לאור את ספרו השני „שמן לנר" בשני חלקים, כולל מאמרים מקיפים בעניני הלכה ואגדה, לפי רוח היום והזמן, גם ספרו זה מצטיין בעושר מחשבה ובבקי־אות במכמני ספרותנו התורנית.

בקיץ תש"ך ביקר הרב רובינשטיין בישראל ובדרשותיו במקומות שונים הקסים את השומעים בחכמתו ובשנינותו.

הרב רובינשטיין שואף להשתקע בישראל לימי זקנתו ולעסוק בה בתורה ועבודה, אולם קשה לו לעזוב את קהילתו בפאריס, שהשקיע בה כוחות נפשיים רבים, עד שימצא מועמד מתאים למלא את מקומו בפאריס, שימשיך בשיטתו ובדרכיו.

* דער מאמר וועגן הרב שמואל יעקב רובינשטיין, ווערט געגעבן אין העברעאישן אָריגינאַל, ווי דער מחבר האָט צוגעשיקט.

פ א ר ט ר ע ט ן

מ. י. פייגנבוים

ו. יעקב שטיינמאַן

געבוירן ביי אָרעמע עלטערן, האָט יעקב שטיינמאַן נאָך אין דער פריעסטער יוגנט אַרויסגעוויזן גרויס באַגער צום לערנען. ער האָט טאַקע פאַרלאָזט די היים און זיך אַוועקגעלאָזט לערנען תורה אין די ליטווישע ישיבות, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ זעלטנהייט ביי דער ביאַלער יוגנט. יאָרן איז יעקב שטיינמאַן געווען אָפּגעריסן פון דער היים, און ווען ער איז צוריקגעקומען קיין ביאַלע שוין אַ רייפער בחור, איז ער שוין אָבער נישט געווען קיין ישיבה־בחור און נישט קיין רב, וועגן וואָס ס׳האָבן געטרוימט זיינע עלטערן.

צוזאַמען מיט זיין בקיאות אין תלמוד, האָט יעקב שטיינמאַן מיטגעבראַכט מיט זיך אויך גרויס קענטעניש אין תנ״ך און אין דער העברעאישער שפּראַך. ווי אַ סך אַנדערע ישיבה־בחורים, האָט אויך ער געהאַלטן פאַרשטעקט אונטער דער גמרא אַ רוסישע כרעסטאָמאַטיע און במילא איז אים די רוסישע שפּראַך נישט געווען פרעמד. דאָרט, אין די ישיבות, האָט ער זיך אויך צוגעכאַפּט צו מאַלינין־בורעונינס „זאַדאַטשניק" (אַריטמעטיק־בוך) און געוואָרן אַ גרויסער בעל־חשבון. די רעוואָלוציענערע באַוועגונג אין רוסלאַנד אין יענע יאָרן האָט אויך אויסגעאיבט אויף אים איר השפּעה.

באַזיצנדיק אין אַ הויכער מאָס יידישע קענטענישן און אויך גענוג אַלגעמיינע ידיעות אין דער רוסישער שפּראַך, האָט זיך שטיינמאַן גענומען צו לערעריי, אָנהייבנדיק מיט געבן לעקציעס אין די פּריוואַטע הייזער. אין דער זעלבער צייט האָט ער געלערנט תנ״ך אין דעם מנין פון דער „חברה בחורים" און אויך גרופּירט אַרום זיך יוגנט, וועלכע ער האָט געלערנט און מדריך געווען אין לערנען און וויסן.

שטיינמאַנס עיקר־שטרעבונג איז אָבער געווען צו עפענען אַ מאָדערנעם „חדר". אין יענער צייט זענען אין ביאַלע געווען, אַזוי גערופענע, „שקאָלעס", ווו חדר־יינגלעך האָבן געלערנט אַ שעה אין טאָג, שרייבן אַ ביסל רוסיש און רעכענען, די רעשט צייט פון טאָג האָבן זיי פאַרברענגט אין די חדרים. שטיינמאַן האָט אָבער געשטרעבט צו אַזאַ חדר, ווו דאָס יידישע קינד זאָל באַקומען זיין גאַנצע דערציאונג, יידישע און אַלגעמיינע, אויף איין אָרט, אונטער איין פּעדאַגאָגישער אָנפירונג און אויפזע. אַזעלכע חדרים זענען דאַן געעפנט געוואָרן אין פאַרשיידענע שטעט אונטער דעם נאָמען „חדר מתוקן".

צו עפענען אַזאַ „חדר מתוקן" האָט מען געדאַרפט אַ דערלויבעניש פון דער רוסישער אַדמיניסטראַציע. דער רב, וואָס האָט אַזאַ אפּיקורסות נישט געוואָלט דערלאָזן, האָט מתיר געווען צו מסרן שטיינמאַנען און די רוסישע פּאָליציי (זשאַנדאַרמעריע) האָט נישט דערלויבט שטיינמאַנען צו עפענען אַזאַ חדר.

שטיינמאַן האָט זיך אָבער נישט אָפּגעשראָקן און מיט דער הילף פון אַ גרופּע עלטערן, כאָטש אַליין רעליגיעז, אָבער נישט פאַנאַטיש, וואָס האָבן געוואָלט זייערע קינדער געבן אַ בעסערע דערציאונג, האָט ער זיך באַמיט מיט אַלע כוחות און מיטלען צו עפענען דעם „חדר מתוקן". נאָך אַ סך אָנשטרענגונגען איז די דערלויבעניש דערהאַלטן געוואָרן אויפן נאָמען פון יעקב שטיינמאַנס יונגערן ברודער, נאָך דאַן גאַנץ יונג, יונה שטיינמאַן, און דער חדר איז געעפנט געוואָרן.

אין דעם חדר איז דאָס לערנען תנ״ך און העברעאיש געווען אַוועקגעשטעלט אויף אַ זייער הויכן ניוואָ. און שטיינמאַנס „חדר מתוקן" איז געוואָרן דער יסוד פאַר דער העברעאישער באַוועגונג אין שטאָט.

כאַראַקטעריסטיש איז, אַז נאָך דעם ווי דער רב האָט מתיר געווען צו רודפן יעקב שטיינמאַן, ביז מסרן צו דער מאַכט, האָט ר׳ אהרן לאנדוי, געשיקט רופן צו זיך שטיינמאַנען און אים איינגעלאַדן לערנען זיין טאָכטער, ביי אים אין שטוב.

נאָך יעקב שטיינמאַנס חתונה האָט זיין דירה געדינט פאַר אַ צוזאַמענטרעף־אָרט פון דער יוגנט, וואָס האָט געגאַרט נאָך בילדונג און וויסן.

דער גרויסער אויפשטייג אין לעבן פון יעקב שטיינמאַן איז געקומען בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען אַ גרופּע ציוניסטן צוזאַמען מיט אים, איז געלונגען צו גרינדן די העברעאישע „יבנה"־שול. ס׳איז געווען קלאָר און פאַרשטענדלעך, אַז די פּעדאַגאָגישע אָנפירונג פון דער שול דאַרף איבערגעגעבן ווערן יעקב שטיינמאַנען, און אַזוי איז דאָס טאַקע געשען. אָט די פּאָר יאָר פון זיין טעטיקייט אין דער „יבנה"־שול זענען בלי ספק געווען די שענסטע אין זיין לעבן, וואָס איז, בכלל גענומען, נישט געווען צו אים גנאָדיק.

אויב אין ביאַלע איז אויפגעשטאַנען אַ דור, וואָס האָט געקאָנט העברעאיש און ליב באַקומען די שפּראַך, איז דאָס בלי־ספק דער גרויסער פאַרדינסט פון יעקב שטיינמאַן. זיינע תלמידים וואָס זענען צעשפּרייט אויף דער גאַנצער וועלט, און וואָס אַ סך פון זיי זענען שוין לאַנגע יאָרן אָפּגעריסן פון דער העברעאישער שפּראַך, וועלן אייך ביים דערמאָנען דאָס וואָרט „יבנה", ציטירן נישט איין העברעאיש ליד, וואָס איז זיי איינגעהאַמערט געוואָרן אין זכרון דורך זייער לערער יעקב שטיינמאַן.

מ׳דאַרף געדענקען, אַז די „יבנה"־שול איז, צו אַלע פּראָב־

לעמען וואָס זי האָט געהאַט צו לייזן, געשטאַנען פאַר דער שוועריקייט פון פאַרשיידענעם עלטער פון די תלמידים אין איין און דעם זעלבן קלאַס, וואָס האָבן נאָך קיינמאָל אין לעבן אין קיין נאָרמאַלער שול נישט געלערנט און האָבן אין שטוב באַקומען אַ פאַרשיידנאַרטיקע בילדונג. לייכט איז דערי־בער שטיינמאַנען נישט אָנגעקומען דאָס לערנען און דאָס פירן די שול. ער האָט געמאַכט געוואַלדיקע אָנשטרענגונגען, אַז דער לימוד זאָל שטיין אויף אַ הויכן ניוואָ, און אַז אין שול זאָל הערשן די געהעריקע אָרדענונג.

בעת זיינער אַ לעקציע האָט ער באַהערשט די קלאַס, ווי דאָס האָט נישט באַוויזן קיין שום אַנדערער לערער. דאָס ערנסטע צוגרייטן זיך פון די תלמידים צו די לעקציעס פון יעקב שטיינמאַן, דאָס אויפמערקזאַמע פאַרנעמען זיינע רייד און זייער פאַרהאַלטן זיך בעת זיין לערנען, איז געווען אַ גע־מיש פון רעספּעקט, ציטער און ליבע. און, אַז יעקב שטיינמאַן האָט מיט זיין אויסגעשטרעקטן פינגער אָנגעוויזן דעם שטיי־ענדיקן תלמיד, וועמען ער האָט עפּעס געפרעגט, אַז ער זאָל זיך צוריקזעצן און שטרענג אַ זאָג געטאָן: „שב״ (זיץ), האָבן אַלע געוווּסט, אַז דער גזר־דין פון תלמיד איז שוין אַ געחת־מעטער.

מיטן איבעררייסן זיין טעטיקייט אין דער פאָלקס־שול האָט יעקב שטיינמאַן בכלל איבערגעריסן מיט לערעריי. זיין פרוי האָט פאַרלייגט אַ גאַלאַנטעריע־געשעפט און יעקב שטיינ־מאַן פלעגט צוהעלפן צו דער פרנסה. ער איז טעטיק געווען אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און פלעגט אָנטיילנעמען אין פאַרשיידענע פאַרלעזונגען, וואָס די אָרגאַניזאַציע פלעגט איינאָרדענען.

די גראַבסקי־תקופה, וואָס האָט רואינירט די יידישע באַ־פעלקערונג, האָט אויך געטראָפן יעקב שטיינמאַן. צו אַלעמען איז נאָך צוגעקומען די קראַנקהייט פון זיין פרוי און איר טויט.

דער טויט פון זיין פרוי האָט אים געוואַלדיק דערשיטערט און צעבראָכן. ער איז געבליבן מיט פיר קינדער. ביי אַלע שוועריקייטן אין זיין ווייטערדיקן לעבן, האָט ער אַלע זיינע קינדער געגעבן בילדונג. הגם זיי האָבן געלערנט אין מלוכה־גימנאַזיעס, ווו זיי זענען, אגב, געווען פון די בעסטע תלמידים, זענען זיי געווען כמעט די איינציקע צווישן זייערע חברים, וואָס האָבן פון זייער פאָטער אויך באַקומען אַ העברעאישן חינוך.

דער טראַגישער טויט פון זיין יונגסטער געליבט טעכ־טערל גאַדיע, וואָס איז טעטיק געווען אין דער שומרישער אונ־טערגרונט־באַוועגונג, בעת דער נאַצי־צייט און איז דערפאַר, נאָך שווערע עינויים, אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשן, האָט יעקב שטיינמאַנען לגמרי צעבראָכן. גאַנצע טעג איז ער געזעסן אין זיין צימער אַ פאַרשטיינערטער ממש. לאַנג איז ער אָבער אַזוי נישט געזעסן. דעם ערשטן טאָג סוכות 1942 האָט מען אים צוזאַמען מיט דער כמעט גאַנצער ביאַלער יידי־שער באַפעלקערונג אַרויסגעפירט קיין מעזריטש, פון וואַנען ער איז אין געציילטע טעג שפּעטער אָפּגעטראַנספּאָרטירט גע־וואָרן אין טויטן־לאַגער טרעבלינקע.

(טייל פרטים באַקומען פון משה רובינשטיין).

2. מנחם מענדל געלענבערג

געלענבערג איז נישט געווען קיין ביאַלער, ער האָט גע־שטאַמט פון טערעספּאָל, לעבן בריסק. די יאָרן, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין ביאַלע האָבן אַרויסגעלייגט אַ באַזונדערן חותם אויפן קולטורעלן לעבן אין שטאָט.

ביז געלענבערגס קומען קיין ביאַלע האָט מען אויך גע־לערנט אין שטאָט העברעאיש, אָבער מיט געלענבערגס קומען איז דאָס לערנען העברעאיש געוואָרן אַ מאַסנהאַפטע דער־שיינונג. יעדן אָוונט איז דער גרויסער שול־צימער אין דער פאָלקס־שול געווען געפּאַקט. געלענבערג, הגם אַליין נישט קיין קוואַליפיצירטער פעדאַגאָג, האָט אָבער געהאַט דעם געהע־ריקן צוגאַנג צו פאַרלייכטערן דער יוגנט, ווי אויך עלטערע דאָס לערנען די שפּראַך.

אַ שלאַנקער יונגערמאַן פון מיטלוווקס, אַ בלאַס געזיכט, וואָס האָט עדות געזאָגט אויף זיין שוואַכן געזונט־צושטאַנד; מיט אַ פּאָר גליענדיקע אויגן, האָט איר אים תמיד געזען גיך גיין דורך דער גאַס, אַ פאַרטראַכטן מיט אַ בוך אונטערן אָרעם. מיטן בוך האָט ער זיך קיינמאָל נישט געשיידט, און זייענדיק פאַרטיפט אין די בוך־בלעטער האָט ער זייער אָפט פאַרגעסן אפילו צו עסן.

דער ברויזנדיקער טעמפּעראַמענט פון געלענבערגן האָט נישט געוואָלט זיך באַגרענעצן אין די ד׳־אמות פון העברע־אישע אָוונט־קורסן, און ער האָט זיך געריסן צו מעשים, וואָס זענען געווען געקניפּט דווקא מיט יידיש און נישט מיט העב־רעאיש, וואָס האָט אים געבראַכט אין קאָנפליקט מיט דער אָנפירונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אין רעזולטאַט פון אָט דעם קאָנפליקט האָט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אַראָפּגענומען איר פאַראַנטוואָרטונג און אונטערשטיצונג פון די אָוונט־קורסן ביים השומר־הצעיר. געלענבערג האָט אָבער ממשיך געווען די קורסן אויף אייגענער האַנט.

די יאָרן וואָס געלענבערג האָט פאַרבראַכט אין ביאַלע זענען געווען איין קייט פון קולטור־אויפטוען, וואָס האָט באַ־רייכערט און פאַרשענערט דאָס געזעלשאַפטלעכע יידישע לעבן.

געלענבערג איז געווען דער איניציאַטאָר און אַרויסגעבער פון דער ליטעראַרישער אויסגאַבע „אונזער וואָרט״. ער האָט כסדר געשטרעבט צו שאַפן אַ וואָכנצייטונג, און דאָס איז אים געלונגען מיטן גרינדן דאָס „פּאָדלאַסיער לעבן״, וועלכן ער האָט רעדאַגירט. אויף די שפּאַלטן פון אָט דער טריבונע פלעגט אינספּירירן צו ווייטערדיקע שעפערישע מעשים. די וואָכנ־צייטונג איז געשטאַנען אויף זייער אַ הויכן ניוואָ. געלענבערגס

אַן אַרטיקל, צום עלפטן יאָרצייט פון י. ל. פּרץ, האָט מען אַרומגעטראָגן אין וואַרשעווער ליטעראַטן־פֿאַראיין און געוויזן מיט באַוווּנדערונג אויפן טאַלאַנט, וואָס שטעקט ערגעץ אין דער פּראָווינץ.

גרויסע באַמיאונגען האָט געלענבערג געמאַכט כדי צו שאַפן אַ יידישע שול אין ביאַלע, אָבער, ליידער, אויף דעם געביט האָט ער נישט געהאַט קיין דערפאָלג, ווייל שווער איז געווען צו קאָנקורירן מיט די אומזיסטע מלוכה־שולן, וווהין די יידישע עלטערן האָבן גערן געשיקט זייערע קינדער. צוליב דער שווערער ווירטשאַפטלעכער לאַגע זענען די יידן נישט אומשטאַנד געווען צו צאָלן אַ געהעריקן שכר־לימוד, ווי דאָס וואָלט זיך געפאָדערט אין אַ פּריוואַטער יידישער שול.

געלענבערג האָט געשאַפן דעם דראַמאַטישן קרייז אויפן נאָמען פון י. ל. פּרץ, וואָס האָט אויפגעפירט מאָליערס „דער קאַרגער״; אַן אויפפירונג, וואָס איז געשטאַנען אויף דער געהעריקער מדרגה.

אַלע זיינע פאַרדינסטן פלעגט געלענבערג אינוועסטירן אין ביכער, ווייל ער איז געווען אַ גרויסער ביבליאָפיל. ביי אים האָט איר געקאָנט געפונען די גאַנצע „התקופה״ אין פראַכטבאַנד. אָבער, אַז די „הבימה״ איז געקומען קיין וואַרשע, קיין אָפגעשפּאָרט געלט צו פאָרן זען איר האָט ער נישט געהאַט, האָט געלענבערג פאַרקויפט זיינעם אַ חבר פאַר אַ נישטיקער סומע די גאַנצע „התקופה״ און געפאָרן קיין וואַרשע אָנזעטיקן זיך מיט די „הבימה״־ספּעקטאַקלען.

געלענבערגן איז אויך צוצושרייבן דעם פאַרדינסט ביים אָרגאַניזירן דעם ליטעראַרישן קרייז אין שטאָט. אָט דער קרייז פלעגט אויף זיינע פאַרזאַמלונגען באַהאַנדלען פאַרשיידענע ליטעראַרישע אויסגאַבעס און איינאָרדענען דיסקוסיע־אָוונטן. יעדן שבת האָט דער קרייז איינגעאָרדנט אַן עפנטלעכע פאָרלעזונג, צו וועלכער ער פלעגט איינלאַדן אַ פּרעלעגענט פון וואַרשע. אַזוי אַרום האָבן פון דער ביאַלער טריבונע געלאָזט הערן זייער וואָרט אַ ריי ליטעראַטן, וויסנשאַפטלער און קינסטלער.

נישט געקוקט אָבער אויף זיין שעפערישער טעטיקייט, איז דאָך געלענבערגן ענג געוואָרן דאָס לעבן אין דער פּראָווינץ־שטאָט, און ער איז אַוועק קיין וואַרשע.

אין וואַרשע האָט מען זיך גיך דערקאָנט אויפן טאַלאַנט פון פּראָווינצער יונגערמאַן, און ער איז איינגעלאַדן געוואָרן צו רעדאַגירן די „קליינע פאָלקסצייטונג״. ווער ס׳ווייסט וואָס ס׳האָט געהייסן אין וואַרשע רעדאַגירן אַ קינדער־אויסגאַבע פון אַזאַ ערנסטער צייטונג ווי די „פאָלקסצייטונג״, וועט קאָנען פאַרשטיין, וואָס פאַר אַן אינטעלעקטועלע קראַפט אָט דער געלענבערג איז געווען, און וואָס פאַר אַ שרייבערישן טאַלאַנט ער האָט פאַרמאָגט.

געלענבערג בלייבט אָבער נישט ביים רעדאַגירן די קינדער־צייטונג. דאָס ברויזנדיקע יידישע לעבן אין דער פוילישער הויפּטשטאָט האָט אים פאַרשלעפּט אין די קאָמוניסטישע רייען. פאַרשטייט זיך, אַז זיין טעטיקייט אין אָט די רייען איז געווען אַ קאָנספּיראַטיווע און מיר ווייסן נישט וועגן איר קיין פּרטים.

צוליב זיין פּאָליטישער טעטיקייט איז ער באַזייטיקט געוואָרן פון רעדאַגירן די „קליינע פאָלקסצייטונג״.

אין שייכות מיט זיין צוגעהעריקייט צו די קאָמוניסטישע רייען האָבן מיר איינמאָל יאָ געהאַט אַ נאָטיץ אין דער וואַרשעווער פּרעסע, וואָס האָט דערציילט אָט וואָס:

אין די דרייסיקער יאָרן איז מאַרשאַל פּילסודסקי אַרויסגעפאָרן אויף אָפּרו אויף דער אינדזל מאַדעראַ. צו זיין נאָמענסטאָג, דעם 29טן מערץ, האָט מען אין לאַנד אָרגאַניזירט אַן אַקציע צו שיקן צום מאַרשאַל, דורך דער פּאָסט, ווינטשקאַרטן. געלענבערג האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער אַקציע און אַוועקגעשיקט צום מאַרשאַל אַ קאַרטל, וואָס האָט אַנטהאַלטן אָנשטאָט אַ גראַטולאַציע די גאַנצע תוכחה. און דווקא אין דעם פאַל איז ער געוואָרן אַ פּעדאַנט און איבערגעלאָזט ביי זיך אַ גענויע קאָפּיע פון קאַרטל. בעת אַ רעוויזיע אין זיין צימער איז די קאָפּיע אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער פּאָליציי. פאַרשטייט זיך, אַז אין דעם פאַר־מלחמהדיקן פוילן האָט מען פאַר אַזאַ טאַט באַקומען יאָרן תפיסה, און אַזאַ אורטייל האָט נישט אויסגעמיטן דעם שוואַכן געלענבערג.

אין ווירוואַר פון דער צווייטער וועלט־שחיטה איז געלענבערג פאַרשוווּנדן און מ׳האָט אים מער נישט געזען און נישט געהערט.

צוגאַב פּרטים:

פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען אין דער וואַרשעווער „פאָלקסצייטונג״, „ליטעראַרישע טריבונע״ און „פריינט״. געדרוקט אַ ריי אַרבעטן אין די „ליטעראַרישע בלעטער״, וואַרשע, ווי „יידיש אויף וואַרשעווער גאַסן״, אַ וויכטיקע אַרבעט וועגן פאָלקס־יידיש (1930). אין וואַרשעווער „פאָרויס״ (9 יוני 1939) „פּראָבלעמען און טעמאַטיק״. איבערגעזעצט ר. ק. שעריפס דראַמע „סוף פון וואַנדערונג״, פּיעסע אין דריי אַקטן, וואַרשע, 1930, 130 ז׳. האָט אויך געשריבן לידער, און געווען אַ פיינער סטיליסט. איז אומגעקומען אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

(„לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור״, באַנד 2, ז׳ 207/8 — צוגעשיקט דורך יעקב כהן, ניו־יאָרק).

3. משה קאַווע

געקאָנט האָב איך משה קאַוועס פֿון מיין פֿריעסטער יוגנט אָן. און פֿון דעמאָלט אָן געדענק איך אים מיט דער ברייטער, ווייסער באָרד, צוליב וועלכער מ׳פֿלעגט אים רופֿן „דער זיידע״.

אַ ברייטפּלייציקער מאַסיווער ייד מיט אַ הדרת פּנים. ס׳האָט אים גיכער אָנגעשטאַנען צו זיין אַ רב ווי אַן איינבינדער. תּמיד לאַנג געקליידט, מיט אַ קליין יידיש היטעלע אויפֿן באַזילבערטן גרויסן קאָפּ; שטענדיק אַ ליבער שמייכל אויף זיין קלוגן פּנים.

דערציילט האָט מען אויף משה קאַווען, אַז שוין אין דער יוגנט איז ער געווען „געכאַפּט״ אין אפּיקורסות; ער האָט געאַרבעט איינבינדעריי אין דער קריסטלעכער בוכהאַנדלונג פֿון קלימעצקען, און דאָרט פֿלעגט ער זיצן ביי דער אַרבעט אָן דער היטל. פֿאַר יענע יאָרן, ווען אָנטאָן אַ פּאַפּירענעם קראַגן, אָדער אַ פּאָר שיך אָנשטאָט שטיוול, האָט געהייסן, אַז מ׳איז אַרויס לתּרבות־רעה, איז משה קאַוועס אויפֿפֿירונג אַוודאי און אַוודאי געווען אַ שרעקלעכע אַפּיקורסות. מ׳פֿלעגט דערציילן, אַז ער איז „צוריק אַרויף אויפֿן דרך הישר״ נאָכן פֿלוצעמדיקן טויט פֿון זיין עלטערן ברודער, אַ גרויסער למדן.

מיר האָבן משה קאַווען געקענט ווי אַ פֿרומען ייד, וואָס דערקוויקט זיך אַפֿילו דאָס האַרץ, שבת נאָכן שלאָף, מיט אַ קאַפּיטל תּהלים. פֿרום, אָבער נישט קיין פֿאַנאַטיקער און טאָלעראַנט צו יעדן איינעם, וואָס פֿאַר אַן איבערצייגונגען ער זאָל נישט האָבן.

משה קאַווע האָט געהאַט אַ געוואַלדיקע שוואַכקייט צום געדרוקטן וואָרט. ס׳איז טאַקע געווען אַ זעלטנהייט אין יענע יאָרן, אַז אַ יידישער בעל־מלאכה זאָל קאָנען שרייבן און לייענען, און זאָל אַרויסווייזן אַן אינטערעס צו אַ יידישער צייטונג און יידיש בוך. מעגלעך, אַז דאָס איז געווען אַ פּועל־יוצא פֿון זיין פֿאַך. משה קאַווע האָט געהערט צו די ערשטע לייענערס פֿון אַ יידישער צייטונג אין ביאַלע. ער פֿלעגט נאָך באַקומען, דורך דער פּאָסט, דעם „פֿריינד״ פֿון פּעטערבורג. האָבן טאַקע אַלע אין שטאָט געוווּסט, אַז משה קאַווע איז באַהאַוונט אין אַלע נייעסן פֿון דער וועלט. ער ווייסט אַפֿילו, אַז ווייט איבער ימים איז דאָ אַ מדינה, וואָס הייסט אַמעריקע. דאָרט איז נישט פֿאַראַן קיין קיסר, נייערט עפּעס אַ מושל מיטן נאָמען פּרעזידענט, און אַז אַפֿילו אַ שוסטער קאָן דאָרט ווערן אַזאַ פּרעזידענט.

ווי ווייט פֿאַרליבט משה קאַווע איז געווען אין געדרוקטן יידישן וואָרט, קאָן דינען דער פֿאַקט, וואָס ער פֿלעגט פֿון די יידישע צייטונגען אויסשניידן די המשכים פֿון די דערציילונגען און ראָמאַנען און זיי איינבינדן אין דער פֿאָרעם פֿון ביכער. מיט דער צייט האָט ער זיך פֿאַרשאַפֿט אַ ביסל ביכער און זיך איינגעאָרדנט אַ קליינע ביבליאָטעק.

משה קאַווע איז געווען אַ קלוגער, סימפּאַטישער ייד און אַ גוטער בעל־מלאכה. ער האָט פֿאַרמאָגט אַ סך דרייסטקייט און נישט איין מאָל אַרויסגעטראָטן קעגן די חסידישע און גבירישע תּקיפֿים, רופֿנדיק דעם פּשוטן המון צו רעוואָלטירן קעגן זיי. משה קאַווע איז טאַקע געווען דער איינציקער בעל־מלאכה, וועמען די שטאָט־תּקיפֿים פֿלעגן צוציען צו דער טעטיקייט ביי פֿאַרשיידענע אַקציעס, כּדי דער המון זאָל האָבן צוטרוי צו די אונטערנעמונגען. ער איז געווען אין קאָמיטעט, וואָס האָט זיך פֿאַרנומען מיטן בוי פֿון יידישן שפּיטאָל, און אים פֿלעגט מען איינלאַדן צו זיצן ביים פֿונאַנדערטיילן מעות־חיטין.

משה קאַווע האָט געהאַט אַ שוואַכקייט אויך צו דער פּעדער. מיר זעען אים ווי אַ מיטאַרבעטער אין דער ערשטער ביאַלער געשריבענער צייטונג „אַנטיפֿאַנאַטיזם״. מיר טרעפֿן אים אויך אין „פּאָדלאַסיער לעבן״, אונטער דער רעדאַקציע פֿון געלענבערגן.

משה קאַווע איז געווען פֿון די גרינדערס פֿון האַנטווערקער־פֿאַראיין און זיין לאַנגיאָריקער פֿאָרזיצער. אין נאָמען פֿון האַנטווערקער־פֿאַראיין איז ער יאָרן געווען טעטיק אין דער קהילה. ער איז אויך געווען פֿון די ערשטע ציוניסטן אין שטאָט און רעפּרעזענטירט אָט די אָרגאַניזאַציע ווי אַ ראַטמאַן אין ערשטן געוויילטן שטאָטראַט ביים אַנטשטיין פֿון פּוילן.

אויך די קריסטן האָבן זיך צו משה קאַווען באַצויגן מיטן גרעסטן רעספּעקט. ער פֿלעגט אַרבעטן פֿאַר די פּריצים אין דער אומגעגנט און פֿאַר פֿאַרשיידענע אַמטן און אינסטיטוציעס.

משה קאַווע איז געווען באַשאָנקען מיט אַ סך לעבנס־חכמה און דערפֿאַרונג. איך האָב אים אַמאָל, אין אַ שמועס, אַ פֿרעג געטאָן — ר׳ משה, פֿאַרוואָס האָט איר זיך נישט געגעבן די מי, אַז אייערע זין זאָלן שטודירן? איר האָט דאָך שוין יאָ פֿאַרשטאַנען, אַז מ׳דאַרף קינדער בילדן, און איך גלייב, אַז איר וואָלט זיך געקאָנט אפשר אויף דעם דערלויבן.

דערויף האָט מיר משה קאַווע געענטפֿערט: — אי, האָב איך דאָס שוין פֿאַרשטאַנען. און ווייל איך האָב דאָס פֿאַרשטאַנען, האָב איך זיך טאַקע נישט געגעבן די מי, אַז מיינע קינדער זאָלן שטודירן. צווישן עלטערן און קינד טאָר נישט זיין קיין צו גרויסער דיסטאַנץ, ווייל דעמאָלט ווערן זיי אָפּגעפֿרעמדט. דו זעסט אָט דעם ייד? — האָט ער מיר אָנגעוויזן אויף זיינעם אַ שכן, אַ יידישן בעל־מלאכה, — אָט דער טאַטע האָט זיך ממש מקריב געווען, אַז זיין זון זאָל שטודירן, און זע ווי דער אויסגעשטודירטער זון באַציט זיך איצט צום פֿאָטער, ער שעמט זיך דאָך מיט אים. וואָס וואָלט געווען, ווען מיין אַנטשל איז, למשל, אַ דאָקטאָר? ער וואָלט זיך געוווינט אין וואַרשע, און אַז איך וואָלט געקומען צו אים אַמאָל, וואָלט איך געדאַרפֿט פֿריער אָנקלינגען; די שיקסע, די דינסט וואָלט אָנגעמאָלדן דעם דאָקטאָר, אַז עפּעס אַ „זשיד בראָדאַטי״ פֿרעגט זיך אויף אים און איך וואָלט געשטאַנען און געוואַרט אויף אַ תּשובה: יאָ אַריינגיין, אָדער טאַקע נישט. אָבער, אַז מיין אַנטשל איז זיך אַ סוחר און איך קום קיין וואַרשע, קום איך מיר צו אים אַריין ווי צו מיר אין שטוב אַריין. מיר כאַפּן זיך אַרום און צוקושן זיך. אָט זעסטו, מיין אַנטשל וועט שוין מעגן לאָזן זיינע קינדער שטודירן, ווייל צווישן אים און זיי

וועט שוין נישט זיין אַזאַ תהום, ווי ס׳וואָלט געווען צווישן מיר און מיינע קינדער, ווען איך לאָז זיי שטודירן.

דער נאָמען משה קאַווע איז פאַראייביקט געוואָרן אין שטאָט נאָך ביי זיין לעבן, מיטן שאַפן אַ מנין אויף זיין נאָמען. ס׳שיינט מיר, אַז ער איז געווען דער איינציקער תושב אין שטאָט, וואָס האָט זוכה געווען צו אַזאַ כבוד נאָך ביים לעבן. ס׳איז אויך כאַראַקטעריסטיש דער פאַקט, וואָס אַלע פלעגן אים רופן משה קאַווע, אָנשטאָט ווי מ׳פלעגט רופן אַנדערע בעלי־מלאכות לויט זייער פאַך, ווי אַ שטייגער: אַלתר מוליער, נחמן איינבינדער.

אַ צייט לאַנג פלעגט משה קאַוועס מנין דאַווענען נאָר שבת אינדערפרי. פרייטיק־צונאַכט און די ימים נוראים פלעגט דעמאָלט משה קאַווע דאַווענען אין „תרשיש״, ווו איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו הערן אים פירן פּאָליטישע שמועסן און דיסקוסיעס. איך געדענק ווי איינמאָל, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט ער אַ זאָג געטאָן: — אַך, וואָס פאַר אַ וויכטיקע געשעענישן ס׳שפּילן זיך אָפּ אויף דער וועלט, און אפשר נאָך וויכטיקערע איז צו דערוואַרטן אין דער צוקונפט. איך וואָלט נאָך דאָס אַלץ אַזוי געוואָלט זען.

און משה קאַווע האָט זיך דערוואַרט אויף די וויכטיקע געשעענישן, וואָס זענען גלייכצייטיק געווען אַזעלכע טראַגישע.

ס׳איז אָנגעקומען די נאַצי־אָקופּאַציע. זיין שיינע מאַיעסטעטישע באָרד, וואָס האָט דורכגעהאַלטן דאָס יאָר 1920, דעם באַרימטן פּעריאָד פון שניידן יידישע בערד דורך די פּוילישע סאָלדאַטן, איז אין די ערשטע טעג פון דער נאַצי־טיראַניע אָפּגעהאַקט געוואָרן דורך אַ היטלער־כוליגאַן.

מיטן פאַרלירן די באָרד האָט משה קאַווע פאַרלוירן זיין צויבער און איז פּלוצעם אַזוי געעלטערט געוואָרן, אַז ס׳איז פּשוט שווער געווען צו דערקענען דעם אייביק יונגן און לעבנס־לוסטיקן משה קאַווע. דאָס פּנים פאַרבונדן מיט אַ טיכל, כדי מ׳זאָל נישט מערקן, אַז ס׳פעלט אים די באָרד. אָנשטאָט דעם יידישן היטעלע — אַ וועליסאפּעד־היטל אויפן קאָפּ, איז משה קאַווע אַרומגעגאַנגען אַרבעטסלאָז און זיך געקלאָגט אויף ווייטאָגן, וואָס מ׳פלעגט פון אים קיינמאָל נישט הערן.

איינזאַם איז משה קאַווע געזעסן אין זיין דירה, ווייל די טאָכטער, וואָס איז שטענדיק געווען מיט אים, איז אַוועק קיין רוסלאַנד מיטן מאַן און קינדער. אָט אַזוי האָט דער ביי אַלעמען באַליבטער משה קאַווע וועגעטירט אין ענגן יידישן קוואַרטאַל ביזן 10טן יוני 1942. אין דעם טאָג האָט ער זיך פרייוויליק צוגעשטעלט צום טראַנספּאָרט, וועלכן די דייטשן האָבן דעם 11־טן יוני אָפּגעשיקט אין טויטן־לאַגער סאָביבאָר.

4. אידל שוואַרץ

אידל שוואַרץ איז נישט געווען קיין געבוירענער ביאַלער. געקומען קיין ביאַלע איז ער ווי אַן איידעם פון ר׳ יחזקאל שחור אין שפּעטער — פון שמואל פּיזשיץ. אַ ייד וואָס האָט פאַרשטאַנען אין די קליינע אותיותלעך, און אויך נישט ווייט געווען פון וועלטלעכער קולטור. געווען ביי אים אַ שיינע ביבליאָטעק מיט זעלטענע ספרים און ביכער.

אידל שוואַרץ איז געווען צווישן די גאָר וויניקע ביאַלער, וואָס האָבן זיך אַרויסגערירט אויסער די גרענעצן פון דער שטאָט און אפילו פון לאַנד. ער האָט באַזוכט מערב־אייראָפּע און ער האָט גוט געקאָנט די גרויסע רוסישע שטעט, וווהין ער פלעגט קומען אין געשעפטלעכע ענינים. אומעטום ווו אידל שוואַרץ איז געקומען, פלעגט ער נאָכזוכן ביבליאָטעקן און זיך פאַראינטערעסירן מיט די ביכער, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען.

בעת יעדן באַזוך זיינעם אין וואַרשע פלעגט ער אָפּשטאַטן אַ וויזיט אין דער ביבליאָטעק ביים יודאַאיסטישן אינסטיטוט, און זיצן דאָרט שעהן איבער ספרים, וואָס פלעגן אים אינטערעסירן. וועגן איינעם אַזאַ באַזוך האָט ער געשריבן אַמאָל אין „פּאָדלאַסיער לעבן״, און פון די שורות האָט איר אַרויסגעפילט, אַז דאָס שרייבט אַ מענטש אַ ביבליאָפיל.

אידל שוואַרץ איז געווען דער רוח החיה אין בוי־קאָמיטעט פון יידישן שפּיטאָל אין שטאָט. ער איז געווען פון די איניציאַטאָרן צו שאַפן אַ מושב־זקנים און אַנדערע סאָציאַלע מוסדות.

אַ ייד אַן אַריסטאָקראַט און משכיל, און דאָך אַ פאָלקסמענטש. ליב געהאַט צו זיין מיט עמך, שמועסן מיט די פאָלקסמענטשן און דערציילן זיי מעשהלעך און וויצן. דאַווענען פלעגט ער אין שול, ווו ס׳האָט געדאַוונט עמך.

אַ ייד מיט אַ חוש פאַר יושר. בעת דער מחלוקת צווישן שימעלע (שמעון) קריידשטיין און אידלס שווער, שמואל פּיזשיץ, איז אידל נישט איין מאָל געשטאַנען אויף דער זייט פון שימעלען. ווען שימעלע איז בעת דער מחלוקת אַרעסטירט געוואָרן, איז אידל שוואַרץ געווען דער צונויפברענגער פון דער קוויציע, כדי צו באַפרייען שימעלען פון אַרעסט.

אידל שוואַרץ איז געווען אַ רעליגיעזער ייד, אָבער אַ טאָלעראַנטער מענטש, און פיינט געהאַט דעם קעמפנדיקן קלעריקאַליזם. ווען אין אָנהייב פון די דרייסיקער יאָרן איז דער קלעריקאַליזם אין שטאָט געוואָרן אַגרעסיוו, פלעגן זיך אָפּט באַווייזן אויף די שפּאַלטן פון „ביאַלער וואָכנבלאַט״ קורצע אויפזאַצן אין דער תלמודישער שפּראַך, וועלכע האָבן אויפגעוויזן, אַז די דאָזיקע אַגרעסיע איז קעגן יידישן דין און שטייגער. מ׳האָט זיך געבראָכן די קעפּ ווער ס׳איז דער שרייבער פון די מאמרים, אָבער נאָר יחידים האָבן געוווסט, אַז זיי שטאַמען פון אידל שוואַרץ.

אַלע זיינע יאָרן איז אידל שוואַרץ געווען פון די גרויסע און אָנגעזעענסטע סוחרים אין שטאָט. בעיקר פלעגט ער זיך פאַרנעמען מיט וואַלד־מסחר, וואָס האָט אים געבראַכט אין קאָנטאַקט מיט די פּריצים אין דער סביבה. אַזעלכע פּריצים

פלעגן זיך גאַנץ אָפט דערלויבן אַ שפּאַס צו טאָן מיט אַ יידישן סוחר, אָדער גלאַט אַזוי לאָזן אים פילן זייערע פּריצישע קאַפּריזן, אָבער לגבי אידל שוואַרץ האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן קאָרעקט.

דער ווירטשאַפטלעכער קריזיס פון יאָר 1930 האָט געבראַכט צו דער ליקווידאַציע פון זיינע מסחרים. ער איז פאַראָרעמט געוואָרן, אָבער נאָך אַלץ געבליבן דער זעלבער שטאָלצער און אַריסטאָקראַטישער אידל שוואַרץ, געקליידט ציכטיק אין שוואַרצן ראָק און שוואַרצן הוט.

זיינע אויגן האָבן צום צווייטן מאָל דערזען די שטאָט אַ געשמידטע אין די דייטשע אָקופּאַציע־צוואַנגען, אָבער ס׳איז אים באַשערט געווען נישט צו זען דעם טראַגישן סוף פון ביאַלער יידישן ישוב. זומער 1941 האָבן זיך זיינע אויגן געשלאָסן צום אייביקן שלאָף.

5. אלתר צוקערמאַן

(דער ביאַלער עדיסאָן)

אַ ייד, פון מיטלוווקס, מיט אַ קורץ געשוירן בערדל, געקליידט יידישלעך: אַ לאַנגער ראָק מיט אַ קליין יידיש היטעלע אויפן קאָפּ. אַ פּאָר פאַרטרוימטע אויגן און שטענדיק אַ פאַרטראַכטער. אַ ייד אַ בעל־מלאכה, אַ קענער אין די קליינע אותיותלעך, וועלכער איז געקומען צום וואַרשטאַט פון רבינס בית־המדרש, אַ זאַך וואָס איז געווען אַ זעלטנהייט אין יענע יאָרן, ווען מלאכה איז נישט געווען געשעצט.

יאָרן איז אלתר געזעסן און געלערנט ביים ביאַלער רבין אין בית־המדרש און פון דאָרט איז ער אָנגעקומען ווי אַן איידעם אויף קעסט צו אַ ייד אַ סמאָליאַרניק. איז ער זיך געזעסן אין דער סמאָליאַרניע, וואָס פלעגט זיך געפינען אין די געדיכטע פוילישע וועלדער, עוסק געווען אין תורה, אָבער גלייכצייטיק פלעגט ער זיך אַ שפּיל טאָן ביים אויסאַרבעטן פאַרשיידענע זאַכן פון מעטאַל. און, אַז די צייט פון קעסט האָט זיך געענדיקט און מ׳האָט געדאַרפט נעמען זוכן עפּעס אַ פּרנסה, האָט אלתר באַשלאָסן צו עפענען אַ שלאָסעריי, הגם ער האָט דאָס פאַך קיינמאָל נישט געלערנט. ס׳האָט אים אָבער געצויגן צו אָט דער אַרבעט.

אָט דער אלתר האָט פאַרמאָגט אַ פּאָר הענט פון אַ קינסטלער, וואָס האָבן אין טויטן מעטאַל אַריינגעהויכט אַ רוח חיה. איבער די הענט האָט געהערשט אַ גאָונישער מוח, וואָס האָט נישט געוווּסט פון קיין רו און פלעגט כסדר אַרויסברענגען דערפינדונגען און המצאותן.

עטלעכע פון זיינע דערפינדונגען און אויפטועכצן ווילט זיך מיר דאָ פאַרצייכענען, ווי זיי האָבן זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון פון הערן דאָס אין מיין היים אין די קינדער־יאָרן.

ס׳האָט זיך אַמאָל געמאַכט, אַז ביים שטאָט־גביר ר׳ שואלקע כהן האָט זיך פאַרהאַקט די אייזערנע קאַסע און קיין שום בעל־מלאכה אין שטאָט האָט זי נישט געקאָנט עפענען. האָט מען באַשלאָסן צולעצט צו רופן אלתרן, אפשר וועט אָט דער שטיבל־בחור, וואָס איז נאָר וואָס געוואָרן אַ שלאָסער, באַווייזן עפּעס אויפצוטאָן. קיין גרויסע אמונה האָט מען דערביי נישט געהאַט, און ר׳ שואלקע איז זיך רואיק געזעסן אין זיין קאַבינעט און געלאָזט אלתרן זיך פאָרקען ביי דער קאַסע, ווו ס׳האָבן זיך געפונען אַ שפּאָר ביסל אימפּעריאלן (רוסישע גאָלדענע מטבעות). לעבן אלתרן איז געשטאַנען אַ ביאַלער בעל־מלאכה, אַ קאָוואַל פון פאַך, וועמענס פּרוי איז געווען אַן אָנזויגערין ביי ר׳ שואלקען אין שטוב. אלתר האָט נישט לאַנג מאַנעווירט ביי דער קאַסע, און די שווערע אייזערנע טיר האָט זיך בכבוד אונטערגעגעבן, און מיט אַ קרעכץ זיך געעפנט

אלתר איז אַריין צו ר׳ שואלקען אין קאַבינעט אָנזאָגן, אַז ער האָט זיינס אָפּגעטאָן. דער בעל־מלאכה, וואָס האָט זיך געפונען לעבן דער אָפענער קאַסע האָט דערווייל דאָרט פאַרקלענערט אַ ביסל די צאָל אימפּעריאַלן, און מיט דער צייט איז ער געוואָרן אַ שותף צו אַ דאַמף־מיל... אלתרן האָט מען מיט עפּעס באַלוינט פאַר דער טרחה.

אלתר איז אינגיכן באַרימט געוואָרן אין דער גאַנצער געגנט ווי אַ ספּעציאַליסט צו עפענען פאַרקלאַפּטע קאַסעס. אַ צווייטער בעל־מלאכה אויף זיין אָרט וואָלט ביי אַזאַ אַרבעט נתעשר געוואָרן, אָבער אלתר האָט געהאַט אַ בטול־באַציאונג צו געלט, ער האָט געאַרבעט ממש לשם קונסט. אָט איז אַ פאַקט, וואָס באַלויכט דאָס צום בעסטן.

אלתרן פלעגט מען זייער אָפט קומען נעמען אין די דערפער, כדי צו עפענען פאַרהאַקטע קאַסעס אין די גמינעס. ביי אַזאַ באַזוך אין אַ גמינע פלעגט ער שטעלן פאָלגנדיקע תנאים: וועט ער עפענען די קאַסע ביז 12 בייטאַכט דאַרף מען אים באַצאָלן 10 רובל, אָבער טאָמער באַווייזט ער צו עפענען די קאַסע ערשט נאָך 12 אַזייגער ביינאַכט, דאַרף ער באַקומען 25 רובל. זענען דערביי געווען פאַלן, ווען ער פלעגט אַוועקאַרבעטן שעהן ביי אַ קאַסע און דווקא עטלעכע מינוט פאַר 12 אַזייגער ביינאַכט פלעגט ער זי עפענען און באַקומען די באַלוינונג. אַ צווייטער אויף זיין אָרט וואָלט זיכער זיך געפּאָרקעט נאָך אַ שטיקל צייט און באַקומען 25 רובל. אלתר האָט אָבער דאָס קיינמאָל נישט געטאָן, און ס׳האָבן נישט געהאָלפן די רייד פון זיינע חברים, וואָס פלעגן אים כסדר מוסרן, אַז ער זאָל נישט זיין קיין בטלן און פאַרבעסערן זיין עקאָנאָמישע לאַגע.

געווען אַ צייט ווען מ׳פלעגט פון פּאָסט־מאַרקעס אָפּוואַשן דעם פּאָסט־שטעמפּל און זיי נאָך אַמאָל באַנוצן. אלתרס מוח האָט אַ טראַכט געטאָן ווי אַזוי מ׳קאָן אַזאַ פעלשונג אויסמיידן, און ער האָט געפונען אַ לייזונג. ער האָט קאָנסטרואירט אַ מאַשינקע וואָס פלעגט דורכלעכערן די אויפגעקלעפּטע מאַרקע אויפן קאָנווערט, אָדער קאַרטל, נישט אָנרירנדיק דערביי דעם קאָנווערט אָדער קאַרטל. אַ ביאַלער ייד האָט זיך אונטערגענומען צו שיקן די מאַשינקע קיין פּעטערבורג צום פּאַטענטירן. די מאַשינקע איז אַהין נישט דערגאַנגען, און דער ייד האָט

שפּעטער געטענהט, אַז זי איז פאַרלוירן געגאַנגען אין וועג. מיט יאָרן שפּעטער האָט מען געזען אָנקומען בריוו פון אויס־לאַנד מיט געלעכערטע מאַרקעס, ענלעך צו דער דערפינדונג פון אלתרן.

אַ צייט לאַנג האָט אלתר געאַרבעט ביים אויספּאַרטיקן אַ שלאָס, וועלכן מ׳זאָל נישט קאָנען עפענען מיט קיין שום אַנדער שליסל, מעג ער זיין אפילו אַ גוט נאָכגעמאַכטער. ווען דער שלאָס איז פאַרטיק געוואָרן האָט ער אים געגעבן אַ באַ־קאַנטן סוחר אויפצוהענגען אויף דער טיר פון זיין געשעפט און דערביי אים געזאָגט אָט וואָס: — אויב מען זאָל דיר באַגנבענען דאָס געשעפט דורך איפעפענען דעם שלאָס, דאַן זאָלסטו וויסן, אַז דאָס בין איך דער גנב. — מ׳פלעגט דער־ציילן, אַז אַמביציעזע גנבים האָבן טאַקע אָנגעווענדט אַלע זייערע פעאיקייטן כדי צו עפענען דעם שלאָס, אָבער זיי זענען געבליבן מאַכטלאָז.

באַזונדערס האָט זיך אלתר אויסגעצייכנט ווי אַ מעטאַל־גראַווירער. אַזוי פלעגט ער די וואַלד־סוחרים צושטעלן העק־לעך מיט סימנים, מיט וועלכע זיי פלעגן צייכענען די קלע־צער אין וואַלד. פאַר אַ ביאַלער זייפן־פאַבריק האָט ער גע־מאַכט אַ מעטאַל־שטעמפּל צום אויספרעסן אויפן זייף זייער פירמע מיט אַ פיש, ווי די פירמע־מאַרקע, — האָט דאָס פישל אויפן שטיקל זייף ממש געלעבט, אַזוי דייטלעך איז געווען יעדער שיפּ פון פישל. ווען אין יאָרן אַרום איז דער שטעמפּל צעבראָכן געוואָרן און אלתר האָט שוין נישט געלעבט, האָט מען אין וואַרשע באַוווּנדערט די קונסט פון אָט דעם בעל־מלאכה, און ס׳איז נישט געווען ווער ס׳זאָל קאָנען ווידער אַרויסברענגען אַזאַ קונסט־אַרבעט.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן די דייטשן זיך דערקאָנט אויף אלתרס טאַלאַנט און זיי האָבן אים געהאָלפן איינאָרדענען אַ גרויסן וואַרשטאַט מיט אַלערליי מאַשינען. און מערקווירדיק, אָט דער שטיבל־בחור האָט געהאַט אַן אַנונג וועגן יעדער מאַשין, און געוווּסט ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט איר. הגם אין לעבן האָט ער מיט אַזעלכע מאַשינען קיינ־מאָל נישט געהאַט צו טאָן. מ׳קאָן זיך פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ גוטער בעל־מלאכה אלתר איז געווען, אויב ער האָט מיט זיינע פּרעציזע אַרבעטן נושא־חן געווען ביי די דייטשע פּע־דאַנטן. אלתר איז געווען דער איינציקער יידישער בעל־מלאכה, וואָס האָט געהאַט פון דער דייטשער מאַכט אַ דערלויבעניש צו גיין אין גאַס אין די שפּעטע נאַכט־שעהן.

אלתר פלעגט זיך אויך פאַרנעמען מיטן רעפּאַרירן געווער, און ער האָט אויך עוסק געווען אין טעלעפאָן־פאָרשונג. אַ סך יאָרן נאָך פאַר דעם, ווי אין ביאַלע האָט זיך באַוויזן דער ערשטער טעלעפאָן. איך פלעג אָפּט הערן פון מיין מוטער, אַז אלתר מיט מיין זיידן, וואָס האָט אויך געהאַט אַ שוואַכקייט צו מעכאַניק, פלעגן זיך פאָרען ביי לאַנגע דראָטן, וועלכע זיי פלעגן אַריבערציען צו די שכנותדיקע הייף און פלעגן מיין מוטער אַריבערשיקן אין שכנותדיקן הויף, געהייסן איר האַלטן ביים אויער עפּעס אַ פושקעלע מיט אַ דראָט, זיי פלעגן רעדן און זי פלעגט פון דעם פושקעלע הערן זייער קול.

אַז די דייטשן האָבן אין 1918 פאַרלאָזט ביאַלע, איז אין שטאָט געבליבן אַן איינגעאָרדנטע עלעקטראָווניע. ס׳איז אָבער נישט געווען ווער ס׳זאָל געניסן פון דער עלעקטרישער ליכט, ווייל אין די הייזער זענען נישט־געווען קיין עלעקטרישע אינסטאַלאַציעס. און זעט אַ וווּנדער: אלתר ווייסט אויך וואָס ס׳איז עלעקטרי, און ווי מען דאַרף זיך מיט דעם אומגיין. אין אַ גאָר קורצער צייט האָט ער דאָס פאַך פון עלעקטריקער אויס־געלערנט זיינע חברים בעלי־מלאכות, און בשותפות זענען זיי צוגעטראָטן צו פאַרלייגן עלעקטרישע אינסטאַלאַציעס אין די ביאַלער הייזער. די עלעקטרישע אינסטאַלאַציע אין שיל איז אַריינגעפירט געוואָרן דורך אלתרן מיט זיינע שותפים.

ליכטיק איז געוואָרן אין די ביאַלער הייזער אַדאַנק אלתרן, אָבער ער אַליין האָט גענומען צאַנקען און אויסגיין. דער שטענדיק פיזיש שוואַכער אלתר איז קראַנק געוואָרן און קיין שום קוראַציע האָט נישט געהאָלפן. אין בליענדיקן עלטער האָט זיך זיין גאָנישער מוח אָפּגעשטעלט צוזאַמען מיטן וואַרעמען האַרץ.

6. הערשל ז״ק

(דער מאטעמאטיקער)

אַ חסידישער ייד, מיט אַ ווילד־באַוואַקסענער שוואַרצער באָרד, און צוויי לאַנגע הענט, וואָס פלעגן כסדר זיין אין באַוועגונג ווי אַ פּאָר וויאָסלעס. הערשל ז״ק פלעגט אָנקומען אין אַלע הויכע פענצטער, הגם זיין רוסיש האָט גאָר שטאַרק אינטערגעהינקט. ער פלעגט אומזשענירט טיילן שוחד אויף רעכטס און אויף לינקס. פאַרנומען האָט ער זיך מיט פּאָד־ריאַדן, ד״ה, ער פלעגט אָננעמען פאַרשיידענע בוי־אַרבעטן. צו אָט דער באַשעפטיקונג איז ער געקומען אַדאַנק זיינע גע־ניאַלע מאַטעמאַטישע פעאיקייטן, וועלכע די קריסטן פלעגן זייער שטאַרק שעצן, און דעריבער פלעגן זיי אים בייהילפיק זיין ביים אָננעמען אַרבעטן.

אין אַ שול איז אָט דער ייד קיינמאָל נישט געגאַנגען און ס׳איז דעריבער אָנצונעמען, אַז זיין גרויס וויסן אין מאַטע־מאַטיק איז געווען אַן איינגעבוירענע.

די תלמידים פון די העכסטע קלאַסן אין דער ביאַלער גימנאַזיע זענען געווען אָפטע געסט ביי הערשל ז״ק. „זאַדאַ־טשעס״ (מאַטעמאַטישע אויפגאַבן) וואָס זענען אין זייערע אויגן געווען אומלעזבאַרע, זענען דורך הערשל ז״ק אין געציילטע מינוטן געוואָרן אויפגעפּלאָנטערט מיטן בלייפעדער אויפן פּאַפּיר.

בעת מען האָט אויף דער וואַליע אין דעם, אַזוי־גערופע־נעם, „מאַנאָפּאָל״ געבויט אַ מיליטערישן שפּיטאָל, איז די אַרבעט אָנגעטרויט געוואָרן הערשל ז״קן. ווען מ׳האָט דעם מיליטערישן דאָקטאָר, אַ גענעראַל, וואָס האָט זיך פאַרנומען

מיטן בוי פון שפּיטאָל, דערציילט וועגן הערשל ז״קס מאַטע־
מאַטישע פעאיקייטן, איז ער געוואָרן שטאַרק נייגעריק זיך
איבערצוצייגן צי אָט די אַלע מעשיות וועגן דעם „טשוואָק״
שטימען טאַקע מיטן אמת. האָט ער געבעטן הערשל ז״קן,
אַז ער זאָל אים לייזן אַ מאַטעמאַטישע אויפגאַבע און
דווקא מיט אַ „טשוואָק״. ווי דערשטוינט איז געוואָרן דער
גענעראַל, ווען הערשל ז״ק האָט אים אין געציילטע מינוטן,
אַפילו אָן שום שרייבן, געגעבן די ריכטיקע תשובה. דער
גענעראַל איז געבליבן שטיין פאַרבליפט און האָט זיך אָנגע־
רופן — ביי אים (געמיינט הערשלען) איז פאַראַן אַ פאָטאָ־
גראַפישער זכרון.

און אַז הערשל ז״ק האָט גענומען דעם גענעראַל אויפן
„צימבל״ מיט אַ שטיקל חשבון, האָט יענער גערעכנט און גע־
רעכנט, פאַרשריבן אַ ים מיט פּאַפּיר און בחרפה זיך אַוועק־
געשאַרט מיט גאָרנישט.

אָט דער הערשל ז״ק פלעגט עס מיט אַ געוואַלדיקער
גיכקייט טאָפּלען עטלעכע ציפערן אויף עטלעכע ציפערן אין
איין שורה. די לענגסטע ציפער־קאָלומנעס פלעגט ער סומירן
מיט אַ פאָר מיט דער האַנט איבערן פּאַפּיר און מיט אַ וואָרטשע
אונטער דער נאָז.

אַז אין פוילן איז פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה אַנט־
שטאַנען אַ קאַרטעל פון צעמענט־פאַבריקן, האָט מען קיין
וואַרשע אַרויסגערופן הערשל ז״ק פון ביאַלע, און אין עט־
לעכע אָוונטן האָט ער דערליידיקט פאַר די קאַרטעל־שותפים
די געהעריקע חשבונות. פאַר אָט דעם שטיקל אַרבעט האָט
ער דעמאָלט באַקומען אַ גאַר ערנסטע באַלוינונג. מ׳פלעגט
דערציילן, אַז דאָס, וואָס ער האָט דערליידיקט אין אַזאַ קור־
צער צייט, וואָלטן אַנדערע געמוזט זיצן לאַנגע וואָכן איבער
אָט דער אַרבעט.

און אָט וואָס ס׳שרייבט וועגן הערשל ז״ק דער געוועז־
ענער סענאַטאָר פון פוילישן סענאַט און געוועזענער די־
רעקטאָר פון ראַאַבעס פאַבריק אין ביאַלע, אינזשיניער משה
קערנער.

„איך דערמאָן זיך איינעם אָן אָריגינאַל, וועלכער איז
תמיד געווען פאַרטראַכט, ווי ער וואָלט גשוועבט אין די
וואָלקנס. געהייסן האָט ער הערשל ז״ק — אַ גערער חסיד.

איינמאָל איז אָט דער הערשל ז״ק געקומען צו מיר אין
פאַבריק וועגן עפּעס אַ געשעפטלעכן ענין. ווען ער איז גע־
זעסן ביי מיר אין קאַבינעט, אויפקלערנדיק מיר, מיט אַ ספּעצ־
יעלן ניגון, וועגן וואָס אים גייט, בין איך נייגעריק
געווען צו קאָנטראָלירן, צי ס׳איז טאַקע ריכטיק די מיינונג,
וואָס איך האָב וועגן אים געהערט, אַז ער באַזיצט אויסערגע־
וויינלעכע רעכענונגס־פעאיקייטן. איך האָב דעמאָלט אים
גלייך אַ פרעג געטאָן, צי קאָן ער טאַקע לייזן געוויסע רעכע־
נונגס־אויפגאַבן גיך און ריכטיק. אַנשטאָט אַ תשובה, האָט ער
מיר געגעבן אַ פרעג: — טאָ איז וואָס?

איך האָב אים דעמאָלט פאַרגעבן אָן אַריטמעטישע אויפ־
גאַבע פון ערשטן קלאַס־קורס, וואָס האָט זיך איינגעקריצט אין
מיין זכרון נאָך פון מיין סטודענטישער צייט. אָט די אויפגאַבע
האָט באַקומען אַ שילער און זיין קאָרעפּעטיטאָר — אַ פּאָלי־
טעכניקום־סטודענט, האָט זי נישט באַוויזן צו לייזן.

הערשל האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט דעם אינהאַלט
פון דער אויפגאַבע, ער איז אויפגעשטאַנען פון דער שטול,
צוגעגאַנגען אין ווינקל צימער, אויסגעדרייט זיך צו דער
וואַנט און פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט די הענט. נאָך עטלעכע
מינוט האָט ער זיך צוריקגעקערט אויפן אָרט און מיר געגעבן
די ריכטיקע לייזונג פון דער אויפגאַבע. איך בין געווען דער־
שטוינט.

הערשל ז״ק האָב איך געטראָפן צום לעצטן מאָל אין
וואַרשע אַ פאָר יאָר נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. ער
האָט געלעבט אין נויט״.

7. חיים מוסאַוויטש

(דער „קאַברינער״)

זיין אייגנטלעכער נאָמען איז געווען חיים מוסאַוויטש.
איר האָט אָבער געקאָנט אויסגיין די גאַנצע שטאָט און קיינער
זאָל נישט וויסן וועמען איר מיינט מיט אָט דעם נאָמען. אַז
איר האָט אָבער אַ פרעג געטאָן אויפן „קאַברינער״, האָבן אייך
קינד און קייט געקאָנט נעמען פאַר דער האַנט און אַריינפירן
צום פעלדשער, וועמען מ׳האָט גערופן „קאַברינער״.

שוין דער צונאָמען „קאַברינער״ זאָגט, אַז חיים מוסאַוויטש
האָט געשטאַמט פון קאָברין. און הגם ער האָט אין ביאַלע
פאַרבראַכט דעם מערסטן טייל יאָרן פון זיין לעבן, האָט ער
זיך שפּראַכלעך דאָך נישט אַסימילירט, און געבליבן ביזן
סוף ביי זיין ליטווישן דיאַלעקט.

אַ ייד פון מיטלוווקס, מיט אַ פּאָר קראַנקע פאַראייטערטע
אויגן און אַ בינטעלע האָר אויף דער גאָמבע. געקליידט איי־
ראָפּעאיש נאָך אין יענע יאָרן, ווען אין שטאָט האָט מען אַזאַ
הלבשה געהאַלטן פאַר אַפּיקורסות, אָבער ר׳ חיימען האָט מען
דאָס מוחל געווען. שבת און יום־טוב געקליידט אין אַ פראַק
און האַרטן קאַפּעליוש, איז ער געשטאַנען אין בית־המדרש,
איינגעוויקלט אין אַ גרויסן טלית און געשמאַק געדאַוונט מיט
עמך.

זיין מעדיצינישע וויסן האָט ער נישט באַקומען אין קיין
הויכשול, און אַ סברה, אַז דער ייד האָט אין זיין לעבן נישט
אָנגעקוקט קיין שול. זיין מעדיצינישע תורה האָט ער זיך
דערוואָרבן אין אַ רוסישן מיליטערישן שפּיטאָל, ווו ער האָט
געדינט ווי אַ סאַניטאַר, און שפּעטער זי פאַרטיפט ביי זיין
מאַסן־פּראַקטיק.

נישט געווען קיין שטוב אין שטאָט, סיי רייך און סיי
אָרעם, ווו דער „קאַברינער״ זאָל נישט זיין דער שטוב־רופא.
בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די טיפוס־עפּידעמיע

האָט גראַסירט אין שטאָט, איז דער „קאָברינער" געגאַנגען פון שטוב צו שטוב און געהיילט די קראַנקע.

אַ ליבער פאָלקסטימלעכער ייד איז געווען ר' חיים. אומעטום האָט ער אַריינגעבראַכט אַ טרייסט־וואָרט, נישט געלאָזט זיך בעטן און צו יעדער צייט געגאַנגען צו אַ חולה, אַפילו אינמיטן דער נאַכט. איז ער אַריינגעקומען אין שטוב פון חולה, איז עפּעס ווי לייכטער געוואָרן די אַרומיקע. מיט זיין ליטווישער אויסשפּראַך, פלעגט ער, נאָכן אונטערזוכן דעם חולה, זיך אָנרופן: — שאַ, האָט ניט קיין מורא, ער שטאַרבט נאָך ניט אַפּעט. גיט אים אַ ביסל יויך, מילך, קאָמפּאָט.

אין טייל ערטער פלעגט ער בלייבן זיצן אַ צייט ביים קראַנקן און דערציילן פאַלן פון זיין פאַרצווייגטער פּראַקטיק.

אָט האָט מען צו אים געבראַכט אַ שיקסעלע מיט אַ שטאַרק אָנגעשוואָלן קעפּל. די דאָקטוירים ווייסן נישט, וואָס ס'איז געשען מיטן קינד. דער „קאָברינער" האָט אונטערזוכט דאָס שיקסעלע און פעסטגעשטעלט, אַז דאָס קינד האָט זיך אַריינגעשטופּט אין נעזל אַן אַרבעס און פון דעם איז געקומען דאָס געשווילעכץ. ער האָט דאָס אַרבעסל אַרויסבאַקומען, דאָס געשווילעכץ האָט גענומען אָפּגיין, און נאָך אַ קורצער צייט איז עס פאַרשווּונדן לגמרי.

און אָט האָט מען דעם „קאָברינער" גערופן צו אַ מיידל, אַ לונגן־קראַנקע, וואָס גוססט שוין ממש און די דאָקטוירים האָבן איר אָפּגעזאָגט דאָס לעבן. די בני־בית וויינען: — ר' חיים, האָט רחמנות, ראַטעוועט אַ יונג לעבן. — דער „קאָברינער" אונטערזוכט די קראַנקע און רופט זיך אָפּ צו די שטוביקע: — נאָר איין זאַך איז נאָך פאַראַן צו פּרווון. גיט איר צעלאָזטן וואַרעמען חזיר־שמאַלץ. — נאָך עטלעכע וואָכן פון אַזאַ קוראַציע האָט דאָס מיידל אָנגעהויבן קומען צו זיך און איז געזונט געוואָרן. די דאָקטוירים, וואָס האָבן איר קורירט זענען געקומען אָנקוקן דעם ווונדער און האָבן נישט געקאָנט באַגרייפן וואָס פאַר אַ נס דאָ איז געשען. אין אַ צייט אַרום איז דאָס מיידל פון דער סאַדאָווער גאַס אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע.

אַ געוואַלדיקע גרויסע פּראַקטיק האָט געהאַט דער „קאָברינער" סיי צווישן דער יידישער און סיי צווישן דער קריסטלעכער באַפעלקערונג. די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער פלעגן זומער אויף וועגענער און ווינטער אויף שליטנס ברענגען זייערע קראַנקע צום „פּראָפעסאָר קאָברינסקי", ווי זיי פלעגן אים רופן. דער „קאָברינער" האָט שווער געאַרבעט און קיינמאָל האָט מען אים נישט געזען אַ דענערווירטן, נאָר שטענדיק מיט אַ ליבן שמייכל, גרייט יעדן צו העלפן. ביים „קאָברינער" האָט מען זיך נישט געדאָרפט פריער אָנמעלדן אויף אַ וויזיט און נישט נעמען קיין נומער. ווען מ'האָט אים געטראָפן אין שטוב האָט ער אויפגענומען און גרייט געווען מיטצוגיין צו אַ קראַנקן. אַפילו שבת ביים עסן פלעגט ער, צווישן די פיש און די ציבעלעס, באַטראַכטן אַ פּאַציענט.

און ביי זיין גאַנצער פּאָפּולערקייט פלעגט ער זיך קיינמאָל נישט דינגען מיטן האָנאָראַר, וואָס מ'פלעגט אים געבן. ער פלעגט צומאָל זיך נישט אומקוקן, וואָס און וויפל מ'גיט אים, נייערט אַריינלייגן אין טאַש וואָס מ'האָט אים געגעבן.

אָט דער ייד האָט קיינמאָל נישט געבלאָזן פון זיך און נישט געשפּילט די ראָלע פון אַ דאָקטאָר, וואָס קומט, אונטערזוכט דעם חולה און פאַרשרייבט אַ רעצעפּט. איז נויטיק געווען, האָט ער אַליין איבערגעבעט דאָס בעט פון חולה, געמאַכט אַ קאָמפּרעס, אַן איינשפּריצונג און בכלל זיך מטפל געווען מיט איבערגעגעבנקייט מיטן קראַנקן.

שבת בייטאָג פלעגט מען אים קאָנען זען אויף אַ שפּאַציר מיט בעלי־מלאכות, מיט וועלכע ער פלעגט כאַפּן אַ שמועס מכוח פּאָליטיק. איר פלעגט תמיד הערן זיין כאַראַקטעריסטישן אויסרוף: — וואָס טויג מיך אַ געשריבענע קאָנסטיטוציע, אַז זי ווערט נישט פאַרווירקלעכט אין לעבן, — דאָס האָט ער געמיינט די באַציאונג פון דער פּוילישער רעגירונג צו די יידן. דער „קאָברינער" פלעגט ביי אָט די שפּאַצירן געבן בילדעריש צו פאַרשטיין די מיטשפּאַצירערס ווי אַזוי ס'פונקציאָנירט דער מענטשלעכער אָרגאַניזם.

דער „קאָברינער" איז געווען פול מיט הומאָר און האָט ליב געהאַט צו זאָגן אַ גלייכווערטל, און איינס אַזעלכעס פלעגט מען דערציילן אין שטאָט. זיין פרוי, וואָס איז געווען אַ שטאַרק נערוועזע, האָט אים אַמאָל ביינאַכט איבערגעוועקט פון שלאָף און זיך פאַר אים געקלאָגט: — אוי, חיים, ס'איז מיר אַזוי נישט גוט. — שלאָף, שלאָף, רחל, ווען איז דען היינט יאָ גוט? — איז געווען זיין תשובה.

און ווי שוין דערמאָנט, האָט דער „קאָברינער" זיכער נישט באַזוכט אַפילו קיין עלעמענטאַר־שול, ווייל דאָס אָנשרייבן אַ רעצעפּט איז אים אָנגעקומען גאַנץ שווער. אין די שטאָטישע אַפּטייקן האָט מען זיך שוין אָבער פאַרשטאַנען אויפן קאָברינערס הערלגליפן. איבעריקנס איז ער גאָרנישט געווען קיין גרויסער אָנהענגער פון מעדיקאַמענטן, ער האָט גיכער קורירט מיט שכלדיקע המצאותן.

אַז אין אַ שטוב האָט מען גערופן צום ערשט אַ דאָקטאָר, פלעגט מען גלייך נאָכן דאָקטאָר ברענגען דעם „קאָברינער", כדי ער זאָל זאָגן זיין מיינונג וועגן דאָקטאָרס רעצעפּט. דער „קאָברינער" פלעגט זיך אַבסאָלוט נישט באַליידיקן אין אַזעלכע פאַלן. אין רייכע הייזער, אַז עמעצער איז קראַנק געוואָרן פלעגט מען ברענגען עטלעכע דאָקטוירים, אויסבאַהאַלטן פאַר איין דאָקטאָר די רעצעפּטן פון אַ צווייטן, און אַז זיי זענען אַוועק, האָט מען ערשט גערופן דעם „קאָברינער", געוויזן אים אַלע רעצעפּטן, זיך שואל עצה געווען מיט אים, און פאָלגן פלעגט מען אים, און נישט די דאָקטוירים.

אָט די אָנגעבלאָזענע דאָקטוירים פלעגן דען וועלן רעדן מיט די שטוביקע? דער „קאָברינער" אָבער פלעגט פאַר די אַרומיקע מסביר זיין די קרענק אויף אַ גאָר אָריגינעלן אופן: ער פלעגט מיטן פינגער פאָרן איבערן טיש, ווייזן די באַוועגונגען פון אָרגאַניזם און ווייזן ווו ס'איז דער דעפעקט. מ'האָט ממש געזען די מחלה „ווי אויף דער האַנט", ווי יידן זאָגן.

פאַרשטייט זיך, אַז דער „קאָברינער" איז געווען פאַר די שטאָטישע דאָקטוירים ווי אַ דאָרן אין אויג. זיי האָבן אָנגעהויבן זוכן וועגן ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון אים. האָט מען זיך אין איינעם שיינעם פרימאָרגן גענומען טשעפּען צום „קאָברינער" און פאַרלאַנגען פרישע אַטעסטאַטן און דיפּלאָמען. דער

סוף איז געווען, אַז פון דער מאַכט האָט מען פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל זיך שטעלן צו אַן עקזאַמען. דער „קאָברינער" האָט זיך צו אַזאַ עקזאַמען געשטעלט און אים נישט אויסגעהאַלטן. און, ווי אַזוי האָט ער יאָ געקאָנט אויסהאַלטן דעם עקזאַמען? אַז גערעדט האָט מען צו אים פּויליש און אין דער שפּראַך האָט דער „קאָברינער" זיך גאָר שוואַך פונאַנדערגעקליבן. עפּעס האָט מען אים געשטעלט טעאָרעטישע קלאָץ־קשיות, אָנשטאָט צו געבן אים אַ קראַנקן אַרומצופּאָרען זיך ביי אים. אין רעזולטאַט פון נישט אויסהאַלטן דעם עקזאַמען, האָט מען דעם „קאָברינער" פאַרווערט צו פאַרנעמען זיך מיט פעלדשעריי.

און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ שווער לעבן פאַר אים. איז דען מעגלעך געווען, אַז דער „קאָברינער" זאָל אויפהערן זיך פאַרנעמען מיט קראַנקע? אַפילו ער אַליין וואָלט שוין דערצו מסכים געווען, וואָלט אים דען די באַפּעלקערונג געלאָזט צורו? וועמען פון דער באַפּעלקערונג איז עס דען אָנגעגאַנגען צי ער האָט אַן אַטעסטאַט אָדער נישט? איז זיך דער „קאָברינער" ווייטער געווען דער דאָקטאָר פון דער גאַנצער באַפּעלקערונג. די אַפּטייקערס פלעגן שוין וויסן אויסצובאַהאַלטן זיינע רעצעפּטן פאַרן אויג פון דער מאַכט. די דאָקטוירים האָבן נישט אויפגעהערט צו שיטן מיט מסירות אויפן „קאָברינער", וואָס האָט אים געבערענגט אָפּט צו האָבן צו טאָן מיט די געריכטן. דער „קאָברינער" האָט געצאָלט שטראָפן און — ווייטער געגאַנגען איבער די הייזער זיך מטפּל זיין מיט די קראַנקע.

אָט אַזוי איז דאָס אָנגעגאַנגען ביז — ביז די דייטשע פאַרניכטונגס־לאַפּע האָט גענומען אין קלעם דאָס ביאַלער יידנטום. דאָנערשטיק, דעם 11טן יוני 1942, איז דער „קאָברינער" געוואָרן אָפּגעטראַנספּאָרטירט מיט אַ מחנה ביאַלער תושבים אין טויטן־לאַגער סאָביבאָר.

8. בנימין קאַנאַלשטיין

אַ ייד אַ ריז, הויך, ברייט, מיט אַ פּאָר פּעסטע הענט און אַ גרויסן לייבן־קאָפּ, מיט אַ פּאָר קליינע אייגעלעך. אַמאָל האָט מען, אין מיין פּאָטערס וואַרשטאַט, אָפּגעמאָסטן בגניבה זיין פּלייצע, וואָס האָט געוויזן אַ 80 צענטימעטער די ברייט. סיי ווינטער און סיי זומער געקליידט אין אַ לאַנגן צייגענעם כאַלאַט מיט אַ פּאָר שווערע שטיוול אויף די פיס. זומער־צייט אַ קליין יידיש היטעלע אויפן קאָפּ און ווינטער אַן אויסגעריבענער פּאָקענעם שקאָלפּיק.

געשטאַמט האָט בנימין פון אַ משפּחה טשעשלערס, וועלע זענען געווען מאַסיווע יידן און גוטע בעלי־מלאכות. פאַרשטייט זיך, אַז בנימין איז אויך געוואָרן אַ טשעשלער.

וועגן זיין פאָטער, אידל צינעס, פלעגט מען דערציילן: ביי דער אַרבעט איז אים אַראָפּגעפאַלן אַ שטיק בעליק אין קאָפּ אַריין; אידל האָט פאַרריסן דעם קאָפּ אין דער הייך און אַרויפגעשריען: — הער, חברה! וואָס וואַרפט איר דאָרט שפּענער? — אידל צינעס פלעגט נאָכן פאַרדייען אַ נישקשהדיקן מיטאָג, אַרויפגיין צו דער אַרבעט אויף דער רושטאָוואַניע מיט אַ לאַבן ברויט אונטערן אָרעם, אָבער ביז ער פלעגט דערגיין צום סוף רושטאָוואַניע, איז שוין פון לאַבן ברויט קיין זכר נישט געווען.

בנימין האָט יאָרן געאַרבעט אין לאָדזש און אין וואַרשע ביי מעבל־סטאָליערייי און אויך אויף דעם געביט האָט ער זיך אויסגעצייכנט ווי אַן ערשטקלאַסיקער פאַכמאַן. אָבער זיין ספּעציאַליטעט איז געווען טשעשלעריי. מיט זיין שאַרפער האַק פלעגט ער אויסטשעשען ברעטער אַזוי גלאַטיק, ווי מיט אַ העבל אויסגעהובליעוועט. אין קיין שול, ווי דער שטייגער אין יענע צייטן, איז בנימין נישט געגאַנגען. דאָך האָט ער זיך גוט אָריענטירט אין פּלענער. האָט מען געדאַרפט עפּעס אַן אויפטו אויפן בוי־געביט האָט מען זיך געוואָנדן צו בנימינען; האָט מען געזוכט אַן המצאהלע זיך צו פאַרגרינגערן די אַרבעט, האָט מען עס געפונען ביי בנימינען.

ער האָט איינמאָל געזען ווי די טרעגערס מאַטערן זיך און מאַכן אָן אַ געפּילדער ביים אַרויפשלעפּן אַ קליינע אייזערנע קאַסע אויף טרעפּ, האָט ער זיך אָנגערופן: — ווען מ׳פרעגט מיר, וואָלט איך זיי געמאַכט, אַז די קאַסע וואָלט אַריינגעפאָרן אין שטוב אַריין דורכן פענצטער, און אָן שום טאַראַראַם. אַז מ׳האָט אַריבערגעפירט די גרויסע אייזערנע קאַסע פון דער פּייען־באַנק, האָט מען טאַקע די אַרבעט איבערגעגעבן בנימינען און די טרעגערס מיט זייער געפּילדער זענען בכלל נישט נויטיק געווען.

אין פיזשיצעס קאַזאַרמעס אין דער אַרטילעריסקער גאַס איז געשטאַנען אַן אַלטע גרויסע פערד־שטאַל אויסגעבויגן, נאָר צום איינפאַלן. ווען די מיליטערישע מאַכט האָט פאַרלאַנגט פון פיזשיצעס יורשים, אַז זיי זאָלן צורעכט מאַכן די שטאַל, אָדער בויען אַ נייע, האָבן זיך די יורשים געוואָנדן צו בנימינען. בנימין האָט אין דער שטאַל אַוועקגעאַרבעט עטלעכע טעג מיט אַ פּאָר אַרבעטערס. פאַרלייגט ראָלקעס, געצויגן שטריק און געשניטן קלינעס. ווען אַלץ איז געווען צוגעגרייט, האָט ער אַהיימגעשיקט די אַרבעטערס. צומאָרגנס פרי איז די ריזן שטאַל געשטאַנען אַן אויסגעגלייכטע אויף דער וואַסער־וואָג. מ׳האָט אונטערגעמויערט די געמויערטע סלופּעס, וואָס האָבן זיך געפונען אינמיטן און אין די עקן פון די הילצערנע ווענט, און די פערד־שטאַל איז געשטאַנען ווי אַ נייע גרייט צו נוצן. בעלי־מלאכות זענען געגאַנגען אָנקוקן די שטאַל און כדי צו דערגיין ווי אַזוי בנימין האָט דאָס באַוויזן אויסצוגלייכן אַזאַ חורבה, אָבער זיי זענען גאָרנישט דערגאַנגען.

יעדעס מאָל, ווען בנימין פלעגט ענדיקן אַ שטיקל אַרבעט, פלעגט ער זיך כאַפּן, אַז ער האָט זיך אָפּגענאַרט מיטן פּרייז, געאַרבעט ממש בחינם.

מערסטנס פלעגט בנימין אַרבעטן אין די דערפער, וווהין ער פלעגט אַוועק זונטיק פאַרטאָג און צוריקקומען

פרייטיק פאַרנאַכט. געווען אַ צייט, ווען ער און זיין ברודער גדליהו האָבן צוזאַמען געאַרבעט אין וואַלד ביים פריץ מעוויוס. דאָרט פלעגן אויך אַרבעטן אַנדערע יידישע בעלי־מלאכות. יעדער פלעגט זיך מיטנעמען עסן אויף אַ גאַנצע וואָך און דאָרט פירן ווירטשאַפט. ביי אַלעמען פלעגט דער פּראָוויאַנט קלעקן ביז פרייטיק. בנימין מיטן ברודער פלעגן שוין מיטוואָך טענהן, אַז ביי זיי איז שוין פרייטיק... געהאַט האָבן זיי שאַרפע מעסערס, און אַז זיי פלעגן מיט אַזאַ מעסער „פאַרפאָרן" אין לאַבן ברויט, איז יעדער קלין ברויט נישט געווען דינער פון אַ 5—6 צענטימעטער...

אָט דער בנימין האָט געהאַט הענט פון אַ קינסטלער. נישט געווען קיין זאַך, וואָס די אויגן זאָלן זען, אַז די הענט זאָלן דאָס נישט קאָנען אַרויסברענגען. ווי אַ קינד געדענק איך, ווי ער פלעגט דערציילן ביי אונדז אין שטוב, אַז ער האָט אַמאָל אָנגעהויבן מאַכן אַ פידל. אַוועקגעאַרבעט ביי איר אַ צייט, און ווען זי איז שוין באַלד פאַרטיק געוואָרן, האָבן זיינע קינדער זיך גענומען פרייען און שרייען: — אוי, אַ פידעלע! אוי, אַ פידעלע! בנימין איז דערצאָרנט געוואָרן פון רעש, אַ געשריי געגעבן — וואָס? אַ פידעלע? אַ זעץ געטאָן מיט דער נישט־פאַרענדיקטער פידל איבערן טיש, און — אויס פידל!

איידער ראַאַבעס פאַבריק אין ביאַלע פלעגט פּראָדוצירן פּראַווידלעס צו שטיוול, איז בנימין געווען דער צושטעלער פון פּראַווידלעס צו די שוסטערס. אין זיין נייגער זיך צו דערגרונטעווען אין אַרבעט־סודות, האָט ער זיך נישט געקווענקלט צוצענעמען אַ נייעם שטיוול, כדי צו זען ווי אַזוי ער ווערט געמאַכט.

און ווי פאַריאָגט און פאַראַרבעט בנימין איז נישט געווען, פלעגט ער נאָך אין די אַמאָליקע יאָרן האָבן צייט אַליין צו מאַכן ווײַן אויף פסח. און, אַז מען מאַכט ווײַן, דאַרף מען פאַרשיידענע כלים. האָט ער זיך אַליין געמאַכט אַ דייזשע און אַ הילצערנע ליקע. ער פלעגט אַרומגיין ביי באַקאַנטע, וואָס האָבן אויך געמאַכט ווײַן און געגעבן זיי אָנווייזונגען. אָט דערציילט ער מיין מוטער, ווי אַזוי ער האָט צעקוועטשט די ראָזשינקעס, און דערביי ווייזט ער מיט זיינע פעסטע הענט ווי אַזוי ער האָט דאָס געמאַכט און גיט אַ זאָג מיט אַ צאָן־קריצעניש: — איך האָב דאָס צעריבן ווי האָן־דו...

בנימין האָט ליב געהאַט צו שמועסן מיט גוטע בעלי־מלאכות וועגן אַרבעט און וועגן אויפטועכצן. קיין פאַרטאַטש האָט ער אין לעבן נישט פאַרטראָגן. אַז אַ בעל־מלאכה, מיט וועמען ער איז געווען אין גוטע באַציאונגען, פלעגט אים בעטן צו ווייזן ווי אַזוי צו מאַכן טרעפּ, וואָס איז ביי די ביאַלער בעלי־מלאכות נישט געווען פון די לייכטע אַרבעטן און נישט יעדער פלעגט זיך דאָס אונטערנעמען, האָט בנימין דאָס גערן געטאָן. ער פלעגט אַוועקשאַרן די הובלקעס פון דער פּאָדלאָגע אין וואַרשטאַט, זיך אַראָפּלייגן אויף דער פּאָדלאָגע מיט די צוויי צעשפּרייטע פאָלעס פון זיין לאַנגן כאַלאַט, ווי צוויי פלעדערמויז־פליגלען, אויסצייכענען די טרעפּ, געבנדיק די געהעריקע אויפקלערונגען.

הגם זיין אויסזען איז געווען אַ גאָר שטרענגער, איז בנימין באמת געווען אַ מילדער און ליבער ייד, אין וועלכן ס'האָט געשטעקט אַ נשמה פון אַ קינסטלער, וואָס האָט ליידער קיין תיקון נישט באַקומען.

אים זענען פאַרשפּאָרט געוואָרן די עינויים פון דער דייטשער אָקופּאַציע, בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. ער איז געשטאָרבן, נאָך אַ קורצער קראַנקהייט, אין אָנהייב פון דער נאַצי־הערשאַפט.

9. יעקב ווירניק

געבוירן אין יאָר 1889 אויף דער וואָליע. אין דער יוגנט געוואָרן אַ סטאָליער און אָנגעהערט צום „בונד". אין יאָר 1906 פאַרלאָזט ער ביאַלע און באַזעצט זיך אין וואַרשע, וווּ ער אַרבעט אין זיין פאַך.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה ווערט ער מאָביליזירט אין דער רוסישער אַרמיי. פאַר זיין העלדיש קעמפן ביים טייך בזורע, איז ער געוואָרן אויסגעצייכנט פון דער רוסישער אַרמיי־אָנפירונג.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה פאַרלייגט ער אין וואַרשע אַ בוי־אונטערנעמונג און פאַרנעמט זיך אויך מיט אַדמיניסטראַציע פון הייזער.

בעת דער באָלשעוויסטישער אינוואַזיע אין פּוילן, אין יאָר 1920, קעמפט ער אין די רייען פון דער פּוילישער אַרמיי ביי דער ווייסל און פאַר זיינע העלדן־טאַטן ווערט ער אויסגעצייכנט מיטן העכסטן מיליטערישן אָרדער „ווירטוטי מיליטאַרי".

נאָכן צוריקקערן זיך פון דער אַרמיי גייט ער ווייטער אָן מיט זיין בוי־אונטערנעמונג און מיטן אַדמיניסטרירן הייזער. ער האָט פאַרבינדונגען מיט אָנגעזעענע פּוילישע פּערזענלעכקייטן.

בעת דער דייטשער אָקופּאַציע פון וואַרשע, אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז ער אין אָנהייב, נאָך פאַרן שאַפן דעם געטאָ, טעטיק ווי אַ הויף־פּרעזעס אין זיין ראַיאָן, וווּ ער באַמיט זיך צו לינדערן די נויט פון דער ליידנדיקער יידישער באַפעלקערונג.

דעם 22סטן אויגוסט 1942 ווערט ער אָפּגעטראַנספּאָרטירט אין פאַרניכטונגס־לאַגער טרעבלינקי. ווי נאָר ער איז דאָרט אָנגעקומען איז אים געלונגען זיך אַריינצובאַקומען אין דעם שכנותדיקן אַרבעטס־לאַגער אָנשטאָט אין פאַרניכטונגס־לאַגער. אַדאַנק זיינע פעאיקייטן, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן ביי פאַרשיידענע אַרבעטן, פלעגן אים די תליינים, ווי ס'איז, רעספּעקטירן און אים איבערגעלאָזט ווי דעם לעצטן קאַנדידאַט פאַר די טרעבלינקער גאַז־קאַמערן.

ווען מ'האָט גענומען פאַרגרעסערן די גאַז־קאַמערן אין

פאַרניכטונגס־לאַגער, איז יעקב ווירניק צוגעצויגן געוואָרן צו אָט דער אַרבעט. צוליב דעם, וואָס ער איז באַשעפטיקט געווען ביי פאַרשיידענע אַרבעטן, האָט ער געהאַט פרייהייטס־באַוועגונג איןביידע לאַגערן, און צוליב דעם טאַקע געווען אַן אָפטער גאַסט אין פאַרניכטונגס־לאַגער. נישטאָ, דוכט זיך, אַ צווייטער וואָס זאָל זיך האָבן אָנגעזען אַזוי פיל גרויל אין דער טראַגישער תקופה, ווי ווירניק, און געבליבן לעבן.

דער רעוואָלוציאָנערער זוימען, וואָס דער „בונד" אין ביאַלע האָט פאַרזייט אין דער נשמה פון יעקב ווירניק, האָט געשלאָגן טיפע וואָרצלען, און מיטן אָנקום קיין טרעבלינקע האָט אין אים אויפגעוואַכט זיין יוגנטלעכער קעמפערישער גייסט. ער איז טאַקע געווען דער רוח־החיה צווישן די יידן אין טרעבלינקער אַרבעטס־לאַגער, וועלכע ער פלעגט מוטיקן און וועקן צום קאַמף, און געווען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון באַרימטן אויפשטאַנד, וואָס איז אין טרעבלינקע אויסגעבראָכן אין אויגוסט 1943.

בעת דעם אויפשטאַנד איז אים געלונגען אַרויסצורייסן זיך פון טויטן־לאַגער, און נאָך עטלעכע טעג וואַנדערן איז ער אָנגעקומען קיין וואַרשע. דאָרט האָבן אים באַקאַנטע קריסטן פאַרבונדן מיט דער אונטערגרונט־באַוועגונג און אים געהאָלפן זיך איינאָרדענען ווי אַ קריסט, צו וואָס ס'האָט אים שטאַרק געהאָלפן זיין אויסערלעך אויסזען.

זיין קעמפערישע נאַטור האָט אים נישט געלאָזט איינזיצן אומטעטיק אַפילו אין די געפערלעכסטע צייטן. ער פלעגט אָפט באַזוכן די אויסבאַהאַלטענע יידן און זיי ברענגען געלט־אונטערשטיצונגען, וואָס ער פלעגט באַקומען פון דער אונטערגרונט־באַוועגונג. ער אַליין איז געוואָרן אַן אָנגעשטעלטער אין וואַרשעווער מאַגיסטראַט.

סוף 1943 האָט יעקב ווירניק אָנגעשריבן זיין באַקאַנטע בראָשור וועגן טרעבלינקע, וועלכע די אונטערגרונט האָט פאַרשפרייט איבער דער וועלט און געמאַכט אַן אומגעהויערן רושם. פון אָט דער בראָשור איז מען צום ערשטן מאָל געוויר געוואָרן דעם גרויליקן אמת וועגן דעם ריזיקן טויט־קאָמבינאַט, וואָס דער דייטשער מאָנסטער האָט אויפגעבויט אין די וועלדער פון טרעבלינקע. די בראָשור איז איבערגעזעצט געוואָרן אין אַ סך שפּראַכן.

בעתן אויפשטאַנד אין וואַרשע אין יאָר 1944 האָט ווירניק אָנטיילגענומען אין די קאַמפן קעגן די דייטשן, און איז באַלד נאָכן אונטערדריקן דעם אויפשטאַנד אַרויסגעפירט געוואָרן קיין פרושקאָוו, וווּ ער איז באַפרייט געוואָרן דורך דער סאָוויעטישער אַרמיי, בעת איר ווינטער־אָפענסיווע.

נאָך דער מלחמה האָט זיך יעקב ווירניק באַזעצט אין וורָאָצלאַוו, וווּ ער האָט פאַרנומען דעם אַמט פון אַ בוי־אינספעקטאָר.

געווען אויף אַ באַזוך אין לאָנדאָן ביי זיינע קרובים, געווען אַ שטיקל צייט אין שוועדן, און אין יאָר 1949 איז ער עולה געווען קיין ישראל.

און אָט זיץ איך מיט יעקב ווירניק, וואָס מיט זיינע גרויסע און דיקע וואָנצעס איז ער גיכער ענלעך צו אַ פוילישן מיעשטשאַן ווי צו אַ ייד, און ער דערציילט עפּיזאָדן פון זיין פאַרבנרייך לעבן. ער פאַרטרויט מיר, אַז ער טראָגט זיך אַרום מיט אַ גרויסער שטרעבונג, וועלכער ער וואָלט נאָך געוואָלט פאַרווירקלעכן אין זיין לעבן. ער, וואָס איז געווען פון די בויערס פון דער ריזיקער פאַרניכטונגס־מאַשין טרעבלינקע, ער, וואָס האָט זיך געפונען ביי דער טיר פון גיהנום, וויל רעקאָנסטרואירן אַ מאָדעל פון דעם טויט־קאָמבינאַט טרעבלינקע, וווּ ס'געפינט זיך דער מאַסן־קבר פון רוב פוילישן יידנטום.

און ער האָט זיין שטרעבונג פאַרווירקלעכט. אין מוזעאום פון קיבוץ „לוחמי הגיטאות" געפינט זיך דער מאָדעל פון פאַרניכטונגס־לאַגער טרעבלינקע, וואָס איז אויסגעפאַרטיקט געוואָרן דורך יעקב ווירניק.

10. הערשל נוכאָוויטש

שוין אין דער פריעסטער יוגנט האָט ער זיך געלערנט מעבל־סטאָליערײַ. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער אַוועק אַרבעטן אין דייטשן „זעגעווערק" (טאַרטאַק) אויף דער וואָליע. ווייזט אויס, אַז דאָרט, אין „זעגעווערק", איז ער אַריינגעפאַלן צו אַ גוטן דייטשן מייסטער און ער האָט דאָס פאַך גרינטלעך דערלערנט.

הערשל נוכאָוויטש האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַן אייזערנעם געדולד און פלעגט ליב האָבן אַריינצוטראַכטן זיך אין דער אַרבעט. אַ ליבעסווירדיקער יונגערמאַן, פלעגט זיך קיינמאָל נישט דענערווירן און שטענדיק פלעגט איר אים טרעפן מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל, אָפטמאָל אַפילו אַ פאַרלאָשענעם.

אַז אין ביאַלע זענען אַריין אין דער מאָדע די מאַסקן־בעלער פון „טאָז" יעדן פּורים, האָט הערשל באַשלאָסן צו שאַפן עפעס אַן אָריגינעלע מאַסקע, וואָס זאָל אַרויסרופן אַ רושם אין שטאָט. האָט ער אַלע ווינטער־אָוונטן אַוועקגעאַרבעט ביי דער מאַסקע אין דער גרעסטער געהיימעניש, אַפילו די נאָענטסטע אין שטוב האָבן וועגן דעם נישט געוווּסט. אַז זיין מוטער פלעגט אים אַראָפּברענגען ביינאַכט עסן, פלעגט ער איר נישט אַריינלאָזן אין וואַרשטאַט, נאָר דורך אַ טיר־שפּאַרונע אַרויסשטעלן די האַנט און צונעמען דאָס עסן. אַז ס'איז אָנגעקומען דער פּורים איז הערשל מיט זיין ברודער אַברהם דערשינען אויפן מאַסקן־באַל ווי משה רבנו און אהרן, אָנגעקליידטע אין קאָסטיומען פון העבל־סטרוזשקעס פון פאַרשיידענע פאַרבן. הערשל האָט טאַקע באַקומען דעם ערשטן פּרייז פאַר זיין מאַסקע.

אויפן נאָענטסטן מאַסקן־באַל איז הערשל דערשינען אין דער מאַסקע פון אַ גאַנדז. אויך ביי אָט דער מאַסקע האָט ער אַוועקגעאַרבעט אַלע ווינטער־אָוונטן, קלעבנדיק אַ פעדער צו אַ פעדער.

מיר האָבן געזאָגט, אַז הערשל האָט ליב געהאַט אַרײַנצוטראַכטן אין דער אַרבעט, אָבער ער האָט געהאַט די אַמביציע זיך אַרײַנצוטראַכטן אויך אין זאַכן, וואָס זענען געווען מחוץ פון זײַן פאַך. ער האָט געשטרעבט אַרויסצוברענגען עפּעס אַ דערפינדונג אין זײַן לעבן. אין שייכות דערמיט ווילט זיך אונדז דאָ עפּעס דערציילן.

געווען איז עס נאָכדעם ווי דער גענעראַל נאָבילע האָט געליטן אַ דורכפאַל מיט זײַן לופט־עקספּעדיציע צום צפון־פּאָל, זײַן אַעראָפּלאַן איז דעמאָלט אַראָפּגעפאַלן און איז צעשמעטערט געוואָרן. הערשל האָט זיך אָנגעלייענט אַ סך וועגן אָט דער עקספּעדיציע און ער האָט זיך גענומען פאַראינטערעסירן מיטן בוי פון אַעראָפּלאַנען. אין אַ צייט אַרום האָט ער מיר געוויזן אַ סך צייכענונגען פון אַעראָפּלאַנען און מיר דערקלערט, אַז ער האָט דערפינדן אַן אויסבעסערונג, אַז נאָכן אַראָפּפאַלן פון אַעראָפּלאַן אויף דער ערד זאָל ער נישט צעשמעטערט ווערן. איך האָב געקוקט אין די פאַרשיידענע צייכענונגען און ווייניק וואָס פאַרשטאַנען. איך האָב הערשלען געפרעגט, צי ער האָט געלערנט פיזיק. אויף דעם האָט ער מיר געענטפערט, אַז ער האָט לעצטנס אַ סך געלייענט וועגן אַעראָפּלאַנען־קאָנסטרוקציעס. ער האָט צו מיר געהאַט אַ בקשה: איך זאָל אים מאַכן די באַשרײַבונג פון זײַן דערפינדונג אין דער פּוילישער שפּראַך.

מער האָט זיך הערשל צו מיר נישט געוואָנדן וועגן דעם. איך האָב געהערט, אַז יצחק פּיזשיץ איז מיט הערשלען אַוועק צו אַן אינזשיניער אין דער שטאָטישער אַעראָפּלאַנען־פאַבריק. יענער האָט נאָכן דורכקוקן די צייכענונגען געזאָגט, אַז עפּעס אַן אָריגינעלער געדאַנק איז יאָ פאַראַן אין די צייכענונגען, אָבער ס׳פאָדערט זיך אַ מיזאַמע באַאַרבעטונג און אויסרעכענונג פון יעדן פּרט.

הערשל האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט. אָבער דערווייל איז אונטערגעקומען היטלער מיט זײַנע אַעראָפּלאַנען... הערשל איז אַוועק אויף די פּוילישע מזרח־קרעסן און אויך דאָרט האָט אים דעריאָגט די דײַטשע שווערד.

ביזן אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט האָבן קיין יידישע קינדער פון ביאַלער תושבים נישט געלערנט אין קיין אַלגעמיינע שולן. די איינציקע פאַמיליע אין שטאָט, וואָס אירע קינדער זענען געגאַנגען שוין אין סוף פון 19טן יאָרהונדערט אין דער שטאָטישער גימנאַזיע, איז געווען די פאַמיליע האַרטגלאַס, אַ נײַ אָנגעקומענע אין ביאַלע, און, אַזוי־געזאָגט, אַסימילאַטאָרישע פאַמיליע. מיטן אָנהייב פון 20סטן יאָרהונדערט האָבן אין ביאַלע אָנגעהויבן בלאָזן אַנדערע ווינטן, און איינציקווייז האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן אין די אַלגעמיינע שולן אויך קינדער פון חסידישע היימען. קלאָר, אַז די צאָל אַבסאָלווענטן, וואָס איז אַוועק אויף העכערע לימודים און באַוויזן צו ענדיקן, איז נאָך געווען אַ גאָר קליינע. דער אָנהייב אָבער איז געווען אַ צוזאָגנדיקער, אָבער די נאַצי־שווערד האָט צו אַלעמען אַ סוף געמאַכט.
וועגן עטלעכע פון אָט די אַבסאָלווענטן רעדט זיך אין די ווײַטערדיקע נאָטיצן.

וו. ד"ר דוד כהן

געבוירן אין ביאַלע אין יאָר 1889. זײַן פאָטער משה כהן איז געווען זייער אַן אָנגעזעענער גערער חסיד. ווען ער איז געשטאָרבן איז נאָך דוד געווען אַ יונגער ייִנגל און זײַן אַפּוטראָפּוס איז געוואָרן זײַן שוואָגער הערצל האַלבערשטאַט. אָט דער האַלבערשטאַט איז שוין אין יענע יאָרן געווען אַ ציוניסט און זיך געקליידט „דײַטשמעריש". פאַר אָט די „חטאים" האָט מען אים אַרויסגעוואָרפן פון גערער שטיבל. הערצל האַלבערשטאַט האָט זיך פאַרנומען מיט דער דערציאונג פון זײַן יונגן שוואָגער דוד, און ער האָט דאָס טאַקע געוואַגט אים אַרײַנצוגעבן אין דער ביאַלער מלוכהשער גימנאַזיע.

עטלעכע יאָר נאָכן טויט פון משה כהן איז די פאַמיליע אַרויס קיין וואַרשע. דוד איז געבליבן אין ביאַלע ביזן פאַרענדיקן דעם זעקסטן קלאַס גימנאַזיע. בעת זײַן לערנען אין ביאַלע איז דוד אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין אַ רעוואָלוציאָנערן קרייז, צו וועלכן ס׳האָבן אָנגעהערט אַזוי יידישע, ווי קריסטלעכע גימנאַזיסטן.

אין וואַרשע האָט דוד פאַרענדיקט אַ מלוכה־גימנאַזיע און ער איז אָנגעקומען אויפן מעדיצינישן פאַקולטעט פון דער וואַרשעווער אוניווערסיטעט. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז די וואַרשעווער אוניווערסיטעט עוואַקואירט געוואָרן קיין ראָסטאָוו (רוסלאַנד). דוד איז אַוועק קיין רוסלאַנד און דאָרט אין ראָסטאָוו האָט ער געענדיקט זײַן מעדיצין־שטודיום. נאָך דער מלחמה איז ער צוריקגעקומען קיין וואַרשע, ווו ער האָט נאָך אַ צוגאָב־שטודיום באַקומען דעם דאָקטאָר־דיפּלאָם און ער האָט אָנגעהויבן זײַן מעדיצינישע קאַריערע.

דודס שטרעבונג איז געווען צו פאַרפולקאָמען זיך אין כירורגיע. ס׳איז אים געלונגען צו ווערן אַסיסטענט פון באַרימטן כירורג פּראָפעסאָר ד"ר ראַדלינסקי, וואָס איז טעטיק געווען אין דעם אוניווערסיטעט־שפּיטאָל „שוויענטי דוך". ביי די דעמאָלטיקע פאַרהעלטענישן אין פּוילן, ווען ס׳האָט געהערשט דער „נומערום קלאַאוזס" פאַר דער יידישער שטודירנדיקער יוגנט, ווען דער אוניוועסיטעט־שפּיטאָל „שוויענטי דוך" איז אין פאַר־מלחמהדיקן פּוילן געווען אַ טרוים אַפילו פאַר פּוילישע יונגע מעדיקערס, און יידישע יונגע דאָקטוירים האָבן אַפילו נישט געוואַגט צו חלומען וועגן דעם, איז דאָס געווען אַ גאָר גרויסע דערגרייכונג פאַר אַ יונגן יידישן מעדיקער. דוד כהן האָט אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע באַ־

גאַבונג אין כירורגיע, און מיט דער צייט איז ער געוואָרן פּראָפעסאָר ראַדלינסקעס ערשטער אַסיסטענט, וואָס האָט באַדייט אַ גאָר הויכע מדרגה אין דער מעדיצינישער וועלט אין פּוילן.

אין וואַרשע האָט דוד געהייראַט מיט זיין שול־חברה ד״ר פּ. סירקין (פון דער באַוווסטער סירקין־פאַמיליע), אַ טעטיקע ציוניסטין.

ד״ר דוד כהן איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענער קאָסמאָפּאָליט און אין וואַרשע האָט ער זיך פולשטענדיק אַסימילירט, נישט האָבנדיק קיין שום פאַרשטענדעניש פאַר יידישע פּראָבלעמען. אַלע באַמיאונגען פון זיין פרוי און אירע פריינד אַריינצוציען אים אין זייער פאַראינטערעסירונגס־קרייז זענען געבליבן דערפאָלגלאָז. ער האָט זיך געהאַט זיין געביט — מעדיצין, און אָט דער וויסנשאַפט האָט ער זיך געווידמעט בלב ובנפש. ער איז נישט נאָר טעטיק געווען ביים אָפּעראַציע־טיש, נייערט ער פלעגט זיך אויך אָפּגעבן מיט מעדיצינישע פאָרשונגען און האָט פאַרעפנטלעכט אַ ריי וויסנשאַפטלעכע אָפּהאַנדלונגען אין פאַכמענישע צייטשריפטן. חוץ מעדיצין האָט ער ליב געהאַט מוזיק.

אויב ד״ר כהן איז, אין אַ גאָר קליינער מאָס, יאָ טעטיק געווען געזעלשאַפטלעך, איז דאָס אויך געבונדן געווען מיט מעדיצין, ווי אַ שטייגער: מיטגליד אין פּאַטראָנאַט איבערן אַנשטאַלט פאַר גייסטיק־קראַנקע „זאָפּיוווקע” און אין דער געזעלשאַפט „פּאָמאָץ לעקאַרסקאַ” (מעדיצינישע הילף).

ביי זיין גאַנצער אַסימילירטקייט און קאָסמאָפּאָליטיזם איז דאָך ביי אים געבליבן נעסטן אַ סענטימענט פאַר זיין געבוירן־שטאָט ביאַלע. ווי שווער ס׳איז נישט געווען אָנצוקומען צו אים אין שפּיטאָל „שוויענטי דוך”, אויף וועלכן דער פּוילישער קלער האָט אַרויפגעלייגט זיין רעליגיעזן חותם, פלעגט דאָך דאָרט אין שפּיטאָל זיין ביי אים אַן אָנגעלעגטער גאַסט דער ביאַלער גערער חסיד הערשל ז״ק. אָט אין דעם שפּיטאָל פלעגט עס אָפּט קומען הערשל ז״ק, אין זיין לאַנגער קאַפּאָטע, אין שטיוול, מיט דער ווילד צעפּלאָשעטער באָרד און פלעגט אין דער אָנוועזנהייט פון די קריסטלעכע דאָקטוירים רעדן מיט ד״ר כהן אויפן קול אין מאַמע־לשון — אין יידיש. הערשל ז״ק פלעגט עס אים, ד״ר דוד כהן ״צושטעלן” פּאַציענטן און בתוכם אויך ביאַלער יידן, וואָס האָבן דווקא געוואָלט, אַז ד״ר כהן זאָל זיי אָפּערירן. הערשל ז״קס פּראָטעקציע האָט שטענדיק געהאָלפן, ווייל ד״ר כהן האָט געהאַט אַ באַזונדערן רעספּעקט פאַר אָט דעם ייד, אין וועמענס שכנות זיין פאַמיליע האָט אַמאָל געוווינט אין ביאַלע.

בערך אין יאָר 1934/5 איז ד״ר דוד כהן באַשטימט געוואָרן פאַרן אָרדינאַטאָר פון דער כירורגישער אָפּטיילונג פון וואַרשעווער יידישן שפּיטאָל אויף טשיסטע. ס׳האָבן נישט געפעלט דעמאָלט קיין קאַנדידאַטן אויף אָט דעם פּאָסטן, אָבער ד״ר כהן איז אָנערקענט געוואָרן פאַרן פּאַסיקסטן פון אַלע, כדי צו פאַרנעמען אַזאַ הויכן און פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן אין אָט דעם גרויסן שפּיטאָל, ווו ס׳זענען טעטיק געווען אַזעלכע מעדיצינישע קאָפּאַציטעטן ווי: ד״ר נאַטאַנזאָן, ד״ר פלאַטאַו, ד״ר א. סאָלאָווייטשיק, ד״ר ג. לעווין, ד״ר לובעלסקי א״אַ, האָבן זיך געפאָדערט אויסערגעוויינלעכע מעדיצינישע קוואַליפיקאַציעס.

אַ חוץ זיין פּראַקטיק אין שפּיטאָל האָט ד״ר כהן נאָך געפירט אין וואַרשע אַן אייגענע כירורגישע קליניק, וואָס האָט געהאַט אַ שם אין וואַרשע און אין דער פּראָווינץ.

אָט אַזוי איז אָנגעגאַנגען ד״ר כהן מיט זיין מעדיצינישער פּראַקטיק, וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען און פאַרפולקאָמונג ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. סוף אויגוסט 1939 איז ער מאָביליזירט געוואָרן אין דער פּוילישער אַרמיי. ביים צוזאַמענברוך פון אָט דער אַרמיי איז ער שטעקן געבליבן אין ראָוונע, וואָס איז שפּעטער־צו איינגעגלידערט געוואָרן אין די גרענעצן פון סאָוויעט־רוסלאַנד.

ער האָט מורא געהאַט צוריקצוקערן זיך קיין וואַרשע, ווו ס׳האָבן שוין געוועלטיקט די דייטשע האָרדעס. אין ראָוונע האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן מיט אַלע רמ״ח אברים אין דער מעדיצינישער אַרבעט. גאָר גיך איז ער אין דער גאַנצער געגנט מפורסם געוואָרן ווי דער „גרויסער וואַרשעווער כירורג”. די דייטשע בליץ־אָפענסיווע אויף רוסלאַנד אין יאָר 1941 האָט אים פאַרכאַפּט אין ראָוונע. אויך אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע האָט ער ממשיך געווען זיין מעדיצינישע טעטיקייט. ווי מ׳דערציילט, זאָלן די דייטשן האָבן אים אַוועקגענומען פון אָפּעראַציע־טיש אין דאָרטיקן שטאָטישן שפּיטאָל און אים אומגעבראַכט.

זיין פרוי און טאָכטער איז געלונגען אין יאָר 1940 אַרויסצורייסן זיך פון נאַצי־קלעם אין וואַרשע און זיי זענען דורך איטאַליע עולה געווען קיין ארץ־ישראל. פרוי ד״ר פּ. סירקין־כהן איז אין ישראל טעטיק אין איר באַרוף — מעדיצין. די טאָכטער האָט פאַרענדיקט אין ארץ־ישראל דאָס לערנען אין גימנאַזיע, געענדיקט דאָס טעכניקום אין חיפה און איז היינט צו טאָג אַן אָנערקענטע אַרכיטעקטין.

ד״ר ד. כהן האָט אויסגעשולט אַ קאַדער יידישע כירורגן, וואָס דערמאָנען זיין נאָמען מיט יראת־הכבוד און דאַנקבאַרקייט. אויך אין ישראל געפינען זיך זיינע אַסיסטענטן אויף עקספּאָנירטע מעדיצינישע פּאָסטנס. און נישט איין מאָל, ווען ד״ר כהנס אַסיסטענטן קומט היינט אויס דורכצופירן אַ שווערע און קאָמפּליצירטע אָפּעראַציע, זאָגן זיי צו זיך אַליין: — אונדזער ד״ר כהן האָט דאָך אַזאַ אָפּעראַציע דורכגעפירט שוין מיט 20 יאָר צוריק, הגם די מעדיצין איז נאָך דעמאָלט נישט געווען אַזוי פאָרגעשריטן ווי היינט.

געשריבן אויפן סמך פון פּרטים, וועלכע ס׳האָבן איבערגעגעבן: פרוי ד״ר פּ. סירקין־כהן, משה רבאון, יצחק שיין.

12. ד"ר בושע פינקלשטיין

אַ זון פון פישל און צפורה. פון די געצײלטע ביאַלער יוגנטלעכע, וואָס האָבן אָנגעהויבן זייער לימוד אין דער שטאָטישער גימנאַזיע פאַרן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט מלחמה. די מלחמה האָט אים געשטערט דאָס לערנען, און אין באַפרייטן פוילן איז ער געווען דער ערשטער יידישער אַבסאָלווענט פון דער שטאַטישער מלוכה־גימנאַזיע. נאָכן ענדיקן די גימנאַזיע איז ער אַוועק שטודירן מעדיצין אויפן ווילנער אוניווערסיטעט און דאָרט טאַקע באַקומען זיין דאָקטאָר־דיפּלאָם.

אַ גוטמוטיקער יונגערמאַן, תמיד פול מיט הומאָר, טעטיק געזעלשאַפטלעך און פריי פון יעדן סנאָביזם.

מיר ביאַלער האָבן געקאָנט יוגנטלעכע, וואָס ביים איבערטרעטן בלויז די שוועל פון דער גימנאַזיע, פלעגן זיי אויף אַנדערע קוקן „פון אויבן אַראָפּ" און זיך באַמיען נישט צו רעדן קיין יידיש, כדי, חס וחלילה, זיך נישט קאַליע צו מאַכן דעם פוילישן אַקצענט. בושע פינקלשטיין איז ווייט געווען פון אָט דעם סנאָביזם. ביז זיין אָפּפאָרן שטודירן קיין ווילנע, איז ער געווען אַ טעטיקער חבר אין השומר־הצעיר, ווו ער האָט אָנגעפירט מיט אַ קבוצה. מיט יעדן איינעם איז ער געווען היימיש און פלעגט חבריש יעדן איינעם אויפקלערן פאַרשיידענע פראַגעס, וואָס פלעגן אים געשטעלט ווערן אויף פאַרשיידענע געביטן. ער האָט אָנטיילגענומען ווי אַ לערער אין די אָוונט־קורסן ביים השומר־הצעיר און גענאָסן פון שטאַרקער סימפּאַטיע מצד זיינע תלמידים. ער איז אויך געווען דער אימפּראָוויזאַטאָר פון אַ סך מעלאָדיעס צו לידער וואָס פלעגן געזונגען ווערן אין השומר.

הגם ער האָט שטענדיק צייט געהאַט צו זיין טעטיק געזעלשאַפטלעך, איז ער דאָך געווען פון די בעסטע תלמידים אין זיין קלאַס. אַזוי האָט איר אים געטראָפן ווי אַ טעטיקן מיטגליד אין מכבי און ווי אַ סטאַבילן אָנטיילנעמער אין דראַמאַטישן קרייז ביים „בית־עם", ווו ער האָט זיך אויסגעצייכנט אין נישט איין טעאַטער־אויפפירונג. ער האָט נישט מורא געהאַט פאַר זיין פוילישן אַקצענט און פלעגט שטענדיק רעדן מאַמע־לשון, אַ שפרודלדיקן יידיש, באַווירצט מיט אַ האַרציקן און פאָלקסטימלעכן הומאָר.

אַז מען פלעגט אים פרעגן: — בושע, וואָס וועסטו טאָן נאָכן ענדיקן דעם אוניווערסיטעט? פלעגט ער מיט זיין גוטמוטיקן הומאָר ענטפערן: — איך וועל קומען קיין ביאַלע און מאַכן שותפות מיטן „קאַברינער"...

נאָכן ענדיקן דעם אוניווערסיטעט איז ער צוריקגעקומען קיין ביאַלע און פּראַקטיקירט ווי אַ דאָקטאָר. און ווידער האָט ער געפונען צייט צו זיין געזעלשאַפטלעך טעטיק. דאָס מאָל — אין „טאָז" און אויך צווישן די איניציאַטאָרן, וואָס האָבן געפּרוווט צוריק אויפלעבן דעם מכבי אין שטאָט.

פון ביאַלע איז ער אַוועק קיין ביטען (וואָלין). דאָרט איז ער טעטיק געווען אין זיין באַרוף און דאָרט האָט ער זיך אויפגעבויט זיין פאַמיליע־נעסט. און ווי אין זיין געבוירןשטאָט, אַזוי אויך אין ביטען, איז ער אָנגעגאַנגען מיט זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, און איז באַליבט און געשעצט געווען ביי דער דאָרטיקער באַפעלקערונג.

ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ד"ר ב. פינקלשטיין מאָביליזירט געוואָרן אין דער פוילישער אַרמיי. ער זאָל האָבן אַריינגעפאַלן אין דייטשער געפאַנגענשאַפט און מער האָט מען פון אים נישט געהערט.

13. ד"ר נתן ציגעלניק

דער פאָטער אַ שטרענג רעליגיעזער ייד (נישט קיין ביאַלער), אַ מלמד ערגעץ־ווו אויף די פוילישע מזרח־קרעסן; די מוטער אַ ביאַלערין (פון די ראָזנצווייגס), וואָס האָט באַשלאָסן פאַר יעדן פרייז צו בילדן אירע צוויי קינדער, אַ זון און אַ טאָכטער.

ביים אָנהייב לערנען האָט די מוטער גאָר ווייניק נחת געהאַט פון איר זון, ווייל נאָך אַ יאָר לערנען אין דער מכינה־קלאַס, האָט מען נתנען באַזייטיקט פון גימנאַזיע צוליבן שלעכטן לערנען זיך.

דאָס באַזייטיקן אים פון גימנאַזיע איז פאַרן יונגן נתן געווען אַ שטאַרקער קלאַפּ און ס'האָט זיך אין אים אָנגעצונדן די אַמביציע.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט לערנען און ממש זיך צוגעשמידט צום שטול. נאָך אַ יאָר האָט ער באַלייגט אַן עקזאַמען און איז אָנגענומען געוואָרן אין דער צווייטער קלאַס גימנאַזיע. ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און ציגעלניק איז געוואָרן פון די בעסטע שילער אין קלאַס. טאָג און נעכט איז ער געזעסן איבערן בוך. ער האָט אָבער אויך געפונען גענוג צייט צו זיין טעטיק אין די רייען פון השומר־הצעיר.

אין די העכערע קלאַסן, ווען מ'האָט געדאַרפט אין אַ יום־טוב געווידמעט דעם ים האַלטן אַ רעפעראַט וועגן ים, האָט מען אין גימנאַזיע נישט געפונען קיין אַנדערן, נאָר טאַקע נתנען, וועמען מ'האָט באַאויפטראָגט וועגן דעם צו רעפערירן. נאָכן רעפעראַט איז צו אים צוגעגאַנגען דער פּראָפעסאָר פון פויליש און אים געזאָגט: — זייער גוט, זייער גוט, נאָר ס'האָט געפעלט אַ ביסל וואַרעמקייט (געמיינט פּאַטריאָטיזם).

נאָכן ענדיקן די גימנאַזיע האָט ציגעלניק אויסגעקליבן פאַר זיין לעבנס־באַרוף — מעדיצין. ער איז אַוועק קיין ווילנע און אויף דער דאָרטיקער אוניווערסיטעט האָט ער באַקומען זיין דאָקטאָר־דיפּלאָם. ווייזט אויס, אַז ער האָט בעת זיין שטודיום אַרויסגעוויזן גרויסע פעאיקייטן און באַגאַבונג, ווייל ער האָט נאָכן פאַרענדיקן די אוניווערסיטעט באַקומען אַ ריי וואַרעמע רעקאָמענדאַציע־בריוו פון זיינע פּראָפעסאָרן, און צווישן אַנדערע פון באַרימטן פּראָפעסאָר ראָזע (פּראָפעסאָר

ראָזע האָט זיך פאַרנומען מיט פאָרשן דעם מוח פון פאַרשטאָרבענעם מאַרשאַל פּילסודסקי).

אָט די רעקאָמענדאַציע־בריוו האָבן אים, ציגעלניקן, געהאָלפן אָנקומען אין וואַרשעווער יידישן שפּיטאָל אויף טשיסטע, וווהין אַ סך יידישע יונגע מעדיקערס האָבן געגאַרט אָנצוקומען און נאָר געציילטע פון זיי איז דאָס געלונגען.

די דייטשע אָקופּאַציע פון פּוילן האָט אים אָנגעטראָפן אין וואַרשע, ווו ער איז געבליבן ווייטער טעטיק אין יידישן שפּיטאָל. אין וואַרשעווער געטאָ האָט ער פאַרנומען אַ פאַראַנטוואָרטלעכן אַמט אין יידישן געטאָ־שפּיטאָל. ער האָט חתונה געהאַט אין וואַרשעווער געטאָ און געהאָפט דורכצוקומען די פינצטערע צייט. ליידער האָט די דייטשע רוצחישע האַנט אויך אים דערגרייכט, און ס'איז אויסגעלאָשן געוואָרן אַן אויפגייענדיקער שטערן אויפן מעדיצינישן האָריזאָנט.

שמעון גאָלדשמידט

אַ זון פון אברהם גאָלדשמידט, אַ נידעריקער און עטוואָס דיקלעכער, מיט אַ רונדיק פּנים און אַ פּאָר שטענדיק שמייכלדיקע אויגן. פון אהרן יחיאל מלמדס חדר איז ער אַריין אין גימנאַזיע, און גלייך זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ גאָר פעאיקן תלמיד. ער איז, שיינט מיר, געווען צווישן די געציילטע תלמידים אין דער ביאַלער גימנאַזיע, וואָס זענען אין אַזאַ יונגן עלטער צוגעטראָטן צו די מאַטורע־עקזאַמענס. ער האָט די עקזאַמענס דורכגעהאַלטן ערשטקלאַסיק, אָבער ביים סוף איז אים געשען אַ מכשול: פּילסודסקיס נאָמען האָט ער אָנגעשריבן מיט אַ „ז", אָנשטאָט מיט אַ „ס", און ער איז דורכגעפאַלן.

צו זיין גרויסן צער איז אים צוגעקומען, אין דעם זעלבן זומער, די טראַגעדיע פון זיין מוטערס טויט, וואָס האָט אים לגמרי דערדריקט. ער האָט נאָך אַ יאָר פאַרבראַכט צווישן די מויערן פון דער ביאַלער גימנאַזיע און אָן שום שוועריקייטן אין אָנשטרענגונגען באַקומען די מאַטורע.

אַזוי ווי ער האָט געהאַט שוועריקייטן ביים אָנקומען אויפן מעדיצינישן פאַקולטעט אין אַ פּוילישן אוניווערסיטעט, איז ער אַוועק לערנען קיין באָלאָניע, איטאַליע. בעתן לערנען אין איטאַליע, האָט ער אָנגעהויבן שרייבן, און אין גאָר ערנסטן פּוילישן פאַרלאַג „האָעשיצק" אין וואַרשע, איז דערשינען זיינס אַ בוך אין פּויליש וועגן פּיראַנדעלאָ און זיין טעאַטער. דאָס בוך האָט געהאַט זייער גוטע אָפּרופן אין דער פּוילישער פּרעסע.

שמעון האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרענדיקן זיין שטודיום אין איטאַליע, אָבער ס'האָט זיך אָנגערוקט דאָס אומגליקלעכע יאָר 1939, און ער איז אויפגעפּאָדערט געוואָרן פון דער פּוילישער פאָרשטייערשאַפט אין איטאַליע אומצוקערן זיך אַהיים. ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט כתבים, אָבער ער האָט זיי שוין נישט באַוויזן אַרויסצוגעבן, צוליבן אויסברוך פון דער מלחמה.

לכתחילה איז שמעון אַריבער אויף דער רוסישער זייט, אָבער ער האָט זיך גיך אומגעקערט קיין ביאַלע, און איז אַוועק קיין וואַרשע. געווען שמועות, אַז ער געפינט זיך אויף דער אַרישער זייט. אין געווירבל פון די בלוטיקע געשעענישן איז ער נעלם געוואָרן.

עסקנים, שרייבערס און געשטאַלטן

יוסף זייד לאָס־אַנדזשעלעס / יעקב קאַהאַן

צו אַ מיטינג פון דער ביאַלער הילפס־אָרגאַניזאַציע אין לאָס־אַנדזשעלעס האָט זיך מיט אַ 6 יאָר צוריק באַוויזן אונדזער לאַנדסמאַן יעקב קאַהאַן. זיין דערשיינען האָט ביי מיר אַרויסגערופן גרויס צופרידנקייט, ווייל געקומען איז ער אין אַ צייט, ווען אונדזער קליינע גרופּע ביאַלער האָט זיך גענויטיקט אין אַ מענטש מיט פאַרשטאַנד און אינטעליגענץ, וואָס זאָל העלפן אַריינברענגען מער לעבן און אינהאַלט אין אונדזער פיינער גרופּע לאַנדסלייט.

מיר, ווי אויך אַנדערע ביאַלער, וואָס האָבן יעקבן געקאָנט פון דער היים, איז איינגעפאַלן דער געדאַנק, אַז ער, יעקב, וואָלט געוועזן די געוווּנטשענע פּערזאָן אָנצופירן מיט דער אַרבעט פון דער ביאַלער לאַנדסמאַנשאַפט אין קאַליפאָרניע.

זייענדיק נישט לאַנג אין שטאָט, האָט זיך יעקב געפילט דאָ אַ ביסל פרעמד, און אגב איז זיין געזונט־מצב נישט געווען ווי צום בעסטן. דאָך האָט ער איינגעשטימט צו ווערן דער פאָרזיצער פון דער לאַנדסמאַנשאַפט.

שוין אַ סך יאָרן ווי יעקבן לאָזט נישט רוען זיין געוויסן. ס'איז פאַראַן אַזוי פיל אַרבעט אין יידישן לעבן, אַזוי פיל נויטן צו לינדערן צווישן די לעבנגעבליבענע יידן פון גרעסטן חורבן; זיין טעטיק אין היגן יידישן לעבן און פאַרן יידישן לאַנד — ישראל, דאָס לאַנד, וואָס איז געוואָרן די האָפענונג פון אַלע פאַרוואָגלטע און גערודפטע אומגליקלעכע יידן, וואָס האָט אַריינגעבראַכט כבוד, מוט און האָפענונג צו אַלע יידן אין דער גאָרער וועלט.

וואָלט דאָס לעבן ביי אים געפלאָסן נאָרמאַל און נישט מיט אַזוי פיל שטערונגען און געראַנגלען, וואָלט יעקב קאַהאַן, מיט זיין פילזייטיקער פאַרשטענדעניש און ערנסטער באַציאונג צו מענטשן, פּראָבלעמען און סיטואַציעס, נאָך אַ סך פריער געוועזן פאַרנומען אַ חשובע פּאָזיציע, ווי אַן עסקן אין היגן יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

איז אָבער דער לעבנס־וועג פון יעקבן, פון זיין קינדהייט אָן, פול געווען מיט דערנער.

צו צוויי און אַ האַלב יאָר איז ער געוואָרן אַ יתום. זיין פאָטער איז געשטאָרבן און איבערגעלאָזט אַ פרוי מיט 5 קינדער, פון וועלכע יעקב איז געווען דער יינגסטער. זיין פאַרצווייגטע מיוחסדיקע, נגידיש־חסידישע משפחה (די מוטער האָט געשטאַמט פון דער אָנגעזעענער משפחה שחור, אַ פּלימעניצע פון גרויסן למדן ר' נח שחור), וועלכע האָט געהאָלפן פינאַנציעל דער אלמנה האָט אויך איבערגענומען די פונקציע פון פאָטער און דערציער פון די יתומים.

שוין אין זיין קינדהייט האָט יעקב דערפילט דעם טעם פון אונטערדריקן אין זיך דאָס געפיל פון פּראָטעסט און רעוואָלט קעגן די אַפּוטרופּסים, בעלי־עצות און דעה־זאָגערס, וואָס האָבן אַרומגעצוימט זיין לעבן און דערפירט אים צו רעזיגנאַציע. אָט די אָנגעזאַמלטע געפילן פון פּראָטעסט און רעזיגנאַציע, האָבן באַווירקט אַ גרויסן טייל פון זיין לעבן.

אויך אין זיינע שפּעטערדיקע יאָרן האָט דאָס לעבן נישט צוגעגרייט און נישט צוגעטיילט אים קיין סך גליק און פרייד. קראַנקהייטן און פאַמיליע־פּראָבלעמען האָבן אים געהאַלטן געפאַנגען, אָפּגעשוואַכט זיין ענערגיע און אים געשטערט צו נעמען אַ מער אַקטיוון אָנטייל אין די טעטיקייטן, וואָס זענען אים אַזוי ליב און טייער. זיין גלויבן אָבער, אַז די צייט וועט קומען, קאָניונקטורן וועלן זיך ענדערן און ער וועט אומשטאַנד זיין צו דערפילן זיין חוב און ווונטש פאַר די וויכטיקע צוועקן, וואָס ער האָט זיך אָנגעצייכנט, האָט ער קיינמאָל נישט אויפגעגעבן.

ווען יעקב האַט זיך, צוזאַמען מיט זיין פרוי רעי, באַזעצט אין לאָס־אַנדזשעלעס, זיין געזונט־צושטאַנד האָט זיך פאַרבעסערט און זיין לעבן האָט זיך נאָרמאַליזירט, האָט זיך אין ביאַלער הילפס־קאָמיטעט אָנגעהויבן זיין ערשטע טעטיקייט־תקופה. ער האָט זיך אויפן געביט פון הילפס־אַרבעט און אין קאָאָפּעראַציע מיט מיטאַרבעטערס, אַרויסגעוויזן ממש פאַר אַ מייסטער. ער האָט געדינט פאַר אַ שיינעם ביישפּיל פאַר אַנדערע גרעסערע לאַנדסמאַנשאַפטן דאָ אין שטאָט.

אין דער זעלבער צייט האָט ער שטיל און באַשיידן אָנגעהויבן זיין אַרבעט אין זיין באַליבטער אָרגאַניזאַציע „יידישער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד", ווו ער איז שוין מיט אַ סך יאָרן צוריק געווען אַ חבר, און געווען גרייט זי צו דינען און העלפן אין איר פאַרצווייגטער טעטיקייט.

אין אַ גאָר קורצער צייט האָט זיך יעקב געשאַפן אַ נאָמען פון אַ פעאיקן, פאַראַנטוואָרטלעכן און רעאַליסטישן עסקן פון דער יידיש־נאַציאָנאַלער באַוועגונג דאָ אין שטאָט. ער גיט אַוועק אַ סך צייט, געזונט און ענערגיע ביים דורכפירן דערפאָלגרייך די אחריותדיקע אַרבעט, וואָס ווערט אים אָנפאַרטרויט.

איז דעריבער קיין וווּנדער נישט, וואָס יעקב רופט אַרויס צו זיך אַ סך ליבע און אָנערקענונג ביי זיינע פריינד, באַקאַנטע און ביי יעדן, מיט וועמען ס'קומט אים אויס מיטצואַרבעטן. און מיט רעכט האָט דער פירער פון פאַרבאַנד, ביים פאָרשטעלן יעקבן, ווי דער פאָרזיצער פון אַ הסתדרות־אונטערנעמונג, געזאָגט: — דאָ שטעל איך אייך פאָר דעם פאָרזיצער פון אָוונט, חבר יעקב קאהאן, דעם „יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד" אַליין.

דאָס איז אונדזער יעקב, דער שטאָלץ פון אַלע ביאַלער.

אהרן בעקערמאַן

געבוירן אין ביאַלע־פּאָדלאַסקע, 1897. אין די יאָרן 1914—1918 פאַרשלעפּט געוואָרן אויף צוואַנגס־אַרבעט אין פראַנקפורט אויפן מאַין (דייטשלאַנד). אין יאָר 1918 מאָביליזירט אין דער פּוילישער אַרמיי, אַרייַנגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט צו פּעטליורען. אין 1922 אומגעקערט זיך פון מיליטער, געלעבט אין וואַרשע ביז 1926. זינט 1926 אין פּאַריז. מיטגעאַרבעט אין דער אַרגענטינער „פּרעסע", „נייע פּרעסע" (פּאַריז), „פּאַריזער זשורנאַל" און פיל אַנדערע אויסגאַבעס. פאַרעפנטלעכט ביכער וועגן דאָסטאָיעווסקי, אַנאַטאָל פראַנס, ב. גלאָזמאַן און פּ. בימקאַ. אין מאַנוסקריפּט: מאָנאָגראַפיעס איבער לענינען, אַנרי באַרביס, זאָלאַ, אַן אויטאָביאָגראַפיע, טאָגבוך פון דער צייט פון צווייטן וועלט־קריג און אַנדערע. דעפּאָרטירט דעם 6טן מאַרץ 1943.

(„יזכור־בוך צום אָנדענק פון 14 אומגעקומענע יידישע שרייבער", פּאַריז, 1946).

אהרן בעקערמאַן האָט סטאַביל מיטגעאַרבעט אין „פּאָדלאַסיער לעבן" (מ. י. פ—ם).

פאַראַן מענטשן וואָס גײוינען צוטרוי מיטן כוח פון גרויס פּשטות און וואַרעמער פאָלקסטימלעכקייט, און מאַכן היימיש און נאָענט צו זיך פון דער ערשטער באַגעגעניש מיט זיי.

אַזאַ איז געווען דער ליטעראַטור־קריטיקער און עסייאיסט אהרן בעקערמאַן.

באַקאַנט האָב איך זיך מיט אים אין וואַרשע, דאַכט זיך אין יאָר 1921/2, אויף דזשיקע־גאַס, אין דער קליינער בוך־האַנדלונג פון גאָלדפאַרב פאַרלאַג. דערהערט פון גאָלדפאַרבן מיין נאָמען — האָט זיך בעקערמאַן אויסגעדרייט צו מיר מיטן פּנים און ווי צו אַן אַלטן באַקאַנטן, וואָס מ'האָט נישט דער־קאָנט — פאַרחידושט אַ פרעג־געטאָן: דאָס זענט איר, פּאַ־פּיערניקאָוו? פאַרוואָס־זשע שווייגט איר? נאָט אייך אַ שלום־עליכם! און — בעקערמאַן האָט מיר דערלאַנגט אַ קורצע, גרעבלעכע האַנט, וואָס האָט זיך געפּאַסט צו זיין מיטלוווּקסי־קער פיגור מיטן פולן רונדן פּנים, פון וועלכן ס'האָבן אַרויס־געקוקט אַ פּאָר העלע גוטמוטיקע אויגן.

ווען מיר זענען אַרויס צוזאַמען פון גאָלדפאַרבן, האָב איך בעקערמאַנען נישט געקאָנט דעריאָגן סיי אין גאַנג און סיי אין רעדן. געהערט האָט ער וועגן ווייסנבערגן וואָס איז דעמאָלט געווען דער אָפּטער העלד פון טאָג ביי דער יידישער שרייבער־משפּחה אין פּוילן. בעקערמאַן האָט, ווי איך, גע־האַלטן, אַז ווייסנבערגס מלחמה קעגן די אומבאַרופענע און זעלבסט־געקרוינטע אין דער ליטעראַטור — איז אַ גערעכטע, נאָר אַן אומגעלומפּערטע, און ער האָט צוליב סאָלידאַריטעט — צוגעזאָגט ווייסנבערגן מיטצואַרבעטן אין זיינע ליטעראַרישע אויסגאַבעס.

ביי ווייסנבערגן אין שטוב האָב איך בעקערמאַנען קיינמאָל נישט געטראָפן. ער האָט זיך כמעט נישט געוויזן אויך אין ליטעראַטן־פאַראיין אויף טלאָמאַצקע 13. נאָך עטלעכע צופעליקע באַגעגענישן מיט אים אין וואַרשע, האָב איך נאָך אַן איבעררייס פון אַ פופצן־זעכצן יאָר זיך געטראָפן מיט אים אויפן ערשטן יידישן קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריז; געטראָפן זיך מיט אים אויף קולטור־באַראַטונגען, ליטעראַרישע אימפּרע־זעס, און אויף מסיבות פון דער פּאַריזער לינקער שרייבער־גרופּע. ווי דאָס ערשטע מאָל אין וואַרשע — אַזוי האָב איך אים אויך אין פּאַריז געזען אַ רירעוודיקן, אַ שעפערישן פול מיט ליטעראַרישע פּלענער און — מיט דאגות־פּרנסה פאַר ווייב און קינד, וועמען ער איז געווען זייער איבערגעגעבן.

געווען איז עס אין יאָר 1937, בעקערמאַן איז אויסער אַ שרייבער, אַ פּובליציסט, געווען פון פאַך אַ בייטל־מאַכער, אויף פראַנצייזיש לשון אַ „מאַראָקינער", אַן אַרבעטער וואָס האָט געגעסן, ווי מ'זאָגט עס: דאָס ברויט פון זיין שווייס, געפירט אַ באַשיידן, שטיל און ריין פאַמיליע־לעבן, וואָס איז אכזריותדיק געוואָרן איבערגעריסן — מיטן אַריינמאַרש פון די נאַציס אין פראַנקרייך.

נאָך בעקערמאַנען זענען, אויסער די דערשינענע מאָנאָגראַ־פיעס איבער דאָסטאָיעווסקין, אַנאַטאָל פראַנס און ברוך גלאַז־מאַן — געבליבן אַ סך נישט פאַרעפנטלעכטע כתבים און צווישן זיי — אַן אויסגעגראָבענער כתב־יד פון זיינס אַ טאָגבוך, וואָס ער האָט געשריבן פון דעם ערשטן טאָג ביי די נאַציס אין פראַנקרייך. ער איז אומגעקומען אין אוישוויץ.

(י. פּאַפּיערניקאָוו „לעצטע נייעס", תל־אביב, פון 5טן אַפּריל 1957).

מלך ראַוויטש

ו. יאסל בירשטיין

געבוירן 1920 אין ביאַלע־פּאָדלאַסקע, 1936 אין מעל־בורן, זינט דעם יאָר 1950 אין מדינת ישראל, קבוץ גבת.

אַ הויכלעכער און לענגלעך־פּנימדיקער איז ער — יאָסל בירשטיין. ער קוקט דיך אָן אַ ביסל זייטיק, ער קוקט דיך אָן און ער אָבסערווירט דיך. דעריבער קען ער לאַנג שווייגן און הערן, נישט אַזוי הערן, ווי איינהאָרכן זיך. ביי די אַלע אינטעלעקטועלע כאַראַקטעריסטיקעס פון זיין פיזיק — האָט ער אָבער גאַנץ געזונטע הענט. נישט קיין ידים — נאָר הענט, אָבער געזונטע. און אפשר נעמט זיך דאָס אַלץ פון דעם, וואָס איך קען בירשטיינען שוין אַלס קיבוצניק — און אַ גרויסער טייל פון די קיבוצניקעס זענען טאַקע אַזוי. אַז ער איז אַ שוואַרצהאָריקער און טיף־ברוין־אויגיקער איז שוין נישט נויטיק צוצוגיבן.

זיי זענען געבוירן אין זעלבן יאָר, זענען כמעט אין זעלבן יאָר געקומען קיין אויסטראַליע — יאָסל בירשטיין און יאָסל

בערגנער, דער מאלער, מיין זון. זיי האָבן צוזאַמען געדינט אין אויסטראַלישן מיליטער בשעת מלחמה, און האָבן זיך כמעט אין דער זעלבער צייט באַזעצט אין מדינת ישראל. און נישט נאָר די ליטעראַרישע סיבות, אויך פערזענלעכע, משפחהדיקע כמעט, האָבן גורם געווען אונדזער באַקאַנטשאַפט. און צוגעבונדנקייט און פריינטשאַפט.

יאָסל בירשטיין האָט אָנגעהויבן מיט לידער און גוטע לידער, און האָט אַפילו אַ זאַמלונג אַרויסגעגעבן. אָבער ער האָט אַזוי לאַנג געקוקט אויף זיך אַביסל זייטיק — אַלס פּאָעט, ביז ער האָט באַשלאָסן, אַז ער איז אין דער אמתן מער פּראָזאַיקער ווי פּאָעט. און ער איז אַראָפּ פון באַפליגלטן פּאָעטישן פעגאזוס און האָט זיך פעסט אין זאָטל אַריינגעזעצט אויף אַ פשוט האָרעפּאַשנע אַרבעטס־פערד. ער שרייבט פּראָזע, גוטע פּראָזע, מער אונטער דער השפעה פון אַמעריקאַניש־ענגלישע און סתם איראָפּעאישע מאָדערנע פּראָזאַיקער, ווי יידישע און העברעאישע. און אויב יידישע השפעות איז גיכער בערגלסאָן ווי ווער נישט איז. ער האָט זיך פאַרמאָסטן אויף אַ קיבוץ־ראָמאַן. און קיבוץ־ראָמאַן איז — אין ברייטערן זינען פון דעם וואָרט — נישט נאָר אַ ישראלדיקער ראָמאַן, נייערט אַן אַלמענטשלעכע זוכעניש פון דער אינטעגראַציע פון מענטש און מאַשין, שטאָט און דאָרף, יחיד און רבים, ייד און גוי. דאָ אנומלט האָבן מיר געהערט בירשטיינען פירלייענען אַ קאַפּיטל פון דעם ראָמאַן און טאַקע פאַר קיבוצניקעס אין אַ קיבוץ — האָט מען געזען ווי די קיבוצניקעס קוקן זיך איבער און שמייכלען זיך איבער: ענדלעך שרייבט איינער פון דער טיף פון אונדזערע נשמות אַרויס... אָבער איידער ער האָט זיך גענומען צו דער דאָזיקער טעמע, האָט דער מעטאָדישער בירשטיין פריער אויסגעפּרוווט זיינע פּראָזע־כוחות אויף גוטע, קליינע דערציילונגען מיט ישראלדיקע לאַנדשאַפטן און פערסאָנאַזשן סתם.

ער איז אַ בעל־משפחה, ער האָט צוויי קינדער און אַ שיינע פרוי, מאַרגאַרעט, וואָס שטאַמט פון דייטש רעדנדיקע יידן און האָט זיך ערשט נעבן יאָסלען אויסגעלערנט יידיש, און אויסגעלערנט גוט צו פאַרשטיין מאָדערנע ליטעראַטור.

אין קיבוץ איז אַזוי: אַריין איז נישט צו גרינג, דער קיבוץ־כלל דאַרף דיך אַריינגעמען. און האָרעווען דאַרפסטו שווער. קיין אויסנאַמען זענען נישטאָ. דערפאַר אָבער קענסטו גרינג אַרויס. איבערנאַכט. איינגעפּאַקט די פעקלעך און אַוועק. און, ווי אין חומש שטייט: בגפו יבוא, ובגפו יצא. און וויפל איינער זאָל נישט בענקען צו מער פריי באַוועגן זיך — טראַכט מען דריימאָל איבער. יאָסל בירשטיין איז שוין זיבן יאָרן אין קיבוץ — ווען די ווערטער ווערן געשריבן. ער איז אַ פּאַסטוך פון שאָף. אין דער פּאָעזיע קלינגט דאָס ווי אַ ליד, אָבער אין דער אמתן איז דאָס אַ קאַטאָרזשנע אַרבעט. די זון ברענט ווי דער גיהנום וואָלט נישט געווען אונטן, נאָר אויבן... און די שאָף ווילן, אַז דו זאָלסט זיין נישט נאָר זייער חבר, נאָר זאָלסט זיין אַליין אַ מין זייער קלוגע שאָף, וואָס גייט אויף צוויי פיס... איך האָב יאָסלען ביי אָט דער אַרבעט געזען. אויסגעזען האָט עס טאַקע ווי אויף די בילדער פון יעקבס דינען פאַר רחלען ביי לבנ׳ען, אָבער דער שווייס האָט גערונען אין באָבן פון זיין לענגלעכן פנים, און די מידקייט פון אַלע רמ״ח אברים. שפּעטער פאַרנאַכט האָב איך אים געזען אין גליטש פון דער מעלק־שטאַל, דרייפערטל נאַקעט, זיך רוקן מיט אַ קליין בענקעלע פון איין שאָף צו דער אַנדערער, און די שאָף — ווי ביים מעלקן אָט די בהמות — מיט די הינטנס צום פנים פון דעם טאַלאַנטפולן יונגן פּראָזאַיקער, באַטראַכטער און קענער פון קאָמפּליצירטע נשמות פון מענער און פרויען, מיט פאַרשלאָסענע פּנימער... אַוודאי, ס׳איז נאַריש און שאַבלאָנע צו זאָגן: אָבער דאָס איז דער וועג, דער ליידנסוועג פון הויכווערטיקן שרייבן. דאָס איז דער וועג פון קרבן. אַז בירשטיין וועט די ווערטער לייענען — וועט ער שמייכלען. אָבער דאָס איז דער אמת.

2. יצחק פערלאָוו

געבוירן אין 1911 אין ביאַלע־פּאָדלאַסקע, אין פּוילן. יוגנט־יאָרן אין בריסק. שפּעטער וואַרשע. צווייטע וועלט־מלחמה אין רוסלאַנד. שפּעטער אין פּוילן, דייטשלאַנד, זינט 1947 אין ארץ־ישראל. וווינט אין תל־אביב.

פון אַ שיין שטעטל, נישט ווייט פון וואַרשע איז ער געקומען אין איין שיינעם טאָג אין וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַראיין אויף טלאָמאַצקע 13 יצחק פערלאָוו. ער איז געווען זייער הויך און זייער מאָגער און האָט געהאַט זייער אַ לירישן און פאַרלוירענעם שמייכל און איז געווען זייער יונג. און כאָטש מיר אַלע זענען אין יענער צייט אויך נאָך קיין זקנים נישט געווען — האָבן מיר אַלע געזאָגט: מילא טאַלאַנט צום שרייבן לידער — ווער מער און ווער ווייניקער — האָבן מיר אַלע, אָבער מיר זענען אייך, פערלאָוו, מקנא אייער יונגשאַפט און אייער יונגע גלויביקייט. וואָרום מיר זענען שוין דעמאָלט געווען נאָך די גרויסע ליטעראַרישע שטורעמס, און יאָרן פון נאָך־שטורעם ברענגען אַלעמאָל מיט זיך אַ ביסל סקעפּטיציזם. אָבער די גאַנצע וועלט פון גלויביקייט איז נאָך געווען אין יצחק פערלאָוו. אַבי מען זאָל נאָר עפענען פאַר אים די טויערן פון דעם פּאַרנאַס — — ווען פרנסה האָט ער נישט געטראַכט קיין סך און האָט ווייטער געהונגערט. און ווען נאָר ס׳האָט זיך געמאַכט אַ מעגלעכקייט איז ער איבערגעזעסן אַ נאַכט אין אַ ווינקל פון ליטעראַטן־פאַראיין.

און זאָל דאָ דערמאָנט ווערן אַזאַ מעשה. דאָס איבערנעכטיקן אין פאַראיין האָט אָנגעהויבן צו ווערן עפּידעמיש. פּאָליציי, וואָס האָט אַלעמאָל געהאַלטן אַן אויג אויפן לאָקאַל, האָט אָנגעהויבן עפּעס חושד זיין פּאָליטיש און זיך צו טשעפּען צוליב דעם. און איך האָב, אַלס סעקרעטאַר פון פאַראיין, באַקומען שאַרפע אינסטרוקציעס צו זען, אַז דאָס נעכטיקן זאָל אויפהערן. האָב איך שטילערהייט אַלע פּאָטענציאָנעלע נאַכט־

איבערזיצערס אָנגעזאָגט, אַז: נישט מער! און אַזוי אויך פערלאָזן, אָבער ס'איז דעמאָלט געווען גראָד אַ קאַלטע נאַכט. איך בין אַהיימגעגאַנגען און דער לאָקאַל איז געווען פּוסט. אָבער דאָס געוויסן האָט געמאַטערט. אַרום דריי ביינאַכט האָב איך טעלעפאָנירט אין פאַראיין. פערלאָוו האָט געענטפערט... דערהערט מיין שטימע איז אים אומהיימלעך געוואָרן. ער איז... אַריינגעפאַלן. אָבער, אַז איך האָב דערהערט זיין שטימע — בין איך גליקלעך געווען, אַ סימן, אַז ער האָט אין דער קאַלטער נאַכט נישט געגעכטיקט אויף די גאַסן. דער מאָמענט פון יענער פרייד איז מיר געבליבן ווי אַ שטראַל אויפן גאַנצן לעבן.

גאָר באַלד איז דער לירישער פּאָעט פערלאָוו געוואָרן דער שרייבער פון די זינג־טעקסטן פון דער לידער־זינגערין לאָלאַ פאָלמאַן. עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז נישט נאָר איז דער ליטעראַריש־קינסטלערישער זיווג פּערציק טעג פאַר דער געבורט פון דער זינגערין, און דעם זינגער אין וואָרט, אויסגערופן געוואָרן אין הימל, נאָר אויך דער פּשוט מענטשלעכער זווג; און זיי זענען געוואָרן לבשר אחד לויטן פּסוק אין חומש בראשית. און ס'איז אַוועק אַ קאָנצערטן־טור איבער גאַנץ פּוילן. דער שלאַנקער דיכטער און די קליינע זינגערין. פון זיין פּנים זענען פאַרשוווּנדן די ריוולעך פון הונגער, אָבער נישט די גריבלעך פון שמייכל און חן.

און יאָרן זענען אַוועק. די פערלאָווס האָבן איבערגעוואַנדערט און איבערגעליטן די יאָרן פון דריטן חורבן אין ווייטענישן פון רוסלאַנד, אַ חנעוודיק יינגעלע איז געבוירן געוואָרן און באַקומען דעם נאָמען בן־עמי, און אָט זענען זיי אין דייטשלאַנד אין די לאַגערן און זיי וואַנדערן מיט דעם לעגענדאַרן שיף „עקזאָדוס" קיין ארץ ישראל און קומען אָן צוריק קיין דייטשלאַנד... און אָט איז 1950 און איך באַזוך זיי ביים ברעג ים אין יפו אין אַ שטיבל אין „דזשעבעליאַ". לאָלאַ זינגט און פערלאָוו שרייבט שוין ווייניקער לידער און מער ראָמאַנען. אויטאָביאָגראַפישע באַשרייבונגען און ער איז שוין פּאָפּולער אין עטלעכע טיילן פון דער וועלט. מען דרוקט אים שטאַרק גערן אין אַמעריקע, אין „פאָרווערטס", און ביכער דערשיינען אָפט און אָוונטן אויף אַ גרויסן פאַרנעם קומען פאָר.

און אָט איז 1954—1956 — פון דזשעבעליאַ אַוועק אין אַ דירה אינמיטן תל־אביב — צפון. און מיר זענען ביידע מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג פון יידישן שרייבער פאַראיין אין תל־אביב. לאָלאַ זינגט און יצחק שרייבט. ער איז אַ ראָמאַניסט לויט דער פּראָפעסיע. יענער חלום פון פּאַרנאַס איז רעאַליזירט, און פּרנסה פעלט אויך נישט.

און ער איז נאָך אַלץ פול מיט פּיעטעט ווי אַמאָל. און זאָל דאָ דערציילט ווערן אַזאַ מעשה. דער שרייבער־פאַראיין נעמט אויף חיים ליבערמאַנען. דעם אייביקן אָפּאָנענט פון שלום אַשן. אָבער פערלאָוו האָט פּאָרט פּיעטעט צו ביידע. און אָט קריגט ער אַ וואָרט און ער האַלט אַ גלעזל כרמל־ווייַן אין האַנט. זאָגט ער שבחים וועגן דעם געהויבענעם גאַסט און ער פאַרענדיקט: פון אייך — גאַסט — האָב איך געלערנט אַסך, אָבער אויך פון אַשן האָב איך געלערנט, איז דעריבער לחיים ולשלום — חיים ליבערמאַן און שלום אַש! אַ וווּנדערלעכער דיכטערישער וואָרטשפּיל. זאָל ער פאַרשריבן ווערן אויף פערלאָווס חשבון.

(„מיין לעקסיקאָן", מאָנטרעאָל, 1958).

דערשינענע ווערק פון יצחק פערלאָוו: „פּרונזאַ ווערדע" (לידער און פּאָעמען), וואַרשע, 1932; „אונטערגאַנג" (לידער און פּאָעמען), וואַרשע, 1934; „עסטראַדע־לידער" (דריי העפטן), וואַרשע; „אונדזער ליקוי חמה" (לידער און פּאָעמען), מינכען, 1947; „עקזאָדוס 1947" (פּאָעמע און לידער), מינכען, 1948; „אונדזער רעגנבויגן" (באַלאַדן און לידער), מינכען, 1948; „די מענטשן פון עקזאָדוס" (ראָמאַן), בוענאָס־איירעס, 1949, דערשינען אויך אין ענגליש: „The people of Exodus" תל־אביב, 1960; „דער צוריקגעקומענער" (ראָמאַן אין צוויי בענדער), בוענאָס־איירעס, 1952; „אין אייגענעם לאַנד" (דערציילונגען), בוענאָס־איירעס, 1952; „מאַטילדאַ לעבט" (נאָוועלן), בוענאָס־איירעס, 1954; „אהבה ונדודים" (ספּורים), תל־אביב, 1954; „דזשעבעליאַ" (ראָמאַן), בוענאָס־איירעס, 1955; „פּלאָראַ אינגבער" (ראָמאַן), בוענאָס־איירעס, 1959; „מיינע זיבן גוטע יאָר" (ראָמאַן), תל־אביב, 1960.

איבערזעצונגען: „ד״ר זשיוואַגאָ", פון באָריס פּאַסטערנאַק (צווייטער באַנד), תל־אביב, 1959.

רעדאַגירט צייטשריפטן — אין בריסק־דליטא: „יונג פּאָעזיע"; „יונג פּאָלעסיע"; אין וואַרשע: „שטיוול אויפן ברוק"; „זאַלבעאַכט"; „וואַרשעווער בלעטער".

מיטגעאַרבעט און אַרבעט־מיט אין: „פּאָדלאַסיער לעבן", ביאַלע־פּאָדלאַסקע; אין וואַרשע — „ליטעראַרישע בלעטער"; „אונדזער האָפענונג"; „וועלט־שפּיגל"; „היינט"; „מאָמענט"; „פאָלקסצייטונג"; „ראַדיאָ" (אַלע ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה). אין ניו־יאָרק — „פאָרווערטס"; „די צוקונפט"; „אויפקום". אין תל־אביב — „לעצטע נייעס"; „אילוסטרירטע וועלט".

אויפגעפירטע פּיעסן (אין דריי אַקטן) אויף דער בינע אין פּוילן, אין יאָר 1939: „צווישן גאָלדענע זאַנגען"; „אַבי מען זעט זיך"; „מען פאָרט אויף גאַפּע".

הונדערטער לידער, מאָנאָלאָגן און סקעטשן — געזונגען, רעציטירט און אויפגעפירט דורך די פּאָפּולערסטע בינע־קינסטלערס.

יעקב כהן

געבוירן אין ביאַלע אין יאָר 1900, ביי די עלטערן אהרן און אַלטע. געלערנט אין חדרים און אין חסידים־שטיבל; וועלטלעכע לימודים — ביי פּריוואַטע לערערס. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה געוואָרן אַן אַקטיווער חבר אין „מזרחי" און טעטיק געווען געזעלשאַפטלעך. האָט פאַרגעזעצט דאָס לערנען און פאַרפולקאָמט זיך אין וועלטלעך וויסן. באַקאַנט זיך מיט דער העברעאישער, יידישער און וועלטלעכער ליטעראַטור.

בעת דער פּויליש־באָלשעוויסטישער מלחמה, מאָביליזירט געוואָרן און געדינט דריי יאָר.

צוריקקומענדיק אַהיים פון מיליטער אין יאָר 1922, צוריק אָנגעהויבן די נאַציאָנאַלע און געזעלשאַפטלעכע אַרבעט. פאַרלאָזט „מזרחי" און אַריבער צו די אַלגעמיינע ציוניסטן.

געגרינדעט די רעוויזיאָניסטישע און בית״ר־אָרגאַניזאַציעס אין ביאַלע, זייענדיק זייער פּאַרזיצער. באַטייליקט זיך אין די רעוויזיאָניסטישע צוזאַמענפאָרן און אויסגעוויילט געוואָרן אין אַלפּוילישן ראַט. שפּעטער סעקרעטאַר פון ראַט.

געווען איינער פון די מיטגרינדערס פון ביאַלער „פּאָדלאַסיער לעבן״. פּאַרעפנטלעכט לידער אין „צייט״ און „אויפקום״ (וואָלין) און טעאָרעטישע אַרטיקלען אין אַ ריי רעוויזיאָניסטישע אָרגאַנען.

חתונה געהאַט (1929) און באַזעצט זיך אין ביאַליסטאָק. אויך דאָרט געווען דער פּאַרזיצער פון דער רעוויזיאָניסטישער אָרגאַניזאַציע און מפקד הגליל והקן פון בית״ר. ביי דער שפּאַלטונג אין דער רעוויזיאָניסטישער אָרגאַניזאַציע, איז ער אַריבער צו די „יודענשטאַטלער״, ווערנדיק דער פּאַרזיצער פון זייער ביאַליסטאָקער אָרגאַניזאַציע. געגרינדעט דעם „ברית־החייל״ אין ביאַליסטאָק און געווען זיין פּאַרזיצער.

טעטיק געווען אין קליינהענדלער־פּאַראיין, זייענדיק פּאַרזיצער פון דער שפּייז־קאָלאָניאַל־בראַנזשע. געגרינדעט די לייקאַסע ביים פּאַראיין און געווען דער איניציאַטאָר פון שאַפן קליינהענדלער־קאָאָפּעראַטיוון. געווען דער סעקרעטאַר פון יידישן קאָמבאַטאַנטן־פּאַראיין. טעטיק געווען אין באָיקאָט־קאָמיטעט קעגן היטלער־דייטשלאַנד און באַטייליקט זיך אין קולטור ־אַקציעס.

בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, זיך באַטייליקט אין די הילפס־אַקציעס לטובת די אָנגעקומענע פּליטים קיין ביאַליסטאָק.

בעת דער סאָוויעטישער הערשאַפט, געאַרבעט ווי אַ פּאַרוואַלטער אין אַ מאַגאַזין. אַרעסטירט געוואָרן און געזעסן דריי חדשים אין תפיסה. אַרויסגעפירט קיין רוסלאַנד, אין אַ לאַגער אויפן ווייטן צפון. נאָך דער אַמנעסטיע פּאַר פּוילישע בירגער באַפרייט געוואָרן פון לאַגער און זיך באַזעצט אין דזשאַמבול. געפרווט דאָרט פירן אַ ציוניסטישע טעטיקייט.

1948 צוריקגעקומען קיין ביאַליסטאָק. געוואָרן דאָרט אָנפירער פון קולטור־און פּראָפּאַגאַנדע־אַמט ביים וואָיעוואָדישן קאָמיטעט, פּאַרזיצער פון „איחוד״, פון „קאָאָרדינאַציע־קאָמיטעט פון אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען״, פון וואָיעוואָדישן קאָמיטעט און מורשה פון קרן קיימת. אָנגעפירט מיט דער אַקציע צו העלפן דאָס קעמפנדיקע ארץ־ישראל און מאָביליזירט קעמפער פאַר דער ישראל־אַרמיי. אָנגעפירט מיט דער שול (זייענדיק אַ צייט אויך לערער), ביבליאָטעק און דראַמאַטישן קרייז. געווען קאָרעספּאָנדענט אין ראַדיאָ און אין דער יידישער פּרעסע־אַגענטור. געשריבן אין „דאָס נייע לעבן״.

אין זעלבן יאָר אַרויסגעפאָרן קיין פּאַריז. געוויילט געוואָרן דאָרט ווי אַ ראַט־מיטגליד פון דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, און פּאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון דער ביאַלער סאָסייטי אין פראַנקרייך. באַזוכט די פראַנצייזישע פּראָווינץ און בעלגיע און דאָרט געהאַלטן רעפעראַטן. אין דער זעלבער צייט מיטגעאַרבעט אין דער דאָרטיקער יידישער פּרעסע.

אין יאָר 1954 אויסגעוואַנדערט קיין צפון־אַמעריקע, ווו געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון „לעקסיקאָן פאַר דער נייער יידישער ליטעראַטור״.

אַרויסגעגעבן פאָלגנדיקע ביכער: „דריי יאָר אין פּוילישן מיליטער״, ביאַליסטאָק, 1930; „אין און אַרום ציוניזם״ (עסייען און אָפּהאַנדלונגען), ביאַליסטאָק, 1932; „פון אייגענעם גאָרטן״ (אַפאָריזמען און לידער), פּאַריז, 1949; „אויף די וועגן פון יידישן קיום״ (עסייען), פּאַריז, 1950; „לאַבירינטן פון געדאַנק״ (אַפאָריזמען און שפּריכווערטער), פּאַריז, 1951; „פּאָלקסגייסט און לאַנד״ (עסייען), פּאַריז, 1952; „צו אַ ניי לעבן״ (דערציילונגען), פּאַריז, 1953; „לעבן און טראַכטן״ (עסייען), ניו־יאָרק, 1959.

מיטגעאַרבעט אין צייטונגען און זשורנאַלן: „אויפקום״, „צייט״ (וואָלין); „פּאָדלאַסיער לעבן״ (ביאַלע); „אינדזל״ (פון באגישן); אין ביאַליסטאָק: „דאָס נייע לעבן״; אונדזער לעבן״; „גוט־מאָרגן״; „די שטימע״; אין וואַרשע: „אמת״; „אָפּיניאַ״; „מאָסטי״; אין פּאַריז: „אונדזער וואָרט״; „ציוניסטישע שטימע״; „דער וועג״; (מזרחי); „דער וועג״ (פּראָגרעסיוו); „אונדזער שטימע״; „די שטימע״, בערגן־בעלזן; אין אַמעריקע: „די צוקונפט״; „אַמעריקאַנער״; „ביאַליסטאָקער שטימע״; „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט״; „אויפסנייר״; „יום־טוב־בלעטער״ (דרום־אַפריקע); „ציוניסטישע שטימע״ (מעקסיקע) א״אַ.

יעקב פּאַלאַטיצקי

געבוירן אין לאָדזש אין יאָר 1912, און צו דריי יאָר געקומען קיין ביאַלע. געלערנט אין חדר און שפּעטער אין דער יידישער פאָלקס־שול און אין דער פּוילישער אַלגעמיינער שול, גרייטנדיק זיך צום עקזאַמען אין דער גימנאַזיע. שוין אין דער יוגנט האָט ער אַרויסגעוויזן אַ נייגונג צום שרייבן.

אין אָנהייב 1928 וואַנדערט פּאַלאַטיצקי אויס צום פאָטער (גדליהו סטאָליער) אין אַרגענטינע. אין בוענאָס־איירעס איז ער טעטיק געווען אין דאָרטיקן השומר־הצעיר און אָנגעפירט אַ קן אין שטאָט. בייטאָג געאַרבעט סטאָליעריי מיטן פאָטער, און ביינאַכט געלערנט. געענדיקט די אָנהייב־שול, דורכגעמאַכט פּריוואַט דעם גימנאַזיע־קורס און נישט פאַרענדיקט. געלערנט אין אַ זשורנאַליסטן־שול, זיך אינטערעסירט מיט קונסט, ווי: טעאַטער, מאַלעריי און געהערט וועגן דעם לעקציעס אין אוניווערסיטעט.

אָנגעהויבן מיטצואַרבעטן אין דער טעגלעכער צייטונג „מאָרגן־צייטונג״ מיט הומאָריסטישע קינדער־דערציילונגען און רעפּאָרטאַזשן, ביז די צייטונג האָט אויפגעהערט צו דערשיינען אין יאָר 1940.

אין יאָר 1938 האָט פּאַלאַטיצקי אָרגאַניזירט די יוגנט־אָרגאַניזאַציע „דרור״, און געוואָרן דער **רעדאַקטאָר פון דעם**

יוגנט־זשורנאַל „יוגנט־אַוואַנגאַרד" (יידיש און שפּאַניש). גלייכצייטיק מיטגעאַרבעט אין „ייוואָ", און אין 3טן באַנד ייוואָ־שריפטן איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן זיינע אַן אַרבעט וועגן יוגנט (ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס אין בוענאָס־איירעס).

אין יאָר 1939 איינגעלאַדן געוואָרן קיין מאָנטעווידעאָ (אורוגוויי) פאַר מנהל פון קרן קיימת. דאָרט האָט ער געגרינדעט דעם „דרור" און געווען זיין ערשטער פאָרזיצער. אַרויסגעגעבן דאָרט אַ חודש־זשורנאַל (16 נומערן) „מאָנטעווידער שטימע", און מיטגעאַרבעט אין דער דאָרטיקער „פאָלקס־בלאַט".

נאָכן צוריקקומען קיין אַרגענטינע, איבערגענומען די רעדאַקציע פון דער הסתדרות־צייטונג „אונדזער צייט". שפּעטער געוואָרן סעקרעטאַר פון דער סוכנות־ביוראָ פאַר לאַטיין אַמעריקע. געווען אויך דער סעקרעטאַר פון ערשטן ישראל־קאָנסול אין בוענאָס־איירעס. געשריבן אין פאַרשיידענע צייט־שריפטן אין דרום־אַמעריקע — יידיש און שפּאַניש.

אין די לעצטע יאָרן האָט פּאַלאַטיצקי זיך צוריקגעקערט צו אַקטיווער פּאַרטיי־טעטיקייט אין פּועלי־ציון־התאחדות, ווו ער איז במשך פון אַלע יאָרן געווען אַ שטענדיקער חבר אין צענטראַל־קאָמיטעט. אין יאָר 1951 איז ער אויסגעוויילט געוואָרן ווי אַ דעלעגאַט צום ציוניסטישן קאָנגרעס אין ירושלים.

נאָכן צוריקקומען פון קאָנגרעס, איבערגענומען צוריק דאָס רעדאַגירן פון דער פּאַרטיי־צייטונג „נייע צייט" (פריער „אונדזער צייט"). ער איז אויך איינגעלאַדן געוואָרן צו רעדאַגירן די פּעריאָדישע שריפט פון דער לאַטיין־אַמעריקאַנער ביוראָ פון דער הסתדרות „אנאלעס דעל טראבאבאסא דע ישראעל", אין שפּאַניש.

פּאַלאַטיצקי איז געווען אַ חבר אין דער פאַרוואַלטונג פון ליטעראַטן־פאַראיין און גענעראַל־סעקרעטאַר פון יידישן קולטור־קאָנגרעס. ער איז אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין זשורנאַל „האָלץ־אינדוסטריאַל", ווו ער פאַרעפנטלעכט הומאָרעסקעס אונטערן פּסעוודאָנים „פּאַלאַ", וואָס ווערן שטאַרק געלייענט. איצט גרייט ער זיך אַרויסצוגעבן אַ זאַמלונג פון די געדרוקטע הומאָרעסקעס.

יוסף זייד

יעקב קאהאן לאס־אנדזשעלעס

יוסף זייד איז געבוירן געוואָרן אין ביאַלע אין יאָר 1899. זיין פאָטער, משה מרדכי פּעטעלניק (צונאָמען) איז געווען אַ שמש ביים ביאַלער רבין. די מאַמע אסתר דזשאדעליכעס (צונאָמען) איז געווען אַ נייטאָרין. ביידע צוזאַמען האָבן קוים פאַרדינט אויף חיונה.

ווי אַ יונגער ייִנגל איז יאָסעלע געווען משורר ביים ביאַלער חזן יהושעלע. ער איז געווען מוזיקאַליש באַגאַבט, און זיין האַרציק זיס אַלט־שטימעלע האָט באַצויבערט די צוהערערס. יום־טוב פלעגט די שול זיין געפּאַקט מיט מענטשן, וואָס זענען געקומען הערן דעם חזן און באַוווּנדערן דאָס זינגען פון יאָסעלען.

נאָכן דורכגיין די חדרים פון פאַרשיידענע מלמדים, און דאָס לערנען אין חסידים־שטיבל, האָט יוסף זייד אין יאָר 1919 פאַרלאָזט ביאַלע. נאָך אַ יאָר וואַלגערן זיך אין פאַרשיידענע לענדער, צווישן זיי 6 חדשים אין אַ לאַגער אין האָלאַנד, איז ער אין 1920 אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק.

די ערשטע יאָרן האָט ער, ווי די מערסטע פון אונדזערע לאַנדסלייט אין ניו־יאָרק, געאַרבעט אין אַ פאַבריק פון פרויען־היט. געאַרבעט שווער און קוים פאַרדינט אויף צו לעבן. אין 1922 האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ ביאַלער מיידל, ריקל וואלעצקי (שמואל משה דעם קצבס טאָכטער).

אין 1928 האָט ער אויפגעגעבן די אַרבעט אין פאַבריק און זיך באַזעצט אין אַ פאַרם, נישט ווייט פון ניו־יאָרק. ער און זיין פרוי האָבן ביידע זייער שווער געאַרבעט, אָבער די אַרבעט ליב געהאַט. זיי האָבן געלעבט אין דער פאַרם ביז 1945. אין דער צייט זענען ביי זיי געבוירן געוואָרן צוויי קינדער — אַ זון און אַ טאָכטער. די קינדער האָבן באַקומען אַ מאָדערנע יידישע דערציאונג.

יוסף זייד איז טעטיק געווען אין דער ביאַלער לאַנדסמאַנשאַפט, אָרגאַניזירט די פאַרמערס, געגרינדעט אַ צווייג פון יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד.

אין 1945 איז ער געוואָרן אַ תושב אין לאָס־אַנדזשעלעס. אויך דאָ האָט ער געקויפט אַ פאַרם און שווער געאַרבעט אויף פּרנסה. אין לאָס־אַנדזשעלעס איז ער געווען איינער פון די גרינדער פון דעם ביאַלער הילפס־פאַראיין, און איר לאַנגיאָריקער סעקרעטאַר. ער איז טעטיק געווען אין יידישן קולטור־קלוב, געווען אַן איבערגעגעבענער טוער אין דער איינציקער יידישער מיטלשול, און שטענדיק אַרומגערינגלט מיט אַ סביבה פון אינטעליגענטע, קולטורעלע פאָלקס־מענטשן.

יוסף זייד האָט נאָך אין זיין קינדהייט איינגעזאַפּט אין זיך אַן אויסערגעוויינלעכע ליבשאַפט צו יידישער נגינה און צו אַלץ וואָס איז יידיש־פאָלקסטימלעך. ער האָט ליב געהאַט די יידישע שפּראַך, יידישע קולטור, געווען פאַראינטערעסירט אין יידישער דערציאונג און מיטגעהאָלפן צו איר פאַרשפּרייטונג. ער איז געווען אַן ערנסטער לייענער פון דער יידישער ליטעראַטור. ער איז געווען, אין פולן זין פון וואָרט, אַ יידישער פאָלקס־אינטעליגענט.

יוסף זייד האָט געהערט צו דעם טיפּ ייד, וואָס האָט מיט זיין אידעאַליזם און עקשנות געוואָלט איבערפלאַנצן און אויפהאַלטן די גייסטיקע אוצרות, וואָס מיר האָבן מיטגעבראַכט פון דער אַלטער היים, וואָס איז אָנגעקומען זייער שווער און געבראַכט נישט ווייניק אַנטוישונגען.

ער איז געווען אַ פּראָדוקט פון אַ תקופה אין אונדזער יידיש לעבן אין פּוילן, וואָס האָט אויפגעבויט באַוועגונגען און אַרויסגעגעבן פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן גע־

שפייזט דאָס גייסטיקע יידישע לעבן אויף דער גאָרער וועלט. די פערזענלעכקייטן זענען אַרויסגעקומען פון דער יידישער פאָלקס־מאַסע, וואָס האָט זיך געראַנגלט און געקעמפּט פאַר אַ בעסערן און ליכטיקערן מאָרגן.

פון דער נאַטור איז יוסף זייד געווען אַ וואַרעמער און האַרציקער פאָלקסטימלעכער מענטש. זיין גרעסטער פאַרגע־ניגן איז געווען, ווען ער האָט מיט עפּעס געקאָנט בייהילפיק זיין אַ חבר, אַ פריינד. ער האָט געלעבט אַ לעבן פון אַן ערלעך אידעאַליסטישן האַרעפּאַשניק און קולטור־מענטש.

די לעצטע עטלעכע יאָר האָט זיך זיין עקאָנאָמישע לאַגע באַ־דייטנדיק פאַרבעסערט. ער האָט אויפגעגעבן די פאַרם און זיך געקליבן דאָס יאָר באַזוכן מדינת ישראל. דער אכזריותדיקער טויט האָט דעם 28סטן יוני 1959 אַ סוף געמאַכט צו זיינע פּלענער.

גרויס איז דער פאַרלוסט און צער פון זיין פרוי רעגינאַ, וואָס האָט מיט אים צוזאַמען אַלע יאָרן מיטגעאַרבעט. געווען אים אַ געטרייע און איבערגעגעבענע לעבנס־באַגלייטערן, און מיט אויסערגעוויינלעכער טריישאַפט אים פאַרגרינגערט דיליידן אין די לעצטע חדשים פון זיין לעבן. גרויס איז דער פאַרלוסט און טרויער פון די קינדער, משפחה און פריינד. גרויס איז אויך די אבידה פאַר אונדזער ביאַלער הילפס־פאַראיין, וועלכער האָט פאַרלוירן איינעם פון זיינע טרייע און איבערגעגעבענע טוער, וועמענס אָנדענק מיר וועלן שטענ־דיק טראָגן אין האַרץ.

אדוואקאט אברהם יצחק גאטליב

געבוירן אין שעדלעץ אין יאָר 1843. אין עלטער פון 16 יאָר האָט ער חתונה געהאַט מיט פערל ראָזנבערג, 15 יאָר אַלט. ווייזט אויס, אַז נאָך דער חתונה האָבן זיי זיך באַזעצט אין ביאַלע, ווייל אַלע זייערע קינדער זענען געווען געבוירענע ביאַלער.

אברהם יצחק האָט געשטאַמט פון אַ זייער פאַנאַטיש פרומע היים. זיינע עלטערן האָבן אים געשטערט צו לערנען אין שול. אַזוי ווי אָבער ער האָט פאַרמאָגט אויסערגעוויינלעכע פעאיקייטן, האָט ער געלערנט פּריוואַט און שפּעטער באַלייגט עקזאַמען. ער האָט פולשטענדיק באַהערשט די שפּראַכן: העב־רעאיש, פּויליש, רוסיש, דייטש, פראַנצייזיש און ענגליש.

דער באַגער צום לערנען איז ביי אים געווען אַזוי שטאַרק, אַז זייענדיק שוין פאַרהייראַט, לאָזט ער זיך אַוועק קיין אויס־לאַנד, כדי זיך צו פאַרפולקאָמען אין שפּראַכן, און לאָזט איבער די פרוי און קינדער, נישט האָבנדיק אַפילו די מעגלעכקייט צו פאַרזיכערן זיי אַוועלכן ס׳איז קיום. בעת זיין וויילן אין אויסלאַנד האָט ער באַזוכט דייטשלאַנד, פראַנקרייך, ענגלאַנד און צפון־אַמעריקע.

נאָך זיין צוריקקער פון אויסלאַנד איז ער געוואָרן אַן אַדוואָקאַט. ער האָט קיינמאָל נישט אָנגענומען קיין משפט פון אַ ייד קעגן אַ ייד און שוין אָפּגערעדט פון אַ קריסט קעגן אַ ייד.

פאַרן געריכט פלעגט אברהם יצחק גאָטליב דערשיינען אין אַ באַזונדערער הלבשה, לויט דער דעמאָלטיקער פאַראָרדענונג פון דער צאַרישער מאַכט. פרייטיק, מיטאָג־צייט, פלעגט ער אויסטאָן די גוישע מלבושים (אַזוי פלעגט ער זיי רופן), זיך אָנטאָן אין די יידישע קליידער און זיך גענומען גרייטן אויפ־צונעמען דעם שבת. פאַרשטייט זיך, אַז אין דער צייט פלעגט ער שוין נישט אויפנעמען קיין אינטערעסאַנטן.

ווי אַ רעליגיעזער ייד און גערער חסיד, איז ער פרייטיק־צונאַכט געווען פון די ערשטע אין גערער־שטיבל. שבת און יום־טוב פלעגט ער זיצן פאַרטיפט אין יידישע ספרים.

אין יאָר 1915, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די דייטשן האָבן אָקופּירט ביאַלע, איז ער באַשטימט געוואָרן ווי אַ ציוויל־ריכטער. אין יאָר 1916 איז ער קראַנק געוואָרן און איז נפטר געוואָרן.

(איבערגעגעבן פון זיין אייניקל זלמן גאָטליב — בוענאָס־איירעס).

פ. גאלד / פּייוול פרידמאן

ער איז געווען פון די ערשטע בונדיסטן אין ביאַלע (אַן עלטערער ברודער פון דער, אין ביאַלע באַקאַנטער בונדיסטין, חברטע מרים). צוליב די פאַרפאָלגונגען פון דער צאַרישער מאַכט האָט ער פאַרלאָזן ביאַלע, מיטן געדאַנק צו עמיגרירן קיין אַמעריקע. ער איז אָבער, צוליב געלט־מאַנגל, געבליבן שטעקן אין דענעמאַרק.

אין קאָפּענהאַגן איז ער געוואָרן אַ מאָלער און אַן אַקטי־ווער חבר אין דער דאָרטיקער דענישער סאָציאַל־דעמאָקראַטי־שער פּאַרטיי. מיט דער צייט איז ער געוואָרן דער גרעסטער מאָלער־אונטערנעמער. ווען מיט דער שטאָט־פאַרוואַלטונג אין קאָפּענהאַגן האָבן אָנגעפירט די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, איז ער געוואָרן דער מאָלער פון אַלע שטאָטישע הייזער, און שפּע־טער פון די מלוכהשע און קעניגלעכע הייזער און שלעסער.

מיט אַ ברייטער האַנט פלעגט ער שטיצן אַלע בונדישע אינסטיטוציעס אין פּוילן, באַזונדערס די „ציש״א״־שולן און די „פאָלקסצייטונג״.

כאַראַקטעריסטיש, אַז די „מאָרגן־פרייהייט״ אין צפון־אַמעריקע, האָט אין איינעם פון אירע אָנגריפן קעגן „בונד״ אין פּוילן, דערמאָנט פּייוול פרידמאַנען. דעם „בונדיסט־קאַפּיטאַליסט און איינגייער אין דענישן קעניגלעכן הויף״.

נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה איז נישט געלונגען צו באַקומען קיין ידיעה וועגן זיין גורל.

בערנארד ליבערמאן

אַ זון פון חוה דינעס. הויך, שלאַנק און גראַציעז. געלערנט אין דער ביאַלער גימנאַזיע, איבערגעריסן דאָס לערנען, אַוועק קיין וואַרשע און זיך דאָרט אויסגעלערנט דאָס פאַך פון אַ צאָן־טעכניק.

אין די צוואַנציקער יאָרן איז בערנאַרד ליבערמאַן אַוועק קיין פאַריז, און ווי מ'האָט דערציילט, האָט ער דאָרט געליטן גרויס דחקות. מיט איינמאָל איז קיין ביאַלע דערגאַנגען די ידיעה, אַז ליבערמאַן איז אין פאַריז זייער רייך געוואָרן. ער האָט אַריבערגענומען קיין פראַנקרייך די גאַנצע פאַמיליע זיינע און זי דאָרט איינגעאָרדנט.

ביאַלער אין פראַנקרייך פלעגן שרייבן אַהיים וועגן ליבערמאַנס רייכטום. ער האָט געקויפט די שענסטע פּאַלאַצן און סאַלאָנען, די טייערסטע מעבל און טעפּיכער. אין זיינע פּאַלאַצן האָבן אים און זיינע געסט באַדינט לאַקייען און קאַמערדינערס אין פראַקן און אין ווייסע הענטשקעס. ער האָט באַנוצט די בעסטע טעקסי־מאַרקעס, געהאַט אַן אייגענע לאָזשע אין דער אָפּערע, געקויפט צענדליקער הייזער אין די הויפּט־שטעט פון אייראָפּע (אין וואַרשע, דאָס גרויסע הויז אויף פּאָקסאַל גאַס 17) און ווילעס אויפן ברעג ים.

בערנאַרד ליבערמאַן האָט זיך נישט באַנוגנט צו זיין בלויז אַ מיליאָנער, זיין ברויזנדיקער טעמפּעראַמענט האָט פאַרלאַנגט שעפערישע טעטיקייט. ער איז געוואָרן פּרעזידענט פון אַ סך אינדוסטריע־און פינאַנץ־אונטערנעמונגען. פאַר זיינע פאַרדינסטן אויפן געביט פון פילאַנטראָפּיע, איז ער דורך דער פראַנצייזישער רעגירונג געקרוינט געוואָרן מיט טיטל: „אָפיציר פון ערן־לעגיאָן".

נישט געקוקט אויף זיין קאַריערע ווי אַ מיליאָנער, איז בערנאַרד ליבערמאַן פאַרבליבן אַ פאָלקס־מענטש. אין די קרייזן פון דער פאַריזער העכערער געזעלשאַפט, אין וועלכער ער האָט פאַרקערט, האָט ער נישט פאַרהוילן זיין יידישקייט, און אָפן אונטערשטראָכן זיינע יידישע אָנשויאונגען. אַ יידיש פאָלקס־לידל און אַ גוטער יידישער וויץ, האָבן תמיד געפונען אין אים אַ פליסיקן צוהערער. ער האָט גערן דערמאָנט זיינע קינדער־יאָרן, ווען דער גורל איז נישט געווען צו אים אַזוי ליבלעך. בערנאַרד ליבערמאַן האָט זיך פּאָזיטיוו אָפּגערופן אויף אַלע ווענדונגען וועגן הילף, וואָס זענען צו אים דערגאַנגען פון זיין געבוירן־שטאָט ביאַלע.

בעת דער אָקופּאַציע פון פאַריז דורך די דייטשן, אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז בערנאַרד ליבערמאַן דורך זיי דערשאָסן געוואָרן.

(באַאַרבעט לויטן אַרטיקל פון אַרטור לעדערמאַן אין „פּאָדלאַסיער לעבן", נומער 50 פון 22.12.1933).

יוסף באביטש פרוז'אני / ד"ר יהודה לייב דאווידסון *

אבידה גדולה אבדה לנו בימים האלה. מעיר ביאַלה בפלך שדליץ נתקבלה הבשורה המעציבה, כי ביום השבת, כ"ד תשרי העבר, מת שם מיתת חטופה ע"י שבץ הלב, בשנת החמישים ושש לימי חייו, הסופר העברי הנודע הד"ר יהודה לייב דאווידסון. הרני להציג לו ציון ולספר מעט אחרי מטתו ב„הזמן".

המנוח היה אחד מיחידי־הסגולה ומבני העליה, ההולכים ופוחתים בינינו בזמן הזה. הוא הצטיין בתור איש שאחד בקרבו השכלה כללית ועברית במידה מרובה. הוא קרא ושנה הרבה בספרתנו העברית העתיקה והחדשה, וגם כתב עברית בסגנון יפה, מלוטש ומדויק. המנוח היה יהודי נלהב מאד, בעל לב חם ורגשי שאהבתו העזה את עמיו ומסורותו אליו נבעו לא מתוך תיאוריות שונות, אלא מתוך עומק לבו ונפשו. הוא היה לאומי וציוני במלוא משמעותן של המלים האלה, שתחית עמנו על אדמת אבותיו והתפתחות בנינינו הרוחניים וההיסטוריים היו מרכז רעינותיו ומשאת נפשו בחייו הקצרים, ולהן הקדיש גם את כשרונו הספרותי.

הד"ר יהודה לייב דאווידסון נולד בשנת תרי"ז בעיר הקטנה קאפוליה, בפלך מינסק, שממנה יצאו חכמים וסופרים ידועים, להורים נכבדים ממשפחה מיוחסת בישראל. אביו ר' אהרן, שהיה מופלג גדול בתורה ועם זה גם משכיל ומליץ בשפת עבר, מסר אותו למלמד משכיל ויחיד במינו בזמן ההוא, אשר ידע את הדקדוק ותנ"ך עם פירוש ה„ביאור". — דבר שהיה מורת רוח כל תופשי התורה בקאפוליה. מהמלמד המשכיל ובעל התנ"ך הזה עבר הנער למלמד בעל גמרא ועשה חיל רב בלמודו, ועד מהרה יצא לו שם בעיר בתור „עלוי". במלאת לו שתים־עשרה שנה עזב את עיר מולדתו ויסע לישיבת מיר. שתי שנים למד בישיבה הזאת, ואז אספו אל ביתו דודו ללמדו תורה הרב הגאון רבי יצחק יחיאל דאווידסון ז"ל אב"ד בעיר קארליץ. הרב הזה שהיה בקי בהוויות העולם ורחוק מהקנאות, מצא קורת רוח במליצותיו ושיריו של העלם ויעודדהו להשתלם עוד יותר בשפת עבר.

אחרי מות דודו הרב בא העלם לעיר מינסק, ששם היו לו קרובים עשירים ונכנס שם לישיבה הגדולה. בעיר זו התעוררה בו התשוקה ללמוד את הלשון הרוסית, שהיתה זרה לו, והוא כבר אז בן תשע־עשרה שנה. שם נמצא לו אז מורה עברי אחד שהתחיל ללמדו בחנם שעה אחת ביום את הלשון הרוסית. גם בחשבון ובלשון אשכנז רכש לו ידיעות קטנות. אולם גם מהתלמוד ומלשון העברית וספרותה לא משך את ידיו. אבל בהודע הדבר הזה לקרוביו, קצפו עליו ויגרשום מביתם, באופן שנשאר בלי מזון ומעון בעיר הגדולה הזאת. אך על ידי מורו הנזכר עלתה בידו בעת רעה כזו להשיג איזה שעורים בלשון עברית ותלמוד, ומזה היה לחמו הדל נמצא.

בעת ההיא כתב דאווידסון מאמר גדול בשם „לקדם את

---

* דער מאמר וועגן ד"ר יהודה לייב דאַווידזאָן, ווערט געגעבן אין העברעאיש לויטן מקור, ווי מיר האָבן געפונען.

פני הרעה״, על דבר נחיצות יסוד בית־ספר גבוה לחכמת ישראל ברוסיה על־פי דוגמת בתי־המדרש שבברלין ובריסלוי, שנדפס בארבעה המשכים בעתון „הקול״ של ראקדינסאן. המאמר הזה משך אליו את עיני הקוראים והסופרים, וביניהם גם את המנוח מ״ל ליליֶנבלום, שגמר עליו את ההלל. אחרי המאמר הזה כתב עוד מאמרים אחדים על דבר עבודת האדמה והת־פתחות חרושת־המעשה בין יהודי רוסיה.

בשנת 1882 בא הצעיר דאווידסון לוואַרשה, שם פנה בבקשה אל עורך „הצפירה״ חז״ס (חיים זליג סלאנימסקי) כי יהיה לו לעזר במעט. חז״ס קבלו בסבר פנים יפות, אך לא יכול להושיע לו במאום. בעמל גדול קבל שעורים אחדים, שהביאו לו שנים־עשר רובלים לחדש. אז שכר לו חדר קטן בעליה תחת הגג והתחיל מכין את עצמו בהתמדה גדולה לבית־הספר הגבוה. במשך שנתיים וחצי הספיק לרכוש לו את כל הידיעות והלימו־דים של הגימנאזיה, ויעמוד בנסיון מקבל תעודת בגרות. הדבר הזה היה אז לנס ופלא בעיני מורי הגימנאזיה. ויודיעו אודותיו בעתונים הפולנים „קוריאֶר ווארשאַווסקי״ ו„קוריאֶר פּאָראַנני״. בשנה ההיא נכנס להאוניברסיטה בפאקולטה המידיצינאי.

במשך זמן למודו בהאוניברסיטה מצא את מחיתו ממקורות שונים: מקצת ההוראה ומקצת מן הסטיפינדיום של האוניבר־סיטה ומקצת מעבודות ספרותיות שונות. בנוגע אל אלה האח־רונות לא למותר יהיה לספר עכשו עובדא זו: הוא הדפיס אז מודעה בהשבועון העברי־הפולני „איזראאיליטה״, כי תלמיד האוניברסיטה היודע את הספרות העברית מבקש לו עבודת מורה. על המודעה הזאת נענה לו הסופר הפולני הנודע קלי־מינס יונושה, ויציע לפניו כי ילמדו לקרוא ספרים בלשון היהודית, כפי שיוכל לקרוא בעצמו את הכתוב בספרים הללו, ושכר־למוד ישלם לו רובל לשעה. דאווידסון קבל את הצעתו, ויחל ללמדהו את הקריאה היהודית. עברו שבועיים, קלימינס נוכח לדעת, כי לשוא הוא מאבד את עתו וממונו, יען כי קשה הדבר ממנו ולעולם לא יגיע אל מטרתו. ויחדל ללמוד. אז הציע קלימינס לפניו, כי יתרגם בשבילו בתרגום חפשי ללשון הרוסית אחדים מן הסופרים המעולים בספרות היהודית, והוא יתרגם את התרגום הרוסי ללשון הפולנית. לתכלית זו בחר לו את ספרי אברמוביץ „הסוסה״ ו„מסעות בנימין השלישי״ ויתרגמם לרוסית, וקלימינס יונושה תרגמם אח״כ לפולנית. התרגומים של הספרים האלה, שנמכרו לאלפים לא היו לרצון בעיני האנטישמיים בווארשה, ויחרפו ויגדפו את יונושה על מעשהו זה.

בשנת 1890 גמר את חוק למודו בהאוניברסיטה ויצא מוכ־תר בתואר דוקטור לחכמת הרפואה. אחרי גמר את האוניבר־סיטה קבע את מושבו בתור רופא בעיר הקטנה קלצק בפלך מינסק. אחרי שבתו שם כשבע שנים העתיק בשנת 1898 את מושבו לעיר פרוז׳אני בפלך גרודנה, ואז בא בברית הנישואין עם בת הציוני הנודע מר אליעזר הכהן קאפלאן מסקאפין. לפני שנתיים העתיק שוב את מושבו לעיר ביאלה, ששם קטף המות את חייו בעודנו במבחר שנותיו.

הד״ר יהודה לייב דאווידסון כתב מאמרים חשובי ערך בשאלת היהדות והלאומיות ב„המליץ״, „הצפירה״, „פרדס״, „האשכול״, „השלוח״ ועוד. מלבד זה השאיר אחריו הרבה כתבי־יד, ובהם ספרים שלמים הראויים לדפוס. המנוח עזב אחריו אשה צעירה ובן־יחיד נער בן־שלש־עשרה שנה.

בני העיר ביאלה ידעו לערוך את ערך המנוח ולחלק לו כראוי את הכבוד האחרון, ויספידוהו כהלכה ויקברוהו במחבר הקברים. שלום לעפרו!

(„הזמן״, ווילנא 1912, מספר 225. מאמר הנ״ל נדפס גם ב„הצפירה״ מספר 221 בשנת 1912 עם שינויים קלים).

משה רבאון / פריץ קארנבערג

אַ זונטיק, חמשה־עשר באב 1916, אַ וואָכנדיקער זומער־טאָג, וועלכער האָט אגב פאַר דער יידישער באַפעלקערונג נישט געהאַט קיין באַזונדערע באַדייטונג. פאַר דער „יבנה״־שול איז עס אָבער געווען איינער פון יענע אוראַלטע יום־טובים, וואָס זענען באַנייט געוואָרן, אויב נישט מיט קיין באַזונדערן רעליגיעזן כאַראַקטער, איז כמעט ווי אַ שול־יום־טוב. אָט דער יום־טוב איז געפייערט געוואָרן מיט אַ שול־אויספלוג אין די וועלדער אַרום דער שטאָט אויף אַ גאַנצן טאָג. די קינדער האָבן פריילעך מאַרשירט אין די רייען, אָנ־הייבנדיק פון די קליינינקע 6—7 יאָריקע קינדערלעך פון די מכינות (פּאָרבאַרייטונגס־קלאַסן) ביז די עלטערע 14—15 יאָרי־קע תלמידים. אַ פרייד איז אויסגעגאָסן געווען אויף אַלע פּנימ־לעך און פון די מיילעכלעך האָבן אַרויסגעזונגען די לידער, וואָס זיי האָבן שוין באַוויזן אויסצולערנען אין די עטלעכע חדשים פון דער שול־עקסיסטענץ. אַזאַ שול־יום־טוב האָט זיך אויך געפילט אין דער שטאָט, ווייל אַ גרויסער טייל פון דער דערוואַקסענער יוגנט האָט מיטגעמאַכט אַזאַ שפּאַציר מיט די תלמידים פון „יבנה״.

נאָכן פאַרוויילן אַזאַ זומער־טאָג אין וואַלד אין פאַרשיי־דענע שפּילערייען אד״ג האָט מען פאַרנאַכט צוריקגעקערט פון וואַלד, אויף דער וואָליע, אין שטאָט אַריין. בעת דעם צוריק־מאַרש פון דער שול איז זיך אַ דייטשער זעלנער געגאַנגען פון שטאָט צו זיין וווין־אָרט אויף דער וואָליע. אָנטרעפנדיק אויף דער קינדער־פּראָצעסיע, אונטער דער אָנפירונג פון לערערס, מיט אַ לידער־געזאַנג אין אַ שפּראַך, פון וועלכער ער האָט, ביי זיין גאַנצער אָנשטרענגונג, נישט געקאָנט פאַרשטיין קיין איינציק וואָרט — איז דער דאָזיקער זעלנער צוגעגאַנגען צו אַ לערער, וואָס האָט געפירט זיין קלאַס און געפרעגט: „ווער זענען די קינדער און אין וואָס פאַר אַ לשון זינגען זיי?״ די תשובה: „יידישע קינדער און העברעאישע לידער״ איז פאַר דעם זעלנער געווען אַן אויפטרייסלנדיקע אַנטפּלעקונג. עפּעס איז ער ווי אַרויסגעריסן געוואָרן פון עקסיסטירנדיקער ווירק־

לעכקייט און אַריין אין אַ חלום־וועלט. ער האָט זיך אומגעקערט צוריק, און אָנשטאָט צו גיין צו זיך אַהיים אויף דער וואָליע, האָט ער מיטגעשפּרייזט מיטן חלום אין שטאָט אַריין.

די קינדער זענען אָנגעקומען אין שול אַריין. ס׳איז שוין געווען פינצטער און די קינדער זענען אָפּגעשיקט געוואָרן אַהיים. דער דאָזיקער דייטשער זעלנער האָט קיין מנוחה נישט געגעבן. פרעגן אויף פרעגן. אַ טייל פון זיי זייער נאַיווע, וועלכע האָבן, נישט ווילנדיק, אַרויסגערופן ביי אונדז אַ שמייכל. געפילט האָט זיך אָבער, אַז דאָ שטייט אַ נאָענטער מענטש, אין וועלכן אַ פּינק האָט עפּעס אָנגעצונדן.

נאָך אַ שעהדיקן שמועס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער זעלנער איז אַ ייד פון בערלין, הייסט פריץ קאָרנבערג, אַרכיטעקט און מאלער. ווייס פון יידישקייט אַזוי פיל, אַז אַ ביאַלער גוי קאָן אים דינען פאַר אַ רב... זיין גאַנצער יידישער באַגאַזש איז באַשטאַנען פון עטלעכע איבערגעלייענטע מאמרים פון מאַרטין בובער.

אין דייטשן מיליטער האָט קארנבערג געדינט ווי אַ שאָפער און איז געשטאַנען מיט זיין אײנהייט אויף דער וואָליע. די גאַנצע וואָך איז ער באַשעפטיקט געווען אין זיין דינסט און פריי איז ער געווען די זונטיק־טעג.

דעם ערשטן זונטיק, נאָך יענער ערשטער באַגעגעניש, איז קארנבערג דערשינען אין דער שול. אָנגעהויבן זיך פאַראינטערעסירן נענטער מיט אַלע פּרטים, מיטן לער־פּראָגראַם, לערערס, אָרדענונג אאַ״וו. און דאָ קומט באַלד פון זיין זייט אַ פאָרשלאַג וועגן מיטאַרבעט, זעלבסטפאַרשטענדלעך אין געהיים, ווייל די מיליטער־מאַכט טאָר נישט וויסן פון אָנהאַלטן אַן ענגן קאָנטאַקט מיט דער ציווילער באַפעלקערונג. אין לימוד־פּראָגראַם פון דער שול זענען געווען באַשטימט צוויי שעה אין דער וואָך צו לערנען צייכענען אין יעדער קלאַס. דער לערער איז געווען ישעיהו אידל לעמבערגער. לויט קארנבערגס פאָרשלאַג, זאָל ער איבערנעמען אַ טייל פון דאָזיקן אונטערריכט זונטיק. ביי זיינע לעקציעס זאָל ביייזיין לעמבערגער, כדי זיך צו פאַרפולקאָמען אין טעאָרעטיש־פּעדאַגאָגישער הינזיכט, וועלכע האָבן אים געפעלט. די איבעריקע טעג זאָל לעמבערגער אַליין פאָרזעצן די לעקציעס.

אַזוי איז קארנבערג אַריין אין אונדזער קרייז און מיטגעאַרבעט מיט אַלעמען. אין דער „יבנה״־שול האָט ער זיך באַטייליקט אין אַלע פּעדאַגאָגישע און אַנדערע באַראַטונגען און זיצונגען, און אַזוי אויך אויף אַלע אַנדערע געביטן פון דער ציוניסטישער טעטיקייט אין שטאָט.

ער האָט אָבער נישט נאָר געגעבן, נאָר ער האָט אויך גענומען אַלץ, וואָס איז אים נויטיק געווען פאַר זיין פאַריידישן זיך. דאָס ערשטע האָט ער אָנגעהויבן לערנען עברית. זיין לערער איז געווען יעקב שטיינמאַן. מ׳מוז מודה זיין, אַז דאָס איז אים אָנגעקומען זייער און זייער שווער. אַ סך העברעאישע קלאַנגען האָט ער בשום אופן נישט געקאָנט זיך צואייגענען. ביזן סוף פלעגט ער אַ „יוד״ נישט אַנדערש אַרויסרעדן ווי אַ „זש״. למשל, „זשעלעד״, אנשטאט „ילד״. אַ כאַראַקטעריסטישער פאַקט פאַר זיין פרעמדקייט. אין אָנהייב, איידער ער האָט אָנגעהויבן לערנען עברית, האָט ער אויסגעפּרוווט יעדן געשריבענעם אות באַזונדער, וויפל באַוועגונגען פון דער האַנט ס׳פאָדערן זיך אין פאַרגלייך מיטן זעלבן אות אין דער לאַטיינישער שריפט. דאָס האָט אים געגעבן אַ באַווייז וועגן דער פּראַקטישקייט פון דער שריפט פון „רעכטס״ אויף „לינקס״...

קארנבערג האָט אָנגעהויבן קומען אין ציוניסטישע הייזער און אַזוי אַרום אַריינגעדרונגען אין אַ יידישער סביבה, געזען דאָס יידישע טאָג־טעגלעכע לעבן פון נאַציאָנאַלן און רעליגיעזן אַספּעקט. געוואָרן אַ הויזפריינד אין אַזעלכע הייזער, ביי פאַמיליע־שמחות אד״ג. אַוועקגעזעצט זיך צווישן אַלע און מיט אויגן, מויל און אויערן געשלונגען יעדע דערשיינונג, יעדן מנהג. וועגן אַלץ געפרעגט און געבעטן אויפקלערונגען ; אַזוי אַז — ווער האָט נישט געקאָנט קארנבערגן, ווי איינעם פון אונדז ?

ער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיטן עקאָנאָמישן לעבן פון די יידן. ליידער איז בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה דער עקאָנאָמישער מצב געווען אַזוי רואינירט און נישט סטאַביל, אַז ס׳איז אים שווער געווען עפּעס דערפון צו לערנען. אַ געוואַלדיקע אַנטפּלעקונג איז פאַר אים געווען די עקסיסטענץ פון יידישע בעלי־מלאכות. אין אָנהייב, אַז מ׳האָט אים וועגן דעם דערציילט, האָט ער פשוט נישט געוואָלט גלויבן. אין זיין פרייער צייט פלעגט מען מיט אים אַרומגיין און ווייזן אים לעבעדיקע מענטשן ביי די וואַרשטאַטן, יידן מיט בערד און אין זייערע הענט פאַרשיידענע אַרבעטס־כלים. ער איז געווען אויסער זיך, האָט זיינע אייגענע אויגן נישט געגלויבט. זיין צייכענונגס־בלאָק, מיט וועלכן ער פלעגט זיך קיינמאָל נישט שיידן, איז פאַרפולט געוואָרן מיט טיפּן פון מענטשן ביים וואַרשטאַט מיט אַרבעטס־מכשירים אין די הענט.

ווי געזאָגט, פלעגט זיך קארנבערג באַטייליקן אין אַלע ציוניסטישע אַרבעטן. ס׳איז איבעריק אויסצורעכענען ווי און ווען, פונקט ווי ס׳איז איבעריק צו רעדן פאַר אונדז וועגן אונדז.

ס׳וועט נישט איבעריק זיין צו דערציילן אַ קליינעם עפּיזאָד, וואָס ווייזט אַ כאַראַקטעריסטישן שטריך פון קארנבערגן.

אַ חנוכה־אָוונט, סוף 1916, אין דער „יבנה״־שול. אַזאַ אָוונט איז נישט נאָר געווען אַ יום־טוב פאַר די תלמידים, נייערט אויך פאַר די עלטערן, פריינד און דער עיקר פאַר אַלע ציוניסטן אין שטאָט. ווי אַ גאַסט איז אויך איינגעלאַדן געוואָרן ד״ר שוואבע, אַ דייטשער מיליטער־מאַן, אַ ציוניסט, אויך פון בערלין, וואָס זיין דינסט איז געווען אין דער דייטשער פאָליציי־פאַרוואַלטונג. מיט ד״ר שוואַבע איז זיך אויסגעקומען צו באַקאָנען ביים דערליידיקן אַ ציוניסטישן ענין אין דער פאָליציי. פון דעמאָלט אָן איז דער קאָנטאַקט מיט אים אָנגעהאַלטן געוואָרן, אָבער אין אַ מער פאָרזיכטיקער פאָרעם, ווי מיט קארנבערגן.

ד״ר שוואבע און קארנבערג זענען געווען צוויי באַזונדערע כאַראַקטערן. דער ערשטער : קאָפּ, אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן, ציוניסטישע פּראַקטיק פון זיין טעטיקייט צווישן דער ציוניסטישער אַקאַדעמישער יוגנט אין בערלין. דער צווייטער :

האַרץ און נשמה, אויפן געביט פון ציוניסטישער טעטיקייט אָנגעהויבן צו שטעלן ביי אונדז די ערשטע טריט.

ביי דער געלעגנהייט פון חנוכה־אָוונט, האָב איך געפונען פאַר ריכטיק צו באַקאַנען די צוויי בערלינער יידן און זיי געלאָזט אַליין אויף אַ שמועס צווישן זיך. דער שמועס האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט. נאָך אַ קורצער ווייל איז קארנבערג געשטאַנען לעבן מיר. איך האָב געפילט, אַז קיין האַרציקע חברשאַפט איז נישט געשלאָסן געוואָרן. וואָס איז? — ד״ר שוואבע האָט געפרעגט קארנבערגן: „זינד זי אַקאַדעמיקער?״ — „ניין, באומייסטער״ — איז געוועזן זיין תשובה.

אויב איך האָב נישט קיין טעות, איז קארנבערג געוועזן אין ביאַלע ביז אַרום סוף 1917. מיטן פאָרמאַרש פון דייטשן מיליטער אין רוסלאַנד, איז דער אויטאָ־פּאַרק פון קארנבערגן אַוועק קיין כאַרקאָוו. דאָרט האָט קארנבערג גלייך געפונען דעם וועג צו די „צעירי־ציון״ און זיי אַ סך מיטגעהאָלפן ביי פאַרבינדונגען מיט אויסלאַנד.

ביי מיין קומען קיין ארץ־ישראל, אין סוף 1925, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז קארנבערג געפינט זיך אין ירושלים. ווי אַן אַרכיטעקט האָט ער געהאַט די אויפזיכט איבערן בוי פון די אוניוורסיטעט־בנינים אויפן הר־הצופים. איך האָב אים, פאַרשטייט זיך, באַלד באַזוכט אין זיין הויז, אין דער שכונה „תלפיות״ (ירושלים). דאָס הויז איז געוועזן געבויט לויט קארנבערגס באַזונדערן קינסטלערישן געשמאַק. אין דעם הויז האָב איך געפונען אויף די ווענט, צווישן אַנדערע צייכענונגען, אויך אַ טייל פון ביאַלע, און אויך עטלעכע תלמידות פון דער „יבנה״־שול (מירטשע בלאנקליידער מיטן פידל, איטקע רובינשטיין א״אַ).

אין די 1929־געשעענישן, איז דאָס הויז, וואָס איז געוועזן דאָס לעצטע אין דער שכונה, פאַרברענט געוואָרן דורך די אַראַבישע אָנפאַלערס. דערמיט זענען אויך פאַרברענט געוואָרן זכרונות פון ביאַלע, וואָס קארנבערג האָט דאָרט געהאַט אין פאָרעם פון קינסטלערישע צייכענונגען. ס׳האָט געדויערט עטלעכע יאָר ביז ס׳איז קארנבערגן געלונגען צוריק צו רעמאָנטירן און אויפלעבן אויפסניי זיין הויז. ליידער איז אים אָבער שוין נישט באַשערט געוועזן אין דעם לאַנג צו פאַרבלייבן. בעת דער אַרבעט אין גאָרטן אַרום הויז, וועלכן ער האָט מיט אַזוי פיל ליבע געפלעגט, איז ער געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אָנפאַל.

פרויען געשטאלטן

מיטן געבן עטלעכע פרויען־געשטאַלטן, און דאָס דווקא פון דער פריערדיקער תקופה, איז נישט געזאָגט געוואָרן, אַז דערמיט איז אויסגעשעפּט געוואָרן אַלץ, וואָס ס'לאָזט זיך געוויס זאָגן וועגן ביאַלער פרויען, וואָס זענען טעטיק געווען אין פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן אין שטאָט, אין די יאָרן פאַרן חורבן. אויב מיר דערציילן דאָ וועגן גאָדיע שטיינמאַן און הוהלע ראַדזינעק, איז דאָס נאָר בלויז וועגן צוויי יונגע העראָישע פרויען־געשטאַלטן. ס'האָבן אָבער נישט געפעלט אין שטאָט קיין פרויען פון יונגן דור, וואָס האָבן פאַר זייערע פּאָליטישע איבערצייגונגען געשמאַכט יאָרן אין תפיסות; פרויען, וואָס האָבן פאַרלאָזט זייערע וואַרעמע היימען, אַוועק, ווי חלוצות, קיין ארץ־ישראל און געלעבט דאָס שווערע און העראָישע לעבן ביים אויפבוי פון לאַנד. און אַוודאי איז געווען אַ קאָנטיקע צאָל פרויען, וואָס האָבן זיך מתעסק געווען אין שטאָט מיט סאָציאַלער הילף פאַר די נויטבאַדערפטיקע שיכטן.

ס'איז אונדז קלאָר דער בלויז אויף דעם געביט, אָבער ליידער איז אונדז נישט געלונגען צו באַקומען אַוועלכן ס'איז מאַטעריאַל, כדי צו פאַרגרעסערן די צאָל פרויען סילועטן.

טילע בערלין

יצחק שיין תל־אביב

אין שענסטן טייל פון דער שטאָט, אינמיטן מאַרק, אויפן ברייטן טראָטואַר, שטייט אַ גרויס הויז. דער הויף איז פאַרבויט פון אַלע זייטן, מיט אַ דורכגאַנג־טויער אין דער זאַקאָשטשעלנער גאַס, קעגנאיבער דעם קלויסטער. פון דער מאַרק זייט איז דער אַרייַנגאַנג דורך אַ ברייטן, געשניצטן טויער מיט אַ הילצערנער פּאָדלאָגע. די ווענט זענען געשאַלעוועט מיט האָלץ.

אין פּאַרטער איז געווען דער אַפּטייק פון אָסטראָווסקי, און אויפן ערשטן שטאָק זיין דירה, פון 6—7 צימערן, מיט אַ באַלקאָן קעגנאיבער דעם מאַרק־סאַד.

אין שטאָט האָט מען עס גערופן דאָס קהלשע הויז. נישט יעדער האָט געוווּסט פון וואַנען אָט דער נאָמען שטאַמט, און אַז דאָס הויז האָט אַמאָל געהערט צו טילע בערלין.

טילע, די טאָכטער פון ר' יצחק אייזיק שחור, אַ רייכער בעל־הבית, איז געווען פאַרהייראַט צו שמואל פאליק (זיין פאַמיליע־נאָמען געדענק איך נישט), אַ גרויסער און רייכער האָלץ־סוחר, וואָס האָט געפירט מסחר מיט דייטשלאַנד. אין אַ געוויסן פרילינג, ווען ער האָט געשיקט ריזיקע טראַנספּאָרטן האָלץ אויפן ווייסל קיין דאַנציג, איז געשען אַ קאַטאַסטראָפע. די שטורמישע ווייסל־כוואַליעס האָבן צעריסן די האָלץ־טראַטווועס, דער גאַנצער האָלץ־טראַנספּאָרט איז אַרייַן אין ים, און אַ צענדליק שיפערס איז דערטרונקען געוואָרן.

אויסער דעם געלט־שאָדן האָט ער נאָך געהאַט אויף זיך אַ פּראָצעס און געמוזט באַצאָלן גרויסע סומעס אַנטשעדיקונג די פאַמיליעס פון די אומגעקומענע שיפערס. ער איז געוואָרן אַ יורד. דער שווערער מצב האָט אויף אים אַזוי שטאַרק געווירקט, אַז אין אַ קורצער צייט אַרום איז ער געשטאָרבן פון אַ האַרץ־שלאַג.

די איבערגעבליבענע קינדערלאָזע אַלמנה, טילע, האָט זיך אָבער נישט פאַרלוירן און איבערגענומען דעם מאַנס געשעפטן. זי האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו באַצאָלן אַלע חובות, וואָס זענען פאַרבליבן בירושה. זי האָט אַליין גענומען קויפן האָלץ און ווידער טראַנספּאָרטירן עס מיטן וואַסער.

אין יענער צייט, אין די אַכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, האָבן כמעט אַלע וועלדער אין ביאַלער סביבה, ווי אויך דער ביאַלער הויף, געהערט צום פירשט האָהענלאָהע. אַזוי ווי דעמאָלט איז אַרויס אַ רוסישער געזעץ, וואָס האָט פאַרבאָטן אויסלענדישע בירגער צו באַזיצן גרויסע מאַיאָנטקעס, האָט דער פירשט גענומען ליקווידירן און אויספאַרקויפן זיינע פאַרמעגנס.

טילע איז געוואָרן איינע פון די גרעסטע קונים פון פירשטס וועלדער, און די טראַנזאַקציעס האָבן באַטראָפן הונדערטער טויזנטער רובל. דער פירשט אַליין פלעגט זיין אַ בן־בית ממש ביי טילען אין הויז. פאַרשטייט זיך, אַז פון אַזעלכע ריזיקע געשעפטן איז זי זייער רייך געוואָרן. זי האָט געפירט ממש אַ פירשטלעך לעבן, מיט אייגענע קאָטשן און קוטשערס, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זי האָט געפירט אַ פרום הויז און אַליין געטראָגן אַ שייטל (פאַרוק).

אין עטלעכע יאָר אַרום האָט זי צום צווייטן מאָל חתונה געהאַט מיט הרב הגאון ר' חיים בערלין, דער עלטסטער זון פון ר' נפתלי צבי יהודה (הנצי"ב), ראש פון דער וואָלאָזשינער ישיבה.

ר' חיים בערלין איז פריער געווען רב אין מאָסקווע (פאַר הרב מזא"ה). נאָך דער חתונה מיט טילען האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון רבנות, זיך באַזעצט אין ביאַלע, אין אַ גרויסאַרטיקער פריצישער דירה, און יום ולילה האָט ער עוסק געווען אין תורה (ווען איך האָב זיך מיט יאָרן צוריק באַגעגנט מיט הרב מאיר בערלין [בר־אילן] און פונאַנדערגערעדט זיך מיט אים וועגן קרובהשאַפט — איך האָב געמיינט, אַז ער איז ר' חיימס אַ ברודער־זון — האָט ער מיר געזאָגט: — אנחנו יותר קרובים ממה שחשבת — ווייל ער איז זיין ברודער. אויף מיין פראַגע, ווי קומט עס אַזאַ אונטערשייד אין די יאָרן,

האָט ער מיר געענטפערט: — חיימקע נולד כשאבי היה בן 19 ואני נולדתי אחרי 40 שנה מאשתו השניה).

אין יאָר 1892 אָדער 1893, אַ געוויסן שבת־נאָכמיטאָג, גייענדיק שפּאַצירן מיט אירע צוויי פּלימעניצעס, העניע און רחל (מיין מוטער), האָט זיך טילע דערפילט שלעכט, און זי איז געשטאָרבן פון אַ האַרץ־שלאַג אין עלטער פון 50 יאָר.

נאָך „שבעה" האָט דער מאַן אירער, ר' חיים בערלין, גע־עפנט די אייזערנע קאַסע אין אַנוועזנהייט פון די יורשים און אָפּגעציילט דאָרט 560 טויזנט רובל אין מזומן, חוץ טייערע צירונג און ווערטפולע זאַכן. אין יענער צייט איז דאָס געווען אַ קאָלאָסאַל פאַרמעגן. ווי דערמאָנט, איז טילע געווען אַ קינ־דערלאָזע, און מיטן פאַרמעגן האָבן זיך אויפן אָרט איינגע־טיילט אירע שוועסטערס און ברידער, יעדער פון זיי האָט באַ־קומען זיין חלק, פון העכער 60 טויזנט רובל במזומן.

מ'האָט אויך געפונען משכנות אויף גרויסע סומעס, וואָס טילע האָט געגעבן ווי גמילות־חסדים, און יעדער חפץ איז געווען פאַרצייכנט צו וועמען ער געהער. די יורשים האָבן די משכנות צוריקגעגעבן די איינגנטימערס אָן געלט־אויסלייז.

ר' חיים בערלין האָט נאָכן באַקומען די ירושה פאַר־לאָזט ביאַלע און אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל, וווּ ער איז אין טיפן עלטער נפטר געוואָרן אין ירושלים אין תשרי תרע"ג.

פאַרשיידענע בנינים, וואָס האָבן אַנגעהערט צו טילען, האָבן די יורשים אַוועקגעגעבן אויף וווילטעטיקע צוועקן. דאָס הויז אויף דער פּאָטשטאָווער גאַס — פאַרן גערער שטיבל; געוועלבער אויף דער יאַטקע־גאַס — פאַר קהל, און דאָס באַ־רימטע הויז אין מאַרק — פאַר ביקור־חולים. אין די תקנות איז געווען אָנגעמערקט, אַז מיט דער הכנסה פון די הייזער זאָלן פאַרוואַלטן משפחה־מיטגלידער. דאָס געלט פלעגט פאַרווענדט ווערן צו שטיצן אָרעמעלייט מיט רעצעפּטן, וועלכע דער אַפּטייקער אָסטראָווסקי פלעגט אַרויסגעבן מיט אַ 50% הנחה. מ'פלעגט אויך שיקן אָרעמע קראַנקע אין שפּיטעלער און אין וואַרעם־בעדער. מיטן אַנטשטיין פון דער געווילטער קהילה, בעת דער פּוילישער הערשאַפט, איז אַלץ אַריבער אין איר רשות. אין די דרייסיקער יאָרן האָט די קהילה געגעבן לאָקאַלן אין הויז, אין מאַרק, פאַר: „תרבות"־ביבליאָטעק, „בית־יעקב"־שול און האַנטווערקער־פאַראיין.

איך וויל צוגעבן עטלעכע פּרטים וועגן דער משפּחה, פון וועלכער ס'האָט געשטאַמט טילע בערלין, און וועלכע האָט געשפּילט אַ גאַר אָנגעזעענע ראָלע אין יידישן לעבן אין ביאַלע.

דער ראש פון דער דינאַסטיע איז געווען ר' נח שחור, זיין פאַמיליע האָט געשטאַמט פון ניסוויעזש און ווילנע. זיין זון ר' יצחק אייזיק שחור האָט געהאַט 9 קינדער:

1. ר' נח שחור — מחותן פון גערער רבין, דעם „שפת אמת", און שווער פון גערער רבין ר' אברהם מרדכי אַלטער, וואָס איז נפטר געוואָרן אין ירושלים, ערב שבועות, תש"ח.
2. ר' דוד שחור — מיין זיידע.
3. ר' שיימע שחור — געוווינט אין לובלין; קלמן שיינ־בערג — זיין איידעם.
4. ר' יחזקאל שחור — אידל שוואַרץ זיין איידעם (פון דער זעלבער משפּחה, אָבער אַ זייטיקער צווייג).
5. טילע בערלין.
6. מייטע ראָזנקראַנץ, פרוי פון נחמן ראָזנקראַנץ, אַ מת־נגד אין דער דאָזיקער משפּחה (זייער הויז אויף דער יאַנעווער גאַס האָט זיך געגרענעצט מיטן יידישן שפּיטאָל).
7. זיסל מינץ — מוטער פון מאָטל מינץ.
8. חנהלע אַלטער — די פרוי פון ר' יאָסעלע אַלטער, אַ ברודער פון „שפת אמת".
9. חיהלע רובינליכט — די באָבע פון שמואל און יעקב קאַהאַן.

אין דער משפּחה איז געווען אַ פאָנד פון אַ גאַר גרויסער סומע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך די ניעסוויעזשער און ווילנער שחורס. די פּראָצענטער פון אָט דעם פאָנד זענען געגעבן געוואָרן ווי אַ שטיצע צו אָרעמע קרובים, פון 50 ביז 300 רובל, אָבער בדרך אַ גורל. אויף אַ רעקאָמענדאַציע פון צוויי משפּחה־מיטגלידער איז דער נויטבאַדערפטיקער אַריין אין גורל. דער זוכה־בגורל האָט געמוזט וואַרטן דריי יאָר, כדי צו קאָנען נאָך אַמאָל אָנטיילנעמען אין גורל. פון טילעס ירושה איז אויך געגעבן געוואָרן אַ קאָנטיקע סומע אויף דעם פאָנד.

ב. וויינבערג לאנדאן

ו. רבקה עקיבאכעס

אין דער יאַטקע גאַס, באַלד נאָכן ראָג בריסקער, איז גע־ווען אַ גרויסער הויף, אויף וועלכן ס'זענען שטענדיק געווען וועגענער און בוידן פון אַרומיקע שטעטלעך און דערפער. דאָס איז געווען אַ גרויסער אַריינפאָר־הויף, אויף וועלכען ס'האָט זיך שטענדיק גערודערט און געטומלט פון יידן און גויים, וועלכע זענען געקומען קיין ביאַלע צוליב מסחר, אָדער דערליידיקן אַנדערע ענינים.

אין הינטערגרונט פון הויף איז געשטאַנען אַ גרויס הויז, וואָס איז געווען זייער לאַנג, און געהאַט טרעפּלעך אַרויפ־צוגיין, כדי אַריינצוקומען אינעווייניק. דאָס הויז איז געווען אַן אכסניה ווו די „געסט" פלעגן ווינטער זיך אָנוואַרעמען, טרינקען אַ גלעזל טיי, און זומער אַראָפּוואַרפן פון זיך די שווערע־מלבושים.

דער הויף איז געווען באַקאַנט מיטן נאָמען: „רבקה עקיבאכעס הויף", אויפן נאָמען פון דער פרוי, וועלכע האָט אָנגעפירט דאָס געשעפט. רבקה עקיבאכעס איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכע שיינע פרוי. הויך, שלאַנק און גראַציעז אין אירע באַוועגונגען. און כאָטש זי איז געווען געקליידט לויט דעם שטייגער פון יענער צייט: אַ טשיפּיק אויפן קאָפּ און פּראָסטע נישט צוגעפּאַסטע קליידלעך און בלוזקעס, האָט

זיך דאָך אַרויסגעזען איר גראַציעז חנעוודיקע שיינקייט. זי איז געווען אַ זייער קלוגע פרוי, און אַפילו חסידים פלעגן קומען זיך שואל־עצה זיין מיט איר.

ווער איר מאַן איז געווען, ווייס איך נישט. זינט איך געדענק זי פון מיין פריסטער קינדהייט, האָט זי קיין מאַן נישט געהאַט. דערפאַר האָט זי געהאַט טעכטער, וועלכע זענען געווען שיין און אַריסטאָקראַטיש אין אַלע זייערע אויפפירונגען... זייער שיינקייט איז געווען אַן איידעלע, אַ הימלישע — אויב מ'קאָן זיך אַזוי אויסדריקן — און זייער באַציאונג צו מענטשן איז געווען אַ העכסט מענטשלעכע און אַריסטאָקראַטישע.

חוץ אַריינפאָר־הויז האָט זיך רבקה עקיבאכעס באַשעפטיקט מיט מאַכן עסיק. דער עסיק, וואָס זי האָט פאַבריצירט איז נישט נאָר געווען פאַרן היימישן געברויך, נייערט ער איז אויך געווען פאַר „עקספּאָרט" אין די אַרומיקע שטעט, שטעטלעך און דערפער. זי פלעגט אויך פאָרן קיין דאַנציג און ברענגען פון דאָרט הערינג. פּרנסה איז געווען בריווח און די קינדער, די טעכטער, האָבן געקראָגן אַ גוטע דערציאונג, לויט יענעם שטייגער. מענטשן האָבן אַפילו אונטערגעמורמלט, אַז זי פירט איבער די מיידלעך מיט דעם, וואָס זי לאָזט זיי לערנען לייענען און שרייבן.

ווי ס'שיינט מיר היינט, איז דאַן עפּעס אַ געהיימע מיסטעריע געווען אַרומגערינגלט אַרום רבקה עקיבאכעס הויז. אויף וויפל ס'איז געווען מעגלעך אין יענער צייט, האָט זי זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט פון אַלעמען, וויניק געקומען אין באַריזרונג מיט דער שטאָט, כאָטש אַזוי פיל מענטשן זענען אַהין אין הויז אַריינגעקומען. די אָפּגעזונדערטקייט איז געווען נישט צוליבן גרויסהאַלטן זיך, פון קוקן פון אויבן אַראָפּ. ניין, דאָס איז מער געווען אַ צוריקהאַלטן זיך, אַ מין צוריקגעצויגנקייט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג.

איך געדענק, אַז יעדן ערב יום־כפור פלעגט מיין פאָטער ע"ה גיין צו רבקה עקיבאכעס און פון דאָרט ברענגען אַ גרויסע וואַקסענע ליכט, וואָס פלעגט אַריינגעשטעלט ווערן אין אַ קעסטל מיט זאַמד צוזאַמען מיט נאָך ליכט, וואָס ברענען פון פאַר „כל נדרי" ביז נאָך „נעילה". אָט די דאָזיקע וואַקסענע ליכט איז געווען באַשטימט פאַר עמעצנס נשמה פון רבקה עקיבאכעס משפחה. פאַר וועמען? דאָס האָט געוווסט בלויז רבקה און מיין פאָטער.

איך האָב אין לאָנדאָן באַגעגנט רבקה עקיבאכעס אַ טאָכטער, און אין מיין זכרון זענען אַרויפגעשווומען אָט די קלייניקייטן פון יענער מערקווירדיקער, כמעט ביבלישער פיגור, רבקה עקיבאכעס. דאָס איז געווען אַ פרוי, וועלכע וואַקסט אויס אין מיינע אויגן ווי אַ ריז, אַ מיסטעריעזער ריז, וואָס שפּרייזט איבער דעם גרויזאַמען לעבן מיט זיכערע, פעסטע טריט צו אַ באַשטימטן צוועק מיט אַ באַשטימטן ציל, נישט נעמענדיק אין באַטראַכט, וואָס די אַרומיקע וועלט זאָגט אָדער טראַכט וועגן איר. אַ זעלטענע פרוי, אַ זעלטענער מענטש, מיט אַ זעלטענעם כאַראַקטער איז געווען די פרוי, וועלכע איך בין זיכער, איז פאַרגעסן געוואָרן פון די, וועלכע האָבן זי געקענט און קאָנען זי נאָך געדענקען.

זאָל דאָס בילדל זיין אַ רעפליקע פון דער וואַקסענער ליכט, וועלכע מיין פאָטער ע"ה פלעגט פאַר איר אָוועקשטעלן אין בית־המדרש. זאָל דאָס זיין אַ יאָרצייט־ליכטל נאָך דער גרויסער נשמה פון דער מערקווירדיקער פרוי רבקה עקיבאכעס, וועלכע איז געווען אַ צעווייטאָגטע, און געטראָגן דעם ווייטאָג טיף באַגראָבן אין זיך, נישט זוכנדיק קיין סימפּאַטיע פון דער מאַסע, וועלכע ווערט אָפט פאַרוואַנדלט אין ציניזם...

2. פעסל די „טויבע"

פעסל די „טויבע" איז געווען אַ מיטל־געוויקסיקע פרוי, מיט זייער אַ שיינעם פּנים. דאָס איז, דוכט זיך מיר, אַלץ וואָס מ'קאָן זאָגן וועגן אַ פרוי פון יענער צייט, וועלכע האָט נישט געטאָרט ווייזן קיין אייגענעם האָר, קיין גאַנצע אויערן און נישט געטאָרט אָנטאָן קיין קאָרסעט... און כאָטש פעסל די „טויבע" איז געווען אַ פרומע, כשרע יידישע טאָכטער, כאָטש זי האָט געטראָגן אַ שייטל און נישט געטראָגן קיין קאָרסעט, האָט זיך דאָך אויסגעזען גראַציעז און פול מיט חן.

צי איז זי טאַקע געווען טויב, דאָס ווייס איך נישט; ווער איר מאַן איז געווען, ווייס איך אויך נישט. איך ווייס בלויז איין זאַך: ווער ס'האָט גערעדט פון פעסל דער „טויבער", האָט איר נאָמען דערמאָנט מיט דרך־ארץ און מיט יראת־הכבוד. איר נאָמען איז אין שטאָט געווען ווי אַ סימבאָל פון גוטסקייט. שיינקייט און פאָלקאָמענהייט.

פעסל די „טויבע" איז געווען אַ פרוי מיט אַן אומגעהויער גרויסער, כמעט אומדערשעפּלעכער, ענערגיע, אַ פרוי מיט אַ גרויסן געשעפט־אינסטינקט און געשעפט־פעאיקייט, וואָס איז אין יענער צייט געווען אַ זעלטנהייט אַפילו ביי די מענער אין ביאַלע. דערצו איז זי געווען אַ גרויסע בעלת־צדקה, געהאַט אַ ברייטע אָפענע האַנט פאַר יעדן, וואָס האָט זיך גענויטיקט אין הילף.

אין ראַג פון מאַרק (היינט פּלאַץ־וואָלנאָשטשי) און די גאַס, וואָס פירט צום מעזריטשער שאָסיי, איז געווען די גרויסע קראָם, וועלכע פעסל די „טויבע" האָט אָנגעפירט. דאָס איז געווען אַ קראָם מיט אַ גרויסן זאַפּאַס פון פאַרשיידענע סחורות ספּעציעל פאַר מענטשן, וואָס קאָנען אויסגעבן געלט, און וועלכע האָט זיך נישט געדאַרפט שעמען קעגן גרויסע קראָמען אין וואַרשע אין יענער צייט.

איך געדענק נישט, אַז אַ ביאַלער ייד זאָל האָבן אַמאָל אַריינגעגאַנגען צו פעסל די „טויבע" אין קראָם עפּעס קויפן. ניין, דאָס איז געווען אַ קראָם ספּעציעל פאַר די פּריצים, כראַביעס און גראַפן, וועלכע האָבן געוווינט אין זייערע „הויפן" אַרום ביאַלע. אָט די פּריצים פלעגן זיך אַראָפּלאָזן עטלעכע מאָל אין וואָך מיט זייערע קאַרעטעס, וואָס זענען געפירט

געוואָרן פון פיר פערד „נאַשפּיץ” אין זומער, אין שליטנס מיט „טראָיקעס” — אין ווינטער.

ביי פּעסל דער „טויבער” האָט מען געקראָגן אַלע סאָרטן ווייַן, ליקער, און בראָנפן (ס׳איז נאָך דאַן קיין מאָנאָפּאָל אויף שנאַפּס נישט געווען). אַלע בשמים־זאַכן און צו דעם אויך פאַרשיידענע שפּילצייג, און אַפּילו וועגעלעך פאַר קינדער אויך. שטענדיק איז די קראָם געווען געפּאַקט מיט סחורה און אויך מיט קונים.

שוין דאַן איז אין ביאַלע געשטאַנען אַ סך מיליטער. ס׳זענען געווען אַלטע קאַזאַרמעס, ס׳זענען געבויט געוואָרן נייע קאַזאַרמעס, און די שטאָט איז שטענדיק פול געווען מיט אָפיצירן, פּולקאָווניקעס און אַפּילו גענעראַלן. ס׳איז דערפאַר זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אויך די קראָם פון פּעסל דער „טויבער” האָט געהאַט אַ סך קונים פון די מיליטער־לייט, און אַפּילו זיי האָבן זיך באַצויגן צו דער פרוי מיטן גרעסטן רעספּעקט. מיט איר אַריסטאָקראַטישער האַלטונג האָט זי אַרויסגערופן צו זיך דעם גרעסטן רעספּעקט און די טיפסטע אַכטונג אויך ביי די פּוילישע פּריצים פון דער אומגעבונג, וואָס האָבן שטענדיק ליב געהאַט צו מאַכן שפּאַס — אָפּטמאָל גרויזאַמע שפּאַס — פון יידן, בעיקר פון יידישע פרויען...

פּעסל האָט געפירט איר קראָם אויף אַ ריינעם געשעפטמעסיקן אופן: „איך האָב די סחורה וואָס איר דאַרפט — קויפט, באַצאָלט און גייט אייך געזונטערהייט”. ס׳איז נישט געווען דער הכנעהדיקער גייסט, וועלכן מיר זעען נאָך היינט צו טאָג אין יידישע געשעפטן אין אַ סך אייראָפּעאישע שטעט. זי איז געווען אַ שטאָלצע סוחרטע, אַן ערלעכע סוחרטע, וואָס פאַרקויפט סחורה און נישט איר נשמה.

3. אסתר די „יאַשטשערקע”

אַ קליין איינגעדאַרט ווייבעלע, מיט אַ טשיפּיק אויפן געגאָלטן קעפּל, אין וועלכן ס׳זענען געווען איינגעפאַסט צוויי רירעוודיקע אויגן, וואָס האָבן געקוקט בייז אויף מענטשן און אויף דער וועלט; אַ קליין שפּיציק נעזל, וואָס איז געהאָנגען איבער אַ קליין מיילעכל, וואָס האָט שטענדיק גערעדט, שטענדיק געמורמלט, געשאָלטן אָדער געבענטשט.

אַן אומגעהויער גרויסע אייזנקראָם אויף דער זייט מאַרק, וועלכע בילדעט אַ וואַנט פון בריסקער ביז גראַבאַנאָווער גאַס. די קראָם איז געווען זייער לאַנג און ביים אַנדערן עק האָט אַ טיר אַרויסגעפירט אויף אַ גרויסן הויף מיט שפּייכלערס, וועלכע זענען שטענדיק געווען אָנגעפּולט מיט פאַרשיידענע אייזן־סחורות. שטענדיק האָט מען אין דער קראָם געזען קונים, גויים און יידן. זונטיק איז נישט מעגלעך געווען פאַרבייצוגיין דעם טראָטואַר לעבן דער קראָם, ווייל הונדערטער גויים האָבן זיך געשטופּט אַריינצוגיין אין קראָם עפּעס קויפן: ווער אַ פיילעכל און ווער אַן אַקעראייזן, ווער אַ פונט טשוועקעס און ווער אַ טראַנסמיסיע.

די באַלעבאָסטע פון דער קראָם איז געווען אסתר די „יאַשטשערקע”. און נישט נאָר זי איז געווען די באַלעבאָסטע, נייערט זי איז אויך געווען די גאַנצע געשעפט־פירערקע און פאַרוואַלטערין פון דעם גרויסן געשעפט.

אַ שוואַכע פרוי, אַ פרומע, מער, אַן עקסטרעם פאַנאַטישע פרוי מיט אַלע פאָראורטיילן, וואָס אַזאַ פרוי פאַרמאָגט אין זיך, איז זי ביז היינט דער גרעסטער וווּנדער פאַר מיר, ווי אַזוי זי, מיט אירע שוואַכע כוחות, האָט געקאָנט אָנפירן אַזאַ גרויס געשעפט. ס׳ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז אָפּטמאָל איז דער שטאַרקער גייסט, אַ שטרעבונג צו דערגרייכן עטוואָס, די קראַפט, וואָס פילט אָן דעם שוואַכסטן קערפּער.

אַזאַ שטרעבונג האָט געהאַט אסתר די „יאַשטערקע”. איר אידעאַל איז געווען די פאַמיליע, און דאָס האָט איר געגעבן אָט דעם כוח, וואָס האָט באַהערשט איר פיזישע שוואַכקייט.

איר מאַן, משה יאָסל, איז געווען דער קעגנזאַץ צו זיין ווייב; אַ שיינער ייד מיט אַן עקעדיקער, נישט צו גרויסער, באָרד, מיט אַ שמייכלדיקן פּנים, פלעגט ער כסדר זיצן אין הויז און לערנען. אַ פאַמיליע האָבן זיי געהאַט אַ גרויסע און געפירט אַ רייך הויז, וועלכעס האָט צו יענער צייט געהאַט גרויסע אויסגאַבן, און אסתר די „יאַשטערקע” האָט געהאַט די אויפגאַבע צו שאַפן די מיטלען פאַר אָט די אויסגאַבן. די גאַנצע פאַמיליע: פאַרהייראַטע זין מיט זייערע קינדער און אַלע זייערע באַדערפענישן זענען באַפרידיקט געוואָרן פון דער הכנסה פון דער קראָם, וועלכע איז אָנגעפירט געוואָרן פון דער שוואַכער ווייבעלע, וואָס האָט אין זיך געהאַט אַזעלכע אומדערשעפּלעכע כוחות און ענערגיע.

יעדן חמשה־עשר בשבט פלעגט אסתר אויסטיילן צו אירע קונדן פּרעזענטער — „בייטלען”, פאַפּירענע בייטלען מיט די פאַרשיידנסטע פרוכטן. איך געדענק, אַז מיין פאָטער ע״ה, זייענדיק איינער פון אירע קונים, פלעגט יעדן „חמשה־עשר” אַהיימברענגען אַזאַ „בייטל” אָנגעפילט מכל־טוב. זי איז געווען אַ גרויסע בעלת־צדקה, געגעבן צדקה מיט אַ פולער האַנט. מ׳האָט געשמועסט אין שטאָט, אַז זי האַלט אויס עטלעכע נויטבאַדערפטיקע משפחות. מ׳האָט געוווּסט וועגן איר „מתן־בסתר”, און דערפאַר איז זי אין שטאָט געווען געאַכטעט און געשעצט, כאָטש מ׳האָט איר געהאַלטן פאַר אַ שלעכטע.

נאָך איר טויט האָבן די קינדער זיך גענומען צום געשעפט, אָבער ס׳איז מער נישט געגאַנגען ווי פריער. מיט יעדן טאָג איז דאָס געשעפט געגאַנגען אַראָפּ, און פון דער באַרימטער גרויסער אייזנקראָם איז געוואָרן אַ קליין קרעמל, וואָס האָט נישט געגעבן גענוג פּרנסה פאַר די, וועלכע האָבן ביי דעם געאַרבעט. ס׳האָבן געפעלט די קענטענישן, די אַרבעט און דער גייסט פון דעם קליינעם אויסגעדאַרטן ווייבעלע, וואָס האָט אויפגעהאַלטן אַזאַ גרויסע פאַמיליע, און געשפּייזט אויך אַ סך מענטשן אויסער דער משפּחה.

(די טיפּן, באַשריבן פון ברוך ווייַנבערג, זענען אַרויסגענומען פון אַ צאָל עקזעמפּלאַרן פון „פּאַדלאַסיער לעבן” פון יאָר 1933).

דינה ארביטמן קיבוץ עין השופט / גודיה שטיינמן*

שמה היה גולדה — קראנו לה גודיה. השם הזה הלם לה. זהובת שיער, עינים תכלת וצחוק ידידותי לא מש משפתיה. החן הרב והרוח הטובה רכשו לה ידידים רבים בין הילדים וכמו כן בין המבוגרים.

בהיותה בת שש מתה אמנו היקרה. גודיה עוד תינוקת שטרם הספיקה לינוק את אהבת אם, שהצטיינה בטוב ליבה וחכמתה. חששנו שגודיה תישבר באווירת העצב ששררה בבית אחרי האסון והחלטנו לשלחה לבני משפחה בעיר השכנה מזריץ׳. גודיה התחילה שם לבקר בבית־הספר „תרבות" ועל אף העובדה שלא ידעה את השפה העברית השיגה במהרה את שאר הילדים והתחבבה מאוד על המורים. מנהל בית־הספר ביקש מאבא להשאירה שם לפחות לעוד שנה, באמרו כי „היא דוגמא לכל ילדי הכיתה".

גודיה חזרה הביתה והתחילה ללמוד בבית־הספר העממי. אחרי כמה שבועות הקפיצו אותה לכיתה יותר גבוהה. בבית שימחה את לבנו, לא נתנה לאבא לשקוע בעצב ולכולנו היתה קרן אור. אבי ז"ל, אחותי רייזעלע, אחי שמואל ז"ל כולנו דאגנו ראשית כל לה.

אחרי שרייזעלע נסעה לאמריקה ושמואל ז"ל נסע לווארשה ללמוד, נשארנו שתינו בבית עם אבא. ראיתי את עצמי כלפי גודיה לא רק כאחות גדולה, אלא גם כאם. הרגשתי אחריות גדולה לגורלה, רציתי במעט להחזיר לה את אהבת האם שאבדה לה בגיל כה צעיר. על אף הילדות המוקפחת היתה לה שמחת חיים ושובבות וגם הצטיינה בלימודים הודות לכשרונה הגדול. היא התבלטה בבית־הספר העממי ואחרי כן בבית הספר התיכון. את דרך לימודיה הפסיקה השואה.

הבית שלנו היה בית שומרי. רבים החברים שמצאו בו עידוד ומרגוע. ארוחות צהרים וערב נהיו לא פעם לסימפוזיון על ספרות, תנ"ך וכו׳. אבי היה לנו חבר מבוגר והדריך אותנו אפילו בניהול שיחה בקן. הוא עזר לנו לרכוש ידיעות בעברית ולקרוא את העתונות שפירסמה התנועה בפולין ובארץ. אבי ידע לחבב עלינו את הארץ, את התנועה החלוצית ואת העם היהודי על הטוב והקשה שבו. וגודיה היתה תלמידה נאמנה, מהר הבינה מה תפקידה בבית־הספר הפולני (תיכוני), בו שנאת היהודי היתה זועקת מכל פינה. בגאוה ידעה להגן על עמה ולא הסתירה את יהדותה. כבת 12 הצטרפה להשומר־הצעיר. היתה הראשונה בשירה ובריקודים, והראשונה גם בביצוע פעולות, הדורשות מאמץ. הצמאון לדעת הביא אותה לקריאה מוגברת, התעמקות בנושאים סוציולוגיים וסוציאליים.

פעם נקרה לקן בביאלה חבר מההנהגה הראשית שנכח בשיחה בקבוצה של גודיה; כשהקשיב ליופי ביטויה ודרך מחשבתה הרצינית, פנה לקן בבקשה לשלוח אותה לסמינריון. הוא ציין: „תשמרו על גודיה, היא עתידה למלא תפקיד חשוב בתנועה". אבל הגורל לא שמר עליה.

גודיה היתה צנועה, בלתי אמצעית, עזרה רבות לחבירותיה המתקשות בלימודים וגם מצאה זמן להיות פעילה בקן.

כשעמדתי לעלות ארצה, וגודיה היתה אז בסך הכל בת 16, צירפו אותה להנהגת הקן. עליתי ארצה בראש השנה 1938 וגודיה עמדה על סף גמר בית־הספר התיכוני. בגלל גילה הצעיר עמדה לבחינות מיוחדות וקיבלה תעודת בגרות בהצטיינות. כל תקוותי וכל שאיפתי היו להביא את שניהם, את אבא וגודיה, ארצה, אל קיבוצי. רקמתי הרבה תוכניות סביב עתידה בארץ, אולם פרצה המלחמה האכזרית והרסה כל תוכניותי. גודיה נשארה שם למלא תפקיד בתנועה וגם למשענת לאבא המזדקן.

לא מזמן נודע לי, כי הציעו לגודיה לברוח והיתה כוננות לעזור לה, אבל היא לא הסכימה. בלי להתחשב בסכנות הרבות היא התמסרה לעבודה במחתרת ואף נמנתה חבירה בהנהגה הראשית. הנאצים העבירו אותה עם אבא מהדירה ברחוב הראשי לחדר קטנטן בגיטו. החדר שימש מקום למפגשים חשובים, להתייעצויות ולא פעם נפלו בו הכרעות ג׳רליות. צעירים וצעירות רבים מצאו בו מפלט ועידוד. עוד בשנת 1939, בזמן המלחמה, קיבלתי מהם מכתבים.

גודיה היתה כל הזמן פעילה בגיטו ועמדה בקשר עם ההנהגה הראשית בווארשה שמשם קיבלה הוראות. קצה בא כשתפסו אצל עובד רכבת מכתב עם הוראות כתוב אליה.

לא הצלחתי לאסוף ידיעות מלאות על רגעיה האחרונים. נודע לי רק זאת: גודיה אחותי הפורחת, הנפלאה והיקרה מתה מות גבורים. על אף העינויים האכזריים ביותר בכלא הגסטפו ועל אף ההבטחות החופש — נשארה נאמנה לאופיה עד הרגע האחרון ולא גילתה אף שם אחד לשונא. מתוך יסורים ועינויים עד רגעה האחרון, מסרה את נשמתה הצעירה בגבורה, בקדושה ובטהרה.

* דער מאמר וועגן גאָדיע שטיינמאַן, ווערט געגעבן אין העברעאישן אָריגינאַל, ווי די מחברין האָט צוגעשיקט.

מ. י. פייגנבוים / חוה'לע ראדזינעק

אַ הויכע און שלאַנקע מיידל, מיט אַ פּאָר פאַרחלומטע אויגן; אַ טאָכטער פון דעם, אין שטאָט באַקאַנטן, געזעלשאַפטלעכן עסקן משה ראדזינעק. די מלחמה פון יאָר 1939 האָט איר פאַרכאַפּט אויפן שוועל פון אירע טרוימען: זי האָט געענדיקט די גימנאַזיע און געשטרעבט צו לערנען מעדיצין. אויף איר פּנים האָט זיך אויסגעגאָסן דער גאַנצער צער פון דער פריציייטיק פאַרשניטענער יוגנט. אַ גאַר שווערע איבערלעבעניש איז פאַר איר געווען דאָס אַרויספירן פון פאָטער, צוזאַמען מיט די יודענראַט־מיטגלידער, קיין מאידאַנעק, אָבער גלייכצייטיק איז דאָס געווען אַן אימפּולס צום אַקטיוון קאַמף קעגן די דייטשן.

אַ ווירדיקן בלעטל האָט חוהלע אַריינגעשריבן אין דער געשיכטע פון געראַנגל און קאַמף מיט דער דייטשער בעסטיע.

איר נאָמען ווערט דערמאָנט אין די פובליקאַציעס פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע. מיר ווען דאָ אָנצייכענען בלויז עטלעכע עפיזאָדן פון חוהלעס איבערלעבענישן אין אָט דער פינצטערער תקופה.

בעתן גירוש־ביאַלע, סוכות 1942, ווען מ׳האָט איר צוזאַמען מיט דער מוטער געפירט קיין מעזריטש, האָט זי באַשלאָסן פאַר קיין פאַל נישט צו לאָזן זיך פאַרשליסן אין געטאָ. זי רעדט זיך אָפ מיט דער מוטער, אַז זי, חוהלע, וועט אַוועק קיין וואַרשע און דערנאָך וועט די מוטער אונטערקומען. חוהלע שפרינגט אַראָפ פון לאַסט־אויטאָ, וואָס לויפט אין דער ריכטונג פון מעזריטש, ווערט נאָכגעשאָסן, פאַרווונדעט לייכט אין אַ פוס און צוריק אַרויפגעשליידערט אויפן אויטאָ. צוקומענדיק צו די וואָראָניעצער וועלדער, ווען די אויטאָס האָבן זיך פאַרהאַלטן, איז זי צוזאַמען מיט דער מוטער אַנטלאָפן פון אויטאָ.

נאָך עטלעכע וואָכן אַרומבלאָנקען זיך אין דער ביאַלער געגנט, איז די מוטער אַוועק אין מעזריטשער געטאָ, און חוהלע — קיין וואַרשע.

דורך אַ צופאַל איז זי אין וואַרשע אָנגעקומען צו אַ קריסט, וואָס האָט געאַרבעט אין יידישן הילפס־ראַט, און וועלכער איז שוין אין לאָדזש פאַראורטיילט געווען דורך די דייטשן צום טויט, אָבער האָט באַוויזן אַרויסצורייסן זיך פון די נאַצינעגל. דער קריסט איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אָנגעגעבן קיין לאָנדאָן די ידיעה וועגן די פאַרניכטונגס־לאַגערן אין פוילן. אָט דעם קריסט האָט חוהלע פאַרטרויט דעם אמת, אַז זי איז אַ יידישקע, און פאָרגעשלאָגן איר גרייטקייט אָנטיילצונעמען אין אַקציעס קעגן די דייטשן. ער האָט דאָס חוהלען אַריינגעפירט אין די רייען פון דער אונטערגרונט־באַוועגונג, ווו זי איז טעטיק געווען ווי אַ פאַרבינדלערין און פאַרשפרייטערין פון אומלעגאַלער ליטעראַטור.

אין עטלעכע טעג, נאָך איר קומען קיין וואַרשע, האָט זי באַקומען אַרישע דאָקומענטן, מ׳האָט זי פאַרזאָרגט מיט אַ דירה, אין וועלכער מ׳פלעגט דרוקן אומלעגאַלע בלעטלעך און פאַבריצירן אַרישע דאָקומענטן.

ווי אַ פאַרבינדלערין פלעגט חוהלע אָפט פאָרן קיין פיעטרקאָוו, סקאַרזשיסק, קיעלץ, ראַדאָם א״אַ. זי פלעגט זיך אַריינבאַקומען אין די געטאָס און לאַגערן, ווו זי האָט פאַרטיילט געלט, דאָקומענטן און אומלעגאַלע ליטעראַטור. זי פלעגט ברענגען קיין וואַרשע יידן און זיי קאָנטאַקטירן מיט די געהעריקע פערזאָנען.

בעת איינעם אַזאַ באַזוך, צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע פאַרבינדלערס, אין פיעטרקאָוו, זענען זיי אַנטדעקט געוואָרן דורך דער געסטאַפאָ, און ביים אַנטלויפן האָט מען אויף זיי געעפנט אַ שיסעריי, פון וועלכער נאָר חוהלע מיט נאָך איין פאַרבינדלער זענען אַרויס מיטן לעבן.

בעת אַן אַנדער באַזוך אין לאָדזש, צוזאַמען מיטן קריסט, וואָס האָט איר אַריינגעפירט אין דער אונטערגרונט־באַוועגונג, זענען זיי פאַרהאַלטן געוואָרן דורך אַ געסטאַפאָ־מאַן. ס׳איז קלאָר געווען, אַז דער קריסט, נאָך וועמען ס׳זענען געווען שטעק־בריוו, וועט שוין נישט אַרויס קיין לעבעדיקער. חוהלע האָט אָבער אַזוי באַווירקט דעם געסטאַפאָ־מאַן, צוזאָגנדיק צו טרעפן זיך מיט אים אויף צומאָרגנס, אַז ער האָט זי פרייגעלאָזט.

איינמאָל, האַרט פאַרן וואַרשעווער אויפשטאַנד, האָט חוהלע מיט אַ חברטע אונטערגעהערט דייטשע אַמטלעכע טעלעפאָן־געשפרעכן, מיט דער הילף פון אַ ספעציעלער איינריכטונג. ווען דער חבר, וואָס האָט געדאַרפט צו זיי קומען אין אַ באַשטימטער שעה, איז נישט געקומען, האָבן זיי די איינריכטונג צעשטערט. זיי האָבן קוים באַוויזן דאָס צו טאָן, ווי אין דער וווינונג זענען אַריין געסטאַפאָ־לייט און זיי אַוועקגעפירט אויף אַלעיאַ שוכא (די צענטראַלע פון דער געסטאַפאָ אין וואַרשע). דאָרט האָט מען זיי אויסגעטאָן נאַקעט, און הגם מ׳האָט ביי זיי גאָרנישט געפונען און זיי האָבן זיך אין גאָרנישט מודה געווען, האָט מען זיי דאָרט אַזוי צעקאַטעוועט, אַז זייערע קערפערס זענען לגמרי ברוין און בלוי געוואָרן. זיי האָבן שוין געהאַט פאַרלוירן יעדע האָפענונג פון דאָרט זיך אַרויסצוקריגן, אָבער אין דעם האָבן די רוצחים געהייסן זיי גיין. זיי האָבן נישט געוואָלט אין אַזאַ מעמד בייטאָג זיך אומקערן אַהיים, זענען זיי אַריין אין אַ קאָשטשאָל און דאָרט איבערגעלעגן ביז ביינאַכט.

אין וואַרשע גופא האָט חוהלע געהאַט קאָנטאַקט מיט העכער הונדערט יידן, וואָס האָבן זיך געפונען אויף דער אַרישער זייט, און וועלכע זי פלעגט באַזאָרגן געלט און דאָקומענטן. פון צייט צו צייט האָט זי זיך אויך געטראָפן מיט די געציילטע ביאַלער, וואָס זענען געווען אויף דער אַרישער זייט אין וואַרשע.

ווען אין האַרבסט 1944 ברעכט אויס דער אויפשטאַנד אין וואַרשע, געפינט זיך חוהלע אין די רייען פון די קעמפער קעגן די דייטשן. זי איז טעטיק ווי אַ קראַנקן־שוועסטער, טראָגנדיק הילף די פאַרווונדעטע אויפשטענדלערס. זי ווערט געכאַפט דורך די דייטשן און, מיט נאָך וואַרשעווער איינוווינערס, געטריבן פאָרויס פאַר זייערע טאַנקן ביים אָנגרייפן אַ באַריקאַדע פון די אויפשטענדלערס, ביי וואָס זי ווערט פאַרווונדעט אין דער רעכטער ברוסט און אין אַ פוס.

מיטן איינברעכן זיך פון אויפשטאַנד, איז חוהלע אַרויסגעפירט געוואָרן קיין דייטשלאַנד. זי אַרבעט דאָרט אין אַ שפיטאָל פאַר אויסלענדער, ווי אַ פלעגערין און איבערזעצערין. פון דאָרט גנבעט זי מעדיקאַמענטן און ברענגט זיי אין לאַגער אַריין, ווו זי האָט זיך געפונען, כדי צו לינדערן די ליידן פון די קראַנקע.

מיטן דערנענטערן זיך פון פראָנט צום לאַגער, האָבן די דייטשן באַשלאָסן די מענטשן אַריבערצופירן קיין מערב־דייטשלאַנד. פאַרן אָפפאָר האָט מען די לאַגער־מענטשן פאַרשפאַרט אין אַ שאָפע. חוהלען איז געלונגען צו פועלן ביי אַ דייטשן דאָקטאָר, ער זאָל עפענען די שאָפע־טיר אויף עטלעכע מינוט, און צוזאַמען מיט אַנדערע איז זי אַנטלאָפן אין אַ דאָרף.

נאָכן פאַרענדיקן די מלחמה איז חוהלע אַוועק קיין בעלגיע און פון דאָרט צוריק קיין פוילן.

ט י פּ ן

משה טוביה דער סטאָליער

איך געדענק משה טוביהן פון דער צייט, ווען איך בין נאָך גאָר אַ קליין ייִנגל געווען, נאָך פאַר דער גרויסער שול־הויף־שריפה, מיט וועלכער ס'איז אַוועק מיטן רויך אַ האַלבע שטאָט. דאָס איז שוין אַן ערך 45 אָדער 46 יאָר (געשריבן אין יאָר 1933 — רעד.).

אַ ייִד פון מיטעלער וווּקס, מיט אַ שיינער, ווייסער, לאַנגער באָרד, (וואָס איך בין זיכער, אַז ער האָט זי געקעמט, אויב נישט יעדן טאָג, ווייניקסטנס יעדע וואָך), מיט גרויסע שיינע אויגן, וואָס זענען איבערגעדעקט געווען מיט לאַנגע האָריקע ברעמען. זיין רעדן איז געווען מילד און ווייך און שטענדיק מיט אַ ליבנדיקן שמייכל אויף די ליפּן.

משה טוביה דער סטאָליער איז געווען אַ פרומער ייִד און אויך געקאָנט לערנען אַ פּרק משניות. דוכט מיר, אַז ער פלעגט טאַקע עטלעכע מאָל אין וואָך לערנען פאַרן עולם אין בית־המדרש.

מיט אַן איינגעבוירענעם אינסטינקט פאַר געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, פאַר העלפן זיינע מיטמענטשן, ברענגען נוצן זיינע בני־העיר, איז משה טוביה שטענדיק געווען פאַרנומען מיט קהלשע זאַכן.

אין שטאָט האָט עקסיסטירט אַ „הקדש”, אַ הילצערנע חורבה ביים בית־עולם, ווו אין איין העלפט האָט געוווינט דער באַגראָבער און די צווייטע העלפט — דער דאַך צעבראָכן, די שויבן אויסגעשלאָגן, די ווענט נאַסע און צעבויגענע, אָן אַ פּאָדלאָגע — איז געווען דער פּלאַץ, ווו עטלעכע פאַרלאָזענע קראַנקע און משוגעים האָבן זיך געוואַלגערט אין חושך און שמוץ, ווי די ווערעם.

אין יענער צייט איז דאָס געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו פאַרזאָרגן די קראַנקע, די אומגליקלעכע, גאָרנישט געווען אַנטוויקלט. דאָס העכסטע, וואָס מ'פלעגט טאָן פאַר די אומגליקלעכע איז געווען, זיי געבן אַ שטיקל ברויט... ווינטער פלעגן זיי זיך וואַלגערן אין ווייבערשן בית־המדרש נאַקעט, שמוציק און פאַרלאָזן.

אָט דעם הקדש האָט משה טוביה דער סטאָליער אויפגעהאַלטן מיט אַלע זיינע כוחות, האָט זיך פשוט מקריב געווען פאַר אָט די קראַנקע און פאַרלוירענע. עטלעכע מאָל אין וואָך איז ער געגאַנגען אין הקדש, וואָס איז, אגב אורחא, געווען אַ היפּשע שטיק וועג פון שטאָט, און פלעגט טרייסטן און העלפן די, וועלכע האָבן נאָך פאַרשטאַנען ווען מ'האָט צו זיי גערעדט, און אָפט אויך אַהין אַוועקגעטראָגן עסנוואַרג מחיה צו זיין די הונגעריקע.

איך געדענק נישט, אַז איינער פון די „רייכע” בעלי־בתים זאָל זיך האָבן אַמאָל אינטערעסירט מיט די קרבנות פון לעבן פון יענער צייט. ס'איז געווען בלויז משה טוביה דער סטאָליער, מיט זיין איינגעבוירענעם געפיל פון מיטהעלפן, פון שטיצן און פאַרזאָרגן די, וועלכע האָבן עס אַליין נישט געקאָנט טאָן פאַר זיך, וועלכער האָט שטענדיק געטאָן זיין פליכט צו די אומגליקלעכע מיטמענטשן.

ביאַלע האָט, פּונקט ווי אַנדערע שטעט און שטעטלעך, געהאַט אַ פּנקס, אין וועלכן אַלע וויכטיקע געשעענישן אין דעם קהילה־לעבן, געשעעניש אין דעם רעליגיעזן לעבן (קיין אַנדער לעבן איז דאָך דאַן נישט געווען), אָדער עפּעס אַ פּאַסירונג קעגן רעליגיעזן לעבן, איז אין דעם פּנקס גענוי פאַרשריבן געוואָרן. אָט דער פּנקס, איז געווען אָנפאַרטרויט צו משה טוביה דעם סטאָליער.

נאָך ווי אַ ייִנגל האָב איך געאַכטעט און געשעצט משה טוביה דעם סטאָליער, פאַר זיין זעלבסט־אָפּפער פאַר די אומגליקלעכע פון דער דעמאָלט נישט־גליקלעכער ביאַלע, און ביז היינט איז מיר זיין אָנדענק טייער.

ברוך וויינבערג

שמערעלע בעקער (האכמאן)

אין סוף פון 19טן יאָרהונדערט איז ביאַלע געווען אַ פעסטונג פון שטרענג פרומער ייִדישקייט. דער קלענסטער אָפּנייג פון די אויסגעשמידטע פאָרמען איז גלייך פאַרשריגן געוואָרן פאַר אפּיקורסות, און אין קאַמף מיט אפּיקורסות זענען אַלע מיטלען און נגישות כשר געווען.

נישט געקוקט אָבער אויף אַלעמען, זענען אין אָט דער צייט אין שטאָט געווען יחידים, וואָס האָבן געהאַט דעם מוט אויף אַ בליק צו טאָן צו דער גרויסער וועלט. צווישן אָט די יחידים האָט זיך געפונען שמערעלע בעקער.

שמערעלע איז געווען אַ פּשוטער פאָלקס־מענטש, געהאַט אַ קליין קרעמל אין דער גראַבאַנאָווער גאַס, ווו ער פלעגט פאַרקויפן אַ הערינג, אַ פּאָר בולקעלעך קאַלך, מיט וואָס די ווייבער פלעגן אָפּווייסן דעם קוימען לכבוד שבת און יום־טוב, אַ באַנקעלע נאַפט, עטלעכע חלבנע ליכטלעך און אַנדערע קלייניקייטן, און פון דעם האָט ער געצויגן חיונה.

ביי שמערעלען אויפן טיש האָט מען שטענדיק געזען ליגן העברעאישע ספרים, מיט וועלכע ער פלעגט זיך כסדר עוסק זיין. שמערעלע האָט נישט נאָר פאַר זיך אַליין געשעפּט דאָס נייע וואָרט, דעם פרישן געדאַנק פון דער דעמאָלטיקער השכלה־ליטעראַטור, נייערט ער האָט אויך געהאַט די דרייסטקייט איבערצוגעבן דאָס נייע וואָרט צו די, וואָס פלעגן זיך מיט אים טרעפן.

דאָס שטאַרקסטע מיטל צו האַלטן די מאַסן אין שטרענ־

גער פרומקייט, איז געווען דער גיהנום און גן־עדן נאָכן טויט. און ווער וועט עס וועלן פאַרטוישן חיי־שעה אויף חיי־עולם?

שמערעלע האָט געהאַט אַ באַזונדערע נייגונג צוניִשט צו מאַכן יענע וועלט מיט לויתן און שור הבר. ער פלעגט זיך דערלויבן אַפילו צו שפּאַסן אויף דעם חשבון מיט די ווייבער, וואָס פלעגן ביי אים קויפן. ער האָט געהאַט אַ באַזונדערע אייגנשאַפט אָנצוגייען מיט אַזאַ מילדן טאָן און מיט אַ שמייכל אויפן פּנים, וואָס זאָל דעם צוהערער נישט אָפּשטויסן אַפילו ביים הערן אַזעלכע געפּערלעכע אפּיקורסישן געדאַנקען.

ביסלעכווייז האָבן זיך גענומען פאַרשפּרייטן שמערעלעס אַפּיקורסישע געדאַנקען, און די פרומע אין שטאָט האָבן אים טאַקע גענומען פאַרדעכטיקן אין אפּיקורסות, זעען אין אים אַ „ירבעם בן נבט", וואָס וויל אַראָפּפירן יידן פון דרך הישר.

אין יענער צייט איז שוין טעטיק געווען אין ביאַלע דער „בונד", וואָס האָט אין אָנהייב פון זיין טעטיקייט גענומען אַרויסרייסן די מאַסן פון אונטער דער השפּעה פון די כלי־קודש, כדי זיי זאָלן זיין ביכולת אויפצונעמען די נייע לערע פון סאָציאַליזם. דאָ האָבן שמערעלעס אַרגומענטן אַ סך מיטגעהאָלפן און מ'פלעגט זיך טאַקע מיט זיי באַנוצן.

שמערעלע האָט זיך נישט אָנגעשלאָסן קיינמאָל צו אַוועלכער ס'איז פּאַרטיי אויף דער יידישער גאַס. ער האָט קיינמאָל נישט געזאָגט קיין דעה זיינע קינדער צו וועלכער פּאַרטיי זיי זאָלן געהערן, זיי זענען פריי געווען צו טאָן לויט זייער אייגענעם פאַרשטאַנד. ער האָט זיך נאָר באַמיט, אַז זיינע קינדער זאָלן באַזיצן וואָס מער וויסן.

די לעצטע יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה איז שמערעלע, חוץ זיין עלטער, אויך געווען אַ גייסטיק צעבראָכענער מענטש. די וועלט איז אַוועק און איבערגעשטיגן ווייט, ווייט אַלע זיינע פּעסימיסטישע רעיונות.

אין אַ געשפּרעך מיט מיר דעם לעצטן זומער, פאַר דער מלחמה, האָט ער מיר געזאָגט: — איר, בראַווערמאַן, ווייסט ווי ווייט איך בין נישט פאַרכאַפּט געוואָרן פון די נצחונות איבער דער אַלטער וועלט, ווייל איך האָב נישט געפילט אין זיי קיין שלמותדיקע נצחונות. אָבער די מדרגה צו וועלכער די וועלט איז דערגאַנגען, איז ווייט פון מיין פאַרשטעלונגס־כוח.

שמערעלע, שמערעלע, אויך דער פּאַקטישער אמת האָט ווייט, ווייט איבערגעשטיגן אייער באַנעמונגס־כוח פון דעם גרויסן חורבן, וועמענס אָנקום איר האָט פאָראויסגעזאָגט.

גדליהו בראַווערמאַן

לייבע מעדניק
(ר' יהודה לייב בארנשטיין)

ר' יהודה לייב באָרנשטיין איז געבוירן געוואָרן, אין יאָר תקצ"א (1831), אין מעזריטש, ביי מיטל־פאַרמעגלעכע עלטערן. נאָך אַ יונגערמאַן, איז ער געקומען קיין ביאַלע און געעפנט אַ פאַבריקל פון וויין און מעד (צוליב דעם גערופן מעדניק). ער האָט אויך פּראָדוצירט וועקסענע ליכט, וואָס איז אין יענער צייט געווען אַ גאַנגבאַר אַרטיקל. די פּראָפעסיע האָט ער איבערגענומען פון זיין פאָטער משה ז"ל.

ר' לייבעס הויז איז תמיד אָפן געווען פאַר יעדן נויטבאַדערפטיקן. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער האָט זיך אַלע יאָרן נישט גערעכנט צו די נגידים אין שטאָט, האָט ער בסתר געשטיצט אַ סך פאַמיליעס. בכבודיקע עלנטע מענטשן זענען לאַנגע יאָרן אויסגעהאַלטן געוואָרן ביי זיין טיש און ער האָט געזאָרגט פאַר זייערע אַלע באַדערפענישן.

ס'האָט אָפט געטראָפן, אַז מ'איז געקומען צו ר' לייבען אינמיטן דער נאַכט בעטן הילף פאַר אַ קראַנקן, אָדער אַ שוואַמעוודיקער ייד האָט אין אַ פראָסטיקער נאַכט אָנגעקלאַפּט אין זיין טיר און געבעטן האָלץ אָנצוואַרעמען זיין דירה. זיי האָבן געוווּסט, אַז ר' לייבען קאָן מען טרעפן אין דער שפּעטער נאַכט זיצן ביי אַ ספר. ס'האָט אים, חלילה, קיינמאָל נישט פאַרדראָסן, וואָס מ'קומט צו אים אַזוי שפּעט. פאַרקערט, ער האָט אַזעלכע באַזוכערס געשענקט אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט. פאַרשטאַנען האָט ר' לייבע, אַז נישט נאָר פון קעלט, נאָר אויך פון הונגער מוז ליידן דער ייד, און האָט אים אַוועקגעגעבן אַלץ, וואָס איז געווען פון שפּייז־אַרטיקלען אין זיין שטוב.

ווי אַ מכניס־אורח האָט ער געשמט ווייט איבער די גרענעצן פון ביאַלע. ווו אַ בעל־דרשן, אָדער משולח פון אַ ישיבה, אַ מוכר־ספרים און סתם יידן, האָבן געקאָנט זיין אַדרעס.

אין זיין הויז איז געווען אַ באַזונדער גרויסער אורחים־צימער, ווו ס'זענען אויסגעשטעלט געווען בעטן. זייער אָפט האָט געטראָפן, אַז זיינס אַ קינד, אָדער אייניקל פלעגט אויפכאַפּנדיק זיך ביינאַכט באַמערקן, אַז ס'פעלט אים דאָס קישן אָדער צודעק. דאָס האָט ר' לייבע אַוועקגענומען עס פאַר זיינע אורחים. זיין שטייגער איז געווען, אַז אַ חשובן גאַסט פלעגט ער אַליין צוגרייטן דאָס בעט. אַז די קינדער האָבן זיך צייטנווייז אַריינגעמישט און אים געזאָגט: — טאַטעשי, ס'פּאַסט נישט פאַר דיין כבוד וועגן יענעם צו באַדינען, — פלעגט ער ענטפערן: — איך ווייס גוט, וואָס איך האָב צו טאָן. זאָל אייך דאַכטן, אַז איך גרייט דאָס געלעגער פאַר מיר... ס'האָט געטראָפן, אַז אורחים זענען אָפּגעזעסן ביי אים וואָכן און חדשים, פילנדיק זיך גאָר היימיש.

אין די שבתים און יום־טובים האָט ער זיך נוהג געווען צו שיקן אַ שליח, אָדער אַן אייניקל איבער די בתי־מדרשים און חסידים־שטיבלעך זוכן, אפשר געפינען זיך דאָרט יידן, וואָס האָבן נישט ווו צו עסן. ווען ר' לייבע איז אַהיימגעקומען פון דאַווענען מיט די אורחים, האָט זיך אין שטוב אָנגעהויבן אַ גערודער און לויפעניש. זיין פרוי און טעכטער זענען געווען אומבאַהאָלפן, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט צוגעגרייט קיין עסן פאַר אַזוי פיל מענטשן.

— שאַ, שאַ, קינדער, — האָט ר' לייבע תמיד באַרויקט זיינע בני־בית — איר וועט זיך שוין אַן עצה געבן, טיילן יעדן איינעם אַ קלענערן חלק. דער עיקר, חלות און וויין איז דאָ גענוג, וועלן יידן שוין נישט זיין הונגעריק.

ר' לייבע האָט נישט איינמאָל געבערענגט זיין פאַמיליע אין

פאַרלעגנהייט צוליב זיין התנהגות. זיי האָבן געהאַלטן, אַז זייער פאָטער שטייגט אַריבער די גרענעצן פון זיינע מעגלעכקייטן. ער האָט געגעבן מענטשן גמילות־חסדים און האָט זיי קיינמאָל נישט צוריקגעזען. ער האָט געהאַט דעם כוח צו נעמען אַ מלבוש, וואָס דער שניידער האָט נאָר־וואָס אָפּגעבערענגט און אַוועקשענקען אַ ייד אַ יורד.

די קינדער האָבן זיך פאַרקלאָגט פאַרן רב ר׳ שמואל לייב ז״ק, וואָס איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט געקאָנט משפּיע זיין אויף ר׳ לייבען. דער רב האָט ר׳ לייבען פאָרגעהאַלטן זיין פירונג, אָבער נאָך אַ קורצער צייט האָט ער ווידער זיך געפירט ווי זיין שטייגער.

ר׳ לייבע איז נפטר געוואָרן אין טיפן עלטער, אין יאָר תרפ״ג (1923). ליגנדיק אַ קראַנקער האָט ער נישט פאַרגעסן אָן זיינע ידידים און אָרעמעלייט. ער האָט געהאַלטן אין איין פרעגן, צי זיי ווערן גוט באַהאַנדלט.

ער האָט געהאַט דעם זכות צו שטאַרבן בנשיקה, ביי דער אָנוועזנהייט פון אַלע זיינע קינדער און גוטע פריינד. ער האָט פריער מיט אַלע זיך געזעגנט, איבערלאָזנדיק אַ צוואה, אַז די קינדער זאָלן ווייטער ממשיך זיין די טראַדיציע פון צדקה און הכנסת־אורחים.

אויב אויף דער וועלט זענען פאַראַן ל״ו־צדיקים, האָט מען געקאָנט ר׳ לייבע מעדניק פאַררעכענען צו זיי.

יעקב בן־יחזקאל תל־אביב

אַ געוועזענער תלמיד פון דער ביאַלער ישיבה, ד״ר דב ירדן (איצט אין ירושלים), שרייבט וועגן ר׳ לייבע מעדניק:

„רב לייב מדניק, בעל אכסנית־הלילה שלי, היה אחד מחשובי בעלי־הבתים של העיר ומעשיריה. כרוב אנשי העיר היה גם הוא ״חסיד״. היה לו בית־מסחר גדול ליינות ומכאן כנויו „מדניק״, כלומר: עושה או מוכר תמר (יין־דבש). הוא היה מצוין במדות טובות. יחסו אל בני הישיבה שוכני־ביתו היה יחס של אב אל בניו. בלילה היה קם לבדוק אם בחורי הישיבה מכוסים יפה ואם ראה שהשמיכה נשמטה מהם היה מרימה בלאט ומכסה את הישנים.

חוץ מאכסניה ללינת לילה הייתי סמוך על שולחנו גם בשבתות. שולחן השבת נערך בביתו ברוב פאר וברב קהל: בנים ובנות, נכדים ונכדות וקרובים אחרים, ונוסף עליהם „אורחים״ קרואים לשבת, היו מסבים סביב השולחנות, הערוכים בכל טוב, כשבעל־הבית הזקן, רב לייב, בעל הדרת־הפנים הפטריארכלית, מסב בראש ומשרה מזיוו על כל הבית״.

ו. אביק אגראדניק (אבוש ראזנבלום)

אַ ייד אַ גברן, מיט מאַיעסטעטישע זיכערע טריט אויף די ביאַלער ברוקירטע גאַסן. ס׳איז שווער געווען צו דערקאָנען אין אים דעם גלות־ייד. פאַרוואָרצלט אין דער ערד מיט לייב און לעבן, האָט זיין פּנים געלויכטן פון דער גערעטעניש־שפע.

הינטערן שטאָט זענען געלעגן זיינע גערטנער, און נאָכן פאַרזייען זיי פלעגט ער מיט אומגעדולד און נייגעריקייט אויסקוקן דעם ערשטן אויפשפּראָץ פון אַ גרעזל אָדער בלעטל. יעדן פרילינג האָט ער פון דאָסניי איבערגעלעבט דעם נס פון גאָטס באַשאַף.

ווי אַ פאַרמעגלעכער ערד־באַזיצער, וואָס האָט זיך אויסגעטיילט פון די אַרומיקע מיט זיין פריידיקער זיכערקייט און געבענטשטער פאַרוואָרצלטקייט, האָט ער אָבער נישט געקוקט מיט בטול אויף די פאַרשמייעטע סוחרימלעך, וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט אין מאַרק צווישן פויערישע פורלעך, כדי צו קויפן אַ זעקל תבואה, אַ קוישל אייער אדג״ל. פאַרקערט, ער האָט רחמנות געהאַט אויף אָט די פרנסה־לאָזע און הונגעריקע שטעקל־דרייערס.

ווען ער פלעגט דורכגיין די גאַסן און זיינע בליקן האָבן זיך פאַרגנבעט אין די נעבעכדיקע יידישע קרעמלעך, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז אַזאַ סוחר מוז — צוזאַמען מיט זיין גאַנצער משפּחה — הונגערן.

ווען גראַבסקיס ממשלה האָט דערגרייכט צו די יידישע קראָמען און געדראָט נאָך מער צו דערשטיקן דעם יידישן קרעמער, האָט אַביק געשטעלט זיך פאַר אַ ציל צו לינדערן, ווי ווייט מעגלעך, די נויט, אָנהייבנדיק צו טיילן קליינע הלוואות. ער האָט יענעם געמאַכט פילן, אַז דאָס איז נישט קיין נדבה.

אין אָנהייב פון די דרייסיקער יאָרן, ווען אַ גרויסער טייל פון דער באַפעלקערונג איז שטאַרק פאַראָרעמט געוואָרן און ממש געהונגערט, האָט אַביק באַנייט די אינסטיטוציע „בית־לחם״. די ערשטע צייט האָט מען זיך אויסגעהיט, אַז דער אָרעמאַן זאָל נישט וויסן פון וואַנען ס׳קומט די הילף. שפּעטער האָט ער איינגעפירט, אַז יעדער נויטבאַדערפטיקער זאָל אויסקויפן יעדע וואָך אַ צעטל פאַר 10 גראָשן, און פאַר דעם באַקומען צוגעשיקט אַ באַשטימטן קוואַנטום ברויט און שפּייז אויף שבת. דאָ האָט דער אָרעמאַן געפילט אַ געוויסע מילדערונג אין זיין געפאַלנקייט, ער „באַצאָלט״ דאָך.

און מערקווירדיק, אָט דער פאַרהאַרטעוועטער און פאַרהאָרעוועטער ייד איז גלייכצייטיק פילבאַר געווען צו יענעמס ליידן, און באַזונדערס צו קראַנקע. ער האָט געפילט פאַר זיין הייליקן חוב זיי צו באַזוכן און מיט עפּעס מהנה זיין. אַזוי האָט ער אויף זיין פּשוטן שטייגער אָרגאַניזירט אַ חברה „ביקור־חולים״, אין וועלכער ער האָט אַריינגעלייגט זיין האַרץ און נשמה, וועלנדיק פאַרשאַפן טרייסט די געטראָפענע פון גורל. צו הילף האָט ער גענומען פרויען, וואָס זענען מער צוגעפּאַסט פאַר אַזאַ טעטיקייט.

ווען ער האָט געקויפט דאָס גרויסע הויז אין ראָג ברייסקער און מאַרק, מיט 24 קראָמען, זענען דאָרט געווען געציילטע, וואָס האָבן אים געצאָלט דירה־געלט. אַז ער האָט שוין ביי איינעם גענומען אַ וועקסל, האָט ער געוווּסט, אַז ס׳האָט קיין ווערט נישט, ווייל סיי ווי וועט מען עס נישט באַצאָלן. פון וואַנען און פון וואָס זאָלן זיי צאָלן? בפרט, אַז מ׳האָט נישט מורא געהאַט, אַז אַביק זאָל וועמען אַרויסוואַרפן פון קראָם.

און אַ חוש פאַר בילדונג האָט אויך דער ייד געהאַט. ער האָט זיך ממש געשמאָלצן פון נחת, זעענדיק זיין מיזיניק חיים, אין מונדיר, אַהיימקומען פון גימנאַזיע, מיטן רענצל ביכער אונטערן אָרעם.

2. מרדכעלע ווײַנטרויב

באַקאַנט האָב איך מרדכעלען, אין די 20קער יאָרן, אין פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין, אויפן דריטן שטאָק, ראָג פּראָסטע און גראַבאַנאָווער גאַס.

וועגן פאַראיין פלעגט מען הערן פאַרשיידענע מעשיות. מײַן נײַגעריקייט האָט מיר געשטויסן אַרויפצוגיין אַהין און מיט די אייגענע אויגן זען, וואָס דאָרט טוט זיך.

דאָ טאַקע, אונטער אַ געבויגענעם סופיט, ביי אַ טישל, איז מרדכעלע געזעסן אַ דרימלדיקער אין אַ שטאַרק אָפּגעבליאַקעוועטן מיליטערישן שינעל, מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ־האָר, וואָס האָט זיך באַוועגט אַראָפּ און אַרויף, מורא האָבנדיק טאָמער וועט ער איינשלאָפן. מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן האָט ער דערזען ווי אַ בחורל, מיט אַן אויסגעוואָקסן קאַפּאָטקעלע און ייִדיש היטעלע בלאָנדזשעט מיט זײַן בליק איבערן גרויסן בילד פון קאַרל מאַרקס.

— וועמען זוכט איר, חברל? — האָב איך דערהערט אַ פאַרשלאָפן קול און ער שטרעקט מיר אויס אַ האַנט און פרעגט: — ווי אַלט זענט איר, חברל? אַוודאי אַ קרבן פון קאַפּיטאַליזם און קלעריקאַליזם?

איך האָב אים געבעטן רעדן פאַרשטענדלעכער, ווייל זײַנע ווערטער זענען פאַר מיר געווען אומקלאָר.

זײַן פאַרשלאָפן פּנים האָט זיך צעהיצט און פון די מילדע אויגן האָט געגומען שפּריצן פייער. ער האָט גענומען זוכן פאַסיקע ווערטער, כדי מיר אויפצוקלערן וואָס ער מיינט. איך בין געשטאַנען אַ צעטומלטער. זײַן פלוצעמדיקער פאַרמעסט צו באַרויבן מיך פון מײַן גײַסטיקן אוצר, מיט צוזאָגן פון גלייכהייט און פרייהייט אין דער צוקונפט, האָט צעשטורעמט מײַן האַרץ.

— זעצט אײַך, חברל — האָט ער מיר אונטערגעטראָגן די צעבראָכענע שטול, אויף וועלכער ער איז געזעסן.

— יאָ יונג חברל, ס׳וועט פון אײַך אויסוואַקסן אַ גרויסער קעמפער פאַר דער הייליקער זאַך; איך זע, אַז איר ווילט אַלץ וויסן.

פון דעמאָלט אָן האָב איך מרדכעלען כמעט נישט פאַרלוירן פון אויג.

געוווינט האָט מרדכעלע אויף דער וואָליע מיט אַן אָרעמער מוטער. זעלטן אָבער פלעגט ער אַהיימגיין, ווייל נישט ער האָט דער מאַמען געקאָנט עפּעס העלפן, און נישט ער האָט געקאָנט ביי איר עפּעס אָפּעסן.

דאָס איז געווען די צייט, ווען די לינקע אַרבעטער־באַוועגונג האָט באַהערשט די מוחות פון אַ גרויסן טייל פון דער יוגנט און אַלע איבעריקע באַוועגונגען זענען דורך איר באַטיטלט געוואָרן, ווי: „קלײנבירגערלעך", „פינצטערע עלעמענטן", „שאָוויניסטן" און „סאָציאַל־פאַשיסטן".

מרדכעלע איז דאָס געווען דער, וועמען אַ טייל פון דער נאַיווער און אויפריכטיקער יוגנט, האָט געקוקט אין מויל אַריין. ער איז געווען פאַר זיי דער אָנזאָגער פון קאַמף פאַר אַ שיינער און גערעכטער וועלט.

אַרומגערינגלט מיט יוגנטלעכע, איז ער געווען באַליבט און רעספּעקטירט. געוועזן אַן אײַנגייער אין אַ סך בעל־הבתישע שטיבער און אומעטום געפילט זיך ווי ביי זיך. אפילו די פרומע ייִדן האָבן פאַר אים קיין מורא נישט געהאַט, ווייל אין זייערע אויגן איז ער געווען אַ בטלן. פרויען פלעגן אים אונטעררוקן אַ לעפל, ער זאָל מיטהאַלטן ביים עסן. ער האָט זיך נישט געלאָזט צו פיל בעטן; מײַנס, דײַנס, אַ נפקא מינה. אַז די רעוואָלוציע וועט קומען אַ ליאַדע טאָג, אין דעם איז ער זיכער געווען.

קיין מלאכה האָט ער נישט געקאָנט. ער האָט קיין צייט און קיין קאָפּ נישט געהאַט פאַר אַזאַ פּראָזאַישן ענין.

ווען זײַנע פאַרהערערס פלעגן זיך דערוויסן, אַז מרדכעלע דאַרף האַלטן אַ רעפעראַט, איז דער לאָקאַל, אָדער פּריוואַטע דירה געווען געפּאַקט. ס׳איז ממש שווער געווען דאָרט צו אָטעמען, אָבער וועמען איז עס אָנגעגאַנגען, ווען פון מרדכעלעס מויל זענען פלאַם־פייערדיקע ווערטער געפאַלן וועגן דער צעפוילטער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. ער האָט אָנגעצונדן אַ פייער אין די יונגע הערצער מיטן טיפן גלויבן, אַז אָט־אָט און די עקספּלאָאַטאַטאָרישע וועלט ברעכט זיך אײַן. זײַנע לאָגישע אַרגומענטן האָבן אַזוי באַווירקט די צוהערערס, אַז זיי וואָלטן זיך געפילט גליקלעך אַוועקצוגעבן דאָס אייגענע לעבן פאַרן הייליקן צוועק. און כאָטש קיינמאָל האָט אים נישט אויסגעפעלט קיין ברענשטאָף קעגן דער קלעריקאַל־קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, דאָך פלעגט ער זיך פאַררופן אויף אַזעלכע אויטאָריטעטן, ווי: חבר איליטש (לענין), מאַרקס, ענגעלס און לאַסאַל.

אַרויסגייענדיק איינמאָל אַ צעשטראַלטער פון אַזאַ מיטינג, האָט אים אָנגעטראָפן הינך גאָלדפעלד און אַ פרעג געטאָן: — מרדכעלע, ווען קויפסטו זיך אַ פּאָר נײַע הויזן? ער האָט נישט לאַנג קלערנדיק, געענטפערט: — אַ שעה נאָך דער רעוואָלוציע.

אין איינעם אַ פרימאָרגן, ווען איך בין אַראָפּ אויפן הויף (ביי איטשקע קאָוואַל), האָב איך דערזען מרדכעלען אין אַן אויסגעמעליקטן שמאַטע־אַנצוג, און פון קעשענע האָט געגרונען אַ געלע פליסיקייט. ווען איך האָב אים אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דער קעשענע, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז דאָרט געפינט זיך אַ פרישטיק, וואָס אַ חברטע האָט אים אַרײַנגעלייגט.

ער האָט געעפנט דאָס פּעקעלע און אויסגערופן: — זע נאָר, וואָס פאַר אַ בורזשואַזן פרישטיק. אַנדערש בין איך דאָס נישט געוווינט, נאָר זעמעלעך מיט פּוטער און שיטערע אייער? ווער אָט דאָס אין זינען עסן, ווען די שלוס־אַקאָרדן פון דער קאָנפערענץ, פון וועלכער איך קום איצט, שרייען אין מײַנע אויערן: פאַרשטאַרקן! אונטעריאָגן! דו פאַרשטייסט דאָך, וואָס דאָס מיינט...

ער האָט מיר דערציילט, אַז ווען ער איז נעכטן אָוונט צימיר געקומען איז שוין געווען ביי אונדז פינצטער. האָט ער זיך אָט דאָ אויפן טיש צוגעלייגט (אַ טיש פון יצחק פּרעטערס בעקערײַ), ווייזט אויס געכאַפּט אַ שטאַרקן דרימל און אַפילו נישט געשפּירט, אַז ס׳האָט אַ ביסל גערעגנט...

אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען איך האָב איינמאָל גע־

שפּאַצירט אויף די וואַרשעווער גאַסן, האָב איך דערהערט הינ־טער מיר אַ באַקאַנט פאַרדעמפּט ברומען פון אַ פּאָפּולער רע־וואָלוציאָנער־ליד. איך האָב זיך אויסגעדרייט און געזען, אַז דער ניגון קומט אַרויס פון אַ בלעכערנער וואַנע, וואָס איינער טראָגט אויפן קאָפּ.

— גיב אַהער אַ פּיפּטל! — האָב איך דערהערט מרד־כעלעס קול.

ער איז געוואָרן אַ מעטאַל־אַרבעטער. ער איז אָנגעקומען ווי אַ לערניינגל צו אַ מייסטער, מיט עסן און שלאָפן.

צום לעצטן מאָל האָב איך אים געזען אָנהייב אָקטאָבער 1939. האַלב וואַרשע איז געלעגן אין חורבות, און די דייטשע האָרדעס האָבן געווילדעוועט אויף די וואַרשעווער גאַסן. ס׳האָט געווימלט פון מענטשן, יעדערער האָט געזוכט אַ קרוב, אַ באַקאַנטן, כדי אַן עצה צו האַלטן זיך: בלייבן אָדער אַנטלויפן. דאָ האָב איך אָנגעטראָפן מרדכעלען, אַ פאַרוואָרלאָזטן, אָבער אַ שמייכלדיקן. זיין פאַרמעגן, אַ שטרוי־שעניק ביי זיין בעל־הבית אין קעלער, אָבער ער נעמט זיך נישט צום האַרץ.

אויף מיין פראַגע, ווען וועט ער גיין אויף מזרח, האָט מרדכעלע אָנגעהויבן האָבן טענות צו די אַלע פּחדנים, וואָס אַנטלויפן אין דעם באַפרייטן לאַנד. — ווער וועט דאָ זיין אין אַזאַ גורלדיקן מאָמענט? — האָט ער ממש געצאָרנט.

דער סוף: אַריין אין חשבון פון די זעקס מיליאָן פּאַרטי־ליקטע.

בערל פּאַקמאַן מאָנטרעאַל

חבר מרדכי ווינטרויב איז געווען אַן אייניקל פון לייבעלע ראַסאַשער, דער גרעסטער גמרא־מלמד אין תלמוד־תורה. מרדכעס מוטער איז יונג געבליבן אַן אלמנה, און זי האָט מיט די קינדער אַריינגעצויגן זיך צו איר פאָטער, וואָס האָט גע־וווינט אין דער תלמוד־תורה.

מרדכי איז געווען באַהאַוונט אין יידישע לימודים, געשמט האָט ער ווי אַ גייענדיקער ווערטערבוך. ביי ישראל שואלקעס אין שטוב, ווו ער איז געווען אַן איינגייער, פלעגט ער צוויי מאָל אין טאָג עסן, און דאָרט טאַקע האָט ער געפונען ד״ר פּינעסעס פרעמד־ווערטערבוך. וועלכן ער האָט זיך כמעט אויסגעלערנט פון אויסנווייניק. אַ סך געלייענט פון דער יידי־שער און וועלטלעכער ליטעראַטור אויף יידיש. דאָס גאַנצע בטלנישקייט פון זיין זיידן איז אין אים געכפּלט געוואָרן. ווען ס׳זענען קיין ביאַלע אָנגעקומען, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, די אַמעריקאַנער פּעקלעך, האָט מען אים אָפט געגעבן פרישע מלבושים, אָבער לאַנג האָבן זיי זיך ביי אים נישט גע־האַלטן, און ער איז ווידער געגאַנגען אָפּגעריסן. גדליהו בראַוווער־מאַן האָט געוואָלט אים אויסלערנען קאַמאַשן־שטעפּעריי און אב־רהם נוכאָוויטש — סטאָליערײַ, אָבער פון ביידע פּראָפעסיעס איז גאָרנישט געוואָרן.

אַז חבר מרדכי האָט נייטיק געדאַרפט האָבן די סאָציאַלע רעוואָלוציע, איז פאַר יעדן קלאָר...

מרדכי איז געווען צווישן די אינטעליגענטסטע און אָנ־געלייענטסטע אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין ביאַלע. אין אַ פּאָר בריוו צו מיר, האָט ער זיך באַמיט אַרויפצופירן מיר אויפן „דרך הישר". אַז ער האָט אָבער פון מיינע תשובות דערזען, אַז איך בין, נעבעך, אַ „פאַרלוירענער", פלעגט ער, אין שמועסן מיט באַקאַנטע, זיך אויסדריקן: „פּיוול איז אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנער, אויף וועמען איך האָב רחמנות"...

פ. גאָלד

1. ברוך שלום מלמד (קריידשטיין)

געווען אַ זון פון ר׳ שלמהלע (שימעלעס אַ ברודער) קריידשטיין. מ׳האָט אים אויך גערופן ברוך שלום דער קאָסי־טינערינס. דער פאָטער איז געווען אַ גערער חסיד. ער אַליין אַ ביאַלער חסיד. געווען פון די פרומסטע אין שטאָט און אַ בעל מקובל. האָט זיך אים פאַרוואָלט דורך קבלה שאַפן אַ לעבעדיק באַשעפעניש. אמת, נישט אין דער גרויס פון מהר״לס גולם. כאָטש ווי ער האָט געזאָגט, קאָן ער דאָס באַווייזן, אָבער ער וויל זיך נישט שטעלן אויף דער מדרגה פון פּראַגער גאון. האָט ער דעריבער באַשלאָסן צו שאַפן אַ קאַטשקעלע פון לייב און אַריינבלאָזן אין איר אַ רוח־החיים...

האָט ער זיך געגרייט דערצו מיט לערנען גאַנצע נעכט, פאַסטן און לויפן עטלעכע מאָל אין טאָג אין מקווה אַריין. ביאַלע איז געגאַנגען כאַראַם. אַ פּחד איז באַפאַלן דער שטאָט; וואָס וועט זיין, אַז ס׳וועט אים געלונגען און די קאַטשקע וועט אין אים, חלילה, מורד זיין? און וואָס וועט זיין, אַז ס׳וועט זיך אים נישט איינגעבן? ביז דער ביאַלער רבי האָט אים פאַררופן צו זיך, און דורך תקיעת כף אים פאַר־ווערט עוסק צו זיין אין אַזעלכע זאַכן.

2. מאָטל דאָמאַטשעווער

ר׳ מאָטל איז אין אָנהייב געווען די „דריטע האַנט" פון די העכסטע מלמדים, שפּעטער די „צווייטע האַנט. ער האָט געהאַט אַ דרייסיק תלמידים, אין עלטער פון 10 ביז 13 יאָר. ער האָט געשטאַמט פון דאָמאַטשעווע און געדינט אַכט יאָר אין דער צאַרישער אַרמיי. ער איז געווען דער מלמד פון שמואלקע פּיזשיצעס קינדער, אַפילו נאָך זייערע חתונות.

אַ הויכער ייד, מיט אַ קליין גרוי בערדל, גוט און ריין אָנגעטאָן. פלעגט גיין אינמיטן גאַס און נישט אויפן טראָטואַר. מיט אַ רויען שטעקן אין האַנט. צוליב דער הויכער היטל, וואָס ער האָט געטראָגן, האָבן אים די תלמידים גערופן די „ווערטיכע".

ער האָט ליב געהאַט, אַז ווען ער איז אַריין אין חדר, זאָל אַ תלמיד אַ געשריי געבן: „דער רבי גייט!", און אַלע זאָלן זיך אויסזעצן ביי די דריי טישן, וואָס זענען געשטאַנען אין פאָרעם פון אַ „ח". חברה פלעגט אָבער אַ געשריי געבן: „די ווערטיכע גייט!" פלעגט ער נעמען אַ טיפּן שמעק טאַבאַק

און אַ פֿרעג טאָן: „ווער האָט דאָס געזאָגט ווערטיכע, צו אַלדי שוואַרץ יאָר?״ דעם, ווער האָט ער האָט חושד געווען, האָט ער דערלאַנגט אַ זעץ, בעיקר אין קאָפּ, מיטשלעפּנדיק די היטל מיט די האָר.

דעם שיעור פֿלעגט ער זאָגן אַרומגייענדיק איבערן חדר ביי די טישן, מיטן שטעקן אויפֿן אַקסל, ווי אַ סאָלדאַט מיט דער ביקס. דערפֿאַר האָבן אים די תלמידים אויך גערופֿן „קאָזאַק״. דעם שיעור פֿלעגט ער אָנהייבן מיט די ווערטער: „ס׳איז מיר אַוודאי געוויס (קלאָר), אַז דער וואָס וועט זיך נישט צוהערן צום לערנען, וועט באַלד קריגן די כאָליערע״. מאַכן אַ תלמיד אַ פּעקל, איז ביי אים געווען אַ קלייניקייט.

געווען פֿאַררעכנט פֿאַר אַ בייזן מלמד און שלעגער. מ׳האָט אָבער געדאַרפֿט זען זיין צערטלעכקייט צו אַ תלמיד, וואָס האָט באַגערט צו לערנען, אָבער געהאַט אַ שלעכטן קאָפּ. זען זיין פֿאָרען זיך אַרום אַ תלמיד, וואָס האָט צופֿעליק ערגעץ ווו באַקומען אַ קלאַפּ, אָדער אַ שטאָך, נישט געפֿילט זיך גוט, אָדער ווינטער אַריינגעקומען אַ געפֿרוירענער. ער פֿלעגט צערייסן זיין פֿאַטשיילע און פֿאַרבינדן די וווּנד, מיט פֿיל רחמנות און ליבע, אַפֿילו אַ שלעכטן תלמיד.

ער האָט גוט גערעדט און געשריבן רוסיש און פּויליש. פֿון יידיש און העברעאיש אָפּגערעדט. ער איז געווען פֿון די בעסטע און שענסטע שווימערס און ביאַלע. זיין „קלאַפּטער־לייגן״ און „טריטוואַסער״ האָבן געהאַט אַ שם אין שטאָט.

אין עלטער פֿון 78 יאָר איז ער דערטרונקען געוואָרן אין מקווה (משמעות אַ האַרץ־אַטאַקע).

3. שואלקע כהן

ר׳ שואלקע ר׳ הערצלס, האָט יעדער אין ביאַלע געקאָנט, אָדער ווייניקסטנס וועגן אים געהערט. אַחוץ וואָס ער איז געווען פֿון די שענסטע יידן אין שטאָט און פֿון גרעסטן יחוס, איז ער אויך געווען פֿון די רייכסטע יידן אין ביאַלע. אָבער, ווי ס׳שיינט, אַ גרויסער בטלן. ר׳ שואלקע פֿלעגט טאַקע נישט קאָנען פֿאַרשטיין, ווי אַזוי אַן אָרעמאַן פֿאַרמאָגט נישט כאָטש אַ דריי הונדערט רובל... זייענדיק אַן אַלט־מאָדישער באַנקיר (מלוה) פֿאַר פּריצים בעיקר, פֿלעגן זיך ביי אים אַרומדרייען מעקלערס, וואָס פֿלעגן צוהעלפֿן צו די געשעפֿטן. וועגן צוויי מעקלערס פֿלעגט מען רעדן, אַז זיי זענען רייך געוואָרן דורך דעם, וואָס ווילנדיק צוימען דעם יצר הרע פֿון רויכערן, פֿלעגן זיי באַהאַלטן די פּאַפּיראָסן אין ר׳ שואלקעס קאַסע...

נישט אַכטנדיק אויף זיין עשירות און יחוס, איז ר׳ שואלקע געווען אַ גרויסער עניו. אין גערער־שטיבל האָט ער נישט פֿאַרנומען קיין אויבן־אָן, נאָר געזעסן ביי אַ מיטל־טיש מיט אָרעמעלייט; קעגן איבער זיך מענדעלע סיטניקער, וואָס פֿלעגט פֿירן ליים, דער גר, און ביים אַנדערן עק טיש אירמע (ירמיהו) בעדער. אַ קליינע עטרה ביים טלית, סוכּות דעם קלענסטן לולב, און איז דער לעצטער נאָכגעגאַנגען דעם חזן ביי די הושענא׳ס.

אַ ביישפּיל פֿון זיין פּשוט האַלטן זיך, וועלן פֿאַרשטיין די לאַנדסלייט וואָס שטאַמען פֿון חסידים. אַז אין די שטיבלעך פֿלעגט פֿעלן געלט אויף די אויסגאַבן, פֿלעגט מען, שבת נאָכן דאַווענען, כאַפּן די טליתים ביי די חסידים. זונטיק פֿרי פֿלעגן זיי דאָך מוזן אויסקויפֿן די טליתים כדי צו קאָנען דאַווענען, און אַזוי אַרום האָט דאָס שטיבל אַריינגעקראָגן דאָס געלט. איינמאָל אין אַ שבת, איז מען געשטאַנען אין גערער שטיבל ביי דער טיר און יונגע חסידים האָבן פֿון די דאַווענערס אַרונטערגענומען די טליתים. ר׳ שואלקען האָבן די חסידים געלאָזט דורכגיין. הערנדיק, אַז הינטער אים איז אַ טומל, האָט ער זיך אומגעדרייט, און זעענדיק וואָס ס׳קומט פֿאָר, אויסגעטאָן דעם פּאַלטאָ, און פֿון הינטערן פּאַלטאָ דעם טלית (גערער חסידים פֿלעגן נישט טראָגן שבת, און צוליב דעם אָנטאָן דעם טלית אויף זיך, הינטערן פּאַלטאָ) און אים אַליין אַריינגעוואָרפֿן צווישן די אַנדערע טליתים.

4. יאסל וועטשיק (גאטפריד)

אַ ייד פֿעסט געבויט, מיט אַ גרויסער רויטער באָרד, רויטן פּנים און רויטן קאַרק. מיט זיין לייבן־שטימע איז ער געווען, אַזוי צו זאָגן, אַ „זאַפּאַסנער״ בעל־תפֿילה און אָפֿיציעלער תהלים־זאָגער אין שול, באַזונדערס אין חודש אלול, יעדן אינדערפֿרי. זייענדיק דער שמש פֿון דער חברה־קדישא פֿלעגט ער גיין פֿאָרויס ביי יעדער לויה מיט דער פּושקע, קלאַפּן און רופֿן: „צדקה תציל ממות״.

אין דער יוגנט איז ער געווען אַ טאַנדעטער שניידער, און קיינער אין ביאַלע האָט נישט געוווּסט גענוי ווי אַזוי ער איז געוואָרן אַ מאַכער אין מאַגיסטראַט אונטער דער רוסישער און דערנאָך פּוילישער הערשאַפֿט, נישט קאָנענדיק לייענען אָדער שרייבן (אַ חוץ דאַווענען), נאָר ער פֿלעגט זיך מעכאַניש אונטערשרייבן יאָסל גאָטפֿריד. מיט די פֿינגער פֿלעגט ער טאַפּן אין די מעטריקע־ביכער אין מאַגיסטראַט, ביז ער האָט דאָס געזוכטע געפֿונען. דאָס אָפּזוכן דאָקומענטן, ווו ער איז, אין גרעסטן טייל, געווען דער עדות ביים געבורט, האָט אים געגעבן זיין כּרנסה. ער האָט אַריינגעלעבט אין די ניינציקער. געווען דער בעסטער קונה פֿון אַ גוטער פֿלאַש בראָנפֿן און פֿון אַ געבראָטענער גאַנדז.

5. פסח סקאס

אויב ס׳איז דאָ אַן אמת אין דער לעגענדע, אַז אַ דאַמסקער שניידער האָט מוסר געזאָגט דעם ווילנער גאון, אַז אים איז לייכט צו זיין אַ צדיק, זיצנדיק אין זיין ספֿרים־שטיבל, איז דאָס ווי אָנגעמאָסטן פֿאַר פּסח סקאָס. צו זאָגן אויף אים „פֿרומער״ אָדער „ערלעכער ייד״ איז גאָרנישט געזאָגט.

אַ דאַמסקער שניידער, אַבער אַ ייד אַ צדיק איז געווען פּסח סאָקס, דער אָנערקענטסטער אשמורת־הבוקר־זאָגער. זיין תהלים־זאָגן, שטייענדיק זייטיק ביים עמוד (פֿון דעם דער צונאָמען „סקאָס״), פּסוק ביי פּסוק, און מיטן הילכיקן

ענטפער פון זיין אַרבעטער שיימע סאַניעס (בעקערמאַן), האָט געשמט אין ביאַלע.

די ערשטע וועלט־מלחמה האָט אים באַזייטיקט פון זיין פּרנסה. נפטר געוואָרן אַ צדיק, מיט אַ שווערן הונגער־טויט אַרום 1922.

6. משה באס

זיינע יאָרן האָט שוין קיינער אין ביאַלע נישט געציילט. געווען דער באַס־שפּילער ביי די ביאַלער כלי־זמרים און דער שטאַם־פֿאָטער פון כמעט דער גאַנצער כלי־זמר־משפּחה אין ביאַלע.

אויף חתונות פלעגט ער זיצן, שלאָפן און רימפּלען אויפן באַס. ווען די כלי־זמר האָבן שוין געשפּילט דאָס מצוה־טענצל, פלעגט ער נאָך נאָכבאַגלייטן דאָס באַזעצעכץ. ביאַלער כלי־זמר האָבן אים געוואָלט צאָלן זיין חלק און ער זאָל מער נישט שפּילן, זענען אָבער דערצו געווען צוויי שטערונגען:

1. אומגעשפּילט האָט ער נישט געוואָלט נעמען קיין חלק,
2. די נאָכפֿראַגע אויף אים מצד די מחותנים פֿאַר אַ סגולה צו אַ לאַנגן לעבן.

משה באַס האָט געהאַט די חזקה אויף דער ערשטער מנחה, שבת פֿאַרנאַכט, אין גרויסן בית־המדרש. אַלט, בלינד און שוואַך, אָבער אַזוי לאַנג ווי זיין נשמה איז נישט אַרויס פון זיינע האַלב בלינדע אויגן, האָט ער זיין חזקה אָנגעהאַלטן.

און כאָטש מ׳פֿלעגט אים רופֿן משה באַס, האָט ער אָבער זיין „אתה אחד" אויסגעזונגען מיט אַ קוויטשיק קולכל.

7. אלתר נעמיראָווער

אַ ייד פון מיטל־וווּקס, מיט אַ געבויגענער פּלייצע און אַ קאַלירלאָזער באָרד, איז ער געווען דער שאַטן (גוטער) פון ביאַלער רבין ר׳ יאַנקעלע. זיין באַגייסטערונג פֿאַרן רבין איז פֿאַר אַ פּשוטן מענטש נישט געווען צו באַגרייפֿן. קיין זאַך האָט נישט געטאָרט באַשטימט ווערן אין הויף, אַז ר׳ אלתר נעמיראָווער זאָל נישט מוזן פריער האָבן די הסכּמה פון רבין.

ווען דער ביאַלער הויף האָט אַמאָל געברענט, האָט ער געגעבן אַ געשריי: — געוואַלד יידן, ס׳ברענט!, געוואַלד יידן! איך לויף צום רבין! — אַרויסגעקומען פון רבין ווידער מיט אַ געוואַלד: — וואַסער! וואַסער! קיין זאַך קאָן נישט העלפֿן, נאָר וואַסער! — אַ ווײַלע שפּעטער האָט מען ר׳ אלתרן געזען לויפֿן מיטן לייטער אין סאַד אַריין. אַזוי ווי אויף דעם רבינס טרעפּ איז שוין געגאַנגען אַן ערל, און אויף דעם לייטער האָט באַנוצט דער ערל, לויפֿט ער מיטן לייטער אים טובלען אין דער מקווה, אַז דער רבי זאָל קאָנען אַרויס־גיין פון זיין צימער פֿאַרלעשן די שריפֿה. פון יענער שריפֿה שטאַמען זיינע צוויי פּאָפּולערע ווערטלעך אין ביאַלע, אין אַ צעקאַליעטשעטן פּויליש: „צאַלי מיאַסטאָ שע פּאַליעשע" (די גאַנצע שטאָט ברענט) און „דאַוואַי קאַצאַפּקאַ" (גיב דעם שלאָוך).

8. יצחק אורטשעלעס

ר׳ יצחק אורטשעלעס, דעם מלמד, האָט כמעט יעדער אין ביאַלע געקאָנט. ער איז געווען אַ גמרא־מלמד אין דער תלמוד־תורה. זיינע תלמידים פלעגן יעדן אינדערפֿרי דאַווענען הויך און זינגענדיק. זיין זינגען ביי געוויסע פרשות אין חומש און שיר השירים, און גאָר באַזונדערס זיין מעביר זיין די סדרה, זענען געבליבן אין זכרון ביי זיינע תלמידים.

ר׳ יצחק אורטשעלעס פּירונגען זענען געווען אייגנאַרטיקע, אָבער אין די דריי פּאַסירונגען איז ער זיכער געווען דער איינציקער אין ביאַלע.

נאָך דעם ווי ער איז אָפּגעזעסן דריי יאָר אויף קעסט ביי מיין עלטער זיידן ר׳ אורטשע קצב, האָט ער גענומען זיינע פינף הונדערט גילדן נדן און זיך אַרויסגעלאָזט האַנדלען. אַזוי ווי „אַ קו איז אַ האַלבע פרנסה", האָט ער בעסער איינגעהאַנדלט אַן אָקס...

אַ געבוירענער איז ער געווען אַ ראַסאַשער. צו אַ יאָרצייט איז ער אַמאָל געגאַנגען קיין ראַסאַש אויף קבר־אבות. אויפן וועג האָט ער זיך געשטעלט דאַווענען מנחה, און זיך אַזוי פֿאַרדרייט, אַז ער איז צוריקגעקומען קיין ביאַלע. עפּעס איז אים אויסגעקומען אויסטערליש — לאָמאַי האָט ער אויפן וועג נישט געזען, און ראַסאַש איז, קיין עין הרע, זיך אַזוי פונאַנדערגעוואַקסן, מיט אַ באַן, אַ טייך, בריקן, גרויסע קאַמעניצעס, לאַנגע ברייטע גאַסן... נאָר מילא, אַ פרומער ייד טאָר זיך אין אַזעלכע זאַכן נישט אַריינטראַכטן. אָפּגעדאַווענט מעריב, געזאָגט קדיש, אָפּגעגעסן וועטשערע (אָוונט־ברויט) און אויף אַ גאַנצע נאַכט זיך אָוועקגעזעצט לערנען. אינדערפֿרי — אָפּגעדאַווענט, געזאָגט ווידער קדיש און געגאַנגען אויף קבר־אבות. נישט קענענדיק געפינען זיין פֿאָטערס מצבה, האָט ער זיך איצט געכאַפּט, אַז ער איז אין ביאַלע און נישט אין ראַסאַש.

ווען ער איז געקומען קיין ביאַלע אויף קעסט, האָט ער אויף זיך גענומען אַ מצוה, צו באַזאָרגן די חסידים אין קאָצקער שטיבל, צו שלוש־סעודות, מיט אַ פרישן טרונק־וואַסער און אויך מיט מים־אחרונים. אין די ערגסטע וועטערן האָט ער דאָס נישט פֿאַרפֿעלט, אַזוי נאָענט צו אַ זעכציק יאָר. אויף דער עלטער פלעגן יונגערע חסידים וועלן דאָס ביי אים איבערנעמען, פלעגט ער נישט לאָזן און געבן דערויף זיין אויסטייטשונג: — פֿאַרשטייט איר מיר, אַזוי לאַנג ווי אַ מענטש לעבט זינדיקט ער. אויף יענער וועלט, ווען דער קטיגור (שלעכטער מלאך) וועט זאָגן: נאָך אַ פּעסל סמאַלע, וועט דער סניגור (גוטער מלאך) אַ געשריי געבן: אַ קענדל וואַסער! איז וואָס מער וואַסער איך וועל טראָגן, אַלץ בעסער.

9. מאיר טליתמאכער

ר׳ מאיר טלית־מאַכער איז געווען אַ קאָצקער חסיד. אַ בעל מקובל און יודע ספר. די זעמליאַנקע־איינוווינערס האָבן געזאָגט, אַז ער איז אַ למד־וואָווניק. זיינע געוויינען ביים אָפּריכטן חצות האָבן שטיינער געריסן.

װעגן זײַן טלית־מאַכערײַ, האָט מען דערצײלט, אַז װען מ׳פלעגט בײַ אים באַשטעלן אַ טלית פאַר אַ חתן, פלעגט דער טלית אַרויסקומען, װען דער חתן האָט שוין געפירט קינדער צו דער חופה... געמאַכט האָט ער טלית־קטנס צװײ אָדער דרײַ אַ װאָך (אויב ער האָט געהאַט באַשטעלונגען). אַ לעבן האָט ער געמאַכט, װי מען זאָגט אין אַמעריקע, פון תעניתים. אָפי־ציעלע תעניתים האָבן אַלע ביאַלער ייִדן געפאַסט, אָבער ר׳ מאיר פלעגט פאַסטן תעניתים, פיר־פינף טעג אין דער װאָך. ער איז נפטר געװאָרן אין אַ שבת, אַ טאָג, װען אַ פרומער ייִד טאָר נישט פאַסטן...

10. אידל צינעס (קאנאלשטיין)

אידל צינעס איז געװען אַ ייִד אַ גברן. זײַן אַרבעט איז געװען טשעשלערײַ. אין עלטער פון איבער זעכציק יאָר פלעגט ער נאָך לײַכט טראָגן אַ באַל, מיט װעלכן פיר יונגע טשעש־לערס פלעגן זיך מאַטערן. געשמט האָט ער נישט מיט זײַן גבורה, נאָר מיט זײַן עסן. צװײ בײַשפילן װעלן דאָס אילוס־טרירן.

אויף דער עלטער, װען ער און זײַן פרוי האָבן געליטן פון אַ פאַרקילונג, און דער גראַבער פעלדשער (פאפינסקי) האָט אים פאַרשריבן אַ רעצעפּט, גײענדיק אין שטאָט נאָכן רעצעפּט האָט ער שוין אויך געקויפט צװײ הײמישע ברויטן. אויפן װעג האָט ער פאַרזוכט דעם רעצעפּט, נישט שלעכט, אַ ביסל זיס־לעך, דאָס ברויט נאָך געשמאַקער. ביז ער איז אַהײמגעקומען איז נישט געװען קײן זכר נישט פון ברויט און נישט פון רעצעפּט.

בײַ דער חתונה פון זײַנס אַן אײניקל האָט ער אויסגע־פונען, אַז ס׳איז דאָ רײַז אויף דער װעלט, און ס׳איז נישט שלעכט. האָט ער געהײסן זײַן אשה, זי זאָל אים אָפּקאָכן אַ שיסעלע עסן פון צװײ פונט רײַז און אַ צען פונט קאַרטאָפל...

11. חיים חוה׳לעס

דער ערשטער קוק אויף אים האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ גברן. אַ הויכער, דיקלעכער און גוטמוטיקער מענטש. ער איז געװען אַ דראָזשקאַרזש. פלעגט װאַרפן צװײ פודיקע געװיכטן, צװײ שטאָק די הײך, און זײ כאַפּן צוריק פאַרן אויער.

אין שטאָט האָט מען דערצײלט פון אַ געװעט, װאָס ער האָט געהאַט, טראַגנדיק אַן אײזערנעם באַל פון קרוב צװאַנציק פוד, פון ראָג יאַנעװער גאַס ביז צו די מנישקעס (אומגעפער דרײַ פערטל װיאָרסט). ער האָט דעמאָלט געװונען 25 רובל, און לצים פלעגן זאָגן — נאָך עפּעס...

12. משה בוקעס (פוטערמאַן)

משה בוקעס איז געװען אַ מענער־שנײַדער. אָבער חוץ שנײַדערײַ האָט ער געהאַט נאָך אַנדערע פרנסות. גליקלעך איז ער אָבער געװען, װען ס׳איז צו אים אַרײַנגעפאַלן צו נײען אַן אַטלאַסענע קאַפּאָטע. קודם־כל, איז דאָס פאַר אַ שײנעם ייִד, ושנית, ס׳מוז נישט אַזױ גוט פּאַסן — דער טראָגער פון דער קאַפּאָטע דאַרף נישט טאַנצן מיט גראַף פּאָטאָצקיס טאָכטער... דער עיקר ס׳זאָל זײַן גענוג ברײט. ברײטקײט און גרויסקײט האָט ער ספּעציעל אָנגעװענדט בײַם נײען הויזן און כאַלאַט־לעך פאַר ייִדישע קינדער; נישקשה, זײ װעלן אויסװאַקסן...

אַ צװײטע פרנסה האָט ער געהאַט סוכות. ער פלעגט באַזאָרגן ייִדן מיט אַ ביליקן אתרוג־בענטשן. יעדער פון זײַנע זין איז האַלבע טעג אַרומגעלאָפן מיט אַ באַזונדערן אתרוג און לולב.

האַלבע טעג פלעגט משה בוקעס שטײן בײַ פּיזשיצעס הויז אין מאַרק, דערצײלן מעשיות און חכמות, װאַרטנדיק אויף זײַן באַליבטער באַשעפטיקונג, צו זײַן אַ צװײטער עדות צו יאָסל װעטשיק, בײַ חתונה־און געבורט־אַקטן, אָדער, חלילה, בײַ אַן אַקט װעגן אַ טויט־פאַל. דאָ פלעגט משה בוקעס באַװײַזן זײַן בריהשאַפט: אײַן קלײניקײט, אָנשרײַבן אויף רוסיש „מאַשקאָ פוטערמאַן". אַרויפפירן אויפן פּאַפּיר: אײַקאַלאַך, פאַרשלײַפן לעכלעך, אַטשיקעס, װענדקעס, פּיטשעס פוי אַרויף און פּיטשע פוי אַרונטער, האַלאַבליעס, האַלבע און גאַנצע רעדלאַך, פאַרדרײַעניש. יעדן צײכן שטעלן אויפן אָרט, און צופיל אָרט אויפן פּאַפּיר האָט ער נישט געהאַט. אַ שװערע אַרבעט, אָבער אַ בכבודיקע און שײנע אַרבעט... בפרט, אַז ער פלעגט נאָך קריגן דערפאַר באַצאָלט אַ זעקסער אָדער אַ צענערל, און אַמאָל אַ טרונק בראַנפן אויך.

משה בוקעס װאָלט „געגאַנגען אין גאָלד", װען נישט דאָס װײַב מיט די קינדער. אַזױ גיך װי דאָס װײַב האָט געעפנט דאָס מויל: „גיב מיר אַ גילדן!" האָבן אַלע בנים אין אײן קול, װי אַ כאָר, געענטפערט: „איך בין הונגעריק!" און, אַז מ׳האָט נישט קײן מזל, פלעגט אים דאָס צװײטע װײַב אויך מאָנען אַ גילדן, אָבער דער כאָר איז שוין נישט געװען; פאַרקערט, דער כאָר פלעגט אים שוין אָפּט געבן אַ גילדן...

13. יאָס דראָזשקאַרזש (גערמאַן)

יאָס דעם דראָזשקאַרזש (יאָסל ברודער), האָבן אַלע ביאַ־לער געקאַנט. געװען אין ביאַלע נאָך אַ דראָזשקאַרזש, װאָס איז געװען באַרימט, סאַסקע מיט דער דרויבע, הושיעה נא. אָבער בײַ סאַסקען איז געװען באַרימט זײַן דרויבע (פערדל) און נישט ער אַלײן. למשל, װײַטער װי צום ערשטן בריק אויף דער װאָליע, איז די דרויבע נישט דערגאַנגען. אַז מ׳האָט גע־װאָלט כאַפּן דעם בריסקער פּאָטשטאָװן (באַן) 9 אַזײגער אין אָװנט, האָט מען געדאַרפט מיט סאַסקען אַרויספאָרן צום װאַרשעװער פּאָטשטאָװן אַרום 11 אַזײגער אין דער פרי...

יאָס האָט געשמט מיט זײַן עם־הארצות. לאָמיר אָבער זײַן גערעכט צו יאָסן: געװען גרעסערע עמי־הארצים אין שטאָט, נאָר אין יאָסן זענען געװען עטלעכע אײגנשאַפטן, װאָס האָבן גורם געװען צו זײַן באַרימטקײט: ערלעכקײט, תמימותדיקײט, גוטסקײט, באַרעדעװדיקײט און זײַן הויך דאַװענען.

יאָס דראַזשקאַרזש האָט געהאַט די זכיה צו זיין דער איינציקער דראַזשקאַרזש, מיט וועמען דער ביאַלער רבי פלעגט אָפּט פאָרן אויף אַ שפּאַציר, און אויך, להבדיל, די נאַטשאַלסטווע. נאָר ער האָט, נעבעך, נישט געהאַט קיין מזל צו זיינע סוסים. פון זיינע אַמאָליקע צוויי פערד איז ער אַרונטער פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה צו אַ האַנטוועגעלע. יאָרן לאַנג האָט ער געשפּאָרט געלט צו קויפן זיך אַ פערדל, און ס׳איז נישט געגאַנגען, ווייל וויפל ער זאָל נישט האָבן אָנגעקליבן האָט זיין געלט כסדר פאַרלוירן דעם ווערט אין דער מלחמה און אין דעם נאָך־מלחמה־פּעריאָד. נו, איז אַ וווּנדער וואָס ער פלעגט ראש־השנה שרייען וכו־מא־מא־שא! (וכל מאמינים שהיא)? ס׳איז אים שווער געווען אויפן האַרץ, האָט ער געשריען מאַמע. ווען ער האָט איינמאָל געמאַכט אַן עקסטרע פאַרדינסטל האָט ער געזאָגט צו זיינע מיטמענטשן, וואָס זענען באַשטאַנען אַלע מאָל פון גבירישע זינדלעך: — מיר זאָלן דאָס אַלע פאַרמאָגן, וואָס איך האָב פאַרדינט...

ער האָט זיך אַמאָל אַדורכגערעדט מיט זיין ברודער, האָט ער אים געזאָגט: — דו ביסט מיר אַ גוטער פריינט, דאָס ווייס איך. איילע (אלא) איך דיר, ווייס איך נישט (געמיינט פאַרקערט). ווען מ׳האָט אים אויפגערופן צו דער תורה האָט ער געוואָלט נאָכלייענען אין דער ספר־תורה די פרשה, אָבער צוליב די קאָטשערעס און לאָפּעטעס (געשריפט) נישט געקאָנט אָניאָגן דעם בעל־קורא, האָט ער אַ געשריי געטאָן — טפּרו, סטאָי!...

זיינע „גערעכטע" טענות צו די דאָזאָרעס: פאַרוואָס אין ביאַלע קען נישט איינליגן אַ ביסל שניי, און דאָס שטערט צו פאָרן מיטן שליטן. פאַרוואָס זיי מאַכן אַ שבת אין חול־המועד און דאָס שטערט צו דער פרנסה. ער האָט אַליין געזען, אַז מעזריטשער בחורים זענען געקומען שבת פון מעזריטש. דאָס מיינט, אַז אין מעזריטש איז נישט געווען שבת, און אין ביאַלע יאָ... פאַרוואָס לאָזן זיי דעם געלן מוכר־ספרים פאַרקויפן ספרים אין בית־המדרש; ער האָט ביי אים געקויפט אַ קאַלבאַיניק (כל־בו סדור) און נישט געפונען דאָרט ווי אַזוי צו פאַרריכטן אַ צעריסענעם שפּאַן...

ווינטשנדיק זיך מיט איינעם, אַז זיי זאָלן נישט דאַרפן איינער אָנקומען צום צווייטן, האָט ער געזאָגט, אַז ער (יאָס) זאָל נישט דערלעבן צו קומען צו אים און יענער זאָל נישט דערלעבן קומען צו אים...

פּ. גאָלד

אין שטאָט פלעגט מען וועגן יאָסן דערציילן גאַנצע בערג מיט מעשיות. מיר וועלן דאָ פאַרנאָטירן נאָר עטלעכע פון זיי.

שמחת־תורה צו הקפות האָט מען יאָסן מכבד געווען מיט אַ פּסולע ספר־תורה, אָן אַן עץ־חיים. יאָס האָט זיך אָנגעברוגזט און אַ זאָג געטאָן: — איך וויל נישט קיין הינקעדיקע תורה.

יאָסן האָט מען אַ שבת אויפגערופן צום ספר, און גראָד האָט מען אים מכבד געווען מיט דער פרשה פון דער תוכחה. ווען יאָס איז אַרונטער פון באַלעמער האָט אים ווער אויפגעקלערט, אַז מ׳האָט אים מכבד געווען מיט אַ שטיקל תורה פול מיט קללות. יאָס האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אויסגערופן: — איך האָב באַלד געזען, אַז די אותיות זענען צעפּייפּט...

לצים פלעגן זיך אין די ימים־נוראים צוהערן צו יאָס׳ס דאַווענען און שפּעטער האָבן זיי געהאַט וועלטן צו דערציילן פון יאָס׳ס עברי. דער „וכל מאמינים שהיא" פלעגט ביי אים אַרויסקומען:

הבוחן ובודק גנזי נסתרות — אַ בוכאַ אַ בודקע, געגנזענע סטראָנעס.
וכל מ״מ שהוא בוחן כליות — ובכל מאמאשא באָכטעס קלווון.
הקצר בזעם מאריך אף — אַ קירצער בעזעם, מאַך אָפּ.

יאָס איז אַמאָל געקומען צום ביאַלער רב און געבעטן, אַז דער רב זאָל אים זאָגן, ווען ער, יאָס, האָט יאָרצייט נאָכן טאַטן. האָט דער רב אים גענומען נאָכפאָרשן און אויספרעגן, אפשר וועט ער פאָרט עפּעס פון אים אַרויסקריגן אַ וואָרט, וואָס וועט האָבן אַ שייכות צו דער דאַטע פון זיין טאַטנס טויט. אַז דער רב האָט זיך שוין גוט אָנגעמאַטערט מיט אים ביי דער לאַנגער חקירה־ודרישה, האָט זיך יאָס געגעבן אַ רוף אָן: — רבי, איך ווייס גאָרנישט. איך ווייס נאָר איין זאַך. ווען די גלאָקן אין קאָשטשאָל האָבן „ראַדזשעסטווע" (וויינאַכטן) געגעבן אַ קלונג, איז מיין טאַטנס כשרה נשמה אַרויס דורכן טריפהנעם ט...

(מ. י. פ—ם)

פ א ל ק ל אָ ר

ביאַלע האָט פאַרמאָגט אַ רייכן אוצר פון פאָלקלאָר, אין וועלכן ס'זענען פאַרוועבט לעגענדעס, מעשיות, מנהגים, סגולות, ווערטלעך, וויצן אאַ״וו. ווען מ'וואָלט געקאָנט רעסטאַווירן דעם פאָלקלאָר־אוצר פון אונדזער שטאָט, וואָלט ער אַליין געקאָנט געבן אַ בילד פון יידישן לבן אין ביאַלע אין יענע יאָרן, ווען כמעט יעדע יידישע פאַמיליע האָט מען גערופן לויט אַ צונאָמען און נישט נאָכן פאַמיליע־נאָמען.

ליידער איז אונדז געלונגען אויפצוזאַמלען בלויז אַ ברוכטייל פון אָט דעם אוצר. אָבער אַפילו אָט דער קליינער חלק, גיט צו אַ באַזונדערן קאָלאָריט דער תקופה פון די לעצטע יידישע דורות אין ביאַלע.

מיר האָבן אויסגעמיטן צוצוגעבן אויפקלערונגען ביי די צונעמען, ווייל ראשית, לאָזט זיך שוין היינט נישט אויפקלערן דער מקור פון יעדן צונאָמען, און שנית, אַפילו די צונעמען, וואָס לאָזן זיך יאָ דערקלערן, נייטיקן זיך אין אַ באַזונדערער אַרבעט, וואָס איר פאַרנעם וואָלט נישט געקאָנט אַריינגעפּרעסט ווערן אין די ראַמען פון דעם ספר.

ווערטלעך, זאגעכצן און וויצן פון ביאלער שארפע קעפ און קאטאוועס־טרייבערס

ווען שואלקע כהן, וואָס איז געווען איינער פון די צוויי גרעסטע גבירים אין שטאָט, פלעגט מען דערציילן:

זיינער אַ ידיד, פון אַ צווייטער שטאָט, האָט זיך צו אים געוואָנדן וועגן אַ גמילות־חסדל. ביים סוף פון זיין בריוו האָט יענער מוסיף געווען: — „אם ירצה השם אשלם״. **אויף דעם זאָל** שואלקע האָבן געענטפערט שריפטלעך: — האָסט מיר טאַקע אָנגעגעבן אַ גאַנץ גוטן זשיראַנט, און ס'איז טאַקע גוט מיט „אם ירצה השם״, אָבער טאָמער, חלילה, **לא ירצה השם?..**

★

חיים פסח, דער גבאי פון דער חברה־קדישא, ליגנדיק אויפן טויטן־בעט, האָט זיך אָנגערופן צו יחזקאל **ערליך, וואָס** איז געקומען אים מבקר־חולה זיין: — חאסקל, האָסט איצט אַ גוט געלעגנהייט מיטצוגעבן אַ גרוס צו דיין טאַטן...

★

מאָטל מינץ פלעגט פרעגן: — פאַרוואָס וואַרט דער חזן מיטן אָנהייבן די הויכע שמונה־עשרה, און ביי „יהוה אלהיכם אמת״ קוקט ער זיך אַפילו נישט אום און **דאַוונט ווייטער?**

אויף דעם האָט מאָטל מינץ געגעבן זיין תשובה: — **ווען** דער חזן זאָל דאַרפן וואַרטן ביז אַפילו דער רב וועט זאָגן אמת, וועט ער זיך קיינמאָל נישט דערוואַרטן...

★

אין ביאַלע איז געשטאָרבן אַ חסידישער ייד, וואָס האָט ליב געהאַט צו שפּילן אין קאָרטן. בעת זיין לויה זענען נאָכגעגאַנגען ווייבער און וויינענדיק געבעטן: — אוי, גוטע מלאכים זאָלן דיר אַנטקעגנגומען. — רופט זיך אָן אַ חבר פון פאַרשטאָרבענעם, אויך אַ קאָרטן־שפּילער, צו די באַקאַנטע: — דוכט זיך, אַז טייז זענען בעסער...

★

אַ ביאַלער מלמד פלעגט יעדן טאָג מקיים פּסק זיין זיין ווייב און דערביי שרייען: — האָסטו פאַר נעכטן. — פלעגט זיך זיין ווייב ביי אים בעטן: — גיב מיר שוין פאַר היינט אויך און זאָל איינמאָל פאַר אַלע מאָל קוויטירט ווערן דער חוב.

★

אין ביאַלע און אומגעגנט איז זייער באַרימט געווען דער בדחן וויגדערל (אביגדור) בלאַנקליידער. מאַכן זיך אַמאָל צוויי חתונות מיט איינמאָל, און אויף איין חתונה איז געווען אביגדורס פאַרטרעטער. האָט דער פאַרטרעטער אָנגעהויבן באַזעצן די כלה. ער זאָגט און זאַגט, און ביי דער כלה ווייזט זיך אַפילו נישט קיין טרער אין די אויגן. איז ער אַזוי אין כעס געוואָרן, אַז ער האָט אַ געשריי געגעבן: — **פאַסקודסטווע!** פאַרוואָס וויינסטו נישט?..

★

דער חברה־קדישא־מאַן מאיר קאָרמאַן פלעגט זאָגן: — מיר קאָנט איר אַריינלייגן דעם טויטן אין בעט אַריין און **איך** וועל זיך מיט אים אויסשלאָפן...

★

שלמהלע זייגערמאַכער (לעדערמאַן), וואָס האָט אין שטאָט געשמט כלומרשט ווי אַן אפיקורס, האָט זיינע קינדער געבן אַ רעליגיעזע דערציאונג. אַז זיין זון פוליע (רפאל) האָט אים אַמאָל געפרעגט: — טאַטע, דו האַלסט דאָך נישט פון די אַלע זאַכן, **טאָ נאָכוואָס שיקסטו מיר דאָס אַלץ לערנען?**

דערויף האָט אים שלמהלע געענטפערט: פוליע מיין קינד,

קאָנען, זאָלסטו אַלץ, נאָר אויסגעדרייט זאָל דיר ווערן די מויל, אויב דו וועסט עס אַמאָל באַנוצן...

✶

אויך שמערל האָכמאַן האָט געשמט אין שטאָט פאַר אַ פרייען, און דאָך פלעגט ער יעדן שבת־פרי גיין דאַווענען. אַ חברה פלעגט אים פרעגן: ר׳ שמערל, ווי קומט איר עפּעס אין שול? — איז זיין תשובה געווען: — מ׳מוז דאָך אַוועק פון שטוב און לאָזן דער ווייב אויסקערן. וועסט זיך דאָך נישט באָמבלען צווישן דעם בעזעם...

✶

באַקאַנט איז געווען מאָטל פעשקעס (ראַזמארין) מיט זיינע וויצן.

אין די עשרת־ימי תשובה איז געשטאַנען אין ראַדזינער שטיבל אַ חסיד, וואָס איז באַקאַנט געווען פון זיינע אָפטע באַנקראָטן, און האָט געזאָגט „אבינו מלכנו". הינטער אים איז געשטאַנען מאָטל, און ווי יענער האָט מיט גרויס כונה אַרויסגעזאָגט „אבינו מלכנו מחוק את כל שטרי חובותינו", האָט מאָטל אויסגערופן: — און וואָס וועט זיין מיט די גראָבע חובות?..

✶

ביי יצחק פיזשיץ איז געווען אַ הינטל מיטן נאָמען קאַראָל, און ביי פּנחס נארטמאַן אַ הינטל מיטן נאָמען בלק. איינמאָל איז מאָטל אַרויפגעקומען אין באַנק אַריין און אָנגעגעבן אויף אַ הלואה. ווען דער באַאַמטער האָט אים געפרעגט: — און ווער זענען די זשיראַנטן? — האָט מאָטל נישט לאַנג געקלערט און אַ זאָג געטאָן: — קאַראָל פיזשיץ און בלק נארטמאַן...

✶

אויף דער עלטער איז מאָטלען זייער שווער אָנגעקומען דאָס גיין. איינמאָל, ווען ער האָט אָנגעטראָפן דעם, אין שטאָט באַקאַנטן, טאַנצמייסטער, האָט מאָטל זיך צו אים געוואָנדן: — יעדערן לערנסטו אויס טאַנצן, לערן מיר אויס כאָטש גיין...

✶

ברויט איז דאָ, קאַרטאָפל איז דאָ, טאַנץ יוסף איטשע!

(אַ ווערטל פון יוסף איטשע אש, בעת דער דייטשער אָקופּאַציע, אין דער ערשטער וועלט־מלחמה).

✶

יהושע מירטנבוים פלעגט זאָגן: — פאַסטן, פאַסט איך אַפילו נישט יום־כּפור, אָבער אַ פאַפּיראָס פאַררויכער איך יאָ.

✶

צוויי ביאַלער טרעגערס, ברידער, אַז זיי פלעגן זיך קריגן צווישן זיך, האָט איינער מכבד געווען דעם צווייטן מיט דער קללה: — אַ רוח אין דיין האַלבן טאַטן אַריין...

צונעמען לויט די אפשטאמונגס־ערטער

הערשל לענטשנער, שעדלעצער בעקער, שמעון ליקעווער (לוקאָוו), אהרעלע סלאַוואַטיטשער, דער אָסטראָווער, משה לאָמאַזער, דער וואַרשעווער פעלדשער, די קאָברינערין, אהרקע קאָמאַרוווקער, אהרקע פישטשאַצער, אידעלע פראָשעקיער (פּאָראָשוקי), יאָסל טערעבילער, מענדעלע סיטניקער, די זשעלעכאָווערין, צביה די בריסקערין, דוד ראָסאָשער, מאיר ציציבאָרער, משה וויטאָראָזשער, שמחה לאָשיצער, מאיר נאָסעווער, די סטירנעצערין, משה וואָליער, יהושע אָסאָווער, דוד קאָלאָדער, אהרעלע סיטשינער, יאָסעלע וואָהינער, יאָסעלע יאַנעווער, חיים סוווּרער (סוואָרי), יעקב פאַרצעווער, איצעלע ראַבינאָווער (גראַבאַנוּוו), חוה דיבעווער, ישראל ריטקער, יצחק ראַדזינער, יהושע אולינקער, מענדל אָזערקאָווער, מאָטל דאָמאַטשעווער, פייוועלע לובלינער, לייבעלע מאַרקושאָווער, פּנחס קאָדניער, חיים הושליעווער, משה הישטשער, שלומל קאָנסטאַנטינער, באָדקער מלמד, ביעלסקער שניידער, משה פון סלאָוואַטשינעק, שמואל וולאָדאַווער, בנימין קאָזעווילקע (קאָזאַ־וווּלקאַ), אהרעלע קיטעלנער, דוד סאָסנאָוויצער, הערשל ווישניצער, יונה קראַקעווער, דער ליוטבאַק.

עטלעכע צונעמען לויט זיידעס און באבעס

יאַנקל —ביילע פרימע גיטלס, יאָסל — חנה דוד וואָלפס, יאָסל — חוה באַשע שמערקעס, יאָסל — אשר שיע (יהושע) פייעס, חיים — שרה׳לע חנה מרימס, יהודית — שמילקע (שמואל) מירעלעס, גדליה — הערשל בנימין משה ציבעס (צביה), יהושע — יצחק ישראל עליעס (אליהו).

צונעמען לויט דער באשעפטיקונג

מלאכה

אלתר מוליער, אלתר שלאָסער, אשר סטאָליער, מנשה מאַלער, משה גלעזער, לייבקע שינדלמאַכער, משה בלעכער, דודל ברוקירער, בנימין קאָוואַל, משה טאָקער, בנימין טשעשלער, לייבישקע שניידער, שמואל שוסטער, אירמע (ירמיהו) קעסלער, נחמן איינבינדער, וועלוול רימער, וועלוול מאָזשאָנזשניק, זאַוועלע שערער, דודל פאַרבער, חנה לאה די ליכטציערין, יעקב שמעון באַשלעגער, יהודה לייב סמאָליאַרניק, אשר קאַשעמאַכער, פיניעלע בייגל־בעקער, רייזעלע פון די דאַרע פלעצעלאַך, אַלטעלע פון די קיכעלאַך, מאָטעלע קיכער, דודל סאַרווער, אביגדור בדחן, אברהם גאָלדשמידט (אויך דער פאַמיליע־נאָמען — גאָלדשמידט), טעמעלע די וואַטעמאַכערין, יאָסל מילנער, מענדל בענדלמאַכער, עליע פון וויין, אירמע (ירמיהו) בעדער, שלמה מצבה־קריצער, דוד בעקער, אייזשעליכע פון די בילקעס (בולקעס), משה זייגערמאַכער, אשר צוקערניק, בעריש פון וויינעס, לייבע מעדניק, משה דוד שטריקנמאַכער, פייגע די קנייטערין, פרויעם שטעפער, שייע (ישעיהו) פון זייף, זישע טראַטש, קיוועלע פישער, די מאַנגלניטשקע (מאַנגל), רחל לאה די פאַריקנמאַכערין,

צאַלקע פון די ברעטער (פלעגט פירן די ברעטער פון טאַר־טאַק), יאָנטל דראָזשקאַרזש, דוד לייב פעסל־פירער (אַסעני־זאַציע), שייע לייזער (ישעיהו אליעזר) פראָשעניע־שרייבער, נחמן שרייבער (געלערנט שרייבן), חיים „רופא״, מאיר מיכל דער פעלדשער, רחל לאה די באַנקע־שטעלערין.

האנדל

נחום מאָנטשער, מאָטעלע טאַבאַטשניק, חנה רחל פון די הייזון, חיים נאַפטשער, איטשע מאיר פון דער טשאַינע, גיטל די קוילערקע (קוילן), גיטעלע פון מילך, יצחקל פון די פעדערן, חיה צביה פון סאָדע־וואַסער, משה אַייזיק פון אַלטן מעבל, טויבעלע די שענקערין, מענדעלע טאַנדעטער, קריינ־דעלע פון די שיכעלאַך, חוהלע פון די בלעטער (צייטונגען), שמעון דער מילכיקער, לייבע פון קעלער (גרינוואַרג), משה בצלאל דער אייזנקרעמער, הינך שמאַטניק, דוווטשע פישער.

כלי־קודש

חיים שוחט, אידל סופר, שלמה לאָזער (אליעזר) דער מנקר, הערשעלע מלמד, פסח תהלים־זאָגער, פייגע די טיקערין, יאַנקעלע (יעקב) שמש, אברהמעלע מוכר־ספרימניק, וועלוועלע באַגרעבער.

שפאט־צונעמען

אָקס, אָסטאַטני־גראָש, אוכאַ, אַמפּ, אָפּאַלאַלאַ, אַדזשומעס, אייבער, אָנפּאָיער אימרע, אָנופרע.

באָטשאַן, ביק, בער, בעזנאָסעק, בעזרוטשקע, באָלשאָי, באָלשעוויק, באָלאָמאָטש, בובקעס, בידני־מאַלטשיק, באַרטעק, באָכטע, באָקסער, בוקע, באָטשקעלע, בלייערנער פויגל, בעמ־בעקיעכע, בעזעם, ברענער, בלאָז, בראָך, בלינדער, ביפּלאָקס, באָנדע.

גענדזעלע, גריל, גראָבע, גראָבער ייד, גרויסער, געטש, גאָראָנצע, גאָלדן־קעלבל, גן־עדן, גאָלדן־ציינדל, גוי, געלער, גאָמולקע.

דאַרע, דורען, דראָנג.

הון, האָרב, הויכער, הענטעלע, האָרבאַטקע, האָלץ, הענג־לייכטערקע.

וועטשיק, ווייסער־מייער, וואָלקעלאַק, ווערטיכע.

זשאַבע, זיפער, זשעברוווקע, זשאָנדאַר, זשענטש, זלאָטע־ראָנטשקע, זאַטשעם, זעלבער, זשאַדעליכע, זשאַזשעלע, זשאַמע.

חייטשיק.

טשומבערל, טויבער, טויבע, טערק, טשאָרט, טויטער־בייטל, טוץ, טאַטו, טענטע, טשערסקע, טאָרבעלע, טריינע, טשאָק, טשוך, טוכמאַנקע, טענצער, טשאַקער, טיטוש, טשאָבע, טראָצקע, טשעפּטשאַך, טראָמבע, טשופּע, טאַנצוניו, טאַבאַק־שמעקער.

יאַשטשערקע, יאַט, יוכע, יאַש.

כאַלאַטן, כוליק.

לאַגאָדע, לאַדנע, ליאַלקע, לאָפּעטיק, ליאָרקע, לילקעלע, ליאָווקע, ליימערל.

מירשקע, מעטש, מאָנדע, מאָנד, מאָסטיעווער־קאַמף, מזיק, מיקאַדאָ, מיין מדרגה — דיין מדרגה, מיניסטער, מלאך.

נאָז, נעזל, ניעבאָיס, נאַסלעדניק, ניינציקער, ניוכע.

סאָלאָוויי, סוכע־דופּע, סקאָס, סטימסקע, סטאָפּ, סטאַך, ספּאָקאָינע, סנאָפּ, סאַוויצקע, סאַסקע, סיק־סאַק, ס׳קנעפּל, סוכענאָז, ספּודניצע.

עמלק, עקסעלע.

פּלעק, פּאַרך, פּאָלעפּאָן, פּריידיק, פּאַרברענטער, פּעפּ, פּאָטשקע, פּאָטאָץ, פּרעלעס, פּראָנדיק, פּאָטעליוק, פּאָלקער, פּראָוועץ, פּלעניק, פּיוס, פּאַנטעלע, פּיסק, פּאַסטערנאַק, פּענטע־מעלאַכע, פּאַטשיילקע, פּינדזשעריכע, פּערקאָפּ, פּאָנק, פּידיאַק, פּעטקע, פּלאָקן, פּאַרשקע, פּריצל, פּאָרסקער, פּאָטל, פּיפּ, פּלעטער, פּעקל־מעקל, פּעטעלניק, פּאָדיאַק.

צוקער־באָב, צאָצקע, ציגאַרעלע.

קעמפּע, קאָזע, קעצעלע, קאָשקע, קאַטשקעלע, קאָזשאָל, קרעמענאָז, קליינער, קליינע־מענטשעלאַך, קילע, קאָלבעס, קאָסאָקער, קעטשע, קוליאַטש, קאָזאַק, קאַצאַפּ, קיגעליכעס־פּאָרעם, קיגל, קוילאַטש, קיטיע, קלעט, קאָניע־פּאָאיטש, קאַץ, קאָטשעמאָיניק, קאָפּיאַן, קרעמפּל, קאַרמאַן, קייטוש, קאָשעץ, קונעפּאַי, קולעווענעוועד, קאַקאַשטע, קאַפּאָנדע, קעפּלעך, קישקעס, קאָסטערובטשעכע, קלאָצקע, קאַלאָש, קראַקוס, קאַקע־רוליק, קאַיטאַ, קאַטיק, קובעלע, קיטאַיעץ, קאַלטער־אייטער, קאָפּ, קוציקל, קנאָך, קראַץ, קופּקע, קנאָכעלעך, קיסר, קווע־טשער, קראַצער, קאַלטע־דאָשע, קלאָץ.

ראָץ, ראָנדאַל, ריץ, ראָצער.

שוואַרצע, שוואַרצער, שמאָטשיק, שמאָטשקער, שטערן, שטימעריכע, שטריץ, שאַלאָניק, שטעכער, שקאָפּ, שערבעלע־פּרוטה, שפּרינגער, שמע־קולינעכע, שאַטאַנעכע, שלאַפּיק, שנאָרער, שטעקער, שניטקע, שגץ, שמד, שטאָלץ, שמעגדע, שפּאַק, שמאָך.

מנהגים און סגולות

ס׳איז אָנצונעמען, אַז די ווייטער־געבראַכטע מנהגים און סגולות זענען נישט קיין ספּעציפֿישע ביאַלער, און אַז זיי זענען באַקאַנט און אָנגענומען געווען אויך אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן. אָבער ווי אָנגענומענע אין ביאַלע, האַלטן מיר פאַר ריכטיק זיי צו פאַרצייכענען.

משה אהרעלע פלעגט יעדן פרייטיק, 12 אַזייגער בייטאָג, אַרומגיין איבער דער שטאָט און רופן: — בעלי־בתים אין באָד אַריין!

פרייטיק פאַרנאַכט פלעגט דער בית־המדרש־שמש אַרומ־גיין איבער דער שטאָט און רופן: — אין שול אַריין!

יעדער חדר־באהעלפער פלעגט יעדן פרייטיק־צונאַכט פירן זיינע חדר־תלמידים אין שול אַריין הערן קידוש. ווען דער חזן האָט געמאַכט קידוש פלעגן די קינדער אויפן קול ענטפערן „אמן״, און באַקומען אַ זופּ־ווייַן פון קידוש־בעכער.

ווען ס׳איז געבוירן געוואָרן אַ בן־זכר האָט דער באַהעל־פער פון דעם דרדקי־מלמד, וואָס האָט שוין געהאַט אַ חזקה אין דער פאַמיליע פון דעם געבוירענעם קינד, און געהאָפט אויפן נייעם תלמיד, געפירט די קינדערלעך פון דרדקי־חדר יעדן פאַרנאַכט צו דער קימפּעטאָרין און ביי איר בעט געליי־ענט קריאת־שמע מיט די קינדערלעך. נאָכן קריאת־שמע־לייע־נען, האָט מען די קינדער געטיילט צוקערלעך און זיסוואַרג. אַזוי איז עס אָנגעגאַנגען גאַנצע זיבן טעג, ביז דער וואַך־נאַכט (די נאַכט פאַרן ברית). אַזוי ווי די וואַך־נאַכט איז באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ סכנותדיקע, שדים לויערן אויפן קינד, פלעגט דער בית־המדרש־שמש ברענגען דעם מוהלס חלף און אים אַרונטערלייגן אונטער דער קימפּעטאָרינס צוקאָפּנס...

צו סליחות פלעגט דער בית־המדרש־שמש וועקן דעם עולם מיט דריי קלעפּ אין די לאָדנס. אויב אָבער אין שטאָט איז געווען אַ מת, פלעגט דער שמש געבן נאָר צוויי קלעפּ.

אין חודש אלול האָבן די חומש־תלמידים אָנהויבן זאָגן, אין שול, יעדן טאָג צו צען קאַפּיטלעך תהלים. דער פאָרזאָגער איז געווען יאָסל וועטשיק. ער פלעגט זאָגן אַ פסוק און די קינדער פלעגן אים איבערחזרן.

צוליב אַן עלילת־דם, וואָס זאָל האָבן פאַרגעקומען אין ביאַלע (זע אַ באַזונדער קאַפּיטל), איז איינגעפירט געווען אין אַ סך הייזער, ערב פסח, נאָכן צורוימען די שטוב, איינצוהייצן אין אויוון.

צוליב אַ געשעעניש, וואָס איז געבונדן געווען כלומרשט מיט אָפּגיסן די בגדים פון אַ מת (געשריבן וועגן דעם ווייטער), איז אין אַ סך הייזער געווען אָנגענומען נישט צו גיין אַליין ביינאַכט אויסגיסן אומריינע וואַסער. ביים אויסגיסן פלעגט מען דריי מאָל אויסרופן: — היט אייך, היט אייך, היט אייך. — הגם שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער גאַנצער ענין פון אָפּגיסן די בגדים פון אַ מת איז געווען אינסצעניזירט פון אַ בעקער־יונג, איז דאָך דער מנהג פאַרבליבן.

פון דעם „אויפרוף־שבת״ (דער שבת פאַר דער חתונה, ווען מ׳פלעגט אויפרופן דעם חתן צו דעם תורה־לייענען) פלעגן חתן־כלה נישט גיין אַליין ביינאַכט, נייערט מיט אַ באַגלייטער.

אַ כלה פלעגט מען אין חופה טאָג נישט לאָזן גיין אַליין אין גאַס אַריין. ס׳איז אויך געווען אָנגענומען, אַז די כלה זאָל אין חופה־טאָג טראָגן ביי זיך אַ מעסערל.

אָט די מנהגים זענען שוין בטל, אָדער אָפּגעשוואַכט געוואָרן נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. געבליבן איז אָנשטאָט דאָס רופן „אין באָד אַריין!״ און „אין שול אַריין!״ – דאָס קלאַפּן „אין שול אַריין״. דער שמש פלעגט אַרומגיין איבער דער שטאָט, אַ שטיקל צייט פאַר ליכט־צינדן, און מיט אַ האַמער קלאַפּן איבער די געוועלב־טירן אָדער אין די לאָדנס, אָנזאָגנ־דיק וויפל מינוט ס׳איז נאָך געבליבן צום צינדן ליכט. די פונק־ציע האָט אין די לעצטע יאָרן אויסגעפירט דער שמש עזריאל.

בשעתן דונערן און בליצן, פלעגן די ווייבער זיך באַנוצן מיט אָט דער סגולה: אַוועקשטעלן אַ קוואָרט וואַסער אויפן פענצטער און אַ בעזעם אויף דער קיך. איז אַ קריסט געווען דאָן אין שטוב, פלעגן זיי זיך באַמיען נישט צו לאָזן אים אַוועקגיין...

קליידונג מיט 80 יאָר צוריק

מענער: כאַלאַטל, הויזן און וועסטל — אַלץ פון צייג־שטאָף, שטיוול, קליינע היטעלעך, די, אַזוי־גערופענע, „יידישע היטעלעך״, האַלב זיידענע פאַטשיילעס אָנשטאָט קראַוואַטן. די הויזן אַריינגעלאָזט אין די שטיוול.

פרויען: לאַנגע קליידלעך פון פאַרשיידענע שטאָפן, אַליין־געשטריקטע זאָקן, געשנורוולטע שיך (שפּעטער געקנעפּלטע). לאַנגע האָר פאַרפלאָכטן אין צעפּ. גלייך נאָך דער חתונה אָפּ־געגאָלט דעם קאָפּ און אָנגעטאָן אַ טשיפּיק. האָט זיך ווער געוואָגט אין די אַמאָליקע יאָרן אָנצוטאָן אַ שייטל, פלעגן עס די פרומע אַראָפּרייסן.

מ. י. פייגנבוים

מעשיות און לעגענדעס

א „סטאַיאַנצע" (שטייענדיקע) קבורה

אויף וואָסערע המצאותן אונדזערע חברה־קדישא־לייט זענען אַלץ געפאַלן, כדי אַרויסצובאַקומען וואָס מער געלט ביי משפחות בעת ס׳איז ווער ביי זיי געשטאָרבן, וואָלטן מיר געקאָנט אַ סך דערציילן. דאָ וועלן מיר בלויז דערציילן וועגן איין אַזאַ המצאה׳לע.

אין אַ פּראָסטיקן שבת איז געשטאָרבן פּעסל כהן. שבת־צונאַכט, ווען מ׳האָט געעפנט די קראָמען, איז פּעסלס זון, דוודשע (דוד) אַריין אין געוועלב פון חיים פּסח, וואָס איז דעמאָלט געווען דער גבאי פון דער חברה־קדישא. דוודשע האָט אָנגעהויבן פאַר אים וויינען אויפן טויט פון זיין מוטער, און גענומען דערציילן, וואָס פאַר אַ טייערע מאַמע און אשה צנועה זי איז געווען.

חיים פּסח, אַ הייסער ראַדזינער חסיד, לאַנגיאָריקער גבאי פון דער חברה־קדישא, איז געשטאַנען אַ רואיקער, געוואַרעמט די הענט ביים פייער־טאָפּ און צוגעהאָלפן צו די שבחים פון זון פאַר דער פאַרשטאָרבענער מוטער.

אַז דוודשע האָט גענומען רעדן וועגן תכלית, ד״ה, ווען האָט די חברה בדעה צו מאַכן די לויה, האָט חיים פּסח געגעבן אַ שטעל אָן אויף דוודשען אַ פּאָר גרויסע אויגן און אַ פרעג געטאָן: — און דו האָסט שוין דיינס דערליידיקט ביי דער חברה? — דוודשע איז געבליבן שטיין אַ געפּלעפטער און אויסגערופן: — חיים פּסח, מיין מאַמע האָט דאָך ביי אייך געקויפט אַ קרקע ביים לעבן נאָך.

חיים פּסח איז נישט מבולבל געוואָרן, נאָר געלאַסן מסביר געווען דוודשען דעם ענין פון דער קרקע, וואָס זיין פאַרשטאָרבענע מוטער האָט געקויפט.

— הער זיך איין דוודשע — האָט ער אָנגעהויבן — אמת טאַקע, אַז דיין מאַמע, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל זי האָבן, האָט ביי אונדז געקויפט אַ קרקע. אָבער דעם אמת מעג מען זאָגן אַפילו אַ פאַרשטאָרבענעם. דו ווייסט דאָך דוודשע, צווישן אונדז זאָל עס בלייבן, אַז דיין מאַמע איז געווען אַ קאַרגע, האָט זי אונדז באַצאָלט פאַר אַ קלענער קרקע און מיר קאָנען איר קובר זיין אין דער קרקע, אָבער נאָר „סטאָיאָנצע" (שטייענדיק). אויב דו ווילסט און ביסט מסכים קובר צו זיין דער מאַמען „סטאַיאָנצע", איז מהיכא תיתי. ווילסטו אָבער מיר זאָלן דיין מאַמען קובר זיין ליגנדיק, מוזטו צוצאָלן צו דער קרקע, וואָס דיין מאַמע האָט געקויפט.

דוודשע איז געבליבן שטיין אַ פאַרשטייפטער. אויף אַזאַ מעשה האָט ער זיך גאָרנישט געריכט. ער האָט אָנגעהויבן אַריינרעדן אין חיים פּסחן, דערמאָנען אָן יושר און צדק, אָבער ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן. חיים פּסח האָט געהאַט איין תשובה: — וואָס ווילסטו דוודשע? וואָס דיין מאַמע ע״ה האָט געקויפט גיבן מיר איר אַוועק. ביסטו מסכים אַז מ׳זאָל דיין מאַמען קובר זיין שטייענדיק, טאָ גיי דיר לחיים ולשלום, און אַלץ וועט מאָרגן זיין ווי צום בעסטן.

און, אַז דוודשע האָט געזען, אַז חיים פּסח ווערט בכלל נישט נתפעל פון זיינע מוסר־רייד וועגן יושר און צדק, האָט ער אָנגעהויבן פרעגן חיים פּסחן: — מה יקר? — און דאָ האָט אים חיים פּסח אויפגעזונגען אַ סומע, אַז ס׳איז אים, דוודשען, פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן. די מאַמע, האָט ער זיך געטראַכט, האָט טאַקע איבערגעלאָזט אַ שפּאָרע ירושה, אָבער וואָס פאַר אַ מחותנים זענען דערצו די חברה־קדישא־לייט? לאָזן אָבער קובר זיין דער מאַמען שטייענדיק, האָט דוודשע נישט געקאָנט פועלן ביי זיך. איז פאַר אים נישט געבליבן קיין אַנדער ברירה, ווי באַצאָלן די געפאָדערטע סומע, און זאָל די מאַמע קומען צו קבר־ישראל ווי אַלע יידן.

(געווען געדרוקט אין „פּאָדלאַסיער לעבן" — דעם עקזעמפּלאַר נישט געלונגען צו באַקומען).

דורכגעפאַלן

שיימע שניידער (בעקערמאַן) איז שטאַרק באַפריינדעט געווען מיט די חברים פון דער חברה־חייטים.[1] אָבער אַלע זיינע שטענדיקע באַמיאונגען וועגן אָננעמען אים אין דער חברה זענען געבליבן אָן דערפאָלג.

מאַכט זיך אַ מעשה, אַז אין שטאָט שטאַרבט אַוועק דער גביר חיים יאָסקע קאַשטנבוים. די חברה־חייטים האָט פאַרלאַנגט אַ הויכן פּרייז פאַרן אויפנייען די תכריכים, אויף וואָס די משפּחה האָט נישט געוואָלט איינגיין. די משפּחה הייבט אָן זוכן אַן אויסוועג. עטלעכע ברידער פון דער, אַזוי גערופענער, משפּחה „טשערסקע" נעמען זיך אונטער אויפצונייען די תכריכים, אָבער זיי זוכן עפּעס אַ שניידער, וואָס זאָל זיי לכל הפּחות צושניידן די לייוונט, און זיי ווענדן זיך צו שיימע שניידער. די חברה־חייטים־לייט האָבן זיך וועגן דעם דערוווּסט און געגעבן שיימען צו וויסן, אַז אויב ער וועט זיך נישט מישן, וועלן זיי אים אַריינגעמען אין דער חברה. איז שיימע געבליבן זיצן אין דער היים, און די ברידער „טשערסקע" האָבן זיך, ווי ס׳איז, אַן עצה געגעבן אָן אים (די חברה־חייטים האָט נאָכדעם אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז די „טשערסקעס" האָבן אויפגענייט חיים יאָסקען גאַליפּיי־הויזן...).

נאָך דעם פאַל האָט שיימע אָנגעהויבן דרייסטער פאָדערן פון די חייטים, אַז זיי זאָלן אים אַריינגעמען אין דער חברה, ווי זיי האָבן אים צוגעזאָגט, אָבער ווידער אָן שום פּעולה. אין אַ צייט אַרום האָט שיימע דערציילט, פאַר באַקאַנטע, אַז דאָס, וואָס זיי, די חייטים, ווילן אים נישט אַריינגעמען אין זייער חברה איז צוליב זיין אייגענער שולד. און געשען איז דאָס אַזוי.

אַז ער, שיימע, האָט די חייטים שוין גאָר שטאַרק דאָקוטשעט מיטן אַריינגעמען אין דער חברה, האָט אים איינמאָל, אין אַ פאַרנאַכט, אין בית־המדרש, אַוועקגערופן אין אַ ווינקל אַריין נחמיהלע יאָסל וועטשיקעס (גאַטפריד) און צו אים אַ זאָג געטאָן: — הער זיך איין, שיימע, דו ווילסט אַריין אין אונדזער חברה? — אַוודאי וויל איך — האָט אים שיימע

[1] אַ חברה שניידערס פון פאַך, וואָס האָט גענייט די תכריכים אין הויז פון פאַרשטאָרבענעם.

געענטפערט. דערהערט די תשובה, האָט נחמיה׳לע געגעבן אַ ציִ אַרויס פון קעשענע אַ גרויסע גלאָז און אַ פרעג געטאָן שיימען: — שיימע, דו זעסט די גלאָז? זאָג מיר, צי נעמסטו זיך אונטער מיט איין ציִ אויסצוטרינקען אָט אַזאַ פולע גלאָז פינף און נײַנציקער? אין אָנבליק פון דער גלאָז און דער־הערנדיק פינף און נײַנציקער, האָט זיך שיימען פאַרדרייט דער קאָפּ, און ער האָט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן אַ זאָג געטאָן: — איך ווייס נישט אויב איך וועל דאָס קענען. — אויב אַזוי — האָט זיך אָנגערופן נחמיה׳לע — טויגסטו נישט פאַר אונדזער חברה. — און שיימע איז ווייטער געבליבן מחוץ דער חברה־חייטים.

(געהערט פון יעקב אהרן ראָזנבוים — מ. י. פ—ם)

דער מת

געשען איז דאָס נאָך מיט יאָרן צוריק, פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. דעמאָלט איז נאָך ביאַלע נישט באַלויכטן געוועןבײַנאַכט מיט עלעקטרישער ליכט. די פאָר נאַפט־לאַמטערנעס אין די עטלעכע גאַסן־ראָגן האָבן קנאַפּ וואָס געהאָלפן פאַרטרײַבן די פינצטערניש, וואָס פלעגט זיך אַראָפּ־לאָזן אויף דער שטאָט מיטן צופאַלן פון דער נאַכט. דער רוב גאַסן און געסלעך איז נישט ברוקירט געווען און מיטן אָנקום פון די האַרבסטיקע רעגנס פלעגט מען טאָפּטשען אין די בלאָטעס ביז די קני. פאַרשטייט זיך, אַז אין האָט די האַרבס־טיקע נעכט האָט מען אין די גאַסן און געסלעך נישט געזען קיין שפּאַצירנדיקע. מ׳איז געזעסן אין די הײַזער, און אַזוי ווי אַ גרויסער טייל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג איז ווייט געווען אין יענע יאָרן סיי פון אַ תורה־ספר און סיי פון אַ בוך, פלעגט מען עוסק זײַן אין דערציילן פאַרשיידענע מעשיות און געשעענישן וועגן שדים, רוחות, לצים, נישט־גוטע און וועגן מתים, וואָס קומען יעדע נאַכט דאַווענען אין שול. ס׳פלעגן דערבײַ נישט פעלן קיין עדות, וואָס פלעגן באַשטע־טיקן, אַז זיי אַליין איז אויסגעקומען בײַצוזײַן אַזעלכע אויס־טערלישע געשעענישן...

אין איינעם אַ האַרבסטיקן שבת־צונאַכט איז אַ פרוי אַרויס מיט אַ פאָמעשאַף אויפן שוועל פון הויז און געגעבן פאַר זיך אַ גיס אויס די אומריינע וואַסער. אין דער רגע האָט דורכגע־שוועבט אַ ווײַסע פיגור. פאַר שרעק האָט די פרוי אַרויסגעלאָזט דעם פאָמעשאַף פון דער האַנט, אַרײַן צוריק אין שטוב און אָנגעהויבן חלשן.

די שטוב־מענטשן האָבן זיך גענומען מונטערן דער פרוי, געוואָלט דערגיין, וואָס דאָ איז געשען, אָבער די פרוי האָט נישט געקאָנט קומען צו זיך. אין דעם האָט זיך אין דרויסן דערהערט אַ יאָמערלעך געוויין. מ׳האָט געהערט דײַטלעך די ווערטער פון וויינענדיקן, וואָס האָט געקלאָגט: — מ׳האָט מיר אָפּגעגאָסן די קליידער, ווי אַזוי וועל איך איצט קומען צו קבר־ישראל?..

פאַר די שטוביקע איז קלאָר געוואָרן, וואָס דאָ איז געשען און ס׳איז אויף זיי אָנגעפאַלן אַ שרעקלעכער פחד. די פרוי האָט נישט אויפגעהערט צו חלשן און איז געלעגן כמעט באַוווסטלאָז. דאָס יאָמערדיקע געוויין אין דרויסן האָט נישט אויפגעהערט און מ׳האָט כסדר בפירוש געהערט: — מ׳האָט מיר אָפּגעגאָסן מײַנע קליידער, ווי אַזוי וועל איך איצט קומען צו קבר־ישראל?.. אויך די שכנים האָבן דערהערט דאָס געוויין פון דרויסן און אויך אויף זיי איז געפאַלן אַ שרעק. דורך די ווענט האָט מען זיך צו וויסן געגעבן וואָס דאָ איז געשען, און פאַר יעדן איז קלאָר געוואָרן, אַז דאָס האָט אַ שכנה אָפּגעגאָסן אַ בר־מינן, וואָס איז זיכער געגאַנגען דאַווענען אין שול...

די שרעק איז געווען אַזאַ גרויסע, אַז מ׳האָט אויפן אויי־בערשטן שטאָק מורא געהאַט אַפילו צו דערנענטערן זיך צו אַ פענצטער, כדי אַ בליק צו טאָן אין דרויסן. די שכנים האָבן זיך גענומען באַראַטן וואָס ס׳איז דאָ צו טאָן. טייל האָבן פאָרגע־שלאָגן, אַז עטלעכע מענער זאָלן אַרויס פאַרן הויז און בעטן מחילה ביים מת. ס׳האָבן זיך אָבער נישט געפונען קיין פריי־ווילליקע מענער, וואָס זאָלן גרייט זײַן אויף אַזאַ שריט. אַפילו דער דרייסטער שמואל שוסטער, אַן אויסגעדינטער סאָלדאַט פון דער רוסישער אַרמיי, איז געזעסן ביים שוסטער־בענקל ממש אַ געליימטער.

דער מת איז נישט אָפּגעטראָטן און זײַן יאָמערלעך געוויין האָט זיך געטראָגן אין דער נאַכטיקער שטילקייט און גע־שטאַרקט דעם פחד ביי די אײַנוווינער פון הויז. אַזוי ווי ס׳האָבן געפעלט געוואַגטע מענער אַרויסצוגיין פאַרן הויז און בעטן מחילה ביים טויטן, האָט מען אומעטום אָנגעהויבן זאָגן תהלים. דאָס איז נישט געווען קיין פשוט תהלים־זאָגן, נאָר אַ האַרצרייסנדיק געוויין פון מענטשן, וואָס ווייסן און פאַרשטיין ווי גרויס ס׳איז זייער חטא. דער מת האָט נאָך אַ צייט געיאָמערט און אין דרויסן איז שטיל געוואָרן. די מענטשן אין דעם הויז האָבן זיך אָבער נישט באַרואיקט און מיט פולער זיכערקייט דערוואַרט די האַרבע שטראָף, וואָס וועט זיך איצט אויסגיסן אויף זייערע קעפּ.

פאַרשטייט זיך, אַז אין דעם הויז האָט מען שוין די נאַכט קיין אויג נישט צוגעמאַכט, אַפילו, ווען ס׳איז שפּעטער שטיל געוואָרן אין דרויסן. אַ גאַנצע נאַכט האָט מען מיט אַ וויינענ־דיקן און תחנונימדיקן קול געזאָגט תהלים.

ווי נאָר ס׳האָט גענומען טאָגן און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטיקל באַוועגונג אין געסל, האָבן די מענטשן פון הויז גע־כאַפּט אַ בליק אין דרויסן און נישט באַמערקט קיין שום אויס־טערלישעס. די מענער זענען אַוועק צום רב און אים דערציילט, וואָס ס׳איז געשען מוצאי־שבת לעבן זייער הויז. דער רב האָט באַפוילן, אַז אַ מנין מענער זאָל אַוועק אויפן בית־עולם, דאָרט מתפלל זײַן און בעטן מחילה ביי די מתים.

די צייט איז זיך געלאָפן און די מענטשן פון דעם הויז האָבן נאָך אַלץ נישט געקאָנט פאַרגעסן יענע שרעקלעכע נאַכט. פלעגט עפּעס שלעכטס געשען ביי אַ משפחה פון דעם הויז, איז מען איבערצייגט געווען, אַז דאָס איז אַן עונש פאַר יענער נאַכט.

פון דעמאָלט אָן פלעגט מען זיך אין ביאַלע נוהג זײַן, אַז ביים אויסגיסן בײַנאַכט אומריינס פלעגט מען גיין זאַלבע־צווייט און דערביי פלעגט מען דריי מאָל אויסרופן: היט אייך, היט אייך, היט אייך.

אין יאָרן אַרום, איז זיך איינמאָל שמואל שוסטער געזעסן, אַ שבת־פאַרנאַכט, אין בית־המדרש צווישן אַ קרייזל יידן, און דערציילט פאַר זיי זייַנע העלדישע מעשים, בעת ער איז געווען אַ סאָלדאַט ביי פּאָניען. אין דעם האָט זיך אָנגערופן דער בעקער־יונג שאַלוימע, וואָס איז געזעסן דערלעבן: — ר' שמואל, אויב איר זענט טאַקע אַזאַ גבור, ווי איר דערציילט, טאָ פאַרוואָס האָט איר מורא געהאַט אַרויסצוגיין פון שטוב יענעם שבת־צונאַכט, ווען מ'האָט אָפּגעגאָסן דעם מת? דאָס בין איך דאָך, שאַלוימע, געווען דער מת, גייענדיק דעמאָלט אין מיינע ווייסע אַרבעטס־בגדים אין דער בעקעריי אַריין...

מ. י. פייגנבוים

(פאַרעפנטלעכט דורך מיר אין „ביאַלער וואָכנבלאַט" אונטערן פסעוודאָנים "Bialski" און נישט האָבנדיק דעם עקזעמפּלאַר איצט אויפגעצייכנט פון דאַסניי — מ. י. פ—ם).

יעמוד זעמליקעס (זשעמליאנקי)

ווו די זעמליקעס האָבן זיך געפונען ווייסט יעדער ביאַלער. אָפיציעל האָט די גאַס געהייסן די פראַנצויזן־גאַס, ווייל דער שטח האָט באַלאַנגט צו אַ פראַנצויז און איז נישט געווען קיין שטאַטישע טעריטאָריע. יידן האָבן דאָרט נישט געקאָנט קויפן קיין באָדן (לויט די אַלטע רוסישע געזעצן). צוליב דעם האָט דער פראַנצויז פאַרדינגען שטיקלעך באָדן אויף 99 יאָר. געוווינט האָבן דאָרט פון 40 ביז 50 פאַמיליעס.

די ביאַלער „וואָלקנקראַצערס" זענען געווען אין די זעמ־ליקעס אויפן יאַפּאַנישן סטיל — אין דער טיף, מחמת זיי זענען געווען געבויט אין דער ערד און פון דעם שטאַמט דער נאָמען זעמליקעס.

די גרעסטע בלאָטעס זענען געווען אין די זעמליקעס. דאָס איז געשען צוליב צוויי סיבות: 1. ווען די רוסישע אינזשיניערן האָבן געבויט דעם בריסקער שאָסיי האָבן זיי פאַרגעסן מאַכן אַ קאַנאַל דורכן שאָסיי, וואָס זאָל אָפּפירן דאָס רעגן־וואַסער צום טייך; 2. ווייל דאָרטן האָבן געוווינט בעלי־עגלות, דראָזש־קאַרזשעס און די גאַס האָט געפירט צו גרויסע פּריוואַטע הייף. די וועגענער פאָרנדיק באַרג אַרויף אין וואַסער פלעגן די בלאָטעס מאַכן גרעסער און טיפער. אין ביאַלע פלעגט מען זיך וויצלען, אַז דער שטח געהערט צו אַ פראַנצויז צוליב דעם, וואָס ווען נאַפּאָלעאָן איז אַנטלאָפן פון רוסלאַנד איז ער אָנ־געקומען קיין ביאַלע, אין די זעמליקעס, פרילינג־צייט, ווען די בלאָטעס זענען געווען אין פולן גלאַנץ. נישט די פראַנצויזן האָבן געקאָנט אַרויס און נישט די רוסן אַריין. אַזוי אַרום איז דאָס געבליבן פראַנצויזישע טעריטאָריע...

פ. גאלד

דער ביאַלער רב, הרב שמואל לייב ז"ק, איז לגמרי דער־ווייטערט געווען פון דער אויסערלעכער וועלט. איינמאָל איז צו אים געקומען אַ פרוי מיט אַ שאלה, אַז בעת אויף דער קיך האָט זיך געקאָכט פלייש, איז זי אַרויס אויף אַ ווייל אין דרויסן, נישט איבערלאָזנדיק קיינעם אין שטוב. צוריקקומענדיק האָט זי אָנגעטראָפן אַ קריסט אין קיך.

דער רב נישט וויסנדיק, וואָס דאָס איז אַזוינס אַ קריסט, האָט דער פרוי אַ פרעג געטאָן: — ווו איז געווען דער קריסט, אין טעפל, צי אויפן טעפל?..

*

צום ביאַלער רב, הרב שמואל לייב ז"ק, האָט מען דער־טראָגן, אַז דער פאָטאָגראַפיסט אברהם אורמאַכער אַרבעט שבת. דער רב האָט לאַנג נישט געקלערט און געשיקט רופן אורמאַכערן.

אַז אורמאַכער איז צו אים געקומען, האָט דער רב גענומען אין אים איינטענהן, אַז ער זאָל נישט אַרבעטן שבת.

— אָבער רבי — האָט זיך אורמאַכער פאַרטיידיקט — איך אַרבעט דאָך נישט, איך גיב נאָר אַ קוועטש.

— נאָר אַ קוועטש? — האָט דער רב זיך געכאַפּט — טאָ קאָנסטו דאָך צונעמען אַ גויע און זי וועט געבן דעם קוועטש...

*

חיים פסח (גבאי פון דער חברה־קדישא) האָט געהאַט אַ קראָם פון געטראַנקען און מילכיקס, ווו ס'פלעגן אַרבעטן עט־לעכע מיידלעך. חיים פסחס ווייב וועלנדיק זיך פאַרזיכערן, אַז די מיידלעך זאָלן נישט עסן קיין מילכיקע זאַכן, איז געפאַלן אויף אַן „אָריגינעלן" איינפאַל. ווי נאָר די מיידלעך פלעגן קו־מען אינדערפרי צו דער אַרבעט, האָט זי זיי מכבד געווען מיט אַ פליישיקער גריץ...

*

אין שטאָט איז באַקאַנט געווען, ווי אַ גרויסער וויצלער און קאָטאָוועס־טרייבער, מענדל גאָלדפאַרב (באַוווּסט ווי מענדל ספּאָקאָינע).

מענדל האָט עטלעכע יאָר געוווינט אין שעדלעץ. אין איינעם אַ ווינטער־טאָג איז ער אַראָפּגעקומען קיין ביאַלע און זיך טרעפנדיק מיט יעקב וועלוולען פון די פייערלעשערס, האָט ער אים פראָפּאָנירט אַזאַ געשעפט:

היות ווי אין שעדלעץ איז דער ווינטער אַ גאָר שוואַכער, ס'איז נישט פאַראַן קיין אייז און ס'איז נישטאָ קיין האָפענונג, אַז ס'זאָל זיין אייז, און אַזוי ווי אין ביאַלע איז אַ גאָר שטאַר־קער ווינטער, שלאָגט ער פאָר יעקב וועלוולען, אַז ער זאָל מיטן שלאַוך פון די פייערלעשערס אָנגיסן מיט וואַסער באַן־וואַגאָ־נעס, וואָס מענדל וועט אים שטעלן צו דיספּאָזיציע אויף דער ביאַלער באַן־סטאַציע. ביז די וואַגאָנעס וועלן דערגיין קיין שעדלעץ וועלן זיי זיין פול מיט אייז (שעדלעץ איז דערוויי־טערט פון ביאַלע מיט עטלעכע באַן־סטאַציעס). דערביי האָט אים מענדל געשילדערט, וואָס פאַר אַ גוט געשעפט דאָס קאָן זיין.

יעקב וועלוול האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דער פּראָפּאָזיציע און ווי האַנטגעלט פאַרבעטן מענדלען אויף אַ שנאַפּס. אָנ־געטרונקען האָבן זיי זיך, שיין געזעגנט און יעקב וועלוול איז געבליבן וואַרטן אויף מענדלס קומען מיט די וואַגאָנעס...

✶

מענדל ספּאָקאַינע איז אַמאָל שפּעט אין אָוונט אַרײַן אין אַ רעסטאָראַן מיט אַן אַמעריקאַנער גאַסט און געוואָלט דאָרט עפּעס טועם זײַן. דער רעסטאָראַטאָר האָט מענדלען פאָרגע־שלאָגן בלויז אַ קלײנע געבראָטענע גאַנדז. מענדל האָט זיך צוריקגעקערט צום אַמעריקאַנער און אים געזאָגט, אַז ס'איז דאָ צו עסן בלויז אַ געבראָטענע קראָ. דער אַמעריקאַנער האָט זיך פאַרקרימט און געענטפערט, אַז ער עסט נישט קײן קראָען. מענדל אָבער האָט מסכים געווען יאָ צו עסן די געבראָטענע „קרא" און דער רעסטאָראַטאָר האָט די „קראָ" דערלאַנגט אויפן טיש. מענדל האָט רואיק געגעסן די „קרא", דער אַמעריקאַנער האָט אויף אים געקוקט מיט מיטלייד, און — באַצאָלט.

✶

אײנמאָל איז מענדל אַרײַן צום שערער און דערזען זיצן אויף דער שטול אַ פרומען יונגנמאַן, אַ גרויסער בטלן. מענדל האָט אויף אים אַ בליק געטאָן און אויסגערופן: — דו שלימזל, דו דאַרפסט זיך אויך שערן מיט דער גאָלער קאָפּ? — דער יונגערמאַן איז געוואָרן מבולבל און פאַרשעמטערהייט גענומען פרעגן — ר' מענדל, ווי אַזוי איז מעגלעך אַנדערש? — ווי אַזוי ס'איז מעגלעך אַנדערש? — האָט מענדל איבערגעחזרט די פראַגע און זיך אָנגערופן — ווען מ'שערט דיר אײן זײַט קאָפּ קאָנסטו צוהאַלטן מיט דער היטל אָדער יאַרמולקע די צווייטע זײַט, און דערבײַ האָט מענדל דעמאָנסטרירט פאַרן יונגנמאַן דאָס פאַרדעקן אַ האַלבן קאָפּ מיטן היטל. דער יונגערמאַן איז געבליבן זיצן ווי אַן אָפּגעשמיסענער און האָט שטיל זיך פאַרענטפערט און צוגעזאָגט להבא טאַקע אַזוי זיך צו פירן...

✶

קײן ביאַלע איז אַמאָל געקומען אַן אַנטיקן־הענדלער און זיך אָנגעטראָפן מיט מאָטל פעשקעס (ראָזמאַרין). זיי האָבן זיך צעשמועסט און מאָטל האָט דעם ייד צוגעזאָגט אויף מאָרגן פרי צו ווייזן אַ זעלטענעם אַנטיק. אויף דעם חשבון האָט דער אַנטיקן־הענדלער געגעבן מאָטלען אַ געהעריקן שנאַפּס.

חיים פּסחס ווייב האָט געהאַט אַ טבע זיך אַרומצודרייען אין שטוב, אין די מאָרגן־שעהן, אין אונטערהויזן. אָט אַהין טאַקע האָט עס מאָטל אויף מאָרגן פרי אַוועקגעפירט דעם אַנטיקן־הענדלער און אָנגעוויזן אויפן אַנטיק...

✶

אין ביאַלע פלעגט מען אָפט הערן זאָגן „אַ קרופּניק מיט אַ יאַרמולקע". אָט פון וואַנען דאָס האָט זיך גענומען?

אין דער ערשטער סליחות־נאַכט פלעגט מען אין יעדן חסידים־שטיבל קאָכן אַ קרופּניק. נאָך די סליחות, שוין ווייט נאָך האַלבער נאַכט, פלעגן זיך די חסידים אויסזעצן בײַ די טישן און פראַוועז די סעודה. געוויינלעך פלעגט מען אַזאַ קרופּניק קאָכן אין גרויסע טעפּ, בײַ אײנעם פון די חסידים אין דער היים, און דערבײַ פלעגט זיך תמיד פאָרען אַ חסיד, וואָס האָט געהאַט אַן אַנונג אין די זאַכן.

האָט זיך אײנמאָל געמאַכט, אַז אַ חסיד, וואָס האָט זיך געפאָרעט בײַ די קרופּניק־טעפּ האָט בכלל נישט באַמערקט, ווי פון זײַן קאָפּ האָט זיך אַראָפּגעגליטשט די יאַרמולקע און איז אַרײַנגעפאַלן אין טאָפּ מיט גריץ. אַז מ'האָט אין חסידים־שטיבל אָנגעהויבן צו שעפּן דעם קרופּניק מיט אַ גרויסער היל־צערנער קאָכלעפל פון טאָפּ, האָט דער שעפּער דערפילט, אַז די לעפל איז אים זייער שווער געוואָרן. ער האָט געמיינט, אַז ער שעפּט דאָ אַ גרויסע שטיק פלייש. ווען ער האָט אָבער איבערגעדרייט די קאָכלעפל אויפן טעלער, האָט מען דערזען — אַ צעקאָכטע, פאַרפּעצטע יאַרמולקע...

(געהערט דערציילן אין „תרשיש"־שטיבל).

✶

דער שטאָט־גביר שמואל פּיזשיץ (אַ קאָצקער חסיד) איז אין אײנעם אַ האַרבסט־רעגנדיקן פרייטיק צוריקגעפאָרן אַהיים פון זײַן טאַרטאַק אויף דער וואָליע. זיצנדיק אין דער פאַר־מאַכטער קאָטש, האָט ער דערבליקט, אַז אויפן שאָסיי גייט אין רעגן דער דאָרף־גייער מענדל ראָסאָשער, אויך אַ ביאַלער קאָצקער חסיד.

פּיזשיץ האָט געהייסן פאַרהאַלטן די קאָטש, און ווען מענדל האָט זיך דערנענטערט צו איר, האָט פּיזשיץ אַ רוף געטאָן: — מענדל קום אַרײַן; און דערבײַ צוגעגעבן: „יש קונה עולמו בשעה אחת".

וואָס? פאַר אַזוי ביליק ווילסטו שמילקע (שמואלקע) קויפן עולם־הבא? האָט מענדל אים געפרעגט, און איז שטיין געב־ליבן.

טאָ וואָס ווילסטו, מענדל? האָט אים שמואל פּיזשיץ געפרעגט.

ס'קאָסט אַ גאָלד־שטיקל — איז געווען מענדלס תשובה.

פּיזשיצן האָט פאַרדראָסן אַזאַ חוצפּה, און ער האָט באַפוילן דעם קוטשער צו פאָרן. ער איז אָפּגעפאָרן אַ שטיקל וועג, דער רעגן איז שטאַרקער געוואָרן, און פּיזשיצן, איז ווייזט אויס, פריקרע געוואָרן אויפן האַרץ; איבערגעלאָזט אויף אַזאַ דרויסן אַ ייד אין גאַס, און דערצו אַן אייגענעם חסיד.

האָט ער געהייסן דעם קוטשער שטיין בלייבן. ווען מענדל האָט זיך ווידער דערנענטערט צו דער קאָטש, האָט פּיזשיץ אַ רוף געטאָן: — מענדל באַקומסט אַ גאָלד־שטיקל און קום אַרײַן.

מענדל איז צוגעגאַנגען נענטער צו דער קאָטש און אַ זאָג געטאָן: — האָסט דאָס גאָלד־שטיקל? באַקומענדיק אַ תשובה, אַז יאָ, האָט ער אויסגערופן: — טאָ באַצאָל! באַקו־מענדיק דאָס גאָלד־שטיקל, איז מענדל אַרײַן אין דער קאָטש.

(געהערט פון אייניקל, קאָפּל פּיזשיץ, זון פון דוד פּיזשיץ, געוועזענער וואַרשעווער דאָזאָר).

מ. י. פייגנבוים

אין שטאט פלעגט מען דערציילן פאלגנדיקע לעגענדעס

אַז נאַפּאָלעאָן האָט בעת זיין מאַרש אויף רוסלאַנד, באַזוכט די ביאַלער שול.

✶

אויף דעם ביאַלער בית־עולם זאָלן זיך געפינען די קברים פון אַ טאָכטער פון פּראַגער מהר״ל[1] און פון אַ זון אָדער אַן איידעם פון תוספות יום־טוב.

✶

ווען די יידן אין ביאַלע האָבן געדאַרפט איבערטראָגן עטלעכע מתים פון שאָסיי־וועג, האָט מען געפונען צוויי מתים, וואָס זענען שוין געווען טויט אַ פּאָר הונדערט יאָר, נישט באַרירט אין זייערע ווייסע תכריכים, ווי נאָר־וואָס באַגראָבן.

✶

דער ביאַלער רבי יצחק יעקב ראַבינאָוויטש זאָל האָבן דורכגעפירט, אין זיין בית־המדרש, אַ דין־תורה צווישן אַ לעבעדיקן און טויטן מילנער.

✶

אַז מתים האָבן בייַנאַכט אויפגערופן אין שול צו דער תורה אַ דורכגייענדיקן ייד לעבן דער שול. ער איז אַוועק צום רב, וועלכער האָט אים געהייסן גיין אין שול אַריין, געבנדיק אים זיין טלית און שטעקן (ווי אַ קינד האָט מען מיר אָנגעוויזן דעם אויפגערופענעם, אָבער מ׳האָט אים נישט געטאָרט איבערפרעגן).

✶

אַז אַ טויטע מוטער האָט אַרויסגעטראָגן פון שול, דורך די שטאַכעטן, אירס אַ יינגל, וואָס איז אַנטשלאָפן געוואָרן צווישן מנחה און מעריב, איידער די מתים קומען דאַווענען אין שול.

✶

ר׳ בעריש לאַנדויס ווייב פלעגט פאַרקויפן וויין אויף קידוש. איינמאָל, ווען זי האָט נישט געהאַט קיין געלט צו קויפן פרישן וויין, איז זי צוגעשטאַנען צו איר מאַן, ר׳ בערישן, מיט היתכן. האָט ער געענטפערט: — וועסט האָבן וויין. — פון דעם ביסל וויין, וואָס איז געווען אויפן דנאָ פון גאַנשער, האָט זי יאָרן פאַרקויפט אַלערליי ווייַנען, און דער גאַנשער איז געווען פול. פאַר דעם געלט, וואָס זי האָט אָנגעזאַמלט פון וויין, איז געקויפט געוואָרן דער הויף אויף דער קשיוער גאַס, וואָס איז שפּעטער באַקאַנט געווען ווי „ר׳ אהרן לאַנדויס הויף״.

פ. גאלד

[1] טייל פלעגן זאָגן, אַז אַ שוועסטער פון ש״ך (זע „בתי־קברות״).

✶

מיר איז אויסגעקומען צו הערן פאָלגנדיקע לעגענדע, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צום אַלטן בית־הקברות אויפן בריסקער שאָסיי.

מיט אַ סך יאָרן צוריק איז דער בעל־הבית איבער ביאַלע געווען איינער אַ צורר־היהודים. אין איין שיינעם טאָג האָט ער באַשלאָסן אויפצובויען אַ קאָשטשאָל דווקא בשכנות פון יידישן בית־הקברות.

ער האָט אָנגעהויבן בויען דעם קאָשטשאָל, אָבער יעדעס מאָל, ווען ס׳פלעגט פאַרטיק ווערן אַ וואַנט פלעגט זי איינגעזונקען ווערן אין דער ערד, און צום בויען פון קאָשטשאָל האָט נישט געקומען קיין סוף.

די יידן זעענדיק, אַז זיי וועלן נישט פועלן ביים רשע, אַז ער זאָל אויפהערן בויען דעם קאָשטשאָל, האָבן באַשלאָסן מער נישט קובר זיין דאָרט קיין מתים, און האָבן פאַרלייגט דעם נייעם בית־עלמין, ביים סוף פון דער היינטיקער פּראָסטער גאַס. ערשט ווען די יידן האָבן אויפגעהערט צו נוצן דעם פריערדיקן בית־הקברות, איז דעם צורר־היהודים געלונגען צו פאַרענדיקן דאָס בויען פון קאָשטשאָל.

גדליהו בראווערמאַן

דער „גבור״ פון ביאלע

די ביאַלער יידן געדענקען נאָך גוט, ווי ס׳האָט זיך גערופן זייער „שמשון הגבור״. דער נאָמען איז טריי איבערגעגעבן געוואָרן פון זיידן צום אייניקל, פון טאַטן צום זון, און דינט ווי אַ טעמע נישט איין דור פאַר בית־המדרש־שמועסן אין די לאַנגע ווינטערדיקע אָוונטן.

ער האָט געהייסן שמשון־לייב — אָט דער וווּנדערלעכער ייד, אַ וואַסער־טרעגער, צי אַ שניידער איז ער געווען. און לעבן האָט ער געקאָנט נאָר אונטער די וווּנדערלעכע ראַדזשיווילס, די יעניקע פּריצים, וואָס פלעגן זיך אין סאַמע זומער „מאָנטשקעס״[1] מאַכן, און זייער קאָטש איז אין בערן געשפּאַנט געווען.

ויהי היום, איז דער פירשט ראַדזשיוויל דורכן שטעטל, אין אַ מיטן תמוז אויף אַ „מאָנטשקע״ געפאָרן. ווי אין רעכטן שבט־פּראָסט איז זיין שליטן אויף אַ צוקער־שליטוועג, פון אַ דריילינג „אָדלערס״ געטראָגן געוואָרן.

איז צוגעגאַנגען שמעון לייב, פאַוואָליע פון אַ זייט, האָט אָנגעכאַפּט מיט דער האַנט אַ זייט פון שליטן, און די דריי אָדלערס פון ראַדזשיווילס בעסטן פערד־שטאַל, זענען פלוצעם, ווי אין דער ערד איינגעוואָקסן, פאַרגליווערט געוואָרן.

דער שליטוועג איז גוט: וואָכנלאַנג האָבן אויף אים די פאַראַבקעס געהאָרעוועט; דער שליטן איז נאָך בעסער, און לייכטער און פלינקער פון אים זענען די אָדלער־פערד, אָבער ס׳העלפט נישט: שמעון לייב האָט דריי פינגער אין שליטן אַריינגעשטעקט, און די דריי אָדלער־פערד האָבן שטיין געמוזט.

ראַדזשיוויל האָט זיך אומגעקערט און האָט דערזען אַ זאַך, וואָס זיינע אבות אבותיו וואָלטן עס נישט געגלויבט, אַ פּאַר־

[1] שליטוועג פון צוקער־מעל.

שלומפּערטער יידל מיט אַ צעריסן ברילִיק האָט זיך דערלויבט מיט אים, מיט ראַדזשיווילן אַ שפּאַס צו מאַכן.

נאָר אָנשטאָט אין כעס צו זיין, איז דער מאַגנאַט אַראָפּ פון שליטן, און האָט דעם ייד אַ קלאַפּ געטאָן איבערן פּלייצע: ביסט אַ כוואַט, שימאָנקע! אַזעלכע האָב איך ליב! דו ביסט שטאַרק, שימאָנקע! איך וועל דיר אָבער ווייזן נאָך אַ שטאַרקערן פון דיר: אַ מאָסקאַל, אַ קאַצאַפּ פון סאַמע מאָסקווע. וועסטו אים איינלייגן — באַקומסטו פינף רענדלעך.

אין אַ וואָך אַרום האָט מען שמעון לייבן צו ראַדזשיווילן אין הויף געבראַכט, דאָרט האָט געדאַרפט פאָרקומען איינע פון די שענסטע פאַרוויילונגען ביי דער פּוילישער שליאַכטע פון יענער צייט: אַ צוויי־קאַמף, אַ באָקס צווישן צוויי גבורים — צווישן דעם דאַרן „זשידעק" שימאָנקע און דעם גראָבן רויטן קאַצאַפּ פון סאַמע מאָסקווע.

דער קאַצאַפּ איז גלייך צוגעגאַנגען צו שמעון לייבן און האָט אים אָן הקדמות און אָן שאלות און טענות, זיינע פינף גראָבע רויטע פינגער אין פּנים אַריינגעלייגט.

דער גאַנצער קאָפּ איז ביי שמעון לייבן אָפּגעדרייט געוואָרן אויף אַ זייט.

נישט רעדנדיק קיין וואָרט, האָט שמעון לייב צום קאַצאַפּ פעסט און זיכער אַ טראָט געטאָן, האָט אים פאַרן קאָפּ אָנגענומען, אויפגעהויבן אין דער הויך און אַ לאָז געטאָן אַראָפּ צו דער ערד. קיין קאַצאַפּ איז שוין מער נישט געווען... צעשאָטענע ביינער זענען אויף דער ערד געלעגן.

געטאָן האָט מען „שימאָנקען" גאָרנישט. אויף דעם איז עס אַ באָקס...

מען קאָן זיך לייכט פאָרשטעלן, אַז „שימאָנקע" איז געווען אַן אוצר פאַר אַזעלכע שגעונדיקע פּריצים, ווי ראַדזשיוויל. זיצנדיק אין אַ געזעלשאַפט ערגעץ אין פּאַריז, צווישן נאָך אַזעלכע שגעונדיקע פּריצים, ווי ער, איז זיך געווען מיט וואָס צו באַרימען. קיינער האָט נישט געהאַט ביי זיך אין הויף אַזאַ מערקווירדיקן „שימאָנקע", ווי ער.

און „שימאָנקע" האָט זיך טאַקע געפילט, מעשה בן־יקיר, עפּעס גאָר אַ באַזונדער יחסן ביים פּריץ. ער האָט זיך דערלויבט אַזעלכע „קונצשטיק", וואָס אַן אַנדערן, נישט „שימאָנקען" וואָלטן זיי דעם קאָפּ געקאָסט.

אַמאָל האָט דער מאַגנאַט ראַדזשיוויל אויף זיין שטייגער, זיך געטראָגן איבער זיין „מאָנטשקע", אין זיין שליטן מיט בערן געשפּאַנט. „שימאָנקע" איז דאָ, נישט פון הינטן, נאָר פון פאָרנט. לויפט אַפּריער און רייצט זיך, רייצט זיך מיט די בערן.

די בערן האָבן גענומען טראָגן. דער פּריץ האָט פאָרן ווייטער נישט געקאָנט. ער האָט געהייסן דעם קוטשער מיט אַלע קרעפטן זיך אָפּשטעלן. אַליין איז ער אַרויסגעקראָכן פון שליטן און זאָגט צו זיין זשידעק.

„הער, שימאָנקע, מיינסט, ס'איז אַ גרויסער קונץ צו רייצן זיך מיט בערן, ווען זיי זענען געשפּאַנט? אַנו, פּרוּוו זיך, איך וועל אויסשפּאַנען די בערן און דעמאָלט רייץ זיך מיט זיי".

דאָס איז נישט געזאָגט געוואָרן אויף אַ געלעכטער, דאָס איז געווען אַ באַפעל.

„שימאָנקע" האָט זיך געמוזט שטעלן ווי פריער, אַנטקעגן די בערן; די בערן האָט מען אויסגעשפּאַנט, איינער פון זיי האָט זיך מיט אימפּעט אַ לאָז געטאָן אויף שמעון לייבן. פון דער ווייטן זענען געשטאַנען אַנדערע יידן: ווער אויף פּלויטן, ווער אויף דעכער, קוים לעבעדיקע פון ציטערניש און שרעק. איין אויגנבליק און...

„שימאָנקע" איז שוין געזעסן רייטנדיק אויפן בער. מיט ביידע הענט האָט ער אים פאַרקרימט דעם קאָפּ אין אַ זייט. דאַן האָט ער מיטן רעכטן קולאַק געגעבן אַ זעץ אים אין קאָפּ און אַראָפּגעשפּרונגען.

דער בער האָט אַ שפּרונג געטאָן, אַ צעבלוטיקטער. בייסן האָט ער מער נישט געקאָנט: דער גאַנצער אונטערשטער קינבאַק מיט די ציין און צונג זענען געלעגן אויף דער ערד...

מ'ווייס נישט, וואָס פאַר אַ ראָלע שמעון האָט געשפּילט אין שטעטל גופא, צווישן יידן. נאָר אַלע גויים האָבן געציטערט פאַרן מגושמדיקן גבור. אין אַלע דערפער אַרום האָבן די געזונטסטע שקצים געמאַכט פּליטה, ווי זיי האָבן נאָר דערזען פון ווייטן „שימאָנקען".

נאָר אין איין דאָרף, אַפּנים, האָבן די שקצים נישט געקאָנט „שימאַנקען". און אַז ער איז אַמאָל דורכגעגאַנגען דורכן דאָרף, זענען זיי, די שקצים, אים נאָכגעלאָפן און געזידלט: זשידעק, זשידעק...

„שימאַנקע" איז געגאַנגען ווייטער רואיק זיין וועג. נאָר, אַז די שקצים האָבן אים גוט דערעסן, האָט ער זיך אָפּגעקערט, געכאַפּט ביי איינעם פון זיי דאָס היטל, צוגעגאַנגען צו דער נאָענטסטער שטוב, אַ הויב געטאָן מיט איין האַנט דעם פונדאַמענט, מיט דער אַנדערער אונטערגעלייגט דאָס היטל — און אַוועק ווייטער זיין וועג, ווי גאָרנישט געווען.

מ'זאָגט, אַז דאָס היטל ליגט נאָך דאָרט אונטערן פונדאַמענט ביז היינטיקן טאָג. נאָר פון דעמאָלט אָן האָט מען שוין אויך אין יענעם דאָרף געוווּסט: ווער איז „שימאַנקע"...

א. ליטווין

(„יודישע נשמות", באַנד 1)

אין דער סעריע „לעגענדעס און מעשיות פון דער אַמאָליקער ביאַלע", וואָס איך האָב אַמאָל פאַרעפנטלעכט אין די ביאַלער וואָכנצייטונגען אונטערן פּסעוודאָנים „Bialski", האָב איך צווישן אַנדערן פאַרעפנטלעכט די לעגענדע „די חופה־שטיינער ביי דער שול". דאָרט איז דערציילט געוואָרן וועגן אַ ביאַלער גבור מיטן נאָמען שמואל זביטקעווער. ס'איז אָנצונעמען, אַז יענע לעגענדע האָט אַ שייכות טאַקע צו דעם גבור שמעון לייב. מעגלעך, אַז במשך פון דורות איז דער ריכטיקער נאָמען פאַרגעסן געוואָרן און ס'איז שווער פעסטצושטעלן ווער פון אונדז ביידע, א. ליטווין אָדער דער שרייבער פון די שורות, גיט אָן דעם ריכטיקן נאָמען. ס'איז כדאי צו באַמערקן, אַז דער נאָמען זביטקעווער האָט אַ שייכות צו דער רייכער וואַרשעווער יידישער משפחה, וואָס ווערט דערמאָנט אין דער געשיכטע פון וואַרשע שוין אין 18טן יאָרהונדערט.

מיר וועלן דאָ בקיצור איבערדערציילן די לעגענדע וועגן „די חופה־שטיינער ביי דער שול".

אין איינעם אַ טאָג, ווען ראַדזשיוויל איז געפאָרן הינטערן שטאָט, האָט זיך זיין קאַטש פאַרהאַלטן פאַר אַ באַריקאַדע פון צוויי ריזיקע קיילעכדיקע שטיינער און נישט געקאָנט ווייטער פאָרן. אָט די צוויי שטיינער האָט אויפן שאָסיי אויסגעלייגט דער גביר זביטקעווער.

ראַדזשיוויל האָט פאַראָרדנט צו פאַרהאַלטן אַלע פאָרנדיקע פויערים און זיי אויפגעפאָדערט אָוועקצוקאָלערן די שטיינער פון שאָסיי. די פויערים האָבן געמאַכט גרויסע אָנשטרענגונגען און נישט געקאָנט רירן די שטיינער פון אָרט.

אין דעם האָט זיך באַוויזן שמואל זביטקעווער, וועלכער האָט אויפגעשטעלט די צוויי ריזן שטיינער, און גענומען זיי קאָלערן אין דער ריכטונג פון דער שטאָט. ראַדזשיוויל איז געשטאַנען און געשטוינט אויף דער גבורה פון ייד.

שמואל זביטקעווער האָט די שטיינער צוגעקאָלערט צו דער שול און זיי איינגעפאַסט האַרט ביים אַריינגאַנג אין שול.

אויף אָט די צוויי שטיינער פלעגט מען שטעלן די חופה ביי יעדער חתונה. האָט די חתונה געמעגט געפּראַוועט ווערן אַפילו אויף דער ווייטער וואָליע, פלעגט מען חתן־כלה ברענגען צו דער חופה פאַר דער שול, אויף אָט די צוויי ריזן שטיינער. אַפילו ווינטער, אין די גרעסטע פרעסט און אין די טיפע שנייען, פלעגט די חופה פאָרקומען אויף די צוויי שטיינער פאַר דער שול. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אָט דער מנהג בטל געוואָרן.

מ. י. פייגנבוים

א בלוט־בלבול

ווי נאָר ס'האָט זיך דערנענטערט דער יידישער יום־טוב פסח, פלעגן אין דער פרעסע דורכלויפן נאָטיצן וועגן בלוט־בלבולים אויף יידן אין פאַרשיידענע לענדער און שטעט. ס'וועט דעריבער אינטערעסאַנט זיין איבערצוגעבן וועגן אַ בלוט־בלבול, וואָס איז פאָרגעקומען טאַקע אין אונדזער שטאָט ביאַלע, מיט אַ סך יאָרן צוריק, און וואָס האָט זיך גאַנץ טראַגיש געענדיקט, הגם דאָס געשעעניש איז אפשר קיינעם נישט באַקאַנט.

די גענויע דאַטע פון דעם פאַרפאַל איז מיר נישט געלונגען פעסטצושטעלן. וואַרשיינלעך, זאָל דאָס האָבן פאָרגעקומען אונטער דער הערשאַפט פון אַמאָליקן פוילן.

און אָט איז דער סיפור המעשה. דער ערב פסח ביי יידן איז שוין געווען אין פולן ברען. פּלוצעם, ווי אַ דונער אין העלן טאָג, איז אַדורכגעלאָפן אַ ידיעה אין דער יידישער גאַס, אַז אויפן שול־הויף האָט מען, אין אַ אויוון פון אַ פאַרלאָזטער וווינונג, געפונען אַן אונטערגעוואָרפן טויט קינד.

די יידישע באַפעלקערונג האָט גלייך פאַרשטאַנען, וואָס דאָס באַדייט און מיט וואָס דאָס שמעקט. אָבער איידער וואָס ווען, איז שוין פאַליציי אַרומגעגאַנגען זוכן דאָס פאַרפאַלענע קינד, און עס טאַקע געפונען אין אויוון אויפן שול־הויף.

ס'פאַרשטייט זיך, אַז קיין שולדיקן אין דערמאָרדן דאָס קינד האָט מען לאַנג נישט געזוכט. פאַר דער פאַליציי איז דאָך קלאָר געווען, אַז אַ טויט קינד אויפן שול־הויף, ערב פסח, האָבן עס יידן דערמאָרדעט צוליב ריטועלע צוועקן.

דער פאַרדאַכט איז געפאַלן אויפן חזן, נאָך אַ יונגער מענטש, זייער באַליבט ביים עולם, וועלכן מ'האָט טאַקע אַרעסטירט.

אַן אימה האָט אַרומגעכאַפּט דער יידישער באַפעלקערונג. מ'האָט פאַרגעסן אַן דעם אָנקומענדיקן יום־טוב, מ'האָט געציטערט פאַרן נאָענטן מאַרק־טאָג, ווען ס'פאָרן זיך אָן אַ סך קריסטן אין שטאָט, און מ'איז געזעסן פאַרהאַקט אין די הייזער און געוואַרט אויפן אומבאַקאַנטן שרעקלעכן סוף.

נישט לאַנג האָט מען געוואַרט אויפן אורטייל. שוין אויפן דריטן טאָג פון געשעעניש איז דער חזן פאַרמשפט געוואָרן צום טויט, דורך אָפּהאַקן אים דעם קאָפּ.

שרעקלעך זענען געווען די ליידן פון דער יידישער באַפעלקערונג, וויסנדיק, אַז אַ יונגער מענטש באַצאָלט מיטן לעבן פאַר אַ טאַט, וואָס ער איז נישט באַגאַנגען.

אין יענע מינוטן פון שרעקלעכער פאַרצווייפלונג פון דער יידישער עדה, האָט זיך אין דער פאַליציי געמאָלדן אַן אַלטער יידישער איינוווינער, אַ זקן מיטן נאָמען עוזיאל, וועלכער האָט אויף זיך גענומען ד י שולד, בכדי צו ראַטעווען פון טויט דעם יונגן חזן.

מ'האָט דעם חזן באַפרייט, און האָבנדיק אין די הענט דעם „ריכטיקן" פאַרברעכער, איז מען זיך מיט אים שרעקלעך באַגאַנגען. די גרעסטע עינויים האָט דער ייד עוזיאל דורכגעמאַכט אין דער קורצער צייט, וואָס איז אים פאַרבליבן צום לעבן, אָבער ער האָט קיין איין מינוט נישט אַרויסגעוויזן קיין סימן פון פאַרצווייפלונג און געפאַלנקייט.

אויפן פערטן טאָג פון געשעעניש האָט מען אויפן שול־הויף אָפּגעהאַקט עוזיאלן דעם קאָפּ.

ווי די לעגענדע דערציילט, זאָל דער ייד עוזיאל האָבן פאַרן טויט באַפוילן, אַז ווי ווייט זיין קאָפּ וועט פאַלן נאָכן אָפּהאַקן אים, זאָל דער פלאַץ נישט פאַרבויט ווערן. און דערפאַר טאַקע זאָל אַ שטיק פלאַץ, פון דער מזרח־זייט פון דער שול, נישט האָבן פאַרבויט געוואָרן. אויך זאָל ער האָבן באַפוילן, אַז זיין משפּחה זאָל נישט וווינען אין די צען איילן אַרום, ווו זיין קאָפּ וועט פאַלן נאָכן אָפּהאַקן.

באַגראָבן איז דער העלד פון ביאַלער בלוט־בלבול אויפן אַלטן בית־עולם (בריסקער שאָסיי). אַ סך מענטשן געדענקען נאָך, ווי צו זיין יאָרצייט פלעגט אַ פרוי פון זיין משפּחה (די פרוי איז געווען אַ קרובה פון מאָטל ראָזמאַרינס משפּחה) זיך טראָגן אַהין מיט אַ טעפּעלע פאַרב, כדי אויפצופרישן זיין מצבה, פון וועלכער ס'איז שוין היינט קיין זכר נישטאָ.

פון דעמאָלט אָן דאַטירט זיך אין ביאַלע דער מנהג, אַז נאָכן מאַכן ערב פסח אָרדענונג אין שטוב, הייצט מען איין אין אויוון.

מ. י. פייגנבוים

(באַאַרבעט אויפסניי לויט מיין אַרטיקל אין „פּאָדלאַסיער לעבן", נומער 14/79, פון 10 אַפּריל 1933. פון דער סעריע „לעגענדעס און מעשיות פון דער אַמאָליקער ביאַלע", וואָס איך האָב פאַרעפנטלעכט אונטערן פסעוודאָנים „Bialski" — מ. י. פ—ם).

צוגאב־פרטים:

אין ערשטן באַנד פון דער אויסגאַבע „די יידן אין פוילן", אַרויסגעגעבן דורך דעם קאָמיטעט פאַר דער אויסגאַבע „די יידן אין פוילן", ניו־יאָרק, 1946, שרייבט דער היסטאָריקער ד"ר רפאל מאַהלער אין זיין אָפּהאַנדלונג „יידן אין אַמאָליקן פוילן", זייט 277, וועגן דער בלוטיקער סדרה פון עלילת־דם צווישן אַנדערן: „...אין יאָר 1710 האָט אַ ייד פון ביאַלע געצאָלט מיטן קאָפּ פאַר אַן ענלעכער „אנטדעקונג".

אויך ד"ר הענדל דערמאָנט אין זיין אָפּהאַנדלונג, אין דעם ספר, דעם פאַל פון אַ בלוט־בלבול אין ביאַלע אין יאָר 1710, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיטן פאַרמשפּטן צום טויט אַ ביאַלער ייד.

אין א. ליטווינס בוך: „יודישע נשמות", ווערט דערציילט וועגן „דעם קדוש פון ביאַלע און זיין צוואה". אין אָט דעם קאַפּיטל דערציילט א. ליטווין וועגן בלוט־בלבולים אין פאַר־שיידענע שטעט אין פוילן און ליטע, און וועגן די קדושים, וואָס זענען אומגעקומען פון די בלוט־בלבולים. צווישן אַנדערן שרייבט ער דאָרט:

„ביאַלע האָט פאַרגעסן דעם נאָמען פון אָט דעם „קדוש", וואָס האָט אָפּגעגעבן זיין לעבן פאַר זיין פאָלק. איך ווייס נישט צי מ'איז אים מזכיר־נשמות אין שול. אָבער אין פאָלק לעבט די לעגענדע.

נאָכדעם, ווי מען האָט אַראָפּגעהאַקט דעם קדוש דעם קאָפּ, — אַזוי דערציילט די ביאַלער לעגענדע — האָט דער קאָפּ זיך געדרייט אויפן אָרט, ווו דער בלוטיקער פסק־דין איז אויסגעפירט געוואָרן און אויסגערופן: אַזוי פיל און אַזוי פיל דורות זאָל וויסט זיין דער אָרט און קיינער זאָל קיין הויז נישט בויען, ווו יידיש אומשולדיק בלוט איז פאַרגאָסן גע־וואָרן.

הונדערטער יאָרן האָט ביאַלע געהיט די צוואה, קיינער האָט נישט געוואַגט צו פאַרשווען דעם אָנדענק פון דעם קדוש. דער וויסטער פּלאַץ איז אַ מאָנומענט קעגן דעם, וואָס האָט זיך פאַר דער גאַנצער געמיינדע אַ קרבן געבראַכט".

פּייוול גאָלד (ניו־יאָרק) שרייבט: „דער קערפּער פון קדוש האָט מען ביינאַכט צוגעגנבעט און קובר געווען אויפן בית־הקברות. איבער נאַכט איז אויף זיין קבר אנגעוואָקסן גראָז און ס'איז נישט געווען צו דערקענען דאָס אָרט פון קבר.

ישעיהו אליעזרס (שיי לייזער דער שרייבער) פרוי, הינדע מוזשינעק, האָט מיר דערציילט, אַז בעת איר עלטסטע טאָכטער, גאָלדע האָט חתונה געהאַט און זי האָט געזאָלט נעמען אַ דירה אין הויז פון בנימין לייבעלע (מאַנדלבוים), אויפן שול־הויף, האָט הינדעס פאָטער, ר' משה חיהס, נישט דערלאָזט דערצו, זאָגנדיק, אַז ס'איז נאָך חל אויף זיי דער אָנזאָג פון קדוש, וואָס איז געווען זייערער אַ קרוב, נישט צו וווינען אויף דעם אָרט".

תֵּרַדְנָה עֵינַי דִּמְעָה
לַיְלָה וְיוֹמָם וְאַל תִּדְמֶינָה
כִּי שֶׁבֶר גָּדוֹל נִשְׁבְּרָה
בְּתוּלַת בַּת עַמִּי.

(ירמיה י״ד: י״ז)

צעגיין זאָלן מיינע אויגן אין טרערן
טאָג און נאַכט, און ניט אויפהערן,
וואָרום אַ גרויס בראָך איז צעבראָכן געוואָרן
די יונגפרוי טאָכטער מיין פאָלק.

(ירמיה י״ד: י״ז)

Let mine eyes run down with tears
night and day, and let them not cease:
for the virgin daughter of my people
is broken with a great breach.

(Jeremiah XIV: 17)

חורבן און פאַרלענד

מ. י. פייגנבוים

די מלחמה וואָס איז אויסגעבראָכן צווישן פּוילן און דייטשלאַנד דעם 1טן סעפּטעמבער 1939 האָט גלייך דעם ערשטן טאָג זיך בלוטיק אַריינגעריסן קיין ביאַלע. שוין פרייטיק פאַרטאָג זענען געפאַלן אויף דער וואָליע די ערשטע באָמבעס פון די דייטשע אַעראָפּלאַנען, וואָס זענען געווען געצילט אין דער דאָרטיקער אַעראָפּלאַנען־פאַבריק. גלייכצייטיק זענען אויך געפאַלן באָמבעס אויף ציווילע הייזער, און צווישן זיי אויף אַ יידיש הויז, ווו ס׳איז אומגעקומען די גאַנצע פאַמיליע פון סטאָליער אברהם טייטלבוים.

שוין דעם ערשטן טאָג פון דער מלחמה האָט די באַפעלקערונג דערזען די דעזאָרגאַניזאַציע און כאַאָס, וואָס האָט געהערשט אויף אַלע געביטן. אַזוי איז די אַעראָפּלאַנען־פאַבריק כמעט נישט געווען באַשיצט, און מ׳האָט אויך נישט געזען קיין פּוילישע אַעראָפּלאַנען, וואָס זאָלן שטערן די דייטשע פליאַנגריפן. מ׳האָט אָבער געהאָפט, אַז דאָס איז נאָר ביים אָנהייב און אַז גיך וועט קומען אַ ראַדיקאַלע ענדערונג.

פון אַלע באַרימערייען פון דער פּוילישער רעגירונג, מיט וועלכע מ׳האָט געטרומייטערט פאַר דער מלחמה, אַז מ׳איז „געאייניקט, שטאַרק און גרייט" האָט מען נישט געזען קיין צייכן. דער כאַאָס און צעפאָרנקייט זענען געשטיגן פון טאָג צו טאָג. די דייטשע באָמבערס זענען פריי געלאָפן איבערן ביאַלער הימל און געזייט פאַרוויסטונג. אַ גאַנצן טאָג איז די באַפעלקערונג געלעגן אויף די פעלדער און ערשט ביינאַכט ווען די דייטשע באָמבערס האָבן אויפגעהערט זייער אַרבעט האָט זיך די באַפעלקערונג גענומען באַוועגן, און ראשית־כל קובר געווען די קרבנות פון טאָג.

די אַעראָפּלאַנען־פאַבריק איז שוין פון לאַנג געלעגן אין חורבות, אין שטאָט איז שוין כמעט קיין פּויליש מיליטער נישט געווען, אָבער די דייטשע באָמבערס האָבן נישט אויפגעהערט צו ווילדעווען. צווישן די חרוב געוואָרענע הייזער האָבן זיך געפונען: דאָס פּרעכטיקע הויז פון האַרטגלאַסן (פאַרברענט און שפּעטער צענומען דורך די דייטשן), די פאָלקס־שול אויף דער גראַבאַנאָווער גאַס (מאָטל פון וויינעס הויז), שמעון ליכטנשטיינס הויז אויף דער בריסקער גאַס, פּאַפּינסקעס הויז אויף דער יאַנעווער גאַס א״אַ.

ערב ראש־השנה זענען אַריין אין שטאָט עטלעכע דייטשע טאַנקן און מיט אַ שיסעריי זיך געלאָזן דורך דער בריסקער גאַס אין דער ריכטונג צום בריסקער שאָסיי. אַ פּוילישער אָפיציר האָט מיט אַ קליינער גרופּע זעלנער געעפנט אַ שיסעריי אויף די טאַנקן ביים נייעם־מאַרק. אין רעזולטאַט פון קאַמף איז דער רוב בודקעס אויפן נייעם־מאַרק פאַרברענט געוואָרן.

נאָך צוויי וואָכן מלחמה האָט די פּוילישע רעפּובליק אויפגעהערט צו עקסיסטירן. דער געדאַנק וועגן אַ לעבן אונטער דער דייטשער הערשאַפט, האָט אַריינגעוואָרפן די יידן אין אַ פאַרצווייפלטער שטימונג. ביאַלע איז דערווייל נישט אָקופּירט געוואָרן, און געבליבן „קיינעמס לאַנד".

אין אָט די פאַרצווייפלטע טעג האָט פלוצעם פאַר די ביאַלער יידן אויפגעלויכטן אַ שיין פון האָפענונג, ס׳האָט זיך דערטראָגן אַ ידיעה, אַז די רוסישע אַרמיי מאַרשירט אויף מערב, ווייל אין הסכם מיטן דייטש־רוסישן אָפּמאַך וועט די רוסישע אַרמיי אָקופּירן די פּוילישע געביטן ביזן ווייסל. הייסט עס, אַז ביאַלע וועט געהערן צו רוסלאַנד.

די ידיעה האָט זיך טאַקע באַשטעטיקט. דעם 26סטן סעפּטעמבער 1939 האָט די רוסישע אַרמיי באַזעצט ביאַלע, לאָזנדיק זיך ווייטער אויף מערב.

דעם יום־טוב סוכות האָבן די ביאַלער יידן געפייערט מיט געמישטע געפילן. מ׳האָט זיך געפרייט וואָס מ׳איז נישט אַריינגעפאַלן צו די דייטשן, אָבער ס׳האָט גענאָגט אַן אומרו פאַר דער צוקונפט.

די סאָוויעטישע מאַכט האָט זיך נישט געאיילט מיטן איינפירן אָרדענונג אין שטאָט, ס׳האָט זיך געמערקט עפּעס אַ צוריקגעהאַלטנקייט פון איר זייט, זי האָט איבערגעלאָזט די איניציאַטיוו אין די הענט פון דער באַפעלקערונג. ס׳זענען אַנטשטאַנען פאַרשיידענע קאָמיטעטן, אין וועלכע ס׳זענען אויסשליסלעך געווען פאַרטראָטן קריסטן. יידן האָבן דערווייל אויסגעמיטן יעדע צוזאַמענאַרבעט מיט דער נייער מאַכט, געדענקענדיק גוט די ביטערע דערפאַרונג פון יאָר 1920.

די געשעפטן זענען געווען מער געשלאָסן ווי אָפן. ס׳האָט זיך באַלד געלאָזט פילן אַ מאַנגל אין אַרטיקלען פון ערשטן געברויך, און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ סחורה־אויסטויש צווישן דער באַפעלקערונג. אין די אָפענע געשעפטן זענען געשטאַנען לאַנגע רייען פון איינקויפערס, וואָס האָבן איינגעקויפט אַלץ וואָס דאָס אויג האָט געזען.

נישט באַשערט געווען די ביאַלער יידן זיך צו פרייען מיטן יום־טוב. סוף סעפּטעמבער האָט אַ ראַדיאָ־ידיעה געמאָלדן, אַז די גרענעץ צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד וועט זיין דער טייך בוג און נישט די ווייסל. די ידיעה האָט זיך בליץ־שנעל פאַרשפּרייט אין שטאָט און אָנגעוואָרפן אַן אימה אויף דער יידישער באַפעלקערונג.

הגם די רוסישע מיליטער־לייט האָבן אין שמועסן מיט דער באַפעלקערונג געלייקנט די ידיעה וועגן צוריקציען זיך, דאָך האָט מען אָנגעהויבן מערקן סימנים פון זייער ריקצוג אויף מזרח: זיי האָבן אָנגעהויבן אַרויספירן פון שטאָט אַלץ וואָס איז אין זייערע אויגן געווען ווערטפול, און האָט זיך געלאָזט פאַרלאָדן אויף לאַסט־אויטאָס. ביי דער אַקציע איז נישט גע־שוינט געוואָרן אַפילו דער יידישער שפּיטאָל, פון וואַנען מ׳האָט אַרויסגעפירט ווערטפולע מעדיצינישע אַפּאַראַטן און אינסטרומענטן.

ביי דער יידישער באַפעלקערונג איז אַקטועל געוואָרן די פראַגע פון פאַרלאָזן די שטאָט און זיך לאָזן אויף יענער זייט בוג. מעגלעכקייטן דערצו זענען געווען, ווייל די רוסישע מאַכט האָט נישט געשטערט דאָס אויסוואַנדערן אין די געוועזענע פוילישע מזרח־געביטן. די ביאַלער יידן האָבן אָבער געהאַט אויף דעם געביט ביטערע נסיונות פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און פון יאָר 1920. דעמאָלט איז די יידישע באַפעלקע־רונג די איבערגאַנגס־תקופות אָפּגעקומען מיט שרעק, אָבער די אויסוואַנדערער האָבן גאָר שטאַרק געליטן אין דער פרעמד. פאַרשטייט זיך, אַז קיינער האָט זיך דעמאָלט, אַפילו אין דער פאַנטאַזיע, נישט פאַרגעשטעלט דעם גרוילעכן סוף וואָס דייטש־לאַנד וועט ברענגען אויף דער יידישער באַפעלקערונג. מ׳האָט זיך געריכט אויף אַ שווער לעבן, אָבער ווען האָט דאָס דער פוילישער ייד געהאַט אַ גרינג לעבן?

מ׳האָט אויך געוווּסט אַז דאָס לעבן אונטערן סאָוויעטישן רעזשים איז נישט קיין לייכטס. יעדערער האָט געלעבט מיט דער האָפענונג, אַז די מלחמה וועט נישט לאַנג דויערן, ס׳וועט זיך ענדיקן מיט דייטשלאַנדס מפּלה און מ׳וועט זיך געפינען אין אַ פרייער און אָפענער וועלט. דאָס אויסוואַנדערן אָבער קיין רוסלאַנד וועט ראשית כל פאַרוואַנדלען די אַנגעפּאַרענע אין אַ גרויסער מחנה פליטים, וואָס איז גלייך אויסגעשטעלט אויף ליידן. צום שטאַרקסטן האָט געשראָקן דער געדאַנק צו ווערן הערמעטיש אָפּגעשלאָסן אין די גרענעצן פון סאָוויעט־רוסלאַנד, פון וואַנען מ׳וועט נאָך דער מלחמה נישט קאָנען אַרויס. די אָבער וואָס האָבן באַשלאָסן צו פאַרלאָזן די שטאָט האָבן געהאַט איין תשובה: „מיר ווילן נישט זיין מיטן דייטש, און בפרט מיטן היטלער־דייטש״. ס׳איז אָנצונעמען, אַז אויס־געוואַנדערט האָבן בערך 500—600 יידן, דאָס רוב מענער, וועלכע האָבן איבערגעלאָזט זייערע משפחות אין שטאָט, ווייל מ׳האָט זיך משער געווען, אַז די דייטשע נגישות וועלן בעיקר געווענדעט זיין קעגן מענער.

אויסגעוואַנדערט קיין רוסלאַנד האָבן יידן פון אַלע שיכטן. דער רוב פון זיי האָט קיינמאָל קיין שייכות נישט געהאַט מיטן קאָמוניזם. אין שטאָט זענען געבליבן אַ צאָל יידן, וואָס זענען אָנגעגאַנגען פאַר סימפּאַטיקערס פון סאָוויעטן־רעזשים.


מ׳קאָן נישט האָבן קיין טענות צו די ביאַלער יידן פאַרוואָס זיי האָבן נישט פאַרלאָזט זייער געבוירן־שטאָט און זיך נישט אָוועקגעלאָזט קיין סאָוויעט־רוסלאַנד, ווייל אויב יידישע מנ־היגים פון די גרעסטע יידישע וועלט־אָרגאַניזאַציעס האָבן נישט געוווּסט וועגן היטלערס אויסראָטונגס־פּלענער לגבי יידן, טאָ פון וואַנען האָבן דאָס געדאַרפט וויסן שטעטלדיקע יידן?

סוף יאָר 1939

דעם 10טן אָקטאָבער 1939 האָט די רוסישע אַרמיי פאַר־לאָזט די שטאָט און אויף איר אָרט איז אָנגעקומען די דייטשע אַרמיי. דאָס האָט אָנגעוואָרפן אַזאַ פּחד אויף די יידן, אַז אַ סך וואָס האָבן זיך נישט געקאָנט פריער דעצידירן צו פאַר־לאָזן די שטאָט, האָבן דאָס איצט געטאָן.

עטלעכע שעה נאָך זייער אַריינמאַרש האָבן די דייטשן גלייך געגומען יידישע ערובניקעס (לויט אַ רשימה וואָס ס׳האָט זיי געגעבן דער בירגערמייסטער). אין גאַס האָבן זיך באַוויזן קריסטן מיט ווייסע אָרעמבענדער און זייער ערשטע אויפגאַבע איז געווען צו כאַפּן יידן צו דער אַרבעט. דעם דייטש פעלט קיינמאָל נישט קיין אַרבעט, און די פּאָליאַקן האָבן זיך ווידער זייער געפלייסט צוצושטעלן וואָס מער יידן, אַפילו מער וויפל מ׳האָט פאַרלאַנגט.

די דייטשע מאַכט האָט גלייך פאַראָרדנט צו עפענען די געשעפטן און זיך באַמיט, אַז די שטאָט זאָל צוריקקערן צום נאָרמאַלן אויסזען, וואָס ס׳איז טאַקע געשען במשך פון עטלעכע טעג. ס׳איז איינגעפירט געוואָרן אַ פּאָליציי־שעה, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביז די דייטשן האָבן פאַרלאָזט די שטאָט. די יידישע באַפעלקערונג האָט געהאַט ווייניקער פרייע צייט צו באַוועגן זיך אין די גאַסן ווי די קריסטלעכע באַפעלקערונג.


Abschrift

Verordnung

Im Auftrage der Deutschen Militar Behorde ordne ich an, dass alle Juden, die innerhalb der Stadt Biala-Podlaska wohnhaft sind, binnen 12 Stunden vom Datum der Bekanntmachung bei der Stadtverwaltung (Eingang von der Poststr.) ihre genaue Wohnungsanschriften anzugeben haben.

Die Nichtanmeldung der Wohnung wahrend der oben angegebenen Frist verursacht die Aberkennung samtlicher Rechte, die den Burgern der Stadt Biala zustehen.

Manner und Frauen im Alter von 16. bis zum 50. Lebensjahre verpflichtet die Anmeldung persönlich vorzunehmen

Biala-Podlaska, am 17.X.1939

gez. Burgermeister
Ing. A. Walawski


Za zgodnosc odpisu

Przewodniczący
Miejskiej Rady Narodowej
w Białej-Podlaskiej

פקודה ליהודי ביאלה להודיע את מעניהם.
פאַראָרדענונג פאַר די ביאַלער יידן אָנצו־מעלדן אין מאַגיסטראַט זייערע אַדרעסן.
Order for Jews to register their addresses.

די פאַרוואַלטונג פון דער שטאָט איז דערווייל געלעגן אין די הענט פון דער מיליטער־מאַכט, און זי האָט נאָך, ווייזט אויס, נישט געהאַט קיין אַנטי־יידישע אינסטרוקציעס. האָט

טאָקע די מאַכט אַרויסגעגעבן יידן רייזע־דערלויבענישן קיין וואַרשע און לאָדזש, וווהין יידן האָבן זיך געלאָזט און אָנגע־הויבן ברענגען פאַרשיידענע סחורות. דער האַנדל האָט אויפ־געבליט, באַפרייט פון די שווערע קייטן פון דער פוילישער פינאַנץ־מאַכט האָבן די יידן פרייער אָפּגעעטעמט, פאַרגעסנדיק


Abschrift

Biala-Podlaska,den 24.11.1939.

Anordnung.

Den jüdischen Einwohnern von Biala-Podlaska wird hiermit verboten,die Stadt ohne Genehmigung der deutschen Sicherheitspolizei zu verlassen.

Zuwiderhandlungen werden strengstens bestraft.

Der Führer der Sicherheitspolizei
Hildemann
SS-Obersturmführer.

Ze zgodność odpisu
Przewodniczący
Miejskiej Rady Narodowej
w Białej Podlaskiej

איסור לעזוב את העיר.
פאַרבאָט צו פאַרלאָזן די שטאָט.
Notice prohibiting Jews to leave town.

ווו זיי געפינען זיך. אָט דער האַנדלס־רויש האָט אָבער אָנגע־האַלטן אַ גאָר קורצע צייט, ווייל אין נאָוועמבער 1939 איז קיין ביאַלע אָנגעקומען די באַרימטע געסטאַפּאָ, און פאַר יידן האָט זיך אָנגעהויבן אַ תקופה, וואָס איז געווען אַ לאַנג־דויערנדי־קער יסורים־וועג צום גרויליקן אומקום.

די געסטאַפּאָ האָט זיך איינגעקוואַרטירט אין פּאַלאַץ פון ראַאַבעס פאַבריק אויף דער וואָליע. איר ערשטער קאָנטאַקט מיט דער יידישער באַפעלקערונג איז געווען דאָס פאָדערן אַ געלט־קאָנטריבוציע פון עטלעכע צענדליק טויזנט זלאָטעס. כדי צו צווינגען, אַז די קאָנטריבוציע זאָל וואָס גיכער איינ־געצאָלט ווערן, האָט די געסטאַפּאָ אַרעסטירט אַ צאָל יידן און אַריינגעוואָרפן זיי אין תפיסה, ווו מ'האָט זיי אומאויפהערלעך געפייניקט. די יידן זענען באַפרייט געוואָרן פון תפיסה נאָכן צושטעלן די געהעריקע קאָנטריבוציע־סומע.

דאָס באַווייזן זיך פון געסטאַפּאָ־לייט אין גאַס האָט אַרויס־גערופן אַ פּאַניק ביי די יידן און זיי פלעגן אַנטרונען ווערן פון די גאַסן. דער דרוק־אייגנטימער אברהם לובעלטשיק, הערנדיק אַז די געסטאַפּאָ גייט צו אים, האָט באַקומען אַ האַרץ־שלאַג און איז געפאַלן אויפן אָרט.

אין בית־המדרש האָבן די געסטאַפּאָ־לייט אָנגעטראָפן דעם שמש יואל גרינגלאַס, וועלכער איז געשטאַנען אַן איינזאַמער אין טלית און תפילין, האָבן זיי אים אַרויסגעפירט אויף דער גאַס, געברענגט צופירן עטלעכע יידן מיט אַ לייטער, אויף וועלכן דער שמש האָט זיך געמוזט אַרויפזעצן אין טלית און תפילין, און די יידן האָבן גענומען דעם לייטער מיטן שמש אויף די אַקסלען און געמוזט אַזוי אַרומגיין איבער די גאַסן פון דער שטאָט.

דער אָנקום פון דער געסטאַפּאָ האָט גורם געווען צום אַנטליפן פון נאָך עטלעכע צענדליק יידן פון שטאָט. דאַסמאָל איז שוין אָבער אָנגעקומען שווער צו שמוגלען די גרענעץ, ווייל זי איז שוין געווען באַוואַכט. צווישן די אַנטלאָפענע האָט זיך געפונען דער ביאַלער רב, הרב צבי הירשהאָרן.

יעדן ייד וואָס די ברוינע רוצחים פלעגן אָנטרעפן אויפן וועג, האָבן זיי מערדערלעך צעשלאָגן. אין די יידישע געשעפטן האָבן זיי גערויבט די סחורות, צונעמענדיק אַפילו דאָס געלט פון די קאַסע־שופלאָדן.

דאָס עקאָנאָמישע לעבן ביי די יידן איז פּאַראַליזירט געוואָרן. די דייטשן זענען אַקטיוו צוגעטראָטן צו ליקווידירן די יידישע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס. די גרויסע יידישע געשעפטן זענען רעקווירירט געוואָרן, די סחורות האָט מען אויף לאַסט־אויטאָס אַרויסגעפירט און די אייגנטימערס האָט מען אַריינגע־וואָרפן אין תפיסה, פאָדערנדיק פון זיי הויכע קאָנטריבוציעס. ביי די יידישע בעלי־מלאכות האָט מען אַוועקגענומען די וואַרשטאַטן און די אַרבעטס־מכשירים.

אַ טייל יידישע סוחרים, וועלנדיק ראַטעווען זייערע עק־סיסטענצן, האָבן איבערגעגעבן זייערע געשעפטן צו באַקאַנטע קריסטן, פאַרזיכערנדיק זיך מיט פאַרשיידענע אָפּמאַכן. אַ גאָר קליינער טייל פון אָט די קריסטן האָט געהאַלטן די אָפּמאַכן, אָבער דער גרעסטער טייל פון זיי האָט זיך גלייך באַמיט פּטור צו ווערן פון די יידן. פאַרשטייט זיך, אַז שווער איז דאָס זיי נישט אָנגעקומען, ווייל דער ייד איז שוין געווען רעכטלאָז און הילפלאָז.

אין נאָוועמבער 1939 האָט דער געסטאַפּאָ־קאָמיסאַר הילדעמאַן[1] פאַראָרדנט, אַז יעדער ייד, אָנהייבנדיק פון 6 יאָר אָן, מוז פון 1טן דעצעמבער 1939 טראָגן אויף דער לינקער ברוסט אַ געלן מגן־דוד אין דער גרויס פון 15 צענטימעטער. דער שאַנד־צייכן איז שפּעטער פאַרטוישט געוואָרן אויף אַ ווייסן אָרעמבאַנד מיט אַ בלויען מגן־דוד, וועלכן מ'האָט געמוזט טראָגן אויף דער רעכטער האַנט. יידן איז פאַרווערט געוואָרן צו פאַרלאָזן די שטאָט אָן דער דערלויבעניש פון דער דייטשער מאַכט.

אין איינעם אַ טאָג זענען אַרויסגערופן געוואָרן צו דער געסטאַפּאָ אַלע געוועזענע מיטגלידער פון די לעצט־געווײלטע קהילה־אינסטאַנצן. די געוועזענע דאָזיקע זענען אויפגע־פאָדערט געוואָרן גלייך צו אָרגאַניזירן אַ „יודענראַט". ס'זענען

[1] נאָך דער מלחמה געמשפּט געוואָרן אין ביאַלע. די געריכטס־פאַרהאַנדלונגען, וואָס האָבן געדויערט דריי טעג, זענען פאָרגעקומען אין קינאָ־זאַל פון די פייערלעשערס. הילדעמאַן האָט אין זיין זעקס־שעהדיקער פאַרטיידיקונגס־רעדע, ראשית־כל געבעטן רחמים, כדי ער זאָל קאָנען זיך אומקערן צו זיין איין־און־איינציקער טאָכטער אין דייטשלאַנד. ווייטער האָט ער געטענהט, אַז אַלע מעשים איז ער באַגאַנגען לויט באַפעלן, וואָס ער האָט באַקומען פון לובלין. צום סוף האָט ער אָנגעדייט, אַז אַזוי ווי אין פוילן הערשט איין פּאַרטיי, האָט אויך די אַלע, וואָס פירן איצט אויס די באַפעלן פון דער פּאַרטיי, אין פאַל ווען די פּאַרטיי וועט באַזייטיקט ווערן פון דער מאַכט, צו זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זייערע מעשים.

דאָס געריכט האָט אים פאַרמשפּט צום טויט דורך הענגען, און דער אורטייל איז אויסגעפירט געוואָרן אין ביאַלער תפיסה־הויף (איבערגעגעבן פון יהושע וויסמאַן — ישראל).

צום יודענראַט צוגעצויגן געוואָרן אויך אַנדערע מיטגלידער, וועלכע האָבן פריער נישט אָנגעהערט צו דער קהילה. דער יודענראַט האָט אַמטירט אין לאָקאַל פון דער קהילה, אין דער בריסקער גאַס.

איצט האָבן די דייטשן באַקומען אַן אַדרעס, וווּהין צו ווענדן זיך מיט אַלע זייערע פאָדערונגען. דער יודענראַט פלעגט כסדר באַקומען באַשטעלונגען אויף פאַרשיידענע סחורות, וואָס האָבן באַטראָפן גרויסע געלט־סומעס, וועלכע ס׳האָט געמוזט דעקן די יידישע באַפעלקערונג. צום יודענראַט פלעגט מען שיקן באַשטעלונגען אויף הונדערטער יידישע אַרבעטערס, און די אַרבעטערס האָט מען געמוזט צושטעלן. די יידישע אַרבעטערס האָט מען, פאַרשטייט זיך, נישט באַלוינט פאַר דער אַרבעט, נאָר גאָר אָפט האָט מען זיי ביי דער אַרבעט צעשלאָגן. האָט ווידער דער יודענראַט געמוזט אָרגאַניזירן ביי זיך אַן אַרבעטס־אַמט, וואָס האָט געזאָרגט דערפאַר, אַז יעדן טאָג זאָל מען קאָנען צושטעלן די געפאָדערטע צאָל אַרבעטערס. דער יודענראַט האָט אַ געוויסן טייל פון די אַרבעטערס געמוזט באַצאָלן פאַר דער אַרבעט, ווייל זיי האָבן פשוט נישט געהאַט פון וואָס צו לעבן.

די אָקופּאַציע־מאַכט האָט גיך באַוויזן צו לאָזן אין גאַנג דעם גאַנצן מלוכה־אַפּאַראַט, און דערצו האָבן נישט ווייניק צוגעהאָלפן די געוועזענע פוילישע באַאַמטע. אָט די באַאַמטע האָבן זייער גאַנצן צאָרן פאַר פוילנס מפּלה אויסגעלאָזט צו די יידן. ווו זיי האָבן נאָר געהאַט אַ מעגלעכקייט האָבן זיי זיך געגעבן צו פּילן די יידן.

גיך איז צוריק טעטיק געוואָרן דער שטייער־אַמט און מ׳האָט זיך גענומען איינמאָנען פון די יידן די אַלע פאַרלעגענע שטייערן. דערביי האָבן זיך אויסגעצייכנט די באַאַמטע: גערעך און קוניצקי. האָט אַ ייד אַזוי גיך נישט באַצאָלט דעם שטייער־חוב, האָט מען אים אַריינגעוואָרפן אין תפיסה און דאָרט געפּייניקט.

מיטן אויפגעשטעלטן וווינונגס־אַמט האָט אָנגעפירט דער פּאָליאַק ביעלעצקי, וועלכער איז גאַנצע טעג אַרומגעגאַנגען רעקוויזירן יידישע וווינונגען פאַר קריסטן, וועלכע ס׳זענען פלוצעם ענג געוואָרן די פריערדיקע דירות. קריסטן האָבן געשמאַק צוגעהאָלפן דעם דייטש ביים אויסרוימען דאָס מעבל פון די יידישע הייזער, דערביי האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט דער תפיסה־וועכטער ציבולסקי.

יעדער פּאָליאַק וואָס זיצט אויף אַן אַמט, וואָס האָט אַ שייכות מיט יידן און וווּהין ס׳קומען די פאָרשטייערס פון יודענראט דערליידיקן פאַרשיידענע ענינים, פאַרלאַנגט פון די יידן מתנות צוגלייך מיט די דייטשן. זייערע פאַרלאַנגען מוזן געשטילט ווערן. אויף דעם געביט האָבן זיך געגעבן באַזונדערס גוט צו פּילן: דער בירגערמייסטער אַנטאָני וואַלאַווסקי, זיין געהילף שטשעפּאַנסקי און דער אויבנדערמאָנטער באַאַמטער פון וווינונגס־אַמט ביעלעצקי.

אין די רייען פון אָט די קריסטן איז עס צו זוכן די פּריוואַטע איניציאַטאָרן און אינספּיראַטאָרן צו פאַרשפּאַרן די יידן אין אַ געטאָ, און דאָס אין אַ וואָס קלענערן.

ביים סוף פון יאָר 1939 זענען קיין ביאַלע אָנגעפירט געוואָרן יידן פון סוואַלק און סעראָצק. אָט די יידן האָט מען פאַרזאַמלט אינמיטן מאַרק אין זייערע שטעט און אַזוי ווי זיי זענען געשטאַנען האָט מען זיי אַרויסגעפירט אין שטעט פון דער לובלינער וואָיעוואָדסטווע. מ׳האָט די יידן גאָרנישט געלאָזט מיטנעמען מיט זיך און פון מאַרק האָט מען זיי אַריינגעטריבן אין די באַן־וואַגאָנעס. פון די יידן איז מען געוווּיר געוואָרן וואָס פאַר אַן אוממענטשלעכע פּייניקונגען זיי האָבן שוין באַוויזן דורכצוגיין אין די עטלעכע חדשים פון דער דייטשער הערשאַפט.

קיין ביאַלע האָט מען געבראַנגט אַ 2000 פּליטים, פון וועלכע די יידישע באַפעלקערונג האָט אַ גאָר גרויסן טייל אַריינגענומען צו זיך אין די וווינונגען, אָבער אַ טייל האָט זיך איינגעקוואַרטירט אין שול, בתי־מדרשים און חסידים־שטיבלעך; אַ טייל ווידער פון די פּליטים איז אַוועק קיין וואַרשע און אין אַנדערע שטעט.

דאס יאר 1940

אָנהייב יאָר 1940 זענען געבראַכט געוואָרן פון לובלין קיין ביאַלע יידישע קריגס־געפאַנגענע פון דער געוועזענער פוילישער אַרמיי, וואָס האָבן געשטאַמט פון די געוועזענע פוילישע מזרח־קרעסן.

דער וועג וועלכער האָט געפירט די קריגס־געפאַנגענע קיין ביאַלע איז געצייכנט געוואָרן מיט אַ בלוטיקן שניט און מיט קברים פון זייערע חברים. די געפאַנגענע האָט מען געברענגט פון דייטשלאַנד קיין לובלין און פון דאָרט האָט מען זיי, אין אַ פראָסטיקן ווינטער־טאָג אָנגעהויבן טרייבן צופוס קיין ביאַלע. אויפן וועג האָבן די דייטשע באַגלייטערס שיטער געמאַכט די רייען פון די יידישע געפאַנגענע דורך האַלען אויף זיי פון אויטאָמאַטיש־געווער. די קריגס־געפאַנגענע זענען אינטערנירט געוואָרן אין פּיזשיצעס קאַזאַרמעס אויפן בריסקער שאָסיי.

אין אָט די קאַזאַרמעס האָבן די שטורמיסטן אָנגעהויבן בויען אַ לאַגער, מיט דער הילף פון יידישע אַרבעטערס, וואָס דער „יודענראַט" פלעגט אַהין צושטעלן יעדן טאָג. דער בירגערמייסטער וואַלאַווסקי האָט געוווּסט צו אינפאָרמירן די יידן, אַז דאָס בויט מען דעם לאַגער פאַר די ביאַלער יידן, וווּהין זיי וועלן אַריינגעטריבן ווערן אָנהויב אַפּריל. אַזאַ ידיעה האָט, פאַרשטייט זיך, אַרויסגערופן אַ פאַרצווייפלונג און פאַרלוירנקייט ביי די יידן.

די תפיסה איז פול געוואָרן מיט יידן, איבער וועלכע מ׳האָט זיך איזדעקעוועט ממש. ווער איז דעמאָלט נישט געזעסן אין תפיסה? איינער פאַר קאָנטריבוציע, אַ צווייטער פאַר שטייערן; סוחרים פאַר נישט וועלן אויסגעבן ווו זיי האָבן כלומרשט באַהאַלטן די סחורות; בעלי־מלאכות, פאַר נישט וועלן אָנווייזן די סחורה־באַהעלטענישן, וואָס זיי זאָלן האָבן כלומרשט געמאַכט. אין שייכות מיטן אַנטדעקן באַהאַלטענע סחורות האָט מען אָפּגעפירט קיין לובלין אין תפיסה די ביאַ־

לער סוחרים: יוסף גיטלמאַן, פישל וולאָס און משה יצחק בידערמאַן.

יידן האָבן שוין אָנגעהויבן צו אַרבעטן טיילווייז צוואַנגס־אַרבעט און האָבן באַקומען אַ באַלוינונג פון 2 זלאָטעס אַ טאָג, וואָס האָט נישט געקלעקט צום לעבן.

ס'זענען איינגעפירט געוואָרן אַפּראָוויזאַציע־קאַרטן, אויף וועלכע די יידישע באַפעלקערונג פלעגט כמעט גאָרנישט באַקומען. אַ טייל פון דער באַפעלקערונג האָט זיך אַן עצה געגעבן, מ'האָט געהאַנדלט אומלעגאַל, אויסזוכנדיק זיך ווי ס'איז פרנסה. הגם פאַר יידן איז פאַרווערט געוואָרן צו פאָרן אויף די באַנען, דאָך פלעגן יידן ריזיקירן מיט אַ נסיעה אויף דער באַן קיין וואַרשע. מ'פלעגט זיך פאַרקליידן ווי קריסטן און ברענגען סחורה פון וואַרשע.

בייטאָג זענען געשטאַנען אָפן עטלעכע געוועלבער, וווּ אָפיציעל האָט מען גאָרנישט באַקומען, ווייל מיט וואָס איז דען דערלויבט געווען צו האַנדלען? דער קונה צו וועלכן מ'האָט אָבער געהאַט צוטרוי האָט אַלץ באַקומען.

קעגן יידן האָבן זיך כסדר געשאָטן נייע גזירות. די לעצטע יידישע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס זענען דורך די דייטשן ליקווידירט געוואָרן. אַפילו די קליינע יידישע קרעמלעך זענען געשלאָסן געוואָרן און די סחורות האָט מען ביי זיי צוגענומען. ס'זענען געבליבן עטלעכע יידישע קראָמען אויף דער גראַבאַנאָווער גאַס, וווּ די אייגנטימערס זענען יעדעס מאָל געטויטשט געוואָרן דורך דער מאַכט. דאָס קלענסטע געוועלבל איז באַצייכנט געוואָרן מיט אַ ריזיקן מגן־דוד, וואָס מ'האָט אויסגעקויפט אין דער קרייזהויפטמאַנשאַפט פאַר אַ גרויסן אָפּצאָל.

ביים איינגאַנג אויף דער גראַבאַנאָווער גאַס פון מאַרק און פון דער פּראָסטער גאַס, האָט מען אויפגעהאָנגען צוויי גרויסע ליוונטענע טראַנספּאַרענטן מיטן אויפשריפט: „מגיפה — געפאַר! פאַר אַריערס איינטריט פאַרבאָטן". יידן איז פאַרווערט געוואָרן צו באַטרעטן דעם פּלאַץ־וואָלנאָשטשי (מאַרק).

מיט פאַרווערן יידן צו באַווייזן זיך אויפן פּלאַץ־וואָלנאָשטשי, איז באַשווערט געוואָרן דאָס צוקומען צו דער פּאָסט. חוץ דעם האָבן יידן בכלל נישט קיין חשק געהאַט זיך אַוועקצושטעלן אויף דער פּאָסט אין אַ ריי און זיין אויסגעשטעלט אויף פאַרשיידענע שיקאַנעס. דער יודענראַט האָט דעריבער געמאַכט גרויסע באַמיאונגען, אַז מ'זאָל אים דערלויבן צו אָרגאַניזירן ביי זיך אַ פּאָסט־אָפּטיילונג. די באַמיאונגען זענען געלונגען און ביים יודענראַט איז אַנטשטאַנען אַ פּאָסט־אָפּטיילונג, וווּ ס'האָט זיך אויך געפונען אַ טעלעפאָן. יעדן טאָג פלעגן צוויי יודענראַט־מיטגלידער גיין אויף דער דייטשער פּאָסט און דאָרט דערלעדיקן די פּאָסט־ענינים פון דער יידישער באַפעלקערונג.

ערב ימים־נוראים האָט מען פאַראָרדנט די וואָליער יידן זיך אַריינצוציען אין שטאָט אַריין, און די וואָליע איז געבליבן יידנריין.

יידן האָט מען פאַרווערט צו באַנוצן די באַלקאָנען. אויב די באַלקאָנען זענען געווען פון מעטאַל, האָט מען זיי געמוזט צענעמען, און צוזאַמען מיטן גאַנצן מעטאַל וואָס יידן האָבן



רחוב פרוסטה. על ביתו של הרשל שניימן נראה שלט „רובע היהודים" (צולם בחורף 1944/5).

פּראָסטע גאַס. אויף הערשל שניימאַנס הויז אַ שילד מיטן אויפשריפט „יודענפירטעל" (פאָטאָגראַפירט ווינטער 1944/5).

Prosta Street. A sing "Jewish Quarter" on the house of Hershl Shneiman. (Photo: Winter 1944/5)

געהאַט, אָפּגעבן דער מאַכט (פּאָליאַקן האָבן נאָר געדאַרפט צושטעלן דריי קג. מעטאַל).

די לאַגע פון די אָנגעפירטע היימלאָזע וואָס האָבן זיך געפונען אין שול און אין די בתי־מדרשים איז געווען אַ טרויעריקע. זיי האָבן געלעבט אין שרעקלעכע באַדינגונגען. דער קאַלטער ווינטער האָט זיך זיי באַזונדערס שטאַרק געלאָזט פילן. אין די בתי־מדרשים איז פאַרשוווּנדן יעדעס ברעקל האָלץ. די פּליטים האָבן אַרויסגעריסן די פּאָדלאָגעס, אַראָפּגענומען די טאָפּלטע פענצטער, אַרויסגעריסן די פענצטער־פּאַראַפּעטן; ס'זענען פאַרשוווּנדן די פּלויטן אין יידישן קוואַרטל און אַפילו די ביימער אויפן בית־הקברות, אַלץ האָט פאַרצערט דאָס פייער, ביי וועלכן די פּליטים האָבן זיך באַמיט אָנצוואַרעמען די גלידער.

מ'איז שטאַרק צופרידן געווען וואָס דער קאַלטער ווינטערדיקער טאָג איז גיך אַוועק און ס'האָט זיך אַראָפּגעלאָזט די

לאַנגע נאַכט. מ׳פלעגט זיך פאַרקלאַפּן אין די הייזער, ווו מ׳האָט זיך דערציילט די נייעסן פון טאָג און מ׳האָט געוואַרט אויף דער מפּלה פון די דייטשן.

הגם די גרענעץ צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד איז געווען שטאַרק באַוואַכט, דאָך איז געלונגען עטלעכע ביאַלער זיך דורכצושמוגלען פון דער רוסישער זייט. פון זיי איז מען געוואויר געוואָרן, אַז אַ גרויסער טייל פון די ביאַלער פּליטים וויל צוריק אַהיים, ווייל ס׳איז נמאס געוואָרן דאָס פּליטים־לעבן, בפרט, אַז זיי האָבן געהערט דאָרט, אַז די יידן אויף דער דייטשער זייט לעבן, און עקאָנאָמיש איז זיי נישט שלעכט.

אין מאַי 1940 איז קיין ביאַלע אָנגעקומען אַ צוג מיט רעפּאַטריאַנטן פון דער רוסישער זייט, און צווישן זיי אַ סך ביאַלער יידן. די צוריקגעקומענע זענען ממש געווען דער־שטוינט פון דער גוטער באַנעמונג צו זיי מצד די דייטשן.

אינמיטן גאַנג פון די דעצידירנדיקע שלאַכטן אין מערב־אייראָפּע, האָט דער דייטש נישט פאַרגעסן אָן די יידן און מ׳האָט זיי דערמאָנט, אַז דייטשלאַנד זיגט.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט מען פאַררופן דעם ביאַלער יודענראַט צו דער געסטאַפּאָ. דאָרט האָט מען די יודענראַטלער אויסגעשטעלט אין אַ ריי און דער געסטאַפּאָ־מאַן קאָט האָט פאַרגעלייענט פון אַ דייטשער צייטונג אַ ידיעה, אַז אין ארץ־ישראל איז געשאַפן געוואָרן אַ וויצמאַן־לעגיאָן צו קעמפן קעגן דייטשלאַנד. דערפאַר וועט דאָרט געשאַפן ווערן אַ יידישע מדינה מיטן ענגלישן קעניג בראש. נאָכן פאַרלייענען די נאָטיץ האָבן זיך אין צימער אַריינגעלאָזט געסטאַפּאָ־לייט מיט שטעקנס און די יודענראַטלערס גוט צעשלאָגן.

אין מאַרץ 1940 זענען די יידן אויפגעפאָדערט געוואָרן זיך צו רעגיסטרירן אויף צוואַנגס־אַרבעט. אַ סך יידן האָבן זיך באַמיט אַרויסצובאַקומען באַשטעטיקונגען פון דאָקטוירים, אַז זיי זענען נישט אַרבעטס־פעאיק און די באַשטעטיקונגען באַ־לייגט אין יודענראַט.

אין יוני 1940 האָט זיך אָנגעהויבן פאַר יידן דאָס טרויע־ריקע קאַפּיטל פון צוואַנגס־אַרבעט. קיין ביאַלע און אומגעגנט האָט מען אָנגעפירט יידן פון מעזריטש, און שפּעטער אויך פון אַנדערע שטעט. דער לאַגער ביי פּיזשיצן אין די קאַזאַרמעס איז פול געוואָרן מיט יידישע אַרבעטערס. די יידן זענען באַ־שעפטיקט געוואָרן ביי מעליאָראַציע־אַרבעטן און געלעבט אין לאַגערן אין גאָר שרעקלעכע באַדינגונגען. די ביאַלער יידן זענען געשוינט געוואָרן. אַ גאָר קליינער טייל פון זיי האָט געאַרבעט ביי אָט די מעליאָראַציע־אַרבעטן אין שטאָט גופא. יעדן טאָג, נאָך דער אַרבעט פלעגן זיי זיך אומקערן אַהיים. דער גרעסטער טייל פון דער ביאַלער באַפעלקערונג האָט באַ־

Stadtverwaltung
i Biala Podlaska.

Biala Podlaska, den 19. Juni 1940.

BEKANNTMACHUNG.

Laut Anordnung des Herrn Kreishauptmann in Biala Podlaska vom 17 6. 40. betreffs. Schrottsammelaktion gibt die Stadtverwaltung folgende Bekanntmachung:

1. Jeder Hausbesitzer, jeder Haushaltungsvorstand und jeder Inhaber eines landwirtschaftlichen Betriebes hat sofort alles irgendwie entlehrliche Eisen in seinem Anwesen bezw. Haushalt zu sammeln und an den Bürgermeister bezw Gemeindevorsteher zu bestimmenden Sammelplatz abzuliefern.

2. Sämtliche eiserne Einfriedungen, Zäune, Tore usw. — ausser an Kirchen und auf Friedhöfen — sämtliche eiserne Balkongitter, Säulen mit Entfernungstafeln, Säulen und Masten anderer Art, Rinnsteinplatten, wie überhaupt alle eisernen Gegenstände, die durch anderes Material (Holz, Beton oder dergl.) ersetzt werden können, sind sofort durch den jeweiligen Besitzer bezw Inhaber oder Mieter zu entfernen oder entfernen zu lassen und den Schrottsammelplätzen zuzuführen Verwaltungen aller Art haben die Entfernung und den Abtransport selbst durchzuführen. Für die Entfernung von Gittern usw., die sich in privatem Besitz befinden, können ortsansässige Handwerker (Schlosser, Schmiede oder dergl), sowie besonders zusammengestellte Montagetrupps als Pflichtarbeiter eingesetzt werden

Soweit für die zu entfernenden Eisenteile Ersatz notwendig ist, hat sich die zuständige Bauverwaltung sofort anordnend, helfend und beratend einzusetzen

Jeder baufällige Balkon, deren ich eine ganze Anzahl bereits festgestelt habe, ist bei dieser Gelegenheit baupolizeilich zu sperren bezw. ganz entfernen zu lassen.

Eine Ersatzbeschaffung für die Balkongitter an jüdischen Häusern oder Wohnungen hat vorerst zu unterbleiben. Nach Entfernung der Eisengitter sind diese Balkons zu sperren Juden wird die Benutzung von Balkons bis auf weiteres untersagt.

3 Für jeden gewerblichen Betrieb ist von dem Leiter eine Vertrauensperson zu bestimmen, die alles alte Eisen, auch unbrauchbare Maschinen und Betriebseinrichtungen, zu erfassen und den Sammelplätzen zuzuführen hat.

4 In zerstörten Häusern, Fabrikanlagen usw. sind alle Eisenteile zu entfernen bezw. zu sammeln und abzuführen.

5. Schliesslich sind alle herrenlos herumliegenden Eisenteile der Schrottsammlung zuzuführen, wozu unter Umständen auch die Schulkinder herangezogen werden können.

Die ganze Schrottsammelaktion muss bis zum 1. Juli 1940 abgeschlossen sein.

Der Bürgermeister
Ing. A. WALAWSKI.

Zarząd Miejski
w Białej Podl.

Biala Podlaska, dnia 19. 6. 1940 r.

OGŁOSZENIE.

Na podstawie zarządzenia Pana Kreishauptmanna z dnia 17. 6. 40. odnośnie zbiórki starego żelaza — Zarząd Miejski niniejszym podaje do wiadomości mieszkańców m. Białej Podlaskiej — co następuje:

1· Każdy właściciel lub administrator domu, zakładu rolniczego winien natychmiast zebrać wszelkie zbyteczne żelazo, znajdujące się na terenie jego posesji i dostarczyć do miejsca zbiórki, które znajduje sią na dworcu kolejowym w Białej Podlaskiej naprzeciwko wieży ciśnień.

2. Wszystkie żelazne ogrodzenia, parkany, bramy i t.p., z wyłączeniem ogrodzeń kościołów i cmentarzy, wszystkie żelazne balkony, słupy z tablicami (drogowskazy) oraz inne słupy i maszty, płyty ściekowe i wogóle wszystkie zbyteczne przedmioty żelazne, które można zastąpić innym materiałem (drzewem, betonem i t.p.) właściciel albo dzierżawca winien usunąć lub kazać usunąć i dostarczyć do miejsca zbiórki wyżej wskazanego. Do usunięcia krat i t.p. urządzeń żelaznych, znajdujących sie w prywatnym posiadaniu, mogą być pociągnięci miejscowi rzemieślnicy (ślusarze, kowale i inni), jako specjalnie złożone grupy monterskie.

O ile okaże się konieczność zastąpienia usuniętych części żelaznych innymi, Wydział Budowlany będzie służył pomocą i radą.

Każdy zniszczony balkon winien być natychmiast usunięty.

Narazie nie zaleca się zastąpienia innym materiałem balkonów w domach i mieszkaniach żydowskich. Po usunięciu z tych balkonów ogrodzeń zostaną one zamknięte Żydom zakazuje się używania nadal balkonów.

3. Kierownicy wszystkich zakładów przemysłowych wyznaczą mężów zaufania, którzy zbiorą wszelkie stare żelazo, maszyny i urządzenia i dostarczą do miejsca zbiórki.

4) W zniszczonych domach, fabrykach i t p muszą być usunięte wszystkie części żelazne, następnie zebrane i dostarczone do miejsca zbiórki.

5. W końcu wszystkie bezpańsko leżące części żelazne powinny być dostarczone do miejsca zbiórki, do czego można użyć dzieci szkolnych.

Całkowita akcja zbiórkowa musi być ukończona w terminie do dnia 1 lipca 1940 r.

Burmistrz
Inż. A. WALAWSKI

איסור להשתמש בגזוזטרות.

פאַרבאָט צו באַנוצן באַלקאָנען.

Notice forbidding the use of balconies

צייטנס זיך פֿאַרזאָרגט מיט אַרבעטס־פּלעצער, וואָס זענען דורך דער מאַכט אָנערקענט געוואָרן ווי צוואַנגס־אַרבעט.

די מעליאָראַציע־אַרבעטן זענען געפֿירט געוואָרן אונטער דער לייטונג פֿון דייטשן אינזשעניער גרינענפֿעלד, וועלכער האָט געהאַט זיין שטאַב. די אַרבעטס־צושטעלערס און שומרים איבער די אַרבעטערס זענען געווען די שטורמיסטן, מיט זייערע געהילפֿן — די פֿאָלקס־דייטשן.

יידן האָבן נישט בדעה געהאַט זיך צו מאַטערן אין די לאַגערן, און אָנגעהויבן זוכן וועגן ווי אַזוי זיך אַרויסצוקריגן פֿון זיי. מ'האָט נישט געדאַרפֿט לאַנג זוכן, ווייל יעדער דייטש האָט שוין באַוויזן זיך אָפּצוזוכן אַ יידישן פֿאַרמיטלער, וואָס האָט זיך פֿאַרנומען מיטן באַפֿרייען יידן פֿון די לאַגערן, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ האַנדל מיט די שקלאַפֿן פֿון די לאַגערן. פֿאַרשטייט זיך, אַז נישט יעדערער האָט זיך געקאָנט דערלויבן צו צאָלן אַזאַ הויכן אויסלייז־פּרייז, זענען טאַקע די אָרעמעלייט געבליבן אין די לאַגערן ביזן טיפֿן האַרבסט.

פֿון איין זייט האָבן די שטורמיסטן פֿאַר אַ פּעטער באַלוינונג באַפֿרייט יידן פֿון די לאַגערן, אָבער פֿון דער צווייטער זייט, וועלנדיק פֿאַרווישן די שפּורן פֿון אָט דעם מסחר, האָבן זיי זיך באַמיט אָנצוהאַלטן אַ שטרענגן רעזשים סיי ביי דער אַרבעט און סיי אין די לאַגערן. אין איינעם אַ טאָג איז אַרויס אויף דער לאָנקע דער שטורמיסט שוואַך און אויפֿן אָרט, אָן אַ פֿאַרוואָס, דערשאָסן עטלעכע יידישע אַרבעטערס פֿון מעזריטש.

אין אַ יולי־פֿרימאָרגן 1940 איז די יידישע באַפֿעלקערונג איבערראַשט געוואָרן פֿון אַ גרויסער אָבלאַווע אויף מענער. פֿון אַלע זייטן האָט מען געפֿירט יידישע מענער אין דער ריכטונג צו די קאַזאַרמעס אויף דער אַרטילעריסקער גאַס. ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי מ'וואָלט געפּלאַנט אַרויסצופֿירן אַלע יידישע מענער פֿון שטאָט. די פֿרויען האָבן איבערגעלעבט שעהן פֿון דערשיטערונג און האָבן זיך אַפֿילו נישט געקאָנט באַוועגן, ווייל ס'איז נאָך געווען פֿרי און צוליב דער פּאָליציי־שעה איז פֿאַרווערט געווען אַרויסצוגיין אויף דער גאַס.

ווען מ'האָט אַלע מענער געהאַט פֿאַרזאַמלט אין דער גרויסער גרוב ביים 9טן פּולק, זענען די דייטשן צוגעטראָטן צו דער אַרבעט: דורכפֿירן אַן אָפּקלייב צווישן די פֿאַרזאַמלטע. מ'האָט קאָנטראָלירט יעדנס אַרבעטס־קאַרטע און דעצידירט: אַהיים, אָדער בלייבן אויפֿן אָרט. דער גרעסטער טייל איז באַפֿרייט געוואָרן און די פֿאַרהאַלטענע האָט מען אַוועקגעפֿירט צום באַן, און פֿון דאָרט אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג.

אַזוי ווי אין דער זעלבער נאַכט האָט מען דורכגעפֿירט אַן ענלעכע אָבלאַווע אין די מערסטע שטעט פֿון דער לובלינער וואָיעוודזטווע, איז מען גיך דערגאַנגען, אַז די פֿאַרהאַלטענע האָט מען אָפּגעפֿירט אויף צוואַנגס־אַרבעט קיין בעלזשעץ.

דער ביאַלער יודענראַט האָט נישט געשפּאָרט קיין מי אַרויסצוקריגן די ביאַלער פֿון בעלזשעץ. דאָס איז אָבער געלונגען ערשט נאָך אַ געוויסער צייט. צווישן די יידישע קרבנות, וואָס זענען דאָרט געפֿאַלן בעת דער אַרבעט, האָט זיך אויך געפֿונען דער ביאַלער יוגנטלעכער מאָטל האָפּער.

האַרבסט־צייט 1940 איז דער יודענראַט באַפֿרייט געוואָרן פֿון עול צוצושטעלן אַרבעטערס, ווייל ס'איז געגרינדעט געוואָרן אַן אַרבעטס־אַמט, וואָס האָט זיך פֿאַרנומען מיט דעם ענין.

Bekanntmachung.

Laut Verordnung des Herrn Kreishauptmanns vom 21. 8. 40. gibt die Stadtverwaltung folgendes bekannt

1) Jeder jüdische Haushalt ist verpflichtet, bis zum 1. 9. 1940 sämtliches lose Metall an die unten angeführte Sammelstelle abzuliefern.

2) Jeder polnische Haushalt ist verpflichtet, bis zum 8. 9. 1940. 3 kg. Metall an die unten angeführte Sammelstelle abzuliefern.

Die obige Anordnung verpflichtet nicht die Volksdeutschen und Ukrainer. Sie werden jedoch zur freiwilligen Spende von Metall aufgefordert. Unter Metall rechnet man

Kupfer, Messing, Tombak, Alpakka, Nickel, Blei u. Zinn.

4) Die Metallsammelstelle für die Stadt Biala Podlaska befindet sich im Hof des Rubin, Freiheitsplatz 19, u zwar ab 29. August von 9 bis 17 Uhr.

Zuwiderhandlungen werden streng bestraft.

Vize - Bürgermeister
gez. Fr. Szepanski.

Biala Podlaska, den 28. August 1940.

Ogłoszenie.

Na podstawie zarządzenia Pana Kreishauptmanna z dnia 21. VIII 1940 r. Zarząd Miejski podaje do wiadomości następujące:

1) Do dnia 1. 9. 1940 r. musi każde żydowskie gospodarstwo oddać wszelki metal ruchomy do niżej podanej składnicy zbiorkowej.

2) Do dnia 8. 9. 1940 r. musi każde polskie gospodarstwo domowe odstawić do niżej podanej składnicy po 3 kg. metalu ruchomego.

3) Dla Volksdeutschów i Ukraińców powyższe zarządzenie odpada, lecz takowych wzywa się do dobrowolnej odstawy metalu. Pod nazwą metal rozumie się

miedź, mosiądz, tombak, alpaka, nikiel, ołów i cyna.

4) Składnicą zbiórki metalu dla miasta Białej Podlaskiej jest Biała Podlaska, Plac Wolności 19, w podwórzu Rubina, począwszy od dnia 29-go b. m. w godzinach od 9-ej do 17-ej.

Za opieszałe wykonanie powyższego zarządzenia stosowane będą najsurowsze kary

Vice - Burmistrz
(-) Fr. Szczepański.

Biała Podlaska, dn. 28 sierpnia 1940 r.

מודעה למסור מתכות

מודעה וועגן אָפּגעבן מעטאַלן

Order to deliver up all metals

Abschrift

Aufruf.

Auf Befehl des Obergruppenführers der SS-u-Polizeiführers beim Stabe des Generalgouverneurs für die besetzten polnischen Gebiete vom 20.Januar 1940, haben sich sämtliche Juden - auch getaufte - der Zwangsarbeit zu unterziehen.

Zur Eintragung haben sich alle Männer vom 16.bis zum vollendeten 25.Lebensjahr

s o f o r t

im Lokal Jüdische Gemeinde Pierackiego 8 zu melden.

Sämtliche männlichen Juden vom 12.bis 15.Lebensjahr und vom 25.bis 60.Lebensjahr haben sich sofort im Lokal Pierackiego 8 zu melden.

Alle Erfassungspflichtigen haben ihren Personalausweis, Handwerker ein Verzeichnis der in ihrem Besitz befindlichen Handwerkszeuge, mitzubringen. Fabrikbesitzer müssen die genaue Grösse der Fabrik angeben.

Nichtmeldung zur Registrierung wird mit 10 Jahren Zuchthaus bestraft.

Biala Podl., den 1.März 1940.

Bürgermeister
(-)A.Walawski
Ing.A.Walawski

Za zgodność odpisu

Przewodniczący
Miejskiej Rady Na.odowej
w Bialej-Podlaskiej

מודעה להירשם לעבודת כפיה.

אויפרוף צו רעגיסטרירן זיך צו צוואַנגס־אַרבעט.

Announcement to register for compulsory work.

ווי באַאמטע אין אַרבעטס־אַמט האָבן געאַרבעט די יידן: עמיל וויינבערגער, טוכשניידער, עדעק סלאָבאָדזקי (אַ וואַר־שעווער), דאָבע קרייזלמאַן, לעווי (יצחקס לעוויס אַ זון), כמיעלעווסקי, צימערמאַן (פון סוואָלק) און אַ פריילן פון סע־ראַצק. הגם די באַאמטע זענען געשיקט געוואָרן פון יודענ־ראַט, פון וועמען זיי פלעגן אויך באַקומען זייער באַלוינונג, דאָך האָט דער יודענראַט געהאַט איבער זיי אַ גאַנץ שוואַכע דעה. באַזונדערס שטאַרק אויסגענוצט זיין אַמט האָט דער באַאמטער סלאָבאָדזקי, וועלכער האָט פון די יידן אַרויסגע־צויגן אַ סך געלט.

אָנגעפירט מיטן אַרבעטס־אַמט, וואָס איז געווען באַשטימט בלויז פאַר יידן, האָט דער פאָלקס־דייטש לעמאַן, אַ געוועזע־נער אַרבעטער אין דער שטאָטישער אַעראָפּלאַנען־פאַבריק. יידן פלעגן זאָגן אויף אים, אַז ער איז אַ נישקשהדיקער „ערל". זיין „גוטסקייט" איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט גע־נומען ביי יידן געלט, און דאָס איז שוין ביי יידן געווען אַ מעלה. ער האָט נישט אַרויסגעגעבן קיין יידישע אַרבעטערס, וואָס פלעגן זיך ביי אים פאַרזינדיקן, צו דער געסטאַפּאָ, אָדער צום נאַציישן „זאנדערגעריכט", נייערט ער אַליין פלעגט מקיים־פּסק זיין אויפן אָרט. נישט איין מאָל האָט ער יידישע אַרבע־טערס צעמזיקט ביז בלוט. יידן האָבן דאָס אָנגענומען פאַר ליב, איידער אַריינצופאַלן אין די געסטאַפּאָ־לאַפּעס. גאַנץ אָפט האָט אָט דער לעמאַן צעהרגעט יידן אָן שום סיבה, אָבער יידן האָבן עס אויסגעטייטשט מיט זיין נערוועזקייט, און מיט וועלן ווייזן, אַז דער אַרבעטס־אַמט איז אָן אמתער נאַצי־אַמט.

געווען אַ פאַל ווען עטלעכע יידישע בחורים זענען אַי־בערגעגעבן געוואָרן דער געשטאַפּאָ פאַר נישט פּינקטלעך זיך שטעלן צו דער אַרבעט, און דער „זאנדערגעריכט" האָט זיי פאַרמשפּט אויף יאָרן תּפיסה. צווישן אָט די פאַרמשפּטע האָט זיך געפונען דער יונגערמאַן זיגלמאַן, פון דער גאַרנ־צאַרסקער גאַס.

שפּעטער־צו האָט דער אַרבעטס־אַמט נישט געדאַרפט זיך אָנשטרענגען כדי צו צווינגען די יידן צו אַרבעטן, נאָר פאַר־קערט, די יידן האָבן אַליין געפּאָדערט ביים אַרבעטס־אַמט באַשעפטיקונג, ווייל מ'האָט שוין דעמאָלט געדאַרפט נייטיק האָבן די פּאָר זלאָטעס, וואָס מ'האָט געקאָנט פאַרדינען ביי אָט די אַרבעטן. מ'האָט אויך נישט געוואָלט ביי די דייטשן פיגורירן ווי אַרבעטסלאָזע. בפרט, אַז נאָך אַלע שווערע אַר־בעטס־תּנאים איז די לאַגע נאָך אַלץ געווען אַ סך גינסטיקער ווי אין אַן אַרבעטס־לאַגער. נאָך אַ גאַנצן טאָג אַרבעט און נאָך אַלע באַקומענע קלעפּ ביי דער אַרבעט איז מען דאָך אין אָוונט געקומען צו זיך אַהיים און מ'האָט פאָרט געהאַט אַ וואַרעמע סביבה.

אין דער צייט האָט מען די יידישע אַרבעטערס גענומען צאָלן פאַר דער אַרבעט. אַן אַרבעטער פלעגט פאַרדינען ביי 3—4 זלאָטעס אַ טאָג. אין די סטאָליעריי־פאַבריקן פלעגן די יידישע אַרבעטערס אַרבעטן אַקאָרד און פאַרדינען בערך 10 זלאָטעס אַ טאָג. די קריסטלעכע אַרבעטערס, וואָס האָבן אויך דאָרט געאַרבעט, האָבן בשום אופן נישט געקאָנט אויסאַרבעטן אַזאַ פאַרדינסט. די יידישע סטאָליערס פלעגן נאָך יעדן פאַר־נאַכט מיטבריינגען פון דער אַרבעט זעק מיט האָלץ און פאַר־קויפן אין יידישן קוואַרטאַל. דער פּרייז פון ברויט איז, אין פאַרגלייך צו אַנדערע אַרטיקלען, נאָך געווען אַ ביליקער (פון 75 גראָשן ביז 1 זל. אַ קג.).

די יידן זענען בעיקר געווען באַשעפטיקט ביים מיליטער און ביי דייטשע פירמעס, וואָס האָבן אויסגעפירט פאַרשיידענע אַרבעטן פאַרן מיליטער. צו די פירמעס האָבן געהערט: „בענץ", „מאיער", „זאגער־ווערנער", „סטואַג" און „ציד".

די פירמעס: „בענץ", „מאיער" און „זאגער־ווערנער" האָבן געפירט זייערע אַרבעטן אויפן פלי־פעלד. די באַלוינונג איז אין די פירמעס געווען אַ שוואַכע, אָבער דערפאַר פלעגן די אַרבעטערס דאָרט באַקומען קלעפּ בשפע. באַזונדערס האָט זיך אויסגעצייכנט אויפן געביט פון שלאָגן יידן די פירמע „בענץ". צו דער פירמע פלעגט דער אָנפירער פון אַרבעטס־אַמט, לעמאַן, שיקן די יידן וואָס האָבן זיך ביי אים פאַרזינדיקט.

ביי דער פירמע „ציד" זענען די יידן געווען פאַרנומען מיט אויפשטעלן באַראַקן פאַר דער שוץ־פּאָליציי אויפן יאַנע־

ווער שאָסיי. אויך דאָ איז די באַלוינונג געווען אַ שוואַכע און קיין קלעפּ האָבן נישט געפעלט.

ביי דער פירמע „סטואַג" זענען די יידן געווען באַשעפטיקט מיט רעפּאַרירן די שאָסייען. די אַרבעט איז געווען אַ שווערע און געפערלעכע. די אַרבעטערס פלעגן אַספּאַלטירן די שאָסייען מיט קאָכעדיקער סמאָלע, וואָס פלעגט פון זיך אַרויסגעבן אַזעלכע גאַזן וואָס פלעגן פאַרברענען די פּנימער. צו אָט דער אַרבעט האָט מען די יידישע אַרבעטערס נישט געגעבן קיין שום שוץ־מיטל, און אַ גאָר גרויסער פּראָצענט פון זיי פלעגט מען אין אַ שווערן מצב ברענגען אין יידישן שפּיטאָל.

יידן האָבן אויך געאַרבעט אין די גרויסע אונטערנעמונגען, וואָס האָבן אָנגעהערט צו פאָלקס־דייטשן און צו פּאָליאַקן, ווי: אין טאַרטאַק און סטאָליערײַ פון זאַווידזקי, וואָס האָט זיך געפונען אין הערצל טשאַרנעס טאַרטאַק און אין ראַאַבעס פאַבריק; אין דער סטאָליערײַ פון האַוסשילדן, וואָס האָט זיך געפונען ביי פּיזשיצן אין טאַרטאַק.

זומער 1940, ווען מ'האָט אָנגעהויבן צו נעמען יידן אויף צוואַנגס־אַרבעט און פאַרשיקן זיי אין אַרבעטס־לאַגערן, האָט אַ גרופּע ביאַלער יידן, וועלנדיק זיך פאַרזיכערן מיט אַן אַרבעטס־אָרט, כדי אויסצומיידן די אַרבעטס־לאַגערן, אויפגעשטעלט אויף דער גאַרנצאַרסקער גאַס אַ באַרשטן־פאַבריק, אונטער דער אָנפירונג פון מעזריטשער פאַכמאַן מוניע סוכאַרטשיק. אין אָנהייב האָט דער יודענראַט אָנגעפירט מיט דער פאַבריק, אָבער באַלד האָט זי איבערגענומען דער דייטש וואַנזשורא, אַ שוואָגער פון וויצע־קרייזהויפּטמאַן פריטש.

אָט דער דייטש וואַנזשוראַ האָט אויך איבערגענומען דאָס זייף־פאַבריקל פון שרה געלע גאָלדפעדער אויף דער וואָליע און פאַרוואַנדלט עס אין אַ גרויסער אונטערנעמונג. די פאַכמענישע אָנפירונג האָט זיך געפונען אין די הענט פון יידישן פּליט ביבראָווסקי, און זיין געהילף איז געווען וואָלוויש (וואָלף) ווייצמאַן. זענען אָט די אונטערנעמונגען ווייניק געווען פאַר דעם דייטש, האָט ער רעקווירירט ביידע יידישע דרוקערייען, לובעלטשיקס און האָכמאַנס, און אויפגעשטעלט איין גרויסע דרוקעריי אין דער פּילסודסקי־גאַס.

די ביאַלער יידן זענען געוואָרן „גלייכבאַרעכטיקט" אויפן געביט פון אַרבעט, און אַפילו באַקומען „מלוכה־פּאָסטנס". אַזוי האָבן יידן געאַרבעט אין קרייזהויפּטמאַנשאַפט און אין אַנדערע דייטשע אַמטן, ווי: שליחים, מעכאַניקערס און שאָפערן. ווער שמועסט נאָך פון מיליטערישע אַרבעטס־ערטער? דאָרט האָט מען זיך ממש נישט געקאָנט באַגיין אָן יידן.

נישט געקוקט אויף דעם וואָס דער אַרבעטס־אַמט פלעגט צושטעלן יידישע אַרבעטערס אויף אַלע דייטשע אַרבעטס־ערטער, דאָך פלעגט מען אין די גאַסן כאַפּן יידן צו דער אַרבעט. ס'זענען געווען דייטשן וואָס האָבן זיך פשוט נישט געקאָנט אָפּזאָגן פון תענוג אַרומצוגיין אויף די גאַסן און זיך יאָגן נאָך יידן. אָט די דייטשן האָבן בכלל נישט נויטיק געהאַט די יידן צו דער אַרבעט, נייערט כדי צו איזדעקעווען זיך איבער זיי.

דאָס יאָר 1941

אין אָנהייב 1941 האָבן די דייטשן איינגעאָרדנט אין שטאָט אַ גירוש־רעפּעטיציע. אין אַ ווינטערדיקן פרימאָרגן האָבן זיך זשאַנדאַרמעריע און שוץ־פּאָליציי אַרויסגעלאָזן איבער די גאַסן, אָנגעכאַפּט אַ ביסל יידישע עלטערע מענטשן, פרויען און מענער און זיי אַוועקגעפירט אין דאָרף אָפּאָלע, ביי ראָסאָש. אין עטלעכע טעג אַרום זענען אַלע אַרויסגעפירטע צוריקגעקומען. וואָס די דייטשן זענען אויסן געווען מיט דעם, איז שווער געווען צו פאַרשטיין.

אין יידישן קוואַרטאַל האָט זיך שטאַרק פאַרשפּרייט די מלחמה־קרענק — דער טיפוס. ער האָט געקיניגט אין די יידישע הייזער, ווו ס'האָט געהערשט ענגשאַפט און ווו מ'האָט געלעבט אין שווערע היגיענישע באַדינגונגען. אויך די הייף זענען געווען פאַראומרייניקט, ווייל זיי זענען נישט געווען צוגעפּאַסט מיט זייערע סאַניטאַרע איינריכטונגען פאַר אַזאַ גרויסע צאָל איינוווינערס. די אַסעניזאַציע־אָפּטיילונג ביים יודענראַט האָט נישט געקאָנט אָניאָגן מיטן רוימען.

דער ביאַלער יודענראַט האָט אויך געהאַט אין זיין רשות דעם יידישן שפּיטאָל, וועלכער איז געווען איבערפולט. אין אָנהייב פון דער דייטשער אָקופּאַציע זענען בכלל נישט געווען אין שטאָט קיין יידישע דאָקטוירים, און קריסטלעכע דאָקטוירים איז פאַרווערט געוואָרן אָנצונעמען יידישע קראַנקע. זומער 1940 זענען אָנגעקומען קיין ביאַלע די יידישע דאָקטוירים: ד״ר בערגמאַן (זאָל האָבן געשטאַמט פון קאַטאָוויץ), ד״ר האָכמאַן (אַ פּליט פון דייטשלאַנד, געקומען פון וואַרשע) און ד״ר רובינשטיין (געקומען פון וואַרשע). אין יאָר 1941 איז קיין ביאַלע געקומען דער וואַרשעווער כירורג ד״ר געלבפיש. טעטיק זענען געווען די פעלדשערס: חיים מוסאָוויטש (דער „קאָברינער") און בעריש ווייסמאַן (פון לאָמאַז).

ביים יודענראַט האָט עקסיסטירט אַ הילף־קאָמיטעט אונטערן נאָמען „יידישע סאָציאַלע זעלבסטהילף", וואָס פלעגט אויך באַקומען סובסידיעס פון יידישן רעגיאָנאַלן הילפס־קאָמיטעט אין לובלין. בראש פון דעם קאָמיטעט איז געשטאַנען משה ראָדזינעק. דער קאָמיטעט האָט זיך באַמיט צו לינדערן די נויט פון די אָרעמע דורך אַרויסגעבן מיטאָגן און פונאַנדערטיילן אומזיסטע מעדיצינישע הילף. צו קליין זענען אָבער געווען די פינאַנציעלע מיטלען פון קאָמיטעט, אַז ער זאָל קאָנען באַפרידיקן די נויטן אויף דער יידישער גאַס. דער קאָמיטעט האָט זיך געפונען אויף דער גראַבאַנאָווער גאַס, אין הויז פון יעקב קאָרנבלום. די קאָמיטעט־קיך איז געווען טעטיק אין דער פריערדיקער בעקעריי פון יצחק פּאָגעל, אויף דער פּראָסטער־גאַס.

אין פרילינג 1941 האָבן די דייטשן אָנגעהויבן איילנדיק צו בויען אין ביאַלע און אַרום דער שטאָט מיליטערישע אָביעקטן, און דער עיקר פלי־באַזעס. ביי אַלע אַרבעטן זענען געווען באַשעפטיקט יידן און זייער לאַגע איז דאָס מאָל געווען גינסטיקער ווי מיט אַ יאָר צוריק אין די אַרבעטס־לאַגערן. פאַר דער באַפעלקערונג איז קלאָר געוואָרן, אַז דאָס גרייטן זיך די דייטשן צו אַ שפּרונג אויף מזרח.

אינמיטן גאַנג פון די מלחמה־הכנות האָט זיך ווידער אַ שאָט געטאָן אַ בינטל גזירות אויף יידן, פון וועלכע מיר וועלן דאָ אויסרעכענען נאָר עטלעכע פון זיי.

יידן איז פאַרווערט געוואָרן צו פאַרלאָזן זייערע וווינ־ערטער. קריסטן איז פאַרווערט געוואָרן אַריינצולאָזן יידן אין זייערע הייזער און בכלל אָנצוהאַלטן אַוועלכן ס'איז קאָנטאַקט מיט יידן. דאָס איז מאָטיווירט געוואָרן מיט דעם, אַז די יידן זענען פאַרלייזיקט און דורך דעם ווערן זיי די פאַרשפרייטערס פון טיפוס.

יידן איז פאַרווערט געוואָרן צו פאָרן מיט דראָזשקעס און מיט פערד־און־וואָגן.

אַלע יידישע אומבאַוועגלעכע גיטער זענען קאָנפיסקירט געוואָרן און דאָס דירה־געלט האָבן די יידן געדאַרפט איבער־געבן אין דער אפּוטרופּסות־שטעלע, וואָס איז צו דעם צוועק אָרגאַניזירט געוואָרן. אפילו די אייגנטימערס פון די הייזער זענען מחויב געווען צו צאָלן דירה־געלט פאַר זייערע דירות. די אפּוטרופּסות־שטעלע האָט איינגעקאַסירט נאָרמאַל דאָס דירה־געלט און די יידן האָבן געדאַרפט אויף זייער אייגענעם חשבון רעמאָנטירן די דירות און ריי־ניקן די גאַסן און הייף.

דאָס קאָנפיסקאַציע־געזעץ איז אויך גילטיק געווען אויף די בתי־מדרשים און שול. אַזוי ווי אין די ערטער האָבן גע־וווינט היימלאָזע, האָט דער יודענראַט געמוזט פאַר זיי צאָלן דירה־געלט. דער יודענראַט האָט זיך געוואַגט אַראָפּצורעכענען פון דירה־געלט די הוצאות וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיטן רייניקן די קלאָזעטן לעבן דער שול. פאַר אַזאַ געוואַגטקייט האָט דער יודענראַט־פאַרשטייער יעקב אהרן ראָזנבוים באַקו־מען פעטש פון אַ דייטשן קאָנטראָלער, וואָס איז וועגן דעם ענין ספּעציעל געקומען פון לובלין. דער יודענראַט האָט זיך אָבער פאַרעקשנט און ווייטער אַראָפּגערעכנט אָט די הוצאות.

צווישן די פרישע אַנטי־יידישע גזירות האָט זיך אויך געפונען אַ פאַראָרדענונג צו צאָלן די יידישע אַרבעטערס מיט 20 פּראָצענט ווייניקער ווי די קריסטלעכע. די פאַרדינסטן פון די יידישע אַרבעטערס האָבן זיך פאַרקלענערט און דער יקרות איז געוואָקסן. אַ קג. ברויט האָט שוין איצט געקאָסט 6 זלאָ־טעס, און צייטנווייז איז דער פּרייז דערגאַנגען ביז 8 זלאָטעס.

נאָך פסח איז די שטאָט פאַרפלייצט געוואָרן מיט דייטשיש מיליטער, וואָס האָט געהאַלטן אין איין שטראָמען אויף מזרח. מ'האָט געזען, אַז די לעצטע צוגרייטונגען צום נייעם בלוט־טיקן געראַנגל ווערן פאַרענדיקט. ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז די מלחמה צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד שטייט אויף דער שוועל. אָט די מלחמה־שטימונג האָט ביי די שטאָטישע יידן אַרויסגערופן אַ האָפענונג, אַז די מלחמה צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד וועט צוציילן היטלערס סוף, הגם מ'האָט געצי־טערט פאַרן פרישן בלוטיקן אויפברויז. דערווייל זענען די פּרייזן פון אַלע סחורות שטאַרק געשטיגן. דער פּרייז פון ברויט איז אין די טעג דערגאַנגען ביז 12 זלאָטעס אַ קג.

שבת־צונאַכטס, דעם 21סטן יוני 1941, נאָך האַלבער נאַכט, איז די דייטשע אַרמיי אַריבער די רוסישע גרענעץ און גענו־מען שפּאַרן אויף מזרח. די האָפענונגען פון די יידן זענען גיך צערונען געוואָרן און ס'האָט זיך געשטאַרקט דער פחד פאַר דעם מאָרגן.

אין די ערשטע וואָכן פון דער מלחמה צווישן דייטש־לאַנד און רוסלאַנד, פלעגט מען כסדר ברענגען קיין ביאַלע רוסישע קריגס־געפאַנגענע. בעתן דורכפירן זיי דורך די גאַסן פלעגן די געפאַנגענע בעטן אַ שטיקל ברויט אָדער שוועבע־לעך. קיינער פלעגט אָבער נישט דערפילן זייער בקשה, ווייל פאַר געבן אַ שטיקל ברויט האָבן שוין יידן זייער טייער

Stadtverwaltung
Biala Podlaska.

Biala Podlaska, den 10. 6. 1941.

Bekanntmachung

Den Einwohnern gebe ich eine Anordnung des Herrn Kreishauptmanns vom 6. 6. 1941 folgenden Inhalts bekannt:

Die Flecktyphuserkrankungen auf dem Stadt- und Kreisgebiete Biala Podlaska sind in letzterer Zeit beträchtlich angestiegen. Zur weiteren Verhütung von Erkrankungen gebe ich folgendes bekannt und ordne an:

1) Flecktyphus wird gewöhnlich durch Läuse, sogar verendete übertragen und ist fast ausschliesslich unter den Juden verbreitet.

Ich verbiete daher der arischen Bevölkerung mit Juden zu übernachten und die jüdischen Häuser zu betreten. Mit Juden darf keinerlei Handel getrieben werden. Dasselbe gilt für den Verkehr mit Zigeunern und anderen Vagabunden.

2) Die Läuse als Typhusüberträger sind mit allen Mitteln zu bekämpfen: häufiges Waschen, Reinbehaltung der Wohnungen und Bettwäsche, kurzes Haarschneiden usw.

3) Jeder Fall der Erkrankung mit Fieber ist unverzüglich dem nächsten Arzt (event. der städt. Fürsorge die die Meldung weiterleitet) zu melden.

4) Alle Anweisungen des Arztes bezw. Desinfektions sind genau zu beachten. Jede Berührung mit Angehörigen des Kranken ist zu vermeiden.

5) Die Sterblichkeit bei Typhuskranken im vorgerückten Alter ist sehr gross. **Läusebekämpfung und Vermeidung des Verkehrs mit Juden verringert erheblich die Erkrankungsgefahr.**

Bürgermeister
Ing. A. Walawski

Zarząd Miejski
Biała Podlaska.

Biała Podlaska, dnia 10. 6. 1941 r.

Ogłoszenie

Podaję do wiadomości ludności zarządzenie Pana Kreishauptmanna z dnia 6. 6. 1941 r. treści jak niżej:

Wobec znacznego wzmożenia się zachorowań na dur plamisty na terenie powiatu i miasta, w celu przeciwdziałania szerzeniu się epidemii wyjaśnia się i poleca się co następuje:

1) Tyfus plamisty jest przenoszony wyłącznie przez wesz, nawet zdechłą i dotychczas niemal wyłącznie szerzy się wśród żydów.

Zabrania się przeto ludności aryjskiej wszelkiej styczności z żydami, nie wolno przyjmować do mieszkań na noclegi żydów, nie wstępować do pomieszczeń żydowskich. Tak samo należy postępować z cyganami i innymi podróżującymi.

2) Należy niszczyć wszy jako roznosicielki tyfusu, wszelkimi sposobami, a więc przez częste mycie się, utrzymywanie mieszkań w czystości, zarówno bielizny, pościeli oraz strzyc często włosy.

3) O każdym wypadku zachorowania z gorączką niezwłocznie powiadomić lekarza względnie Wydział Opieki Społecznej i Zdrowia Zarządu Miejskiego (ul. Pocztowa), który zawiadomi lekarza.

4) Należy ściśle przestrzegać wskazówek udzielonych przez lekarza i dezynfektorów, bezwzględnie unikać wszelkiej styczności przez domowników chorego z innymi.

5) Śmiertelność u chorych na tyfus jest bardzo duża, szczególnie w starszym wieku. **Przez dokładne niszczenie wszy i unikanie styczności z chorymi, unika się wypadków ciężkiego zachorowania.**

Burmistrz
Inż. A. Walawski

מודעה על טיפוס הבהרות הנפוץ בעיקר בין יהודים.

מודעה וועגן פלעק־טיפוס־קראַנקהייטן, וואָס זענען בעיקר פאַרשפּרייט צווישן יידן.

Notice about petechial-typhus epidemic mainly among Jews.

באַצאַלט. משה גאָנסקי און עקיבא יורבערג זענען אַרעסטירט געוואָרן פאַר דערלאַנגען אַ שטיקל ברויט די געפאַנגענע, אָפּגעטראַנספּאָרטירט געוואָרן אין לאַגער אַשוויענטשים, ווו זיי זענען אומגעבראַכט געוואָרן. פאַרן זעלבן חטא האָט מען אַרעסטירט אויך די פּוילישע ביערנאַצקאַ, אָבער ס׳איז געלונגען איר אַרויסצוקריגן פון די נאַצי־נעגל.

די רוסישע קריגס־געפאַנגענע זענען שרעקלעך טראַקטירט געוואָרן אין דער דייטשער געפאַנגענשאַפט. גרויזאַם איז אָבער געווען דער גורל פון די יידיש־רוסישע מלחמה־געפאַנגענע. די דייטשע מאַכטהאָבערס האָבן זיך געגעבן די גרעסטע מי צו אַנטדעקן די יידן צווישן די געפאַנגענע און זיי צו פאַרניכטן.

ווען ביאַלער יידן האָבן איינמאָל געאַרבעט ביים פאַרריכטן דעם בריסקער שאָסיי, איז דורכגעפאָרן אַ משא־אויטאָ מיט רוסישע מלחמה־געפאַנגענע. דערזעענדיק די אַרבעטערס האָבן זיי אָנגעהויבן צו שרייען. פלוצעם האָט איינער אָנגעהויבן שרייען אין יידיש: — חברים! מ׳פירט אונדז שיסן! די יידישע אַרבעטערס האָבן אינעם שרייער דערקאָנט דעם זון פון שוסטער גאָלדבערג, פון יאַנעווער גאַס.


אין האַרבסט איז ביים יודענראַט אָרגאַניזירט געוואָרן, אויפן באַפעל פון דער קרייזהויפּטמאַנשאַפט, דער אַזוי־גערופענער יידישער אָרדענונגס־דינסט, וועלכן מ׳האָט מלביש ערומים געווען מיט היטלען לויטן מוסטער פון געטאָ־וואַרשע. די אויפגאַבע פון דער יידישער פּאָליציי איז באַשטאַנען אין: האַלטן אָרדענונג אין יידישן קוואַרטאַל, וואָס האָט זיך בעיקר אויסגעדריקט אין נישט לאָזן שפּאַצירן אויף דער גראַבאַנאָווער גאַס, וואָס איז געוואָרן די צענטראַל־גאַס אין קוואַרטאַל; צושטעלן אין אַרבעטס־אַמט די יידן, וואָס פלעגן זיך נישט איילן מיטן גיין צו דער אַרבעט; אַכטונג געבן אויפן סאַניטאַרן מצב אין קוואַרטאַל. שפּעטער־צו, ווען ביים יודענראַט איז געמאַכט געוואָרן אַ „קאַזע", צו האַלטן דאָרט אַרעסטירטע ווידערשפּעניקע שטייער־צאָלערס, האָט דער אָרדענונגס־דינסט זיך פאַרנומען מיטן אַרעסטירן די פאַרשולדיקטע און מיטן היטן די „קאַזע", אַז די יידן זאָלן פון איר נישט מאַכן קיין „ויברח".

צום אָרדענונגס־דינסט האָבן געהערט: יעקב גאָלדשטיין (קאָמענדאַנט), הינך ביאַלער, אשר ראָזנצווייג, מאָטל פינקלשטיין, משה פרעטער, חיים פרידמאַן, פישל לעבנבערג, יעקב טאָקאַרסקי, לייבזאָן און חנן (אַ רימער פון דער וואָליע). סעקרעטאַר איז געווען מ. הערצמאַן (געוועזענער בוכהאַלטער אין ראַאַבעס פאַבריק). נאָכן דערשיסן דעם קאָמענדאַנט גאָלדשטיין אין זומער 1942, איז אויף זיין אָרט באַשטימט געוואָרן דער פליט פון סוואַלק, צימערמאַן.

אין האַרבסט איז לויט אַ פאַראָרדענונג פון דער מאַכט איבערגעטראָגן געוואָרן די ביוראָ פון יודענראַט פון דער בריסקער גאַס אויף דער גראַבאַנאָווער גאַס, אין הויז פון יעקב קאָרנבלום. דאָס איז געטאָן געוואָרן מיט דער כוונה צו באַזייטיקן די ווייניקע יידן וואָס האָבן נאָך געוווינט אויסער די אָנגעמערקטע גרענעצן פון יידישן רעוויר.

אין איינעם אַ נאָוועמבער־טאָג, דאָנערשטיק, האָט זיך אַרייסגעלאָזט די שוץ־פּאָליציי אויפן וואַרשעווער שאָסיי צווישן ביאַלע און מעזריטש און דערשאָסן יעדן אָנגעטראָפענעם ייד. צווישן די הרוגים האָט זיך געפונען דער ביאַלער מעל־סוחר בערל זשעלאַזאָ, פון דער גראַבאַנאָווער גאַס. דאָס האָט מען זיך, ווייזט אויס, דערמאָנט אָן דער פאַראָרדענונג וואָס האָט פאַרווערט יידן צו פאַרלאָזן זייערע וווין־ערטער.

און ווי קאָן דער ייד בלייבן זיצן אין דער היים און זיך צוקוקן ווי זיין פאַמיליע גייט אויס פון הונגער? האָט מען טאַקע נישט געקוקט אויף אַלע געפאַרן און זיך געלאָזט אין וועג, ווו ס׳האָט אָפט דערגרייכט די קויל און מ׳איז שוין מער



Biala Podlaska den 15.1.1941

BEKANNTMACHUNG.

Seit dem 1 September 1940 besteht im Nebengebäude der Kreishauptmannschaft in Biala Podlaska eine Grundstücksverwaltungsstelle der Treuhandaussenstelle in Lublin

Diese Grundstücksverwaltungsstelle verwaltet den gesamten jüdischen und herrenlosen Grundstücksbesitz in der Stadt Biala Podlaska, sowie im Kreise Biala Podlaska

Die gesundheitliche und bautechnische Betreuung der oben aufgeführten Grundstücke wird von der Grundstücksverwaltungsstelle bei der Kreishauptmannschaft in Biala Podlaska der Treuhandaussenstelle in Lublin überwacht und durchgeführt. Selbstständige bautechnische Veränderungen sind daher mit dem Tage der Übernahme verboten. Etwa im Angriff befindliche Bauarbeiten sind einzustellen. Für die ordnungsmässige Verwaltung und Betreuung der gedachten Grundstücke werden von mir Bezirksverwalter eingesetzt. Diese sind auch u.a. zum Einkassieren der Miete berechtigt. Die Bezirksverwalter weisen sich durch einen amtlichen Lichtbildausweis meiner Dienststelle aus. Diese sind angewiesen diesen Ausweis auf Verlangen des Mieters vorzuzeigen.

Ich ordne daher gemäss § 1 der Verordnung über das Verwaltungsstrafverfahren im Generalgouvernement vom 13 September 1940 veröffentlicht im Verordnungsblatt Teil I Seite 300/01 folgendes an

1) Der gesamte jüdische und herrenlose Grundstückbesitz in der Stadt Biala Podlaska und im Kreise Biala Podlaska wird von der Grundstücksverwaltungsstelle bei der Kreishauptmannschaft in Biala Podlaska der Treuhandaussenstelle in Lublin ab 1 September 1940 übernommen und verwaltet

2) Die Wohnungsmiete ist von der Mietern an die von mir eingesetzten und bevollmächtigten Bezirksverwalter bis zum 15. jeden Monats im Voraus zu zahlen. [illegible]

3) Jeder Mieter ist verpflichtet die Wohnung in gutem Zustand zu erhalten. Etwa erforderliche Ausbesserungskosten hat der Mieter selbst zu tragen

4) Jeder Tausch von Wohnungen untereinander ohne Genehmigung der Grundstücksverwaltungsstelle ist **verboten**

5) Alle Eigentümer des jüdischen Grundbesitzes in der Stadt Biala Podlaska die bis zum 31.1.1941 eine Beschlagnahmeverfügung nicht erhalten haben, melden sich persönlich bei der Grundstücksverwaltungsstelle bei der Kreishauptmannschaft in Biala Podlaska und haben gleichzeitig die erforderlichen Akten für das zu erlassende Grundstück mitzubringen

6) In der gleichen Zeit haben auch alle Kuratoren oder Verwalter polnischer und jüdischer Grundstücke (bebaut und unbebaut) diese anzumelden, deren Besitzer sich seit dem 1.9.1939 ausserhalb der Grenzen des Generalgouvernements oder des Deutschen Reiches aufhalten

7) Die Anordnung hat rückwirkende Kraft

Zuwiderhandlungen gegen diese Anordnung werden gemäss § 2 der Verordnung über das Verwaltungsstrafverfahren im Generalgouvernement mit einer Geldstrafe bis 1000 Zl oder im Nichtbeitreibungsfalle mit einer Haftstrafe bis zu 3 Monaten geahndet

Der Kreishauptmann
(-) Kühl.

Biala Podlaska dn. 15.1.1941

ROZPORZĄDZENIE.

Z dniem 1.9.1940 r. przy Starostwie w Białej Podlaskiej został utworzony Zarząd Nieruchomości Wydział w Lublinie. Zarząd ten zarządza wszystkimi nieruchomościami żydowskimi i bezpańskimi w mieście Biała Podlaska i w powiecie bialskim

Stan zdrowotny i techniczno-budowlany wspomnianych nieruchomości zostaje pod opieką Zarządu Nieruchomości przy Starostwie w Białej Podlaskiej. Samowolne zmiany budowlano-techniczne są z dniem objęcia **wzbronione**. Rozpoczęte prace budowlane należy wstrzymać

Dla zarządu i opieki nad wyżej wspomnianymi nieruchomościami będą wyznaczeni Rejonowi Zarządcy. Ci będą inkasować czynsze na podstawie wydanych przeze mnie upoważnień z fotografią, zaopatrzonych moją pieczęcią. Dowody te przedstawią na żądanie lokatora

Zarządzam przeto według § 1 Rozporządzenia o stosowaniu kary administracyjnej dla Generalnej Guberni z dnia 13.9.1940 r. Dz. U. Cz. I strona 300/01 co następuje

1) Wszystkie nieruchomości żydowskie i bezpańskie w mieście Białej Podlaskiej i w powiecie bialskim zostają przejęte z dniem 1.9.1940 r. przez Zarząd Nieruchomości Wydział w Lublinie

2) Czynsz mieszkaniowy musi być wpłacony co dnia 15 każdego miesiąca na ręce upoważnionego Zarządcy Rejonowego. [illegible] Podwyższanie lub obniżanie czynszu jest niedozwolone

3) Każdy lokator jest obowiązany utrzymać mieszkanie w należytym stanie użytkowania. Wszelkie koszta remontu ponosi lokator

4) Każda zmiana mieszkań między sobą bez zezwolenia Zarządu Nieruchomości jest **niedozwolona**

5) Wszyscy właściciele nieruchomości żydowskich w Białej Podlaskiej, którzy do dnia 31.1.1941 r. nie otrzymali zarządzenia o konfiskacie ich nieruchomości, zgłoszą się osobiście do Zarządu Nieruchomości przy Starostwie Bialskim przynosząc ze sobą niezbędne dokumenty dotyczące tych nieruchomości

6) W tym samym czasie zgłoszą się wszyscy Kuratorzy i zarządcy nieruchomości tak polskich jak i żydowskich (zabudowanych i niezabudowanych), których właściciele od 1.9.1939 r. opuścili granice Generalnego Gubernatorstwa lub Rzeszy

7) Zarządzenie ma moc obowiązującą z dniem 1.9.1940 r.

Niedostosowanie do tego zarządzenia będzie karane według § 2 Rozporządzenia o przeprowadzeniu i stosowaniu kary administracyjnej w Generalnej Guberni kwotą do 1000 złotych lub aresztem do 3 miesięcy

Starosta Powiatowy
(-) Kühl.

הפקעת נכסי דלא ניידי

קאָנפיסקאַציע פון די אומבאַוועגלעכע פאַרמעגנס

Confiscation of immovable property

קיינמאָל נישט אַהיימגעקומען. יידישע הייזער האָבן זיך גע־טרונקען אין טרויער און טרערן.

ערב ווייַנאַכטן זענען די פאָרשטייערס פון יודענראַט גע־רופן געוואָרן צו דער קרייזהויפּטמאַנשאַפט, ווו מ׳האָט זיי איבערגעגעבן אַ באַפעל אויפצוזאַמלען פון דער יידישער באַפעלקערונג דאָס גאַנצע פוטערוואַרג. דער יודענראַט האָט וועגן דעם באַפעל געמאָלדן דער יידישער באַפעלקערונג, און די ביוראָ פון יודענראַט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּור־טער־לאַגער. נישט אַלע יידן האָבן זיך געאיילט מיטן איבער־געבן זייערע פוטערס אין דייטשע הענט און זיי האָבן ליבערשט זיי פאַרברענט אָדער פאַרניכטעט אויף אַן אַנדער אופן, הגם ס׳האָט געדראָט דערפאַר טויט־שטראָף.

אַ פּאָר טעג נאָכן אָפּלויף פון טערמין צוצושטעלן דאָס פוטערוואַרג האָט זיך די שוץ־פּאָליציי אַרויסגעלאָזט אויף אַ יידן־אָבלאַווע. ס׳זענען פאַרהאַלטן געוואָרן מענער און פרויען און מ׳האָט זיי אָפּגעפירט אין דער שוץ־פּאָליציי. פון די ערשטע באַפרייטע יידן איז מען געוווּיר געוואָרן, אַז דאָס זוכט די שוץ־פּאָליציי פוטערוואַרג ביי יידן. די אָבלאַווע האָט פאַראורזאַכט אַ יידישן קרבן: די שוץ־פּאָליציי האָט ביי אַ ייד, משמעות אַן אומנאָרמאַלער, אַנטדעקט אונטערן מאַנטל אַ פוטערל און ער איז דערשאָסן געוואָרן.

קיין ביאַלע זענען דערגאַנגען קלאַנגען, אַז די יידן אין די אָקופּירטע מזרח־געביטן פון אַמאָליקן פּוילן, ווערן דורך די נאַציס געפּייניקט און אומגעבראַכט. און אַז צווישן די קרבנות געפינען זיך ביאַלער יידן, וואָס זענען אין יאָר 1939 אַנטלאָפן פון זייערע היימען און זיך גערעכנט פאַר געראַטעוועטע פון די נאַצי־נעגל. פון דער צוריקגעקומענער פון סלאָנים פרוי שרה כהן (פון דער היים פּרעטער), איז מען געוווּיר געוואָרן וועגן דער מוראדיקער שחיטה, וואָס די דייטשן האָבן דאָרט געמאַכט אויף דער יידישער באַפעלקערונג. צווישן די אומגעבראַכטע אין דער שחיטה האָבן זיך געפונען עטלעכע ביאַלער, וואָס זענען אַהין אַוועק אין 1939, ווי: משה אָרלאַנסקי מיט זיין פרוי און קינד, שרה כהנס מאַן א״אַ.

פול איז געווען די שטאָט מיט דייטשע אַמטן און די אַלע האָבן זיך מטפל געווען מיט יידן. ווייַ איז געווען צום ייד, מיט וועלכן אָט די אַמטן האָבן זיך פאַראינטערעסירט.

אויף דער פּילסודסקי־גאַס (מעזריטשער) האָט זיך געפונען אַן אָפּטיילונג פון דער ס״ד (זיכערהייטס־דינסט), מיט וועל־כער ס׳האָבן אָנגעפירט די ס״ס־לייט גערמאַן און גלעט. חוץ די מתנות וואָס די אָפּטיילונג פלעגט פאָדערן פון יודענראַט האָט זי אויך פאַרלאַנגט פון יודענראַט באַריכטן וועגן וואָס די יידישע באַפעלקערונג טראַכט און רעדט. דער יודענראַט האָט זיך נישט געאיילט מיטן צושטעלן אַזעלכע באַריכטן. איינמאָל, ווען די ס״ס־לייט זענען געוואָרן צודרינגלעך אין דעם ענין, האָט זיי דער יודענראַט איבערגעגעבן אַ באַריכט, אין וועלכן ס׳איז געווען קורץ געשריבן, אַז די יידישע באַפעלקערונג איז פול מיט זאָרג וועגן אָנקומענדיקן ווינטער, ווי אַזוי זיך צו פאַרזאָרגן מיט קאַרטאָפל, ברענהאָלץ און אַנדערע נויטבאַ־דערפטיקע זאַכן. די ס״ס־לייט דערהערנדיק אַזאַ באַריכט זענען אַריין אין אַ ווילדן גרימצאָרן און אָנגעהויבן שרייען: — די רוסן האָבן אָפּגענומען צוריק מינסק, ווילנע און ריגע, וועגן דעם רעדן די יידן! מיט קלעפּ זענען די יודענראַטלער אַרויסבאַגלייט געוואָרן פון ביוראָ.

אין דער ביאַלער זשאַנדאַרמעריע האָט זיך געפונען אַ פאָלקס־דייטש מיטן נאָמען אַפּעל. אָט דער זשאַנדאַרם איז זיכער אַמאָל געווען אַ פורמאַן ביי אַ ייד, ווייל ער האָט גערעדט אַ גוטן יידיש, כסדר פאַרבראָקט מיט בעל־עגלהשע קללות. די יידן האָבן אים געגעבן אַ צונאָמען „יאַנקל מאָרדע״. האָט זיך אָט דער זשאַנדאַרם פאַרלייגט אויף יידן, און נישט געווען דער טאָג, אַז ער זאָל נישט פּאַקן אַ ייד ביי אַן עבירה און אים נישט צעמזיקן. האָט ער ביי אַ ייד אין שטוב אָנגע־טראָפן אַ שטיקל פלייש, האָט ער אין צימער אָנגעמאַכט דעם אמתן פּאָגראָם. אַלץ צעהאַקט מיט אַ האַק און עס אַרויסגע־וואָרפן דורכן פענצטער, און די שטוביקע צעהרגעט. אַז דער יידישער שוסטער ברוך פריינער, וועלכער איז געווען מיט אים באַפריינדעט, פלעגט אים פרעגן: „אפּעל, וואָס ווילסטו פון אונדז האָבן?״. פלעגט ער ענטפערן: „אַז די כאָליערע ווייסט אייך! האַק און בראָק און ס׳נעמט מיט אייך קיין סוף נישט!״

Abschrift

Der Kreishauptmann
Straßenverkehrsamt

Biala Podlaska, den 1.9.1941

Anordnung.

Betr. Regelung des Droschkenfuhrwesens.

Zur Regelung des Droschkenfuhrwesens erlasse ich nachstehende Anordnung:

1) Alle in den öffentlichen Verkehr zu stellenden Droschken sind dem Straßenverkehrsamt zur Prüfung und Zulassung vorzuführen. Ein Rechtsanspruch auf Zulassung besteht nicht.

2) Für jede zugelassene Droschke wird eine Zulassungsbescheinigung ausgestellt, welche der Fahrer stets bei sich zu führen und auf Verlangen dem Beamten des Verkehrsdienstes vorzuzeigen hat

3) Es werden zwei Standplatze für Droschken im Stadtgebiet Biala Podlaska bestimmt:
   a) Standplatz am Stadtplatz, gegenuber der Polizeiwache;
   b) Standplatz am Bahnhof, gegenüber dem Bahnhofgebäude.

   Andere Plätze dürfen nicht als Standplatze benutzt werden. Die polnische Polizei bestimmt die jeweils erforderliche Anzahl der Droschken für den Fahrdienst am Bahnhofplatz und für den Dienst in den Nachtstunden.

4) Die Fahrpreise regeln sich nach den Tarifsätzen der von mir festgesetzten Droschken-Tarifordnung.

5) Jede Droschke ist durch Aufmalen der zugeteilten Nummer mit weißer Farbe an der äußeren Rückseite kenntlich zu machen.

6) Die Beförderung von Juden ist verboten.

7) Der Genuß alkoholischer Getranke während der Fahrdienstzeit ist untersagt.

8) Jugendliche unter 15 Jahren dürfen mit dem Führen von Droschken nicht beauftragt werden.

9) Unbegründete Ablehnung von Fahrten, insbesondere Deutschen gegenüber, ist unstatthaft.

10) Zuwiderhandlungen gegen diese Anordnungen werden mit Geldstrafe bis zu 1.000 Zl. oder mit Gefängnis bis zu 3 Monaten bestraft. Gleichzeitig kann die Einziehung der Droschke verfügt werden.

11) Diese Anordnung tritt mit dem Tage der Bekanntgabe in Kraft.

Der Kreishauptmann
gez. Kühl.

Za zgodność odpisu

Przewodniczący
Miejskiej Rady Na.odowej
w Bialej-Podlaskiej

איסור להשתמש בכרכרות.
פאַרבאָט צו באַנוצן דראָזשקעס.
Notice forbiding the use of cabs.

ביי דער זשאַנדאַרמעריע איז טעטיק געווען דער פּוילישער פּאָליציי־פּשאָדאָווניק דרוועצקי (געשטאַמט פון פּאָמערן) און ער איז געווען דאָרט אַ גאַנצער יחסן צוליב זיין רעדן דייטש. אָט דער דרוועצקי האָט זיך געהאַט זיינע דרכים אין שאַנטאַזשירן די יידן, וועגן וועלכע ער האָט געוווּסט אַז זיי האַנדלען. ער איז געווען אַ סטאַבילער באַזוכער ביי די יידן, אָבער שווער געווען אָנצוזעטיקן זיין אַפּעטיט מיטן אַוועקגעבן אים פון שענסטן און בעסטן. נאָך אַלעמען פלעגט ער דעם ייד איבערגעבן אין דער זשאַנדאַרמעריע.

געווילדעוועט האָט די ביאַלער שוץ־פּאָליציי, וואָס איז איינגעשטאַנען אויף דער גראַבאַנאָווער גאַס, אין האַרצן ממש פון יידן־קוואַרטאַל. צווישן זיי האָבן זיך מיט אַ באַזונדערער אַכזריות אויסגעצייכנט: איינער אַ פּעטערסאָן (צונאָמען פון די יידן — „געלער מערדער") און אַ צווייטער, מיט אַ גראָבן קאָפּ, וועמען די יידן פלעגן רופן „פּסיל". אויפן נייעם־מאַרק האָט די שוץ־פּאָליציי געהאַט אַ קוזשניע, און ווי איז געווען צום ייד, וועמען אָט די צוויי שוץ־פּאָליציאַנטן פלעגן אַריינקריגן אין אָט דער קוזשניע כלומרשט צו דער אַרבעט. אַזאַ איינער פלעגט לאַנגע וואָכן געדענקען זיין וויזיט דאָרט. אַז מ'האָט די צוויי שוץ־פּאָליציאַנטן באַמערקט פון דער ווייטנס איז די גאַס ליידיק געוואָרן פון מענטשן.

די ביאַלער שוץ־פּאָליציאַנטן פלעגן ביינאַכט אָנפאַלן אויף יידישע הייזער און דאָרט פאַרגוואַלדיקן פרויען. נאָכן אָפּטאָן דעם שאַנדטאַט פלעגן זיי נאָך אויסרויבן די וווינונגען.

ביי דער קרייזהויפּטמאַנשאַפט איז טעטיק געווען אַ ספּעציעלע מיליץ, וואָס איז באַשטאַנען פון פאָלקס־דייטשן און האָט זיך גערופן „זאָנדערדינסט". זייער אָנפירער איז אַ געוויסע צייט געווען איינער אַ גזשימעק, וועלכער האָט די יידן אָנגעטאָן געברענטע צרות. דער „זאנדערדינסט" פלעגט קומען אין יידישן קוואַרטאַל כאַפּן יידן צו דער אַרבעט און דערביי זיי גוט צעשלאָגן.

די אַגענטן פון דער ביאַלער קרימינאַל־פּאָליציי האָבן זיך אויך געגעבן צו פילן די יידן. זיי האָבן געוווּסט וועלכע יידן פאַרנעמען זיך מיט האַנדל און שמוגל און זיי האָבן זיי אומאויפהער שאַנטאַזשירט, אַרויסציענדיק פון זיי ריזן־סומעס און ווערטפולע חפצים. דאָ האָבן זיך אויסגעצייכנט די אַגענטן: קאָנסטאַנטי באַלדיגאַ, וואָלאַנסקי און גאָלענביאָווסקי. באַלדיגאַ איז אויסער אַ שאַנטאַזשיסט, אויך געווען אַ רוצח. ער האָט דאָס ווינטער 1941/2 דערשאָסן די ערשטע צוויי יידן אין שטאָט, דעם סטאָליער ווייסבערג (חנן סטאָליערס זון) און אַ יונגנמאַן פון די געוועזענע פוילישע מזרח־קרעסן.

אויך די פוילישע פּאָליציי האָט כסדר דערמאָנט די יידן אָן זייער עקסיסטענץ. אויך דאָ איז דער ייד געשטאַנען מיט דער קעשענע און געצאָלט, אַז דער פוילישער פּאָליציאַנט זאָל פאַרקוקן און אויפהערן טשעפּען. וועלכער ייד איז דען געווען כשר לגבי דעם דייטשן געזעץ? וואָס האָט דען אַ ייד געמעגט באַזיצן אין שטוב נאָך אַלע קאָנפיסקאַציעס? און אַ פוילישער פּאָליציאַנט האָט גוט געוווּסט ווו אַריינצוקוקן...

די באַאַמטע פון ביאַלער קרייזהויפּטמאַנשאַפט פלעגן כסדר פאַרלאַנגען פון יודענראַט מתנות, וואָס האָבן באַטראָפן גרויסע סומעס. זייער האַלטונג לגבי דעם יודענראַט איז געווען אַ ציניש. זיי פלעגן כסדר פאַרזיכערן אַז מער קיין גזירות וועלן נישט פאָרקומען, אָבער פאַקטיש האָבן זיי אַליין אויסגעאַרבעט און אַרויסגעגעבן אַנטי־יידישע פאַראָרדענונגען. דער יודענראַט האָט גוט געוווּסט וואָס פאַר אַ ווערט ס'האָבן זייערע פאַרזיכערונגען.

פון די אַלע משחיתים איז לסוף שוין צום „דערטרעגלעכסטן" פאַרן איינצלנעם ייד געווען די געסטאַפּאָ. זי האָט נישט געכאַפּט צו דער אַרבעט, זי איז נישט געקומען אין יידישן קוואַרטאַל אַריין שלאָגן יידן. זי איז זיך געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיטן יודענראַט, שיקנדיק אַהין באַשטעלונגען אויף ריזן סומעס, אויספרעסנדיק די לעצטע גראָשנס פון יודענראַט, וואָס איז שטענדיק געווען אַ בעל־חוב. עטלעכע יידישע בעלי־מלאכות זענען געווען פאַרוואָרפן מיט אַרבעט פאַר דער געסטאַפּאָ. מיט דער צייט האָט די געסטאַפּאָ איינגעאָרדנט ביי זיך אַ שניידער־וואַרשטאַט, ווו ס'האָבן סטאַביל געאַרבעט די שניידערס: די ברידער נחמן און יואל זובערמאַן, מאיר רייץ און אהרן וואָלקאָוויצקי. די שטענדיקע שוסטערס פון דער געסטאַפּאָ זענען געווען: ברוך פריינער און נחמיה דאָרפמאַן. די מאַטעריאַלן האָט צוגעשטעלט דער יודענראַט.

אָט די בעלי־מלאכות פלעגן פון צו צייט אויפכאַפּן פון די תלינים אַ ידיעה וועגן יידן, און זי פאַרטרויען צו יחידי־סגולה אין קוואַרטאַל. זיי פלעגן וויסן וועמען מ'האָט געברענגט אין דער געסטאַפּאָ־תפיסה אין ראַאַבעס פאַבריק, אָדער וועמען מ'האָט אַרויסגעפירט צום שיסן אין די גראַבאַרקער און וואָלקער וועלדער.

איינער פון די ערשטע יידישע אַרעסטירטע אין דער געסטאַפּאָ־תפיסה איז געווען דער ביאַלער תושב, דער אַפּטייקער מיכאַש האָפער. די געסטאַפּאָ האָט משמעות אַליין נישט געוווּסט פאַרוואָס זי האַלט אים, אָבער באַפרייען אים האָט זי נישט געוואָלט. האָפער פלעגט אַ גאַנצן טאָג זיין אין שטאָט, אָבער שלאָפן האָט ער געמוזט צוריקקומען אין תפיסה. די געסטאַפּאָ־לייט האָבן אַרויסגעפּרעסט פון האָפערן די ווערטפולסטע חפצים און נאָך לאַנגע חדשים האָבן זיי אים באַפרייט פון תפיסה.

דאס יאר 1942

דערשלאָגענע, רעזיגנירטע און פול מיט אַפּאַטיע האָט די יידישע באַפעלקערונג אַריינגעשפּרייזט אין נייעם יאָר 1942, וואָס איז פאַר זיי געווען דאָס לעצטע יאָר אין זייער געבוירןשטאָט. שווערער זענען געוואָרן די ליידן פאַרן אומקום און אַלץ ענגער האָט זיך פאַרצויגן דער שטריק אַרום האַלדז.

אין אַ ווינטערדיקן פאַרנאַכט האָט מען מודיע געווען דעם יודענראַט, אַז אין דער שוץ־פּאָליציי האָט מען אַריינגעוואָרפן אין קעלער צוויי יידישע יוגנטלעכע, וואָס האָבן דאָרט געאַרבעט .איינער פון זיי איז געווען דער זון פון חנן רייך. אַז דאָס אַריינוואַרפן אין קעלער שמעקט מיט טויט האָט מען שוין דעמאָלט גוט געוווּסט. די יוגנטלעכע זאָלן דאָרט האָבן צעזעגט אַ ברעט, כדי דאָס האָלץ אַהיים צו טראָגן. דאָס האָט

באַמערקט אַ שוץ־פּאָליציאַנט, וועלכער האָט זיי אַריינגעוואָרפן אין קעלער. דער יודענראַט האָט אָנגעהויבן מאַכן באַמיאונגען אַרויסצוקריגן די צוויי בחורים. די שוץ־פּאָליציי האָט פאַר־לאַנגט אַ סומע פון 10 טויזנט זלאָטעס, וואָס איז אַפילו אין יענע צייטן געווען אַ גענוג ערנסטע. די סומע איז דאָך אויף גיך געשאַפן געוואָרן און איז איבערגעגעבן געוואָרן דער שוץ־פּאָליציי. אַרויס אויף דער פריי, איז אָבער נאָר איין בחור, ווייל אין צווישנצייט איז שוין רייך דערשאָסן געוואָרן.

יעדן טאָג פלעגן קומען קריסטן און איבערגעבן וועגן יידישע הרוגים, וואָס זענען געלעגן הינטער דער שטאָט. זיי זענען דערשאָסן געוואָרן דורך דייטשן ביים אָנטרעפן זיי דאָרט. דעם רעקאָרד ביים דורכפירן אָט די עקזעקוציעס, האָט געשלאָגן דער זשאַנדאַרם לעאָן בוש, אַ פאָלקס־דייטש פון פויזנער קאַנט.

אַזוי האָט דער זשאַנדאַרם בוש דערשאָסן צווישן אַנדערע אויף דער וואָליע, לעבן קלויסטער, ליפּטשע (אַדלערשטיין) דער קצבטעס ייִנגל. אין אַ פּאָר וואָכן שפּעטער איז פון זיינער אַ קויל אומגעקומען אויף דער שידלאָסקער גאַס די פרוי פון פּיניעלע בייגל־בעקער, פון דער מעזריטשער גאַס.

אין דער ערשטער וואָך נאָך פּסח האָט מען אַרעסטירט אַ צענדליק יידן, בעיקר אַזעלכע וואָס זענען אַמאָל באַשטראָפט געוואָרן פאַר עובר זיין אויף די נאַצי־געזעצן. נאָכן איבער־נעכטיקן אין פּוילישן פּאָליציי־פּאָסטן, האָט די געסטאַפּאָ אינ־דערפרי זיי אַוועקגעפירט אויפן יאַנעווער שאָסיי און דאָרט זיי דערשאָסן לעבן יידישן בית־הקברות. צווישן די געשאָסענע האָבן זיך געפונען: די קצבים אידל יורבערג און אַדלערשטיין (צביה זיין פרוי), ווי אויך דער סוואַלקער היימלאָזער בערנ־שטיין (אַ ברודער פון פאָטאָגראַף אסיפ בערנשטיין) א״אַ.

אין אַ יוני־אָוונט האָט די פּוילישע פּאָליציי דורכגעפירט אַרעסטן צווישן דער יידישער באַפעלקערונג. די אַרעסטירטע זענען די נאַכט איבערגעזעסן אין פּוילישן פּאָליציי־פּאָסטן און פאַרטאָג האָט זיי די געסטאַפּאָ אַרויסגעפירט אין וועלדער וואַלד און דאָרט דערשאָסן. צווישן די דערשאָסענע זענען דאָס־מאָל געווען: חיים פרידמאַן (צונאָמען „בעזנאָסעק"), נחום טע־נענבוימס איידעם און יעקב גאָלדשטיין, קאָמענדאַנט פון דעם יידישן אָרדענונגס־דינסט, וועלכער איז אַ טאָג פריער אַרעס־טירט געוואָרן דורך דער זשאַנדאַרמעריע.

צווישן די אַרעסטירטע יידן אויפן פּוילישן פּאָליציי־פּאָסטן האָט זיך אויך געפונען דער יוגנטלעכער משה ליכטנבוים (לייבע מעדניקס אַן אייניקל). ער איז אַרעסטירט געוואָרן נאָך בייטאָג, צוליב אַ שאַרפן ענטפער, וואָס ער האָט געגעבן אַ קריסטין, וואָס האָט אים באַליידיקט. זיינע עלטערן האָבן, זעענדיק די פאַרנאַכטיקע אַרעסטן, גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָ פאַרטראָגט זיך אויף אַ פרישער עקזעקוציע. זיי האָבן אָנגע־הויבן מאַכן באַמיאונגען אַרויסצוראַטעווען זייער קינד. ס'איז זיך לייכט פאָרצושטעלן דאָס געמיט פון די עלטערן, וועלכע האָבן געמוזט 7 אַזייגער (פּאָליציי־שעה פאַר יידן) זיך אומ־קערן אַהיים אָן זייער זון. פאַרטאָג זענען זיי אַרויס אין גאַס און געוויר געוואָרן, אַז די נעכטיקע אַרעסטירטע יידן האָט מען טאַקע דערשאָסן, אָבער זייער זון איז געבליבן אויפן פּוילישן פּאָליציי־פּאָסטן. פאַר פרייד האָט די מוטער אָנגעהויבן ספּאַזמירן. משה ליכטנבוים איז געוואָרן אַרעסטירט דורכן רויטן שוץ־פּאָליציאַנט פּעטערסאָן, מיט וועמען ס'האָט זיך גע־קאָנט דער יידישער פּאָליציסט משה פרעטער. ער האָט שוין זיך געבעטן ביים רוצח, אַז ער זאָל באַפרייען ליכטנבוימען, אָבער נישט געקאָנט ביי אים פּועלן. דער זעלבער פּעטערסאָן האָט אָבער, ווייזט אויס, געוואָלט, אַז דער בחור זאָל דורכמאַכן דעם גערעַנגל מיטן טויט, און באַפוילן דער פּוילישער פּאָליציי אַז זי זאָל ביים קומען נעמען די יידן דורך דער געסטאַפּאָ, פאַר־שפּאַרן ליכטנבוימען אין אַ באַזונדער קאַמער. אָט אַזוי האָט דער בחור צוזאַמען מיט די דערשאָסענע יידן דורכגע־מאַכט די לעצטע לעבנס־יסורים פאַרן טויט, נישט אַנענדיק, אַז ער וועט געראַטעוועט ווערן. אָט דער ליכטנבוים האָט עס דערציילט, אַז ס'איז פאַר זיי אַלעמען קלאָר געווען, אַז זיי גייען צום טויט, און זיי האָבן די לעצטע שעהן פאַרבראַכט אויף זאָגן ווידוי.

אין דער זעלבער צייט האָט מען אין וואָלקער וואַלד דער־שאָסן אַ גרופּע יאַנעווער יידן, און צווישן זיי דעם ביאַלער תושב לייבל ראָדזינעק, וועלכער האָט געמאַכט באַמיאונגען צו באַפרייען די יאַנעווער יידן. געזאָלט האָט ראָדזינעקן דערצו העלפן די קריסטין קאָנאָפּקאַ, אָבער אָנשטאָט הילף האָט זי אים אויסגעליפערט אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ.

איז אַוועק אַ סדרה שיסן. אַזוי איז מען געוויר געוואָרן, אַז אַלע יידישע אַרעסטאַנטן אין דער לובלינער תפיסה זענען דערשאָסן געוואָרן. דער דייטשער ציניזם איז אָבער אַזוי ווייט אַוועק, אַז מ'האָט אַפילו נישט אַנולירט די געריכט־פאַרהאַנד־לונגען קעגן אָט די אויסגעמאָרדעטע יידן. אַזוי, למשל, איז אין לובלין פאָרגעקומען אַ געריכט־פאַרהאַנדלונג קעגן ביאַלער תושב נח וויינשטיין (פון דאָרף פּראָשעקי) פאַר פאַרלאָזן זיין וווינאָרט. ער איז בשעתו געוואָרן אַריבערגעפירט פון דער ביאַלער תפיסה קיין לובלין. זיינע צוויי טעכטער האָבן נישט גערוט און אַלץ געטאָן כדי צו ראַטעווען זייער פאָטער. זיי האָבן אַנגאַזשירט דעם באַקאַנטן אַדוואָקאַט האַפּמאַקל־אָסטראָווסקי, וועלכער האָט געהאַט אַ צוטריט צו די דייטשע געריכטן, און דערפאַר געהייסן זיך באַצאָלן ממש לעגענדאַרע סומעס. ביי די געריכט־פאַרהאַנדלונגען איז דער ייד נישט געווען אַנוועזנדיק. מיט פרייד האָבן די טעכטער דערהערט דעם באַפרייאונגס־אורטייל און זיי האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט יעדע מינוט צו דערזען זייער פאָטער. זיי האָבן זיך אָבער נישט געקאָנט דערוואַרטן. ווי דער אַדוואָקאַט האָט זיי דערקלערט, האָט מען זייער פאָטער אַוועקגעשיקט אויף מזרח...

אינמיטן די אַלע צרות האָט דער יודענראַט באַקומען אַ באַפעל פון קרייזהויפּטמאַנשאַפט־רעפערענט ליפּקאוו, צו־נויפצושטעלן אַ רשימה פון קאַנדידאַטן, וואָס ווילן פאָרן קיין ארץ־ישראל און אַמעריקע. קיין מעלדונג וועגן דעם האָט דער יודענראַט נישט פּלאַקאַטירט, נאָר יחידים האָבן וועגן דעם געוווּסט און געמוחט זיך: יאָ פאַרשרייבן אָדער נישט פאַר־שרייבן. אין די קרייזן פון יודענראַט האָט מען זיך באַצויגן מיט אומצוטרוי צום גאַנצן ענין. מ'האָט פּשוט געזאָגט זיך:

די דייטשן וועלן זיך נישט אײַנמישן ברען פֿון דער מלחמה פֿאַרנעמען מיט אַן יידן־עקזאָדוס. בכלל האָבן די יידן נישט שטאַרק ליב געהאַט צו פיגורירן מיט זייערע נעמען אין רשימות וואָס ווערן צוגעשטעלט צו די דייטשן. און אַזוי ווי פֿון דער קרייזהויפּטמאַנשאַפֿט האָט מען נישט געדריקט נאָך דער רשימה, האָט זיך דער יודענראַט געמאַכט אָן דעם פֿאַרגעסן.

דער גרעסטער טייל פֿון דער יידישער באַפעלקערונג האָט זיך מפרנס געווען פֿון אַרבעט. אַ טייל יידישע בעלי־מלאכות האָבן נאָך ווייטער געפירט זייערע וואַרשטאַטן. דאַקעגן איז פֿון דעם אָפיציעלן סוחרטום געבליבן אַ נישטיקער פּראָצענט ביי זיין באַשעפטיקונג. אין יידישן קוואַרטאַל האָבן זיך געפונען ביי 20—25 קרעמלעך, בעיקר אויף דער גראַבאַנאָווער גאַס.

נאַטירלעך, אַז אין יידישן קוואַרטאַל איז אָנגעגאַנגען אַ שמוגל אין ברייטן מאַסשטאַב, כדי אַריינצובאַקומען וואָס מער לעבנסמיטל. יידישע בעלי־מלאכות פלעגן אַרבעטן פֿאַר דייטשן און פֿאַר דער קריסטלעכער באַפעלקערונג און פֿון זיי באַקומען פֿאַרשיידענע פּראָדוקטן. די יידישע אַרבעטערס פלעגן אויך ברענגען פֿאַרשיידענע סחורות פֿון זייערע אַרבעטס־ערטער.

דער עיקר שמוגל־אַרטיקל איז געווען מעל. אָט דעם אַרטיקל פלעגט מען אַריינבאַקומען אין יידישן קוואַרטאַל צוזאַמען מיט דעם מעל, וואָס איז געווען באַשטימט אויף ברויט־קאַרטן. דערביי האָט מען אויך מיטגעשלעפּט פֿאַרשיידענע גרויפּן. פֿון דעם שמוגל האָבן געוווסט די אַגענטן פֿון דער קרימינאַל־פּאָליציי, וועלכע האָבן דערפֿאַר באַקומען שיין באַצאָלט, און במילא אַכטונג געגעבן, אַז דאָס געשעפט זאָל נישט פֿאַרשאָטן ווערן. פֿאַרשטייט זיך, אַז די הוצאות האָבן זייער פֿאַרטייערט דעם פּרייז פֿון ברויט און גרויפּן.

קאַרטאָפל, וואָס איז געווען אַ גאָר וויכטיק שפּייז־אַרטיקל האָט צוגעשטעלט דער יודענראַט, וואָס פלעגט די קאַרטאָפל באַקומען, לויט אַן אָנווייזונג פֿון דער מאַכט, פֿון פּוילישן „ראָלניק", אָבער אויך דאָ האָט מען געדאַרפֿט געבן מתנות.

פלייש פלעגן אַריינשמוגלען די קצבים. דער שמוגל איז אָבער געווען זייער ריזיקאַליש און זיי האָבן נישט געהאַט צו הילף די אַגענטן פֿון דער קרימינאַל־פּאָליציי, נאָר פֿאַרקערט, אָט די אַגענטן פלעגן זיי מוראדיק פֿאַרפאָלגן. די קצבים פלעגן גאַנץ אָפט זייער שלעכט אָפּשניידן. קלאָר דעריבער, אַז פלייש האָט געקאָסט זייער טייער און בלויז אַ קליינער טייל פֿון דער באַפעלקערונג האָט זיך געקאָנט דערלויבן דעם לוקסוס.

דער יידישער אינטעליגענץ, אויסער דאָקטורים, איז אויסגעקומען צו לעבן אין גאָר שווערע באַדינגונגען, ווייל זי האָט פֿאַרלוירן איר עקאָנאָמישע באַזע. דאָס איבערשיכטן זיך איז איר אָנגעקומען נישט לייכט, בפרט, אַז די אומשטעלונג איז פֿאָרגעקומען אונטער דייטשע קלעפּ. פֿון שטוב האָט מען אַלץ אַרויספֿאַרקויפט, וואָס מ'האָט דערוואָרבן במשך פֿון יאָרן אַרבעט. באַזונדערס שווער איז געווען דער מצב פֿון דער פּליטים־אינטעליגענץ, פֿאַר וועמען די סביבה איז לגמרי פֿרעמד געווען. זי האָט אפילו נישט געהאַט קיין קאָנטאַקט מיט די מאַכערס פֿון אַרבעטס־אַמט, וואָס וואָלטן איר געקאָנט דערמעגלעכן דאָס באַקומען אַנטשפּרעכנדיקע אַרבעטס־ערטער.

אין ביאַלע האָט זיך געפונען דער פּיליפּאָווער רב, וועלכער איז געבראַכט געוואָרן צוזאַמען מיט די סוואַלקער יידן. נאָכן טויט פֿון מורה־הוראה משה אוטשען (געשטאָרבן אויף טיפֿוס ווינטער 1940/1) פלעגן די אַלע וואָס האָבן נייטיק געהאַט אַ רב זיך ווענדן צו אָט דעם רב. דער פּיליפּאָווער רב האָט געשמט פֿאַר אַ למדן און איז אויך שטאַרק באַהאַוונט געווען אין וועלטלעך וויסן. נעמענדיק אין אַכט, אַז אין גאַנצן קוואַרטאַל איז נישט געווען קיין איין בית־מדרש, קיין איין קלויז, קיין שום רעליגיעזער מוסד, איז פֿאַרשטענדלעך, אַז דעם רבס השפּעה אויפֿן לעבן אין קוואַרטאַל איז געווען אַ מינימאַלע.

בעת די ימים־נוראים זענען געווען ערטער, ווו ס'האָבן געדאַוונט גרויסע מנינים. ס'זענען אויך געווען אַ גאַנץ יאָר קליינע מנינים אין פּריוואַטע דירות, ווו מ'האָט געדאַוונט דריי מאָל טעגלעך.

קיין קולטורעלע טעטיקייט איז נישט געווען אין יידישן קוואַרטאַל. יעדער איז געווען פֿאַרנומען מיט זיך און נישט געקאָנט פֿאַרטיק ווערן מיט די טאָג־טעגלעכע צרות.

די גרויסע „תרבות"־ביבליאָטעק איז געוואָרן אַריבערגעפירט פֿון פּלאַץ וואָלנאָשטשי אין לאָקאַל פֿון דער קהילה, אין דער בריסקער גאַס. דעם אוצר האָט זאָרגפעליק אָפּגעהיטן דער פּאָרזיצער פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע יעקב אהרן ראָזנבוים. די בונדישע ביבליאָטעק איז אין אָנהייב אַריבערגעפירט געוואָרן אין דער דירה פֿון אליהו האָפּמאַן (בובקעס). ער האָט די ביכער געהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ, אָבער צוליב דער כסדרדיקער וואַקסנדיקער ענגשאַפט אין זיין דירה, האָט ער געמוזט די ביכער אַריבערטראָגן אין שטאַל. אין קוואַרטאַל האָט עקסיסטירט בלויז אַ פּרעבל־שול פֿון דער פרוי ליובע טוכשניידער, אויף דער גראַבאַנאָווער גאַס. די שול האָט כלומרשט געהאַט אַ דערלויבעניש פֿון פּוילישן שול־אינספּעקטאָר.

אַ סך יוגנטלעכע האָבן זיך געלערנט מיט התמדה אין דער היים און זיך געגרייט צוצושטעלן צו עקזאַמענס, ווי נאָר מ'וועט אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך די דייטשע קייטן.

הגם פֿאַר יידן איז פֿאַרווערט געווען צו קויפֿן צייטונגען, דאָך פלעגט מען אַריינבאַקומען אין קוואַרטאַל פּוילישע און דייטשע צייטונגען. די ראַדיאָ־ידיעות, וואָס די דייטשע מאַכט פלעגט איבערגעבן דורכן מעגאַפֿאָן אין מאַרק־סאָד, פלעגן אויפֿכאַפּן קינדערלעך און איבערגעבן זיי אין קוואַרטאַל.

אומלעגאַלע אויסגאַבעס זענען גאַנץ אָפט געקומען אין יידישע הענט, אָבער שווער געווען צו זען אין דעם אָן אָרגאַניזירטע האַנט. פּשוט אַ ייד פלעגט באַקומען אַ בלעטל פֿון אַ באַקאַנטן קריסט און ברענגען עס צו יידן.

ידיעות־באַפּערס

דער קורצער פּראָסטיקער ווינטער־טאָג פלעגט גיך אַריבער. ביינאַכט איז מען געזעסן פֿאַרשפּאַרט אין די הייזער און אויס־

גערעכנט היטלערס מפּלות. אין ביאַלער שטאָטישן גאָרטן האָבן די דייטשן אינסטאַלירט אַ ראַדיאָ־מעגאַפאָן, וואָס פלעגט עטלעכע מאָל אין טאָג אָנגעבן פּאָליטישע ידיעות. ס׳האָט געצויגן צום ראַדיאָ־הילכער, אָבער יידן האָבן מורא געהאַט צו ריזיקירן, ווייל ווען מ׳זאָל אַ ייד כאַפּן ביים הערן ראַדיאָ, וואָלט ער נישט זיכער געווען מיטן לעבן.

אַזוי ווי דער יצר־הרע אויפצוכאַפּן וואָס גיכער די ידיעה וועגן היטלערס מפּלה איז געווען גרויס, איז מען געפאַלן אויף אַן המצאה: מ׳פלעגט שיקן קליינע קינדער צום מעגאַפאָן אויפכאַפּן די עטער־כוואַליעס, און זיי האָבן דאָס דערקוויקט די יידן מיט אַ ידיעה׳לע.

זענען קינדער געשטאַנען אין פּראָסטיקן דרויסן, פון די נעזלעך און אייגעלעך האָט געקאַפּעט, אָבער דאָס קינדערשע מוח׳ל איז אָנגעשטרענגט געווען צו פאַרנעמען וואָס מער נייעס. אַז די ראַדיאָ־אוידיציע האָט זיך געענדיקט און די קינדער זענען צוריקגעקומען אין יידישן קוואַרטאַל, פלעגן זיי שוין אָפּוואַרטן די עלטערע און זיי פאַרשיטן מיט אַ מבול פון פראַגעס. די קינדער האָבן אָבער נישט געוואָלט ענטפערן, ווייל יעדערער פון זיי האָט זיך געהאַט זיין קרייז פון ידיעות־אָפּנעמערס, און פאַר פרעמדע האָט ער נישט געוואָלט דערציילן.

וועגן איינעם אַזאַ קרייז וועלן מיר דאָ דערציילן. צווישן אַנדערע ידיעות־פאַנגערס האָט זיך דאָרט געפונען אויך דאָס קליינע ייִנגעלע נטע אָסנהאָלץ, וואָס האָט זיך ספּעציאַליזירט אין אויפכאַפּן ראַדיאָ־נייעס ביים ראַדיאָ־מעגאַפאָן אין מאַרקסאָד. אַ קינד אין עלטער פון 11—12 יאָר. פאַר דער מלחמה איז דאָס קינד געגאַנגען אין אַ פּוילישער פאָלקס־שול און אין חדר. אַן אָפּגעמאָגערט קינד, ממש הויט און ביינער, מיט אַ פּאָר גליענדיקע אייגעלעך און אַ שאַרף, גאָר שאַרף מוח׳ל.

אָט דאָס קינד פלעגט יעדן טאָג, עטלעכע מאָל, זיך אַרויסשאַרן פון יידישן קוואַרטאַל צום ראַדיאָ־מעגאַפאָן. אַ שלעכטגעקליידעטער פלעגט ער דאָרט שפּרינגען אין דער קעלט פון איין פיסל אויפן צווייטן, און אויפנעמען יעדן אָפּהילך פון דער ברייטער וועלט.

אָט דאָס ייִנגעלע פלעגט פאַר זיין קרייז געבן יעדן אָוונט אַן איבערבליק פון גאַנצן טאָג געהערטע ידיעות פון ראַדיאָ, און אָנטיילנעמען אין די פּאָליטישע געשפּרעכן. מ׳פלעגט זיצן און גאַפן, הערנדיק דעם קינד איבערגעבן די קריגס־קאָמוניקאַטן. קיינמאָל נישט דערעסן צו דער זעט, האָט זיין שטימעלע שוואַך וויברירט, אָבער ווי דייטלעך און גענוי האָט ער אויסגערעכנט אַלע ערטער פון מלחמה־פעלד, אפילו פון ווייטן־מזרח, מיט די אַזוי פרעמד פאַר אונדזערע אויערן קלינגענדיקע נעמען. ס׳איז געווען צו באַוווּנדערן די בקיאות פון קינד אין דער פּאָליטיק.

אין דעם קרייז, ווו דאָס קינד נטע איז געווען דער ידיעות־ברענגער, פלעגן ביינאַכט קומען הערן אים מענטשן, וואָס האָבן קיין אַנונג נישט געהאַט אין פּאָליטיק. זיי זענען אָבער געקומען באַוווּנדערן דאָס ייִנגעלע, וואָס סאַפּעט קוים מיט דער נשמה, האָט קיין כוח נישט צו רעדן און דאָך ווי ער „אָפּערירט" דאָס מיט שלאַכט־שיפן, אַלערליי קריגס־אַעראָפּלאַנען און אַנדערע כלי־משחית.

אַז מ׳פלעגט פון נטעס היים אים נעמען רופן, האָט לאַנג געדויערט ביז דאָס קינד האָט זיך געקאָנט אָפּרייסן פון דער פּאָליטישער דעבאַטע. און נטעס מוטער פלעגט זיך קלאָגן: — נו, נטע, וואָס וועט זיין? איך וועל זיך אויסדרייען דעם קאָפּ, ווו באַקומט מען האָלץ, אָדער עפּעס אַנדערש אין שטוב אַריין, און דו וועסט זיך פאַרנעמען מיט פּאָליטיק?.. און אַז דאָס קינד פלעגט אַרויס, האָבן נישט איינמאָל מענטשן זיך אָנגערופן: — נו, אדרבה, ווייזט אונדז ביי קריסטן אַזאַ קינד! ווו האָט איר ביי זיי אַ קינד, וואָס זאָל זיין אַזוי קלאָר אין אַלע היינטיקע פּאָליטישע פּראָבלעמען, ווי אָט דאָס קינד?

דער קרייז, ווו דאָס ייִנגעלע נטע פלעגט איבערגעבן די ראַדיאָ־ידיעות, האָט פאַרמאָגט נאָך צוויי ידיעות־כאַפּערס און טאַלאַנטפולע פּאָליטיקערס.

חיים זילבערבערג, דער יונגסטער זון פון צאָן־דאָקטאָר יואל זילבערבערג, אַ בחורל פון אַ יאָר צוואַנציק. פון געבורט אָן אַ קרענקלעכער און שטענדיקער קליענט ביי דאָקטוירים. האַרט פאַר דער מלחמה האָט ער געענדיקט די גימנאַזיע, ווו ער איז געווען איינער פון די בעסטע תלמידים. ווי אַ קראַנקער איז חיים זילבערבערג באַפרייט געווען פון צוואַנגס־אַרבעט. ער האָט אָבער דאָך שווער געאַרבעט. אַ גאַנצן טאָג פלעגט ער פלייסיק שטודירן די דייטשע פּרעסע און אַרויסכאַפּן דאָס נישט־דערזאָגטע צווישן די שורות, פון וואָס ער פלעגט קאָנסטרואירן זיינע פּאָליטישע טעזעס. פול איז געווען זיין צימער מיט מאַפּעס, אויף וועלכע ער פלעגט נאָכפאָלגן די קריגס־אָפּעראַציעס. נישט איינמאָל פלעגט די מוטער מאַכן אים סקאַנדאַלן פאַר די מאַפּעס, מורא האָבנדיק, אַז ביי אַ רעוויזיע קאָן מען שלעכט אָפּשניידן מיט אַזאַ מאַטעריאַל; ווי קומען עפּעס יידן צו מאַפּעס?

דער צווייטער איז געווען משה ליכטנבוים, לייבע מעדניקס אַן אייניקל, אַ בחור פון אַ יאָר 18. געלערנט אין חדר און וועלטלעכע לימודים פּריוואַט. פאַר דער מלחמה געווען שוין איינגעשפּאַנט אין געשעפט פון די עלטערן. אויך ער איז געווען מיט זיין גאַנץ וועזן אַריינגעטאָן אין פּאָליטיק און קלאָר געווען אין אַלע שלאַכט־פעלדער. זיין אַרבעט איז באַשטאַנען אין שאַפן די דייטשע פּרעסע, וועלכע ער האָט דורך פאַרשיידענע קונצן באַקומען און געטיילט זיך מיט איר מיטן יוגנטלעכן זילבערבערג.

אויך משה איז באַפרייט געווען פון צוואַנגס־אַרבעט, ווייל פון קינדווייז אָן האָט ער געליטן אויף אַ פוס. ער האָט אָבער רעזיגנירט פון זיין פּריווילעגיע און זיך איינגעשפּאַנט אין דער אַרבעט ווי אַ סטאָליער אין וואַרשטאַט פון פאָלקס־דייטש קראַסקאָווסקי. כדי אַריינצובאַקומען זיך אין דעם וואַרשטאַט האָט ער זיך געלאָזט קאָסטן עטלעכע הונדערט זלאָטעס, און דאָס האָט ער געטאָן מיט אַ כוונה. אַזוי ווי ביים פאָלקס־דייטש אין שטוב איז געווען אַ ראַדיאָ און משה איז געווען אַ שטאַרקער אַמאַטאָר צו הערן אַ ביסל ראַדיאָ פון אויסלאַנד, ממילא איז ביי אים רעכט געווען צו גיין אויף דער לערע פאַר אַ סטאָליער. ער האָט זיך באַפריינדעט מיטן פאָלקס־דייטש, וועלכער איז געווען אַן אַלטער קאָמוניסט, און גאַנץ אָפּט פאַרבראַכט ביי אים אין שטוב. דאָרט פלעגט ער מאַניפּ־

לירן ביים ראַדיאָ און אַרויסקריגן גאַנצע הויפנס מיט ידיעות פון לאָנדאָן.

אָט דאָס בחורל איז אויך געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט חברים, וועלכע האָבן געאַרבעט ביי נאַצי־גדולים ווי שטוב־אַרבעטערס, און צו וועלכע די ברוינע טיראַנען האָבן געהאַט צוטרוי, איבערלאָזנדיק זיי די שליסלען פון די וווינונגען בעת זייער וויילן אין דייטשלאַנד אויף אורלויב. אָט די ערטער פלעגט משה אויסנוצן צו הערן ראַדיאָ פון אויסלאַנד. דאָרט פלעגט ער פאַרברענגען גאַנצע נעכט, און האָט נאָך געקאָנט זיין אַ מער זיכער אָרט צו הערן ראַדיאָ פון אויסלאַנד, ווי ביי אַ נאַצי אין שטוב? איז טאַקע משה „אָנגעשטאָפּט" געווען מיט אויסלאַנד־ידיעות. אַז יידן פלעגן אים אַריינגעמען אין רעדל, האָט ער זיך לאַנג געאַמפּערט, ביז ער פלעגט זיך פון אים אַרויסקריגן.

משה פלעגט זיך נישט וועלן פאַרלאָזן אויף די ראַדיאָ־ידיעות פון יינגעלע נטע. איבעריקנס האָט ער קיין געדולד נישט געהאַט צו וואַרטן ביז נטע וועט איבערגעבן דעם באַריכט. איז ער אַליין געלאָפן צום ראַדיאָ־מעגאַפאָן אין שטאָטישן גאָרטן. אין אָנהייב איז אים געלונגען, אָבער שפעטער האָט ער נישט איין מאָל געקראָגן גוט אָנגעבראָכן די ביינער פאַר וועלן הערן ראַדיאָ. ווען ס'איז שוין געוואָרן גאָר שטרענג פאַר אַ ייד דאָס צוקומען צום ראַדיאָ־הילכער, האָט מען משהן געקאָנט טרעפן שטיין אין טויער פון ישראל שואלקעס הויף און זען ווי ער שטרענגט אָן דעם אויער, כדי אויפצוכאַפּן עפעס פון מעגאַפאָן. אינמיטן דער גרעסטער אַרבעט אין וואַרשטאַט פלעגט ער נעלם ווערן, ווען ס'איז געקומען די צייט פון אָנגעבן ידיעות אין ראַדיאָ.

דער ערשטער גירוש

שבת, דעם 6טן יוני 1942 (כ"א סיון תש"ב), האָט זיך אין שטאָט פאַרשפרייט אַ קלאַנג, אַז אַלע ביאַלער יידן מוזן פאַרלאָזן די שטאָט. שפעטער־צו איז מען געוויר געוואָרן, אַז פון דער קרייזהויפטמאַנשאַפט האָט מען געמאָלדן דעם יודענראַט, אַז מיטוואָך דעם 10טן יוני דאַרפן זיך שטעלן ביים באַן צום אָפפאָר אַלע יידן וואָס זענען נישט באַשעפטיקט דורכן אַרבעטס־אַמט. די פאַראָרדענונג איז נוגע אַלע יידן פון קרייז. אַלע פראָווינץ־שטעט וועלן ווערן יידנריין, און אין ביאַלע וועלן זיך געפינען אַלע אַרבעטנדיקע יידן פון גאַנצן קרייז.

דער פאָרשטייער פון יודענראַט יעקב אהרן ראָזנבוים האָט זיך געוואַגט צו פרעגן דעם רעפערענט ליפקאָוו: וווּהין וועט מען אַוועקשיקן די מענטשן? דער רעפערענט האָט געענטפערט, אַז אויף מערב. דער פאָרשטייער פון יודענראַט האָט ווייטער באַמערקט, אז אים איז באַוווּסט, אַז די יידן פון מערב ווערן איבערגעשיקט, קיין מזרח, טאָ מיט וואָס האָבן דאָס די ביאַלער יידן אַזוי נושא־חן געווען, אַז זיי ווערן געשיקט אויף מערב? דער רעפערענט איז אַ וויילע געבליבן אין פאַרלעגנהייט, אָבער ער איז געקומען צו זיך און זיך אָנגערופן: — „איר זעט דאָך אין וועלכן צושטאַנד ס'לעבן די מענטשן אין שול און אין די איבעריקע געבעט־הייזער". אויף דעם האָט



קבוצת נגרים יהודים שעבדו בנגריה של הגרמני בנדיקט קראַסקאָווסקי בבית החסידים של גור.

אַ גרופע יידישע סטאָליערס, וואָס האָט געאַרבעט אין דער סטאָליערײ פון פאָלקס־דייטש בענעדיקט קראַסקאָווסקי, וואָס האָט זיך געפונען אין גערער חסידים־שטיבל.

פון רעכטס: וואָוטשע ראָזנבוים (לאָדזש), אשר פייגנבוים, משה פייגנבוים, שמשון יוסטמאַן, יוסף איידלמאַן, שלמה צוקער, איטשע קאַניער (סעראָצק), יעקב בראָדאַטש, חיים זאַוול מילבוים, זיליע (עוזיאל) פייגנבוים, בערל שניידערמאַן, משה ליכטנבוים, בענעדיקט קראַסקאָווסקי; פון פאָרנט זיצן: פרעי (גראָדנע), יהושע פייגנבוים; פון הינטן שטייען: שולמאַן (מזרח־קרעסן), זילע (עוזיאל) גוטנבערג.

A group of Jewish carpenters who worked in the plant of the volksdeutsch Benedict Kraskovsky in the prayer house of Gerer Hasydym.

אים י. א. ראָזנבוים געענטפערט: — „יאָ, אמת, מיר וואָלטן נישט געהאַט דאַקעגן ווען מען פאַרבעסערט די לאַגע פון די מענטשן, אָבער מיר ווייסן דאָך, אַז דאָס ליגט בכלל נישט אין די אינטערעסן פון דער רעגירונג, טאָ וואָס אַרט אייך, אַז די מענטשן וועלן דאָ שטאַרבן?"

אויף אַזאַ אַרט דיסקוסיע האָט זיך דער רעפערענט נישט געריכט. נישט האָבנדיק מער וואָס צו זאָגן, האָט ער געענטפערט: — „איר, ראָזנבוים, זעט אַלץ אין שוואַרצע פאַרבן, אויף אַזאַ אופן וועט נישט קענען זיין קיין מיטאַרבעט מיט אייך".

דער יודענראַט האָט אָנגעהויבן אַן ענערגישע אַקציע אָפצושרייען די גזירה און האָט אָפגעקלאַפט אַלע שוועלן. אין געסטאַפאָ האָט מען זיך געוווּנדערט וואָס אַזאַ „שטיקל אַרבעט" איז נישט געוואָרן איר אָנפאַרטרויט.

דעם יודענראַט איז געלונגען צו דערגיין, אַז די גזירה שטאַמט פון לובלין, אָבער ס'איז נישט אָנגעגעבן קיין צאָל, וויפל מ'זאָל אַרויסשיקן. די קרייזהויפטמאַנשאַפט איז דאָך געווען פאַראינטערעסירט אַז די אַקציע זאָל אָננעמען וואָס גרעסערע פאָרמען.

נאָך אַלע באַמיאונגען פון יודענראַט איז קלאָר געוואָרן ווער ס'קאָן בלייבן און ווער ס'מוז אויסוואַנדערן. רעכט צו בלייבן האָבן באַקומען די אַלע, וואָס האָבן געהאַט אַרבעטס־קאַרטעס, ווי אויך סוחרים און בעלי־מלאכות, וואָס זענען באַשטעטיקט געווען דורך דער קרייזהויפטמאַנשאַפט, צוזאַמען מיט זייערע פרויען און קינדער, אין עלטער ביז 14 יאָר. אָט די

פרויען און קינדער, האָבן געדאַרפט באַקומען באַזונדערע געשטעמפלטע צעטלען פון אַרבעטס־אַמט און פון דער קרייזהויפטמאַנשאַפט צום אויסלעגיטימירן זיך פאַר דער מאַכט. יעדער אויסוואַנדערער האָט געהאַט רעכט מיטנעמען נישט מער ווי 10 קג. האַנטגעפעק. פאַר נישט צופאַסן זיך צו דער פאַראָרדענונג האָט געדראָט טויט־שטראָף.

מצד דער מאַכט האָט מען אָנגעוויזן דעם יודענראַט, אַז מיט דער גאַנצער אַקציע דאַרף אָנפירן דער יודענראַט מיטן יידישן אָרדענונגס־דינסט. אויב זיי וועלן נישט באַוויזן צו באַהערשן די לאַגע, וועט די מאַכט געצוווּנגען זיין איינצוגרייפן, וואָס קאָן ברענגען צו נישט קיין געווּנטשענע קאָנסעקווענצן.

דינסטיק האָט דער יודענראַט דורך מעלדונגען אין גאַס מודיע געווען וועגן דעם אַלעם דער יידישער באַפעלקערונג, און באַשטימט דעם זאַמלפונקט אויפן שול־הויף.

שוין שבת, ווי נאָר ס׳איז קלאָר געוואָרן, אַז מיט אַרבעטס־קאַרטעס קאָן מען ניצול ווערן פון גירוש, האָט אַ גרויסער טייל פון דער באַפעלקערונג אָנגעהויבן מאַכן באַמיאונגען צו באַקומען אַזעלכע קאַרטעס. אַ סך איז טאַקע געראָטן פאַר הויכע אָפצאָלן צו באַקומען די קאַרטע צום לעבן.

בחורים, וועלכע זענען שוין יאָרן אַרומגעגאַנגען מיט מיידלעך און נישט געהאַט בדעה חתונה צו האָבן אין דער מלחמה־צייט, האָבן כדי צו ראַטעווען זייערע כלות פון גירוש, אויף גיך געשטעלט חופות און דערמיט לעגאַליזירט די כלות ווי זייערע פרויען. ס׳זענען אויך פאָרגעקומען פיקטיווע חופות כדי צו ראַטעווען יידישע טעכטער.

ס׳זענען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן נישט געקאָנט לעגאַל זיך ראַטעווען, האָבן זיי באַשלאָסן אויפן פלאַץ זיך נישט צו שטעלן און אויסבאַהאַלטן זיך אויף דער צייט פון דער אַקציע. אַ סך האָבן זיך באַצייטנס אָפגעטראָגן אומלעגאַל אין די נאָענטסטע דערפער צו באַקאַנטע קריסטן און אין דער שכנותדיקער מעזריטש. דער טייל וואָס האָט באַשלאָסן אויסצוּוואַנדערן, האָט זיך גענומען גרייטן אין וועג אַריין און מאַכן פעקלעך.

אין די פראָווינץ־שטעטלעך פון קרייז זענען די יידן זיך צעלאָפן אין די וועלדער. זיי האָבן בכלל נישט געהאַט בדעה זיך צושטעלן צו דער אויסוואַנדערונג.

דינסטיק נאָכמיטאָג האָט אויך דער שטייער־אַמט אין ביאַלע געוויזן וואָס ער קאָן. כמעט אַלע זיינע באַאַמטע האָבן זיך, אין באַגלייטונג פון פאָליציאַנטן, אַרויסגעלאָזן איבערן יידישן קוואַרטאַל איינמאָנען פון יידן פאַרלעגענע און אויך אפילו נאָך נישט־אויסגעמאָסטענע שטייערן פאַרן יאָר 1942. מ׳האָט געמאָנט געוואַלדיק הויכע סומעס, וועלכע מ׳האָט געמוזט גלייך באַצאָלן, ווייל אין קעגנפאַל האָט מען געדראָט מיט אַרעסטירן און מיט צושטעלן מאָרגן צום אויסזידלונגס־טראַנספאָרט.

דעם זעלבן טאָג איז אַוועק אין קרייזהויפטמאַנשאַפט יעקב מאַלינא, כדי צו דערליידיקן עפעס אַן ענין. פאַרנאַכט איז מען געוווּיר געוואָרן, אַז מאַלינא איז אין אַן אויטאָ אַרויסגעפירט געוואָרן הינטער דער שטאָט און דאָרט דערשאָסן געוואָרן דורכן אַגענט באַלדיגא.

טראַגישע מאָמענטן זענען פאָרגעקומען אין פאַמיליעס, עלטערן האָבן נישט געקאָנט קיין עצה געבן די קינדער, און נישט די קינדער די עלטערן. קיינער האָט נישט געהאַט דעם מוט צו זאָגן דעם צווייטן — בלייב. — ווייל פון אַלע פאַראָרדענונגען האָט אַרויסגעשריגן דאָס וואָרט — טויט!

מיטוואָך, דעם 10טן יוני, אַרום 5 פאַרטאָג, זענען שוין אויפן שול־הויף געווען פאַרזאַמלט ביי 700 נפשות, אין די יום־טוב־קליידער, מיט פעקלעך פון פאַרשיידענע גרויסן. ס׳האָבן אַהין געשטראָמט מענטשן פון אַלע זייטן. דער יידישער אָרדענונגס־דינסט, וועלכער איז ספּעציעל צו דעם צוועק פאַרגרעסערט געוואָרן ביז 50 פערזאָן, איז אַרומגעגאַנגען פון שטוב צו שטוב און דערמאָנט וועגן חוב זיך צוצושטעלן אויפן שול־הויף. די וועלכע האָבן געהערט צו די גליקלעכע און זענען געבליבן אין שטאָט, האָבן זיך באַוועגט גאַנץ פריי אין יידישן קוואַרטאַל, ווו ס׳איז נישט דורכגעפירט געוואָרן קיין שום קאָנטראָל.

ס׳זענען אָנגעקומען אויפן שול־הויף די מאַכט־פאָרשטייערס און זיך צוגעקוקט צום בילד. פון פלאַץ האָבן זיי אַהיימגעשיקט טייל קאַליקעס, קראַנקע און פרויען מיט זויג־קינדער. זיי האָבן געמאָלדן, אַז קראַנקע, נישט־טראַנספּאָרט־פעאיקע זאָלן בלייבן אין דער היים, פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט פאַרשטאַרקט נאָך מער דעם איינדרוק, אַז די מענטשן ווערן בלויז עוואַקואירט אין אַ צווייטער שטאָט אַריין. נישט איינער וואָס האָט געהאַט באַשלאָסן זיך נישט צוצושטעלן, האָט איצט גענומען דאָס פעקל און איז געקומען אויפן שול־הויף.

אַרום 2 אַזייגער נאָכמיטאָג, ווען דער שול־הויף איז שוין פול געווען מיט יידן, איז דער עולם, דורכן יידישן אָרדענונגס־דינסט, אין באַגלייטונג פון עטלעכע זשאַנדאַרמען אָפּגעפירט געוואָרן צום באַן, ווו ער איז איבערגעגעבן געוואָרן צו דעם „זאָנדערדינסט" פון דער קרייזהויפטמאַנשאַפט. אַ טייל שוואַכע יידן זענען מיט אויטאָס צוגעפירט געוואָרן צו דער באַן.

שווער אויסצורעכענען אַלע ביאַלער, וואָס האָבן מאַרשירט אין דער פראָצעסיע צו דער באַן. עטלעכע פנימער זענען געבליבן איינגעקריצט אין זכרון: אַ רעזיגנירטער און גאָר פאַרעלטערטער איז זיך געגאַנגען דער אַלעמען באַקאַנטער און באַליבטער משה קאַווע. לעבן אים האָט זיך געשלייכט דער גוטמוטיקער מלמד יואל מאיר הייבלום. צווישן די שורות איז געווען צו מערקן דעם סוחר יוסף גיטלמאַן מיט זיין משפחה, פינטשע איידלמאַן מיט זיין פרוי און זונעלע, הערצל טשאַרני מיט זיין פרוי.

ביים באַן האָבן די יידן געמוזט וואַרטן ביז מאָרגן, ווייל, ווייזט אויס, אַז די אַקציע איז געוואָרן דורכגעפירט צו פרי און ס׳זענען נאָך נישט געווען אָנגעגרייט קיין וואַגאָנעס פאַר די מענטשן. דער יודענראַט האָט עטלעכע מאָל צוגעפירט צו דער באַן ברויט און קאַווע.

דאָנערשטיק פרי איז אָנגעקומען אַ פראַכט־צוג און אַרום 11 אַזייגער פאַרמיטאָג זענען די מענטשן שוין געווען פאַרמאַכט אין די וואַגאָנעס. דער צוג האָט גערירט פון אָרט, אין

באַגלייטונג פון אַ שטורמיסט און עטלעכע אוקראַינישע וואַכמענער, אין דער ריכטונג פון לוקאָוו.

דער יודענראַט האָט פאַר יעדן פּרייז געוואָלט דערגיין, וווּהין מ׳האָט די מענטשן אַוועקגעשיקט. פון לוקאָווער יודענראַט איז מען געוווּיר געוואָרן, אַז דער צוג איז אַוועק אין דער ריכטונג פון לובלין; פון לובלינער יודענראַט — אין מאַידאַן־טאַטאַרסקי איז געקומען די ידיעה, אַז די מענטשן זענען אַוועק אין דער ריכטונג פון כעלם. און כעלם ווידער האָט געמאָלדן, אַז דער צוג איז פרייטיק פאַרנאַכט אַדורך די שטאָט אין דער ריכטונג קיין וולאָדאַווע. די לעצטע ידיעה האָט געשטאַמט פון וולאָדאַווע, פון וואַנען מ׳האָט געמאָלדן, אַז זיי ווייסן גאָרנישט און נאָך אַמאָל זאָל מען זיי נישט פרעגן אַזעלכע פראַגעס.

ביי וולאָדאַווע האָט זיך אַלזאָ איבערגעריסן דער פאָדעם. און ווייל פון דאָרט האָט מען געגעבן אַזאַ תשובה, האָט מען זיך משער געווען, אַז טאַקע אין וולאָדאַווע ווייסט מען יאָ וואָס ס׳איז מיט די מענטשן געשען.

וועגן די כסדרדיקע קלאַנגען, אַז ס׳זענען פאַראַן ידיעות פון די אַוועקגעשיקטע מענטשן, איז אויך געוווּיר געוואָרן די קרייזהויפטמאַנשאַפט. זי האָט דעריבער געפּרוּווט טאַפּן דעם דופק ביים יודענראַט, אָבער דער יודענראַט האָט געענטפערט: „מיר האָבן גערופן די מענטשן זיך צו שטעלן צום אויסוואַנדערן און ווו איר האָט זיי געשיקט ווייסט איר און נישט מיר".

פאַקטיש איז דער יודענראַט יאָ דערגאַנגען וווּהין מ׳האָט די מענטשן אַוועקגעשיקט. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז די לעצטע באַן־סטאַציע פון זייער וואַנדערונג איז געווען סאָביבאָר, אַ 37 קילאָמעטער פון כעלם, אין דער ריכטונג צו וולאָדאַווע. סאָביבאָר איז פאַר דער מלחמה געווען באַקאַנט ווי אַ קליין באַן־סטאַציעלע צווישן וועלדער אין וולאָדאַווער געגנט, פון וואַנען מ׳פלעגט טראַנספּאָרטירן האָלץ.

שפּעטער האָט מען געהערט, אַז מ׳זאָל האָבן קיין סאָביבאָר געבראַכט אַ סך יידן און געלאָזט זיי שטיין אין פאַרהאַקטע פראַכט־וואַגאָנעס אויף זייטיקע באַן־ליניעס אין אַ וואַלד, עטלעכע טעג אָן עסן און אָן אַ טראָפּן וואַסער אין די הייסע זומער־טעג. נאָך דעם האָט מען פון די וואַגאָנעס אַרויסגעוואָרפן די טויטע קערפּערס און דאָרט זיי פאַרברענט.

וואָכן זענען פאַרגאַנגען און דאָס טראַכטן וועגן די אַרויסגעריסענע קרבנות האָט נישט אויפגעהערט. נאַטירלעך, אַז די דייטשע מאַכט איז געוואָרן דער יורש פון ביסל האָב־און־גוטס, וואָס די קרבנות האָבן איבערגעלאָזן אין זייערע דירות. די פאַרלאָזטע וווינונגען זענען גרינטלעך אויסגערייניקט געוואָרן.

דער חודש יולי איז פאַרהעלטענישמעסיק אַריבער רויִק, און ס׳האָט זיך אָנגערוקט דער חודש אויגוסט, וואָס איז אַזוי רייך געווען אין בלוטיקע געשעענישן.

מאָנטיק, דעם 3טן אויגוסט, נאָכמיטאָג איז אין דער קרייזהויפּטמאַנשאַפט אַרעסטירט געוואָרן אהרן בראָדאַטש. אין דער זעלבער צייט האָט די „זאָנדערדינסט" אָנגעהויבן זוכן מנחם פינקלשטיינען. נישט קענענדיק אים געפינען, האָט זי אַרעסטירט ווי אַן ערובניק דעם יודענראַט־פאָרזיצער יצחק פיזשיץ, דראָענדיק אים צו דערשיסן, אויב פינקלשטיין וועט זיך נישט צושטעלן. נאָך אַ קורצער צייט האָט זיך מנחם פינקלשטיין צוגעשטעלט אין דער קרייזהויפטמאַנשאַפט און יצחק פיזשיץ איז באַפרייט געוואָרן. די ידיעה וועגן אַרעסט פון די צוויי יידן האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אין שטאָט, ווייל מ׳האָט געוווּסט, אַז ביידע זענען געווען איינגייערס אין קרייזהויפטמאַנשאַפט, און געהאַט „שטאַרקע פּלייצעס" אין די פּערזאָנען פון די רעפערענטן אינזשיניער דעבוס און נוילינגער. קרובים און פריינד האָבן זיי שטענדיק געוואָרנט פאַר די קאָנסעקווענצן פון אָנהאַלטן קאָנטאַקט מיט די נאַציס, ביי וועלכע זיי פלעגן פון צייט־צו־צייט, פאַר אַ גוטער באַלוינונג, אויספּועלן עפּעס אַ טובה פאַר אַ ייד.


גלייך נאָכן אַרעסט פון אהרן בראָדאַטש, איז דורך דער „זאָנדערדינסט" אַדורכגעפירט געוואָרן אַ רעוויזיע אין זיין וווינונג. דערביי זענען פאַרהאַלטן געוואָרן זיין שוועסטער און זיין פרוי חיה פייגנבוים מיט אירע צוויי שוועסטערס.

אַ גאַנצן נאָכמיטאָג האָבן די פאַמיליעס פון די אַרעסטירטע געמאַכט אַלע מעגלעכע באַמיאונגען עפּעס געוווּיר צו ווערן, אָבער אָן דערפאָלג. קיינער האָט נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן, אָבער אַלע האָבן באַרויִקט, געהאַלטן, אַז דאָס איז אַ מיספאַרשטענדעניש, וואָס וועט זיך גיך אויפקלערן. אַזוי איז אַוועק דער טאָג אָן שום דערגרייכונג, ביז ס׳האָט זיך אָנגערוקט די פּאָליציי־שעה פאַר יידן, זיבן אַזייגער אָוונט, און די פאַמיליעס פון די אַרעסטירטע האָבן געמוזט אַהיימגיין מיט געמישטע געפילן פון שרעק און האָפענונג.

דער סוף איז געווען אַ טראַגישער. נאָך דעם זעלבן פאַרנאַכט זענען אַלע פאַרהאַלטענע, די פרויען און די מענער, דערשאָסן געוואָרן. אין שטאָט האָט מען געשמועסט, אַז דאָס האָבן די דייטשע באַאַמטע געוואָלט פאַרווישן די שפּורן פון זייער קאָנטאַקט מיט אָט די יידן, און אַז אין דעם מאָרד האָט געהאַט אַ שטאַרקע האַנט דער רעפערענט נוילינגער, פון פּאַסאַו (דייטשלאַנד).

אַרום האַלבע נאַכט פון מאָנטיק אויף דינסטיק דעם 4טן אויגוסט, האָט מען פּלוצעם דערהערט שטאַרקע מיליטערישע טריט אין די גאַסן פון יידישן קוואַרטאַל. ווי נאָר ס׳האָט אָנגעהויבן טאָגן האָט זיך דערהערט דאָס ווילדע געברייל: „מענער ראוס!" דער גאַנצער יידישער קוואַרטאַל איז געווען אַרומגערינגלט פון זשאַנדאַרמעריע, שוץ־פּאָליציי, פּוילישע פּאָליציי, געסטאַפּאָ און געריגגס חיילות — די פליערזעלבער, אַלע באַוואָפנט מיט מאַשין־געווער און גראַנאַטן. די גראַבאַנאָווער גאַס איז פול געווען מיט מענער, וועלכע זענען געיאָגט געוואָרן צום עק פון דער גאַס (אין דער ריכטונג צום נייעם־מאַרק). פאַרשפּעטיקטע זענען אויפן וועג באַגלייט געוואָרן מיט קלעפּ פון ביקסן־קאָלבעס. נאָך אַ געוויסער צייט האָבן די דייטשן אָנגעהויבן קאָנטראָלירן די אַרבעטס־קאַרטעס. די קאָנטראָל האָט געדויערט עטלעכע שעה און אַלע מענער זענען באַפרייט געוואָרן.

די אָט כמעט „אומשולדיקע" קאָנטראָל, האָט אָבער יענעם



תכנית הרובע היהודי בתקופת הנאצים.
פלאַן פון ביאַלער יידישן קוואַרטאַל בעת דער נאַצי־צייט.
Plan of Jewish quarter under nazi regime

פרימאָרגן געקאָסט דער יידישער באַפעלקערונג 19 קרבנות. צווישן זיי האָבן זיך געפונען: זלמן ליוועראַנט, יוקל ליסט־גאַרטן, פרידמאַן (פון די מזרח־קרעסן, אַ געוועזענער קריגס־געפאַנגענער) א״אַ. אַ סך פון די וואָס זענען צוריקגעקומען לעבעדיקע, זענען אָבער דאָרט, ביי דער קאָנטראָל, שטאַרק צעשלאָגן און צעבלוטיקט געוואָרן.

אָנגעפירט מיט דער דאָזיקער אַקציע האָט דער געסטאַפּאָ־מאַן פאַיסקער,[1] און באַזונדערס בלוטיק האָט זיך אויסגע־צייכנט דער פאָלקס־דייטש, זשאַנדאַרם לעאָן בוש.

די געשעענישן אין שטאָט האָבן זיך גענומען אָפּ־וויקלען מיט אַ באַזונדערער שנעלקייט.

פרייטיק, דעם 7טן אויגוסט, האָט דער יודענראַט געמאָלדן, אַז לויט דער פאַראָרדענונג פון דער מאַכט, מוזן אַלע יידן ביז מאָרגן 6 פאַרנאַכט זיך אַריינציען אין קליינעם קוואַרטאַל, לויט ווי ער איז שוין פריער פּראָיעקטירט געוואָרן.

דער יידישער קוואַרטאַל וואָס האָט זיך געפונען צווישן די גאַסן: גראַבאַנאָוער מיט די שול־הויף־געסלעך (אויסער עטלעכע הייזער צום נייעם־מאַרק צו), יאַנעווער (נאָר די רעכטע זייט), פּראָסטע (פון געריכט אָן) און צמענטאַרנע, זאָל פון איצט ווערן איינגעשלאָסן ווי אין אַ פּירקאָנטיקן קאַסטן צווישן די גאַסן: גראַבאַנאָוער (אָן די שול־געסלעך (פון פּלאַץ־וואָלנאָשטשי ביז פּראָסטע), פּראָסטע, נאָר די לינקע זייט (פון גראַבאַנאָוער ביז פּשעכאָדניע), יאַנעווער, די רעכטע זייט (ביז פּשעכאָדניע און פּשעכאָדניע נאָר די רעכטע זייט.

אין אַזאַ ענגער שטייג האָט געדראָט ממש דער־שטיקט צו ווערן. הגם דער קוואַרטאַל איז נישט געווען קיין געשלאָסענער האָבן שוין מענטשן גע־ווינט אין שטאַלן, טאָ ווו איז שוין געווען זיך אַהינצוטאָן אין אַזאַ סדום־בעטל?

דער יודענראַט האָט דאָך נאָך געפּרוווט אינטערווענירן ביים ס״ד־פאַרשטייער גלעט, וועלכער האָט צוגעזאָגט זיך באַמיען די פאַראָרדענונג אָפּצורופן, און זי איז טאַקע באַלד געוואָרן צוריקגעצויגן.

אין אַ געשפּרעך צווישן דעם ס״ד־מאַן און דעם יודענ־ראַט־פאַרשטייער י. א. ראָזנבוים, האָט זיך דער ערשטער אַרויס־געכאַפּט, אַז די פאַראָרדענונג וועט זיכער אָפּגערופן ווערן, ווייל קעגן יידן ווערן געפּלאַנט אַנדערע מאָסמיטלען. וואָסערע מאָסמיטלען דאָס זענען, האָט מען ביי אים נישט געקענט אַרויסקריגן, אָבער די צייט האָט אָפּגעדעקט דעם שלייער פון דעם געהיימעניש.

מאָנטיק, דעם 10טן אויגוסט, האָט זיך אין שטאָט פאַר־שפּרייט אַ קלאַנג, אַז ביי דער באַן שטייען פראַכט־וואַגאַנעס, אין וועלכע ס׳דאַרפן אָפּפאָרן פון ביאַלע קיין לובלין אַ 400 מאַן. ס׳האָט זיך טאַקע באַשטעטיקט די ידיעה, ווייל פון דער באַן־סטאַציע האָט מען טעלעפאָנירט אין אַלע דייטשע אַמטן און נאָכגעפרעגט זיך וועגן די יידן וואָס דאַרפן אָפּפאָרן. אומע־טום האָט מען געענטפערט אַז מ׳ווייסט פון גאָרנישט.


מיטוואָך, דעם 12טן אויגוסט, פאַרטאָג איז דורכגעפירט געוואָרן אַן אַבלאַווע אויף יידישע מענער דורך אַ פרעמדן שוץ־פּאָליציאַנט, מיט דער הילף פון אוקראַינישער מיליץ. די פאַרהאַלטענע יידן האָט מען אָפּגעפירט אויף אַ זאַמלפּלאַץ אויף דער וואַליע. צווישן די פאַרהאַלטענע האָבן זיך געפונען אַ סך אַרבעטערס פון דער „ווערמאַכט״ און פון דייטשע אַר־בעטס־פּלעצער, פאַר וועלכע ס׳זענען געמאַכט געוואָרן באַ־

[1] נאָך דער מלחמה געמשפּט אין ביאַלע און פאַראורטיילט גע־וואָרן אויף 15 יאָר תפיסה. צווישן די באַשולדיקונגס־עדות האָבן זיך אויך געפונען ביאַלער יידן, ווי: יצחק פרידמאַן, יהושע ווייסמאַן, ישראל בעקערמאַן א״אַ.

מצד דער באַשולדיקונג איז אויך אויפגעטראָטן ווי אַן עדות דער שוסטער וו. איוואַניצקי, געוועזענער ביאַלער וויצע־בירגערמייס־טער. נאָך זיין עדות־דערקלערונג, איז פאַיסקער אויפגעשטאַנען און אָפּגעגעבן פאָלגנדיקע דערקלערונג: „אַז יידן וועלן דאָ דערשיינען קעגן מיר האָב איך זיך גערעכנט. איך קאָן נאָך אויך פאַרשטיין דאָס דערשיינען פון פּאָליאַקן ווי עדות קעגן מיר, אָבער ווי קומט אַהער איוואַניצקי? אָט דער איוואַניצקי, וואָס איז געווען אַ געסטאַפּאָ־קאָנפידענט, וואָס האָט פאַר דער געסטאַפּאָ געמסרט צענדליקער פּאָליאַקן און גורם געווען צו זייער טויט — ווי וואַגט ער צו דער־שיינען אין געריכט קעגן מיר?״

איוואַניצקי איז אויפן אָרט אַרעסטירט געוואָרן. דאָס געריכט האָט אים פאַרמשפּט אויף צען יאָר תפיסה, צו פאַרלירן די בירגער־רעכט אויף 15 יאָר און קאָנפיסקאַציע פון זיין פאַרמעגן לטובת דעם מלוכה־אוצר (איבערגעגעבן פון יהושע ווייסמאַן — ישראל).

מיאונגען זיי צו באַפרייען. וועגן דער אַבלאַווע האָט דער יודענראַט געמאָלדן דעם ס״ד־פאַרשטייער ווידע, וועלכער איז אַוועק אויפן זאַמלפּלאַץ אויף דער וואָליע און באַפרייט אַלע פאַרהאַלטענע יידן.


Abschrift

Anordnung.

Auf Grund der Verordnung über Aufenthaltbeschränkungen im Generalgouvernement vom 13 September 1940(VBIGG I S.288)und der dazu ergangenen Ergänzungen ordne ich mit sofortiger wirkung an:

Die in der Stadt Biala-Podlaska aufenthaltberechtigten Juden dürfen:

1.den ihnen als Wohnbezirk zugewiesenen Stadtteil nicht verlassen.

2.von der Graoanowskastr.und Prostastr.nur die innerhalb des jüdischen Wohnbezirkes liegenden Strassenseite,sowie von der Janowskastr.nur den dem jüdischen Wohnbezirk angrenzenden Fussteig (vom Stadtplatz aus rechter Fussteig der Janowskastr.)betreten.

3.die Janowskastr.selbst un die dem jüdischen Wohnbezirk nach aussen angrenzenden sonstigen Strassen und Platze nicht betreten.

4.den Weg zu u.von der jüdischen Bade-u.Entlausungsanstalt nur in geschlossenen Abteilungen unter Führung des jüdischen Ordnungsdienstes durch die Prostastr.u.Narutowiczastr.benutzen.

Ausgenommen von dem Verbot ist die Benutzung der öffentlichen Strassen durch Juden,die zur Arbeit eingesetzt sind und sich auf dem Wege zu oder von der Arbeitsstelle befinden.Diese Juden haben ihre Arbeitskarte vom Arbeitsamt oder eine Ausnahme-Genehmigung mit Lichtbild von der Kreishauptmannschaft,Abteilung Passtelle,als Ausweis bei sich zu führen.

Für die in den übrigen Gemeinden des Kreises Biala-Podlaska aufenthaltsberechtigten Juden gilt vorstehende Anordung sinngemäss.

In der Stadt und sämtlichen Gemeinden des Kreises Biala-Podlaske ist Ariern,die nicht im behördlichen oder polizeilichen Auftrag handeln,der Zutritt zu jüdischen Wohnbezirken und Einzelwohnungen, sowie jeder Verkehr mit Juden,verboten.

Zuwiderhandlungen gegen diese Anordnung werden nach den bestehenden Bestimmungen bestraft.

Biala-Podlaska,den 10.August 1942.

Der Kreishauptmann
gez. Kühl

Za zgodnosc odpisu
Przewodniczący
Miejskiej Rady Narodowej
w Białej-Podlaskiej

הגבלות תנועה ליהודי ביאלה.

באַוועגונגס־באַגרענעצונגען פאַר ביאַלער יידן.

Travel-restrictions for Jews in Biala.

ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט, און אין שטאָט איז ווידער געוואָרן אַ פּאַניק, ווייל די אַבלאַווע אויף מענער איז באַנייט געוואָרן. גלייכצייטיק איז געקומען אַ באַפעל פון קרייז־הויפּטמאַנשאַפט, אַז דער יודענראַט, דער הילפס־קאָמיטעט און די דעזינפעקציע־קאָלאָנע, זאָלן זיך גלייך שטעלן אויפן פּלאַץ פון דער קרייזהויפּטמאַנשאַפט.

צו די פאַרזאַמלטע אויפן פּלאַץ ביים קרייזהויפּטמאַנשאַפט איז אַרויסגעקומען דער רעפערענט ליפקאָוו, וועלכער האָט געהייסן די פאַרזאַמלטע פרויען פון הילפס־קאָמיטעט און פון דער דעזינפעקציע־קאָלאָנע אַהיימגיין, און ער איז פאַרשוווּנדן. אויפן פּלאַץ איז פאַרפאָרן אַ לאַסט־אויטאָ מיטן פרעמדן שוץ־פּאָליציאַנט און אַ פּאָר אוקראַינער. די יידן זענען אויפגעלאָדן געוואָרן אויפן אויטאָ און מ׳האָט זיי אַוועקגעפירט צו דער באַן.

אין שטאָט האָט געהערשט אַ פאַרצווייפלונג, ווייל ס׳איז קלאָר געווען, אַז מיטן אַוועקנעמען דעם יודענראַט איז די שטאָט הפקר געוואָרן, און אַז ס׳דערנענטערט זיך דער סוף פון דער טראַגעדיע. מ׳איז זיכער געווען, אַז באַלד וועט מען מאַכן אַן אַבלאַווע אויף מענער, ווייל ס׳האָט נאָך געפעלט אַ סך צו דער צאָל, וואָס איז אָנגעכאַפּט געוואָרן ביי דער מאָרגן־אַבלאַווע. ס׳האָט טאַקע נישט לאַנג געדויערט און אַ נייע אַבלאַווע האָט זיך אָנגעהויבן.

דאָס אָנכאַפּן 400 יידן איז נישט אָנגעקומען אַזוי לייכט, ווייל דער רוב פון די יידישע אַרבעטערס איז שוין געווען אויף זייער אַרבעטס־ערטער. האָט טאַקע די אַבלאַווע דעריבער אָנגעהאַלטן אַ גאַנצן טאָג. און ווען נאָכן קאָשמאַרנעם טאָג איז צוגעפאַלן די נאַכט, איז אויף דער נאַרוטאָוויטש־גאַס געלעגן אין אַ רינשטאָק אַ טויטער ייד מיט אַ צעשמעטערטן קאָפּ, און אין אַ צימער איז געלעגן אַ דערשאָסענע די פרוי ברכה אַדלערשטיין (משהלע שענקערס שנור), וועלכע האָט זיך נישט געלאָזט פאַרגוואַלדיקן פון אַן אוקראַינער, אַן אָנטייל־נעמער אין דער אַקציע.

ס׳איז קלאָר געוואָרן, אַז אינדערפרי איז געלונגען דעם ס״ד־מאַן ווידע צו באַפרייען די יידן, ווייל דער פרעמדער אָנפירער פון דער אַקציע איז נישט געווען אויפן פּלאַץ. ווי נאָר אָבער ער איז אָנגעקומען צום זאַמלפּלאַץ און דערזען, אַז מ׳האָט די יידן באַפרייט, האָט ער גלייך באַפוילן זיי צוריק צו פאַרהאַלטן. ער איז אַוועק אין די דייטשע אַמטן און, ווייזט אויס, געוויזן זיין באַפולמעכטיקונג דורכצופירן די אַבלאַווע, און מער קיין שטערונגען האָט ער שוין נישט אָנגעטראָפן, נאָר פאַרקערט, אַ שטאַרקע מיטהילף.

אַרום 9 אַזייגער ביינאַכט איז אָפּגעגאַנגען דער פּראַכט־צוג אין דער ריכטונג פון לובלין, פירנדיק אין די פאַרהאַקטע וואַגאָנעס בערך 400 יידן, צווישן זיי דעם רוב פון יודענראַט און פון דעם הילפס־קאָמיטעט.

דאָ האָבן זיך געענדיקט, ווייזט אויס, אויסווירקן די בשעתּ־דערמאָנטע דורכן ס״ד־מאַן געלט אַנדערע מאָסמיטלען לגבי יידן. ראשית זענען זיי פּטור געוואָרן פון יודענראַט, פון וועלכן מ׳האָט באַקומען אַזוי פיל מתנות, אָבער גלייכצייטיק איז אָט דער יודענראַט געווען צו אַקטיוו און צו אָפט פאַר־לאַנגט צו אַנולירן פאַרשיידענע גזירות. פאַר איין וועג האָט מען שוין אויך מיטגעשלעפּט די מיטגלידער פון הילפס־קאָמיטעט און פון אַנדערע אינסטיטוציעס, העלפנדיק דעם פרעמדן שוץ־פּאָליציאַנט אויסצופילן דעם קאָנטינגענט פון אָנגעכאַפּטע יידן, וואָס ער האָט געדאַרפט ערגעץ וווּ ברענגען.

אין אויגוסט איז אַרעסטירט געוואָרן די מיטגלידערין פון השומר הצעיר אין ביאַלע, גאָדיע שטיינמאַן (די יונגסטע טאָכטער פון באַקאַנטן העברעאישן לערער יעקב שטיינמאַן). דערציילט האָט מען, אַז אָט די באַגאַבטע מיידל האָט זיך פאַר־נומען מיט אומלעגאַלער טעטיקייט, אַז ביי איר אין וווינונג פלעגן זיך טרעפן שליחים פון דער באַוועגונג. אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ איז זי צוליבן אַרעסט פון אַ פּוילישן באַן־אַרבעטער, וועלכן מ׳האָט פאַרהאַלטן אויף דער

באַן מיט אומלעגאַלער ליטעראַטור, און דער זאָל האָבן אויסגעגעבן גאָדיעס נאָמען און אַדרעס. אַ גאָר קורצע צייט האָט גאָדיע שטיינמאַן פאַרבראַכט אין די קעלערן פון דער געסטאַפאָ־תפיסה. ווייזט אויס, אַז די געניטע רוצחים האָבן זיך איבערצייגט, אַז ביי דער פיזיש־שוואַכער בחורה וועלן זיי גאָרנישט אַרויסקריגן, נישט געקוקט אויף די טאָרטורן וואָס זי איז דאָרט אויסגעשטאַנען. פון די יידישע שניידערס, וואָס האָבן דאָרט געאַרבעט, האָט מען געוווּסט וועגן די עינויים וואָס גאָדיע שטייט דאָרט אויס, און פון זיי האָט מען זיך דערוווּסט, אַז מ׳האָט גאָדיע שטיינמאַן אַרויסגעפירט מיט אַן אויטאָ אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג און דערשאָסן.

אין דער זעלבער צייט איז אַרעסטירט געוואָרן גליקע ליכטנבוים (לייבע מעדניקס טאָכטער) און זי איז דערשאָסן געוואָרן דורכן אַגענט באַלדיגא. ווי מ׳האָט געשמועסט זאָל האָבן גורם געווען דערצו אַ פאָלקס־דייטשקע, ביי וועמען גליקע האָט געמאָנט אַ חוב.

יעדן פאַרנאַכט פלעגט אין קוואַרטאַל ווערן אַ פּאַניק צוליב די קלאַנגען, אַז ביינאַכט וועט פאָרקומען אַן אָבלאַווע אויף מענער. יעדער איינער איז אַוועק שלאָפן אויף זיין אַרבעטס־אָרט, איבערלאָזנדיק די פרוי און קינדער אויפן אייגענעם באַראָט.

די דייטשע אויסראָטונגס־מאַשין איז שוין געווען דעמאָלט אין פולן גאַנג, און אין די ערשטע עטאַפּן פון דער יידן־פאַרניכטונג האָט זי זיך באַמיט צו קאָנצענטרירן די יידן, כדי ס׳זאָל איר לייכטער אָנקומען זיי צו פאַרניכטן.

די מיליטערישע מאַכט האָט געמאָלדן די יידישע אַרבעטערס, אַז ווער ס׳וויל ביי איר אַרבעטן, מוז זיך קאַזערנירן, ד״ה, שלאָפן אין די באַראַקן אונטער דער דייטשער אויפזיכט. די מיליטערישע מאַכט האָט אויך גענומען געבן עסן אירע יידישע אַרבעטערס. די יידן האָבן נישט געוואָלט פאַרלירן זייערע אַרבעטס־ערטער און זענען דעריבער געווען געצוווּנגען זיך צו קאַזערנירן. יעדן פאַרנאַכט האָט מען געקאָנט זען אַזאַ בילד: די אַרבעטערס זענען אַהיימגעקומען אויף אַ קורצער ווײַלע פון דער אַרבעט, און באַלד זיך צוריק פאַרזאַמלט אויפן שול־הויף און איינגעשטעלט אין מיליטערישער אָרדענונג האָבן זיי אַוועקגעמאַרשירט אין די קאַזאַרמעס. וועמען ס׳פלעגט זיך פאַרגלוסטן איבערצושלאָפן אַ נאַכט אין דער היים, האָט צומאָרגנס באַקומען אויסגעציילט אויף זיין קערפּער אַ פערציק שטעקנס. בלויז אויף זונטיק פלעגט מען באַפרייען די אַרבעטערס פון לאַגער, כדי זיך צו זען מיט זייערע פאַמיליעס.

דערווייל איז איינער פון די אַוועקגעשיקטע 400 יידן אין דער ריכטונג פון לובלין, דער געוועזענער קריגס־געפאַנגענער גראָסמאַן געקומען צוריק צולויפן. פון זיינע רייד האָט זיך פונאַנדערגעוויקלט אַ פריש בילד פון דער טראַגעדיע.

מ׳איז געוויר געוואָרן, אַז די 400 מאַן האָט מען אַריינגעפירט אין לאַגער מאַידאַנעק, עטלעכע קמ. הינטער לובלין. דאָרט האָט מען זיי איבערגעטאָן אין די לאַגער־קליידער. באַלד איז אָבער געקומען אַ באַפעל זיי צוריקצוגעבן די מלבושים.

פון דער באַן־דירעקציע זענען געקומען באַאַמטע און אויסגעקליבן בערך 350 מאַן צו דער אַרבעט ביים בויען אַ נייע באַן־ליניע אין גאָלאָמב, צווישן דעמבלין און פולאַווו, לובלינער וואָיעוואודזטווע. אין לאַגער מאַידאַנעק זענען געבליבן אַ 50 מאַן, על פי רוב עלטערע מענטשן, און צווישן זיי: י. א. ראָזנבוים, יצחק פּיזשיץ, משה ראָדזינעק, משה חיים וויזנפעלד, ישראל ביאַלער, שמואל קרייזלמאַן, יעקב שלמה זיידמאַן, יעקב וועלוול הערשבערג, בערל גאָלדבערג (אַפּטייקער), חנן ווייסבערג א״אַ.

די אַרבעט אין גאלאמב איז פאָרגעקומען אין אומדערטרעגלעכע באַדינגונגען. שווערע אַרבעט, ווייניק און שלעכט עסן. ביי דער קלענסטער אָפּשוואַכונג איז מען דערשאָסן געוואָרן. ס׳זענען דאָרט אומגעקומען צווישן אַנדערע: פישל קאַנטאָר, אליעזר לערנער און בלומענקראַנץ (יוקל ליסטגאַרטנס איידעם).

האַרט פאַר ראש־השנה זענען כמעט אַלע ביאַלער יידן צוריקגעקומען פון גאלאמב.

די פרויען פון די אַוועקגעשיקטע יודענראַטלער האָבן אָנגעהויבן מאַכן באַמיאונגען וועגן צוריקברענגען זייערע מענער. אין די דייטשע אַמטן האָט מען זיי צוגעזאָגט צו דערפילן זייער בקשה, אָבער זיי האָבן נישט געהאַלטן קיין וואָרט. דערווייל האָבן זיי באַשטימט ווי אַ נייעם פאָרזיצער פון יודענראַט, אליעזר צעלניקער, וועלכער האָט צוזאַמען מיט די עטלעכע איבערגעבליבענע יודענראטלער געפּרוּווט אָנהייבן עפּעס אַ טעטיקייט.

אויף שבת, דעם 19טן סעפּטעמבער, איז באַפוילן געוואָרן, אַז ס׳זאָלן זיך צושטעלן ביים ס״ד־פאָרשטייער די יודענראַטן פון ביאַלע, יאַנעווע און קאָנסטאַנטין.

שבת בייטאָג האָט מען שוין געוווּסט די רעזולטאַטן פון וויזיט: פון ביאַלער יודענראַט איז געפאָדערט געוואָרן אויפצוזאַמלען ביי דער יידישער באַפעלקערונג עטלעכע קג. גאָלד און צושטעלן עס דער ס״ד. די פאָדערונג איז מאָטיווירט געוואָרן דערמיט, אַז אַדאַנק דעם וועט די ס״ד קאָנען פאַרטיידיקן די ביאַלער יידן ביי דער העכערער מאַכט. די יאַנעווער און קאָנסטאַנטינער יודענראַטן האָט מען געמאָלדן, אַז ביז פרייטיק, דעם 25סטן סעפּטעמבער, מוזן אַלע יידן פון זייערע שטעטלעך זיך איבערציען קיין ביאַלע.

אַרום דינסטיק, דעם 22סטן סעפּטעמבער, האָט דער ס״ד־מאַן גלעט געשיקט רופן די פרויען פון די צוויי יודענראַט־מיטגלידער פּיזשיץ און ראָזנבוים, וועלכע האָבן אָן אויפהער געמאַכט ביי אים באַמיאונגען וועגן צוריקברענגען די מענער פון מאַידאַנעק.

ווען די צוויי פרויען זענען אַריינגעקומען צום ס״ד־מאַן גלעט האָבן זיי דאָרט אָנגעטראָפן דעם יודענראַט־פאָרזיצער אליעזר צעלניקער. אין זיין אָנוועזנהייט האָט גלעט געפרעגט די פרויען וויפל זייערע מענער זענען ביי זיי ווערט, ווייל ס׳איז דאָ אַ מעגלעכקייט זיי צו באַפרייען. די פרויען האָבן

געענטפערט, אַז זייערע מענער זענען ביי זיי זייער טייער, אָבער, לײַדער האָבן זיי נישט קיין גרויסע געלט־סומעס. די פרויען האָבן זיך באַמיט צו רעדן וועגן צוריקברענגען אַלע ביאַלער יידן, אָבער דער ס״ד־מאַן האָט אין אָנהייב נישט גע־וואָלט הערן דערפון. ענדלעך, נאָך לאַנגע ביטעס פון די פרויען, האָט גלעט מסכים געווען באַמיען זיך וועגן באַפרייען אַלע יידן. די פרויען האָבן דערפאַר זיך פאַרפליכטעט אים צוצושטעלן אַ סומע פון 45 טויזנט זלאָטעס. ער האָט באַטאָנט, אַז דאָס געלט דאַרף מען אים ווי צום גיכסטן צושטעלן, ווייל וואַרשיינלעך וועט ער שבת אָדער זונטיק פאָרן קיין לובלין, כדי אַוועקצופירן דאָס געזאַמלטע גאָלד דורכן יודענראַט און פאַר איין וועג וועט ער שוין דאָרט מאַכן באַמיאונגען וועגן באַפרייען די מענער. ער האָט באַמערקט דערביי, אַז אַלץ מוז זיין שטרענג געהיים, אין קעגנפאַל וועלן די פרויען זיין פאַראַנטוואָרטלעך מיטן לעבן.

אַרום מיטוואָך האָבן זיך שוין באַוויזן די ערשטע פּאָר־פּאָסטנס פון די יאַנעווער און קאָנסטאַנטינער יידן. ס׳האָבן זיך געצויגן פורלעך מיט יידישע משפחות. אין יאַנעווע איז בלויז געבליבן אַ קליינע גרופּע יידן, ווי אַרבעטערס אין דער דאָרטיקער „וויגאָדאַ״.

די אָנגעקומענע 3000 יידן האָבן זיך טיילווייז איינגע־קוואַרטירט ביי זייערע פריינט און באַקאַנטע. יענע וועלכע האָבן נישט געהאַט ווו זיך אַהינצוטאָן, זענען דערווייל מיט זייערע בעבעכעס געבליבן אויף דער גאַס.

דאָנערשטיק פאַרנאַכט האָט אָפּגעשטאַט אַ וויזיט אין קוואַרטאַל דער ראַפּינירטער רוצח גלעט. ער האָט צוגעזאָגט צו געבן דירות די איינגעוואַנדערטע. דערווייל האָט ער גע־הייסן דעם בעקער יצחק פרעטער צעטיילן צווישן די פליטים דאָס ברויט, צוזאָגנדיק אים מאָנטיק צוריקצוגעבן מעל.

אויפן פלאַץ האָט גלעט באַמערקט די פרויען באַלטשע פיזשיץ און חיה ראָזנבוים, וועלכע האָבן שוין אַ גאַנצן טאָג געוואַרט אויף אים מיטן איבערגעבן אים דאָס געלט. ער האָט זיי געהייסן קומען צו זיך אַרום 7 פאַרנאַכט.

דער יודענראַט האָט שוין געהאַט איבערגעגעבן דאָס גע־זאַמלטע גאָלד. צי פון דעם צוגעשטעלטן קוואַנטום, ביי 2 קג. זענען די ס״ד־לייט געווען צופרידן, אָדער נישט, איז שווער געווען צו דערגיין.

אַרום 7 פאַרנאַכט זענען די פרויען געקומען אין דער ביוראָ פון ס״ד און דאָרט איבערגעגעבן די 45 טויזנט זלאָטעס. גלעט האָט די פרויען ווידער דערקלערט, אַז אַרום שבת אָדער זונטיק וועט ער זיין אין לובלין און ער גלייבט, אַז אים וועט געלונגען צו באַפרייען די מענער. אַזוי ווי ס׳איז שוין געווען נאָך 7 אַזייגער האָט ער די פרויען געגעבן אַ שיין, וואָס האָט זיי דערלויבט אין דער שפּעטער שעה צו גיין אין גאַס.

אַז ס׳פאַרטראָגט זיך אויף אַ גירוש איז קלאָר געווען פאַר אַלעמען. אין גאַנץ לובלינער וואָיעוודזטווע זענען דעמאָלט גענומען געוואָרן אין גירוש־אָנגריף אַלע יידישע ישובים. די ביאַלער יידן האָבן זיך אָבער נישט געריכט, אַז ס׳דערנענ־טערט זיך זייער טאָטאַלער אומקום.

פון דער קרייזהויפּטמאַנשאַפט האָט מען פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז די ביאַלער יידן מיינט מען נישט. צום אויסזיד־לען זענען באַשטימט נאָר די איינגעוואַנדערטע יידן פון די קליינע שטעטלעך. דער גרעסטער טייל ביאַלער יידן האָט דעריבער געמיינט, אַז בכלל גרייט זיך אַן אויסזידלונג פון די איינגעוואַנדערטע, ביי וועלכער ס׳וועלן נאַטירלעך מיטגע־ריסן ווערן נישט ווייניק ביאַלער יידן. צו דעם אָבער איז דאָ אַן עצה; געלערנט האָט מען דאָס פון דער ערשטער ביאַלער אויסזידלונג און פון דער גרויסער אויסזידלונג אין מעזריטש — באַהאַלטן זיך. דאָס בויען באַהעלטענישן איז דעריבער געווען אין פולן ברען. מ׳האָט נישט געשפּאָרט קיין געלט אויף דעם צוועק, אין יעדן הויז איז געשאַפן געוואָרן אַ באַהעלטעניש.

די אָנגעקומענע אַרבעטס־פעאיקע יידן פון די שטעטלעך האָבן באַלאַגערט דעם אַרבעטס־אַמט און געפאָדערט זיי צו־טיילן אַרבעטס־ערטער, ווייל ביי דעם ערשטן ביאַלער גירוש איז דאָס דאָך געווען אַ רעטונג. האָט מען איצט נישט געזשאַ־לעוועט קיין געלט צו באַקומען אַן אַרבעטס־קאַרטע.

פרייטיק, ערב סוכות, האָט אין קוואַרטאַל געהערשט אַ שטאַרקע און דענערווירטע באַוועגונג. מ׳האָט געשפּירט די נאָענטקייט פון דער געפאַר. די פּאַניק האָט פאַרשטאַרקט די ידיעה, אַז פאַרשיידענע באַאַמטע האָבן אָפּגענומען ביי די יידישע בעלי־מלאכות אַפילו האַלב־פאַרטיקע אַרבעטן.

אַ גאַנצן טאָג האָבן נאָך די יודענראַטן פון יאַנעווע און קאָנסטאַנטין געזאַמלט גאָלד ביי זייערע לאַנדסלייט, וואָס איז פאַרנאַכט איבערגעגעבן געוואָרן דער ס״ד.

ביי־טאָג זענען געקומען די אַרבעטערס פון אַ סך אַרבעטס־פּלעצער נעמען זייערע זאַכן, ווייל זיי זענען געוואָרן קאַזער־נירט. מ׳האָט געשמועסט וועגן 7 לאַגערן וואָס וועלן זיין אין שטאָט: 1. ביי דער פירמע „סטואַג״; 2. ביי דער פירמע „ציד״; 3. ביי דער „אָסטבאַן״; 4. ביי דער „וואַסער־ווירט־שאַפטס־אינספּעקציאָן״ (דאָס איינציקע אָרט ווו אויך פרויען וועלן זיך געפינען); 5. אויפן פלי־פעלד; 6. אין דער מילי־טערישער בעקעריי און 7. דער גרעסטער לאַגער וועט זיין ביי דער „ווערמאַכט״, ווו ס׳וועלן אויך עסן און שלאָפן אַלע אַרבע־טערס פון די פּריוואַטע פירמעס, וועלכע האָבן דאָס רעכט צו באַשעפטיקן יידן.

די יידן האָבן זיך איינגעטיילט אין דריי קאַטעגאָריעס: איינע — די קאַזערנירטע; די צווייטע — וועלכע האָבן זיך צוגעגרייט באַהעלטענישן, צווישן זיי אַ קלענער פּראָצענט ביי קריסטן. צווישן די וואָס האָבן זיך געגרייט אויסצובאַ־האַלטן, האָבן זיך געפונען אויך מענער, וואָס הגם קאַזער־נירט, האָבן זיי דאָך איצט נישט געוואָלט פאַרלאָזן זייערע נאָענטע; די דריטע קאַטעגאָריע איז באַשטאַנען פון יענע יידן, וואָס האָבן נישט געהאַט ווו זיך אויסצובאהאַלטן, אָדער האָבן נישט געוואָלט זיך אויסבאַהאַלטן און זענען גרייט געווען אויף אַלץ.

דער צווייטער און לעצטער גירוש

שבת, דעם ערשטן טאָג סוכות (26סטן סעפּטעמבער 1942), אַרום 5 אַזייגער פאַרטאָג, האָט מען אין יידישן קוואַרטאַל דערהערט אַ ביקסן־שיסעריי, און ס׳איז קלאָר געוואָרן אַז די בלוטיקע געשעענישן האָבן זיך אָנגעהויבן.

א. אויפן זאמלפלאץ און אין די גאסן

ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן האָט די גירוש־אַקציע זיך אָנגעהויבן נאָך פאַר 5 אַזייגער פאַרטאָג. ווען מ׳האָט דער־הערט די ביקסן־קנאַלעריי זענען שוין געווען יידישע לעבנס פאַרשניטן.

אין דער אַקציע האָבן אָנטייל גענומען: געסטאַפּאָ, שוץ־פּאָליציי, זשאַנדאַרמעריע, פּוילישע פּאָליציי און זעלנער פון דער „לופטוואַפע", וועלכע האָבן אַרום 10 אַזייגער ביינאַכט אַרומגעשטעלט דעם קוואַרטאַל.

ווי נאָר ס׳האָט גענומען בלויען אין דרויסן, האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אַרויסיאָגן די מענטשן פון די וווינונגען און זיי טרייבן צום פּלאַץ, צום „חזיר־מאַרק", ווו מ׳האָט זיי גע־הייסן אויסזעצן זיך אויף דער ערד.

אין הייזער, ווו מ׳האָט אַזוי גיך נישט געעפנט די טיר האָט מען זי אויפגעבראָכן. ווי צעווילדעטע חיות זענען די דייטשן אַריין אין די הייזער און צעשלאָגן די מענטשן. ווער פון זיי ס׳האָט געהאַט חשק האָט געלאָזט אין גאַנג די ביקס און ס׳זענען געפאַלן קרבנות. קראַנקע, וואָס זענען געלעגן אין בעט און נישט געקאָנט גיין צום זאַמלפּונקט, האָט מען דערשאָסן אין די בעטן.

דער ס"ד־מאַן גלעט האָט באַפוילן דעם יידישן אָרדענונגס־דינסט־מאַן הינך ביאַלער אַריינצוגיין אין אַ וווינונג ביי חיים גאָטלען אין הויף, אויף דער פּראָסטער גאַס, און נאָכזען צי דאָרט זענען פאַראַן יידן. ביאַלער איז אַריין אין דער וווינונג און אָנגעטראָפן יידן, וועמען ער האָט געהייסן זיך באַהאַלטן. דעם ס"ד־מאַן האָט ער געמאָלדן, אַז דאָרט זענען נישט פאַראַן קיין יידן. גלעט האָט אָבער נישט געגלויבט און איז אַריין אין דער וווינונג און נאָך באַוויזן צו טרעפן עט־לעכע יידן, וואָס האָבן נאָך נישט באַוויזן זיך צו פאַרשטעקן, און ער איז גלייך אַרויס אין דרויסן און דערשאָסן ביאַלערן אויפן אָרט.

די יידן אויף דער גאַס, וואָס זענען געגאַנגען צום זאַמל־פּונקט זענען צעשלאָגן געוואָרן און נישט איינער פון זיי איז דערשאָסן געוואָרן.

אויף דער גאַס זענען אָנגעקומען די דריי שוועסטערס גראָדנער מיט אַ ברודערל און זיך געאיילט צום זאַמלפּלאַץ. פאַר זיי איז אויסגעוואָקסן דער שוץ־פּאָליציאַנט פּעטערסאָן און ווען ער האָט דערזען דאָס ייִנגסטע שוועסטערל, אַ וווּנ־דערבאַר שיין קינד, האָט ער אויסגערופן: — אַ שאָד אַזאַ קינד זאָל פאָרן קיין מעזריטש, גלייכער זאָל זי דאָ בלייבן. — ס׳האָט זיך דערהערט אַ שאָס, דאָס קינד האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און געפאַלן אויף די ברוק־שטיינער מיט אַ צעשמע־טערט קעפּל. די שוועסטערס מיטן ברודערל האָט מען אַוועק־געיאָגט צום זאַמלפּלאַץ.

אויפן זאַמלפּונקט זענען די יידן געזעסן דערשלאָגענע און פול מיט פּחד. יעדע רגע האָבן די דייטשן אויסגעקליבן אַ ייד, אים אָפּגעפירט אין אַ זייט און דערשאָסן. לעבן דעם הויז פון קריסט שידלאָווסקי האָט זיך געשאַפן אַ לאַנגער ברידער־קבר.

יידיש בלוט איז געפלאָסן אין די וווינונגען, אין די גאַסן און אויפן זאַמלפּלאַץ. אומעטום, ווו דאָס אויג האָט נאָר דערגרייכט האָט מען געזען יידישע הרוגים.

צום גרויזאַמסטן האָבן געווילדעוועט דער שוץ־פּאָליציאַנט פּעטערסאָן, דער זשאַנדאַרם בוש און דער קאָמענדאַנט פון דער פּוילישער פּאָליציי קוכאַזשעווסקי.



שוק החזירים — מקום ריכוז למגורשים (צולם בחורף 1944/5)

דער חזיר־מאַרק — זאַמל־פּלאַץ בעתן גירוש. (פאָטאָגראַפירט ווינטער 1944/5)

Pig market. Concentration place for the expelled (photo: Winter 1944/5)

אַ סך באַהעלטענישן זענען באַלד אַנטדעקט געוואָרן דורך די תלינים. די מענטשן זענען אַרויסגעפירט געוואָרן אויפן זאַמלפּלאַץ אונטער אַ האָגל פון קלעפּ, און נישט איינער איז געפאַלן טויט אויפן אָרט.

ווען אויפן זאַמלפּלאַץ זענען שוין געווען גענוג יידן, האָט מען אָנגעהויבן אויסקלייבן אַרבעטס־פעאיקע מענטשן פאַרן לאַגער אויפן פלי־פעלד און פאַר מאלאשעוויטש (פריי־ערדיקער פוילישער פלי־פּאָרט, לעבן טערעספּאָל).

אויפן פּלאַץ האָבן זיך אָפּגעשפּילט גרויזאַמע סצענעס: מ׳האָט געשלאָגן אָן אויפהער, פרויען און קינדער זענען גלאַט אַזוי אויסגעשאָסן געוואָרן.

אָט האָט מען געבראַכט דעם סעראָצקער יונגערמאַן זושע גאָלדבערג (אַ חבר פון דער דערמאָנטער גאָדיע שטיינמאַן), וועלכער האָט די גאַנצע צייט געאַרבעט ביי דער שוץ־פּאָליצייַ, ווו מ׳האָט וועגן אים געהאַט די בעסטע מיינונג. אַ פּאָר שוץ־פּאָליציאַנטן, מיט פּעטערסאָנען בראש האָבן אויף אים געטראָגן אַ כעס, הלמאי ער האָט זיי נישט געלאָזט גנבע־נען אין די מאַגאַזינען, ווו ער האָט געאַרבעט. די יסורים וואָס דער יונגערמאַן איז דורכגעגאַנגען, איידער ער האָט זיך געשיידט מיט דער וועלט, זענען ממש אומבאַשרייבלעך. מיט דרענגער האָט מען אים שטאַרק צעשלאָגן, נאָך דעם האָט מען אים אויסגעשטאָכן די אויגן, אַרויפגעלייגט אויף אַ ברונעם־בעטאָן און אָן אויפהער ווייטער מערדערלעך געשלאָגן, גע־פייניקט און דערנידעריקט.

דער יונגערמאַן האָט זיך געהאַלטן העלדיש. ער האָט נישט געבעטן קיין רחמים, נאָר געשליידערט אין די פּנימער פון זיינע פייניקערס מוטיקע ווערטער: — איר זענט העלדן — האָט ער געזאָגט — לגבי שוצלאָזע יידן. אָבער די וועלט און אויך יידן וועלן נאָך זען וואָס פאַר אַ העלדן איר וועט זיין, ווען איר וועט פאַרלירן די מלחמה. דאָס האָט די פייניקערס אַריינגעבראַכט אין אַ געפערלעכן גרימצאָרן. דער יונגערמאַן האָט אויסגעהויכט די נשמה אין אומגעהויערע יסורים.

פון די מענטשן, וועלכע זענען געזעסן אויפן זאַמלפּלאַץ האָט מען פאַרלאַנגט, אַז זיי זאָלן אַוועקגעבן דאָס געלט און צירונג, דראָענדיק מיט טויט־שטראָף פאַר נישט אָפּגעבן. אַזוי ווי מ׳האָט זיך משער געווען, אַז מ׳וועט אָפּגעטראַנספּאָרטירט ווערן אין פאַרניכטונגס־לאַגער טרעבלינקע, האָט קיינער נישט גענומען מיט זיך קיין שום זאַך. ס׳האָט דערנאָך באַנג געטאָן, וואָרעם מ׳האָט גאָר פאַרלאָדן די יידן אויף פורן און געשיקט קיין מעזריטש.

די עלטערע מענטשן און קינדער האָט מען פאַרלאָדן אויף פורן און דאָס יונגוואַרג איז איינגעשטעלט געוואָרן צום אַוועקיאָגן צופוס קיין מעזריטש. צוליב דער גרויסער צאָל פורן, וועלכע זענען געבליבן נישט באַזעצט, איז אויך דאָס יונגוואַרג פאַרלאָדן געוואָרן אויף די פורן.

ס׳האָבן זיך געצויגן פורן אָנגעשטאָפּט מיט יידן, דער־שלאָגענע, פול מיט פחד, נישט וויסנדיק לכתחילה וווהין מען פירט זיי. ביים סוף פון ביאַלער קרייז, ווו ס׳געפינען זיך די וואָראָניעצער וועלדער, האָט מען פון די פורן אַראָפּגענומען אַ סך יידן, אַריינגעפירט זיי אין וואַלד אַריין און דאָרט דער־שאָסן.

די הרוגים אין די גאַסן און אין די וווינונגען, פון וואַנען זיי זענען אַרויסגעשליידערט געוואָרן דורך די פענצטער, זענען דורך קריסטלעכע אַרבעטערס פון מאַגיסטראַט אַוועק־געפירט געוואָרן אויפן בית־הקברות. נאָך עטלעכע טעג ליגן דאָרט זענען די הרוגים באַערדיקט געוואָרן דורך די קריסט־לעכע אַרבעטערס.

אין יידישן שפּיטאָל, ווו ס׳האָבן זיך געפונען אַ 15 קראַנקע און צוויי קראַנקן־שוועסטערס, וועלכע האָבן נישט געוואָלט פאַרלאָזן די קראַנקע, זענען אַריינגעפאַלן די געסטאַפּאָ־לייט און פאַראָרדנט די שוועסטערס צו געבן די קראַנקע גוט עסן...

די קריסטן האָבן אויסגענוצט די פינצטערניש פון דער נאַכט און גענומען באַלעבאַטעווען אין די יידישע הייזער. זיי האָבן אַרויסגעשלעפּט וואָס ס׳האָט זיך געלאָזט. זיי האָבן

Abschrift

Stadtverwaltung
in Biala Podlaska

Biala Podlaska, den 28 September 1942

Bekanntmachung

Auf Grund der Anordnung des Herrn Kreishauptmanns vom 24.d.Mts.gebe ich hiermit zur Kenntnis der Bevölkerung, dass das Betreten des ehem.Judenviertels ohne besonderen Ausweis unbedingt verboten ist.

Plünderungen von Häusern, Geschäften usw. werden mit dem Tode bestraft.

Der Bürgermeister
(-)Ing.A.Walawski

Za zgodność odpisu

Przewodniczący
Miejskiej Rady Na.odowej
w Bialej-Podlaskiej

איסור לגויים להיכנס לרובע היהודים

פאַרבאָט פאַר נישט־יידן צו באַ־טרעטן דעם געוועזענעם יידישן קוואַרטאַל.


Notice forbiding gentiles to enter the Jewish quarter.

אפילו אַראָפּגעצויגן די קליידער פון די הרוגים וואָס זענען געלעגן אין די גאַסן.

זונטיק, דעם צווייטן טאָג סוכּות, זענען איינגעלאַדן געוואָרן אין יידישן קוואַרטאַל אַריין אַלע רייכס־דייטשן און פאָלקס־דייטשן, וועלכע זענען געקומען מאַסנווייז אין בגדי יום־טוב. זיי האָבן געוואַנדערט איבערן קוואַרטאַל, זוכנדיק באַהאַלטענע יידן. פאַר איין וועג האָבן זיי שוין באַרויבט די יידישע הייזער פון שענסטן און בעסטן.

די דייטשן האָבן אָבער פעסטגעשטעלט, אַז אַ גרויסער פּראָצענט יידן האָט זיך נישט צוגעשטעלט אויפן זאַמלפּלאַץ. האָבן זיי געבערענגט שפּיר־הינט כדי צו אַנטדעקן די יידן אין די באַהעלטענישן. ס'האָט זיך געשטעלט אַ פרישער טאָג פון בלוטיקער אַרבעט פאַר די רוצחים. ס'האָבן זיך איבערגעחזרט די סצענעס פון ערשטן טאָג, אומעטום זענען געלעגן יידישע קרבנות און בלוט האָט זיך געגאָסן טייכנווייז.

די קרייזהויפּטמאַנשאַפט האָט גענומען פון די לאַגערן יידישע אַרבעטערס, וועלכע האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוטראָגן פון די פאַרלאָזטע הייזער דאָס האָב־און־גוטס און עס איבערפירן אין שול און בית־המדרש אַריין.


Odpis

Zarzad Miejski w Białej-Podlaskiej
Zakład Oczyszczania Miasta

Zarząd Miejski
w Białej-Podlaskiej
29.WRZ.1942
L.dz.3942/42

Meldunek

Do Pana Burmistrza
m.Białej-Podlaskiej

Na zarządzenie p.Burmistrza z dnia 26.IX rb. Nr.dz.3996/42,donoszę że żaden z robotników Z.O.M. nie jest z pochodzenia żydem,jak również na terenie zabudowań Z.O.M.żaden z żydów nie ma żadnego schronienia.-

Jednocześnie nadmieniam,że wydałem polecenie robotnikowi Z.O.M.Janowi Grabowskiemu zamieszkałemu w budynku Z.O.M. by bezwzglednie żadnemu żydowi nie pozwolił na zatrzymanie się w Z.O.M.,w wypadku gdyby miały miejsce takie wypadki - żydów skierowywał wprost do najbliższego posterunku żandarmerji, a nie wypuszczał ich swobodnie.-

Kier.Z.O.M.(-)W.Iwanicki

Biała-Podlaska dnia 29.IX.1942 r.

Za zgodnosc odpisu

Przewodniczący
Miejskiej Rady Narodowej
w Białej-Podlaskiej

פקודת ראש העיר א. וולבסקי ועוזרו וו. איוניצקי, אחרי הגירוש, לתפוס יהודים ולמסרם לג'נדרמריה.

פאַראָרדענונג פון בירגערמייסטער א. וואַלאַווסקי און זיין מיטאַרבעטער וו. איוואַניצקי, נאָכן גירוש, וועגן פאַרהאַלטן יידן און איבערגעבן זיי דער זשאַנדאַרמעריע.

Order of Town Mayor A. Walawsky and his assistant W. Iwanitzky, after expulsion, to intercept Jews and hand them over to the gendarmerie.

ווו די יידישע אַרבעטערס זענען אַריינגעקומען אין אַ וווינונג, האָבן זיי באַלד אויסגערופן: „מענער, קומט אַרויס!" און די מענער וואָס האָבן דערהערט זייער רוף האָבן זיך אָנגעשלאָסן צו דער אַרבעטס־גרופּע און פאַרנאַכט זענען זיי מיט אין די לאַגערן. ווו נאָר די יידישע אַרבעטערס האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט האָבן זיי געמאָלדן, אַז ביאַלע איז יודנריין, און, אַז מ'מוז ביינאַכט אַוועק קיין מעזריטש.

אין יידישן שפּיטאָל זענען די געסטאַפּאָ־לייט געקומען אַ צווייט מאָל און גייענדיק פון בעט צו בעט אויסגעשאָסן אַלע קראַנקע. אויך די צוויי קראַנקן־שוועסטערס האָבן געטיילט דעם גורל פון די קראַנקע.

אין שפּיטאָל איז אויך אַנטדעקט געוואָרן אַ באַהעלטעניש און די יידן זענען דאָרט דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט. צווישן די דערשאָסענע האָט זיך געפונען דער יודענראַט־פּאַרזיצער אליעזר צעלניקער.

די יידן וועלכע מ'האָט דעם צווייטן טאָג פון גירוש צונויפגעזאַמלט אויפן זאַמלפּלאַץ האָט מען אויך אַוועקגעשיקט קיין מעזריטש.

די וועגן וואָס האָבן געפירט קיין מעזריטש זענען פול געווען מיט יידישע קרבנות. וועמען ס'האָט זיך נאָר געגלוסט, האָט פאַרהאַלטן די וואַנדערנדיקע יידן און זיי איבערגעגעבן אין די דייטשע הענט. אַזוי זענען ביים סטיזשיניעץ פאַרהאַלטן געוואָרן די שוועסטערס גראָבמאַן און דער „זאַנדערדינסט" האָט זיי דאָרט דערשאָסן אויפן אָרט.

פון דינסטיק אָן, דעם פערטן טאָג פון גירוש, האָט מען אויפגעהערט שיסן יידן. די געסטאַפּאָ האָט איבערגענומען די פאַרוואַלטונג איבערן געוועזענעם יידישן קוואַרטאַל. אין די גאַסן האָבן זיך באַוויזן מעלדונגען, אַז די יידן קאָנען פרייוויליק מאַרשירן קיין מעזריטש ביז דאָנערשטיק דעם 1טן אָקטאָבער 1942. יעדן ייד וואָס מ'וועט נאָך דעם טערמין אָנטרעפן אין ביאַלער קרייז וועט דערשאָסן ווערן.

און ווירקלעך האָט מען אין די טעג נישט געשאָסן קיין יידן. סיי די, וואָס האָבן זיך פרייוויליק צוגעשטעלט און סיי די, וואָס מ'האָט אַרויסגעקראָגן פון די באַהעלטענישן, האָט מען אָפּגעשיקט קיין מעזריטש.

פון די מענטשן, וועלכע האָבן זיך פון דינסטיק אָן אַליין צוגעשטעלט צום גירוש, האָט די געסטאַפּאָ אויסגעקליבן אַ גרופּע פון 50 מאַן צום רוימען די הייזער אין יידישן קוואַרטאַל. צווישן זיי האָבן זיך געפונען: די צוויי פרויען: מאַטל צוקער (פרויעם צוקערס פרוי) און מאַשע געלבורד (יאָסעלע וואָהינערס אַ טאָכטער); די מענער: יצחק עקשטיין (שערער), יצחק כהן, מיט זיין זון גדליהו, חנינא קאַשעמאַכער, נח ראָדזינעק, אַנטשל בעקערמאַן, די ברידער בעקערמאַן (יוסף סאַניעס זין), שמואל ליבערמאַן (טריקאָטאַזשניק פון שעדלעץ), יצחק גראָבמאַן, ברוך פייגנבוים, פּאַלאָסעצקי (אַ סטאָליער פון לאָמאַז), דודל געלטמאַן, שלמה צוקער (מאַטל צוקערס זון), שמשון יוסטמאַן, שלמה שטיינגאַרט (מאָטל אריהס זון) א"אַ.

די אַרבעטערס זענען איינגעקוואַרטירט געוואָרן אין די באַראַקן, וואָס האָבן זיך געפֿונען אויף שבתי פֿינקלשטיינס פּלאַץ (די באַראַקן זענען דאָרט אויפֿגעשטעלט געוואָרן אָנהייב זומער 1942 און ביזן גירוש האָבן דאָרט געוווינט ייִדן, וואָס זענען כסדר באַזייטיקט געוואָרן פֿון די גאַסן, וואָס האָבן זיך געפֿונען אויסער דעם אָנגעצייכנטן ייִדישן קוואַרטאַל). אויף בייַנאַכט פֿלעגט מען אַריינלאָזן די אַרבעטערס אין די באַראַקן, פֿאַרהאַקן טירן און פֿענצטער מיט ברעטער און די שטאָטישע פֿייערלעשערס האָבן זיי געהיט ביז פֿאַרטאָג, ווען מ'פֿלעגט זיי אַרויסלאָזן צו דער אַרבעט.

די ערשטע באַשעפֿטיקונג פֿון אָט די אַרבעטערס איז געווען אַרומצוגיין און פֿאַרקלאַפּן אַלע ייִדישע הייזער. נאָכדעם האָבן זיי אָנגעהויבן גיין פֿון הויז צו הויז און אַלץ אויסרוימען. די זאַכן האָט מען אָפּגעפֿירט אין ספּעציעל איינגעאָרדנטע מאַגאַזינען, פֿון וואַנען די מער ווערטפֿולע זענען שפּעטער אָפּגעטראַנספּאָרטירט געוואָרן קיין דייטשלאַנד.

אַ גרויסער טייל פֿון זייער אַרבעט איז אין די ערשטע וואָכן פֿון גירוש באַשטאַנען אין גראָבן קברים, טאַקע דאָרט אויפֿן פּלאַץ.

ווי נאָר ס'איז אַוועק דער דאָנערשטיק, האָט זיך צוריק אָנגעהויבן דאָס שיסן פֿון יעדן אָנגעטראָפֿענעם ייִד. דאָסמאָל בלויז דורך דער געסטאַפּאָ, וועלכע האָט דעם פּלאַץ אין ייִדישן קוואַרטאַל פֿאַרוואַנדלט אין אַ בית־הקברות.

אייגנטלעך איז נישט געווען קיין אונטערשייד צווישן דעם בית־הקברות אויפֿן פּלאַץ אין ייִדישן קוואַרטאַל און דעם אָפֿיציעלן בית־עלמין, ווייל דער דייטשער וואַנדאַליזם האָט אויך אַהין דערגרייכט, אַלע מצבות און קברים־פֿאַרמויערונגען זענען צעהאַקט געוואָרן אויף שטיקלעך און פֿאַרנוצט געוואָרן צו פֿאַרשיידענע צוועקן.

די 50 ייִדישע אַרבעטערס ביי דער געסטאַפּאָ זענען געווען עדות פֿון גענוג גרוילהאַפֿטע סצענעס. טאָג־טעגלעך האָט מען געבראַכט אין די באַראַקן אַריין ייִדן, פֿאַר וועלכע זיי האָבן געמוזט צוגרייטן אַ מאַסן־קבר. פֿאַרנאַכט פֿלעגט מען די קרבנות פֿאָרוויַיז, בלויז אין די אונטערוועש, צופֿירן צום גרוב און דערשיסן. די איבעריקע קרבנות, וועלכע האָבן געוואַרט אויף זייער ריי, פֿלעגן הערן דאָס געשיסערייַ און דורך די באַראַק־שפּאַלטן זען וואָס ס'דערוואַרט זיי אָט באַלד.

ווען די שיסערייען האָבן זיך געענדיקט, זענען די ייִדישע אַרבעטערס געלאָפֿן מיט די לאָפּאַטעס פֿאַרשיטן דעם מאַסן־קבר.

אָט האָט מען געבראַכט אויפֿן פּלאַץ דעם יודענראַט־מיטגליד דוד קאַנטאָר מיט זיין טאָכטער שרה. ער האָט זיך געבעטן ביים געסטאַפּאָ־מאַן, וואָס האָט בשעתו נישט איין מתנה באַקומען פֿון קאַנטאָרס האַנט, אַז ער זאָל זיי לאָזן לעבן, ווייל זיי זענען יונג און קאָנען נאָך אַרבעטן. ס'האָבן זיך דערהערט עטלעכע רעוואָלווער־שאָסן און צוויי לעבנס זענען אויסגעלאָשן געוואָרן.

די פֿרוי שיינדל קאָרנבלום, וועלכע מ'האָט אַהער געבראַכט מיט איר מאַן יעקב האָט פֿאָרגעשלאָגן אַוועקצוגעבן זייער גאַנץ פֿאַרמעגן, אַבי מ'זאָל זיי שענקען דאָס לעבן, אָבער דער געסטאַפּאָ־מאַן האָט זיך ציניש צעלאַכט און געלאָזט אין גאַנג זיין אויטאָמאַטיש געווער.

די פֿרוי עטל ריכטער האָט געבעטן אַ ייִדישן אַרבעטער, אַז זיי זאָלן נישט דערציילן וועגן איר טראַגישן סוף איר זון, וועלכער האָט זיך געפֿונען אין איינעם פֿון די ביאַלער לאַגערן. דעם זעלבן אָוונט האָט מען איר אַרויסגעפֿירט פֿון באַראַק, בלויז אין העמד, און דערשאָסן.

נישט איין אַרבעטער האָט געזען אויף דעם פּלאַץ שיסן



ככר הגיטו (גן שבתי). באמצע — הצריפים שלתוכם הכניסו את היהודים לאחרי שהוציאום ממעונותיהם. אחרי הגירוש, שוכנו שם עובדי הגסטפו. במקום זה גם עצרו את היהודים שנחטפו בזמן הגירוש עד שהרגו אותם ביריות באותו המקום בערבים. מימין — ביתו של חנינא קאשעמאַכער, שבו דרו אח"כ עובדי הגסטפו; משמאל — ביתו של מוטל מינץ.

דער געטאָ־פּלאַץ (שבתי־גאָרטן) אינמיטן די באַראַקן, וווהין מ'האָט אַריינגעשטופּט די ייִדן נאָכן אַרויסוואַרפֿן זיי פֿון די וווינונגען. נאָכן גירוש, איינסטאַלירט דאָרט די געסטאַפּאָ־אַרבעטערס. דאָ אויך געהאַלטן פֿאַרשפּאַרט די פֿאַרהאַלטענע ייִדן בעתן גירוש ביזן דערשיסן זיי פֿאַרנאַכט דאָרט אויפֿן פּלאַץ. רעכטס — דאָס הויז פֿון חנינא קאַשעמאַכער, ווו ס'האָבן זיך שפּעטער אויפֿגעהאַלטן די געסטאַפּאָ־אַרבעטערס; לינקס, דאָס הויז פֿון מאָטל מינץ.

Ghetto square (Shabse's garden). In the centre the sheds where Jews who were driven out from their flats, were quarterd. After the expulsion — a dwelling place for gestapo workers. Here Jews intercepted during the expulsion were imprisoned till evening, and shot there. Right — the house of Hanina Kashemacher where gestapo workers lived afterwards. Left — the house of Motl Mintz.

זיין אייגענע פרוי, זיינע קינדער און זיינע נאָענטסטע, וועלכע מ׳האָט אַנטדעקט אין באַהעלטענישן. ער האָט געקוקט פאַרשטיינערט און האָט געשוויגן. און אַזוי האָבן אויך די קרבנות געשוויגן, ווייל דער מינדסטער אָנדייט, אַז דאָס שיסט מען אַ נאָענטן האָט אויך זיי געקאָנט ברענגען דעם טויט.

און אַזוי האָט מען אין די אויגן פון אַרבעטער חנינא קאַשעמאַכער געשאָסן זיין פרוי פערל. דער אַרבעטער שמואל ליבערמאַן האָט פאַרשאָטן אין קבר דעם צאַפּלדיקן קערפּער פון זיין זון. נח ראָדזינעק האָט צוגעזען ווי מ׳האָט געשאָסן זיין ברודער אברהם.

געווען אַ פאַל ווען מ׳האָט געבראַכט צום שיסן דעם מיטאַרבעטער פון יודענראַט אידל צימבאַליסט מיט זיין שוואַנגערנדיקער פרוי נחמה (משה שענקערס טאָכטער). נאָך לאַנגע באַמיאונגען פון די אַרבעטערס איז געלונגען צו פועלן ביים געסטאַפּאָ־מאַן, אַז מ׳זאָל צימבאַליסטן נעמען צו דער אַרבעט. אינמיטן דער אַרבעט האָט אים אָבער באַמערקט אַ צווייטער געסטאַפּאָ־מאַן און אים צוריק אַריינגעטריבן אין באַראַק פון די פאַרהאַלטענע יידן צום שיסן. ווען די אַרבעטערס האָבן ביי אָט דעם געסטאַפּאָ־מאַן געבעטן רחמים, אַז ער זאָל צימבאַליסטן צונעמען צו דער אַרבעט, האָט ער זיי געזאָגט, אַז ער קאָן גאָרנישט העלפן, ווייל אָט דער ייד איז דאָ געבראַכט געוואָרן צוזאַמען מיט זיין פרוי; אויב ער וועט בלייבן אַרבעטן, וואָס זאָלן זיי טאָן מיט דער פרוי? זיי קאָנען נישט און ס׳איז זיי נישט דערלויבט אין אַזאַ פאַל צו צעשיידן מאַן און פרוי. און מ׳האָט זיי טאַקע נישט צעשיידט, נאָר צוזאַמען געשליידערט אין קבר.

געווען אויך פאַלן ווען פאַרהאַלטענע יידישע מיידלעך זענען געצווונגען געוואָרן צו טאַנצן נאַקעט פאַר דעם צוגעגרייטן קבר, ביי וועלכן מ׳האָט זיי דערנאָך דערשאָסן.

דער גאַנצער פלאַץ דאָרט מיט אַלע שכנישע הויפן זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ יידישן בית־עלמין.

ב. אין באהעלטענישן און אנדערע רעטונגס־מיטלען

די באַהעלטענישן זענען געמאַכט געוואָרן אויף פאַרשיידענע ערטער, נאָך גאַנצע נעכט אַריינקלערן אין דעם ענין. אַזוי האָט מען אין קעלערס אויפגעמויערט ווענט, וואָס האָבן דעם קעלער צעטיילט אין צוויי טיילן. איין טייל איז ווייטער געבליבן ווי געווען, אָבער אין צווייטן טייל האָט מען זיך אַריינגעקראָגן דורך אַן אויפגעהויבענער ברעט אין דער שטובפאָדלאָגע. קעמערלעך אין די וווינונגען האָט מען פאַרשאַלעוועט און געמאַכט אַ געהיימען אַריינגאַנג אין דער וואַנט, וואָס איז פאַרשטעלט געוואָרן מיט אַ בעט, אָדער מיט אַ שאַפע. פאַרשיידנאַרטיקע נאָרעס זענען געשאַפן געוואָרן אויף בוידעמער און אין שטאַלן.

כמעט אין אַלע באַהעלטענישן האָט געהערשט אַ גרויסע ענגשאַפט, ווייל אין דער לעצטער רגע האָט מען געמוזט אַריינלאָזן אין זיי מענטשן, אויף וועלכע מ׳האָט זיך נישט גערעכנט. אין די באַהעלטענישן, וואָס האָבן זיך געפונען אויף די בוידעמער זענען די מענטשן געלעגן ממש נאַקעט צוליב דער גרויסער היץ. די ערגסטע צרה איז געווען מיט די קליינע קינדער, וואָס האָבן כסדר געוויינט און געקאָנט לייכט פאַרראַטן דאָס באַהעלטעניש, זענען אויך געווען פאַלן, ווען אַזעלכע קינדער זענען פשוט דערשטיקט געוואָרן.

די יידישע אַרבעטערס ביי דער געסטאַפּאָ אין קוואַרטאַל האָבן שפּעטער געפונען טויטע קינדער אויף די בוידעמער, אין קעלערס, אין קעמערלעך און אין שטאַלן. געווען אויך אַ באַהעלטעניש, ווו די פרוי רבקה בערעזאָווסקי (דער מיידלשער נאָמען, טאָכטער פון שעפּסעלע סטאָליער) האָט באַקומען געבורט־ווייען און צוליב אירע געשרייען, האָט איר געטראָפן דער זעלבער גורל וואָס די פריער־דערמאָנטע קינדער, מ׳האָט זי דערשטיקט (אין הויז פון חיים בעקער, אויף פראָסטע גאַס).

אויף אַ שטיקל צייט זענען אין די באַהעלטענישן געווען אָנגעגרייט עסן און וואַסער, אָבער ווי לאַנג האָט מען דאָס געקאָנט אַזוי ליגן? בפרט, אַז צו הילף די דייטשן זענען געקומען די פוילישע פייערלעשערס, וואָס האָבן געאַרבעט גאָר פלייסיק ביים אַנטדעקן יידישע באַהעלטענישן. זיי האָבן אפילו אַראָפּגעריסן די דעכער אין טייל הייזער, ווו זיי האָבן געהאַט אַ פאַרדאַכט, אַז דאָרט געפינט זיך אַ באַהעלטעניש.

אין אַ סך באַהעלטענישן איז מען געלעגן לאַנגע טעג און נישט געוווּסט וואָס ס׳קומט פאָר אין גאַס. און האָט שוין איינער ריזיקירט אַרויסצוגיין כדי עפּעס געוווּיר צו ווערן, איז ער על־פּי־רוב מער נישט צוריקגעקומען, מ׳האָט אים פאַרהאַלטן און דערשאָסן.

ס׳זענען געווען ערטער, ווו מענטשן זענען געלעגן חדשים. אין אַ בוידעם־באַהעלטעניש ביי חיים בעקער אין הויז, זענען מענטשן געלעגן ביז דער העלפט יאַנואַר 1943 — העכער דריי און אַ האַלבן חודש. ווען די יידישע אַרבעטערס פון קוואַרטאַל האָבן זיי איינמאָל באַמערקט, זענען די מענטשן שוין געווען אין אַ שרעקלעכן מצב. אַ גוט באַהעלטעניש איז דאָס געווען, איינגעאָרדנט מיט בעטגעוואַנט איז זיי נישט געווען שטאַרק קאַלט, און אויך עסן האָט זיי געקלעקט אויף דער גאַנצער צייט. צונויף איז זיי געקומען אַן אויוון מיט טשאָלנטער, וואָס האָט זיך געפונען אין דעם הויז, נאָך פון ערב סוכות. אַ צרה נאָר האָבן זיי געהאַט מיט וואַסער. ווען זיי האָבן איינמאָל באַמערקט פון באַהעלטעניש־אַרויס די קוואַרטאַל־אַרבעטערס טראָגן וואַסער, האָבן זיי גענומען רופן צו זיי, אַז זיי זאָלן זיי געבן וואַסער. די אַרבעטערס האָבן דעם פאַרנאַכט זיי פאַרזאָרגט מיט גענוג וואַסער און עסן. ווען מ׳האָט זיי געפרעגט פאַרוואָס זיי גייען נישט קיין מעזריטש, האָבן זיי געענטפערט, אַז זיי ווילן דאָ איבערוואַרטן ביז איבער ניי־יאָר, אפשר וועט דאָך קומען אַן ענדערונג אין דער לאַגע פון די יידן.

נישט קענענדיק זיך דערוואַרטן אויף דער ענדערונג, זענען זיי אין עטלעכע וואָכן אַרום אַרויס פון באַהעלטעניש. איינציקווייז זענען זיי אַוועק קיין מעזריטש. אַהין איז אָבער אָנגעקומען בלויז איינער — דער יונגערמאַן עקערמאַן (שיימע

שניידערס איידעם). די איבעריקע האָבן, ווייזט אויס, געפונען דעם טויט אויפן וועג.

אין אַ צווייט באַהעלטעניש (אויף אַ בוידעם אין הויז פון משה יצחק בידערמאַן, יאַנעווער גאַס), האָט מען אין מאַרץ 1943 געפונען עטלעכע טויטע יידן. ס׳איז שווער געווען פעסטצושטעלן די סיבה פון זייער טויט.

די יידן, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן ביי קריסטן, האָבן אויך דאָרט נישט געקאָנט לאַנג איינזיצן. די קריסטן האָבן מורא געהאַט זיי צו האַלטן, ווייל ס׳האָט זיי דערפאַר גע־דראָט טויט־שטראָף. איינציקווייז האָבן זיך די יידן אין פאַר־לויף פון וואָכן געצויגן קיין מעזריטש. אויסבאַהאַלטענע יידן אין די דערפער האָט מען כמעט אַלע פאַרהאַלטן און דער־שאָסן.

אַ נישטיקער פּראָצענט פון די ביאַלער יידן האָט זיך געפּרוווט ראַטעווען דורך באַזאָרגן זיך מיט קריסטלעכע פּאַס־פּאָרטן, די אַזוי־גערופענע „קענקאַרטעס״, אָבער אויך דאָ האָט מען זיך אָנגעטראָפן אויף גרויסע שוועריקייטן. פאַר די „קענקאַרטעס״ האָט מען געמוזט באַצאָלן לעגענדאַרע סומעס, און אויף טריט און שריט איז מען שאַנטאַזשירט געוואָרן דורך קריסטן, וועלכע האָבן צוגענומען די לעצטע גראָשנס, און לסוף איז מען צוריקגעקומען אין געטאָ.

נאָך דער מלחמה איז פון די ביאַלער, וואָס האָבן זיך פאַרזאָרגט מיט „קענקאַרטעס״ און זענען אָנגעגאַנגען פאַר אַריער, געבליבן לעבן: גוטשע גאָלדפעלד, מיכאַש האָפּער מיט זיין פרוי און טאָכטער, מאַניע וואַרם און איר ברודער לייבל, עמיל וויינבערגער, בערל סאַנדלאַרזש מיט זיין פרוי און טאָכטער העלא, קרוסע ראָזנשיין מיט אירע טעכטער אידא און חנה, חיים פרידמאַן, אַדוו. לעאָן גאָלדפאַרב, בראָניע פוקס א״אַ.

יונגע פרויען האָבן געמאַכט באַמיאונגען צו ווערן גע־שיקט אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד ווי קריסטינס, אָבער ס׳איז זיי נישט געלונגען. פרויען וועלכע האָבן זיך געלאָזט פאָרן אויף די באַנען, כדי געכאַפּט צו ווערן אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד, האָבן זייער ציל נישט דערגרייכט. נישט האָבנדיק ביי זיך קיין דאָקומענטן, כדי צו באַווייזן פון וואַנען זיי שטאַ־מען, האָבן זיי אָנשטאָט זייער טרוים צו ווערן אַרבעטס־שקלאַפינס אין דייטשלאַנד געפונען דעם טויט. ווי מ׳האָט דערציילט, זאָל זיך אויך דאָבע אַלטביר (נטע אַלטבירס טאָכ־טער) האָבן געפונען צווישן אָט די קרבנות.

געציילטע זענען אַוועק אין די וועלדער, מיט דער האָפע־נונג זיך אָנצושליסן צו די רוסישע קריגס־געפאַנגענע, וואָס זענען אַנטלאָפן פון די דייטשע געפאַנגען־לאַגערן, ווי די פאַמיליע פון קצב עפּלבוים פון דער יאַנעווער גאַס. אויך דאָ איז דער סוף געווען אַ טראַגישער. די קריגס־געפאַנגענע, וואָס האָבן נישט געפירט קיין שום פּאַרטיזאַנישע אַקציעס קעגן די דייטשן, האָבן ביי די יידן אַלץ צוגענומען, געלאָזן זיי נאַקעט און באָרוועס, און פון זיך אַוועקגעטריבן.

יחידים האָבן זיך געמאַכט באַהעלטענישן אין די וועלדער, יעדע נאַכט זענען זיי אַרויסגעגאַנגען צו אַ נאָענטער פּויערי־שער שטוב און געקויפט עטוואָס צום עסן. אָבער אויך דאָ אין וואַלד האָט פאַרפאָלגט דער טויט. די יידן זענען אָדער אויס־געמאָרדעט געוואָרן דורך די קריסטן אָדער דורך די דייטשן. אַזאַ פאַל איז געשען מיט אַ בונקער אין האָליער וואַלד, ווו זומער 1943 זענען דערשאָסן געוואָרן דורך דער זשאַנדאַר־מעריע די ברידער שניידערמאַן (רחל לאהס זין, בריסקער גאַס 14), חנן טענענבוים (דוד בעקערס זון), הינך כהן (יצחק כהנס זון) און אַ מעזריטשער יונגערמאַן. אַ קריסט פון דאָרף סעלץ האָט אויסגעגעבן זייער בונקער דער זשאַנדאַר־מעריע.

נאָך דער באַפרייאונג פון ביאַלע דורך דער רוסישער אַרמיי, אין יולי 1944, זענען צוריקגעקומען פון באַהעלטע־נישן: בעריש אורבאַך, רבקה באַכראַך, פייוול בוכהאַלטער, שמואל גוואַזדאַ מיט זיין פרוי, רוזשקע דזשענטשאַל, שרה ווי־זנפעלד, אסתר וויינשטיין, אברהם נוכאָוויטש מיט זיין שוועס־טער רבקה, נחמיה פּאָטשטאַרוק, משה יוסף פייגנבוים, חיה פעלדמאַן מיט אירע צוויי זין יצחק און שמואל, יצחק פרידמאַן, נח ראַדזינעק, גדליהו רידלעוויטש, משה שטיינבערג מיט זיין שוועסטער עלקע און עלקע שליטערמאַן.

ג. אין די לאַגערן

מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט וועגן דער ווערסיע, אַז אין שטאָט האָבן געדאַרפט זיין זיבן לאַגערן. בעתן גירוש האָט זיך די ווערסיע אַרויסגעוויזן פאַר אַ ריכטיקע. דער רוב מע־נער וואָס האָט אָנגעהערט צו די לאַגערן, אָדער צו די פּרי־וואַטע פירמעס, וואָס זענען אָנערקענט געוואָרן דורך דער מאַכט, האָט זיך ביים אָנהייב פון גירוש געפונען אין די לאַ־גערן און זענען נישט אונטערליגן דער אויסזידלונגס־אַקציע. אין די ערשטע טעג פון גירוש האָט זיך אַ געוויסע צאָל יידן אַריינ־באַקומען אין די לאַגערן, אַ טייל פון זיי איז געלונגען דאָרט צו בלייבן, אַנדערע זענען איבערגעגעבן געוואָרן דער געסטאַפּאָ און זענען דערשאָסן געוואָרן.

די גרעסטע צאָל יידן איז קאָנצענטרירט געווען אין לאַ־גער ביי דער „ווערמאַכט״, וואָס האָט זיך געפונען אויפן וואַר־שעווער שאָסיי, לעבן די קאַזאַרמעס פון אַמאָליקן 34סטן פּולק.[1] מיטן לאַגער האָבן אָנגעפירט דער שטאַבסצאַלמייסטער זעעמאַן און אָבערצאַלמייסטער שילף. פאַר אַן „אָבעריודע״ האָבן זיי באַשטימט דעם ייד סאָקאָלאָווסקי.

אין דעם לאַגער האָבן זיך געפונען וואַרשטאַטן פון סטאָ־ליערניי, שלאָסעריי, שוסטעריי און שניידעריי, אין וועלכע ס׳זע־נען באַשעפטיקט געוואָרן אַ צאָל יידישע אַרבעטערס.

יעדן פרימאָרגן פלעגט אַ מיליטערישע וואַך אַוועקפירן פון לאַגער עטלעכע הונדערט יידן אין לאַגער „ווינעטאַ״ אויף דער וואָליע, וואָס איז געווען אַן אָפּטיילונג פון לאַגער ביים 34סטן פּולק, דאָרט פלעגן די יידן אַרבעטן ביי פאַרשיידענע שוואַרצע אַרבעטן. און דערפאַר באַקומען עסן. פאַרנאַכט פלעגן

[1] דער לאַגער איז אויספירלעך באַשריבן געוואָרן, ווייל דער מחבר האָט זיך דאָרט געפונען פון צווייטן גירוש־טאָג אַן ביזן סוף.

זיי די דייטשע זעלנער צוריקבערענגען אין צענטראַל־לאַגער. יידישע אַרבעטערס, וואָס האָבן פריער געאַרבעט אין פריוואַטע פירמעס, וואָס זענען דורך דער מאַכט אָנערקענט געוואָרן פאַר וויכטיק, פלעגן אויך אַוועקגעפירט ווערן צו דער אַרבעט און פאַרנאַכט צוריקגעבראַכט דורך דעם יידישן אָרדענונגס־דינסט, פון וועלכן אַ טייל האָט זיך געפונען אין לאַגער. דאָס מיטאָג־עסן פלעגט מען זיי אַוועקפירן צום אַרבעטס־אָרט.

דייטשע זעלנער פלעגן קומען יעדן פרי אין לאַגער און נעמען גרופּעס יידן צו דער אַרבעט אין מיליטערישע איינ־הייטן. די געבליבענע יידן אין לאַגער האָבן געאַרבעט ביי פאַרשיידענע שוואַרצע אַרבעטן.

שוין זונטיק, דעם צווייטן טאָג פון גירוש, האָט דער לאַ־גער געהאַט אַ יידישע לויה. דער יונגערמאַן חיים האָפּער האָט זיך געהאַנגען, הערנדיק, אַז זיין פרוי און קינד זענען אויס־געזידלט געוואָרן.

אין די טעג פון דער אויסזידלונג, ווען מ׳האָט במשך פון עטלעכע טעג דערלויבט די געבליבענע יידן אין ביאַלע צו מאַרשירן פריי קיין מעזריטש, פלעגן זיך ביים לאַגער פון דער „ווערמאַכט" אויפן וואַרשעווער שאָסיי אַרומשלייכן בייטאָג קליינע יידישע יינגעלעך. ביינאַכט פלעגן זיי דורכקריכן די פלויטן פון שטעכיקן דראָט אַרום לאַגער, אַריינכאַפּן זיך צו די פּאַטערס, דאָרט איבערגענעכטיקט די נאַכט, און פאַרטאָג זענען זיי פון דאָרט נעלם געוואָרן.

אין לאַגער אויפן פלי־פעלד, ווו ס׳זענען טעטיק געווען די דייטשע פירמעס „מאַיער", „בענץ" און „זאַגער־ווערנער", האָבן די יידן געאַרבעט ביי בוי־און קאַנאַליזאַציע־אַרבעטן. אַ גרויסע צאָל אַרבעטערס זענען באַשעפטיקט געווען ביים לאָדן אין וואַגאָנעס האָלצשטאַנגען פאַר קוילנגרובנס. דער רעזשים איז דאָרט אין אָנהייב געווען דערטרעגלעך, אָבער שפּעטער איז דאָרט געוואָרן אַ געפערלעך אָרט פאַר יידן. טאָג נאָך טאָג פלעגן אָפּגעשוואַכטע יידן געבונדן ווערן מיט דראָט, אַרויפגעוואָרפן אויף אַ וואָגן און צוגעשטעלט געוואָרן דער גע־סטאַפּאָ אין געטאָ, ווו זיי זענען דערשאָסן געוואָרן.

אין דעם לאַגער האָט דער רימער יצחק ווינדערבוים מיט אַ ראַזיר־מעסער זיך איבערגעשניטן דעם האַלדז און עטלעכע שעה זיך געמאַטערט אין יסורים, ביז אַ דייטשע קויל האָט אַ סוף געמאַכט צו זיין לעבן.

אין דעם לאַגער פון דער וואַסער־ווירטשאַפט זענען די מענער באַשעפטיקט געווען ביי מעליאָראַציע־אַרבעטן און די פרויען מיט די קינדער — ביי פעלד־און גאָרטן־אַרבעטן. מיטן לאַגער האָט אָנגעפירט דער דייטשער אינזשיניער גרי־נענפעלד, וועלכער האָט אויסגעפּרעסט פון די יידן אַלע זייערע קאָסטבאַרקייטן. דער רעזשים דאָרט איז געווען צו דערליידן. דער לאַגער האָט זיך געפונען ביים טייך.

אין דער דייטשער בעקעריי האָבן די יידן געאַרבעט ביי פאַרשיידענע אַרבעטן. מיטן לאַגער האָט אָנגעפירט דער דייטש האַנאַק. אויך ער האָט אָנגערויבט גענוג יידיש האָב־און־גוטס פון זיינע יידישע אַרבעטערס. די קליינע צאָל יידישע אַרבע־טערס האָט זיך דאָרט געלעבט פאַרהעלטענישמעסיק נישט שלעכט. דער לאַגער האָט זיך געפונען אין דער מעכאַנישער בעקעריי אויף דער וואָליע.

אין לאַגער פון דער פירמע „סטואַג", וואָס האָט זיך גע־פונען אין האָליער וואַלד, זענען די יידן באַשעפטיקט געווען ביי שאָסיי־אַרבעט. איבער זיי האָבן רעגירט ציווילע דייטשן און פּאָליאַקן. די באַהאַנדלונג דאָרט איז געווען אַ דער־טרעגלעכע.

אין לאַגער פון דער דייטשער פירמע „ציד", וואָס האָט געאַרבעט פאַר דער שוץ־פּאָליציי און האָט זיך געפונען אונטער איר אויפזיכט אויפן יאַנעווער שאָסיי, האָבן די יידן געאַרבעט ביים בויען די באַראַקן פאַר דער שוץ־פּאָליציי, דאָרט אויפן שאָסיי, און ביי קאַנאַליזאַציע־אַרבעטן. דאָס לעבן דאָרט איז געווען אומדערטרעגלעך. אין לאַגער האָט זיך באַ־זונדערס אויסגעצייכנט מיט זיין ווילדקייט דער דייטשער מייסטער ביטנער.

ביי דער באַן האָט זיך געפונען דער לאַגער פון דער „אָסטבאַן", ווו די יידן האָבן געאַרבעט ביים אויסלאָדן און אָנלאָדן פראַכט־וואַגאָנעס, ווי אויך ביים רייניקן די באַן־ליניעס. דער רעזשים איז געווען אַ מילדער.

כמעט אין אַלע לאַגערן האָט מען זיך באַמיט צו באַשעפ־טיקן די בעלי־מלאכות ביי זייערע פאַכן, כדי צו האָבן וואָס מער נוצן פון האַלטן די יידן אין לאַגערן.

אין אַלע לאַגערן איז די אַרבעט פאַר יידן נישט געווען באַזונדערס שווער, אָבער די אוממענטשלעכע באַציאונג, דאָס דערנידעריקן זיי, דאָס חוזק פון זיי, האָט געווירקט אַ סך ערגער ווי די שווערסטע פיזישע אַרבעט. דאָס עסן איז געווען קנאַפּ, יעדערער האָט פון דעם מיטגעבראַכטן געלט צוגעקויפט עסן, וואָס איז אַריינגעשמוגלט געוואָרן אין די לאַגערן דורך פאַרשיידענע אופנים. די סאַניטאַרע און היגיענישע באַדינגונ־גען זענען געווען קלאָגעדיקע. יעדע געלט־באַלוינונג פאַר די יידישע אַרבעטערס האָט, מיטן מאָמענט פון איבערטרעטן די שוועל פון לאַגער, אויפגעהערט.

אין די ערשטע טעג פון גירוש זענען אַ סך יידן אַוועק פון די לאַגערן קיין מעזריטש, ווו זיי האָבן געהאַט זייערע משפחות. מ׳פלעגט זיך אויך באַמיען צו גיין אין יידישן קוואַרטאַל אין באַגלייטונג פון אַ זעלנער, וועלכן מ׳פלעגט באַקומען דורך פאַרשיידענע אופנים און פאַר אַ באַלוינונג. דאָס גיין אין יידישן קוואַרטאַל האָט באַצוועקט ראשית־כל אַרויסצונעמען פון די באַהעלטענישן די מענער און זיי מיט־נעמען אין די לאַגערן. מ׳פלעגט אויך אַרויסנעמען פון שטוב געלט און קליידונג. שפּעטער איז דאָס גיין אין יידישן קוואַר־טאַל כמעט אוממעגלעך געוואָרן. די זעלנער האָבן באַקומען אַ באַפעל נישט צו גיין אין יידישן קוואַרטאַל, און די לאַגער־יידן זענען געוואָרנט געוואָרן, אונטער דער דראָאונג פון טויט־שטראָף, נישט צו פאַרלאָזן די לאַגערן. נישט געקוקט אָבער דערויף, האָבן יידן ריזיקירט ביינאַכט אַריינצוקריגן זיך אין זייערע הייזער אין יידישן קוואַרטאַל, וואָס איז כסדר באַוואַכט געוואָרן דורך די פּוילישע פייערלעשערס, וועלכע האָבן אויף זייער געוויסן גענוג יידישע קרבנות, ווי: אייזיק אַר־

לאַנסקי (דער זון פון אברהם), משה׳לע לייבזאָנס זון, שרה צירל דער בעקערינס אַן אייניקל (סושטשיק).

שמעון ליכטנשטיין און זיינס אַן אייניקל, וועלכע זענען אַוועק פון לאַגער אויפן פלי־פעלד און געוואָלט זיך אַריינבאַקומען צו דער גרופּע יידישע אַרבעטערס אין דער „וויגאָדאַ״ אין יאַנעווע, זענען פאַרהאַלטן און דערשאָסן געוואָרן אויפן יאַנעווער שאָסיי.

באַלד די ערשטע וואָך פון גירוש האָט מען אין לאַגער ביים 34סטן פולק געמאַכט באַמיאונגען ביים שטאַבסצאַלמייסטער וועגן איינאָרדענען אַ באָד פאַר די יידן און דורכפירן אַ דיזענפעקציע. מ׳האָט זיך אויך באַמיט, אַז מ׳זאָל אַריבערברענגען די מעדיקאַמענטן פון יידישן שפּיטאָל און פון הילפס־קאָמיטעט. מ׳האָט צוגעזאָגט אַלץ צו דערליידיקן. סוף וואָך האָט מען דערפילט, אַז ס׳בלאָזט שוין אַן אַנדער ווינט, און אַז פון די אַלע צוזאָגן וועט גאָרנישט ווערן. מ׳האָט געזען, אַז מ׳האַלט די יידן דאָ ווי שקלאַפן, און שפּעטער וועט קומען נאָך ערגערס.

מיטוואָך, דעם 30סטן סעפּטעמבער, האָט מען אויף אויטאָס אַרויסגעפירט קיין מעזריטש די פרויען מיט די קינדער פון לאַגער ביי דער וואַסער־ווירטשאַפט. די פרויען האָבן דערביי געשטעלט אַ ווידערשטאַנד און געוואָלט אַראָפּגיין צוריק פון די אויטאָס. ס׳איז געקומען צו אַ שיסעריי, בעת וועלכער ס׳איז דערשאָסן געוואָרן די שוועגערין פון יצחק לעווי (פון יאַנעווע) און די פרוי רבקה נאָוואָמינסקי (מ. י. בידערמאַנס טאָכטער) איז פאַרוואונדעט געוואָרן.

ס׳איז אַדורך די ערשטע וואָך און ס׳איז אָנגעקומען דער זונטיק, ווען אין לאַגער ביים 34סטן פולק איז מען פריי געווען פון אַרבעט. דער עולם איז געשטאַנען אין רעדלעך און געשמועסט. אין איין אָרט האָט מען זיך פאַרנומען מיט פּאָליטיק, די „פּאָליטיקערס״ האָבן שוין געהאַלטן ביי אַ גיכן סוף פון דייטשלאַנד. אין אַ צווייט אָרט האָט מען אויסגערעכנט די געפאַלענע קרבנות פון דער פאַרלאָפענער וואָך, און נישט איין לעבעדיקער איז דערביי פאַררעכנט געוואָרן צווישן די טויטע.

דער גרעסטער טייל אַרבעטערס האָט זיך פאַרטראַכט איבער דער לאַגע. פאַרדעכטיק איז געווען די האַלטונג פון דער לאַגער־מאַכט אין די לעצטע טעג. ס׳איז אַנטשטאַנען די פראַגע, צי מ׳וועט די יידן דאָ האַלטן. איינער האָט באַמערקט, אַז מ׳האָט אַהער געבראַכט אַ גרויסן קוואַנטום קאַרטאָפל, און דאָס האָט געדאַרפט זיין אַ באַווייז, אַז די יידן וועלן דאָ פאַרבלייבן...

יידן האָבן גוטע נעז און האָבן דערשמעקט, אַז די שטילקייט איז פאַר אַ שטורעם, אַז עפּעס גרייט זיך נישט קיין גוטס.

דינסטיק, דעם 6טן אָקטאָבער (כ״ה תשרי תש״ג), אַרום האַלב צוויי אַזייגער מיטאָג־צייט איז אין סטאָליער־וואַרשטאַט אַריינגעקומען אַבע ווייסמאַן (בעריש פעלדשערס זון) און דערציילט, אַז ס׳איז עפּעס נייעס. זיין פאָטער איז נאָר־וואָס צוריקגעקומען פון לאַגער „ווינעטאַ״, ווו מ׳האָט פאַראָרדנט אויף איינס אַזייגער אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע אַרבעטערס.

און ווייטער: אַלע מענער פון וואַסער־ווירטשאַפט האָט מען אַוועקגעפירט צום באַן. משמעות, אַז פון לובלין זאָלן האָבן אַראָפּגעקומען געסטאַפּאָ־לייט, וועלכע קאָנפערירן מיט דער היגער געסטאַפּאָ. ער איז נאָר־וואָס אַרויס פון וואַרשטאַט, און ס׳איז אַריינגעלאָפן דער אַרבעטער חנן צוקערמאַן, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן שלאָגן מיט פויסטן אין קאָפּ און שרייען: „שוין, איצט זענען מיר פאַרלוירן! די געסטאַפּאָ איז נאָך אונדז געקומען!״

און תיכף נאָך אים איז אַריינגעקומען דער יידישער אָרדענונגס־דינסט־מאַן לייבזאָן און גערופן די פאַכלייט אין לאַגער אַריין. דער לאַגער איז שוין באַוואַכט געווען דורך געסטאַפּאָ־לייט, באַוואָפנט מיט מאַשין־געווער. די סטאָליערס האָבן גענומען פאַרלאָזן דעם וואַרשטאַט, אָבער אין דעם איז אָנגעקומען דער שטאַבסצאַלמייסטער און געהייסן זיי צוריקגיין. ווען אַלע זענען שוין צוריק געווען אין וואַרשטאַט, האָט דער לייטער פון די וואַרשטאַטן, דער פּאָליאַק קאַרפּינסקי, פאַרשלאָסן די טיר מיט אַ הענג־שלאָס.

ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט און מ׳האָט די יידן אַרויסגעפירט פון לאַגער. וווהין און צו וואָס? דאָס האָט קיינער נישט געוווּסט.

פאַרנאַכט איז אין סטאָליער־וואַרשטאַט אַריינגעקומען דער שטאַבסצאַלמייסטער, ער האָט געהייסן איבעררייסן די אַרבעט און דערקלערט: — איר זענט די איינציקע 17 יידן, וואָס זענען געבליבן אין ביאַלע; אויף ווי לאַנג ווייס איך נישט, אַלנפאַלס באַמיט זיך צו אַרבעטן פלייסיק און נישט גיין אויסערן לאַגער.

— פון טויזנטער קאַזערנירטע יידן זענען בלויז 17 געבליבן אין שטאָט?

ווען די 17 פאַכלייט זענען נאָך דער אַרבעט געקומען אין לאַגער אַריין האָבן זיי אים אָנגעטראָפן אַ געשלאָסענעם. לויט דער אָנווייזונג פון דער מאַכט האָבן זיי זיך איינגעקוואַרטירט אין אַ קליינעם באַראַק אויסער דעם לאַגער. פאַרזונקען אין טרויעריקע געדאַנקען, האָבן זיי באַמערקט דאָס אָנקומען פון אַ קליינער גרופּע אַרבעטערס. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַ גרופּע פון 16 אַרבעטערס, וואָס האָט געאַרבעט אין האַליער וואַלד האָט מען אויך איבערגעלאָזט. די פריש־געקומענע האָבן דערציילט, אַז אַלע אַרבעטערס פון „סטואַג״ האָט מען אויך אַוועקגענומען.

ס׳האָט זיך אָנגערוקט דער בין־השמשות. די 33 אַרבעטערס זענען געזעסן אין באַראַק אין דער פינצטער און ס׳האָט געהערשט אַן אומהיימלעכע שטילקייט. פּלוצעם האָט זיך דערהערט אַ געשריי: „אַללע יודען ראוס!״. יאָ, האָבן די יידן געטראַכט זיך, מ׳האָט אָן זיי נישט פאַרגעסן, מ׳איז געקומען אויך זיי אַוועקצופירן. די יידן זענען אַרויס אין דרויסן און דערזעען פאַר זיך אַן אָפיציר מיט אַ סאָלדאַט, וועלכע האָבן געהייסן זיך איינשטעלן אין צוויי רייען. מ׳האָט זיי, די יידן, איבערגעציילט און זיי זענען געווען זיכער, אַז אָט פאַלט דער באַפעל — מאַרש! אָבער מ׳האָט גאָר געהייסן עטלעכע מאַן מיטגיין, נעמען ברויט, מאַרמעלאַדע און נאַפט צום לאַמ־

טערן. געבראַכט דאָס ברויט, מאַרמעלאַדע און נאַפּט, האָט דער זעלנער אָנגעזאָגט, אַז ס'זאָל זיין אַ גערעכטע פּאַרטיי־לונג און מ'זאָל מאַכן אַ רשימה פון די מענטשן. ווי אַ גרופּן־פירער איז אויסגעקליבן געוואָרן דוד געלאָסן.

פּאַרטאָג, ווען די אַרבעטערס אין באַראַק האָבן זיך אָנגע־הויבן אָנצוטאָן, האָט זיך אַריינגעשלייכט דער יוגנטלעכער פּנחס גראַדנער, וועלכן מ'האָט נעכטן אַוועקגעפירט מיט אַלע אַנדערע אַרבעטערס. פון אים איז מען געוווּיר געוואָרן אָט וואָס: די יידן פון לאַגער ביים 34סטן פּולק האָט מען אַוועק־געפירט צום באַן, ווו ס'זענען שוין געווען פאַרזאַמלט די אַרבעטערס פון די לאַגערן „ווינעטאַ" און פון וואַסער־וויר־טשאַפט. מ'האָט געהייסן זיך אויסזעצן אין גאַרטן ביים וואַק־זאַל און פאַרווערט דאָס רעדן צווישן זיך. שפּעטער האָט מען אויך געבראַכט די אַרבעטערס פון „סטואַג", פון דער דייטשער בעקעריי און פון אַלע אַנדערע אַרבעטס־פּלעצער, ווו ס'האָבן געאַרבעט די מענטשן פון לאַגער ביים 34סטן פּילק. פון דער פירמע „ציד", פלי־פעלד און פון געטאָ האָט מען די יידן נישט געבראַכט.

פאַר די פאַרזאַמלטע יידן האָט דער קאָמיסאַר פון געסטאַ־פּאָ, שטילהאַמער, געהאַלטן אַ רעדע און געזאָגט, אַז זיי ווערן איבערגעפירט אויף אַ צווייטן צייטווייליקן אַרבעטס־פּלאַץ. „אייך, אַרבעטס־פעאיקע מענער, דראַט גאָרנישט, האָט נישט קיין מורא, אייך וועט גאָרנישט געשען". מיט די ווערטער האָט ער פאַרענדיקט זיין רעדע. שטילהאַמער האָט געפאָדערט אָר־דענונג און דיסציפּלין.

אַ גרויסער טייל האָט אָנגענומען זיינע ווערטער פאַר אַ ריכטיקע מטבע. די וועלכע האָבן אים נישט געגלויבט האָבן זיך אויך נישט געקאָנט העלפן. איין אַרבעטער, וואָלוויש ווייצמאַן, וועלכער האָט זיך יאָ געוואָלט העלפן און איז אַנטלאָפן, איז אינמיטן לויף דערשאָסן געוואָרן דורך דעם געסטאַפּאָ־מאַן שימאַנסקי.[1]

אין גאַרטן זענען די יידן געזעסן ביז פאַרנאַכט. ס'איז אָנגעקומען אַ פּראַכט־באַן און, ווען מ'האָט זיי אָנגעהויבן אַריינ־לאָדן אין די וואַגאָנעס, האָט מען זיך געכאַפּט וווּהין מ'וועט געשיקט. הגם וואַגאָנעס זענען געווען גענוג, האָט מען נאָר געפּאַקט עטלעכע. דעם עולם האָט מען אַריינגעטריבן אין די וואַגאָנעס און דערביי מיט גומעס מוראדיק געשלאָגן. די ענגשאַפט אין די פאַרמאַכטע וואַגאָנעס איז געווען אומגע־הויער. מ'האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז די מענטשן ווערן נישט געשיקט אויף אַרבעט, און אַז מ'האָט דאָ צו טאָן מיט נאָך אַ שווינדל פון די סאַדיסטן. מ'האָט געגומען אַרויסשרייען פון די וואַגאָנעס: — שיסט אונדז בעסער, איידער דערשטיקט צו ווערן אין אַזאַ ענגשאַפט! — שיסן איז פאַר אייך אַ צו לייכ־טער טויט — איז געפאַלן אַ תשובה פון געסטאַפּאָ־מאַן שי־מאַנסקי. — דער צוג האָט געריכט אין דער ריכטונג פון מעזריטש.

אין ביאַלע האָט מען זיך שוין געהאַט אָנגעהערט, ווי בעת דער ערשטער אויסזידלונג אין מעזריטש, זענען מעזרי־טשער געשפּרונגען פון די וואַגאָנעס, און אָט האָבן די ביאַלער

אָנגעהויבן טאָן דאָס זעלבע. ווו ס'האָט זיך געלאָזט האָט מען אויפגעמאַכט אַ טיר און געשפּרונגען. האָט מען נישט געקאָנט אויפרייסן די טיר, איז מען געשפּרונגען דורך דעם קליינעם פענצטערל פון לויפנדיקן צוג.

געשפּרונגען האָט אָבער אַ נישטיקער פּראָצענט. וויסנדיק, אַז ס'איז נישטאָ ווו זיך אַהינצוטאָן, האָט דער גרעסטער טייל רעזיגנירט און זיך געלאָזט פירן צו דער שחיטה. ווי נאָר מען האָט פאַרקלאַפּט די טירן פון די וואַגאָנעס, האָבן דער דענטיסט יואל זילבערבערג און זיין זון חיים זיך געסמט.

וווּהין מ'האָט געפירט די מענטשן האָט פּנחס גראַדנער נישט געוווּסט, ווייל ווי נאָר די באַן האָט געריכט, איז ער באַלד אַרויסגעשפּרונגען און זיך לייכט באַשעדיקט.

מיטאָג־צייט איז געקומען דער שטאַבסבאַלמייסטער, גע־עפּנט דעם לאַגער און געהייסן יעדן נעמען זיינע זאַכן. גלייכצייטיק האָט ער דערקלערט, אַז יעדן אַרבעטער איז דער־לויבט צו האָבן נאָר צו 2 פּאָר וועש און איין אנצוג. די פּאַכ־לייט מעגן האָבן 2 פּאָר הויזן. פאַר נישט צופּאַסן זיך צו דער פאַראָרדענונג דראָט אַ שווערע שטראָף. די יידן זענען אויפגע־פאָדערט געוואָרן תיכף אַוועקצוגעבן אַלע דאָקומענטן, בילדער, געלט, זייגערלעך און צירונג, ווייל ביי וועמען מען וועט שפּע־טער עפּעס דערפון געפינען, וועט איבערגעגעבן ווערן דער געסטאַפּאָ.

אין די נאָענטסטע טעג זענען אַלע זאַכן פון די אַוועקגע־פירטע אַרבעטערס אַרויסגעפירט געוואָרן פון די באַראַקן אין געטאָ אַריין, אין רשות פון דער געסטאַפּאָ.

אין די ווייטערדיקע טעג האָבן זיך אין לאַגער ביים 34סטן פּולק געגומען באַווייזן די באַן־שפּרינגערס פון די ווייטער־דיקע שטרעקעס. צווישן זיי: אדוו. לעאָן גאָלדפאַרב, אייזיע רובינשטיין, דער קאָמאַשן־שטעפּער יעקב פרידמאַן, שעפּסל לייבזאָן, משה שיינבערג און זילבערזאַן. פון זיי איז מען גע־וווּיר געוואָרן, אַז אין מעזריטש האָט די באַן זיך אָפּגעשטעלט און מען האָט אין די איבעריקע ליידיקע וואַגאָנעס אַריינגע־יאָגט יידן פון מעזריטש. מ'האָט פאַרשטאַנען, אַז די מענטשן זענען געשיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע.

ערשט איצט איז קלאָר געוואָרן וואָסערע כוונות ס'האָבן געשטעקט ביים קאָזערנירן די אַרבעטס־פעאיקע מענער אין לאַגערן. די „העלדן" פון געסטאַפּאָ האָבן נישט געוואָלט, אַז אויפן זאַמלפּלאַץ זאָלן זיין פאַרזאַמלט עטלעכע טויזנט אַר־בעטס־פעאיקע און קרעפטיקע מענער, וועלכע זאָלן צווישן די בלוטיקע אַרגיעס מיט זייערע נאָענטסטע. ווער וויס זיי די יידן, אפשר רייסט זיך דאָך איינער אויף און נאָך אים אַנדערע און רעאַגירן אויף די בלוטיקע מעשים, און אויך אַ נאַצי־קאָפּ קאָן אַמאָל פאַלן דערביי. ווען אָבער די קרעפטיקע מענער זענען אונטער דראָט־פאַרצוימונגען, דאַן קאָן מען דאָך טאָן מיט זייערע שוצלאָזע פרויען און קינדער, וואָס דאָס האַרץ גלוסט...

אַ טייל פון די, וואָס זענען געשפּרונגען פון די וואַגאָנעס, האָבן באַשלאָסן קומען ביינאַכט קיין ביאַלע און געוווּיר ווערן צי ס'געפינען זיך נאָך יידן אין די לאַגערן. אַנדערע זענען אַוועק אין די וועלדער, ווו זייער סוף איז געווען אַ טראַגישער.

[1] דערשאָסן דורך אומבאַקאַנטע אין ביאַלע זומער 1943.

די אָנפירערס פון די לאַגערן ביים 34סטן פולק און אין „ווינעטא״ האָבן טאָלערירט דאָס קומען פון פרישע יידן אין די לאַגערן אַריין. וואָס האָט זיי דען געאַרט, אַז יידן זאָלן אַרבעטן ווי קנעכט? ס׳איז אָנצונעמען, אַז אויך די ביאַלער געסטאַפּאָ האָט געוווּסט פון צופלוס פון יידן אין די לאַגערן און האָט נישט רעאַגירט. פאַר זיי איז אפשר בעסער געווען, וואָס זייערע קרבנות קאָנצענטרירן זיך צוריק אין לאַגערן און אַזוי אַרום וועט דאָך לייכטער זיין, אין דער געהעריקער שעה, זיי צו פאַרניכטן.

סוף אָקטאָבער 1942 איז די צאָל יידן אין לאַגער ביים 34סטן פולק געווען 106 מאַן און אין „ווינעטא״ 47 מאַן. צווישן די לעצטע האָבן זיך געפונען דריי איבערגעקליידעטע פרויען: גאָלדע שאַפּירא (אברהם אָרלאַנסקעס טאָכטער), מאַניע קאָוואַרסקי (לייבל גאָלדבערגס טאָכטער) און שרה׳לע גליקסבערג (נחמן גליקסבערגס טעכטערל).

די געבליבענע פאַכלייט אין לאַגער ביים 34סטן פולק האָבן באַקומען אין זייער רשות נאָך איין באַראַק. דאָס עסן איז נישט געווען ווי צום ערגסטן, אָבער צו ווייניק. די 30 דקג. ברויט האָבן נישט געקאָנט שטילן דעם הונגער. יעדער האָט זיך אָבער אַן עצה געגעבן. מ׳האָט נאָך געהאַט אַ פּאָר זלאָטעס, און די קריסטן, וואָס האָבן געאַרבעט אין לאַגער פלעגן ברענגען די יידן גענוג ברויט, נישט געקוקט אויפן פאַרבאָט פון דעם אָנפירער פון די וואַרשטאַטן, דעם רשע קאַרפּינסקי. אויב ברויט האָט מען באַקומען ווייניק, האָט מען שמיר־ערזאַצן, ווי: מאַרמעלאַדע, ערזאַץ־האָניק, ערזאַץ־קעז באַקומען גענוג. דער מיטאָג, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ קאַרטאָפל־זופּ מיט עטוואָס פעטס, וואָלט נישט שלעכט געווען, ווען די קריסטלעכע קעכינס וואָלטן זיך נישט געגעבן ממש די מי אים אַזוי צוצוגרייטן, אַז מ׳זאָל אים נישט קענען נעמען אין מויל אַריין. הגם נאָכן אַרויסגעבן דעם מיטאָג פלעגט נאָך אין קעסל בלייבן גענוג געקעכץ און די הונגעריקע אַרבעטערס פלעגן בעטן נאָך אַ ביסל, איז די קריסטלעכע קעכינס ליבערשט געווען דאָס עסן אויסצוגיסן אין מיסט־קאַסטן. צוויי מאָל אין טאָג, אינדערפרי און אין אָוונט, פלעגט מען באַקומען קאַווע, וואָס האָט געדאַרפט זיין געזיסט, אָבער אָנשטאָט אין קעסל אַריין פלעגט דער צוקער אַהיימוואַנדערן צו די קעכינס. ס׳זענען עטלעכע מאָל געמאַכט געוואָרן באַמיאונגען, אַז מ׳זאָל לאָזן די יידן אַליין פירן די קיך, אָבער ס׳איז נישט געלונגען.

אַ טראַגישער פאַל איז פאַרגעקומען אין לאַגער „ווינעטא״. דער דאָרטיקער אַרבעטער שמעלקע שוואַרץ איז מיט אַ דייטש אוועק אין שטאָט אַריין און ביי זיך אין שטאַל, אויף דער סאָדאָווער גאַס, אויסגעגראָבן אַ פּעקעלע מיט ווערטזאַכן. דאָס האָט באַמערקט אַ קריסטין (אַ פרוי פון אַ תפיסה־וועכטער) און זי האָט וועגן דעם געמאָלדן דער געסטאַפּאָ. עטלעכע געסטאַפּאָ־לייט זענען אַראָפּגעקומען אין לאַגער און געהייסן זיך צושטעלן שוואַרצן. פאָרויספילנדיק עפּעס נישט גוטס, האָט שוואַרץ דאָס פּעקעלע אָפּגעשטעקט אַ יונגנמאַן. דאָס פּעקעלע האָט שפּעטער פון יונגנמאַן צוגענומען פּנחס גראָדנער. שוואַרץ האָט באַקומען שטאַרקע קלעפּ און ער האָט זיך מודה געווען.

ווען די געסטאַפּאָ־לייט האָבן פאַרהאַלטן דעם יונגנמאַן, און ווי נאָר ער האָט באַקומען די ערשטע קלעפּ, האָט ער גלייך אָנגעוויזן אויף גראָדנערן, אַז ער האָט פון אים צוגענומען שוואַרצס פּעקעלע. שוואַרץ איז געוואָרן אָפּגעפירט אין דער תפיסה אויף פראָסטע גאַס, און גראָדנערן האָבן די געסטאַפּאָ־לייט מיטגענומען מיט זיך אין זייער שטאַב, אין ראַאַבעס טאַרטאַק.

ווי נאָר גראָדנער איז אָנגעקומען אויפן הויף איז ער אַראָפּ פון דער בריטשקע און איז נעלם געוואָרן. ס׳איז פאַראָרדנט געוואָרן אַן אַבלאַווע און מ׳האָט אים געפונען באַהאַלטן צווישן שטויסן ברעטער. ווען מ׳האָט אים געפירט צו דער געסטאַפּאָ־תפיסה, דאָרט אויפן הויף, האָט ער ווידער גענומען אַנטלויפן. ער איז צו צום פלויט און גענומען אַריבערקריכן. עטלעכע קוילן האָבן אים אַראָפּגעשליידערט פון צוים אַ טויטן, און ער איז דאָרט לעבן פלויט באַערדיקט געוואָרן.

שמעלקע שוואַרץ זאָל מען האָבן, אין אַ סוף נאָוועמבער־נאַכט, צוגעבראַכט מיט אַן אויטאָ, צוזאַמען מיט אַנדערע קרבנות, צום געטאָ־פּלאַץ און לעבן ראַדזינער חסידים־שטיבל דערשאָסן.

טרויעריקע ידיעות פלעגן אָנקומען אין לאַגער ביים 34סטן פולק פון אַנדערע לאַגערן. אין דער צייט ווען דאָ אין לאַגער פלעגט מען אָפּקומען בלויז מיט אַ פּאָר שטעקנס פאַר דער גרעסטער „זינד״, פלעגט מען אין לאַגער „ציד״ פאַרן קלענסטן חטא דערשאָסן ווערן. אויך קראַנקע, וואָס זענען אין ד ע ם לאַגער טאָלערירט געוואָרן, זענען דאָרט, אין לאַגער „ציד״, דערשאָסן געוואָרן. אַזוי האָט מען דאָרט דערשאָסן דעם אַרבעטער יונה מאָרגנשטערן (זון פון משה), ווייל ער איז קראַנק געוואָרן. גאָר ביטער איז געווען די לאַגע אין די לאַגערן אויפן פלי־פעלד און אין מאַלאַשעוויטש (לעבן טערעספּאָל), וווּ ס׳האָבן זיך געפונען אַ סך ביאַלער יידן. אין אָט די לאַגערן האָט מען פשוט שותפות געמאַכט מיט דער געסטאַפּאָ; יעדן טאָג פלעגט מען צושטעלן אַ צאָל יידן, סיי געזונטע און סיי קראַנקע, צום דערשיסן.

אָט אַזוי זענען געלאָפן טעג און וואָכן. די אַרבעטערס אין לאַגער ביים 34סטן פולק זענען נישט שלעכט באַהאַנדלט געוואָרן. קיינער האָט אָבער נישט געקאָנט פאַרגעסן זיינע ליידן. יעדער איז געווען דערשלאָגן און אַ טרויער האָט געפּרעסט דאָס האַרץ. פון צייט צו צייט איז דאָרט פאָרגעקומען אַ געזאַנג־אָוונט פון יידישע פאָלקס־לידער. די יידישע לידער האָבן אָבער נישט געקאָנט פריילעך מאַכן, נאָר פאַרקערט, זיי פלעגן נאָך מאַכן אומעטיקער.

די פרומע פלעגן יעדן אָוונט דאַווענען בציבור מנחה און מעריב. זיי האָבן געהאַט אַ גאָר גוטן בעל־תפילה, דאָס איז געווען אברהם גרינגלאַס (יואל שמשס זון), וואָס איז אין דער מלחמה־צייט צוריקגעקומען פון לאָדזש קיין ביאַלע.

סוף אָקטאָבער זענען פון דעם לאַגער אַוועק אין וואַלד אַריין אַ גרופּע יוגנטלעכע אונטער דער אָנפירונג פון זיליע גוטנבערג. דער גרופּע איז געלונגען אַרויסצובאַקומען פון די מאַגאַזינען ביים לאַגער אַ ביסל געווער מיט אַמוניציע, ווי

אויך באַקליידונג. די גרופּע זאָל עס האָבן דערשאָסן אויפן מעזריטשער שאָסיי דעם ביאַלער קרייזהויפּטמאַן קיהל.

זומער 1943 איז זיליע גוטנבערג געלעגן אַ פאַרוווּנדעטער ביי אַ קריסט אין אַ דאָרף. וואָס ס'איז מיט אים געוואָרן איז נישט באַוווּסט. דעם זעלבן זומער זאָל האָבן אין די מעזריטשער וועלדער אַרומגעגאַנגען, מיט געווער אין דער האַנט, דער יוגנטלעכער לוסטיגמאַן, וואָס האָט אויך אָנגעהערט צו דער גרופּע, וואָס איז אַוועק פון לאַגער.

אָנהייב נאָוועמבער 1942 זענען אין לאַגער ביים 34סטן פּולק געוואָרן אַריבערגעפירט די יידן פון די לאַגערן ביי דער פירמע „ציד" און ביי דער „אָסטבאַן". צוזאַמען מיט די 47 יידן אין „ווינעטא" האָט די צאָל יידן איצט באַטראָפן 400. דאַס ברענגען די מענטשן איז מאָטיווירט געוואָרן דערמיט, אַז פון 1טן נאָוועמבער האָבן יידן געקאָנט זיך אויפהאַלטן נאָר אין לאַגערן ביי דער „ווערמאַכט", און דאָס נאָר אונטער דראָט־פאַרצוימונגען. אַזוי ווי די דערמאָנטע צוויי לאַגערן האָבן נישט געהאַט קיין שייכות מיט דער „ווערמאַכט", האָט מען די יידן אַריבערגעפירט אין „ווערמאַכט"־לאַגער אויפן וואַרשעווער שאָסיי.

צווישן די פריש־אָנגעקומענע מענטשן אין לאַגער, זענען די אַרבעטערס פון דער פירמע „ציד" געווען צום מערסטן פאַרוואָרלאָזט, שרעקלעך געקליידט און שטאַרק אויסגעהונגערט. צווישן זיי האָבן זיך געפונען אויך קראַנקע אויף טיפוס. אַ טיילווייזע שולד אין דעם מצב זאָל האָבן געהאַט, ווי די מענטשן האָבן דערציילט, דער גרופּן־פירער זייערער, אַ געוועזענער קריגס־געפאַנגענער פון די מזרח־קרעסן.

אין לאַגער ביים 34סטן פּולק האָבן אַלע געלעבט אין חברישע באַציאונגען. דער גרופּן־פירער האָט גאָרנישט געטאָן אויף אייגענער האַנט און פלעגט זיך ווענן אַלץ באַראַטן מיט דער גרופּע פאַכלייט. ער האָט נישט גענאָסן פון קיין שום פּריווילעגיעס. פון דעם לאַגער פלעגן אָפּט מענטשן אַוועקגיין קיין מעזריטש, כדי צו זעען זייערע פאַמיליעס. די מענטשן האָט מען געמוזט אויסמעלדן, כדי נישט צו נעמען פאַר זיי קיין פּראָדוקטן, ווייל אין קעגנפאַל, ביי אַ קאָנטראָל, האָט זיך דאָס געקאָנט פאַטאַל ענדיקן. יעדער אַוועקגעגאַנגענער פלעגט ווערן אויסגעמאָלדן, אַז ער איז פאַרנאַכט נישט צוריקגעקומען פון דער אַרבעט. נאָך אַ פּאָר טעג פלעגט אָבער דער מענטש צוריקקומען פון מעזריטש און מ'האָט אים איינגעמאָלדן אויף אַן אַנדערן נאָמען, כדי ער זאָל נישט איבערגעגעבן ווערן דער געסטאַפּאָ. געווען פאַלן, ווען מענטשן האָבן אַזעלכע מאַרשן געמאַכט עטלעכע מאָל און מ'האָט זיי כסדר איינגעמאָלדן אויף נייע נעמען. ס'איז אָבער נישט געווען דער פאַל, אַז מ'זאָל ביי אַזאַ איינעם פאַרלאַנגען אַוועלכע ס'איז פאַרגיטיקונג. ס'האָט דעריבער געקלונגען אויסטערליש די דערציילונגען פון די יידן פון דער פירמע „ציד" וועגן זייער גרופּן־פירער. זיי האָבן דערציילט, אַז ביי וועמען ער האָט באַמערקט אַ גוטן בגד, אָדער אַ חפץ, וואָס איז אים געפעלן געוואָרן, האָט ער געהייסן זיך דאָס אַוועקגעבן. ער זאָל אויך האָבן געמאַכט מאַכינאַציעס אין קיך, וואָס האָבן פאַרערגערט זייער דערנערונגס־לאַגע.

צוליבן אָנקום פון די מענטשן, האָט מען צוריק געעפנט דעם פריערדיקן לאַגער. פאַר דער צייט איז צוגעקומען אַרום דעם לאַגער נאָך איין פלויט פון שטעכיקן דראָט און צווישן ביידע פלויטן זענען אָנגעוואָרפן געוואָרן רעדער מיט שטעכיקן דראָט. דער טויער פון לאַגער פלעגט געשלאָסן ווערן זיבן אַזייגער אָוונט און געעפנט ווערן האַלב זעקס אינדערפרי. די דייטשע וואַך־פּאָסטנס פלעגן אַרומגיין אַ גאַנצע נאַכט אויפן פּלאַץ אויסערן לאַגער, קומען יעדעס מאָל נאָכזעען צי די דראָט־פאַרצוימונגען זענען נישט אָנגערירט. אין לאַגער גופא פלעגן אַרומגיין ביי די דראָטן צוויי יידישע וועכטערס, וועלכע פלעגן דאַרפן אויסהיטן דאָס אַנטלויפן פון לאַגער.

ווידער זענען עטלעכע הונדערט יידן אַוועק יעדן פרי אַרבעטן אין לאַגער „ווינעטא" און פלעגן אין אָוונט צוריקקומען. די פאַכלייט האָבן געאַרבעט אין די וואַרשטאַטן. די איבעריקע יידן זענען באַשעפטיקט געוואָרן אין לאַגער ביי פאַרשיידענע שוואַרצע אַרבעטן, און געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן געאַרבעט אין די מאַגאַזינען.

ביזן אָנקומען פון די פרישע מענטשן איז אין לאַגער נישט געווען קיין קראַנקן־פּראָבלעם. איצט זענען אין די צוויי באַראַקן, וווּ ס'האָבן זיך געפונען די מענטשן פון „ציד" געלעגן אַ גאַנץ גרויסער פּראָצענט קראַנקע. קיין דאָקטאָר איז אין לאַגער נישט געווען און פאָדערן אַזעלכן האָט מען מורא געהאַט. די פּראַקטיק אין אַנדערע לאַגערן האָט געוויזן צו וואָס ס'האָט געברענגט דער וויזיט פון אַ דאָקטאָר. אויב דער דאָקטאָר פלעגט פעסטשטעלן, אַז ס'געפינט זיך אין לאַגער אַ טיפוס־קראַנקער, פלעגט מען דעם קראַנקן דערשיסן און דעם לאַגער פלעגט מען אויף אַ געוויסע צייט אָפּשליסן. האָט מען זיך דאָ איינגעשאַפט פאַרשיידענע מעדיקאַמענטן און עטלעכע היימישע „רופאים", ווי חיים ראָזמאַרין (צאָן־טעכניק) און לייבל לעבנבערג (עלעקטראָ־טעכניק) פלעגן אַרומגיין ביי די קראַנקע...

פאַר דער מאַכט האָט מען כסדר געטענהט, אַז דאָס זענען גריפּע־קראַנקע, און אַז אויך אין שטאָט הערשט איצט די גריפּע־עפּידעמיע; ס'וועט דויערן אַ פּאָר טעג און די קראַנקע וועלן צוריק געזונט ווערן און נעמען אַרבעטן.

דערווייל זענען אויך געווען עטלעכע טויט־פאַלן. די טויטע זענען געקומען צו קבורה אויפן יידישן בית־הקברות. צווישן די טויטע האָבן זיך געפונען די ביאַלער: משה קאָרנבלום (יעקב קאָרנבלומס זון) און ספּיוואַק (דעם קירזשנערס זון פון דער גראַבאַנאָווער גאַס 21).

די טיפוס־עפּידעמיע האָט זיך גענומען אַריינכאַפּן אין די איבעריקע באַראַקן, און נישט אויסגעמיטן אויך דעם לאַגער „ווינעטא". מ'האָט אָנגעהויבן קלערן וועגן איזאָלירן זיי אין אַ באַזונדערן באַראַק. מ'האָט אָבער מורא געהאַט דאָס צו טאָן, ווייל דאָס איזאָלירן זיי אין אַ באַזונדערן באַראַק וואָלט אויפגעריסן די אויגן פון די דייטשן און געקאָנט גורם זיין זייער אויסליפערונג צו דער געסטאַפּאָ. ווען ס'האָט זיך אָבער אָנגעזאַמלט ביי עטלעכע און זעכציק קראַנקע, האָבן די געזונטע גענומען פאָדערן מ'זאָל זיי איזאָלירן, ווייל מ'קאָן דאָך נישט דערלאָזן, אַז אַלע זאָלן קראַנק ווערן.

זונטיק, דעם 13טן דעצעמבער 1942, האָט מען, ווילנדיק־נישט־ווילנדיק, איזאָלירט אַלע קראַנקע אין אַ באַזונדערן באַראַק. מתתיהו זשעלאַזני, אליהו זינגער און גרובמאַן, וואָס האָבן שוין געהאַט דורכגעמאַכט דעם טיפוס האָבן זיך מטפל געווען מיט די קראַנקע.

אָנהייב דעצעמבער 1942 האָט דער שטאַבסצאַלמייסטער, דער פירער פון לאַגער ביים 34סטן פּולק, געהייסן דעם גרופּן־פירער מעלדן די אַרבעטערס, אַז ער האָט באַקומען אַ דערלויבניש ווייטער צו האַלטן די יידן. ווי לאַנג ער וועט דאָ זיין וועט די אַרבעטערס קיין שלעכט נישט געשען. ער וועט זיך באַמיען אויסצובעסערן דאָס עסן, און אַז ס'האָט נישט קיין זין דאָס אַנטלויפן פון לאַגער, ווייל כמעט אַלע אַנטלאָפענע זענען געכאַפּט און דערשאָסן געוואָרן.

ווען דער גרופּן־פירער האָט דאָס דערציילט די לאַגער־יידן, האָבן אַ סך באַלד אויפן אָרט זיך אָנגערופן: ס'וועט שוין זיין נייעס, ווייל ווען דייטשע מערדערס הייבן אָן פאַרזיכערן און באַרויקן, געשעט דאָס פאַרקערטע. אַנדערע ווידער זענען גענויגט געווען צו גלויבן די נייעס.

שבת, דעם 12טן דעצעמבער, איז דער שטאַבסצאַלמייסטער אָפּגעפאָרן אויף אורלויב און אים האָט פאַרטראָטן דער אָבער־צאַלמייסטער שילף.

זונטיק ביינאַכט, ווען דער לאַגער־טויער איז שוין געווען געשלאָסן, האָבן די יידישע וואַכן, וואָס זענען געשטאַנען אינעווייניק אין לאַגער, צו וויסן געגעבן, אַז אין לאַגער זענען אַריין דער אָבערצאַלמייסטער שילף און דער צאַלמייסטער בעהמע.

ביידע האָבן אָנגעהויבן דורכפירן אַן אינספּעקציע איבער די באַראַקן. דער אָבערצאַלמייסטער שילף איז געווען שטאַרק שיכור. ווייזט אויס, אַז ער איז געקומען דרעסירן זיין הונט אויף יידישע לייבער. אויף יעדן אָנגעטראָפענעם ייד אין באַראַק האָט ער אַרויפגעלייגט זיין שטעקעלע, דער כלב איז באַלד אַרויף אויפן ייד, צעריסן דאָס לעצטע שטיקל בגד און אויך מיטגעריסן אַ שטיק פלייש. נאָכן אָפּהוליען מיטן הונט און אָנזעטיקן זיך מיט בלוט, האָט דער שיכור פאַרלאָזט דעם לאַגער. דער פאַל האָט אַרויסגערופן אַ זייער געדריקטע שטימונג, ווייל ביז אַהער האָט מען אין לאַגער אַזעלכעס נישט געזען.

דינסטיק, דעם 15טן דעצעמבער, האָט מען גערופן דעם גרופּן־פירער אין לאַגער „ווינעטאַ", כדי אויפצוקלערן עפּעס אַן עווידענץ־ענין. ווען ער איז אָנגעקומען אין „ווינעטאַ" האָבן די דאָרטיקע אַרבעטערס אים געפרעגט, צי ער ווייסט נישט וווּהין מען האָט אַוועקגעפירט די 40 אַרבעטערס מיט לאָפּעטעס. מ'האָט זיי אויך מיטגעגעבן ברויט, ווייל זיי וועלן דאָרט אַרבעטן אויך ביינאַכט. דער גרופּן־פירער האָט געענטפערט, אַז ער האָט דערפון נישט קיין שום אַנונג.

ווען דער גרופּן־פירער איז דאָרט געזעסן מיט עטלעכע באַקאַנטע יידן און געגעסן מיטאָג, האָט ער זיך נאָכגעפרעגט ביים דאָרטיקן גרופּן־פירער קאָזע וועגן דער מעשה מיט די 40 אַרבעטערס, אָבער אויך ער האָט געזאָגט, אַז ער ווייסט נישט פון גאָרנישט. דערווייל איז אַריינגעקומען דער פירער פון לאַגער „ווינעטאַ", אַ מיליטערישער באַאַמטער, דער אַזוי גערופענער באַלמאַן פון האַמבורג, וועלכער האָט לגבי יידן געשפּילט אַ צוויי־פּנימדיקע ראָלע. ער האָט פון יידן גענומען די טייערסטע מתנות, זיי צוגעזאָגט צו ראַטעווען, אָבער בעת דער אויסזידלונגס־אַקציע פון די לאַגערן, דעם 6טן אָקטאָבער, האָט ער אַליין אָט די יידן צוגעפירט דער געסטאַפּאָ אין די הענט אַריין, כדי זיי זאָלן, זיך נישט אויסבאַהאַלטן. דער שניידער יוסף טישל האָט אים אַריינגענייט אַ סך בריליאַנטן אין אַנצוגן און דער שוסטער ברוך פריינער האָט אים אין די שטיוול־אָפּצאַסן באַהאַלטן גענוג גאָלד־רובלס, כדי דאָס מיטצונעמען אַהיים בעת זיינע אורלויב־רייזעס. באַלמאַן האָט פאַרפירט אַ שמועס מיט אַ קראַנקן יונגנמאַן, מיט וועלכן ער איז, ווייזט אויס, געווען זייער גוט באַפריינדעט, און וועמענס פאָטער ס'האָט זיך געפונען אין לאַגער ביים 34סטן פּולק. דאָס געשפּרעך האָט געדויערט אַ לענגערע צייט. דערווייל האָט זיך אין לאַגער „ווינעטאַ" פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז מ'האָט די 40 אַוועקגעפירטע אַרבעטערס דערשאָסן. דער גרופּן־פירער האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָס געשפּרעך צווישן באַלמאַנען און יידישן יונגנמאַן האָט געהאַט אַ שייכות מיטן פאַל פון די 40 אַרבעטערס, ווייל ער האָט געזען, אַז דער יונגערמאַן איז אויפגעשטאַנען פון בעט און האָט זיך אָנגעטאָן. דער יונגערמאַן האָט אָבער פאַרזיכערט, אַז ער ווייס פון גאָרנישט.

אין אָוונט, ווען די אַרבעטערס זענען צוריקגעקומען פון לאַגער „ווינעטאַ", האָט מען זיך דערוווּסט, אַז מען האָט טאַקע 38 פון די 40 דערשאָסן. צוויי פון זיי: הערשל ווייסמאַן (דוד ווייסמאַנס זון) און ראָזנבערג (נחומהלע סענדערס איידעם), איז געלונגען אויפן וועג צו אַנטלויפן.

די אַנטלאָפענע זענען געווען אַזוי צעטומלט, אַז ס'איז שווער געווען ביי זיי עפּעס צו דערגיין. אָבער מער־ווייניקער איז געווען צו פאַרשטיין אָט וואָס: מיליטערישע פּאָסטנס האָבן זיי אַוועקגעפירט פון לאַגער. אויפן וועג איז צוגעקומען אַ געסטאַפּאָ־מאַן אויף אַ ראָווער און געוויזן וווּהין די מענטשן צו פירן. די צוויי יונגנטלעכע האָבן זיך אָריענטירט, אַז דאָס באַווייזן זיך פון אַ געסטאַפּאָ־מאַן איז אַ שלעכטער סימן, און נאָענט פון גראַבאַרקער וואַלד האָבן זיי אָנגעהויבן לויפן אין וואַלד אַריין. מ'האָט זיי נאָכגעשאָסן, זיי זענען אָבער אַריין אין וואַלד און זיך באַהאַלטן. אין אַ צייט אַרום האָבן זיי געהערט אַ שטאַרקע שיסעריי און געשרייען.

אַ פרישער טרויער האָט זיך אויסגעגאָסן איבערן לאַגער. פאָטערס האָבן באַוויינט דעם טויט פון זייערע קינדער און קינדער האָבן באַוויינט דעם טויט פון זייערע פאָטערס. איידער דער לאַגער־טויער איז געשלאָסן געוואָרן, איז דער גרופּן־פירער אַרויפגעגאַנגען צום אָבערצאַלמייסטער און אים געמאָלדן, אַז 40 אַרבעטערס זענען פון דער אַרבעט אין „ווינעטאַ" נישט צוריקגעקומען, און אַז זיי זענען אין „ווינעטאַ" נישטאָ. וואָס זאָל דאָס באַדייטן? דער אָבערצאַלמייסטער מיט זיין סוויטע אַרום אים, זענען געבליבן עטוואָס געפּלעפט און ער האָט אַ פרעג געטאָן דעם גרופּן־פירער, צי ער ווייסט נישט ווו די מענטשן געפינען זיך. די תשובה איז געווען, אַז ער האָט קיין אַנונג נישט. נאָך עטלעכע סעקונדעס קלערן האָט

זיך דער אָבערצאַלמייסטער אָנגערופן: — וואַרשיינלעך געפינען זיי זיך אין לאַגער אויפן פלי־פעלד. מאָרגן פרי וועל איך אַהין טעלעפאָנירן. — זיין תשובה האָט באַשטעטיקט דעם טרויעריקן אמת.

מיטוואָך איז געווען אַ נאָרמאַלער אַרבעטס־טאָג; יעדערער אין לאַגער ביי זיין אַרבעט. אויך די אַרבעטערס וואָס פלעגן אַרבעטן אין לאַגער „ווינעטא" זענען פאַרטאָג אָפּגעפירט געוואָרן דורך די דייטשע זעלנער אין לאַגער אַריין אויף דער וואָליע.

נאָכמיטאָג איז אין לאַגער געקומען דער צאַלמייסטער בעהמע. ער איז אַרומגעגאַנגען איבערן לאַגער מיטן גרופּן־פירער, וועלכער האָט אים אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן אַלעמען. דער צאַלמייסטער איז צופרידן געווען וואָס די צאָל קראַנקע האָט אָנגעהויבן ווערן קלענער. דער גרופּן־פירער האָט אים אַ פרעג געטאָן מכוח די 40 אַרבעטערס. דער צאַלמייסטער האָט זיך נישט פאַרלוירן און געענטפערט, אַז זיי אַרבעטן אין לאַגער אויפן פלי־פעלד, און אַז געוויס וועלן זיי די קינפטיקע וואָך זיך אומקערן אַהער.

אין אָוונט זענען צוריקגעקומען די אַרבעטערס פון לאַגער „ווינעטא" און זיי האָבן דערציילט, אַז די יידישע לאַגער־פירערס זענען דאָרט נישטאָ. זיי זאָלן האָבן אַוועק צום קריסט שמיעטאַנקאָ, וואָס וווינט לעבן לאַגער. צווישן די, וואָס זענען אַוועק פון לאַגער געפינט זיך אויך יענער יונגערמאַן, מיט וועלכן באַלמאַן האָט נעכטן געשמועסט אַ לענגערע צייט, און וועלכער האָט געהאַט אַ פאָטער אין לאַגער ביים 34סטן פּולק. ווער אַ זון נישט וועלן ראַטעווען זיין פאָטער? וואָלט דער זון נישט געהייסן זיין פאָטער אַנטלויפן פון לאַגער? דער פאָטער איז זיך אָבער ווייטער געזעסן אין לאַגער ווי קיינמאָל גאָרנישט...

ס'איז געווען אַ שווערע זאַך, אַז אַלע מיט איינמאָל זאָלן פאַרלאָזן דעם לאַגער. בפרט, אַז אין לאַגער האָט זיך געפונען אַ גרויסע צאָל קראַנקע, און ווו צו גיין, אויסער דעם מעזריטשער געטאָ, איז נישט געווען. דאָך, ווען די לאַגער־מענטשן וואָלטן געהאַט אַ ידיעה, ווי יענער יוגנטלעכער אין לאַגער „ווינעטא", וועגן דער געפאַר וואָס דראָט זיי, וואָלטן אין דער לאַנגער ווינטער־נאַכט אַלע באַוויזן צו פאַרלאָזן דעם לאַגער. מ'האָט אָבער שפּעקולירט אויף דער באַציאונג פון יענעם אַרבעטער אין „ווינעטא" צו זיין פאָטער, און זיך, ליידער, גרויזאַם אַנטוישט. אין יענע גרויזאַמע טעג זענען אויך די פאַמיליע־באַנדן לויז געוואָרן, מ'האָט געפּרווּט, ראשית, ראַטעווען דעם אייגענעם נפש, נישט קלערנדיק וועגן נאָענטסטן און ליבסטן.

אָט דער אַרבעטער פון „ווינעטא" האָט זיך טאַקע אויפגעהויבן און אַוועקגעמאַרשירט ביינאַכט קיין מעזריטש, איבערלאָזנדיק דעם פאָטער אין לאַגער ביים 34סטן פּולק.

נאָך דער ידיעה וועגן אַנטלויפן פון די יידישע לאַגער־פירערס אין „ווינעטא" איז די שטימונג אין לאַגער אויפן וואַרשעווער שאָסיי געווען אַן אָנגעשטרענגטע. ס'האָבן זיך געשאַפן גרופּעס, וואָס האָבן גענומען זיך גרייטן צו אַנטלויפן. אַ סך האָבן דערפון נישט געוואָלט הערן, ווייל זיי האָבן זיך געפילט דאָ שוין „איינגעפונדעוועט" — און וווהין וועלן זיי זיך איצט אין ווינטער לאָזן?

דאָנערשטיק, דעם 17טן דעצעמבער 1942 (ט' טבת תש"ג), אַרום 4.30 ביינאַכט האָבן די יידישע וועכטערס אין לאַגער צווויסן געגעבן, אַז דער לאַגער ווערט אַרומגערינגלט. מ'האָט באַמערקט אין דרויסן, פאַרן לאַגער־טויער, שטייען צוויי לאַסט־אויטאָס און באַלייכטן מיט זייערע רעפלעקטאָרן דעם לאַגער־פּלאַץ. ביי די דראָט־פאַרצוימונגען זענען אויך אַרומגעגאַנגען מיליטערישע פּאָסטנס אין פולער באַוואָפענונג.

יאָ, דער טראַגישער פינאַל קומט אָן, האָבן זיך געטראַכט די לאַגער־יידן.

אין די באַראַקן זענען די אַרבעטערס געשטאַנען דענערווירטע און רעזיגנירטע. ס'איז פאַר זיי קלאָר געווען, אַז דאָ גייט מען מיט זיי טאָן דאָס זעלבע, וואָס מ'האָט דינסטיק געטאָן מיט יענע 38 אַרבעטערס פון לאַגער „ווינעטא". מ'האָט צווישן זיך גערעדט וועגן האַלטן זיך ווירדיק אין די לעצטע שעהן, ווייל אָט די עטלעכע הונדערט אַרבעטערס קאָנען דאָך נישט זיין קיין אויסנאַם פון אַלע יידן. הגם ס'איז קלאָר געווען פאַר אַלע, אַז באַלד וועט זיך אָנהויבן דער מאַרש צום טויט, דאָך האָבן עטלעכע אַרבעטערס גענומען גרייטן פעקלעך אין וועג אַריין, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ סאַרקאַסטיש לאַכן ביי אַנדערע.

ס'האָט זיך געהערט אַ מיינונג וועגן וואַרפן זיך אויף די רוצחים. טייל האָבן אויפגעוויזן, אַז אַזאַ אַקציע קאָן מען נישט פאָרויס אָרגאַניזירן, בפרט, אַז די באַראַקן זענען איזאָלירט, נייערט אַזאַ זאַך מוז קומען ספּאָנטאַן, פון זיך אַליין.

אין די באַראַקן איז אַריינגעקומען דער געסטאַפּאָ־קאָמיסאַר שטילהאַמער מיט צוויי געסטאַפּאָ־לייט, פּאַיסקער און דערם. דער קאָמיסאַר האָט צוגערופן צו זיך אַן אַרבעטער און באַפוילן איינצושטעלן די מענטשן אין באַראַק צו 5 מאַן אין אַ ריי, און דאַן איבערזעצן פאַר די אַרבעטערס דאָס, וואָס ער, שטילהאַמער, וועט זאָגן. דער קאָמיסאַר האָט אָנגעהויבן, אַז היות ווי אין דעם לאַגער געשען פאַלן פון אַנטלויפן, האַלט ער, אַז דער רעזשים דאָ איז אַ צו לייכטער. בכן וועלן די מענטשן איבערגעפירט ווערן אין אַן אַנדער לאַגער. די אַרבעטערס וועט גאָרנישט געשען, נאָר ער פאָדערט אָרדענונג ביים מאַרשירן. ווער ס'וועט אַנטלויפן וועט דערשאָסן ווערן, און פאַר אַ שטראָף וועלן נאָך אַנדערע צוואָנציק מאַן דערשאָסן ווערן. ער האָט אָנגעוויזן אויף זיין וואָלף־הונט, וועלכן ער האָט געהאַלטן לעבן זיך, אַז אויך דער כלב וועט האָבן וואָס צו זאָגן און וועט נישט לאָזן אַנטלויפן.

אין די באַראַקן האָט מען געהערט ווי אין לאַגער פאָרן אַריין אויטאָס און פאָרן צוריק אַרויס. ס'איז קלאָר געווען, אַז דאָס האָט מען אַרויסגעפירט די קראַנקע. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין די לאַסט־אויטאָס וואָס זענען געשטאַנען פאַרן לאַגער־טויער, האָבן זיך געפונען די יידישע אַרבעטערס פון לאַגער „ווינעטא".

ס'האָט נאָך אַלץ געהערשט די פינצטערע נאַכט. די שוין־פאַראורטיילטע צום טויט זענען געשטאַנען אין די באַראַקן און געוואַרט, אַז מ'זאָל זיי אַרויספירן צו דער עקזעקוציע.

אין דער נאַכטיקער שטילקייט האָבן זיך דערהערט עטלעכע שאָסן. שפּעטער האָט מען זיך דערוווּסט, אַז מ׳האָט דער־שאָסן עטלעכע אַרבעטערס, וואָס האָבן זיך דערנענטערט צו די דראָט־פאַרצוימונגען. אין איין באַראַק האָט מען אָנגע־טראָפן דעם אַרבעטער משה לייבזאָן (יחיאל פראָנדיקס זון) ביים אויפרייסן די פּאָדלאָגע, אונטער וועלכער מ׳האָט זיך געקאָנט באַהאַלטן, און מ׳האָט אים דערשאָסן אויפן לאַגער־פּלאַץ. אויך האָט מען דערשאָסן אַן אַרבעטער אין קלאָזעט־גרוב, וווּ ער האָט געפּרוּווט זיך אויסבאַהאַלטן.

דער לעצטער פרימאָרגן פאַר די טויט־פאַראורטיילטע האָט זיך גענומען אַריינרייסן אין די באַראַקן. ס׳האָבן זיך געעפנט די טירן און מ׳האָט די יידן באַפוילן אַרויסצוגיין אויפן לאַגער־פּלאַץ. דאָרט האָט מען זיי איינגעשטעלט צו 7 מאַן אין אַ ריי, און ווידער געוואָרנט נישט צו אַנטלויפן.

דער צאַלמייסטער בעהמע האָט גֿעאַרבעט מיט אלע כוחות, כדי צו ווייזן, אַז אויך ער שטייט נישט אָפּ אין דער „הייליקער" אַרבעט פון פאַרניכטן יידן. ער האָט געבראַכט צו פירן דעם אַרבעטער פנחס טשאַרני (שלמה סטאָפּס זון), וועלכער האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ מיסט־קאַסטן, און אים איבערגעגעבן אין די הענט פון געסטאַפּאָ־קאָמיסאַר. דער קאָמיסאַר האָט דעם אַרבעטער אָפּגעפירט צווישן די באַראַקן און באַפוילן אים זיך אויסצוציען אויף דער ערד. פּנחס טשאַרני האָט אָבער נישט געוואָלט דערפילן דעם באַפעל. דער קאָמיסאַר האָט אים אַ שטויס געגעבן פאָרויס, אויסגעצילט אַ רעוואָלווער־שאָס אין זיין קאַרק, און דער ייד איז געפאַלן אַ טויטער אויף דער ערד.


— איר זעט, — האָט זיך אָנגערופן דער קאָמיסאַר — נישט נאָר איך רעד, נאָר איך טו אויך. — ער האָט באַפוילן אָפּציילן 20 מאַן און זיי שיסן, אָבער אינמיטן ציילן האָט ער אויסגערופן: — אויסנאַמסווייז שענק איך אייך איצט דאָס דער־שיסן פון 20 מאַן ווי אַ שטראָף.

מ׳האָט איבערגעציילט די קאָלאָנע און ס׳האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז צו דער שחיטה זענען גרייט 231 מאַן. מ׳האָט דעם עולם געהייסן זיך נעמען אונטער די הענט, ס׳איז פאַר־ווערט געוואָרן צו קוקן אין די זייטן און אויף הינטן, ווי אויך דאָס רעדן צווישן זיך.

מיט געזונקענע קעפּ האָבן די פאַראורטיילטע אָנגעהויבן. דעם מאַרש צום עקזעקוציע־פּלאַץ, אין באַגלייטונג פון 5 געסטאַפּאָ־לייט און אַ 10 זעלנער. אַרויסקומענדיק פון לאַגער־טויער האָט מען, לינקס ביי די מאַגאַזינען, דערזען אַ הרוג. לעבן הויז־בלאָק פון די דייטשן האָט מען דערזען צוויי קריסטן מיט צוויי וועגענער, אָנגעלייגט מיט לאָפּעטעס. קלאָר צו וועלכן צוועק.

די קאָלאָנע איז אַרויס אויפן וואַרשעווער שאָסיי און גענומען מאַרשירן אין דער ריכטונג צו מעזריטש. הגם ס׳איז געווען שוין די צווייטע העלפט דעצעמבער, דאָך איז דער טאָג נישט געווען קיין קאַלטער, נאָר אַ פייכטקייט איז געהאָנגען אין דער לופט. די מאַרשירנדיקע יידן זענען פון שאָסיי פאַר־קירעוועט געוואָרן אין שמאָלן סלאַוואַטשינסקע געסל, וואָס איז פול געווען מיט טיפע בלאָטעס און האָט באַשווערט דאָס מאַרשירן. פּלוצעם האָט מען געהייסן זינגען. ס׳האָט זיך דערהערט די מעלאָדיע פון אַ טרויעריק פּויליש קאַוואַלעריע־לידל און די פּראָצעסיע האָט ווייטער מאַרשירט אין דער בלאָטע.

ווען מ׳האָט באַפוילן אויפהערן זינגען, האָבן זיך דער־טראָגן צו די מאַרשירנדיקע די לעצטע אַקאָרדן פון די טויט־שפּרייטנדיקע מאַשין־געווערן. מ׳האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָס האָט מען פאַרענדיקט מיט די מענטשן, וואָס זענען אַרויס־געפירט געוואָרן מיט די לאַסט־אויטאָס. צווישן די דאָרט אומגעקומענע האָבן זיך געפונען די ביאַלער: יעקב ווייסמאַן (אַרקע ווייסמאַנס זון), מאַניע קאָוואַרסקי (לייבל גאָלדבערגס



הרשים של המקום ששמה הביאו ב־17 דצמבר 1942 את הפועלים היהודים ממחנה „ווערמאַכט" ע"י הגדוד ה־34, להריגה ביריה.

קאַרטע־סקיצע פון עקזעקוציע־פּלאַץ, וווּהין מ׳האָט דעם 17טן דעצעמבער 1942 געבראַכט די יידישע אַרבעטערס פון „ווערמאַכט"־לאַגער ביים 34סטן פּולק צום דערשיסן.

Sketch of the execution-place where on 17th December 1942 Jewish workers from the "Wermacht" camp were brought to be shot.

טאָכטער). דער דראָזשקאַרזש באָטשקעלע (צונאָמען), דער שטעפּער יעקב פרידמאַן מיט זיין זונעלע, שרהלע גליקסבערג, אליהו זינגער, מתתיהו זשעלאַזני, גרובמאַן א״אַ.

די טויטן־פּראָצעסיע איז געוואָרן פאַרהאַלטן. די יידן האָבן דערזעען זייער קבר. אַ לאַנגע און טיפע גרוב אויף דער לאָנקע, וואָס ווערט אָנגערופן „קאָליכאַוואַ״. פון ביידע זייטן גרוב איז געלעגן די אַרויסגעשאָטענע ערד, דער שפּע־טערדיקער צודעק פון קבר.

ווי נאָר מ׳האָט פאַרהאַלטן די מאַרשירנדיקע יידן, האָט דער אַרבעטער ישראל ראָדזינעק געגעבן זיך אַ ריס פון דער ריי און אָנגעהויבן אַנטלויפן רעכטס. באַלד האָט זיך געגעבן אויף אים אַ שיט אַ פייער פון אַלע זייטן, אָבער ער איז ווייטער געלאָפן. דער הונט האָט נישט געוואָלט זיין געהאָרכזאַם זיין באַפעלער און זיך נישט גערירט פון אָרט.

די סצענע האָט געדויערט אַ סעקונדע, און דער אַרבעטער סעניאָר, אַ געוועזענער קריגס־געפאַנגענער, האָט געלאָזט פאַלן דעם באַפעל: „לאַופען!״. מיט ווילדע געשרייען פון „הוראַ!״ איז זיך דער עולם צעלאָפן אין אַלע זייטן. די מאַשין־געווערן און די ביקסן האָבן געעפנט אַ באַטויבנדיקע קאַנאָנאַדע און פאַר־שאָטן די אַנטלויפנדיקע מיט אַ האָגל פון בליי.

כמעט אַלע אנטרונענע פון עקזעקוציע־פעלד זענען אַוועק אין מעזריטשער געטאָ, צווישן זיי אויך דער העלד, דער ערשטער לויפער, ישראל ראָדזינעק. צווישן די אָנגעקומענע ביאַלער אין מעזריטשער געטאָ זענען געווען די פאַרוווּנדעטע: יהושעלע ווייסמאַן, ירחמיאל ליכטנבוים און אשר פייגנבוים (סטאָליער).

שפּעטער האָט מען זיך דערוווּסט, אַז אַ טייל פון די אַנטלאָפענע פון עקזעקוציע־פעלד זענען אַוועק אין אַנדערע ריכטונגען, און אַז אויף די וועגן זענען אַ סך פון זיי אומגע־קומען, ווי: יצחק קויפמאַן (תבואה־סוחר, יאַנעווער גאַס), אלתר פלאַט (שניידער), יעקב ראָזנקער (מאַלער), חיים שמעון ראָזנבלאַט (זייגערמאַכער), אברהם גרינגלאַס (יואל שמשס זון), בלומענקראַנץ (ישעיהו בלומענקראַנצס זון) א״אַ.

נאָכן אויסשיסן די אַרבעטערס פון די לאַגערן ביים 34סטן פולק און „ווינעטאַ״, האָבן די אַרבעטערס ביי דער געסטאַפּאָ אין ביאַלער יידן־קוואַרטאַל געריכט זיך אויפן זעלבן סוף. צוליב דעם זענען פון דאָרט אַנטלאָפן דער גרופּן־פירער יצחק עקשטיין, שלמה שטיינגאַרט, שמשון יוסטמאַן און די ברידער שניידערמאַן.

יצחק עקשטיין איז גלייך געקומען אין מעזריטשער געטאָ. עמעצער האָט, ווייזט אויס, מודיע געווען דער ביאַלער געסטאַ־פּאָ וועגן זיין קומען קיין מעזריטש און זי האָט פאַרלאַנגט, אַז מ׳זאָל איר צושטעלן עקשטיינען קיין ביאַלע. דער יידישער אָרדענונגס־דינסט האָט אים אַרעסטירט און איבערגעגעבן דער פוילישער פּאָליציי. פון דאָרטן איז ער איבערגעפירט געוואָרן צו דער ביאַלער געסטאַפּאָ.

אין איינעם אַ פרימאָרגן האָט מען פאַרזאַמלט אַלע געטאָ־אַרבעטערס אויפן הויף פון דער געסטאַפּאָ, ביי ראַאַבען אין פאַבריק. מ׳האָט אַרויסגעברענגט עקשטיינען אַ שטאַרק צע־שלאָגענעם און דער געסטאַפּאָ־קאָמיסאַר האָט פאַרלאַנגט פון די יידישע אַרבעטערס, אַז זיי זאָלן דערהרגענען עקשטיינען. די יידישע אַרבעטערס זענען געבליבן שטיין פאַרשטיינערט. — אויב איר האָט מורא פאַרן יידישן גאָט — האָט אויסגערופן דער קאָמיסאַר שטילהאַמער — וועלן מיר אים טויטן. — מיט דרענגער האָבן עטלעכע געסטאַפּאָ־לייט ממש צעשמעטערט זייער קרבן. עקשטיין איז באַערדיקט געוואָרן ביים פּלויט פון ראַאַבעס פאַבריק.

אין לאַגער אויפן פלי־פעלד זאָלן די יידישע אַרבעטערס האָבן געאַרבעט ביז נאָוועמבער 1943, און דעמאָלט, ווי קריסטן



הריכת בית הכנסת.
מ׳צעד״יסט די שול
Destruction of the Synagogue

האָבן דערציילט, זאָל מען זיי האָבן דערשאָסן. דאָרט האָט זיך אויך געפונען אַ גרופּע יאַנעווער יידן, וואָס האָט געאַרבעט אין דער יאַנעווער „וויגאָדא" און שפּעטער־צו האָט מען זיי אַריבערגעפירט אין לאַגער אויפן ביאַלער פלי־פעלד.

אין אַ גבית־עדות ביי דער קאַטאָוויצער אָפּטיילונג פון דער צענטראַלער יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין פּוילן (נומער 290), דערציילט איינער אַ יעזשי ראָזנבוים פון וואַרשע, וועלכער האָט זיך געפונען אין לאַגער פּאָניאַטאָוו (לובלינער קאַנט), אַז אין אָקטאָבער 1943 האָט מען פון דעם אָ לאַגער אָפּגעשיקט צום פלי־פעלד אין ביאַלע־פּאָדלאַסקע 10.000 (צען טויזנט) מענטשן.

ביאַלער קריסטן פלעגן דערציילן וועגן אונגאַרישע יידן, וועלכע מ׳זאָל האָבן געברענגט אויפן פלי־פעלד. ס׳איז אָנצונעמען, אַז דאָס האָט אַ שייכות צו די מענטשן פון לאַגער פּאָניאַטאָוו. די צאָל אָבער פון 10.000 איז באַשטימט אַן איבערגעטריבענע.

משמעות, אַז די ידיעה פון די קריסטן וועגן דערשיסן אין נאָוועמבער 1943 די יידן אויפן פלי־פעלד איז אַ ריכטיקע, ווייל דעם 3טן נאָוועמבער 1943 איז פאָרגעקומען אין לובלינער קאַנט, אַן אַזוי גערופענע „זאָנדערבאַהאַנדלונג" בעת וועלכער ס׳איז דערשאָסן געוואָרן אַ גרויסע צאָל יידן אין די לאַגערן, און די איבעריקע זענען אַרויסגעפירט געוואָרן קיין מאַידאַנעק.

אויפגעהאַלטן דעם זכר פון יידן אין ביאַלע האָט די גרופּע יידישע אַרבעטערס ביי דער געסטאַפּאָ, וואָס איז נאָכן אויסראַיניקן דעם געוועזענעם יידישן קוואַרטאַל, באַשעפטיקט געוואָרן ביים באַזייטיקן יעדן צייכן פון יידישקייט אין ביאַלע. זיי האָבן צענומען די שול און בתי־מדרשים.

אין מאַי 1943 זענען צו דער גרופּע צוגעקומען נאָך 17 יידן פון מעזריטשער געטאָ.

אָט די גרופּע האָט אָנגעהאַלטן אין שטאָט ביז אַפּריל 1944. מיטן דערנענטערן זיך פון דער רוסישער אַרמיי האָט מען דאָס לעצטע הייפעלע יידן אַרויסגעפירט פון ביאַלע קיין לובלין. אַ קליינער טייל פון דער גרופּע איז געבליבן ביים לעבן.

דער יודענראַט

מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, אַז אין איינעם אַ טאָג (נאָוועמבער 1939) האָט די ביאַלער געסטאַפּאָ פאַררופן צו זיך די דאָזאָרעס פון דער פריערדיקער קהילה און זיי באַפוילן צו אָרגאַניזירן אַ יודענראַט.

אין אַנטשטאַנענעם יודענראַט זענען אַריין אַ טייל פון די פריערדיקע דאָזאָרעס און צו זיי זענען צוקאָאָפּטירט געוואָרן פערזאָנען פון אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג. זיין צוזאַמענשטעל איז געווען פאָלגנדיקער: יעקב אהרן ראָזנבוים, יצחק פיזשיץ, דוד קאַנטאָר, אברהם סטריכער, יצחק לעווי, משה חיים וויזנפעלד, ישראל ביאַלער, דוד ווייסמאַן, שמואל קרייזלמאַן, מנחם פינקלשטיין, יהושע גאָלדרייך. חנינא קאַשעמאַכער, יהושע איידלשטיין יהושע רובינשטיין, בערל גאָלדבערג א״אַ.

דער יודענראַט האָט גענאָסן פון פולשטענדיקער סימפּאַטיע מצד דער יידישער באַפעלקערונג, און ס׳האָט נישט געהערשט אין שטאָט קיין פאַרביטערונג לגבי אים. אַפילו די פּליטים, וואָס זענען אָנגעפירט געוואָרן דורך די נאַציס קיין ביאַלע, האָבן נישט געהאַט וואָס פאָרצוואַרפן דעם יודענראַט. אויף ווי ווייט דער יודענראַט איז געווען טאָלעראַנט צו די אָנגעבראַכטע היימלאָזע, באַווייזט דער פאַקט, אַז אין זיין ביוראָ האָט געאַרבעט אַ גרויסער פּראָצענט היימלאָזע יידן, מיטן סעקרעטאַר רובינשטיין פון סוואַלק בראש. אַ סך היימלאָזע זענען דורכן יודענראַט געשיקט געוואָרן אויף אָנפירנדיקע אַמטן אין אַרבעטס־אַמט און אַנדערע דייטשע אַרבעטסערטער.

יעדערער אין שטאָט האָט געוווּסט, אַז די מיטגלידער פון יודענראַט האָבן זיך נישט געריסן צו זייערע אַמטן, ביירט זיי זענען דערצו אויפגעפאָדערט געוואָרן פון דער געסטאַפּאָ, און ס׳איז קלאָר געווען אין וואָסערע שווערע באַדינגונגען דער יודענראַט פירט זיין אַרבעט, און ווי ריזיקאַליש ס׳איז צו האָבן אַ מגע־ומשא מיט די נאַצי־גדולים. און האָט ווער פון די רייכע יידן אין שטאָט אויסגעדריקט זיין אומצופרידנקייט צוליבן פאָדערן פון אים הויכע באַשטייערונגען, האָט אים דער יודענראַט צו וויסן געגעבן, אַז מ׳איז גרייט אים צוקאָאָפּטירן ווי אַ מיטגליד פון יודענראַט. פאַרשטייט זיך, אַז דער „געקריוודעטער" ייד האָט זיך גלייך פאַרענטפערט און אַנטשולדיקט, ווייל ס׳זענען נישט געווען קיין בעלנים אין שטאָט אויף יודענראַט־מיטגלידערשאַפט...

ווינטער 1941, האָט דער יודענראַט צוקאָאָפּטירט עטלעכע פרישע מיטגלידער און צווישן זיי אויך חיים ראָזמאַרין. אַזוי ווי דער לעצטער האָט נישט קיין חשק געהאַט צו פיגורירן פאַר דער מאַכט ווי אַ יודענראַטלער, האָט ער זיך אויסגעקויפט מיט כסדרדיקע גרויסע געלט־אָפּצאָלונגען פאַר דער קאַסע פון יודענראַט. אויך דער צאָן־דאָקטאָר יואל זילבערבערג איז געווען פון די גרויסע צאָלערס, אַבי ער זאָל נישט געהערן צום יודענראַט.

געווען פאַלן, ווען יידן (צווישן זיי אַברהם יאַמניק, אייזעם פון יהושע גליקסבערג) האָבן געבראַכט אין יודענראַט ווערטפולע צירונג, אפשר וועט מען קאָנען אַדאַנק דעם לינדערן דעם מצב פון דער יידישער באַפעלקערונג. דער יודענראַט האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט אָנצונעמען די צירונג און געענטפערט: — אויב ס׳וועט נייטיק זיין, וועלן מיר זיך ווענדן וועגן דעם מיט אַ רוף צו דער באַפעלקערונג.

מ׳דאַרף באַזונדערס באַצייכענען די מוטיקע אין איבערגעגעבענע טעטיקייט פון ביאַלער יודענראַט, וואָס האָט זיך ממש מקריב געווען לטובת דער יידישער באַפעלקערונג. זיינע מיטגלידער זענען געווען די ערשטע אויסצוטראָגן אַלעליידן און פּיין, פון וואָס די יידישע באַפעלקערונג האָט טיילמאָל אַפילו קיין אַנונג נישט געהאַט.

דער יודענראַט איז כסדר געשטאַנען אויף דער וואַך אָפּצושרייען די גזירות וואָס האָבן זיך געשאָטן אָן אויפהער, און נישט איין מאָל איז דאָס אים געלונגען.

וועגן דער דרייסטער האַלטונג פון יודענראַט כלפי די

נאַצישע מאַכטהאָבערס, באַווייזט דאָס געשפּרעך פון יודענראַט־פאָרשטייער יעקב אהרן ראָזנבוים מיטן רעפערענט ליפּקאָוו, וואָס ווערט געבראַכט אין קאַפּיטל „דער ערשטער גירוש״.

בעת דער ערשטער אויסזידלונג פון ביאַלע צום טויטןלאַגער אין סאָביבאָר האָבן די יודענראַט־מיטגלידער געגעבן גאַנץ שטאַרקע רמזים דער יידישער באַפעלקערונג נישט צו איילן זיך צום זאַמלפּלאַץ, הגם פאַר דעם האָבן זיי געקאָנט באַצאָלן מיטן לעבן. די רמזים זענען עס געווען צו פאַרדאַנקען, וואָס די ערשטע אויסזידלונג אין ביאַלע (מ׳האָט נאָך דעמאָלט נישט געוווּסט פון קיין טויט־לאַגערן. און מ׳איז געווען זיכער אַז מ׳ווערט דעפּאָרטירט אין אַ צווייטער שטאָט), האָט נישט אַרויסגעריסן פון שטאָט אָט די אַלע, וואָס לויט דער פאַראָרדענונג האָבן זיי געדאַרפט פאַרלאָזן ביאַלע.

דער יודענראַט האָט געוווּסט ווי אויסצונוצן די אַנטאַגאָניזמען צווישן די דייטשע מאַכטהאָבערס. די געסטאַפּאָ האָט נישט איין מאָל מבטל געמאַכט אַ גזירה, וואָס האָט געשטאַמט פון דער קרייזהויפּטמאַנשאַפט. אַזוי האָט דער יודענראַט געברענגט אין פאַרלעגנהייט דער געסטאַפּאָ, וועלכע האָט בכלל נישט געהאַט קיין אַנונג וועגן דער ערשטער אויסזידלונגס־גזירה. די געסטאַפּאָ האָט זיך דעמאָלט געפילט געטראָפן, וואָס די ידיעה איז צו איר דערגאַנגען ערשט פון יודענראַט. דאָס איז אפשר געווען די סיבה פון דער פאַסיווער האַלטונג פון דער געסטאַפּאָ אין טאָג פון דער אויסזידלונג, און וואָס די אַקציע איז אַריבער בלוטלאָז.

די שטאָלצע און וואַכזאַמע האַלטונג פון ביאַלער יודענראַט האָט זיכער גורם געווען דערצו, אַז זיינע מיטגלידער זענען געווען די ערשטע קרבנות אין שטאָט. אַ חודש פריער איידער ביאַלע איז געוואָרן יידנריין, האָט מען אַוועקגענומען פון דער שטאָט די יודענראַט־מיטגלידער און זיי פאַרפּײַקט אין מאַידאַנעק.

די ביאלער אין מעזריטשער געטא

די ביאַלער יידן וואָס זענען בעתן צווייטן און לעצטן גירוש (פון 26סטן סעפּטעמבער ביזן 1טן אָקטאָבער 1942) אַריינגעפירט געוואָרן אין מעזריטשער געטאָ, האָבן ממש נישט געהאַט ווו זיך אַהינצוטאָן. אין דעם ענגן געטאָ איז קיין אָרט געווען פאַר די מעזריטשער, און דאָ האָט מען אָנגעברענגט טויזנטער יידן פון ביאַלע און ביאַלער פּאָוויאַט. אין אַזעלכע פאַלן איז קלאָר געווען פאַרן געטאָ, וווּהין מ׳ברענגט פרישע יידן, אַז ס׳פאַרטראָגט זיך אויף אַ פרישן גירוש. און אַזוי ווי אין יעדן געטאָ איז מען אַרומגעגאַנגען מיט דער אילוזיע, אַז דאָס מיינט מען נישט די היגע יידן, נאָר די אַריינגעבראַכטע, האָט מען במילא נישט געוואָלט זיך אויסמישן מיט די פריש אָנגעקומענע אחים־לצרה.

דער מעזריטשער יודענראַט האָט אָבער נישט געהאַט קיין ברירה און ער האָט אויסגעטיילט אַ ביסל הייזער פאַר די ביאַלער יידן. אויך דאָ, אין מעזריטשער געטאָ האָבן ביאַלער יידן געמאַכט באַמיאונגען צו באַקומען אַרבעט, כדי צו פאַרלענגערן דאָס לעבן, אָדער, אפשר האָבן זיך טייל איינגערעדט, אַז אַזוי אַרום וועלן זיי ניצול ווערן פון טויט. אַ טייל ביאַלער איז געלונגען, דורך פאַרשיידענע פּראָטעקציעס, צו באַקומען אַרבעטס־ערטער.

די פאַרטריבענע ביאַלער יידן האָבן נאָך נישט באַוויזן צו באַקענען זיך מיטן געסלעך־לאַבירינט פון מעזריטשער געטאָ, און שוין האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף מעזריטש די שווערד פון דער צווייטער אויסזידלונג. טאַקע דעם זעלבן טאָג, דעם 6טן אָקטאָבער 1942, ווען מ׳האָט אַרויסגעפירט די מענער פון די ביאַלער לאַגערן, האָט מען דעם צוג אין וועלכן זיי האָבן זיך געפונען, פאַרהאַלטן אויף דער מעזריטשער באַןסטאַציע און די ליידיקע פראַכט־וואַגאָנעס זענען אָנגעפולט געוואָרן מיט יידן. די ערשטע קרבנות זענען דאָ געווען די יידן פון ביאַלע און קרייז. די מעזריטשער האָבן שוין געהאַט צוגעגרייטע באַהעלטענישן און גוטע אַרבעטס־ערטער און דעריבער איז מיט דער אויסזידלונג אַוועק פון זיי אַ קליינער פּראָצענט.

פאַר דער אויסזידלונג איז קיין מעזריטש אַראָפּגעקומען דער ביאַלער ס״ד־מאַן גלעט און זיך נאָכגעפרעגט ווו ס׳געפינען זיך די פרויען באָלטשע פּיזשיץ און חיה ראָזנבוים, ביי וועלכע ער האָט אַפּעריררט 45 טויזנט זלאָטעס, אונטערן אויסרייד פון צוריקברענגען די ביאַלער יידן פון מאַידאַנעק. דערציילט האָט מען שפּעטער, אַז בעת דער אויסזידלונג האָט מען אַלע יידישע פרויען, וואָס האָבן געאַרבעט אויפן פעלד אין פּאָטאָצקיס מאַיאָנטעק „האַלאס״, ווו ס׳האָבן אויך געאַרבעט די פרויען ב. פּיזשיץ און ח. ראָזנבוים, אַראָפּגענומען פון פעלד אינמיטן דער אַרבעט און זיי אַוועקגעפירט צו די וואַגאָנעס אויף דער מעזריטשער באַן־סטאַציע. אָט אַזוי איז דאָס דער ס״ד־מאַן גלעט זיכער געווען, אַז ער איז פּטור געוואָרן פון די צוויי פרויען.

בעת אָט דער אויסזידלונג האָט זיך דער ביאַלער פּליט אין מעזריטשער געטאָ דוד ווייסמאַן (געקומען קיין ביאַלע פון וואַרשע), אַ ברודער פון פעלדשער בעריש ווייסמאַן; אָפּגעזאָגט צו פאַרלאָזן די שטוב און פאַר קיין פאַל נישט געוואָלט פאָלגן דעם באַפעל פון די נאַציס אַרויסצוגיין אין דרויסן. ער איז דערשאָסן געוואָרן אין שטוב. כאַראַקטעריסטיש, אַז דער ייד פלעגט אין ביאַלע כסדר טענהן: — מיך וועלן זיי נישט פירן קיין טרעבלינקע. וואָס טויג נישט דער טויט אויפן אָרט, נאָר מ׳דאַרף נאָך פאָרן נאָך אים קיין טרעבלינקע?

נאָך אָט דער אויסזידלונג איז די צאָל ביאַלער אין מעזריטשער געטאָ שטאַרק איינגעשרומפּן געוואָרן. ביי יעדער אויסזידלונג פון מעזריטשער געטאָ זענען מיטגעריסן געוואָרן ביאַלער און זייער צאָל איז כסדר קלענער געוואָרן. אין באַהעלטענישן זענען בעת די אויסזידלונגען געשטאָרבן די ביאַלער פרויען: חמה קאַליכשטיין און לידזבאַרסקי (די פרוי פון משה לידזבאַרסקי). צווישן איין אויסזידלונג און דער צווייטער האָבן די ביאַלער געפירט דאָס זעלבע אַרט לעבן ווי די מעזריטשער יידן. אַ לעבן אין פּחד, ענגשאַפט און אומריינקייט (אין די ענגע און שמוציקע הייזלעך האָט געבושעוועט דער טיפוס און אַ צאָל ביאַלער זענען פון דער קרענק גע־

שטאָרבן), אַ לעבן אין שטענדיקן געראַנגל מיטן טויט, אַ לעבן פול מיט טרויער און בענקשאַפט נאָך די אומגעקומענע נאָענטע, און מיט האָפענונג אויף היטלערס מפּלה.

ביאַלער יידן פלעגן ריזיקירן מיט אַ מאַרש קיין ביאַלע, כדי אַרויסצובאַקומען פון די דאָרטיקע באַהעלטענישן עפּעס ווערטפולס. נישט איינער האָט זיך פון אַזאַ מאַרש מער נישט אומגעקערט קיין מעזריטש. אַזוי זענען אַוועק קיין ביאַלע און מ׳האָט זיי שוין מער נישט געזען אין געטאָ: משה יצחק בידערמאַן, זיין אייניקל (רבקה נאָוואָמינסקעס זון), יהושע ענגלענדער, פאָליאַ ריבאַק, אייזשע רובינשטיין א״אַ.

נאָך דער פערטער אויסזידלונג אין מעזריטשער געטאָ, אין נאָוועמבער 1942, איז די צאָל געבליבענע ביאַלער שוין געווען אַ גאָר קליינע. עטלעכע ביאַלער האָבן אין געטאָ זיך פאַרנומען מיט מסחר, אַנדערע פלעגן גיין אויף אַרבעט מחוץ דעם געטאָ און זיך באַמיען עפּעס אַריינצושמוגלען, כדי זיך מפרנס צו זיין. געווען ביאַלער וואָס האָבן נאָך געהאַט געלט, וואָס זיי איז געלונגען מיטצונעמען מיט זיך בעתן גירוש פון ביאַלע. ס׳זענען אויך געווען ביאַלער, וואָס פלעגן אָנקומען נאָך הילף צו דער סאָציאַלער אָפּטיילונג ביים מעזריטשער יודענראַט.

ביאַלער פלעגן זיך טרעפן אין דעם ענגן געטאָ, און אַזוי ווי די מעזריטשער, האָבן אויך זיי קיין שום טעטיקייט נישט געפירט. יעדערער האָט געלעבט פאַר זיך.

אין דער לאַנגער רשימה פון יידישע קרבנות אין מעזריטשער געטאָ, וואָס זענען געפאַלן צווישן איין גירוש און אַ צווייטן, אָדער בעת די גירושים גופא, איז דער אָנטייל פון די ביאַלער אַ גאַנץ אָנגעזעענער. מיר וועלן דאָ אויפצייכענען די נעמען, וואָס זענען אונדז פאַרבליבן אין זכרון.

פאַר ריזיקירן אַרויסצוגיין אויסערן געטאָ, כדי עפּעס צו פאַרדינען אויפצוהאַלטן די נשמה, זענען דערשאָסן געוואָרן: איטקע פלאַט, מרים ליסטגאַרטן און איר טאָכטער, לאה קניזשניק, פרוי פרידמאַן (דער מאַן אַ שניידער אין דער גראַבאַנאָווער גאַס — געשטאַמט פון לאָמאַז).

אין דער בלוט־אָרגיע, וואָס ס׳האָט איינגעאָרדנט די ביאַלער געסטאַפּאָ אין מעזריטשער געטאָ אין דער סילוועסטער־נאַכט פון 1942/3 איז דער רוב קרבנות געווען ביאַלער פרויען און קינדער. אין אָט דער נאַכט זענען מיט דום־דום־קוילן דערשאָסן געוואָרן: זיסל ראָזמאַרין (פון דער היים סירקוס), סלוווע כהן, פרוי שיינבערג (פון דער היים וויערניצקי), פרוי ראָזען (פון דער היים ראָזנבוים) און די צוויי קינדער פון מאַלער חיים יוסף קניזשניק.

בעת די זוכענישן נאָך דעם אַנטלאָפענעם פון דער פּאָליציי, ישראל לייזער יאַזשימאָווסקי, געוועזענער קאָמענדאַנט פון דעם מעזריטשער יידישן אָרדענונגס־דינסט, זענען דערשאָסן געוואָרן: אברהם עזרא האַנדלמאַן און בלומע פרעטער.

בעת די אויסזידלונגען פון מעזריטשער געטאָ אין מאַי 1943, זענען אין געטאָ גופא געפאַלן ביאַלער קרבנות, בעיקר פון אַנטדעקטע באַהעלטענישן.

אין אַ באַהאַלטעניש, וווּהין דער זשאַנדאַרם פראַנץ באַוער האָט אַריינגעוואָרפן אַ גראַנאַט, זענען צווישן אַנדערע געטויט געוואָרן: מאָניע לוסטיגמן (זון פון איסר), זיין פרוי (פון דער היים יורבערג), דער פרויס שוועסטער און ברודער, און מאָניעס צוויי שוועסטערס.

פון אַ באַהעלטעניש אין הויז פון קצב לעמפּערט זענען די מענטשן אַרויסגעפירט געוואָרן אויף דער גאַס, אויסגעשטעלט ביי דער וואַנט און דערשאָסן געוואָרן. צווישן זיי די ביאַלער: משה פייגנבוים (זיליע סטאָליערס זון) מיט זיין פרוי בלומע (פון דער היים גערשקאָפּ), זייער זונעלע און דער פרויס אַ שוועסטער; טויבעלע לוסטיגמאַן (פון דער היים רובינשטיין) מיט איר זונעלע. אין אַ צווייט אָרט זענען אין געטאָ דערשאָסן געוואָרן: מאיר אָרלאַנסקי מיט זיין פרוי און דער בעקער יצחק פאָגעל.

אין די מעזריטשער וועלדער איז דורך פּאָליאַקן דערמאָרדעט געוואָרן יוסף עלבוים (יעקב שוחטס איידעם). זיין טעכטערל איז דעמאָלט געלונגען צוריקצוקומען אין מעזריטשער געטאָ מיט אַ דורכגעשאָסן הענטל.

ביאַלער יוגנטלעכע האָבן אויך געפּרוּווט אַנטלויפן פון מעזריטשער געטאָ אין די מעזריטשער וועלדער, כדי אַזוי אַרום זיך אַרויסצודרייען פון די נאַצי־נעגל, אָבער די פּרוּוון זענען נישט געלונגען.

אין אַ גרופּע וואָס איז אַוועק אין וואַלד האָבן זיך געפונען די ביאַלער: פייוול בוכהאַלטער, משה שטיינבערג מיט זיין שוועסטער עלקע, שעפּסל לייבזאָן, נאַכקע גערשקאָפּ און דוד ראָזנבערג. די גרופּע האָט באַוויזן צו פאַרשאַפן זיך עטלעכע רעוואָלווערן. ביי אַ צוזאַמענטרעף אין וואַלד מיט רוסישע מלחמה־געפאַנגענע, וואָס זענען אַנטלאָפן פון די דייטשע לאַגערן, האָבן די רוסן, מיט געווער אין די הענט, אַרומגערינגלט די יידישע גרופּע, זי אַנטוואָפנט און באַרויבט. די יידן האָבן זיך צוריקגעקערט אין געטאָ.

אין אַ צווייטער גרופּע, וואָס איז אַוועק אין וואַלד, האָבן זיך געפונען די ביאַלער מיידלעך: שרה ווייזנפעלד און באַס (פון די קצבים). בעת אַ שטאַרקער דייטשער אָבלאַווע אין די מעזריטשער וועלדער, איז דער גרופּע געלונגען זיך אַרויסצוקריגן פון וואַלד און זי איז צוריקגעקומען אין געטאָ.

יולי 1943 איז דאָס מעזריטשער געטאָ לגמרי ליקווידירט געוואָרן און צוזאַמען מיטן הייפל מעזריטשער יידן זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן פון דאָרט די לעצטע געציילטע ביאַלער יידן.

נאָכן באַפרייען מעזריטש דורך דער רוסישער אַרמיי, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דווקא אַ גרופּע ביאַלער יוגנטלעכע איז געווען די איינציקע, וואָס האָט געהאַט אַ באַהעלטעניש אין סאַמע צענטער פון דער שטאָט מעזריטש, און איר, דער גרופּע, איז געלונגען צו בלייבן ביים לעבן. דאָס זענען געווען: שוועסטער און ברודער שטיינבערג, בוכהאַלטער, די מיידלעך ווייזנפעלד און באַכראַך.

ביים סוף פון די בלוטיקע כראָניק־בלעטער, וועלן מיר ברענגען צוויי אָפּרופן פון נאַצי־לאַגער, וואָס האָבן אַ שייכות צו ביאַלע, ווי אויך צוויי רשימות פון די יידישע אומבאַוועגלעכע פאַרמעגנס אין ביאַלע.

אין דער אָפיציעלער רעגירונגס־צייטונג פון גענעראַל־

גובערניע „קראַקאָוער צייטונג״ פון 17טן אָקטאָבער 1942 ווערט דערציילט, אַז לויט אַן אָפּמאַך צווישן די ביאַלער און ראַדזינער קרייזהויפּטמאַנשאַפטן, זענען אַלע ביאַלער יידן אַריבערגעפירט געוואָרן קיין מעזריטש. אַז נאָכן באַפרייען די שטאָט פון יידן איז אַלץ ביליקער געוואָרן מיט אַ העלפט געלט. די קריסטלעכע בעלי־מלאכות, וועלכע זענען פריער אַרויסגעשטויסן געוואָרן דורך די יידישע, נעמען זיך איצט פלייסיקער צו דער אַרבעט.

ווי ס׳האָט אויסגעזען דאָס אַריבערפירן פון די יידן איז, פאַרשטייט זיך, נישט דערמאָנט געוואָרן.


פאַקטיש האָט מען אין שטאָט גאָרנישט געקאָנט באַקומען. די קריסטן אַליין פלעגן זאָגן, אַז די יידן האָבן געמוזט מיט זיך אַלץ מיטנעמען... איין קריסט מיטן צווייטן האָט מורא געהאַט צו האַנדלען, ווייל אַ גרויסער טייל פון מסחר איז דאָך געווען אומלעגאַל. אַזוי ווי די יידן זענען אַוועק איז דער האַנדל אָפּגעשטאָרבן.

אויף ווי ווייט דאָס קריסטלעכע האַנטווערקעריי האָט „אויפ־געלעבט״, האָט באַוויזן דער פאַקט, אַז ווען די ביאַלער מאַכט־האָבערס האָבן געדאַרפט האָבן אַ גוט שטיקל אַרבעט, זענען זיי געקומען אין מעזריטשער געטאָ, צו די ווייניק געבליבענע יידישע בעלי־מלאכות. די קריסטלעכע בעלי־מלאכות אין ביאַלע זענען געזעסן אָן אַרבעט, ווייל זיי האָבן אויך נישט געהאַט קיין מאַטעריאַלן צו דער אַרבעט, וואָס פלעגן זיי פריער צוגעשטעלט ווערן דורך יידן.

ווי באַוווּסט, זענען נאָך דער מלחמה געמשפּט געוואָרן דורך דעם אינטערנאַציאָנאַלן מיליטערישן טריבונאַל אין נירנבערג (דייטשלאַנד) 21 נאַצי־גדולים מיט גערינגן בראש.

אין דעם סטענאָגראַפישן באַריכט פון דעם משפּט געפינט זיך די עדות־דערקלערונג פון ד״ר פריטשע, געוועזענער שעף־רעדאַקטאָר פון דער דייטשער נייעס־אַגענטור (ד. נ. ב. — דויטשע נאַכריכטען ביוראָ) און ראש פון דער נייעס־אָפּטיילונג אין דייטשן ראַדיאָ. אין דער דאָזיקער דערקלערונג רעדט זיך צווישן אַנדערן אויך וועגן ביאַלער קרייז (באַנד 17, זייט 177) און דאָס צוליב דעם:

ד״ר פריץ, דער אַדוואָקאַט פון ד״ר פריטשע האָט בעתן אויספאָרשן זיין קליענט געשטעלט אים פראַגעס וועגן גורל פון די דעפּאָרטירטע דייטשע יידן. אויף דער פראַגע פון זיין אַדוואָקאַט, צי האָט ער, ד״ר פריטשע, זיך געהאַט אינטערע־סירט וועגן דער באַהאַנדלונג פון די דייטשע יידן, וואָס זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן אין די יידן־רעזערוואַטן פון מזרח־אייראָפּע, איז געקומען די תשובה פון ד״ר פריטשע: — געוויס. צום ביישפּיל, איך האָב זיך דערוווּסט פאַרשיידענע זאַכן פון מיינעם אַ געוועזענעם מיטאַרבעטער, וועלכן מ׳האָט געשיקט אין גענעראַל־גובערניע, און ער האָט דאָרט פאַרנומען אַן אַדמיניסטראַציע־פּאָסטן אין ביאַלע פּאָדלאַסקער ראַיאָן. ער האָט מיר דערציילט, אַז די געגנט אונטער זיין קאָנטראָל איז געוואָרן אַ יידישע געגנט. ער פלעגט מיר אָפט שילדערן דאָס דערשיינען פון די דעפּאָרטירטע יידן און זייער איינ־קוואַרטירונג. ער האָט מיר אויך געהאַט דערמאָנט וועגן


DER GRUNDSTÜCKSTREUHÄNDER
für den Kreis BIALA PODLASKA

Tgb.Nr. 874 /43.-
Pl/Sch.-

Biala Podlaska, den 22. September 1943.-

An L-1/
dem Herrn Gouverneur des Distrikts
Abteilung Wirtschaft
U. Abteilung Treuhandverwaltung Ref. III
in Lublin

Betrifft: Übersendung von 304 Beschlagnahmeverfügungen.

Im mündlichen Auftrage des Herrn Stuve übersende ich anliegend 304 Beschlagnahmeverfügungen für die von mir verwalteten und in Stadt Biala Podlaska gelegenen Grundstücke.

Insgesamt laut Monatsberichte für August 1943 sind von mir in Stadt Biala Podlaska verwaltet: . . . . 313 Grundstü[cke]

Davon eingezogen:
L-1/21, 30, 138, 165, 194, 210, 214,
218, 226, 294, 1951, 1952, 1986 -
Zusammen . . . . 13 "

Restbestand . . . . 300 "

Auf das Grundstück Wyskastr. 19
L-1/305 fällen 3 Exemplare je nach
den Miteigentümern, also 2 überzählig 2 "

Das Grundstück Bahnhofstr. 32 L-1/8
wurde am 30.10.1942 an die Erdöl-
wirtschaft in GG. Krakau übergeben . . . 1 "

Das Grundstück Dreesestr. 82
L-1/38 wurde am 7.4.1942 an die
Abt. Forsten übergeben . . . . 1 "

Zusammen wie oben . . . . . . 304 Grundstü[cke]

Der Treuhänder

מכתב על נכסי דלא ניידי של יהודי ביאלה.
בריוו וועגן ביאַלער יידישע אומבאַוועגלעכע פאַרמעגנס.
Correspondence concerning Jewish immovable property in Biala.

שוועריקייטן, וועגן דער באַשעפטיקונג פון די יידן ווי אַרבע־טערס און וועגן זייער אַרבעט ביי פלאַנטאַציעס. זיין גאַנצע שילדערונג האָט עדות געזאָגט אויף זיין הומאַנישן שטאַנד־פּונקט. ער האָט מיר דערציילט, אַז ביי אים ווערן די יידן בעסער באַהאַנדלט ווי אין דריטן רייך.

אויף דער פראַגע פון אַדוואָקאַט, ווי איז געווען דער נאָ־מען פון דעם מענטש, איז געקומען פון ד״ר פריטשע די תשובה: אָבעררעגירונגסראַט הובערט קיהל.

אין שייכות מיט אָט דער דערקלערונג, איז כדאי צו באַ־מערקן, אַז אין ביאַלער קרייז האָבן זיך בכלל נישט געפונען קיין דעפּאָרטירטע דייטשע יידן.

דער דערמאָנטער הובערט קיהל, איז דאָס געווען דער ביאַלער קרייזהויפּטמאַן, וואָס איז דערשאָסן געוואָרן אויפן מעזריטשער שאָסיי (וואָרשיינלעך דורך דער גרופּע יידן, וואָס איז אַוועק פון לאַגער ביים 34סטן פּולק, אונטער דער אָנפי־רונג פון זיליע גוטנבערג).

שוין אין דער מעלדונג פון ביאַלער קרייזהויפּטמאַן, פון 15טן יאַנואַר 1941, איז געמאָלדן געוואָרן וועגן דער אַנטאייג־נונג פון די יידישע אומבאַוועגלעכע פאַרמעגנס.

[illegible]

der in Biala-Podlacka beschlagnahmten aber noch nicht eingezogenen ehemals jüdischen Grundstücke.

L 1/ 1	Gutman Pinkus, Hanina Abram	Artilleriestr.	5	17.1.41	Nr.223
L 1/ 2	Brodacz Ryzka	"	6	17.1.41	Nr.224
L 1/ 3	Myrac E. Joel u. Estera, Himelblau Berka	"	7	17.1.41	Nr.229
L 1/ 4	Zegelbaum Ajzyk	"	16	22.1.41	Nr.226
L 1/ 5	Lewin Boruszko	Bahnhofstr.	7	22.1.41	Nr.251
L 1/ 6	Lewin Jakiel, Kaufman Liba u.a.	"	9	22.1.41	Nr.252
L 1/ 7	Lehman Don	"	22	17.1.41	Nr.242
L 1/ 8	Handel- u. Industrie-gesellschaft m.b.H. "Petroleum"	"	32	17.1.41	Nr.243
L 1/ 9	Fridman Sochia u. Gitla	Budkitwiesz	6	17.1.41	Nr.233
L 1/10	Biderman Moszko-Icko	"	8	17.1.41	Nr.234
L 1/11	Czarna Jenta u. Rotel	"	13	17.1.41	Nr.235
L 1/12	Adlesztejn Dwojra	Browarna	7	17.1.41	Nr.228
L 1/13	Lichtenbaum Glika	"	9	31.1.41	Nr.326
L 1/14	Hofman Icko-Moszko	Ciasnastr.	3	17.1.41	Nr.236
L 1/15	Goldsztejn Moszko	"	5	17.1.41	Nr.237
L 1/16	Tetelbaum Eila, Segat Sura, Dorosz Ignacy	Cichastr.	3	31.1.41	Nr.284
L 1/17	Jarnicki Zysman u. Hejnoch	"	12	17.1.41	Nr.238
L 1/18	Dwer Frejda	"	14	17.1.41	Nr.239
L 1/19	Rosenkier Nuchim	"	17	17.1.41	Nr.240
L 1/20	Grodner Saloma	Dokudowskastr.		17.1.41	Nr.214
L 1/21	Kamien Kiwa, Tauba, Altbir Majta	Groszarastr.	6		
L 1/22	Frombekier Enicha	"	13	17.1.41	Nr. 91
L 1/23	Frydberg Pinkus-Boruch	"	16	22.1.41	Nr.258
L 1/24	Rychter Etla, Dogodny Jankiel	"	18	17.1.41	" 92
L 1/25	Igielnik Noech u. Estera	"	19	17.1.41	" 93
L 1/26	Goldfeder Sura u.a.	"	20	17.1.41	" 94
L 1/27	Lewin Boruch	"	20a	17.1.41	" 95
L 1/28	Kaufmann Miśka u.a.	"	23	17.1.41	" 96
L 1/29	Jüdische Kultusgemeinde	"	24	17.1.41	" 97
L 1/30	Chalat Dawid	"	36	22.1.41	" 316
L 1/31	Czarny Majer u.a.	"	39	31.1.41	" 327
L 1/32	Zylbersztejn Mosszko	"	40	17.1.41	" 98
L 1/33	Nusbaum Pejsach-Nuta	"	42	17.1.41	" 99
L 1/34	Cepelinska Jenta ua.	"	44	17.1.41	" 100
L 1/35	Lewin Boruch	"	48	17.1.41	" 101
L 1/36	Liberman Braind u. Berko	"	52	17.1.41	" 102
L 1/37	Edeltuch Szaima u.a.	"	70	17.1.41	" 103
L 1/38	Nortman Pinkus u.a.	"	82	17.1.41	" 105
L 1/39	Goldszmidt Abram u.a.	Stadtplatz	4	17.1.41	" 32
L 1/40	Piaye Bejla-Gyna u.a.	"	5	17.1.41	" 33
L 1/41	Piaye Izaak u.a.	"	6	17.1.41	" 34
L 1/42	Szydlowski Aleksander, Liberman Chaim u.a.	"	8	17.1.41	" 35
L 1/43	Kalichsztein Nechuma u.a.	"	9	17.1.41	" 36
L 1/44	Edelsberg Mordko	"	10	17.1.41	" 37
L 1/45	Gielblum Abram u.a.	"	11	17.1.41	" 38
L 1/46	Edelsztein Judka u.a.	"	12	17.1.41	" 39

L 1/ 51	Kahan Dawid-Lejb	Biala-Podlaska,		Freiheitsplatz	8
L 1/ 52	Rubinsztein Chaim	"	"	"	9
L 1/ 53	Gliksberg Fejga, Rozenberg Estera u.a.	"	"	"	20
L 1/ 54	Suknow Ela u. Chana, Malina Wolf u. Ruchla	"	"	"	21
L 1/ 56	Krautenbaum Chaim u.a.	"	"	"	23
L 1/ 58	Winograd Josef u.a.	"	"	"	29
L 1/ 59	Frajner Berka u.a.	"	"	Franzuska	17
L 1/ 60	Galmchter Gypa	"	"	"	19
L 1/ 61	Fuksman Szymon, Piserman Motel	"	"	"	21
L 1/ 62	Apelbaum Szymon, Rosenkier Rywka	"	"	"	25
L 1/ 63	Cszpnik Brucha, Beniamin, Sura	"	"	Garncarska	6
L 1/ 64	Lejbowa Chawcia	"	"	"	8
L 1/ 65	Goldberg Matys, Nortman Ruchla, Goldsztein Naher	"	"	"	11
L 1/ 66	Rubinsztein Chaja-Sura Czapnik Beniamin	"	"	"	12
L 1/ 67	Frejman Mordke, Imas-Leja, Chawa-Idesa	"	"	"	13
L 1/ 68	Blumberg Jankiel	"	"	"	17
L 1/ 69	Zagelman Benojsa	"	"	"	19
L 1/ 70	Melman Lejbke, Manzaj Michalina u.a.	"	"	Gliski	5
L 1/ 71	Soperman Herszke	"	"	Gorna	39
L 1/ 72	Ganka Moszko-Chaim, Sajes Estera u.a.	"	"	Grabanowska	1
L 1/ 73	Gaska Moszko-Chaim, Golski Josel-Icko u.a.	"	"	"	1
L 1/ 74	Baszko Berka, Bas Majer u. Frejda, Rusawies Aria-Lejb u. Szmul	"	"	"	3
L 1/ 75	Rosman Abram u.a.	"	"	"	4
L 1/ 76	Wajsman Aron u. Estera	"	"	"	5
L 1/ 77	Korenblum Szejndla u.a.	"	"	"	6
L 1/ 78	Estera Rywka u.a.	"	"	"	7
L 1/ 79	Grynmacher Mariem u.a.	"	"	"	8
L 1/ 80	Gempel Dwojra	"	"	"	9
L 1/ 81	Wajcman Frejda-Ruchla u.a.	Biala-Podlaska,		Grabanowska	10
L 1/ 82	Korman Sura-Cyrla u.a.	"	"	"	11
L 1/ 83	Klemper Szyja	"	"	"	12
L 1/ 84	Dutkiewicz Fejga, Lidman Rysia u. Szyfra	"	"	"	13
L 1/ 85	Sznajderman Berka u. Ela	"	"	"	14
L 1/ 86	Zynkier Lejbko u.a.	"	"	"	16
L 1/ 87	Klas Szmul-Moszko	"	"	"	19
L 1/ 88	Wajngresz Jakob u.a.	"	"	"	20
L 1/ 89	Hochman Szmerka	"	"	"	21
L 1/ 90	Jurberg Icko-Majer u.a.	"	"	"	22
L 1/ 91	Sniczek Basia u.a.	"	"	"	23
L 1/ 92	Rozenbaum Tauba u.a.	"	"	"	24
L 1/ 93	Fajgenbaum Szyl u.a.	"	"	"	25
L 1/ 94	Jarniaki Hjnoch u.a.	"	"	"	26
L 1/ 95	Garak Szymel u.a.	"	"	"	27
L 1/ 96	Morgensztern Gerszon u.a.	"	"	"	28
L 1/ 97	Adlersztein Ela u.a.	"	"	"	28a
L 1/ 98	Rotenberg Chana u.a.	"	"	"	28b
L 1/ 99	Lerer Srul u.a.	"	"	"	29
L 1/ 100	Czarny Szyja u.a.	"	"	"	30
L 1/101	Goldhamer Abram u.a.	"	"	"	31
L 1/102	Liber Szyla u.a.	"	"	"	31a
L 1/ 103	Biderman Chana u.a.	"	"	Janowska	3
L 1/106	Gorensztein Frejda u.a.	"	"	"	5
L 1/107	Rychter Mariem, Winograd Chaja	"	"	"	6
L 1/108	Goldsztein Isko u.a.	"	"	"	7
L 1/109	Szanur Abram u.a.	"	"	"	8
L 1/110	Goldberg Odal u.a.	"	"	"	9
L 1/111	Altman Berka	"	"	"	10
L 1/112	Szapiro Chaim u.a.	"	"	"	11
L 1/113	Milsztein Wigdor u.a.	"	"	"	12
L 1/114	Masyn Awadia u.a.	"	"	"	13
L 1/115	Brodacz Abram u.a.	"	"	"	14
L 1/116	Strumwasser Josel u. Finkelstein Ansel	"	"	"	14a
L 1/117	Rosen Mojsze-Chaim u.a.	"	"	"	15

רשימה גרמנית של חלק מנכסי דלא ניידי של היהודים בביאלה (תוספת למכתב).

דייטשע רשימה פון אַ טייל ביאַלער יידישע אומבאַוועגלעכע פאַרמעגנס (ביילאַגע צום בריף)

German list of a part of Jewish immovable property in Biala (annex to letter)

פון די דאָקומענטן, וואָס מיר האָבן באַקומען פון דעם יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע, איז צו זען, אַז נאָך אין סעפּטעמבער 1943, ווען דער דייטשער פראָנט אין רוסלאַנד איז שוין געווען איינגעבראָכן, דער אַפריקאַנער קאָרפּוס פון מאַרשאַל ראָמעל צעשמעטערט, און די אַליאירטע אַרמייען זענען שוין געשטאַנען אויף דער איטאַליענישער טעריטאָריע — זענען נאָך די דייטשן אַלץ געזעסן און געמאַכט רשימות פון יידישע הייזער, וועמענס בעלי־בתים זיי האָבן אומגעבראַכט.

די דאָזיקע דאָקומענטן אינטערעסירן אונדז קודם־כל, כדי צו באַקומען אַ באַגריף פון די יידישע אומבאַוועגלעכע פאַרמעגנס, וואָס זענען געבליבן אין ביאַלע.

פון בריוו פון 22סטן סעפּטעמבער 1943, פון וועלכן מיר גיבן דאָ אַ בילד, איז צו זען, אַז ס'רעדט זיך וועגן 317 יידישע אומבאַוועגלעכע פאַרמעגנס אין ביאַלע, אין חודש אויגוסט 1943. ס'איז שווער צו זאָגן, צי די צאָל נעמט אַרום אַלע יידישע הייזער אין ביאַלע. פון דער רשימה, וואָס מיר פאַרעפנטלעכן דאָ, אַזוי ווי זי איז צונויפגעשטעלט געוואָרן פון די דייטשן, זעען מיר, אַז זי אַנטהאַלט נאָר 194 איינסן, און ס'פעלן אין איר אַ גאַנצע ריי גאַסן. אַ טייל נעמען איז פאַרדרייט אין פאַרגרייזט. אויף דער גראַבאַנאָווער גאַס פעלן די הייזער פון אַהרעלע סלאַוואַטיטשער און פון די ראַדזינעקס. אויף פּלאַץ־וואָלנאָשטשי פעלן די הייזער, ווו ס'האָבן זיך געפונען די געוועלבער פון: חנה רחל רייך, שרה געלע גאָלדפעדער, ווינאַגראַד, סאַפּיר, יאַנטל ליפּיעץ, מענדל טאָקאַרסקי און שרה לאה טאַרנהיים. חוץ דעם פעלן אויף פּלאַץ־וואָלנאָשטשי די הייזער פון אברהם אָרלאַנסקי, שמואל פישמאַן און טילע בערלין.

כאַראַקטעריסטיש, אַז וועגן שמואל פישמאַנס הויז זענען אין דער נאַצי־צייט אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז די דייטשן

L 1/118	Mistigman Usser u.a.	Biala-Podlaska,		Janowska	16
L 1/119	Kiernicki Szyja-Dawid u.a.	"	"	"	17
L 1/120	Szajnberg Nutera u.a.	"	"	"	21
L 1/121	Susmczyk Fejga	"	"	"	25
L 1/122	Wajsman Gotlib	"	"	"	26
L 1/123	Jüdische Religionsgemeinde	"	"	"	29
L 1/124	Kosakowski Kazimierz u.a.	"	"	"	30
L 1/125	Wajsman Da.id	"	"	"	32
L1 /126	Sefirstein Chuma u.a.	"	"	"	34
L 1/127	Knisnik Ieja	"	"	Jatkowa	2
L 1/128	Frydman Dawid u.a.	"	"	"	3
L 1/129	Zuberman Lejzor	"	"	"	4
L 1/130	Kliger Blumen u.a.	"	"	"	5
L 1/131	Sulschter Dwojre u.a.	"	"	"	6
L 1/132	Kliger Blumen u.a.	"	"	"	7
L 1/133	Suknow Ala-Mordko	"	"	"	9
L 1/134	Jakubowski Samuel	"	"	"	10
L 1/135	Rubinsztein Srul u.a.	"	"	"	11
L 1/136	Nortman Bindla	"	"	"	11a
L 1/138	Epelbaum Herszko u.a.	"	"	"	14
L 1/139	Koralik Nutera u.a.	"	"	"	16
L 1/140	Zonhaine Idea	"	"	"	18
L 1/141	[illegible] Icko		"	[illegible]	43
L 1/142	Folcman Lajbus u.Rajchla		"	"	63
L 1/143	Zylberberg Gitla		"	Krotka	3
L 1/144	Jüdische Kultusgemeinde		"	Lazienna	1
L 1/145	[illegible] u.a.		"	"	2
L 1/146	Jüdische Kultusgemeinde		"	"	3
L 1/147	Goldenberg [illegible]		"	"	4
L 1/148	[illegible] u.a.	"	"	"	6
L 1/149	Synger Mojsy	"	"	Marktplatz	1
L 1/150	Synger Lejbko	"	"	"	3
L 1/151	[illegible] Aleksander u.a.		"	"	5/6
L 1/152	[illegible] Fiszel u.[illegible] Jadwiga	"	"	"	11
L 1/153	Ofenstein Calka u.a.	"	"	[illegible]	5
L 1/154	[illegible] Sura	"	"	"	11b
L 1/156	[illegible] Malka u.a.	"	"	"	16
L 1/157	Rubinsztein Chaim	"	"	"	20
L 1/158	[illegible] Nutera u.a.	"	"	"	22
L 1/159	Schuchmacher Mordko-Josel u.a.	Biala-Podlaska,		Narutowicza	24
L 1/160	Wajnsztein Szymon u. Grynberg Liwcia	"	"	"	26
L 1/161	Wilf Gitla u.a.	"	"	"	28
L 1/162	Aas Aron u.a.	"	"	"	32
L 1/163	Chwat Owziej	"	"	"	33
L 1/164	Gutman Froim	"	"	"	36
L 1/165	Rogalska Dwojra u.a.	"	"	"	40
L 1/166	Gutman Nuzko u.a.	"	"	"	41
L 1/167	Czarna Rajchla u.Koffer Riwa-Rachela	"	"	"	42
L 1/168	Walecki Chuna-Lejzor u.a.	"	"	"	47
L 1/169	Kligier Cypa u.a.	"	"	"	50
L 1/170	Bielman Jankiel u.Menachem	"	"	"	52
L 1/171	Chroscicki Moszko	"	"	Nowa	20
L 1/172	Jawer Lejbko u.a.	"	"	"	24
L 1/173	Kosciuszczuk Paulina, Chroszczycki Samuel-Berko u.a.	"	"	"	26
L 1/174	Wajnbaum Cypa u.Dwojra	"	"	Podlesna	16
L 1/175	Obriant Berko u.Perla, Zusman Ita-Laja	"	"	Prosta	[illegible]
L 1/176	Strycher Aron u.Rachla	"	"	"	5
L 1/177	Auerbach Salomon u.a. Sussner Samuel-Zelik u.a.	"	"	"	[illegible]
L 1/178	Mielnicki Szmerko u.a.	"	"	"	[illegible]
L 1/179	Jurberg Jankiel u.Biernik Blima	"	"	"	14
L 1/180	Lichtenstein Szymon u.a.	"	"	"	[illegible]
L 1/181	Kahan Alte	"	"	"	[illegible]
L 1/182	Szmejman Herszko u.a.	"	"	"	[illegible]
L 1/183	[illegible] Moszko u.Lebensglik Jankiel	"	"	"	[illegible]
L 1/184	Dziecioł Samuel u.a.	"	"	"	[illegible]
L 1/185	Fruchtenberg Wigdor-Lejb, Lastigman Dawid-[illegible] u. Chwa-Laja	"	"	"	[illegible]
L 1/186	Wydra Srul-Josel u.a.	"	"	"	[illegible]
L 1/187	Rosztaruk Lejzor u.a.	"	"	"	[illegible]
L 1/188	Kahan Icko	"	"	"	[illegible]
L 1/189	Rosenberg Chaim-Mordko u.a.				
L 1/190	Lastigman Lejzor-Pejsach, Szuster Rajzla u.a.	"	"	"	[illegible]
L 1/191	Korman Sura-Cyrla u.a.	"	"	"	[illegible]
L 1/192	[illegible] Nosek u.Chana-Perla u.a.				

L 1/193	Kuwa Moszko, Saulman Ita-Laja, Aronowicz Jenta	Biala-Podlaska,		Prosta	31
L 1/194	Jussler Nachman u. Naparstek Szloma	"	"	"	32
L 1/195	Milbauer Icko, Trojtman Chaim-Chajkiel, Tokarska Gitla u.a.	"	"	"	33
L 1/196	Lembergier Dawid u.a.	"	"	"	34
L 1/197	Terebies Etla, Kuzmiecka Dalcze, Epelbaum Samuel u. Zacharia	"	"	"	35
L 1/198	Rubinsztein Jankiel-Icek, Kulawy Szaja-Lejb, Kruzynik Jontel u.a.	"	"	"	36
L 1/199	Rubinsztein Icko, Kohn Motel, Rozenbaum Aron, Goldstein Jankiel, Offenheim Blima	"	"	"	38
L 1/200	Szapiro Srul-Icko	"	"	"	39

L 1/137	Glikzberg Herszko u.a.	Biala-Podl. Jatkowastr.12	17.1.41 Nr.133
L 1/155	Cukierman Izyl u.a.	Biala-Podl. Narutowiczastr.15	17.1.41 Nr.17[illegible]
L 1/241	Jüdische Kultusgemeinde	Biala-Podl. Rzeźni.nastr.2	17.1.41 " 244
L 1/242	Weinstein Szewa u.a.	" 9	31.1.41 " 291

רשימה גרמנית של חלק מנכסי דלא ניידי של היהודים בביאלה (תוספת למכתב).

דייטשע רשימה פון אַ טייל ביאַלער יידישע אומבאַוועגלעכע פאַרמעגנס (ביילאַגע צום בריף).

German list of a part of Jewish immovable property in Biala (annex to letter)

האָבן עס פאַרקויפט דער דייטשער פירמע גאַלינקער פון ברעמען.

צוליבן אַנטדעקן די דייטשע רשימה פון יידישע אומבאַוועגלעכע פאַרמעגנס און כדי זי צו דערגענצן גיבן מיר דאָ אַ רשימה פון די יידישע אומבאַוועגלעכע פאַרמעגנס, וואָס מיר האָבן אויפגעשטעלט פון זכרון, און וואָס געפינען זיך נישט אין דער דייטשער רשימה. די לעצטע רשימה אַנטהאַלט 98 איינסן, און אויך זי איז נישט קיין שלימותדיקע.

1. יורשים ראָזנצוויג	בריסקער גאָס	1
2. אַביק ראָזנבלום	" "	2
3. קראָמען פון דער קהילה	" "	3
4. יצחק בערמאַן — אליעזר פלוער	" "	4
5. מרדכי יוסף גאָלדשטיין	" "	5
6. קהילה־הויז	" "	6
7. משה זייגערמאַכער און גערשקאָפּ	" "	7
8. בנימין לייב מאַנדלבוים	" "	8
9. יורשים גערשקאָפּ	" "	9
10. יורשים ראָזנבוים	" "	10
11. נחום ליבמאַן	" "	11
12. בערל סאַנדלאַרזש און יצחק פאָגעל	" "	12
13. לייבע באָרנשטיין	" "	13
14. זאַוול ניישטיין	" "	14
15. דער וויינעס	" "	15
16. שמעון ליכטנשטיין	" "	16
17. יורשים פיזשיץ	" "	17
18. לעווין (קאָטשעמאַיניק)	" "	19
19. בנימין נאַטאַנזאָן און יוסף פעלדמאַן	" "	
20. פיזשיצעס קאַזאַרמעס	" "	
21. ראַדזינער שטיבל	וואָנסקע גאָס	
22. שמואל קליגסבערג	" "	
23. פּלאַץ פון אליהו פיוואָ	" "	
24. די ברידער איידלשטיין (קאָוואַלעס)	" "	
25. מתנגדים־שטיבל	" "	
26. פאָנטשיק	" "	
27. גראָדנער — גראָבמאַן	" "	
28. וויינבערג (יורשים פון אברהם מענדל)	" "	
29. אייזנבערג שמערל	" "	
30. פלאַץ פון שבתי	" "	
31. יוסף יואלקע (בעל עגלה)	וויענזשעננע גאָס	
32. פייגע פרימעס	וואַרשעווער גאָס	
33. אייזנבערג	וויטאָראַזשקע גאָס	
34. יהושע קאָפּ (צונאָמען)	" "	
35. אברהם טייטלבוים	" "	
36. יצחק דראָזשקאַרזש	" "	
37. משה הייבלום	" "	
38. יורשים פון חיים בעקער—מוראַוויעץ	פּראָסטע גאָס	
39. משה קוראָפּאַטווע	" "	
40. ישעיהו רייזוואַסער	" "	
41. תלמוד־תורה	" "	

42. משה גלעזער — פייגנבוים	פּראָסטע גאָס
43. שמואל פייגנבוים	" "
44. שמערל פעפּ (צונאָמען)	" "
45. משה שניימאַן	" "
46. געצל (דאָרף־גייער)	" "
47. הויז ווו ס׳האָט געוווינט אַביגדור ריכטער	" "
48. " " " " שמואל ראובן ווייסבראָט	" "
49. שמחה ראָזנפעלד	" "
50. ליבע זוסמאַן	פּאָטשטאָווע גאָס
51. ירוחם איידלטוך	" "
52. אהרן קאַשטנבוים	" "
53. גערער שטיבל	" "
54. ראָזנשיין	" "
55. אברהם גאָלדשמידט און דוד קליגבערג	" "
56. אביגדור פרידמאַן	" "
57. שרה גליקסבערג	פּילסודסקי־גאָס
58. יוסף בראַדאָטש	" "
59. מענדל גאָלדפאַרב	" "
60. משה רודלס (צונאָמען)	" "
61. חיים מרדכי גאָלדשמידט און פינקלשטיין	" "
62. יורשים ראָזנבערג	" "
63. יעקב ליבמאַן	" "
64. לעווי	" "
65. גערשקאָפּ און פיניעלע בעקער	" "
66. דוד לייב גרינשטיין	" "
67. אברהם אורמאַכער (אָפּיצינע)	" "
68. רובינשטיין (ביי דער פּאָמפּע לעבן ד״ר זיטאָס הויז)	" "
69. יצחק ראָזנשיין	" "
70. פיזשיצעס קאַזאַרמעס	" "
71. יחיאל (אַ קאָניוך — לעבן משה גלעזער)	פּשעכאָדניע גאָס
72. שמואל פישמאַן (געוועלבער)	רעפאָרמאַצקע גאָס
73. משה לעבנבערג	" "
74. אברהם לובעלטשיק	" "
75. ישראל מאַקאָווסקי	" "
76. יצחק פייגנבוים	סאַדאָווע גאָס
77. זלמן ז״ק	" "
78. איידלמאַן (משה אייזיקס זון)	" "
79. חנן אליעזר נאַאוטשני	" "
80. יוסף מאַן (טערעבילער)	" "
81. קלמן שיינבערג (ווו ס׳איז געווען דער „בית־עם״)	
82. אידל זילבערשטיין (פּראשעקיער)	" "
83. דאָרט ווו ס׳איז געווען די אַליעאַרניע	" "
84. הערשל שחור	" "
85. פאָנטשיק	" "
86. הערשל נאָוואָמיאַסט	" "
87. מענדעלע פרידמאַן (סיטניקער)	סיטניצקע גאָס
88. יעקב רייז	" "

89. אידעלע צוקערמאַן (לאָמאַזער) סיטניצקע גאַס
90. חיה האָפּער „ „
91. יורשים פינקלשטיין „ „
92. שול שקאָלנע גאַס
93. בית־המדרש „ „
94. זאַכּאַסנער בית־המדרש „ „
95. שמחה פלאַט און יורשים זובערמאַן „ „
96. חיים מוסאָוויטש („קאַברינער") „ „
97. דאָס הויז ווו ס'האָט זיך געפינען דער מאַנגל „ „
98. הכנסת־אורחים „ „

נאָכן באַפרייען ביאַלע דורך דער רוסישער אַרמיי, דעם 26סטן יולי 1944, האָבן זיך קיין ביאַלע אומגעקערט ביי 26 יידן פון באַהאַלטענישן און וועלדער. צווישן די 26 יידן זענען געווען אויך נישט־ביאַלער, וואָס האָבן בעת דער דייטשער אָקופּאַציע זיך געפונען אין ביאַלע.

די קריסטלעכע באַפעלקערונג האָט מיט נישט קיין באַזונדערער סימפּאַטיע געזען דעם צוריקקער פון אָט דעם הייפעלע יידן. אין די ערשטע טעג האָט מען די יידן נישט געוואַלט גאַרנישט פאַרקויפן און די יידן זענען געווען געצוווּנגען צו בעטן ברויט ביי די זעלנער פון דער רוסישער אַרמיי.

מיט דער רעפּאַטריאַציע פון די פּוילישע בירגער פון רוסלאַנד, זענען קיין ביאַלע צוריקגעקומען אַ פּאָר צענדליק אַמאָליקע יידישע תושבים. זיי האָבן עקסהומירט די ביינער פון די דערשאָסענע יידן אויפן פּלאַץ פון שבתי פינקלשטיין און פון אַנדערע ערטער אין שטאָט און זיי קובר געווען אין אַ ברידער־קבר אויפן אַמאָליקן יידישן בית־הקברות. מיט דער הילף פון די ביאַלער אין צפון־אַמעריקע איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ דענקמאָל אויף אָט דעם ברידער־קבר. דער דענקמאָל איז אָבער געשטאַנען אַ גאָר קורצע צייט און ער איז מיט דינאַמיט אויפגעריסן געוואָרן. אויך דער טראַגישער צייכן פון יידישן אומקום איז אָפּגעווישט געוואָרן.

דאָס הייפעלע ביאַלער יידן האָט דערפילט אַז ס'איז מער נישט פאַראַן קיין אָרט פאַר אים אין זיין געבוירן־שטאָט און ער האָט פאַרלאָזט ביאַלע.

אין די אָפּהאַנדלונגען „יידיש ביאַלע אין די לעצטע דורות" און „חורבן און פאַרלענד", האָבן מיר פאַרבייגעפירט דאָס יידישע לעבן אין ביאַלע פון סוף 19טן יאָרהונדערט ביז זיין טראַגישן סוף.

מיר האָבן געזען אַ לעבן איינגעשלאָסן אין אַ פרייוויליקע געטאָ, און דעם קאַמף פאַרן אַרויסרייסן זיך פון אָט דעם געטאָ. מיר האָבן נאָכגעפאָלגט דאָס שפּרודלדיקע געזעלשאַפטלעכע לעבן, וואָס איז אויפגעגאַנגען דווקא אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. מיר האָבן נאָכגעפאָלגט די האָפענונגען אויף אַ שענערן מאָרגן, וואָס זענען אויסגעטרוימט געוואָרן ביים סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, וואָס זענען אָבער גיך צערונען געוואָרן און זייער אָרט האָט פאַרנומען דער גראַנגל פאַרן טאָג־טעגלעכן קיום. אַ גראַנגל וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביז — ביז ס'זענען אָנגעקומען די לייט פון „דיכטער־און דענקער־לאַנד". און ווידער האָבן מיר געזען די ביאַלער יידן אין אַ געטאָ, אָבער דאָסמאָל שוין נישט אין קיין פרייוויליקן, נאָר אין אַ געצוווּנגענעם מיט ברוטאַלן כוח, און פון דאָרט, פון געטאָ, האָט דער וועג געפירט צום גרויליקן אומקום.

מיר האָבן זיך געריסן צו דער ליכט פון דער מערב־קולטור און צו איר ציוויליזאַציע, איז אַ טייל פון אָט דעם מערב געקומען צו אונדז און האָט אונדז פאַרטיליקט.

מקורות:

1. מ. י. פייגנבוים: „פּאָדליאַשע אין נאַצי־קלעם", בוענאָס־איירעס 1953.
2. מ. י. פייגנבוים: „פּאָדליאַשע אין אומקום", מינכען 1948.
3. "Krakauer Zeitung" /17 October 1942 /
4. "Dokumenty i Materiały" Tom I Obozy. Opracował Mgr. N. Blumental. Wydawnictwa Centralnej Żydowskiej Komisji Historycznej przy C. K. Żydów Polskich. Lódź 1946.
5. "Trial of The Major War Criminals before The International Military Tribunal Nuremberg".

לעבנגעבליבענע דערציילן

בעריש אסנהאלץ תל־אביב /

דער אנהייב פון סוף

פרייטיק פרי, דעם 1טן סעפּטעמבער 1939, האָבן עטלעכע אויפרייסן אָפּגעהילכט אין דער לופט, אויפגעטרייסלט די שטאָט און אַרויסגעריסן די איינוווינערס פון זייער שלאָף. מענטשן זענען אַרויס פאַרציטערטע אויף די גאַסן און מיט שרעק זיך גענומען נאָכפרעגן, וואָס דאָ איז געשען. מ׳האָט זיך באַרואיקט מיט דער איינרעדעניש, אַז דאָס איז געווען אַ פּרוור־אויפרייס. ס׳האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט, און מ׳האָט זיך דערוווּסט, אַז דייטשע אַעראָפּלאַנען האָבן באָמבאַרדירט די אַעראָפּלאַנען־פאַבריק אויף דער וואָליע. ס׳איז קלאָר געוואָרן, אַז דייטשלאַנד האָט אָנגעהויבן איר מלחמה קעגן פּוילן.

טאָג נאָך טאָג איז ביאַלע באָמבאַרדירט געוואָרן, בעיקר די וואָליע, הגם די אַעראָפּלאַנען־פאַבריק איז באַלד אין די ערשטע מלחמה־טעג געוואָרן אומטעטיק. די שטאָט איז געווען שוצלאָז און מ׳האָט נישט געזען קיין שום אָפּוועראַקציע קעגן די דייטשע אעראָפּלאַנען. פון די באָמבאַרדירונגען זענען געווען אַ צאָל הרוגים און ס׳זענען אויסגעבראָכן שריפות. פון איינער אַזאַ שריפה איז אָפּגעברענט געוואָרן הארטגלאַסעס הויז. די דורכגייער זענען באַשאָסן געוואָרן מיט מאַשין־געווער פון די אַעראָפּלאַנען, אויף די גאַסן זענען געלעגן טויטע און פאַרוווּנדעטע, און צווישן זיי אויך יידן. מאַסן מענטשן זענען געלאָפן אויף מזרח, די שאָסייען זענען פול געווען מיט וואַנדערערס, וואָס זענען באַשאָסן געוואָרן פון די דייטשע פליערס.

אונטערן געוויש פון די דייטשע באָמבאַרדירערס האָבן יידן פאַרבראַכט זייער ראָש־השנה. מיט מער געוויין ווי שטענדיק האָבן זיך דאָס מאָל געריסן די תפילות פון די צעווייטאָגטע הערצער. דער „מי יחיה ומי ימות״ האָט איצט באַקומען זיין רעאַלן פירוש.

נאָך אַ צוויי וואָכן מלחמה האָבן די באָמבאַרדירונגען אויפגעהערט. די דייטשע אַרמיי איז שטיין געבליבן ביי שעדלעץ, און די רויטע אַרמיי — ביי בריסק. ביאַלע איז געבליבן „קיינעמס לאַנד״. די שאָסייען און די גאַסן זענען נאָך אַלץ פול געווען מיט פליטים, אָבער אַנשטאָט אויף מזרח איז מען איצט צוריק אַנטלאָפן אויף מערב. די וואַנדערערס, מיד, צעבראָכן, מיט געשוואָלענע פיס און פאַרשוואַרצטע פּנימער, האָבן געבעטן אַ שטיקל ברויט, אַ גלאָז וואַסער. ביי די בעקעריען זענען געשטאַנען לאַנגע רייען, כדי צו באַקומען אַ פּערטל ברויט.

אין שטאָט איז געשאַפן געוואָרן אַ בירגער־מיליץ פון קריסטן און יידן, וואָס האָט געדאַרפט היטן די אָרדענונג.

פיר דייטשע טאַנקן זענען אָנגעקומען פון וואַרשעווער שאָסיי. ביי דער אָנגעטראָפענער מיליץ האָבן די טאַנקיסטן צוגענומען דאָס געווער, און אַוועק אין דער ריכטונג פון בריסקער שאָסיי.

אַ פּוילישער אָפיציר, צוזאַמען מיטן שטאָט־באַאַמטן סקאָלימאָווסקי האָבן באַשלאָסן צו נעמען אין געפאַנגענשאַפט די דייטשע טאַנקן. זיי האָבן גיך צונויפגעזאַמלט פון די גאַסן אַ 200 זעלנער פון דער צעפאַלענער פּוילישער אַרמיי און פונאַנדערגעטיילט זיי אין פאַרשיידענע ריכטונגען כדי צו לויערן אויף די טאַנקן. פאַרנאַכט, ווען די טאַנקן זענען צוריקגעפאָרן, האָבן די פּוילישע זעלנער געפּרוּווט זיי פאַרהאַלטן. די דייטשן האָבן געעפנט אַ פייער און איבערגעלאָזט אין די גאַסן אַ צאָל געהרגעטע.

דינסטיק, דעם 26סטן סעפּטעמבער, האָט דער בירגערמייסטער אַ. וואָלאַווסקי גערופן אַ באַראַטונג פון אַ צאָל שטאָטישע תושבים. אינמיטן דער זיצונג איז אַריינגעקומען דער יידישער שטאָט־באַאַמטער, מיענדזיזשעצקי און אָנגעזאָגט די נייעס, אַז די ערשטע רוסישע טאַנקן זענען אַריין אין שטאָט. דער בירגערמייסטער האָט זיך אויפגעשטעלט און מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל זיך אָנגערופן צו די אָנוועזנדיקע יידן: „איר, יידן, דאַרפט אַרויסגיין באַגריסן די רויטע אַרמיי״. ער האָט גיך אָנגעטאָן דעם מאַנטל און איז אַוועק.

פון די רוסישע טאַנקן האָבן אָפיצירן געהאַלטן רעדעס צו דער באַפעלקערונג. די יידישע באַפעלקערונג האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט, ווייל די שרעק, אַז די שטאָט זאָל אַרונטערפאַלן אונטער דער דייטשער הערשאַפט, איז פאַרשוווּנדן. די געשעפטן זענען טיילווייז געעפנט געוואָרן און די רויט־אַרמייער האָבן אַ סך געקויפט, בעיקר מאַנופאַקטור און זייגערס. יידישע זעלנער פון דער רויטער אַרמיי האָבן גיך געשלאָסן פריינדשאַפט מיט די שטאָטישע יידן, וועלכע האָבן איצט געפייערט מיט אַ לייכטערן געמיט דעם יום־טוב סוכות.

דאָס האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט. הושענה־רבא האָבן די דייטשע ראַדיאָ־סטאַנציעס געמאָלדן, אַז די נייע גרענעץ צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד וועט זיך ציען ביים טייך בוג. דאָס האָט באַדייט, אַז ביאַלע וועט אַרונטערפאַלן אונטער דער

דייטשער ממשלה. די ידיעה האָט זיך בליץ־שנעל פֿאַרשפּרייט אין שטאָט און אַרויסגערופֿן אַ פֿאַרצווייפֿלונג. די רוסישע מיליטער־לייט האָבן כסדר געלייקנט אין דער ריכטיקייט פֿון דער דייטשער ידיעה. מ׳האָט אָבער גיך איינגעזען, אַז די דייטשע ידיעה איז אמת, ווייל די רוסן האָבן אָנגעהויבן אַלץ אַרויסצופֿירן פֿון שטאָט. די רוסן האָבן דערקלערט זייער גרייטקייט צו געבן טראַנספּאָרט־מיטלען די אַלע, וואָס ווילן זיך עוואַקואירן אויף דער רוסישער טעריטאָריע, און ווילן מיטנעמען מיט זיך זייער פֿאַרמעגן.

וואָס וועט איצט זיין? אָט די שרעקלעכע פֿראַגע האָט זיך געשטעלט פֿאַר דער ביאַלער יידישער באַפֿעלקערונג. אַלע האָבן געפֿילט, אַז ס׳רוקט זיך אָן אַ גרויס אומגליק, אָבער נישט יעדער האָט געקאָנט באַשליסן וואָס ס׳איז ערגער: צי לאָזן זיך אין וועג אַריין און ווערן היימלאָז, אָט אַזוי ווי די וואַנדערערס, וואָס זענען אין די לעצטע וואָכן דורכגעצויגן דורך דער שטאָט, אָדער בלייבן אויפֿן אָרט צוזאַמען מיט די היטלער־באַנדעס, און וואַרטן אויף דעם, וואָס דער גורל וועט ברענגען.

דורך די גאַסן זענען געלאָפֿן מיליטערישע אויטאָס מיט יידישע פֿאַמיליעס, מיט זייער האָב־און־גוטס צום וואָקזאַל. ס׳זענען געפֿאָרן די יעניקע, וואָס האָבן זיך דעצידירט צו אַנטלויפֿן פֿון די דייטשן. די מערהייט אָבער איז געווען אומדעצידירט און פֿאַרצווייפֿלט.

דינסטיק, דעם 10טן אָקטאָבער, האָט זיך געשטעלט אַ הערלעכער פּוילישער האַרבסט־טאָג. די שטאָט איז כמעט געווען ווי אָפּגעשטאָרבן; אַלע טויערן פֿאַרמאַכט. במשך פֿון דער לעצטער נאַכט האָבן זיך צוריקגעצויגן פֿון ביאַלע די לעצטע אָפּטיילונגען פֿון דער רויטער אַרמיי. די דייטשע אַרמיי האָט געדאַרפֿט אַריינמאַרשירן.

פֿון וואַרשעווער שאָסיי איז אָנגעקומען אַן אויטאָ מיט אַ דייטשן אָפֿיציר, באַגלייט פֿון צוויי באַוואָפֿנטע מאָטאָציקליסטן. זיי זענען פֿאַרפֿאָרן אויפֿן פּלאַץ־וואָלנאָשטשי און זיך אָפּגעשטעלט לעבן אברהם גאָלדשמידטס געשעפֿט. אין עטלעכע מינוט שפּעטער איז אויפֿן זעלבן אָרט פֿאַרפֿאָרן אַ סאָוויעטישער אָפֿיציר מיט זיינע באַגלייטערס. נאָך די אָפֿיציעלע באַגריסונגס־פֿאָרמאַליטעטן, האָט דער סאָוויעטישער אָפֿיציר איבערגעלייענט דעם אַקט פֿון איבערגעבן די שטאָט אין די דייטשע הענט.

די דייטשע אַרמיי איז אַריין קיין ביאַלע. אין צוויי שעה שפּעטער האָבן דייטשע זעלנער אָנגעהויבן אַרעסטירן יידן ווי „זאַקלאַדניקעס" (ערובניקעס). אין די גאַסן האָבן זיך באַוויזן קריסטן מיט ווייסע אָרעמבענדער און אָנגעהויבן כאַפּן יידן צו דער אַרבעט ביי די דייטשן, ווו מ׳האָט זיי מערדערלעך צעשלאָגן.

אָט אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן.

ר. באכראך / א. אין מעזריטשער געטא

פֿרייטיק־צונאַכט, די ערשטע נאַכט סוכות (25סטער סעפּטעמבער 1942), איז דער יידישער קוואַרטאַל אין ביאַלע אַרומגערינגלט געוואָרן פֿון שוץ־פּאָליציי, זשאַנדאַרמעריע, געסטאַפּאָ א״אַ. שבת פֿאַרטאָג האָט מען אָנגעהויבן אַרויסטרייבן די יידן פֿון די הייזער, יאָגנדיק זיי צום נייעם־מאַרק, ווו ס׳האָט זיך געפֿונען דער זאַמלפּונקט. דערביי האָט מען דערשאָסן יידן אין די הייזער און אויפֿן וועג צום נייעם־מאַרק. דעם רוב פֿון די פֿאַרזאַמלטע יידן אויפֿן נייעם־מאַרק, האָט מען אָפּגעפֿירט אין מעזריטשער געטאָ.

אַ פֿינפֿצן מענטשן, צווישן זיי איך, מיין פֿאָטער יאשע באַכראַך, מיין מוטער רייזל, מיין ברודערל יצחק, מיין באַבע רחלע רובינשטיין, שרה ווייסמאַן א״אַ האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ בונקער אין הויז פֿון ארקע ווייסמאַן, אויף דער גראַבאַנאָווער גאַס. דער בונקער איז באַשטאַנען פֿון אַ טאָפּלטע וואַנט צווישן אַ געוועלב און דעם צימער הינטערן געוועלב. דער אַריינגאַנג אין בונקער איז געווען דורך אַ קליינער ברעט, וואָס האָט זיך געפֿונט אונטער אַ בעט. אין בונקער איז מען געשטאַנען אין אַ שורה, איינער ענג לעבן צווייטן. איבער די קעפּ פֿון די שטייענדיקע איז געווען אַ נאַרע, און דאָרט האָט מען געהאַלטן די קינדער. מיר האָבן זיך דאָרט אויפֿגעהאַלטן עטלעכע טעג. מיין באַבע רחלע האָט נישט געקאָנט אויסהאַלטן און איז אַרויס פֿון בונקער. זי איז גלייך פֿאַרהאַלטן און אָפּגעשיקט געוואָרן קיין מעזריטש.

שטייענדיק אין בונקער האָבן מיר טיילמאָל געהערט וואָס ס׳קומט פֿאָר אין דרויסן. מיר האָבן געהערט ווי איוואַניצקי (דער געוו. וויצע־בירגערמייסטער) איז אַרומגעגאַנגען מיט דער פּוילישער פּאָליציי און געזוכט אויסבאַהאַלטענע יידן. מיר האָבן געהערט געשרייען פֿון יידן פֿאַרן שיסן זיי אין גאַס. איינמאָל האָבן מיר געהערט, ווי די קריסטן, וואָס האָבן גערייניקט די גאַסן האָבן געפֿרעגט איוואַניצקין, וואָס זיי זאָלן טאָן מיט אַ געפּגרטן פֿערד, וואָס ליגט אין גאַס. איוואַניצקי האָט געגעבן אַ קורצן באַפֿעל: „טאָ גוונאָ זשידאָווסקיע ראַזעם זקאָניעם", געמיינט אַרויפֿלייגן דעם פּגר אויף דער פֿור, אויף וועלכער ס׳זענען געלעגן דערשאָסענע יידן, און וועלכע מ׳האָט אָפּגעפֿירט צום בית־הקברות.

די לעצטע טעג סוכות האָבן די דייטשן אַנטדעקט אונדזער בונקער, אַרויסגענומען אונדז און אָפּגעפֿירט אין דער שוץ־פּאָליציי, אויף דער גראַבאַנאָווער גאַס, אין בנין פֿון דער פֿאָלקס־שול. דאָרט האָט מען אונדז אויפֿגעלאָדן אויף לאַסט־אויטאָס און אָפּגעפֿירט אין מעזריטשער געטאָ.

אין מעזריטשער געטאָ האָט יעדערער זיך באַמיט אַריינצוקריגן אויף אַן אַרבעטס־אָרט, כדי אַזוי אַרום אָפּצוראַטעווען דאָס לעבן. זעליג יאַקובאָווסקי, טוכשניידער און מיין פֿאָטער האָבן זיך אַריינגעקראָגן אין טאַרטאַק פֿון גאַסקאָ. איך מיט מיין מוטער און ברודערל, ווי אויך צפּורה פֿינקלשטיין זענען אַוועק קיין וויסאָקע, אַ הויף 8 ק״מ פֿון מעזריטש און דאָרט געאַרבעט ביים גראָבן קאַרטאָפֿל. נאָך עטלעכע טעג, פֿרייטיק דעם 9טן אָקטאָבער, האָט מען אונדז בעת דער אַרבעט

אַרומגערינגלט און צוריקגעיאָגט צופוס קיין מעזריטש. אויפן וועג האָבן די דייטשן דערשאָסן צפורה פינקלשטיין.

אין מעזריטשער געטאָ האָט זיך אָנגעהויבן די צווייטע אַקציע דינסטיק, דעם 6טן אָקטאָבער 1942, און גלייך איז אָפּגעשיקט געוואָרן דער ערשטער טראַנספּאָרט קיין טרעבלינקע. מיט דעם טראַנספּאָרט זענען אַוועק מיינע ביידע באָבעס, רחלע רובינשטיין און צביה באַכראַך. פון דינסטיק ביז פרייטיק האָט מען געבראַכט יידן פון בונקערס, אַרבעטס־ערטער און אַלע געזאַמלט אין דער שול. אונדז האָט מען אויך געפירט אין שול און נאָך עטלעכע שעה פון דאָרט אַרויסגעפירט צוזאַמען מיט אַנדערע יידן, און געפירט צום זאַמלפּלאַץ. מיר האָבן מאַרשירט אײַנמיטן גאַס, פון ביידע זייטן אַרומגעשטעלט מיט זשאַנדאַרמעריע, שוץ־פּאָליציי, געסטאַפּאָ, אוקראַינער און פּוילישער פּאָליציי, וואָס האָבן כסדר געשאָסן אין המון. דער גאַנצער וועג איז געווען אויסגעלייגט מיט הרוגים. אויך אויפן זאַמלפּלאַץ האָט מען געשאָסן אין די פאַרזאַמלטע יידן און ס׳זענען געפאַלן טויטע.

פאַרנאַכט האָט מען אונדז אָפּגעפירט צום וואָקזאַל, ווו מיר האָבן דערזעען אַ באַן פון משא־וואַגאָנעס מיט קליינע פענצטערלעך, פאַרדראָטעוועטע מיט שטעכל־דראָט. מ׳האָט גלייך אָנגעהויבן אַרייניאָגן די מענטשן אין די וואַגאָנעס, פרויען און קינדער באַזונדער און מענער באַזונדער.

איך בין געווען אין איין וואַגאָן מיט מיין מוטער און ברודערל, מיט די מומעס, האָדל באַכראַך־סאַפּיר און שרה באַכראַך־פינקלשטיין. מיט אונדז איז אויך געווען ליובע טוכשניידער.

אַרום 10 אַזייגער ביינאַכט האָט די באַן גערירט פון אָרט. ס׳האָט זיך גלייך אָנגעהויבן אַ שטופּעניש צו די פענצטערלעך. מ׳האָט אָפּגעריסן דעם שטעכל־דראָט און מ׳האָט אָנגעהויבן שפּרינגען פון די וואַגאָנעס. איך בין געווען ווי פאַרחלשט און איינגעשלאָפן, אָבער מיין מוטער האָט מיר אויפגעוועקט, צוגעשטויסן צום פענצטערל און מיר אַרויסגעשטופּט אין דרויסן. דאָס איז געווען פאַר שעדלעץ. איך בין אַריינגעפאַלן אין דעם ראָוו ביי דער באַן־ליניע. גלייך איז אַ שפּרינגער אַרויפגעפאַלן אויף מיר און פון שטאַרקן קלאַפּ, וואָס איך האָב באַקומען אין פּנים פון זיין שוך איז מיר אויסגעהאַקט געוואָרן אַ צאָן. די גאַנצע צייט האָבן די צוג־באַגלייטערס געשאָסן צו די אַרויסשפּרינגערס און איך בין פאַרוווּנדעט געוואָרן אין פוס.

מיר, אַ קליינע גרופּע „שפּרינגערס״, האָבן אָנגעהויבן צו לויפן און זוכן אַ וועלכן ס׳איז אָרט זיך צו פאַרבאַהאַלטן. מיר זענען אָנגעקומען אין אַ דאָרף. די דאָרף־וואַרטע איז אַרויס קעגן אונדז מיט ווידלעס, אונדז פאַרהאַלטן און געוואָלט איבערגעבן צו די דייטשן. מיר האָבן זיך פון זיי אויסגעקויפט מיט וואָס איינער האָט געהאַט. ווייטער האָבן מיר זיך שוין באַמיט אויסצומיידן דערפער.

דערווייל בין איך אָפּגעשוואַכט געוואָרן פון דער וווּנד אין פוס און איך האָב מער נישט געקאָנט גיין. איך האָב געבעטן די מיטגייערס, אַז זיי זאָלן מיר איבערלאָזן און זיי זאָלן זיך אַליין ראַטעווען. זיי האָבן אָבער נישט מסכים געווען, און מיר געטראָגן אויף די פּלייצעס, ביז זיי האָבן שוין ווייטער מער נישט געקאָנט. אויפן וועג האָט מען אָנגעטראָפן אויף אַ שייער מיט היי, דאָרט האָט מען מיר איבערגעלאָזט.

ווי ס׳זעט אויס, האָב איך געהאַט פאַרלוירן דאָס באַוווּסטזיין. ווי לאַנג איך בין דאָרט אַזוי געלעגן, ווייס איך נישט, מעגלעך אַ 2—3 טעג. אַז איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, האָב איך געפונען דעם פוס באַנדאַזשירט און לעבן מיר אַ שיסל מיט עסן.

ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט, ווי דער פּויער פון שייער האָט זיך באַוויזן און מיר געזאָגט, אַז איך קאָן דאָ נישט בלייבן. דאָס געוויסן האָט אים נישט געלאָזט, אין אַזאַ מצב ווי ער האָט מיר געטראָפן, אַרויסצוטרייבן פון שייער, אָבער מער קאָן ער זיך נישט שטעלן אין סכנה, טאָמער וועלן זיינע שכנים געוווּיר ווערן וועגן מיין זיין ביי אים. די זעלבע נאַכט האָט ער מיר צוגעלייגט אויף אַ וואָגן, פאַרדעקט מיט היי און געבראַכט קיין מעזריטש.

אין געטאָ־מעזריטש איז נאָך אָנגעגאַנגען די אַקציע. איך האָב זיך אַריינגעקראָגן אין אַ בונקער ביי אַ קרוב, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ גאַרבאַרניע לעבן טייך. מ׳האָט מיר דאָרט אייפּגענומען, אָפּגערייניקט די וווּנד און געגעבן צו עסן.

די צווייטע אַקציע האָט זיך געענדיקט. די אַלע, וואָס זענען בעת דער אַקציע געווען אויף אַרבעטס־ערטער האָבן זיך צוריקגעקערט אין געטאָ. מיין פאָטער איז אויך צוריקגעקומען, און דערוויסנדיק זיך, אַז די מוטער מיטן ברודערל זענען אַוועק קיין טרעבלינקע, האָט ער געחלשט, און במשך פון דער נאַכט זענען זיינע האָר אינגאַנצן ווייס געוואָרן.

מיט מיין פוס האָט זיך פאַרנומען דער דאָקטאָר קאַזעס. אַרויסגענומען די קויל און געהיילט די וווּנד ביז זי איז פאַרהיילט געוואָרן.

בערך אַ דריי וואָכן איז שטיל געווען אין געטאָ. מיט איינמאָל, אין אַן אָוונט, איז ווידער געוואָרן אַ פּאַניק. די וואָס האָבן געאַרבעט מחוץ דעם געטאָ, האָבן גענומען פעקלעך און זענען פון אים אַרויס. מיר איז געלונגען מיטצוגיין מיט זיי און זיך אַרויסקריגן פון געטאָ. איך בין געקומען צום וואָקזאַל, געקויפט אַ באַן־בילעט און געפאָרן קיין ביאַלע.

ביים ביאַלער וואָקזאַל איז געווען אַן אַרבעטס־לאַגער, ווו ס׳האָבן געאַרבעט ביאַלער יידן. איך בין דאָרט אַריין און באַקאַנטע האָבן מיר דאָרט אויסבאַהאַלטן. נאָך אַ וואָך האָט מען אָנגעהויבן ליקווידירן דעם לאַגער און איבערפירן די יידן אין לאַגער אויפן וואַרשעווער שאָסיי.

איך בין אַנטלאָפן אין וועלדל לעבן דער באַן און דאָרט זיך אויפגעהאַלטן אַ גאַנצן טאָג אין אַ בעטאָן־קאַנאַל. אין אָוונט בין איך געקומען צום וואָקזאַל און געוואָלט פאָרן קיין מעזריטש. איך האָב דאָרט באַמערקט קריסטן, וואָס האָבן מיר געקאָנט און איך האָב מורא געהאַט פאַר זיי זיך צו ווייזן. איך האָב זיך געדרייט פון דערווייטנס, כדי זיי זאָלן מיר נישט באַמערקן. ס׳האָט מיר געזען אַ דייטשער זעלנער, ער איז צו מיר צוגעגאַנגען און אָנגעהויבן רעדן צו מיר. איך האָב געמאַכט זיך, אַז איך פאַרשטיי נישט וואָס ער רעדט. ער האָט מיר געזאָגט, אַז איך האָב נישט וואָס מורא צו האָבן פאַר אים, ער ווייסט, אַז איך בין אַ יידין, און פאַרשטיי דייטש. ער האָט מיר

געפרעגט ווהין איך וויל פאָרן און צי איך האָב געלט. איך האָב אים געגעבן געלט, ער האָט מיר געקויפט אַ בילעט קיין מעזריטש און אַריינגעפירט אין וואַגאָן, ווו ער איז געזעסן.

אין מעזריטש האָב איך אָנגעטראָפן אויף דער פערטער אויסזידלונגס־אַקציע (די דריטע איז פאָרגעקומען בעת איך בין געווען אין ביאַלע). דאָס געטאָ איז געווען אַרומגעשטעלט מיט דייטשן. די אַקציע האָט אָנגעהאַלטן אַ לאַנגע צייט, ווייל ס׳איז שווער געווען אָנצוזאַמלען אין איין טאָג אַ גענוגנדיקע צאָל יידן צום אָפּטראַנספּאָרטירן קיין טרעבלינקע. מ׳האָט די אָנגעכאַפּטע יידן קאָנצענטרירט אין שול און אין קעלערס אין די הייזער ביי דער שול, ווו זיי האָבן געוואַרט טעג ביז מ׳האָט זיי אָפּגעפירט צו דער באַן.

איך בין אַוועק אין אַרבעטס־לאַגער פון דער בערשטן־פאַבריק פון דייטש קורט דע לעאור, ווו איך האָב געהאַט באַקאַנטע. מ׳האָט מיר דאָרט געמאַכט אַן אָרט צום שלאָפן. צומאָרגנס אינדערפרי האָט מען מיר געוואָלט אַריינפירן אַרבעטן אין דער קיך, אָבער דער יידישער אויפזעער האָט נישט דערלויבט. די באַקאַנטע האָבן מיר אַריינגעפירט אין אַ בונקער, וואָס איז געווען אין לאַגער, ווו ס׳האָט זיך געפונען אַן אַלטער ייד מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד און אַ ייִנגל פון בערך 12 יאָר. דער אַלטער האָט גענומען שרייען מ׳זאָל אַרויסנעמען די נקבה (איך בין אַלט געווען 16 יאָר). מיינע נערוון זענען דאַן שוין געווען גענוג געשפּאַנט און איך האָב געזאָגט, אַז בשום אופן וועל איך דעם בונקער נישט פאַרלאָזן, אַז אויב גיין, וועט ער אויך מוזן אַרויסגיין. ער האָט געמאַכט אַזעלכע געוואַלדן, ביז די דייטשן האָבן דערהערט און אונדז אַלעמען אַרויסגעפירט.

מ׳האָט אונדז געפירט צו דער שול. אויפן וועג האָט מען צו אונדז אָנגעשלאָסן אויך אַנדערע יידן, וואָס מ׳האָט געברענגט פון פאַרשיידענע ערטער. ביי אַ פּאַסיקער געלעגנהייט האָב איך זיך אַוועקגעגנבעט און זיך באַהאַלטן הינטער אַ גרויסן שטיין צווישן אַ שטויס ברעטער, וואָס האָט זיך געפונען ביי דער זייט פון וועג. איך בין דאָרט געלעגן ביז ס׳איז פינצטער געוואָרן. אין אָוונט האָב איך זיך צוגעשלײַכט און אַריין אין לאַגער פון דער קאָמענדאַנטור. דער ייד׳שער לאַגער־פירער האָט מיר געוואָלט אַרויסטרייבן, האָב איך אים געפרעגט וויפל ס׳דאַרף קאָסטן, האָט ער מיר געענטפערט אַ „צענערל" (צען־רובל, אַ גאָלד־שטיקל פון דער צאַרישער צייט). איך האָב נאָך געהאַט עטלעכע „צענערלעך" און האָב אים געגעבן איינס. ער האָט מיר אַריבערגעפירט אין דער געביידע פון פּרויען, און אויף צומאָרגנס בין איך געגאַנגען אַרבעטן אין דער קאָמענדאַנטור (פּוצן שויבן, וואַשן פּאָדלאָגעס אאַ"וו).

אויפן צווייטן טאָג פון מיין אַרבעטן דאָרט, האָבן פּלוצעם אַלע אָנגעהויבן לויפן צו די פענצטער. מ׳האָט געזאָגט, אַז מ׳פירט פורן מיט יידישע הרוגים. איך בין געשטאַנען געוואַשן אַ פענצטער און אַרויסגעבליקט אין דרויסן. אויף איינער אַ פור האָב איך דערזען דעם קערפּער פון מיין פאָטער, אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן פּאַלטאָ, מיט באָרוועסע פיס. עפּעס אַן אינערלעכע קראַפט האָט מיר אַרויסגעשטויסן פון הויז, איך בין נאָכגעלאָפן די פור און געגלעט די פיס פון מיין פאָטער. קיין וואָרט האָב איך נישט געקאָנט אַרויסברענגען, און בערך אַ חודש־צייט האָב איך פאַרלוירן דאָס לשון. די באַגראַבערס, וואָס זענען מיטגעגאַנגען, האָבן מיר געבעטן, אַז איך זאָל אַוועקגיין, ווייל די דייטשן וועלן מיר דערשיסן, אָבער איך האָב אַפילו נישט פאַרשטאַנען וואָס זיי ווילן פון מיר. אַ גאַסן־רייניקער האָט מיר אָנגענומען בכוח פון הינטן, אַוועקגעריסן און אַריינגעשטויסן צוריק אין דער געביידע.

איך האָב דאָרט געאַרבעט נאָך עטלעכע טעג און מ׳האָט אָנגעהויבן שמועסן, אַז בעת דער איצטיקער אַקציע וועט מען אויך אַוועקנעמען די מענטשן, וואָס אַרבעטן אין די לאַגערן ביי דער קאָמענדאַנטור און ביי קורט דע לעאור. מ׳האָט אָנגעהויבן פאַרלאָזן די אַרבעטס־ערטער און זוכן באַהעלטענישן. איך מיט אַנדערע האָבן זיך באַהאַלטן אויף אַ בוידעם צווישן שעניקעס מיט שטרוי. די דייטשן האָבן אונדז דאָרט געפונען און אַרויסגעפירט אויף אַ גרויסן פּלאַץ, וואָס האָט זיך געפונען צווישן די ביידע לאַגערן. מ׳האָט אַהין כסדר געברענגט נאָך מענטשן. אויפן פּלאַץ, אין דער זייט, איז געשטאַנען אַ פאַרלאָזטע הילצערנע געביידע, וואָס האָט פריער געדינט פאַר אַן עס־זאַל פאַר די אַרבעטערס פון די לאַגערן, און שפּעטער האָט מען דאָרט געהאַלטן פּראָדוקטן. דאָרט זענען געשטאַנען לאַנגע טישן און בענק. איך האָב מיר געלאָזן צוגערוקט צו דער געביידע, אַריין אַהין און זיך באַהאַלטן אונטער די בענק. אַן עלטערער דייטש האָט דאָס באַמערקט, ער איז אַריין אינעווייניק און אָנגעשטעלט אויף מיר די ביקס. איך בין אַפּיר פון אונטער די בענק און אים געבעטן מיט באַוועגונגען פון די הענט, ווייל רעדן האָב איך נישט געקאָנט. דער דייטש האָט רחמנות געקראָגן אויף מיר און געזאָגט, אַז דאָס אָרט איז נישט גוט, ווייל די ליכט פאַלט אויף אים און האָט מיר אַריבערגעפירט אין דער צווייטער זייט פון זאַל. ער האָט געברענגט אַ קאָץ, מיר צוגעדעקט און אָנגעזאָגט זיך נישט צו באַוועגן, ווייל מ׳וועט קומען אַהער זוכן. ווירקלעך זענען דערנאָך אַריינגעקומען אוקראַינער, מיט עלעקטריע־באַטעריעס, אַדורכגעגאַנגען אין אַלע זייטן און על פי נס נישט צוגעגאַנגען אין מיין ווינקל. אַזוי בין איך דאָרט געלעגן גאַנצע צוויי טעג.

נאָך צוויי טעג האָב איך דערהערט טריט. ס׳איז אַריינגעקומען דער דייטש, וואָס האָט מיר געראַטעוועט, מיטן יידישן אָנפירער פון לאַגער ביי דער קאָמענדאַנטור. ער האָט אים געוויזן ווו איך געפין זיך, געהייסן אים געבן מיר עסן און איז אַוועק. דער לאַגער־פירער האָט מיר געזאָגט, אַז די אַקציע האָט זיך געענדיקט, מענטשן קומען צוריק אין לאַגער, און, אַז נאָך אין אַ פּאָר שעה אַרום וועל איך אויך קאָנען צוריקקערן אין לאַגער. קיין עסן האָט ער מיר נישט געגעבן, אָבער געפרעגט, צי איך האָב נאָך געלט. איך האָב אים געוויזן, אַז איך האָב נאָך עטלעכע „צענערלעך" און ער האָט גענומען נאָך אַ „צענערל".

נאָך אַ פּאָר שעה, אַז איך האָב געהערט, אַז מענטשן גייען שוין, בין איך אַרויס און זיך צוריקגעקערט אין דער קאָמענדאַנטור. דאָרט בין איך פאַרבליבן מער ווי צוויי וואָכן. במשך פון דער צייט האָט דער לאַגער־פירער צוגענומען ביי מיר דאָס גאַנצע געלט און צום סוף געהייסן מיר פאַרלאָזן דעם

לאַגער. דאָס איז געווען אָנהייב דעצעמבער, ווען אין איינעם אַ פרייטיק־פאַרנאַכט האָב איך געמוזט פאַרלאָזן דעם לאַגער און אומקערן זיך אין געטאָ.

איך בין אָנגעקומען אין געטאָ אַרום 6 אַזייגער אָוונט און אָנגעטראָפן אויף אַ שיסעריי, וואָס ס׳האָבן געעפנט די ס״ס־לייט היינע און דוקאָוו פון ראַדזין, און דער זשאַנדאַרם פראַנץ באַוער, וועלכן מ׳האָט גערופן דער „שלעגער״. די דאָזיקע דייטשן האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער אכזריות און יעדער באַזונד זייערער אין געטאָ איז געצייכנט געוואָרן מיט יידישע קרבנות. שלמהלע שוסטער (גערופן שלמהלע ביאַלער — ער האָט געשטאַמט פון ביאַלע), וואָס האָט געאַרבעט ביי דער זשאַנדאַרמעריע און שוך־פּאָליציי, האָט דערציילט, אַז יעדעס מאָל, ווען פראַנץ באַוער פלעגט צוריקקומען פון אַ באַזוך אין געטאָ, פלעגט ער איבער זיין בעט מאַכן אַ פּאַסיקל פאַר יעדן ייד, וואָס ער האָט דערשאָסן.

מ׳האָט מיר געזאָגט, אַז ביים דראָטענעם פּאַרקאַן (גרענעץ פון געטאָ), אין אַ שטיבל ווו מ׳פלעגט אַמאָל דאַווענען, געפינען זיך דאָרט ביאַלער. איך בין אַהין אַוועק און אָנגעטראָפן גאָלדע קאַליכשטיין, באַשע ראָזען־קאַליכשטיין מיט צוויי קינדער און אַ שוועסטערל פון באשע און גאָלדע. זיי האָבן מיר געמאַכט אויף דער פּאָדלאָגע אַן אָרט צום שלאָפן לעבן זיי. אין קורצן איז געקומען מיין קרוב נתן איידלמאַן פון מעזריטש און האָט מיר גענומען צו זיך. אויפן צווייטן טאָג בין איך קראַנק געוואָרן. מ׳האָט געבראַכט דעם ד״ר קאָזעס, וועלכער האָט פעסטגעשטעלט ביי מיר אַ טיפוס. איך בין געלעגן מיט אַ זייער הויכער טעמפּעראַטור.

אויף צומאָרגנס איז געוואָרן אַ בהלה אין געטאָ. אַלע זענען זיך צעלאָפן און באַהאַלטן, ווו ס׳האָט זיך געלאָזט. די דייטשן האָבן דאַן געזוכט פאַכמענער פאַר אַ באַרשטן־פאַבריק אין טראַווניק, און מיינע קרובים האָבן זיך געמאַכט פעקלעך און אַוועק קיין טראַווניק. איך בין צוליב דעם געבליבן אַליין. איך האָב זיך אָנגעטאָן און גענומען זוכן אַ בונקער, אָבער אין קיין אָרט האָט מען מיר נישט אַריינגעלאָזט צוליב מיין קראַנקהייט. איך בין אַריין אין דער שול, ווו ס׳זענען געווען בלויז קראַנקע, און זיך אַוועקגעלייגט צווישן זיי אויף דער ערד. איך בין איינגעשלאָפן. ווי לאַנג און וויפל טעג, ווייס איך נישט. איך געדענק נאָר, אַז איינמאָל האָט מיר אַ באַגרעבער אַ קלאַפּ געטאָן אין פּ״ס, האָב איך געעפנט די אויגן ווי אין אַ חלום, אָבער גאָרנישט געוווסט, וואָס מיט מיר האָט זיך געטאָן. ביז איינמאָל האָב איך מיר אויפגעכאַפּט און געפילט אין מיר נייע כוחות. איך בין אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צום האַנטפּאַס, זיך אַ ביסל אַרומגעוואַשן און געלאַסן אַרויסגעשלעפּט זיך אין דרויסן.

דער ערשטער וואָס האָט מיר באַמערקט, איז געווען דער מעזריטשער אברהמעלע נוסבוים, וואָס האָט געוווינט צוזאַמען מיט שמעון בלאַנקליידערס (דעם דאַרנס) פרוי, טאָכטער בעלא און זון יאָסל מיט זיין פרוי. דער אָ נוסבוים האָט מיר אַוועקגעפירט אַהין. די פרוי בלאַנקליידער האָט מיר גלייך אַרומגעוואַשן מיט וואַרעמע וואַסער, געגעבן עסן און אַ ריינע בעט. דאָרט בין איך שוין געווען ביז דער פינפטער אַקציע.

סילוועסטער 1942/3 זענען אָנגעקומען קיין מעזריטש פון ביאַלע ס״ס־לייט און זיך גענומען פאַרוויילן אין געטאָ מיט שיסן אויף יידן. ס׳זענען דעמאָלט דערשאָסן און פאַרוווּנדעט געוואָרן אַ סך ביאַלער.

די עטלעכע ווינטער־חדשים זענען אַריבער אָן אַקציעס, אָבער גלייך נאָך פסח זענען די אַקציעס באַנייט געוואָרן.

זונטיק, דעם 2טן מאי 1943, ווען אין דרויסן איז נאָך געווען נאַכט, האָט מען פון איין שטוב אין דער צווייטער גענומען איבערגעבן די ידיעה, אַז דער געטאָ איז אַרומגעשטעלט מיט דייטשן. מענטשן האָבן אָנגעהויבן אַרוימלויפן, זוכנדיק אַ באַהעלטעניש. ווי נאָר ס׳האָט גענומען טאָגן האָבן זיך דערהערט געשרייען: „אַללע יודען ראוס!״

מיר אַלע אין הויז זענען אַרויף אויף אַ בוידעם און זיך באַהאַלטן אין שטרוי, וואָס איז דאָרט געווען. זייענדיק דאָרט האָבן מיר געהערט אַ קלאַפּן אין די טירן, די דייטשן זענען אַריין אין הויז און אַרויסגעפירט ווּעמען זיי האָבן דאָרט אָנגעטראָפן. זיי זענען אויך אַרויף אויפן בוידעם און אונדז אַלע אַראָפּגעפירט צום זאַמלפּלאַץ — אינמיטן מאַרק.

אויפן מאַרק האָבן די דייטשן אויסגעקליבן די יונגע געזונטע מענער אין אַ זייט און זיי אָפּגעשיקט קיין מאַידאַנעק.

אַלע אויפן מאַרק האָבן געמוזט זיצן אומבאַוועגלעך אויף דער ערד. לעבן מיר האָט מען געשאָסן און פאַרוווּנדעט אַ בחור, וואָס האָט זיך אַ ביסל אונטערגעהויבן אויסצוגלייכן אַ פוס, וואָס איז אים מיד געוואָרן. ער איז אָפּגעגאַנגען מיט בלוט און זיך געבעטן מ׳זאָל אים ראַטעווען, אָבער קיינער האָט זיך נישט גערירט פאַר מורא.

פאַר מיטאָג־צייט האָט מען דעם פאַרזאַמלטן עולם אָפּגעפירט צו דער באַן. ביים פאַרלאָזן דעם מאַרק האָט מען געזען ליגן טויטע און קליינע קינדערלעך.

צו דער באַן איז מען געגאַנגען איינגעשטעלט אין שורות, דער רוב האָט מאַרשירט גלייכגילטיק און רעזיגנירט. ס׳איז פאַרמיאוסט געוואָרן דאָס לעבן. אין איין שורה מיט מיר איז געגאַנגען מלכה בלאַנקליידער, איר טאָכטער בעלא און איר שנור (דעם זון יאָסעלע האָט מען אויפן זאַמלפּלאַץ אַוועקגענומען און אַוועקגעשיקט מיט דער אַנדערער גרופּע). גייענדיק האָב איך געפרעגט בעלא בלאַנקליידער צי זי וועט שפּרינגען פון צוג, אויב ס׳וועט זיין אַ געלעגנהייט דערצו, און איר געלערנט ווי אַזוי מ׳דאַרף שפּרינגען. זי האָט מיר געענטפערט, אַז זי וועט נישט שפּרינגען, ווייל ס׳איז איר שוין נמאס געוואָרן דאָס לעבן.

מ׳האָט אונדז אַריינגעפירט אין די וואַגאָנעס, נישט קיין סך מענטשן צוזאַמען, בערך אַ פינפצן מאַן אין אַ וואַגאָן. אין אונדזער וואַגאָן איז געווען אַן עלטערע פרוי, איך ווייס נישט פון וואַנען. זי האָט געפרעגט ווער ס׳וויל שפּרינגען, און צווישן אַלע האָט זי צעטיילט דאָס געלט און צירונג, וואָס זי האָט געהאַט ביי זיך. מיר האָט זי געגעבן 300 זלאָטעס, אַ זייגערל און אַ בראַנזאָלעטקע, זאָגנדיק, אַז דאָס וועט מיר צונוץ קומען.

בערך אַ פערטל שעה נאָך דעם ווי דער צוג האָט גערירט, האָט אַ פרוי אין וואַגאָן מיר אונטערגעשטעלט איר אַקסל, בעלאַ בלאַנקליידער האָט מיר אונטערגעשטופּט צום פענצ־

טערל, וואָס איז געווען גאַנץ הויך, און איך בין אַרויסגעשפּרונ־גען פון וואַגאָן. נאָך מיר זענען געשפּרונגען אַ דריי פּערזאָן. איך האָב מיר אַריינגעקאָלערט אין אַ קאַנאַל אין דער זייט פון דער באַן־ליניע, און דער צוג איז אַריבער. אַנטקעגן איז געווען אַ צעבראָכן הויז, איך בין אַהין אַריבערגעלאָפן און אַריין אין דעם הויז.

ליגנדיק דאָרט האָב איך דערהערט טריט. ס׳איז אַריינגע־קומען אַ פּאָליאַק, וואָס האָט מיר געזאָגט, אַז איך זאָל נישט מורא האָבן. ער האָט געזען ווי איך האָב געשפּרונגען פון צוג און אַריין אין דעם הויז. ער איז אַ מעזריטשער, און ער האָט אָנגעהויבן מיר אויסמאָלן ווו ער וווינט, און אַז קעגנאיבער אים איז דאָ אַ ליידיקע געביידע. דאָרט זאָל איך צוקומען אין אָוונט, ווען ס׳וועט שוין זיין פינצטער, און ער וועט מיר מאַכן אַן אָרט אין דער ליידיקער געביידע און ברענגען אַהין עסן.

איך האָב געהאַט אַ פּחד צו בלייבן אַליין און וואַרטן ביז ס׳וועט ווערן פינצטער. האָב איך אים געזאָגט, אַז ער זאָל גיין פאָרויס און איך וועל אים נאָכפאָלגן פון דערווייטנס. ווען מיר האָבן זיך דערנענטערט צו דער שטאָט, האָט ער מיר פאַרזיכטיק געגעבן אַ צייכן ווו זיין הויז איז. דאָ אָבער האָבן מיר באַמערקט שקצימלעך, מיר אַרומגערינגלט און געשריען: „זשידוווקא!” איך האָב זיך גענומען אויסקויפן פון זיי מיט געלט און צעטיילט זיי דאָס גאַנצע געלט, וואָס איך האָב ביי מיר געהאַט. צום סוף האָט זיי דער פּאָליאַק אָוועקגעיאָגט. איך בין אַריין אין דעם הויז, וואָס דער פּאָליאַק האָט מיר אָנגע־וויזן. איך האָב מיר דערווייל דאָרט פאַרבאַהאַלטן אין אַ ווינקל אין אַ דאַך־ווווינונג

באַלד זענען די שקצימלעך צוריקגעקומען און אָנגעהויבן מיר זוכן. אַז זיי האָבן מיר נישט געפונען, זענען זיי אַוועק און געברענגט אַ פאָלקס־דייטש, וועלכער האָט מיר אויסגע־פונען. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך קאָן נישט גיין, ווייל איך האָב געשפּרונגען פון צוג און זיך צעקלאַפּט די פיס. ער האָט מיר אַ שטופּ געטאָן פון די טרעפּ, ווו איך האָב זיך אַראָפּגע־קאָלערט און אַדורכגעפאַלן דורך אַן אויסגעבראָכן טרעפּל. דער פאָלקס־דייטש האָט געברענגט אַ „שופּא”, וואָס האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין גרויסן חשק צו פאַרנעמען זיך מיט מיר. איך האָב געזאָגט, אַז איך קאָן נישט גיין. זיי האָבן גע־ברענגט אַ דראָזשקע און מיר געפירט זיצנדיק צווישן זיי ביידע. אויפן וועג האָט מיר דער „שופּא” געזאָגט אויפן אויער, אַז ווען נישט דער פּוילישער שוויין, וואָלט ער מיר פריי־געלאָזט.

מ׳האָט מיר געברענגט אין דער פּוילישער פּאָליציי, ווו מ׳האָט אַריינגערופן אַ פרוי, וואָס האָט דאָרט געאַרבעט און איר געזאָגט: „זאַבראַטש טאָ גוונאָ”. זי האָט מיר אַריינגעפירט אין אַ באַזונדער צימער, ווו זי האָט מיר געהייסן אויסטאָן זיך אינגאַנצן נאַקעט, מיר באַזוכט דורך און דורך, געהייסן שפּרינ־גען, כדי זיך איבערצוצייגן צי איך האָב נישט ערגעץ־ווו עפּעס באַהאַלטן. נאָכדעם האָב איך מיר צוריק אָנגעטאָן און מ׳האָט מיר אַריינגעפירט אין אַ קאַמער, אַ גרויסער שפּייכלער אויפן הויף פון דעם פּאָליציי־פּאָסטן. דאָרט זענען געווען פּאָליאַקן צעשלאָגענע, וואָס זענען געלעגן געקרעכצט און זיך נישט געקאָנט איבערדרייען פון זייט אויף זייט. איינער פון די שק־צים, צעשלאָגן און צעקלאַפּט, זעענדיק אויף מיר אַ זשאַקעט, וואָס איך האָב געטראָגן, האָט זיך געווענדעט צו מיר, איך זאָל אים געבן דעם זשאַקעט, וועט ער האָבן אַן אָנדענק נאָך יידן, ווייל מיר וועט מען סיי ווי שיסן. איך האָב אים גע־ענטפערט, אַז איך קאָן אים געבן אַ כאָליערע אין דער זייט. דאָרט איז אויך געווען איין ייד, וואָס, אַז ער האָט מיר דער־זען, האָט ער אויסגערופן: „מאָרגן וועלן מיר שוין ביידע ליגן אין איין גרוב!”. ער האָט מיר דערציילט, אַז מ׳האָט אים גע־פונען אין אַ באַהעלטעניש צוזאַמען מיט אַ שוועסטער, וועלכע מ׳האָט דערשאָסן. אים האָט מען געברענגט אַהער, ווייל ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט ערגעץ באַהאַלטן גאָלד. דער נאָמען פון דעם ייד איז געווען שלמה, די פאַמיליע געדענק איך נישט, ער איז געווען פון מעזריטש; מיר דוכט זיך, אַז ער איז גע־בליבן לעבן און געפינט זיך אין אַמעריקע.

זיצנדיק אַזוי האָבן מיר באַמערקט אויף די ווענט גאַנצע רשימות מיט נעמען פון יידן, וואָס זענען דאָרט געזעסן. ביי אַ טייל נעמען זענען אויך געווען דאַטעס. די נעמען זענען טיילווייז געווען געשריבן מיט בלוט. ווי דער ייד שלמה האָט געזאָגט, האָט מען דעם רוב פון זיי דערשאָסן.

ס׳איז אָנגעקומען דער אָוונט און מיר האָבן דערהערט שליסן די טיר פון דער קאַמער. מיר זענען זיכער געווען, אַז מ׳קומט אונדז אָוועקפירן צום שיסן. מיר האָבן זיך אינסטינקטיוו פאַרשטופּט אין אַ ווינקל. די טיר האָט זיך געעפנט און מ׳האָט אַריינגעבראַכט עסן, דערביי האָט מען אויסגערופן: „דליאַ זשידווו ניעמאַ יעדזעניאַ!” (פאַר יידן איז נישטאָ קיין עסן). אַזוי האָבן מיר פאַרבראַכט די גאַנצע נאַכט. יעדעס מאָל, ווען מיר האָבן דערהערט טריט אין דרויסן, נאָענט פון דער קאַמער, האָט שלמה מיר קראַמפּהאַפּט אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און געזאָגט: „אָט איצט קומט מען שוין אונדז נעמען”.

אינדערפרי, דעם 3טן מאַי, אפשר אַזייגער 7, האָט מען געעפנט די טיר, ס׳זענען אַריינגעקומען עטלעכע פּוילישע פּאָליציאַנטן און אונדז אַלע אַרויסגעפירט אויפן הויף. דאָס וועטער איז געווען אַ שיינס, אַרום זענען געשטאַנען פּאָליצ־יאַנטן און געהיים־אַגענטן מיט רעוואָלווערן אין די הענט און אונדז געהיט. נאָך אַ געוויסער צייט האָט מען אונדז צוריק־געפירט אין קאַמער.

מיטאָג־צייט האָבן מיר געהערט ווי מען פירט אַ גרופּע מענטשן און מען רעדט יידיש. איך ווייס נישט פאַרוואָס ביי דעם אַלעמען איז אויף מיר אָנגעפאַלן אַ שמחה, איך בין זיכער געווען, אַז איך וועל בלייבן לעבן. מ׳האָט געעפנט די טיר און אַריינגעפירט בערך עטלעכע צוואַנציק יידן, דער ר״ב פרויען, צווישן וועלכע איך געדענק די שוועסטער פון יידישן פּאָ־ליציאַנט קאַגוט אין מעזריטשער געטאָ, וואָס האָט זיך אויס־געצייכנט מיט זיין גוטסקייט און הילף ביי יעדער מעגלעכער געלעגנהייט

פון דער גרופּע האָב איך מיר דערוווסט, אַז מיט אַ האַלבע שעה פריער האָט מען אַפּגעשיקט אַ צווייטן טראַנספּאָרט, אין אַזוי ווי דער געטאָ דאַרף ווערן יידן־ריין, האָט מען זיי אַראָפּ־גענומען פון זאַמלפּלאַץ, כדי צו רייניקן דעם געטאָ אין צוזאַ־

מען־נעמען די זאַכן אין מאַגאַזינען. די מענטשן פון דער גרופּע זענען געזעסן און באַקלאָגט זייערע נאָענטע.

בערך אַרום 4 אַזייגער נאָכמיטאָג, האָט מען די גרופּע און מיט זיי אויך אונדז, מיר מיט שלמהן, אַרויסגעפירט אויפן הויף, אויסגעשטעלט צו צוויי פּערזאָן אין אַ שורה און אַ „שופּא" האָט אונדז אַרויסגעפירט אין דער ריכטונג צום געטאָ. מ'האָט אונדז אַריינגעפירט אין אַ הויז לעבן די דראָטן, אויסערן געטאָ. דאָס הויז האָט געדינט פאַר אַ מאַגאַזין פון די זאַכן, וואָס מ'האָט אַרויסגעפירט פון געטאָ. מ'האָט אונדז דאָרט אַריינגעפירט אויפן אויבערשטן שטאָק, אָנגעוויזן אונדז אויף בעטן און געהייסן גיין אין געטאָ ברענגען בעטגעוואַנד און אויסזוכן עסן. אונטן איז געבליבן אַ וואַך פון „שופּא".

מ'האָט אונדז אַריינגעלאָזט אין געטאָ. אויפן ערשטן אָנבליק האָט אונדז אָנגעכאַפּט אַ גרויל פון די בילדער, וואָס האָבן זיך אַנטפּלעקט פאַר אונדזערע אויגן. אויסגעהאַקטע טירן, אויפגעפּראַלטע צעבראָכענע פענצטער, פליענדיקע פעדערן פון צעריסענע קישנס און איבערבעטן, צעוואָרפענע כלים און נאָך אַזעלכע בילדער.

אין געטאָ זענען מיר אַרומגעגאַנגען פריי. איך און נאָך דריי מיידלעך, צווישן זיי איינע מיטן נאָמען בראָניאַ גראָסמאַן פון לאָדזש, זענען געגאַנגען צוזאַמען. איך בין צו צום בונקער פון מיין קוזינקע אידא קאָרנבלום, כדי צו זען וואָס מיט איר איז געשען. דער בונקער איז געווען אויף אַ בוידעם. איך בין אַריין אין הויז און דערהערט אַ שאָרך. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָרט זענען געבליבן לעבעדיקע מענטשן, וואָס האָבן זיך באַהאַלטן הערנדיק טריט. איך האָב אויסגערופן: „אידאַ!" זי האָט דערקאָנט מיין קול און איז אַרויס פון בונקער. איך האָב איר דערציילט, אַז דער געטאָ, ווי געזאָגט, איז יידן־ריין, און אַז זי מוז אַרויס פון אים. איך בין געבליבן שטיין אין דרויסן צו זען, ווען דער „שופּא", וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואַך לעבן די דראָטן אויסערן געטאָ (דאָס הויז איז געווען נאָענט צו די דראָטן אַרום געטאָ) וועט אַריבערגיין דעם ראָג און זיך עטוואָס דערווייטערן פון דעם הויז. ווען דאָס איז געשען, האָב איך אויסגערופן: איצט! איינציקווייז זענען זיי אַרויס פון הויז און אַרויס פון געטאָ.

נאָכדעם האָב איך אָנגעהויבן גיין פון הויז צו הויז און זוכן בעטגעוואַנד. אין ערשטן הויז, ווען איך בין צוגעגאַנגען צו אַ בעט און געוואָלט אַראָפּנעמען אַן איבערבעט, האָב איך דערזען אונטער איר אַ קערפּער פון אַן אַלטער פרוי אָן אַ קאָפּ. איך בין פאַרציטערט געוואָרן, אָפּגעשפּרונגען מיט אַן אויסגעשריי פון פחד און געבליבן שטיין כמעט שטום. ערשט שפּעטער האָב איך דערזען פון דערווייטנס דעם אָפּגעהאַקטן קאָפּ. איך האָב פאַרלאָזט דאָס הויז און געגאַנגען אין אַ צווייטס. איך בין אַריין און גענומען זוכן. פּלוצעם האָט מיר עמעצער אָנגעכאַפּט פון הינטן ביים אַקסל. איך האָב געגעבן אַ געשריי, האָט דער מענטש מיר פאַרשטאָפּט דאָס מויל מיט דער האַנט, און מיר שטיל געפרעגט וואָס ס'הערט זיך. אין דעם הויז איז געווען אַ בונקער, און אַז די מענטשן דאָרט האָבן געהערט רעדן יידיש, איז איינער פון זיי אַרויס. איך האָב אים דערציילט וועגן דעם מצב.

איך בין געגאַנגען ווייטער, אין אַ דריט הויז. פון דאָרט האָבן מיר אַרויסגענומען אַ קאָלדרע, קישנס און אַן איבערבעט. דאָרט האָב איך אויך געטוישט דאָס קליידל, וואָס איז מיר צעריסן געוואָרן בעתן שפּרינגען פון צוג. אין דעם הויז האָבן מיר געפונען אַ גוטן און לאַנגן שטריק, וואָס מיר האָבן זייער גערן גענומען, אויסרעכענענדיק, אַז אַזאַ שטריק קאָן אַמאָל אונדז צונוץ קומען אין אַ נויט אַראָפּצולאָזן זיך פון אַ פענצטער. מיר האָבן דאָס בעטגעוואַנד, עטלעכע סלאָיקעס קאָנפיטורן און אַ וועק־זייגער איינגעפּאַקט אין דער קאָלדרע און פאַרבינדן מיטן שטריק. מיטן פּאַק האָבן מיר זיך געלאָזט צוריק אין מאַגאַזין אַריין.

דאָרט האָבן מיר געמאַכט אונדזערע געלעגערס און זיך געלייגט שלאָפן. שטענדיק האָבן צוויי פּערזאָן געוואַכט און אַרויסגעקוקט פון די פענצטער, כדי צו וויסן וואָס ס'הערט זיך אין דרויסן. די דאָזיקע וואַך האָט זיך געטוישט אַלע צוויי שעה. מיר האָבן געזעען, אַז די דייטשן זענען אַרומגעגאַנגען אין געטאָ און געזוכט באַהאַלטענע אין בונקערס. די מענטשן וואָס זיי האָבן אַנטדעקט, האָט מען געשאָסן אויף דער גאַס אָדער אָפּגעפירט אויפן בית־עולם צום שיסן. אויף צו מאָרגנס, ווען מיר זענען אַרויס אויף דער גאַס, האָבן מיר געזעען ליגן טויטע.

מ'האָט אונדזער גאַנצע גרופּע, וואָס האָט זיך געפונען אין די הייזער־מאַגאַזינען, באַשטימט אויף צו זאַמלען די זאַכן פון די הייזער אין געטאָ און ברענגען זיי אין די מאַגאַזינען. די גרעסערע זאַכן פלעגט מען אויפלאָדן אויף פורן און אָפּפירן אַהין. איך האָב געאַרבעט ביים סאָרטירן די זאַכן אין מאַגאַזין. נייע זאַכן פלעגט מען פּאַקן אין באַזונדערע פּעקלעך און זיי ברענגען אין דער שוץ־פּאָליצײ פאַרן לייטענאַנט זייפערט. צווישן די זאַכן פלעגט מען אָפט געפונען פאַרנייטע צירונג, גאָלד א"אַ. עטלעכע מאָל איז מיר אויסגעקומען אָפּצופירן פּעקלעך מיט נייע זאַכן פאַרן לייטענאַנט זייפערט.

נאָך אַ פּאָר טעג האָבן די דייטשן פאַרלאָזט דעם געטאָ. די באַהאַלטענע יידן זענען אַרויס פון די בונקערס און ס'זענען צוריקגעקומען די אַלע, וואָס האָבן זיך געפונען אויסערן געטאָ. אַ טייל פון זיי האָט זיך אַריינגעקראָגן אין די מאַגאַזינען צו דער אַרבעט.

דאַן איז געוואָרן קאָמענדאַנט פון דער יידישער פּאָליצײ איינער לוביטש, אַ מוזיקער (זאָל האָבן געשטאַמט פון ביאַליסטאָק), וואָס איז פריער געווען אַ פּאָליציאַנט און זיין עיקר באַשעפטיקונג איז געווען צו שפּילן פאַר די דייטשן, פאַרשטייט זיך, אויסערן געטאָ. דער דאָזיקער לוביטש האָט גענומען אַרויסשטויסן אַ טייל פון די, וואָס האָבן דעמאָלט געאַרבעט אין מאַגאַזין און אויף זייער אָרט אַריינגענומען זיינע באַקאַנטע, אָדער די, וואָס האָבן אים דערפאַר פיין באַלוינט. אויך איך בין געווען צווישן די אַרויסגעשטויסענע, און איך האָב זיך אומגעקערט אין געטאָ.

דאָס אויפהאַלטן זיך אין געטאָ איז געווען נישט זיכער און צוליב דעם פלעגט ער זיך אין די נעכט אויסליידיקן. מיטן צופאַלן פון דער נאַכט האָבן אים אַלע פאַרלאָזט און גענעכטיקט אויסערן געטאָ און אין בונקערס. אינדערפרי, אַרום 8—9

אַזייגער, אַז מ'האָט געזען, אַז ס'איז שטיל, איז מען צוריקגעקומען אין געטאָ, זיך אָפּגעוואַשן, אָפּגעפרישט און אויסגעשלאָפן במשך פון טאָג. עסן פלעגט מען באַקומען פון פויערים פאַר פאַרשיידענע זאַכן, וואָס מ'האָט זיי פאַרקויפט פון די הייזער. פון עסן האָט גאָרנישט געפעלט.

אין דער צייט האָבן זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן בילדן גרופּעס, וואָס זענען אַוועק אין די וועלדער אַרום מעזריטש. געווער פון אַלע סאָרטן האָט מען געשאַפן פון פאַרשיידענע קוועלן. מ'האָט זיך אויפגעהאַלטן אין די וועלדער און פון צייט צו צייט געקומען אין געטאָ, כדי צו באַקומען עסנוואַרג און אַנדערע זאַכן. די יידן אין די וועלדער האָבן געהאַט אַ סך אויסצושטיין, פון איין זייט פון די פוילישע „א. ק.־אָווצעס" (אַרמיאַ קראַיאָוואַ — אַ רעאַקציאָנערע און אַנטיסעמיטישע קאַמפּס־גרופּע), און פון דער צווייטער זייט, פון רוסישע געפאַנגענע, וואָס זענען אַנטלאָפן פון דייטשער געפאַנגענשאַפט און זיך אָרגאַניזירט אין גרופּעס אין די וועלדער. זיי פלעגן אָנפאַלן אויף די יידן, צונעמען ביי זיי דאָס געווער, אַלץ וואָס זיי האָבן געהאַט און זיי פאַרטרייבן פון די וועלדער. זייער שיטה איז געווען, צו ערשט זיך ווייזן ווי פריינד, זיצן צוזאַמען — און יידן האָבן געהאַט צו זיי צוטרוי — און דערנאָך אָנהייבן שיסן און צונעמען אַלצדינג.

איך האָב מיר איינמאָל אָנגעשלאָסן אָן אַזאַ גרופּע, אָבער אויפן דריטן טאָג פון אונדזער זיין אין וואַלד, האָט אַ גרופּע פון רוסישע געפאַנגענע, נאָך דעם ווי זיי זענען מיט אונדז געזעסן, געגעסן און זיך באַפריינדעט, אונדז אַרומגערינגלט מיט געווער אין די הענט, געשאָסן און פאַרוווּנדעט אַ מעזריטשער בחור, אַלץ צוגענומען און אַרויסגעטריבן אַלע בחורים פון וואַלד. די מיידלעך האָבן זיי פאָרגעלייגט צו בלייבן מיט זיי, אָבער אַלע האָבן פאַרלאָזט דעם וואַלד און אַנטלאָפן צוריק אין געטאָ.

אין דער צייט האָט מיר איינמאָל אָנגעטראָפן מיין קוזינקע אידא קאָרנבלום און מיר געזאָגט, אַז זי גייט אַוועק אין אַ בונקער צו אַ קריסט, ווייל מ'זאָגט, אַז ס'דאַרף זיין אַ נייע אַקציע, און אַז איך זאָל אויך פאַרלאָזן דעם געטאָ. איך האָב איר געזאָגט, אַז איך האָב נישט וווהין צו גיין. זי איז אַוועק מיט עטלעכע מעזריטשער, און נאָך אַ קורצער צייט האָב איך געהאַט אַ ידיעה, אַז מען האָט איר דערמאָרדעט.

אַזוי איז אָנגעגאַנגען בערך 3—4 וואָכן. סוף מאַי, אַרום 9 אַזייגער פרי, ווען אַלע זענען צוריקגעקומען פון די נאַכט־בונקערס, האָבן די דייטשן אַרומגערינגלט דעם געטאָ און אָנגעהויבן די זעקסטע אַקציע. די מענטשן וואָס זענען געשלאָפן אין מאַגאַזין האָט מען נישט געטשעפּעט. מ'האָט נישט באַזונדערס געזוכט קיין בונקערס און מ'האָט אויך נישט געשאָסן. מ'האָט אונדז אַלע, וועלכע מ'האָט פאַרהאַלטן אין געטאָ צוזאַמענגענומען, אויסגעשטעלט אין שורות און אַוועקגעפירט אויף די „פּיאַסקעס", הינטערן שטאָט. דאָרט איז געשטאַנען אַ גרויסער באַראַק. דער זאַמלפּלאַץ דאָרט איז געווען אַרומגעשטעלט מיט מאַשין־געווער. אַזוי ווי מיר זענען אַהין אָנגעקומען, האָט מען אויסגערופן, אַז די אַלע, וואָס אַרבעטן אין מאַגאַזין זאָלן אַרויסגיין באַזונדער. איך בין אויך אַרויס און געוואַגט מיטגיין מיט דער גרופּע. דער קאָמענדאַנט לוביטש האָט באַלד אָנגעוויזן דעם דייטש אויף מיר, אַז איך געהער נישט צו די מאַגאַזין־אַרבעטערס. דער דייטש האָט מיר מיט דער ביקס־קאָלבע געגעבן אַ זעץ אין דער פּלייצע, אַז איך האָב פאַרלוירן דעם אָטעם, און מיר צוריקגעוואָרפן צו די אַנדערע.

ביים אַריינגאַנג אין באַראַק איז געשטאַנען לייטענאַנט זייפערט מיט עטלעכע „שופּאָ". ווען איך בין אָנגעקומען צום טויער, האָב איך געוואַגט זיך צו ווענדן צום לייטענאַנט און אים דערמאָנען, אַז איך פלעג אים ברענגען פּעקלעך, און אַז ער האָט מיר פיל מאָל געזען ביים שוסטער שלמהלע ביאַלער, וועלכן איך פלעג באַזוכן ביים ברענגען די פּעקלעך. ער האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ גרויסן אָפענעם אויטאָ מיט בענק, וואָס איז געשטאַנען אויפן פּלאַץ, אויף וועלכן ס'האָבן זיך שוין געפונען אַ 8—10 פּערזאָן, און מיר געהייסן אַהין אַרויפגיין. אויפן אויטאָ זענען אַלע מאָל צוגעקומען נאָך מענטשן, וואָס מ'האָט אויסגעקליבן פון צווישן די פאַרזאַמלטע.

די איבערגעבליבענע אויף די „פּיאַסקעס" האָט מען אויסגעשטעלט אין שורות און צו דריי, שורות־ווייז אַריינגעפירט אין באַראַק. דאָרט האָט מען זיך אויסגעטאָן, מענער זענען געבליבן אין די גאַטקעס און פרויען אין די העמדער, אַלע באָרוועס. מ'האָט זיי אַרויסגעפירט אין דער צווייטער זייט פון באַראַק און ווידער אויסגעשטעלט אין שורות און אָפּגעפירט אין אַזאַ הולך צו דער באַן־סטאַציע, פון וואַנען מ'האָט זיי אָפּגעפירט צו אַ טויט־לאַגער.

נאָכדעם ווי דער צוג מיטן טראַנספּאָרט איז אַוועק, האָט מען אונדז אַלע אויפן אויטאָ אָפּגעפירט אין דער פוילישער פּאָליציי, אין דעם זעלבן שפּייכלער, ווו איך האָב זיך געפונען בעת דער פינפטער אַקציע. דאָרט זענען געווען אַ סך יידן און אויך פּאָליאַקן. צווישן די יידן זענען געווען די קליינבוימס פון ראַדזין. איך האָב זיך אַוועקגעלייגט שלאָפן, און הער קליינבוים, זעענדיק ווי לייכט איך בין געווען אָנגעטאָן, האָט אויסגעטאָן זיין מאַרינאַרקע און מיר מיט זי צוגעדעקט. אויף צומאָרגנס, האָט מען אונדז פון דאָרט אַרויסגעפירט אין די מאַגאַזינען צו סאָרטירן טעפּ און כלים.

ב. אין א בונקער אין צענטער מעזריטש

נאָך דער זעקסטער אַקציע אין מעזריטשער געטאָ, זענען דאָרט געבליבן בערך 150—200 יידן. צווישן זיי זענען געווען אַ סך וואָס זענען געשפּרונגען פון דער באַן בעת דער לעצטער אַקציע.

יעדערער באַזונדער האָט געקלערט און געזוכט וועגן ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען, לרוב אין בונקערס ביי גויים. פון ביאַלער האָבן זיך דעמאָלט געפונען אין מעזריטשער געטאָ (די וואָס איך געדענק) : שרהטשע וויזנפעלד, משה שטיינבערג מיט זיין

שוועסטער עלקע, פייוול בוכהאַלטער, אברהם נוכאָוויטש מיט זיין שוועסטער רבקה, יהודית פלוער מיט איר זונעלע, שמואל גוויאזדא מיט זיין פרוי עלקע, שרה פרעטער מיט איר ברודער פנחס, פרל׳ באס און מ. פייגנבוים.

איך האָב זיך אַרומגעדרייט גאַנצע טעג, נישט וויסנדיק וואָס צו טאָן מיט זיך. אַזוי אויך יעדער איינער פון אונדז. אין אָוונט פלעגט יעדער זיך לאָזן צו זיין באַהעלטעניש, כדי איבערצושלאָפן די נאַכט. איך האָב נישט געהאַט קיין באַשטימט אָרט.

אין געטאָ איז געווען איינער, פּאָטאַש, אַ מעזריטשער איידעם (דוכט זיך מיר פון גראָדנער קאַנט), וואָס האָט שיין געזונגען. אַרום אים האָט זיך געשאַפן אַ קרייז, וואָס פלעגט זיך פאַרזאַמלען אין די אָוונטן. ער פלעגט זינגען פאַרשיידענע לידער און אַלע האָבן מיטגעזונגען.

אין אַ געוויסן טאָג האָט פּאָטאַש מיר דערזען אין געטאָ. ער איז צוגעקומען און געפרעגט:

— דו ביסט דאָ?

— פון וואַנען קענסטו מיר? האָב איך אים געפרעגט.

ער האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט מיר אַמאָל געזען צוזאַמען מיט מיין מוטער און מומעס, ווען מיין מוטער האָט געזוכט ווען ווי אַזוי מיר איינצואָרדענען ביי אַרבעט אין דער פאַבריק פון קורט דע לעאור. ער האָט זיך דעמאָלט צוגעקוקט דערצו פון דערווייטנס, ווייל מיין מוטער האָט אויף אים געמאַכט אַ גוטן איינדרוק. דאָס בילד איז אים געבליבן אין זכרון און פון דאַן געדענקט ער מיר.

ער האָט מיר געפרעגט, ווו ס׳איז די מוטער. איך האָב אים דערציילט, אַז די מוטער איז אַוועק בעת דער צווייטער אַקציע. דאַן האָט ער מיר געפרעגט, צי איך האָב ערגעץ אַ בונקער, אין פאַל מ׳וועט לגמרי ליקווידירן דעם געטאָ. אויף מיין תשובה, אַז נישט, האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער האָט פאַר מיר אַ פאָרשלאַג: זיי זענען דריי פּערזאָן, ער, זיין פרויס קוזינקע (מיטן נאָמען אַלטע) און איינער, מאַקאָווער פון לאָדזש. זיי האָבן אַ בונקער אויסערן געטאָ, וואָס אַ ייד האָט געהאַט צוגעגרייט, און זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן בעת דער ערשטער אַקציע, און ער, פּאָטאַש, האָט פון דעם בונקער געוווּסט. ער וועט פרעגן מאַקאָווערן, אויב ער איז מסכים, וועל איך אויך קאָנען זיין מיט זיי אין בונקער. פאַרשטענדלעך, אַז איך האָב פון מיין זייט באַלד מסכים געווען. מ׳האָט אָפּגערעדט, אַז אויף צומאָרגנס וועלן מיר זיך טרעפן מיט מאַקאָווערן, זיך באַקענען און וועגן דעם באַשליסן.

אויף צומאָרגנס האָבן מיר זיך געטראָפן מיט מאַקאָווערן, וואָס האָט געהאַט אַן אויסזע פון אַן אמתן קריסט. איך בין אים געפעלן געוואָרן ווי אַ שותפטע צום בונקער און ער האָט געגעבן זיין הסכמה. ער האָט מיר געזאָגט, אַז מ׳גרייט פּראָוויאַנט אויף אַ יאָר צייט, און אַז זיי האָבן שוין צוגעגרייט סוכאַרעס, פּעטס, קאַשע, זעק קאַרטאָפל, זאַלץ, נאַפט, נאַפט־מאַשינקעס, טעפּ, שיסלען, עמערס, קאָלדרעס, קישנס, שעני־קעס אאַ״וו. אָבער אויב איך קאָן מאַכן עפּעס געלט, זאָל איך איינקויפן נאָך עסנוואַרג, און אויך זאָרגן פאַר אַלע פּערזענ־לעכע זאַכן פאַר זיך (וועש, קליידונג אאַ״וו) איך האָב צונויפ־געגנומען פאַרשיידענע זאַכן פון די הייזער, פאַרקויפט צו קריסטן און געמאַכט אַ 150 זלאָטעס. פון דעם געלט האָב איך איינגעקויפט עסנוואַרג און אַ ביסל מזומן האָב איך געגעבן מאַקאָווערן, ווייל מ׳האָט געדאַרפט אויך אַ ביסל באַרעס געלט.

אויפן צווייטן טאָג האָב איך געמאַכט אַ פּעקל און מ׳האָט אָפּגערעדט זיך צו טרעפן אין אַ צייטווייליק באַהעלטעניש, אין אַ ליידיק הויז, וואָס איז געווען אַנטקעגן דעם באַשטימטן באַהעלטעניש. אין דעם הויז, אויפן בוידעם האָט מען געזאַמלט די פאָרגעברייטע זאַכן ביז מ׳וועט אַריבערגיין אויף סטאַביל אין דעם ריכטיקן בונקער. דאָרט פלעגן מיר אויך איבערנאַכ־טיקן די נעכט און אינדערפרי צוריקגיין אין געטאָ. דאָס האָט אַזוי געדויערט עטלעכע טעג. נאָך אַ פּאָר טעג האָט מיר פּאָטאַש דערציילט, אַז אַזוי ווי ס׳פעלט נאָך אויס געלט, האָט מען צוגענומען נאָך צוויי בחורים; פייוול בוכהאַלטער פון ביאַלע און לאָזער (אליעזר) פון סעראָצק.

מיר האָבן באַשלאָסן, אַז אין אַ וואָך אַרום, ווען די לבנה גייט אויף שפּעט ביינאַכט, וועלן מיר אַריבער אין אונדזער באַהעלטעניש, ווו מיר וועלן שוין פאַרבלייבן.

דער בונקער איז געווען אויף פאָלגנדיקן אָרט. אין מעזריטש אויפן מאַרק איז געווען אַ האָטעל, אין וועלכן ס׳האָבן געוווינט ס״ס־לייט. האַרט ביי דעם האָטעל, מיט אַ שותפות־דיקער וואַנט איז געשטאַנען אַ נידעריק הייזל, וואָס האָט געהאַט פון דער זייט צום מאַרק אַ געשעפט פון אייזנוואַרג. הינטער דעם געשעפט, צו דער זייט פון דער יאַטקע־גאַס, זענען געווען שפּייכלערס פון דעם געשעפט. איבער דעם גע־שעפט און שפּייכלערס איז געווען אַ ליידיקע דירה, אין וועלכער מ׳איז אַריינגעקומען דורך טרעפּ פון דרויסן. איבער דער דירה איז געווען אַ בוידעם מיט אַ משופּעדיקן דאַך, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן פון דער זייט פון דער יאַטקע־גאַס אויף אַ הילצערן ווענטל פון אַ 70 צענטימעטער די הייך, זיך אויפגעהויבן אינדערמיט ביז צו אַ פענצטערל, און פון דאָרט ווידער זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער זייט פון מאַרק, ביז צום סופיט פון דער דירה. אין דער זייט פון מאַרק, ווו דער דאַך האָט זיך אַראָפּגעלאָזט, זענען געווען לעכער פון וועלכע מ׳האָט אַלץ געזען, וואָס ס׳טוט זיך אויפן מאַרק, אָבער פון דרויסן האָט מען אונדז נישט געקאָנט זען.

אין בונקער האָט מען נישט געקאָנט שטיין, נאָר זיצן און גיין איינגעבויגן. ביים פענצטערל, אינמיטן דאַך האָט מען געקאָנט זיך אויפשטעלן און אַרויסשטעקן דעם קאָפּ. אין ווענטל פון די 70 צענטימעטער, צו דער זייט פון יאַטקע־גאַס, זענען געווען שפּאַלטן, פון וועלכע מ׳האָט געזען די אַריינגאַנגס־טרעפּ פון דער דירה און דעם הויף. דאָרט איז שטענדיק געזעסן איינער פון אונדז און אַכטונג געגעבן צי מ׳גייט נישט אַרויף אין דער דירה. אַז ס׳איז געווען וועלכער ס׳איז חשד, האָט מען גלייך געגעבן אַ סימן מ׳זאָל שטיל בלייבן. דער אַריינגאַנג אין דעם בונקער פון דער דירה איז געווען דורך אַ מאַסקירטער עפענונג אין סופיט פון ערשטן צימער.

אַרום דעם הייזל פלעגט ביינאַכט אַרומגיין אַ שומר, וואָס האָט געהיט דאָס געשעפט און די שפּייכלערס.

מיר האָבן אָפּגעוואַרט די וואָך, און אַרום איינס ביינאַכט האָבן מיר אָנגעהויבן דאָס איבערטראָגן זיך אין בונקער. מ׳האָט אָפּגעוואַרט, ווען דער שומר איז געווען אין דער זייט פון מאַרק, זענען מיר אַריבערגעלאָפן, אָנגעטאָן אין לאַפּטשעס אויף די פיס אָדער אינגאַנצן באָרוועס, צוזאַמען מיט די פעקלעך, און אַריין אין דער דירה פון בונקער. די גרעסטע טייל פון די זאַכן זענען שוין געווען אין בונקער פון פריער. דאָרט האָט מען ווידער זיך פאַרהאַלטן אַ צייט ביז דער שומר האָט געמאַכט זיין טור, און גענומען שטיל זיך אַרויפבאַקומען אין דעם בונקער.

די אינערלעכע איינאָרדענונג פון בונקער איז געווען אַזעלכע. די זייט פון ווענטל צו דער יאַטקע־גאַס איז געלאָזט געוואָרן פריי, כדי מ׳זאָל קאָנען פריי צוקומען. אויך איז אויף דער זייט געווען דער אַריינגאַנג אין דעם באַהעלטעניש. אינדערמיט, אונטערן פענצטערל זענען געשטאַנען צוויי נאַפּטמאַשינקעס. ביי דער געמויערטער וואַנט, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיטן האָטעל, זענען געווען די פּראָדוקטן. אָפּגערוקט פון ווענטל צו דעם געסל־צו, זענען אויסגעלייגט געווען די געלעגערס, און אַ ביסל אָפּגערוקט פון זיי, אין דעם טייל צום מאַרק־צו איז געווען אַ מחיצה פון אַלטע שעניקעס, הינטער וועלכע ס׳זענען געשטאַנען עמערס מיט וואַסער. דער אַריינגאַנג אין סופיט איז געווען פאַרלייגט מיט אַ שטיין. לעבן אריינגאַנג איז געווען אָנגעגרייט קאַלך מיט אַ פּענדזל, און נאָכן אַרויפגיין אין בונקער פלעגט דער לעצטער פאַר זיין אַרויפגיין צוקאַלכן דעם סופיט אַרום דעם איינגאַנג, אויב ס׳איז געווען ערגעץ־ווו אָפּגעריבן. צום אַריינגאַנג האָט מען נישט גענוצט קיין לייטער, נאָר מ׳פלעגט זיך אַרויפציען און אַראָפּלאָזן מיט דער הילף פון אַ פענצטער, וואָס איז געווען נישט ווייט פון אַריינגאַנג, און מיט דער הילף פון איינעם צום צווייטן.

אין בונקער זענען מיר אַריין אין אַ מאָנטיק, אינמיטן יולי 1943. בייטאָג האָבן זיך די בלעכן איבער די קעפּ אָנגעהיצט און פון אונדז האָט זיך געגאָסן די שווייס. אַרויסקוקנדיק האָבן מיר, פון צייט צו צייט, געזען אויפן מאַרק דורכגיין אַ ייד. מיר זענען אַזוי געלעגן אַ דריי טעג, און הערנדיק. אַז אַרום איז רואיק, האָבן מיר פרייטיק באַשלאָסן אַראָפּצוגיין ביינאַכט און פאַרברענגען דעם שבת און אפשר נאָך אַ פּאָר טעג אין געטאָ. מיר אַלע האָבן זיך געלעגט שלאָפן אין די מלבושים און אָפּגערעדט, אַז ווער ס׳וועט זיך אויפכאַפּן דער ערשטער, זאָל אויפוועקן די איבעריקע. צו אונדזער גליק זענען מיר שטאַרק איינגעשלאָפן, און ווען מ׳האָט זיך אויפגעכאַפּט איז די לבנה שוין געווען אויפגעגאַנגען און מיר האָבן נישט געקאָנט אַרויס. האָבן מיר באַשלאָסן אָפּצולייגן דאָס אַרויסגיין אויף דער צווייטער נאַכט.

שבת פרי האָבן מיר דערהערט אַ שיסעריי פון דער זייט פון געטאָ. מיר האָבן פאַרשטאַנען וואָס ס׳קומט פאָר און געלעגן אין ציטערניש אַ גאַנצן טאָג. שבת־צונאַכט, אַרום האַלבע נאַכט, האָבן מיר דערהערט טריט אויף די טרעפּ, באַלד אויך אין דער דירה אונטער אונדז, און אַ גראַבלען ביים אַריינגאַנג אין אונדזער בונקער. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס זענען יידן און מיר האָבן גלייך געעפנט דאָס טירל. דאָס זעלבע איז געשען אויך די צווייטע נאַכט, אויף צומאָרגנס זונטיק. איןביידע פאַלן זענען צוגעקומען צו אונדז אין בונקער: די ביאַלער משה שטיינבערג מיט זיין שוועסטער עלקע, און שרהטשע ווייזנפלד מיטן מעזריטשער בחור גאלדבערג. ווער פון זיי איז געקומען פריער, געדענק איך נישט. אַזוי זענען מיר שוין געווען צען פּערזאָן אין בונקער. זיי האָבן דערציילט, אַז פּאָליאַקן זאָלן האָבן אויסערן געטאָ געשאָסן אויף דייטשן. גלייך נאָכדעם זענען די דייטשן אַריין אין געטאָ און וועמען זיי האָבן אָנגעטראָפן האָבן זיי דערשאָסן אויפן אָרט, און אַז איצט איז דער געטאָ שוין לגמרי ליקווידירט. נאָר ביי דער שוץ־פּאָליציי זענען געבליבן די צוויי יידישע שוסטערס, שלמהלע ביאַלער און זיסקינד. דער פּאָליאַק לעשטשוק, וואָס האָט געוווינט אין אַ הויז נאָענט פון געטאָ, און וואָס איז געווען דער עיקר אויפקויפער פון די יידישע זאַכן, האָט אָרגאַניזירט אַ גרופּע שקצים, וואָס גייען אַרום זוכן בונקערס, שלעפּן אַרויס די יידן פון דאָרט און די דייטשן דערשיסן זיי אויפן אָרט.

אין דעם זעלבן זונטיק האבן מיר געזען ווי „שופאָ” האָט זיך אויסגעשטעלט בייב קאָשטשאָל אויפן מאַרק און קאָנטראָלירט די „קענקאַרטעס” ביי די אַרויסגייענדיקע. זיי האָבן פאַרהאַלטן צוויי פּערזאָן, זעט אויס יידן, און זיי אַוועקגעפירט.

אין אַ געוויסן טאָג איז אַ גרופּע שקצים אַריינגעקומען אין דער דירה אונטער אונדזער בונקער און גערופן „זשידזשי זלאַזשיטש! זיך אַרומגעדרייט איבער דער דירה און צוריק אַרויס. אונדזערע געפילן דאַן איז איבעריק צו באַשרייבן.

אין טעג אַרום, אפשר אַ וואָך אָדער 10 טעג, האָבן מיר געזען דורך די שפּאַרעס פון ווענטל צום געסל־צו, ווי לעשטשוק מיט זיין באַנדע זענען אַריין אין דעם הויז, ווו מיר פלעגן זיך אויפהאַלטן פאַרן אַריינגיין אין בונקער. באַלד זענען זיי אַרויס, און לעשטשוק איז אַוועק מיט אַן אימפּעט. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז זיי האָבן דאָרט געפונען יידן. ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט, איז אָנגעקומען „שופּאָ”. מ׳האָט פון דעם הויז אַרויסגעפירט אַ גרופּע יידן (אפשר 10) און אויפן אָרט זיי דערשאָסן מיט אַ מאַשין־געווער.

ס׳זענען אַוועק טעג נאָך טעג. מיר האָבן געזען פון אויבן ווי די שקצים גייען אַרום, אָבער צו אונדזער הייזל זענען זיי מער נישט געקומען. ס׳איז מעגלעך, אַז ס׳האָט זיך זיי נישט געגלויבט, אַז אין דעם הויז, וווּ פון איין זייט איז דער האָטעל מיט די דייטשן און פון אונטן — דאָס קריסטלעכע אייזנגעשעפט, זאָל זיך געפינען אַ יידישער בונקער.

דערווייל האָט זיך דאָס לעבן אין בונקער אָנגעהויבן צו נאָרמאַליזירן ביי יעדן איינעם, און אין באַצוג פון איינעם צום צווייטן. אין קליינעם וועלטל, אויף אַ בוידעם, האָט די מענטשלעכע נאַטור מיט אירע פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע זייטן, געטאָן דאָס איריקע. פון איין זייט האָט אַ געמיינזאַמער גורל צוזאַמענגעבונדן די אַלע יחידים פון דעם בונקער אין איין געמיינשאַפט, פון דער צווייטער זייט, האָט יעדער יחיד אָדער יעדעס פּאָרל געלעבט אין זיך זיין באַזונדער לעבן.

צוגרייטן דאָס עסן פלעגן די פרויען, שיילן די קאָר־

טאָפּל, רייניקן די גרויפּן אַא״וו. מאַקאָווער, ווי דער ראָש פון בונקער, פלעגט קאָכן און פאַרטיילן די פּאַרציעס. לרוב האָט מען געקאָכט קאַרטאָפל און פערלקאַשע. אַז מ׳פלעגט באַקומען די פּאַרציע, האָט מען זיך אַזוי צוגעכאַפּט צום עסן, אַז ס׳האָט זיך אויסגעדוכט, אַז איידער מ׳האָט נאָך אָנגעהויבן צו עסן האָט מען שוין געזען דעם דנאָ פון טעלער. אויפן געביט פון עסן איז נישט געקומען צו קיין רייסערייען צווישן דער בונקער־משפחה, און אַלץ איז פאַרלאָפן רואיק און אין אָרדענונג.

דאָס אויסגיסן די שמוציקע עמערס און דאָס ברענגען ריינע וואַסער, פלעגט פּאַרקומען איין מאָל אין חודש, אין די פינצטערע נעכט. דאָס פלעגן טאָן די מענער. דאָס זשעטשנע געסל ביים הייזל, ווו ס׳האָט זיך געפונען אונדזער בונקער, האָט זיך געצויגן ביזן טייך. אין די זייטן זענען געשטאַנען ליידיקע הייזער, נאָר צוויי קריסטלעכע פאַמיליעס האָבן דאָרט געוווינט, אָבער שוין נאָענט צום טייך צו. אין אַ פינצטערער נאַכט האָבן די מענער, גאַנץ שטיל און פאָרזיכטיק, אַדורכגעשלייכט זיך צום טייך, אין איין אָרט דאָרט אויסגעליידיקט דאָס שמוץ און אויף אַן אַנדער אָרט געשעפּט ריינע וואַסער צום טרינקען און קאָכן.

ס׳זענען געווען די הייסטע זומער־חדשים. די בלעכן איבער די קעפּ האָבן גאַנצע טעג געהיצט און פון אונדז איז געפלאָסן די שווייס. מ׳האָט פון זיך אַראָפּגענומען, וואָס מ׳האָט געטראָגן, ביז אַ באַשטימטער מעגלעכקייט, אָבער מ׳האָט זיך נישט געקאָנט העלפן. דורך די שפּאַרעס האָט מען געזען, אַז ס׳איז נאָך דאָ אַ וועלט וואָס לעבט פריי. קריסטן זענען געגאַנגען פריי אין די גאַסן. אין די זונטיק־טעג האָבן מיר געזען די שיקסעס אויסגעפּוצטע גיין אין קאָשטשאָל, וואָס איז געווען אין אַ זייט קעגנאיבער דעם האָטעל. ס׳האָט זיך דערוועקט אַ קנאה און נאָכדענקען, צי וועלן מיר נאָך אַמאָל דערלעבן אַרויסקומען פון בונקער, און זיך נאָך אַמאָל אָנטאָן מיט מענטשן צוגלייך. אַן אַנדער מאָל איז מען אַריינגעפאַלן אין אַן אומענדלעכן יאוש, מ׳האָט מער גאָרנישט געהאָפט און אין גאָרנישט מער געגלויבט.

אין די אָוונטן, ווען אין דרויסן איז אַרום געווען שטיל, האָט מען אויך אין בונקער אָפּגעהיט די שטילקייט, אונדזער עקזיסטענץ זאָל נישט דערהערט ווערן אין דרויסן. ווען אָבער אין דרויסן האָט גערעשט, האָט מען זיך אין בונקער דערלויבט אויף פאַרשיידענע נישט אָנגענעמע זאַכן. דאָ זענען פאַרלעך ברוגז געוואָרן, איין בחור האָט אָפּגערעדט אַ מיידל פון אַ צווייטן און צווישן ביידע בחורים איז געקומען צו אַ קריגעריי. און אַזוי ווי ביי אונדז זענען געווען עטלעכע פאַרלעך, איז אַמאָל געקומען צו אַן אַלגעמיינער קריגעריי כמעט פון גאַנצן בונקער. פּאַטאַש האָט דעמאָלט געעפנט דאָס טירל און געגעבן אַ געשריי: „גייט אַראָפּ! נאָכוואָס דאַרף מען אונדז אַנטדעקן און אַראָפּפירן צום אומקום? גייט פרייוויליק!״

דער מעזריטשער בחור האָט געהאַט אַ באַקאַנטן שגץ און מ׳פלעגט אים פון צייט צו צייט אַראָפּשיקן איינצוקויפן מיט דער הילף פון זיין באַקאַנטן פאַרשיידענע פּראָדוקטן. אָט דער בחור, וואָס איז געווען איינער פון די בעסטע בונקער־חברים, האָט, זעט אויס, נישט געקאָנט גובר זיין אַ מענטשלעכע שוואַכקייט, און נישט איבערגעגעבן זיין אייגן געלט אינגאַנצן אין דער אַלגעמיינער קאַסע. ביי דער געלעגנהייט פון איינקויפן פאַרן כלל, האָט ער איינגעקויפט פּריוואַט פאַר זיך און זיין מיידל. ביינאַכט, ווען מען פלעגט שלאָפן, האָט מען פון זייער ווינקל געקאָנט הערן דאָס קנאַקן פון די צוקערלעך־פּאַפּירלעך און דעם ריח פון וווּרשט.

פּאַטאַש פלעגט פאַר אונדז שטיל לייענען פּרצן, שלום עליכמען און גרעצן, וועמענס ביכער ס׳האָבן זיך ביי אונדז געפונען. שפּעטער האָבן מיר געבראַכט פון געטאָ נאָך אַנדערע ביכער. טיילמאָל פלעגט ער אונדז לייענען און איבערזעצן פון העבראיש(איך קאָן מיר נישט דערמאָנען וואָס). ער פלעגט אונדז אויך אין דער שטיל זינגען יידישע לידער. איין ליד געדענק איך, וועגן יום כפור אין שול, ווו דער עולם שטייט אין ערפורכט ביים דאַווענען.

אויפן מאַרק איז געווען אַ דייטשער מעגאַפאָן, וואָס פלעגט איבערגעבן, אַ פּאָר מאָל אין טאָג, די נייעס פון די פראָנטן. די נייעס האָבן מיר גאַנץ קלאָר געהערט, אָבער אין יענער צייט האָבן זיי אונדז זייער ווייניק טרייסט און האָפענונג געבראַכט. דאַקעגן פלעגט דער מעזריטשער בחור, נאָך זיין צוריקקומען פון זיין באַקאַנטן שגץ, ווו ס׳איז געווען אַ באַהאַלטענער ראַדיאָ־אַפּאַראַט, אונדז ברענגען נייעס פון די ענגלישע ראַדיאָ־סטאַציעס און מיר האָבן געקאָנט פאַרגלייכן די ביידע מקורות.

אַזוי זענען פאַרביי עטלעכע חדשים, און אין דער צייט איז דער מצב אין בונקער און די באַציאונגען צווישן די מענטשן דאָרט געוואָרן אָנגעשטרענגטער. בערך האַרבסט־צייט האָט מאַקאָווער, מורא האָבנדיק, אַז מ׳וועט סוף כל סוף אונדז אַנטדעקן, אַראָפּ פון בונקער, כדי צו גיין אין אַ דאָרף און אויסגעפינען פאַר אונדז נייע באַהעלטענישן ביי קריסטן אָדער אין וועלדער. ווי געזאָגט, האָט מאַקאָווער געהאַט דעם אויסזע פון אַ קריסט, און ער איז געווען דער פּאַסיקסטער שליח צו דעם צוועק. ער איז אָבער מער נישט צוריקגעקומען, און מיר זענען געבליבן נאָר ניין פּערזאָן. אין אַ צייט אַרום האָט דער מעזריטשער בחור געברענגט די טרויעריקע ידיעה פון זיין באַקאַנטן שגץ, אַז אַ פּאָליאַק האָט מאַקאָווערן דערקאָנט אויף דער גאַס, אים אויסגעגעבן און מ׳האָט אים נאָכדעם דערשאָסן.

דערוויל האָבן זיך די סאַניטאַרע באַדינגונגען ביי אונדז מער־און־מער פאַרערגערט. די קערפּערס האָט מען כמעט אינגאַנצן נישט געוואַשן. מ׳איז פאַרלייזיקט געוואָרן, ס׳האָבן נישט געפעלט קיין פליי, און יעדעס מאָל האָט אַן אַנדערער באַקומען די „שוויצזשבע״. צו דעם צוועק איז געווען אָנגעגרייט שוועבל־מאַשטש, און דאָס איז געווען דאָס איינציקע ראַדיקאַלע רעטונגס־מיטל.

ביי מיר האָט זיך אין יענער צייט געעפנט די ווונד אין פוס, אָנגעהויבן צו אייטערן, יעדעס מאָל טיפער און טיפער, און דער פיס האָט אָנגעהויבן שוואַרץ ווערן. דערצו האָב איך מיר פאַרקילט די דריזן און ס׳האָבן זיך מיר אויסגעגאָסן ווונדן אויפן קאָפּ. מ׳האָט דעמאָלט באַשלאָסן, אַז צוויי בחורים זאָלן אַראָפּגיין איינקויפן און איך זאָל מיטגיין איינקויפן פאַר

זיך מעדיקאַמענטן אין אַפּטייק, און אויך אַ פּאָר ברויטלעך אין אַ בעקעריי.

צו יענער צייט האָט די נאַכט זיך שוין געשטעלט זייער פרי, און די קריסטלעכע געשעפטן זענען נאָך געווען אָפן, ווען ס׳איז שוין פינצטער געווען אין דרויסן. ווי איך געדענק, איז דאַן געווען דער קאַטוילישער יום טוב „זאַדושקי״ (טאָג פון יזכור), מיר האָבן געזען די קריסטן גיין מיט בלומען אין די הענט.

איך בין אַריין אין אַן אַפּטייק און געבעטן די נייטיקע מעדיקאַמענטן. דער אַפּטייקער האָט מיר אָנגעקוקט און גע־הייסן אַריינגיין אין הינטערשטן צימער פון אַפּטייק. איך בין נישט געווען זיכער אין זיין כוונה, און אַריינגייענדיק אַהין זיך אומגעקוקט, צי דאָרט איז פאַראַן אַ פענצטער צום אַנטלויפן. דער אַפּטייקער האָט מיר געמאַכט אַן איינשפּריצונג אין דער האַנט און מיר געגעבן „איכטיאָל״ און „ריוואַנאָל״ — מאַשטשן, אַ פלאַש אָקסידישען און וואַטע. איך האָב פאַר אַלץ באַצאָלט און אַרויס. אין דרויסן האָבן אויף מיר געוואַרט די צוויי בחו־רים, וואָס זענען מיט מיר מיטגעגאַנגען. איך בין אַריין אין אַ בעקעריי און געהייסן מיר געבן ברויט. דער קריסט האָט מיר געפרעגט וויפל. אַז איך האָב אים געזאָגט 5—6 ברויטלעך, האָט ער מיר אָנגעקוקט און געענטפערט, אַז ער האָט נישט קיין ברויט. איך בין גלייך אַרויס פון דער בעקעריי און מיר זענען גיך אַוועק.

אַז ס׳האָט זיך דערנענטערט דער ווינטער און מ׳האָט געדאַרפט פאַרבאַרייטן זיך קעגן קעלט, האָט מען באַשלאָסן, אַז אַלע בחורים זאָלן אין אַ פינצטערער נאַכט אַראָפּ אין געטאָ אַריין און ברענגען פון דאָרט שעניקעס, שטריק און שפּאַ־גאַט. זיי האָבן די שעניקעס אָנגעשטאָפּט מיט היי און שטרוי און געברענגט צוטראָגן. די מיידלעך האָבן זיי דורכגענייט ווי שטעפּ־דעקעס, די בחורים האָבן זיי אויסגעלייגט אונטער די בלעכן פון דאַך און אָנגעבינדן אָן די בעלקעס. מ׳האָט אויך געמאַכט צוויי ווענטלעך פון די שעניקעס, אויף אַ מרחק פון 4—5 מעטער און דאָרט צווישן זיי צוזאַמענגענומען די געלע־גערס אויף איין אָרט, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ צעלט.

דער מעזריטשער בחור האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט ערגעץ ווו געזען אַן אייזערן אייוועלע, האָט מען דאָס אייוועלע געברענגט. שפּעטער, ביסלעכווייז, שטיקלעך רערן, וואָס מ׳האָט געפונען אין פאַרשיידענע ערטער אין געטאָ. אין אַ פינצטערער נאַכט האָט מען אויף אַ פּראָבע אָנגעצונדן אַ לעמפּל אין צעלט ביי די געלעגערס, און איינער פון די בחורים איז אַראָפּ אויס־קוקן פון אַלע זייטן, צי מ׳זעט נישט די ליכט אין דרויסן.

דאָס אייוועלע האָט מען אַוועקגעשטעלט אינדערמיט און גע־צויגן די רערן ביז דער וואַנט פון האַטעל, אין וועלכער ס׳איז געווען אַ קוימען. דאָס אויסהאַקן אַ לאָך אין דער וואַנט האָט געדויערט כמעט אַ גאַנצע וואָך. מ׳האָט געגעבן אַ קלאַפּ, געוואַרט און אומגעקוקט זיך, צי מ׳האָט ערגעץ ווו נישט דערהערט. ביז ענדלעך איז די לאָך פאַרטיק געוואָרן און מ׳האָט אין איר אַריינגעפירט די רער. קוילן צום הייצן האָט מען געברענגט פון אַ שטאַל, וואָס מ׳האָט ערגעץ געפונען און אויפ־געבראָכן דעם שלאָס.

מיטן אָנקום פון ווינטער האָט מען אויך דערזען, אַז דער זאַפּאַס פון סוכאַרעס ווערט קלענער, ווייל די בונקער משפּחה איז געווען גרעסער, ווי מ׳האָט אין אָנהייב געפּלאַנט. מ׳האָט דעריבער אויסגעקוקט אַ בעקעריי, וועלכע דער מעזריטשער בחור האָט געקענט, און אין אַ געוויסער פינצטערער נאַכט האָט מען זי אויפגעבראָכן און אַרויסגענומען דאָס גאַנצע ברויט פון דאָרט. דאָס האָט זיך איבערגעחזרט עטלעכע מאָל, יעדעס מאָל אין אַן אַנדערער בעקעריי.

אַז ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די רעגנס און מיר האָבן נישט געוואָלט ס׳זאָל פאַרלוירן גיין דאָס רעגן־וואַסער, האָבן מיר אין אַ פלאַץ אין דאַך, ווו די בלעכן זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן אין איין שפּוע, די דאַזיקע בלעכן נאָך מער אויסגעבויגן, געעפנט אַ קליין לעכל, און, אַז ס׳האָט גערעגנט אונטערגעשטעלט עמערס, אין וועלכע מ׳האָט אָנגעזאַמלט דאָס וואַסער.

איינמאָל זענען די בחורים צוריקגעקומען מיט זעק, אין וועלכע זיי האָבן געברענגט דריי געהרגעטע שעפּסן, וואָס זיי האָבן אַרויסגענומען פון אַ שטאַל. מ׳האָט די שעפּסן אָפּגעשינדן, די פעלן געלאָזט הענגען און דאָס פלייש געקאַכט און געגעסן. דאָס איז געווען אין אָנהייב, דערנאָך האָט מען אָנגעהויבן גיין אין די דערפער, מאַכנדיק דעם אָנשטעל פון פּאַרטיזאַנער. מ׳האָט פון האָלץ אויסגעשניצט אַ רעוואָלווער, אָפּגעמאָ־לעוועט אויף שוואַרץ און דאָס דאָזיקע „געווער״ מיטגענומען אויפן פאַל ווען מ׳וועט דאַרפן אָפּשרעקן.

עסן איז געשאַפן געוואָרן אויף פאָלגנדיקן אופן. אין די פינצטערע נעכט פון חודש, אַרום עלף ביינאַכט, לרוב ווען ס׳איז געפאַלן אַ שניי, וואָס האָט פאַרשאָטן די טריט, אָדער, ווען ס׳איז אין דרויסן אַלץ געווען פאַרפרוירן און די טריט האָבן נישט געלאָזן קיין צייכנס, זענען די בחורים אַראָפּגעגאַנ־גען און זיך געלאָזט גיין אין אַ דאָרף. מ׳איז אַריין אין אַ הויז פון אַ פּויער, מיט דעם „רעוואָלווער״ אין האַנט, אַלע מענטשן אין שטוב פאַרשפּאַרט אין איין צימער, און פאַרנומען דאָס גאַנצע עסנוואַרג, וואָס איז געווען אין שטוב, דער עיקר ברויט, זאַלץ און סלאָנינע. איינמאָל האָבן חברה אויך געבראַכט קאַשע; עטלעכע מאָל געשאָכטענע שעפּסן, איינמאָל אַ האַלבע קו און אַ צווייט מאָל אַ חזיר. חזירים האָט מען אויסגעמיטן צו שלאַכטן צוליב זייערע שטאַרקע קוויטשערייען. קיין שום אַנ־דערע זאַכן האָט מען נישט גענומען, אויסער אין איין פאַל אַ פּאָר שטיוול, אין וועלכע מ׳האָט זיך גענויטיקט.

אין אַלגעמיין איז דער ווינטער אַדורך נישט שלעכט. עסן האָט נישט געפעלט. געפילט האָבן מיר אַ שטאַרקן מאַנגל אין זאַלץ. אַמאָל, געדענק איך, האָט מען אָפּגעקאָכט אַ גאַנצן טאָפּ לעבער, אינגאַנצן אָן זאַלץ. פּרעגלען האָבן מיר נישט געוואָלט, כדי דער ריח זאָל זיך נישט לאָזן הערן אין דרויסן. מיר האָבן דעם לעבער געגעסן שטיקערווייז, און פון דעמאָלט אָן איז מיר, ביז היינט, פאַרמיאוסט לעבער.

איינמאָל האָט דער מעזריטשער בחור געברענגט פון זיין באַקאַנטן קריסט אַן אַלטע ביקס מיט קוילן, פאַר וועלכער ער האָט אים באַצאָלט. די קוילן האָבן אָבער נישט געפּאַסט צו דער ביקס, און אַלע אונדזערע באַמיאונגען זיי צוצופּאַסן זענען נישט געלונגען. דאָך אָבער האָבן די ביקס און דער „רעוואָל־

װער״ גוט געדינט װי אָפּשרעקונגס־מיטלען פֿאַר די פּויערים, װאָס האָבן זייער מורא געהאַט פֿאַר פּאַרטיזאַנער, און פֿאַר אַזעלכע אָנגענומען אונדזערע בחורים.

װי געזאָגט, איז דער צעלט פֿון די שעניקעס געװען געבויט אויף אַ קליינעם טייל פֿון בוידעם. אין די זייטן אַרום דעם צעלט פֿלעגט זיצן אונדזער שטענדיקע װאַך און קוקן דורך די שפּאַרעס אין דרויסן. נישט איינמאָל זעענדיק װי די שקצים, װאָס האָבן געאַרבעט אין דעם אייזן־געשעפֿט אין דעם הייזל, האָבן זיך געדרייט אויפֿן הויף און אויפֿגעהויבן די קעפּ, פֿלעגן מיר פֿאַרציטערט װערן, װייל ס׳האָט זיך אונדז געדוכט, אַז זיי זעען אונדז.

איך האָב דעמאָלט שטאַרק געליטן. איינס, פֿון דער װוּנד אין פֿוס, װאָס האָט זיך געעפֿנט, און װען איך האָב געדאַרפֿט זיין אויף דער װאַך אויסערן צעלט, ביי דער גרויסער קעלט אין דרויסן, האָט עס מיר גורם געװען גרויסע יסורים. דער איינציקער װאָס האָט געזען מיינע ליידן איז געװען פֿאָטאַש, װאָס פֿלעגט אַ סך מאָל איבערנעמען מיין אָרט און מיר אַריינשיקן אין צעלט. צװייטנס, האָב איך געליטן פֿון די װוּנדן, װאָס האָבן זיך מיר אויסגעגאָסן אויפֿן קאָפּ, ביז ס׳האָט מיר באַדעקט אַן אמתער פּאַרך. אַזוי װי מיר זענען געװען זייער פֿאַרלייזיקט און די לייז זענען געזעסן אין די אָפֿענע װוּנדן, האָט עס מיר פֿאַרשאַפֿט אומגעהויערע יסורים. טייל אין בונקער האָבן מיר געהאַלטן צוליב דעם פֿאַר אַ פּאַראַזיט. דאָך האָט מען איינמאָל באַשלאָסן אויסצוטיילן מיר אַ טעפּעלע נאַפֿט און אַ ביסל װאַסער אויסצורייניקן די װוּנדן פֿון די לייז, און אויסצוװאַשן אַ ביסל די האָר. דאָס האָט אַ סך געלינדערט מיינע װייטיקן.

זייער אָפֿט פֿלעגן זיין קריגערייען אין בונקער. אַז מ׳האָט געברענגט עסן, פֿלעגט דער אָדער יענער עפּעס אַראָפּגנבענען. אַז מ׳האָט געזען, אַז ס׳פֿעלט עפּעס האָט איינער דעם צװייטן באַשולדיקט אין גניבה, פֿלעגט מען זיך קריגן און באַליידיקן. איז מען אָבער גוט געװאָרן צװישן זיך, איז מען געזעסן צוזאַמען און זיך דערציילט מעשהלעך און פֿאַרברענגט חבריש.

אין אַ געװיסן טאָג האָט אונדזער װאַך געזען, אַז אַ קריסטלעך פּאָרל גייט אין דער ריכטונג צו אונדזער הייזל, גייען אַרויף אויף די טרעפּ און אַריין אין דער װוינונג. מיר האָבן, פֿאַרשטענדלעך, איינגעהאַלטן דעם אָטעם און זיך איינגעהערט אין דעם געשפּרעך צװישן פּאָרל. פֿון זייער שמועס, װאָס מ׳דאַרף פֿאַרריכטן און װוּ און װאָס מ׳דאַרף איינשטעלן, האָבן מיר פֿאַרשטאַנען, אַז זיי האָבן בדעה זיך אַריינצוציען אין דער דירה אונטער אונדז. ס׳איז זייער ביטער געװאָרן אויפֿן געמיט, װייל דאָס װאָלט געװען אונדזער זיכערער סוף. כאָטש מיר האָבן בכלל מער נישט געגלייבט אין װעלכער ס׳איז צוקונפֿט, האָט אָבער דער זיכערער און נאָענטער סוף פֿאַר די אויגן אונדז דערשלאָגן.

װען דאָס פּאָרל איז אַװעק, האָבן מיר באַשלאָסן די װוינונג אונטן צו דעמאָלירן. נאָך די זעלבע נאַכט זענען חברה אַראָפּ, אַרויסגעריסן די פּאָדלאָגעס, די פֿענצטער און טירן, און געמאַכט פֿון דער דירה אַ חורבה. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז דאָס פּאָרל נאָך אַמאָל געקומען און זעענדיק דעם מצב פֿון דער װוינונג, מער נישט צוריקגעקומען.

אַ צװייטער פֿאַל, װאָס האָט אונדז דערשיטערט און געשטעלט אונדז אין אַ נאָענטער סכנה פֿון אַנטדעקט װערן, איז געװען, װען איינמאָל האָבן מיר געהערט אַ קריגעריי און געשרייען פֿון אַ הייזל אין געסל, װאָס פֿירט צום טייך, װוּ ס׳האָט געװוינט אַ קריסטלעכע משפּחה. באַלד איז פֿון דאָרט אַרויס אַ קריסטין, אַ נידעריקע און דיקע, אַן אויפֿגערעגטע אַריינגעלאָפֿן אין הויז קעגנאיבער אונדז אין דער יאַטקע־גאַס, און גלייך װי די קריסטין איז אַרויס פֿון דעם הויז, איז אויסגעבראָכן פֿון דאָרט אַ געדיכטער רויך און אַ פֿייער. פֿון מינוט צו מינוט האָט זיך דאָס פֿייער געשטאַרקט און אונדז האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אָט, אָט, צינד זיך אָן אונדזער הילצערן הייזל. כ׳זענען אָנגעקומען פֿייערלעשערס, ס׳האָט זיך פֿאַרזאַמלט אַ המון שקצים, װאָס איז אַרויף אויף די טרעפּ, װאָס האָבן געפֿירט צו דער דירה אונטער אונדז, כּדי פֿון דאָרט זיך צוקוקן צום ברענענדיקן הויז. יעדע מינוט האָט זיך אונדז אויסגעװיזן, אַז אָט נעמט אַ סוף צו אונדז דורכן פֿייער, אָדער דורך דעם פֿאַרזאַמלטן המון. אויך דאָסמאָל האָט אָבער דער גורל אונדז געשאַנעװעט. דאָס פֿייער איז איינגעלאָשן געװאָרן און אונדזער הייזל איז נישט באַרירט געװאָרן.

דעם גאַנצן װינטער האָבן מיר געהערט, טאָג־איין, טאָג־אויס, פֿון דייטשן ראַדיאָ אויפֿן מאַרק: „סמאָלענסק״ און „סמאָלענסק״. איצט, צום סוף װינטער, האָבן מיר דאָס ערשטע מאָל דערהערט „קאָװעל״. שוין פֿריער האָט דער מעזריטשער בחור געברענגט אַ ידיעה פֿון זיין באַקאַנטן קריסט, אַז קאָװעל איז שוין פֿאַרנומען פֿון די רוסן. אַז מיר האָבן אָבער איצט דאָס װאָרט „קאָװעל״ דערהערט אויך פֿון דייטשן ראַדיאָ, האָט זיך עפּעס אַ פֿונק פֿון האָפֿענונג אַריינגעכאַפּט אין אונדזערע הערצער און דער גלויבן האָט זיך אָנגעהויבן שטאַרקן.

בערך פֿאַר פּסח־צייט, איז אָנגעקומען קיין מעזריטש אונגאַריש מיליטער, צװישן זיי יידן, װאָס האָבן אויך געטראָגן געװער צוגלייך מיט אַלע אַנדערע זעלנער. דאָס אונגאַרישע מיליטער האָבן מיר געזען בייטאָג אַרומגיין אויפֿן מאַרק און אויף די גאַסן אַרום. נאָך אַ פּאָר טעג האָבן מיר באַמערקט װי די יידישע זעלנער גייען איינדערפֿרי אין גרופּעס, אָן געװער און אונטער אַ באַגלייטונג. פֿון אונדזער אינפֿאָרמאַטאָר, דעם באַקאַנטן קריסט, האָבן מיר זיך דערװוּסט, אַז לויט אַ באַפֿעל פֿון די דייטשן, האָט מען די יידישע זעלנער אַנטװאָפֿנט און זיי קאָנצענטרירט אין אַ באַזונדערער אַרבעטס־קאָמאַנדע. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז צװיי בחורים זאָלן אַראָפּגיין און זוכן אַ קאָנטאַקט מיט די יידן. אין אַ באַשטימטער נאַכט זענען צװיי פֿון אונדז אַראָפּ, זיך צוגעקריגן צו דער אַרבעטס־קאָמאַנדע, ערגעץ־װוּ ביים טייך און אָפּגעװאַרט, װי ס׳דוכט מיר, ביז באַגינען. זיי האָבן זיך אויסגעגעבן פֿאַר עטלעכע פֿון די אונגאַרישע יידן. װי פֿאַרװוּנדערט זענען זיי געװאָרן, אָנטרעפֿנדיק אויף אַ פֿרעמדער אומפֿאַרשטענדלעכער באַציאונג מצד יענע יידן. איינער האָט זיי בכלל געװאָלט כאַפּן און איבערגעבן. אַ צװייטער האָט זיי אָפּגעיאָגט און געשריען: „אַנטלויפֿט!״. אונדזערע שליחים זענען, פֿאַרשטענדלעך, גלייך

אַנטלאָפן. זיי האָבן זיך איבערן טאָג באַהאַלטן אין דעם אָפּ־געברענטן הויז קעגנאיבער אונדז, און אין אָוונט זענען זיי צוריקגעקומען.

דערווייל האָבן מיר אַלץ מער געפילט און דערפּאַרן דעם דייטשן ריקצוג; פון מזרח זענען אַלץ מער און מער אָנגעקומען און אַדורך די שטאָט טאַנקן און אַרטילעריע. די שטאָט איז פול געוואָרן מיט דייטשיש מיליטער. דער האָטעל אין אונדזער שכנות איז געוועזן געפּאַקט מיט דייטשע הויכע אָפיצירן. אָט די געשעענישן און דער פרילינג, ווען די נעכט זענען קורצער געוואָרן פון נאַכט צו נאַכט, האָבן געמאַכט שווערער, און וואָס ווייטער כמעט אוממעגלעך אונדזער „נאַרמאַל" לעבן. מ'האָט שוין נישט געקאָנט באַוויזן אין איין און דער זעלבער נאַכט צו גיין אין אַ דאָרף ברענגען עסן און צוריקקומען. מ'האָט גע־מוזט איבערן טאָג זיך אויסבאַהאַלטן אין פעלד און צוריק־קומען די צווייטע נאַכט. די פּאַרזאָרגונג פון וואַסער איז אויך באַשווערט געוואָרן, ווייל די דייטשן פלעגן זיך דרייען גאַנצע נעכט אויף די גאַסן.

איינמאָל זענען אונדזערע בחורים באַפאַלן געוואָרן פון פּויערים אין אַ דאָרף און מ'האָט ביי זיי צוגעכאַפּט די ביקס, אָבער צום גליק האָבן זיי באַוויזן צו אַנטלויפן מיטן לעבן און צוריקקומען.

די פאַרצווייפלונג איז געוועזן גרויס. קיין שום חכמה און דערפינדערישקייט האָט שוין מער נישט געהאָלפן צו גע־פינען אַ וועג אָנצוהאַלטן ווייטער. ס'האָט זיך געדוכט, אַז לאַנג וועלן מיר שוין נישט אָנציען.

ס'האָבן זיך דערווייל אָנגערוקט וואַרעמע טעג. אין בונקער האָבן די בלעכן פון דאַך זיך דערהיצט און געוואַרעמט. מיר האָבן צענומען דעם צעלט און נאָר איבערגעלאָזט די שטני־קעס אונטער די בלעכן, ווי אַ ביסל שוץ קעגן דער היץ. די מלבושים אויף אונדז זענען צעפאַלן געוואָרן.

פון דרויסן אָבער האָט געקוויקט די האָפענונג. טאָג און נאַכט האָט נישט אויפגעהערט די באַוועגונג פון אָפּטרעטנ־דיקן דייטשן מיליטער. טאַנקן, אַרטילעריע, גרויסע וועגענער מיט גרויסע מגושמדיקע פערד און זעלנער האָבן אָנגעפולט דעם מאַרק און די גאַסן. ס'האָט זיך נישט געגלויבט, אָבער דאָך האָט מען געזען בחוש, אַז דער סוף דערנענטערט זיך, און אַ שיין פון האָפענונג האָט אויפגעטויכט, אפשר וועלן מיר דאָך דערלעבן דעם סוף.

אַזוי זענען אַדורך נאָך אַ פּאָר וואָכן, ס'האָט זיך אָנגעהויבן אויסצודוכטן, אַז מ'הערט פון דערווייטנס דומפּע קולות פון שיסן. מיר זענען נישט זיכער געוועזן אין דעם, געקלערט, אַז אפשר איז דאָס פון מיליטערישע איבונגען ערגעץ אין דער נאָענט. דאָס שיסן האָט זיך אָבער אַלץ מער און מער געהערט דייטלעכער, ביז אין איינעם אַ טאָג איז אויסגעבראָכן גאַנץ נאָענט אַ שטאַרקע אַרטילעריע־קאַנאָנאַדע. מיר האָבן באַ־שלאָסן, אַז נישט רעכענענדיק זיך מיט קיין שום געפאַר מוז מען זיך פאַרזאָרגן מיט ברויט; סלאַנינע האָבן מיר נאָך געהאַט. די בחורים זענען אַראָפּ ביינאַכט, זיך דורכגעגנבעט אויף די גאַסן ביז צו אַ באַקאַנטער בעקעריי, איר אויפגעבראָכן און אַרויסגענומען דאָס גאַנצע ברויט, וואָס איז דאָרט געווען. דאָס האָט געדאַרפט דינען ווי אַ רעזערוו פאַר דער צייט, וואָס די אַרטילעריע־שיסעריי וועט אָנגיין און מיר וועלן נישט קאָנען אַרויס פון בונקער.

די שיסעריי האָט זיך געשטאַרקט פון שעה צו שעה, פון ביידע זייטן, פון דער רוסישער און דייטשער. די האַרמאַטן־קוילן זענען געפלויגן איבער דער שטאָט און אין דער שטאָט אָן אויפהער טאָג און נאַכט. זעענדיק, אַז די געפאַר אין בונ־קער, לעבן דעם האָטעל, וואָס איז געווען דאָס העכסטע הויז אין מאַרק, איז נישט קלענער ווי אין דרויסן, האָבן מיר באַ־שלאָסן יעדער זאָל נעמען מיט זיך אַ ברויט און פאַרלאָזן דעם בונקער. דאָס איז געווען דעם טעלעכן און צוואַנציקסטן יולי 1944. מיר זענען אַלע אַראָפּ אינמיטן העלן טאָג, איבערגע־לאָזט אַלץ, מיטנעמענדיק נאָר ברויט, און אַריין אין געטאָ, אין אַ הויז לעבן דער לאָנקע ביים טייך. דער אַריינגאַנג אין דעם הויז איז געווען פאַרקלאַפּט מיט ברעטער, נאָר אין איין אָרט ס'איז אונטערגעגראָבן געווען די וואַנט, און דורך דער לאָך זענען מיר אַריינגעקראָכן אינעווייניק.

אין דעם געלויף פון זוכן אַ רעטונג פון דרייפאַכער גע־פאַר — פון די דייטשע הענט, פון די פּאָליאַקן און פון די גראַנאַטן איבער אונדזערע קעפּ אין בונקער, האָט זיך אונדז אויסגעוויזן, אַז דאָ וועלן מיר האָבן דאָס ריכטיקע באַהעלטעניש. באַלד אָבער האָבן מיר דערזען אונדזער טעות. דאָס הויז איז געווען דאָס לעצטע אין דער געגנט, מיט אַ ליידיקן פּלאַץ, און דערלעבן דער טייך. די רוסן, ווי ס'זעט אויס, זענען געווען קעגנאיבער און זייערע גראַנאַטן זענען געפאַלן נישט ווייט פון אונדז. יעדע פּאָר מינוט האָט זיך געהערט אַ גערויש און אויפרייס פון אַ גראַנאַט, און גלייך אַ נייע גרוב אויפן ליידיקן פּלאַץ דערלעבן.

מיר האָבן געזען, אַז די געפאַר איז דאָ גרויס. דער מעזריטשער בחור האָט געזאָגט, אַז ער ווייסט פון אַ הייזל מיט אַ געמויערטן קעלער. מיר האָבן געוואַרט ביז ס'איז פינצטער געוואָרן און פאַרלאָזט דאָס באַהעלטעניש. מיר זענען אַרויסגעקראָכן איינציקווייז און געלאָזט זיך לויפן, אונטער דעם האָגל פון גראַנאַטן און רויט באַלויכטענעם הימל, אין דער ריכטונג, וווּ דער מעזריטשער בחור האָט אונדז געפירט. אָפּ־לויפנדיק אַ געוויסן מרחק האָבן מיר דערזען ווי אַ גראַנאַט איז אַריין אין הויז, וואָס מיר האָבן נאָר־וואָס פאַרלאָזט, און אַרויסגעריסן אַ וואַנט. מיר האָבן באַשיימפּערלעך געזען דעם נס, ווי אַ גוטער מלאך וואָלט אונדז באַגלייט.

מיר זענען געלאָפן געבויגן ביז דער ערד פאַר פחד פון די פליענדיקע און פייפנדיקע שראַפּנעלן איבער אונדזערע קעפּ. לויפנדיק האָבן מיר אָנגעטראָפן אויף לויפנדיקע פּאָליאַקן, וואָס דערזעענדיק אונדז האָבן אויסגערופן: „זשידזשי טעש סאָן" (יידן זענען אויך דאָ). זיי זענען אָבער אין יענעם מצב אַליין געלאָפן, געזוכט אַ באַהעלטעניש און זיך מיט אונדז נישט פאַרנומען. מיר האָבן גלייך אָפּגעקערוועט אין אַן אַנדערער ריכטונג, ביז מיר זענען צוגעקומען צו אונדזער נייַ אויסגע־קליבענעם באַהעלטעניש אין אַ הייזל, אויך נאָענט פון טייך.

מיר זענען אַריין אין דעם הייזל, אונטער וועלכן ס'איז געווען אַ געמויערטער קעלער. אין אַ ווינקל איז געווען אַ

לאָך צוגעדעקט מיט אַ דעקל, דורך וועלכן מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט. אין קעלער איז געווען אַ קליין פענצטערל אין דער הויף, וואָס האָט אַרויסגעקוקט אויפן טייך.

ס'איז אַריבער די נאַכט און ס'איז אָנגעקומען אַ נייער מאָרגן. די אַרטילעריע־שיסעריי האָט זיך געשטאַרקט און פון מינוט צו מינוט נאָענטער געוואָרן. יעדעס מאָל, ווען אַ גראַנאַט האָט אויפגעריסן אין דער נאָענט, האָט זיך אָנגעהויבן שיטן פון די קעלער־ווענט און מיר זענען אָפּגעשאָטן געוואָרן מיט ערד און שטיקלעך ציגל. מיר האָבן קלאָר געהערט אין דרויסן די באַוועגונג פון די דייטשע האַרמאַטן, זייער אינסטאַלירן און באַלדיקן אַוועקנעמען. זאָל דאָס טאַקע זיין דאָס אָפּטרעטן פון די דייטשן? ס'האָט זיך בשום אופן נישט געלייגט אויפן געדאַנק.

דאָ איז אַרום אונדז אַ ביסל שטילער געוואָרן. מ'האָט זיך אויפגעהויבן אַ ביסל צום פענצטערל, אַרויסגעקוקט און דערזען עטלעכע שטאָלענע קאַסקעס, פאַרמאַסקירטע מיט גרינס, אַריבערשווימען דעם טייך, און דאָ שוין געהערט אויסרופן אויף רוסיש. ס'האָט זיך אָנגעהויבן צווישן אונדז אַ וויכוח — דער מעזריטשער בחור האָט געזאָגט, אַז דאָס זענען רוסן, אָבער מיר אַלע האָבן נישט געגלויבט, אַז די דייטשן זענען אָפּגעטראָטן, און געטענהט, אַז דאָס זענען וולאַסאָווצעס.

ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און מיר האָבן שוין געזעען גרעסערע גרופּעס מיליטער, וואָס האָבן גערעדט רוסיש, און צווישן זיי אויך פרויען מיט רויטן־קרייץ־טאָרניסטערס. דער מעזריטשער בחור האָט געטענהט, אַז מיר מוזן אַרויס, ווייל, אַז מ'וועט אונדז אַנטדעקן וועט מען אַריינוואַרפן אַ גראַנאַט און אונדז אַלע אומברענגען. ער האָט מער נישט געוואַרט און אַרויס דער ערשטער מיט אַן אויסגעשריי: „דאַ זדראַסטוויעט קראַסנאַיאַ אַרמיאַ!" און מיר אַלע נאָך אים. די רוסישע זעלנער זענען צו צו אונדז מיט די אויסגעשטרעקטע אויטאָמאַטן און געפרעגט: „קטאָ ווי?" (ווער זענט איר?). מיר האָבן געענטפערט „יעווריעאי" (יידן). גלייך איז אַרויס צווישן זיי אַ יידישער אָפיציר. אונדזער שמחה דאַן איז נישט צו באַשרייבן. מיר האָבן אים אַרומגעכאַפּט קושן און געקושט יעדן איינציקן זעלנער.

די רוסן האָבן זיך גערוקט פאָרויס צום צענטער שטאָט, און די דייטשן זענען אָפּגעטראָטן. מיר האָבן, זעלבסטפאַרשטענדלעך, זיך געפילט פרייער, כאָטש נאָך נישט זיכער, דאָך זיך אַרומגעדרייט אויף דער גאַס און נישט פאַרבאַהאַלטן זיך. פלוצעם, ווען די רוסן זענען שוין געווען אויפן מאַרק, האָבן מיר דערהערט אַ שיסעריי פון דער זייט פון קאָשטשאָל, און נישט לאַנג דערנאָך האָבן מיר געזעען טראָגן רוסישע פאַרוווּנדעטע. ווי מ'האָט דערציילט, איז אַ גרופּע דייטשן געבליבן אין קאָשטשאָל און ווען די רוסן האָבן זיך דערנעענטערט און געעפנט דעם טויער, האָבן די דייטשן געעפנט אויף זיי אַ שיסעריי פון אינעווייניק.

אין דער צייט האָט עמעצער געבראַנגט אַ ידיעה, אַז לעשטשוק שטייט אין אַ הויף, נישט ווייט פון קאָשטשאָל, און גיט הילף רוסישע פאַרווּנדעטע. מיר האָבן זיך אַלע געלאָזט אַהין און געזען ווי לעשטשוק שטייט, גיט באַפעלן און פירט אָן מיט דער גאַנצער הילף פאַר די פאַרווּנדעטע. אַלע האָבן מיר אויף איין קול אָנגעהויבן שרייען און דערציילן דעם אָפיציר וועגן לעשטשוקס מעשים, ווי ער פלעגט אויפזוכן בונקערס און איבערגעבן די באַהאַלטענע מענטשן די דייטשן צום דערמאָרדן. מיר האָבן אַלע געשריען צוזאַמען, ביז דער אָפיציר האָט געגעבן אַ געשריי צו מיר (זעט אויס, אַז איך האָב געשריען העכער פון אַלע): „קטאָ טוט אָפיצער, יאַ אילי טי?!" (ווער איז דאָ אָפיציר, איך אָדער דו?!). ער האָט געהייסן, אַז נאָר איינער פון אונדז זאָל רעדן. מ'האָט אים דערציילט אַלץ. לעשטשוק האָט מיט אַן איראָניע און ביטול־שמייכל געענטפערט: „עטאָ יעווריעאי". דער אָפיציר האָט אים געהייסן גיין מיט אים, אַוועקגעפירט אין געטאָ, און מיר אַלע נאָך אים. דאָרט האָט דער אָפיציר אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער, אַליין אַריינגעשאָסן לעשטשוקן די ערשטע קויל, און נאָכדעם געגעבן יעדן פון אונדז דעם רעוואָלווער, אַז יעדערער פון אונדז זאָל אים אַריינשיסן אַ קויל. מיר האָבן אים אַראָפּגעצויגן די שטיוול, אויסגעטאָן נאַקעט און געלאָזט אַזוי ליגן. מיר האָבן דערלעבט אַ ביסל נקמה, זעענדיק לעשטשוקן אַזוי ליגן אַכט טעג, ווי די הונגעריקע הינט און קעץ האָבן גענאָרעט אין זיין צעשאָסענעם קערפּער, און ווי זיין פרוי איז אַרומגעלאָפן און זיך געריסן די האָר פון קאָפּ.

דאָס אַרטילעריע־פייער האָט נאָך אָנגעהאַלטן עטלעכע טעג. מיר האָבן זיך דערווייל אָפּגעקליבן אַ דירה אויפן מאַרק, ווו ס'האָט פריער געוווינט אַ פאַמיליע, וואָס איז, ווייזט אויס, אַנטלאָפן. דאָרט האָבן מיר אַראָפּגענומען פון זיך די שמאַטעס און איבערגעטאָן זיך אין וואָס מיר האָבן געפונען. מיר האָבן געגלויבט, אַז ס'זענען מער נישט פאַראַן קיין יידן, אויסער אונדז, די ניין, וואָס זענען די איינציקע לעבנגעבליבענע. מ'האָט זיך דערמאָנט אָן די נאָענטע, וואָס זענען אומגעקומען און ס'האָט אַזוי באַנג געטאָן פאַרוואָס זיי האָבן נישט איבערגעהאַלטן די צוויי יאָר און געבליבן לעבן.

מ'האָט זיך אָנגעהויבן איינצואָרדענען אין דער וווינונג, וואָס מיר האָבן אָפּגעקליבן, און אָנגעהויבן זוכן עסן. דערווייל האָבן מיר אין דער וווינונג געפונען אַ קאַסטן געטראַנקען, פאַרשיידענע ליקערן און ווינען; מיר האָבן געטרונקען ממש ביז קאָמפּלעטער שכרות.

דאָס רוסישע מיליטער האָט געשטראָמט אַלץ מער און מער אין שטאָט אַריין, און מיט זיי אַ סך יידישע מיליטער־לייט. אונדזער וווינונג איז געוואָרן אַ טרעף־פּונקט פאַר די יידישע מיליטער־לייט.

אין טעג אַרום, נאָך דער באַפרייאונג פון מעזריטש, האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן נאָך יידן, מעזריטשער און אַנדערע, וואָס זענען געקומען פון פאַרשיידענע באַהעלטענישן. ס'זענען אויך צוריקגעקומען יידן, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין וועלדער. מ'האָט געהערט דערציילן, אַז עטלעכע יידן, וואָס זענען פון די וועלדער געגאַנגען קיין מעזריטש, זענען אויפן וועג דערמאָרדעט געוואָרן פון דער פּוילישער „א. ק." (אַרמיאַ קראַיאָווּאַ).

אונדזער בונקער אָבער האָבן מיר נאָך אַלץ נישט אויסגע־

געבן. ס׳האָט זיך נאָך אַלץ נישט געגלויבט, אַז דאָס איז די אמתע באַפרייאונג. ווער ווייסט, אפשר וועלן מיר נאָך דאַרפן אַמאָל צוריקגיין אַהין...

מיר האָבן אָבער מער אונדזער בונקער פאַר די אויגן נישט געזעען. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַ לעבן פון וואַנדערן איבער שטעט, לאַגערן און מדינות, ביז איך האָב זוכה געווען, מיטמאַכנדיק די פיר חדשימדיקע רייזע אויף דער באַרימטער שיף „עקזאָדוס — יציאת אירופּה 1947", אָנצוקומען קיין ישראל.

היימלאָז

מיטן מאָמענט ווען ס׳איז קלאָר געוואָרן, אַז די סאָוויעטן פאַרלאָזן ביאַלע, האָט מען זיך געדאַרפט דעצידירן: נעמען דעם וואַנדער־שטעקן, אָדער בלייבן אין דער היים. די שטאָט האָט גערוישט, זיך געטיילט אין צוויי לאַגערן: „לויפערס" און „בלייבערס". קיין שום אידעאָלאָגיע האָט דאָ נישט געווירקט, נאָר ביי די „לויפערס" — די שרעק פאַר די דייטשע נגישות; און ביי די „בלייבערס" — דער פחד צו ווערן היימלאָז, און דער גלויבן פון דורכהאַלטן און דורכלעבן. קיינער האָט דעמאָלט נישט פאָרויסגעפילט דעם גרויזאַמען סוף.

ביי אביק ראָזנבלום אויפן הויף איז געשטאַנען אַ פערד־און־וואָגן, אויף וועלכן מ׳האָט פאַרלאָדן די זאַכן פון זיין זון יאָסקע. ער מיט זיין פרוי און קינדער האָבן פאַרלאָזט די שטאָט. די פאַמיליע אגרעס האָט זיך געזעגנט מיט די אָפּפאָרנדיקע. די פרוי אגרעס האָט זיך געוואָנדן צו איר טאָכטער פראַניע: — טאָכטער, נעם די וואַליזקע, וואָס איך טראָג מיט זיך, דאָ איז כמעט אונדזער גאַנץ פאַרמעגן, פאָר מיט מיט יאָסקען און ראַטעווע זיך. פראַניע האָט געענטפערט: — אָן אייך, נישט. אַלע אָנוועזנדיקע האָבן געוויינט.

אַ קאָנטיקע צאָל ביאַלער יידן איז אַריבער אויף דער צווייטער זייט פון טייך בוג. אַ געוויסע צייט איז די גרענעץ געשטאַנען אָפן, איז מען געגאַנגען איןביידע ריכטונגען, געפירט מסחר און געפּרוּווט איינאָרדענען זיך אַ נייע היים אויף דער סאָוויעטישער טעריטאָריע. די גרענעץ איז אָבער אין קורצן געשלאָסן געוואָרן און דאָס וואַנדערן איבער איר האָט אויפגעהערט. דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבן האָט אָנגעהויבן אָננעמען דעם סאָוויעטישן שטייגער, און נישט אַלע, אַזוי תושבים ווי היימלאָזע, האָבן זיך געקאָנט צופּאַסן צו דעם סאָוויעטישן אַרט לעבן. אַ סך היימלאָזע האָבן זיך אויך נישט געוואָלט איינבירגערן, מורא האָבנדיק, אַז נאָך דער מלחמה וועלן זיי נישט קאָנען אַרויס פון סאָוויעטן־לאַנד. געווען אָבער ביאַלער, וואָס האָבן באַשלאָסן זיך צופּאַסן צום נייעם לעבן און אַוועקפאָרן אין צענטראַל־רוסלאַנד. זענען זיי אַוועק אין געהעריקן אַמט און מ׳האָט זיי אָפּגעשיקט קיין אוקראַינע און ווייס־רוסלאַנד. די מענטשן האָבן באַקומען סאָוויעטישע פּעסער, דירות און אַרבעט.

דערווייל האָט אין בריסק גענומען אַמטירן אַ דייטשע קאָמיסיע, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט צוריקפירן פון סאָוויעט־רוסלאַנד בירגער פון די דורך די דייטשן באַזעצטע פּוילישע געביטן. די קאָמיסיע האָט זיך געפונען אויפן בריסקער וואָקזאַל. במשך פון איר אַמטירונג זענען די גאַסן, וואָס האָבן געפירט צום וואָקזאַל, ממש באַלאַגערט געווען פון היימלאָזע, און בעיקר יידן. אַ ווייטאָגלעכן איינדרוק האָט געמאַכט דאָס בילד פון די לאַנגע רייען פאַר דער דייטשער קאָמיסיע. די סאַרקאַסטישע באַמערקונג פון דעם קאָמיסיע־פאָרשטייער, דעם דייטש שמידט: „יידן וווהין פאָרט איר? אונדזער פירער האָט אייך נישט גערן" — האָט, ווייזט אויס, נישט געהאַט קיין ווירקונג אויף די יידן. די רוסן האָבן מיט אַ קרום אויג געקוקט אויף דער צוריקקער־פּאַניק. די ביאַלער יידן האָבן געזוכט כל מיני פּראָטעקציעס, כדי „זוכה צו זיין" באַשטעטיקט צו ווערן צוריקצוקערן זיך אַהיים.

די קאָמיסיע האָט פאַרענדיקט איר אַרבעט. אַ טייל ביאַלער איז געלונגען צוריקצופאָרן קיין ביאַלע. די רשימה פון די רעגיסטרירטע היימלאָזע, וואָס זענען נישט באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער קאָמיסיע איז, וואַרשיינלעך, איבערגעגעבן געוואָרן דער סאָוויעטישער מאַכט, וועלכע האָט אין אַ קורצער צייט אַרום געמאַכט פון איר אַ געברויך.

די היימלאָזע, וואָס זענען נישט באַשטעטיקט געוואָרן צום צוריקפאָרן, האָבן אָפן אויסגעדריקט זייער פּראָטעסט, און אין מינסק האָט אַ טייל פון זיי אַפילו איינגעאָרדנט אַ דעמאָנסטראַציע מיט לאָזונגען: „שיקט אונדז צוריק אַהיים". די סאָוויעטישע מאַכט האָט אויפגעפאָדערט די היימלאָזע צו פאַרלאָזן די געביטן, וואָס זענען נישט דערווייטערט 100 ק"מ פון דער גרענעץ. אַזוי ווי אַ סך היימלאָזע האָבן זיך נישט געאיילט אויסצופירן די פאַראָרדענונג, האָט די מאַכט אָנגענומען קעגן זיי גאָר שטרענגע מיטלען. אין איינער אַ נאַכט, במשך פון געציילטע שעהן, האָבן פאָרשטייערס פון דער סאָוויעטישער זיכערהייטס־דינסט באַזוכט די וווינונגען פון די היימלאָזע, אָפּפירנדיק זיי אויף אַ זאַמלפונקט. אין די פרימאָרגן־שעהן זענען שוין די פאַרהאַלטענע היימלאָזע געפאָרן אין דער באַן צו זייערע פאַרשיקונגס־ערטער אין די פאַרוואָרפנסטע פלעצער פון רוסלאַנד. דאָס לעבן דאָרט איז געווען זייער אַ שווערס און אַ סך האָבן נישט דערלעבט די באַפרייאונג, וואָס איז געקומען מיטן אויסברוך פון דער מלחמה צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד.

אין יאָר 1941, ווען די מלחמה צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד איז אויסגעבראָכן, זענען אונדזערע ביאַלער לאַנדסלייט צעשפּרייט געווען איבער דער ריזיקער סאָוויעטישער טעריטאָריע. דער גרעסטער טייל אין פאַרשיקונגס־לאַגערן, אַ קליינע צאָל אין די געוועזענע פּוילישע געביטן און אַ גרעסערע גרופּע אין ווייס־רוסלאַנד און אוקראַינע, ווי: מינסק, רעטשיצע, גאָמעל, קיעוו, אאַ"וו., ווו זיי האָבן געאַרבעט אין קאָלכאָזן, פאַבריקן און אַרטעלן.

אין די שרעקלעכע מלחמה־יאָרן האָבן די ביאַלער, ווי די

גאַנצע סאָוויעטישע באַפעלקערונג, געלעבט אין שווערע באַ־דינגונגען. ביאַלער זענען מאָביליזירט געוואָרן אין דער רוסי־שער און שפּעטער אין דער פּוילישער אַרמיי און געקעמפט אויף פאַרשיידענע פראָנטן קעגן דער דייטשער אַרמיי. די וואָס האָבן געלעבט אין מיטל־אַזיע האָבן געאַרבעט אויף פאַרשיידענע ערטער, און איינצלנע האָבן געהאַנדלט און געוואַנדלט. קיינער פון די ביאַלער, אַזוי ווי אַלע אַנדערע היימלאָזע, האָט קיין אַנונג נישט געהאַט וועגן דער יידן־אויסראָטונג אין פּוילן.

די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט. די סאָוועטישע מאַכט האָט דערלויבט די געוועזענע פּוילישע בירגער צוריקצוקערן זיך קיין פּוילן. מ'האָט שוין דעמאָלט געהערט וועגן די דייטשע מערדערייען, אָבער דאָך האָט געטליעט אַ האָפענונג, אַז נישט אַלץ איז אמת. מ'איז געפאָרן צוריק אַהיים, אָבער וואָס נענטער צו דער גרענעץ זענען די האָפענונגען צערונען געוואָרן. אַנקומענדיק קיין טערעספּאָל, די ערשטע גרענעץ־שטאָט אויף דער פּוילישער ערד, האָט מען גלייך דערפילט די שנאה פון די פּאָליאַקן.

אויפן ביאַלער וואָקזאַל האָט מען די אָנגעקומענע וואַגאָנעס מיט די רעפּאַטריאַנטן מקבל־פּנים געווען מיט אַ שטיינער־האַגל. דער רוב ביאַלער אין די וואַגאָנעס האָט רעזיגנירט פון אָפּשטייגן אין דער „היים" און געפאָרן ווייטער. ערשט נאָך אַ צייט איז מען געפאָרן קיין ביאַלע אָנקוקן מיט די איי־גענע אויגן דעם חורבן, גלעטן מיט ציטערדיקע פינגער דעם שטיין אויפן ברידער־קבר פון די אומגעבראַכטע ביאַלער און לאָזן אַ נישט־אויסגעוויינטע טרער. די היים וועגן וועלכער מ'האָט אין דער ווייטער פרעמד געחלומט זיבן יאָר, איז מער קיין היים נישט געווען, נייערט אַ בית־הקברות.

א ביאַלער


לעאָן פאַקמאַן תל־אביב / א בינטל זכרונות

אין אָקטאָבער 1939 האָט ביי ביאַלער יידן געהערשט אַ זייער געדריקטע שטימונג. די סאָוויעטישע אַרמיי האָט זיך צוריקגעצויגן צום טייך בוג, ווו ס'איז באַשטימט געוואָרן די גרענעץ צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד. אַ טייל ביאַלער יידן, און צווישן זיי בעיקר יוגנטלעכע, האָבן באַשלאָסן צו פאַרלאָזן די שטאָט און זיך לאָזן אויף דער צווייטער זייט בוג.

דער גרעסטער טייל ביאַלער היימלאָזע האָט זיך קאָנ־צענטרירט אין בריסק, ווו דאָס לעבן פון די פּליטים איז געווען אַ שווערס. האָבן זיי שוין באַוויזן ווי ס'איז זיך איינ־צואָרדענען, איז אַרויס אַ פאַראָרדענונג פון דער סאָוויעטי־שער מאַכט, אַז היימלאָזע מוזן זיך דערווייטערן אַ מרחק פון 100 ק"מ פון דעם גרענעץ־פּאַס.

דערווייל האָט זיך געעפנט אַ ווערבירונגס־ביוראָ, ווו מ'האָט זיך געקאָנט פאַרשרייבן צו אַ פרייוויליקן אָפּפאָר קיין רוסלאַנד, ווו יעדער וועט האָבן באַשעפטיקונג אין זיין פאַך. מענטשן, צווישן זיי אויך אַ סך ביאַלער, האָבן זיך מאַסנווייז פאַרשריבן. דער ערשטער טראַנספּאָרט איז אָפּגע־גאַנגען קיין רוסלאַנד דורך פּינסק און זשיטקאָוויטש. אין זשיטקאָוויטש האָט מען דעם טראַנספּאָרט צעטיילט: אַ העלפט האָט מען געשיקט קיין מאָזיר און אַ העלפט — קיין גאָמעל. פון דאָרט האָט מען זיי צעשיקט אין אַלע שטעט און שטעטלעך פון ווייט־רוסלאַנד.

אין גאָמעל האָט זיך געשאַפן אַ גרויסע גרופּע ביאַלער היימלאָזע, וואָס האָט זיך געהאַלטן צוזאַמען. ס'האָבן אונדז אָפּגעזוכט ביאַלער, וואָס האָבן דאָרט געוווינט, ווער פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און ווער פון יאָר 1920, ווען מ'איז אַוועק פון ביאַלע מיט דער צוריקציענדיקער זיך רויטער אַרמיי. צווישן אַנדערע זענען דאָרט געווען ישעיה אידל לעמבער־גער, אַ קונסט־מאָלער (אהרעלע בעקערס זון) און פאַמיליע אַפּנהיים (פון די זייפן־זידערס אויף דער וואָליע), וועלכע האָבן זיך מיט אונדז דערפרייט, אונדז איינגעלאַדן צו זיך און אונדז געמאַכט אויפנאַמעס. יעדער פון זיי האָט געוואָלט אָפּנעמען אַ גרוס פון זיין פאַמיליע און פון ביאַלער בכלל.



הוצאת הגויות של קדושי ביאלה שנורו בתקופת הנאצים ממקומות קבורתם השונים בעיר. אחרי המלחמה נקברו הגויות בקבר אחים בבית הקברות ההרוס.

עקסהומאַציע פון ביאַלער קדושים, וואָס זענען בעת דער נאַצי־צייט דערשאָסן און באַגראָבן געוואָרן אין פאַרשיידענע ערטער אין שטאָט. די געביינער זענען נאָך דער מלחמה באַגראָבן געוואָרן אין אַ ברידער־קבר אויפן צעשטערטן בית־הקברות.

Exhumation of the "Kedoshim" who were shot during the nazi regime in Biala and buried in various places. After the war they were interred in a communal grave in the destroyed Jewish cemetery.

נישט אַלע פון די פּליטים האָבן זיך געקאָנט צופּאַסן צו די שווערע באַדינגונגען פון נייעם לעבן. אַ טייל האָט טאַקע באַשלאָסן צו לאָזן זיך צוריק קיין בריסק אויף פאַרשיידענע

וועגן, כדי פון דאָרט זיך צוריק אַריבערצוקריגן קיין ביאַלע. עטלעכע ביאַלער זענען דורך די רוסן אויף דער גרענעץ געכאַפּט און פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר, צו אַרבעטן אין די דאָרטיקע וועלדער. די אַרבעט דאָרט אין די גרויסע

דאָס לעבן אין קאַמף קעגן היטלעריזם, קעמפנדיק אין די רייען פון די רוסישע און פּוילישע אַרמייען.

פרילינג 1945. די היטלעריסטישע בעסטיע איז שוין געלעגן אַ צעשמעטערטע. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ פעלקער־



הוצאת הגוויות של קדושי ביאלה שנורו בתקופת הנאצים ממקומות קבורתם השונים בעיר. אחרי המלחמה נקברו הגויות בקבר אחים בבית הקב־רות ההרוס.

עקסהומאציע פון ביאַלער קדו־שים, וואָס זענען בעת דער נאַצי־צייט דערשאָסן און באַ־גראָבן געוואָרן אין פאַרשיי־דענע ערטער אין שטאָט. די געביינער זענען נאָך דער מל־חמה באַגראָבן געוואָרן אין אַ ברידער־קבר אויפן צעשטערטן בית־הקברות.

Exhumation of the "Kedoshim" who were shot during the nazi regime in Biala and buried in various places. After the war the were interred in a communal grave in the destroyed Jewish cemetery.

פרעסט איז געווען אַ שווערע די דערנערונג אַ שלעכטע און נישט גענוגנדיקע; זענען טאַקע דאָרט געווען גענוג טויט־פאַלן.

די וואָס זענען געבליבן אויף די ערטער אין ווייס־רוסלאַנד האָבן אויך לאַנג נישט געקאָנט זיך פרייען מיט זייער גליק — ס'איז אויסגעבראָכן די מלחמה צווישן דייטש־לאַנד און רוסלאַנד. ווידער זענען פאַמיליעס צעריסן געוואָרן. די מענער זענען מאָביליזירט געוואָרן אין דער רוסישער אַרמיי, די פרויען זענען טיילווייז עוואַקואירט געוואָרן קיין טיף־רוסלאַנד. אַ טייל ביאַלער איז אָבער געבליבן אויף די ערטער און געטיילט דעם טראַגישן גורל פון דער אָרטי־קער יידישער באַפעלקערונג, נאָכן אַריינמאַרש פון די דייטשן.

איך וויל דאָ דערמאָנען מיינע חברים, ביאַלער, וואָס זענען צוזאַמען מיט מיר מאָביליזירט געוואָרן אין דער רוסי־שער אַרמיי און זענען געפאַלן אין קאַמף מיט די דייטשן.

יעקב וואַרשאַווסקי, אַ סטאָליער, געוווינט אויף דער סאַ־דאָווער גאַס (דער פאָטער אַ מוליער). פאַריתומט אַ פרוי מיט אַ טאָכטער.

צמח טוכמינץ, אַ בוכהאַלטער. פאַריתומט אַ פרוי מיט אַ זון.

שמחה ליבערמאַן (דאַנעלע פון דער טשיינעס זון), געפאַלן אין די רייען פון דער פּוילישער אַרמיי ביים באַ־פרייען וואַרשע.

אויסער די דערמאָנטע, נאָר דריי נעמען פון מיינע חב־רים, האָט נאָך אַ גענוג גרויסע צאָל ביאַלער אָפּגעגעבן

וואַנדערונג אין אייראָפּע. יעדער האָט געצויגן צו זיין לאַנד, צו זיין היים. אויך די ביאַלער אין רוסלאַנד, צעוואָרפענע איבער די ריזיקע שטחים פון דער סאָוויעטישער מדינה, האָבן געלעבט מיט דער האָפענונג אומצוקערן זיך קיין ביאַלע און זיך באַגעגענען מיט זייערע נאָענטסטע.

פרילינג 1946. די ערשטע טראַנספּאָרטן פון פּוילישע יידן אין רוסלאַנד זענען אַריבער די פּוילישע גרענעץ, אָבער דאָ זענען זיי גאָר פיינטלעך אויפגענומען געוואָרן דורך דער אָרטיקער באַפעלקערונג. אַ האָגל פון שטיינער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די וואַגאָנעס, וואָס האָבן צוריקגעפירט די יידן.

ביאַלער יידן, וואָס זענען אין יאָר 1939 אַרויסגעריסן געוואָרן פון זייערע היימען, זענען אָנגעקומען קיין ביאַלע, און אַראָפּ אין שטאָט אַריין מיט קלאַפּנדיקע הערצער און מיט דער האָפענונג צו טרעפן וועמען פון זייערע טייערסטע. אָנשטאָט אָבער קרובים האָבן זיי אָנגעטראָפן אויף דער עקסהומאציע פון ביאַלער יידן, וואָס זענען אומגעבראַכט גע־וואָרן דורך די דייטשן, און געפונען זייער קבורה אויף פאַרשיידענע פלעצער אין שטאָט. מ'האָט איצט אויסגעגראָבן זייערע ביינער, זיי באַערדיקט אין אַ ברידער־קבר אויפן צעשטערטן בית־הקברות, און אויפגעשטעלט אויף אים אַ מצבה.

אַ טייל פון די צוריקגעקומענע ביאַלער פון רוסלאַנד איז געפאָרן ווייטער, קיין דייטשלאַנד, נידערשלעזיע, לאָדזש און שטשעטשין.

די עטלעכע צענדליק צוריקגעקערטע, וואָס זענען גע־



מצבה על קבר האחים של הקדושים.

דער דענקמאָל אויפן ברידער־קבר פון די עקסהומירטע קדושים.

The monument at the communal grave.

בליבן אין ביאַלע, האָבן געגרינדעט אַ קאָמיטעט, וואָס איז געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיטן צענטראַלן יידישן קאָמיטעט אין וואַרשע און מיט די ביאַלער לאַנדסלייט אין אויסלאַנד.

די טעטיקייט פון די פוילישע רעאַקציאָנערע עלעמענטן אין ביאַלער אומגעגנט האָט אָנגעהויבן באַדראָען דאָס לעבן פון דעם קליינעם הייפעלע יידן אין ביאַלע. ס'האָט טאַקע נישט לאַנג געדויערט און ס'זענען געפאַלן צוויי קרבנות. צוויי יונגע יידישע לעבנס, וואָס האָבן דורכגעהאַלטן דעם היטלער־גיהנום, זענען דערשאָסן געוואָרן דורך פּאַליאַקן. דאָס זענען געווען: די בחורה סטאַרעץ (כאַראַשעס אַן אייניקל) און דער מעזריטשער יונגערמאַן זילבערשטיין (דער מאַן פון דער ביאַלערין חנה טשאַרני). זיי זענען דערשאָסן געוואָרן אין דער באַן צווישן לוקאָוו און מעזריטש.

אין אַ זומער־נאַכט 1946 האָט זיך אין שטאָט דערהערט אַ שטאַרקע דעטאָנאַציע. דאָס האָט מען אויפגעריסן די מצבה, וואָס איז געשטעלט געוואָרן אויפן ברידער־קבר פון די אומגעבראַכטע ביאַלער יידן.

דער ביאַלער שארית־החורבן האָט איינגעזען, אַז ס'איז אוממעגלעך ווייטער צו בלייבן אין ביאַלע, און ביסלעכווייז האָבן אַלע פאַרלאָזט די שטאָט און זענען אַוועק קיין נידערשלעזיע.

מידע פון די וואַנדערונגען, האָבן עטלעכע צענדליק באַשלאָסן צייטווייליק זיך צו באַזעצן אין רייכענבאַך. ס'איז דאָרט געשאַפן געוואָרן אַ ביאַלער הילפס־קאָמיטעט פון: ברוך ווינאָגראַד, זיסל אייזנבערג, אידאַ טשאַרני, בעריש אָסנהאָלץ, הערשל עפּלבוים, חיים יוסף קניזשניק, לעאָן פּאַקמאַן און הערש יואל ראָטנבערג.

די טעטיקייט פון קאָמיטעט האָט אַרומגענומען גאַנץ נידערשלעזיע, ווו ס'האָבן געוווינט ביאַלער. דער קאָמיטעט איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט אַלע ביאַלער לאַנדסמאַנשאַפטן אין דער וועלט, פון וועלכע ער האָט באַקומען הילף אין געלט און זאַכן, וואָס זענען צעטיילט געוואָרן צווישן ביאַלער, לויט דער גרויס פון די פאַמיליעס.

יעדעס יאָר, דעם ערשטן טאָג חול־המועד סוכות, איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַן אזכרה נאָך די ביאַלער קדושים, צו וועלכער ס'זענען געקומען אַלע ביאַלער אין נידערשלעזיע. צווישן די ביאַלער האָט געהערשט אַ שטאַרקע צוגעבונדענקייט, מ'איז געקומען איינער צום צווייטן, מ'האָט זיך געפילט נאָענט, ווי מענטשן פון איין פאַמיליע.

די אַנטשטייאונג פון דער יידישער מדינה האָט אַריינגעבראַכט אַ סך פרייד ביי די יידן אין פוילן, און אויך ביי די ביאַלער אין נידערשלעזיע. צוזאַמען מיטן פוילישן יידנטום, וואָס האָט געאיילט מיט הילף פאַרן קעמפנדיקן ישוב אין ישראל, האָט אויך דער ביאַלער קאָמיטעט באַשטימט אַ געוויסע סומע געלט פאַר דער הגנה. דער קאָמיטעט האָט אויך אונטערשטיצט ביאַלער פרייוויליקע, וואָס זענען אין יענע היסטאָרישע טעג אַוועק מיט פאַרשיידענע וועגן קיין ישראל, כדי פערזענלעך זיך צו באַטייליקן אין באַפרייאונגס־קאַמף.

ווען אין די יאָרן 1949/50 האָט די פוילישע רעגירונג געגעבן אַ מעגלעכקייט די יידן עולה צו זיין קיין ישראל, זענען כמעט אַלע ביאַלער אין נידערשלעזיע עולה געווען, און דערמיט האָט דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן פון די ביאַלער דאָרט פאַקטיש אויפגעהערט. מיט דער עליה פון 1956/57 זענען אָנגעקומען קיין ישראל די לעצטע ביאַלער פון נידערשלעזיע.



המצבה ההרוסה

דער אויפגעריסענער דענקמאָל

The monument destroyed

מ. י. פייגנבוים / אין דער באַפרייטער ביאַלע

(אַ קאַפּיטל זכרונות[1])

שוין דעם צווייטן טאָג האָבן מיר[2] זיך אַרומגעדרייט לעבן די בונקערס און נישט געוואָלט גלויבן, אַז מיר זענען שוין באמת באַפרייט געוואָרן פון דעם בונקער־לעבן. איז עס מעגלעך, אַז די נאַצישע קייטן, געשמידטע פון האַרטן שטאָל האָבן געפּלאַצט? אָבער לעבן אָפּגעשלאָסענעם גאָרטן, ווו אונדזערע בונקערס האָבן זיך געפונען, האָט מען דאָך געזען סאָלדאַטן פון דער רויטער אַרמיי, וואָס האָבן געאַרבעט ביים ציען דראָטן.

וואָס הייבט מען אָן צו טאָן מיט דער פרייהייט? וווּהין גייט מען? ווי הייבט מען אָן אַ לעבן אויפסניי נאָך אַזאַ בלוט־מבול?

פאַרלאָזן דעם גאָרטן אָן אַ צייכן פון די אייגנטימערס האָבן מיר נישט געוואָלט. גרויס איז אָבער געווען דער באַגער אַ בליק צו טאָן אויף דער שטאָט און זען וואָס דאָרט טוט זיך. איך האָב דעריבער, ווי נח׳ס טויב, אַוועקגעלאָזט זיך אין שטאָט אַריין, כדי צו ברענגען דעם ערשטן גרוס פון דער נייער וועלט.

שטיל זענען געווען די וועגן וואָס האָבן געפירט אין שטאָט אַריין און מ׳האָט נישט געזען קיין מענטש אויף זיי. מאָדנע געדאַנקען זענען מיר געקראָכן אין קאָפּ אַריין: אפשר וואַנדערן אויף אַנדערע וועגן נאָך יידן אין שטאָט אַריין? אפשר זענען נאָך אַ סך יידן אויפגעשטאַנען, אַזוי ווי מיר, פון קבר־לעבן, און מיר וועלן זיך באַלד באַגעגענען מיט פריינט און באַקאַנטע?

און אָט בין איך שטיין געבליבן ביים אַריינגאַנג אין שטאָט, ביים ראָג גראבאנאווער גאַס, וואָס האָט געשראָקן מיט איר פּוסטקייט. איך האָב אָנגעהויבן גיין אויף דער גאַס, ווו ס׳איז איינגעשטאַנען די מעכטיקע שוץ־פּאָליציי. איך בין געגאַנגען לאַנגזאַם, טריט ביי טריט, ווי וועלנדיק זיך אַריינגנבענען. ס׳האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אָט, אָט, און איך וועל דערהערן דעם אויפשוידערנדיקן געשריי: — האַלט! שטיין בלייבן! — קיינער האָט אָבער נישט געשריגן צו מיר און איך בין מיר געגאַנגען מיין וועג. ס׳איז נאָך געווען זייער פרי, אַלע טירן און פענצטער זענען געשלאָסן געווען, בלויז איינצלנע קריסטן זענען געשטאַנען ביי די הייזער. דער פּלאַץ־וואָלנאָשטשי איז געווען פּוסט. ביים מאַגיסטראַט און ביי דער פּאָסט זענען געשטאַנען צוויי רויט־אַרמייער אויף דער וואַך. לעבן דער פּאָסט זענען אָנגעלייגט געווען בלומען, ווייזט אויס, צום אָנדענק פון די דאָ דערשאָסענע פּאָליאַקן דורך די נאַציס. עטלעכע געוועלב־טירן זענען געווען אויפגעהאַקט, קלאָר אַז ס׳זענען פאָרגעקומען רויב־פאַלן.

איך בין אָנגעקומען אויף דער בריסקער גאַס, צום הויז פון מיינע עלטערן. אַלץ אין מיר האָט אויפגעשוידערט מיטן געדאַנק, אַז איך בין דער איינציקער פון דער גאַנצער פאַמיליע, וואָס האָט זיך אַהער צוריקגעקערט. אפשר וועט דאָך נאָך ווער פון אונדז צוריקקומען, האָט אויפגעטויכט אַ טרייסט־מחשבה. אין הויז האָב איך נישט געזען קיין שום צייכן פון לעבן. דאָס געשעפט איז געווען פאַרשלאָסן און דער טויער פאַרהאַקט. ס׳האָבן מיר באַמערקט עטלעכע קריסטן, מיט וועלכע איך האָב אָנגעהויבן שמועסן. דאָס רעדל אַרום איז געוואָרן גרעסער, אַ טייל פון די קריסטן האָבן מיר דערקאָנט און מיט שטוינונג געפרעגט: — פון וואַנען נעמסטו זיך? — איך האָב אָנגעהויבן אויספרעגן צי זיי האָבן נישט באַמערקט נאָך יידן. איינער האָט מיר דערציילט, אַז נעכטן האָט ער געזען אַ יידישקע מיט צוויי זין. זיי זאָלן האָבן אַוועק אויפן לאָמאַזער שאָסיי. איך האָב נאָכגעקלערט ווער דאָס קאָן זיין, אָבער נישט געקוקט אויף אַלע פּרטים, וואָס דער קריסט האָט געשילדערט, האָב איך דאָך נישט געקאָנט דערגיין ווער זיי זענען.

איך בין געוואויר געוואָרן, אַז דער פאָלקס־דייטש, וואָס האָט געוווינט איז הויז פון מיינע עלטערן איז אַוועק מיט די דייטשן, און דאָס הויז שטייט ליידיק. איך האָב געוואָלט אַריבערקריכן דעם פּלויט פון שכנישן הויף (משה לעבנבערגס הויף), האָט פון אַ פענצטער אַ קריסט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ און מיר געפרעגט וואָס איך זוך דאָ. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך וויל אַריבער דעם פּאַרקאַן, כדי אַריינצובאַקומען זיך אין מיין הויז. דער קריסט האָט, ווייזט אויס, זיך אָריענטירט, אַז דאָס שטייט פאַר אים אַ ייד און ער האָט אָנגעהויבן שרייען:

— אַוועק פון דאַנען! דאָס איז נישט אייערס! שוין אַוועק אייערע גוטע צייטן!

איך האָב אים נישט געקאַרגט מיט נאָך שאַרפערע ווערטער, אָבער דעם פּלויט בין איך שוין נישט אַריבערגעקראָכן. דער ערשטער קבלת־פּנים איז גאָרנישט אויפמונטערדיק געווען. איך האָב געטראַכט, אַז דערווייל איז נאָך דער בונקער דאָס זיכערסטע אָרט פאַר אונדז. האָב איך טאַקע פאַרקירעוועט מיינע טריט צוריק אין דער ריכטונג פון גאָרטן.

מיר האָבן זיך אַרומגעדרייט אין אָפּגעשלאָסענעם גאָרטן און באַוואונדערט די וועלט ביים טאָג־ליכט. יעדער איינער פון אונדז האָט שפּאַצירט מיט לאַנגזאַמע טריט, פאַרטיפט אין זיינע מחשבות. ביי יעדן פון אונדז האָט זיך זיכער געשטעלט די זעלבע פראַגע: פאַרוואָס נאָר איך אַליין?

אַרום גאָרטן איז כסדר גרעסער געוואָרן די מחנה פון רויט־אַרמייער, וואָס האָבן געגראָבן, געצויגן דראָטן און איינגעגראָבן אייזערנע בוטלעס. פון מאָל צו מאָל האָבן פאַרבלאָנדזשעט רויט־אַרמייער אין גאָרטן און געפרעגט ווער מיר זענען. אין אַ צעבראָכענעם רוסיש האָבן מיר זיי דערציילט וועגן אונדזער לאַגע. ביי יעדן צווייטן וואָרט האָבן מיר אַקצענטירט: „מי יעווריעי”. זיי האָבן געזאָגט, אַז מיר זענען

[1] דאָס קאַפּיטל איז געשריבן געוואָרן אין מיין נאָטיצבוך עטלעכע חדשים נאָך דער באַפרייאונג פון ביאַלע (26סטן יולי 1944).

[2] שרה פרעטער, איר ברודער פנחס, יצחק קאַניער (פּליט פון סעראָצק) און דער שרייבער פון די שורות. די פיר האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין צוויי בונקערס אין אַ גאָרטן אויף דער פראַנצויזן־גאַס, נישט ווייט פון בית־הקברות.

פריי און קאָנען גיין אין שטאָט אַריין. מיר האָבן זיך אָבער נישט געכאַפּט צו פאַרלאָזן דעם גאָרטן. אַרום מיטאָג־צייט זענען אין גאָרטן אַריין סאָלדאַטן און אונדז געהייסן גלייך פאַרלאָזן דאָס אָרט. פון זייערע ווערטער איז געווען צו דרינגען, אַז דאָ שטעלט זיך אַ פראָנט־ליניע. בלית־ברירה האָבן מיר פאַרלאָזן דעם גאָרטן און אַוועקגעלאָזט זיך אין שטאָט אַריין.

מיר זענען אָנגעקומען צו דער קרייצונג פון די גאַסן סאַדאָווע־פּשעכאָדניע און וואָנסקע. דאָ האָבן מיר זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק און פאַרפירט אַ געשפּרעך מיט די קריסטן. מ׳האָט גלייך אין אונדז דערקאָנט יידן, און דער עולם אַרום איז געוואָרן גרעסער. יעדער האָט געוואָלט וויסן ווו מיר האָבן זיך אויסבאַהאַלטן. אונדזער תשובה איז געווען: — אין וואַלד. מיר זענען געזעסן אויף דער באַנק און געקוקט אַרום זיך. אַזוי פיל פּנימער, און קיין איין יידישע צורה פאַר אונדז. אָט איז שבתיס גאָרטן, ווו די געסטאַפּאָ־לייט האָבן געפּראַוועט זייערע בלוט־ארגיעס מיט די יידישע קרבנות. דער גאַנצער פּלאַץ דאָ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין גרויסן ברידער־קבר.

ס׳איז אָנגעלאָפן אַ יונגע פרוי און זיך געפרעגט ווו ס׳געפינען זיך די יידן. מ׳האָט איר אָנגעוויזן אויף אונדז. זי האָט אונדז אָנגעקוקט און מיטפילנדיק האָט זי זיך אָנגערופן: — אָ, איר האָט געמוזט אַ סך ליידן. דוכט זיך, אַז אַ טרער האָט אַ פינקל געטאָן אין אירע אויגן, און זי איז אַוועק. ווער ווייסט, האָב איך מיר געטראַכט, צי דאָס איז נישט איינע פון אונדזערע, וואָס אָנשטאָט אין אַ בונקער האָט זי די פינצטערע צייט דורכגעשטופּט אויבן, אויף דער ערד, צווישן די וועלף.

מיר זענען אַ לאַנגע צייט געזעסן אויף דער וואָנסקער גאַס און גערעדט מיט די קריסטן. כאַראַקטעריסטיש: קיינער פון זיי האָט נישט געפרעגט: — אפשר זענט איר הונגעריק? קיינער האָט נישט דערלאַנגט אַ שטיקל ברויט.

די זון האָט גענומען נידערן אין מערב. איבער אונדזערע קעפּ האָט זיך גענומען טראָגן אַ שיסעריי, וואָס איז כסדר שטאַרקער געוואָרן. די דייטשן, וואָס האָבן זיך באַפעסטיקט ביים מאַיאָנטעק „ראָסקאָש״ האָבן באַשאָסן די שטאָט, און פון דער בלאָניע־צו האָט אַ סאָוויעטישער האַרמאַט געענטפערט.

איך מיטן בונקער־חבר קאַניער האָבן נישט געקלערט קיין סך און גענומען צוריקגיין אין בונקער. מיר האָבן פאַרלאָזן די שטאָט און אָט זענען מיר שוין געווען אויף דער פּראַנצוויזן גאַס. דאָ האָט מען געזען גרופּעס רויט־אַרמייער, וועלכע האָבן במנוחה געגעסן זייער אָוונט־ברויט. מיר זענען זיך געגאַנגען אונדזער וועג און קיינער האָט אונדז נישט געשטערט. מיר האָבן געהערט דאָס כסדרדיקע זשומען פון די פליענדיקע שראַפּנעלן איבער אונדזערע קעפּ. ס׳זענען אונדז נאָך געבליבן אַ 150 מעטער צום גאָרטן. אָבער אָט איז אָנגעלאָפן אַ רויט־אַרמייער און געשריען צו אונדז, אַז מיר זאָלן צוריקגיין, ווייל דאָ איז די ערשטע פראָנט־ליניע. ס׳האָט נישט געהאָלפן דאָס זאָגן „מי יעווּרעאי״ און מיר האָבן געמוזט זיך פאַרנעמען אויף צוריק.

ווען מיר זענען צוריקגעקומען אין שטאָט אַריין זענען מיר אַוועק צום לאָמאַזער שאָסיי. ווי נאָר מיר האָבן געשטעלט די ערשטע טריט אויף דער קשיווער גאַס, איז אונדז באַפאַלן אַזאַ אַפּאַטיע און מידקייט, אַז מיר האָבן גענומען צוריקגיין, און באַשלאָסן צו בלייבן ביי אונדז אין הויז. אין אַן עת־צרה וועלן מיר זיך אויסבאַהאַלטן אין דעם באַהעלטעניש, וואָס איז דאָרט פאַראַן.

מיר זענען דורכגעקראָכן דעם פּלויט און זיך אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק וואָס איז געשטאַנען אין דעם מיט גראָז פאַרוואָקסענעם הויף. מיר זענען געזעסן אַ שטיקל צייט און זיך איינגעהערט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט. ביסלעכווייז זענען מיר פון הויף אַרויף אין שטוב און זיך אַוועקגעוואָרפן אויף אַ מאַטראַץ. נאָך אַ יאָר בונקער־לעבן, זענען מיר ווידער אַמאָל ווי מענטשן געשלאָפן ביינאַכט אין אַ וווינונג. ווען מיר האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף האָט דער טאָג אונדז שוין געלאָזט גריסן. מיט פּחד האָבן מיר זיך צוגעשאַרט צום פענצטער און פאַרשטעקטערהייט גענומען אַרויסבליקן אין דרויסן. ווען מיר האָבן אין אַ צייט אַרום באַמערקט אַ רויט־אַרמייער, איז אונדז גרינגער געוואָרן אויפן האַרצן.

איך האָב זיך גענומען אַרומקוקן איבער דער דירה. דער פאָלקס־דייטש האָט כמעט אַלץ צוגענומען. וואָס ס׳איז געבליבן איז געלעגן צעוואָרפן איבער דער פּאָדלאָגע. אין דער איינגאַנגס־טיר איז געווען אויסגעבראָכן אַ פּיליאָנג, ווייזט אויס, אַז עמעצער האָט זיך אַריינבאַקומען אין דער וווינונג און דאָ געבאַלעבאַטעוועט.

איך בין אַרויס פאַרן טויער און זיך איינגעקוקט אויף דער גאַס. די זעלבע בריסקער גאַס, די זעלבע הייזער און געשעפטן, נאָר די יידן זענען פון דאַנען פאַרשוווּנדן.

אָט איז דער שול־הויף. איך האָב אים פּשוט נישט דערקאָנט. פאַרשוווּנדן די שול, דער בית־המדרש און דער זאַפּאַסנער בית־המדרש. אָט די אַלע בנינים זענען פונאַנדערגענומען געוואָרן דורך די נאַציס און קיין זכר איז פון זיי נישט געבליבן. אויפן שול־הויף זענען אַרומגעלאָפן ווייס־האָריקע קעפּלעך. אונדזערע קינדער זענען פאַרשניטן געוואָרן און אויפן יידישן שול־הויף אין די ענגע שול־הויף־געסלעך, וועלכע האָבן במשך פון דורות איינגעזאַפּט אין זיך דעם ספּעציפישן יידישן טרויער און פרייד, האָבן זיך איצט געשפּילט קריסטלעכע קינדער. אין די יידישע וווינונגען, ווי מיר האָבן געהערט, האָט מען געהאַקט די ווענט. געריסן די פּאָדלאָגעס, געגראָבן און געזוכט באַהאַלטענע אוצרות.

איך האָב באַזוכט די ערטער, ווו ס׳האָבן זיך געפונען די נאַצי־אַמטן, כדי אויפצוזוכן איבערגעלאָזענע דאָקומענטן, אָבער איך האָב גאָרנישט געפונען. די קריסטן האָבן מיר דערציילט, אַז די דייטשן האָבן באַוויזן אַלץ צו פאַרפּאַקן און אַרויספירן. וואָס זיי האָבן נישט אַרויסגעפירט האָבן זיי פאַרברענט. אין לאָקאַל, ווו ס׳האָט זיך געפונען דער יודענראַט האָט זיך לעצטנס אויפגעהאַלטן דער פּוילישער פּאָליציי־פּאָסטן, און אויך דאָ האָב איך נישט געפונען קיין שפּור פון יודענראַט־אַרכיוו.

דעם זעלבן טאָג, ווען איך בין געשטאַנען ביים טויער פון אונדזער הויז, איז צוגעקומען אַ קריסטין, וואָס האָט געוווינט בשכנות און האָט מיר געזאָגט, אַז אונדזער דירה געהערט צו איר. איך האָב איר געפרעגט: אויף וועלכן סמך? האָט זי מיר דערציילט, אַז דער פריערדיקער לאָקאַטאָר האָט איר איבער־געגעבן די דירה און זי האָט אים געגעבן אַ סומע געלט דערפאַר. איך האָב איר געזאָגט, אַז איך בין דער געזעצלעכער אייגנטימער פון דער דירה, און אַז איך האָב מער רעכט אויף איר ווי זי. די קריסטין האָט אָנגעהויבן שרייען, אַז זי וועט נישט לאָזן ביי איר אַוועקנעמען די דירה, און אַז אין דער דירה זענען געבליבן אַ סך זאַכן פון פריערדיקן לאָקאַטאָר. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מיט די זאַכן צילט זי צו שאַפן אַ פּרעצעדענס צו שפּעטערדיקע מאַניגנגען פון מיר מצד דער מאַכט, און דער־ווייל מיר אָפּהאַלטן פון אַריין אין דער דירה.

איך בין גלייך אַוועק אין מאַגיסטראַט, ווו איך האָב אָנגע־טראָפן אַ פּאָר באַאַמטע, וועלכע איך האָב געקאַנט, און וואָס האָבן זיך איצט אַרומגעדרייט אומטעטיק איבער די צימערן. ס׳זענען דאָרט אויך געווען קריסטן מיט לענטעס אויפן אָרעם, אַזוי גערופענע, „מיליץ". איך האָב פאַרלאַנגט, אַז מ׳זאָל מיט מיר מיטשיקן אַ מיליציאַנט, וואָס זאָל אויפנעמען אַלע זאַכן, וועלכע געפינען זיך אין דער דירה. די באַאַמטע האָבן מיר דערקלערט, אַז זיי קאָנען דאָס נישט טאָן אויף אייגענער האַנט. אינצווישן איז אָנגעקומען אַ סאָוויעטישער אָפיציר. די באַאַמטע האָבן מיר געהייסן זיך ווענדן צו אים. איך האָב אים דערציילט אין פּויליש וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך, און ער האָט, ווייזט אויס, פאַרשטאַנען דעם ענין, ווייל ער האָט גלייך באַפוילן, אַז ס׳זאָל מיט מיר מיטגיין אַ מיליציאַנט.

די קריסטין איז אָבער אויך נישט געשלאָפן, אַוועק און געבראַכט עטלעכע קריסטן, וואָס האָבן גענומען מיט מיר איינ־טענהן, אַז איך דאַרף נישט איינרייסן מיט דער פרוי, און אַז איך זאָל איר אַוועקגעבן די דירה. איך האָב זיי געפרעגט: — הייתכן? זי האָט דאָך אַ וווינונג און איך האָב נישט וווהין אַריינצוגיין. זאָל איך אפשר צוריקגיין אין וואַלד אַריין? יאָ, זיי פאַרשטייען מיין לאַגע, אָבער לויט זייער מיינונג דאַרף איך, למען השלום, אַוועקגעבן די דירה דער פרוי, ווייל דער פריער־דיקער לאָקאַטאָר האָט איר דאָך איבערגעגעבן די דירה. זיי האָבן איינגעזען, אַז זיי וועלן ביי מיר גאָרנישט פּועלן און זענען אַוועק.

ס׳האָט אונדז אָנגעהויבן הונגערן. דעם גאָר קליינעם עסן־זאַפּאַס האָבן מיר געלאָזט אין בונקער. מיר האָבן אָנגע־הויבן גיין איבער די בעקערייען, אָבער אומעטום האָט מען אונדז געענטפערט, אַז ס׳איז נישטאָ קיין ברויט. צו אונדזערע קריסטינס (אין וועמענס גאָרטן מיר האָבן זיך אויסבאַהאַלטן) האָבן מיר נישט געוואָלט אַריינגיין, ווייל דערווייל איז אַ קרובהשאַפט מיט אונדז, נישט געווען געוווּנטשן פאַר זיי. מיר האָבן געמאַכט באַמיאונגען אין פאַרשיידענע ערטער וועגן באַקומען עפּעס צום עסן, אָבער אָן דערפאָלג. אין איין שטוב, ווו ס׳האָט אויך געוווינט אַ מיליציאַנט, האָט מען אונדז צוגע־זאָגט אייער אויף שבת. ווען מיר זענען שבת געקומען נעמען די אייער, איז אַריין אַ קריסט, מיט אַ מערדעריש פּנים און אָנגעהויבן שרייען, אַז מיר זאָלן גלייך פאַרלאָזן די וווינונג. צו דער קריסטין, וואָס האָט אונדז געוואָלט געבן די אייער האָט ער אויסגעשריגן: — יוּאָס, עסן דערלאַנגסטו זיי? סם גיב זיי בעסער! טרייב זיי אַרויס פון דיין שטוב! ס׳איז געוואָרן אַ מהומה, ס׳זענען אָנגעלאָפן קינדער, און דער מיליציאַנט, בכבודו ובעצמו, האָט אונדז געבעטן צו פאַרלאָזן די וווינונג.

מיר זענען אַרויס פון דער וווינונג און די קינדער זענען אונדז נאָכגעלאָפן און געשריגן: „זשידזשי"! „זשידזשי"!

אָט די קינדער האָבן אונדז אַ צייט לאַנג נישט געגעבן קיין מנוחה און נאָכאַנאַנד נאָכגעלאָפן אויף די גאַסן און נאָכ־געשריגן: „זשידזשי"! האָבן מיר זיך באַוויזן אויפן באַלקאָן פון אונדזער דירה, זענען באַלד אָנגעלאָפן די קינדער און גענומען צו אונדז אַרויפשרייען: „זשידזשי"! צוליב דעם פלעגן מיר אויסמיידן צו באַווייזן זיך אויף דער גאַס.

ביינאַכט בין איך אַוועק אויף דער יאַטקע־גאַס צו אַ קריסטין, וואָס האָט אַמאָל געוווינט בשכנות מיט אונדז, און געבעטן עפּעס עסן. איך האָב באַקומען פון איר ברויט מיט מאַרמעלאַד. איר מאַן האָט מיר עטלעכע מאָל געבראַכט עסן, אָבער ער איז נישט אַריינגעגאַנגען צו מיר דורכן טויער, נאָר פלעגט ביינאַכט דורכקריכן דורכן פּלויט.

אין עטלעכע טעג אַרום האָבן מיר געשלאָסן קאָנטשאַפט אין אַ בעקעריי און אָנגעהויבן באַקומען ברויט.

שבת אינדערפרי איז די שטאָט ווידער באַשאָסן געוואָרן מיט אַרטילעריע דורך די דייטשן. איין שראַפּנעל האָט געטראָפן אין די הייזער פון בנימין כהן און בנימין לייב מאַנדלבוים און זיי באַשעדיקט.

זונטיק זענען מיר אַוועק אין בונקער און געבראַכט פון דאָרט אונדזערע זאַכן. אין גאָרטן האָבן מיר דערזעען דייט־לעכע צייכנס פון דער פראָנט־ליניע, וואָס האָט זיך דאָרט געצויגן. אַ סך ביימער זענען געלעגן צעבראָכן, דער פּלויט איז, אין דער זייט פון די בונקערס, אויף אַ סך ערטער אונטער־געשניטן געוואָרן פון די קוילן, ווי מיט אַ זעג. אויך די סטאָ־דאָלע איז געשטאַנען אַ צעשעדיקטע. אונדזערע בונקערס אָבער זענען געבליבן אומבאַשעדיקט.

ס׳זענען אָנגעקומען אין שטאָט אַריין איינצלנע ביאַלער יידן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט אין בונקערס און אין וועלדער. צווישן די געקומענע, אין די ערשטע טעג, זענען געווען: חיה פעלדמאַן (משה מילנערס טאָכטער) מיט אירע צוויי זין, אברהם נוכאָוויטש מיט זיין שוועסטער רבקה, שרה ווייזנפעלד, רבקה באַכראַך, רוזשקע דזשענטשאַל, שמואל גוויאַזדאַ מיט זיין פרוי עלקע און פרוי מאַרגנשטערן (פון דער גראַבאַנאָווער גאַס). שפּעטער זענען געקומען: עמיל וויינבערגער, בערל סאַנד־לאַרזש מיט זיין פרוי און טאָכטער העלאַ, מיכאַש האַפּער (אויך זיין פרוי און טאָכטער האָבן זיך געראַטעוועט) און אַדוואָקאַט לעאָן גאָלדפאַרב — אַלע זיך אויסבאַהאַלטן אויף אַרישע פּאַפּירן.

נישט לייכט איז דעם קליינעם הייפעלע לעבנגעבליבענע אָנגעקומען צו באַקומען אַ דאַך איבערן קאָפּ. מיר, די יידן,

האָבן זיך באַמיט צו לייזן דאָס פּראָבלעם גוטוויליק און נישט צו שטאַרק איינרייסן מיט די קריסטן. דאָס איז אונדז ס׳רוב געלונגען.

די שטאָט איז שוין דערווייל פול געוואָרן מיט רויט־אַרמייער און ס׳האָבן געצויגן מחנות מיליטער צום מערב — קיין וואַרשע.

ס׳האָט זיך אַזוי געבענקט נאָך אַ יידיש פּנים, און מ׳האָט אים גענומען זוכן צווישן די רויט־אַרמייער אויף פאַרשיידענע אופנים. מ׳איז געשטאַנען אויף דער גאַס און ווען ס׳איז דורכגעגאַנגען אַ מיליטער־מאַן פלעגט מען זיך נעמען שפּאַרן צווישן זיך אויפן קול, צי דאָס איז אַ ייד אָדער נישט. גאַנץ אָפט פלעגט דער מיליטער־מאַן זיך אָפּרופן: — „טאַקע אַ ייד". מ׳פלעגט אויך רויט־אַרמייער, וועלכע מיר האָבן אָנגענומען פאַר יידן, פאַרטשעפּען מיט פרעגן סתם אין דער וועלט אַריין: „עמך"? אין אַ סך פאַלן איז געקומען די תשובה: „עמך".

מיר האָבן אָנגעהויבן זיך טרעפן מיט די ערשטע יידן פון דער סאָוויעטישער אַרמיי. מיר האָבן זיי געזוכט, און זיי אונדז. מיר זענען פון זיי געוווירר געוואָרן וועגן גרויסן יידישן חורבן, וואָס היטלער האָט פאַרטראָגן אַזש ביז די ווייטסטע מקומות אין רוסלאַנד, וווהין זיין פוס האָט נאָר דערגרייכט. יידישע רויט־אַרמייער פלעגן דערציילן, אַז אויפן גאַנצן וועג פון זייער מאַרש פון רוסלאַנד אָן, טרעפן זיי ערשט דאָ, אין ביאַלע די ערשטע יידן נאָכן גרויסן מבול. עפּעס זענען די יידישע רויט־אַרמייער, אָנהייבנדיק פון אַ פּולקאָווניק און ענדיקנדיק אויף אַ סאָלדאַט, צוגעלאָזענער געוואָרן און זענען מער נישט אַזוי שטייף און פרעמד געווען צו אונדז, ווי אין יאָר 1939. היטלערס גרויזאַמע בייטש האָט אונדז אַלעמען געטראָפן, יעדער האָט וואָס צו באַקלאָגן, און די שרידים זענען זיך נענטער און צוגעלאָזענער געוואָרן. ביי די, כמעט שוין פאַר אונדז פאַרפרעמדטע, רוסישע יידן האָט זיך צוריק אָפּגערופן דאָס פּינטעלע ייד. וווהין זיי פלעגן קומען, האָבן זיי געזוכט אַ ייד. זיי פלעגן אויסהערן זיין טראַגעדיע און פאַר אים דערציילן זייער אייגענעם טרויעריקן גורל. די יידישע רויט־אַרמייער פלעגן אונדז טרייסטן, אַז מיר גייען איצט צו אַ בעסערער צוקונפט, און אַז זיי וועלן באַצאָלן די פאַשיסטן פאַר אונדזער חורבן. ביי אַ טייל פון זיי האָט מען געהערט גאָר שטאַרקע נאַציאָנאַלע טענער. נישט איינער פון זיי פלעגט פלוצעם פרעגן: — פאַרוואָס האָבן מיר נישט קיין אייגן לאַנד, ווי אַנדערע פעלקער? פון אונדז פלעגט ער ערשט געוווירר ווערן וועגן אַ ציוניסטישער באַוועגונג, וואָס שטרעבט טאַקע צו אַ יידיש לאַנד און פאַרווירקלעכט אָט דעם געדאַנק אין ארץ־ישראל.

צווישן די יידישע רויט־אַרמייער האָט זיך אויך געפונען אַ גרופּע שרייבערס. אויך זיי זענען צו אונדז נענטער געוואָרן, אָבער זיי האָבן נאָך אַלץ אָפּגעהיט די גענעראַל־ליניע...

ס׳דערמאָנט זיך מיר אַ סצענע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט ביי מיר אין דער וווינונג. מיר זענען איינמאָל געזעסן אַ גרופּע ביאַלער מיט אַ יידישן אָפיציר, וועלכער פלעגט אָפט צו מיר אַריינקומען. דאַסמאָל איז ער געווען אַ ביסל בגילופין און אָפּנהאַרציקער. מיר זענען געזעסן און שוין צום וויפלטן מאָל פונאַנדערגעוויקלט די טרויעריקע מגילה פון יענע טעג, וואָס זענען נאָר וואָס געהאַט אַוועק. אין דעם איז דער אָפיציר אויסגעבראָכן אין אַ ספּאַזמאַטיש געוויין. ער האָט געוויינט און געשריען: — די קריסטן אין מיין שטאָט האָבן דערמאָרדעט מיין פרוי און קינד, צעראַבירט די היים; מ׳האָט אונדז יידן אומעטום פיינט! ס׳האָט געדויערט אַ צייט ביז ער האָט זיך באַרואיקט.

אַ סך פון די יידישע אָפיצירן האָבן זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט אונדז. געוואָלט העלפן מיט וואָס נאָר ס׳איז געווען אין זייערע מעגלעכקייטן. דורך זיי האָב איך אַרויסגעשיקט די ערשטע בריוו קיין ארץ־ישראל. אַ יידישער אָפיציר האָט דערציילט דעם הויפּט־דאָקטאָר פון דער אַרמיי אין אונדזער געגנט, גענעראַל איבראַגימאָוו די טראַגישע איבערלעבעניש פון אַ מיידל, וואָס איז אַרויס פון בונקער מיט געשוואָלענע פיס. דער גענעראַל האָט זיך מיט דער דערציילונג אַזוי איבערגענומען, אַז ער האָט פאַראָרדנט מ׳זאָל דאָס מיידל קורירן אומזיסט אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל פאַר אָפיצירן.


צווישן דער נ.ק.וו.ד. זענען אויך געווען יידן, און אויך זיי האָבן געזוכט אַ קאָנטאַקט מיט אונדז. זיי האָבן געוואָלט וויסן וועלכע קריסטן האָבן אונדז שלעכטס געטאָן און זיי וועלן זיך מיט זיי אָפּרעכענען. מיר האָבן זיי געזאָגט, אַז ווען ס׳וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן יחידים, וואָלט אפשר געלוינט די טרחה...

אין איינעם אַ טאָג איז צו מיר אַריינגעקומען אַ יידישער פּולקאָווניק פון דער רוסישער אַרמיי און מיר איבערגעגעבן אַ בריוו פון יידיש־רוסישן שרייבער איליאַ ערנבורג. אין בריוו האָט ער מיר געבעטן צושיקן אים מאַטעריאַל וועגן דער נאַצי־תקופה, און מיטהעלפן איםביים אויפשטעלן דאָס „שוואַרצע בוך", וואָס דאַרף דערציילן וועגן די נאַצי־גרויזאַמקייטן.

ווייזט אויס, אַז יידישע אָפיצירן און יידישע קריגס־קאָרעספּאָנדענטן, וואָס פלעגן מיר באַזוכן, און פאַר וועלכע איך פלעג לייענען פראַגמענטן פון מיינע בונקער־כתבים, האָבן וועגן דעם מאַטעריאַל אינפאָרמירט א. ערנבורגן.

אין מיין תשובה האָב איך אים געשריבן, אַז ס׳וואָלט ווינטשנסווערט געווען זיך צו באַמיען, אַז מ׳זאָל קיין ביאַלע שיקן אַן אויספאָרשונגס־קאָמיסיע, כדי אונטערצוזוכן די מאַסן־קברים אין ביאַלע און סביבה, ווי אויך אין לאמאז. קיין תשובה האָב איך נישט דערהאַלטן.

אויף די גאַסן פון שטאָט האָט זיך באַוויזן דער מאַניפעסט פון דער צייטווייליקער פּוילישער רעגירונג אין לובלין, מיט די בילדער פון מיניסטאָרן־קאַבינעט. צווישן זיי אויך דאָס בילד פון דעם געוועזענעם יידישן דעפּוטאַט עמיל זאמערשטיין, מיט אַ פּאַטריאַרכאַלישער באָרד. אין מאַניפעסט איז צוגעזאָגט געוואָרן פולשטענדיקע גלייכבאַרעכטיקונג דער יידישער שארית־החורבן אין פּוילן. מיר האָבן געגלויבט, אַז פון די הויכע פענצטער וועט באמת קומען אַ יושרדיקער און


г. Москва [illegible]

17 октября 1944 г.

Уважаемый [illegible]!

К Вам, как к одному [illegible] немногих евреев – [illegible] Подляски, спасшихся от немецкой казни, я обращаюсь с [illegible] просьбой:

По поручению Антифашистского Еврейского Комитета, я, с группой товарищей-писателей, работаю сейчас над созданием "Черной Книги", которая должна будет рассказать миру о зверствах совершенных немцами над еврейским народом.

В эту книгу должны войти документы, письма и рассказы очевидцев, свидетелей совершенных немцами [illegible].

Я Вас прошу помочь мне в создании "Черной Книги" и написать обо всем, что произошло с еврейским населением Вашего города во время [illegible]. [illegible] пережить лично Вам и Вашим близким. Пишите подробно, [illegible] факты, указывайте даты, фамилии и имена людей, ставших жертвами немецких зверств, фамилии и имена немецких палачей.

Если у Вас, или у кого-либо из Ваших знакомых, сохранились документы /немецкие приказы, распоряжения, объявления/, изображающие злодеяния немцев, дневники, записки или предсмертные письма погибших людей, пришлите их мне.

Пришлите для "Черной Книги" все, что Вы найдете нужным [illegible]. Очень рассчитываю на Вашу помощь.

Письма и материалы шлите мне по адресу: Москва ул. Кропоткинская, дом N 10, Антифашистский Еврейский Комитет.

Уважающий Вас [illegible] /И. Эренбург/."

מכתב של הסופר היהודי־הרוסי איליה ארנבורג אל מ. י. פייגנבוים בדבר המצאת חומר בשביל „הספר השחור" על מעשי הגרמנים.

בריוו פון יידישן־רוסישן שרייבער איליא ערנבורג צו מ. י. פייגנבוים וועגן צושיקן מאַטעריאַל צום „שוואַרצן בוך" וועגן די דייטשע מעשים.

Letter of the Jewish-Russian writer Ilia Erenburg to M. J. Feigenbaum to send documents for a planned "Black Book" on German attrocities.

ליבעראַלער פּאָליטישער קורס לגבי דעם רעשטל לעבנגעבלי־בענע יידן אין פּוילן. ווי וועט אָבער זיין די באַציאונג פון די ברייטע פּוילישע מאַסן צום הייפל יידן? מיר האָבן שוין דעמאָלט געזען, אַז די נאַציס האָט מען פאַרטריבן פון אונדזער געגנט, אָבער דער נאַציזם איז טיף געבליבן שטעקן אין די ביינער פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג.

ווען איך בין מיט אַ בחירה געגאַנגען אויפן פּלאַץ־וואָל־נאָשטשי אין צווישן זיך גערעדט יידיש, האָבן מיר געהערט ווי צוויי קריסטינס, וואָס זענען געגאַנגען הינטער אונדז האָבן זיך אָפּגערופן: — זיי זענען שוין ווידער דאָ מיט זייער שוואַרגאָטשען. — אין איינע האָט זיך אָנגערופן צו דער צווייטער: „זאַבאַטשי פּאַני, זשע אָני וושיסצי ווראָצאָן" (איר וועט זען, פּרוי, זיי וועלן אַלע צוריקקומען). מיר האָבן זיך געטראַכט: הלוואי וואָלט דאָס אמת געווען.

צו מיר אין שטוב פלעגן אַרויפקומען קריסטן פון שטאָט. אין אָפּטמאָל פלעגט מען אַ שמועס טאָן וועגן יענע טעג. זיי פלעגן וועלן אויפווייזן, אַז די כאַליאַקן האָבן געהאָלפן די יידן אין דער טרויעריקער תקופה. איך פלעג זיי צודריקן צו דער וואַנט און ווייזן בלויז פאַקטן, נישט נאָר פון גלייכגילטיקייט מצד זיי, נייערט פון צולייגן אַ האַנט צו אונדזער אומקום. נישט האָבנדיק קיין זאַכלעכע תשובה, פלעגן זיי זיך אויס־דריקן, אַז איך דאַרף נישט שפּייען אין ברונעם פון וועלכן איך טרינק.

אין אַ רעגנדיקן פרימאָרגן האָט מען אין ביאַלע דורכ־געפירט אויף דער בריסקער גאַס אַ קליינע גרופּע פון דייטשע קריגס־געפאַנגענע. ווי נעבעכדיק האָבן זיי, די נעכטיקע רוצ־חים־העלדן, איצט אויסגעזען. אָפּגעריסן די מלבושים, באַר־

ווען, באַוואַקסן די געזיכטער און אַ טייל אָן היטלען. „גוט־האַרציקע" כּאָליאַקן האָבן זיי דערלאַנגט ברויט.

פון מזרח זענען אָנגעקומען עטלעכע יידישע בחורים, וואָס זענען געווען אין וואָלין אין דער פּאַרטיזאַנקע. זיי האָבן דערציילט וועגן די צרות, וואָס די יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן געהאַט איסצושטיין פון זייערע קריסטלעכע חברים, און אַז אַ קאָנטיקע צאָל יידישע פּאַרטיזאַנער איז געפאַלן פון די קריסטלעכע חברימס הענט. אומעטום איז געווען דער גיהנום, אומעטום האָט אויף אונדז געלויערט דער טויט.

פון טיף־רוסלאַנד האָבן גענומען אָנקומען די ערשטע בריוו פון די ביאַלער, וואָס זענען אין דער מלחמה אַהין מגולגל געוואָרן. אָט די קאָרעספּאָנדענץ פלעגט די פּאָסט מיר איבערגעבן.

איך פלעג זיצן און לייענען די בריוו, וואָס זענען געגאַנגען חדשים אין וועג פון אוזבעקיסטאַן, גרוזיע, קאַזאַקסטאַן, אופאַ אאַ"וו און סאַרקאַסטיש שמייכלען. ווי געמיטלעך זענען זיך אָט די בריוו געשריבן? אין די בריוו פלעגט מען זיך נאָכפרעגן אויף יעדן פרט און פון יעדן האָט געשלאָגן פרייד און האָפענונג פון באַלדיקן באַגעגענען זיך. פלעג איך אַזוי לייענען און שטיינען: ווייסן נישט די מענטשן, אַז זייערע משפחות זענען פאַרטיליקט און זייערע היימען חרוב? זענען קיין רוסלאַנד נישט דערגאַנגען קיין שום ידיעות פון די דייטשע בעסטיאַלישע מעשים, וואָס זענען אויסגעפירט געוואָרן פאַר די אויגן פון דער וועלט? איז עס מעגלעך, אַז קיין איין ביאַלער האָט דאָרט נישט אויפגעכאַפּט קיין עטער־כוואַליע באַפאַרבט מיט יידיש בלוט? אָדער אפשר האָט מען אויך דאָרט געוווסט וועגן אַלץ, און דאָך האָט יעדער געגלויבט, אַז צו אים איז דער גורל מילדער געווען?

וואָס האָט מען געקאָנט ענטפערן אָט די אַלע בריוו־שרייבערס, דאָרט אין ווייטן רוסלאַנד, ווען צווישן דעם שרידים־הייפעלע אין ביאַלע האָבן זיי אַפילו קיין ווייטן קרוב נישט געהאַט? ווי דערלאַנגט מען דאָס יענעם אַ תשובה, וואָס וועט ווירקן, ווי מיט אַ דובינע איבערן קאָפּ?

בין איך געזעסן אַ צייט. ביז איך האָב צוזאַמענגעשטעלט אַ סטערעאָטיפּישע תשובה פאַר אַלע, און צעשיקט זי צו יעדן בריוו־שרייבער.

אָט אַזוי איז מיין אַדרעס געוואָרן אַ זוך־ווינקל פאַר די ביאַלער. דורך דער קאָרעספּאָנדענץ צו מיר האָבן זיך אָפּגעפונען אייגענע אין רוסלאַנד גופא, וואָס האָבן זיך צעשיידט דאָרט און זיך געזוכט במשך פון דער גאַנצער מלחמה אָן רעזולטאַט. אַזוי האָבן זיך אָפּגעפונען די ברידער הערשבערג (יעקב וועלוול דעם קאָוואַלס זין), צוויי ברידער פון דער וואָליע א"אַ.

ביום א', שני בחודש מרחשוון שנת תשכ"א, במעמד עשרות יוצאי ביאלה־פודלאסקה, הוסר הלוט מעל לוח הזכרון לקדושי עירנו שבמרתף השואה בהר ציון בירושלים.

זונטיק, צוויי טעג אין חודש מרחשוון אין יאָר תשכ"א (23טן אָקטאָבער 1960), איז, ביי דער אָנוועזנהייט פון צענדליקער ביאַלער אין ישראל, אויפגעדעקט געוואָרן, אין דעם מרתף השואה (קעלער פון חורבן) אויפן הר ציון אין ירושלים, דער געדענק־טאָוול לזכר די קדושים פון אונדזער שטדט.



ביאַלער אין דער וועלט

מ. י. פייגנבוים / אין ישראל

פון דער היסטאָרישער אָפּהאַנדלונג פון ד״ר מ. הענדל דערוויסן מיר זיך, אַז שוין אין 16טן יאָרהונדערט האָבן ביאַלער יידן אָנגעשפּאַרט אין ארץ־ישראל. ווי פון אַנדערע שטעט, זענען אויך פון ביאַלע יחידים אַוועק קיין ארץ־ישראל אין יענע יאָרן, כדי צו קאָנען שטאַרבן אין הייליקן לאַנד, אָדער כדי צו באַפרידיקן זייערע געפילן נאָענט צו די הייליקע מקומות.

אין די זכרונות פון יהושע יעלין ווערט אין קאַפּיטל וועגן דער פאַרגרעסערונג פון יידישן ישוב אין ירושלים אין די יאָרן 1864—1834, דערציילט וועגן דעם שאַפן פון „כולל ווארשה״. וועמענס אָנפירער און פאַרטרויאונגס־מאַן ס׳איז באַשטימט געוואָרן דוד יעלין (דער פאָטער פון דערמאָנטן יהושע יעלין), צו וועמען ס׳איז צוקאָאָפּטירט געוואָרן דער „הרב הגאון ר׳ מאיר ז״ל מביאלא״ (איינער פון די דיינים אין ירושלים).

אין דער תקופה פון דער „עליה־שניה״ איז קיין ארץ־ישראל געקומען נחמיה גאָלדוואַסער (זון פון ניסן גאָלדוואַסער), וועלכער האָט האַרט פאַרן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה פאַרלאָזט דאָס לאַנד און זיך צוריקגעקערט קיין ביאַלע.

פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה פלעגט מען הערן וועגן איינצלנע ביאַלער יידן, וואָס האָבן זיך געפונען אין ארץ־ישראל, ווי די צוויי גערער חסידים: ר׳ משה מרדכי (דער קעסלערקעס איידעם) אין צפת און ר׳ יאָסל יונעווער (פאָטער פון דינה יונעווער), וואָס איז אַוועק קיין ארץ־ישראל, כדי דאָרט צו שטאַרבן (פ. גאָלד, ניו־יאָרק). שלמהלע היטלמאַכער (וויסבערג) האָט געמאַכט גרויסע באַמיאונגען עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. ער האָט שוין אַפילו געהאַט פאַרקויפט זיין גרויס הויז אויף דער מעזריטשער גאַס און איז גרייט געווען צום אָפּפאָרן. אינמיטן אָבער איז אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה און שלמה׳לע האָט דערווייל געמוזט רעזיגנירן פון זיין טרוים. נאָך דער מלחמה איז שלמה׳לע געווען פון די ערשטע אין ביאַלע, וואָס איז אַוועק מיט זיין גאַנצער משפחה קיין ארץ־ישראל.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז איינער אַ ביאַלער, מעלמאַן, אַ סאָלדאַט אין דער רוסישער אַרמיי, אַריינגעפאַלן אין טערקישער געפאַנגענשאַפט און איז אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל, וווּ ער איז שוין פאַרבליבן.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן די עליה פון ביאַלער קיין ארץ־ישראל. דאָס איז פאָרגעקומען אין אַ קליינעם פאַרנעם, ווייל ערשטנס זענען ביאַלער יידן נישט געווען קיין גרויסע אָנהענגערס פון עמיגראַציע, און שנית, דער אויסוואַנדערונגס־שטראָם פון ביאַלע האָט זיך געקערעוועט קיין אַמעריקע, ווו די ביאַלער האָבן געהאַט קרובים און באַקאַנטע, ביי וועמען זיי האָבן געקאָנט רעכענען אויף מיטהילף ביים איינאָרדענען זיך אין נייעם לאַנד. די קליינע עליה פון ביאַלע קיין ארץ־ישראל האָט געטראָגן אַן אַנדער כאַראַקטער ווי די פריערדיקע עליות. די פרישע עולים זענען נישט געפאָרן שטאַרבן אין הייליקן לאַנד, אָדער צוליב רעליגיעזע מאָטיוון, נייערט ראשית־כל, כדי צו בויען די יידישע היים, און צווייטנס, כדי פּטור צו ווערן פון שווערן פּאָליטישן רעזשים, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט אין באַפרייטן פוילן.

פון די ביאַלער, וואָס האָבן די ערשטע עולה געווען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען צווישן אַנדערע געווען: אברהם וויזנפעלד (פון וויינעס), כספי־זילבערבערג (פון די שקאָפּס — געדינט אין דער ארץ־ישראלדיקער גרענעץ־זשאַנדאַרמעריע), שלמה׳לע היטלמאַכער מיט דער פאַמיליע, זעליג ראָזנפעלד, ישעיהו אַגרעס, שלום ראָגאַלסקי, דוד אַראָנאָוויטש, אַלתר וויינבערג, די ברידער שלמה און פייוול אוויעס (ניסקעלע מוליערס זין), יצחק ז״ק (הערשל ז״קס זון), נח מאַן און מאָטל ליכטנבערג (חיה זעלדעס אַ זון).

אינמיטן פון די צוואָנציקער יאָרן, ווען די ווירטשאַפטלעכע לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן האָט זיך שטאַרק פאַרערגערט און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאַרשטאַרקטע עליה קיין ארץ־ישראל, זענען אין אָט די יאָרן עולה געווען פון ביאַלע: יהושע ראָזנבוים (באַשע שמערקעס אַ זון), פייגע איטע אורמאַכער, גוטמאַן משה (אליהו דודל דעם מלמדס זון), יהושע שיינבוים (משה דוד שטריקנמאַכערס זון), יהושע עופר, דוד לעמבערגער, משה אשבערג, שלמה צאַרוק, די ברידער יעקב און שמשון הייבלום, מנחם גאָלדזאַק, יהושע פישער, משה בראַווערמאַן, משה באַנקהאַלטער, משה לעווי, משה סטאָלאָווי, משה רובינשטיין, בעריש רובינשטיין, חנה רבקה רובינשטיין, מלכה ראַמעס, מלכה מיגדאל, אליהו פעלדמאַן, פשעקופניק א״אַ.

נאָך די אומרוען אין ארץ־ישראל, אין יאָר 1929, איז פאַרשטאַרקט געוואָרן די עליה פון ביאַלער יוגנטלעכע, וואָס האָבן זיך באַמיט אַריינצוקומען אין לאַנד אַריין אויף אַלע וועגן, סיי לעגאַלע און סיי אומלעגאַלע, וואָס זענען אָפט פאַרבונדן געווען מיט גרויסע געפאַרן.

אַ גאָר נישטיקער פּראָצענט פון די ביאַלער עולים האָט נישט באַוויזן זיך איינצואָרדענען אין ארץ־ישראל, האָט פאַרלאָזט דאָס לאַנד און איז צוריקגעקומען קיין ביאַלע, אָדער האָט עמיגרירט אין אַנדערע לענדער.

דער רוב ביאַלער האָט זיך באַזעצט אין תל־אביב און אַ גאָר קליינער טייל אין קיבוצים.

די פאַכלייט צווישן די ביאַלער האָבן געאַרבעט ביי זייערע מלאכות, און די וואָס האָבן נישט געקאָנט קיין מלאכה פון דער היים, האָבן זיך גענומען צו פאַרשיידענע אַרבעטן, בעיקר צו שוואַרצער אַרבעט ביי בנין־בוי. פון אַ גאָר גרויסן אָנזען האָט געגאָסן אונדזער בן־עיר אלתר וויינבערג, וועלכער איז גאָר גיך באַקאַנט געוואָרן אין תל־אביב ווי איינער פון די בעסטע מוליער־מייסטערס, און אויך געלערנט דאָס פאַך אַ גרופּע יונגע עולים, וועלכע זענען אין תל־אביב באַקאַנט געווען ווי „קבוצת וויינבערג".

דער באַקאַנטער אין ביאַלע ציוניסטישער עסקן יהושע פישער, איז אין ארץ ישראל געווען צווישן די גרינדערס פון כפר אתא, אַ ישוב לעבן היפה, און איז דאָרט אַ סך יאָרן געווען דער מוכתר פון דאָרף.

איינער פון די ערשטע תושבים אין בני־ברק איז געווען דער ביאַלער משה גוטמאַן. זיין צריף איז דאָרט געווען פון די ערשטע הייזקעס, וואָס זענען געווען אַן אָנזאָג אויף אַ ניי לעבן, וואָס נעמט אויפגיין אויף דעם דאָרטיקן וויסטן שטח.

נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען דער ביאַלער יידישער ישוב איז לגמרי אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער ערד־אויבערפלאַך, האָט דער רוב פון קליינעם הייפעלע לעבנגעבליבענע ביאַלער עולה געווען קיין ארץ־ישראל. אַ טייל פון זיי איז געקומען ווי אומלעגאַלע עולים, נאָך אונטער דער הערשאַפט פון דער ענגלישער מאַנדאַטאָר־מאַכט, און די איבעריקע זענען שוין אַריינגעקומען ווי עולים אין דער יידישער מדינה.

ביי היינטיקן טאָג ציילן די ביאַלער לאַנדסלייט אין ישראל בערך 500 פאַמיליעס. לרוב קאָנצענטרירן זיך די ביאַלער אין און אַרום תל־אביב. דער רעשט איז פונאַנדערגעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד, אין שטעט, אין דערפער און אין קיבוצים.

דער גרעסטער טייל ביאַלער אין ישראל באַשעפטיקט זיך מיט מלאכה אין אייגענע וואַרשטאַטן, אין קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען און ווי אַרבעטערס אין וואַרשטאַטן און פאַבריקן. אַן אָנגעזעענער טייל איז באַשעפטיקט אין דער לאַנדווירטשאַפט, סיי ווי פּריוואַטע לאַנדווירטן און סיי ווי חברים אין קיבוצים. אַ טייל באַשעפטיקט זיך מיט האַנדל און אויך מיט פרייע פּראָפעסיעס.

אויפן אָרגאַניזאַציאָנעלן געביט האָבן די ביאַלער אין א"י נישט אַרויסגעוויזן קיין גרויסע איניציאַטיוו און אַקטיוויטעט. ס'זענען געמאַכט געוואָרן פּרוּוון צו אָרגאַניזירן אַ ביאַלער פאַראיין, אָבער אָן דערפאָלג. אין יאָר 1932, בעתן באַזוך אין ארץ־ישראל פון אונדזער בן־עיר בעריש באָרנשטיין פון אַמעריקע, איז לויט זיין איניציאַטיוו געשאַפן געוואָרן אַן איניציאַטיוו־גרופּע, וואָס האָט געדאַרפט דערפירן צו דער גרינדונג פון אַ ביאַלער פאַראיין, אָבער ס'איז דערפון גאָרנישט אַרויסגעקומען.

נאָכן באַקומען די ערשטע טרויעריקע גרוסן וועגן חורבן פון אונדזער געבוירן־שטאָט, איז אין תל־אביב אַנטשטאַנען אַ ביאַלער קאָמיטעט, וועלכער האָט דורכגעפירט אַ גרויסע זאַמל־אַקציע פון קליידער צווישן די לאַנדסלייט און אָפּגעשיקט עטלעכע גרויסע קאַסטנס מיט אָט די קליידער קיין ביאַלע (די קאַסטנס זענען קיינמאָל נישט אָנגעקומען קיין ביאַלע און זענען געבליבן ערגעץ שטעקן אין וועג, וואָס האָט געפירט דורך פּערסיע און רוסלאַנד). אָט דער קאָמיטעט האָט דורכגעפירט אין תל־אביב די ערשטע גרויסע אזכרה צום אָנדענק פון חרוב־געוואָרענעם ביאַלער יידישן ישוב.

מיטן אָנקום פון די ערשטע עולים פון דער ביאַלער שאַרית החורבן, איז ביי די ביאַלער געגרינדעט געוואָרן אַ לייקאַסע, וועלכע האָט געהאָלפן די נייע עולים מיט הלוואות. דער קאָמיטעט האָט אָבער נאָך אַ קורצער טעטיקייט אויפגעהערט צו עקסיסטירן און די הלוואות זענען נישט געוואָרן צוריק איינגעמאָנט.

אין יאָר 1952, ווען די ביאַלער לאַנדסלייט אין אַמעריקע האָבן אויסגעדריקט זייער גרייטקייט צו פאַראייביקן אין ישראל אויף אַ קאָנסטרוקטיוון אופן דעם אָנדענק פון אונדזער חרוב־געוואָרענער געבוירן־שטאָט, איז זיי פאָרגעשלאָגן געוואָרן צו גרינדן אין ישראל אַ גמילות חסד־קאַסע אויפן נאָמען פון דער ביאַלער קהילה, וואָס זאָל פאַרטיילן קאָנסטרוקטיווע הילף די נייע עולים. מיט דער הסכמה פון די ביאַלער אין אַמעריקע, איז די קאַסע געגרינדעט געוואָרן אונטערן נאָמען „קופת גמילות־חסד ע"ש קהילת ביאלה פודלאַסקה", וועלכע איז אַדאַנק דער גרויסער און אָנהאַלטנדיקער מיטהילף פון די ביאַלער לאַנדסלייט אין אַמעריקע, געוואָרן אַ וויכטיקער קאָנסטרוקטיווער הילפס־מכשיר אין לעבן פון די ביאַלער לאַנדסלייט אין ישראל, בעיקר פון די נייע עולים.

ביי היינטיקן טאָג איז אָט די גמילות־חסד־קאַסע איינע פון די אָנגעזעענסטע און בעסטע־אָרגאַניזירטע אינסטיטוציע אויף דעם געביט אין לאַנד. זי איז גלייכצייטיק אַ וויכטיקער הילפס־אינסטרומענט פאַר די לאַנדסלייט און אַ מאָנומענט פאַר דער חרוב געוואָרענער ביאַלער קהילה.

אין די 8 יאָר פון איר עקסיסטענץ (1טן אָקטאָבער 1952 — 30סטן סעפּטעמבער 1960) דערגרייכט דער קאַפּיטאַל פון דער קאַסע אַ סומע פון —.28,881 פונט. דער קאַפּיטאַל דינט אויסשליסלעך פאַר הלוואות. אין דער צייט זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן 426 הלוואות אויף אַ סומע פון —.103,931 פונט, פון וועלכע ס'זענען צוריקגעצאָלט געוואָרן —.82,230 פונט. צום סוף פון דער דערמאָנטער תקופה קומט פון די לייערס אַ סומע פון —.21,701 פונט.

די גמילות־חסד־קאַסע איז געוואָרן דער טרעף־פּונקט פון די ביאַלער לאַנדסלייט אין ישראל און פאַרנעמט דאָס אָרט פון

אַ פאַראיין. נישט פאַראַן קיין איין פראָבלעם מיט וועלכן ס׳באַשעפטיקט זיך אַ פאַראיין, אַז די פאַרוואַלטונג פון דער קאַסע זאָל זיך מיט דעם נישט פאַרנעמען.

אָט זענען עטלעכע אַזעלכע פראָבלעמען. ליידער זענען פאַראַן ביאַלער, וואָס זענען אָנגעוויזן אויף סאָציאַלער הילף, וואָס געהערט נישט צו דער אויפגאַבע פון דער גמילות־חסד־קאַסע. כדי אָבער נישט צו לאָזן אָט די נויטבאַדערפטיקע אָן הילף, איז ביי דער גמילות־חסד־קאַסע געשאַפן געוואָרן אַ באַזונדערער סאָציאַלער פאָנד, וועלכער פאַרנעמט זיך מיט פאַרטיילן אַזאַ הילף די ביאַלער נצרכים. די הילף ווערט געגעבן אויף אַ בכבודיקן אופן און טיילמאָל אין גאַנץ אָנגעזעענע סומעס. דער סאָציאַלער פאָנד טראָגט דעם נאָמען, „קרן אשר ובנימין לעזרה סוציאלית״. דער פאָנד פאַראייביקט דעם אָנדענק פון די צוויי ביאַלער אָנגעזעענע ציוניסטישע עסקנים אשר האָפער און בנימין קליגער ז״ל, וואָס זענען געווען צווישן די גרינדערס פון דער גמילות־חסד־קאַסע.

דער „קרן אשר ובנימין לעזרה סוציאלית״ עקסיסטירט כמעט פון דער זעלבער צייט, וואָס די גמילות־חסד־קאַסע. אין דער צייט זענען פאַרטיילט געוואָרן אונטערשטיצונגען אויף אַ סומע פון —.16,113 פונט.

כדי צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון אונדזער בן־עיר אלתר וויינבערג ז״ל, וואָס איז געווען פון די ערשטע ביאַלער אין תל־אביב, וועמענס הויז איז געווען דאָס צונויפקום־אָרט פון ביאַלער אין ארץ־ישראל, וועלכע אלתר וויינבערג פלעגט העלפן מיט ראַט און טאַט, איז געשאַפן געוואָרן אַ סטיפּענדיע־פאָנד אויף זיין נאָמען. יאָר־יערלעך ווערט פון דעם פאָנד צוגעטיילט סטיפּענדיעס פאַר תלמידים פון ביאַלער עלטערן, וואָס צייכענען זיך אויס אין די לימודים. די געלטער פון סטיפּענדיע־פאָנד זענען פולשטענדיק סעפּאַרירט פון די געלטער פון דער גמילות־חסד־קאַסע.

דער סטיפּענדיע־פאָנד אויפן נאָמען פון אלתר וויינבערג עקסיסטירט 6 יאָר (1טן אָקטאָבער 1954 — 30סטן סעפּטעמבער 1960). אין דער תקופה זענען דערטיילט געוואָרן 22 סטיפּענדיעס אויף אַ סומע פון —.1,929 פונט. דער דאָזיקער פאָנד ווערט אויסגעהאַלטן פון די לאַנדסלייט אין לאָס־אַנדזשעלעס.

די גמילות־חסד־קאַסע־פאַרוואַלטונג אָרדנט איין יעדעס יאָר אַן אזכרה צום אָנדענק פון די פאַרשניטענע ביאַלער יידן, צו וועלכער ס׳קומען כמעט אַלע, צעשפּרייטע איבערן לאַנד, ביאַלער לאַנדסלייט.

די עקזעקוטיווע פון דער קאַסע באַשטייט פון: משה רבאון — פאָרזיצער, יהושע קליגער און יעקב גליקסבערג — וויצע־פאָרזיצערס, שמשון הערצבערג און לעאָן פּאַקמאַן — קאַסירערס, אשר גרינבלאַט — סעקרעטאַר, יהושע וויסמאַן — בוכהאַלטער, יהושע עופר, חיים ליבמאַן, חיים יוסף קניזשניק, ראָזאַ ליוועראַנט, זלמן דאָגאָדני, בלומע שפּיכלער, בעלא שיינבוים, פּנינה גאָלדנדראַט, דב אָסנהאלץ און שמואל פּישמאַן. רעוויזיאָנס־קאָמיסיע: אהרן מיאָדעק און גדליהו כהן.

דער חורבן פון דער אַלטער היים האָט נענטער געמאַכט די דערוויטערטע צווישן זיך ביאַלער לאַנדסלייט אין ישראל, וואָס זענען פאַרוועבט אין טאָג־טעגלעכן געראַנגל פאַרן קיום, אָבער מיט דער באַפרידיקונג, אַז זיי זענען פרייע בירגער אין דער פרייער מדינת ישראל, צו וועלכער דורות האָבן געטרוימט און געשטרעבט.

אין צפון־אַמעריקע

א. ניו־יאָרק

ס׳איז אָנצונעמען, אַז די ערשטע ביאַלער אין צפון־אַמעריקע זענען אַהין אָנגעקומען ביים סוף פון 19טן יאָרהונדערט, ווען די עמיגראַציע פון רוסלאַנד קיין אַמעריקע, צוליב די פּאָגראָמען אויף יידן אין יאָר 1881, האָט מיטגעשלעפּט איינצלנע ביאַלער. אַ קליינער טייל איז אַוועק צוליב עקאָנאָמישע סיבות, אַנדערע כדי אויסצומיידן מיליטער־דינסט אין דער רוסישער אַרמיי. געווען אויך איינצלנע עמיגראַנטן, וואָס זענען פאַרבונדן געווען מיט די, אַזוי־גערופענע, „שייקעס״. אין די 90קער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט פלעגט די ביאַלער יידישע אונטערוועלט, וואָס איז באַשטאַנען פון ווילע יונגען און „שטאַרקע״, דערגיין די יאָרן דער באַפעלקערונג. די פּאָליציי האָט געוווסט וועגן זייערע מעשים, און זי פלעגט יעדעס מאָל צונויפנעמען פון זיי אַ גרופּע און זי פאַרשיקן קיין טיף־רוסלאַנד. אָט די גרופּעס האָט מען גערופן „שייקעס״ (אין זיין אָפּהאַנדלונג „דער ביאַלער הויף״, דערציילט אַ. וויינבערג וועגן אַנטלויפן פון ביאַלער איינוווינערס פון דער שלאָס־תפיסה, און ער גיט צו: „פאַרוואָס זיי זענען געזעסן אין תפיסה, אין אַ גאַנץ באַזונדער קאַפּיטל״. ס׳דאַרף דערייבער באַמערקט ווערן, אַז דאָס האָט געהאַט אַ שייכות מיט די „שייקעס״ און, אַז די אַנטלאָפענע ביאַלער איינוווינערס האָבן געוואַרט אין תפיסה אויף זייער דעפּאָרטאַציע קיין טיף־רוסלאַנד). אַסך פון די „שייקעס״ זענען אַנטלאָפן פון זייער פאַרשיקונג און האָבן עמיגרירט קיין ענגלאַנד, און שפּעטער קיין אַמעריקע, ווו זיי זענען געוואָרן נוצלעכע אַרבעטערס.

נאָכן דערשטיקן די רעוואָלוציע, פון יאָר 1905, דורך דער צאַרישער מאַכט, האָט זיך אָנגעהויבן אַן עמיגראַציע פון ביאַלער קיין אַמעריקע, וואָס איז געווען אַן אויסוואַנדערונג בעיקר פון אַרבעטערס. די צאָל פון ביאַלער אויסוואַנדערערס קיין אַמעריקע, ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווערט געשאַצט אויף בערך 400 מאַן.

גלייך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאַסן־עמיגראַציע קיין אַמעריקע, איז ביאַלע געווען אין איר באַדייטנדיק פאַרטראָטן. ס׳האָבן דעמאָלט אויסגעוואַנדערט פרויען צו זייערע מענער, וואָס האָבן זיך

געפונען אין אַמעריקע נאָך פאַר דער מלחמה, קינדער צו עלטערן, עלטערן צו קינדער און יוגנטלעכע, וואָס האָבן געזעען פאַר זיך אַ צוקונפט אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אַזוי איז געגאַנגען אָן איבעררייס די אויסוואַנדערונג פון ביאַלע קיין צפון־אַמעריקע, ביז ס׳איז אין די פאַראייניקטע שטאַטן איינגעפירט געוואָרן די, אַזוי־גערופענע, „קוואָטע״, וואָס האָט כמעט פאַרשלאָסן די טויערן פאַר פרישע עמיגראַנטן.

דער רוב ביאַלער עמיגראַנטן איז שטעקן געבליבן אין ניו־יאָרק, ווו ס׳האָט שוין דעמאָלט עקסיסטירט אַ גרויסער יידישער קיבוץ. די געקומענע פון ביאַלע האָט גיכער געלאָקט דאָס בלייבן צווישן יידן, ווי צו לאָזן זיך אויף מערב, ווו די צאָל יידן איז דעמאָלט נאָך געווען אַ קליינע. ס׳איז לייכטער געווען איינצואָרדענען זיך צווישן יידן, ווו מ׳האָט געקאָנט געניסן פון אַוועלכער ס׳איז אונטערשטיצונג. קלאָר, אַז דאָס נישט קענען די לאַנד־שפּראַך, האָט אויך גורם געווען צו וועלן בלייבן צווישן יידן. יעדער פריש־געקומענער האָט זיך באַמיט צו באַקומען באַשעפטיקונג אין זיין פאַך. די וואָס האָבן נישט געהאַט קיין פאַך האָבן זיך גענומען צו פאַרשיידענע אַרבעטן. אַ גרויסער טייל פון די ביאַלער פאַכלאָזע איז אַוועק אַרבעטן אין דער היט־פּראָדוקציע.

פרעמד, פאַראיינזאַמט און טיילמאָל הילפלאָז האָט זיך געפילט דער פריש־געקומענער אין דער נייער מדינה. געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן זיך נישט געקאָנט אַקלימאַטיזירן, ס׳האָט זיי גענאָגט אַ בענקשאַפט נאָך זייער היים און זיי זענען אַוועק צוריק קיין ביאַלע. אַזוי זענען ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה צווישן אַנדערע צוריקגעקומען: נחמן מאַרגנשטערן (איינבינדער — צוריקגעפאָרן קיין אַמעריקע נאָך דער מלחמה), עליע בובקעס (אליהו האפמאן), חנינא קאַשעמאַכער, שמואל עקשטיין א״אַ. ס׳איז דעריבער פאַרשטענדלעך, אַז ס׳האָבן זיך אָרגאַניזירט פאַראיינען פון לאַנדסלייט, וואָס זייער אויפגאַבע איז געווען צו שאַפן אַ צוזאַמענטרעף־אָרט, ווו מ׳זאָל זיך קאָנען צונויפקומען, שטילן אַביסל די געמיינזאַמע בענקשאַפט נאָך דער פאַרלאָזטער היים, העלפן זיך קעגנזייטיק מיט ראַט און טאַט. אַזוי ווי ביי אַנדערע לאַנדסלייט אין אַמעריקע, אַזוי איז דאָס אויך צוגעגאַנגען ביי די ביאַלער לאַנדסלייט.

שוין אין יאָר 1907 איז אין ניו־יאָרק געגרינדעט געוואָרן דער ערשטער „ביאַלער פאַראיין״ („סאָסייטי״). אָבער צוליב די מאַכט־אַמביציעס פון עטלעכע זיינע מיטגלידער, האָט דער פאַראיין נישט געהאַט קיין אריכות ימים און איז זיך צעפאַלן.

אין יאָר 1910 איז אָרגאַניזירט געוואָרן די „ביאַלער אָפּטיילונג („ברענטש״) פון אַרבעטער־רינג״. אַ סך ביאַלער האָבן אָבער נישט געקאָנט געפונען פאַר זיך קיין אָרט אין אָט דער אָרגאַניזאַציע, און דאָס האָט ווידער געפירט צו דער גרינדונג פון „ביאַלער פאַראיין״. אַרום דער גרינדונגס־דאַטע פון דער „סאָסייטי״ זענען פאַראַן חילוקי דעות צווישן די ביאַלער אין אַמעריקע, אָבער דאָס יאָר 1913 איז אָפיציעל אָנערקענט געוואָרן ווי דאָס יאָר פון דער אַנטשטייאונג פון „ביאַלער פאַראיין״.

אין יאָר 1935 איז געגרינדעט געוואָרן דער „ביאַלער פּרוויען־פאַראיין״ אין ניו־יאָרק, און אין יאָר 1953 איז אַנטשטאַנען די „ביאַלער־הלוסקער אינדעפּענדענט (אומאָפּהענגיקע) געזעלשאַפט״.

יעדע פון די אָרגאַניזאַציעס פירט איר טעטיקייט אויף איר שטייגער, אָבער כדי צו דערטיילן הילף די לאַנדסלייט מחוץ אַמעריקע, איז געשאַפן געוואָרן, ביים אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, דער „ביאַלער הילפס („רעליף״)־קאָמיטעט״, וואָס האָט עקסיסטירט בלויז עטלעכע יאָר. בעתן באַזוך פון אונדזער בן־עיר ברוך וויינבערג, פון לאָנדאָן, אין יאָר 1937 אין אַמעריקע, איז מיט זיין איניציאַטיוו געשאַפן געוואָרן דעמאָלט דער „ביאַלער צענטראַל־פאַראייניקטער הילפס־קאָמיטעט״. אין אָט דעם הילפס־קאָמיטעט זענען פאַרטראַטן פאַרשטייערס פון די אַלע ביאַלער אָרגאַניזאַציעס.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָ רעדט זיך וועגן דער אָרגאַניזאַציאָנעלער פאָרעם פון די ביאַלער לאַנדסלייט אין ניו־יאָרק, וואָס זענען דער רוב אין דער ביאַלער משפחה אין אַמעריקע. די ביאַלער לאַנדסלייט אין די אַנדערע אַמעריקאַנער שטעט האָבן אויך זייערע פאַראיינען.

און פון אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען, צו דער טעטיקייט פון די באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס, וואָס ס׳האָבן געשאַפן אונדזערע לאַנדסלייט אין ניו־יאָרק.

די „ביאַלער אָפּטיילונג („ברענטש״) פון אַרבעטער־רינג״, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דעם 3טן יאַנואַר 1910, האָט זיך בשעתו באַצייכנט מיטן נומער „402״. די גרינדערס זענען געווען: נחום אפּלבוים, חיים ווייגנלעס, אברהם בוכוואַלד, אברהם האַנטוווערקער, דזשעק גאָלד, אַלבערט ליליענטאַל, יעקב ראָזנבוים, דוד שומאַכער און איזידאָר שווייצער. אָט די אָרגאַניזאַציע האָט דעמאָלט געטראָגן אַן אויסשליסלעכן פּראָלעטאַרישן כאַראַקטער. אַסך ביאַלער לאַנדסלייט, וואָס האָבן נישט סימפּאַטיזירט מיטן „ברענטש״, האָבן זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט פון אָט דער אָרגאַניזאַציע. אין יאָר 1915 איז פאָרגעקומען אין דער אָרגאַניזאַציע אַ סכסוך צווישן עטלעכע מיטגלידער, וואָס האָט געבראַכט צו אַ שפּאַלטונג און צו דער גרינדונג פון אַ נייער אָרגאַניזאַציע אונטערן נאָמען „ביאַלער ראַדיקאַלע אָפּטיילונג („ברענטש״) 569״. מיט דער צייט זענען אָבער די מיספאַרשטענדענישן באַזייטיקט געוואָרן און דעם 1טן יאַנואַר 1926 האָבן זיך ביידע אָפּטיילונגען פאַראייניקט אונטערן אַלטן נאָמען און זיך באַצייכנט מיט אַ נייעם נומער „226״. צו דער „ביאַלער אָפּטיילונג פון אַרבעטער־רינג״ געהערן אויך לאַנדסלייט פון מעזריטש און לאמאז.

די פּרינציפּן פון „אַרבעטער־רינג״ זענען, אַז זיינע מיטגלידער טאָרן נישט זיין קיין שטרייק־ברעכערס און אין דער צייט פון וואַלן זענען זיי מחויב צו שטימען פאַר אַזאַ קאַנדידאַט, וועלכן ס׳שטעלט אַרויס אַן אַרבעטער־פּאַרטיי.

די מיטגלידער צאָלן אַן אָפּצאָל און געניסן פון פאַרשיידענע אונטערשטיצונגען, ווי: מעדיצינישע הילף, לעבנס־פאַרזיכערונג, קראַנקן־אונטערשטיצונג, פרייע באַערדיקונג פאַרן מיטגליד, זיין פרוי און קינדער (ביזן עלטער פון 18 יאָר),

פרייען צוטריט צום גרעסטן טייל שפּיטעלער, ווען אַ מיטגליד איז קראַנק ווערן געשיקט חברים אים מבקר חולה זיין.

די „ביאַלער אָפּטיילונג פון אַרבעטער־רינג" האָט בשעתו געהאָלפן אויפהאַלטן די „קולטור־ליגע" אין ביאַלע, און מיטן שיקן אַ גרויסע צאָל ביכער דערמעגלעכט דעם „בונד" אין ביאַלע אויפצושטעלן צוריק אַ ביבליאָטעק. די אָרגאַניזאַציע פלעגט שטיצן די וואָכנבלאַט „פּאָדלאַסיער לעבן". זי האָט אויך געשטיצט דעם ביאַלער פּאַטראָנאַט צו העלפן פּאָליטישע אַרעסטירטע, אַזוי לאַנג, ווי דער „ברענטש" איז געווען איבערצייגט, אַז דער פּאַטראָנאַט מיינט ערנסט מיט העלפן פּאָליטישע אַרעסטירטע.

אין אַמעריקע שטיצט דער „ברענטש" אַלע קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, אין דער ערשטער ריי, די קולטור אינסטיטוציעס פון „אַרבעטער־רינג". ער העלפט דעם „יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט", די קאַמפּיינען פאַר: „הסתדרות", „פּאַראייניקטן יידישן אַפּיל" („מגבית"), „האיאס", „ייווא" און אַ צאָל אַנדערע לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, שוין אָפּגערעדט פון שטרייק־אַקציעס און אַנדערע קאַמפן, אין וועלכע די אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג איז פאַרוויקלט. די אַקטיווע טעטיקייט פון „ברענטש" האָט באַקומען אָנערקענונג פאַר זיין ווירקלעך שיינעם בייטראָג צום יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין ניו־יאָרק.

דער „ברענטש" איז פאַרטראָטן אין „ביאַלער צענטראַל־פאַראייניקטן הילפס־קאָמיטעט" און גיט זיך די גרעסטע מי, אַז די טעטיקייט פון הילפס־קאָמיטעט זאָל זיין אַ וואָס מער פרוכטבאַרע.

ס'איז וויכטיק צו דערמאָנען, אַז ווען די שורות ווערן געשריבן, פייערט דער „ברענטש" זיין 50־יעריקן יובל. אַ תקופה פון 50 יאָר לעבן, שאַפן און אינספּירירן.

די אָנפירונג פון „ברענטש" באַשטייט פון: חיים וויינגלעס — פאָרזיצער, יעקב ראזנבוים — וויצע־פאָרזיצער, סעם זיידמאַן — פינאַנץ סעקרעטאַר, חיים בראדאטש — פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר, מאריס וואלעצקי — קאַסירער, אב. סטיין — האָספּיטאַלער; פאַרוואַלטונגס־קאָמיטעט: חיים בארגמאן, פייוול גאלד, יעקב פאסט, וויליאם סילווער, אלתר מארגנשטערן, אייווא סארנע.

ווי שוין דערמאָנט, האָבן נישט אַלע ביאַלער געקענט אָנגעהערן צום ביאַלער „ברענטש" און ס'איז אנטשטאַנען ביי עטלעכע ביאַלער דער דראַנג צו גרינדן אַ ביאַלער פאַראיין. שאַפן אַן אָרט, וווּ אַלע ביאַלער לאנדסלייט, פון פאַרשיידענע פּאָליטישע איבערצייגונגען, זאָלן זיך קאָנען צוזאַמענקומען, און זיך טיילן מיט זייערע ליידן און פריידן. דער פאַרלאַנג פון די עטלעכע לאַנדסלייט איז געווען צו האָבן אַ פאַראיין, צו וועלכן אַלע ביאַלער זאָלן קאָנען אָנגעהערן און זיך פילן אין אים היימיש און נישט קרעמפּירט.

אַ לאַנדסמאַנשאַפט־אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע איז פאַר אירע מיטגלידער ווי אַ קהילה אין דער אַלטער היים, ווייל אין אַמעריקע זענען נישט פאַראַן קיין שטאָטישע קהילות. די לאַנדסמאַנשאַפט־אָרגאַניזאַציעס ווערן געגרינדעט נישט נאָר פאַר געזונטע און לעבעדיקע, נייערט אויך פאַר קראַנקע און נאָך מער — פאַר טויטע. די ערשטע זאָרג פון אַזאַ אָרגאַניזאַציע איז — וווּ קריגט מען אַ שטיקל בית־עולם פאַר די מיטגלידער, נאָך 120 יאָר. די אַנדערע טעטיקייטן פון אַ לאַנדסמאַנשאַפט זענען צוגעפּאַסט צום כאַראַקטער פון דער מיטגלידערשאַפט.

דאָס אָרגאַניזירן אַ ביאַלער פאַראיין איז נישט געווען פון די לייכטע זאַכן. ס'האָט זיך געפאָדערט אַ סך צייט, מי און שטאַרקן ווילן.

נאָכן צעפאַלן זיך פון דער „סאסייטי", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1907, איז אין יאָר 1908 ווידער געמאַכט געוואָרן, דורך די לאַנדסלייט דזשעק גאלד און חיים וויינגלעס, אַ פּרווו איר אויפצולעבן, אָבער אויך דאָסמאָל איז דאָס נישט געלונגען. ערשט אין יאָר 1913 איז ענדלעך געלונגען צו אָרגאַניזירן די ביאַלער „סאסייטי". די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין הויז פון פרוי גיטל מאַרקס־ראזנבלאַט, וועלכע ווערט באַצייכנט, ווי די מאַמע פון די ביאַלער אין אַמעריקע. די איניציאַטאָרן און גרינדערס זענען געווען: מעקס נאווים, חנא קאופמאן, ה. בלומברג, אורטשע טשאַרני, יאנקל ראזען, ס. שערמאן, ב בוכוואלד, חיים וויינגלעס, דזשעק גאלד, ראסנער, ראזע נאווים. (די ערשטע סעקרעטאַרין), חיים בארנשטיין, לואי גאטפריד, דוד קאופמאן, ב. בלעכמאן, טשארלי וויינגלעס, אַלעקס נאווים און בערל בלומבערג.

אָט וואָס ס'דערציילט יאנקל ראזען וועגן דער ערשטער צייט פון דער „סאסייטי"־טעטיקייט:

„די ערשטע פאַרזאַמלונגען זענען פאָרגעקומען ביי גיטלען (מארקס) און מאיר נאווים. שפּעטער האָבן מיר געדונגען לאָקאַלן אויף דער קלינטאן און דעלענסי גאַסן. דער חבר־אָפּצאָל איז געווען 10 סענט אַ וואָך, שפּעטער 1.25 דאָלאַר אַ קוואַרטל, און איינשרייב־געלט — 25 סענט. מיר אַלע זענען דעמאָלט געווען יונג, אין עלטער פון 20 ביז 25 יאָר, אַ קלענער פּראָצענט איז געווען אין די מיטל־יאָרן, קיין אַלטע זענען בכלל נישט געווען.

מיר פלעגן אָפּהאַלטן אונדזערע זיצונגען יעדן 2טן און 4טן פון חודש. מיר פלעגן האָבן גרויסע פאַרזאַמלונגען, ווייל דעמאָלט זענען נאָך נישט געווען קיין ראַדיאָ און טעלעוויזיע... איך פלעג יעדע פאַרזאַמלונג אַנאָנסירן, אָן שום באַצאָלונג, אין „פאָרווערטס" און אין די „ווארהייט". מיר האָבן געהאַט קליינע הוצאותן, פאַרן לאָקאַל האָבן מיר געצאָלט 8 דאָלאַר אַ קוואַרטל.

ווען איך בין געוואָרן סעקרעטאַר פון דער „סאסייטי" האָבן מיר געקויפט די „סעמעטרי" (בית־הקברות). מיר שיינט, אַז מיר האָבן באַצאָלט 1500 דאָלאַר, אויסצאָלנדיק די סומע חודשלעך. דעמאָלט זענען נאָך נישט געווען קיין סך ביאַלער, און דער בית־עולם איז אַ לאַנגע צייט געשטאַנען ליידיק. אונדז איז גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז מיר וועלן דאַרפן קויפן אַ צווייטן בית־הקבורות...

אין אונדזער לאָקאַל אויף דער דעלענסי גאַס, איז געווען פּרעזידענט „לעמעלע" (לואי גאטפריד). טאָמער האָט „לעמעלע" נישט געוואָלט געבן אַ חבר דאָס וואָרט, און יענער האָט דווקא געוואָלט רעדן, האָט „לעמעלע" אַ געשריי געגעבן: —

„שאַראַפּ״! דאָ איז נישט ביאַלע! — מיר האָבן זיך מער געשראָקן פאַר זיינע אויגן, ווי פאַרן האַמער...

נישט איינמאָל זענען פאָרגעקומען שטורמישע פאַרזאַמלונגען און די געמיטער האָבן זיך צעהיצט. געווען אַמאָל אַ פאַל, ווען אַ גרויסע צאָל חברים האָבן געוואָלט אַרייננעמען פאַר אַ חבר אַ ביאַלער, וואָס האָט זיך נישט ווי געהעריק אויפגעפירט אין ביאַלע, און דאָ, אין ניו־יאָרק, איז ער געוואָרן אַ בעל־תשובה, געמאַכט אַ לעבן פון אַרבעט, אָבער די מערהייט האָט זיך קעגנגעשטעלט. ס׳זענען אויך געווען אַ סך יונגע ביאַלער, וואָס האָבן נישט געוואָלט אָנגעהערן צו דער „סאָסייטי״. אָבער, אַז זיי זענען עלטער געוואָרן, זענען זיי געקומען צו אונדז, און מיר האָבן זיי אַריינגענומען נישט פאַרלאַנגענדיק פון זיין קיין גרויסן אָפּצאָל״.

צו די וויכטיקסטע אויפגאַבן פון „ביאַלער פאַראיין״ געהערן דאָס דערטיילן פון קעגנזייטיקע הילף צו לאַנדסלייט, מעדיצינישע הילף, דאָס פאַראינטערעסירן זיך מיט קראַנקע לאַנדסלייט און שיקן לאַנדסלייט מבקר חולה זיין, דאָס אויפהאַלטן אַן אייגענעם בית־הקברות (אַ שטיק באָדן, וואָס ווערט אָפּגעקויפט אויף אַן אַלגעמיינעם בית־הקברות).

דער „ביאַלער פאַראיין״ איז היינט צו טאָג איינער פון די אָנגעזעענסטע אָרגאַניזאַציעס אויף דער יידישער גאַס אין ניו־יאָרק. די „סאָסייטי״ נעמט אָנטייל אין אַלע אַקציעס פאַר וווילטעטיקע צוועקן און שפּענדט געלט־סומעס פאַר דער יידישער מדינה, ווי דער אָנטייל אין די קאַמפּיינען פאַר דער „הסתדרות״ און פאַרן „פאַראייניקטן יידישן אַפּיל״. זי נעמט אויך אַן אַקטיוון אָנטייל אין די זאַמלונגען פאַר די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס.

דער „ביאַלער פאַראיין״ קאָן מיט שטאָלץ באַהויפּטן, אַז ער ברענגט אַריין אין „ביאַלער צענטראַל־פאַראייניקטן הילפּס־קאָמיטעט״ אַסך גרעסערע געלט־סומעס ווי די אַנדערע ביאַלער אָרגאַניזאַציעס, צוליב דעם, וואָס די פאַראיין־מיטגלידער זענען כמעט אַלע ביאַלער. מ׳דאַרף צוגעבן, אַז צום פאַראיין געהערן אַן אויך די מער פאַרמעגלעכע ביאַלער לאַנדסלייט, וואָס קאָנען און האָבן אויך דעם גוטן ווילן צו העלפן אַלעמען, און בפרט אונדזערע לאַנדסלייט.

די היינטיקע אָנפירערס פון דער „סאָסייטי״ זענען: מאַטל ראָזנצווייג — פּרעזידענט, ירוחם ליפּעץ — וויצע־פּרעזידענט, הערץ מאַרקוס — סעקרעטאַר, חיים בראַדאַטש — פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר, נייטען סילווערמאַן — קאַסירער, מאַקס נאַווים — פאַרזיצער פון „סעמעטרי״ (בית־הקברות)־קאָמיטעט, מאָריס עדלסטיין — האָספּיטאַלער; פאַרוואַלטונגס־קאָמיטעט: חיים ווײַנגלעס, יונה שטיינמאַן, אברהם לערנער, דזשעק ראָזנבוים, חנא קאופמאַן, דזשעק גאָלד און מאָריס סינגער.

דער איצטיקער „ביאַלער פרויען־פאַראיין״ איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1935 פון אַ גרופּע ביאַלער פרויען, וואָס הגם שוין אַ סך יאָרן אין אַמעריקע, דאָך האָבן זיי זיך געפילט געבונדן מיט זייער געבוירן־שטאָט מיט אַלע זייערע חושים. דער שטויס צום שאַפן אַזאַ אָרגאַניזאַציע האָבן געגעבן די הילפּס־רופן פון דער אַלטער היים, אין וועלכע ס׳איז געקומען צום אויסדרוק די נויט פון דער אָרעמער יידישער באַפעלקערונג, דער שווערער מצב פון יידישן שפּיטאָל, מושב־זקנים א״אַ.

אויף יעדער ווענדונג מצד דער ביאַלער „סאָסייטי״ צום פרויען־פאַראיין, ווערט געענטפערט: — הייבט אָן אייער אַרבעט, און מיר וועלן זיין מיט אייך.

דער אָנהייב איז געווען אַ גוטער, און פון דאַן אָן איז דער פאַראיין טעטיק, נישט נאָר ווי אַ ביאַלער אָרגאַניזאַציע, נייערט ער נעמט אויך אַן אַקטיוון אָנטייל אין דעם אַלגעמיינעם יידישן לעבן. די הילף פון פאַראיין באַגרענעצט זיך נישט בלויז צו ביאַלער, נאָר יעדע יידישע אינסטיטוציע, וואָס דאַרף און רופט נאָך הילף, געפינט אַן אָפענע טיר ביי אָט דעם פאַראיין, און קיינער גייט נישט אַוועק אָן אונטערשטיצונג.

דער פאַראיין שטייט אין נאָענטן קאָנטאַקט מיטן ביאַלער „ברענטש״. ער האַלט אָפּ זיינע זיצונגען אין דעם זעלבן לאָקאַל ווו דער „ברענטש״, און אויך אין די זעלבע אָוונטן. די חברות פון פאַראיין פילן זיך ווי איין גרויסע משפחה, און דאָס העלפט צעמענטירן די אייניקייט און גאַנצקייט פון „ביאַלער צענטראַל־פאַראייניקטן הילפּס־קאָמיטעט״, וואָס טראָגט שוין אַזוי פיל יאָרן די אחריות פאַר דער הילף לגבי אונדזערע ביאַלער אין דער גאָרער וועלט.

דער גרעסטער טייל פון די געלט־זאַמלונגען פון „ביאַלער פרויען־פאַראיין״ ווערט איבערגעגעבן דעם הילפּס־קאָמיטעט.

זאָלן דאָ פאַרצייכנט ווערן די נעמען פון די, וואָס אַרבעטן שוין 25 יאָר און טוען אַלץ וואָס מעגלעך, אַז זייער הילף זאָל דערגרייכן וואָס מער מענטשן, וואָס נויטיקן זיך אין איר: גיטל סטערן, גיטל מאַרקס־ראָזנבלאַט, חיה טשאַרני, ביילע ראָזנבוים, מלכה ארבאַנט, אסתר גאָלד, צירעלע לאַנדוי, בריינע בלובערג, שרה אדלער, רבקה קאופמאַן און חיה לעווין.

די אָרגאַניזאַציע פון דער „ביאַלער־הלוסקער אומאָפּהענגיקער געזעלשאַפט״, איז אַ ברידערלעכע לאַנדסמאַנשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע פון גאָר אַן אַנדער טיפּ. חוץ דער קעגנזייטיקער הילף, וואָס ווערט דאָ געגעבן צו די מיטגלידער, שפּילט די אָרגאַניזאַציע אַ מער פּאָליטיש־קולטורעלע ראָלע אין דעם געזעלשאַפטלעכן יידישן לעבן אין אַמעריקע.

די אָרגאַניזאַציע איז אַנטשטאַנען אין דער תקופה פון מעקאַרטיזם, נאָכדעם ווי ס׳זענען דורך דער רעאַקציע פאַרניכטעט געוואָרן אַנדערע פראַטערנאַלע (ברידערלעכע) אָרגאַניזאַציעס.

די ביאַלער געזעלשאַפט, אַזוי גוט ווי אַנדערע ענלעכע אָרגאַניזאַציעס אין לאַנד, האָט אָנגענומען אַ דריי־פּונקטיקן פּראָגראַם: ביישטייער פאַרן וווילזיין פון די מיטגלידער, פאַרן יידישן פאָלק און פאַרן לאַנד, די פאַראייניקטע שטאַטן.

די מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט זענען ווי איין משפחה, וואָס פרייט זיך אויף אירע שמחות און טרויערט, ווען, חלילה, ס׳טרעפט ביי איר אַן אומגליקס־פאַל. ס׳ווערט דערטיילט די מיטגלידער מעדיצינישע הילף, פאַר זייער נידעריקע אָפּצאָלן, ס׳ווערן אַראַנזשירט לויות אין פאַל פון טויט פון אַ מיטגליד, אָדער ווער פון דער משפחה, און מ׳זאָרגט אויך פאַר אַ קבר.

די געזעלשאַפט פירט אַ קולטור־טעטיקייט, אָרגאַניזירנדיק לעקציעס און פאַרשיידענע קולטור־אונטערנעמונגען, אויף וועלכע מ׳באַקענט די מיטגלידער מיט דער יידישער קולטור, מיט דער יידישער ליטעראַטור, אָנהייבנדיק פון די קלאַסיקערס, ווי: מענדעלע, שלום־עליכם און י. ל. פרץ, ביז צו די לעצטע. ס׳ווערט סטימולירט דאָס פאַרשפּרייטן פון ביכער, אין יידיש און ענגליש, פון יידישע און אַנדערע שרייבערס. די געזעלשאַפט גלייבט, אַז די צוקונפט פון יידישן פאָלק ליגט אין איינפלאַנצן אין דער יידישער יוגנט יידישע קולטור־ווערטן אין יידיש און אין ענגליש. ס׳ווערט דערפאַר מער געזאָרגט פאַר אַ קולטורעלער טעטיקייט, ווי לעקציעס, קאָנצערטן און דיסקוסיעס.

די געזעלשאַפט באַטייליקט זיך אין פאַרשיידענע אַקציעס און דיסקוסיעס, וואָס זענען נוגע, ראשית־כל — דעם יידישן פאָלק, און שנית — דעם אַמעריקאַנער פאָלק. אַזוי, למשל, האָט זי, צוזאַמען מיט די אַנדערע געזעלשאַפטן פון דעם מין, מיט וועלכע זי קאָאָפּערירט, גענומען שטעלונג און געלאָזט הערן איר קול קעגן דער האַקנקרייץ־מגיפה, וואָס איז אויסגעבראָכן אין דייטשלאַנד אין דעצעמבער 1959. ס׳זענען גערופן געוואָרן צו קאָאָפּעראַציע אַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס קעגן דער רענאַציפיקאַציע פון מערב־דייטשלאַנד און קעגן דער פאַרשפּרייטונג פון אַנטיסעמיטיזם.

דער ערשטער „ביאַלער הילפס־קאָמיטעט" איז געשאַפן געוואָרן ביים אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, און האָט עקסיסטירט אָן איבעררייס עטלעכע יאָר. געגרינדעט דעם הילפס־קאָמיטעט האָבן דער „ביאַלער ברענטש" און די „ביאַלער סאסייטי". דער הילפס־קאָמיטעט פלעגט, פון צייט צו צייט, אַריינשיקן קיין ביאַלע געוויסע געלט־סומעס לטובת דעם יידישן שפּיטאָל און צום צעטיילן צווישן דער נויטבאַדערפטיקער באַפעלקערונג.

מיטן אָרגאַניזירן אויפסניי אין יאָר 1937 דעם „ביאַלער צענטראַל־פאַראייניקטן הילפס־קאָמיטעט", איז באַנייט געוואָרן די סיסטעמאַטישע הילפס־טעטיקייט פאַר אונדזער געבוירן־שטאָט ביאַלע. דער הילפס־קאָמיטעט האָט כסדר געשטיצט דעם יידישן שפּיטאָל, בית־לחם, מושב־זקנים, „טאָז" און „קולטור־ליגע". דער קאָמיטעט פלעגט אויך באַזאָרגן אויף יעדן ערב פּסח עטלעכע הונדערט דאָלאַר אויף מעות חיטין.

נאָכן חורבן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט דער „ביאַלער צענטראַל־פאַראייניקטער הילפס־קאָמיטעט" זיך גענומען צו דער טעטיקייט מיט מער שווונג, און דערגרייכט צו די ביאַלער אומעטום, ווו נאָר ס׳איז נויטיק געווען און פון וואַנען נאָר דער קאָמיטעט האָט באַקומען אַ ווענדונג וועגן הילף.

מיר וועלן דאָ ציטירן נאָר עטלעכע ציפערן פון דער הילפס־אַקציע, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן דורכן הילפס־קאָמיטעט אין די דריי יאָר, פון 1948 ביז 1951.

קיין ישראל זענען געשיקט געוואָרן בערך 700 שפּייז־פּאַקעטן.

אין פּאַריז איז געהאָלפן געוואָרן גרינדן אַ ליי־און שפּאָר־קאַסע פאַר די פרישע עמיגראַנטן פון אונדזערע לאַנדסלייט, און דורך „אָרט" זענען אַהין געשיקט געוואָרן 10 ניי־מאַשינען.

קיין פּוילן און קיין דייטשלאַנד זענען געשיקט געוואָרן צו די לאַנדסלייט מעדיקאַמענטן, לויט די צוגעשיקטע רעצעפּטן. ס׳איז געגעבן געוואָרן פינאַנציעלע הילף צו די לאַנדסלייט אין די לאַגערן, אין דייטשלאַנד, וואָס האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט אויסצוואַנדערן פון דאָרט, און האָבן נישט געהאַט דערצו די נויטיקע געלט־מיטלען.

ס׳איז געגעבן געוואָרן די ערשטע אונטערשטיצונג צו לאַנדסלייט, וואָס זענען געקומען קיין אַמעריקע.

ס׳איז בייגעשטייערט געוואָרן צו די קאַמפּיינען פון „הסתדרות", „פאַראייניקטן יידישן אַפּיל" און אַנדערע יידישע הילפס־אָרגאַניזאַציעס.

אַרום און אַרום זענען אויסגעגעבן געוואָרן אין אָט די דריי יאָר בערך 13 טויזנט דאָלאַר.

דער „ביאַלער צענטראַל־פאַראייניקטער הילפס־קאָמיטעט" האָט אַקצעפּטירט די פּראָפּאָזיציע פון די לאַנדסלייט אין ישראל וועגן פאַראייביקן דעם אָנדענק פון אונדזער חרוב געוואָרענער געבוירן־שטאָט ביאַלע, דורך אויפשטעלן אין ישראל אַ גמילות חסד־קאַסע, וואָס איר אויפגאַבע זאָל זיין צו העלפן, אויך אַ קאָנסטרוקטיוון אופן די ביאַלער לאַנדסלייט אין ישראל, בעיקר די נייע עולים. ווי נאָר די קאַסע איז געשאַפן געוואָרן, האָט דער הילפס־קאָמיטעט אַריינגעשיקט אַ באַדייטנדיקע סומע, און ער באַמיט זיך, אַז אויך להבא זאָל די קאַסע באַקומען אַ צופלוס פון געלט־מיטלען, וואָס זאָל איר דערמעגלעכן צו דערפילן די נויטן פון די ביאַלער לאַנדסלייט אין ישראל.

דאָס געלט פאַר די הילפס־צוועקן ווערט געשאַפן אויף פאַרשיידענע וועגן, ווי:ביישטייערונגען פון די לאַנדסלייט און פון פאַרשיידענע אונטערנעמונגען, וואָס ווערן איינגעאָרדנט דורכן קאָמיטעט.

דער הילפס־קאָמיטעט איז אין קאָנטאַקט מיט די לאַנדסלייט מחוץ ניו־יאָרק, ווי: טשיקאַגאָ, דעטרויט, קליוולאַנד, פילאַדעלפיא, לאָס־אַנדזשעלעס און אַפילו מאָנטרעאל (קאַנאַדע).

די ביאַלער לאַנדסלייט אין אַמעריקע האָבן אַ גרונט שטאָלץ צו זיין מיט זייער הילפס־טעטיקייט, מיט וועלכער זיי גייען אָן שוין באַלד אַ האַלבן יאָרהונדערט.

היינט צו טאָג פירן אָן מיטן „ביאַלער צענטראַל־פאַראייניקטן הילפס־קאָמיטעט" אין ניו־יאָרק: פּאָרזיצער — סעם זיידמאַן; וויצע־פּאָרזיצערס — דזשעק גאלד, מאריס סינגער, עליע מאַרקס, גיטל סטערן; פינאַנץ־סעקרעטאַר — אברהם לערנער; פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר — יונה שטיינמאַן; קאַסירער — דזשעק גאלד; פאַרוואַלטונגס־קאָמיטעט: מאטל ראזנצווייג, חיים בראדאטש, שרה אדלער, יעקב ראזנבוים, חיים וויינגלעס, פיליפּ גאלד, איידא טשאַרני, וויליאם שוסטער, מאריס וואלעצקי, נחמן גליקסבערג.

.1960

באַאַרבעט אויפן סמך פון די דרוק־אויסגאַבעס, וואָס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך די לאַנדסלייט אין ניו־יאָרק און צוגעשיקטן מאַטעריאַל פון: חיים וויינגלעס, סעם זיידמאַן, יאנקל ראזען, שרה אדלער א"אַ.

ב. לאָס־אַנדזשעלעס

ווי ס׳רוב יידישע עמיגראַנטן, וואָס זענען אָנגעקומען קיין צפון־אַמעריקע, אַזוי האָבן אויך די אָנגעקומענע ביאַלער זיך באַזעצט אין מזרח־טייל פון די פאַראייניקטע־שטאַטן. אין די קריזיס־יאָרן אין אַמעריקע, פון 1929, הייבט זיך אָן אַן איבערוואַנדערונג פון בזרח צו מערב. באַזונדערס קומט צום אויסדרוק די איבערוואַנדערונג אין די ערשטע יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. אין דעם זין איז די יידישע באַפעלקערונג נישט געבליבן הינטערשטעליק. מאַסן יידן זענען אָנגעקומען קיין לאָס־אַנדזשעלעס און ביי היינטיקן טאָג עקסיסטירט שוין דאָרט אַ שיינע יידישע קהילה, וואָס פירט אָן אַ שטאַרקע קולטורעלע טעטיקייט.

אויך געוויסע ביאַלער האָבן אַריבערגעוואַנדערט קיין לאָס־אנדזשעלעס. צופעליק האָב איך זיך אָנגעטראָפן מיט נאכקע פעלדמאַן, וואָס האָט מיר אויסגערעכנט וויפל ביאַלער ס׳געפינען זיך אין לאָס־אנדזשעלעס, און ער האָט פאָרגעשלאָגן צו אָרגאַניזירן אַ ביאַלער לאַנדסמאַנשאַפט.

זיצנדיק אַמאָל ביי מיין שוועסטער, איז געקומען צו גאַסט מאַקס בורגמאַן מיט זיין פריינד, וועלכן מ׳האָט פאַר מיר פאָרגעשטעלט ווי יאָסל זייד. זיין שטימע האָב איך גלייך דערקאָנט, ווייל יאָסעלע זייד איז געווען אַ משורר ביים ביאַלער חזן אין שול. אין מיינע יאָרן איז ער געווען דער ליבלינג פון חזן און פון גאַנץ ביאַלע. אויך בעת דער באַגעגעניש האָבן מיר גענומען רעדן וועגן גרינדן אַ לאַנדסמאַנשאַפט. צוליב געוויסן שטערונגען אָבער, און צוליב דעם, וואָס אַ סך ביאַלער זענען טעטיק אין פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס, איז דערפון גאָרנישט אַרויסגעקומען.

ס׳האָט זיך אונטערגערוקט דער סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. סוף 1945 האָבן גענומען אָנקומען די שרעקלעכע ידיעות פון אייראָפּע. פון קרובים האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז אין געוויסע לאַגערן אין דייטשלאַנד געפינען זיך ביאַלער, וואָס נייטיקן זיך אין הילף. מיר האָבן ווידער אָנגעהויבן רעדן וועגן אַ לאַנדסמאַנשאַפט. צופעליק איז דעמאָלט צו אונדז אַראָפּגעקומען אויף אַ באַזוך פון ניו־יאָרק דער לאַנדסמאַן, אהרן גאָלד ע״ה, אַ מענטש אַן אידעאַליסט, וואָס האָט זיך מקריב געווען פאַר מענטשן און פאַרגעסן זיינע פּערזענלעכע ענינים, אַ יוניאָן־טוער מיט אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן. ס׳איז געווען אַ זכיה פאַר אונדז ביאַלער צו האָבן אַזעלכן אין אונדזערע רייען. ער האָט דאָס אָנגעהויבן אָרגאַניזירן די ביאַלער אין לאָס־אנדזשעלעס.

דער ערשטער מיטינג איז פאָרגעקומען אין מאַי 1947, אין הויז פון מאשע און סעם ווירשופּ. ווי אַ פּרעזידענט איז אויסגעקליבן געוואָרן נאכקע פעלדמאַן. פאַר סעקרעטאַרין האָבן מיר אויסגעוויילט אינע וואלף; הגם אַ געבוירענע אַמעריקאַנערין, אָבער ווי אַ געוועזענע סעקרעטאַרין ביי דער לאַנדסמאַנשאַפט אין טשיקאַגאָ, האָט זי זיך זייער אויסגעצייכנט אין דער אַרבעט. איך בין אויסגעוויילט געוואָרן אָנצופירן מיט דער הילפס־טעטיקייט.

מיר זענען צוגעטראָטן צו אונדזער אַרבעט, און ראשית־כל אָנגעהויבן אַ קאָרעספּאָנדענץ מיטן ביאַלער קאָמיטעט אין לאַגער לאנדסבערג (דייטשלאַנד). מיר האָבן אויסגעפונען אין אַמעריקע קרובים פון די לאַנדסלייט אין דייטשלאַנד און געהאָלפן זיי אָנבינדן אַ קאָנטאַקט.

אַזוי ווי די צאָל ביאַלער אין לאָס־אנדזשעלעס איז אַ קליינע, האָבן מיר צוגעצויגן צו דער אַרבעט פריינד, און גערופן אונדזער אָרגאַניזאַציע „ביאַלער און אומגעגנט הילפס־פאַראיין".

אונדזער ערשטן באַנקעט האָבן מיר איינגעאָרדנט אין יאָר 1948 אין „אד פעלאס טעמפל". ס׳זענען געקומען לאַנדסלייט און פריינד. מיר האָבן געהאַט אַ פינאַנציעלן דערפאָלג און פאַרשטאַרקט דעם קיום פון אונדזער לאַנדסמאַנשאַפט.

מיר האָבן זיך פאַרפליכטעט בייצושטייערן 1200 דאָלאַר פאַרן ישראל־קאַמפיין און אין די ערשטע דריי יאָר פון אונדזער עקסיסטענץ האָבן מיר צוגעטראָגן צו די געלט־קאמפיינען פון דער ביאַלער צענטראַלער הילפס־אָרגאַניזאַציע אין ניו־יאָרק, קרוב 1000 דאָלאַר.

נאָכן טויט פון אונדזער לאַנדסמאַן נאכקע פעלדמאַן, האָבן מיר אויסגעוויילט פאַר אונדזער פּרעזידענט מאקס שטיינען. מיר זענען אָנגעגאַנגען מיט אונדזער הילף פאַר די לאַנדסלייט, ווו נאָר זיי האָבן זיך אין דעם גענויטיקט. מיר האָבן געשיקט שפייז און קליידער צו יעדן איינעם, וואָס האָט זיך צו אונדז געוואָנדן, און קיינעם נישט אָפּגעזאָגט אונדזער הילף.

מיטן אָנקום קיין לאָס־אַנדזשעלעס פון יעקב קאַהאַן, האָט זיך אָנגעהויבן אַ ניי קאַפּיטל אין אונדזער טעטיקייט. מיט זיינע אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן און מיט זיין גערער־חסידישן ברען, האָט זיך יעקב אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט און באַוויזן אַוועקצושטעלן די ביאַלער לאַנדסמאַנשאַפט אין לאָס־אנדזשעלעס צווישן די שענסטע אינסטיטוציעס אין שטאָט. נאָכן פלוצעמדיקן טויט פון מאקס שטיין, איז יעקב קאַהאַן אויסגעוויילט געוואָרן דורך אונדז פאַרן פּרעזידענט פון דער ביאַלער לאַנדסמאַנשאַפט.

יעקב קאַהאַן ברענגט אַריין לעבעדיקייט אין אונדזערע מיטינגען, וואָס קומען פאָר איין מאָל אין חודש. יעדעס מאָל קומט דער מיטינג פאָר אין הויז פון אַן אַנדער לאַנדסמאַן, ווו מיר פאַרברענגען ביי געדעקטע טישן אין אַ היימיש־פריינדלעכער סביבה. ס׳אַנטוויקלט זיך אַ פריינדשאַפט צווישן די חברים, און ס׳ווערן אַפילו געשלאָסן שותפותדיקע געשעפטן.

מיר שיקן געלט פאַר דער לייקאַסע, סאָציאַלן פאָנד און סקאָלערשיפ (סטיפּענדיע)־פאָנד פון די לאַנדסלייט אין ישראל. מיר שיקן אַהין אויך הילף צו יחידים, וואָס צוליב געוויסע סיבות קאָנען זיי נישט אָנקומען צום דערמאָנטן סאָציאַלן פאָנד.

מיר באַטייליקן זיך ווי אַן אָרגאַניזאַציע אין אַ סך אונטערנעמונגען פון דעם היגן יידישן לעבן, ווי אין די פאַרשיידענע קאמפיינען, און גאָר באַזונדערס אַקטיוו זענען מיר פאַרן

„ההסתדרות"־קאַמפּיין. מיר, די קליינע גרופּע ביאַלער, זענען געוואָרן אַ שם־דבר אין לאָס־אַנדזשעלעס.

אין אָנערקענונג פון דער גרויסער אַקטיוויטעט פון אונדזער פּרעזידענט יעקב קאַהאַן, האָבן מיר איינגעאָרדנט אין מאַי 1954 לכבוד אים אַן אימפּאָזאַנטן אָוונט און אַרויסגעגעבן אַ זשורנאַל. די אונטערנעמונג, וואָס איז געקרוינט געוואָרן מיט אַ שיינעם דערפאָלג, האָט אַרויסגערופן אַן אָפּקלאַנג אין יידישן לאָס־אַנדזשעלעס. מ'האָט פּשוט באַוווּנדערט, ווי אַזוי אַזאַ קליינע גרופּע, ווי די ביאַלער, האָט באַוויזן דורכצופירן אַזאַ אינהאַלטסרייכן אָוונט.

אונדזער אַקטיוויטעט איז פאַרבנרייך און פול מיט גייסטיקן אינהאַלט. מיר פייערן יום־טובים, אין באַזונדערס איז שוין ביי אונדז אַ טראַדיציע צו פייערן חנוכה אין הויז פון דער משפּחה כהן. ס'קומט דאָרט פאָר אַ טראַדיציאָנעל חנוכה־ליכט־בענטשן, דערביי ווערט געשאַפן אַ גרעסערע סומע געלט פאַר אונדזער טעטיקייט.

אין אונדזער קולטור־טעטיקייט נעמט אַ גרויסן אָנטייל אינדזער יאָסל זייד. כמעט אַלע קולטור־פּראָגראַמען ביי אונדזערע אונטערנעמ־נגען, ווערן דורך אים צוגעגרייט. ביי אַלע מיטינגען איז יאָסל זייד דער שרייבער, לייענער און זינגער.

פרוי רעי קאַהאַן, די פרוי פון אונדזער פּרעזידענט, ווי די פינאַנץ־סעקרעטאַרין אין אונדזער לאַנדסמאַנשאַפט, איז ביז גאָר טעטיק. זי אַנאָנסירט דאָס אונדזערע מיטינגען און אַנדערע שמחות.

סעם ווירשופ איז קאַסירער זינט ס'איז געגרינדעט געוואָרן די לאַנדסמאַנשאַפט, און ער איז דאָס דער שיקער פון פּאַקעטן.

ווען מיר בליקן צוריק אויף אונדזער צען־יאָריקער טעטיקייט, מוזן מיר מודה זיין, אַז מיר האָבן ביים אָנהייב נישט געחלומט, אַז אַזאַ קליין הייפעלע מענטשן וועט אומ־שטאַנד זיין אָנצופירן אַז פאַרצווייגטע אַרבעט. מיר האָבן דעמאָלט נישט געטרוימט, אַז מיר וועלן זיך קאָנען פאַרמעסטן מיט די עלטערע און אַ סך גרעסערע לאַנדסמאַנשאַפטן אין לאָס־אַנדזשעלעס. די דאָזיקע פאַרצווייגטע אַרבעט איז צו פאַרדאַנקען דער איבערגעגעבנקייט פון פּרעזידענט, אַלע אונדזערע חברים, חברות און פריינד, וואָס האָבן אונדז גע־האָלפן און העלפן אויך ווייטער אין אונדזער אַרבעט.

1958.

דוד גאָרדאָן

יעקב אראנאוויטש בוענאָס־איירעס / אין ארגענטינע

דער ערשטער ביאַלער, וואָס האָט באַטראָטן דעם אַרגענ־טינער באָדן איז געווען משה יוסטמאַן, באַקאַנט אין ביאַלע ווי משה איידל דער וועשינס, וואָס פלעגט וואַשן וועש אין די בעלי־בתישע הייזער אין שטאָט. משה, אַ יתום, אַן אַ פאָטער, איז גאָר יונג געוואָרן אַ שוסטער, און אין די ערשטע יאָרן פון דעם יאָרהונדערט איז ער אַוועק קיין רוסלאַנד. דאָרט האָט ער געאַרבעט און פּאָליטיש רייף געוואָרן. ער איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם רעוואָלוציאָנערן שטורעם, וואָס האָט זיך אין יענע יאָרן געטראָגן איבער רוסלאַנד. ער איז צוגעשטאַנען צו דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג און געוואָרן אַן אַקטיווער טוער פאַר אָט דער אידעע. נאָך אַ פּאָר יאָר אָפּזיין אין רוסלאַנד קומט ער צוריק קיין ביאַלע, ווו ער אָרגאַניזירט די אַנאַרכיסטישע גרופּע.

די אַנאַרכיסטן זענען, ווי אַנדערע רעוואָלוציאָנערע ריכ־טונגען, שטאַרק פאַרפאָלגט געוואָרן פון דער צאַרישער מאַכט. אַ סך פון זיי זענען אַרעסטירט געוואָרן, אַנדערע האָבן עמיגרירט קיין אויסלאַנד, און צווישן זיי אויך משה יוסטמאַן.

אין יאָר 1906 קומט משה איידלס קיין בוענאָס־איירעס. ער קומט צוזאַמען מיט זיינס אַ שוועסטערקינד, אַ מיידל פון בריסק. אַזוי ווי דאָס מיידל האָט נישט געוואָלט בלייבן אין בוענאָס־איירעס, ווו ס'האָט דעמאָלט געהערשט דער פּרויען־האַנדל, האָט משה זי אָפּגעפירט צו אירער אַ שוועסטער אין דער ווייטער קאָלאָניע „קלאַראַ", אין דער פּראָווינץ ענטרער־יאָס. צוליב די קאָמוניקאַציע־שוועריקייטן אין יענע יאָרן האָט משה נישט געקאָנט באַלד צוריקקערן קיין בוענאָס־איירעס און געמוזט דאָרט בלייבן אַ געוויסע צייט.

אין דער קאָלאָניע האָט משה נישט געפונען קיין באַפרי־דיקונג און ער איז אַוועק אין שטעטל קאַפּיזשאַ. געפינענדיק זיך דאָרט אין אַ שווערן עקאָנאָמישן מצב איז ער אַריין אַר־בעטן אין אַ געשעפט. נאָך אַ קורצער צייט פאַרלאָזט משה דאָס געשעפט און קומט אָן אין אַ שוך־וואַרשטאַט, ווו צוליב זיינע פאַך־קענטענישן ווערט ער באַשטימט פאַרן אָנפירער פון וואַרשטאַט. אין יאָר 1908 האָט ער דאָרט חתונה מיט אַ טאָכ־טער פון אַ קאָלאָניסט און ער עפנט אַ שוך־געשעפט אין יענעם שטעטל. דער שווערער עקאָנאָמישער קריזיס, וואָס איז אויסגעבראָכן אין די קאָלאָניעס האָט זיך שווער אָפּגערופן אויף די געשעפטן אין די נאָענטע שטעטלעך. משה האָט ליקווי־דירט זיין געשעפט און איז אַריבערגעפאָרן אין אַ גרעסערער שטאָט, ווו ער האָט זיך ווידער גענומען צום האַנדל.

יאָרן זענען געלאָפן, משה האָט דורכגעמאַכט גוטע און שלעכטע צייטן, ווי אַ סך אַנדערע אין אַרגענטינע. אין יאָר 1942 ציט ער זיך איבער קיין בוענאָס־איירעס, ווו ער גיט זיך אָפּ מיט האַנדל, שיקנדיק פאַרשיידענע אַרטיקלען אין די פּראָווינץ־שטעט. דערווייל זענען זין און טעכטער געוואַקסן, עלטער געוואָרן, חתונה געהאַט, געבויט אייגענע היימען, און גיבן זיך אָפּ מיט מסחר. די לעצטע פּאָר יאָר איז משה שוין אַ פענסיאָנירטער און באַקומט, לויט די היגע געזעצן, אַ געוויסן חודשלעכן געהאַלט פון דער רעגירונג.

אין יאָר 1910 האָט משה אַראָפּגעבראַכט זיין יונגערן ברודער, וועלכער האָט דאָ חתונה געהאַט און זיך באַזעצט אין אַ קאָלאָניע, לעבן שטעטל באַסילבאַסאַ. אין דער קאָלאָניע געפינט ער זיך ביז היינט און פירט אַ שיין יידיש לעבן.

פון די ערשטע ביאַלער עמיגראַנטן אין אַרגענטינע איז געווען חיליש ראזנווארצל, אַ זון פון בערקע און חיה האדל פון ביאַלע. געקומען איז ער קיין אַרגענטינע אין יאָר 1909, איבערלאָזנדיק אין ביאַלע אַ פרוי מיט צוויי קינדער. די סיבה פון זיין עמיגרירן פון ביאַלע איז מיר נישט באַקאַנט און אַ ביסל אומפאַרשטענדלעך, ווייל ער האָט געהערט צו די חסידישע קרייזן, וואָס זענען אין יענע יאָרן נישט געווען וויליק צו עמיגרירן פון ביאַלע. חיליש איז דאָ געשטאָרבן. זיין זון שלמהלע, אַ קאַמאַשן־שטעפער איז, ווי אַ סך אַנדערע ביאַלער, געקומען קיין אַרגענטינע אין די צוואַנציקער יאָרן פון הייניטיקן יאָרהונדערט צוליב דעם אַנטיסעמיטישן רעזשים אין פוילן, און צוליב דער שלעכטער ווירטשאַפטלעכער לאַגע פון די יידן דאָרט. זייענדיק דאָ אַ שטיקל צייט האָט ער אַראָפּגעברענגט פון ביאַלע זיין כלה, חתונה געהאַט און זיך איינגעאָרדנט לויט די מעגלעכקייטן פון יענער צייט.

אין די ערשטע יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט פון ביאַלע אויסגעוואַנדערט קיין אַרגענטינע חיים ראזנמאַן (צונאָמען קראקוס) ער איז דאָ געשטאָרבן אין די דרייסיקער יאָרן.

עטלעכע יאָר נאָך דער באָלשעוויסטישער אינוואַזיע אין פוילן, איז קיין בוענאָס־איירעס אָנגעקומען דער סטאָליער שאַמע (שמאי) פרידמאַן. ער האָט געאַרבעט ביי זיין פאַך, צייטן זענען דעמאָלט געווען זייער שלעכטע און ער האָט ווייניק פאַרדינט. אין אַ שטיקל צייט אַרום האָט ער דאָך אַריבערגענומען אַהער זיין פרוי און די קינדער. אַלע צוזאַמען האָבן דאָ דורכגעמאַכט שווערע צייטן. די קינדער זענען אונטערגעוואָקסן, גענומען פאַרדינען און דאָס לעבן איז לייכטער געוואָרן. שפּעטער נעמען די קינדער האַנדלען און ס׳געלונגט זיי צו קומען צו אַ ביסל געלט. שאַמע האָט נאָך אַלץ געאַרבעט ביי זיין פאַך, אָבער זעלבסטשטענדיק אויף אַ קליינעם מאַסשטאַב. ס׳קומט אונטער די צווייטע וועלט־מלחמה, די קינדער פאַרלייגן אַ שיינעם וואַרשטאַט פון פרויען־וועש און באַשעפטיקן אַ צאָל אַרבעטאָרינס. שאַמע פאַרלאָזט דאָס סטאָליעריי און הייבט אָן מיטאַרבעטן אין געשעפט פון די קינדער. ס׳ווערט אַ ביסל בעסער און מ׳לעבט נישט בלויז פאַר זיך, נאָר מ׳געדענקט אויך אָן קרובים און באַקאַנטע.

אין יאָר 1925 איז געקומען קיין בוענאָס־איירעס וואלוויש שאר מיט זיין פרוי, אַן אקושערקע. זיין פרוי האָט דאָ פּראַקטיצירט אין איר פּראָפעסיע מיט גרויס דערפאָלג, און וואלוויש האָט זיך גענומען צו מסחר. אין יאָר 1947 איז פרוי שאר געשטאָרבן.

אין די יאָרן 1925/6 זענען אַהער געקומען עטלעכע ביאַלער. די מערהייט נישט פאַרהייראַטע. פאַכלייט האָבן באַקומען באַשעפטיקונג אין זייערע פאַכן און די נישט־פאַכלייט האָבן זיך גענומען צום פּעדלען (אַרומפאָרן מיט ביסלעך סחורה איבער דערפער און אַרומגיין איבער הייזער מיט סחורה). אַלע האָבן דורכגעמאַכט שווערע צייטן ביז זיי האָבן זיך צו עפּעס דערשלאָגן.

זעקס פון די געקומענע ביאַלער אין די יאָרן 1925/6 האָבן פאַרלאָזט דאָס לאַנד, לאָזנדיק זיך אומלעגאַל קיין צפון־אַמעריקע. דאָס איז געשען צוליב דער שווערער ווירטשאַפטלעכער לאַגע, וואָס האָט דעמאָלט געהערשט אין אַרגענטינע. פיר פון דער גרופּע איז געלונגען זיך צו דערשלאָגן קיין ניו־יאָרק צו זייערע קרובים. צוויי פון אָט דער גרופּע זענען פאַרהאַלטן געוואָרן אין קובא און זענען צוריקגעשיקט געוואָרן קיין אַרגענטינע.

איינער פון די צוויי צוריקגעשיקטע איז שפּעטער אַוועק קיין מאָנטעווידעא (אורוגוויי). דאָס איז אַ געוויסער בערל נוכאוויטש, וואָס איז בשעתו געווען אַ קעלנער אין אקולעס רעסטאראן אין ביאַלע. נישט זייענדיק קיין פאַכמאַן האָט דער דערמאָנטער בערל דורכגעמאַכט אין אורוגוויי שווערע צייטן. ער ברענגט אַראָפּ די פרוי מיט די קינדער, און מיט דער צייט בעסערט זיך ביי אים די לאַגע. די קינדער ווערן גרויס, לערנען און העלפן צו צו דער פרנסה. די לעצטע יאָרן איז ער אַדאַנק די קינדערס הילף רייך געוואָרן, באַזיצנדיק אַ גרויס קאָנפעקציע־געשעפט. זיין זון האָט חתונה געהאַט און צוזאַמען מיט זיין פרוי אָפּגעפאָרן, ווי חלוצים, קיין ישראל.

אין מאָנטעווידעא געפינען זיך נאָך דריי ביאַלער פאַמיליעס. איינע פון זיי איז די פאַמיליע פון לייבל פייגנבוים (זיליע סטאָליערס אַ זון).

ענדע 1928 קומט קיין אַרגענטינע די גרעסטע גרופּע ביאַלער, ביי אַ 15 פּערזאָן, כמעט אַלע נישט פאַרהייראַטע. ווידער דאָס זעלבע, יעדער זוכט אַרבעט ביי זיין פאַך. נישט־פאַכלייט טוען אַלץ וואָס ס׳לאָזט זיך, כדי, ביי דער שווערער ווירטשאַפטלעכער לאַגע, וואָס האָט געהערשט אין לאַנד, צו פאַרדינען אויפן לעבן. עטלעכע פון די פריש־געקומענע האָבן נישט געקאָנט דורכהאַלטן דעם שווערן געראַנגל פאַרן קיום און זענען צוריקגעפאָרן קיין ביאַלע.

אין יאָר 1929 איז אַ גרופּע ביאַלער געפאָרן קיין דרום־אַמעריקע, צווישן זיי איך אויך איינער — קיין אַרגענטינע, די איבעריקע זענען אויסגעשטיגן אין בראַזיל, ווו ביי הייניטיקן טאָג געפינען זיך בערך 15—20 ביאַלער פאַמיליעס.

אין יאָר 1931 איז געקומען פון ביאַלע קיין בוענאָס־איירעס דער ביאַלער משה פערל מיט זיין פאַמיליע. דאָ האָט זיך שוין דעמאָלט געפונען זיין ברודער יוסף. ס׳קומט אויך זלמן גאטליב מיט זיין פרוי (פון די פערלס). משה פערל האָט געברענגט מיט זיך פון וואַרשע מאַשינען צו פּראָדוצירן באַשטעק, אָבער ער האָט דאָ געגוג שווערע יאָרן דורכגעמאַכט ביז זיין פּראָדוקציע איז אָנערקענט און אָנגענומען געוואָרן. ביז אים פלעגט מען די זאַכן ברענגען פון אויסלאַנד.

פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ממש מיט דער לעצטער שיף, איז אָנגעקומען נחמן גליקסבערג.

די צייט איז געפלאָסן, אַלע האָבן זיך צוביסלעך אַרויפּגעאַרבעט, מ׳האָט אַראָפּגעבראַכט די פרויען מיט די קינדער, כלות, אַנדערע האָבן דאָ חתונה געהאַט, פאַמיליעס האָבן זיך פאַרגרעסערט און זיך איינגעבירגערט. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט זיך די ווירטשאַפטלעכע לאַגע אין לאַנד

פאַרבעסערט און במילא האָט זיך דאָס גינסטיק אויסגעווירקט ביי די עמיגראַנטן.

נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה זענען אַהער אָנגעקומען עטלעכע ביאַלער, ווי: איצעלע פרידמאַן, צבי יאוואר א״אַ, וואָס האָבן באַוויזן זיך איינצואָרדענען.

אין פאַרלויף פון די לעצטע 25 יאָר האָט זיך די צאָל ביאַלער אין אַרגענטינע היפש פאַרגרעסערט, כן ירבו. מ׳האָט חתונה געמאַכט קינדער, וואָס בילדן שוין אַליין זעלבסטשטענדיקע פאַמיליעס, אַזוי אַז ס׳זענען שוין פאַראַן דאָ דריי דורות ביאַלער.

לויט מיין אָפּשאַצונג זענען אין אַרגענטינע פאַראַן בערך 200 ביאַלער פאַמיליעס. די ביאַלער זענען באַשעפטיקט אין פאַרשיידענע מלאכות, אין האַנדל און אין דער אינדוסטריע, אָבער אַלץ אין קליינעם פאַרנעם, ווי: שניידעריי, מעבל־סטאָליעריי, שטריקעריי, שטעפעריי, לעדער־און מעטאַל־אויסאַרבעטונגען. די מערהייט איז זעלבסטשטענדיק און נאָר אַ קליינער פּראָצענט ביאַלער אַרבעט ביי אַנדערע. פאַראַן ביאַלער, וואָס פאַרמאָגן שיינע געשעפטן אין די צענטראַלע גאַסן פון בוענאָס־איירעס. אַ סך האָבן אייגענע וווינונגען, וואָס איז נישט פון די לייכטע זאַכן דאָ צו דערגרייכן, און כמעט אַלע ביאַלער מאַכן אַ שיין לעבן.

אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פאַרנעמען נישט די ביאַלער קיין אָנגעזעען אָרט, מיטן אויסנאַם פון די צוויי לאַנדסלייט, זלמן גאָטליב און יעקב פּאַלאַטיצקי. אינדיווידועל שטיצט יעדערער געוויסע אינסטיטוציעס, אָבער ביאַלער זענען נישט פאַרטראָטן אין די אָנגעזעענע אינסטיטוציעס, ווי: קהילה, שול, בענק, קאָאָפּעראַטיוון, „ייווא״ א״אַ.

ס׳איז כדאי צו פאַרצייכענען אַ שיינעם טאַט פון אונדזער בן־עיר זלמן גאָטליב און זיין פרוי. אין יאָר 1955 האָבן זיי געפייערט זייער זילבערנע חתונה אויף אַ פייערלעכן אופן. די גאָטליבס האָבן זיך דערביי געוואָנדן צו אַלע, דורך זייי איינגעלאַדענע, געסט מיט דער ביטע נישט צו באַשענקען זיי מיט קיין שום מתנות, נאָר אַנשטאָט דעם האָבן זיי געבעטן צו שפּענדן לטובת דעם בוי פון אַ יידישער שול. אַדאַנק זייער ווענדונג איז איינגעפלאָסן אַ קאָנטיקע סומע לטובת דעם דערמאָנטן צוועק.

עפּעס פּאָזיטיווס האָבן ביאַלער אין אַרגענטינע אויפגעטאָן אויפן פילאַנטראָפּישן געביט.

לויט מיין איניציאַטיוו זענען ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה דורכגעפירט געוואָרן עטלעכע אונטערנעמונגען מיט גרויסע מאַטעריעלע דערפאָלגן, כדי צו שטיצן דריי אלמנות.

נאָכן גרויסן חורבן פון אייראָפּעאישן יידנטום בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט זיך ספּאָנטאַן געשאַפן אַ ביאַלער קאָמיטעט, ווי דאָס איז געשען ביי אַ סך אַנדערע לאַנדסלייט אין אַרגענטינע, מיטן ציל צו העלפן אונדזערע לעבנגעבליבענע ביאַלער. בראש פון קאָמיטעט זענען צווישן אַנדערע געשטאַנען: דער שרייבער פון די שורות, זלמן גאָטליב, שאמע פרידמאַן, יעקב ווייסגלאָז, אברהם דאגאדני, נחמן גליקסבערג און בערל פישלעדער. דער קאָמיטעט האָט געשיקט קיין פּוילן עטלעכע קאַסטנס מיט גוטע, נייע קליידער און שיך. אין אַ צייט אַרום איז אויך געשיקט געוואָרן 200 דאָלאַר צום ביאַלער קאָמיטעט אין נידער־שלעזיע (פּוילן).

אַ סך פון צווייטן דור, די מערהייט מיידלעך, האָבן שוין דאָ דערוואָרבן מיטלשול־בילדונג, בעיקר אין קאָמערץ־שולן. די אבסאָלווענטן פון אָט די שולן אַרבעטן אויף פּאָסטנס אין בענק, האַנדלס־ביוראָען אאַ״וו. אַ ביאַלער האָט געענדיקט דאָ דעם שטודיום פון מעדיצין און איז אַן אָנגעזעענער דאָקטאָר. דאָס איז ד״ר יוסף ריבאַק. זיין מוטער איז די טאָכטער פון ביאַלער שוחט שמואל רובינשטיין. זיין פאָטער לייבל ריבאַק איז מיט עטלעכע יאָר צוריק געשטאָרבן. ד״ר יוסף ריבאַק איז אַהער געקומען מיט זיין מוטער ווי אַן אַכט־יעריק קינד. אין ביאַלע האָט ער געלערנט יידישע לימודים, אָבער קומענדיק קיין אַרגענטינע האָט ער אָנגעהויבן לערנען וועלטלעכע לימודים מיט גרויס התמדה, און מיט הצלחה פאַרענדיקט זיין שטודיום. ד״ר יוסף ריבאַק איז אַ נאַציאָנאַל־געשטימטער ייד און שעמט זיך נישט צו באַנוצן מיט יידיש.

אַ טייל פון דער ביאַלער יוגנט הייבט אָן ווערן אָפּגעריסן פון יידישן לעבן, און מיר האָבן שוין, צום גרויסן באַדויערן, צו פאַרצייכענען צוויי פאַלן פון געמישטע חתונות ביי ביאַלער יוגנטלעכע.

אין יאָר 1948 איז צוליבן פאַראייניקטן קאַמפּיין פאַר ישראל פאָרגעקומען אין אַרגענטינע אַ שפּאַלטונג צווישן דער יידישער באַפעלקערונג. ס׳זענען אַנטשטאַנען צוויי לאַגערן: אַ נאַציאָנאַלער און פּראָגרעסיווער, וואָס באַקעמפן זיך קעגנזייטיק.

די שפּאַלטונג האָט, פאַרשטייט זיך, נישט אויסגעמיטן די ביאַלער לאַנדסלייט. צוליב דעם קעגנזייטיקן באַקעמפן זיך און רייסערייען קאָן נישט געשאַפן ווערן דורך די ביאַלער קיין שום ממשותדיקס. דאָס איינציקע וואָס מיר, אַ גרופּע נאַציאָנאַל־געשטימטע ביאַלער, האָבן באַוויזן, לויט מיין איניציאַטיוו, אין די לעצטע יאָרן אויפצוטאָן, איז געווען דאָס אַרויסגעבן דאָס בוך פון אונדזער בן־עיר מ. י. פייגנבוים א״נ „פּאָדליאַשע אין נאַצי־קלעם״.

1956.

אין פראַנקרייך

די ערשטע ביאַלער יידן זענען געקומען קיין פּאַריז אין יאָר 1905, נאָכן דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד.

די גרויסע עמיגראַציע פון ביאַלע קיין פראַנקרייך האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1919. כמעט אַלע ביאַלער האָבן זיך באַזעצט אין פּאַריז. די פריש־געקומענע ביאַלער זענען געווען באַשעפטיקט ביי סטאָליעריי, בייטלמאַכעריי, שניידעריי, טאַפּע־צירעריי און אַ גרויסער טייל איז געוואָרן מאַרק־הענדלער.

אין יאָר 1928 האָבן זיך געפונען אין פּאַריז בערך 60 ביאַלער און זיי האָבן אָרגאַניזירט אַ פאַראיין פאַר קעגנזייטיקער הילף. בראש פון דעם פאַראיין זענען געשטאַנען: ערן־פּאָרזיצער — בערנארד ליבערמאַן, פּאָרזיצער — אבוש ליבער־מאַן, סעקרעטאַר — סימאָן לעווין, קאַסירער — משה ריכטער, געהילפס־קאַסירער — טוכמינץ, סאַניטאַר — מאַקס בלובערג, פאַרוואַלטונגס־מיטגליד — פינגערהוט, רעוויזיאָנס־קאָמיסיע: זשאַק גראַדנער און זווירמאַן.

ביז דער מלחמה, אין יאָר 1939, האָט זיך די צאָל פון די פאַראיין־מיטגלידער פאַרגרעסערט ביז הונדערט. דער פאַראיין האָט געפירט אַ קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. די לייקאַסע וואָס איז געגרינדעט געוואָרן ביים פאַראיין האָט אַ סך געהאָלפן די ביאַלער לאַנדסלייט ביים איינאָרדענען זיך אין פראַנקרייך.

פאַרשטייט זיך, אַז דער חורבן וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן פראַנצייזישן יידנטום בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט נישט אויסגעמיטן די ביאַלער לאַנדסלייט. בערך 30 ביאַלער זענען דורך די דייטשן דעפּאָרטירט געוואָרן פון פראַנקרייך און זענען נאָך דער מלחמה נישט צוריקגעקומען. אַ געוויסער טייל פון די ביאַלער האָט זיך געראַטעוועט פון אומקום בעת דער דייטשער אָקופּאַציע פון פראַנקרייך דורך אַריבערגיין די גרענעצן פון שפּאַניע און שווייץ, ווי אויך דורך אויסוואַנדערן אין דער פרייער פראַנצייזישער זאָנע אָדער קיין צפון־אַפריקע. ס'זענען געווען ביאַלער, וואָס זענען אַריינגעפאַלן אין דער דייטשער געפאַנגענשאַפט ווי פראַנצייזישע זעלנער און זענען געבליבן לעבן.

נאָך דער מלחמה האָט אַ צאָל ביאַלער איינגעוואַנדערט קיין פראַנקרייך. אַדאַנק דער מיטהילף פון די ביאַלער לאַנדסלייט אין אַמעריקע איז אַ סך ניי־געקומענע געלונגען זיך איינצואָרדענען אין פּאַריז. אַ סך פון די פריש־געקומענע קיין פּאַריז האָבן אויסגעוואַנדערט אין אַנדערע מערב־אייראָ־פּעאישע לענדער, ווי אויך קיין ישראל.

ביי היינטיקן טאָג ציילט דער ביאַלער פאַראיין בערך 120 מיטגלידער און איז איינער פון די אָנגעזעענסטע אין פּאַריז. דער פאַראיין האָט אין פּאַריז פאַראייביקט דעם אָנדענק פון דעם חרוב־געוואָרענעם ביאַלער ישוב דורך אויפ־שטעלן אַ מאָנומענט.

דער פאַראיין אָרדנט איין אָפטע פאַרזאַמלונגען, געבנדיק אַזוי אַרום אַ מעגלעכקייט די ביאַלער לאַנדסלייט זיך צונויפ־צוטרעפן אין אַ היימישער סביבה. ביים פאַראיין עקסיסטירט אַ לייקאַסע, וועלכע העלפט די נויטבאַדערפטיקע. יעדעס יאָר ווערט איינגעאָרדנט אַ יזכור־אָוונט צום אָנדענק פון די ביאַלער קדושים. דער פאַראיין מאַכט אַלע באַמיאונגען, אַז די יוגנט פון די ביאַלער לאַנדסלייט זאָלן זיך פילן געבונדן מיט דער געבוירן־שטאָט פון זייערע עלטערן.

בראש פון פאַראיין שטייט אַ פאַרוואַלטונג אין פאָלגנדיקן צוזאַמענשטעל: פּרעזידענט—שמואל קאַהאַן, וויצע־פּרעזידענטן — גדליהו קראַמאַרזש און א. טוכמינץ, קאַסירער — משה ריכטער, סעקרעטאַר — יצחק וויינגאַרטן, פאַרוואַלטונגס־מיט־גלידער: ה. הערצבערג, סימאָן לעווין, ראובן ראַזנקער, בראַ־ווערמאַן, יורבערג, דוד זעגמאַן, גליקסבערג און שטולמאַכער.

(די פּרטים זענען צוגעשיקט געוואָרן דורכן ביאַלער פאַראיין אין פּאַריז אין יאָר 1954).

נח ברעסקער מאָנטרעאַל / אין קאַנאַדע

דער יידישער ישוב אין קאַנאַדע איז, רעלאַטיוו גענומען, נאָך אַ יונגער, הגם מען ציילט איצט אָפּ זיין צוויי הונדערט־יאָריקע עקסיסטענץ. אַ ממשותדיקע עמיגראַציע פון יידן קיין קאַנאַדע האָט זיך אָנגעהויבן ערשט ביים סוף פון 19טן יאָר־הונדערט. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאַסן־עמיגראַציע, וואָס איז פאַרשטאַרקט געוואָרן, ווען ס'זענען געשלאָסן געוואָרן די טויערן פון צפון־אַמעריקע פאַרן עמיגראַציע־שטראָם. באַזונדערס האָבן געשטראָמט קיין קאַנאַדע יוגנטלעכע פון פוילן און רומעניע, וואָס האָבן נישט געזען פאַר זיך קיין צוקונפט אין זייערע געבוירן־לענדער.

אין יאָר 1920 באַטרעט דעם קאַנאַדער באָדן דער ערשטער ביאַלער. דאָס איז, יאָסל (יוסף) קלעמפּנער (שטערנפעלד), אַ זון פון באַקאַנטן ביאַלער תושב ירמיהו קעסלער. זיינע שוועריי־קייטן און איבערלעבענישן זענען די זעלבע, ווי פון אַלע עמי־גראַנטן אין יענער צייט. אין אַ קורצער צייט אַרום ברענגט ער אַריבער זיין פרוי חנה קליגער (אַ טאָכטער פון מענדל בענדל־מאַכער).

די ערשטע ביאַלער האָבן נישט פאַרגעסן זייערע פריינד אין דער אַלטער היים. יאָסל זוכט אָפּ אין מאָנטרעאַל די פאַמיל־יע ווינער, אַ פעטער פון חנה ברעסקער. דער פעטער ברענגט אַריבער זיין פלימעניצע קיין מאָנטרעאַל (חנה, אַ טאָכטער פון יצחק און גיטל ברעסקער — פון די זשאַנדאַרן). אונדזערע ערשטע ביאַלער ברענגען אַריבער זייערע שוועסטערס און ברידער.

מיטן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה ווערט די עמיגראַציע קיין קאַנאַדע פולשטענדיק אָפּגעשטעלט. ביים סוף פון דער מלחמה טרעפן מיר אין מאָנטרעאַל פאָלגנדיקע 20 משפחות:

יאָסל קלעמפּנער (4 פּערזאָן), יצחק ראָזן (פריער ראָזנקער — 6), מאַקס לאַשטשעווסקי (ברודער פון איטקע ראָזן — 5), ידידיה קלעמפּנער (ירמיהוס עלטערער זון — 6), נח ברעסקער (ברודער פון חנה ברעסקער — 4), לאהלע פרישמאַן (טאָכטער פון אהרן יחיאל מלמד — 4), חנה קאַלינא (פריער ברעסקער — 4), מאָטל קליגער (זון פון מענדל בענדלמאַכער — 2), בערל קליגער (ברודער פון מאָטל — 2), לייבל קליגער (ברודער פון מאָטל — 3), פייגע שולץ (שוועסטער פון מאָטל קליגער — 4), עליע (אליהו) בוימהאָלץ (2), זאַוול בוים־האָלץ (5), נחום גאָלדריטש (4), שרה טוראָוויטש (טאָכטער פון אהרן יחיאל מלמד — 3), חיים מיאַדעק (4), מלכה קלעמפּנער (שוועסטער פון יאָסל), פרידא ליבערמאַן (איצט אין ישראל — 2), אברהם ליבמאַן (3), און חיים בוימהאָלץ (4).

נאָך דער מלחמה זענען קיין מאָנטרעאַל אָנגעקומען די ביאַלער:

מאַקס און יהודית גרינבערג מיט אַ טאָכטער (מאַקס, אַ זון פון פייוול לעשנער, און יהודית — אַ טאָכטער פון אביק אגראָדניק — 3), יעקב גאָלדשמידט (5), אהרן ראָטנבערג (5), מאיר זשעפּא און חיהלע פּאַקמאַן (4), בערל פּאַקמאַן (2), הערשל פּאַקמאַן, יאָסל און אסתר ריכטער (יאָסל — אסתר פּערעלעס אייניקל, אסתר — טאָכטער פון מיכאלקעלע דראָזש־קאַרזש — 4), הערשל גיטלמאַן (5), י. פּוטערמאַן (משה בוקעס זון), מ. שניידערמאַן, משה און גיטל קאַראַליק (2), מ. בוכיניעק (4), ראובן לערנער (דעם מצבה־קריצערס אייניקל — 4), יהושע גערשקאָפּ (4), האדל בוכיניעק (3), מ. פּרוכטנבערג (איצט וויניפּעג), אברהם סאַלסקי (איצט ניו־יאָרק — 2).

בײַ היינטיקן טאָג ציילן מיר אין מאָנטרעאַל 36 משפחות מיט 114 נפשות, כן ירבו.

זאָלן דאָ דערמאָנט ווערן די ביאַלער, וואָס זענען פון אונדז אַוועק אין דער אייביקייט.

יאָסל ריכטער, שרה טוראָוויטש, טשאַרנע בוימהאָלץ, מאיר זשעפּא, העניע ריווע קלעמפּנער (טאָכטער פון ידידיה), הערשל לאַסקין (10 יאָריקער זון פון מאַקס לאַשטשעווסקי) און די פרוי מיט די צוויי טעכטערלעך פון חיים מיאַדעק (שרה, חנה אײדל און יפה), וואָס זענען טראַגיש אומגעקומען אויף זייער רייזע קיין ישראל (אין אַראָפּגעשאָסענעם „אל־על״־אַעראָפּלאַן אין בולגאַריע, אין יאָר 1955).

זייער אָנדענק איז מיט כבוד איינגעקריצט אין אונדזערע הערצער.

לויט אונדזער אינפאָרמאַציע עקסיסטירט בלויז אין מאָנטרעאַל אַן אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפט פון ביאַלער, ווייל דאָ געפינט זיך דער רוב פון זיי. ס׳געפינען זיך איינצלנע ביאַלער אין פאַרשיידענע שטעט פון לאַנד, אָבער ס׳איז אונדז נישט געלונגען אָנצוקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט זיי.

דער ערשטער אָנהייב צו אָרגאַניזירן אַ ביאַלער לאַנדסמאַנשאַפט איז געמאַכט געוואָרן אין מאַרץ 1935, ווען מיר האָבן דערהאַלטן אַ ווענדונג פון דער ביאַלער קהילה וועגן הילף פאַר די דאָרטיקע אינסטיטוציעס. מיר זענען זיך דעמאָלט צוזאַמענגעקומען אין הויז פון יאָסל קלעמפּנער, און ס׳איז איינשטימיק באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אַן אָרגאַניזאַציע פון ביאַלער און אומגעגנט, וואָס וווינען אין מאָנטרעאַל. ס׳איז דערוויילט געוואָרן אַ פאַרוואַלטונג פון: נח ברעסקער — פאָרזיצער, יאָסל קלעמפּנער — וויצע־פאָרזיצער, מאָטל קליגער — פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר, שמעון קאַלינא — פינאַנץ־סעקרעטאַר, יצחק ראָזן — קאַסירער, איטקע ראָזן, חנה קאַלינא, חנה קלעמפּנער, לאהלע פרישמאַן און פייגע שולץ.

ס׳זענען איינגעאָרדנט געוואָרן עטלעכע אונטערנעמונגען און די הכנסה פון זיי, צוזאַמען מיט פּערזענלעכע ביישטייערונגען — אַ גרעסערע סומע־געלט — איז איבערגעוויזן געוואָרן קיין ביאַלע צו די אינסטיטוציעס: שפּיטאָל, ביקור־חולים, ביבליאָטעק און פּאַטראָנאַט פון פּאָליטישע אַרעסטירטע.

מיט קליינע איבעררייסן עקסיסטירט די ביאַלער לאַנדסמאַנשאַפט די גאַנצע צייט. די אַרבעט איז פאַרשטאַרקט געוואָרן נאָך דער מלחמה. נאָך דעם ווי מיר האָבן דערהאַלטן גרוסן, אַז ס׳געפינען זיך ביאַלער אין לאָדזש און אין די לאַגערן פון דייטשלאַנד און איטאַליע, האָבן מיר געשאַפן אַ גרעסערע סומע געלט און געשיקט פּעקלעך עסנוואַרג און קליידער. עטלעכע פאַמיליעס האָבן מיר אַריבערגעבראַכט קיין קאַנאַדע. מיר האָבן דעמאָלט געאַרבעט געמיינזאַם מיט אונדזערע ביאַלער אין ניו־יאָרק, מיט וועמען מיר האַלטן כסדר אַן באַציאונגען. פון דעמאָלט אָן דאַטירט זיך אויך דער יאָרצייט־צוזאַמענקונפט יעדן אסרו־חג סוכות. די ביאַלער אין מאָנטרעאַל פאַרזאַמלען זיך דעמאָלט, און אויף אַ פייערלעכן אופן ווערט באַערט דער אָנדענק פון די ביאַלער קדושים, וואָס זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס.

צווישן די היגע ביאַלער זענען נישט פאַראַן קיין גרויסע גבירים. דער גרעסטער טייל איז געבליבן ווי אַרבעטערס אין זייערע פּראָפעסיעס. ס׳זענען פאַראַן עטלעכע ביאַלער אונטערנעמער אין דער קליידער, בוי־און דרוק־אינדוסטריע.

די קינדער זענען שוין מערסטנס באַשעפטיקט אין די פרייע פּראָפעסיעס, ווי: 3 מעדיצין־דאָקטוירים, 5 אינזשעניערן (אויף פאַרשיידענע געביטן), 1 לערערין א״אַ.

די ביאַלער זענען דאָ געזעלשאַפטלעך אַקטיוו. מ׳טרעפט זיי אין אַלע אָרגאַניזאַציעס און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, ווי: ציוניסטישע (פּועלי־ציון, פרויען־פּיאָנערן, פאַרבאַנד), לינקע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס (יידישער פאָלקס־אָרדן), שולן, פּרעסע אאַ״וו.

אָט די דיפערענציאַציע שטערט זיי אָבער נישט האַרמאָניש מיטצואַרבעטן אין דער לאַנדסמאַנשאַפט לטובת אונדזערע ביאַלער. דאָ, אין דער לאַנדסמאַנשאַפט ווערן פאַרגעסן אַלע פּאַרטייאישע חשבונות און מיר זענען נאָר ביאַלער.

לעצטנס איז געוויילט געוואָרן אַ נייע פאַרוואַלטונג פון דער לאַנדסמאַנשאַפט. דעם פאָרזיץ־אַמט האָט מען איבערגעגעבן דעם ערשטן ביאַלער אין מאָנטרעאַל, יאָסל קלעמפּנער. אויך עטלעכע ניי־געקומענע זענען געוויילט געוואָרן אין דער פאַרוואַלטונג, ווי: בערל פּאַקמאַן — וויצע־פאָרזיצער און יהודית גרינבערג.

די חודשלעכע פאַרזאַמלונגען טראָגן אַ משפּחה־כאַראַק־

טער. מיר פרייען זיך צוזאַמען אויף אונדזערע שמחות און דאָס זעלבע, חלילה, פאַרקערט. אין איצטיקן מאָמענט קאָנצענטרירט זיך אונדזער טעטיקייט אויף צו שאַפן פאָרמען פון הילף פאַר די ביאַלער אין ישראל.

די עקסיסטענץ פון דער לאַנדסמאַנשאַפט גיט אונדז אַ געפיל פון נאָענטקייט צו אונדזער געבוירן־שטאָט, און העלפט אונדז אָנהאַלטן די זכרונות פון אַ קאָלירפול און אַלזייטיק יידיש לעבן, וואָס האָט געברויזט אין דער שטאָט, ווו מיר האָבן פאַרבראַכט די בעסטע יאָרן פון אונדזער יוגנט — אין דער יידישער ביאַלע, וואָס איז חרוב געוואָרן, און אונדזערע טייערסטע דאָרט זענען אַזוי גרויזאַם פאַרלענדט געוואָרן.

מיר וועלן זיי אייביק געדענקען און דערמאָנען מיט יראת הכבוד.

1959.

הערשל ארלאַנסקי מעלבורן / אין אויסטראַליע

שוין אין די נײַנציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט איז אין אויסטראַליע געווען אַ ביאַלער ייד. אין דער זעלבער צייט האָט זיך אַ צווייטער ביאַלער ייד באַזעצט אין שכנותדיקן ניי־זעלאַנד. אָט די צוויי ביאַלער יידן זענען נישט געקומען אַהער דירעקט פון ביאַלע, נייערט פון לאָנדאָן, ווו זיי האָבן געוווינט. ס׳איז אָנצונעמען, אַז די צוויי ביאַלער יידן זענען באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער עמיגראַציע פון ענגלענדער קיין אויסטראַליע, און זיי זענען מיטגעשווומען מיטן ענגלישן עמיגראַציע־שטראָם צום ווייטן מזרח.

די אײַנוואַנדערונג פון ביאַלער יידן קיין אויסטראַליע האָט זיך אָנגעהויבן ערשט אין עטלעכע יאָר אַרום נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

דער ערשטער ביאַלער ייד, וואָס איז מיט אָט דער אײַנוואַנדערונג געקומען קיין אויסטראַליע, איז געווען פייוול אָוויעס (זון פון ניסקעלע מוליער), ער איז געקומען אין יאָר 1924 און וווינט עד היום אין מעלבורן.

אין עטלעכע יאָר שפּעטער זענען געקומען אַהער: יעקב פרידמאַן ע״ה, חיים יורבערג ע״ה, שמואל יורבערג ע״ה, ישעיהו בלאַנקליידער, שמחה איידלמאַן, חיים לוסטיגמאַן, אברהם סעמיאַטיצקי, הינדע שניידער, אברהם פערקלוואַלד, שמאי פרידמאַן, בערל און מיכל פייגנבוים, מאָטל פערקלוואַלד ע״ה, מלך סוקנאַוו, אשר גרינבלאַט, יעקב דאַגאַדני (צוריקגעפאָרן קיין ביאַלע). די דערמאָנטע זענען עס די ביאַלער פּיאָנערן אין אויסטראַליע.

נאָכן אַקלימאַטיזירן זיך, האָבן זיי אָנגעהויבן אַריבערברענגען זייערע משפחות און פרײַנד, און ווי ס׳איז אײַנגעאָרדנט זיך אין לאַנד. דער גרעסטער טייל האָט זיך באַזעצט אין מעלבורן, און בלויז עטלעכע פאַמיליעס אין פּערט.

אין אָנהייב דרײַסיקער יאָרן איז אויסטראַליע געווען אין קלעם פון אַ שטאַרקן עקאָנאָמישן קריזיס, און די עמיגראַציע איז לגמרי אָפּגעשטעלט געוואָרן.

ערשט אַרום 1936/7 האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַן אײַנוואַנדערונג. אַדאַנק די באַמיאונגען פון קרובים און באַקאַנטע, וואָס זענען שוין דאָ געוואָרן תושבים, אָדער דורך פּערמיטן (אײַנרייזע־דערלויבענישן) דירעקט פון דער רעגירונג, זענען ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה אַרײַנגעקומען אַהער די ביאַלער: חיים סוקנאַוו, הערשל ארלאַנסקי, יעקב און אסתר צוקערקאַנד, עטל שניידער ע״ה, יעקב און אברהם שניידער, רבקה ראַדזינער, מאַקס וורובעל, מרים, אברהם, אהרן און חיים פייגנבוים, יאָסל בירשטיין (איצט אין ישראל), רייזל בירשטיין, גיטל און ישראל בלאַנקליידער, יצחק פרידמאַן, ברײַנדל פרידמאַן ע״ה, פּסח סעמיאַטיצקי, ישעיהו ראָזנבוים און זײַן טאָכטער שרה ליבע סאַראַקי, שיינע טעפּערמאַן, אברהם כהן, די ברידער ישראל און משה דזשענשטאַל, רחל דאָרפמאַן, משה גרינבלאַט ע״ה, די ברידער: בנימין ע״ה, משה און לייבל פערקלוואַלד, אביגדור שנור, שיינדל פייגנבוים (איצט צפון־אַמעריקע), לייבל נוכאָוויטש א״אַ.

אַ טייל פון די עמיגראַנטן, פון ביידע גרופּעס, איז נישט געקומען דירעקט פון ביאַלע, נייערט פון אַנדערע עמיגראַציע־לענדער, ווי: פראַנקרײַך, בעלגיע א״אַ.

אַ טייל ביאַלער איז אַהער געקומען מיט פאַמיליעס. אַנדערע האָבן נאָך באַוויזן זיי אַריבערצוברענגען פאַרן מלחמה־אויסברוך, אָבער אַ טייל האָט שוין דאָס נישט באַוויזן.

נאָך דער מלחמה זענען געקומען: די שוועסטער ארלאַנסקי (צוויי טעכטער פון אברהם ארלאַנסקי), די ברידער לערנער, משה פּיטערמאַן, י. דאָרפמאַן, שמואל גוויאַזדאַ און פרוי, רבקה נוכאָוויטש, חיים מאַלינאַ, משה טעפּערמאַן, מינדל קאַניצקי־פייגנבוים, מאיר זינגער, בעריש אורבאַך, מאַניע און לייבל וואָרם, וועלוול ווײַנבערג, אהרן סעמיאַטיצקי, די שוועסטער ראָזנשיין, חיים האָפמאַן, רייזל קאַרנהענדלער, פּנחס וואַבניק מיט פרוי און קינדער, לייבל פינקלשטיין, רוזשקע דזשענטשאַל, אהרן בירמאַן מיט פרוי און זון א״אַ.

דער רוב פון די אויסגערעכנטע איז געקומען מיט די פאַמיליעס, און, ווי ביי די פריערדיקע אײַנוואַנדערונגען, האָבן זיך אויך איצט כמעט אַלע באַזעצט אין מעלבורן. כמעט אַלע זענען באַשעפטיקט אין קליין־האַנדל און אין קליין־אינדוסטריע, און האָבן זיך נישט שלעכט אײַנגעאָרדנט.

קורץ נאָכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין יאָר 1940, איז אין מעלבורן געשאַפן געוואָרן אַ ביאַלער לאַנדסמאַנשאַפט, וואָס האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן און פאָרבאַרייטן הילף פאַר די מלחמה־געליטענע ביאַלער יידן, זײַן אין קאָנטאַקט מיט די לאַנדסלייט אין אַנדערע לענדער, כדי אין דעם געהעריקן מאָמענט צו זײַן גרייט מיט ממשותדיקער הילף. דער מוראַדיקער רעזולטאַט פון דער מלחמה האָט אַ סוף געמאַכט צו אונדזערע פּלענער.

(טייל פּרטים — פון יאָסל בירשטיין, קבוץ גבת, ישראל).

אונדזער בן־עיר, יעקב ווירניק, אן עדות אויפן אייכמאַן־משפט אין ירושלים

(צוגאָב צום פּאָרטרעט פון יעקב ווירניק אויף זייט 352)

דעם 6טן יוני 1961 איז פאַרן געריכט אין ירושלים, ווו ס׳קומט פאָר דער משפט קעגן דייטשן מאָנסטער־רוצח אַדאָלף אַייכמאַן, דערשינען ווי אַן עדות יעקב ווירניק, וואָס איז היינט אַלט 72 יאָר און וווינט אין ראשון־לציון.

יעקב ווירניק איז געבראַכט געוואָרן אין פאַרניכטונגס־לאַגער טרעבלינקע דעם 23סטן אויגוסט 1942, בעת די גירוש־ים אין וואַרשעווער געטאָ. אַ בילד פון מאַקעט פון לאַגער טרעבלינקע, וואָס איז אויסגעפּאַרטיקט געוואָרן דורכן עדות, און געפינט זיך אין מוזיי פון קיבוץ לוחמי הגיטאות, איז אויפגעהאָנגען געוואָרן אויף דער וואַנט אין געריכט. יעקב ווירניק, וואָס איז געווען צווישן די בויערס פון טרעבלינקע, האָט, אָנווייזנדיק אויפן מאַקעט, אויפגעקלערט צו וועלכן צוועק ס׳האָט געדינט אין לאַגער יעדער אָביעקט. זיין שילדע־רונג האָט אויפגעטרייסלט די צוהערערס. ער האָט דערציילט:

די אָנגעקומענע מענטשן זענען געבליבן שטיין צווישן צוויי גרויסע באַראַקן. די מענער זענען געבליבן אין דרויסן. די פרויען האָט מען אַריינגעפירט אין אַ באַראַק, ווו מ׳האָט זיי אָפּגעשוירן די האָר. די מענטשן פלעגט מען אַריינפירן אין די גאַז־קאַמערן, פאַרשליסן די טירן, לאָזן אין גאַנג אַ מאָטאָר, וועלכער פלעגט אָנפילן מיט גאַז די קאַמערן. נאָך 40—45 מינוט זענען אַלע מענטשן דאָרט שוין דערשטיקט געווען.

יעקב ווירניק האָט געזען, ווען מ׳האָט געעפנט די טירן פון די גאַז־קאַמערן, ווי די קערפּערס פון די פאַרגאַזטע זענען געווען צונויפגעפּרעסט און צוזאַמענגעהאָפטן. ווען מ׳האָט פון דאָרט אַרויסגענומען די מתים האָט ער געזען די גאַז־קאַמערן, וואָס האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט חדרים אין דער גרויס פון 7 מטר׳ אויף 7 מטר׳, מיט עטוואָס משופּעדיקע פאָד־לאָגעס. ווען די מענטשן אינעווייניק זענען דערשטיקט געוואָרן און זענען שוין געווען טויט, האָט מען אָפּגעשווענקט די פאָד־לאָגעס מיט אַ שלאַוך, אָדער מיט עמערס וואַסער.

ס׳איז דאָרט געווען אַ באַראַק, וועלכן מ׳האָט גערופן דער „לאַזאַרעט". אַהין האָט מען געבראַכט די עלטערע מענטשן, אויסגעזעצט זיי אויף בענק און פון הינטן־אַרום האָט מען זיי דערשאָסן.

ביז סוף 1942 פלעגט מען באַגראָבן די מתים אין גרויסע גריבער. אָנהייב 1943 זענען געמאַכט געוואָרן פרוּוון צו פאַרברענען די קערפּערס, אָבער ס׳איז נישט געלונגען. דעמאָלט איז אַראָפּגעקומען אַ ס"ס־מאַן, אין דער ראַנג פון אַ „שאַר־פירער", וועלכער האָט דעמאָנסטרירט דאָס פאַרברענען די קערפּערס אויף אויסגעלייגטע אַייזערנע רעלסן. ער, דער ס"ס־מאַן, איז געשטאַנען נאָענט צום פייער און געשריען: „טאַדעל־לאָז!", טאַדעללאָז!" (אין בעסטן אָרדענונג).

דעם 2טן אויגוסט 1943 איז אין לאַגער אויסגעבראָכן אַן אויפשטאַנד. דעם עדות, וואָס איז געווען איינער פון די אָנפירערס פון דאָזיקן אויפשטאַנד, איז געלונגען צו אַנטלויפן פון טרעבלינקע.

ער איז צוריקגעקומען קיין וואַרשע און געפונען אַ באַ־העלטעניש ביי זיינעם אַ באַקאַנטן קריסט, סטעפאַן פּשיבי־שעווסקי. ווירניק האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דער פוילישער אונטערגרונט־באַוועגונג, און אָנגייענדיק פאַר אַן אַריער האָט ער באַקומען באַשעפטיקונג אין וואַרשעווער מאַגיסטראַט. זייענדיק אַ נאַכט־שומר קעגן לופט־אָנגריפן אין סטאַשיץ־פּאַלאַץ אין וואַרשע, איז ער געזעסן אין די נעכט און געצייכנט דעם פּלאַן פון טרעבלינקער פאַרניכטונגס־לאַגער. ער האָט אויך אָנגעשריבן די בראָשור „אַ יאָר אין טרעבלינקע", ווייל ער האָט דערפאַרן, אַז מ׳ווייסט גאָרנישט וועגן דעם לאַגער. די בראָשור איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין פויליש און אין ענגליש. זי איז געשיקט געוואָרן קיין צפון אַמעריקע און פּראָפ׳ גורקא האָט זי איבערגעשיקט קיין לאָנדאָן.

זוכצעטל פון נעמען און ערטער

תוכן / אינהאלט

דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבן

פּאַרטייען

דאָס קולטור־לעבן

דאָס רעליגיעזע לעבן

די חסידישע ביאַלע אין דער ליטעראַטור

סאָציאַלע אינסטיטוציעס

פּערזענלעכקייטן, געשטאַלטן און טיפּן

לעבנגעבליבענע דערציילן

ביאַלער אין דער וועלט

תיקוני טעויות

עמוד זייט		שורה		מודפס שטייט	צריך להיות דאַרף זיין
18	א	22	מלמעלה	ר׳ יצחן	ר׳ יצחק
20	א	24	„	וערוה	וערי׳
33	ב	23	„	הובלו	הובילו
42	א	17	„	אחרים	אחריהם
51	א	7	„	זלמן ל׳יי	זלמן, לוי
	ב	1	מלמטה	את הניקיון	את צרכי הניקיון
53	ב	2	„	כאלה	כאלה.
58	א	18	מלמעלה	הלל מאיר	יואל מאיר
59	א	12	„	שמאלי	השמאלי
63	א	21	מלמטה	Jews	Jewish
65	ב	18	„	שולץ	שילף
66	ב	18	מלמעלה	ועדי	ועד
68	א	11	„	עשרה דק״ג	שלושים דק״ג
72	א	1	„	אלטר	אלתר
		2	מלמטה	בביאלה	ביאלה
77	ב	5	„	מבורקה	מבודקה
78	א	5	„	האגודה	האגורה
79	א	3	מלמעלה	ד״ר מונוסוביץ׳	ד״ר מונוסוביץ׳ (ייתכן ד״ר מוניסזון)
	ב	10	„	היהודית	היהודיות
84	א	8	„	אירגון	אירגן
108	א	11	פון אויבן	בערן	ברין
112	ב	16	„	פרעלימינארער	פרעלימינאר
164	א	14	„	זי אָפגעברענט	זי איז אָפגעברענט
175	א	14	„	קאַרנבלוים	קאַרנבלום
180	א	23	„	באַרקער מלמד	באַדקער מלמד
181	ב	21	פון אונטן	ד״ר מאנאסאוויטש	ד״ר מאַנאַסאָוויטש (מעגלעך ד״ר מאנאסזאָן)
247	ב	10	„	גוצאב	צוגאַב
250	ב	5	מלמעלה	אחד־עשרה	אחת־עשרה
270	ב	6	„	כתו —	כת —
281	ב	16	מלמטה	מוקצק	מקוצק
283	ב	18	מלמעלה	מהאקטליות	מהאקטואליות
286	א	18	פון אונטן	בנחש	כנחש
309	א	10	פון אויבן	א׳ן	אין
336	א	15	„	פאַריאושע	פאַריאושטע
360	א	8	פון אונטן	טאלמאַצקע	טלאָמאַצקע
374	ב	2	פון אויבן	זי	זיי
377	א	18	מלמטה	תמר	תמד
394	א	5	פון אויבן	גביר	גבור
461	א	10	פון אונטן	ווייס־רוסלאַנד	ווייס־רוסלאַנד
469		1	„	שטדט	שטאָט
473	א	14	פון אויבן	כהן	קאַהאַן

רשימה פון בייטראַגערס צום אַרויסגעבן דעם „ספר ביאלה־פודלאסקה"

(לויטן אלף־בית)

צפון אמעריקע

ניו־יאָרק

ביאַלער בענעוואָלענט סאָסייעטי
ביאַלער־מעזריטשער ארבעטער־רינג, ברענטש 226
ביאַלער פרויען הילפס־אָרגאַניזאַציע
בראַדאַטש חיים
ביילע יעקב
גאָלד יעקב
גאָלדשטיין א.
וואָלעצקי מ.
וויינגלעס ח.
זיידמאַן ס.
זיידמאַן ב.
טייטלבוים ר.
טענענבוים מ.
יוכט משה
לערנער א.
ליליענטאַל מ.
ליפּיעץ ירוחם
לעבנבערג יעקב
מאַרקס ע.
נאַווים מאיר
סאַרנע ח.
טילווערמאַן ב.
סילווערמאַן ג.
סינגער א.
סינגער מ. ס.
סירקיס הערצל
עדלשטיין משה
פאָסט י.
פינגערהוט מ.
פעלזנשטיין הערשל
פאָגעל משה
קאופמאַן חנא
ראָזנער יעקב
ראָזנצווייג מ.
רייץ יצחק
שטיינמאַן יונה

לאָס אַנדזשעלעס

באַרנשטיין פרידא
ביאַלער הילפס־פאַראיין
בלום מאַלי און אשר
בעקערמאַן שרה און בן
בערגמאַן דזשעני
גאָרדאַן ליל און דוד
העקין פעני און טשאַרלס
ווייסמאַן איווא און יעקב
ווייסמאַן מאַשאַ און סעם
ווירשופ מאַשאַ און סעם
וועין ראז
זייד רעגינא
יודען בערטאַ און זימל
לאַטערמאַן שארלאט און הערי
נאָוואַמיאַסט עטל און וואָלף
נידלמאַן מיימי און איזי
סטאַטמאַן רבקה
עקסלער סאָפי און מייקל
פינקלמאַן קלאַראַ און סעם
קאָהאַן רעי און יעקב
קוויטקא אסתר און רובין
רייס אסתר
שטיין קלאַראַ
שיינבוים שרה און יוסף
שלאַכטמאַן מערי און סעם

אויסטראַליע

מעלבורן

אורבאַך בעריש
אָרלאַנסקי הערשל
גוויאַזדאַ שמואל
האָפמאַן חיים
הימלבלאַו מיכאל
וואַבניק פנחס
וואַלד (פערקלוואַלד) אברהם
וואַלד (פערקלוואַלד) לייבל
וויינבערג וועלוול
וורובעל (סוקנאָוו) מלכה
זינגער מאַקס
לערנער שלמה
סאַנדערס (אַדלערשטיין) גיטל
סיימאַן אַברהם
סיימאַן אהרן
סיימאַן פסח
סלאָנים ליבע
פייגנבוים אברהם
פייגנבוים מיכאל
פייפער (שניידער) הינדע
פרידמאַן גיטל
קאַניצקי מינדל
קאַפער (ראָזנשיין) אידאַ
קליגער (אָרלאַנסקי) ניניו
קעסלער יעקב
ראָזנבוים ישעיהו
שוסטער יעקב
שטענצאל מינדל
שניידער יעקב

פּערט

איידלמאַן שמחה

קאַנאַדע

מאָנטרעאַל

ברעסקער נח און יעטא
גרינבערג מאָטל און יהודית
הערשקאָפּ יהושע און מרים
לאַשטשעווסקי מרדכי און דינה
פאַקמאַן אהרן הערשל און אסתר
פאַקמאַן בערל און גאָלדע
פרישמאַן זעליג און לאה (וויינבערג)
קיילין שמעון און חנה
קליגער לייבל און חנה׳קע
קליגער מאָטל
קלעמפנער ידידיה און שרה
קלעמפנער מלכה
ראָזנקער יצחק און איטקע
ראָטנבערג אהרן און ראָזע
שולץ לייבל און פייגע (קליגער)
שטערנפעלד יוסף און חנה

ישראל

פּאַריז

טשיקאַגאָ

(נעמען נישט אָנגעגעבן)

Fajgenbaum

*PXV

(Biała Podlaska)

1961